STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04172

DI FERLORENE SHIF

Jules Verne

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די
פערלארענע שיף

אָדער

א רייזע ארום דער וועלט.

פון זשול ווערן.

פריי בעארבייטעט פון

א. טאַנענבוים.

HEBREW PUBLISHING COMPANY

New York.

1926

1טעם קאַפּיטעל.

דער האַי פּיש.

דעם 26טען יולי 1864 איז אויפ'ן מעער צווישען ענגלאַנד און אירלאַנד, אָדער אויפ'ן נארד קאַנאַל, געשוואומען אַ שעהנע און רייך פּערציערטע שיף. פון'ם ערשטען בליק האט מען געקענט אורטהיילען, אז דאס איז קיין פּאסאזשיר שיף, קיין קויפמענישע פראכט שיף און קיין קריעגס שיף. זיא איז געוועזן צו קליין און צו עלעגאַנט פאר אַ קריעגס שיף, צו שעהן און צו רייך פאר אַ פּאסאַזשיר שיף. אויפ'ן קליינעם זעגעלבוים פון פארנט האט געהאנגען דיא ענגלישע פאהן און אויפ'ן גרויסען זעגעלבוים אין דערמיט האט געוועהט הויך אין דער לופט אַ דרייעקיגער בלויער פלאג, אויף וועלכען עס זיינען געווען אויסגענעהט צוויי גרויסע גאָלדענע בוכשטאבען .E. G און אויף זיי דיא קרוין פון אן ענגלישען באַראָנעט.

מיר ווילען בעפריעדיגען דיא נייגיערדע פון אונזערע לעזער און זיי באלד דערצעהלען, וועד דיא שיף איז און צו וועמען זיא געהערט. דיא שיף הייסט „דונקאַן" און געהערט צו זעהר אַ רייכען לארד מיט'ן נאָמען עדוואַרד ג ל ע נ אַ ר ו ו אָ ן. דאס בעדייטען דיא צוויי בוכשטאַבען .E. G לאָרד ג ל ע נ אַ ר ו ו אָ ן איז דער רייכסטער לאָרד אין ש אָ ט ל אַ נ ד און אַ גרויסער ליעבהאבער פון רייזען אויפ'ן מעער. ער האט ניט לאנג געלאָזט אויסבויען דיעזע שיף פאר זיך אליין און האט זיא פערפוצט און פערציערט אויפ'ן רייכסטען אַרט. אזוי וויא ער האט ערשט מיט אַ מאָנאַט צוריק געהייראטהעט, האט ער מיט זיין יונגער פרוי, ליידי העלענאַ, געמאכט אַ לוסט רייזע פון עטליכע טעג אויפ'ן מעער ארום ענגלאַנד.

אויסער לארד עדוואַרד און ליידי העלענאַ זיינען אויף דער שיף געווען, זייער אן אנפערוואנדטער ריטשאַרדסאָן, אן אלטער מאַיאָר פון דער ענגלישען ארמעע, דער קאַפּיטאַן פון דער שיף, דזשאן פּאררּאגוט, אַ פעהיגער און ערפאהרענער קאַפּיטאַן, וועלכער איז שוין אויסגעפאהרען אויף אלע מעערען פון דער וועלט, און פערצעהן מאַטראָזען.

זיי זיינען יעצט געפאָהרען צוריק אַ היים און זיינען שוין געווען גאר ניט ווייט פון דער שטאָדט ג ל אַ ז ג אָ, וואו לאָרד גלענאַרוואָן האט געוואָינט.

דאס וועטער איז געווען שעהן. דער הימעל איז געווען קלאָר און בלוי. דאס מעער איז געווען רוהיג און גלאַט, וויא אַ שפּיעגעל. דיא זון האט בעגאָסען מיט איהרע וואַרעמע שטראהלען דאס שטילע, רוהיגע מעער. לאָרד גלענאַרוואָן מיט זיין יונגער פרוי זיינען געזעסען אויפ'ן דעק און האבען געקוקט אויף דיא הויכע שפּיצען פון דיא קירכען פון גלאַזגאָ, וועלכע האבען געגלענצט פון דער ווייטען. דער קאַפּיטאַן איז געשטאַנען ביים רודער, ער האט אבער ניט געדרעהט דאס רעדעל, וויל דיא שיף איז נאך געגאַנגען איהר וועג לאנגזאם, אָבער זיכער. פּלוצלונג האט דער מאַטראָז, וואס איז געשטאַנען אויף דער וואַך, אויסגערופען:

— א פיש, א גרויסער פיש! הינטער דער שיף שפּיעלט זיך אין וואַסער א גאַנץ גרויסער פיש!

דער קאַפּיטאַן האָט אָוועקגעוואָרפען דעם רודער, לאָרד גלענאַרוואָן האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין שיפס־שטוהל און ביידע זיינען געגאַנגען זעהן, וואָס פאַר א פיש דאָרט איז. איינינע מינוט האָבען זיי ביידע געקוקט אויפ׳ן מעער און בעטראַכטעט, וויא א גאַנץ גרויסער פיש האָט זיך געשפּיעלט און איז געשפּרונגען גאָר ניט ווייט פון׳ם שיף.

— וואָס פאַר א סאָרט פיש זאָל דאָס זיין? האָט לאָרד גלענאַרוואָן געפרעגט דעם קאַפּיטאַן.

— איך מיין, אַז דאָס איז א האַי־פיש, האָט דער קאַפּיטאַן געענטפערט, און דערצו נאָך א גאַנץ גרויסער.

— א האַי־פיש? — האָט זיך געוואונדערט לאָרד גלענאַרוואָן — וויא קומט א האַי־פיש אין דיעזע געגענדען? זאָ פיעל איך ווייס, האַלטען זיך דיא האַי־פיש אויף נור אין דיא גאַנץ וואַרעמע מעערען. ארום ענגלאַנד טרעפט מען קיין מאָל ניט קיין האַי־פיש.

— דיעזער סאָרט האַי־פיש געפינט זיך אין אַלע געגענדען פון דער וועלט, האָט דער קאַפּיטאַן געענטפערט. בעטראַכט נור גוט זיין קאָפּ, וועט איהר זעהן, וואָס פאַר א קערל דאָס איז. דיעזער סאָרט הייסט: דער האַמער־פיש, ווייל זיין קאָפּ איז זעהר עהנליך צו א צוויי זייטיגען האַמער. דאָס איז איינער פון דיא געפעהרליכסטע האַי־פיש. ניט אומזיסט רופען איהם דיא מאַטראָזען: דער טיגער פון׳ם מעער. ער איז א שרעקליכער פרעסער און פערשלינגט אַלעס, וואָס ער קען נור קריעגען, איינשלינגען א מענשען, וויא ער שטעהט און געהט, איז ביי איהם אזוי לייכט, וויא ביי מיר אראָפּ־שלינגען א פלוים.

ווען אייער לאָרדשאַפט זאָל מיר ערלויבען, איך זאָל פערשאַפען ליידי העלענא א קליינעם פערגניגען, זיא זאָל זעהן, וויא אזוי מען בעט ארויף אזא גאַסט אויפ׳ן שיף, וואָלט איך באַלד געהייסען מיינע מאַטראָזען, זיי זאָלען איהם איינלאַדען קיין גלאַזגא אויף א מיטאָג.

ווען זיי זיינען אזוי געשטאַנען און גערעדט, איז ליידי העלענא און דער מאַיאָר ריטשאַרדסאָן צוגעקומען צו זיי.

— וואָס זאָגט איהר, מאַיאָר? האָט לאָרד גלענאַרוואָן געפרעגט. זאָלען מיר חאַפּען דעם האַי־פיש?

— פרעגט ליידי העלענא, האָט דער מאַיאָר געענטפערט גלייכגילטיג.

— איהר ווייסט גאָר ניט, וויא שרעקליך דיא האַי־פיש זיינען, איז דער קאַפּי־טאַן זיי אריינגעפאַלען אין דיא רייד. זיי זיינען דיא געפעהרליכסטע חיות אין מעער; זיי זיינען געפעהרליכער, וויא דער טיגער איז וואַלד און וואָס וועניגער זיי וועלען זיין, וועט אַלץ בעסער זיין. מען מוז זיי פערניכטען, וואו מען קען זיי נור קריעגען.

— לאָמיר זעהן, וויא אונזער קאַפּיטאַן וועט חאַפּען אזא ווילדע זאַך, האָט ליידי העלענא געזאָגט.

— וועל! נעהמט אייך צו דער ארבייט, האָט לאָרד גלענאַרוואָן געזאָגט.

— אלזאָ, מוז איך בעטען אייער לאָרדשאַפט און ליידי העלענאַ, איהר זאָלט ארויפגעהן אויפ'ן אויבערשטען דעק, פון דארטען וועט איהר בעסער קענען זעהן, וואָס מיר וועלען טהאן אויפ'ן אונטערשטען דעק.

קוים איז לאָרד גלענארוואָן מיט זיין פרוי אוועקגעגאנגען האט דער קאפּיטאַן געגעבען א בעפעהל זיינע מאטראָזען, זיי זאלען צובינדען א גרויסען אייזערנעם הוק צו א שטארקען שטריק. אויפ'ן הוק האבען זיי אנגעשטאָכען א האלבע זייט פלייש און האבען איהם אריינגעוואָרפען אין וואסער. דער הא־פיש האט דערזעהן אדער דערשמעקט דאס פלייש און האט אָנגעהויבען נאך צו שווימען דער שיף. מען האט געהערט דייטליך, וויא ער האט געקלאפּט מיט דיא צעהנער פאר פערגניגען, וואס ער וועט באלד האבען א גוטען מיטאָג. ווען ער איז צוגעקומען נאהענט צום פלייש, האט ער אויפגעהויבען זיין שרעקליכען קאָפּ פון וואסער און האט זיך א וואָרף געטהאן אויף זיין רויב, וויא אן עכטער טיגער. מען האט געזעהן, וויא זיינע גרויסע אויגען האבען געברענט, וויא צוויי פלאמען. אין א סעקונדע איז דאס שטיק פלייש מיט'ן שארפען אייזערנעם הוק פערשוואונדען געוואָרען אין זיין גרויסען מויל פול מיט שארפע, שפּיצינע צעהנער.

דיא פּאסאזשירען און דיא מאטראָזען האבען בעאָבאכטעט אלע זיינע בעוועגונגען מיט בעזאנדערער אינטערעסע. ליידי העלענאַ האט געקלאפּט דאס הערץ, ווען זיא האט געזעהן, מיט וואס פאר א ווילדקייט דער הא־פיש האט זיך ארויפגעוואָרפען און האט פערשלונגען דאס שטיק פלייש. וויא עס האט אויסגעוויזען, איז איהם דער מיטאָג ניט וואויל בעקומען, וויייל אין אפּאָר מינוטען ארום האט ער אנגעהויבען אזוי שטארק צו ציעהען און צו רייסען דעם שטריק, אז דיא גאנצע שיף האט אנגעהויבען צו ציטערן און צו קראכען. קאפּיטאן פאַרראַגוט אבער איז געווען אן ערפאהרענער מאטראָז. ער האט שוין ניט איין מאל געטוידטעט הא־פיש און האט געוואוסט, וויא אזוי זיי צו פאנגען. ער האט באלד געהייסען מאכען פון נאך א שטריק א גרויסען שלייף און האט איהם פערווארפען אויפ'ן קערפּער פון'ם הא־פיש.

יעצט האבען דיא מאטראָזען אנגעהויבען ארויפצושלעפּען דעם הא־פיש אויפ'ן דעק. דאס איז געווען קיין לייכטע ארבייט. דער הא־פיש האט זיך שרעקליך געוואָרפען און האט יעדעס מאל געגעבען א זעץ מיט זיין ברייטען, שטארקען עק אין דיא זייטען פון דער שיף, אז מען האט געקענט מיינען: אט, אט צוברעכט ער דיא שיף אדער וועניגסטענס ער וועט אויסברעכען א פאר ברעטער פון איהר. עס האט איהם אבער גאנץ וועניג געהאָלפען זיין שלאגען זיך און זיין ווארפען זיך. אלע פיערצעהן מאטראָזען מיט'ן קאפּיטאן האבען צוגעלעגט דיא הענד און אין איינינע מינוטען איז דער נייער גאסט געלעגען אויסגעצויגען אויפ'ן דעק.

דיא ערשטע זאך וואס מען האט יעצט געהאט צו טהאן, איז געווען איהם אָפּשניידען דעם עק. דער הא־פיש האט אזא קראפט אין זיין עק, אז מיט איין קלאפּ קען ער טויטען דעם שטארקסטען מענשען. באלד האט א מאטראָז ארויסגעבראכט א האק מיט א גאנץ לאנגער האנד און איז צוגעגאנגען צום הא־פיש זעהר פאָרזיכטיג. ער האט אפּגעהיט דיא מינוט, ווען דער פיש האט זיך אָפּגערוהט אין האט אראָפּ

גלאָזט דיא שווערע האק מיט אַלע זיינע קרעפטען אויפ'ן עק פון'ם פיש. דער עק איז אפגעשפרונגען. א שטראָם בלוט האט געפארבט רויט דעם גאַנצען דעק פון'ם שיף. יעצט האט מען שוין פאר איהם ניט וואס מורא צו האבען. לאָרד גלענארוואַן און ליידי העלענא האבען ערשט יעצט פערשטאַנען, פארוואס דער קאפיטאַן האט זיי געבעטען, זיי זאלען ארויפגעהן אויפ'ן אויבערשטען דעק. פאנגען א האי־פיש איז ניט קיין שפּיעלעכעל. ביז וואַנען מען האקט איהם ניט אָפּ דעם עק, איז ער נאך אַלץ געפעהרליך. עס זיינען שוין פארגעקומען פעלע, ווען מען האט געחאפּט א האי־פיש און מען האט איהם גע־לאָזען זיך ווארפען, וויפיעל ער האט אליין געוואָלט, ביז ער האט אויפגעהערט זיך צו ווארפען און איז געבליעבען ליעגען גאַנץ רוהיג. אלע האבען גענלויבט, אז ער איז טויט. א פיש קען דאך ניט לעבען לאנג אהן וואַסער. ווען מען איז אבער צוגעקומען צו איהם, האט ער פּלוצלונג זיך אנגעהויבען צו ווארפען און צו שלאגען מיט'ן עק אזוי שטארק, אז ער האט געטייטעט איינינע מאַטראָזען.

קאפּיטאַן פאררא‍גוט איז געווען העכסט פערגניגט, וואס עס איז איהם געראטהען צו טויטען א האי־פיש. ער האט יעצט געהייסען דיא מאַטראזען, זיי זאלען איהם אויפשניידען דעם בויך. אזוי טהוען אלע מאַטראזען, ווען זיי פאַנגען א האי־פיש. עס איז בעקאַנט, אז דער האי־פיש האט פיינט איבערצוקלויבען, ער פערשלינגט אלעס, וואס ער קען נור קריעגען. מען געפינט א מאל ביי איהם אין בויך זאנדערבארע זאכען: שטיינער, טעפּ, שיעסלען, זאגאר טאַשען־אוהרען. ער האט ליעב נאכצושווימען א שיף און וואס עס פאלט נור אראָפּ פון דער שיף, פערשלינגט ער באלד.

ליידי העלענא האט ניט געוואָלט שטעהן דערביי, וויא מען וועט עפענען דעם האי־פיש. עס איז איהר געווען זעהר אונאנגענעהם צו זעהן, וויא דער גאנצער אונטערשטער דעק איז געווען אויסגעשמירט מיט'ן בלוט פון'ם האי־פיש. זיא איז דאהער אוועקגעגאַנגען צו זיך אין קאיוטע. לאָרד גלענארוואַן דאגעגען איז געווען זעהר פעראינטערעסירט אין דיזעזען זאנדערבארען פיש פאנג און האט אויפמערקזאם בעאָבאכטעט אלעס, וואס דיא מאַטראָזען האבען געטהאן מיט'ן האי־פיש. ער האט געזעהן, מיט וואס פאר א פרייד דיא מאַטראָזען האבען געשניטען שטיקער פון'ם בויך פון'ם פיש. עס איז געווען דייטליך, אז זיי האבען זיך געוואָלט נוקם זיין אן איהם פאר א בעליידיגונג, וואס ער אדער זיינע קאמעראדען, האט א מאל בעגאַנגען געגען איינעם פון זיי.

דער האי־פיש איז ווירקליך געווען זעהר גרוים. ער האט געהאלטען מעהר אלס צעהן פוס דיא לענג און האט געוואוגען אריבער זעקס הונדערט פונט. און דענאך איז ער ניט געווען איינער פון דיא גרעסטע האי־פיש. אין דיא ווארעמע מעערן טרעפט מען זעהר אָפט פיעל גרעסערע האי־פיש אלס ער.

דיא מאַטראָזען זיינען געווען זעהר אונצופריעדען, וואס זיי האבען ביי איהם אין בויך גאר ניט געפונען. דער מאגען איז געווען כמעט לעדיג. זיי האבען שוין געוואָלט איהם צוהאקען אויף שטיקער און איהם ארייננווארפען אין מעער. — לאָזען אנדערע פיש, וועלכע דיעזער רויבער האט געווים ניט איין מאל בעליידיגט, יעצט זיך אנעסען זאט מיט זיין פלייש, האט דער קאפּיטאַן געזאגט, ווען א מאַטראָז האט אנגעטאַפּט אין דיא געדערם פון'ם פיש עפּעס א הארטע זאך.

— וואס איז דאס ? האט טאָם אויגוסטין, דער ערשטער אפיציער געפרעגט.

— דאס איז געוויס א שטיק שטיין, וועלכעס דער פרעסער האט איינגעשלונג. האט איהם א מאַטראָז געענטפערט.

טאָם אויגוסטין איז מיט דיעזער אנטוואָרט ניט געווען צופריעדען. ער האט אליין אנגעהויבען צובעטאַפּען דיא זאך, וואס איז געלעגען אין דיא געדערם פון'ם פיש.

— ניין, באָיס, דאס איז ניט קיין שטיין, — האט ער אויסגערופען — דאס איז א פלאַש. וויא עס ווייסט אויס, איז אונזער גאַסט געווען א גרויסער שכור. ער פלעגט ליעב האבען אויסצוטרינקען דעם וויין מיט דער פלאַש.

— איז עס ווירקליך א פלאַש ? — האט לאָרד גלענארוואָן געפרעגט — וויא קומט צו איהם אין בויך א פלאַש ?

— ער האט זיא געוויס ניט ארויסגעגנבעט פון קעלער, האט טאָם אויגויסטין געענטפערט. איך קען דיא הערדן האַי־פיש זעהר גוט. זיי האבען ליעב אלעס, וואס זיי קענען נור קריעגען, זיי זיינען אבער זעהר פויל צו געהן אין קעלער אריין און זיך אנ־צאַפּען א פלאַש וויין.

— נעהמט ארויס דיא פלאַש פאָרזיכטיג — האט לאָרד גלענארוואן געזאגט ערנסט — איך וויים, אז ניט איין שיפס־קאפּיטאַן האט אריינגעוואָרפען אין וואסער א פערקאָרקעוועטע פלאַש מיט א בריעף איננוועניג. ווען דיא פלאַש איז גוט פערקאָר־קעוועט, פאַלט זיא ניט אראָפּ צום גרונד זיא שווימט פון אויבען און יעדער שיפסקאפּיטאַן חאַפּט אויף אזא פלאַש. ווען ער דערזעהט זיא נור.

— מיינט איהר, אז דער האַי־פיש האט פערשלונגען גראַדע אזא פלאַש ? האט דער מאַיאָר געפרעגט.

— איך מיין גאר ניט, איך זאג נור, אז עס קען זיין. עס איז זעהר מעגליך, אז א שיף איז ערגעץ צושלאָגען געווארען און דער קאַפּיטאַן האט געוואָלט מעלדען זיין אונגליק דורך דיעזע נויט פּאָסט.

דיא מאַטראָזען האבען אונטערדעסען גאַנץ פאָרזיכטיג ארויסגענומען דיא פלאַש פון דיא געדערם פון'ם האַי־פיש, האבען זיא גוט ארומגערייניגט, גוט ארומגעוואַשען און אָפּגעווישט און האבען זיא געבראַכט צו לאָרד גלענאַרוואָן.

— טראָגט זיא אריין אין דער קאַיוטע און שטעלט זיא אניעדער אויף מיין טיש, האט ער צו זיי געזאגט, דאַן האט ער זיך געווענדעט צום קאַפּיטאַן און צום מאַיאָר און האט זיי איינגעלאַדען צו זיך, זיי זאלען דארט רוהיג בעטראַכטען דיא פלאַש.

אויפ'ן מעער מוז מען זיין אויפמערקזאם אויף יעדע קלייניגקייט. דיא קלענסטע זאך, דער קלענסטער צייכען קען זיין אויפ'ן מעער פון דער גרעסטער וויכטיגקייט. וואס מען געפינט אויפ'ן וואסער, וואס מען דערזעהט שווימען, מוז מען אויפהייבען און זיך דערצו צוקוקען.

לאָרד גלענאַרוואָן, דער קאַפּיטאַן און דער מאַיאָר זיינען אריינגעגאנגען אין דער קאַיוטע, וואו ליידי העלענאַ איז געזעסען אויף א דיוואַן פארן טיש און האט געקוקט אויף דער פלאַש. זיי האבען זיך אלע ארומגעזעצט ארום טיש און לאָרד גלענאַרוואָן

האט גענומען דיא פלאַש אין דיא הענד און האט זיא אנגעהויבען צו ב טראַכטען פון אלע זייטען.

דאס איז געווען א לאנגע און שטארקע פלאַש. אויפ'ן האלז איז נאך געהאנגען א שטיקעל דראהט. עס איז געווען דייטליך, אז דאס איז א שאמפּאַניער פלאַש.

— זעהט איהר דען ניט, אז דאס איז א שאמפּאַניער פלאַש? — האט דער מאיאָר געזאגט — דיא געשיכטע ווייזט אויס צו זיין גאנץ איינפאך. דיא פּאסאזשירען ערשטער קלאסע פון א שיף האבען געטרונקען שאמפּאַניער און האבען אריינגעוואָרפען דיא פלאַש אין מעער. דער האַי־פיש איז געראדע דאמאָלס געשוואומען לעבען שיף און האט זיא אויפגעכאפּט און איינגעשלונגען. וואס האט מען דא פיעל צו טראַכטען?

— ניין, ליעבער מאיאָר, — האט לאָרד גלענאַרוואַן געזאָגט — איך גלויב ניט, אז מען האט דיא פלאַש גלאט אזוי אַוועקגעוואָרפען. ערשטענס, איז זיא גוט פערקאָרקעוועט. צווייטענס, איז זיא ארום און ארום אזוי פערשימעלט און פערוואקסען, אז זיא האט געמוזט שווימען אין וואסער א גאנץ לאנגע צייט, איידער דאס גלאָז האט אזוי נאר אין גאנצען אנגעוואָרען דעם גלאַנץ.

— וואס האט איהר דערפון, אויב זיא איז ארומגעשוואומען א לאנגע צייט אדער א קורצע צייט? האט דער מאיאָר געפרעגט — עפענט זיא בעסער אויף, וועלען מיר דאך באלד אלעס וויסען.

דער מאיאָר איז געווען אן עכטער סאָלדאט. ער האט ניט געהאט קיין געדולד לאנג צו בעטראַכטען, צו פּראָבירען און איבערצוקלערען. לאָרד גלענאַרוואַן אבער איז געווען אן איבערלעגטער מענש. ער האט ליעב געהאט אלעס צובעטראַכטען לאנגזאם און אלעס איבערצולעגען און איבערצוקלערען.

— געדולד, מיין ליעבער מאיאָר, — האט ער געזאָגט — מען מוז מיט פלעשער האבען געדולד, וויא מיר האבען געדולד מיט מענשען. לאָמיר דיא פלאַש לאנגזאם בעטראַכטען און דערנאך וועלן מיר זעהן, וואס דאס איז פאר א פלאַש.

מיט דיעזע ווערטער האט ער אָנגעהויבען צו קראַצען דאס פיסקעל פון דער פלאַש. עס איז שווער געווען צו זאָגען, אויב דיא פלאַש איז געווען פערגאָסען מיט טריעפּוואַקס, אדער ניט. אויפ'ן קארק איז געלעגען עפּעס א געדיכטע און קלעבריגע זאך. מענליך, אז דאס איז געווען טריעפּוואַקס; מעגליך, אז דאס קומט פון דיא געדערם פון'ם האַי־פיש. לאָרד גלענאַרוואַן האט גענומען זיין פעדער מעסעריל און האט לאנגזאם אפּגעשאָבען דיא קלעבריגע מאסע, וועלכע האט בעדעקט דעם קארק. ער האט דערזעהן צו זיין בעדויערן, אז דער קארק איז געווען צו לעבערט און צו פרעסען פון דיא קליינע טהיערע, וואס געפינען זיך אין מעער.

— דאס איז שאַדע! האט ער אויסגערופען. ווען אין דער פלאַש געפינען זיך ווירקליך פּאפּיערען אָדער דאָקומענטען, וועט מען זיי ניט קענען לעזען. זיי זיינען געוויס פערנעצט געוואָרען און עס וועט זיין אונמעגליך זיי צו לעזען.

— געוויס וועט זיין אונמעגליך, — האט געזאגט דער מאיאָר — עס וואָלט געוויס גלייכער געווען, אז מען זאל זיי גאר ניט לעזען. עס וואָלט נאך גלייכער געווען, אז מען

זאָל דעם שמוץ אריינוואַרפען צוריק אין וואסער און מען זאָל מאכען אן ענדע פון דער גאנצער דומער געשיכטע.

— איך מיין, אז דיא דאָקומענטען דאַרפען ניט זיין פערנעצט, — האט דער קאַפּיטאַן געזאָגט — ווען עס זאָל געווען אריין וואסער אין פלאַש, וואלט זיא אראָפּגעפאלען צום גרונד און דער האַי־פיש וואלט זיא ניט פערשלונגען. דיא האַי־פיש שווימען שטענדיג פון אויבען. זיי לאָזען זיך קיין מאָל ניט אראָפּ טיעף אין וואסער.

— עס איז דאך אָבער מעגליך, אז אין דער פלאַש איז אריין אביסעל וואסער, ווען דער האַי־פיש האט זיא געטראָפּען און האט זיא איינגעשלונגען, — האט ליידי העלענא געזאגט — דער האַי־פיש איז גראַדע געקומען אין דער רעכטער צייט און האט זיא אויפגעפאנגען, איידער זיא איז אראָפּגעפאלען צום גרונד.

— מיר וועלען באלד זעהן, וואָס דא איז, — האט לאָרד גלענאַרוואָן געזאגט — מיר וועלען באלד זעהן, אויב דער האַי־פיש איז ווירקליך געווען א פּאָסטיליאָן, וועלכער האט אזוי עהרליך און טריי אָפּגעהיט דאָס פּעקעל, וואס דאס מעער האט איהם פערטרויט.

ער האט גענומען א קאָרקענציעהער און האט לאנגזאם ארויסגעצויגען דעם קארק פון דער פלאַש. אין דער קאַיוטע האט זיך פערברייטעט א דומפּער גערוך פון מעער וואסער, וועלכעס איז געשטאנען א לענגע צייט אין א פערמאכטער כלי. ליידי העלענאַ איז געווען זעהר נייגיערי.

— נו, וואס איז אין דער פלאַש? האט זיא געפרעגט אונגעדולדיג.

— איך האב רעכט געהאט, — האט ער געזאגט — איך זעה אינוועניג פּאַפּיערען. דיא פלאַש האט א גאנצע געשיכטע. מעגליך, אז ווען דיא פלאַש זאָל קענען רעדען, וואלט זיא אונז דערצעהלט פיעלע טרויעריגע זאכען. איך בין יעצט פעסט איבערצייגט, אז אן אונגליקליכער שיפס־קאַפּיטאַן האט ארויסגעשיקט דיעזע פלאַש, זיא זאָל מעלדען דער וועלט דיא געשיכטע פון זיינע ליידען און זאָל בעטען אום הילף.

— אלזאָ, נעהם ארויס דיא פּאַפּיערען! — האט אויסגערופען ליידי העלענא — לאמיר זעהן, וואס עס איז געשריעבען אין דיעזע פּאַפּיערען. לאמיר וויסען, פון וואנען דיא פלאַש קומט.

— דאס איז דאס שלעכטע, — האט לאָרד גלענאַרוואָן געענטפערט — איך קען זיי ניט ארויסנעהמען. זיי זיינען פערנעצט און צוגעקלעבט צו דיא וועגד פון דער פלאַש; ווען איך וועל זיי אנהויבען צו שלעפּען, וועלען זיי זיך צו קריעכען און מיר וועלען פון זיי גאר ניט וויסען.

— אלזאָ, צו ברעך דיא פלאַש! האט ליידי העלענא געזאגט אונגעדולדיג.

איהר נייגיערדע איז געווען געשפּאנט אויף דער העכסטער שטופּע. זיא האט ניט געקענט איינזיצען אויפ'ן ארט. זיא האָט שוין געוואלט וויסען, וואס עס איז געשריעבען אין דיא פּאַפּיערען.

— עס איז א שאדע צו צוברעכען אזא פלאַש, וועלכע איך האב בעקומען אויף אזא זאָנדערבארער ארט, — האט לאָרד גלענאַרוואָן געזאָגט — איך זאָל קענען, וואלט איך זיא בעסער ניט צובראָכען.

— דוא זאלסט קענען? — האט ליידי העלענא געענטפערט — דוא קענסט דאך אבער ניט. איך מיין, אז דיא פאפיערען האבען א פיעל גרעסערן ווערטה, אלס דיא פלאש. — צוברעך דיא פלאש און לאמיר זעהן, וואס עס שטעהט אין דיא פאפיערען.

— איך מיין, אז עס וועט זיין גענוג, ווען מען זאל נור אפברעכען דאס העלזעל פון דער פלאש, — האט דער קאפיטאן געזאגט — מיר וועלען שוין דאן קענען ארויס־נעהמען דיא פאפיערען.

לארד גלענארוואן האט זעהר ניט געוואלט צוברעכען דיא פלאש. ער האט זיא געוואלט בעהאלטען ביי זיך אין שלאס אלס זעלטענהייט. עס האט אבער גאר ניט געהאלפען. מען האט זיא געמוזט צוברעכען. יעדער האט געוואלט וויסען, וואס עס שטעהט אין דיעזען זאנדערבארען בריעף, וועלכען דער האי־פיש האט ארומגעטראגען ביי זיך, ווער ווייס, וויא לאנג.

מען האט געבראכט א האמער און לארד גלענארוואן האט לאנגזאם און פאר־זיכטיג אנגעהויבען צו שלאגען מיט'ן האמער אויפ'ן העלזעל פון דער פלאש, ביז דאס גלאז איז צובראכען געווארען אויף שטיקלעך און איז אראפגעפאלען אויפ'ן באדען. מיט דיא שטיקלעך גלאז זיינען אויך אראפגעפאלען שטיקלעך פאפיער. מען האט זיי געמוזט צונויפקלויבען פונ'ם באדען און אויסלעגען אויפ'ן טיש. עס זיינען ווירקליך געווען בריעף.

2טעס קאפיטעל.

דיא דריי בריעף.

יעצט ערשט האבען זיי געקענט זיך צוקוקען צו דיא פאפיערען. ליידער, זיינען זיי אבער געווען אזוי פערנעצט און אזוי צוריסען, אז עס איז שווער געווען פון זיי עפּעס צו וויסען. לארד גלענארוואן און ליידי העלענא האבען זיי צונויפגעלעגט און צוזאמענ־געשטעלט, האבען זיי געהאלטען געגען ליכט, האבען זיי געדרעהט פון אלע זייטען — האבען אבער גאר ניט געקענט קלוג ווערן פון זיי. אין פיעלע ערטער איז דיא טינט אפגעשפרונגען אדער אפגעוואשען געווארען און עס איז געווען אונמעגליך אויסצוגעפינען א שורה, פון וועלכער מען זאל קענען עפּעס וויסען.

— וויא איך זעה, — האט לארד גלענארוואן ענדליך געזאגט — זיינען דא דריי בריעף. זיי זיינען געשריעבען אין דריי פערשיעדענע שפראכען. איין בריעף איז געשריע־בען אויף ענגליש, איינער אויף דייטש און איינער אויף פראנצייזיש.

— וואס שטעהט אבער אין דיעזע בריעף? האט ליידי העלענא געפרעגט טרויעריג.

— דאס קען איך דערווייל נאך ניט זאגען. אין יעדער בריעף פעהלען ווערטער געראדע אין דערמיט אדער עס זיינען געבליעבען נור האלבע ווערטער.

— מעגליך, אז דורך א י י ן בריעף וועלען מיר פערשטעהן דעם אנדערן. וואס עס פעהלט אין איין בריעף, איז דא אין אנדערן? האט דער קאפיטאן געזאגט.

— איהר האט רעכט, קאפיטאן! האט אויסגערופען ליידי העלענא מיט פרייד. עס קען דאך ניט זיין, אז פונקט דיעזעלבע ווערטער, וועלכע זיינען אפגעמעקט אין איין בריעף, זאלען זיין אפגעמעקט אין אנדערן בריעף. מיר וועלען אויפחאפען פון איין בריעף א ווארט און פונ'ם אנדערן בריעף א ווארט, ביז עס וועט אונז געלינגען איבערצולעזען דעם בריעף און זעהן, וואס דארט איז אנגעשריעבען.

— יא, מיין ליעבע העלענא, האט לאָרד גלענארוואָן געזאגט, מיר וועלען אזוי טהאן. מיר וועלען אלעס פראָבירען אום צו לעזען דיעזען בריעף. מיר וועלען אנהויבען פון׳ם ענגלישען בריעף, אזוי וויא מיר זיינען ענגלענדער און קענען אלע זעהר גוט ענגליש.

אין דעם ענגלישען בריעף זיינען געבליעבען נור דיא פאָלגענדע ווערטער.

62		*Bri*	*gow*
sink			*stra*
	aland		
skipp	*Gr*		
		that monit	*of long*
and			*ssistance*
lost			

— נו, וואס קענט איהר דערפון וויסען? האט דער מאיאָר געפרעגט. איהר זעהט דאך, אז אייער ארבייט איז אומזיסט.

— דא זיינען דא עטליכע ווערטער, וועלכע זיינען זעהר דייטליך, האט דער קאפּיטאן געענטפערט. דאס וואָרט „סינק" ווייזט אונז, אז דיא שיף איז אונטערגע־גאנגען. דאס לעצטע וואָרט „סיסטאנס" הייסט הילף, מען בעט, אז מען זאל זיי העלפען. דאס וואָרט „גר" איז געוויס דער נאמען פון׳ם קאפּיטאן. דאס וואָרט „סקיפּ" מיינט סקיפּער אדער שיפס־קאפּיטאן, וויא עס ווערט זעהר אָפט געברויכט אין ענגלאנד.

— אבער וועמען וועט איהר העלפען? האט זיך געבייזערט דער מאיאָר. איהר ווייסט דאך ניט, וואו דיא שיף איז אונטערגעגאנגען? איז דען „גר" א נאמען?

— עס איז שוין גענוג, וואס מיר ווייסען, אז א שיף איז אונטערגעגאנגען און דער קאפּיטאן בעט, אז מען זאל איהם העלפען, האט ליידי העלענא געזאגט.

— זיא האט זיך געווענדעט צו לאָרד גלענארוואָן און האט איהם געבעטען.

— לעז ווייטער, עדוארד, לעז דעם דייטשען בריעף. איך פערשטעה גוט דייטש, מעגליך, אז איך וועל עפּעס אויסגעפינען פון׳ם דייטשען בריעף.

— לאָרד גלענארוואָן האט לאנגזאם און פאָרזיכטיג צילעגט אויפ׳ן טיש דעם דייטשען בריעף. ליידער, איז דער דייטשער בריעף געוועזן נאך מעהר בעשעדיגט, וויא דער ענגלישער. עס זיינען געבליעבען אויף איהם נור איינינע ווערטער. דער גאנצער בריעף האט געהאט דאס פאָלגענדע אויסזעהן.

7 Juni	*Glas*	
	zwei	*atrosen*
	graus	
	bringt ihnen	

— נו, וואס קענט איהר וויסען פון דיעזען בריעף? האט דער מאיאָר געזאגט. דא שטעהט דאך שוין גאר ניט. דיעזען בריעף מעגט איהר דאך שוין אין גאנצען אוועקווארפען.

— איהר האט א גרויסען טעות, האט דער קאפּיטאן פאַרראגוט געזאגט. פּונקט פערקעהרט! דער דייטשער בריעף זאגט אונז זעהר פיעל. פון'ם דייטשען מיט'ן ענגלישען צוזאמען קענען מיר פיעלע זאכען וויסען.

ליידי העלענא איז געוואָרען זעהר אויפמערקזאם. זיא האט בעטראַכט ביידע בריעף נאך א מאל און האט אויסגערופען פרעהליך:

— קאפּיטאן פאַרראגוט האט רעכט. אין דעם דייטשען בריעף שטעהט דאס האלבע וואָרט „גלאז" און אין דעם ענגלישען בריעף שטעהט דאס האלבע וואָרט „גאָ", הייסט עס צוזאמען „גלאזגאָ". דאס הייסט, דיא שיף איז געפאהרען פון דער שטאדט גלאזגאָ.

לאָרד גלענארוואַן האט געקוקט מיט ליעבע אויף זיין יונגע פרוי. עס האט איהם געפרייט צו זעהן, אז זיין פרוי איז ניט נור שעהן, זיא איז אויך זעהר קלוג.

— דאס איז נאך ניט אלעס, האט דער קאפּיטאן פאַרראגוט געזאגט ביידע בריעף לערנען אונז נאך פיעלע אנדערע זאכען. אין ענגלישען בריעף שטעהן דיא ווערטער 62 און אין דייטשען שטעהן דיא ווערטער 7 יוני. אלזא הייסט עס צוזאמען: „דעם 7טען יוני 1862 איז אונטערגעגאנגען א שיף, וועלכע איז געפאהרען פון גלאזגאָ".

— בראַווא! בראַווא, קאפּיטאן פאַרראגוט! האט אויסגעשריען ליידי העלענא און איהרע אויגען האבען געפונקעלט פאר פרייד, וואס מען קען דאך עפּעס געוואָהר ווערן פון דיעזע בריעף. — ווייטער, ווייטער, קאפּיטאן!

— מיר קענען נאך ווייטער לעזען, האט דער קאפּיטאן געזאגט. ווער עס קען נור אביסעל דייטש, דער וועט לייכט פערשטעהן, אז דאס וואָרט „אטראזען" הייסט מאַטראָזען. פאַרן וואָרט „אטראזען" שטעהט דאס וואָרט „צוויי", אלזא, איז עס גאנץ דייטליך, אז דיא שיף איז אונטערגעגאנגען, נור דער קאפּיטאן און צוויי מאַטראָזען האבען זיך געראַטעוועט.

— אבער וואס האט איהר דערפון, ווען איהר ווייסט ניט, וואו דיא שיף איז אונטערגעגאנגען און וואו דער שיפסקאפּיטאן מיט זיינע מאַטראָזען האבען זיך געראַטעוועט? האט דער מאַיאָר געפרעגט. איך וועל שוין צוגעבען, אז איהר האט רעכט, אז אלעס איז ריכטיג, וויא דער קאפּיטאן האט ערקלערט, נו, וואס ווערט דערפון? דיא שיף איז אונטערגעגאנגען נאך אייער רעכנונג דעם 7טען יוני 1862, היינט האבען מיר דעם 26טען יולי 1864, איז דאך עס שוין מעהר אלס צוויי יאהר. ווער ווייס, אויב דער קאפּיטאן מיט זיינע מאַטראָזען לעבען נאך?

— מיר זאלען נור וויסען, וואו דיא שיף איז אונטערגעגאנגען, האט לאָרד גלענארוואַן געזאגט, וואָלט איך שוין געזעהן, אז מען זאל שיקען הילף דעם אונגליקליכען קאפּיטאן מיט זיינע מאַטראָזען.

— וואס וואָלסט דוא געטהאן ליעבער עדוואַרד? האט ליידי העלענא געפרעגט.

— איך וואָלט מיך געווענדעט צו דער אדמיראַליטעט, צו דער רעגיערונג. איך וואָלט געפאָדערט אין פּארלאַמענט, אז מען זאל ארויסשיקען א שיף אום זיי צו רעטען. איך בין זיכער, אז דער אונגליקליכער קאפּיטאן איז אן ענגלענדער. —

— פון וואנען זייט איהר עס אזוי זיכער ? האט דער אונגלויבינער מאיאר גע־פרעגט.

— ווייל אין דעם ענגלישען בריעף שטעהט דאס וואָרט „סקיפּער". דאס וואָרט סקיפּער אנשטאדט קאפּיטאן ווערט געברויכט נור אין ענגלאנד. א שיפסקאפּיטאן פון אנאנדער פאָלק וועט זיך קיין מאל ניט רופען סקיפּער.

— לאמיר בעסער זעהן ווייטער, האט ליידי העלענא געבעטען. לאמיר לעזען דעם דריטען בריעף, דעם פראנצויזישען.

לאָרד גלענארוואן האט צושפּרייט אויפ׳ן טיש דעם פראנצויזישען בריעף. ער איז געוועזען בעסער און דייטליכער פון דיא צוויי איבעריגע. ער איז געלעגען אין דער מיט און איז געוועזען ווייניגער בעשעדיגט. אין איהם זיינען געשטאנען פאָלגענדע ווערטער:

troi	*ats*	*tannia*
	gonie	*austral*
		abor
contin	*pr*	*cruel indi*
jete		*ongit*
et 37 11	*lat*	

— דא זעהן מיר שוין ציפערן, האט ליידי העלענא געזאגט. פון דיעזען בריעף קענען מיר שוין עפּעס וויסען. מיר קענען אלע פראנצויזיש און וועלען שוין זעהן צו דערראטהען, וואס אין דעם בריעף שטעהט.

— געוויס, ליעבע העלענא, וועלען מיר שוין דערראטהען, וואס פאר א נאכריכטען דיעזע בריעף ברענגען אונז. לאמיר יעצט אויסלעגען אלע דריי בריעף אויפ׳ן טיש און זיי גוט בעטראכטען. איך האָף, אז מיר וועלען דאך פערשטעהן, וואס אין דיא בריעף איז געשריעבען.

אלע האבען זיך צוגערוקט נעהנטער צום טיש און האבען איינינע מינוט בעטראכט דיא בריעף

— דער לעצטער בריעף איז זעהר וויכטיג, האט ענדליך לאָרד גלענארוואן גע־זאגט. אין דעם ענגלישען בריעף שטעהט דאס האלבע וואָרט „ברי", אין דעם פראנצויזישען בריעף שטעהט דאס האלבע וואָרט „טאניא", עס איז דייטליך, אז דיא שיף האט געהייסען „בריטאניא".

— איך וואָלט נאך עפּעס געזאגט, האט זיך אפּגערופען דער קאפּיטאן. דאס פראנצויזישע וואָרט austral הייסט דרום זייט. אלזא, איז דאס אונגליק געשעהן ערגעץ אין דרום זייט

— אבער וואו איז דרום זייט ? האט דער מאיאר געפרעגט. אין דרום זייט קען זיין אין זיד אמעריקא אדער אין אויסטראליען. גנה און זוד אוים אלע מעערע און אלע אינזלען, וועלכע געפינען זיך אין זידען (דרום זייט) פון דער וועלט.

— איך פערשטעה נאך עפעס, האט ליידי העלענא געזאגט. דאס פראנצויזישע וואָרט cruel הייסט שלעכט, גרויזאם, דאס אנדערע וואָרט indi קען הייסען אינדיאנער, ווילדע מענשען. דער אונגליקליכער קאפיטאן האט מורא, אז די ווילדע מענשען זאלען אויף איהם ניט אנפאלען און זאלען איהם ניט אויפפרעסען.

— ליידי העלענא האט פאָלקאָמען רעכט, האט אויסגערופען דער קאפיטאן פארראגוט. יעצט הייב איך אן צו פערשטעהן דאס דייטשע וואָרט graus דאס הייסט „גרויזאם". דיא גרויזאמע ווילדע מענשען.

— און איך פערשטעה יעצט דאס וואָרט „לאַסט" אין דעם ענגלישען בריעף, האט לאָרד גלענארוואַן געזאגט. „לאַסט" הייסט פערלאָרען. דער אונגליקליכער קאפיטאן שרייבט, אז ווען מען וועט איהם ניט שיקען קיין הילף, איז ער פערלאָרען. דיא ווילדע וועלען אויף איהם אנפאלען.

— מיר קענען נאך מעהר פערשטעהן, האט זיך ליידי העלענא אנגערופען. דאס פראנצויזישע troi הייסט דריי, דאס אנדערע וואָרט ats הייסט געוויס mats, מאסטע, זעגעלבוים. דיא שיף, וועלכע איז אונטערגעגאנגען האט געהאט דריי זעגעלבוימער. עס איז געווען א „דריי־מאסטער" — א שיף מיט דריי מאסטען.

— לאָרד גלענארוואן האט גענומען דיא האנד פון זיין פרוי און האט זיא צו־געדריקט צום הארצען.

— דוא האַסט רעכט. ליעבע העלענא, האט ער איהר געזאגט. איך קען אויך זעהר גוט פראנצויזיש און עס איז מיר ניט איינגעפאלען אין קאָפּ אזוי צו ערקלערן דיא האלב אָפּגעמעקטע פראנצויזישע ווערטער.

— איך פערשטעה ניט, וואס איז מיט אייך, האט דער מאיאָר געזאגט. וואס האט איהר דערפון, אז איהר ווייסט שוין, אז דיא שיף האט געהאט דריי מאסטען ? וואס קענט איהר דען דערפון וויסען?

— זעהר פיעל, האט לאָרד גלענארוואָן געענטפערט. מיר האבען אין ענגלאנד צייטונגען, וועלכע מעלדען יעדען טאג, וואס פאר א שיף איז אוועקגעגאנגען, וואוהין זיא איז געגאנגען, וויא גרויס זיא איז, וויפיעל זעגעלבוימער זיא האט, וואס פאר א סחורות זיא פיהרט, אדער וויפיעל פאסאזשירען עס געפינען זיך אויף איהר. און וויא דער קאפיטאן הייסט. ווען מיר ווייסען, אז דיא שיף האט געהייסען „בריטאניא", האט געהאט דריי זעגעל־בוימער און איז ארויסגעפאהרען פון גלאזגא, קענען מיר שוין געוואָהר ווערן, וויא דער קאפיטאן האט געהייסען און וואוהין ער איז געפאהרען.

— איך נעהם מיר דיא מיה צו זוכען אין דיא צייטונגען פון 1862, האט קאפיטאן פאררא גוט געזאגט. איך בין זיכער, אז איך וועל געפינען אלעס, וואס מיר דארפען וויסען וועגען דער שיף „בריטאניא". איך האב זאגאר ביי מיר אין דער קאיוּטע צייטונגען פון עטליכע יאהר איבער אלע שיפען, וואס זיינען ארויסגעפאהרען און אנגעקומען קיין ענגלאנד. עס מאכט מיר פערגניגען צו לעזען דיעזע צייטונגען, ווייל איך געפין אין זיי זעהר אָפט מיין נאמען, אלס קאפיטאן פון פערשיעדענע שיפען.

— לאמיר דאס דערווייל לאזען, האט לאָרד גלענארוואַן געזאגט. לאמיר פראָ־בירען צוזאמען שטעלען א בריעף פון אלע דריי צעטלען. לאמיר זעהן, וואס מיר ווייסען

שוין און וואס מיר דארפען נאך וויסען. — ווער וועט זיין דער שרייבער? ווילסט דוא שרייבען, ליעבע העלענא?

— מיט פערגניגען! האט ליידי העלענא געזאגט. מיך אינטערעסירט אזוי דאס שיקזאל פון דעם אונגליקליכען קאפיטאן, אז איך בין בערייט צו פאהרען קיין לאנדאן און בעטען דיא קעניגין וויקטאריא, אז זיא זאל איהם שיקען הילף.

— אלזא, שרייב, העלענא.

ליידי העלענא האט גענומען א ריין בייגעלע פאפיער און האט געשריעבען, וואס לארד גלענארוואן האט איהר געזאגט. עס איז ארויסגעקומען פאלגענדער בריעף:

„דעם 7טען יוני 1862 א שיף מיט דריי זעגעלבוימער „בריטאניא“.... גלאזגא.... אונטערגעגאנגען.... גאניע.... זיד זייט.... אויף לאנד.... צוויי מאטראזען, קאפיטאן גר.... אבאר.... גרויזאמע אינדיאנער.... פר.... ארייגעווארפען דיעזען בריעף.... דיא לענג.... 11, 37 דיא ברייט.... שיקט הילף, ווען ניט זיינען פערלארען“....

— זעהר גוט, האט געזאגט קאפיטאן פארראגוט, מיר וויסען שוין זעהר פיעל. מיט אזא דאקומענט קען מען שוין קומען אין דיא אדמיראליטעט און פאדערן, אז דיא ענגלישע רעגיערונג זאל שיקען זוכען דיא אונגליקליכע מאטראזען מיט'ן קאפיטאן.

אין דיעזע מינוט איז אריינגעקומען דער ערשטער אפיציער טאם אויגוסטין און האט געמעלדעט, אז זיי זיינען שוין געקומען קיין גלאזגא. וואס זאל ער יעצט טהאן? קאפי־טאן פארראגוט האט זיך געווענדעט צו לארד גלענארוואן.

— פיהר צו אונזער שיף צו מיין דאק, האט ער געזאגט. ליידי העלענא וועט פאהרען א היים, זיא איז געווים מיעד פון דער רייזע און וויל זיך אויסרוהען. איך וועל נאך היינט פאהרען קיין לאנדאן און וועל פארשטעלען דיעזען דאקומענט אין דער אדמיראליטעט.

טאם איז ארויסגעגאנגען און האט אנגעהויבען צו צופיהרען דיא שיף צו לארד גלענארוואנ'ס דאק. ער האט געהאט אן אייגענעם דאק, וואו זיין שיף פלעגט שטענ־דיג שטעהן.

— מיינע פריינד! האט געזאגט לארד גלענארוואן, ווען טאם אויגוסטין איז ארויסגעגאנגען. א זאנדערבארער צופאל האט אונז געבראכט אויף א שפור פון א גרויס אונגליק. דאז פיעל מיר קענען זעהן פון דיא: בריעף, וויסען מיר, אז אן ענגלישע שיף איז אונטערגעגאנגען ערגעץ אין זידען (דרום זייט) פון דער וועלט. דער קאפיטאן און מאטראזען, מיר וויסען ניט וויאפיעל, האבען זיך געראטעט. זיי זיינען אבער אין א גרויס געפאהר, דיא ווילדע מענשען זאלען אויף זיי ניט אנפאלען. זיי האבען אריינגעווארפען דיעזע פלאש און מעער מיט דריי בריעף אויף ענגליש, דייטש און פראנצייזיש, אין וועלכע זיי בעטען, אז מען זאל זיי העלפען. יעצט איז דיא איינציגע פראגע: וואו איז דיא שיף אונטערגעגאנגען? לאז יעדער פון אייך זאגען זיין מיינונג.

— איך וויים ניט, וואס צו זאגען, האט דער מאיאר געברומט. דיא וועלט איז גרויס, וואסער איז דא אויף דער וועלט מעהר, וויא לאנד. וואס קען מען דא וויסען?

— אז מען קען גאר ניט זאגען, שווייגט מען בעסער, האט לארד גלענארוואן געזאגט.

— איהר וועט פֿיעללייכט לאַכען פֿון מיר, האט ליידי העלענא געזאגט לאנגזאם און איז רויט געוואָרען, איך וויל אָבער זאָגען מיין מיינונג. מיר שיינט, אז דיא שיף איז אונטערגעגאנגען אין זיד־אַמעריקא — לעבען דאס לאנד פּ א ט אַ ג אָ נ י ע ן. איך נעהם עס דערפֿון, ווייל דאס האלבע וואָרט „גאניע" הייסט נאך מיין מיינונג: פּ א ט אַ־ ג אָ נ י ע ן.

לאָרד גלענאַרוואָן האט בעטראַכט זיין פֿרוי מיט בעוואונדערונג. קאַפּיטאַן פּאַר־ ראגוט איז אונטערגעשפּרונגען פֿאר פֿרייד.

— ליידי העלענא האט רעכט, האט ער אויסגעשריען, וויא אַ וואהנזיניגער. איך שעהם מיך, וואס איך, אַן אלטער שיפֿס־קאַפּיטאַן, וועלכער איז שוין אויסגעפֿאהרען דיא גאנצע וועלט, האט ניט געקענט דעררראטהען, אַז דאס ווארט „גאניע" הייסט פּאַטאגאניען און ליידי העלענא האט עס יאַ געטראָפֿען. איך בין גליקליך צו זיין קאַפּי־ טאַן אויף אַ שיף, אויף וועלכער עס געפֿינט זיך אַזא קלוגע און אַזא געלערנטע פּאַסאַזשירין.

— עס קען זיין, אַז ליידי העלענא האט רעכט, האט געברומט דער אלטער מאַיאָר. עס קען אָבער אויך זיין, אַז דאס ווארט „גאניע" מיינט עפּעס אַן אינזעל אויפֿ'ן מעער.

— מיר ווען עס באלד זעהן, האט לאָרד גלענאַרוואָן געזאָגט. גיט מיר נור דיא לאַנדקארטע פֿון זיד־אַמעריקא. מיר וועלען באלד זעהן דיא נעמען פֿון אלע אינזלען, וואס געפֿינען זיך דאָרט.

קאַפּיטאַן פּאררראגוט איז געלאָפֿען אין זיין קאַיוטע און האט באלד געבראַכט זיין גרויסע שיפֿס־לאַנד־קארטע פֿון זיד־אַמעריקא, וועלכע ער האט צושפּרייט אויפֿ'ן טיש. אלע האבען זיך אנגעבויגען אויף דער לאַנד־קארטע און האבען געזוכט אינזלען מיט'ן נאמען „גאָניע".

עס זיינען פֿערגאַנגען איינינע מינוט אין טיעפֿעס שווייגען. יעדער איז געוועזן פּער־ טאַן מיט זוכען אויף דער לאַנד־קאַרטע.

— איהר זוכט אומזיסט, האט ענדליך געזאגט קאַפּיטאַן פּאררראגוט. ליידי הע־ לענאַ האט רעכט. זיא האט עס געטראָפֿען. זעהט! אָט איז דאס לאַנד פּאַטאַגאָניען, דא נעהט דער 37טע פּאַראַלעל*) אין דעם בריעף שטעהט דאך דייטליך 11. 37° דיא ברייט. דאס הייסט פּאַטאַגאָניען, וועלכעס ליעגט זיעבען און דרייסיג גראַד ווייט פֿון'ם זיד פּאָל. דאָרט איז דיא שיף „בריטאַניא" אונטערגעגאנגען. אין פּאַטאַגאניען זיינען דא ווילדע מענשען. יעצט הייב איך אן צו פֿערשטעהן דאס וואָרט „פּר", וועלכעס מיר האבען אויף קיין פֿאַל ניט געקענט פֿערשטעהן. עס הייסט „פּריזאָנער", געפֿאַנגען. דער קאַפּיטאַן איז אַ געפֿאַנגענער ביי דיא ווילדע מענשען.

*) אום מען זאָל קענען גענוי בעצייכענען, וואו עס ליעגט אַ לאַנד אָדער אַ שטאָדט, האט מען איינגעטהיילט דיא ערד קוגעל אין טהיילען אדער ליניען, אין דער לענג און אין דער ברייט. דיא ליניען פֿון דער ברייט הייסען פּאַראַלעלען, דיא ליניען פֿון דער לענג הייסען מערידיאַן. יעדע ליניע האט אַ נומער. ווען איך וויל זאגען, וואו ניו־יאָרק געפֿינט זיך, זאָג איך. אַז עס געפֿינט זיך אויפֿ'ן 42טען פּאַראַלעל און 65טען מערידאַן.

— יעצט שיינט מיר, אז מיר האבען ווירקליך פערשטאנען דיא דריי בריעף, האט לאָרד גלענארוואַן געזאגט. יעצט זיינען זיי פאר אונז דייטליך און פערשטענדליך. יעצט טארען מיר ניט שווייגען. מיר וויסען פאר געוויס, אז אן ענגלישער קאפּיטאַן האט געליטען שיפּברוך. ער געפינט זיך אין דער נויט. ער בעט אום הילף. מיר מוזען איהם העלפען; מיר מוזען טהאן, וואס מיר קענען אום איהם צו העלפען, אדער וועניגסטענס צו וויסען, וואס פון איהם איז געוואָרען. בעפאר אָבער מיר וועלען זיך נעהמען צו דער ארבייט איהם צו שיקען הילף, וואָלט איך געוואָלט וויסען, וויא ער הייסט. קאפּיטאַן פארראגוט! איהר האט צוגעזאגט צו זוכען אין דיא צייטונגען, ווען דיא שיף „בריטאניא" איז ארויסגעפאָהרען פון ענגלאנד און וויא דער קאפּיטאַן האט געהייסען טהוט עס שוין. איהר האט דאך ניט פיעל צו זוכען. איהר דארפט נור איבערקוקען דיא צייטונגען פון 1862.

— ברענגט נור דיא צייטונגען, קאפּיטאַן, האט ליידי העלענא געזאגט, איך וועל אייך העלפען זוכען. אין א פיערטעל שטונדע וועלען מיר אלעס אויסגעפינען.

קאפּיטאַן פארראגוט איז באלד אוועקגעגאנגען אין זיין קאיוטע און האט געבראכט דיא צייטונגען פון 1862. ער האט זעהר ליעב געהאט ארדנונג און דיא צייטונגען זיינען געלעגען ביי איהם צונויפגעלעגט אין דער בעסטער ארדנונג, ניי, גלייך וויא ערשט אפּגעדרוקט. ליידי העלענא האט גענומען איין צייטונג, דער קאפּיטאַן האט גענומען דיא אנדערע צייטונג און זיי האבען אנגעהויבען צו זוכען פון׳ם ערשטען יאנואר 1862.

— אָט האט איהר עס! האט קאפּיטאַן פארראגוט אויסגעשריען. אט איז עס! א טעלעגראמע.

ער האט אניעדערגעלעגט דיא צייטונג אויפ׳ן טיש און לאָרד גלענארוואַן האט געלעזען אין דער הויך.

„מאי 30טען, 1862. פּערו. היינט איז ארויסגעפאהרען דער דריי מאסטער בריטאניא, קאפּיטאַן גראנט, פערמישטע סחורות, קיין גלאזגא ענגלאנד".

— קאפּיטאַן גראנט! האט וויעדערהאָלט לאָרד גלענארוואַן. דאס איז מיר א בעקאנטער נאָמען. ער איז א שאָטלענדער, דאכט מיר.

— איך דערמאָן מיך יעצט, האט פארראגוט געזאָגט. איך קען איהם. קאפּיטאַן גראנט איז איינער פון דיא בעססטע ענגלישע שיפס-קאפּיטאנע. ער האט נור אין זיך איין פעהלער: ער וויל זעהר ענטדעקען נייע לענדער. ער האט שוין אויסגעבראכט א גרויס פערמעגען אויף רייזען אין אלע מעערען פון דער וועלט. ער וויל זעהר ענטדעקען א נייע לאַנד און עס א נאמען געבען „נייעשאָטלאַנד". אך, שאדע! א רחמנות אויף קאפּיטאַן גראנט!

— מיינע פריינדע! האט לאָרד גלענארוואַן געזאָגט ערנסט. יעצט האבען מיר שוין גאר קיין צווייפעל ניט, אז קאפּיטאַן גראנט איז דעם 30טען מאי ארויסגעפאָהרען פון דער שטאָדט קאללאַא אין פּערו און דעם 7טען יוני איז זיין שיף אונטערגעגאנגען אין פּאַטאַגאָניען. דאס איז דער ריכטיגער וועג: אין אכט טאָג איז ער איינגעפאָהרען פון פּערו אין מאַגעלאַן קאנאל, לעבען פּאַטאַגאָניען. אויפ׳ן מאַגעלאַן קאנאל הערשען שטענדיג שטורמווינדען. אזא שטורמווינד האט געטראָפען דעם קאפּיטאַן גראנט, זיין

שיף איז אונטערגעגאנגען און ער האט זיך געדעטעט ערגעץ אויף אן אינזעל. אויף וועלכען אינזעל? דאס ווייסען מיר דערווייל ניט, אָבער מיר ווייסען, אין וואס פאר א געגענד. דאס איז שוין גענוג פאר אונז. דיא ענגלישע רעגיערונג מוז איהם שיקען הילף. יעצט לאמיר געהן אויפ'ן דעק, זעהן, אויב אונזער שיף איז שוין בעפעסטיגט אויף איהר דאָק.

זיי זיינען ארויסגעגאנגען אויפ'ן דעק. דיא שיף איז שוין געווען בעפעסטיגט צום דאק און דער ארויסגאנג געלעגט פון דער שיף צום ברעג. אויפ'ן ברעג האט געווארט לאָרד גלענארוואָן'ס קארעטע. ארום האט געוואשט דאס פרעהליכע און געשעפטיגע לעבען פון דער שטאדט גלאזגא.

— איך האב נאך איינינע זאכען צובעזאָרגען, אהט לאָרד גלענארוואָן געזאגט צו זיין פרוי.

— וואס ווילסט דוא נאך טהאן? האט ליידי העלענא געפרעגט.

—.ליעבע העלענא, האט לאָרד גלענארוואָן געענטפערט, דער קאפיטאן גראנט און זיינע מאטראזען האבען געוויס פרויען און קינדער, וועלכע ווייסען ניט, וואס פון זייערע פעטער און מאנען איז געוואָרען. זיי ווינען געוויס און קלאגען און מעגליך, אז זיי געפינען זיך אין דער גרעסטער נויט. איך וויל אריינשיקען אן אדווערטייזמענט אין דיא גרעסטע ענגלישע צייטונגען, אז עס איז נאך דאָ האָפנונג, אז מען זאל זיי רעטען.

ער איז אריינגעגאנגען צוריק אין זיין קאיוטע און האט אנגעשריעבען פאָלגענדעס אדווערטייזמענט:

„ווער עס וויל וויסען נאכריכטען איבער קאפיטאן גראנט און זיינע מאטראזען פון דער שיף בריטאניא, דער זאל זיך מעלדען צו לאָרד גלענארוואָן אין מאלקאָלם-שלאָס, דונבארשיר, שאָטלאנד".

דיעזעס אדווערטייזמענט האט ער איבערגעגעבען דעם קאפיטאן פאררגוט מיט פאָלגענדע ווערטער.

— ליעבער קאפיטאן, איהר וועט שוין זאָרגען, אז דיעזע אנצייגע זאל מארגען אין דער פריה ערשיינען אין אלע גרעסטע ענגלישע צייטונגען.

דער קאפיטאן האט צוגענומען דאס אדווערטייזמענט און האט זיך פערנייגט.

— יעצט ליעבע העלענא, האָט זיך לאָרד גלענארוואָן געווענדעט צו זיין פרוי, פאהר דוא א היים מיט'ן מאיאָר. איך וועל מיך אויפזעצען מיט'ן ערשטען צוג קיין לאָנדאָן און וועל בעטען דעם לאָרד פון דער אדמיראליטעט, ער זאל שיקען הילף דעם אונגליקליכען קאפיטאן.

ער האט אבשיעד גענומען פון אלעמען און איז אוועקגעפאהרען קיין לאָנדאָן.

3טעם קאפיטעל.

קאַפּיטאַן גראַנט'ס קינדער.

דאס שלאָס מאלקאָלם, וואו לאָרד גלענארוואן האט געוואוינט, איז געלעגען לעבען דעם טייך לאָך-לאָמאָנד, אין איינע פון דיא שעהנסטע געגענדען אין שאָטלאנד. דאס דאָרף לוס און דיא גאנצע געגענד ארום האט געהערט צו לאָרד גלענארוואן. דיא

איינוואָינער פון דער גענענד פלעגען ביי איהם רענטען דאס לאנד. ער איז געווען זעהר א גוטער לענדלארד. ער האט קיין מאל ניט ארויסגעוואָרפען אן איינוואָינער פון זיין הויז, קיין מאל ניט ארויסגעטריעבען א טענאנט פון זיין לאנד, ווען ער האט איהם אזוי גיך ניט בעצאהלט קיין רענט, אזוי וויא עס טהוען דיא אנדערע לענדלארדס אין שאָטלאנד און אירלאנד. ער האט בעהאנדעלט זיינע טענאַנטס — דיא בויערן, וועלכע האבען גע־וואָינט אויף זיין לאנד — פריינדליך און ברידערליך.

דיא טויערן פון'ם שלאָס מאַלקאָלם זיינען שטענדיג געווען אָפען פאר יעדען, וואס איז געקומען צו לארד גלענארוואן בעטען הילף. עס איז דאהער קיין וואונדער, וואס דיא איינוואָינער פון דער גאנצער געגענד פון צעהן מייל ארום דעם שלאָס האבען בע־טראַכט לאָרד גלענארוואן אלס זייער בעסטער פריינד, זייער ראטהגעבער און זייער בעשיצער.

לארד גלענארוואן איז געווען א מיטגליעד פון'ם ענגלישען פּאַרלאַמענט. ער האט געהאט דעם טיטול „פער" און איז געווען איינער פון דיא זעבצעהן פערס פון שאָטלאַנד. דיא פאַמיליע פון דיא לאָרדס גלענארוואן האט אבגעשטאמט פון דער קעניגליכער פאמיליע סטיוארט און איז געווען ניט גאנץ צופריעדען מיט דער רעגיערונג פון דער קעניגין וויקטאריא, וועלכע שטאמט אפּ פון דער קעניגליכער פאמיליע פון האנאווער, אין דייטשלאנד. לארד גלענאַרוואָן פלעגט בעטראַכטען דיא איצטיגע קעניג־ליכע פאמיליע פון ענגלאנד אלס פרעמדע, וועלכע האבען אוועקגערויבט דעם ענגלישען טראָהן פון דער אלטער עכט שאָטלענדישער קעניגליכער פאמיליע. אין לאנדאן האט מען דאס געוואוסט זעהר גוט און מען האט געקוקט קרום אויף דיא לאָרדס גלענאַרוואָן. דיא קעניגין וויקטאָריא מיט איהרע זיהן, מיט איהרע טעכטער און מיט איהרע אייניקלעך וויסען שוין, וויא אזוי צובעהאנדלען אן אונצופריעדענעם לאָרד. מען האט איהם ניט צוגע־לאזט צו קיין אמט, מען האט איהם ניט געגעבען קיין טיטול און מען וואָלט געוויס איהם ניט צוגעלאזען אין פּאַרלאַמענט, אבער דיא איינוואָינער פון דער גאנצער געגענד פלעגען, וויא אויף צו להכעיס, שטענדיג וועהלען נור לאָרד גלענארוואן אין פּאַרלאַמענט.

לארד גלענארוואָן איז אלט געווען צוויי און דרייסיג יאהר, ווען אונזערע ערצעהלונג הייבט זיך אן, ער איז געווען פון מיטלען וואוקס, אבער געזונד און שטאַרק געבויט. ער איז געווען מוטהיג און טאַפּפער, א גוטער שווימער, א פאָרטרעפליכער רייטער, אן אויסגעצייכענטער פעכטער. ער האט ערשט ניט לאנג געהייראטהעט.

ליידי העלענא איז ניט געווען פון קיין גרויסער פאמיליע. זיא איז געווען דיא טאָכטער פון א פּראָפעסאָר אין עדינבורג. איהר פאטער, פּראָפעסאָר ט ו ר נ ע ל, איז געווען איינער פון דיא געלערנסטע מענער אין ענגלאנד. ער איז געווען פּראפעסאר פון געאָגראפיע און וועלט געשיכטע אין דער אוניווערסיטעט אין עדינבורג. ער האט אליין געמאכט פיעל רייזען און דיא ענגלישע רעגיערונג האט איהם איינינע מאל געשיקט אויספאָרשען אונבעקאנטע לענדער. ער האט אנגעשריעבען פיעל ניצליכע און אינטע־רעסאנטע ביכער. העלענא איז געווען זיין איינציג קינד. ער האט זיא געלערנט שפּראַכען און פיעלע ניצליכע וויסענשאַפטען. לאדד עדוואַרד גלענאַרוואָן איז געווען פּראפעסאר טורנעל'ס א שילער און פלעגט איהם בעזוכען יעדעס מאל, ווען ער פלעגט קומען קיין

עדינבורג. ביי איהם אין שטוב האט ער זיך בעקענט מיט העלענא'ן, האט זיך פערליעבט אין איהר און האט זיא ענדליך געהייראטהעט.

לארד גלענארוואן האט ניט פערלאנגט קיין נדן פון זיין בראוט, ער איז אליין געווען אונגעהייער רייך, דער רייכסטער לארד אין גאנץ שאטלאנד. ער איז געווען גליקליך אין זיין ליעבע. ליידי העלענא איז אבער ווירקליך געווען ליעבענסווירדיג. זיא איז געווען זעהר שעהן און דערצו נאך זעהר קלוג און העכסט געבילדעט. לארד גלענארוואן איז געווען גליקליך. ער האט געוואוסט, אז ליידי העלענא איז דיא טאכטער פון א גרויסען געלערנטען, וועלכער האט געמאכט זעהר פיעל רייזען און האט גאנץ ריכטיג גערעכענט, אז זיא וועט געוויס אויך וועלען מאכען אייניגע רייזען. ער האט דאהער געלאזט בויען דיא שיף „דונקאן" כמעט אויסשליסליך פון איהרעטוועגען. ער האט דיא שיף א נאמען געגעבען „דונקאן", ווייל אזוי האט געהייסען א קעניג פון שאטלאנד, פון וועלכען דיא לארדס גלענארוואן קומען ארויס.

אין דעם ערשטען קאפיטעל פון אונזער ערצעהלונג האבען מיר זיי בעגעגענט אויף זייער ערשטע קליינע רייזע אין זייער נייער שיף. מיר האבען שוין דערצעהלט, אז ליידי העלענא איז געפאהרען א היים אין שלאס מאלקאלם און לארד גלענארוואן איז געפאהרען קיין לאנדאן.

דעם אנדערן טאג אין דער פריה האט ליידי העלענא ערהאלטען פון איהר מאן א קורצע טעלעגראמע, אז ער האפט באלד צו קומען א היים. דעמזעלבען טאג אבער פאר נאכט האט זיא פון איהם ערהאלטען א לאנגען בריעף, אין וועלכען ער האט איהר געשריעבען, אז ער וועט מוזען בלייבען אין לאנדאן נאך א פאר טאג. דעם אנדערן טאג האט זיא ווייטער ערהאלטען א בריעף פון איהם, אז דער ענגלישער קראנפרינץ, וועלכער איז דער לארד פון דער אדמיראליטעט, האט איהם צוואר אויפגענומען זעהר העפליך; ווען ער האט אבער אויסגעהערט זיין ביטע, האט ער איהם געענטפערט, אז דיא ענגלישע רעגיערונג האט יעצט קיין געלד ניט, זיא האט אויך ניט קיין פרייע שיף צו שיקען זוכען א קאפיטאן גראנט, וועלכער איז גאר ניט בעקאנט דער רעגיערונג. לארד גלענארוואן האט איהם געוויעזען דיא צייטונגען און האט ערקלערט, אז דיא רע־גיערונג מוז העלפען איהרע אונטערטהאנען, וועלכע געפינען זיך אין א נויט. עס האט אבער גאר ניט געהאלפען.

לארד גלענארוואן האט געוואלט פארשטעלען דיא בריעף, וואס ער האט געפונען אין דער פלאש, אין ענגלישען פארלאמענט און בעטען דעם פארלאמענט אום הילף פאר דעם אונגליקליכען קאפיטאן גראנט. צום אונגליק, האט זיך דאמאלס אנגעהויבען וואקאנס און אלע מיטגליעדער פון פארלאמענט זיינען זיך צופאהרען אויף זייערע גיטער.

ליידי העלענא איז געווארען זעהר טרויעריג. זיא האט פערשטאנען פון איהר מאנ'ס בריעף, אז דיא אדמיראליטעט וויל גאר נישט טהאן פאר דיא אונגליכע און לארד גלענארוואן איז אין פערצווייפלונג.

עס איז געווען אויפ'ן דריטען טאג נאך לארד גלענארוואנ'ס אברייזע קיין לאנדאן. ליידי העלענא איז געזעסען אויפ'ן באלקאן פונ'ם שלאס מאלקאלם טרויעריג און פער־טראכט, ווען דער פערוואלטער פונ'ם שלאס, מיסטער האלבערט, איז ארויפגעקומען

און האט איהר געמעלדעט, אז א יונגעס מעדכען און א יונגע ווילען זעהן לאָרד גלע־נאַרוואָן.

— זיינען זיי פון אונזער דאָרף? האט ליידי העלענא געפרעגט.

— ניין. איך קען זיי ניט און האב זיי קיין מאָל ניט געזעהן. זיי האבען מיר גע־זאָגט, אז זיי זיינען געקומען מיט׳ן באהן ביז באַלאָש און פון דארטען זיינען זיי געקומען צו פוס ביז אהער.

— פיהרט זיי ארויף צו מיר, מיסטער האלבערט, האט ליידי העלענא געזאָגט.

אין אפאָר מינוט ארום האט מיסטער האלבערט אריינגעפיהרט א יונגעס מעד־כען פון א יאָהר זעכצעהן, וועלכעס האט געפיהרט ביי דער האנד א אינגעל פון א יאהר צוועלף. ביידע זיינען געווען זעהר אָרים געקליידעט און אויף זייערע געזיכטער איז געווען אויסגעמאָלט עלענד און נויט. דאס מעדכען איז צוואר געווען זעהר שעהן, אבער בלייך און מאָגער. זיי זיינען געבליעבען שטעהן ביי דער טהיר און האבען ניט געוואגט ארויסצורעדען א וואָרט. ליידי העלענא האט זיך אויפגעהויבען פון איהר זיץ און איז צוגעגאנגען צו זיי.

— איהר דארפט עפּעס האָבען צו מיר, קינדער? האט זיא זיי געפרעגט פריינדליך.

דאס מעדכען האט געשוויעגען. דער באָי אָבער האט געזאָגט פעסט:

— ניין, מיר דארפען ניט צו אייך, מיר ווילען זעהן דעם לאָרד גלענאַרוואָן.

— לאָרד גלענאַרוואָן איז יעצט גערארע ניט צו הויז, האט ליידי העלענא גע־ענטפערט פריינדליך. איך בין זיין פרוי, איהר מעגט מיר זאגען, וואס איהר דארפט, ווען איך וועל נור קענען עפּעס טהאן פאר אייך, וועל איך עס געוויס טהאן.

— אלזאָ, זייט איהר ליידי גלענאַרוואָן פון שלאָס מאלקאָלם? האט דאס מעדכען געפרעגט.

— איך בין עס.

— האט אייער מאַן, לאָרד גלענאַרוואָן געלאָזט מעלדען אין דיא צייטונגען, אז ווער עס וויל האבען נאכריכטען פון קאַפּיטאן גראנט און זיינע מאַטראָזען, דער זאָל זיך ווענדען צו אייך?

— מיין מאַן האט געלאָזט מעלדען אין דיא צייטונגען, האט ליידי העלענא גע־זאָגט, — ווער זייט איהר דען?

— איך בין מיס גראנט און דאס איז מיין ברודער.

— מיס גראנט! מיס גראנט! האט ליידי העלענא אויסגערופען. איהר זייט דיא טאָכטער פון קאַפּיטאן גראנט?

זיא האט ארומגענומען דאס מעדכען און האט זיא צוגעפּרעסט צו איהר ברוסט, וויא א ליבענדע מוטער, וועלכע זעהט זיך מיט איהרע קינדער נאך א לאנגער אבוועזענהייט. דעם אינגעל האט זיא א קוש געטהאָן אויף ביידע באקען און האט געגלעט זיינע לאנגע, בלאָנדע האָר.

— וואס ווייסט איהר עפּעס פון מיין פאָטער? האט דאס מעדכען געזאגט און א שטראָם טרערין האט זיך געגאָסען פון איהרע אויגען. זאגט מיר, לעבט נאך מיין

פאָטער? וואו איז ער? ווענען מיר איהם נאך אמאל זעהן? אך, זאגט מיר, ליעבע, טהייערע ליידי!

— ליעבעס קינד, האט ליידי העלענא געענטפערט. איך קען אייך אויף אלע דיעזע פראגען קיינע גענויע אנטוואָרט ניט געבען. איך קען אייך ניט געבען קיין האָפ־נונגען, וועלכע איך האב אליין ניט.

זיא האט ניט געקענט ווייטער רעדען. דיא טרערין האבען זיא געוואָרגען. זיא האט צוגעפרעסט דעם מעדכענס קאָפּ צו איהר ברוסט און האט שטילערהייט געוויינט.

— זאגט מיר אלעס, ליעבע ליידי! האט דאָס מעדכען געבעטען. איך בין שוין געוואָינט צו אלעמען. איך בין פאָרבערייטעט אלעס צו הערן. עס איז שוין דאָס דריטע יאָהר זייט מיין פאָטער איז אוועקגעפאָהרען מיט זיין שיף און איך האב פון איהם קיין נאכריכט ניט ערהאלטען. איך האב שוין אויסגעוויינט אלע מיינע טרערין. מיין מוטער איז געשטאָרבען פאר שמערץ. זאגט מיר אלעס. איך קען שוין אלעס איבערטראָגען.

— ליעבעס קינד, האט ליידי העלענא געזאגט, איך קען דיר נור געבען א גאנץ שוואכע האפנונג, אז דיין פאָטער לעבט נאך. לאמיר האפען, אז דער אלמעכטיגער גאט, דער פאָטער פון ווייטוען און ווייזען, וועט איהם ערהאלטעןביים לעבען און וועט איהם רעטען פון אייערט וועגען.

דאָס מעדכען האט ארויסגעלאָזען א געוויין. דאָס אינגעל האט גענומען ליידי העלענא'ס הענד און האט זיי אנגעהויבען צו קושען. עס איז פערנאנגען א געראומע צייט, איידער דיא קינדער האבען זיך בערוהיגט אין נאנצען. ליידי העלענא איז אויך געוועזן זעהר שטארק אויפגערעגט פון דיעזער סצענע און האט ניט געקענט רעדען א וואָרט. ענדליך האבען זיך אלע בערוהיגט און דיא קינדער, מערי און ראָבערט גראנט, האבען אנגעהויבען צו פרעגען, וואס ליידי העלענא וויים פון זייער פאטער און וויא אזוי זיא איז עס געוואהר געווארען.

ליידי העלענא האט זיי דערצעהלט אלעס, וואס זיא האט געוואוסט און וואס מיר האבען בעשריעבען אין דיא ערשטע צוויי קאפיטלעך פון אונזער ערצעהלונג. ראָבערט גראנט האט געקוקט ליידי העלענאַ'ן גלייך אין מויל אריין, ווען זיא האט דער־צעהלט פון דער פלאַש און דיא בריעף, וואס מען האט געפונען אין איהר.

— אך, מיין פאטער! מיין ארימער פאטער! האט ער אויסגערופען איין מאל נאכן אנדערן.

עס איז געוועזן דייטליך, אז זיין יונגעס קעפּעלע האט געארבייטעט, אז, וויא יונג ער איז געוועזן, האט ער זיך פאָרגעשטעלט, וויא זיין פאטערס שיף געהט אונטער, וויא זיין פאטער קעמפּפט מיט דיא שרעקליכע וועלען, וויא ער און צוויי מאטראזען רעטען זיך אויף א ברעט; וויא זיי זיינען פערוואָרפען געוואָרען אויף א וויסטע אינזעל און נאך אזעלכע שרעקליכע בילדער. ווען ליידי העלענא האט געענדיגט איהר ערצעהלונג, האט מערי גראנט געפרעגט:

— וואו זיינען דיא בריעף? איך וויל זעהן מיין פאָטערס בריעף, זיין האנדשריפט.

— איך האב ניט דיא בריעף, ליעבעס קינד.

— איהר האט זיי ניט? וואו זיינען זיי דען?

— לאָרד גלענאַרוואָן איז מיט זיי אוועקגעפאָהרען קיין לאָנדאָן. ער וויל זיי פאַר־שטעלען אין דער אדמיראַליטעט און בעטען דיא רעגיערונג, זיא זאָל שיקען א שיף זוכען אייער פאטער און איהם העלפען. איך האב אייך איבערגעגעבען וואָרט אין וואָרט אלעס, וואס איז געשטאַנען אין דיא בריעף און וויא אזוי עס איז אונז געלונגען זיי צו לעזען.

— מיר דאַרפען ניט דיא בריעף! האט ראָבערט אויסגערופען. דיא גוטע ליידי האט אונז דאך אלעס דערצעהלט.

— געוויס, געווים! האט מערי געענטפערט. איך האב אבער דאָך געוואָלט זעהן מיין פאטערס האַנדשריפט. דוא קענסט זיא ניט, ראָבערט. איך אבער וועל דערקענען מיין פאטערס האַנדשריפט צווישען טויזענד. אונזער פאטערס האַנדשריפט איז ביי מיר זעהר טהייער. איך וואָלט זיא געוואָלט האבען אלס אנדענקען.

— מאָרגען, קינדערלעך. מעגליך, אז לאָרד גלענאַרוואָן וועט מאָרגען קומען צוריק, וועט ער מיטברענגען דיא בריעף מיט זיך. איך האב אייך שוין ד'ערצעהלט, אז ער איז יעצט אין לאָנדאָן אום צו בעטען הילף פאר אייער פאטער פון דער רעגיערונג.

— וויא זאל איך אייך דאנקען, ליידי גלענאַרוואָן? האט דאס מעדכען געזאגט מיט טרערין אין דיא אויגען. וויא זאל איך דאַנקען לאָרד גלענאַרוואָן פאר אלעס, וואס ער האט געטהאן פאר מיין ארמען אונגליקליכען פאטער?

— אה, גאָט זאל אייך בעלוינען דערפאַר! איהר גוטע ליידי, און דעם עדלען לאָרד גלענארוואָן! האט ראָבערט געזאגט און האט אנגעהויבען צו קושען ליידי העלענא'ס הענד.

— ליעבע קינדער, האט ליידי העלענא געזאגט גערינהרט, איהר האט מיר ניט וואס צו דאנקען. איך און מיין מאן האבען געטהאן, וואס יעדער מענש דאַרף טהאן, ווען ער וויים, אז א מענש געפינט זיך אין דער נויט. מיר מוזען העלפען איינער דעם אנדערן, דערפאַר זיינען מיר מענשען אויף דער וועלט. עס איז אונזער הייליגע פפליכט צו העלפען און צו שטיצען אונזערע מיט מענשען.

דערוויל קינדערלעך, וועט איהר בלייבען ביי מיר אין שלאָס, ביז לאָרד גלענאַרוואָן וועט צוריק קומען פון לאָנדאָן. דאן וועלען מיר זעהן, וואס מיר קענען ווייטער פאר אייך טהאן. איהר זייט געווים הונגעריג, קינדער. קומט, איך וועל הייסען אייך געבען עסען.

— אך, ניין, ליידי גלענאַרוואָן! האט מערי גראַנט געזאגט. איך קען ניט מאַכען אייך אזוי פיעל מיה. מיר זיינען דאך פרעמדע, איהר קענט דאך אונז גאר ניט.

— פרעמדע? האט ליידי העלענא געזאגט פערוואונדערט. איהר זייט קיינע פרעמדע. לאָרד גלענאַרוואָן קען אייער פאטער. איהר זייט ניט פרעמד אין דיעזעם הויז. איך וועל זיין גליקליך, ווען לאָרד גלענאַרוואָן זאל באלד צוריקקומען פון לאנדאן און זאל אייך ברענגען גוטע נאַכריכטען פון דער אדמיראַליטעט.

ליידי העלענא האט געזאגט דיא לעצטע ווערטער אזוי פריינדליך, אזוי מוטערליך, אז דיא קינדער זיינען געווען גערינהרט און האבען זיך ענטשלאָסען צובלייבען אין שלאָס מאַלקאָלם, ביז לאָרד גלענאַרוואָן וועט צוריק קומען פון לאָנדאָן. ליידי העלענא האט

אנגעקלונגען. מיסטער האלבעט איז אריינגעקומען און האט געפרעגט, וואס זיא ווינשט?

— ברענגט ארויף עסען און טרינקען פאר דיעזע צוויי קינדער, האט זיא בעפוילען, און גרייט אן א צימער פון זייערט וועגען. זיי וועלען בלייבען ביי מיר אין שלאָס, ביז לארד גלענארוואָן וועט צוריקקומען פון לאנדאן.

אין איינינע מינוטען ארום זיינען ביידע קינדער געזעסען לעבען א טיש און האבען געגעסען. ליידי העלענא איז געזעסען לעבען זיי און האט געזעהן מיט פערגניגען, וואס פאר א גוטען אפעטיט זיי האבען.

4טעס קאפיטעל.

ליידי העלענאַ'ס פאָרשלאַג.

ליידי העלענא האט געפונען פאר בעסער ניט צו דערצעהלען דיא קינדער, אז לארד גלענארוואָן שרייבט איהר, אז דער קראַנפּרינץ האט איהם אויפגענומען זעהר קאַלט און וויל גאר נישט טהאן אום זייער פאטער צו רעטען. זיא האט זיי ווייטער ניט געוואָלט זאגען. אז זיא האט מורא, זייער פאטער זאל ניט אריינפאלען אין דיא הענד פון דיאווילדע מענשען אין פאטאגאָניען אלס געפאנגענער.

— וואָצו זאל איך בעטריעבען דיא ארימע קינדער? האט זיא זיך געטראכט. עס איז שוין גענוג פאר זיי, וואס זיי האבען פערלארען זייער מוטער און זיי ווייסען, אז זייער פאטערס שיף איז אונטערגעגאנגען און ער האט זיך גערעטעט ערגעץ אויף אן אינזעל. וועט זיי דען ווערן לייכטער, ווען איך וועל זיי נאך דערצעהלען, אז זייער פאטער איז נאך אין גרעסערע געפאהר פון דיא ווילדע מענשען?

זיא האט זיך דאהער ענטשלאסען, זיי אויסצופרעגען איבער זייער פאטער, וויא אזוי ער האט געלעבט, ביז ער איז אוועקגעפאָהרען אויף דער שיף „בריטאניא", וואו ער האט זיי איבערגעלאזען, ווען ער איז אוועקגעפאהרען און וויא אזוי עס איז זיי ביז אהער געגאנגען.

מערי גראַנט איז געווען א קלוגעס און געשייטעס מעדכען. זיא האט דערצעהלט ליידי העלענאַ'ן אלעס, וואס זיא האט געוואוסט פון איהר פאטער. עס איז געווען אן איינפאכע אבער זעהר טרויעריגע געשיכטע. ליידי העלענא איז געווען גערירט ביי דיעזער איינפאכער ערצעהלונג און האט ניט איין מאל זיך געמוזט פערשטעלען דיא אויגען מיט איהר טאשען־טוך — זיא האט שטילערהייט געוויינט.

זייער פאטער, דער קאפיטאן הערי גראנט, איז פון קינדווייס אן געווען א מאטראז. ער איז אבער געווען ניט נור מאטראז אליין. ער איז געווען א קויפמאן אויך און האט שוין ניט איין מאל געמאכט רייזע אויף זיינע אייגענע שיפען. זיינע אונטער־נעהמונגען זיינען איהם געלונגען און ער האט זיך דערוואָרבען א שעהנעס פערמעגען. ער וואלט געקענט בלייבען רוהיג אין דער היים און לעבען מיט זיין פרוי און מיט זיינע קינדער פון דעם פערמעגען, וואס ער האט געמאכט אויף זיינע רייזען.—ער האט געפיהרט ענגלישע וואארען אין ווייטע לענדער.—דא אבער האט זיך אריינגעמישט דיא פאָליטיק. ער איז א שאָטלענדער און איז אויך ניט צופריעדען מיט דער רעגירונג פון דער קעניגין וויקטאָריא. פלוצלונג איז איהם איינגעפאלען, ער זאל ערגעץ ענטדעקען א

פראָוואָבאַרע אינזעל און זאָל דאָרט מאַכען א קאָלאָניע פון שאָטלענדער. אלע, וועלכע זיינען ניט צופריעדען מיט דער ענגלישער רעגיערונג, זאָלען ארויספאָהרען אין זיין קאָלאָניע. דאָרט האָט ער געוואָלט איינפיהרען א רעפּובליקאַנישע רעגיערונג, וואו דאָס פאָלק זאָל הערשען, ניט א קעניג; וואו יעדער זאָל קענען ארויסזאָגען זיינע מיינונג פריי; וואו אלע מענשען זאָלען זיין גלייך. עס זאָל ניט זיין קיין לאָרד'ס און קיין ארבייטער. אלע זאָלען ארבייטען און אלע זאָלען געניעסען אלעס, וואָס די ארבייט וועט איינברענגען.

דיעזע אידעע האָט איהם אזוי בעהערשט, אז ער האָט אויסגעבראַכט דארויף זיין גאַנצעס פערמעגען. ער איז ארומגעפאָהרען אין אלע מעערן און האָט געזוכט א פאַסענדע אינזעל. ווען ער איז אוועקגעפאָהרען צום לעצטען מאָל אין 1861, האָט ער זיי איבערגעלאָזען נור אויף צוויי יאָהר פון וואָנען צו לעבען. מעהר האָט ער שוין ניט געהאַט קיין געלד. אין דער ערשטער צייט האָבען זיי נאָך ערהאַלטען פון איהם בריעף און נאַכריכטען, וואו ער געפינט זיך. זייט מאַי 1862 אָבער האָבען זיי קיין נאַכריכט פון איהם ניט ערהאַלטען. זייער מוטער איז געוועזען א שוואַכע, קראַנקע פרוי און דער שמערץ האָט זי אין גאַנצען דערהרג'עט. זי איז געשטאָרבען אין אקטאָבער 1862. אן אלטע פרוי, זייער פאָטערס אן אנפערוואַנדטע, האָט זיי צוגענומען צו זיך. זי איז אָבער אליין זעהר ארים און האָט זיי ניט געקענט אויסהאַלטען. מערי האָט פערקויפט אלעס, וואָס איז זיי געבליעבען נאָך דער מוטער'ס טויט און האָט געלאָזען איהר ברודער לערנען אין א שולע. ווען עס האָט זיך איהר אין גאַנצען אויסגעלאָזען דאָס געלד, האָט זי געזוכט ארבייט. זיי האָבען דאַמאַלס געוואָינט אין דער שטאָדט פונדי, וואו מערי האָט געפונען ארבייט אין א פאַבריק. זי האָט זיך אפּגעזאָגט פון'ם נייטיגסטען אום איהר ברודער זאָל האָבען די מעגליכקייט צו לערנען און צו ווערן א מענש. זי האָט געליטען הונגער און קעלט אום אבצושפּאָרען איינינע פּענעס פאַר איהר ברודער. וויא יונג זי איז געוועזען, האָט זי שוין פערשטאַנען, וויא נייטיג עס איז צו לערנען. זי האָט ניט געוואָלט, אז איהר ברודער זאָל ווערן א מאַטראָז, וויא איהר פאָטער. זי האָט געוואָלט, ער זאָל זיך לערנען אנאַנדערע פּראָפעסיאָן, וואו מען איז ניט אויסגעזעצט אזעלכע געפאַהרען, וויא אויפ'ן מעער.

איהר פאָטער האָט זי גערעכענט פאַר טויט און האָט שוין פערלאָרען יעדע האָפנונג איהם א מאָל ווידער צו זעהן. וויא איבעראַשט איז זי געוועזען, ווען איהר אלטע פערוואַנדטע, וועלכע פלעגט יעדען טאָג לעזען צייטונגען, האָט איהר געוויזען אין א צייטונג די מעלדונג פון לאָרד גלענאַרוואָן.

זי האָט פערזעצט איהר לעצטעס קליידעל און איז באַלד אוועקגעפאָהרען מיט איהר ברודער אין שלאָס מאַלקאָלם.

דאָס איז געוועזען די איינפאַכע, אָבער רעכט טרויעריגע געשיכטע פון מערי גראַנט. זי האָט עס דערצעהלט אזוי איינפאַך, אזוי קינדיש טריי, אז ליידי העלענא איז געוועזען גערירט און האָט שטילערהייט געוויינט. זי האָט געזעהן פאַר זיך א העלדין, א העראָין. זי האָט ארומגענומען ביידע קינדער און האָט זיי געקושט.

— יעצט, קינדער, געהט שלאָפען. האָט זי ענדליך געזאָגט. איהר זייט מיעד

איהר זייט היינט געגאנגען פיעל צו פוס. מאָרגען וועט קומען לאָרד גלענארוואָן, וועלען מיר ווייטער רעדען.

דעם אנדערן טאג זיינען דיא קינדער אויפגעשטאנען גאנץ פריה. אזוי זיינען זיי געוואָינט געווען. מערי פלעגט שטענדיג אויפשטהען אין דער פריה און געהן צו דער ארבייט, ראָבערט פלעגט אויפשטעהן גאנץ פריה און געהן אין שולע. זיי זיינען ארויס־געגאנגען אין דרויסען און האבען שפּאַציערט אין גארטען. אין שלאָס איז נאך אלעס געווען שטיל. זיי האבען געדעכענט, אז ליידי העלענא שלאָפט נאך געוויס. ליידי העלענא איז שוין אבער לאנג ניט געשלאָפען. דאס שיקזאל פון'ם קאפּיטאַן גראנט און פון זיינע קינדער האט זיא אזוי אויפגערעגט, אז זיא איז דיא גאנצע נאכט ניט געשלאָפען. זיא האט אלץ געקלערט, וואס זאל זיא טהאן, ווען דיא ענגלישע רעגיערונג וועט ווירקליך ניט וועלען שיקען קיין שיף אום צו זוכען דעם קאפּיטאַן גראנט?

זיא האט געציטערט ביי דעם געדאנקען, טאָמער וועט לאָרד גלענארוואָן קומען מיט לעדיגען. זיא האט ערשט נעכטען פארנאכט ערהאלטען פון איהם א בריעף, אז ער האט זעהר ווייניג האָפנונג אויף דער רעגיערונג. עס איז יעצט יולי, דיא הייסע צייט, אלע זיינען זיך צופאהרען. עס איז גאר ניטא מיט וועמען צו רעדען. דיא קעניגין וויקטאָריא איז ארויסגעפאהרען זיך באדען אויף דער אינזעל ווהייט. דער ערשטער מיניסטער, גלאַדסטאָן און לאָרד סאַליסבורי, זיינען אויך ניטא אין ענגלאנד. לאָרד גרענוויל איז אוועקגעפאהרען קיין איטאליען. דיא קלענערע לאָרד'ס קענען אליין גאר ניט טהאן. שיקען א שיף מיט מענשען אין אונבעקאנטע געגענדען איז ניט אזוי לייכט. — אלזא, וואס טהוט מען?

ווען ביידע קינדער זיינען אזוי ארומגעגאנגען אין גארטען, האבען זיי דערזעהן, וויא א קאַרעטע פאהרט צו צום שלאָס און זיי זיינען צוגעלאָפען צום טויער זעהן, אויב עס איז ניט לאָרד גלענארוואָן. אין דערזעלבער צייט האט זיך געעפענט דיא טהיר און ליידי העלענא מיט'ן מאַיאָר ריטשארדסאן זיינען ארויסגעקומען. זיי האבען געזעהן דיא קאָרעטע פון פענסטער און האבען זיא באלד דערקענט. דאס איז ווירקליך געווען לאָרד גלענארוואָן.

דיא קאָרעטע איז אריינגעפאהרען אין טויער. לאָרד גלענארוואָן איז ארויסגע־שפּרונגען און איז צוגעגאנגען צו זיין פרוי. ער האט זיא ארומגענומען און האט געשוויגען.

— וואס הערט זיך, עדוואַרד? האט זיא איהם געפרעגט.

— איך האב דיר שוין געשריעבען. עס איז ניטאָ אויף וועמען צו רעכענען. זיי האבען שטיינער אנשטאט א מענשליך הארץ.

ער האט עס געזאגט אזוי טרויעריג און איז געווען אזוי אונמוטהיג און ניעדער־געשלאגען, אז ליידי העלענא האט זיך דערשראָקען.

— זיי האבען דיר אין גאנצען ענטזאגט? האט זיא אויסגערופען אין פערצווייפלונג.

— אין גאנצען. זיי זאגען, אז עס האט שוין אָפּגעקאָסט גענוג מיליאָנען דער ענגלישער רעגיערונג צו זוכען דיא עקספּעדיציאָנען פון סער דזשאָן פראַנקלין. דיא רעגיערונג האט יעצט קיין געלד ניט. דיא בריעף, וואס מיר האבען געפונען אין דער

פלאש, זיינען נים דייטליך גענוג. אונזערע ערקלערונג איז נים ריכטיג. — קורץ, זיי האבען מיר ענטזאגט. זיי ווילען פון קאפיטאן גראנט ניט וויסען. דיא וואהרהייט איז אבער, דיא רעגיערונג וויים פון קאפיטאן גראנט'ס פלאן און זיא וויל איהם אומיסטען ניט רעטען.

— אך, מיין פאטער! מיין ארימער פאטער! האט א געשריי געטהאן מערי גראנט און האט אנגעהויבען שרעקליך צו וויינען און צו ברעכען דיא הענד.

זיא איז שטילערהייט צוגעגאנגען, ווען לארד גלענארוואן איז אראפגעשפרונגען פון דער קארעטע, האט זיך געשטעלט הינטער ליידי העלענא און האט אויסגעהערט אלעס, וואס לארד גלענארוואן האט דערצעהלט.

ווען לארד גלענארוואן האט דערהערט מערי גראנט'ס געוויין, האט ער זיך אומ־געקוקט מיט שרעק.

— ווער זיינען דיעזע קינדער? האט ער געפרעגט ערשטוינט. זאלען עס זיין קא־פיטאן גראנט'ס קינדער?

— יא, עדווארד, האט ליידי העלענא געזאגט. דאס זיינען קאפיטאן גראנט'ס קינדער. דיא לארד'ס פון דער אדמיראליטעט ווילען זיי ניט העלפען, ווילען ניט שיקען זוכען זייער פאטער?

מערי און איהר ברודער זיינען געפאלען פאר לארד גלענארוואן אויף דיא קניע און האבען געבעטען:

— אך, רעטעט אונזער פאטער!

דיא סצענע איז געוועזן א הערצרייסענדע. עס איז אונמעגליך צו בעשרייבען דיא פערצווייפלונג פון דיא קינדער, אבער אויך לארד גלענארוואן און ליידי העלענא האבען זיך ניט געקענט איינהאלטען. זייערע אויגען זיינען געווארען פייכט און זיי האבען גע־וויינט מיט דיא קינדער. קיינער האט ניט גערעדט קיין ווארט. וואס זאל מען רעדען? וויא אזוי זאל מען טרייסטען דיא אונגליקליכע קינדער? ענדליך, האט זיך דער מאיאר געווענדעט צו לארד גלענארוואן און האט איהם געפרעגט:

— האט איהר שוין גאר קיין האפנונג ניט?

— קיין האפנונג, מען האט מיר אין גאנצען אפגעזאגט.

— איך וועל געהן! האט דער קליינער ראבערט גראנט אויסגערופען. איך וועל געהן רעדען מיט דיעזע לארד'ס. לאמיך זעהן, וויא זיי וועלען מיך ניט אויסהערן!

ער האט דערביי צונויפגעלעגט זיינע קליינע הענטעלעך אין פויסטען. מערי האט איהם צוריקגעהאלטען.

— ניין, ראבערט! האט זיא איהם געזאגט. צוערשט לאמיר דאנקען דעם גוטען און עדעלען לארד גלענארוואן פאר זיין מענשענפריינדליכקייט. דאן וועלען מיר ביידע געהן —

— וואוהין? האט לארד גלענארוואן געפרעגט.

— מיר וועלען געהן צו דער קעניגין, האט מערי געענטפערט. מיר וועלען פאלען צו איהרע פיס, מיר וועלען וויינען און בעטען, ביז זיא וועט אונז מוזען אויסהערן און שיקען א שיף צו רעטען אונזער פאטער.

לאָרד גלענארוואָן האט טרויעריג געשאקעלט מיט'ן קאפּ. ער האט זעהר גוט געוואוסט, וואָס עס הייסט: געהן צו דער קעניגין. מעגליך, אז ווען די קעניגין זאל זיי אויסהערן, וואלט זיא עפּעס געטהאן פאר זיי. מען וועט זיי אָבער גאר ניט צולאָזען צו דער קעניג'ן. קומט מען דען אזוי לייכט צו צו אן ענגלישער קעניגין? דיא וואך וועט זיי זאגאר ניט ארייננלאָזען אין הויף. דיא קעניגליכע פּאלאצען זיינען גוט בעוואכט, אויף זייער טהיר איז אָנגעשריעבען דיעזעלבע אויפשריפט, וואס שטעהט אויף דיא ענגלישע שיפען:

Passengers are requested not to speak to the man at the wheel.

דיא פּאסאזשירען זיינען אויפגעפאָרדערט, אז זיי זאלען ניט רעדען צו דעם מאן, וועלכער שטעהט ביים „רודער“. דער מאן, וועלכער פיהרט דיא רעגיערונג, שטעהט זעהר הויך. צו איהם טאָר מען ניט רעדען.

ליידי העלענא האט פערשטאנען, וואס איהר מאן דענקט. זיא האט אויך זעהר גוט געוואוסט, אז אזעלבע קינדער וועט מען אויף קיין פאל ניט צולאָזען צו דער קעניגין. עס וועט נור זיין אומזיסט זייער מיה. זיא האט געטראכט איינעגע מינוט. פּלוצלונג האבען איהרע אויגען אנגעהויבען צו פונקעלן, איהר געזיכט איז געוואָרען פרעהליך זיא האט געפּאסט א גרויסען, הערדליכען בעשלוס. זיא האט זיך איינגעבויגען און האט אויפגעהויבען מערי גראנט פון דער ערד.

— הער מיך אויס, מיין קינד, האט זיא אנגעהויבען צו זאגען און איז געבליעבען שטיל.

זיא האט זיך געווענדעט צו איהר מאן, האט איהם אנגענומען בייביידע הענד און האט געזאגט מיט א ביטענדער, אָבער פייערליכער שטימע:

— עדוואָרד! מיר האבען געפונען קאפּיטאן גראנט'ס בריעף. ער האט זיי אונז געשיקט. לאָמיר איהם רעטען! דוא זעהסט דאך, אז פון יענע שלעכטע מענשען האבען מיר גאר ניט צו ערווארטען. לאָמיר אויף זיי ניט קוקען, לאָמיר טהאן, וואס אונזער פּפליכט הייסט אונז. מיר זעהן מענשען אין דער נויט און מיר מוזען זיי העלפען.

— וואס מיינסט דוא, ליעבע העלענא?

— איך מיין גאנץ איינפאך. לאָמיר אנהויבען אונזער לעבען, אלס ניי פערהייראטהעטע, מיט א גוטער טהאט. דוא האסט א נייע, גוטע און שטארקע שיף. דוא האסט געוואלט מאכען מיט מיר א לוסט רייזע אויף איינעגע וואָכען. לאָמיר מאכען דיעזע לוסט רייזע אום צו רעטען דעם קאפּיטאן גראנט.

— העלענא! איז געווען דאס איינציגע וואָרט, וואָס לאָרד גלענארוואָן האט געקענט ארויסזאָגען.

— יא, עדוואָרד, האט ליידי העלענא ווייטער געזאגט. דוא אליין האסט מיר דערצעהלט, אז דיא „דונקאן“ איז א שטארקע שיף און קען אויסהאלטען זאגאר א רייזע ארום דיא וועלט. לאָמיר זיא בענוצען אויף א גוטע זאך, לאָמיר פאהרען זוכען דעם קאפּיטאן גראנט.

לאָרד גלענארוואָן האט גאר ניט געענטפערט. ער האט צוגעצויגען זיין פרוי צו זיך און האט זיא צוגעפּרעסט צו זיין ברוסט.

מערי און ראָבערט גראַנט האבען גענומען איהרע הענד און האבען זיי בעדעקט מיט טרערין און מיט קושען. דער מאיאָר און דיא דיענער וועלבע זיינען אונטערדעסען צוגעקומען און האבען אויסגעהערט, וואס דא קומט פאָר, האבען אלע מיט איין שטימע אויסגערופען:

— עס לעבע ליידי העלענא גלענאַרוואַן!

5טעס קאפּיטעל.

דיא אבפאָהרט.

ליידי העלענא׳ס פאָרשלאג, אז זיי זאלען פאהרען זוכען דעם קאפּיטאַן גראַנט האט לאָרד גלענאַרוואַן ווענינ איבערראשט. דיעזער געדאנק איז איהם געקומען אין קאפּ אריין, ווען ער איז נאך געווען אין לאָנדאָן און האט געבעטען דיא שטאָלצע ענגלישע לאָרד׳ס פון דער אַדמיראַליטעט, אז זיי זאלען שיקען א שיף צו הילף דעם קאפּיטאַן גראַנט. ווען ער האט געזעהן, אז זיין מיה איז אומזיסט, אז דיא שלעכטע לאָרד׳ס קימערן זיך זעהר וועניג, וואס אן ענגלישער קאפּיטאַן איז ערגעץ פערוואָרפען געוואָרען אויף א ווילד אינזעל און ליידעט עלענד און נויט, האט ער ביי זיך געפּאסט דעם בעשלוס, ער זאל אליין פאהרען אויף זיין שיף איהם צו רעטען.

דא האט זיך איהם אָבער פאָרגעשטעלט א שוועריגקייט. זאל ער פאהרען אליין און איבערלאָזען זיין יונגע פרוי, וועלבע ער האט ניט לאַנג געהייראטהעט, אליין אין דער היים, איז זעהר אונאנגענעהם. ער וויס דאך ניט, וויאפיעל אזא רייזע קען דויערן. מיטנעהמען זיין פרוי אויף דער רייזע איז אויך ניט לייכט. מאכען א לוסט רייזע פון עטליכע טעג אויפ׳ן מעער, איז א פערגניגען, פאהרען אויפ׳ן מעער עטליכע וואָכען, אדער זאָגאר אייניגע מאָנאטע, איז א פּלאגע, א מארטערנעש, ווען מען פאהרט זאגאר אויף דער בעסטער שיף. אויסער דעם איז דאך יעדע רייזע אויפ׳ן מעער אויסגעזעצט געוויסע געפאהר׳ען. און וואס וועט זיין, ווען זיי וועלען גאר מוזען רייזען אויף פערד אָדער צו פוס אין ווילדע געגענדען אום צו זוכען דעם קאפּיטאַן גראַנט ערגעץ ביי ווילדע מענשען? וויא קען ער מיטנעהמען זיין יונגע פרוי, וועלבע איז דערצויגען געוואָרען אזוי עדעל אין רייכקייט און פערגניגען אויף אזא לאַנגע און געפעהרליכע רייזע?

דאס זיינען געווען דיא געדאנקען, וועלבע האבען בעשעפטיגט לאָרד גלענאַרוואַן דיא גאנצע צייט, וואס ער איז געפאהרען פון לאנדאן אין זיין שלאָס מאלקאלם. וואלט ער געווען ניט פערהייראטהעט, וואלט ער קיין מינוט ניט געטראכט און וואלט נאך פון לאנדאן געווען טעלעגראפירט צו זיין שיפס־קאפּיטאַן פאררא‍גוט, אז ער זאל פארבערייטען אלעס אויף א רייזע קיין פּאטאגאָניען. יעצט אבער, אז ער איז פערהייראטהעט, האבען זיך איהם פאָרגעשטעלט אזעלבע שוועריגקייטען, אז ער האט ניט געוואוסט וואס צו טהאן.

וויא גליקליך איז ער דאהער געווען, ווען ליידי העלענא האט ארויסגערעדט דיעזען געדאנקען!

— אלזא, זיא וויל פאהרען מיט מיר? האט ער זיך געטראכט. זיא וויל איבער־טראָגען אלע ליידען און אויסשטעהן אלע געפאהרען, וועלבע זיינען בעגלייטעט מיט אזא רייזע? זיא איז מוטהיג און קיין געפאהר קען זיא ניט אָפּשרעקען, ווען עס האנ־

דעלט זיך צו רעטען א מענשען. זיא איז בערייט צו מאכען א רייזע ארום דיא וועלט אום צו געפינען דעם קאפיטאן גראנט. זיא איז א גוטע, עדעלע פרוי!

לאָרד גלענארוואַן איז געווען גליקליך ביי דעם געדאנקען, אז ער האט אזא מוט־היגע פרוי. ער האט נאך איבערגערעדט מיט איהר איינינע קלייניגקייטען און האט באלד געשיקט אן עסטאפעט צו קאפיטאן פאַרראגוט, ער זאל אלעס פאַרבערייטען אויף א לאנגע רייזע אין דיא מעערען פון זיד־אמעריקא.

דיא „דונקאַן“ איז געווען א שטארקע שיף. עס האט אין איהר געקענט אריינ־געהן צוויי הונדערט און צעהן טאָן משא. ווען מיר זאלען וועלען זיא פערגלייכען מיט דער שיף, אויף וועלכער קאָלומבוס איז געפאהרען ענטדעקען אמעריקא, אין וועלכער עס האט געקענט אריינגעהן נור זיעבעציג טאָן משא, קענען מיר זאגען, אז דיא „דונקאַן“ איז א ריעזען שיף. זיא האט געהאט א פיינע און שטארקע מאשינעריע און האט געקענט אויסהאלטען יעדען שטורם. זיי וואָלטען, דאכט זיך, געקענט שוין פאהרען און גאר ניט ווארטען. דאס דאכט זיך נור אזוי. אויף יעדע לאנגע רייזע אין אונבעקאנטע געגענדען מוז מען זיך גוט פאַרבערייטען. מען האט געמוזט ברייטער מאכען דיא זייטען פון דער שיף, עס זאל קענען אריינגעהן מעהר קוילען. לאָרד גלענארוואַן האט זעהר גוט געוואוסט, אז קוילען איז דאס נייטינסטע אויף א שיף, וועלכע פאהרט אויף א לאנגע רייזע. אלע מאגאזינען און קאמערן פאַר פּראָוויאנט אויפ'ן וועג האבען געמוזט איבער געמאכט ווערן. אויף אזא רייזע מוז מען האבען פיעל פּראָוויאנט.

לאָרד גלענארוואַן האט נאך געהייסען קויפען א קליינע קאנאָנע און זיא אויפ־שטעלען פון פאָרנט אויפ'ן שיף. ווען ליידי העלענא האט איהם געפרעגט:

— צו וואס דארפסט דוא א קאנאָנע? מיר פאהרען דאך ניט אין א קריעג?

— געוויס, ליעבע העלענא, מיר פאהרען געוויס ניט אין א קריעג. עס שאדעט אבער קיין מאל ניט, ווען מען קען פון דער שיף טראַקטירען א גוטען פריינד מיט א גוטע, שווערע פיער פונטיגע קוגעל. אויפ'ן מעער קען מען א מאל אנטרעפען גוטע פריינד, וועלכע מען מוז אויפנעהמען מיט אזעלכע העפליכקייטען.

קאפיטאן פאַרראגוט איז געווען א גוטער מאטראָז און האט געוואוסט, וואס מען דארף פאַרבערייטען אויף אזא רייזע. ער האט געוואוסט, אז מען מוז איבערמאכען דיא קאיוטען. ער איז עטליכע מאל געקומען צופאהרען אין שלאָס מאלקאָלם איבער־רעדען מיט לאָרד גלענארוואַן, וויפיעל פאסאזשירען עס וועלען פאַהרען. דאס איז אויך געווען זעהר א וויכטיגע פראגע. זיי זיינען דאך ניט געפאהרען אויף א פאסאזשיר שיף, וואו מען נעהמט נור צו דאס געלד און מען זאָרגט זיך ווייניג פאר דיא בעקוועמליכקייט פון דיא פאסאזשירען. דאס איז אן אייגענע שיף, וועלכע דארף זיין איינגעריכטעט מיט אלע מעגליכע בעקוועמליכקייטען. יעדער דארף האבען זיין קאיוטע, זיין שלאַף־צימער, זיין בעט. דאס מוז מען אלס אנגרייטען, אויפ'ן מעער איז ניטאָ וואו צו קויפען.

דאס איז ווירקליך געווען א וויכטיגע פראגע, און וועלכע לארד גלענארוואן האט גאר פערגעסען. לארד גלענארוואן האט אנפאנגס גערעכענט, ער זאל ניט מיטנעהמען מיט זיך מערי און ראבערט, קאפיטאן גראנט'ס קינדער.

— צו וועלכען צוועק זאלען זיי פאהרען אויף אזא לאנגווייליגע און ניט גאנץ אונגעפעהרליכע רייזע? האט ער געזאגט צו זיין פרוי.

ליידי העלענא האט אבער שוין צוגעזאגט די קינדער, אז זיא וועט זיי מיטנעהמען. מערי און ראָבערט האבען זיא אזוי לאנג געבעטען, אז זיא האט זיי געמוזט צוזאגען, אז זיא וועט זיי מיטנעהמען. מערי האט געזאגט, אז זיא וויל פאהרען אלס ליידי העלענא׳ס קאמער־מעדכען. ראָבערט האט געזאגט מוטהיג, אז ער וויל אריינטרעטען צו קאפיטאן פארראגוט אלס יונגע. ליידי העלענא האט זיי געענטפערט, אז זיא דארף ניט מערי׳ן אלס קאמער־מעדכען. ווען ראבערט וויל אריינטרעטען אלס יונגע, זאל ער רעדען מיט׳ן קאפיטאן. אלענפאלס האט זיא זיי צוגעזאגט, אז זיא וועט זיי מיטנעהמען. לארד גלענארוואן איז געווען איינשטימיג מיט זיין פרוי. מען האט געמוזט מאכען א קאיוטע פאר מערי גראנט. ראבערט קען שלאפען מיט די מאטראזען.

מאיאר ריטשארדסאן האט אויך ערקלערט, אז ער וויל מיטפאהרען. ער איז שוין צוואר געווען ניט יונג. ער איז אלט געווען ביי די פופציג יאהר, ער איז אבער נאך געווען שטארק און קרעפטיג און איז געווען א סאלדאט אין פאלען זינען פון׳ם ווארט. ער איז געווען מוטהיג און טאפפער און אלס מאיאר פון דער ענגלישער ארמעע האט ער זעהר גוט געוואוסט, וויא אזוי ארומצוגעהן מיט געוועהר. — פאר איהם האט מען אויך געמוזט מאכען א בעזונדערע קאיוטע.

דאן האט מען געמוזט מאכען צוויי קאיוטען פאר מיסטער און מיסעס אלבינעט. ער איז געווען דער פראוויאנט־מייסטער פון דער שיף און זיא איז געפאהרען אלס קעכין און ליידי העלענא׳ס קאמער־פרוי.

דאס זיינען געווען די פאסאזשירען פון׳ם „דונקאן". יעדער פון זיי האט געהאט א בעזונדער קאיוטע. די פארבערייטונגען צו דער רייזע האט געדויערט א קארגען מאנאט.

די „דונקאן" איז געשטאנען אין גלאזגא אויף לארד גלענארוואן׳ס אייגענעם דאָק. לעבען איהר אבער זיינען געשטאנען נאך אנדערע שיפען. קאפיטאן פארראגוט און די מאטראזען האבען זיך ניט געהאט וואס צו בעהאלטען. זיי האבען אלעמען דערצעהלט, צו וואס זיי מאכען אזעלכע פארבערייטונגען און וואוהין זיי ווילען פאהרען. באלד האט זיך די נאכריכט פערברייטערט אין גאנץ גלאזגא און אלע האבען נור גערעדט פון לארד גלענארוואן און פון די רייזע, וואס ער וויל מאכען. מען האט זאגאר אנגעהויבען צו שרייבען דערפון אין אלע צייטונגען. אייניגע האבען געלאכט פון איהם און האבען איהם פארגעשטעלט אלס א זאָנדערלינג, א שטיק משוגענער, וועלכער וויל ארויסווארפען געלד אין וואסער אריין און פאהרען ערגעץ אין אונבעקענטע געגענדען זוכען א קאפיטאן גראנט, וועלכער האט געליטען שיף־ברוך מיט צוויי יאהר צוריק.

דאס האבען געשריעבען די צייטונגען, וועלכע האלטען מיט דער רעגיערונג. אנדערע צייטונגען אבער האבען געלויבט לארד גלענארוואן און האבען געוואונשען, אז אלע ענגלישע לארד׳ס זאלען זיין אזוי גוט און אזוי מענשען־פריינדליך.

די צייטונגען האבען געמאכט א רעש אין גלאזגא. יעדער האט געוואלט זעהן די פארבערייטונגען, וואס מען מאכט אויפ׳ן „דונקאן" און די שיף אליין. יעדער

האט געזאגט זיין מיינונג, אויב מען קען פאהרען אויף אזא שיף אזא ווייטע רייזע און אויב לארד גלענארוואן וועט אויספיהרען זיין פּלאן און אויפזוכען קאפּיטאן גראַנט. דיא שעהנסטע בירגער פון גלאזגא און דיא גרעסטע לאָרד'ס זיינען געקומען אנקוקען דיא שיף. דאס האט זעהר פערדראסען דעם קאפּיטאן בארטאן פון דער שיף „סקאטיא“ וועלכע איז געלעגען אויף דעם אנדערן דאק לעבען דיא „דונקאן“.

דיא „סקאטיא“ איז איינע פון דיא גרעסטע ענגלישע שיפען. זיא קען אריינגעה־מען איבער צוויי טויזענד טאָן משא און זיא פיהרט דיא ענגלישע פּאָסט פון ענגלאנד קיין קאלקוטא, אין אינדיען. אלע ענגלישע בעאמטע, וועלכע דיא רעגיערונג שיקט קיין אינדיען, פאהרען ליעבער אויף דער „סקאטיא“, וויא אויף אן אנדער שיף, ווייל דיא „סקאטיא“ איז זיכערער און בעסער איינגעאָרדנעט, וויא אנדערע שיפען. קאפּיטאן בארטאן, דער קאפּיטאן פון דער „סקאטיא“ איז איינער פון דיא בעסטע ענגלישע שיפס־קאַפּיטענע און האט א הויכען ראַנג (טשין) אין דער ענגלישער פלאָטע. ווען מען האט בעטראכט דיא ביידע שיפען: דיא „דונקאן“ מיט דער „סקאטיא“, האט דיא דונקאן אויסגעוויזען געגען דער סקאטיא וויא א וויעגען־קינד געגען א ריעז. עס האט גאר קיין פערגלייך ניט געקענט זיין צווישען דיא קליינע שיפעלע „דונקאן“ און דעם ריעז, דיא „סקאטיא“. עס איז דאהר קיין וואונדער ניט, וואס קאפּיטאן בארטאן האט עס שטארק פערדראסען, וואס אויף דיא „דונקאן“ קומען טעגליך דיא שעהנסטע דאַ־מען און דיא רייכסטע הערען, בעטען, אז מען זאל זיי אלעס אויסווייזען, וויא דיא שיף איז איינגעריכטעט און פאר וועמען דיא קאיוטען זיינען בעשטימט; צו איהם אבער אויף דיא „סקאטיא“ קומט קיינער ניט, גלייך וויא דיא „סקאטיא“ וואלט גאר אויף דער וועלט ניט געווען.

זעלבסטפערשטענדליך, האט ניט לארד גלענארוואן, נאך דער קאפּיטאן פּאַר־ראגוט זיך געקימערט, ניט וואס דיא צייטונגען האבען געשריעבען, נאך וואס קאפּיטאן בארטאן האט געזאגט. יעדער האט געטהאן זיין ארבייט און דעם 4טען אויגוסט איז דיא „דונקאן“ געווען פערטיג צום אברייזען.

לארד גלענארוואן האט איבערגעגעבען זיינע גיטער און זיינע שלעסער צו א פער־וואלטער און ער מיט זיין פרוי, מיט'ן מאיאר ריטשארדסאן, מיט קאפּיטאן גראנט'ס קינדער מיט מיסטער און מיסעס אָלבינעט זיינען אום צוויי אוהר ארויסגעפאהרען פון שלאס מאלקאלם און זיינען געקומען צופאהרען קיין גלאזגא אום 4 אוהר נאכמיטאג. זיי זיינען גלייך צוגעפאהרען צו זייער דאק, וואו דיא „דונקאן“ איז שוין געשטאנען פיקס און פערטיג צור אברייזע.

אויפ'ן דאק און אין דער גאס ארום האט זיך פערזאמעלט א גרויסע מאסע מענשען. ווען לארד גלענארוואן מיט זיינע פּאסאזשירען זיינען אנגעקומען, האט דיא מאסע אנגעהויבען צו שרייען: הורראה! און האבען איהם געוואונשען גליק אויף דער רייזע. צווישען דער מאסע זיינען געווען פיעלע מאטראזען און שיפסקאפּיטענע, וועלכע האבען געקענט דעם קאפּיטאן גראנט און האבען זיך זעהר אינטערעסירט אין זיין שיק־זאל. פיעלע מענשען זיינען ארויפגעגאנגען אויפ'ן „דונקאן“ און האבען געדראנקט לאָרד

גלענארוואן און לײדי העלענא פאר זײער גוטסקײט און פאר זײער מוטה אונטערצוגעהן מען אזא לאנגע און שווערע רײזע.

אזוי ווי קאפּיטאן פאררענוט האט בעשלאסען ערשט אום דרײ אוהר אין דער פריה ארויסצופאהרען, ווייל דאמאלס קומט אן די פלוט, דאס וואסער אין מעער שטײגט און עס איז לײכטער פאר א שיף ארויסצופאהרען פון פּאָרט, איז נאך גע־בליעבען גענוג צייט זיך ארומצוקוקען אויפ׳ן שיף, צו עמפּפאנגען געסט, וועלכע זיינען געקומען אבשיעד נעהמען און נאכצוזעהן, אויב אלעס איז אין ארדנונג, אויב עס פעהלט ניט עפּעס, אויב מען דארף נאך ניט עפּעס.

ביז שפּעט בײ נאכט זײנען געווען פרעמדע מענשען אויפ׳ן „דונקאן״. אײניגע זײנען געקומען אבשיעד נעהמען פון לארד גלענארוואן, אנדערע זײנען געקומען אבשיעד נעהמען פון קאפּיטאן פאררענוט, אנדערע זײנען געקומען זעהן די אײנריכטונג אויף דער שיף, רעפּארטערס פון די גרעסטע צײטונגען זײנען געקומען זעהן, ווי די שיף וועט ארויספאהרען, זײ זאלען עס בעשרייבען אין זײערע צײטונגען. קײנער איז ניט גע־געשלאפען דיעזע נאכט אויף דער שיף.

אום 12 אוהר בײ נאכט האט קאפּיטאן פאררענוט געהייסען אײנהײצען די קעסלען און האט געגעבען א צײכען, אז אלע פרעמדע מענשען זאלען אראפּגעהן פון דער שיף. אום צוויי אוהר האט קאפּיטאן פאררענוט געזאגט צום לארד גלענארוואן, אז זײ קענען ארויספאהרען. לארד גלענארוואן האט געענטפערט אז ער איז פערטיג און זײ קענען פאהרען. באלד האט מען ארויפגעהויבען דעם אנקער און אפּגעבונדען די „דונקאן״ פון איהר דאָק. קאפּיטאן פאררענוט האט געהייסען דעם מאשיניסט, ער זאל אנהויבען צו פייפען, א צײכען, אז ער פאהרט ארויס פון גלאזגא. נאך א מאל האט מען געהערט שרייען פון דער גאס:

— הורראה! לעבעט וואהל! גליק אויף די רייזע!

די „דונקאן״ האט אנגעהויבען צו ציטערן, קאפּיטאן פאררענוט האט גענומען אין האנד דעם רודער און האט זי לאנגזאם און פאָרזיכטיג ארויסגעפיהרט פון דעם וואלד מיט שיפען, וועלכע געפינען זיך שטענדיג אין גלאזגא. דא האָט ער געוויזען, וואס פאר א קינסטלער ער איז. ער האט ניט גענומען קיין וועגווייזער, זאנדערן האט אליין דורכגעפיהרט די שיף ביז אין נארד קאנאל. גענען זעקס אוהר אין דער פריה זײנען זײ ארויסגעפאהרען אינ׳ם גרויסען און ווייטען אטלאנטישען אָקעאַן.

דאס וועטער איז געווען שעהן. די זון איז אויפגעגאנגען אין איהר גאנצער שעהנהייט און האט בעגאָסען דאָס מעער מיט איהרע גאָלדענע שטראהלען. דער ווינד איז געווען א גוטער און האט געבלאָזען קיין וועסט זײט. די „דונקאן״ איז געפלויגען שנעל, ווי א פייגעלע. קאפּיטאן פאררענוט האט בענוצט דעם ווינד און האט געהײ־סען אויסשפּרײטען אלע זעגעל און די שיף האט זיך געגליטשט אויפ׳ן גלאטען שפּיע־געל פונ׳ם גרויסען וועלט מעער, געטריעבען פונ׳ם ווינד און פונ׳ם דאמפּף.

אלע זײנען געשטאנען אויפ׳ן דעק. קײנער האט ניט געוואלט געהן שלאפען.

— מיר וועלען זיינען האבען א שעהנעם וועטער, האט לײדי העלענא געזאגט

איך בין גליקליך, וואס אונזער רייזע האט זיך אנגעהויבען מיט אזא שעהנעם וועטער. איך האף, אז מיר וועלען האבען א גליקליכע רייזע.

— לאָמיר האפען, אז מיר וועלען גליקליך דערגרייכען אונזער ציעל און וועלען אויסגעפינען דעם קאפיטאן גראנט.

— וויאפיעל דארף געדויערן דיא רייזע ביז פּאַטאָגאָניען? האט ליידי העלענא געפרעגט.

— ווען מיר וועלען האבען שעהנעם וועטער און דיא „דונקאן" וועט פאהרען אזוי שנעל, וויא היינט, וועלען מיר אין פינף וואכען ארום אנקומען קיין פּאַטאָגאָניען.

זיי האבען נאך גערעדט איינינע צייט ביז דיא מענשליכע נאטור האט אנגעהויבען צו פאָדערן, וואס עס קומט איהר. ליידי העלענא איז שלעפעריג געוואָרען און איז געגאנגען אין איהר קאיוטע זיך צולעגען.

6טעס קאפיטעל.

אַ נייער פּאַסאַזשיר.

אום דריי אוהר איז פערטיג געוואָרען דער מיטאָג. לאָרד גלענארוואָן, ליידי העלענא, דער מאיאָר, דיאביידע קינדער און קאפיטאן פאררארגוט האבען זיך געזעצט ארום טיש אין עס־צימער און האבען געגעסען זייער ערשטען מיטאָג אויף זייער רייזע. אלע זיינען געווען פרעהליך, אלע זיינען געווען אויפגעלעגט. מען האט געגעסען און זיך אונטערהאלטען ביז ארום פינף אוהר.

— וויא פיהלסט דוא אויפ'ן מעער, מערי? האט ליידי העלענא געפרעגט דאס יונגע מעדכען. האסט דוא קיין מורא ניט פאר זעעקראנקהייט?

— איך בין געוואָינט מיט'ן מעער, האט מערי גראנט געענטפערט. ניט איין מאל האב איך מיך געשפיעלט אויף מיין פאטערס שיפען. ניט איין מאל בין איך מיט איהם געפאהרען שטונדען לאנג אויפ'ן מעער.

— און דיין ברודער? האט לאָרד גלענארוואָן געפרעגט. איז ער אויך געוואָינט צום מעער? האט ער אויך ניט בעקומען דיא זעע־קראנקהייט?

— אה, פאר איהם דארפט איהר אייך ניט זארגען, האט דער קאפיטאן געענטפערט. ער איז שוין אויסגעלאָפען דיא גאנצע שיף און איז שוין אויסגעקלעטערט אויף אלע זעגעלבוימער. אן ענגלישער יונגע לאכט פון דיא זעע־קראנקהייט, ער ווערט געבאָרען אויפ'ן מעער.

— איך האב אָפט מורא פאר איהם האט מערי געזאגט, ער לויפט ארום און קלעטערט אויף דיא זעגעלבוימער, עס זאל איהם עפעס ניט פאסירען אן אונגליק.

— זייט רוהיג, מיס גראנט, האט דער קאפיטאן געזאגט. איך וועל מאכען פון איהם א גוטען מאטראז און ווען מיר וועלען געפינען אייער פאטער, וועל איך צוגעהן צו איהם שטאָלץ און וועל איהם זאגען: קאפיטאן גראנט, אייער זאָהן איז א טיכטיגער מאטראָז.

דער מיטאג האט זיך געענדיגט, יעדער איז געגאנגען צו זיין ארבייט אדער האט זיך געזעצט אויפ'ן דעק קוקען אויפ'ן מעער. לאָרד גלענארוואָן און ליידי העלענא

זיינען ארויפגעגאנגען אויפ'ן אויבערשטען דעק און האבען זיך געזעצט אויף זייערע שיפס שטוהלען. מאיאר ריטשארדסאן האט פעררויכט א ציגאר און איז ארומגעגאנגען אויפ'ן דעק, דערביי האט ער גערעדט צו זיך אליין, דאס איז געוועזן זיין געוואוינהייט און קיינער האט איהם ניט געשטערט. ער איז גראדע צו געקומען צו איינע פון די קאיוטען און האט דערזעהן, ווי א פון דארט איז ארויסגעקומען א מאן, וועלכען ער האט נאך אין זיין לעבען ניט געזעהן. דער מאיאר האט איהם בעטראכט אייניגע מינוטען מיט שטוינען.

פאר איהם איז געשטאנען א הויכער מאן, א דארער מיט א גרויסען קאפ. ער האט אויסגעוויזען, ווי א לאנגער נאגעל מיט א ברייטען קאפ. אויף זיין דיענער און לאנגער נאז זיינען געלעגען א פאר גרויסע ברילען און ער האט זיך צו יעדער זאך צו געקוקט, אזוי ווי עס טהוען אלע קורצזיכטיגע. ער איז געגאנגען גאנץ ריין און זאגאר רייך געקליידעט, אבער שרעקליך נאכלעסיג. ער האט געטראגען א טהייערן שווארצען ראק, אבער פון אלע קעשענעס האבען ארויסגעשטעקט פערשיעדענע זאכען, בעזאנדערס אבער אלערליי ביכער. נאטיץ ביכער, לעזע ביכער, שרייב ביכער, רעכען ביכער. אויסער די ביכער האט מען געקענט זעהן מיקראסקאפען און מאשינען. דערצו נאך האט ער געטראגען א לאנגען טעלעסקאפ און א רימען איבער די פלייצעס.

ביידע מענער האבען זיך אייניגע מינוט אנגעקוקט. דער מאיאר האט געשוויגען. דער פרעמדער אבער האט ניט אויפגעהערט צו רעדען. ער האט גערעדט איבער לענדער, איבער פעלקער, איבער געגענדען פון דער וועלט, פון וועלכע דער מאיאר האט קיין מאל ניט געהערט. ער האט איהם דאהער ניט פערשטאנען. דער פרעמדער האט ענדליך איינגעזעהען, אז דער מאיאר ענטפערט איהם ניט, האט ער אויך אויפגעהערט צו רעדען, האט אראפגענומען זיין לאנגען טעלעסקאפ פון דער פלייצע, האט איהם צורעכט געמאכט און האט אנגעהויבען צו קוקען אויפ'ן מעער, דערביי האט ער גערעדט צו זיך אליין.

ווען אנאנדערער, ניט דער ערנסטער מאיאר, זאל געוועזן זעהן דיעזע זאנדערבארע פיגור, וואלט ער געווים ארויסגעלאזען א געלעכטער, אזוי קאמיש האט אויסגעוויזען זיין גאנצע געשטאלט מיט זיינע מיקראסקאפען, מיט זיינע ביכער, מיט זיינע ברילען, מיט זיין רעדען צו זיך אליין. דער מאיאר אבער איז געשטאנען ווי א פערשטיינערטער און האט איהם בעטראכט.

— ווער איז ער? פון וואנען קומט ער א הער? וואס איז דאס פאר א חיה? האט ער געפרעגט זיך אליין.

קיינער האט איהם אבער ניט געענטפערט און ער איז געשטאנען, ווי א פערשטיינערט, און האט בעטראכט דיעזען זאנדערבארען נייען פאסאזשיר אויפ'ן „דונקאן".

דער פרעמדער האט זיך ווייטער געווענדעט צו איהם, ווי צו אן אלטען בעקאנטען און האט גערעדט צו איהם און האט איהם געפרעגט פערשיעדענע זאכען. ווען ער האט אבער געזעהן, אז דער מאיאר ענטפערט איהם ניט, איז ער פון איהם אוועקגעגאנגען און האט געפרעגט דעם ערשטען מאטראז, וועלכען ער האט בעגעגענט:

(So. Am

— וואו איז דער פּראָוויאַנטמייסטער?

דער מאַטראָז האָט איהם אויך אַנגעקוקט פערוואונדערט און האָט איהם גע־ וויזען אויף מיסטער אַלבינעט'ס קאַיוטע. דער פרעמדער פּאַסאַזשיר איז גלייך אריינ־ געקומען אין דער קאַיוטע און האָט אויסגערופען גאַנץ הויך:

— סטיואַרד? הע, סטיואַרד!

סטיואַרד הייסט אויף ענגליש דער פּראָוויאַנטמייסטער, אָדער דער מאַן, וואָס האָט צו פערזאָרגען דיא פּאַסאַזשירען מיט עסען. מיסטער אַלבינעט, וועלכער איז געווען דער פּראָוויאַנטמייסטער פוּן'ם דונקאַן, איז דאַמאָלס געליגען אויף זיין בעטעל און האָט זיך אַביסעל אָפּגערוהט פון זיין הייגטיגער ארבייט. ווען ער האָט דערהערט, אַז מען רופט איהם, האָט ער זיך אויפגעהויבען און דערזעהען דעם זאָנדערבאַרען פּאַ־ סאַזשיר. ער איז אויך געבליעבען שטעהן ערשטוינט און פאַרוואונדערט. ער האָט זעהר גוט געקענט אַלע פּאַסאַזשירען און אַלע מאַטראָזען פון דער שיף.

— ווער איז דער? האָט ער זיך געטראַכט. פון וואַנען קומט ער? לאָרד גלע־ נאַרוואַן האָט מיר גאַר ניט געזאָגט, אַז ער האָט אויפגענומען אַ פרעמדען פּאַסאַזשיר?

דער פרעמדער האָט איהם בעטראַכט אַ פּאָר מינוט און האָט איהם געזאָגט:

— זייט איהר דער פּראָוויאַנט מייסטער פון דער שיף?

— איך בין עס, האָט אַלבינעט געענטפערט לאַנגזאַם, איך האָב אָבער ניט דיא עהרע אייך צו....

— איך בין דער פּאַסאַזשיר פון דער קאַיוטע נומער 6, האָט דער פרעמדער געזאָגט.

— קאַיוטע נומער 6? האָט אַלבינעט אויסגערופען נאָך מעהר פערוואונדערט.

דאָס האָט ער שוין גאָר ניט פערשטאַנען. אויפ'ן „דונקאַן" האָבען דיא קאַיוטען ניט געהאַט קיין נומערן. נומערירטע קאַיוטען געפינען זיך נור אויף דיא גרויסע פּאַסאַזשיר דאַמפּפער, אויף וועלכע עס פאָהרען הונדערטער פּאַסאַזשירען. ער האָט געטראַכט אַ פּאָר מינוט, וואָס ער זאָל זאָגען דיעזען זאָנדערבאַרען פּאַסאַזשיר. דער פרעמדער אָבער האָט איהם ניט געלאָזט לאַנג טראַכטען.

— געוויס, בין איך דער פּאַסאַזשיר פון דער קאַיוטע נומער 6. וויא הייסט איהר?

— איך הייס אַלבינעט.

— אַלזאָ, מיין ליעבער אַלבינעט, האָט דער פרעמדער געזאָגט, זעהט מיר געבען מיין מיטאָג, איך בין זעהר הונגעריג, איך האָב נעכטען אָן ניט געגעסען. איך בין געפאָהרען פון פּאַריז גלייך קיין גלאַזגאָ און האָב מיך אין ערגעץ ניט אָפּגעשטעלט — ווען עסט מען דינער דאָ אויפ'ן שיף?

— מען האָט שוין דעם דינער אָפּגעגעסען, האָט אַלבינעט געענטפערט. עס איז שוין באַלד צייט פוּן סאָפּער.

זיין שטוינען איז געוואַקסען פון מינוט צו מינוט. דער פרעמדער איז געווען פאַר איהם אַ רעטעניש, וועלכע ער האָט אויף קיין פאַל ניט געקענט לעזען.

— אַלזאָ, ווען עסט מען סאָפּער? האָט דער פרעמדער געפרעגט.

— האַלב נאָך ניין אוהר, האָט אַלבינעט געענטפערט אונגערן.

דער פרעמדער האט אנגעהויבען צו זוכען אין זיינע קעשענעס. ער האט געזוכט אין טאשען אוהר, ער זאל וויסען, וויא פיעל אוהר עס איז יעצט. אלבינעט האט געזעהען מיט שטוינען און פערוואונדערונג, וויא דער פרעמדער האט געזוכט אין אלע קעשענעס, ביז ער האט ענדליך ארויסגעשלעפט ערגעץ פון א הינטערשטער קעשענע אין ראק א שעהנע גאלדענע אוהר און האט אויף איהר א קוק געטאהן.

— עס איז ערשט האלב נאך זעקס אוהר, האט ער געזאגט. עס איז מיר צו פיעל צו ווארטען ביז האלב נאך ניין. גיט מיר דערווייל, ליעבער אלבינעט, א גלאז שערי וויין און עטליכע ביסקוויט׳ס. איך בין זעהר הונגעריג, איך האב פון נעכטען אן ניט געהאט אין מיין מויל. איך האב מיך געאיילט. איך זאל אנקומען צו דער שיף.

אלבינעט האט זיך ניט גערוהרט פון׳ם ארט. ער איז געשטאנען, וויא צו געשמידט אויפ׳ן ארט און האט בעטראכט דעם זאנדערבארען פאסאזשיר מיט זיינע הונדערט קעשענעס אנגעשטאפט מיט ביכער און מיט אינסטרומענטען. ווען דער פרעמדער האט געזעהן, אז ער ענטפערט איהם ניט, האט ער אנגעהויבען צו פרעגען.

— וואס איז דאס? וואו איז דער קאפיטאן? וואו איז דער ערשטער אפיציער? קענט איהר מיר ניט זאגען, וואו איז דער קאפיטאן? ער איז מיין בעסטער פריינד און איך האב נאך איהם ניט גיזעהען, זייט איך בין אויפ׳ן שיף. — דאס וועטער איז שעהן, דער קאפיטאן און דער ערשטער אפיציער זיינען געווים אויפ׳ן דעק. וואו איז דער קאפיטאן?

ווען אלבינעט האט געהערט, אז דער קאפיטאן איז זיין פריינד, האט ער געדער־בענט, אז קאפיטאן פארראגוט האט פיעללייכט איינגעלאדען איינעם פון זיינע בעקאנטע, ער זאל מיט איהם מיטפאהרען, ער האט דאהער געזאגט דעם פרעמדען:

— ווארט דא א ווײלע, איך וועל אייך באלד שיקען דעם קאפיטאן.

אין א פאר מינוטען ארום איז ער צוריקגעקומען מיט׳ן קאפיטאן פארראגוט. מען האט געזעהן אויפן קאפיטאנ׳ס געזיכט, אז ער איז אויך שטארק פערוואונדערט. ער האט קיינעם ניט איינגעלאדען און ווייס ניט, ווער דער פרעמדער איז. קוים אבער איז ער צוגעגאנגען נעהנטער, האט דער פרעמדער איהם געגעבען ביידע הענד און האט אויסגערופען פרעהליך.

— וואס מאכט איהר, קאפיטאן בארטאן? וויא געהט עס אייך אלטער פריינד? איך בין גליקליך, קאפיטאן בארטאן, וואס עס איז מיר געלונגען צו מאכען מיט אייך אזא לאנגע רייזע. איך בין זיכער, אז דיא רייזע וועט זיין זעהר אנגענעהם.

קאפיטאן פארראגוט האט געקוקט אויפ׳ן פרעמדען, אויף זיך אליין, אויף דיא שיף און אויף אלעס ארום, גלייך וויא ער האט זיך געוואלט איבערצייגען, אז ער שלאפט ניט, אז עס איז ניט קיין טרוים, אז ער איז ניט שכור. דער פרעמדער אבער האט איהם ניט געלאזט טראכטען.

— ווייסט איהר, קאפיטאן בארטאן, איך האב נאך מיט אייך זעהר פיעל צו רעדען. איהר קענט מיר געבען אויסקונפט איבער אייניגע אינזלען אין אינדישען אצעאן, װעלכע זיינען נאך ניט אזוי גענוי בעשטימט אין דער וועלט קארטע. איהר קענט מיר

ערקלערן פיעלעס איבער אייניגע פעלקער אין אינדיען. מיר ווע‎לען האבען נאך זעהר פיעל צו רעדען, קאפיטאן בארטאן. —

— איך בין ניט קאפיטאן בארטאן, האט ענדליך קאפיטאן פאררא‎גוט געזאגט.

— אזוי? איהר זייט ניט קאפיטאן בארטאן, נו, זייט איהר געוויס זיין ערשטער אפיציער, הערר אקספארד, מיט אייך וועט מיר אויך זיין זעהר אנגענעם צו רעדען. איך האב אייך אויך פיעלע זאכען צו פרעגען. איך וויים, איהר זייט אויך שוין עטליכע מאל געפאהרען ארום דער וועלט און זייט שוין גוט בעקאנט מיט'ן אינדישען אצעאן.

— איך בין ניט דער קאפיטאן בארטאן און בין ניט זיין ערשטער אפיציער, מיסטער אקספארד, האט קאפיטאן פאררא‎גוט קוים ארויסגערעדט.

ער האט ווירקליך ניט געוואוסט, אויב ער איז אראפ פון זינען, אדער דער פרעמדער איז אראפ פון זינען. דער פרעמדער אבער איז ניט געווארען איבערראשט, ווען פאררא‎גוט האט איהם געזאגט. אז ער איז ניט קאפיטאן בארטאן.

— אזוי? האט ער אויסגערופען. האט דיא שיף „סקאטיא“ גאר אנדערע אפי־ציערען. דאס האב איך ניט געוואוסט! דאס האט מען מיר אין פאריז ניט געזאגט. אבער דאס בלייבט זיך דאך גאנץ גלייך. דיא „סקאטיא“ איז א גוטע שיף און מיר וועלען האבען א גוטע רייזע. מיר וועלען ווערן גוטע פריינד אויפ'ן וועג און וועלען האבען זעהר פיעל צו רעדען איבער'ן אינדישען אצעאן.

אונטערדעסען איז דער מאיאר ארויפגעגאנגען אויפ'ן אויבערשטען דעק און האט דערצעהלט לארד גלענארוואן און לאידי העלענא פון דעם זאנדערבארען פאסאזשיר. אלע דריי זיינען באלד אראפגעגאנגען זעהן דאס נייע וואונדער. מערי גראנט האט דערזעהן, אז לארד גלענארוואן, לאידי העלענא, דער מאיאר און דער קאפיטאן שטעהן לעבען אלבינעט'ס קאיוטע און איז אויך צוגעגאנגען זעהן, וואס דארט איז עפעס אזעלכעס.

ווען דער פרעמדער האט דערזעהן, אז דאמען קומען אן, איז ער זיי ענטגעגען געגאנגען, האט זיך פאר זיי העפליך פארנייגט, האט גערופען מערי גראנט „מאדאם“ און לאידי העלענא—„מאדמאזעל“, האט זיי דערצעהלט פון פאריז, האט זיך פארנייגט פאר לארד גלענארוואן און געפרעגט דעם קאפיטאן פאררא‎גוט, ווער דיעזער הערר איז. קאפיטאן פאררא‎גוט האט איהם אונטערבראכען און האט איהם געזאגט:

— דאס איז דאך לארד גלענארוואן.

— אזוי? לארד גלענארוואן! ענטשולדיגט מיר, לארד, וואס איך האב מיך מיט אייך בעקאנט אויף אזא איינפאכער ארט. אויפ'ן מעער הערשען אנדערע רעגלען, וויא אין דיא זאלען און דיא פאלאצען פון פאריז. אויפ'ן מעער ווערט מען זעהר לייכט בעקאנט און מען קען ניט בעאבאכטען אלע צערעמאניען, וויא אין א זאל.

מען קען זיך לייכט דענקען, וויא ערשטוינט און איבערראשט אלע זיינען געוועזען. קיינער האט ניט געקענט ארויסרעדען א ווארט. דער פרעמדער דאגעגען האט גערעדט אהן אן אויפהער. ענדליך האט איהם לארד גלענארוואן געפרעגט:

— קענט איהר מיר ניט זאגען, מיט וועמען האב איך דיא עהרע צו רעדען?

— איך בין זשאק, פראנסוא, מישעל, מארי פאגאנעל, סעקרעטער פון דער קיי־

זערליכען געאָגראַפישען געזעלשאַפט פון פאַריז, מיטגליעד פון דיא געאָגראַפישע, געאָלאָגישע, עטנאָגראַפישע און ענטאָלאָגישע געזעלשאַפטען פון בערלין, וויען, באָמביי, דארמשטאדט, לייפציג, פעטערסבורג, וויען און ניו־יאָרק, איך בין קארעספאנדירענדער סעקרעטער פון דער ענגלישען געאגראַפישען געזעלשאַפט. איך בין פּראָפעסאָר פון געאָגראַפיע און אסטראָנאָמיע אין דער אוניווערזיטעט פון פאַריז. דיא פראַנצייזישע רעגיערונג שיקט מיך יעצט אויף איהרע קאסטען קיין אינדיען. דיא ענגלישע רעגיערונג האָט מיר אריינגעשיקט א טיקעט אויף דער שיף „סקאָטיא“, וועלכע איז נעכטען ארויסגעפאהרען פון גלאזגא.

איך בין יעצט אויף דער „סקאָטיא“ און וועל מיך שעצען גליקליך מיט אלע פאסאזשירען בעקאנט צו ווערן. איך האָף, אז מיר וועלען זיין גוטע פריינד און וועלען אונז גוט אונטערהאלטען אויף אונזער לאנגער רייזע.

7טעם קאפּיטעל.

דער צערשטרייטער פּראפעסאר.

דער נאמען זשאק פאגאנעל האט געווירקט אויף אלעמען, וויא א דאָנערשלאָג. לאָרד גלענארוואן האט געלעזען אייניגע ווערק פון'ם געלערנטען פראנצויז. ליידי העלענא'ס פאטער האט איהר אָפט דערצעהלט פון איהם און האט איהם זעהר געליבט. זיא האט פּרובירט לעזען אייניגע פון זיינע ווערקע און האט זיי געמוזט אוועק לעגען. זיי זיינען געווען צו הויך געשריעבען. קאפּיטאן פאררא‍גוט האט אויך געהערט פון'ם פראנצויזישען פראפעסאר פאגאנעל. זיי האבען זיך פארגעשטעלט, אז פראפעסאר פאגאנעל איז א ריעז מיט הערנער און צום סוף האבען זיי געזעהן פאר זיך א זעהר קאמישע געשטאלט, וועלכע האט ניט אויפגעהערט צו רעדען און צו שמייכלען. דער פראנצויז איז איהם געלעגען אויפ'ן פנים. ער איז העפליך, פריינדליך און פרעהליך און דאך האט מען געמוזט לאכען, ווען מען האט איהם א געקוקט. זיין הוט האט זיין פעררוקט אין א זייט, זיין האלזטוך מיט א טהייערע דיאמאנטענע נאדעל איז געהאנגען אויפ'ן רוקען און פון אלע קעשענעס האבען ארויסגעשטעקט ביכער.

לאָרד גלענארוואן איז דאך געווען העכסט צופריעדען בעקאנט צו ווערן מיט אזא געלערנטען מענשען. ער האט איהם געגעבען ביידע הענד און האט איהם געזאגט

— זייט ווילקאָמען אויף מיין שיף!

דער פראָפעסאָר האט זיך העפליך פארנייגט און האט געדאנקט.

— יעצט, אז מיר זיינען שוין בעקאנט, האט לאָרד גלענארוואן געזאגט, וועט איהר מיר געוויס ערלויבען, הערר פראָפעססאָר, איך זאָל אייך שטעלען א פראגע.

— א פראגע? האט געזאגט דער פראָפעסאר, הונדערט פראגען! עס וועט מיר שטענדיג זיין א פערגניגען צו רעדען מיט'ן קאפּיטאן פון דער „סקאָטיא“.

— אלזא, קענט איהר מיר זאגען, ווען זייט איהר געקומען אויפ'ן שיף?

— נעכטען, דעם 24 אויגוסט אום 8 אוהר אבענדס. איך בין אנגעקומען שפּעט מיט'ן צוג קיין גלאזגא, האב גלייך גענומען א דראשקע און בין צו געפאהרען צום דאק. אזוי וויא מען האט מיר צו געשיקט מיין טיקעט קיין פאריז און מען האָט מיר געשריעבען, אז פאר מיר איז אנגעגרייט דיא קאיוטע נומער 6, בין איך גלייך געגאנגען זוכען

מיין קאַיוטע. איך האָב געוואָלט פרעגען איינעם פון דיא מאַטראָזען, וואו מיין קאַיוטע איז. אויפ'ן שיף זיינען אָבער געווען זעהר פיעל מענשען און וועמען איך האָב געפרעגט, האט קיינער ניט געוואוסט. איך בין געווען זעהר מיעד פון דער רייזע און בין דאהער אריינגעגאנגען אין א ליידיגע קאַיוטע און האב מיך געלעגט שלאפען. איך האב ריכטיג גערעכענט, אז איינער פון דיא שיפס דיענער וועט געוויס קומען מיך אויפוועקען און וועט מיר אנווייזען, וואו מיין קאַיוטע איז. וויא עס ווייזט אויס, האב איך זעהר לאנג געשלאפען. עס איז גאר קיין וואונדער ניט, איך בין שוין ניט געשלאפען זייט איך בין ארויס געפאָהרען פון פאריז — גאנצע זעקס און דרייסיג שטונדען.

יעצט האבען אלע אנוועזענדע פערשטאנען, ווי אזוי דער זאנדערבארער פאסאזשיר איז געקומען אויפ'ן „דונקאן" און פאר וואס ער האט גערופען דעם קאפיטאן באַרטאָן. אלע האבען עס שוין גוט פערשטאנען און האבען זיך געטראכט: וואס פאר א זויערע מינע וועט דער געלערנטער פראפעסאר מאכען, ווען ער וועט געוואָהר ווערן אויף וואס פאר א שיף ער געפינט זיך און וואוהין דיא שיף פאָהרט?

— אלזאָ, הערר פראָפעסאר, פאהרט איהר קיין קאלקוטא אין אינדיען? האט לאָרד גלענארוואן געפרעגט.

— געוויס! האט אויסגערופען דער געלערנטער. איך האב שוין לאנג געוואלט פאהרען קיין אינדיען, מיינע בעשעפטיגונגען אבער האבען עס מיר ניט ערלויבט. א פראָפעסאר פון אן אוניווערזיטעט איז צו געבונדען. ער קען ניט אוועקווארפען זיינע סטודענטען און פאהרען אויף רייזען. יעצט האט זיך מיר פארגעשטעלט א גוטע געלעגענהייט און איך בין גליקליך, וואס איך קען ענדליך פאהרען קיין אינדיען.

— איהר פאהרט אלס געלערנטער אויספארשען נייע געגענדען און נייע פעלקער, האט לאָרד גלענארוואן איהם ועזאגט. מיין איך, אז אייך וואָלט ניט געווען קיין גרויסער אונטערשיעד, ווען אנשטאט צו פאָהרען קיין אינדיען, זאָלט איהר פאהרען אין אַנדערע אונבעקאַנטע לענדער?

— אך, ניין, מילאָרד! זייט איך לעב האָט מיר געצויגען דאָס הארץ צו זיין אין אין אינדיען, אין דיעזען וואונדער לאַנד, וואוהין עס האבען זיך געצויגען אלע געלערנטע מענשען. איך האב געוואלט אויסשטודירען דיעזעס לאנד, זיינע פעלקער, זייערע געטער, זייערע שפראַכען, זייערע זיטען און זייערע אויפפיהרונגען. אינדיען איז געווען דער זיסעסטער טרוים פון מיין יוגענד. איך האָב שטענדיג געגאַרט צו זיין אין אינדיען. עס האָט מיך געקאָכט זעהר פיעל מיה, ביז עס איז מיר געלונגען, אז דיא פראנצייזישע געאָגראַפישע געזעלשאַפט זאָל מיך שיקען קיין אינדיען. ניין, לאָרד! איך וויל פאהרען קיין אינדיען און ניט אין אַנדערע געגענדען.

— עס זיינען דאך אָבער דאָ פיעלע אַנדערע לענדער, וועלכע זיינען אזוי אינטערעסאַנט פאַר אַ געלערנטען, וויא אינדיען.

— געוויס זיינען דאָ אזעלכע לענדער, איך האָב אָבער אן אויפטראַג פון'ם פאַריזער אוניווערסיטעט.

— אזוי? איהר האָט א ספּעציעלען אויפטראַג קיין אינדיען? האט לאָרד גלענארוואן געפרעגט.

— ניט נור אן אויפטראג, איך האָב א גאנצען פּלאַן אויסגעאַרבייט. איך וויל פאַהרען אויף דעם וועג, וואס דער בעריהמטער רייזענדער סען מארטען איז געפאַהרען. איך וויל אויסזוכען די״א עקספּעדיציאן פון דיא געלערנטע ברידער שלאגענוויט. דער טייך יאראַ־דשאנגבא־טשו, וועלכע פליעסט אין לאנד טהיבעט, איז נאָך זעהר ווייניג אויסגעפאַרשט. דיא געלערנטע וועב, האדסאָן, קאבעט און סען רעמי האבען פאַר־בירט איהם אויספאַרשען און איהם בעשרייבען, עס איז זיי אָבער ניט געלונגען. דיא ווילדע פעלקער אין יענע געגענדען האבען זיי ניט געלאָזט פאַהרען טיעף אין לאנד. דיא עקספּעדיציאָנען פון דיא אונגליקליכע וועב און קאבעט האבען זיך אויסגעלאָזט זעהר טרויעריג. זיי זיינען אומגעקומען אויפ׳ן וועג און מען ווייסט זאָגאר ניט, וואו זייערע ביינער זיינען אהין געקומען. נור דעם געלערנטען סען רעמי איז עס געלונגען צו קומען אויף דעם אָרט, וואו דער טייך יאראַ־דשאנגבא־טשו הייבט זיך אן. ער האט איהם גוט בעשריעבען און דיא וויסענשאפט וואָלט געקענט דערפון האָבען פיעל נוצען. ליידער, זיינען אויף איהם אנגעפאלען רויבער און האבען אוועק גערויבט ביי איהם אלעס, וואס ער האט געהאט, דיא הויפּט זאך אבער—זיינע נאטיץ ביכער.

ווען לארד סאמערסטער, דער וויצע קעניג פו אינדיען, וועט מיר בעהילפיג זיין, וועל איך קענען אויספאָרשען גאַנץ טהיבעט.

דער פּראָפעסאָר האט גערעדט מיט אזא פייער און מיט אזא ענטהוזיאזמוס, אז עס איז געווען אונמעגליך איהם צו אונטערברעכען. דער הייליגער פייער פון דער וואהרע וויסענשאפט האט געגלענצט אין זיינע אויגען. אלע אנוועזענדע האבען איהם בעטראכט מיט בעוואונדערונג. זיי האבען געזעהן, אז זיי האבען פאר זיך א גרויסען מאַן, אן אמת׳ען געלערנטען. אייניגע מינוטען האבען אלע געשוויעגען. קיינער האט ניט געוואגט זאגען דעם געלערנטען מאַן, וואס פאר א גרויסען טעות ער האט גע־האט. ענדליך האט איהם לארד גלענארוואן געזאגט.

— ליעבער פּראפעסאר פאגאנעל! איך בין פעסט איבערצייגט, אז ווען לארד סאמערסעט וועט אייך בעהילפליך זיין, וואלט איהר געוויס געמאכט גרויסע ענטדעקונ־גען. איך בין זיכער, אז איהר וואָלט אויסגעפונען נייע לענדער, נייע געגענדען און נייע פעלקער. ליידער, איז עס יעצט אונמעגליך. איהר מוזט אייך אָפּזאָגען פון אייער רייזע קיין קאלקוטא.

— מיך אָפּזאָגען פון מיין רייזע קיין קאלקוטא? וואס רעדט איהר, לארד? פאר וואס זאל איך עס טאָהן?

— ווייל מיר פאָהרען אין א גאנץ אנדערע געגענד. יעדע שטונדע ברענגט אייך אלץ ווייטער פון׳ם ציעל פון אייער רייזע.

— איך פארשטעה אייך ניט לאָרד. איך האָב דאך א טיקעט קיין קאלקוטא?

— איהר פאהרט אבער ניט קיין קאלקוטא, איהר פאָהרט אין זיד אמעריקא.

— וואס רעדט איהר? קאפּיטאן בארטאן! פאהרט דיא „סקאטיא" ניט קיין קאלקוטא?

— איך בין ניט קאפּיטאן בארטאן און דאס איז ניט דיא „סקאטיא", האט קאפּיטאן פאררארגוט געזאגט.

דער פּראָפעסאָר האט אנגעקוקט יעדען בעזונדער מיט שטוינען. ער האט עס זיך גאר ניט געקענט פארשטעלען, אז דאָס איז ניט דיא „סקאַטיא".

— איהר שפּאַסט מיט מיר, מיינע העררען, האט ער ענדליך געזאגט. איך האב אויך א מאל ליעב א שפּאס, נור ווען עס פּאסט. יעצט אבער פּאסט דער שפּאס גאר ניט.

קיינער האט איהם ניט געענטפערט. לאָרד גלענאַרוואַן און ליידי העלענא האַבען איהם זעהר בעדויערט. זיי האבען מיטלייד געהאַט מיט דעם ארימען פּראָפעסאָר, וועלכער האט געמאכט אזא גראָבען טעות און איז ארויפגעגאנגען אויפ'ן „דונקאַן" אנשטאט ארויפצוגעהן אויף דער „סקאַטיא". לאָרד גלענאַרוואַן איז דאָס ניט געווען קיין גרויס וואונדער. ער האַט געהערט ניט איין מאל, אז דער געלערנטער פּאגאנעל איז זעהר צערשטרייט. עס איז שוין ניט איינמאל פארגעקומען, אז ער איז געקומען אין אוניווערזיטעט אנגעטאהן אין א שלאָפראָק מיט א צילינדער הוט אויפ'ן קאָפּ. דיא סטודענטען פלעגען זיך אָפּט האלטען ביי דיא זייטען פאר געלעכטער, ווען ער פלעגט קומען האלטען זיין פאָרלעזונג, ווייל ער פלעגט זעהר אפט קומען זאנדערבאר אנגעטאהן. זיי האָבען איהם אָבער זעהר ליעב געהאַט, ווייל ער איז געווען ווירקליך א גרויסער געלערנטער און איז מיט לייב און זעעלע געווען ערגעבען דער וויסענשאַפט. לאָרד גלענאַרוואַן האָט איהם זעהר בעדויערט און האָט ניט געוואוסט, וואָס צו טהאן מיט איהם. קאַפּיטאַן פאַרראַגוט אָבער האט זיך ענטשלאָסען איין מאל פאר אלע מאל איהם צו ווייזען, אז ער איז פאַרקראָכען אויף א פרעמדע שיף. ער האָט איהם דאהער אַנגענומען ביי דער האנד און האָט איהם צו געפיהרט צום רעדעל.

— זעהט איהר פּראָפעסאָר? האט ער איהם געזאגט און האט איהם געוויזען אויפ'ן רעדעל, אויף וועלכען עס איז געשטאנען מיט גרויסע גאלדענע בוכשטאבען „ד ו נ ק א ן".—זעהט איהר, אז איך שפּאס ניט? איהר זייט ניט אויף דער „סקאַטיא", איהר זייט אויפ'ן „דונקאַן".

דער פּראָפעסאָר האט ארויפגערוקט זיינע בלויע ברילען אויף דער נאָז און האט זיך צוגעקוקט צום רעדעל.

— דיא „דונקאַן"! דיא „דונקאַן"! האט ער אויסגערופען, וויא א פערצווייפעלטער און איז אריינגעלאָפען אין א קאַיוטע.

דיא מאטראזען האבען ארויסגעלאזט א געלעכטער. קאפּיטאן פאַרראגוט האט געשמייכעלט, נור לאָרד גלענאַרוואַן און ליידי העלענא זיינען געבליעבען ערנסט. זיי האבען זעהר מיטלייד געהאַט מיט'ן צערשטרייטען פּראפעסאָר.

— וואס זאלען מיר יעצט טאהן מיט איהם? האט ליידי העלענא געפרעגט איהר מאן. מיר קענען איהם דאך ניט מיטנעהמען קיין פּאטאגאניען.

— פאר וואָס ניט? האט דער מאַיאָר געפרעגט. זיינען מיר דען שולדיג, וואס ער האָט א טעות געהאט? וויא אזוי וואָלט געווען, ווען ער וואָלט א טעות געהאט און ארויפגעגאנגען אויף א פרעמדען צוג אויפ'ן אייזענבאהן. וואלט מען דען פון זיינעט וועגען אויפגעהאלטען דעם צוג? מיר זיינען שוין א טאג אויף דער רייזע, זאלען מיר זיך יעצט אומקעהרען קיין גלאזגא און פערליערען דורך איהם צוויי טאג?

— איהר האָט ניט רעכט, מאַיאָר, האט לאָרד גלענאַרוואַן נעזאגט. אויף אַן אייזענבאהן איז עס אנדערש, דארט קען מען אויף יעדער סטאנציאָן ארויסגעהן און צוריק פאהרען, אויפ'ן מעער איז עס אנדערש. וואו קען ער דען ארויסגעהן?

— אויף דער ערשטער סטאנציאָן, וואוהין מיר וועלען צו פאהרען, אדער אויף דער ערשטער שיף, וועלכע מיר וועלען בעגעגענען.

אין דיעזע מינוט איז דער פּראָפעסאר ארויסגעקומען פון דער קאיוטע. ווען ער איז געוואהר געוואָרען, וואס פאר א טעות ער האָט געהאט, איז ער געלאָפען זעהן, אויב זיין באגאזש איז דאָ, ווייל ער האָט אין גלאזגא איבער געגעבען זיין באגאזש א מענשען און האָט איהם געהייסען ברענגען אויף דער „סקאָטיא". זעלבסט פערשטענדליך, אז ער האט זיין באגאזש ניט געפונען אויפ'ן „דונקאָן". ער איז ארויסגעגאנגען פון דער קאיוטע אין דער גרעסטער פערצווייפלונג.

— דיא „דונקאָן"! דיא „דונקאָן"! האט ער אויסגערופען איין מאל נאכ'ן אנדערן און איז ארומגעלאָפען אויפ'ן דעק וויא א וואהנזיניגער.

ענדליך, ווען ער האט זיך שוין גוט איבערצייגט, אז דאס איז ווירקליך גאר אנאנדער שיף, ניט דיא „סקאָטיא", איז ער צוגעגאנגען צו לאָרד גלענאַרוואַן און האָט איהם געפרעגט:

— אלזאָ, וואוהין געהט דיעזע שיף?

— קיין אמעריקא.

— אין וועלכען געגענד פון אמעריקא.

— אין זיד אמעריקא, קיין פאטאגאניען.

— קיין פאטאגאניען? האט ער אויסגערופען פערצווייפעלט און איך דארף דאך פאהרען קיין קאלקוטא אין אינדיען? וואס וועט זאגען דער פּראפעסאר קאטער־פאזש, דער פּרעזידענט פון דער פאריזער געאָגראפישע געזעלשאפט? וואס וועט זאָ־גען סען מארטען? וויא אזוי וועל איך קענען ווייזען מיינע אויגען פאר דיא געאגרא־פישע געזעלשאפט? —

— זייט ניט אזוי פערצווייפעלט, פּראָפעסאר פאגאנעל, האט איהם לאָרד גלע־נאַרוואַן אונטערבראָכען. דאס ערגסטע וואס עס קען זיין, איהר וועט פארליערען אייניגע צייט. נו, וואס איז אזעלכעס? אייער לאַנד טיבעט און אייער טייך יארו־דשאנגבא־טשו וועלען ניט אנטלויפען. זיי האבען צייט, זיי קענעןווארטען. ווען איהר וועט קומען צו זיי שפּעטער מיט א פּאר וואכען, וועט איהר זיי אויך געפינען אויף אָרט. אין אייניגע טעג ארום וועלען מיר צופאהרען צו דעם אינזעל מאדיירא, איהר וועט דארט אפּשטייגען און זיך זעצען אויף א שיף, וואס געהט קיין אייראָפּא, אָדער קיין אינדיען.

— איהר האט רעכט! האט אויסגערופען פאגאנעל פרעהליך. אין מאדייראַ געפינען זיך שטענדיג שיפען פון אלע געגענדען. דארט וועל איך קריעגען א שיף קיין אינדיען.

אבער דיא „סקאָטיא"? האט ער געזאגט אין א מינוט ארום. איך האב דאך א טיקעט אויף דער „סקאָטיא"? און איך וואָלט זעהר געוואָלט פאהרען אויף דער

„סקאָטיאַ“, ווייל איך בין בעקאנט מיט'ן קאפּיטאן בארטאן. איך קען פון איהם האבען געוויסע ערקונדיגונגען. ער איז אן אלטער מאטראָז און קען אלע אינזלען פון'ם אינדי־שען אָצעאן.

— פון דער „סקאָטיאַ“ האט איהר יעצט גאר ניט וואס צו רעדען, האט איהם לאָרד גלענארוואן געזאגט. דיא „סקאָטיאַ“ איז ארויסגעפאהרען מיט א פאר שטונדען פריהער פאר'ן „דונקאן“, זיא איז שוין יעצט געוויס זעהר ווייט. ווען איך זאל מיך שוין זאָגאר ענטשליעסען צו פאהרען יעצט צוריק קיין גלאזגא אום אייך צוריק צו פיהרען, וועט איהר דאך שוין אויך דיא „סקאָטיאַ“ ניט טרעפען. וואס איז אייך אלזא דער אונטערשיעד צו פאָהרען קיין גלאזגא אדער קיין מאַדיירא?

פּראָפעסאר פאגאנעל האט געטראכט אייניגע מינוט. ער האט איינגעזעהען, אז לאָרד גלענארוואן האט רעכט. ער האט שוין א מאל געמאכט א פעהלער, וועלכען ער קען ניט האפען צוריק.

— איך דאנק אייך, מילארד! האט עס געזאגט. ער העלפט ניט, עס מוז שוין אזוי זיין. איך מוז שוין פאהרען מיט אייך קיין מאַדייראָ.

ער האט זיך אומגעקוקט אין אלע זייטען און האט ערשט יעצט אנגעהויבען צו בעטראכטען דיא שיף, אויף וועלכע ער איז געקומען אויף אזא זאנדערבארע ארט. ער איז דאך געווען א געלערנטער און האט באלד דערקענט, אז ער געפינט זיך ניט אויף קיין פּאסאזשיר שיף.

— וויא איך זעה, איז דיא „דונקאן“ א פערגניגען שיף, האט ער ענדליך גע־זאגט. אלזא, צו וועמען געהערט זיא? ווער איז דער ווירט, ביי וועלכען איך בין אזוי אונגערן געוואָרען א גאסט?

— דיא שיף געהערט צו לאָרד גלענארוואן, האט דער קאפּיטאן פארראגוט געזאגט.

— און איהר זייט א ווילקאָמענער גאסט אויף מיין שיף, האט לאָרד גלענארוואן איהם געזאגט. איך דאנק דעם צופאל, וועלכער האט מיר געגעבען דיא געלעגענהייט צו האבען אויף מיין שיף דעם געלערנטען פאגאנעל אלס גאסט.

— טויזענד דאנק, מילארד פאר אייער פריינדליכקייט. אזוי וויא איהר זייט דער איינענטהימער פון'ם „דונקאן“ און מאכט א פערגניגונגס רייזע, קענט איהר דאך זאגען איין ווארט צו דעם מאן, וועלכער שטעהט ביים רודער, ער זאל אויסדרעהן דאס רעדעל און זאל אונז פיהרען קיין קאלקוטא. אינדיען איז זעהר א שעהנעס לאנד. דיעזע דאמען וועלען האבען פיעל מעהר פערגניגען צו זעהן אינדיען און די גרויסע שטעדט באָמביי, קאַלקוטאַ מאדראס, דשעלאבאד, דעלהי און סינגאפור, אלס צו זעהן דיא קליינע שטעדטלעך אין זיד אמעריקא. אך, וויא דאנקבאר וואלט איך אייך געווען, מילאָרד, ווען איהר זאלט הייסען אויסדרעהן דיא שיף און פאהרען קיין קאלקוטא! אייך מאכט עס ניט אויס און מיר וואלט עס געווען דיא גרעסטע געפעלינקייט. איך וואלט אייך אייביג דאנקבאר געווען. —

— העכר פּראָפעסאר, האט ליידי הילענא געזאגט, ווען אונזער רייזע וואלט געווען נור א פערגניגונגס רייזע, וואלט איך געווען דיא ערשטע, וועלכע וואלט אויסגע־

רופען; לאמיר אלע פאהרען קיין קאלקוטא מיט'ן געלערנטען פאגאנעל! מיר פאהרען יעצט אבער ניט צום פערגניגען. מיר האבען א שווערע אויפגאבע גענומען אויף זיך. מיר פאהרען רעטען אונגליקליכע מענשען, וועלכע האבען געליטען שיפברוך ניט ווייט פון פאטאגאניען. יעדע שטאדט איז טהייער, עס האנדעלט זיך אום מענשען לעבען.

לארד גלענארוואן האט יעצט דערצעהלט דעם געלערנטען דיא געשיכטע מיט דער פלאש, מיט דיא בריעף, מיט דער ענגלישען אדמיראליטעט און וואוהין זיי פאהרען. דער געלערנטער האט אלעס אויסגעהערט זעהר אויפמארקזאם. דאס שיקזאל פון'ם קאפיטאן גראנט מיט זיינע מאטראזען האט איהם שטארק פאראינטערעסירט. ווען ער האט דערהערט, אז ליידי העלענא האט דאס געמאכט דעם פארשלאג, אז זיי זאלען אויף זיי'ער אייגענער רעכענונג פאהרען זוכען דעם קאפיטאן גראנט מיט זיינע מאטראזען, האט ער זיך געווענדעט צו איהר מיט עכטע פראנצויזישע העפליכקייט און האט איהר געזאגט:

— מאדאם! ערלויבט מיר אייך אויסצודריקען מיין דאנק און מיינע בעוואונדערונג. איהר זייט א העלדין, מיט וועלכע ניט נור ענגלאנד, זאנדערן פראנקרייך וואלט געקענט שטאלץ זיין. איך פערלאנג יעצט נים, אז איהר זאלט צו ליעב מיר פערליערען איין שטונדע, פאהרט אייער וועג. איך ווינש אייך גליק אויף דער רייזע און גליק אין אייער אונטערנעהמונג.

— ווען איהר פיעללייכט אויך פאהרען מיט אונז? האט ליידי העלענא געפרעגט. איך וואלט מיך געשעצט גליקליך צו האבען אויף מיין שיף דעם געלערנטען פאגאנעל.

— עס טהוט מיר לייד, וואס איך קען עס נים. איך האב אן אויפטראג פון דער געאגראפישער געזעלשאפט אין פאריז און איך מוז אויספיהרען מיין אויפטראג. איך וועל אפשטייגען אויף דעם ערשטען לאנד, וואו איהר וועט צו פאהרען.

— דאס ערשטע לאנד, וואו מיר וועלען בלייבען שטעהן, איז דיא אינזעל מאדיירא, האט קאפיטאן פארראנגוט געזאגט.

— לאז זיין מאדיירא. פון מאדיירא קיין ליסאבאן, דיא הויפט שטאדט פון פארטוגאל, איז אין גאנצען 180 מייל. ווען איך וועל געפינען אין מאדיירא א שיף, וואס געהט קיין אינדיען, וועל איך מיך אויפזעצען אין מאדיירא; ווען אבער ניט, וועל איך פון מאדיירא אריינפאהרען קיין ליסאבאן, דארט וועל איך געוויס קריעגען א שיף קיין אינדיען.

— ווען איהר קענט ניט אנדערש, העלפט דאך ניט, האט לארד גלענארוואן געזאגט. איינסטוויילען וועט איהר מוזען אננעהמען מיין גאסטפריינדשאפט. איך וועל מיר געבען אלע מעגליכע מיה אום צו מאכען אייער אנוועזענהייט אויפ'ן „דונקאן“ אזוי אנגענעהם, וויא נור מעגליך. איך וועל הייסען איינריכטען פאר אייך א בעזונדערע קאיוטע און ווען אונזער געזעלשאפט וועט אייך ניט זיין צו לאנגווייליג, וועלען מיר אפט פלוידערן.

— אייער געזעלשאפט וועט מיר שטענדיג זיין אנגענעהם, האט דער פראפעסאר געזאגט. מיר, פראנצויזען, זיינען א געזעלשאפטליכעס פאלק. מיר האבען ליעב מענשען,

מיר מוזען זיין צווישען מענשען. אונזער איינציגער פעהלער איז, וואס מיר האבען ליעב זעהר פיעל צו רעדען. איהר, ענגלענדער, זייט שוין אבער צו גרויסע שווייגער. איהר קענט אוועק זיצען שטונדען לאנג, קוקען איינער אויפ'ן אנדערן און שווייגען. מען האט מיר דערצעהלט פון אייערן א לארד, אז ער איז אמאל געפאהרען אויף א שמאָלער בריק. איהם ענטגעגען איז אנגעקומען אנאנדער לארד. דיא בריק איז געוועזען אזוי שמאָל, אז עס איז געוועזען אונמעגליך,ביידע קארעטעס זאלען דורכפאהרען מיט א מאל. איינער האט געמוזט פאהרען צוריק און מאכען פלאץ פארן אנדערן. קיינער פוןביידען האט אבער ניט געוואלט פאהרען צוריק און אָפּטרעטען דעם אנדערן. ביידע זיינען געבליעבען שטעהן אין דער מיט בריק, האבען אנגעקוקט איינער דעם אנדער'ן און האבען געשוויעגען. ענדליך איז איינעם דאך מיאוס געווארען צו קוקען און צו שווייגען. ער האָט ארויסגענומען א צייטונג און האט אנגעהויבען צו לעזען. דער אנדערער האָט זיך פאר איהם פערנייגט און האָט איהם געזאָגט:

— ווען איהר וועט ענדיגען דיא צייטונג, וועט איהר זיין אזוי גוט און זי מיר געבען.

מיר פראנצויזען קענען עס ניט. מיר זיינען א לעבהאפטעס, ריהרעוודיגעס פאלק. אין אונזער קערפער איז דאָ א מין קוועק-זילבער. מיר מוזען זיך בעוועגען; מיר מוזען רעדען, געהן, לויפען, שרייען און עפּעס טאָהן. אזוי איז שוין אונזער כאראקטער. איך מיין דאהער, אז אין דיא פּאר טעג, וואָס איך וועל זיין אייער גאסט, וועל איך אייך פערקלינגען דיא אויערן מיט מיינע רעד. איהר מוזט מיר ענטשולדיגען, אזוי זיינען מיר שוין.

— אייערע פּלוידערייען, פּראָפעסאָר, וועלען מיר שטענדיג זיין אנגענעהם, האָט לאָרד גלענארוואן געזאָגט העפליך.

מען האָט באלד איינגעריכטעט א קאיוטע פארן גאסט, מען האט איהם געבראכט עסען און טרינקען. אין א קורצער צייט איז ער געוואָרען מיט אלעמען היימיש אויפ'ן שיף. ער האט געהאלטען ווארט. ער האט מיט יעדען גערעדט, יעדען דערצעהלט, וואוהין ער פאהרט און וואָס פאר א לענדער ער וויל אויספאָרשען. ער פלעגט זיך אפּט פערגעסען און מיינען, אז ער האלט א פארלעזונג פאר זיינע סטודענטען אין אוניווערזיטעט און פלעגט א מאל פרעגען אן איינפאכען מאטראָז, אויב ער ווייס עפּעס פון'ם טייך יארו-דשאנגבא-טשו?

דעם אנדערן טאג האט ער געבעטען לאָרד גלענארוואן, ער זאל איהם ווייזען דיא בריעף, וואָס ער האט געפונען אין דער פלאַש. לאָרד גלענארוואן האט זיי איהם גע־געבען. ער האט זיי אויסשטודירט א פאר שטונדען, האט געקוקט און געזוכט אין זיינע נאָטיץ ביכער און האָט ענדליך דערקלערט, אז אנדערש קען מען גאָר דיא בריעף ניט ערקלערן. באלד איז ער בעקאנט געוואָרען מיט קאפּיטאן גראנט'ס קינדער, ער האט זייביידען ליעב בעקומען, האט געזאָגט ראָבערטען, אז ווען ער וויל פאהרען מיט איהם קיין אינדיען, וועט ער פון איהם מאכען א גוטען סטודענט און א גרויסען גע־לערנטען. מערי גראנט האט ער פערזיכערט, אז זיא וועט באלד געפינען איהר פאָטער, ווייל זיי פאהרען אויפ'ן ריכטיגען וועג.

ווען ער איז געוואהר געווארען, אז ליידי העלענא'ס פאטער איז דער ענגלישער

נעלערנטער טורנעל, האט ער געטאַנצט פאַר פרייד און האָט איהר א קוש געטאָהן אין קאפּ. ער איז מיט איהר פאָטער זעהר גוט בעקאַנט, זיי זיינען דיא בעסטע פריינד און שרייבען זיך שטענדיג בריעף.

— טורנעל'ס טאָכטער! האט ער אויסגערופען איין מאל נאכ'ן אנדערן. איך האב דאס גליק צו פאהרען אויף איין שיף מיט מיין פריינד טורנעל'ס טאכטער. מיר זיינען געווען צוזאמען אויפ'ן געאָגראַפישען קאָנגרעס אין פעטערבורג אין 1852, מיר זיינען געווען צוזאמען אין בערלין אין 1854. מיר זיינען געשטאנען אין איין האָטעל און פלעגען פערברענגען טעג און נעכט צוזאמען.

8טעס קאפּיטעל.

דער פּראָפעסאָר ענדערט זיין בעשלוס.

פּראפעסאר פאַגאַנעל איז באלד געוואָרען בעקאַנט מיט אלעמען אויף דער שיף און אלע האבען איהם ליעב בעקומען. ער איז געווען נעגען אלעמען פריינדליך, האט מיט יעדען גערעדט פריי און אפענהערציג, וויא מיט זיין קאמעראד, האט מיט יעדען גע־שפאסט און עס האט איהם ניט געהארט, ווען א מאטראז פלעגט א מאל א שמייכעל טהאן איבער זיינע קליידונג אדער איבער זיינע אינסטרומענטען.

דאס וועטער איז געוועהן שעהן און דיא שיף איז געגאנגען שנעל איהר וועג. דען 30טען אויגוסט האט מען דערזעהן פון דער וויטען דיא שפּיצען פון דיא בערג אויף דער גרופע פון קליינע אינזלען, וועלכע הייסען צוזאמען מאדייראַ און געהערן צו פּארטוגאל. לארד גלענארוואן האט געהייסען דעם קאפּיטאן צו פאהרען צו דער הויפט אינזעל, אום דער געלערנטער פאַגאַנעל זאָל דארט אפּשטייגען.

— ליעבער פּראָפעסאָר, האט ער געזאגט, אין צוויא שטונדען ארום קומען מיר אן קיין מאדייראַ און איהר וועט קענען אָפּשטייגען און זוכען א שיף קיין אינדיען אדער קיין ליסאבאָן.

ע' האט ערוואַרטעט, אז פאַגאַנעל וועט זיך דערפרייען און וועט באלד לויפען צונויפנעמען זיינע זאכען. צו זיין פערוואונדערונג אָבער, האט איהם דער פּראפעסאר אויסגעהערט גאנץ גלייכגילטיג.

— לארד גלענארוואן, האט ער איהם נעזאגט, האט איהר געדערבענט שטעהן אין מאדייראַ, ווען איך זאל ניט געווען זיין ביי אייך אויף דער שיף?

— ניין, האט לארד גלענארוואן געענטפערט. איך האב אייך דערצעהלט דעם ציעל פון מיין רייזע און אז ביי מיר איז יעדער טאג טהייער.

— אלזאָ, ערלויבט מיר זיך צו בענוצען מיט מיין אירטהום און בלייבען נאך א פאר טעג אויף אייער שיף. דיא אינזעל מאדייראַ האט פאר מיר קיין שום אינטערעס נים, זיא איז שוין אלעמען בעקאַנט. זעהר פיעלע רייזענדע זיינען שוין געווען אויף איהר און האבען זיא בעשריעבען, וואס זאל איך טאָהן אין מאדייראַ?—איהר ווייסט דאך געוויס, מילאָרד, אז מאדייראַ איז אמאל געווען בעריהמט דורך איהרע טהייערע וויינען. מאדייראַ וויין איז דער בעסטער און דער טהייערסטער אין דער וועלט. אויף דיא וויין ביימלעך איז אבער אָנגעפאלען א גאנץ קליין פליעגעלע, וועלכע מען קען זעהן נור דורך א מיקראָסקאָפּ און וועלכע הייסט פילאָקסעריא Phylloxera דיעזער פליעג

עלע האט פערניכטעט אלע וויינגערטנער אין מאדיירא. שטעלט אייך פאר, אז אין 1813 האט דיא אינזעל מאדיירא ארויסגעגעבען 22 טויזענד פעסער וויין און אין 1845 האט זיא מעהר ניט ארויסגעגעבען וויא צוויא טויזענד זעקס הונדערט ניין און זעכציג פעסער וויין. איז עס ניט טרויעריג?—עס איז וואהר, אז אין מאדיירא איז דער קלימאט זעהר געזונד און זייט א געוויסע צייט האבען דיא דאקטוירים אנגעהויבען צו שיקען קיין מאדיירא מענשען, וועלכע ליידען אן ברוסטקראנקהייטען. אין מאדיירא איז זעהר ווארם, דער קעלטסטער טאג איז, וויא ביי אונז אין פאריז א שעהנער טאג אין מאי. אין מאדיירא וואקסט זעהר גוט קאפע, צוקערראהר, פייגען, טייטלען און אלע אנדערע פריכטע. דאס ווארט מאדיירא הייסט א וואלד אויף פארטוגעזיש. מען רופט דיא אינזעל מאדיירא, ווייל זיא איז בעדעקט מיט וועלדער.

וויא עס ווייזט אויס, האט ער געמיינט, אז ער איז אין אוניווערזיטעט און האלט א פארלעזונג איבער מאדיירא, ווייל פלוצלונג האט ער זיך געווענדעט צום פראוויאנט-מייסטער, אלבינעט, וועלכער איז געראדע געשטאנען לעבען איהם און האט איהם געפרעגט:

— וויאפיעל איינוואוינער געפינען זיך אין מאדיירא און אויף דיא אנדערע אינזלען ארום?

אלבינעט האט איהם אנגעקוקט און האט א שמייכעל געטאהן. ער האט זעהר גוט געוואוסט, וויאפיעל פונט פלייש עס דארף אוועק געהן איבערן טאג אויפ'ן „דונקאן", אבער וויאפיעל אייוואוינער עס זיינען דא אין מאדיירא, האט ער זיך גאר קיין מאל ניט אינטערעסירט צו וויסען.

— זעהט איהר? איהר ווייסט ניט. אין מאדיירא און אויף דיא אינזלען ארום געפינען זיך הונדערט אכצעהן טויזענד, זעקס הונדערט ניין איינוואהנער. אלע פארטוגיזען.

ער וואלט געוועזען אוועקגערעדט איבער מאדיירא נאך א פאר שטונדען, ווען לארד גלענארוואן זאל איהם ניט געוועזען אונטערברעכען.

— אלזא, פראפעסאר פאגאנעל, זאלען מיר ניט צופאהרען קיין מאדיירא? זאל איך הייסען דעם קאפיטאן ווייטער פאהרען?

דער פראפעסאר האט זיך אומגעקוקט. ער האט זיך ערשט דערמאנט, וואו ער איז און וואס מען פרעגט איהם.

— ניין, מילארד. וואס וועל איך טאהן אין מאדיירא, ווען איך וועל ניט געפינען אזוי שנעל א שיף? ניין! לאמיר בעסער פאהרען ווייטער. דיא קאנאריען אינזלען זיינען ניט ווייט. עס איז אין גאנצען א פאר טאג רייזע. איך מיין, אז איהר פאהרט אלענפאלס פארביי דיא קאנארישע אינזלען.

— געוויס! אונזער וועג קומט אויס לעבען דיא קאנארישע אינזלען, האט לארד גלענארוואן געענטפערט, און עס איז מיר קיין אונטערשיעד ניט זיך אפצושטעלען אין מאדיירא אדער לעבען דיא קאנארישע אינזלען.

— נו, זעהט איהר, מילארד, ביי אייך איז עס גאר קיין אונטערשיעד ניט, פאר מיר אבער איז עס זעהר וויכטיג צו זיין אויף דיא קאנארישע אינזלען. ערשטענס.

ווינען זיי נאָך ניט אזוי גוט בעקאַנט. זיי זיינען ווערטה, אז מען זאל זיי אביסעל אויסשטודירען. צווייטענס וויל איך זעהר זעהן דעם הויכען בערג „פיק דע טיידע״, Pic de Teyde, וועלכער געפינט זיך אויף דער אינזעל טענעריפא. איהר האט דאָך געוויס געהערט פון דיעזען מערקווירדיגען בערג און ווייסט געוויס, אז ווען דיא זוז געהט אונטער און אויף דער גאנצער אינזעל איז שוין גוט פינסטער, בעלייכטעט נאָך דיא זון דעם שפּיץ פון דעם פּיק דע טיידע און ער שיינט און לייכטעט, וויא א שעהנע, גרויסע לאַנטערנע בעלייכטעט א פינסטערען זאַל. דאס איז זעהר אינטערעסאַנט. איך האב עס שטענדיג געוואלט זעהן, איך האָב אָבער קיין געלעגענהייט ניט געהאט. יעצט וועל איך בענוצען דיא געלעגענהייט און וועל אויסשטודירען דיא קאַנאַרישע אינזלען, בעזאנדערס אבער דעם ״פּיק דע טיידע״.

— מיט פערגנינגען, ליעבער פראָפעסאָר, האט לארד גלענאַרוואַן געזאָגט און האט געגעבען א בעפעהל, אז דיא שיף זאל פאהרען ווייטער און זאָל זיך ניט אפּשטעל־לען אין מאדיירא.

דעם אנדערן טאָג געגען 4 אוהר נאָכמיטאָג איז דער פראָפעסאָר פּאגאַנעל און דער קאַפּיטאַן פּארראַגוט ארומגעגאַנגען אויפ׳ן דעק. דער פּראָפעסאָר האט איהם אנגעהויבען אויסצופרעגען, אויב ער איז שוין א מאָל געווען אין זיד אמעריקא, וואוהין זיי ווילען צו פאהרען אין פּאַטאַגאָניען און וויא לאַנג זיי דענקען דארט צו בלייבען. ער האט גערעדט אהן אן אויפהער, וויא זיין שטייגער איז געוועז, האט געפרעגט פראגען און האט זיי אליין פערענטפערט. פּלוצלונג איז איהם דער קאַפּיטאַן פּארראַגוט אריינ־געפאלען אין דיא רעד און האט איהם געוויעזען אויף א פּונקט אין זידען (דרום זייט).

— גיט נור א קוק, פּראָפעסאָר, דארט, אין יענע געגענד. זעהט איהר עפּעס?

— איך זעה גאר ניט.

— איהר זעהט גאר ניט ווייל איהר קוקט ניט, וואוהין מען דארף. קוקט ניט אונטער דיא וואלקען, זאנדערן איבער דיא וואלקען.

דער פּראָפעסאָר האט געקוקט אין אלע זייטען און האט גאר ניט געזעהן.

— מעגליך, אז איהר ווילט עס ניט זעהן, האט געזאגט קאַפּיטאַן פּארראַגוט מיט פערדרוס. זעהט נור דאָרט, וואו איך וויז אייך מיט דער האַנד. דארט, הויך איבער דיא וואָלקען שטעקט ארויס דער שפּיץ פון׳ם בערג פּיק דע טיידע אויף דער אינזעל טענעריפא. מיר זיינען יעצט ניט מעהר אלס פופציג מייל ווייט פון דער אינזעל און דער הימעל איז א ביסעל בעדעקט מיט וואָלקענס אין יענער געגענד, אָבער דעם בערג קען מען זעהן דייטליך, וויא ער איז פיעל העכער פון דיא וואלקענס.—נו? זעהט איהר איהם ענדליך?

— אה, יא! יעצט זעה איך איהם זעהר דייטליך, האט דער פראָפעסאָר גע־זאָגט. אט דאס איז דער בעריהמטער בערג פּיק דע טיידע, אדער פּיק דע טע־נעריפא? איך האב מיר איהם גאנץ אנדערש פארגעשטעלט. איך האב געמיינט, אז ער איז פיעל העכער.

— דאס איז מיר א וואונדער, פּראָפעסאָר. וואס הייסט, איהר האט געמיינט.

אז ער איז פיעל העכער? ווייסט איהר דען ניט, וויא הויך דער פיק דע טענעריפא איז?— איהר זאלט עס ניט וויסען? דאס קען ניט זיין!

— געוויס, ווייס איך! האט דער פראפעסאר אויסגערופען. דער פיק דע טענע־ריפא איז 11 טויזענד פוס דיא הויך. דער העכסטער בערג אין דער שווייץ, דער מאָן בלאַן איז 14 טויזענד פוס דיא הויך. דער מאָן בלאַן אבער ווייזט אויס פיעל העכער און פיעל גרעסער. ער מאכט אויך א בעסערן איינדרוק אויף א מענשען, וואס זעהט איהם צום ערשטען מאל.

— אבער פראָפעסאָר, איהר זעהט דאך איהם נור פון דער ווייטענס, פראבירט נור ארויפגעהן אויף איהם, וועט איהר שוין זעהן, וויא לייכט עס איז.

— ארויפקלעטערן אויפ׳ן פיק דע טענעריפא? ניין! צו וואָס זאָל איך עס טאהן, ווען דיא געלערנטע הומבאלד און באָנפלאַן זיינען שוין בעשטיגען דיזען בערג און האָבען איהם אזוי גוט בעשריעבען? האָט איהר געהערט פון אלכסנדר הומבאלט? דאס איז געווען א רייזענדער און א נאטורפאָרשער! — אין 1799 איז ער ארויפגעקלע־טע־ט ביז אויפ׳ן שפיץ פון פיק דע טענעריפא. ער בעשרייבט איהם מיט פאָלגענדע ווערטער:

„דער פיק דע טענעריפא האָט אין זיך אלע קלימאטען פון דער וועלט. מען „קען איהם איינטהיילען אין פינף טהיילען, אָדער פינף גארטלען. אונטען איז „גאנץ הייס און עס וואקסען אויף איהם וויינטרויבען און אנדערע פריכטע, וועלכע „וואקסען נור אין דיא גאנץ הייסע לענדער. דאן הייבט זיך אן א מעסיגערער קלי־„מאט: עס וואקסען לארבער ביימער און אנדערע פריכטע, וועלכע וואקסען אין „קעלטערע געגענדען. דאן קומט דאס קלימאט פון דיא קאלטע געגענדען, וויא „רוסלאנד און קאנאדא. עס וואקסען אויף איהם נור טאנען (סאָסנא) און פיכטען. „העכער וואקסען שוין גאר קיין בוימער ניט, אָדער דיא בוימער זיינען אזוי קליין, „אז מען קען זיי רעכענען פאר הויכע גראָזען. זיי זיינען צווערגע (קארליקעס). נאָך „העכער וואקסט אויף איהם גאר נישט. עס איז צו קאלט, עס זאָל דאָרט עפעס „וואקסען. דער בערג ענדיגט זיך מיט אזא שארפען שפּיץ, אז עס איז גאנץ „אויבען ניטאָ זאָגאר קיין אָרט, וואו זיך צו זעצען. ווען מען איז אָבער אויפ׳ן „שפּיץ בערג, קען מען זעהן אויף עטליכע הונדערט מייל ארום. דיא שעהנע „אויסזיכט, וואָס מען געווינט, ווען מען איז אויפ׳ן העכסטען פונקט, בעלוינט פאר „דער מיה, וואס מען האָט ארויפצוקלעטערן אזוי הויך“.

דער פיק דע טענעריפא איז א מאָל געווען א וואולקאַן, א בערג, וואס שפייט מיט פייער. היינט איז ער שטיל געוואָרען. ער איז אויסגעלאָשען געוואָרען. ווען הומבאָלדט איז געווען אויף איהם, האט ער זיך אראָפּגעלאָזען אין לאָך, פון וואַנען דאס פייער פלעגט א מאל ארויסגעהן, אדער קראטער, וויא דיא געלערנטע רופען עס. אין קראטער האָט ער געפונען נור אש און שוועפעל, אָבער אלעס פערקיהלט, פערגלי־ווערט — אויסגעלאָשען.

דער געלערנטער הומבאָלדט האט גענוג בעשריעבען דעם פיק דע טענעריפא.

ער האָט שוין פאר מיר גאָר ניט איבערגעלאָזען. צו וואָס זאל איך יעצט פאהרען קיין טענעריפא? וואָס וועל איך דאָרט ענטדעקען?

— איך מיין אויך, אז עס איז ניט גלייך פאר אייך, איהר זאָלט אָפּשטייגען אויף דיא קאנארישע אינזלען, האט קאפּיטאן פאררעגוט געזאגט. צו דיא קאנארישע אינזלען קומען זעלטען צו גרויסע שיפען און איהר וועט דארט מוזען זעהר לאנג ווארטען אויף א שיף.

— וואָס מיינט איהר, ליעבער קאפּיטאן, ווען איך זאל אפּשטייגען אויף דיא גרינע אינזלען, אדער וויא דיא שפאניער רופען זיי Insula de Cape Verde?

— געוויס קענט איהר עס טאהן, פּראָפעסאר, האט קאפּיטאן פאררעגוט געזאגט. איך קען אייך צופיהרען צו דער הויפט שטאדט פון דיא גרינע אינזלען, ווילא פּראיא.

— ווילא פּראיא איז א שעהנע שטאדט. האָט דער פּראָפעסאר געזאגט, אויסער דעם ליעגען דיא גרינע אינזלען ניט וויים פון וועסט אפריקא. פון ווילא פּראיא וועל איך קענען פאהרען זעהר לייכט קיין סענעגאל, א לאנד אין וועסט אפריקא, וועלכעס געהערט צו פראנקרייך. אין סענעגאל וועל איך זיין צווישען לאנדסלייט, צווישען פראנצויזען, מענשען, וואס קענען מיך, און דער גובערנאטאר פון סענעגאל וועט מיר געוויס פארהעלפען צו פאהרען קיין קאלקוטא. ווען איך וועל אידם ווייזען דיא בריעף, וועלכע איך האב פון אונזער קייזער, נאפאלעאן III, וועט ער מיר זאגאר געבען א שיף, וועלכע געהערט דער רעגיערונג.

— מיר מוזען אלענפאלס צופאהרען צו דיא גרינע אינזלען, האט קאפּיטאן פאררעגוט געזאגט, וויל לארד גלענארוואן האט דארט בעשטעלט שטיין קוילען פארן „דונקאן" און מיר וועלען קיין צייט ניט פערליערען דורך אייך.

— נו, און פאר דיא וויסענשאפט אינטערעסירט איהר זיך גאר ניט? האט דער פּראָפעסאר געפרעגט. זייט איהר א מאל געוועזן אויף דיא גרינע אינזלען? האט איהר א מאל אויסשטודירט דיא גרינע אינזלען? איך פארשטעה ניט, וויא אזוי פאהרען עס מענשען ארום אויפ'ן מעער מיט פערבונדענע אויגען? איהר פאהרט צו דיא גרינע אינזלען און האט גאר אין זינען קוילען?

וויא עס וויזט אוים האט דער פּראָפעסאר ווידער א מאל געמיינט, אז ער רעדט צו איינעם פון זיינע סטודענטען און ניט צו א קאפּיטאן פון א שיף. קאפּיטאן פאררעגוט האט איהם באלד אויפמערקזאם געמאכט אויף זיין פעהלער.

— ליעבער פּראָפעסאר, האט ער איהם געזאגט, פאר דיא וויסענשאפט זארגען זיך מענשען, וויא אלכסנדר פאן הומבאלדט, באָנפּלאן און איהר. מיר איינפאכע מענשען זיצען אין דערהיים און לעזען אייערע ווערק מיט פערגניגען. — אלזא, לאמיר יעצט אוועקלעגען דיא וויסענשאפט אין א זייט. זאגט מיר אייער ענטשלוס. ווילט איהר אויסשטייגען אויף דיא קאנארישע אינזלען אדער אויף דיא גרינע אינזלען? איך מוז עס וויסען, איך מוז דאך געבען מיינע בעפעהלע מיינע מאטראזען.

— איך האב אייך שוין געזאגט. איך וועל אויסשטייגען אויף דיא גרינע אינזלען אין ווילא פּראיא.

(So. Am., 4).

קאפיטאן פארראגוט האט געהייסען דעם שטייערמאן פאהרען גלייך און זיך ניט אוועק קעהרען אן א זייט צו דער אינזעל טענעריפא, וויא ער האט איהם געהייסען היינט אין דער פריה.

דיא שיף איז געגאנגען ווייטער איהר וועג. דעם 2טען סעפטעמבער האט זיך דאס וועטער געענדערט. דער הימעל האט זיך בעדעקט מיט וואלקענס און עס האט אנגעהויבען שטארק צו רעגענען. זיי זיינען געפאהרען אין וועסט זייט פון אפריקא. ענדע אויגוסט הייבט זיך אן אין יענע געגענדען דער ווינטער, אבער ניט אזא ווינטער וויא ביי אונז מיט שנעע, מיט ווינטען און מיט פרעסט. פון אזא ווינטער ווייסט מען דארט ניט—עס הייבט אן צו רעגענען, דאס הייסט אין אפריקא ווינטער. טאג טעג־ ליך ווערט דער הימעל בעדעקט מיט וואלקען און עס רעגענט. א מאל רעגענט עס אוועק עטליכע טעג נאכאנאנד; א מאל רעגענט עס נור איניגע שטונדען אין טאג, אבער רעגענען מוז עס יעדען טאג. דיא אפריקאנער נעגערן רופען דיא רעגען צייט: „מאזיקא" — וואסער. דערפאר האבען עס דיא שפאניער, וועלכע וואינען אין יענע גע־ גענדען א נאמען געגעבען Le tempo des aguas דיא צייט פון דיא וואסערן.

פאר רייזענדע איז דיא רעגענצייט זעהר אונאנגענעהם, פאר דיא איינוואוינער פון אפריקא אבער איז זיא נויטהווענדיג. אין דעם הייסען ברענענדיגען זומער געהט גאר קיין רעגען ניט. דיא ערד ווערט פערברענט, פערדארט און הארט וויא א שטיין, אז קיין זאך קען אויף איהר ניט וואקסען אין דער רעגען צייט, אדער אין אפריקא־ נישען ווינטער, הייבט וויעדער אן אלעס גרין צו ווערן, אלעס צו בליהען און אלעס צו וואקסען. דאמאלס פערזייעט דער אפריקאנער זיינע פעלדער און גרייט זיך אן עסען אויף דיא הייסע צייט. דיא רעגען צייט איז אין יענע געגענדען צווייא מאהל אין יאהר: אין סעפטעמבער און אין אפריל.

אונזערע רייזענדע זיינען געראדע געקומען אין דער רעגען צייט פון סעפטעמבער און זיינען געווען זעהר ניט צופריעדען מיט'ן רעגען. עס איז געווען אונמעגליך ארוים־ צוגעהן אויפ'ן דעק פונ'ם שיף. מען האט געמוזט זיצען א גאנצען טאג פערשפארט אין דער קאיוטע. לארד גלענארוואן און ליידי העלענא זיינען יעצט געווען העכסט צו־ פריעדען, וואס פאגאנעל איז געווען ביי זיי אויפ'ן שיף. ער איז געזעסען מיט זיי א גאנצען טאג אין דער קאיוטע און האט גערעדט איבער געאגראפיע און אנדערע וויסענ־ שאפטען.

דיא שיף איז אונטערדעסען געגאנגען איהר וועג און דעם 4טען סעפטעמבער איז זיא שוין געשוואומען צווישען דיא גרינע אינזלען. זיא איז פארביי געגאנגען דיא קליינע אינזעל, סאל און דער קאפיטאן האט עס זאגאר ניט געמעלדעט, ניט לארד גלענארוואן, ניט דעם פראפעסאר, ווייל דיא גאנצע אינזעל איז בעדעקט מיט געזאל־ צענעם זאמד און עס וואקסט אויף איהר גאר נישט. קיינער וואוינט אויף איהר ניט, זאגאר דיא פויגעל אנטלויפען פון איהר, ווייל דער זאמד איז שטארק געזאלצען און, ווען זיי זעצען זיך אויפ'ן זאמד, הייבט עס זיי אן צו עסען.

דער קאפיטאן האט זיי געמעלדעט ערשט, ווען זיי זיינען פארביי געפאהרען דיא אינזעל סען זשאק, ווייל דיא גאנצע אינזעל איז בעדעקט מיט בערג, וועלכע זיינען

בעדעקט מיט גרינע גראז, אז עס איז א פערגניגען אנצוקוקען. מעגליך, אז דער פאר האט מען דיזע גרופע אינזלען א נאמען געגעבען די גרינע אינזלען. אין אנאנדער צייט וואלט לארד גלענארוואן און ליידי העלענא געוויס ארויסגעגאנגען אויפ'ן דעק בעטראכטען די שעהנע גרינע אינזלען. יעצט אבער האט עס שטארק גערעגענט און זיי האבען געמוזט בלייבען אין זייער קאיוטע.

ווען דער פראפעסאר האט דערהערט, אז זיי פאהרען צווישען די גרינע אינזלען האט ער אנגעהויבען צונויפצונעהמען זיינע זאכען און זיי צונויפצופאקען. דאס איז געווען קיין לייכטע ארבייט פאר איהם. אין די עטליכע טעג, וואס ער איז געווען אויפ'ן שיף, האט ער אזוי צו ווארפען זיינע ביכער און זיינע אינסטרומענטען, אז עס איז ווירקליך שווער געווען, זיי צונויפצונעהמען.

דעם 5טען סעפטעמבער אין דער פריה האט דער קאפיטאן געמעלדעט, אז די „דונקאן" איז שוין אריינגעפאהרען אין פארט פון ווילא פראיא און אין א שטונדע וועט זי שוין שטעהן לעבען דאק.

דאס וועטער איז געווען שרעקליך. עס האט גענאסען עמערוויס. א שטארקער ווינד האט געבלאזען און האט אויפגעהויבען בערג הויכע וועלען (כוואליעס). נור מיט שווערע מיה איז עס געלונגען דעם קאפיטאן אריינצופיהרען די שיף אין פארט און זי גליקליך צו ברענגען צום דאק.

וויא עס האט גענאסען און וויא שטארק דאס מעער האט גערוישט און געקאכט, איז דאך לארד גלענארוואן און ליידי העלענא ארויסגעגאנגען אויפ'ן דעק. זיי האבען געוואלט אנקוקען די שטאדט ווילא פראיא און בעטראכטען א ביסעל די אינזעל. עס איז אבער געווען אונמעגליך עפעס צו זעהן, דער רעגען איז געגאנגען אזוי געדיכט, אז ער האט פערדעקט די שטאדט מיט דער אינזעל, וויא מיט א שלייער. זיי האבען געמוזט באלד צוריקגעהן אין דער קאיוטע. דער פראפעסאר איז אויך ארויסגעגאנגען אויפ'ן דעק און איז אויך באלד צוריק געלאפען אין דער קאיוטע, דורכגענעצט ביז אין העמד.

— נו? וואס זאגט איהר יעצט, פראפעסאר? האט איהם לארד גלענארוואן געפרעגט. אלעס איז געגען אייך, זאגאר דער רעגען און דער ווינד האבען זיך פערשווארען געגען אייך: זיי לאזען אייך ניט אפשטייגען אין ווילא פראיא.

— איך וועל דאך מוזען אויסשטייגען, האט פאגאנעל געזאגט לאנגזאם און אונגערן.

— אבער וויא קענט איהר אויסשטייגען אין אזא שרעקליכען רעגען? האט ליידי העלענא געפרעגט.

— מיך וואלט גאר ניט געהארט — וועל איך א ביסעל פארעגענט ווערן, איך האב נור מורא פאר מיינע ביכער און מיינע אינסטרומענטען. זיי קענען אין גאנצען פערדארבען ווערן און צו גרונדע געהן. וואס וועל איך טאהן אהן מיינע ביכער און אהן מיינע אינסטרומענטען?

פאגאנעל איז ארומגעגאנגען אין דער קאיוטע אהין אהער, וויא א פערצווייפעלטער. לארד גלענארוואן האט איהם נאך געשאטען זאלץ אויף די וואונדען:

— און ווען איהר וועט שוין שיצען אייערע ביכער און אייערע אינסטרומענטען, זיי זאלען ניט פערנעצט ווערן, וואס וועט איהר טאהן מיט זיי אין ווילא פראיא? קיין האטעלס און קיין גאסט הייזער זיינען דארט ניטא. איהר וועט זיך מוזען איינבעטען ביי איינעם פון דיא איינוואוינער, ער זאל אייך אויפנעהמען אויף קוואטיר און איהר וועט מוזען שלאפען צוזאמען מיט דיא אפען (מאנקעס) און מיט דיא שווינע. אין ווילא פראיא איז נאך ניט איינגעפיהרט, אז יעדער מענש זאל האבען א בעזונדער צימער און א בעזונדער בעט. דא לעבען נאך דיא מענשען, וויא אין דיא גוטע אלטע צייטען איז געוועזן דיא מאדע. דער מאן, דיא פרוי, דיא קינדער, דיא קעלבלעך, דיא שווינע און דיא אפען עסען צוזאמען, טרינקען צוזאמען, און שלאפען צוזאמען. דיא אפען זיינען א נייגיעריגעס פאלק, זיי וועלען געווים וועלען פראבירען אייערע ביכער און אייערע אינסטרומענטען. זיי וועלען אויך האבען גענוג צייט דערצו, ווייל איהר וועט מוזען ווארטען צווייא־דרייא מאנאט, ביז א שיף וועט אנקומען.

— צווייא — דריי מאנאט? האט אויסגעשריען דער פראפעסאר. וואס רעדט איהר?

— איהר זייט טאקע א גרויסער געלערנטער, האט לארד גלענארוואן געזאגט רוהיג, איך ווייס אבער וואס איך רעד. דיא רעגען צייט האט זיך יעצט ערשט אנגע- הויבען. זיא געדויערט צווייא—דרייא מאנאטע. אין דיעזע צייט קומען קיין גרויסע שיפען צו דיא גרינע אינזלען. דאס מעער איז זעהר שטירמיש, אין פיעלע ערטער איז עס ניט טיעף און דיא גרויסע שיפען האבען מורא צו קומען א הער.

— נו, וואס הארט עס אייך, פראפעסאר? האט ליידי העלענא געהאלפען איהר מאן. איהר וועט אייער צייט ניט פערליערן אומזיסט, איהר וועט דערווייל אויספאר- שען דיא גרינע אינזלען. איך געדענק, מיין פאטער האט מיר געזאגט, אז דיעזע גרופע אינזלען איז נאך זעהר ווענינ בעקאנט. כמעט אלע שיפען, וואס פאהרען פון ענגלאנד קיין זיד אמעריקא, פאהרען פארביי דיא גרינע אינזלען און דאך האט זיך נאך ניט געפונען קיין געלערנטער, וועלכער זאל זיי אויספארשען. פאר וואס זאלט איהר ניט זיין דער געלערנטער, הערר פראפעסאר, וועלכער זאל זיך געבען דיא מיה אויסצושטודירען דיעזע גרופע אינזלען?

— וואס זאל איך דא שטודירען? האט אויסגערופען דער פראפעסאר פער- צווייפעלט. אויף דיעזע אינזלען איז ניטא קיין אינטערעסאנטע זאכען.

— איהר קענט אויספארשען דיא גרויסע טייכען, האט לארד גלענארוואן געזאגט.

— וואס פאר א טייכען? אויף דיעזע אינזלען זיינען דא גאנץ קליינע טייכלעך, וועלכע ווערן אום ,זער אין גאנצען אויסגעטריקענט.

— נו, קענט איהר אויסשטודירען דיא וועלדער, האט לארד גלענארוואן ווייטער געזאגט.

— וואס פאר א וועלדער? עס קען דאך ניט זיין קיין וועלדער אהן בוימער? אויף דיעזע אינזלען געפינט זיך ניט א י י ן בוים!

— א שעהן שטיק לאנד! — האט געזאגט דער מאיאר — און וועלכען עס זיינען ניטא ניט קיין טייכען, ניט קיין בוימער. וואס דען איז דא?

— עס זיינען דאָ בערג, האָט לאָרד גלענאַרוואַן ווייטער געזאָגט און אונזער פּראָפעסאָר וועט אויסשטודירען דיא בערג.

— וואס פאַר בערג? האָט געשריען דער פּראָפעסאָר. בערגלעך! קליינע בערג־לעך, מעהר איז דאָ ניטאָ. דערצו נאָך האָט זיי שוין איינער בעשריעבען פריהער פאַר מיר.

— ווער האָט זיי ביי אייך אויסגעכאַפּט?

— דער געלערנטער געאָלאָג, סענט־קלער־דעוויל.

— דאס קען ניט זיין!

— ליידער, איז עס אָבער יאָ אזוי. דיא פראנצויזישע רעגיערונג האָט אין 1856 ארויסגעשיקט דעם געלערנטען סענט־קלער־דעוויל אויף דער פראנצויזישער שיף „דעסידע". ער האָט אויסגעפּאַרשט אַלע אינזלען און האָט זיי בעשריעבען. ער האָט אויסגעפּאָרשט דעם איינציגען אינטערעסאנטען בערג אויף דער אינזעל פּאָגאָ, ווייל ער ער איז אַ וואולקאַן, ער שפּייט מיט פייער, און האָט אזוי בעשריעבען, אז איך האָב שוין גאָר ניט וואס צו טאָהן.

— אלזא, וואס וועט איהר טאָהן דא, העררר פּראָפעסאָר? האָט ליידי העלענא געפרעגט.

פּאַגאַנעל האָט אַראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ אויף דיא ברוסט און האָט געשוויעגען. ער איז געוועזן אין אַ פערצווייפלונג. ער האָט ווירקליך ניט געוואוסט וואָס צו טאָהן. ענדליך איז ער צוגעגאַנגען צו לאָרד גלענאַרוואַן און האָט איהם געפרעגט:

— וואו דענקט איהר זיך אָפּצושטעלען, ווען איהר וועט אוועקפאָהרען פון דיא גרינע אינזלען?

— אין דער שטאָדט קאָנסעפּסיאָן אין זיד אמעריקא.

— דאס איז דאָך אָבער זעהר ווייט פון אינדיען

— איך ווייס ניט, האָט לאָרד גלענאַרוואַן געזאָגט. איהר האָט געוואָלט פאָה־רען קיין אינדיען. וואס איז אייך דער אונטערשיעד, אויב איהר פאָהרט קיין אָסט אינ־דיען אדער קיין וועסט אינדיען?

— אָסט אינדיען איז אַ גרויס לאַנד אין אזיען און וועסט אינדיען זיינען אייניגע אינזלען אין אַמעריקאַ. אַלזאָ, וואס פרעגט איהר, וואס פאַר אַן אונטערשיעד עס איז? עס איז דאָך אַ גרויסער אונטערשיעד!

— איך פאַרשטעה דאָך ניט, האָט לאָרד גלענאַרוואַן ווייטער געזאָגט. איהר זייט אַ געלערנטער און פאָהרט אויספאָרשען דיא פעלקער פון אינדיען. וואס איז אייך דער אונטערשיעד, ווען איהר וועט קומען קיין פּאַטאַגאָניען און וועט אויספאָרשען דיא פעלקער פון פּאַטאַגאַניען? זיי הייסען דאָך אויך אינדיאַנער. איך מיין, אז דיא אינדי־אנער אין פּאַטאַגאַניען זיינען אַזוי אינטערעסאַנט פאַר דער וויסענשאַפט, וויא דיא אינדיאַנער פון פּענדשאב.

(פּענדשאב איז אַ לאַנד אין אָסט אינדיען. עס הייסט פּענדשאב, ווייל אין דיזען לאַנד שטרעמען פינף טייכען).

דער פּראָפעסאָר האָט געטראַכט אייניגע מינוט און האָט זיך געווענדעט צו לאָרד גלענאַרוואַן.

— איהר האט פיעללייכט רעכט, מילארד. עס איז מיר קיין מאל ניט איינגעפאלען, אז פאטאגאניען איז נאך זעהר וועניג אויסגעפארשט. איבער פאטאגאניען האט מען דער ווייל אזוי וועניג געשריעבען, אז איך קען ווירקליך דא זעהר פיעל ענטדעקען און אויספארשען —

— און בעקומען דיא גאלדענע מעדאילע, וועלכע דיא ענגלישע געאגראפישע געזעלשאפט האט צו געזאגט פאר דאס בעסטע ווערק איבער פאטאגאניען, איז איהם לארד גלענארוואן ארייגעפאלען אין די רעד.

— אבער מיין אויפטראג? איך וויל דאך אויספארשען דעם יארו-דשאנגבא-טשו?

— נו, וועט איהר אויספארשען דעם טייך גאלענאָס אין פאטאגאניען. ער איז אויך זעהר וועניג בעקאַנט.

אין דיעזע צייט איז לײדי העלענא צו געגאנגען צו איהם און האט איהם געזאגט פריינדליך און מיט א ביטענדע שטימע:

— קומט, פראָפעסאָר! פאָהרט מיט אונז קיין פאטאגאניען! איך וויל אייך זעהר האָבען אויף מיין שיף. פאָהרט מיט אונז!

וויא צערשטרייעט דער פראָפעסאָר איז געוועזן; וויא פערטיעפט אין זיין וויסענ-שאפט ער איז געוועזן, האָט דאָך דיא פריינדליכע, ביטענדע שטימע פון לײדי העלענא און איהרע ווערטער, וועלכע זיינען ארויס פון גאנצען הארצען געמאכט א שטאר-קען איינדרוק אויפ'ן פראָפעסאָר. ער איז געוועזן געריהרט.

אזוי זיינען שוין דיא מענער. זיי מעגען זיין ווילד און גראָב, זיי מעגען זיין וויא פערטיעפט אין זייערע געדאנקען, דיא ווייבע, ביטענדע שטימע פון א שעהנע פרוי ווירקט אויף זיי, וויא א צויבער.

— מאדאם... , האט דער פראָפעסאָר געשטאמעלט. איך האָב דאָך אָבער.... אַן אויפטראג....

— ליעבער פראָפעסאָר האָט לײדי העלענא געזאָגט לעבהאפט, דער צופאַל האָט אונז געבראַכט דיא בריעף פון'ם אומגליקליכען קאפיטאַן גראַנט; דער צופאל האט אונז געפיהרט אויף דיעזע רייזע; דער זעלבער צופאָל האט אייך געבראַכט אויף אונז-ער שיף. וויא עס ווייזט אויס, וויל דער צופאָל, אז מיר זאלען צוזאמען פאָהרען. פאָהרט מיט אונז, פראָפעסאָר, פערלאָזט אונז ניט!

— איך ווייס ווירקליך ניט.... וואס איך זאל אייך זאגען.... יא, אדער ניין.... עס וועט אייך פיעללייכט זיין אונבעקוועם.... איך וועל אייך שטערן....

— מיר ווילען אלע, איהר זאלט בלייבען ביי אונז, איהר וועט אונז גאר ניט שטערן, האט ענדליך לאָרד גלענארוואן געזאגט ערנסט. בלייבט, פראָפעסאָר, און פאהרט מיט אונז,

ער האט איהם דערלאנגט דיא האנד. דער פראָפעסאָר האט זיא גענומען און האט זיא געדריקט.

9טעם קאפיטעל.

דיא מאגעללעהאנס שטראסע.

אלע זיינען געוועזען העכסט דערפרייט און צופריעדען, ווען זיי האבען דערהערט אז דער פראפעסאר פאגאנעל האט זיך ענטשלאָסען צו בלייבען אויפ'ן „דונקאן" און צו פאָהרען מיט זיי זוכען דעם קאפיטאן גראנט. דער קליינער ראָבערט גראנט איז איהם ארויפגעשפרונגען אויפ'ן האלז און האט איהם אנגעהויבען צו קושען. פאגאנעל האט זיך קוים אויסגעריסען פון איהם.

— אלזא, דו ווילסט לערנען געאָגראפיע, דו נאררישער קליינער מאן? נון, גוט! איך וועל דיך לערנען געאָגראפיע, אסטראָנאָמיע, עטהנאָלאָגיע און אנטראָפּאָלאָגיע. איך וועל מאכען פון דיר א גרויסען געלערנטען. לערן נור פלייסיג, וועל איך דיך אויפ־נעהמען אין דער אוניווערזיטעט אין פאריז.

באלד איז דער „דונקאן" אוועקגעפאָהרען פון ווילא פראיא און פון דיא גרינע אינזלען און איז געפאהרען זיין וועג קיין זיד אמעריקא. וואָס ווייטער זיא איז אוועק־געפאהרען פון אפריקא, איז דאס וועטער געוואָרען אלץ שעהנער. דער רעגען האָט אויפגעהערט, דער הימעל איז ווידער געוואָרען קלאָר און העלל. אלע האָבען ווידער פערבראכט דעם גאנצען טאָג אויפ'ן דעק. דער פראָפעסאָר פלעגט רעדען און ערקלע־רען אלעס וואס זיי האָבען באגעגענט אויפ'ן וועג. אלע זיינען געוועזען פרעהליך און גליק־ליך. נור איין מענש אויפ'ן שיף איז ניט געוועזען צופריעדען מיט'ן פראָפעסאָר. דאס איז געוועזען דער פראָוויאנטמייסטער אלבינעט.

ווען ער פלעגט קומען אין עס־זאל גרייטען צו טיש, פלעגט ער געפינען דעם טיש פארלעגט מיט ביכער, לאנדקארטען און אינסטרומענטען. פלעגט ער זיי וועלען אראפ־נעהמען און גרייטען צו טיש, פלעגט דער פראָפעסאָר שרייען, זיך בייזערן און איהם רופען, א שלעכטער שילער. איין מאָל זאָגאר האט פאגאנעל איהם געזאָגט פעסט און ענטשלאָסען, אז ער וועט איהם שטעלען א שלעכטע מארקע און וועט איהם ניט דורכ־לאָזען אויפ'ן עקזאמען. אלבינעט האָט זיך צוואָר זעהר וועניג געקימערט פאר'ן עקזאמען; ער האט זאגאר געהאט זעהר וועניג לוסט צו האלטען עקזאמען אין פאריזער אוניווער־זיטעט. ער האט בעסער געוואָלט, אז דער טיש זאָל זיין געגרייט אין דער צייט און מען זאָל עסען אין דער צייט און ער וואָלט ניט געוועזען געהערט דעם פראָפעסאָר, אבער ליידי העלענא און בעזאָנדערס דער קליינער ראָבערט פלעגען שטענדיג האלטען פאר'ן פראָפעסאָר און פלעגען איהם געבען גערעכט יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט זיך קריגען מיט אלבינעט'ן. דאגעגען פלעגט דער מאיאָר רידשארדסאָן האלטען מיט'ן פראָוויאנט־מייסטער.

— דיא געאָגראפיע (ערד־בעשרייבונג) איז א גרויסע וויסענשאפט, פלעגט דער מאיאָר זאגען, אבער צו עסען קומט זיא דאך ניט. ווען איך בין הונגעריג, וועל איך אוועקגעבען הונדערט לאנדקארטען פאר א גוטען סטייק.

דער קריעג צווישען דעם פראָפעסאָר און דעם פראָוויאנטמייסטער איז געוואָרען נאך גרעסער, ווען דער פראָפעסאָר האָט דערשמעקט, אז לאָרד גלענארוואן האט מיט

געקומען אויפ'ן שיף זעהר פיעל ביכער, כמעט זיין גאנצע ביבליאָטהעק. פון פון יענעם טאג אן, וואס ער איז געוואהר געווארען פון דיא ביכער, איז ווירקליך ניט געווען פון איהם אויסצוהאלטען. מען האט געפונען ביכער אויף דיא טישען, אויף דיא בעטען, אין דיא קאסטענס, אין דיא קאיוטען פון דיא מאטראָזען און זאָגאר אין קיך. עס האט גערעגענט מיט ביכער. אלבינעט האט געדארפט האלטען דיא שיף אין ארדנונג, אלעס אויפראמען, אלעס לעגען אויף זיין אָרט און זעהן, אז קיין זאך זאָל זיך ניט וואלגערן. מען קען זיך דענקען זיין פערצווייפלונג, ווען ער האָט, דאכט זיך, אלעס אויפגעראמט און אלעס געבראכט אין ארדנונג און פלוצלונג האט ער ווידער געפונען אומעדום ביכער און לאנד קארטען.

צום גליק, האט עס מערי גראנט בעמערקט און זיא פלעגט נאכגעהן דעם פראָפעסאר און צונעהמען דיא ביכער, וועלכע ער האט צוואווארפען. זייט דער פראָפעסאר איז געקומען אויפ'ן „דונקאן" און האט זיך בעקאנט מיט מערי גראנט, איז צווישען זיי ענטשטאנען א זאנדערבארע פריינדשאפט. דער פראפעסאר פלעגט רעדען מיט'ן יונגען מעדכען מיט א זאנדערבארען פערגניגען. ער פלעגט זאגאר פערגעסען זיין וויסענשאפט און פלעגט מיט איהר רעדען פון גאנץ אנדערע זאכען: פון איהר פאָטער, פון איהר ברודער, וויא אזוי זיי האבען געלעבט אין גלאזגא און דערנאך אין דונדי און וויא אזוי זיי קומען אויפ'ן „דונקאן". מערי גראנט פלעגט אויסהערען דעם פראפעסאר אויפמערקזאם, פלעגט איהם העלפען צונויפזוכען זיינע ביכער און זיינע אינסטרומענטען, פלעגט איהם מאכען אויפמערקזאם, ווען ער האט צושטרייטערהייט זיך אנגעטאהן ניט, וויא עס דארף צו זיין און פלעגט טאהן אלעס מעגליכע, אז אלבינעט זאל ניט האבען וואס צו ברומען און צו בייזערן זיך אויפ'ן פראפעסאר.

צווישען לארד גלענארוואן'ס ביכער האט דער פראפעסאר געפונען איינגע שפאנישע ביכער. ער איז געווען דערמיט העכסט דערפרייט.

— מיר פאהרען קיין זיד אמעריקא, האט ער געזאגט, דארט רעדט מען איבעראל שפאניש, מען מוז זיך אויסלערנען שפאניש רעדען. אזוי וויא איך קען לאטיין און איטאלעניש, וועט מיר זיין זעהר לייכט זיך אויסצולערנען שפאניש. דיא שפאנישע שפראכע שטאמט אפ פון לאטיין און ווער עס קען לאטיין, דער קען זיך לייכט אויסלערנען שפאניש.

ער האט געפרעגט לארד גלענארוואן, אויב ער האט אויפ'ן שיף איינעם, וואס רעדט שפאניש? לארד גלענאעוואן האט איהם געענטפערט, אז קיינער אויפ'ן דונקאן פארשטעהט קיין שפאניש.

— אלזאָ, וויא קומען אהער דיא שפאנישע ביכער אויפ'ן „דונקאן"?

— ווען איך בין געווען אין קאדיקס, אין שפאניען, האב איך געמוזט נעהמען א שפאנישען פילאָט (א מאטראָז, וואס קען גוט דעם פאָרט און נעהמט זיך אונטער ארייננצופיהרען דיא שיף אין פאָרט און זיא ווידער ארויסצופיהרען אין מעער) דיעזער פילאָט האט פארגעסען זיינע ביכער אויפ'ן „דונקאן".

דער פראפעסאר האט זיך גענומען ערנסט שטודירען דיא שפאנישע שפראכע. ער פלעגט ארומגעהן גאנצע טעג אויפ'ן דעק פון דער שיף און פלעגט לערנען אויסענדיג דיא שפאנישע ביכער. דערביי פלעגט ער ניט פערגעסען צו לערנען מיט'ן

קליינעם ראבערט געאָגראַפיע און וועלט געשיכטע. די לעקציאנען, וועלכע ער פלעגט געבען דעם קליינעם ראבערט, זיינען געווען אזוי אינטערעסאנט, אז לארד גלענארוואַן, ליידי העלענא און דער קאפיטאַן פאַרראגוט פלעגען זיך ניט שעהמען צו שטעהן דערביי און זיי אויסצוהערן. זיי האבען דערפון זעהר פיעל געלערנט און געוואָהר געוואָרען זאכען, וועלכע זיי האבען ניט געוואוסט.

איין מאל זיינען אלע געזעסען אויפ'ן דעק און פאַגאַנעל האט געלערנט דעם קליינעם ראָבערט די געשיכטע פון קאלומבוס, וויא ער האט ענטדעקט אמעריקא. דערביי האט ער דערצעהלט, אז דער גרויסער קאלומבוס איז געשטארבען און האט ניט געוואוסט, אז ער האט ענטדעקט א נייע וועלט. אלע האבען איהם אנגעקוקט ערשטוינט.

— וואס רעדט איהר, פראפעסאר? האט לארד גלענארוואן געפרעגט. קאלומ-בוס איז געשטארבען און האט ניט געוואוסט, אז ער האט ענטודעקט אמעריקא? דאס קען ניט זיין! ער האט דאך געמאכט עטליכע רייזען קיין אמעריקא?

— אזוי זאגט איהר? עס קען ניט זיין? נו, זאג איך אייך, אז עס איז אזוי! קאלומבוס האט קיין בעגריף ניט געהאט פון אמעריקא. ער איז געפאהרען זוכען א נייעם וועג קיין אסט אינדיען און אין די אנדערע לענדער, וואו עס וואקסען אלערליי געווירץ. ער האט געמאכט פיער רייזען קיין אמעריקא און איז צוגעקומען צו פאלגענדע לענדער: צו דער אינזעל סאן סאלוואדאר, צו דער לאנד ניקאראַגוא, האנדוראס, קאסטא ריקא און בראַזיליען. אין די לאנד קאַרטען, וואס ער האט אונז איבערגעלאזען און וועלכע מען קען זעהן אין דער קעניגליכען ביבליאטעק אין מאדריד, געפינען מיר, אז ער האט געמיינט, אז דיעזע לענדער זיינען נור א טהייל פון כינא און יאפאַן. ער האט ניט אנגעהויבען צו וויסען, אז אמעריקא איז גאר א בעזונדער לאנד, וואס איז אין גאנצען אבגעזונדערט פון אזיען. איך זאג אייך ניט, אז קאלומבוס איז ניט געווען קיין גרויסער מאַן, ער האט געוויס געטהאן זעהר פיעל פאר דער וויססענשאפט, אבער ער האט קיין בעגריף ניט געהאט פון וואס ער האָט געטאָהן און פון וואָס ער האָט ענטדעקט. ער איז געשטארבען אין דער איבערצייגונג, אז ער האָט אין אלע זיינע רייזען נור בעזוכט א טהייל פון אזיען.

— איך וויל מיט אייך ניט שטרייטען, האָט לאָרד גלענאַרוואַן געזאגט, איהר קענט געוויס בעסער פון מיר די געשיכטע פון אמעריקא. איך וואלט אבער געוואָלט וויסען, ווער דען האָט ענטדעקט און אויסגעפונען, אז אמעריקא איז א בעזונדער וועלט טהייל און געהער זיך גאר ניט אָן מיט דער אלטער וועלט? ערקלערט אונז פראָפעסאָר.

מיט פערגניגען. פיעלע פון די שיפס קאפיטאנע, וועלכע זיינען געפאהרען מיט קאלומבוס אויף זיינע רייזען און פיעלע אַנדערע געלערנטע האבען נאך זיין טויט געמאַכט גרויסע רייזען, זיינען ארומגעפאָהרען אמעריקא פון אלע זייטען און האָבען אויסגעפונען, אז אמעריקא איז א נייע וועלט, פון וועלכע מען האָט ביז אהער גאָר ניט געוואוסט.

— קענט איהר אונז ניט זאגען, ווער זיינען געווען די שיפס קאפיטאנע און די רייזענדע, וועלכע האב־ עס אויסגעפונען?

פּאַנאַנעל האָט זיך עפּעס געפיהלט בעליידיגט, וואס מען פרעגט איהם, אויב ער קען עס זאגען.

— וואס הייסט, אויב איך קען עס זאָגען? געוויס קען איך עס זאגען! איך האָב דאך שטודירט געאָגראַפיע און וועלט געשיכטע! באלד וועל איך אייך אויסרעכענען א גאַנץ צעטעל פון רייזענדע, וועלכע האָבען אייגענטליך ענטדעקט אמעריקא.

אָחידאָ, ווינצענט פינסאָן, אַמעריקוס וועספּוציוס, מענדאָזא, באַסטידאַס, קאַב־ראַל, סאָלים און באַלבאָא. אָחידאָ און ווינצענט פינסאָן זיינען געווען צוויא שיפס קאַפּיטאַנע, וועלכע זיינען געפאהרען מיט קאָלומבוס'ן אויף זיינע ערשטע ענטדעקונגס רייזען. נאך זיין טויט האבען זיי ווידער געמאכט רייזען, זיי זיינען אבער געפאהרען פיעל ווייטער אלס קאָלומבוס און האבען צוערשט ארויסגעזאגט דאס גרויסע וואָרט, אז אמעריקא איז א בעזונדערער וועלט טהייל. מעהר פון זיי אַלע האט געטאהן דער איטאַליענער אמעריגא וועספּוטשי, ער איז געווען א בוכהאלטער אין א גרויס געשעפט אין דער שטאדט סעווילא, אין שפּאַניען. דאס געשעפט, וואו ער איז געווען בוכהאל־טער, האָט גענומען ביי דער שפּאַנישע רעגיערונג דעם קאָנטראַקט צו פערזארגען דיא שיפען, וועלכע מען האט אנגעגרייט פאר קאָלומבוס דריטע רייזע מיט אלעם נייטיגען. דעם יונגען בוכהאלטער האָט אזוי פעראינטערעסירט קאָלומבוס רייזען, אז ער האָט טאג און נאכט נור געטראכט פון רייזען אויפ'ן מעער. ענדליך איז עס איהם געלונגען צו קויפען א שיף און זיא אויסצוריסטען אויף זיין אייגענע רעכנונג. אין 1502 איז ער אוועקגעפאָהרען קיין אמעריקא. ער איז ווירקליך געפאהרען ווייטער פון אלע רייזענדע און האט געטאהן מעהר פון זיי אלע. ער האט אראפּגענומען א ריכטיגע און פּינקט־ליכע קארטע פון אמעריקא. ווען ער איז געקומען צוריק קיין שפּאַניען, האט ער געלאָזט דרוקען זיין קארטע, אויף וועלכע ער האט אונטערגעשריעבען זיין נאמען, אמעריקוס. יעדער, וועלכער האט זיך אינטערעסירט מיט דעם נייען לאנד, האט געקויפט זיין קארטע און דיא נייע וועלט האט בעקומען דעם נאמען, א מ ע ר י ק א.

אין 1518 איז דער שיפס קאפּיטאַן דע סאָלים געפאהרען קיין אמעריקא. ער איז געפאהרען ווייטער פון אלעמען. ער איז געקומען קיין פּאַטאַגאָניען און איז דארט אויסגעשטיגען מיט אייניגע פון זיינע מאטראזען. דיא ווילדע אינדיאנער פון פּאַטאַ־גאָניען זיינען אויף איהם אנגעפאלען, האבען איהם געטויטעט און האבען איהם אויפ־געפרעסען. נור זיין ערשטער אפיציער און אייניגע מאטראָזען האבען זיך געראטעט און זיינען צוריקגעקומען קיין שפּאַניען.

נאך מעהר האט ענטדעקט דער פּאָרטוגיזישער שיפס קאַפּיטאַן, פערנאנדע דע מאַגעלאַן. אין 1519 איז ער ארויסגעפאהרען מיט פינף שיפען פון שפּאַניען. ער איז ארומגעפאהרען און האט אויסגעפארשט גאַנץ זיד אמעריקא ביי דיא ברעגעס פון דעם אַטלאַנטישען אַצעאַן. דעם 28 נאָוועמבער 1520 איז ער ארומגעפאהרען ארום זיד אמעריקא און איז ארויסגעקומען אין שטילען אַצעאַן. ער איז דורכגעפאהרען דעם שמאָלען פּאַסמעער, וועלכעס הייסט היינט אויף זיין נאמען: ד י א מ א ג ע ל א ן ש ט ר א ס ע. איך שטעל מיר פאָר, וויא פרעהליך, וויא גליקליך איז מאגעלאַן געווען

אין דעם טאָג, ווען ער האָט דערזעהן דיא רוהיגע גלענצענדע וואַסערן פון׳ם שטילען אָצעאַן.

— איך וואָלט געוואָלט זיין דאַמאָלס אויף מאַגעלאַנס שיף, האט דער קליינער ראָבערט געזאָגט.

— איך וואָלט אויך געוואָלט זיין דאַמאלס אויף זיין שיף, האט פּאַגאַנעל געזאָגט, ווען איך זאָל נור געווען געבאָרען ווערן מיט דרייא הונדערט יאהר צוריק.

— וואס וואלטען מיר אבער געטאָהן? האָט ליידי העלענאַ געזאָגט מיט א שמייבעל. ווער וואָלט מיט אונז געזעסען אויפ׳ן דעק פון׳ם „דונקאַן“ און אונז דערצעהלט אזעלכע שעהנע געשיכטען איבער אַמעריקאַ?

— עס וואלט זיך געפונען אנאנדערער, וועלכער וואָלט אייך דערצעהלט דיא געשיכטע פון אמעריקא, האָט פּאַגאַנעל געענטפערט. — איך טאָר ניט פערגעסען אייך צו דערצעהלען פון דיא צווייא ברידער פּיזאַררא. זיי האָבען זעהר ליעב געהאַט צו בויען שטעדט און זיי האָבען געבוידט דיא שטעדט: לימאַ, קוסקאָ, סאַנטיאַגאָ, קוויטאָ, וואַלפּאַראַיזאָ און פיעלע אנדערע. *)

— איך וואָלט זיך ניט בעשעפטיגט מיט בויען שטעדט, האָט ראבערט גראַנט געזאָגט.

— וואָס דען וואָלסט דוא געטאהן, מיין קליינער העלד? האָט איהם דער פּראָפעסאָר געפרעגט.

— איך וואלט געפאהרען אלץ ווייטער און ווייטער. איך וואלט געזוכט אלץ נייע לענדער, נייע אינזלען און נייע מעערע.

— בראַוואָ! מיין קליינער העלד! האט פּאַגאַנעל אויסגערופען. ווען ראָבערט גראַנט און זשאַק פּאַגאַנעל וואָלטען געלעבט מיט דרייא הונדערט יאהר צוריק, וואָלטען זיי אויסגעפאָרשט דיא גאַנצע וועלט און וואָלטען קיינעם ניט איבערגעלאזען א פּיצעל. מיר וואלטען געווען געפאהרען אויפ׳ן וועג, וואס שוטען און לעמיר זיינען געפאהרען

— ווער זיינען דיעזע מענשען? האט ליידי העלענא געפרעגט. זיינען זיי אויך געווען געלערנטע.

— ניין. זיי זיינען געווען האָלענדישע קויפלייטע. זיי האבען זיך זעהר וועניג געזארגט פאר דיא וויסענשאפט. זיי זיינען געפאהרען זוכען לענדער, וואו זיי זאלען קענען פערקויפען דיא האָלענדישע סחורות און קויפען נייע סחורות, וואָס זיי זאלען קענען פערקויפען אין האָלאַנד. שוטען איז געווען א רייכער מאן און האָט אויסגעריכטעט דיא שיפען אויף זיין רעכנונג. לעמייר איז געווען זיין שוועסטערס זוהן, א קלוגער און געלערנטער יונגערמאַן. אין 1616 זיינען זיי געפאהרען קיין זיד אמעריקא. זיי זיינען געפאָהרען אויפ׳ן זעלבען וועג, וואס מאַגעלאַן איז געפאהרען, אבער נאך ווייטער. זיי האבען ענטדעקט דיא אינזלען, וועלכע הייסען היינט „פייערלאַנד“ אדער אויף שפּאַניש Terra del Fuego און זיינען צוגעקומען ביז אין לעצטען פּונקט פון זיד אמע־

*) מיר וועלען שפּעטער נאך קומען צו דיעזע שטעדט און וועלען זיי מעהר בעשרייבען.

ריקאַ, וועלכען זיי האבען א נאמען געגעבען: „קאַפּ האָרן", אן אנדענק אן דיא שטאדט האָרן אין האָלאַנד, פון וואנען זיי זיינען געווען.

— אך! פאר וואס בין איך ניט געווען דאמאלס מיט זיי? האט ראבערט גראָבט געזאגט.

— געוויס וואלסט דוא געהאט דאס גרעסטע, דאס בעסטע און דאס עדעלסטע פערגניגען, וואס א מענש קען האבען. קען מען דען האבען א גרעסערעס פערגניגען אלס פאהרען אין אונבעקאנטע געגענדען און זעהן יעדעס מאל, וויא א נייע אינזעל, א נייעס לאנד, א נייער טייך ערשיינט פּלוצלונג פאר אייך. איהר נעהמט אראָפּ פון דער שיף און זעהט נייע מענשען, נייע זיטען (מנהגים), נייע אויפפיהרונגען און א נייע ארט לעבען.

דיא וועלט איז א גרויסעס בוך מיט הונדערט טויזענדע בלעטער. יעדע רייזע, וואס מיר מאַכען, לעזען מיר דורך א בלעטעל פון דיעזען זאנדערבארען בוך. וואס קען וויסען דער מענש, וועלכער האט אין זיין גאנצעס לעבען דורכגעלעזען נור איין איינציגען בלאט?

אין אזעלכע אינטערעסאנטע געשפּרעכע און פּארלעזונגען איז דיא צייט פערגאנגען זעהר שנעל און אונזערע רייזענדע האבען ניט בעמערקט, אז זיי זיינען שוין אין זיד אמעריקא. דיא שיף איז געגאנגען זעהר שנעל. דאס וועטער איז געווען שעהן און וואַרם. אלע זיינען געווען געזונד אין מונטער. דעם 25טען סעפּטעמבער איז געוואָרען עטוואס קיהלער. דיא „דונקאַן" איז צוגעקומען צו דער מאַגעלאַן שטראַסע. באלד האַט זיך געוויעזען דער ברעג פון פּאַטאַגאָניען. יעצט איז שוין דער קאַפּיטאַן פאַראַגוט ניט אָפּגעטראָטען פון רעדעל. ער האט געמוזט זיין זעהר פּאָרזיכטיג. דאס מעער איז דאָרט זעהר שטירמיש און אין אייניגע ערטער געפינען זיך שטיינער אונטערן וואסער.

דעם 28טען סעפּטעמבער זיינען זיי ארייינגעפאהרען אין דער מאַגעלאַן שטראַסע. דאס איז א ברייטער פּאַס וואסער צווישען פּאַטאַגאָניען און פייערלאַנד, וועלכער פערייניגט דיא צווייא גרויסע וועלט מעערע, דעם אטלאַנטישען מיטן שטילען אצעאַן.

ווען מען פאהרט אויף דער מאַגעלאַן שטראַסע, זעהט מען פון ביידע זייטען לאַנד. פון איין זייט זעהט מען פּאַטאַגאָניען און פון דער אנדערער זייט דיא אינזלען, וועלכע הייסען פייערלאַנד. אלע זיינען געזעסען אויפין דעק, קיינער האט ניט געוואָלט אראָפּגעהן אין קאַיוטע. פּאַגאַנעל האט צורעכטגעמאַכט זיין ספּעקטיוו (טעלעסקאָפּ) און האט געקוקט אויף פּאַטאַגאָניען. ער האט זעהר געוואָלט זעהן דיא איינוואוינער פון פּאַטאַגאָניען.

— וואס הייסט זיין אין פּאַטאַגאָניען און ניט זעהן ניט איין פּאַטאַגאָניער? האט ער אויסגערופען איין מאל נאָכ'ן אנדערן.

— וואַרט, מיין ליעבער פּראָפעסאָר, האט געדולד! מיר וועלען נאָך זעהן גענוג פּאַטאַגאָניער, האט איהם לאָרד גלענאַרוואַן בערוהיגט.

— ווער קען וויסען? האט דער מאַיאָר געזאגט. מעגליך, אז אין פּאַטאַגאָניען זיינען קיין פּאַטאַגאָניער גאר נישטא.

— וואס רעדט איהר מאַיאָר? האט ליידי העלענאַ געזאגט. מיין פאטער האט

מיר א מאל ערקלערט, אז דיא שפאניער, וועלכע האבען צום ערשטען מאל ענטדעקט פאטאגאניען און האבען דערזעהן דיא ווילדע מענשען, וועלכע האבען דארט געוואינט, זיינען געוועזן זעהר ערשטוינט פון זייער הויך און פון זייער גרוים. זיי זיינען דיא העכסטע מענשען אויף דער וועלט, מען קען זאגען, דיא ריעזען פון דער וועלט. בעזאנדערס מערקווירדיג זיינען זייערע פים: זיי זיינען זעהר שטארק און דיא זאהלע (פאדעשווע) איז זעהר ברייט. דאסווארט פאטאגאניען אויף שפאניש הייסט „ברייטע פים" „גרויסע פים", אדער „מענשען מיט גרויסע פים". איך געפין דאהער, אז דער פראפעסאר האט רעכט. קוים זיינען מיר אין פאטאגאניען, מוזען מיר זעהן פאטאגאניער.

— וואס רעדט איהר פון זייער נאמען? האט דער פראפעסאר אויסגערופען. מיינט איהר, אז מיר ווייסען זייער נאמען? דיא איינוואינער פון טשילי רופען זיי פא-טאגאניער; דיא איינוואינער פון פייערלאנד רופען זיי טירעמענען; דיא איינוואינער פון ארגענטיניען רופען זיי קאאוקאלהעס, דיא קאלאניסטען פון קארמען רופען זיי טעהועל-טשעס. דער פראנצויזישער רייזענדער בוגענוויל האט זיי א נאמען געגעבען טשאהוא; דער ענגלישער רייזענדער פאלקנער רופט זיי הואיליטשעס. זיי אליין רופען זיך „אינא-קען". היינט שטעלט אייך פאר וויא עס זעהט אוים א פאלק, וואס האט אזוי פיעל נעמען? פון דיא אלע נעמען איז זעהר מעגליך, אז זיי האבען גאר קיין נאמען ניט און זיינען פיעללייכט גאר אויף דער וועלט ניטא.

— מיין ליעבער פראפעסאר, האט לארד גלענארוואן געזאגט, עס איז געוויס גאנץ ריכטיג, אז מיר ווייסען ניט דעם ריכטיגען נאמען פון דיא פאטאגאניער, אבער אלע רייזענדע געשטעהן דאך, אז דיא פאטאגאניער זיינען דיא העכסטע מענשען אויף דער וועלט. אלע האבען זיי דאך געזעהן און זיינען געוועזן איבערראשט. אזעלכע הויכע מענשען האבען זיי אין ערגעץ ניט געזעהן.

— מען קען דאס אויך ניט וויסען, האט דער פראפעסאר געזאגט. יעדער רייזענדער דערצעהלט עטוואס אנדערש. מאגעלאן דערצעהלט, אז ער האט מיט זיין קאפ קוים דערגרייכט זייער גארטעל. שוטעל און לע מייר דערצעהלען, אז זיי זיינען עלף פוס דיא הויך. האוקינס זאגט, אז זיי זיינען וואהרע ריעזען.

— דאס זיינען דאך מענער, וואס מען מעג זיי גלויבען? האט לארד גלענארוואן געזאגט. זיי האבען דאך ניט געשריעבען קיין ליעגען.

— עס געפינען זיך אבער אנדערע רייזענדע, וועלכע זאגען, אז דיא ענגלענדער זיינען העכער פון דיא פאטאגאניער, וויא צום ביישפיעל: בייראן, וואוד, פאלקנער און אנדערע.

— אלזא, וואס דענקט איהר, פראפעסאר? האט ליידי העלענא געפרעגט.

— דאס איז דיא אורזאכע, פאר וואס איך וויל אזוי זעהן א פאטאגאניער. איך וויל מיך אליין איבערצייגען, וואס פאר א סארט מענשען זיי זיינען, וועלכע האבען אזוי פיעל נעמען און א מאל זיינען זיי גאנץ הויך און א מאל זיינען זיי געוועהנליכע מענשען. איך וואלט געוועזן העכסט צופריעדען צו האבען יעצט אן עכטען פאטאגאניער אויפ'ן שיף און איהם אביסעל אויספרעגען איבער פאטאגאניען.

עס איז נאכט געווארען או דער פראפעסאר האט ניט געהאט דאס פערגניגען

צו זעהן א פּאַטאַגאָניער. ביי נאַכט האָט קאַפּיטאַן פאַרראַגוט מורא געהאַט צו פאָהרען אין ענגען קאַנאַל. ער האַט אויסגעזוכט א בוכטע צווישען דיא אינזלען פון פייערלאַנד און האַט דאָרט פעראַנקערט דיא שיף. דיא נאַכט איז געווען א פינסטערע, דער מאָנד האַט ניט געשיינט, אָבער דער הימעל איז געווען לויטער און דיא שטערן האָבען געפונקעלט און געוואונקען מיט זייער שטילעס, שוואַכעס ליכט. קיינער האָט זיך ניט געוואָלט געהן לעגען שלאָפען, זאָגאַר דער קליינער ראָבערט איז געזעסען אויף'ן דעק. דער פּראָפעסאָר האָט אַלע מאָל גענומען זיין טעלעסקאָפּ און האָט געקוקט אין דיא דונקעלע נאַכט. פלוצלונג האָבען זיי דערזעהן אויף איינער פון דיא אינזלען זיך עפּעס לייכטען. באַלד האָט אַנגעהויבען לייכטען נאָך אין אַן אָרט, אין א צווייטען, דריטען, פינפטען אָרט.

— וואָס איז דאָס? האָט ליידי העלענא געפרעגט.

— דאָס קאָכען דיא ווילדע פון דיזע אינזעל זייער סאָפּער, האָט קאַפּיטאַן פאַרראַגוט ערקלערט. יעדע פאַמיליע האָט צולעגט א פייער און קאָכט זיך עסען.

— אַלע מיט איין מאָל? האָט זיך ליידי העלענא געוואונדערט זיינען זיי סאָלדאַטען, וועלכע עסען, ווען דער אָפיציער הייסט זייא? איז אייגעפיהרט אַזאַ שטרענגע דיסציפּלינא אין פייערלאַנד, אַז אַלע מוזען קאָכען זייער עסען מיט איין מאָל? ערקלערט איהר עס מיר פּראָפעסאָר.

— דיא איינוואוינער פון דיא פייערלאַנד אינזלען זיינען זעהר ווילד, האָט דער פּראָפעסאָר אַנגעהויבען צו ערקלערן. מען קען זאָגען, אַז זיי זיינען דיא ווילדעסטע מענשען אויף דער וועלט. אין 1832 האָט דיא ענגלישע שיף „ביגל" בעזוכט פייערלאַנד. דער געלערנטער דאַרווין, וועלכער איז געפאָהרען אויף דער „ביגל", האָט מיטגענומען פיער יונגע פייערלענדער קיין ענגלאַנד.

— וויא אַזוי האָט ער זיי גענומען? מיט געוואַלד, אָדער זיי האָבען אַליין געוואָלט פאָהרען? האָט ליידי העלענא געפרעגט.

— דיא ווילדע איינוואוינער פון פייערלאַנד פערקויפען זייערע קינדער, האָט דער פּראָפעסאָר ערקלערט. לאָז נור א שיף בלייבען שטעהן לעבען א אינזעל, קומען באַלד אין קליינע שיפלעך גאַנצע באַנדעס מענער און פרויען און גיבען אוועק זייערע קינדער פאַר א שפּילקע, פאַר א נאָדעל, פאַר א נאַגעל אָדער זאָגאַר פאַר א קלייניגקייט. איהר קענט אייך פאָרשטעלען, אַז צווישען דיא פיער אינגלעך, וועלכע דאַרווין האָט ביי זיי געקויפט, איז געווען איינער, וועלכען דאַרווין האָט א נאָמען געגעבען „דשים בוטאָן", ווייל ער האָט איהם געקויפט פאַר א מעשענעם קנאָפּ. דאַרווין האָט געדעכענט, אַז ער וועט זיי ברענגען קיין לאָנדאָן, וועט זיי דאָרט לאָזען לערנען און ווען זיי וועלען אויסוואַקסען און ווערן געבילדעט, וועט מען זיי צוריקשיקען א היים, זיי זאָללען א ביסעל אויסבילדען זייערע לאַנדסלייט. ער האָט זיי בעהאַנדעלט זעהר פריינדליך און האָט פון זיי אויסגעלערנט זייער שפּראַך.

דשים בוטאָן האָט זיך געוויזען אַלס זעהר פעהיגער אינגעל. ער האָט זיך שנעל אויסגעלערנט ענגליש און איז אין א קורצע צייט געוואָרען א דזשענטעלמאַן. ווען מען האָט געפונען אין לאָנדאָן, אַז ער איז שוין גענוג געבילדעט, האָט מען איהם און דיא צוויי אַנדערע — איינער פון זיי איז געשטאָרבען — אויפגעזעצט אויף א שיף און מען

האט זיי צוריק געשיקט א היים. אזוי וויא דשים בוטאן האט בעסער גערעדט ענגליש פון זיינע קאמעראדען און איז געווען פעהיגער פון זיינע קאמעראדען, האט מען איהם געגעבען פיעל פרעזענטען און פיעל ניצליכע זאכען, ער זאל זיי צוטהיילען צווישען זיינע לאנדסלייט. אבער קוים איז ער געקומען א היים, זיינען זיינע לאנדסלייט איהם אנגע־פאלען און האבען ביי איהם אלעם צוגענומען. ער איז אין א קורצע צייט ווידער גע־ווארען אזוי ווילד, ווי זיינע לאנדסלייט. אין צוויי יאהר ארום איז אן ענגלישע שיף געווען אין יענע געגענד. דער קאפיטאן פון דער שיף האט געקענט דשים בוטאן פון לאנדאן. ער איז געווען נייגעריג צו וויסען, וואס פון איהם איז געווארען. ער האט איהם אויך באלד אויסגעפונען, אבער אזוי ווילד און אזוי גראב גלייך וויא ער וואלט קיין מאל ניט געווען אין לאנדאן.

— אבער פראפעסאר, איז איהם ליידי העלענא אריינגעפאלען אין דיא רעדע, איהר האט דאך שוין גאר פערגעסען מיר צו ערקלערן, וויא עס קומט, וואס אלע פייערלענדער קאכען זייער עסען מיט אמאל?

— דאס וועל איך באלד ערקלערן. דיא פייערלענדער וויסען ניט פון זייען און פון אקערן. זייער לאנד איז אויך זעהר ארים. עס וואקסט דארט גאר נישט. זיי לעבען פון פיש, וועלכע זיי פאנגען אין מעער, פון דיא אייער פון פייגעל, וועלכע זיי געפינען אויף דיא שטיינער לעבען מעער און פון איינינע קליינע חיות, וועלכע זיי פאנגען. עס טרעפט א מאל, אז דאס מעער ווארפט ארויס א גרויסען פיש, א טויטען, אויפ'ן ברעג. דאמאלס האבען זיי א פייערטאג. דארווין דערצעהלט, אז ווען ער איז געווען אין פייער־לאנד, האט דאס מעער ארויסגעווארפען א טויטען וואלפיש. קוים זיינען דיא ווילדע דער פון געוואהר געווארען, האבען זיי זיך פערזאמעלט ארום דעם טויטען פיש, יעדער האט אויסגעשניטען א שטיק פון צוואנציג ביז דרייסיג פונט, האט געמאכט אין דער מיט א לאך און האט עס אנגעטאהן אויפ'ן קאפ. אזוי האט ער עס געטראגען אין דעם ארט, וואו זייער דארף איז. דארט האט מען צולעגט א גרויס פייער און מען האט דאס שטיק וואלפיש געבראטען און געגעסען.

— דער אנבליק פון דרייסיג־פערציג האלב נאקעטע מענשען מיט א שטיק פלייש פון א וואלפיש אויף דיא פלייצעס, שרייבט דארווין, איז געווען שרעקליך, אבשייליך, עקעלהאפט.

וויא עס ווייזט אויס, האבען זיי היינט אזא יום טוב. דאס מעער האט ארויס־געווארפען עפעס א גרויסען טוידטען פיש, וועלכען זיי האבען צושניטען און פרעסען יעצט.

ליידי העלענא, לארד גלענארוואן און דער פראפעסאר האבען זיך ניט געקענט אפרייסען פון דיעזע זאנדערבארע סצענע. אויף א גרויסע שטרעקע אויפ'ן אינזעל האט מען געזעהן לייכטען דיא פייער פון דיא ווילדע.

— יעצט פערשטעה איך, פאר וואס מען האט דיעזע אינזלען א נאמען געגעבען פייערלאנד, אדער אויף שפאניש, „טעררא דעל פועגא“, האט ליידי העלענא געזאגט. דיא ערשטע שפאניער, וועלכע האבען זיי ענטדעקט, האבען געוויס אויך געזעהן אזא סצענע, אז אומעדום האט געברענט פייער, דערפאר האבען זיי עס א נאמען געגעבען פייערלאנד.

— בראוואָ! האט אויסגערופען דער פּראָפעסאָר. איהר וועט שוין באַלד מעגען האַלטען פאַרלעזונגען אין פּאַריזער אוניווערזיטעט.

עס איז געוואָרען שפּעט. די נאַכט לופט איז געוואָרען אַלץ קיהלער, אָבער קיינער האט ניט געוואָלט אַריינגעהן שלאָפען. די סצענע איז געוועזען פאַר אַלעמען ניי און איבעראַשענד.

— וואו נעהמען זיי האָלץ צו מאַכען זייער פייער? האט ליידי העלענא געפרעגט, איך זעה אויף דער אינזעל גאַר קיין בוימער ניט.

— עס וואַקסען בוימער און בוימלעך אויף די אינזלען אַרום, האט דער פּראָפעסאָר געענטפערט. וואונדערבאַר איז דאָס. די בוימער וואַקסען דאָ געוועהנליך אין וואַסער און זיינען שטאַרק נאַס. דעם מענשען, וועלכער איז ניט בעקאַנט מיט דער געגענד, וואָלט זעהר שווער געווען צו מאַכען אַ פייער פון אַזאַ האָלץ. די נאַטור האט זיך אָבער געזאָרגט פאַר די ווילדע. עס וואַקסט דאָ אַ סאָרט גראָז, וועלכעס האט אין זיך אַ סאָרט גומי, וואָס ברענט אַזוי העל און צינדעט זיך אָן אַזוי שנעל, וויא צונדער. מען מעג דאָס גראָז האַלטען אין וואַסער, קוים לעגט מען צו צו איהם אַ קויל פייער, צינדעט עס זיך באַלד אָן און ברענט העל וויא אַ קינעלע.

די אוהר האט געשלאָגען צוועלף און די פייער אויף דער אינזעל האָבען נאָך אַלץ געברענט העל.

— זאָלען זיי אַזוי לאַנג קאָכען און עסען? האט ליידי העלענא געפרעגט. וויא קענען עס מענשען אַזוי פיעל עסען?

— אַזוי זיינען שוין די ווילדע מענשען. זיי קענען איבערטראָגען הונגער פיעל לענגער פון אונז, צוויליזירטע מענשען, אָבער קוים האָבען זיי וואָס צו עסען, קענען זיי אויפעסען אַזוי פיעל, אַז מיר פערשטעהן עס ניט, וואוהין געהט עס ביי זיי אַריין. דער ווילדער מענש קען אויפעסען צעהן ביז פופצעהן פונט פלייש אויף איין מאָל. דער אייראָפּעער וואָלט, דאַכט זיך, צופּלאַצט געוואָרען פון אַזאַ עסען. דעם ווילדען אָבער האַרט עס ניט. ער עסט אַזוי לאַנג, ביז ער האט מעהר ניט וואָס צו עסען.

עס איז געוואָרען שפּעט און מען האט דאָך געמוזט געהן שלאָפען. גאַנץ פריה האט דער קאַפּיטאַן געהייסען אויפהויבען דעם אַנקער און ווייטער פאָהרען. וויא שפּעט מען האט זיך געלעגט שלאָפען, זיינען דאָך אַלע שוין געווען גאַנץ פריה אויפ'ן דעק. יעדער האט געוואָלט זעהן די געגענד אַרום; יעדער האט געוואָלט זיין דער ערשטער צו זעהן אַ ווילדען מענשען.

באַלד האָבען זיי דערזעהן רואינען (חורבות) פון הייזער און פון אַ קירכע. אויף אַ בערגעל לעבען ברעג זיינען געשטאַנען אין אַ רייהע עטליכע איינגעפאַלענע הייזער. אין דער מיט איז געשטאַנען אַ קירכע מיט'ן קרייץ פון אויבען, אָבער האַלב איינגעפאַלען.

— וואָס איז דאָס? האט לאָרד גלענאַרוואַן געפרעגט. ווער זיינען דיזע רואינען, דיזע חורבות? האָבען דאָ אַמאָל געוואוינט מענשען? וואו זיינען זיי? פאַר וואָס זיינען זיי פערשוואונדען?

— זיינען מיר ניט לעבען הונגער פארט, אדער פארט פאמין? האט פאנאנעל געפרעגט דעם שיפסקאפיטאן.

— יא, מיר זיינען לעבען פארט פאמין, האט קאפיטאן פארראגוט געענטפערט.

— נו, דאן קען איך אייך דערצעהלען דיא טרויעריגע געשיכטע פון דיעזע הייזער, פון דיעזע שטיינער און פון דיעזער קירכע, האט דער פראפעססאר געזאגט. עס איז זעהר א טרויעריגע געשיכטע פון דיא אלטע צייטען. אין 1581 איז געקומען אהער א שפאניער, סארמיענטא, מיט פיער הונדערט עמיגראנטען און האבען דא געגרינדעט א קאלאניע. זיי האבען אויסגעבויט א שטאדט און האבען איהר א נאמען געגעבען סען פיליפ. דער לאנגער און שרעקליך קאלטער ווינטער פון דיעזע געגענדען האט געווירקט זעהר שלעכט אויף דיא שפאניער, וועלכע זיינען געוואינט געווען צום ווארעמען קלימאט פון שפאניע. זיי זיינען געפאלען וויא פליעגען. נאכ'ן ערשטען ווינטער איז פון דיא פיער הונדערט עמיגראנטען מעהר ניט געבליעבען, וויא הונדערט און פופציג מענשען.

דיא איבעריגע זיינען אויסגעשטארבען פון קעלט און פון קראנקהייטען. ענדליך איז געקומען דער ליעבער זומער, ווען דיא קאלאניסטען האבען זיך געדארפט נעהמען צו דער ארבייט: אקערן, זייען חאפען פיש און אנגרייטען פראוויאנט אויפ'ן ווינטער. זיי זיינען אבער געווען אזוי שוואך און אזוי אפגעמאטערט פון'ם לאנגען ווינטער, אז זיי האבען אין דער ערשטען צייט זיך ניט געקענט נעהמען צו קיין שום ארבייט. דיא בעסטע צייט איז פערגאנגען און זיי האבען גאר ניט געטאהן. דער פראוויאנט וואס זיי האבען מיטגעבראכט פון דער היים האט זיך אויסגעלאזען און זיי זיינען אלע אויסגעשטארבען פאר הונגער און נויט.

אין 1583 איז אנגעקומען אן ענגלישע שיף און דער שיפסקאפיטאן, קעווענדיש, האט געפונען דעם לעצטען פון דיא פיער הונדערט עמיגראנטען האלב טויט אין זיין ארים שטיבעלע. ער האט איהם ארויפגענומען צו זיך אויפ'ן שיף און דער שיפס־דאקטאר האט זיך געגעבען דיא גרעססטע מיה איהם געזונד צו מאכען. עס איז איהם אבער נור אזוי וויט געלונגען, אז דער פערהונגערטער מענש האט געקענט דערצעהלען דיא געשיכטע פון זיינע ליידען. איידער זיי זיינען געקומען קיין ענגלאנד, איז ער געשטארבען. דער פאר האט מען א נאמען געגעבען דיעזען פארט „דער הונגער פארט".

דיעזע ערצעהלונג האט געמאכט א טיעפען איינדרוק אויף אלעמען. אלע האבען זיך צוגעקוקט צו דיא עטליכע איבעריגע חורבות. לעבען דער קירכע האט מען געזעהן צוויי־דריי גראב שטיינער (מצבות).

אונטערדעסען איז דיא שיף געגאנגען אלץ ווייטער און ווייטער, צווישען הונדערטער אינזלען. זעהר אפט פלעגט זיא צוקומען אזוי נאהענט צום ברעג, אז דיא צווייגען פון דיא בוימער פלעגען בעריהרען דעם דעק. קאפיטאן פארראגוט פלעגט שטענדיג שטעהן ביים רעדעל און קירעווען דיא שיף. ענדליך זיינען זיי ארויסגעפאהרען פון מאגעלאנס שטראסע און זיינען אריינגעפאהרען אין שטילען וועלט מעער. דער פראפעססאר איז געווען פול פרייד, ווען ער האט דערזעהן פאר זיך דיא שטילע, רוהיגע מאסע וואסער וועלבער הייסט דער שטילער אָצעאן, אדער Pacific Ocean.

10טעס קאפיטעל.

וואו זאָל מען אָפּשטייגען?

ביז אהער האט לארד גלענארוואן נאך ניט גערעדט מיט'ן פּראָפעסאָר איבער'ן הויפּט צוועק פון זייער רייזע: וואו מען זאל אנהויבען צו זוכען דעם קאפּיטאן גראנט. יעצט, אז זיי זיינען שוין ארומגעפאהרען גאנף פּאטאגאָניען, האט מען דאָך געמוזט פּאסען א בעשלוס, וואו מען זאל אפּשטייגען און וואו מען זאל אנהויבען צו זוכען דיא אונטערגעגאנגענע שיף „בריטאַניא" און דעם קאפּיטאן גראנט מיט זיינע מאטראָזען.

דעם 8טען אקטאבער אין דער פריה, ווען אלע זיינען געזעסען אויפ'ן דעק, האָט לארד גלענארוואן זיך געווענדעט צום פּראפעסאר.

— וואס דענקט איהר, פּראפעסאר? האט ער איהם געפרעגט. וואו זאלען מיר אנהויבען צו זוכען דעם קאפּיטאן גראנט?

— איך האב גערעכענט, אז מיר וועלען קומען אין דער מאגעלאן שטראסע, וועלען מיר בעגעגענען פּאטאגאָניער און מיר וועלען זיי פרעגען, פּיעללייכט ווייסען זיי פון א שיף, וואס איז אונטערגעגאנגען אין דיעזע געגענדען. יעצט ווייס איך ניט וואָס צו טאהן און וואו צו זוכען.

— וואס איז אייער מיינונג, קאפּיטאן? האט לארד גלענארוואן געפרעגט דעם קאפּיטאן פארראגוט.

— איך מיין, אז מיר זאלען פאהרען אביסעל ווייטער, ביז מיר וועלען קומען צו דיא אינזלען טשילאָע. וויא עס ווייזט אויס, האט קאפּיטאן גראנט געליטען שיפברוך ערגעץ צווישען יענע אינזלען. מיר וועלען אויספרעגען דיא איינוואינער פון דיא אינזלען, אויב זיי געדענקען ניט א שיף מיט דריי זעגעל בוימער, וועלבע איז אונטערגעגאנגען אין יענע געגענדען; מיר וועלען צו זאגען צו געבען פּרעזענטען, ווער עס וועט אונז ברענגען זאכען פון א שיף. ענדליך וועלען מיר זיך ווענדען צו ענגלישען קאנסול אין דער שטאדט קאנסעפּסיאן ניט ווייט פון יענע אינזלען.

— דאס איז אויך געווען מיין ערשטער פּלאן, האט לארד גלענארוואן געזאגט.

— און דאס איז אויך דער בעסטער פּלאן, איך זעה דערווייל ניט קיין אנדערן וועג, וויא צו זוכען דעם קאפּיטאן גראנט.

עס איז אזוי געבליעבען. אין צוויא טאָג ארום זיינען זיי צוגעקומען צו דיא גרופּע גרויסע און קליינע אינזלען, וועלבע הייסען צוזאמען טשילאָע. אויף דיא קלענערע אינזלען וואינט געוועהנליך קיינער ניט, נור זומער קומען אהער פישער צו פאנגען פיש. די גרעסערע אינזלען זיינען בעוואינט. די „דונקאן" איז צוגעקומען צו יעדע אינזעל. קאפּיטאן פארראגוט מיט איינינע מאטראָזען זיינען אראָפּגעגאנגען, האָבען געזוכט, פּיעללייכט וועלען זיי געפינען עפּעס א שפּור פון דער אונטערגעגאנגענער שיף „בריטאַניא", האבען געפרעגט יעדען, וואס זיי האבען בעגעגענט, אויב ער ווייס ניט פון א שיף „בריטאַניא", וועלבע איז דאָ ערגעץ אונטערגעגאנגען? ליידער, זיינען אלע זייערע פאָרשונגען, זייער זוכען און זייער נאכפרעגען געווען אומזיסט. קיינער האט ניט געוואוסט פון א שיף „בריטאַניא", קיינער האט זיא ניט געזעהן, קיינער האט פון איהר ניט געוואוסט, פון

איהר ניט געהערט. עס האבען ניט געהאלפען דיא פּרעזענטען וואס לארד גלענארוואן האט צוגעזאגט.—אזא שיף איז אין יענע געגענדען ניט אונטערגעגאנגען.

יעצט ערשט האט לארד גלענארוואן איינגעזעהן, וואס פאר א שווערע אויפגאבע ער האט אויף זיך גענומען, דערצו איז נאך זיי געווען זעהר שווער זיך אויפצורעדען מיט דיא איינוואינער פון יענע געגענדען. קיינער אויף'ן דונקאן האט ניט גערעדט קיין שפּאניש. פּראָפעסאָר פּאגאנעל, וועלבער האט דיא גאנצע צייט, וואס איז געווען אויף'ן דונקאן זיך געלערנט שפּאניש, האט פּראָבירט רעדען מיט דיא איינוואינער שפּאניש. ליידער, האט איהם קיינער ניט פערשטאנען און ער האָט קיינעם ניט פערשטאנען. מען האט געמוזט רעדען דורך צייכענס און זיך פערשטענדיגען דורך דיא פּאר ווערטער ענגליש, וועלכע דיא איינוואינער האבען פערשטאנען און דורך דיא עטליכע ווערטער שפּאניש, וועלכע דער קאפּיטאן פּאראַגוט האט פערשטאנען.

צעהן טאָג דורכאנאנדער זיינען זיי ארומגעפאהרען ארום דיא אינזלען פון טשי־לאָע, האבען איבעראַל געפאָרשט, געזוכט און געפרעגט און האָבען גאר ניט אויסגע־פונען. ענדליך האבען זיי זיך ענטשלאסען זיך צו ווענדען צום ענגלישען קאָנסול, וועלכער וואינט אין דער שטאדט קאנסעפּסיאָן. דיא „דונקאָן" איז צוגעפאָהרען צום ברעג און האט זיך פעראנקערט. דיא שטאדט קאנסעפּסיאָן ליעגט דריי שטונדען רייזע ווייט פון פּאָרט.

לארד גלענארוואן און דער פּראָפעסאר זיינען אראפּגעגאנגען פון דער שיף, האָ־בען געדונגען פערד און זיינען אריינגעפאהרען אין שטאָדט.

דיא שטאדט קאנסעפּסיאָן אין דער פּראָווינץ קאנסעפּסיאָן אין דער לאנד־טשילי איז אמאל געווען איינע פון דיא גרעסטע האנדעלס שטעדט אין זיד אמעריקא. זיא ליעגט לעבען א גוטען פּאָרט, טאלקוהאנא, און אלע שיפען, וועלכע פאהרען אין יענע וואסערן, שטעלען זיך דארט אָפּ, ווייל דארט איז זעהר ביליג שטיין־קוילען, וועל־כע זיינען דאָ זעהר פיעל אין דער פּראָווינץ. דיא שטאדט וואלט געוואקסען מיט יעדען טאָג, ווען זיא וואלט ניט געליטען אזוי פיעל פון קריעג און פון דיא ווילדע מענשען. אין 1819 זיינען אויף איהר אנגעפאלען דיא ווילדע אראקויאניער און האבען זיא אונ־טערגעצונדען. דיא גאנצע שטאָדט האט אפּגעברענט. אין 1835 איז געווען א קריעג צווישען טשילי און ארגענטיניען און דיא ארגענטיניער האבען זיא צערשטערט. אין 1855 האט זיא ווייטער אָפּגעברענט.

ווען לארד גלענארוואן און דער פּראָפעסאר זיינען אריינגעפאהרען אין קאָנסעפּ־סיאָן, האבען זיי געזעהן מיט שטוינען, וויא שטיל, וויא רוהיג, וויא אויסגעשטארבען דיא שטאדט איז. דיא גאסען זיינען בעוואקסען מיט גראָז, דיא הייזער זיינען איינגע־פאלען, טרויעריג און שמוציג. דער פּראָפעסאר האט אנגעהויבען צו ערקלערן דיא אור־זאכען, פאר וואס דיא שטאדט קאנסעפּסיאָן איז אזוי פערנאכלעסיגט און אזוי שטיל. לארד גלענארוואן אבער האט איהם ניט געוואלט אויסהערן. איהם איז געלעגען אין קאָפּ דער הויפּט צוועק פון זיין רייזע.

מיט שווערע מיה האבען זיי זיך דערפרעגט צום ענגלישען קאָנסול, מיסטער בענטהאָם, וועלכער האט זיי אויפגענומען זעהר פריינדליך. לארד גלענארוואן האט איהם

דערצעהלט דעם צוועק פון זיין רייזע. דער קאָנסול האט איהם געזאגט, אז ער האט אויך ניט געהערט, אז אן ענגלישע שיף „בריטאַניא" זאל אמאל האבען אונטערגעגאַנ־גען ערגעץ אין יענע געגענדען. ווען לארד גלענארוואן האט איהם געוויזען די דרייא בריעף און האט איהם ערקלערט, אז ער האט זיך פעסט ענשלאָסען צו זוכען דעם קאַ־פּיטאן גראַנט, עס מעג איהם קאסטען וויא פיעל עס איז. ער וועט בעצאהלען אלע קאסטען, אום מען זאל זוכען א שפּור פון דער „בריטאַניא", האט דער קאָנסול ארויס געשיקט מענשען אין אלע דערפער ארום ברעג און אין אלע אינזלען, זיי זאלען זוכען און נאכפרעגען, טאָמער וויים איינער, אדער טאמער האט איינער געהערט פון דער „בריטאַניא".

אין דרייא טאג ארום זיינען דיא מענשען געקומען צוריק און האבען געמעלדעט, אז זיי האבען קיין שום שפּור פון דער „בריטאַניא" ניט געפונען. לארד גלענארוואן און דער פּראָפעסאר זיינען צוריק געקומען אויף דער שיף זעהר טרויעריג און נידערשלאָגען. ליידי העלענא, מערי און ראָבערט גראַנט האבען באלד דערקענט אן זיי, אז זיי האָבען טרויעריגע נאכריכטען. ליידי העלענא האָט זיי געטרייסט, וויא ווייט זיא האט געקענט. דער פּראָפעסאר און לארד גלענארוואן זיינען אריינגעגאנגען אין זייער קאיוטע און האָ־בען זיך געזעצט שטודירען דיא בריעף, וואס זיי האבען געפונען אין דער פלאַש.

— איך מיין, אז מיר האבען דיא בריעף דאך ניט ריכטיג ערקלערט, האט לאָרד גלענארוואן געזאגט. ווען דיא „בריטאַניא" זאל געווען אונטערגעהן אין דיעזע געגענדען, וואָלט מען דאך עפּעס געוואוסט פון איהר. עס איז וואהר, דא וואינען נאך זעהר פיעל ווילדע מענשען. זיי זיינען שוין אבער אזוי וויט ציוויליזירט, אז זיי ווייסען שוין, אז געלד איז א סחורה און ווייסען, אז פאר א נאכריכט פון אזא אונגליקספאַל צאהלט דיא ענגלישע רעגיערונג, אָדער ריכטיגער געזאגט, דער ענגלישער קאָנסול, מיט גוטע פונטען שטערלינג. זיי וואָלטען עס איהם געוויס געמעלדעט.

דער פּראָפעסאר איז געווען פערטיעפט אין זיינע געדאנקען און האָט געשוויגען.

— מיר דאכט, אז דער נאמען פּאַטאַגאָניען איז גאַנץ דייטליך אין דעם פראנ־צויזישען בריעף, האט לארד גלענארוואן ווייטער געזאגט. אנדערש, דאכט זיך, קען מען עס ניט ערקלערן. אלזא, וויא קומט עס, וואס מיר קענען ניט געפינען קיין שום שפּור פון דער „בריטאַניא" און פון קאַפּיטאַן גראַנט?

דער פּראָפעסאָר האט נאך אלץ געשוויעגען. אונטערדעסען איז ליידי העלענא, דער מאַיאָר, מערי און ראָבערט גראַנט אריינגעקומען אין דער קאיוטע און האבען גע־זעהן, וויאביידע מענער זיצען און קלערן איבער דיא דרייא בריעף.

— איך מיין, אז מיר האָבען געמאַכט א פעהלער אין דער ערקלערונג פון דיא בריעף, האט ענדליך געזאגט דער פּראָפעסאָר.

אלע זיינען געוואָרען אויפמערקזאַם.

— וועלכען פעהלער האבען מיר געמאַכט? האט ליידי העלענא געפרעגט.

— מיר האבען ערקלערט, אז קאַפּיטאַן גראַנט שרייבט, אז ער האט מורא, דיא ווילדע מענשען זאלען אויף איהם ניט אָנפאַלען. דאס איז דער פעהלער. ער שרייבט, אז זיי ז י י נ ע ן אויף איהם אָנגעפאַלען, האָבען איהם געפאנגען און האבען איהם

אוועקגעפיהרט ערגעץ ,ווייט אין פּאַטאַגאָניען. דאס טרעפט זעהר אָפט. דיא פּאַטאַגאָניער פרעסען ניט אויף זייערע געפאַנגענע. זיי זיינען קיינע מענשענפרעסער. זיי האַלטען זייערע געפאַנגענע ביי זיך און צווינגען זיי ארבייטען. זיי ווייסען זעהר גוט, אז דיא אייראָפּעער קענען פיעלע זאכען און זיינען גרויסע קינסטלער, דערפאר זיינען ביי זיי דיא אייראָפּעער זייער טהייער און ווען זיי קענען חאַפּען אן אייראפּעער, נעהמען זיי איהם געפאנגען און פיהרען איהם אוועק טיעף אין לאנד, פון וואנען ער זאָל ניט קענען אנטלויפען. דארט האַלטען זיי איהם פערשפּארט און הייסען איהם מאכען דיא אייראָפּעעשע ארטיקעל. מיינער א לאַנדסמאַן, דער שרייבער גוסטאַוו איימאַר, איז געווען צעהן יאָהר א געפאנגענער אין פּאַטאַגאָניען און איז מיט שווערע מיה אַנטלאָפען פון זיי. איך וועל אייך אַנאַנדער מאל דערצעהלען זיין געשיכטע.

— אלזאָ, דענקט איהר, אז קאַפּיטאַן גראַנט איז געפאַנגען ביי דיא פּאַטאַגאָניער? האט ליידי העלענאַ געפרעגט.

— איך בין כמעט איבערציינט, אז עס איז אזוי. זיין שיף איז אונטערגעגאנגען ערגעץ לעבען דיא אינזלען, אויף וועלכע עס וואינט ניט קיין מענשען. אויף דער אינזעל האבען זיך דאמאלס געראדע אויפגעהאלטען א באנדע פּאַטאַגאָניער. זיי האבען געזעהן, וויא דיא שיף איז אונטערגעגאנגען, זיינען אנגעפאַלען אויפ'ן קאַפּיטאַן מיט זיינע מאַטראָזען און האבען זיי געפאַנגען גענומען. זיי האבען מורא געהאט, מען זאָל ניט געוואהר ווערן און מען זאָל זיי ניט נאַכיאַגען און האבען, צערשטערט פערברענט, פערניכטעט יעדע שפּור פון דער „בריטאַניאַ“. נור אויף אַזאַ אַרט קען איך מיר ערקלערן, פאַר וואָס מיר קענען ניט געפינען קיין שפּור פון דער „בריטאַניאַ“.

אלע זיינען געווען איינפערשטאַנדען מיט דיעזער ערקלערונג. לאָרד גלענארוואַן האט אויך געהערט דערפון, אז דיא ווילדע פּאַטאַגאָניער נעהמען געפאַנגען דיא אייראָפּעער, וועלכע האבען דאס אונגליק אריינצופאלען אין זייערע הענד און מאכען זיי פאַר קנעכט.

— אבער דיא פלאַש? האט זיך פּלוצלונג אָפּגערופען דער שוויינענדיגער מאַיאָר. ווען דיא פּאַטאַגאָניער האבען געפאַנגען גענומען דעם קאַפּיטאַן גראנט אין דער צייט ווען ער האט געליטען שיפבּרוך, וואלטען זיי איהם געוויס ניט געלאזען שרייבען בריעף, זיי אריינלעגען אין א פלאַש און דיא פלאַש אריינוואַרפען אין מעער. אזוי קלוג זיינען זיי שוין געוויס, אז זיי וואלטען איהם ניט דערלאָזט ער זאָל געבען צו וויסען. אין וואס פאר א געפאהר ער געפינט זיך.

אלע האבען אנגעקוקט דעם מאַיאָר. זיין פראַגע איז געווען גאַנץ ריכטיג.

— מעגליך, אז אויפ'ן וועג פון'ם מעער ביז אין דעם ארט, וואוהין דיא פּאַטאַגאָניער האבען איהם אוועקגעפיהרט, איז עס דעם קאַפּיטאַן גראַנט געלונגען אנצושרייבען דיא בריעף, זיי אריינצולעגען אין פלאַש און דיא פלאַש אריינצואוואַרפען אין א טייך, וועלכער פליעסט אין מעער, האט דער פּראָפעסאָר געזאגט. דיא פּאַטאַגאָניער האבען געפונען אויף דער „בריטאַניאַ“ פיעל עסענוואַרג, זיי האבען זיך ערגעץ אָפּגעשטעלט אויפ'ן וועג נעכטיגען. זיי האבען זיך שטארק אנגעגעסען און זיינען אנטשלאָפען געוואָרען. אין דער צייט האט קאַפּיטאַן גראנט אנגעשריעבען דיא בריעף.

— עס איז זעהר מעגליך, אז דער פּראָפעסאר האט רעכט, האט לארד גלענאר־וואן געזאגט. איך וויל נאך ווייטער געהן און זאגען, אז ווען די פּאטאגאָניער האבען געבראכט דעם קאפּיטאן גראנט אין זייער דארף און האבען איהם שוין ניט אזוי שטרענג בעוואכט, האט ער אנגעשריעבען די בריעף און האט זיי ארייגעלעגט אין א פלאַש, וועלכע ער האט אריינגעוואָרפען אין טייך, ווען ער איז געגאנגען שעפּען וואסער. די טייכען אין פּאטאגאָניען פליעסען זעהר שנעל און די פלאַש איז באלד אריינגעשוואומען אין מעער.

— אלזא, וואס דענקט איהר צו טאהן? האט דער מאיאָר געפרעגט.

איינינע מינוטען האבען אלע געשוויעגען. דיזע פראגע האט זיי איבעראשט. וואס זאלען מיר יעצט טאהן? האט יעדער געפרעגט ביי זיך.

— איך מיין, אז אונזער אויפגאבע איז יעצט פיעל לייכטער, וויא פריהער, האָט דער פּראָפעסאָר ענדליך געזאגט. אין דעם פראנצויזישען בריעף שטעהט דייטליך 37. דאס הייסט, אז דער קאפּיטאן מיט זיינע מאטראָזען געפינען זיך אויפ'ן 37טען גראד. מיר דארפען אלזא דורכרייזען גאנץ פּאטאגאָניען אויפ'ן 37טען גראד. פון טשילי ביז ארגענטיניען, אדער פון'ם שטילען אָצעאן ביזן אטלאנטישען אָצעאן. וואו מיר וועלען בעגעגענען רייזענדע, אייראָפּעער אדער פּאטאגאָניער, וועלען מיר זיי פרעגען וועגען קאַפּיטאן גראנט. מיר וועלען צוזאָגען צו געבען א גרויסע בעלוינונג יעדען, ווער עס וועט אונז ברענגען אירגענד וועלכע נאכריכט פון איהם. אין פּאטאגאָניען געפינען זיך פיעלע יעגער, וועלכע פאהרען ארום פאנגען שטרויסען אין גואנאקאס.

— וואס איז דאס? האט ליידי העלענא געפרעגט. און פּאטאגאָניען זיינען דאָ שטרויסען? איך האב געמיינט, אז שטרויסען געפינען זיך נור אין אפריקא.

— דא האט איהר א טעות, ליידי העלענא, האָט דער פּראָפעסאָר געזאגט. עס איז זעהר מעגליך, אז די שעהנע, ווייכע און ווייסע שטרויספעדערן, וועלכע איהר טראָגט אויף אייער הוט, קומען ארויס פון א שטרויס פון פּאטאגאָניען און ניט פון אפריקא. דער שטרויס אין אפריקא ווערט אלע מאל זעלטענער, זיינע פעדערן זיינען זעהר טהייער, דערפאר זיינען דאָ זעהר פיעל יעגער, וועלכע זוכען איהם אויף און טויטען איהם צוליעב די פעדערן. עס וואלט שוין אין אפריקא גאָר קיין שטרויסען ניט געווען, ווען די ענגלענדער און די האלענדער אין קאפּלאנד וואלטען זיך ניט געווען אומגעקוקט און האבען אנגעהויבען צו האלטען שטרויסען ביי זיך אויף די פארמס, אזוי וויא מען האלט ביי אונז גענז. די יעניגע, וועלכע ווייסען, וויא אזוי ארומצוגעהן ארום די שטרויסען, מאכען דערביי א גאנץ גוטעס געשעפט. זיי געווינען פון דעם שטרויס צוויי זאכען: אייער און פעדערן. אן איי פון אן אפריקאנער שטרויס וועגט אן ערך פון זעקס פונט. מיט אזא איי קענען זיך צווייא שטארקע מענשען אן עסען.

די שטרויסען אין פּאטאגאָניען זיינען פיעל קלענער אלס די אפריקאנער שטרויסען. זייערע פעדערן זיינען אויך ניט אזוי שעהן און ניט אזוי ווייך, וויא די פעדערן פון'ם אפריקאנער שטרויס. אזוי וויא פּאטאגאָניען איז נאך זעהר ווענינ בעקאנט און ביז ניט לאנג פלעגען די אייראָפּעאישע יעגער ניט קומען אהין, האבען די שטרויסען דארט געלעבט גאנץ רוהיג און האבען זיך שטארק פערמעהרט. ערשט גאר

נים לאנג זיינען דיא איינאפּעער געוואהר געווארען פון דיא שטרויסען. יעצט געפינען זיך שוין גאנצע פּארטיען, וועלכע פאהרען ארום איבער פּאַטאַגאָניען און יאגען זיך נאך דיעזע שטרויסען. אין דער שטאדט פונטא ארענא, אדער וויא דיא ענגלענדער רופען זיא Sandy Point קענט איהר יעצט קויפען א פונט גוטע שטרויספעדערן פאר צעהן דאלאר.

איך האף, אז מיר וועלען בעגעגענען ערגעץ אזעלכע יעגער און וועלען ביי זיי קענען געוואהר ווערן איבער קאפּיטאן גראנט. דיעזע יעגער לעבען זעהר גוט מיט דיא ווילדע. זיי מוזען אָפט אנקומען איינער צום אנדערן. אייניגע פון זיי הייראטהען זאגאר דיא טעכטער פון דיא פּאַטאַגאָניער. זיי ווייסען דאהער אלעס, וואס דיא ווילדע טהוען און מיר וועלען פון זיי קענען פיעל זאכען ערפאהרען.

— זעהר פיעל וועט איהר ערפאהרען! האט געזאגט דער מאַיאָר. עס איז אייך לייכט צו זאגען. דורכפאהרען גאנץ פּאַטאַגאָניען פון איין עק צום אנדערן. איהר מיינט, פּראָפעסאָר, אז איהר זייט אין דער אוניווערזיטעט אין פּאריז און איהר נעהמט ארום אויף דעם לאנדקאַרט מיט דיא פינגער. דאס איז לייכט, אבער דורכפאהרען גאנץ פּאַטאַגאָניען איז ניט קיין קלייניגקייט.

— מיין ליעבער ריטשארדסאָן, האט לארד גלענאַרוואַן געזאגט, איהר זייט וויעדער אמאל אומגערעכט. איין מאל האבען מיר זיך ענטשלאסען צו פאהרען זוכען דעם קאפּיטאן גראנט, דארפען מיר ניט קוקען אויף קיין שווירינקייט. איך האב זעהר גוט געוואוסט, אז עס איז ניט אזוי לייכט צו פאהרען זוכען א מענשען אויף א אינזעל ערגעץ אין זידליכען מעער. איך האב מיך אבער ענטשלאסען און וועל ניט קוקען ניט אויף דיא גרויסע קאָסטען, ניט אויף שוויערינקייטען.

ווען ער האט דאס געזאגט, האט ער זיך געווענדעט צום פּראָפעסאר.

— אלזא, הערר פּראפעסאר, איז אייער מיינונג, אז מיר זאלען פאהרען אויפ'ן 37טען גראד?

פּראפעסאר פּאַגאנעל האט ארויסגענומען פון'ם בוזים דיא לאנדקארטע פון זיד אמעריקא און האט זיא אויסגעשפּרייט אויפ'ן טיש.

— קוקט אייך נור גוט צו דער לאנדקארטע, האט ער געזאגט. אט ליעגט דאס לאנד טשילי, א שמאָלער פּאס לאנד לעבען שטילען אצעאן. דאן הייבען זיך אן גאנץ הויכע בערג, וועלכע הייסען דיא קארדיליערען. ווען מען געהט אריבער דיא קארדיליערען, הויבט זיך אן א גרויסער טאהל פון עטליכע טויזענד מייל דיא ברייט און דיא לענג. אין דיעזען טאהל געפינען זיך אין זידען (דרום זייט) דאס לאנד פּאטאגאניען און אין נארדען (צפון זייט) דיא רעפּובליק ארגענטיניען. אט איז דער 37טע גראד. דער וועג איז א גלייכער און שטעלט ניט פאר פיעל שוויערינקייטען. אין דעם פראנצויזישען בריעף שטעהט דייטליך דער 37טער גראד. אלזא, ווען מיר האבען אונז איין מאל ענטשלאסען צו פאהרען זוכען דעם קאפּיטאן גראנט, מוזען מיר טאהן אונזער פּפליכט און ארומפאהרען אויפ'ן 37טען גראד ארום און ארום דער וועלט, ביז מיר וועלען איהם געפינען.

— דער פּראפעסאר האט פאלקאמען רעכט. האט ליידי העלענא געזאגט. פון

די בריעף ווייסען מיר צוויי זאכען פאר זיכער. ערשטענס, אז קאַפּיטאַן גראַנט האט געליטען שיפּבּרוך אין דער זיד זייט פון דער וועלט; צווייטענס, אז ער געפינט זיך אויפ'ן 37טען גראַד. מיר האבען אַלזאָ אַ ווינק, וואו איהם צו זוכען. דארט דארפען מיר איהם זוכען. דער פּראָפעסאָר האט וויעדעראום רעכט, ווען ער זאגט, אז קאַפּיטאַן גראַנט איז געפאנגען ביי די פּאַטאַגאָניער. דאס פראַנצויזישע ווארט „פּריזאָניע" ציינט אונז דייטליך, אז ער איז געפאנגען. מיר וועלען איהם פאהרען זוכען און קוים וועלען מיר נור עפּעס געוואהר ווערן פון איהם, וועלען מיר אונז בעמיהען איהם צו בעפרייען מיט גוטען אדער מיט בייזען.

— מיט בייזען? האט געפרעגט דער מאַיאָר. וואס קענט איהר טאהן געגען די ווילדע? קענט איהר זיך שלאגען מיט זיי?

— לאמיר איהם נור אויסגעפינען, האט ליידי העלענאַ געענטפערט, מיר וועלען שוין וויסען, וויא אזוי איהם צו בעפרייען. מיר וועלען זיך ווענדען צו דער רעגיערונג פון דער אַרגענטינישען רעפּובּליק. מיר וועלען זיך ווענדען צו אלע ענגלישע קאָנסולען אין זיד אַמעריקאַ. די ענגלישע רעגיערונג אליין, וועלכע האט ניט געוואלט שיקען אַ שיף איהם צו זוכען, וועט אַנווענדען אלע מיטעל איהם צו בעפרייען, ווען זיא וועט געוואהר ווערן, אז ער איז געפאנגען און מען ווייס וואו ער איז. אויסער דעם וועלען מיר אליין קענען דינגען מענשען, זיי בעוואפּענען און שטעלען זיי אונטער דער קאָמאַנדע פון מאַיאָר ריטשאַרדסאָן. אין פּאַטאַגאָניען איז מאכט — רעכט. ווער עס האט די מאכט, דער האט דאס רעכט. מיר וועלען האבען די מאכט אין אונזערע הענד און וועלען איהם בעפרייען.

— פאלקאמען ריכטיג, האט קאַפּיטאַן פאַרראַגוט געזאגט. מיר וועלען אָרגאַניזירען אַ קליינע אַרמעע און אונזער מאַיאָר וועט ווערן גענעראַל פון דיעזער אַרמעע.

— איך זעה ווייטער גאר קיין שוועריגקייטען ניט דורכצוגעהן גאנץ פּאַטאַגאָניען, האט דער פּראָפעסאָר ווייטער געזאגט, אין 1782 איז אַ שפּאַניער, מיט'ן נאמען ווילאַרמאַ, גאַנץ איינער אליין דורכגעגאנגען צו פוס פון דער שטאדט קארמען אין אַרגענטיניען ביז קאָנסעפּסיאָן אין טשילי. אין 1806 איז אַנאַנדער שפּאַניער מיט'ן נאמען דאָן לואיס דעלאַ סאַנטאַ קרוז, ארויסגעפאהרען רייטענדיג פון דער שטאדט אַנטוקאָ אין טשילי און איז אין פערציג טעג ארום אַנגעקומען קיין בוענאָס אַירעס, די הויפּטשטאדט פון אַרגענטיניען. פאַר וואס זאלען מיר ניט קענען מאכען דיעזעלבע רייזע?

— אַלזאָ, האבען מיר מעהר ניט וואס צו רעדען דערפון, האט לאָרד גלענאַרוואַן געזאגט. מיר מוזען מאכען די רייזע איבער פּאַטאַגאָניען. דאס איז שוין אָפּגעמאכט. יעצט בלייבט נור די פראגע, אויף וואס פיר אַ וועג מיר זאלען פאהרען.

— דאס איז קיינע פראגע, האט דער פּראָפעסאָר געזאגט און האט געוויעזען אויף דער לאַנד־קארטע. מיר דארפען ארויספאהרען פון דער שטאדט אַנטוקאָ אין טשילי, אריבערגעהן די קאָרדילערען, געהן גלייך, ביז מיר וועלען קומען קיין אַרגענטיניען, דארט אבער דארפען מיר ניט געהן קיין בוענאָס אַירעס, זאנדערן מיר דארפען געהן קיין זידען ביז אין פּאָרט מעדאַנאַ אויפ'ן אַטלאַנטישען וועלט־מעער.

פאגאנעל האט יעצט אנגעהויבען צו דערצעהלען, וויאפיעל רייזענדע און וויאפיעל געלערנטע עס זיינען שוין געגאנגען אויף דעמזעלבען וועג.

— וויא איהר זעהט, מיינע פריינד, האט ער געענדיגט זיין לאנגע רעדע, איז עס א גאנץ גלייכער וועג, וועלכען מיר קענען דורפאהרען אין דרייסיג טעג.

— וואו וועט אָבער בלייבען דיא „דונקאן“? האט ליידי העלענא געפרעגט.

— דיא „דונקאן“ וועט פאהרען צוריק, וועט ווידער דורכפאהרען דיא מאגעלאן שטראסע און וועט אונז ערווארטען אין אַ פּאָרט אין ארגענטיניען.

— איך קען אייך ערווארטען אין סאן אנטאָניאָ, האט קאפּיטאן פארראגוט געזאגט סאן אנטאָניאָ איז א גאנץ גוטער פּארט אין ארגענטיניען. וועל איך קומען מיט דער „דונקאן“ פריהער, וועל איך אויף אייך ווארטען, וועט איהר אבער קומען פריהער, וועט איהר מוזען ווארטען אויף מיר.

— אלזא, זיינען מיר דערמיט אויך פערטיג, האט לארד גלענארוואן געזאגט. יעצט איז דא נאך אַ פראגע: ווער וועט מאכען דיעזע רייזע?

— דאס איז אויך גאנץ איינפאך, האט דער פּראָפעסאר געענטפערט. איהר, לארד, מוזט מיט אונז פאהרען, ווייל איהר זייט דאך דיא הויפּט פּערזאן אין אונזער עקספּעדיציאן. דער מאיאר וועט אויך מיט אונז פאהרען, ער איז דאך אונזער גענעראל, אונזער אבערקאמאנדירענדער גענעראל. איך וועל מיך אויך מיטשלעפּען, ווייל איך וויל מאכען אַ רייזע איבער פּאטאגאניען, איך זאל האבען, וואָס צו בעריכטען דער געאָגראפישען געזעלשאפט.—

— און איך! האט אויסגערופען ראָבערט. איך מוז געהן מיט אייך. איך געה דאך זוכען מיין פאטער!

— ראבערט, וואס רעדסט דוא? האט מערי געזאגט. וואוהין ווילסט דוא געהן?

— פאר וואס ניט? האט דער פּראָפעסאר געפרעגט. פאר אַ יונגען מענשען איז אַ רייזע זעהר נייטיג, ער לערנט אויף דער רייזע פיעל מעהר, וויא פון ביכער. — יא, ראבערט, דוא וועסט אויך געהן מיט אונז. מיר וועלען נאך מיטנעהמען דריי מאטראזען פון דער „דונקאן“.

— נו, און מיך ווילט איהר ניט מיטנעהמען? האט קאפּיטאן פארראגוט געזאגט.

— מיין ליעבער קאפּיטאן, האט איהם לארד גלענארוואן געזאגט, איך וואלט אייך מיטגענומען מיט׳ן גרעסטען פערגניגען. ליידער, קען איך עס ניט. איך פערטרוי אייך דאס בעסטע, דאס טהייערסטע פאר מיר אויף דער וועלט. איך פערטרוי אייך מיין פרוי, ליידי העלענא.

— אלזא, ווילסט דוא מיך אויך ניט מיטנעהמען, עדווארד? האט ליידי העלענא געזאגט טרויעריג.

— ליעבע העלענא, דוא ווייסט, וויא איך ליעב דיך און וויא שווער עס איז מיר זיך צו שיידען פון דיר זאגאר אויף איין טאג. עס איז מיר אבער אונמעגליך דיך מיטצונעהמען. מיר וועלען מוזען מאכען דיא גאנצע רייזע רייטענדיג אויף פערד אדער אויף מוילעזלען. זיצען צוואנציג—דרייסיג טאג נאכאנאנד אין זאטעל איז פאר אַ פרוי אונמעגליך. איך וויל שוין ניט רעדען פון אנדערע שווערינקייטען, וואס קענען טרעפען

אויפ׳ן וועג. בלייב, ליעבע העלענא, אויפ׳ן שיף. דוא וועסט פאהרען צוריק און אונז ערווארטען אין סאן אנטאניא.

ליידי העלענא האט געשוויעגען. זיא האט זעהר געוואלט מיטפאהרען, זיא האט אבער געזעהן, אז עס איז אונמעגליך. ווען זיא פאהרט מיט, וואלט זיא געמוזט מיט־נעהמען מערי גראנט און צוויי פרויען מיטנעהמען אויף אזא רייזע אין א ווילדע געגענד, וואו עס זיינען ניטא קיין האטעלס, ניט קיין דערפער, ניט קיין וועגען, איז געווים אונ־מעגליך.

באלד האט מען אנגעהויבען צו מאכען פארבערייטונגען אויף דער רייזע. עס איז געבליעבען, אז מען זאל קיינעם ניט זאגען, וואוהין מען פאהרט. מען זאל גאר ניט דערמאנען דעם נאמען פון קאפיטאן גראנט און אלע פארבערייטונגען זאל מען האלטען אין געהיים. מען האט מורא געהאט, אז דיא פאטאגאניער זאלען ניט געוואהר ווערן, אז מען פאה־רט זוכען ביי זיי געפאנגענע, וועלען זיי זיך בעהאלטען ערגעץ אין דיא בערג.

עס איז מערקווירדיג, וויא שנעל א נאכריכט פערברייטערט זיך אין יענע געגענ־דען. דאכט זיך, דארט איז ניטא ניט קיין פאסט, ניט קיין טעלעגראף, מען קען ניט שיקען קיין עסטאפעט, קיין קוריער און דענאך לאז נור עפעס געשעהן, ווייס מען עס באלד פון איין עק פאטאגאניע׳ן ביז אין אנדערן. און ניט נור אין פאטאגאניען איז עס אזוי, עס איז אזוי אין אלע געגענדען, וואו עס געפינען זיך ווילדע מענשען, גלייך וויא דיא פויגעל פון׳ם הימעל וואלטען צוטראגען דיא נאכריכט אין אלע געגענדען.

ווען דיא מאטראזען פון׳ם „דונקאן“ זיינען געוואהר געווארען, אז דריי פון זיי וועט מען מיטנעהמען אויף דער רייזע, איז יעדער מאטראז געקומען זיך בעטען צו לארד גלענארוואן, אז ער זאל איהם מיטנעהמען. לארד גלענארוואן האט ניט געוואוסט, וועמען ער זאל אפזאגען. ער איז מיט אלעמען צופריעדען געוועזן און האט ניט געהאט קיין אורזאכע איינעם אפצוזאגען. ער האט געפרעגט דעם פראפעסאר, וואס ער זאל טהאן?

— לאז מען ווארפען א גורל, האט דער פראפעסאר געזאגט, דאן וועלען אלע צו פריעדען זיין. געגען א גורל קען קיינער ניט איינוועגדען.

מען האט אזוי געטהאן. מען האט געווארפען א גורל. דיא גליקליכע זיינען גע־ווען: טאם אויגוסטין, דער ערשטער אפיציער, ווילסאן, א יונגער און פרעהליכער מאטראז, וועלכער פלעגט אלעמען אויפ׳ן שיף פרעהליך מאכען מיט זיינע קונסט שטיק און מילרעדי, א שטארקער מאטראז, וועלכער איז געוועזן בעקאנט אלס א פארטרעפ־ליכער באקסער (פייטער).

יעצט האט זיך אנגעהויבען א נייעס לעבען און א נייע טהעטיגקייט אויפ׳ן „דונ־קאן“. לארד גלענארוואן האט זיך געאיילט צו מאכען זיינע פארבערייטונגען פאר דיא רייזע איבער לאנד און קאפיטאן פאראגוט האט זיך געאיילט צו פערזארגען זיין שיף מיט קוילען, אום ער זאל קענען קומען פריהער פאר דער עקספעדיציאן אין סאן אנטא־ניא. עס האט אויסגעוויזען, גלייך וויא זיי וואלטען זיך פארוועט, ווער פון זיי וועט פריה־ער אנקומען קיין סאן אנטאניא.

ענדע אקטאבער זיינען ביידע פארטיען פערטיג געוועזן צו מאכען זייער רייזע

דעם 30טען אקטאבער אין דער פריה האבען זיך אלע פערזאמעלט אויפ'ן דעק פון'ם „דונקאן" אום איינער פון'ם אנדערן אבשיעד צונעהמען. לארד גלענארוואן, פאגאנעל, דער מאיאר, ראבערט גראנט און דיא דריי מאטראזען זיינען געווען אנגעטהאן, וויא שפאניער און יעדער האט געהאט א פאר רעוואלווערס אין גארטעל און א קאראבין (א קורצע ביקס) אויף דיא פלייצעס. אין יענע געגענדען מוז מען פאהרען בעוואפענט פון קאפ ביז אין דיא פיס. אהן א גוטען קאראבין טאר מען ניט ארויסטרעטען א שריט אין דיא ווייטע סטעפעס פון פאטאגאניען. דיעזע סטעפעס הייסען אויף שפאניש „פאמפאס".

אויפ'ן ברעג זיינען געשטאנען בעררייט צור אברייזע פערד, מוילעזעל און איינינע שפאניער און אראקואניער, וועלכע זאלען דיענען אלס פיהרער און וועג־ווייזער. קאפי־טאן פארראגוט האט געגעבען א בעפעהל, אז מען זאל אויפהויבען דעם אנקער פון'ם „דונקאן".

— עס איז צייט! האט ענדליך לארד גלענארוואן געזאגט.

ער איז צוגעגאנגען צו זיין פרוי, האט זיא ארומגענומען און האט געזאגט געריהרט:

— זיי געזונד, ליעבע העלענא! באלד וועלען מיר אונז וויעדערזעהן אין סאן אנטאניא.

— פאהר געזונד, ליעבער עדוואַרד! איך ווינש דיר גליק אויף דיין רייזע! איך ווינש אייך אלעמען גליק און ערפאלג!

זיא האט ניט געקענט איינהאלטען איהרע טרערין און איז באלד אוועקגעגאנגען אין איהר קאיוטע.

— יעצט שעק הענדס! האט אויסגערופען פאגאנעל. לאמיר דריקען איינער דעם אנדערן דיא הענד און ווינשען איינער דעם אנדערן א גוטע און גליקליכע רייזע.

אלע מאטראזען האבען געדריקט דיא הענד דעם פראפעסאר, לארד גלענארוואן און יעדען, ווער עס איז מיטגעפאהרען. אין איינינע מינוט ארום זיינען דיא רייזענדע אראפ פון דער שיף און האבען זיך אויפגעזעצט אויף דיא פערד.

— גליק אויף דיא רייזע! גאט זאל אייך העלפען! האט אויסגעשריען א פרויען שטימע פון דער שיף.

לארד גלענארוואן האט זיך אומגעקוקט און האט דערזעהן ליידי העלענא שטעהן אויפ'ן אויבערשטען דעק און פאכען מיט איהר שנופטוך.

— זייט רוהיג, מאדאם! גאט וועט אונז געוויס העלפען, האט דער פראפעסאר איהר געענטפערט, ווען ניט, וועלען מיר אליין אונז העלפען, האט ער ווייטער געזאגט זיך אליין.

לארד גלענארוואן האט געגעבען א צייכען, אז מען זאל פאהרען.

11טעס קאפיטעל.
דיא רייזע אין טשילי.

בעפאר מיר געהן ווייטער אין אונזער ערצעהלונג פון לארד גלענארוואן מיט זיין עקספעדיציאן איבער זיד אמעריקא, מוזען מיר בעקאנט מאכען אונזערע לעזער מיט דיא נייע מענשען, וועלכע לארד גלענארוואן האט מיטגענומען מיט זיך אלס פיהרער און וועגווייזער.

אין גאנצען זיינען זיי געווען דריי גרויסע מענשען און א אינגעל פון א יאהר זעכצעהן. דער עלטערער פון זיי, אדער דער קאפיטאן, וויא מען רופט איהם דארט, איז געווען אן ענגלענדער, וועלכער וואינט שוין צוואנציג יאהר אין טשילי און איז גוט בעקאנט מיט'ן לאנד און מיט דיא שפראכען, וואס מען רעדט אין יענע געגענדען. ער האט געמאכט א לעבען דערפון, וואס ער האט געהאלטען פערד און מויל־עזלען און האט זיי פערדונגען צו ר' זענדע. ער אליין פלעגט צוואר זעלטען מיט פאהרען. דאס מאל אבער האט ער געמאכט אן אויסנאהמע, ווייל לארד גלענארוואן האט איהם גוט בעצאהלט. לארד גלענארוואן האט איהם געגעבען, וויא פיעל ער האט געוואלט, ער זאל נור פאהרען מיט איהם, ווייל מיט איהם האט ער דאך געקענט זיך צו זאמען רעדען. קיינער פון זיינע מענשען האט ניט פערשטאנען קיין שפאניש. דער פראפעסאר האט זיך צוואר אויסגעלערענט שפאניש. אבער ווען ער האט גערעדט שפאניש האט איהם קיין שפאניער ניט פערשטאנען און ווען דיא שפאניער פלעגען רעדען, פלעגט דער פראָ־פעסאר קיין ווארט ניט פערשטעהן. מיט אזא שפאניש רעדען איז זעהר שוועהר צו פאהרען מיט שפאניער. דער פראפעסאר האט זיך צוואר זעהר געוואונדערט, וויא עס קומט, וואס קיינער פערשטעהט איהם ניט. ער רעדט, דאכט זיך זעהר גוט און ריכטיג. עס האט איהם אבער גאר ניט געהאלפען. מען האט איהם ניט פערשטאנען און באסטא! דערפאר האט לארד גלענארוואן נור געוואלט האבען מיט זיך דעם ענגלענדער, וועלכער האט גוט גערעדט שפאניש און נאך אייניגע שפראכען פון דיא ווילדע פעלקער אין דער געגענד.

דער ענגלענדער האט מיטגענומען מיט זיך צווייא פון זיינע מענשען, אנטרייבער פון דיא מויל־עזעל. דאס זיינען געווען געבאָרענע טשיליאנער, האלב שפאנישע, האלב ווילדע. אין יענע געגענדען קומט פאר זעהר אפט, אז א שפאניער הייראטעט א פרוי פון דיא ווילדע אינדיאנער און שפאנישע פרויען הייראטהען אפט ווילדע אינדיאנער. דיא קינדער, וואס קומען ארויס פון אזא פערבינדונג, האבען געוועהנליך אין זיך דיא מעלות פון'ם שפאניער און פון'ם ווילדען. זיי זיינען ציוויליזירט, וויא דיא שפאניער און האבען דאס שארפע אויגען און דעם שארפען אויער פון'ם ווילדען. דער ווילדער האט אזא שארף אויג, אז ער דערזעהט א חיה אדער א מענשען אויף עטליכע מייל דיא ווייט. דער ציוויליזירטער מענש האט געוועהנליך זעהר א שוואכעס אויג און קען ניט זעהן גאנץ וויית

מיט'ן אויער איז אויך דאס זעלבע. דער ווילדער לעגט צו דעם אויער צו דער ערד און הערט דיא טריט פון א פערד אדער פון א חיה אויף עטליכע מייל. דער צי־וויליזירטער לעגט צו דעם אויער און הערט גאר ניט

דיעזע האלב־ווילדע האבען געפיהרט דיא צעהן מויל עזלען, וועלכע זיינען געווען אנגעלאָדען מיט'ן באגאזש פון דער עקספעדיציאָן. דאס אינגעל האט געפיהרט דיא „מאַדרינאַ“ דיא „מוטער“, א זיא מויל־עזעל, וועלכע איז געווען בעהאנגען מיט גלעקלעך. זיא געהט שטענדיג פאָראויס און ווען דיא מויל־עזעלן הערן דאס קלינגען פון דיא גלעקלעך פון דער „מאַדרינאַ“, געהן זיי איהר נאך און מען דארף זיי ניט טרייבען. לאָז מען ביי זיי צונעהמען דיא „מאַדרינאַ“, וועלען זיי זיך ניט ריהרען פון'ם ארט, מען מעג זיי שלאגען צום טויט. ביז צו דיא בערג, דיא קארדיליערען איז לארד גלענארוואן מיט זיינע מענשען געפאהרען אויף פערד. אויף דיא בערג אבער קען מען אויף פערד ניט פאהרען. עס קומט אמאל אויס צו פאהרען אויף אזעלכע שמאָלע און געפעהרליכע וועגען, אויף וועלכע נור א גוטער מויל־עזעל קען געהן. א פערד פערדרעהט זיך אפט דער קאפּ און ער פאלט אראפּ מיט'ן רייטער ערגעץ אין א שרעקליכע טיפעניש.

נור דיא איינוואינער פון יענע געגענדען וויסען, וויא אזוי צו פאהרען אדער ריכטיגער געזאָגט, וויא אזוי אריבער צו פאהרען דיא קארדיליערען. עס קומען פאָר אזעלכע וועגען. וואו צווייא מויל־עזעל קענען זיך אויף קיין פאל ניט אויסמיידען. איינער פון זיי מוז אראָפּגעווארפען ווערן אין אבגרונד, וואו ער ווערט צושאָטען אויף שטיקלעך. ווען מען קומט צו צו אזא וועג הויבט מען אן צו שרייען און צו שיסען. דערמיט גיט מען א צייכען, אז דער וועג איז פערנומען און קיינער טאָר אויף איהם ניט פאהרען.

בעמערקענסווערט איז דער פאל, אז דיא מויל־עזעל פון ארגענטיניען זיינען פיעל בעסער און פיעל זיכערער, אלס דיא מויל־עזעל פון טשילי, אבוואָהל טשילי ליעגט לעבען דיא בערג און ארגענטיניען איז ווייט פון דיא בערג.

אויפ'ן גאנצען וועג פון טשילי קיין ארגענטיניען זיינען ניטא ניט קיין גאסט הייזער, ניט קיין האָטעלס, ניט קיין הייזער, וואו אבצושטייגען אום צו קויפען עסען. דער רייזענדער מוז מיט זיך מיטפיהרען זיין פראָוויאנט אויף דער גאנצער רייזע. דיעזער פראָוויאנט בעשטעהט געוועהנליך פון רייז, געטריקענט פלייש און נאך אזעלכע ארטיקעלן, וועלכע ווערן ניט פערדאָרבען אויף דער לאנגער רייזע. פריש פלייש קען מען נור האבען, ווען מען שיעסט אויפ'ן וועג א פויגעל אדער א חיה. וואסער בעקומט מען אין דיא טייכען, וועלכע זיינען דא זעהר פיעל אין דיא בערג. דאס וואסער אין אזעלכע טייכען איז געוועהנליך קאלט און גוט צום טרינקען און צום קאָכען. אין טהאל אבער, וואו דיא טייכען פליעסען לאנגזאם און צומאל געהן זיי דורך געגענדען, וועלכע זיינען בעדעקט מיט זאלץ, אדער וויא דיא שפּאנישע רופען זיי „סאלינאס“ Salinas, איז א מאל דאס וואסער זעהר שלעכט און מען מוז אריינגיעסען אביסעל ראָם אין וואסער, איידער מען קען עס טרינקען.

ראָם מוז יעדער רייזענדער מיט זיך פיהרען. עס קומט איהם צו ניץ אין פיעלע פעלע, צופיעל טרינקען ראָם טאָר מען אבער אין יענע געגענדען ניט. דיא לופט פון דיא בערג אליין ווירקט בערוישענד אויפ'ן מענשען און דער מענש, וועלכער קומט צום ערשטען אין דיא בערג, פיהלט זיך וויא בערוישט, וויא שכור. שלאָפען שלאָפט מען געוועהנליך אויף דער הוילער ערד מיט'ן פרייען הימעל אלס דאך איבער'ן קאָפּ. יעדער רייזענדער מוז האבען צוויי דעקען פון שעפּסען פעל. איין דעק בעט ער זיך אונטער און

מיט דער אנדערער הילט ער זיך איין און מיט'ן זאמעל פוקס מויל־עזעל צו קאפענס שלאפט מען גאנץ געשמאק, בעזאנדערס ווען מען איז זיך א גאנצען טאג אנגעפאהרען.

לארד גלענארוואן האט אין זיין לעבען שוין געמאכט פיעל רייזען און איז שוין געוואינט צו פיהרען אנאנדער ארט לעבען אין יעדען לאנד. פראפעסאר פאגאנעל און ראבערט גראנט האבען זיך געפרייט, וויא קליינע קינדער, ווען זיי זיינען אריינגעפאהרען אין דיא בערג. יעדע זאך האט זיי אינטערעסירט, צו יעדע זאך האבען זיי זיך צוגעקוקט און האבען יעדעס מאל, ווען זיי האבען געזעהן עפעס נייעס, אויסגערופען מיט איין קול: אה! אה!

— זיי זיינען ווירקליך נאך קינדער, האט לארד גלענארוואן געזאגט צו זיך אליין. דער אונטערשיעד איז נור אין דיא יאהרען. איינער איז אן עלטערעס קינד, דער אנדערער איז אן איינגערעס קינד.

דאס וועטער איז געוועזען שעהן. דער הימעל איז געוועזען קלאר און בלוי. אין יענע געגענדען רעגענט עס זעהר זעלטען. אין דער פראווינץ קאנסעפסיאן האבען זיי ניט מעהר אלס דרייא ביז פינף רעגענטאג אין יאהר. עס וואלט פאסט גאר ניט געוואקסען און דאס לאנד וואלט געוועזען א וויסטע, ווען דיא ווילדע מענשען זאלען ניט געוועזען ווייזען דיא ציוויליזירטע שפאניער, וויא אזוי צו גראבען קאנאלען און צו בעוואסערן דאס לאנד.

לאנגזאם זיינען געפאהרען אונזערע רייזענדע. אלע האבען געשוויגען. דיא שפאניער האבען פיינד פיעל צו רעדען, ווען זיי זיינען אין וועג. לארד גלענארוואן איז געוועזען טרויעריג, וואס ער האט זיך געמוזט שיידען פון זיין ליעבע העלענא. נור דער פראפעסאר האט גערעדט אהן אן אויפהער און, ווען ער האט געזעהן, אז קיינער ענטפערט איהם ניט, האט ער אנגעהויבען צו רעדען צו זיך אליין אויף שפאניש. ער האט זיך אליין געשטעלט פראגען און האט זיי אליין פארענטפערט. קיינער אבער האט זיך אויף איהם ניט אומגעקוקט, ווייל קיינער האט איהם ניט פערשטאנען. אזוי זיינען אונזערע רייזענדע געפאהרען א גאנצען טאג, ביז זיי זיינען געקומען קיין אראאוקא, דיא הויפט שטאדט, אדער דיא איינציגע שטאדט פון'ם לאנד אראוקאניען.

דאס לאנד ארויקאניען Araucania איז צוויא הונדערט פונפציג מייל דיא לענג און דרייסיג מייל דיא ברייט. דאס גאנצעס לאנד געהערט צו דיא ווילדע מענשען, אדער אראויקאניא־אינדיאנער, וויא מען רופט זיי. דיא ארויקאניער זיינען דיא עלטעסטע איינוואינער פון יענער געגענד. זיי זיינען דיא עכטע טשיליאנער. פון אלע ווילדע פעלקער, וועלכע האבען בעוואינט און בעוואינען נאך יעצט נארד און זיד אמעריקא זיינען דיא ארויקאניער דאס איינציגעס פאלק, וועלכע האבען זיך קיין מאל ניט אונטערגעגעבען. זיי האבען געפיהרט בלוטיגע קריעג מיט דיא שפאניער און האבען ענדליך געזיעגט. זיי זיינען געבליעבען פריי און האבען קיין שפאן ניט אוועקגעגעבען פון זייער לאנד. איין רעגיערונג נאך דער אנדערער האט זיך געביטען אין טשילי און אין גאנצען זיד אמעריקא. דיא ארויקאניער אבער זיינען געבליעבען דיא זעלבע און האבען ניט געביינט זייער שטאלצען קאפ אונטערן יאך פון דיא אייראפעער, ביז ענדליך דיא אייראפעער האבען זיך איבערציינגט, אז מיט דיזע שטאלצע מענשען וועלען זיי גאר ניט

מאכען און האבען געשלאסען מיט זיי אן אייביגען פריעדען. יעצט הענגט זייער פאהן— א ווייסער שטערן אויף א בלויעס פעלד — אויף א טורעם אין אראאוקא, זייער הויפט שטאדט, הויך אין דער לופט און קיינער וואגט עס צו בעליידיגען.

אונזערע רייזענדע זיינען אנגעקומען קיין אראוקא אום 5 אוהר פאר נאכט. דער וועגווייזער איז צוגעפאהרען צום הויז פון א בעקאנטען ארויקאניער און האט איהם געבעטען, ער זאל איהם ערלויבען איבערצונכטיגען ביי איהם. דער ארויקאניער האט זיי אויפגענומען זעהר גאסט־פריינדליך. דיא ארויקאניער זיינען גוטמיטהיגע און פריינדליך (זיי זיינען מכניס אורחים) זיי זיינען בערייט צו טהאן, וואס זיי קענען נור פאר א פריינד. שרעקליך, גרויזאם און אונמענשליך אבער זיינען זיי געגען יעדען, וועלכער וויל ביי זיי אוועקרויבען זייער פרייהייט.

מען איז אפגעשטיגען פון דיא מוילעזעל. לארד גלענארוואן מיט'ן פיהרער פון דיא מוילעזעל זיינען ארומגעגאנגען אין שטאדט פרעגען דיא איינוואוינער, פיעללייכט וויס איינער פון זיי פון א שיף, וועלכע איז מיט צוויי יאהר צוריק אונטערגעגאנגען אין דיעזע געגענדען און פון קאפיטאן גראנט מיט זיינע מאטראזען. אלע זיינע נאכפארשונגען אבער זיינען געווען אומזיסט. קיינער האט ניט געהערט און קיינער האט ניט געוואוסט פון קיין שיף „בריטאניא" און פון קיין קאפיטאן גראנט.

פראפעסאר פאגאנעל און ראבערט גראנט זיינען אויך ארומגעגאנגען אין שטאדט, זיי האבען אבער געהאט א גאנץ אנדערן צוועק. זיי האבען געוואלט אויסקוקען דיא שטאדט. לארד גלענארוואן האט רעכט געהאט, זיי זיינען ביידע קינדער און עס האט זיי אינטערעסירט צו זעהן א שטאדט, וואו עס וואינען נור ווילדע מענשען. זיי האבען אבער געהאט זעהר ווענינ וואס צו זעהן. דיא גאסען זיינען צווארברייט, אבער ניט געפפלאסטערט. דיא הייזער זיינען נידעריג און געדעקט מיט שטרוי אדער מיט שילף (קאמיש). רעדען האבען זיי מיט קיינעם ניט געקענט, ווייל אלע איינוואינער רעדען נור אראויקאניש, א שפראכע, פון וועלכע דער פראפעסאר פאגאנעל האט קיין בעגריף ניט געהאט. זיי זיינען ארומגעגאנגען איינינע צייט, האבען זיך צוגעקוקט, וויא איינפאך דיא אראויקאניער לעבען, האבען בעטראכט זייערע וואינונגען און זייערע אויפפיהרונגען.

דיא מענער זיינען הויך און שטארק געבויט דיא פארב פון זייער הויט איז רויט, וויא קופער. זייער גרויסער קאפ איז בעדעקט מיט לאנגע שווארצע האר. קיין בארד האבען זיי ניט. עס איז דאהער ניט לייכט צו דערקענען דיא מענער פון דיא פרויען. דיא מענער זיינען אלע געזעסען אין דרויסען פאר דיא טהירען פון זייערע געצעלטען און האבען גערויכט זייערע קורצע, לעהמענע פפייפען. עס איז געווען דייטליך, אז דאס איז א קריעגערי'שעס פאלק. יעדער איז א געבוירענער סאלדאט און, וויא יעדער סאלדאט, האט ער ליעב ארומצוגעהן לעדיג, ווען עס איז ניטא קיין קריעג. אלע ארבייטען טהוען דיא פרויען. זיי אקערן און זייען, רייניגען דיא פערד, פוצען דיא וואפען, קאכען, באקען און, ווען עס בלייבט זיי צייט, וועבען זיי דיא בעריהמטע בלויע דעקען, „פאנטשא" אויף שפאניש, וועלכע קאסטען מינדעסטענס הונדערט דאלאר א דעק, ווייל עס גע־דויערט גאנצע צוויי יאהר ביי א גוטער ארבייטערין, איידער מען וועבט אויס אזא דעק.

דער פראפעסאר און ראבערט האבען זיך ארומגעדרעהט א פאר שטונדען אי־

דיא נאסען פון ארויקא. אזוי וויא זיי האבען אבער קיין נייעס ניט געזעהן. זיינען זיי געגאנגען אויף זייער קווארטיר. אלע זיינען געוועזען מיעד און מען האט זיך באלד געלעגט שלאפען. דעם אנדערן טאג אין דער פריה האט מען זיך ווייטער אויפגעזעצט אויף דיא פערד און דיא מוילעזעל און מען איז ווייטער געפאהרען. אנפאנגס זיינען זיי געפאהרען דורך דאס שעהנע, בליהענדע און רייכע ארויקאניא לאנד. איבעראל האט מען געזעהן גרינע פעלדער און וויינגערטנער. ארום דיא וועלדער האבען זיך געפאסעט העערדען (טשערעדעס) מיט קיה, אקסען, פערד און מוילעזעל. באלד אבער איז דאס שעהנע לאנד פערשוואונדען. דער וועג האט געפיהרט בארג ארויף און איז געווארען אלע מאל שווערער.

נעגען מיטאג זיינען זיי צוגעקומען צו א גרויסען טייך, וועלכער איז בעקאנט אונטערן נאמען „ריא דעטובאל“. דארט זיינען זיי געבליעבען שטעהן, האבען אפגעגעסען זייער מיטאג און זיינען ווייטער געפאהרען. דער מוילעזעל טרייבער האט זיך געאיילט צו צוקומען צו דער לעצטער סטאציאן, וואו ער זאל איבערלאזען דיא פערד. ווייטער פון דיעזער סטאציאן קען מען שוין ניט פאהרען מיט פערד. נעגען אבענד זיינען זיי אהין אנגעקומען און האבען דארט גענעכטיגט. דאס איז געוועזען דיא ערשטע נאכט, וואס זיי זיינען געשלאפען אין דרויסען אונטערן פרייען הימעל.

דיא סטאציאן איז בעשטאנען פון א קליין שטיבעלע, אין וועלכער צוויי מענשען האבען זיך געקענט קוים אויסדרעהן, און א גרויס שטיק פלאץ ארומגעצאמט מיט פלעקער, וואו עס האבען זיך געפונען עטליכע הונדערט פערד און מוילעזעל. דאס הייסט א סטאציאן אין יענע געגענד. עס איז אבער געוועזען דיא לעצטע סטאציאן. ווייטער זיינען קיינע מענשליכע וואינונגען שוין ניטא.

דעם אנדערן טאג איז מען געפאהרען ווייטער. דאס וועטער איז געוועזען שעהן און דיא בערג-לופט ערפרישענד. לארד גלענארוואן האט זיך יעדעס מאל ארומגעקוקט, פיעללייכט וועט ער דערזעהן א מענשען, ביי וועמען ער זאל קענען פרעגען וועגען קאפיטאן גראנט, אבער א גאנצען לאנגען טאג האבען זיי אויפ'ן וועג קיין לעבעדיגען מענשען ניט בעגעגעט.

וואס העכער זיי זיינען ארויפגעשטיגען אויף דיא בערג, אלץ ווילדער, אלץ טרויעריגער און איינזאמער איז געווארען דיא געגענד. דער וועג איז געווארען אלץ שווערער. גרויסע שטיינער זיינען געוועזען צו ווארפען איבעראל אין א שרעקליכער אונארדנונג. מען האט געמוזט פאהרען זעהר פארזיכטיג. מען האט געמוזט פאהרען אין א רייהע, איינער נאכ'ן אנדערן. דער יונגע מיט דער „מאדרינא“ איז געפאהרען פאראויס, נאך איהם איז געפאהרען דער קאפיטאן, אדער דער מוילעזעל טרייבער, דאן לארד גלענארוואן, הינטער איהם איינער פון דיא פעאנ'ס (דיא מענשען פונ'ם קאפיטאן) דאן פאגאנעל. הינטער איהם ראבערט גראנט און צו לעצט ווידער א פעאן. זאגאר רעדען איינער מיט'ן אנדערן איז געוועזען אונמעגליך. מען האט געמוזט זיך גוט צוקוקען צום וועג.

וואס העכער אויף דיא בערג זיי זיינען געקומען אלץ עפטער האבען זיי באגעגענט טייכען, וועלכע מען האט געמוזט אפט אריבער פאהרען. עס איז נאך גוט געוועזען, ווען מען האט געקענט אריבער פאהרען דיא טייכען זיצענדיג אויף דיא מויל-עזעל, דאן

איז עס ניט געווען שווער. ווען מען האט אבער געמוזט אריבערפאהרען א בריק; ווען דער טייך איז געפלאסען אין א טיעפען טהאל צווישען צווייא הויכע בערג און עס איז געלעגען א בריק פון איין בארג צום אנדערן — דא איז ערשט געווען שוויעריגקייטען און געפאהרען.

דיא בריקען אין יענער געגענד זיינען געמאכט פון געפלאכטענע באמבוק (טראס־טענע). זיי הענגען אין דער לופטען און שאקלען זיך, ווען מען געהט אויף זיי. ווען א רייזענדער קומט צו צו אזא בריק, געהט ער אראפ פון זיין מויל־עזעל, נעהמט איהם אן ביי דיא ציגעל און פיהרט איהם אריבער. אנפאנגס שאקעלט זיך דיא בריק וועניג, ווען מען קומט אבער אין דערמיט, הייבט זיא אן אזוי צו ציטערן און צו שאקלען זיך, אז דער מויל־עזעל, וועלכער איז נאך ניט געוואינט צו אזא בריק, דערשרעקט זיך און וויל אויף קיין פאל ניט געהן, ניט אהין, ניט צוריק.

צום גליק פאר אונזערע רייזענדע, האבען זיי געהאט דיא בעסטע מויל־עזעל, וואס מען קען קריעגען אין יענער געגענד. לארד גלענארוואן האט גוט בעצאהלט און „אז מען שמיערט גוט, פאהרט מען גוט“ איז גאנץ וואהר אין אייראפא, וויא אין זיד אמעריקא.

דער פראפעסאר איז גאר געווען גליקליך, ווען מען פלעגט צו קומען צו אזא בריק. מען האט געמוזט אראפגעהן און אריבערפיהרען דיא מויל־עזעל איינציגוויים איבער דיא בריק. דאס האט פערנומען פיעל צייט און דער פראפעסאר פלעגט לאנגזאם און רוהיג ארויסנעהמען זיינע לאנדקארטען און זוכען, אויב דער טייך געפינט זיך אויף דער לאנדקארטע און אויב ער האט שוין א נאמען. פלעגט ער איהם ניט געפינען אויף דער לאנדקארטע, פלעגט ער איהם אליין געבען א נאמען. ער פלעגט אויסזוכען דיא שענסטע שפאנישע נעמען, וואס ער האט נור געקענט קריעגען, און האט זיי געגעבען דיא טייכען און דיא טייכלעך, וואס ער האט אנגעטראפען אויפ'ן וועג. ווען לארד גלענארוואן האט איהם געפרעגט, פאר וואס טוהט ער עס? האט פאגאנעל געענטפערט:

— א טייך אהן א נאמען איז ביי מיר געגליכען צו א מענשען, וואס האט קיינע בירגער רעכטע, וויא צום ביישפיעל, א קאטארזשניק, א פערשיקטער, א פעראורטהייל־טער אויף לעבענסלענגליכע געפענגניס. זא לאנג דער טייך האט קיין נאמען ניט, איז ער ביי מיר גאר קיין טייך ניט. וויא קען מען אויפצייכענען אויף דער לאנדקארטע א טייך אהן א נאמען?

אינטערעסאנט פלעגט זיין צו זעהן, וויא דער מויל־עזעל טרייבער פלעגט א מאל בלייבען שטעהן פערוואונדערט און פלעגט אויסגלאצען א פאר אויגען, ווען לארד גלענארוואן פלעגט איהם פרעגען: וויא הייסט דיעזער בערג? אדער וואוהין פיהרט דיעזער וועג? איידער דער קאפיטאן פלעגט צייט האבען צו ענטפערן, פלעגט דער פראפעסאר אויסחאפען און ענטפערן: דיעזער בערג הייסט אזוי און אזוי. דיעזער וועג פיהרט אהין און אהין.

עס איז געווען אויפ'ן פיערטען טאג פון זייער רייזע. זיי זיינען אנגעקומען אין אן ארט, וואו צוויי וועגען קרייצען זיך. אויף איין וועג זיינען זיי געפאהרען. לארד גלענאר־וואן האט געפרעגט דעם מויל־עזעל טרייבער:

— וואוהין פיהרט דער אנדערער וועג?

— פון יומבעל קיין לאס אנגעלעא, האט דער פראפעסאר געענטפערט.

דער מויל-עזעל טרייבער האט איהם אנגעקוקט פערוואונדערט און האט איהם געפרעגט:

— האט איהר שוין אמאל בערייזט דיעזע געגענדען?

— געוויס, ניט איין מאל, האט דער פראפעסאר געענטפערט גאנץ רוהיג.

— אויף מויל-עזלען, אדער צו פוס?

— ניט אויף א מויל-עזעל און ניט צו פוס—איך בין געפאהרען אין מיין שטוהל.

דער מויל-עזעל טרייבער האט ניט פערשטאנען, וואס ער מיינט. ער האט פארציגען מיט דיא אקסלען און איז ווייטער געפאהרען. געגען אבענדס זיינען זיי צו געקומען צו דער הויפּטקייט בערג, וואו דיא קארדיליערן הויבען זיך אויף, וויא א גלייכע שטיינערנע וואנד עטליכע טויזענד פוס דיא הויך. דארט האבען זיי בעשלאסען צו נעכטיגען.

12טעס קאפיטעל.

עלף טויזענד פוס דיא הויך.

ביז אהער האבען זיי נאך געהאט ווייניג שוועריגקייטען. זיי זיינען נאך אלץ געפאהרען אין געגענדען, וועלכע זיינען בעוואקסען מיט גראז און דאס קלימאט איז נאך גענוג ווארם. יעצט ערשט האבען זיך אנגעהויבען דיא שוועריגקייטען.

דיא קארדיליערען זיינען א קייט פון בערג, וועלכע ציהען זיך פון איין עק אמעריקא ביז צום אנדערן. אין אייניגע ערטער זיינען זיי זעהר הויך און זייערע שפּיצען זיינען בעדעקט מיט אייביגען שנעע. עס זיינען דא נור געוויסע ערטער, וואו מען קען זיי אריבער געהן. אין אנדערע ערטער הייבען זיך אויף גלייכע שטיינערנע וועגד, אויף וועלכע עס איז אונמעגליך צו קלעטערן. דיא ערטער, וואו מען קען אריבערגעהן דיעזע בערג, הייסען דיא פאסען.

אונזערע רייזענדע זיינען יעצט צוגעקומען צו דיעזע בערג, וועלכע זיי האבען געדארפט אריבערגעהן אום צו קומען קיין פאטאגאניען. יעצט האט מען זיך געמוזט ענטשליעסען, דורך וועלכען פאס זאלען זיי אריבערגעהן דיא קארדיליערן.

לארד גלענארוואן האט בערופען א מיטינג אום צו בעשליעסען, וועלכען וועג זיי זאלען נעהמען. צוערשט האט מען געפרעגט דעם מוילעזעל טרייבער, ער זאל זאגען זיין מיינונג, ווייל ער איז דאך בעקאנט מיט דער געגענד און איז שוין ניט איין מאל אריבערגעגאנגען דיא קארדיליערן.

— אין דיעזער געגענד, האט דער מוילעזעל טרייבער געזאגט, זיינען דא צוויי גוטע וועגען, אדער פאססעס.

— דער פאס פון אריקא, האט אויסגעהאפּט דער פראפעסאר, וועלכען דער שפאניער וואלדיוויא מענדאזא האט ענטדעקט.

— ריכטיג. האט געזאגט דער מוילעזעל טרייבער.

— און דער פאס פון ווילאריקא, האט ווייטער געזאגט דער פראפעסאר.

— ווידער אמאל ריכטיג, האט דער טרייבער געזאגט.

— אז עס איז ריכטיג ווייס איך שוין, האט דער פראפעסאר געזאגט. ביידע

וועגען זיינען גוט. זיי פיהרען אונז אָבער צו ווייט פון אונזער וועג. יעצט זיינען מיר נאהענט פון ביידע וועגען. זיי געהן אבער ניט גלייך. איינער פיהרט צו ווייט קיין נארדען און דער אנדערער צו ווייט קיין זידען. מיר טארען ניט פערליערען אזוי פיעל צייט.

— האט איהר דען אנאנדערן, אַ בעסערן פאס? האט דער מאיאָר געפרעגט.

— געוויס האב איך אנאנדערן פאס. דאס איז דער פאס פון אַנטוקאָ, דער פיהרט אונז גלייך אויף דעם וועג, וואס מיר דארפען, אויפ׳ן 37טען גראד.

— וואס זאגט איהר, קאפּיטאַן? האט לאָרד גלענארוואן געפרעגט דעם מויל־עזעל טרייבער. זייט איהר בעקאנט מיט׳ן פאס פון אנטוקאָ?

— געוויס, מילארד, בין איך בעקאנט מיט יענעם וועג. איך האב איהם אבער ניט געוואלט דערמאנען, ווייל ער איז זעהר שווער או זעהר געפעהרליך. נור דיא ווילדע מיט זעהר פיה געהן איבער דיעזען פאס.

— ווען קיה, אקסען און מויל־עזעל קענען דארט אריבערגעהן דיא קארדיליערן, וועלען מיר דאך אויך קענען אריבערגעהן, האט לאָרד גלענארוואן געזאגט. ווארום אלזא זאלען מיר פערליערען צייט און פאהרען אויף אנאנדער פאס?

דער קאפּיטאן האט ניט געענטפערט. ער האט געוואוסט, וואס ער האט גערעדט.

דעם אנדערן טאג גאנץ פריה איז מען ווייטער געפאהרען צום פאס פון אנטוקא. אנפאנגס איז דער וועג געוועזן גאנץ גוט. ער האט געפיהרט בארג ארויף, אבער מען האט נאָך געקענט זיצען פעסט אויפ׳ן זאטעל. געגען מיטאג זיינען זיי צוגעקומען צו אַ גרויסען זעע (אַזיעראָ) אין וועלכע עס האבען זיך אריינגעגאסען פיעלע טייכלעך. דאס גאנצע לאנד איז געווען בעדעקט מיט הויכעם גראז. דאס איז געווען דער ארט, וואו דיא אינדיאנער האבען געהאלטען זייער פיה. אונזערע רייזענדע האבען בעגעגענט איינינגע הירטען (פאסטוכער) ביי וועלכע זיי האבען געקויפט מילך, קעז און בוטער און האבען זיך געזעצט עסען מיטאג.

נאכ׳ן עסען איז מען ווייטער געפאהרען. פון דיעזען פונקט אבער איז דער וועג געווארען מיט יעדען שריט שווערער און זאגאַר געפעהרליך. דער וועג איז געווארען אלץ שמעלער און שמעלער. פון איין זייט איז געוועזן אַ הויכע וואנד און פון דער אנ־דערער זייט אַ שרעקליך טיעפער טהאל. ווען דער מויל־עזעל זאל זיך פּלוצלונג דער־שרעקען, אדער זאל זיך אויסגליטשען, קען ער מיט׳ן רייטער אראפּפאלען אין אַ שרעק־ליכען אבגרונד און צו שאטען ווערן. דיא מויל־עזעל זיינען געוועזן זעהר פארזיכטיג. זיי זיינען געגאנגען מיט׳ן קאָפּ אראָפּגעלאזען און האבען געשמעקט צו דער ערד, וויא אַ הונט, וועלכער שמעקט דיא שפּור פון זיין הערן.

אין ערטער האט מען נאך געטראפען גראָז אדער קליינע ביימלעך. עס איז אבער געוועזן דייטליך, אז זיי האלטען זיך דא מיט מיה. באלד איז יעדעס גראז, יעדע פּפלאנצע פערשוואונדען געווארען. גרויסע שטיינער פון אלערליי פארבען זיינען געלעגען צו ווארפען אומעדום, וואו דאס אויג האט נור אַקוק געטהאַן.

אלע זיינען געווארען ערנסט, יעדער האט איינגעזעהן, אז ער געפינט זיך אין אַ געפאהר. לאָרד גלענארוואן האט בעמערקט, אז וואס העכער זיי קומען, ווערט דער מויל־עזעל טרייבער אלץ ערנסטער. ער קוקט זיך צופיעל אום אין אלע זייטען און בלייבט

צו אפט שטעהן. דאס האט איהם איבערראשט. עס איז געווען דייטליך, אז זייער וועג־
ווייזער איז אין א פערלעגענהייט. עפּעס ווייס ער ניט דעם וועג אדער ער האט עפּעס
מורא. פּלוצלונג איז ער געבליעבען שטעהן, איז אראפּגעגאנגען פון זיין מויל־עזעל און
האט געוואַרט, ביז לארד גלענארוואן איז צוגעקומען צו איהם. מיט שרעק און מיט
שטוינען האט לארד גלענארוואן דערזעהן דיא אורזאכע, פאר וואס דער קאפּיטאן איז
געבליעבען שטעהן—דער וועג איז געווען פערשפּארט. ער האט זיך געענדיגט מיט א
שטיינערנע וואנד. ווייטער האט מען ניט געקענט געהן.

— האסט דוא פערלארען דעם וועג? האט לארד גלענארוואן געפרעגט.

— ניין, מילאָרד.

— זיינען מיר אויפ׳ן פּאס פון אנטוקאָ?

— יא, מיר זיינען אויפ׳ן פּאַס.

— האסט דוא ניט א טעות געהאט?

— ניין. אט זיינען נאך דיא צייכענס פון א פייער, וועלכע רייזענדע אדער אינ־
דיאַנער האבען צולעגט און געקאָכט זייער עסען.

— אלזא, וויא קומט עס, וואס עס איז ווייטער קיין וועג ניטאָ?

— עס איז ניט לאנג געווען אן ערדציטערניש. פון דיא בערג האט זיך אפּגעריי־
סען א שטיק פעלזען און האט פערשפּארט דיא וועג.

דער פּראָפעסאר, דער מאַיאָר און דיא איבעריגע זיינען צוגעקומען און האבען
דערהערט דיא טרויעריגע נאכריכט, אז מען קען ווייטער ניט פאהרען. דער מאַיאָר
האט זיך אומגעקוקט, האט בעטראכטעט דעם שטיין פון אלע זייטען און האט געזאגט
גלייכגילטיג, וויא זיין שטייגער איז געווען:

— מיר קענען זעהר לייכט אריבערגעהן דעם שטיין.

— איהר קענט עס טאהן, האט דער מויל־עזעל טרייבער געענטפערט, מיינע
מויל־עזעל אבער קענען עס ניט. ווען איהר ווילט אריבער געהן דיא קארדיליערן אויף
אנאנדער פּאס, וואו מיינע מויל־עזעל קענען געהן, וועל איך אייך אריבער פיהרען, וויא
מיר האבען אָפּגערעדט. קוים אבער ווילט איהר געהן אויף א וועג, וואו מיינע מויל־
עזעל קענען ניט געהן, איז אונזער קאָנטראקט געבראָכען. איהר דארפט מיר בעצאה־
לען און איך וועל מיר פאהרען א היים.

— וויא פיעל צייט דארף עס געדויערן, מיר זאלען יעצט געהן צוריק און אריבער
פאהרען דיא קארדיליערן אויף אנאנדער פּאס? האט לארד גלענארוואן געפרעגט.

— דאס דארף געדויערן וועניגסטענס דרייא טאָג. דאס הייסט מיר וועלען פער־
ליערן דרייא טאג, האט דער מויל־עזעל טרייבער געזאגט. איך האב דאס רעכט צו
פאדערן, אז איהר זאלט מיר פאר דיא דרייא טאג עקסטרא בעצאהלען. איך וועל עס
אבער ניט טאהן, ווייל איך וויל, אז איהר זאלט מיר געבען א גוטע רעקאמענדאציאָן,
אז איך בין א גוטער פיהרער.

לארד גלענארוואן האט איהם אויסגעהערט אויפמערקזאם. ער האט געזעהן, אז
ער האט רעכט. אויף דיעזען וועג קענען דיא מויל־עזעל ניט געהן. מען מוז פאהרען צו־
ריק. דאס פאהרען אראפּ בארג איז פיעל שווערער, וויא דאס פאהרען בארג ארויף.

ער האט אבער זעהר ניט געוואלט פערליערען קיין צייט. ער האט געוואוסט, אז ווען ליידי העלענא וועט קומען פריהער אין פארט סאן אנטאניא און וועט איהם דארט ניט טרעפען, וועט זיא זיין זעהר אונרוהיג. ער האט זיך דאהער געווענדעט צו זיינע קאמע־ראדען און האט זיי געפרעגט:

— וואס זאגט איהר, מיינע הערן? וואס זאלען מיר יעצט טאהן? זאלען מיר געהן צו פוס איבער דיא קארדיליערן, אדער זאלען מיר זיך אומקעהרן און פאהרען דורך אנאנדער פאס?

— לאמיר געהן צו פוס, האט געזאגט דער מאיאר.

— געוויס! האט אויסגערופען דער פראפעסאר. וואס איז אזעלכעס? מיר וועלען לאנגזאם ארויפגעהן אויפ'ן בארג און פון דער אנדער זייט וועלען מיר געפינען גענוג אינדיאנער אדער טשיליאנער, וועלכע וועלען אונז פערקויפען אדער פערדינגען גוטע פערד און וועלען אונז געבען מענשען, וועלכע זאלען אונז דיענען אלס וועגווייזער איבער דיא פאמפאס.

ווייסט איהר דען ניט, לארד גלענארוואן, אז אין טשילי זיינען דיא פערד און דיא מויל־עזעל זעהר טהייער, וויל מען האט זיי ניט מיט וואס צו פיטערן. רעגען געהט זעהר זעלטען. מען מוז דיא פעלדער בעגיסען מיט וואסער פון קאנאלען דורך מאשינען. דאס בעארבייטען פון אזעלכע פעלדער קאסט זעהר טהייער און אויסהאלטען פערד און מויל־עזלען קען נור א גאנץ רייכער מאן, אדער א מענש, וואס האלט זיי צו פערדינגען, וויא אונזער קאפיטאן.

אין ארגענטיניען אבער, ווען מען געהט נור אריבער דיא קארדאליערן און מען קומט אין דיא פאמפאס, זיינען דא אזוי פיעל פערד, אז מען טויטעט זיי הונדערטער טויזענדער ווייס נור פון זייער פעל וועגען. ארגענטיניען שיקט ארויס יעהרליך גאנצע שיפען מיט פערד פעל קיין אייראפא. אין דיא פאמפאס אין ארגענטיניען און פאטא־גאניען טרעפט מען זעהר אפט גאנצע הערדען (סטאדעס) פוןווילדע פערד, וואס גע־הערן צו קיינעם ניט. ווער עס קען נור, דער חאפט זיי.

אלזא, ווען מיר וועלען נור אריבערגעהן דיא קארדיליערן, וועלען מיר זעהר לייכט קענען קויפען גוטע פערד און פאהרען מיט זיי איבער פאטאגאניען. מיין מיינונג איז דאהער, אז מיר זאלען געהן ווייטער צו פוס.

— לאמיר געהן ווייטער! לאמיר געהן ווייטער! האבען אלע אויסגערופען. מיר וועלען צו פוס שנעלער אריבערגעהן דיא קארדיליערן אלס אויף דיעזע לאנגזאמע מויל־עזעל.

— וועט איהר אויך געהן מיט אונז? האט לארד גלענארוואן געפרעגט דעם מויל־עזעל טרייבער.

— איך קען מיינע מויל־עזעל ניט איבערלאזען דא אליין, האט דער קאפיטאן גע־ענטפערט. דיעזער מאן האט אייך ריכטיג ערקלערט, אז אין טשילי זיינען פערד און מויל־עזעל זעהר טהייער. איך ווייס ניט, פון וואנען ער ווייס אלעס אזוי גענוי. ער איז געוויס שוין א מאל געוועזען אין טשילי.

— געוויס בין איך געוועזען אין טשילי! האט דער פראפעסאר געזאגט. איך ווייס

אויך דעם וועג איבער דיא קארדיליערן. איך קען אויך זיין א זועגווייזער אזוי גוט, ווי אונזער קאפיטאן.

עס איז געבליעבען, אז מען זאל ווייטער געהן צו פוס און פראפעסאר פאגאנעל זאל ווייזען דעם וועג. לארד גלענארוואן האט בעצאהלט דעם מויל־עזעל טרייבער, וויא פיעל עס האט איהם געקומט און האט פון איהם אבשיעד גענומען. עס איז איהם צוואר געווען זעהר אונאנגענעהם, וואס זיי בלייבען יעצט אהן א מענשען, וואס קען גוט שפאניש רעדען. דער פראפעסאר האט אבער איהם פערזיכערט, אז מיט יעדען טאג רעדט ער אלץ בעסער שפאניש.

יעצט האט מען אראפגענומען דאס פראוויאנט, דיא אינסטרומענטען און אלע נייטיגע זאכען פון די מויל־עזלען, מען האט דערפון געמאכט קליינע בינטלעך און יעדער פון אונזערע זיעבען רייזענדע האט זיך גענומען א בינטעל אויף דיא פלייצעס און מען איז ווייטער געגאנגען.

דאס אריבערקריעכען דעם גרויסען שטיין, וועלכער איז געלעגען אויפ'ן וועג און האט איהם אין גאנצען פערשטעלט, איז ניט געווען קיין לייכטע ארבייט. מען האט געמוזט קריעכען אויף אלע פיער, זיך אנהאלטען איינער אן דעם אנדערן און אין איין ארט האט מען געמוזט פאראויס שיקען דעם קליינעם ראבערט מיט א שטריק. ער אלס קינד איז לייכט ארויפגעקלעטערט אויפ'ן שטיין. דארט האט ער ארומגעבונדען דעם שטריק ארום א שפיץ פון'ם שטיין, דיא אנדערע זיינען איהם נאכגעקלעטערט און האבען זיך אנגעהאלטען אן שטריק. צוערשט איז ארויפגעקלעטערט דער מאטראז וויל־סאן. ער האט נאך בעסער בעפעסטיגט דעם שטריק און האט ארויפגעצויגען דיא פעק־לעך, דאן זיינען אלע נאכגעגאנגען.

גאנצע צוויא שטונדען האט געדויערט דאס אריבערקריכען איבער'ן שטיין. ווען זיי זיינען געקומען פון דער אנדערער זייט, האבען זיי גערעכענט, אז זיי וועלען דארט געוויס ווידער געפינען דעם וועג, אויף וועלכען דער מויל־עזעל טרייבער האט זיי גע־פיהרט. וויא איבערראשט אבער זיינען זיי געווען, ווען זיי זיינען געקומען פון דער אנ־דערער זייט שטיין און האבען קיין וועג ניט געפונען. דיא ערדציטערניש, וועלכע איז ניט לאנג געווען, האט דיא גאנצע געגענד פערענדערט. דיא גאנצע געגענד איז געווען פער־ווארפען מיט שטיינער. דיא ערד איז געווען צוגראבען און צו ווארפען.

זיי זיינען שוין געווען ניט ווייט פון'ם העכסטען שפיץ פון דיא קארדיליערן און זיי זיינען געגאנגען, אדער ריכטיגער געזאגט, זיי האבען אימער געקלעטערט אלץ העבער און העבער, אבער אהן א וועג און אהן א שטעג. דער פראפעסאר איז געווארען צומישט און האט אראפגעלאזען דעם קאפ. דא איז איהם שוין שוועהר געווען אויסצוגעפינען דעם ריכטיגען וועג.

זייער גליק איז נאך געווען, וואס דאמאלס איז געווען זומער. אין יענע געגענדען איז פערקעהרט, וויא ביי אונז. ביי זיי הייבט זיך אן דער זומער אין אקטאבער און דויערט ביז מאי. אין מאי הייבט זיך אן דער ווינטער און דויערט ביז אקטאבער. מיר וועלען נאך אין אנאנדער ארט בעשרייבען גענויער דעם זומער און דעם ווינטער אין נארדען (צפון זייט) און אין זידען (דרום זייט) פון דער וועלט.

אין דיא ווינטער מאנאטע—פון מאי ביז אקטאבער—איז אויף דיא בערג שרעקליך קאלט. פיעלע רייזענדע, וועלכע זיינען ניט גוט פארבערייטעט צו אזא קעלט קומען אום, זיי ווערן פערפרארען. בעזאנדערס שרעקליך אין יענע געגענדען זיינען דיא שטורמווינטען, וועלכע דיא שפאניער רופען Temporales. נאך אזא שטורמווינד געפינט מען געוועהנליך עטליכע הונדערט טויטע מענשען אין דיא קארדיליערן. דער שטורם קומט אן פלוצלונג און שליידערט אראפ דעם פערד מיט'ן רייטער אין א שרעקליכען אבגרונד.

דאס גליק פאר אונזערע רייזענדע איז דאהער געווען, וואס זיי זיינען געפאהרען אום זומער. לאנגזאם און מיט שווערע מיה האבען זיי געקלעטערט אלץ העכער און העכער. עס איז געווארען נאכט. אונזערע רייזענדע אבער האבען זיך ניט אבגעשטעלט. זיי זיינען געגאנגען אלץ ווייטער. אום 5 אוהר אין דער פריה זיינען זיי ענדליך אנגעקומען צום העכסטען פונקט פון דיא קארדיליערן. זיי זיינען געווען אזוי מיעד, אז זיי זיינען אניעדערגעפאלען פאר מיעדיגקייט.

פלוצלונג האט דער מאיאר געזאגט, אז עס פרעסט איהם דיא ברוסט. נאך איהם האט לארד גלענארוואן ערקלערט, אז ער פיהלט זיך ניט גוט. דער פראפעסאר האט אויך אנגעהויבען צו פיהלען זעהר שלעכט. דער פרעהליכער מאטראָז ווילסאן, וועלכער האט א גאנצען וועג געלאכט און געשפאסט, האט פלוצלונג אנגעהויבען שטארק צו קרעכצען. ער האט ניט געקענט אטעמען, אזוי שטארק האט איהם געפרעסט דיא ברוסט. דער קליינער ראבערט איז געפאלען וויא א שטיין. ער האט ניט געקרעכצעט. ער האט זיך אבער ניט געקענט ריהרען.

— דיא פונא! דיא פונא! Puna האט אויסגערופען דער פראפעסאר און האט שנעל אנגעהויבען צו זוכען צווישען זיינע פעקלעך.

דיא פונא איז א זאנדערבארע קראנקהייט, וועלכע קומט פאר נור אין יענע גאנץ הויכע געגענדען. דאס איז א סארט זעע קראנקהייט, וועלכע מען בעקומט נור ווען מען איז אויף דיא בערג. קוים געהט מען אראפ פון דיא בערג, פערשווינדעט דיא קראנקהייט אליין. דיא קראנקהייט בעשטעהט דארין, אז דער מענש פיהלט, וויא עס ליעגט איהם א שטיין אויפ'ן הארצען און פרעסט איהם. ער קען זיך ניט ריהרען און קען ניט אטהעמען. דער קאפ דרעהט זיך, עס קלינגט און רוישט אין דיא אויערן און עס ווערט פינסטער אין דיא אויגען. געוועהנליך איז דיא קראנקהייט ניט געפעהרליך, בעזאנדערס ווען עס איזווארם אין דרויסען. מאנכעס מאל אבער שטארבען רייזענדע פון דיעזער קראנקהייט. דיא איינוואינער פון יענע געגענדען, בעזאנדערס דיא וועגווייזער און פיהרער קענען זעהר גוט דיא פונא און וויסען, אז מענשען און טהיערע ליידען פון איהר. דיא מויל-עזעל ליידען זעהר אפט פון דער פונא. קיין זיכערעס מיטעל געגען דער פונא איז ניטא. עס ווערט אבער לייכטער, ווען מען טרינקט עפעס ווארעמעס, בעזאנדערס ווען מען טרינקט דעם ארגענטינישען טהעע־מאטע, אדער Yerba Mate. דאס איז א מין גראז, וועלכער וואקסט זעהר פיעל אין ארגענטיניען און האט אין זיך א מערקווירדיגע אייגענשאפט. דער מענש מעג זיין וויא מיעד און וויא אנגעארבייטעט, ווען ער טרינקט אויס א הייסע גלאז מאטע, ווערט ער פריש און מונטער, גלייך וויא

ער וואלט גאר קיין מאל ניט מיעד געוועז. קיין ארגענטיניער און קיין פּאטאַגאָניער וועט ניט ארויספאהרען פון דער היים אהן א זעקעלע מאטע איינגעפּאקט אין זיינע זאכען.

דער פּראָפעסאָר האָט דערפון געוואוסט און האט אנגעהויבען צו זוכען זיין מאטע אום ער זאל איהם פארקאכען און געבען טרינקען דיא קראנקע. צום גליק, איז דער אפיציער פון דעם „דונקאן", טאם אויגוסטין געבליעבען פערשווינט פון דער פּונא. ער האט זיא ניט געהאט און איז געוועזן פּאַלקאָמען געזונד. דער פּראפעסאר האט איהם געהייסען צו לעגען א פייער און אפּקאָכען א ביסעל מאטע.

ווען דער מויל-עזעל טרייבער האט פון זיי אבשיעד גענומען, האט ער זיי מיט געגעבען א בינטעל האלץ. — דארט אין דער הויך וועט איהר קיין האלץ ניט געפינען. דארט וואקסט גאר נישט, האט ער זיי געזאגט. איהר מוזט מיטנעהמען מיט אייך האָלץ. יעצט האבען זיי איינגעזעהן, וואס פאר א גוטען ראטה ער האט זיי געגעבען.

טאָם אויגוסטין האט צו לעגט א פייער, האט אויפגעשטעלט דאס קעסעלע און אנגעהויבען צו קאָכען. אין א מינוט ארום האט דאס וואסער אנגעהויבען צו זיעדען. טאָם אויגוסטין האט געמיינט, אז דער מאָטע איז שוין פערטיג און האט איהם גע־וואלט אריינגיעסען אין גלעזער. וויא איבערראשט איז ער געוועזן, אז ער האט זיך איבערצייגט, אז דער מאָטע איז קאלט, וויא אייז.

— וואס הייסט דאס? דאס וואסער זיעדעט, עס געהט א פּארע (דאמפּף) און עס איז קאלט.

ער האט צוריק געגאָסען דעם מאָטע אין קעסעלע און האט עס וויטער גע־שטעלט אויפ'ן פייער. — עס קאָכט ווידער, עס לויפט אוים. ער ריהרט זיך צו—דאס וואסער איז קאלט.

— זיינען מיר אין א צויבער לאנד? האט ער אויסגעשריען. וויא קען דאס זיין? וואסער זידעט און איז דאך קאלט!

ענדליך האט ער זיך געווענדעט צום פּראפעסאר און האט איהם דערצעהלט דאס וואונדער.

— בערוהיג דיך, ליעבער אויגוסטין, האט איהם פּאגאנעל געזאָגט. מיר זיינע ניט אין קיין צויבער לאנד, עס איז ניט קיין וואונדער. עס איז א געזעץ פון דער נא־טור. וואס דיא לופט איז שיטערער, אלץ שנעלער זיעדעט דאס וואסער. ווען מען שטעלט א גלאז וואסער אונטער א לופט פּומפּע און מען פּומפּט אוים דיא לופט, זייבט דאס וואסער אן צו זיעדען פון זיך אליין, גאר אהן פייער. דיא לופט, וועלכע געפינט זיך אין וואסער, רייסט זיך ארוים און שלעפּט מיט זיך מיט גאנץ קליינע טהיילעלעך וואסער. אויף דיא הויכע בערג איז דיא לופט גאנץ שיטער און דאס וואסער הייבט באלד אן צו זיעדען. פון אזא זיעדען קען אבער גאר ניט ווערן, דאס וואסער וועט שטענדיג בלייבען קאלט.

— אלזא, וואס זאל איך טאהן? וועלען מיר שוין גאר קיין טהעע ניט טרינקען? אונזערע קאמעראדען זיינען דאך קראנק?

— מיר וועלען זיי באלד געבען הייסען טהעע, האט דער פּראפעסאר געזאגט.

דעק צו דאס קעסעלע מיט א שווערן דעקעל און לאז עס שטעהן צוואנציג מינוט אויפ'ן פייער, וועט דאס וואסער ווירקליך אנהויבען צו זיעדען. ווען דוא וועסט זעהן, אז דער דאמפף (פארע) הייבט אויף דאס דעקעל פון'ם קעסעלע, זאלסט ארויף לעגען נאך א שטיין אויפ'ן דעקעל.

טאם אויגוסטין האט געטאהן, וויא דער פראפעסאר האט איהם געהייסען און אין צוואנציג מינוט ארום איז דער מאטע געווען פערטיג. ער האט געגעבען דיא קראנ־קע ווארעמען מאטע און זיי האבען זיך באלד געפיהלט בעסער. זיי האבען זיך נאך אויסגערוהט איינינע צייט. דאן האבען זיי עטוואס געגעסען און האבען זיך ווייטער געלאזט געהן.

דער פראפעסאר האט ארויסגענומען דעם באראָמעטר און האט אנגעהויבען אויס־צורעכענען, וויא הויך עס איז דער ארט, וואו זיי געפינען זיך יעצט. ער האט אויסגע־רעכענט, אז זיי געפינען זיך יעצט ניין טויזענד פוס דיא הויך איבער'ן מעער. דאס הייסט, ווען מען זאל ציעהען א פאדים פון'ם מעער ביז אין דעם ארט, וואו זיי געפינען זיך יעצט, וואלט דער פאדים געדארפט האלטען ניין טויזענד פוס דיא לענג. אזוי וויא מען קען אבער ניט געהן גלייך אויפ'ן בארג און מען מוז געהן קרום אדער אין זיגזאג, זיינען זיי שוין געגאנגען איבער צוואנציג טויזענד פוס.

יעצט האבען אונזערע רייזענדע צייט געהאט זיך אומצוקוקען אין דיא געגענד ארום. זיי האבען געזעהן דיא טהיערע, וועלכע געפינען זיך אין יענער געגענד. פון דער הויך, אויף וועלכער זיי זיינען יעצט געשטאנען, האבען זיי געקענט איבערקוקען א גרויסע שטרעקע לאנד ארום זיך. זיי האבען געזעהן שפרינגען וואונדערבארע טהיערע, וועלכע זיי האבען נאך קיין מאל ניט געזעהן.

— אה! וואס איז דאס פאר א טהיער? האט ראבערט גראנט אויסגערופען און האט זיך געווענדעט צום פראפעסאָר. עס ווייזט אויס, וויא אַ קעמעל מיט א לאנגען האלז און א קליינעם קאָפּ. איך זעה אָבער, אז דאס איז ניט קיין קעמעל, עס איז פיעל קלענער.

— דאס איז אַ לאמא, האָט איהם דער פראָפעסאָר ערקלערט. מען רופט עס קעמעל־שאף, ווייל עס ווייזט אויס וויא א קעמעל, עס איז אָבער א סאָרט שעפּס. זיין וואל איז זעהר ווייך און מען מאכט דערפון קליידער, וויא פון דער וואל פון שעפּסען. אין פאטאגאָניען און אין אַנדערע געגענדען בענוצט מען עס אויך אלס קעמעל. מען לאדעט עס אן מיט משא. עס איז אבער שוואך און קען ניט פיעל שלעפּען,

אום 2 אוהר נאַכמיטאָג האבען זיי דערגרייכט דעם לעצטען העכסטען פונקט פון דיא קארדיליערן. זיינען צוגעקומען צו א גלייך שטיק פלאץ בעדעקט מיט אייביגען שנעע און אייז. דער פראפעסאָר האָט ארויסגענומען דעם באראָמעטער און האט אויס־גערעכענט, אז זיי זיינען יעצט עלף טויזענד פוס הויך איבער'ן מעער.

זיי האבען זיך געמוזט א ביסעל אויסרוהען און עפּעס עסען. אין א שטונדע ארום האבען זיי זיך ווייטער געלאזט אין וועג. זיי האבען געמיינט, אז זיי זיינען שוין איבערגעקומען אלע געפאהרען און וועלען שוין באלד אנהויבען אראָפּצוגעהן פון דיעזער קאלטער געגענד אין די'ם ווארעמען טאהל פון ארגענטיניען. דא אבער האבען זיי א

טעות געהאט. זיי האבען נאך געהאט א גרויס שטיק וועג פאר זיך. אזוי וויא דיא גאנצע געגענד איז געווען בעדעקט מיט טיעפען שנעע, איז געווען שווער צו געהן. דער פוס איז אריינגעפאלען אין שנעע און עס איז איהם שווער געווען ארויסצושלעפען. דיא קעלט איז געווען שרעקליך. געגען נאכט איז געוואָרען נאָך קעלטער. אונזערע רייזענדע האבען געפיהלט, אז זייערע קרעפטע שווינדען. זיי קענען שוין ווייטער ניט געהן. יעדער האט געפיהלט ביי זיך, אז אָט, אָט פאלט ער אנידער. זיי האבען זיך אומגעקוקט אין אלע זייטען, פיעללייכט וועלען זיי געפינען ערגעץ א הייל, א שטיין—עפּעס א זאך, וואו זיי זאלען זיך אָפּרוהען, אבער וויא וויט דאס אויג האט געקענט גרייכען, האבען זיי געזעהן נור שנעע און אייז. דיא לאגע איז געווען זעהר קריטיש. לארד גלענארוואן האט שוין געוואלט הייסען בלייבען שטעהן אויף אן ארט און זיך אויסרוהען. פּלוצלונג האט דער מאיאָר אויסגערופען.

— א שטיבעלע! א שטוב! א הויז.

13טעם קאפּיטעל.

אַ שנעלעס אראָפּגעהן פון דיא בערג.

וויא אזוי דער מאיאר האט אויסגעפונען דאס שטיבעלע איז געזעהן א רעטעניש. עס איז געלעגען בעגראבען אין שנעע און קיינער וואלט ניט דערקענט, אז דאס איז א שטיבעלע. אונזערע רייזענדע אבער זיינען געווען אזוי מיעד און האבען זיך אזוי שטארק דערפרייט, ווען זיי האבען דערהערט דאס ווארט: א שטוב! אז זיי האבען גאר ניט געוואלט פרעגען, וויא אזוי ער האט דערקענט, אז דאס איז א שטוב און ניט א שטיק שטיין. דאס רעטעניש האט זיך אבער באלד אליין ערקלערט, ווען דיא צוויא מאטראָזען, ווילסאן און מילרעד, האבען אנגעהויבען ארומצוריינינגען דעם שנעע פון'ם שטיבעלע.

דאס איז געווען ווירקליך א שטוב אויסגעבויט פון ציגעל, אהן פענסטער, מיט א נידעריגער טהיר. אין דיעזער שטוב האט געוויס א מאל געוואינט אינדיאנער. עס איז אויך מעגליך, אז זיי וואינען דא יעדען זומער, אין דער צייט, ווען זיי געהן אויף דער יאגד, פאנגען לאמאס און אנדערע טהיערע, וועלכע האלטען זיך אויף אין דיא קארדיליערן. עס איז געווען גענוג גרויס פאר אונזערע זיעבען רייזענדע. דיא ווענד זיינען צוואר געווען ניט גאנץ דיק און אין א רעגע, וואלט געוויס געווען אריינגערעגענט. זיי זיינען אבער געווען העכסט דערפרייט, וואס זיי האבען יעצט א דאך איבער'ן קאפּ און ווענט, וועלכע האבען זיי געשיצט געגען קאלטען ווינט. אויסער דעם איז געווען אין איין עק פון דעם שטיבעלע א סארט אויווען, אדער ציגעל אויסגעלעגט אזוי, אז מען האט געקענט צו לעגען א פייער אויף זיי. וויא עס ווייזט אויס, פלעגען דארט דיא אינדיאנער קאכען זייער עסען, ווייל עס איז נאך געלעגען אש אין דיעזען זאנדערבארען אויווען.

— וויא ארים און וויא טרויעריג דיעזעס שטיבעלע איז, האט לארד גלענארוואן געזאגט, וועט עס אונז דאך שיצען פאר קעלט. לאָמיר דאנקען דיא אונבעקאנטע מענשען, וועלכע האבען אויסגעבויט דיעזע שטוב.

— עס איז גאר ניט ארים און גאָר ניט טרויעריג, האט אויסגערופען דער פּראָפעסאָר. עס איז א פּאלאץ, א גרויסארטיגער פּאלאץ, עס פעהלט נור א פּארקעט

באָדען און זיידענע פֿארהענגע פֿאַר דער טַהיר. מיר וועלען דא פערברענגען דיא נאכט, וויא אין דעם רײַכסטען פּאַלאַץ אין לאָנדאָן.

— געוויס, האט דער שוויינענדער מאַיאָר געזאָגט, ווען מיר זאלען נור האבען א פרעהליכעס פייער אין אויוועז און א גוטען סטייק. מיר דארפען האבען ביידע זאכען, ווייל מיר זיינען פערפרארען און הונגעריג.

אבער מיט וואס מאכט מען פייער? דאס ביסעלע האלץ, וואס דער מויל־עזעל טרייבער האט זיי מיטגעגעבען, האבען זיי שוין לאנג אויסגעברענט. וואו נעהמט מען יעצט ברען מאטעריאל?

— מען מוז געהן זוכען ברען מאטעריאל, האט דער פּראפעסאר געזאגט.

— וואו וועט איהר נעהמען ברען מאטעריאל אין דיעזער געגענד? האט טאם אויגוסטין געפרעגט.

— ליעבער פריינד, מיר זעהן דאָך, אז דיא מענשען, וועלכע האבען דאָ געוואינט, האבען געמאכט פייער. זיי האבען געוויס געהאט ערגעץ א פּאררַאטה (זאפּאס) פון ברען מאטעריאל. איך קען עס מיר ניט פארשטעלען, אז ווען זיי זיינען אוועקגעגאנגען פון דאנען, האבען זיי אלעס אויסגעברענט. זיי וועלען דאָך געוויס ווידער קומען אהער ווען עס הייבט זיך אן דיא צייט פון דער יאגד און וועלען ווידער דארפען קאכען און זיך ווארעמען. לאמיר זוכען אין שנעע ארום דער שטוב. זיי האבען געוויס איבערגע־לאזען פון אונזערט וועגען עפּעס האלץ אדער אנאנדער מאטעריאל וואס קען ברענען.

— דער פּראפעסאר האט רעכט, האט דער מאַיאָר געזאָגט, איך נעהם מיר אליין דיא עהרע צו געהן זוכען האלץ אדער אנאנדער ברען מאטעריאל. — קומט מיט מיר, ווילסאן און מילרעד.

— איך געה אויך מיט אייך, האט דער פּראפעסאר געזאגט. איך בין ניט קיין גרויסער בריה צו גראבען דיא ערד. אבער שארען שנעע קען איך אויך.

זיי זיינען ארויסגעגאנגען פון דעם שטיבעלע און האבען אנגעהויבען צו זוכען ארום, פיעללייכט וועלען זיי געפינען אן ארט, וואס איז עטוואס העכער, א צייכען, אז דאדט איז געוועזן דער האלץ לאגער פון דיא יעגער. זיי האבען אנגעהויבען אוועק צו שארען דעם שנעע ארום דיא וועגט פון׳ם שטיבעלע און, צום גליק, האבען זיי ענדליך געפונען, וואס זיי האבען געזוכט, אין א ווינקעל לעבען איינע פון דיא ווענט איז געלע־גען א הויפען ווארצלען פון א סארטביימעלע, וועלכע וואקסט אין יענע געגענדען.

— איך האב אייך געזאגט, אז אונזערע אונבעקאנטע ווירטהע האבען אונז אנ־געגרייט הייצונג, האט אויסגערופען דער פּראפעסאָר. דיעזע ווארצלען ברענען. עס איז צוואר א ביסעל שווער זיי אנצוצינדען און זיי זיינען יעצט זעהר נאס, אבער מיר האָבען גענוג שוועבעלעך מיט אונז.

דיא וועלכע וואינען אין שטעדט און דערפער אין דער ציוויליזירטער וועלט, האבען גאר קיין בעגריף ניט, וואס פאר א טהייערע זאך א שוועבעלע איז. מען דארף אבער רייזען א ביסעל אין דיא ווילדע געגענדען, אין דיא פּאמפּאס פון ארגענטיניען, אין דיא ליאנאָס (א סאָרט סטעפּ) פון בראזיליען און אין דיא פּרעריען (אויך א סאָרט סטעפּ) פון נאָרד אמעריקא, מען זאל וויסען, וואס פאר א גרויסע ווערטה א שוועבעלע האט,

מען קען אָפּט הערן, וויא איינער זאגט צום אנדערן: איך האב נור פינף שוועבעלעך ביי מיר. דער יענער וועט אוועקגעבען א גאנצען הירש פאר א פּאָר שוועבעלעך.

זיי האבען אריינגעטראָגען דיא וואָרצלען אין שטוב און האבען זיי אריינגעלעגט אין אויוועז. אזוי וויא זיי האבען נאָך געהאט געגוג שוועבעלעך, האט באלד געברענט א פרעהליכער פייער. עס איז צוואר ניט געוועז אזוי ליכטיג, וויא א פייער פון האלץ און דערצו האבען דיא ווארצלען שטארק גערייכערט, עס איז אבער דאך געוועז א פייער. מען האט זיך דאך געקענט אביסעל אנווארעמען. באלד איז געשטאנען א קעסעלע און עס האט זיך געקאָכט דער ארגענטינישע טהעע — מאטע. יעדער האט געטרונקען טהעע מיט פערגניגען. נאכ'ן טהעע האבען זיי זיך געזעצט עסען פון דעם פראָוויאנט, וואס זיי האבען מיט זיך.

— מיר האבען געהאט א פאָרטרעפליכען מאהלצייט, האט געזאגט דער פראָפעסאר. עס וואלט אבער גאר ניט געשאדעט, מיר זאלען האבען יעצט א שטיק געבראטענס פון לאמא פלייש. איך וויים, אז דיא לאַמא איז ביי דיא אינדיאנער זייער קוה און זייער שעפּס. זיי האבען פון איהר מילך און וואל. איך וואלט אבער געוואלט פערזוכען, וואס פאר א טעם זיא האט געבראטענערהייט.

— איך האב ניט געוואוסט, אז איהר זייט אזא פרעסער, הערר פאגאנעל, האט דער מאיאָר געזאָגט. איך האב אלץ געמיינט, אז איהר זייט א געלערנטער און פערשלינגט נור ביכער, ניט קיין געבראטענס.

— מיין ליעבער מאיאָר, איך האב ליעב ביידע זאכען, א גוטעם בוך און א גוטען סטייק. יעדעס איז גוט אין זיין צייט.

זיי זיינען פּלוצלונג שטיל געבליעבען. מען האט דערהערט פון דער וויטען דאס מע... מע... קען און ברומען פון פיעלע טהיערע. אלע האבען זיך צו געהערט. דיא קולות זיינען זיי געוועז פרעמד. זיי האבען נאך קיין מאל אזעלכע קולות פון טהיערע ניט געהערט. עס איז אבער געוועז דייטליך, אז אייניגע טהיערע לויפען אלץ נעהנטער צו זייער שטיבעלע און שרייען.

— וואס זאל דאס זיין? האט דער קליינער ראבערט געפרעגט.

— דאס לויפען לאמאס, האט דער פראפעסאר אבגעענטפערט. זיי האבען געהערט, אז מיר ווילען א שטיק געבראטען לאמא פלייש און זיי קומען זיך בעטען, אז מיר זאלען זיי פערזוכען.

— אבער וויא קומען לאמאס אהער? האט לארד גלענארוואן געפרעגט. דיא לאַמאס האלטען זיך ניט אויף אין אזעלכע הויכע ערטער. זיי האלטען זיך אויף פיעל ניעדעריגער, וואו זיי האבען גראז צו פרעסען.

— מעגליך, אז דאס זיינען גאר קיין לאַמאס ניט. אז עס האט זיך אויפגעהויבען א שטארקער ווינד, וועלכער פייפט און שרייט אזוי.

— לאָמיר געהן זעהן, וואס דארט איז, האט לארד גלענארוואן געזאגט.

און לאָמיר טאקע מיטנעהמען אונזערע ביקסען, האט דער מאיאָר געזאגט. ווען עס זיינען ווירקליך לאַמאס, וועלען מיר זיך אנגרייטען פריש פלייש אויף מיטאג. אללע זיינען ארויסגעגאנגען פון'ם שטיבעלע. דיא נאכט איז געוועז פינסטער.

דער מאנד האט ניט געשיינט, ווייל עס איז געווען סוף חודש. דער הימעל אבער איז געווען לויטער און מיליאנען שטערן האבען געפונקעלט גאנץ העלל. ביי דעם שוואכען ליכט פון די שטערן האט מען געקענט זעהן די גרויסע שטיינער, וואס זיינען געלעגען אין א שרעקליכע אונארדנונג ארום. יעצט אבער האבען זיי דייטליך געהערט דאס שרייען און ברומען פון פיעלע טהיערע. עס איז געווען דייטליך, אז די טהיערע זיינען שטארק דערשראקען און לויפען ערגעץ אלע מיט אמאל. באלד זיינען זיי געקומען נעהנטער. עס זיינען געווען ניט איינינע, זאנדערן טויזענדע לאמאס און וויקוניאס (אויך א סארט לאמא), וועלכע זיינען געלאפען מיט א שרעקליכע שנעליגקייט און האבען געמעקט און געשריען. די ערד האט געציטערט אונטער זייערע פיס און פון זייערע קולות האט מען געקענט טויב ווערן. אונזערע רייזענדע האבען זיך אנגעהאלטען אן א שטיק שטיין. די טהיערע זיינען פארבייגעלאפען לעבען זיי. ווען ניט דער שטיין, וואלטען די טהיערע זיי צוטרעטען מיט די פיס, מיט אזא שנעלקייט און מיט אזא שרעק זיינען זיי געלאפען. אין דער מינוט האט דער מאיאר אויסגעשאסען. איינע פון די לאמאס איז געפאלען טויט לעבען זיינע פיס. די איבעריגע האבען אנגעהויבען נאך העכער צו שרייען און נאך שטארקער צו לויפען. באלד זיינען זיי פערשוואונדען ערגעץ צווישען די שטיינער. פלוצלונג האט דער פראפעסאר אויסגערופען מיט פרייד:

— איך האב זיי! איך האב זיי געפונען!

— וואס האט איהר געפונען? האט לארד גלענארוואן געפרעגט.

— מיינע ברילען, האט דער פראפעסאר געענטפערט רוהיג. איך האב פערלארען מיינע ברילען אין דיעזען רעש, איך האב זיי אבער געפונען. שטעלט אייך פאר אין דער פינסטער האב איך זיי געפונען.

— ער בלייבט א קינד, האט געמורמעלט אונטער די ליפען לארד גלענארוואן.

אלע זיינען צוריקגעגאנגען אין שטיבעלע. מען האט מיטגעשלעפט דאס טהיער, וואס דער מאיאר האט געשאסען. יעצט איז ענטשטאנען די פראגע, ווער עס קען זיין א קצב (א בוטשער) און אפשינדען די פעל פון דער חיה, וואס מען האט געשאסען.

— איך קען זיין א בוטשער, האט דער מאטראז ווילסאן זיך אפגערופען.

קיינער האט ניט געוואלט שטרייטען מיט איהם איבער דיעזע עהרע. ער האט זיך באלד גענומען צו זיין ארבייט און האט אראפגעצויגען דאס פעל פון דער חיה.

— גאט האט אונז ענדליך צו געשיקט א גוטען סטייק, האט געזאגט דער פרומער טאם אויגוסטין.

— איך קען דאך ניט פערשטעהן, פאר וואס די טהיערע זיינען געלאפען אזוי דערשראקען, האט לארד גלענארוואן געזאגט. ווען זיי זיינען אלע פון ערגעץ אנטלאפען, מוז דאך דארט עפעס זיין. איך בין ניט אזוי פרום צו גלויבען, אז גאט האט זיי איבערגעשראקען אום מיר זאלען האבען א גוטען מיטאג.

— מיר האבען יעצט וואס צו עסען, האט דער פראפעסאר געענטפערט, דארפען מיר עסען. צו וואס זאלען מיר זיך ברעכען דעם קאפ און קלערן, פאר וואס די טהיערע האבען זיך דערשראקען?

ווילסאָן האט געענדיגט זיין ארבייט און האט צושניטען דאס פלייש אויף גרויסע שטיקער.

— ווער וועט יעצט האבען דיא עהרע עס צו בראטען? האט ער געפרעגט מיט א געלעכטער.

— איך וועל זיין אייער הויפט קאָך, האט דער פּראָפעסאר געזאגט.

— איהר, פּראָפעסאר פּאַגאנעל? האט לארד גלענארוואן געפרעגט פערוואונדערט.

— פאר וואס ניט, מילאָרד? איך בין א פראנצויז און יעדער פראנצויז איז א געבארענער קאָך.

דער פּראָפעסאר האט גענומען א גרויס שטיק פלייש און האט עס אנגעהויבען צו בראטען אויפ'ן פייער.

— וואס פאר א מין חיה איז דאס? האט לארד גלענארוואן געפרעגט.

— דאס איז א גואנאקאָ Guanaco, האט דער פּראָפעסאר געענטפערט און האט צושאַרט דיא קוילען אין אויווען.

אזוי וויא קיינער האט ניט געוואוסט, וואס דאס הייסט גואנאקאָ, האט מען געבעטען דעם פּראָפעסאר, ער זאל דאס ערקלערן.

— דיא גואנאקאָ, האט דער פּראָפעסאָר ערקלערט, איז איינע פון דיא מערק-ווירדיגסטע טהיערע פון דער וועלט. זיא געפינט זיך נור אין פּאטאגאָניען און אויף דיא קאָרדיליערן. עס ווייזט אויס, וויא א יונגעס קעמעל, עס איז אבער פיעל שעהנער אלס א קעמעל. איהר קאָפּ איז זעהר עהנליך צום קאָפּ פון א שעפּס, אבער אהן הערנער. איהרע האר זיינען ווייך און פיין, וויא זייד. אין פּאטאגאָניען טרעפט מען זיי אין העער-דען (סטאַדעס) פון טויזענדער שטיק מיט א מאל. דיא ווילדע פּאטאגאָניער עסען איהר פלייש און מאכען זיך קליידער פון איהר פעל. זיי טראגען זיי מיט דיא האר פון דרויסען. מען האט פּראָבירט פאנגען יונגע גואנאקאָס און זיי ברייננגען קיין אייראָפּא אום מען זאל זיי דארט לאזען אויסוואקסען און מאכען פון זיי הויזטהיערע, וויא קיה און שעפּסען. זיי לעבען אבער ניט לאנג אין אייראָפּא. אלע פּראָבען וואס מען האט געמאכט ביז אהער, זיינען ניט געלונגען.

אונטערדעסען איז דאס געבראטענעס פארטיג געווארען און דער פּראָפעסאר האט אפּגעשניטען און דערלאַנגט יעדען זיין סטייק. יעדער האט געכאַפּט עסען, האט עס אבער באלד אוועקגעווארפען. ער אליין האט פּראָבירט עסען — אונמעגליך! דאס פלייש איז הארט, וויא א שטיין און זעהר ניט געשמאַק.

— איהר זייט טאקע א פראנצויז, האט זיך געדייצט מיט'ן פּראָפעסאר דער מאַיאָר, און איהר זייט געוויס א גרויסער געלערנטער, איהר קענט אבער ניט קאָכען. אייער סטייק איז אבשייליך, מען קען עס אין מויל ניט נעהמען. ווער האט אייך געבע-טען, איהר זאלט קאָכען?

דער פּראָפעסאר האט אנפאנגס ניט געוואוסט וואס צו ענטפערן. ער האט אליין געזעהן, אז זיין געבראטענס איז אונמעגליך צו נעהמען אין מויל אריין. פּלוצלונג האט ער אויסגערופען:

— איך וויים! איך וויים! ניט איך בין שולדיג, וואס דאס פלייש טויג ניט!

— וועד דען איז שולדיג? האט געלאכט דער מאיאָר. פיעללייכט איך, ווייל איך האב עס געשאסען?

— דאס געבראטענס אליין איז שולדיג, האט דער פראפעסאר געענטפערט. עס איז צופיעל געלאפען. דאס פלייש פון דער גואנאקאָ איז נור דאן גוט, אז מען טייטעט דאס טהיער, ווען עס איז רוהיג; קוים איז ער דערשראקען און איז זיך פיעל אנגעלאָפען, טויג דאס פלייש ניט און מען קען עס ניט עסען. ווען דיא ווילדע פאטאגאָניער טרעפען אן א העערדע גואנאקאָס, גנבנען זיי זיך צו צו דיא טהיערע און טייטען איינע אדער צוויא ניט מעהר. זיי יאָגען זיי קיין מאל ניט נאך, ווייל זיי ווייסען, אז קוים דערשרעקט זיך דיא גואנאקאָ און אנטלויפט, וועט שוין איהר פלייש ניט טויגען צום עסען.

— פאר וואס אבער האבען זיך דיא גואנאקאָס אזוי דערשראָקען און זיינען אזוי אנטלאפען? האט לארד גלענארוואן ווידער געפרעגט.

— עס טהוט מיר לייד, מילארד, וואס איך קען אייך יעצט קיין ענטפער ניט געבען אויף אייער פראגע. לאמיר זיך בעסער לייגען שלאפען, מיר דארפען אויפשטעהן גאנץ פריה און וייטער געהן.

יעדער האט זיך איינגעוויקעלט אין זיין דעק און האט זיך געלעגט שלאפען אין א קורצע צייט ארום זיינען אלע געשלאפען געשמאק, אייניגע האבען זאגאר געחראָפעט, אז מען האט געקענט הערען פאר א מייל דיא ווייט. נור איין לארד גלענארוואן האט ניט געקענט שלאפען. ער האט עפעס געפיהלט, אז עפעס איז דא ניט גלאט, אז דיא גואנאקאָס זיינען ניט אומזיסט אנטלאפען מיט אזא שרעק. ער האט זיך געווארפען און זיך איבערגעדרעהט פון איין זייט אויף דער אנדערער און האט דאך קיין אויג ניט ניט געקענט צומאכען. עס האט זיך איהם אויסגעוויזען, אז ער הערט ערגעץ א זאנדערבארען ליארם, עפעס רוישט, עפעס דונערט, עפעס קאָכט און זידעט ערגעץ וויט אדער טיעף אין דער ערד. באלד האט זיך איהם אויסגעוויזען, אז אין דרויסען האט אויסגעבראכען א שרעקליכער שטורמווינד, אז דיא ערד ציטערט. ער האט זיך אויפגעהויבען פון זיין געלעגער און איז ארויסגעגאנגען אין דרויסען זעהן, וואס דארט טהוט זיך.

עס איז שוין געווען פארטאג. דער מאנד איז אויפגעגאנגען און האט בעלייכטעט דיא געגענד. דיא לופט איז געווען ריין, דער הימעל לויטער. פון צייט צו צייט אבער האט זיך געוויזען א פייער און האט בעגאסען דיא גאנצע געגענד מיט זיין רויטעס ליכט. לארד גלענארוואן האט זיך אומגעקוקט און האט באלד דערזעהן דיא אורזאכע פון'ם פייער.

— דאָס איז דער וואולקאן, דער פייערשפריצענדער בערג, אנטוקאָ, האט ער געזאגט צו זיך אליין. ער גיט עס אונז אן אומזיסטע פארשטעלונג. אונז צוליעב מאכט ער פייער ווערק און וויזט אונז, וואס ער קען.

דיא סצענע איז געווען גראסארטיג. עס איז ווערטה צו פאהרען טויזענדער מיילען, עס צו זעהן. זיא לאזט זיך ניט בעשרייבען. דיא פעדער איז צו שוואך איבערצוגעבען דיעזע שרעקליכע שענהייט. דאס רויטע פייער פון'ם וואולקאן האט זיך פערמישט מיט דעם קלארען, העלען זילבער ליכט פון'ם מאָנד און האט פארגאָסען דיא גאנצע געגענד מיט א ראָזא פארב, וועלכע מען קען ניט איבערגעבען מיט ווערטער.

לארד גלענארוואן **איז געשטאנען א לאנגע צייט און האט בעטראכט דיא סצענע,** ער האט זיך ניט געקענט אפרייסען פון איהר. ער האט זיך צוגעהערט—עס רוישט נאך עס דונערט ערגעץ, וייט, וייט. עס קאכט, עס זיעדעט, עס ליארמט, אבער וואו? — דאס האט ער ניט געוואוסט. ענדליך איז איהם קאלט געווארען און ער איז אריינגע-גאנגען אין שטיבעלע און האט זיך געלעגט שלאפען. באלד איז ער אויך געשמאק אנטשלאפען געווארען.

וויא פיעל ער איז געשלאפען, ווייס ער ניט. א שרעקליכעס קראכען, וויא דאס שיעסען פון הונדערטער קאנאנען, האט איהם אויפגעוועקט. ער האט געעפענט דיא אויגען און געזעהן, אז דיא ווענט פון׳ם שטיבעלע שאקלען זיך און וויעגען זיך אהין און אהער. באלד האט זיך דאס שטיבעלע געעפענט, דיא ווענט זיינען זיך צוגאנגען. דער דאך איז ערגעץ פערשוואונדען געווארען. אונזערע רייזענדע האבען געוואלט אויפשטעהן, זיי זיינען אבער באלד אומגעפאלען און האבען זיך אנגעהאפט, אן וואס זיי האבען גע-קענט. זיי האבען געפיהלט, אז זיי גליטשען זיך און פליהען ערגעץ מיט א שרעקליכער שנעליגקייט.

דער ערשטער, וועלכער איז געקומען צו זיך, ווען דיא ערד אונטער זיי איז געבלי-בען רוהיג אויפ׳ן ארט, איז געווען דער פראפעסאר. ער האט זיך אומגעקוקט און האט אויסגערופען:

— אן ערדציטערניש!

ער האט קיין טעות געהאט. זיי האבען דורכגעלעבט איינעם פון יענע שרעקליכע ערדציטערנישען, וועלכע זיינען אזוי אפט אין יענע געגענדען. זיי זיינען אזוי אפט דארט, אז דיא שטאדט סאנטיאגא, דיא הויפט שטאדט פון טשילי, איז אין א צייט פון פיער-צעהן יאהר פ י ע ר מ א ל אין גאנצען צערשטערט געווארען פון ערדציטערניש. דיא שטאדט קאפיאפא האט אין צעהן יאהר צווייא מאל געליטען אזוי שטארק פון ערד-ציטערניש, אז דיא איינוואינער האבען זיך געמוזט ארויסציהען און אוועקווארפען דיא שטאדט. יעצט געפינט זיך אויף דעם ארט אן ארים דערפעלע פון עטליכע הילצערנע שטיבעלעך.

בעמערקענסווערטה איז עס, אז אין יענע געגענדען מאכט זיך א מאל אין דער צייט פון אן ערדציטערניש, אז א גאנץ שטיק בארג פון עטליכע מייל דיא ברייט און דיא לענג גליטשט זיך אראפ אין טאהל אריין. דאס איז יעצט געווען דער פאל מיט אונזערע רייזענדע. זיי האבען געפיהלט, אז דיא ערד אונטער זיי פליהט ערגעץ, גליטשט זיך ערגעץ, זיי האבען ניט געוואוסט וואוהין. רעדען איינער צום אנדערן איז געווען אונמעגליך. עס האט אזוי שטארק געקלאפט, געראוישט און געדונערט, אז עס איז געווען אונמעגליך ארויסצורעדען א ווארט. דערצו זיינען זיי געווען אזוי דערשראקען און דער קאפ האט זיי אזוי געשווינדעלט, אז זיי האבען נאר ניט געקענט דענקען איי-נער פון׳ם אנדערן. קיינער האט ניט געוואוסט, אויב דער אנדערער לעבט און וואו ער איז. יעדער האט זיך אנגעהאפט, אן וואס ער האט געקענט, אהן א שטיין, אהן א שטיק האלץ, אהן א בוים, אהן גראז. אין אזא מינוט קען דער מענש ניט טראכ-טען, ניט זיך איבערלעגען. דאס ערשטע געפיהל איז — דאס לעבען. יעדער וויל לעבען,

יעדער פיהלט, אז זיין לעבען איז אין געפאהר און זוכט זיך צו ראַטען.

וויא לאנג זיי זיינען אזוי געפלויגען, האבען זיי אויך ניט געוואוסט. זיי האבען נור געפיהלט א שרעקליכען שטויס, יעדער האט ארויסגעלאזען דיא זאך, וואס ער האט געהאלטען אין דיא הענד און האט זיך אראָפּגעקייקעלט. אייניגע צייט זיינען זיי געבליעבען ליעגען בעטויבט, דערשראָקען, צומישט. ענדליך האט זיך איינער אויפגעהויבען און האט זיך ארומגעקוקט ווילד און דערשראָקען.— דאס איז געווען דער מאיאָר. ער האט געזעהן, וויא זיינע קאמעראדען ליעגען אלע ניט ווייט אויסגעשטרעקט און ריהרען זיך ניט. ער איז אבער געווען אזוי צומישט און אזוי דערשראָקען, אז ער האט ניט געקענט זיך ריהרען פון'ם ארט. באלד האט זיך אויפגעהויבען דער פּראָפעסאר. ער האט זיך ארומגעקוקט, וויא איינער וואס חאפּט זיך אויף נאכ'ן כלאָראָפאָרמירען. לאנגזאם איז איינער נאכ'ן אנדערן געקומען צו זיך און האבען זיך אויפגעהאפּט. יעדער האט זיך אומגעקוקט ווילד, צומישט, דערשראָקען און בעטויבט. צו ביסלעכוויים האבען זיי אנגעהויבען קומען צו זיך און זוכען, בעטראַכטען איינער דעם אנדערן. דער מאיאָר איז געווען דער ערשטער, וועלכער האט צוריק געוואונען זיין פאלעם בעוואוסט זיין. ער האט איבערגעצעהלט זיינע קאמעראדען. אלע זיינען דא, נור איינער פעהלט — דער קליינער, ראָבערט גראַנט.

14טעס קאפּיטעל.

גליקליך געראַטעט.

ווען אונזערע רייזענדע זיינען אלע פאלשטענדיג געקומען צו זיך, האבען זיי זיך ערשט אנגעהויבען ארומצוקוקען און האבען געזעהן מיט בעוואונדערונג, אז זיי ליעגען אין טיעפען, ווייכען גראָז. ארום זיי איז אלעס גרין, אלעס בליהט אלעס וואַקסט. עס איז וואַרים און דיא זון שיינט און גלענצט, אז עס א פערגניגען.

— וויא קומען מיר אהער? וויא אזוי זיינען מיר פּלוצלונג אריבערגעגאנגען פון א קאלטען ווינטער אין אזא וואַרעמען זומער? פון אזא נאַקעטע, וויסטע און קאלטע געגענד, וואו מיר האבען זיך געלעגט שלאָפען אין אזא שעהנע, בליהענדע, וואַרעמע געגענד, וואו מיר זיינען יעצט?

דאס זיינען געווען דיא ערשטע ווערטער, דיא ערשטע פראגען פון אונזערע רייזענדע. קיינער אבער האט זיי ניט געענטפערט. קיינער האט נאך ניט געוואוסט, אז מיסים נאַטור האט זיי אראָפּגעפיה־ט פון דיא בערג אויף איהר אייגענעם וועגעלע און נאך אויף איהרע הוצאות.

לארד גלענאַרוואַן איז שפּעטער פון אלעמען געקומען צו זיך. קוים אבער האט ער געוואונען זיין פאלען פערשטאנד, האט ער באַלד געפרעגט:

— זיינען מיר אלע לעבען געבליעבען? פעהלט אונז קיינער ניט?

מען האט איהם דערצעהלט, אז ראָבערט גראַנט פעהלט. עס האט אויף איהם געווירקט, וויא א דאנערשלאג. ער איז אויפגעשפּרונגען פון זיין ארט און האט אויסגערופען מיט פערצווייפלונג אין זיין שטימע:

— לאמיר איהם געהן זוכען! לאמיר ניט פערליערען קיין מינוט! לאמיר זוכען אין יעדער מאהל, אין יעדער שפאלט, אין יעדער הייל! אך! ראבערט! מיין ליעבער ראבערט!

אלע האבען דעם קליינעם ראבערט זעהר ליעב געהאט. ער איז געווען אזא גוטער, פרעהליכער יונגע, אז אלע זיינען געווען בערייט צו אפפערן פאר איהם זייער לעבען. דענאך האבען אלע געשוויגען, ווען לארד גלענארוואן האט זיי אויפגעפאדערט, אז זיי זאלען איהם געהן זוכען. דאס האט איהם איבערראשט.

— וואס שווייגט איהר? האט ער אויסגעשריען. ווייסט איהר פאר געוויס, אז ראבערט איז אומגעקומען? האט איהר עפעס א נאכריכט פון איהם? ווייסט איהר עפעס פון איהם? זאגט! זאגט מיר אלעס!

אלע האבען געשוויגען. קיינער האט ניט געוואוסט, וואס צו זאגען. זיי זיינען אלע געווען אזוי איבערראשט און דערשראקען, אז זיי האבען ווירקליך ניט געוואוסט, וואס איהם צו ענטפערן. ענדליך האט דער מאיאר געפרעגט:

— קען זיך איינער פון אייך דערמאנען, ווען ראבערט איז פערשוואונדען געווארען?

קיינער האט ניט געוואוסט, ווען ראבערט איז פערשוואונדען געווארען.

— ליעבען ווער איז ראבערט געשלאפען אין שטיבעלע אויף דיא קארדיליריען? האט דער מאיאר ווייטער געפרעגט.

— ליעבען מיר, האט ווילסאן געענטפערט.

— קענסט דוא ניט געדענקען, אויב ראבערט איז געלעגען ליעבען דיר, ווען דער בארג האט אנגעהויבען צו ציטערן און האט זיך אראפ געגליטשט?

— ויא ווייט איך קען געדענקען, איז ראבערט געליעגען לעבען מיר דיא גאנצע צייט. מיר ווייזט אויס, אז ער איז נאר ניט לאנג פערשוואונדען.

— דערמאן דיך גוט, האט דער מאיאר איהם ווייטער געזאגט. ביסט דוא זיכער, אז ער איז געלעגען לעבען דיר?

— דאס געדענק איך געוויס, איך דערמאן מיך, אז זיין דעק האט מיר א קלאפ געטהאן אין געזיכט, ווען מיר זיינען אראפגעפלויגען פון'ם בארג.

— דערמאן דיך נאך אמאל. געדענקסט דוא געוויס, אז ווען מיר זיינען געפלויגען פון'ם בארג, איז ראבערט געלעגען לעבען דיר?

— דאס געדענק איך געוויס.

— אין וועלכער זייט איז ראבערט געלעגען, אין דיין רעכטער אדער אין דיין לינקער זייט?

— אין מיין לינקער זייט. דאס געדענק איך אויך זעהר גוט.

— און אין וועלכער זייט פון אונז אלעמען ביסט דוא געלעגען, אין אונזער רעכ־טער אדער אין אונזער לינקער זייט?

— אין אייער לינקער זייט.

— אלזא, ווייסען מיר ווענינגסטענס, אין וואס פאר א זייט מיר דארפען געהן איהם זוכען, האט דער מאיאר געזאגט. עס איז שווער צו זאגען, ווען ער איז פער־

שוואונדען. איך מיין אבער, אז צוערשט דארפען מיר דורכזוכען דיא גאנצע געגענד צוויא מייל ארום—יעצט, שנעל! ניט געטראכט!

וויא מיעד און צובראָכען זיי זיינען געוועז, האבען זיי צונויפגענומען זייערע לעצטע קרעפטע און האבען אנגעהויבען געהן זוכען ראבערט גראנט. זיי זיינען זיך צוגאנגען אויף פערשיעדענע וועגען און יעדער האט געזוכט אין אנאנדער ארט.

ליידער, איז זייער מיה געוועז אומזיסט. איין שטונדע נאך דער אנדערער איז פערפלאסען און זיי האבען קיין שפור ניט געפונען פון ראבערט גראנט. אום איינס אוהר זיינען זיי זיך ווידער צונויפגעקומען. אלע זיינען געוועז שטיל און טרויעריג. לארד גלענארוואן איז געוועז אזוי נידערשלאגען, אז ער איז געפאלען, וויא א שטיין אויפ'ן גראז און האט אויסגערופען איין מאל נאכ'ן אנדערן:

— איך מוז איהם געפינען! איך מוז איהם געפינען! איך וועל ניט אוועקגעהן פון דאנען, ביז איך וועל איהם געפינען.

דאס זיינען געוועז דיא איינציגע ווערטער, וואס מען האט פון איהם געהערט. עס איז געוועז אונמעגליך מיט איהם עפּעס צו רעדען אדער איהם עפּעס צו זאגען. דער שטאלצער לארד האט געוויינט, וויא א קינד.

— צו ערשט מוז מען עפּעס עסען, האט דער פּראפעסאר געזאגט צום מאיאָר. מיר זיינען אלע געבליעבען אהן קרעפטע פון דער שרעקליכער נאכט און פון דעם זוכען. מיר מוזען זיך אביסעל שטארקען מיט עסען און מיט טרינקען, דאן וועלען מיר קלערן, וואס מיר זאלען ווייטער טאהן. זאלען מיר ווייטער געהן, אדער זאלען מיר בלייבען דא און ווייטער זוכען דאס קינד.

— איהר האט רעכט, פּראפעסאר. מיר זיינען אלע אזוי מיעד, אז מיר האלטען זיך קוים אויף דיא פיס. וויא עס ווייזט אויס, האט לארד גלענארוואן נאך א האפנונג איהם צו געפינען.—וואס פאר א האפנונג ער האט, ווייס איך ניט.

— פאר וואס ניט? האט דער פרומער טאָם אויגוסטין געזאגט. ווען גאט האט אונז גערעטעט, פאר וואס זאלען מיר ניט גלויבען, אז ער האט איהם אויך גערעטעט?

— ארמער ראבערט! ארימעס קינד! האט דער פּראפעסאר געזאגט און האט אפּגעווישט א גראבע טרער אויף זיינע בלייכע באקען.

עס האט ניט געהאלפען דאס רעדען. מען האט געמוזט דענקען אן דיא לעבעדיגע. מען האט געמוזט צונויפזוכען דיא זאכען, וואס איז זיי נאך געבליעבען און זעהן, וואס מען האט און וואס עס פעהלט. פיעלע זאכען זיינען פערפאלען געווארען און צובראכען געווארען אויף דעם זאנדערבארען וועג, וואס זיי האבען געמאכט. מען האט צונויפגעקליעבען, וואס מען האט געקענט. עס זיינען נאך געבליעבען איינינע דעקען און זייער געוועהר, וועלכעס זיי האבען געהאט אין דיא גארטלען. א ביסעל פּראוויאנט איז נאך אויך געבליעבען.

אזוי וויא אין דער געגענד איז געוועזען גענוג האלץ, האט באלד געברענט א פייער און דער מאטראָז מילרעד האט אויפגעשטעלט א קעסעלע צו קאכען טהעע. דאס עסען איז באלד פארטיג געווארען. אלע האבען געגעסען שטיל און טרויעריג, נור איין לארד גלענארוואן האט זיך צו קיין עסען ניט געוואלט צו ריהרען. ער איז געלעגען אויף

זיין אָרם, ווי א דערשלאָגענער. דער מאיאָר און דער פראָפעסאָר האבען איהם גע־בעטען, ער זאל עפּעס נעהמען אין מויל אריין, ער זאל זיך א ביסעל שטארקען. זיי דארפען דאך ווייטער געהן. זיי קענען דאך דא ניט בלייבען. — עס האט אבער גאר ניט געהאָלפען. לארד גלענארוואן האט זיך ניט גערירט און ווען מען איז שטארק צו איהם צו געטראָטען, האט ער נור געזאגט:

— וואס וועל איך זאגען דעם קאפיטאן גראנט, ווען איך וועל איהם געפינען? וואו האב איך אהין געטהאן זיין קינד?

ווען זיי האבען אפּגערעסען און זיך א ביסעל אויסגערוהט, זיינען זיי ווייטער גע־גאנגען זוכען דעם פערלארענעם ראבערט. זיי זיינען ארומגעגאנגען אלע בערג, אלע טאהלען, האבען געשריען: ראבערט! ראָבערט! אבער נור דער ווידערקול פון די בערג האט זיי געענטפערט: ראבערט! ראָבערט! לארד גלענארוואן איז געגאנגען ווייטער פון אלעמען, האט געזוכט מעהר פון אלעמען, האט געשריען מעהר פון אלעמען, ביז ער איז ענדליך אנידער געפאלען פון מיעדקייט און שמערץ.

צום גליק, האט עס דער מאטראָז ווילסאָן בעמערקט און האט צונויפגערופען די גאנצע פארטיע. דער מאיאָר איז יעצט געווארען א דאקטאר. ער האט מיט גוואלד אויפגעריסען לארד גלענארוואן דאס מויל און האט איהם אריינגעגאָסען אייניגע טראָפען קאָניאַק אין מויל אריין. דאן האט ער געהייסען צו לעגען א פייער און האט אפּגעקאכט א ביטעל מאַטע, וועלכע ער האט געצוואונגען לארד גלענארוואן, ער זאל עס אויסטרינקען.

יעצט ערשט האבען זיי זיך איבערציינט, וואס פאר א גוטע זאך דער מאטע, אדער יערבא מאטע איז. קוים האט לארד גלענארוואן אויסגעטרונקען א ביסעל מאטע, איז ער געווארען פריש און מונטער, גלייך וויא ער וואלט גאָר קיין מאל ניט מיעד געוועזען. ער האט זיך אומגעקוקט אין אלע זייטען, האט אנגעקוקט יעדען פון זיינע קאַ־מעראדען. ער האט זיי געפרעגט מיט די אויגען, אויב זיי קענען איהם געבען עפּעס א האפנונג. אלע האבען אראפּגעלאָזען די אויגען און האבען געקוקט צו דער ערד.

— מיר מוזען צוריקגעהן, האט ער ענדליך געזאגט. איך קען ניט אוועקגעהן פון דאנען, ביז איך וועל איהם געפינען טויט, אדער לעבעדיג.

— וואס רעדט איהר עדוארד? האט דער מאיאָר געזאגט. וויא אזוי וועלען מיר צוריקגעהן, אז מיר ווייסען קיין וועג ניט? מיר האבען קיין פיהרער, קיין וועגווייזער. די ערדציטערניש האט די גאנצע געגענד פערענדערט. גאנצע בערג האבען זיך אראפּ־געגליטשט. פיעלע טאהלען זיינען פערשאטען געווארען. עס האבען זיך געבילדעט טיעפע אבגרונדען, וועלכע מיר וועלען יעצט אויף קיין פאל ניט קענען אריבערגעהן. אלע ברי־קען איבער די וואסערן זיינען צובראכען, צערשטערט און פערניכטעט געווארען. וואוהין וועלען מיר געהן?

— מיר מוזען ווייטער געהן, האט פּאגאנעל געזאגט. עס איז פערפאלען. עס האט אונז געטראָפען אן אומגליק, מיר קענען אבער גאר ניט העלפען.

לארד גלענארוואן האט געשוויגען. ער האט געזעהן, אז זיינע קאמעראדען האָ־

האבען רעכט. וויא לאנג נאך וועלען זיי דא בלייבען? אין דיעזע מינוט האט דער מאטראָז ווילסאן בעמערקט אין דער הויך עפּעס א גרויסען שווארצען פלעק.

— וואס איז דאס דארט? האט ער געפרעגט. עפּעס איז עס א זאנדערבארע זאך.

אלע האבען אויפגעהויבען דיא אויגען און האבען געקוקט אויף דעם שווארצען פלעק הויך אין דער לופט. דער שווארצער פלעק איז געווארען אלע מאל גרעסער און גרעסער. ענדליך האט מען געקענט זעהן, אז דאס איז א גרויסער פויגעל, וועל־כער שוועבט איבער א שטיין גאנץ הויך ניט ווייט פון זיי. דער פּראפעסאר האט זיך צוגעקוקט מיט זיינע גרויסע ברילען און האט אויסגערופען:

— א קאָנדאָר! דאס איז א קאָנדאָר!

לארד גלענארוואן איז געווארען אויפמערקזאם. ער האט געוואוסט וואס א קאָנדאָר איז.

— לאמיר זיך צוקוקען צו איהם, האט ער געזאגט. ער לאזט זיך אראפּ. ער קומט נעהנטער. קוקט אייך צו!

דער קאָנדאָר איז איינער פון דיא גרעסטע און שטארקסטע רויב־פייגעל פון זיד אמעריקא. ער יאגט זיך נאך זאגאר נאך אן אקס און טרייבט איהם אזוי לאנג, ביז דער אקס פאלט אראָפּ פון א שטיין אדער בלייבט ליעגען פאר מיעדיגקייט, דאן פליהט ער צו צו איהם, פּיקט איהם צו ערשט דיא אויגען אויס און דערנאך רייסט ער פון איהם שטיקער און פרעסט. לאמאס, קעלבער, יונגע פערד און אנדערע קלענערע און שוואכערע טהיערע הייבט ער אויף צווישען זיינע שטארקע פיס און טראגט זיי אוועק אין זיין נעסט, וואו ער צורייסט זיי. ער חאפּט זעהר אפט קינדער ביז צוועלף־פיערצעהן יאהר און שלעפּט זיי אוועק אין זיין נעסט. זיינע אויגען זיינען אזוי שארף, אז ער זעהט פון דער גרעסטער הויך דיא קלענסטע זאך, דיא קלענסטע חיה'לע, וואס לויפט אין טיעפען טאהל. ווען ער איז שטארק הונגעריג אדער ווען ער האט קליינע קינדער, שעהמט ער זיך ניט צו חאפּען זאגאר א מויז, אדער אנאנדער קליינע חיה.

ווען ער דערזעהט דיא חיה, וועלכע ער וויל רויבען, דרעהט ער זיך איינינע צייט הויך אין דער לופט און ווארפט זיך פלוצלונג אראפּ שנעל, וויא א פייל פון'ם בויגען אויף דער חיה, חאפּט זיא מיט זיינע שטארקע אייזערנע לאפּעס און פליהט מיר איהר אוועק אין זיין נעסט.

לארד גלענארוואן און דער פּראפעסאר האבען זעהר גוט געוואוסט דיא לעבענס־ווייזע פון'ם קאָנדאָר. זיי האבען געזעהן, אז ער דרעהט זיך אין דער לופט און זיינען געווען זיכער, אז ער האט עפּעס דערזעהן, וואס קען איהם נוצען אלס שפּייז.

— פיעללייכט האט דער קאָנדאָר דערזעהן דיא לייכע פון ראבערט גראנט? האט לארד גלענארוואן געזאגט צו זיך אליין. פאר וואס ניט? איז עס דען ניט מעגליך?

אלע האבען יעצט געקוקט אויפ'ן קאָנדאָר. קיינער האט פון איהם קיין אויג ניט אראפּגעלאזען. דער קאָנדאָר האט זיך איינינע מינוט געדרעהט אין דער לופט. ער איז געקומען אלע מאל נעהנטער און נעהנטער צו דער ערד. יעצט האבען זיי איהם געקענט גוט בעטראכטען. דאס איז ווירקליך געווען א גרויסארטיגער פויגעל, אדער הע[illegible]

דיא וועלט זאגט, דער קעניג פון דיא פויגעל. ער האט אויסגעשפרייט זיינע ברייטע און פליגעל און האט געשוועבט אין דער לופט.

דער מאַיאר האט געכאַפּט זיין ביקס און האט געוואָלט שיעסען אויף איהם. לארד גלענארוואן האט איהם צוריק געהאַלטען.

— ווארט! לאמיר זעהן, וואס ער וועט טאהן. ער דרעהט זיך דא ניט אומזיסט. ער זעהט זעהר גוט, אז עס שטעהן דא מענשען און ווען ער פליהט ניט אוועק, איז דאס דער בעסטער בעוויז, אז ער האט עפּעס דערזעהן, וואס קען איהם נוצען.

קוים האט לארד גלענארוואן אויסגערעדט, האט דער קאָנדאָר זיך אראפּגעוואָרפען שנעל, וויא א פייל, ערגעץ אין א טיעפען טהאל. אייניגע מינוטען איז ער פערשוואונדען געוואָרען. אלע האבען איהם געזוכט מיט דיא אויגען. באלד האט זיך דער קאָנדאָר ווידער ארויסגעוויזען פון הינטער א גרויסען שטיין. ער איז געפלויגען לאנגזאם, צווישען זיינע שטארקע פיס האט ער געטראָגען עפּעס א לאנגען קערפּער.

אלע האבען ארויסגעלאָזען א שרעקליכען געשריי פון שרעק און פערצווייפלונג. זיי האבען געזעהן דייטליך, אז דער קאָנדאָר האלט אין זיינע לאַפּעס א מענשליכען קערפּער. דאס איז געווים — ראבערט גראנט. דער קאָנדאָר האָט געזעהן, אז מענשען שטעהן אונטען און האט מורא געהאט, אז זיי זאָלען ביי איהם ניט אוועקנעהמען זיין רויב. ער האט דאהער אנגעשטרענגט אלע זיינע קרעפטע, ער זאל שנעל אוועקפליהען מיט איהם.

— אך, ראבערט! ראבערט! אונגליקליכער ראבערט! האט לארד גלענארוואן געשריען און האט געכאַפּט זיין ביקס.

ער האט אנגעהויבען צו ציעלען אויפ'ן קאָנדאָר. זיינע הענד אבער האבען געציטערט. ער איז געווען צו שוואך און צו מיעד אום ריכטיג צו ציעלען.

— לאזט מיך! האט דער מאַיאר געזאגט. איך וועל איהם שיעסען. איך וועל איהם טרעפען, דעם רויבער! איך בין דאך אן אלטער סאָלדאט. מען מוז זיין זעהר פארזיכטיג, מען זאָל טרעפען דעם קאָנדאָר און ניט דאס קינד.

דער מאַיאר האט גענומען זיין ביקס און האט אנגעהויבען צו ציעלען. דאס איז ווירקליך געווען א שווערע אויפגאבע. מען האט געדארפט גוט ציעלען און טרעפען דעם קאָנדאָר אין א פליגעל, ניט אין בויך, ווייל ווען מען טרעפט איהם אין בויך, פאלט ער באלד אראָפּ און ראבערט וועט דערהרגט ווערן. אין דער צייט, ווען דער מאַיאר האט געציעלט, האט זיך פון ערגעץ געוויזען א ווייסער רויך. עס האט געקנאַקט א שאס פון א ביקס און דער קאָנדאָר האט אנגעהויבען זיך אראָפּצולאָזען אויף דער ערד לאנגזאם און פארזיכטיג. עס איז געווען דייטליך, אז דער, וועלכער עס האט געשאָסען דעם קאָנדאָר, האט גוט געציעלט און האט געוואוסט, וואו צו שיעסען.—ער האט איהם געטראָפען אין רעכטען פליגעל. ער האט ניט אפּגעלאָזען זיין רויב און איז זיך גאנץ לאנגזאם אראפּגעפלויגען אלץ ניעדעריגער און ניעדעריגער, ביז ער איז צוגעקומען צו דער ערד.

— מיר האבען איהם! מיר האבען איהם! האט לארד גלענארוואן אויסגערופען

און איז געלאפען, ווי א וואהנזיניגער צו דעם ארט, וואו דער קאָנדאָר איז אראָפּגע־פאלען.

אלע זיינען איהם נאכגעלאפען. ווען זיי זיינען צוגעקומען צו דעם אָרט, וואו דער קערפּער פון ראבערט גראנט איז אראפּגעפאלען, האָט איהם דער קאָנדאָר אין גאנצע אפּגעלאזען און האט געוואלט אנטלויפען. א שטארקע האנד אבער האט איהם אי־דער זעלבער מינוט אפּגעהאקט דעם קאפּ. קיינער האט זיך ניט אומגעקוקט, ווער עס האט עס געטאהן. אלע האבען זיך ארויפגעווארפען אויף ראבערטס קערפּער. ער איז געווען גוט איינגעהילט אין זיין דעק, וויא דער מאטראז ווילסאָן האט עס געטאהן איידער זיי זיינען אנטשלאפען געווארען. לארד גלענארוואן האט באלד אויפגעריסען דיא דעק און האט זיך צו געלעגט צו ראָבערטס הארץ.

— ער לעבט! ער איז נאך ווארים! האט ער אויסגערופען וויא א וואנזיניגער. שנעל, וואסער!

מען האט באלד געבראכט וואסער פון טייך און מען האט געגאָסען ראָבערט'ן אין געזיכט. דער מאיאָר האט פּרובירט זיין מיטעל. ער האט איהם אריינגעגאָסען אין מויל איינינע טראָפּען קאָניאַק. עס זיינען פערגאנגען איינינע שרעקליכע מינוטען, אין וועלכע אלע האָבען געציטערט צווישען שרעק און האָפנונג. אלע זיינען געליעגען אדער געשטאנען ארום איהם. ענדליך האט ער זיך אנגעהויבען צו ריהרען, אויף זיין געזיכט האט זיך געוויעזען א ביסעל פארב. דער מאיאָר האט ווייטער פּראבירט זיין מיטעל און האט איהם וויעדער אריינגעגאָסען אין מויל א פּאָר טראָפּען קאָניאַק. ראָ־בערט האט זיי אראָפּגעשלונגען. אין איינינע מינוט ארום האט ער געעפענט דיא אויגען און האט זיך אומגעקוקט ווילד, דערשראקען, צומישט. קוים אבער איז זיין בליק געפא־לען אויף לארד גלענארוואן, האבען זיינע בלייכע ליפּען קוים אויסגערעדט:

— איהר זייט עס, לאָרד! פאָטער!

לארד גלענארוואן האט ניט געקענט רעדען. ער איז צוגעפאלען צו ראבערטען, האט איהם ארומגענומען און געקושט. פון זיינע אויגען איז געפלאסען א שטראם טרערן, אבער גליקליכע, פרעהליכע טרערין.—ער האט געוויינט פאר פרייד.

15טעם קאפּיטעל.

ט ה אַ ל ק אַ ו ו ע.

יעצט האבען זיך אלע געווארפען צו ראבערט'ן. יעדער האט איהם ארומגענומען, יעדער האט איהם געקושט. יעדער האט געוואלט הערן פון איהם א ווארט. יעדער האט איהם געפרעגט, וויא ער הייסט. יעדער האט איהם געוואלט עפּעס געבען אדער טאהן עפּעס פאר איהם. אלע האבען געוויינט, אלע האבען זיך געפרייט. אלע האבען געטאנצט און האבען איינער דעם אנדערן געגעבען דיא הענד. עס איז פערגאנגען א גרויסע צייט, ביז זיי האבען זיך בערוהיגט.

ווען זיי האבען זיך א ביסעל בערוהיגט, האבען זיי ערשט אנגעהויבען צו דענקען: ווער איז געווען ראבערטס רעטער? ווער האט געשאסען דעם קאָנדאָר און האט איהם דערנאך געטייטעט? ערשט יעצט האבען זיי אָנגעהויבען זיך ארומצוקוקען. זיי האבען,

דאכט זיך, א גאנצען טאָג קיין מענשען דא ניט געזעהן. ווער האט אלזא געשאָסען דעם קאָנדאָר? ווער האט איהם אפגעהאקט דעם קאָפּ?

זיי האבען אנגעהויבען צו קוקען אין אלע זייטען און האבען ענדליך דערזעהן אויף א גרויסען שטיין איז געשטאנען א הויכער מאן אָנגעשפּארט אויף א לאנגע אלטמאָדישע ביקס. פון דיא פּלייצעס איז איהם אראָפּגעהאנגען א פעל פון א גואנאקאָ, וועלכעס האט איהם געדיענט אלס מאנטעל. דיא פיסלעך פון דער גואנאקאָ זיינען געווען צונויפגעבונדען ביי איהם אויפ'ן האלז. דער אבערקערפּער איז געווען נאקעט, נור אויף דיא לענדען האט ער געטראָגען א קורץ קלייד פון א גואנאקאָ פעל. דיא פיס זיינען געווען אנגעטאָהן אין מאָקאסינס, דיא שיך פון דיא ווילדע אינדיאנער.

עס איז געווען א פערגניגען איהם אָנצוקוקען, וויא ער איז געשטאנען אנגעשפּארט אויף זיין לאנגער ביקס, גליך וויא א סטאטוע פון בראָנז. דיא פארב פון זיין געזיכט און פון זיין קערפּער איז געווען רויט וויא קופּער. זיינע לאנגע שווארצע האָר זיינען געווען פערבונדען מיט א ווייסען באנד. קיין באָרד האט ער ניט געהאט. זיינע פּלייצעס זיינען געווען ברייט און שטארק. זיינע הענד זיינען געווען דיק און פול מיט מוסקלען. מען האט געקענט זעהן גאנץ דייטליך, אז פון אזא פּאָר הענד איז ניט לייכט זיך ארויסצורייסען. און דאך איז דער אויסדרוק פון זיין געזיכט געווען מילד און פריינדליך. ער האט געקוקט אויף אונזערע רייזענדע און האט געשמייכעלט.

קוים האבען זיי איהם דערזעהן, האט דער מאיאָר געוויזען לאָרד גלענארוואַן.

— אט שטעהט דער מאן, וועלכער האט געראטעוועט אונזער ראָבערט.

לאָרד גלענארוואן האט זיך געלאָזט געהן צו דעם מאן. קוים האט דער מאן בעמערקט, אז מען געהט צו איהם, איז ער אראפּ פון'ם שטיין און איז זיי ענטגעגען געגאנגען. ווען לאָרד גלענארוואן איז צוגעקומען צו איהם, האט ער גענומען זיין האנד און האט זיא צוגעלעגט צום הארצען. דער מאן האט פערשטאנען, אז דאס דאנקט מען איהם. ער האט זיך לייכט פערנייגט און האט געזאגט עטליכע ווערטער, וועלכע קיינער האט ניט פערשטאנען. ווען ער האט געזעהן, אז מען פערשטעהט איהם ניט, האט ער פּראבירט רעדען אויף אנאנדערע שפּראכע. אבער קיינער פון אונזערע רייזענדע האט דיא אנדערע שפּראכע אויך ניט פערשטאנען. לאָרד גלענארוואן האט נור אזוי פיעל פערשטאנען, אז דיא אנדערע שפּראכע איז שפּאניש. ליידער, האט ער קיין שפּאניש אויך ניט פערשטאנען. ער האט אבער דאך געוואלט מיט איהם ווענינגסטענס עפּעס רעדען.

— עספּאניאָל? האט ער איהם געזאָגט.

דער ווילדער האט א שאָקעל געטאהן מיט'ן קאָפּ. א צייכען פאר'ן ווארט „יא". וועלכעס איז אנגענומען ביי אלע פעלקער.

— יעצט לאָז קומען אונזער פּראָפעסאר! האט אויסגערופען דער מאיאָר. ער רעדט דאך יא שפּאניש. לאז ער זיך צונויפרעדען מיט'ן פּאטאגאָניער. ער וועט דא האבען דיא בעסטע געלעגענהייט צו איבען זיך אין דער שפּאנישען שפּראכע.

דער פּראָפעסאר איז באלד צוגעקומען און האט זיך גאנץ העפליך פערנייגט

פארן ווילדען און האט איהם בענריסט אויף ריין פראנצויזיש. דער ווילדער האט איהם ניט געענטפערט. ער האט איהם ניט פערשטאנען.

— רעדט מיט איהם שפאניש! האט דער מאיאר אויסגערופען. ער רעדט שפאניש, וויא פון א בוך ארויס.

דער פראפעסאר האט זיך אויסגעהוסט, האט געעפענט דאס מויל און האט געזאגט דעם ווילדען:

— Vos sois un homem de bem. דוא ביסט א גוטער מענש.

דער ווילדער האט איהם אנגעקוקט און האט איהם ניט געענטפערט.

— ער פערשטעהט ניט קיין שפאניש! האט דער פראפעסאר אויסגערופען. וויא איז דאס מעגליך, אז ער זאל אזעלכע צווייא ווערטער ניט פארשטעהן, ווען ער רעדט שפאניש?

— מעגליך, אז איהר קענט ניט קיין שפאניש, האט דער מאיאר געלאכט. דער פאטאגאניער פערשטעהט אייך ניט, אזוי וויא עס האט אייך אין טשילי קיינער ניט פערשטאנען.

— דאס קען ניט זיין! האט געזאגט דער פראפעסאר מיט פערדרוס. וויא שלעכט איך רעד, דארף ער דאך מיך עפעס פערשטיהן. איין ווארט דארף ער דאך פערשטעהן.

ער האט נאך אמאל פראבירט רעדען צום ווילדען, האט איהם ווייטער געזאגט א ווארט און האט נאך דערביי געמאכט א צייכען. דער פאטאגאניער האט ווייטער געזאגט א פאר ווערטער, וועלכע דער פראפעסאר האט וויעדער ניט פערשטאנען. עס האט גאר ניט געהאלפען. איינער דעם אנדערן האט אויף קיין פאל ניט געקענט פער־שטעהן.

— וואס ווילט איהר מיר איינרעדען? האט דער פראפעסאר ענדליך אויסגע־רופען. דער מענש רעדט אן אנדערע שפראכע, ניט קיין שפאניש.

לארד גלענארוואן און דער מאיאר האבען א קוק געטאהן איינער צום אנדערן און האבען א שמייכעל געטאהן.

— עספאניאל? האט לארד גלענארוואן געפרעגט דעם ווילדען.

— סי, סי! (יא יא) האט דער ווילדער געענטפערט.

— נו, זעהט איהר שוין, מיין ליעבער פראפעסאר, אז דער מאן רעדט ווירקליך שפאניש. איהר אבער, מיין פריינד, רעדט אן אנדער שפראכע. איך האב מורא, אז איהר האט ווייטער א טעות געהאט און האט געלערנט גאר אן אנדערע שפראכע אנשטאט שפאניש. איך מיין, אז דורך אייער צערשטרייטהייט האט איהר געמאכט דעמזעלבען פעהלער, וואס איהר האט געמאכט, ווען איהר זייט ארויפגעגאנגען אויפ'ן „דונקאן" אנשטאט ארויפצוגעהן אויף דיא „סקאטיא".

דער פראפעסאר האט זיך געפיהלט בעליידיגט. ער האט זיך געפלאגט און גע־לערנט א שפראכע און אם ענדע זאגט מען איהם, אז ער קען זיא ניט, ווייל א ווילדער פאטאגאניער פערשטעהט איהם ניט.

— הערר מאיאר! האט ער אויסגערופען, דאס איז שוין צופיעל! דאס איז א

בעליידיגונג. איך רעד דאס פיינסטע און דאס ריינסטע שפאניש און ווען דיעזער ווילדער פערשטעהט מיך ניט, איז עס, ווייל ער רעדט שלעכט.

— מיין ליעבער מאיאר, איהר זייט אונגערעכט, האט זיך לארד גלענארוואן אריינגעמישט, איך קען מיר נים פארשטעלען, אז פראפעסאר פאגאנעל זאל מאכען אזא פעהלער און זאל האבען פערביטען איין שפראכע מיט דער אנדערער. עס איז וואהר, ער איז א ביסעל צערשטרייט און קוקט זיך א מאל נים אום, וואס ער טוהט. אזא פעהלער אבער וועט ער געוויס נים מאכען.

— איך קען אייך איבערציינגען, אז איך האב נעלערנט שפאניש, האט נעזאגט דער פראפעסאר שטאלץ. זעהט! אט איז דאס בוך, פון וועלכען איך האב נעלערנט. איך קען עס אויסוועהניג. קען דען זיין א בעסערע שפאנישע שפראכע, וויא דיעזע?

ער האט ארויסגענומען פון בוזים קעשענע דאס בוך, וועלכעס ער האט ביז אהער אזוי פלייסיג שטודירט און האט עס דערלאנגט לארד גלענארוואן. דער מאיאר און לארד גלענארוואן האבען געעפענט דאס פאדערבלאט פון׳ם בוך, זיינען עס דורכגעלאפען מיט דיא אויגען און האבען ארויסגעלאזען א געלעכטער. דער פראפעסאר האט זיי אנגעקוקט. וויא דיא וואהנזיניגע.

— וואס לאכט איהר? האט ער זיי נעפרעגט פערוואונדערט.

— ליעבער פראפעסאר פאגאנעל, האט לארד גלענארוואן געזאגט מיט א שמייכעל, וויא עס ווייזט אויס, האט איהר ארויסגענומען א פאטענט צו מאכען פעהלער. עס טהוט מיר לייד, אייך צו זאגען, אז דאס איז נאר א פארטוגיזיש בוך און איהר האט זיך אויסגעלערנט פארטוגיזיש אנשטאט שפאניש.

— פארטוגיזיש? האט אויסגערופען דער פראפעסאר פערצווייפעלט. דאס קען נים זיין! עס איז נים פארטוגיזיש.

— זעהט אליין, האט איהם לארד גלענארוואן געענטפערט ערנסט. דאס בוך איז געדרוקט אין ליסאבאן, דיא הויפטשטאדט פון פארטוגאל און עס איז פערפאסט פון קאמאענס, א בעריהמטען פארטוגיזישען דיכטער.

דער פראפעסאר האט זיך צוגעקוקט צום טיטעלבלאט פון׳ם בוך און האט זיך אנגעחאפט ביים קאפ.

— וואס האב איך געטאהן? וואס פאר א פעהלער האב איך ווידער בעגאנגען? אנשטאט שפאניש האב איך געלערנט פארטוגיזיש!

מעהר האט ער ניט געקענט זאגען. ער האט זיך זעהר געשעמט. אלע ארום איהם האבען געשמייכעלט, נור דער ווילדער פאטאגאניער איז געשטאנען און האט רוהיג און ערנסט בעטראכט דיעזע זאנדערבארע סצענע. זיין געזיכט איז געבליעבען שטרענג, וויא דאס געזיכט פון א בראנזענער סטאטוע. דער פראפעסאר אבער איז געוועזן אויסער זיך פאר שאנדע און פערדרוס.

— וואס וועט ווערן פון מיר, האט ער געברומט, ווען איך וועל ווייטער מאכען אזעלכע פעהלער? וויל איך פאהרען קיין קאלקוטא אין אינדיען, פאהר איך אוועק קיין קיין טשילי אין זיד אמעריקא; לערן איך מיך שוין גאנץ גוט אויס שפאניש, לאזט זיך אויס, אז איך רעד נאר פארטוגיזיש. מארגען וועל איך וועלען פערדרייבען מיין ציגאר

און וועל ארויסשפּרינגען פֿון פענסטער. וואס קען ווערן פון מיר, וואס איך בין אזוי צערשטרייט?

לארד גלענארוואן האט מיטלייד געהאט מיט'ן ארימען פּראפעסאר, וועלכער איז געווען שרעקליך נידערשלאגען און טרויעריג איבער דיא פעהלער, וואס ער האט בעגאנגען. ער האט איהם געוואלט טרייסטען.

— זייט ניט אזוי טרויעריג, ליעבער פּאגאנעל, האט ער איהם געזאגט פריינדליך. אם ענדע איז עס דאך ניט אזא גראָבער פעהלער. דיא שפּאנישע און דיא פּארטוגי־זישע שפּראכע זיינען צוויי שוועסטער, וויא רוסיש און פּאלניש, אדער דייטש און האָ־לענדיש. ווען איהר קענט פּארטוגיזיש, קענט איהר זעהר לייכט זיך אויסלערנען שפּאניש. אלענפאלס האט איהר דאך גאָר ניט אָנגעוואָרען. יעדע שפּראכע, וואס מען קען, קומט צו ניץ.

— איהר האט רעכט, מילארד, האט דער פּראפעסאר געזאגט. יעצט, אז איך ווייס שוין, וואס פאר א פעהלער איך האב געמאכט, איז מיר לייכט איהם צו פער־ריכטען. איהר וועט זעהן, אז אין א קורצע צייט וועל איך רעדען דאס שעהנסטע שפּאַ־ניש, וואס קען נור געבען. איך וועל שוין באלד קענען זאגען איינינע ווערטער צום פּאטאגאָניער.

ער האט זיך געוועגדעט צום פּאטאגאָניער און האט איהם געזאגט אן עכט שפּאניש ווארט, וועלכעס ער האט געהערט אין טשילי. דער פּאטאגאניער האט איהם פערשטאנען. ער האט איהם געפרעגט, וויא ער הייסט. דער ווילדער האט איהם גע־ענטפערט, אז ער הייסט ט ה א ל ק א ו ו ע.

א ביסעל דורך צייכענס און א ביסעל דורך איינציגע שפּאנישע ווערטער, וועלכע דער פּראפעסאר האט ארויסגענומען פון דער פּארטוגיזישער שפּראכע האט מען זיך דאך ענדליך צונויפגערעדט מיט'ן פּאטאגאָניער. מען האט אויסגעפונען, אז ער בעשעפ־טיגט זיך דערמיט, וואס ער פיהרט רייזענדע דורך דיא פּאמפּאס און קען גוט דיא גאנצע געגענד פון דיא קארדיליערן ביז צום אטלאנטישען וועלט מעער. ער איז שוין געווען עטליכע מאל אין ארגענטיניען און קען אלע וועגען און אלע שטעגען ביז אין פּארט סאן אנטאָניאָ, וואו לאָרד גלענארוואן האט געהייסען קאפּיטאן פּארראגוט, ער זאל אויף איהם ווארטען. מען האָט ווייטער אויסגעפונען, אז זיין נאמען „טהאלקאווע" הייסט אויף דער פּאטאגאָנישער שפּראכע: דער מענש, וואס קען דונערן. דאס הייסט, דער מענש, וועלכער קען גוט שיסען מיט א ביקס.

לארד גלענארוואן איז געווען העכסט צופריעדען, וואס ער האט געטראפען דעם פּאטאגאָניער. מיט אזא געשיקטען וועגווייזער וועט איהם לייכט זיין דורצופאהרען גאנץ פּאטאגאניען און צו זאמלען נאכריכטען איבער קאפּיטאן גראנט און זיינע מאטראזען. ער האט איהם איינגעלאדען צו זיך און האט איהם געגעבען צו פערשטעהן דורך צייכענס, אז ער וועט איהם גוט בעצאהלען, ווען ער וועט וועלען זיין ביי זיי א וועגווייזער.

יעצט זיינען זיי אלע צוגעגאנגען צו ראָבערט גראנט, וועלכער איז נאך אלץ גע־לעגען אויף דעם אָרט, וואו דער קאָנדאָר האט איהם אראָפּגעלאָזען. ער האט צוואר געעפענט דיא אויגען, ער איז אבער נאך געווען אזוי שוואך, אז ער האט זיך ניט

נעקענט ריהרען און האט קוים נערעדט. טהאלקאווע האט איהם בעטראכט, וויא א נעשיקטער דאָקטאָר. ער האט איהם אויסגעטאפט אלע גליעדער און איז ערגעץ אוועק־נעגאנגען. אלע האבען נעקוקט אויפ'ן ווילדען און האבען געשוויעגען. זיי וואָלטען איהם נעווייס געפרעגט, וואס ער וויל טאהן? וואס ער האט אויסגעפונען? האט זיך ראָבערט ניט צובראָכען א האנד, א פוס ווען ער איז אראפּגעפאלען? זיי האבען אבער ניט געקענט צוגויפרעדען מיט'ן פּאטאגאָניער. דאס האבען זיי אבער געוואוסט, אז דיא ווילדע האַ־בען שוין זייערע מיטעל נעגען וואונדען, וועלכע העלפען בעסער און שנעלער אלס אלע מעדיצינען, וועלכע מיר האבען אין אונזערע אפּטהעקען.

דער פּאטאגאָניער האט זיך ניט לאנג געזאמט. ער איז באלד צוריקגעקומען און האט געהאלטען אין דער האנד א בינטעל גראז. ער האט אויסגעזוכט א גלאַטען שטיין, אויף וועלכען ער האט אנגעהויבען צו פרעסען און צו קוועטשען דאס גראָז, ביז עס איז דערפון געווארען א סאָרט גרינע קאשא. דאן האט ער גענומען דעם גרינעם זאפט און האט אנגעהויבען איינצורייבען ראָבערט'ס הענד און פיס, דאס הערץ און דיא פּלייצעס. ער האט איהם איינגעריבען אזוי לייכט און אזוי לאנגזאם, אז דאס קינד האט זיך גער פיהלט שטארקער און איז באלד געשמאק אנטשלאָפען געווארען. יעצט האט ער איהם איינגעדעקט מיט דעקען, אבער ניט וויא דיא מאַטראָזען פלעגען איהם ביז אהער איינוויקלען, זאנדערן אויף זיין אָרט, נאך דער פּאטאגאָנישער מאָדע. דורך צייכענס האט ער געגעבען צו פערשטעהן, אז מען זאל איהם לאזען שלאָפען און מען זאל איהם ניט שטערן.

יעצט ערשט האבען אלע געפיהלט, אז זיי זיינען שטארק מיעד און הונגעריג דערצו. זיי האבען זיך אנגעהויבען ארומצוקוקען, וואו זיי זאלען אויפשלאָגען זייער לאגער אויף היינטיגע נאכט און אויב עס איז זיי געבליעבען נאך עפּעס צו עסען. אן אָרט, וואו אויפצושלאגען א לאגער איז געווען זעהר לייכט צו געפינען. דיא גאנצע געגענד איז געווען בעוואקסען מיט הויכעס, ווייכעס גראז, וואס צו עסען אבער האבען זיי ניט געהאט. זייער גאנצער פּראָוויאנט איז פערפאלען געווארען אין דער צייט, ווען דער בארג האט זיך אראָפּגעגליטשט. עס איז זיי נור געבליעבען אביסעל מאטע און איינינע קליי־ניגקייטען, וואס יעדער האט געטראגען אויף זיך.

דערצו איז געקומען נאך א פראגע, וואו נעהמט מען פערד אדער מויל־עזלען אום ווייטער צו פאהרען? זיי האבען זיך געווענדעט צו טהאלקאווע און האבען איהם געגעבען צו פערשטעהן דורך צייכענס און דורך האלב שפּאנישע און האלב פּאָרטוגיזישע ווערטער, וואס זיי דארפען און אז זיי וועלען פאר אלדינג גוט בעצאהלען. טהאלקאווע האט זיי געענטפערט אויף ריין שפּאניש און דורך צייכענס, אז ניט ווייט, אין גאנצען פיער מייל פון דאנען געפינט זיך א „טאָלדעריא" א דאָרף פון אראקאניער. דאָרט קענען זיי פאר געלד אלעס קריעגען. ווען לארד גלענארוואן וויל מיט איהם געהן אין דיעזעם דאָרף, קענען זיי ביז נאכט נאך זיין צוריק און אלעס ברענגען.

לארד גלענארוואן האט איינגעווילינט צו געהן מיט'ן פּאטאגאָניער צו דעם דאָרף פון דיא אינדיאַנער. יעצט, אז ראָבערט איז שוין דאָ און איז געזונד, מוז מען דאָך זוכען מיטעל, מען זאל קענען ווייטער פאהרען.

— איך געה אויך מיט אייך! האט אויסגערופען דער פראפעסאר. איך האב שטענדיג געוואלט זעהן א דארף, וואו עס וואינען נור אינדיאנער. איך מוז דאך האבען וואס צו בעריכטען דער געאָגראפישער געזעלשאפט.

עס איז אזוי געבליעבען. לאָרד גלענארוואן, דער פראָפעסאָר און טהאלקאווע זיינען אויך באלד אוועקגעגאנגען אין דאָרף. דער הויכער פאטאגאָניער האט געמאכט גרויסע שפאן מיט זיינע לאנגע און שטארקע פיס. דער פראָפעסאָר און דער לאָרד האבען געמוזט לויפען אום איהם נאכצוהאלטען.

דיא געגענד, דורך וועלבע דער פאטאגאָניער האט זיי געפיהרט, איז געווען א גרויסארטיגע. וויא ווייט דאס אויג האט געקענט גרייכען, האט מען געזעהן הויכעס, טיעפעס, זאפטיגעס גראז און אלערליי שעהנע בלומען. טייבלעך און טייכען זיינען געפלאסען אין אלע זייטען. אין ערטער האבען זיי געבילדעט גאנצע אָזיעראָס (זעען), אויף וועלבע עס זיינען ארומגעשוואומען און זיך לוסטיג געשפיעלט אלערליי וואסער פייגעל. גרויסע שוואנען (ליעבעד) מיט שווארצע קעפ זיינען געשוואומען אויפ'ן וואסער ערנסט און פערטראכט און האבען זיך גאר ניט דערשראָקען, ווען אונזערע רייזענדע זיינען צוגעקומען צו זיי. אין דער לופט זיינען געפלויגען אלערליי קלענערע און גרעסערע פויגעל.

דער פראפעסאר האט זיך געפרייט, וויא א קינד און האט יעדעס מאל, ווען ער האט דערזעהן א נייעם פויגעל אדער עפעס א נייע זאך, אויסגערופען: — אָה! אה! אך איז עס שעהן! עס איז גרויסארטיג!

דער ווילדער, וועלבער איז געווען גוט בעקאנט מיט דיעזע סצענען, האט ניט געקענט פערשטעהן, פאר וואס זיין בעגלייטער פרייט זיך אזוי, ווען ער דערזעהט א פויגעל אדער א שעהנעם טייך.

דער וועג האט ביי זיי געדויערט אנדערהאלבען שטונדען. ביים פאטאגאָניער אליין וואלט ער געווים מעהר ניט געדויערט, וויא א האלבע שטונדע. ער האט אבער געזעהן, אז זיינע בעגלייטער קענען איהם ניט נאכהאלטען און האט זיך בעמיהט צו געהן לאנגזאם. ענדליך זיינען זיי אנגעקומען אין אינדישען דאָרף.

דאס גאנצע דארף איז בעשטאנען פון דרייסיג געצעלטען, וועלבע זיינען געווען געמאכט פון צווייגען פון בוימער און האבען קוים געקענט שיצען פון א גוטען רעגען. ארום דארף האבען זיך רוהיג געפאסעט זעהר פיעל קיה, אקסען, פערד און מויל עזעל. דאס דארף איז ניט געווען קיין בעשטענדיגעס. דיא ווילדע האבען דאמאלס דארט געוואינט, ווייל אין דער געגענד ארום איז געווען זעהר פיעל גראָז פאר זייערע פיה. קוים האבען זייערע בהמות אפגעגעסען דאס גראז ארום, פלעגען זיי אוועקווארפען זייערע געצעלטען און געהן זוכען אנאנדער געגענד, וואו עס איז דאָ גענוג וואסער און גראָז.

דער פראָפעסאר האט גאר פערגעסען, צו וועלבען צוועק זיי זיינען געקומען אין דאָרף. ער האט געלאָזען לאָרד גלענארוואן מיט'ן פאטאגאָניער און אליין איז ער געגאנגען פון איין געצעלט צום אנדערן בעטראכטען דיא ווילדע. ער האט גערעדט מיט דיא מענער, מיט דיא פרויען און מיט דיא קינדער אויף שפאניש, פאָרטוגיזיש און אויף אלע שפראכען, וואס ער האט געקענט. וועלכעס פערשטענדליך, קיינער האט איהם ניט פערשטאנען און דיא ווילדע דאסמאל האבען איהם אויסגעלאכט איינינע קינדער

ויינען איהם נאכגעלאָפען. ער האט זיי גענעבען איינינע סענטען, וועלכע ער האט גע־פונען ביי זיך אין קעשענע.

ליידער, איז ער געבליעבען זעהר אונצופריעדען פון דיא ווילדע. דאס זיינען גע־ווען אנדאַ־פערואוויאנער, א זעהר ווילדעס פאלק, וועלכעס געפינט זיך נור לעבען דיא קארדאליערן. דיא פארב פון זייער הויט איז שמוציג־אליוו. דיא באקען ביינער שטעקען ארויס, וויא ביי דיא נעגער. דער שטערן איז ניעדעריג און פערוואקסען און זיי מאכען זעהר א שלעכטען איינדרוק. מען זעהט פאר זיך יא א מענשען און דאך ניט קיין מענ־שען. עס איז עפּעס קיין ווילדע חיה און קיין מענש—און דאך איז עס א מענש.

אין דער צייט, וואס דער פּראָפעסאָר האט בעזוכט דיא ווילדע און האט עפּעס פערצייכענט אין זיין נאטיץ בוך, האט טהאלקאווע און לאָרד גלענארוואן זיך גערונגען מיט'ן הייפּטלינג פון דיא ווילדע. נאַטירליך, איז דער גאנצער געשעפטס פיהרער געווען טהאלקאווע, וויל לאָרד גלענארוואן האט זיך ניט געקענט צונויפרעדען מיט זיי. עס איז פערגאנגען א גרויסע צייט, איידער דער האנדעל איז געשלאָסען געווארען. דיא ווילדע זיינען געווען בערייט צו פערקויפען פערד און עסענווארג, וויא פיעל מען וועט וועלען. זיי האבען אבער געפאָדערט, אז מען זאל זיי געבען דערפאר א פעסעלע ראָם און איינינע פונט פולווער, צוויי זאכען, וועלכע לארד גלענארוואן האט ניט געהאט. ער האט זיי געוואלט בעצאהלען מיט גאלד, טשיליאנישע דובלאנען—אן ערך פון 5 אמע־ריקאנישע טהאלער — אדער אין ענגלישע גיניעס. זיי האבען צוואר געוואוסט דעם ווערטה פון גאלד און האבען דאך געוואלט ראָם און פולווער. דאס האבען זיי זיך אפּגעלערנט פון דיא שפּאניער — טרינקען ראָם. דער ווילדער וועט אוועק געבען זיין לעצטעס פערד, זיין לעצטע קוה פאר א פלאש ראם. ווען זיי בעקומען ראָם, טרינקען מענער, פרויען און קינדער אזוי לאנג, ביז זיי בלייבען ליעגען טויט שיכור. דאס שיכרות איז אזוי שטארק פערברייטעט צווישען דיא ווילדע, אז זיי שטארבען אויס מעהר פון שיכרות אלס פון אנדערע קראנקהייטען. גאנצע פאמיליעס, זאגאר גאנצע דערפער שטארבען אויס פון טרינקען „פייער־וואסער", אזוי הייסט ביי זיי שנאפּס, ראם און אלע גייסטיגע געטרענק.

עס איז דאהער קיין וואונדער ניט, וואָס טהאלקאווע האט זיך מיט זיי אזוי לאנג גערונגען. ענדליך האט ער אפּגעשלאסען דעם האנדעל. ער האט מיט זיי אפּגעמאכט, אז זיי זאלען איהם געבען זיעבען גוטע פערד מיט דעקען, מיט זאטלען און מיט אלעס, וואס איז נייטיג צום רייטען, הונדערט פונט „טשארקווי" — געטריקענטע רינדפלייש — צעהן מעסטלעך רייז און אכט לעדערנע פלעשער אדער לאגלען אויף וואסער, דערפאר וועט ער זיי געבען אכציג טשיליאנער דובלאָנען. לארד גלענארוואן איז געווען צופריעדען מיט'ן פּרייז. ער האט גענעבען צו פער־שטעהן טהאלקאוועו דורך צייכענס, אז ער זאָל נעהמען אכט פערד, איין פערד פאר זיך. טהאלקאווע אבער האט געענטפערט, אז ער דאַרף ניט קיין פערד.

דיא ווילדע האבען באלד געבראכט אלע זאכען, וואס מען האט ביי זיי געקויפט און לארד גלענארוואן האט זיי בעצאהלט. זיי וואלטען געוויס געווען געפאָדערט מעהר געלד, וויל יענע ווילדע ווילען ניט וויסען. וואס עס הייסט האלטען ווארט. זיי האבען

אבער מורא געהאט פאר טהאלקאווע. לאָרד גלענארוואן האָט גוט בעמערקט, אז קוים הייבען זיי אן עפעס צו רעדען, װארפט טהאלקאװע אויף זיי א בייזען בליק און זיי װערן שטיל.

ענדליך איז אלעס געװען פערטיג. דיא װילדע האבען געהאלפען טהאלקאװען אנלאדען דעם פראָװיאַנט אויף דיא פערד. טהאלקאװע האט יעדע זאך איבערגעצעהלט און איבערגעװאױגען אין דיא הענד. ער האט זיך צוגעקוקט צו יעדעס פערד, אויב ער איז געזונד. װען אלעס איז געװען פערטיג, האט ער, לארד גלענארוואן און דער פראָפעסאר זיך אויפגעזעצט אויף דיא פערד און זיינען געפאהרען צוריק אין זייער לאגער. אין א האלבע שטונדע ארום זיינען זיי אנגעקומען אין לאגער, וואו אלע האבען זיי בעגריסט מיט פרייד. אלע זיינען געװען הונגעריג. מען האט באלד צו לעגט א גרױס פייער און מען האט אנגעהויבען קאָכען א מיטאָג, אדער ריכטיגער, א סאפער, ווייל עס איז שוין געװען נאכט.

טהאלקאװע האט נאך א מאל בעטראכט ראבערט׳ן און האט געגעבען א צייכען, אז ער איז מיט איהם צופריעדען. מארגען וועט ער זיין אים שטאנד צו פאהרען מיט זיי. ער האט אליין עפעס אפגעקאכט פון ראבערט׳ס װעגען און האט עס איהם אליין געגעבען. ראבערט האט געגעסען מיט פערגניגען דאס געריכט, וואס דער פאטאגאָניער האט פאר איהם געמאכט. אונזערע רייזענדע האבען זעהר געוואלט וויסען, וואס פאר א געריכט דאס איז. זיי האבען געפרעגט דעם פאטאגאָניער און ער האט זיי געענטפערט: „פראָטאָס“.—אבער וואס איז פראָטאָס? דאס האט קיינער ניט געוואוסט. ענדליך האט זיך דער פראפעסאר דערמאנט און האט ערקלערט זיינע קאמעראדען וואס איז פראָטאָס.

— אין טשילי, האט אָנגעהויבען דער פראפעסאר זיינע ערקלערונג, עסט יעדער פראָטאָס, פון׳ם פרעזידענטען פון דער רעפובליק ביז צום בעטלער. יעדער מוז וועניגסטענס איין מאָל אין טאג עסען פראָטאָס. דאס אי: א סאָרט בעבלעך, וועלכע וואקסען נור אין טשילי. זיי האבען אין זיך א מערקווירדיגע אייגענשאפט: זיי גיבען דעם מענשען קראפט. דער טשיליאנער ארבייטער, וועלכער עסט פּאָרטאָס, איז פיעל קרעפטיגער און קען מעהר ארבייטען פון׳ם ענגלישען, וועלכער עסט פלייש.

— פאר וואס שיקט מען ניט דיעזע פראָטאָס קיין אייראָפּא? האט לארד גלענארוואן געפרעגט. עס וואלט דאך געווען א גליק פאר דיא ארימע ארבייטער, זיי זאָלען האבען אזא געזונדע שפייז?

— דאס איז גאנץ ריכטיג, האט דער פראפעסאר געענטפערט. מען מוז אָבער וויסען, וויא אזוי צו קאָכען דיעזע פראָטאָס. זיי זיינען אייגענטליך א גיפטיגע פרוכט און ווען מען קען זיי ניט קאָכען, קען מען זיך זעהר לייכט פערגיפטען. מען מוז זיי פריהער קאָכע אייניגע שטונען און דאס וואסער צוויא־דרייא מאל אויסגיעסען. דאס וואסער איז גיפטיג. ערשט ווען דער גאנצער גיפט איז אויסגעקאכט פון זיי, קען מען פון זיי מאכען א גוט עסען און דערצו נאך זעהר א ביליג עסען. מיט א הויפען (א האנד פול) פראָטאָס, ווען זיי זיינען גור ריכטיג געקאכט, קען זיך א געזונדער מענש זאט אנעסען.

מען האט נאך גערעדט איבער פערשיעדענע זאכען און ענדליך איז מען געגאנגען שלאפען.

16טעס קאפיטעל.

דיא ערשטע נאכריכטען פון קאפיטאן גראנט און זיין שיף.

דעם אנדערן טאג אין דער פריה האט טהאלקאווע געגעבען דעם צייכען, אז עס איז צייט צו פאהרען. ער האט געפיהלט, אז ער איז זייער פיהרער, זייער וועגוויזער, זייער קאפיטאן און האט ווירקליך קאמאנדירט, וויא א גוטער גענעראל, קאמאנדירט זיין ארמעע.

לארד גלענארוואן האט איהם געבעטען געבעטען, ער זאל קויפען נאך א פערד פאר זיך און ער האט געזאגט, אז ער דארף נים. לארד גלענארוואן האט גערעכענט, אז ער וויל געהן צו פוס. ער געהט זעהר שנעל און וועט זיי קענען נאכהאלטען, אבער וואהל זיי ועלען פאהרען רייטענדיג. ווען אלע זיינען שוין געזעסען אויף זייערע פערד און מען האט שוין געדארפט ריהרען פון ארט, האט טהאלקאווע פלוצלונג געגעבען א זאנדערבארען פייף. ערגעץ אין א וועלדעל האט א פערד אנגעהויבען צו הירזען און איז באלד געקומען צולויפען צו טהאלקאווע, וויא א הונד קומט צו לויפען, ווען זיין העררר רופט איהם. דאס איז געווען א שעהנעס טהיער מיט ברייטע ביינער, מיט שטארקע פיס, א פערד וועלכעס האט געפאסט פאר אזא ריעז, וויא טהאלקאווע. דער מאיאר, וועלכער איז געווען א גרויסער קענער פון פערד, האט זיך נים געקענט זאט אנקוקען אויף דיעזעס שעהנע פערד.

— איך גיב איהם פינף הונדערט פונט סטערלינג פאר'ן פערד! האט ער אויסגערופען.

דער פאטאגאניער אבער האט קיין מאל נים אין זינען געהאט צו פערקויפען זיין פערד, וועלכען ער האט גערופען „טאהוקא“. מען האט איהם געפרעגט, וואס הייסט טאהוקא? און ער האט געגעבען צו פערשטעהן, אז טאהוקא הייסט א פויגעל. עס איז ווירקליך געווען א פערגניגען צו זעהן דעם הויכען, שטארקען פאטאגאניער, וויא ער איז געזעסען רוהיג און ערנסט אויף זיין שעהנעם, שטאלצעם פערד. צום זאטעל פון'ם פערד זיינען געווען צוגעבונדען דיא נייטיגע וואפען פאר א יעגער אין יענע געגענדען: דיא לאסא און דיא באלאס Lasso און Bolas. מיר מוזען געבען אונזערע לעזען אן ערקלערונג, וואס דיעזע אין ארגענטיניען נאטווענדיגע צוויא זאכען זיינען.

דיא באלאס זיינען קליינע בלייערנע אדער אייזערנע קוגלען. זיי זיינען איינגענעהט אין לעדער און צוגענעהט צו א דינעם לעדערנעם ריעמען. צוויא אדער דרייא אזעלכע קוגלען ווערן צוגעבונדען צו א לאנגע שטריק, אדער א לאנגען ריעמען, וועלכען יעדער ארגענטיניער פארמער האלט צוגעפנעדרעהט אויף זיין זאטעל. ווען ער פאהרט ארויס אויף דיא פאמפאס (סטעפעס), וואו דיא אקסען און דיא פערד פאסען זיך און וויל חאפען איינע פון זיי, בינדעט ער אפ דיא באלאס, הייבט זיי אן צו דרעהן ארום זיין קאפ און גיט זיי א ווארף מיט זיין גאנצער קראפט אויף דיא בהמה, וועלכע ער וויל פאנגען. דיא קוגלען דרעהן זיך ארום דער בהמה ארום האלז אדער ארום דיא פיס און זיא איז [illegible].

דיא לאסאָ איז א גאנץ געוועהנליכער לאנגער ריעמען אדער שטריק מיט א שלייף אם ענדע. זיא דיענט אויך צום זעלבען צוועק—צו פאנגען דיא קיה, אקסען און פערד, וועלכע פאסען זיך פריי אין דיא פאמפאס. דער שלייף ווערט ארויפגעווארפען דעם אָקס אויף דיא הערנער און דעם פערד אויפ׳ן האלז.

דער לעזער וועט געווים מיינען, אז האפען א ווילדען אָקס, אדער א ווילדעס פערד מיט דער לאסאָ אדער מיט דיא באָלאס איז זעהר לייכט און יעדער קען זיך אויסלערנען אין א פאר טאג. איך מוז איהם זאגען, אז ער האט א גרויסען טעות. מען מוז זיין א געבארענער ארגענטיניער, מען מוז אויסוואקסען אין דיא ווילדע, גרענעצען־לאזע פאמפאס אום צו קענען ארומגעהן מיט דיא באָלאס און מיט דער לאסאָ. מען מוז זיין זעהר געשיקט און וויסען, וויא אזוי זיי צו ווארפען; מען מוז זיין שטארק און קרעפטיג אום דערנאך איינצוהאלטען דיא בהמה, וועלכע רייסט זיך און ווארפט זיך אין אלע זייטען. מען מוז ווייטער זיין א גוטער רייטער. דיא ארגענטיניער געברויכען דיא באָלאס נור רייטענדיג אויפ׳ן ווילדסטען פערד. עס זיינען דא מענשען, וועלכע וואינען אין ארגענטיניען יאהרען לאנג און קענען ניט ארומגעהן מיט דיא באָלאס.

דער ארגענטיניער בענוצט דיא באָלאס ניט נור צו האפען זיינע בהמות, זיי דיענען איהם אויך אלס וואפע צו פאנגען דיא פומא, דער ארגענטינישער לייב, אדער דער־ווילבער לייב—א סארט לייב, וועלכער האלט זיך אויף אין יענע געגענדען. ער פאלט אן אויף קיה, אקסען און פערד, שפרינגט זיי ארויף אויפ׳ן רוקען, רייסט זיי אויף דעם האלז און טרינקט דאס פרישע בלוט. דיא פומא איז זעהר געפעהרליך. מען מוז זיין זעהר געשיקט און מוטהיג זיא צו פאנגען. דער עכטער געבארענער פאטאגאָניער, אדער ארגענטיניער, האט אבער פאר איהר קיין מורא נים. ער זוכט זיא אויף אין איהר הייל אדער אין איהר נעסט אין הויכען גראָז און ווארפט אויף איהר ארויף דיא באָלאס מיט זיין גאנצער קראפט. דיא באלאס דרעהן זיך ארום דעם לאנגען, דינעם קערפער פון דיא פומא און זיא בלייבט ליעגען געבונדען, ביז דער יענער קומט צו און טייטעט זיא מיט זיין שארפען ברייטען מעסער.

יעצט זיינען שוין אלע געווען פערטיג. טהאלקאווע האט געגעבען א צייכען און אונזערע רייזענדע האבען זיך געלאזט אין וועג אין דיא פאמפאס. ראבערט האט זיך געפיהלט קרעפטיג גענוג אום צו זיצען אויפ׳ן פערד, דאך האט איהם לארד גלענאר־וואן מעהר נים אפגעלאזען פון זיך און האט איהם געהייסען רייטען לעבען זיך, ער זאל קענען אויף איהם שטענדיג אכטונג געבען. דער פראפעסאר האט געשלאסען פריינד־שאפט מיט טהאלקאווע. ער האט זיך ניט געקענט זאט אויף איהם אנקוקען. דאס איז דאך געווען דער ערשטער פאטאגאניער, מיט וועלכען ער איז געוועזן בעקאנט און ער האט איהם געוואלט בעשרייבען פינקטליך און עס פאָרשטעלען דער געאָגראפישער געזעלשאפט. אויסער דעם האט דער פראפעסאר געהאט נאך אנאנדער צוועק אין זינען—ער האט זיך געוואלט אויסלערנען פון טהאלקאווען שפאניש. ער האט דאהער דעם גאנצען וועג מיט איהם גערעדט נור שפאניש און אלס געלערנט. ער האט עו ווירקליך געמאכט זעהר גוטע פארשריטע. אין א קורצער צייט האט ער זיך שוין געקענט

(So. Am., 8.)

צונויפרעדען מיט'ן פאטאגאניער אויף זייך שפאניש, ניט אויף פארטוגיזיש.

— מעג מען עס ניט שרייבען אין דיא צייטונגען, האט ער א מאל געזאגט צו לארד גלענארוואן, אז א פראנצויזישער פראפעסאר לערנט דיא שפאנישע שפראכע פון א ווילדען פאטאגאניער?

דער פאטאגאניער האט אין דער ערשטער צייט בעטראכט דעם פראפעסאר אלס א ניט קלוגען—א האלבען נארר. ער האט ניט געקענט פערשטעהן, פאר וואס דער פראפעסאר נעהמט אלע מאל ארויס א בוך און דרעהט עפעס מיט דער האנד, אדער ער נעהמט שטיקלעך אייזען—אסטראנאמישע אינסטרומענטען—און דרעהט זיי, קעהרט זיי און קוקט אויף זיי, דאן שרייבט ער ווייטער אין א בוך.

— וואס טהוט דער מענש? האבען אפט זיינע גרויסע, קלוגע אויגען געפרעגט. איז ער משוגע? פאר וואס טהוען עס דיא איבעריגע ניט? פאר וואס לאכען זיי פון איהם ניט, ווען ער טהוט עס?

באלד אבער האט ער אנגעהויבען צו פארשטעהן, אז דער פראפעסאר איז ניט משוגע, אז ער ווייס, וואס ער טהוט. ער האט איהם אויך באלד ליעב בעקומען. דער פרעהליכער, פריינדליכער כאראקטער פון'ם געלערנטען פראנצויז האט געמאכט א טיעפען איינדרוק אויפ'ן ווילדען פאטאגאניער. ווען זיי האבען אנגעהויבען בעסער צוא פערשטעהן איינער דעם אנדערן, האט דער פראפעסאר פראבירט לערנען דעם פאטאגאניער און איהם ערקלערען א ביסעל געאגראפיע און אסטראנאמיע. ער האט זיך אבער באלד איבערצייגט, אז דיא געגענדען, אין וועלכע זיי פאהרען, קען טהאלקאווע פיעל בעסער פון'ם פראפעסאר פון דעם פאריזער אוניווערזיטעט, און פון אנדערע לענדער וויל ער ניט וויסען.

— עס איז אומזיסט מיין מיה, האט פאגאנעל א מאל געזאגט צו לארד גלענארוואן. טהאלקאווע וועט קיין מאל ניט קענען זיין פראפעסאר אין פאריזער אוניווערזיטעט. ער וויל ניט לערנען.

דעם ערשטען טאג איז דיא רייזע געגאנגען לאנגזאם. ערשטענס, האט טהאלקאווע מורא געהאט, אז דער קליינער ראבערט וועט נאך ניט קענען אויסהאלטען א שנעלע רייזע. צווייטענס, איז דיא געגענד נאך ניט געווען גאנץ גלאט. אין ערטער זיינען נאך געווען בערגלעך, אין ערטער זיינען געלעגען גרויסע שטיינער, וועלכע האבען זיך אפגעריסען פון דיא קארדיליערען אין דער צייט פון דער ערדציטערניש. אין ערטער אבער האבען זיי געטראָפען דיא מעדאנאָס Medanos.

דיא מעדאנאָס זיינען איינע פון דיא וואונדער פון יענער געגענד. זיי זיינען שטיקער לאנד בעדעקט מיט קליינע בערגלעך פון גאנץ דינעם, פיינעם זאמד. דיא מעדאנאָס ווייזען אוים וויא דיא וועללען (כוואליעס) פון'ם מעער. דער זאמד איז אזוי דין און אזוי פיין, אז פון'ם קלענסטען ווינד הייבען זיך אויף גאנצע ויילען זאמד אין דער הויך, פליעהען, דרעהען זיך, מישען זיך צונויף, צונעהן זיך און קומען זיך ווידער צונויף. אונזערע רייזענדע האבען זיך ניט געקענט אפרייסען פון דיזער וואנדערבארער סצענע, וועלכע איז ווירקליך געווען גראסארטיג, אבער צו גלייך אונאנגענעהם, ווייל דער דינער שטויב קריכט אריין אין מויל, אין דיא אויערן, אין דיא אויגען און אין נאז. טהאלקאַ-

ווע האט זיי געבעטען, זיי זאלען פאהרען שנעלער אום ארויסצוקריכען פון דיא מעדאנאָס, דער פּראפעסאר אבער און ראבערט גראנט האבען איהם ניט געוואָלט הערען. דער פּראפעסאר האט געמאכט נאטיצען אין זיין בוך און ראבערט האט זיך געפרייט, וויא א קינד, קוקענדיג אויף דיא זייִלען שטויב.

ענדליך זיינען זיי ארויסגעפאהרען פון דיא מעדאנאָס אדער פון'ם ערשטען טהייל פון דיא פּאמפּאס. געגען אבענד זיינען זיי צוגעקומען צו א טייך, וואו טהאלקאווע האט געגעבען א צייכען, אז מען זאל בלייבען שטעהן און דאָרט איבערנעכטיגען. דער טייך איז געפלאסען זעהר שנעל, וויל ער איז געקומען פון דיא בערג. דאס וואסער אין איהם איז דערפאר אויך ניט געוועזען גאנץ ריין.

— וויא הייסט דיעזער טייך? האט ראבערט געפרעגט דעם פּראפעסאר.

— דער טייך האט דרייא נעמען, וועלכע איך וויים, האט דער פּראָפעסאָר געענטפערט, און מעגליך, אז ער האט נאך צעהן נעמען, וועלכע איך וויים ניט. אזוי זייִנען דא דיא מענשען, אזוי זיינען דא דיא טייכען. יעדער גיט זיי אנאנדער נאמען און דער ארימער פּראפעסאר פון געאגראפיע דארף אלעס געדענקען. דיעזער טייך, צום ביישפּיעל, הייסט: נומער 1 — נעאוקוועם, נומער 2—ראמיד, נומער 3—קאָמאָ. נו! געדענק זיך אן אלע דיעזע נעמען!

באלד האט מען צולעגט א פייער און מען האט זיך גענומען קאָכען א מיטאָג. אלע זיינען געוועזען פרעהליך, אלע זיינען געוועז פריש און מונטער. מען האט געגעסען, געטרונקען, געלאכט, גערעדט און געשפּאסט ביז שפּעט אין דער נאכט, ווען אלע האבען זיך איינגעוויקעלט אין זייערע דעקען און האבען זיך געלעגט שלאפען מיט דיא פיס צום פייער. אזוי איז דיא פּאטאגאָנישע מאָדע.

דעם אנדערן טאָג אין דער פריה איז מען אויפגעשטאנען, מען האט געגעסען א לייכטען פריהשטיק און מען האט זיך וויטער געלאזען אין וועג אריין. דאס וועטער איז געוועזען קלאר און בלוי. טהאלקאווע האט געבעטען, אז זיי זאלען היינט פאהרען א ביסעל שנעלער. נעגען מיטאג איז געווארען שטארק הייס. דיא זון האט געברענט, וויא פייער. אונזערע רייזענדע האבען זעהר געליטען פון דורשט. ערשט יעצט האבען זיי פערשטאנען, צו וואס דער פּאטאגאָניער האט געקויפט ביי דיא ווילדע דיא לעדערנע בייטלען—לאָגלען. ער האט געהאלטען אין זיי וואסער צום טרינקען.

מיר מוזען דערביי געבען א קורצע ערקלערונג איבער דיא פּאמפּאס פון זיד אמעריקא.

דיא פּאמפּאס קען מען איינטהיילען אין דרייא טהייל. דער ערשטער טהייל איז לעבען דיא קארדיליערן. דארט טרעפט מען נאך ביימער און מען האט גענוג וואסער פון דיא טייכען, וועלכע פליעסען אראפּ פון דיא בערג. דאס איז אבער נור א גאנץ שמאלער פּאס פון דרייסיג ביז פופציג מייל. דאן הייבען זיך אן דיא ווירקליכע פּאמפּאס (סטעפּען), דיא ערד איז בעדעקט נור מיט גראז. מען זעהט ניט קיין ביימעלע, וואסער געפינט מען זעלטען, קיין טייכען זיינען ניטא. מען טרעפט א מאל א שטעהנדיג וואסער, אן אָזיערא, מייסטענס איז אבער דאס וואסער דארט שטארק געזאלצען, אז עס איז אונמעגליך עס צו טרינקען. אין דער הייסער זומער צייט זעצט זיך דאס זאלץ אפ

אויפ'ן גרונד פון אזא אַזיוראַ (זעע) און דיא איינוואינער פון יענע געגענדען פאַרזאָרגען זיך מיט זאַלץ פון אזא אָרט. ער הייסט ביי זיי „סאַלינאַס", זאַלץ גרובען.

דיזער טהייל פאַמפּאַס ציעהט זיך אויף עטליכע הונדערט מייל. דאַן הייבט זיך אָן דער דריטער טהייל, וועלכער ציעהט זיך ביז בוענאָס איירעס, דיא הויפּטשטאָדט פון אַרגענטיניען. אין דיזען טהייל איז דיא ערד בעדעקט מיט דערנער און קראַפּעווע. נוטעס גראָז וואַקסט נור דאָרט, וואו מען בעאַרבייט דאָס לאַנד, וואו מען אַקערט און מען זייעט. אַזוי וויא דיזער טהייל געהערט אין גאַנצען צו דער אַרגענטינישען רעפּובּ־ליק, טהוט זיא אַלעס מעגליכע אום דיזע געגענד צו קאָלאָניזירען. זיא שענקט אַוועק דאָס לאַנד, זיא שטיצט דיא קאָלאָניסטען מיט געלד און מיט לעבענס מיטעל, זיא צאָהלט זאָגאַר זייערע רייזע קאָסטען פון אייראָפּא, אום זיי זאָלען זיך דאָרט בעזעצען.

ווען דער בעקאַנטער באַראָן הירש שיקט דיא רוסישע אידען קיין אַרגענטיניען, איז עס געוויס אין דיא פּאַמפּאַס, וועלכע מיר האָבען נור וואָס בעשריעבען. וועלען זיי אָבער קענען אויסהאַלטען אין דיזע געגענד? פּאַסען זיי פאַר אַזאַ ווילדע געגענד? טויגען זיי צו בעאַרבייטען אַזאַ ווילדעס לאַנד? — אויף דיזע פראַגען מוזען מיר ענט־פערען: ניין! און ניין! דער ווילדער שפּאַניער—איך רוף איהם ווילדער, ווייל מייסטענס האָבען זיי זיך פערמישט מיט דיא פּאַטאַגאָניער און דיא אַנדערע ווילדע אינדיאַנער, וועלכע וואַנדערן אַרום מיט זייערע בהמות אין יענע געגענדען. זיי האָבען געהייראַטעט אינדיאַנישע פרויען און זיינען אַליין געוואָרען האַלב ווילדע. דערפאַר זאָג איך, דער ווילדער שפּאַניער — איז שוין געוואוינט מיט דער געגענד. ער קען אויסגעפינען וואַסער אויף אַ שטרעקע פון צעהן מייל; ער קען אַרומגעהן מיט דיא באָלאַס און לאַסאָ; ער קען קעמפּפען מיט דיא ווילדע טהיערע פון יענע געגענדען. ווען ער האָט ניט וואָס צו עסען, פאָהרט ער אַרויס אויף דער יאַגד און כאַפּט דיא אַרמאַדילאַ—אַ קליין חיה'לע, גרויס וויא אַ קאַץ, וועלכע איז בעדעקט מיט אַ פּאַנצער, וויא אַ שילדקרעטע; ווען ער קריעגט ניט קיין אַרמאַדילאַ, כאַפּט ער אַן ערד קרעבס (אַ סאָרט ראַק), וועלכער האַלט זיך אויף אין יענע געגענדען. ווען עס געלינגט איהם צו טייטען אַ פּומאַ, דעם זיך אַמעריקאַנישען לייב—איז עס ביי איהם אַ יום טוב. ער רופט צונויף זיינע פריינד און בעקאַנטע און מען מאַכט אַ באַל פון'ם פלייש פון דער פּומאַ. דער איד קען דיזע אַלע זאַכען ניט עסען, ווען ער זאָל שוין וועלען.—ער איז ניט געוואוינט צו זיי. וויא קען ער אויסהאַלטען אין אַזאַ ווילדע געגענד?

איך וויל געוויס, אַז באַראָן הירש'ס פּלאַנען זאָלען אויסגעפיהרט ווערן. ליידער, זעה איך מיט מיין איינגעבען פערשטאַנד טרויעריגע, שרעקליכע בילדער פון דיזע אי־דישע קאָלאָניען אין אַרגענטיניען.... אָבער גענוג: לאָמיר זיך אומקעהרען צו אונזערע רייזענדע.

זיי האָבען יעצט איינגעזעהן, וויא ניצליך עס זיינען דיא לאַגלען, וואָס דער פּאַ־טאַגאָניער האָט געקויפט. ער האָט געוואוסט, אַז זיי וועלען ווייטער ניט קריעגען קיין וואַסער און האָט זיי אַנגעפילט מיט וואַסער פון'ם טייך, לעבען וועלכען זיי האָבען גענעכטיגט. דיא היץ איז געוואָרען אַלע מאָל שטאַרקער און אונזערע רייזענדע האָבען זיך קוים געשלעפּט. זיי זיינען געוואָרען אַזוי שוואַך, אַז זיי האָבען אַפּגעלאָזען דיא צינגל

פון דיא פעוד און האבען זיי געלאזט געהן, וואוהין זיי ווילען, אדער וואוהין טהאלקאווע האט זיי געפיהרט. ענדליך, געגען פיער אוהר נאך מיטאג האט טהאלקאווע געגעבען א צייכען, מען זאל בלייבען שטעהן. אלע זיינען געווען מיעד פון דער היץ, אלע זיינע לאנגזאם אראפגעקראכען פון זייערע פערד און האבען זיך געווארפען אויפ'ן ווייכען גראז.

קיינער האט ניט בעמערקט, אז ווייט, ווייט, אין זיד־וועסטען (צפונית מערבית) האבען זיך געוויעזען אויפ'ן הימעל שווארצע וואלקען, וועלכע האבען זיך ניט צושפרייט אין דער ברייט, זאנדערן האבען זיך געדרענגט און צונויפגעזאמעלט אויף איין ארט, ביז זיי האבען געבילדעט א וואנט, גלייך וויא זיי האבען געוואלט פערשטעלען דיא גאנצע געגענד. דער פאטאגאניער אליין האט עס בעמערקט און האט זיך יעדער מינוט צוגעקוקט צו דיעזע שווערע, שווארצע, דראהענדע וואלקען. ער האט זיך געווענדעט צום פראפעסאר און האט איהם געוויעזען אויף דיא וואלקען. דער פראפעסאר האט זיך אייניגע צייט צוגעקוקט דורך זיינע גרויסע ברילען, האט א ביסעל געטראכט און האט ענדליך געפרעגט דעם פאטאגאניער:

— פאמפערא? Pampero

דער פאטאגאניער האט א שאקעל געטאהן מיט'ן קאפ.

— מיינע פריינדע! האט זיך דער פראפעסאר געווענדעט צו זיינע קאמעראדען. דאס וועטער וועט זיך ענדערן. מיר וועלען באלד האבען א פאמפערא. מיר מוזען זיך פארבערייטען.

אזוי וויא קיינער האט ניט געוואוסט, וואס א פאמפערא איז, האט זיי דער פראפעסאר געמוזט ערקלערן.

— דער פאמפערא איז א שרעקליכער שטורמווינד, וועלכער קומט פאר זעהר אפט אין דיא פאמפאס (סטעפען) פון ארגענטיניען. ער איז געוועהנליך טרוקען און זעהר קאלט. ער געדויערט פון דרייא־פיער שטונדען ביז דרייא טאג. ער רייסט אויס און שליידערט אוועק אלעס, וואס ער טרעפט אויפ'ן וועג. וועה דעם רייזענדען, וועלכער איז ניט בעקאנט מיט'ן פאמפערא און ער טרעפט איהם רייטענדיג אויפ'ן פערד! אין א סעקונדע ליעגט דער רייטער מיט'ן פערד אויף דער ערד צובראכען און צושלאגען. צום גליק, זיינען דיא ארגענטינישע פערד און בהמות גוט בעקאנט מיט'ן פאמפערא. זיי פיהלען איהם פון דער ווייטען און ווארפען זיך אויף דער ערד, שטרעקען אויס זייערע פיס און בעהאלטען זייער קאפ אין גראז אדער אין זאמד.

ווען דער פאמפערא קומט צו צום מעער, מאכט ער אן פיעל אומגליק אין דיא פארטען. ער ווארפט ארויס שיפען מיט זייער לאדונג מיט דיא מענשען אויפ'ן ברעג.*)

— איך האב מורא, אז דער פאמפערא וועט אונז אויפהאלטען און מיר וועלען פערליערן צייט, האט לארד גלענארוואן געזאגט.

— ניין, האט דער פראפעסאר געענטפערט. דאס מאל האבען מיר צו טאהן מיט א פיינעם, אנשטענדיגען פאמפערא, וועלכער וועט זיך מיט אונז א שפיעל טאהן און וועט זיך געהן זיין וועג.

*) ערשט ניט לאנג, דעם 15 מאי 1892 האט א פאמפערא איבערגעקעהרט אן ארגענטינישע קריעגס שיף און הונדערט צוויא און דרייסיג מענשען האבען פערלארען זייער לעבען.

— פון וואנען ווייסט איהר עס, פראָפעסאָר?

— דער באַראָמעטער זאָגט מיר.

ער האט געוויעזען לארד גלענארוואן זיין טאַשען באַראָמעטער און האט איהם ערקלערט, פון וואנען ער ווייס, אז דער פּאַמפּעראָ וועט ניט לאנג דויערן. טהאלקאווע האט אויך בעטראכט דיעזען זאנדערבארען אינסטרומענט. ער האט אויך געוואוסט, אז דער פּאַמפּעראָ וועט ניט לאנג דויערן. ער האט געהאט זיינע צייכענס אין דיא וואלקען. וויא אזוי אבער אזא קליינער אינסטרומענט קען וויסען און זאגען, אז דער פּאַמפּערא וועט ניט דויערן, דאס האט ער ניט געקענט פערשטעהן און ער האט בע־טראכט דעם פּראָפעסאָר אלס א צויבערער און דעם באַראָמעטער אלס א צויבער.

עס איז געווארען נאכט. דער פּאַמפּערא האט באלד אנגעהויבען צו ווייזען, וואָס ער קען. דיא פערד האבען זיך באלד אניעדערגעלעגט אויף דער ערד. אונזערע רייזענדע האבען זיך איינגעהילט אין זייערע דעקען און האבען זיך געלעגט לעבען דיא פערד אום זיך צו ווארעמען לעבען זיי. דער פּאַטאַגאָניער האט דיא פערד ניט אפגעזאטעלט. דער זאטעל האט געשיצט און געווארמט דיא פערד.

דער פּראָפעסאָר האט רעכט געהאט. דער פּאַמפּערא האט מעהר ניט גערויערט, וויא ביז האלבע נאכט. וויא פיעל אבער האבען זיי איבערגעליטען אין דיעזע עטליכע שטונדען! דיא קעלט איז געווען שרעקליך. דער ווינד האט זיי דורכגענומען. דיא דע־קען האבען ניט געהאָלפען. זייער גליק איז געווען, וואס זיי האבען זיך צוגעטולעט צו דיא פערד. ערשט ווען דער שטורמווינד האט אויפגעהערט, האבען זיי געקענט אנט־שלאפען ווערן.

זיי זיינען געשלאפען שפעט דעם אנדערן טאָג. טהאלקאווע האט זיי אויפגעוועקט. ער האט שוין אפגעקאָכט פאר זיי מאַטע. זיי האבען עפּעס געגעסען און האבען זיך געלאזען ווייטער אין וועג. לארד גלענארוואן האט זיך יעדע מינוט אומגעקוקט. ער האט אויף קיין סעקונדע ניט פערגעסען דעם צוועק פון זייער רייזע. ער האט זיך אומגעקוקט, פיעללייכט וועט ער ווערען בעגעגענען אויפ'ן וועג, ביי וועמען ער וועט קענען פרעגען איבער קאפיטאן גראנט. ליידער, איז זיין מיה געווען אומזיסט. אויפ'ן גאנצען וועג האָ־בען זיי קיינעם ניט בעגעגענט. א מאל פלעגט ער דערזעהן פון דער ווייטען א שווארצען פלעק. עס האט זיך איהם איינינע מאל אויסגעוויזען, אז ער זעהט א רייטער, וועלכער איז אבער באלד פערשוואונדען.

אין דיא פּאַמפּאַס, אין דיא אמעריקאנישע וועלדער און אין אלע ווילדע געגענ־דען מוז מען בעטראכטען יעדען מענשען, וועלכען מען בעגעגענט אלס פיינד. ווען מען זעהט פון דער ווייטענס א פּארטיע פון עטליכע מענשען גוט בעוואפענט, וויא אונזערע רייזענדע זיינען געוועזן, האט מען וואס מורא צו האבען. דאס איז געווען דיא אורזאכע, וואס איינציגע רייטער— ווילדע אדער ארגענטיניער — זיינען אנטלאפען, ווען זיי האבען דערזעהן פון דער ווייטען אונזערע רייזענדע.

ווען איינער פון זיי זאל געווען קענען זיך גוט צונויפרעדען מיטן פּאַטאַגאָניער, וואלט לארד גלענארוואן איהם שוין לאנג דערצעהלט דעם צוועק פון זייער רייזע און

וואלט איהם געבעטען ער, זאל פארשען און נאכפרעגען, פיעללייכט וויים איינער, וואו דער קאַפּיטאַן גראַנט געפינט זיך.

דער פּאטאגאָניער האט געזעהן, אז זיי פאהרען עי גען אין א גלייכער ליניע. ער האט אבער ניט געוואוסט, וואוהין זיי פאהרען. דער פּראָפעסאר פלעגט יעדעס מאָל ארויסנעהמען זיין קאָמפּאס און זיינע לאַנדקארטען, פלעגט זיי בעטראכטען איינינע צייט און פלעגט דאן זאגען, וואוהין מען זאל פאהרען. טהאלקאווע האט זיך זעהר גע־וואונדערט: צו וואס האט מען איהם גענומען און מען צאהלט איהם אזוי פיעל, ווען דיא רייזענדע קענען זייער וועג בעסער פון איהם? אלס עכטער ווילדער אבער האט ער געשוויעגען און האט קיינעם דאריבער קיין ווארט ניט געזאגט. איין מאל זיינען זיי צו־געקומען צו אן ארט, וואו עס זיינען געוועזען צווייא וועגען. איינע רעכטס און דיא אנדערע לינקס. דער פּאטאגאניער איז געבליעבען שטעהן און האט געפרעגט דעם פּראָפעסאר:

— זאלען מיר פאהרען קיין קארמען? (א שטאדט אין ארגענטיניען)

— ניין, האט דער פּראָפעסאר געענטפערט.

— פאהרען מיר קיין מענדאָזא? (א שטאדט אין באליוויא) האט ווייטער דער פּאטאגאָניער געפרעגט.

— ניין.

דער פּאטאגאָניער האט איהם אנגעקוקט פערוואונדערט. — וואוהין פאהרען זיי דען? האט ער זיך געטראכט.

— אלזא, פאהרט איהר אין ערגעץ ניט? האט ער געפרעגט.

אונטערדעסען איז לארד גלענארוואן און דער מאַיאָר צוגעקומען און האבען גע־פרעגט, פאר וואס מען איז געבליעבען שטעהן? דער פּראָפעסאר האט זיי דערצעהלט, אז דער פּאטאגאָניער וואונדערט זיך, פאר וואס מיר פאהרען ניט אויף איינעם פון דיא צווייא וועגען.

— פיעללייכט, וואלט איהר איהם ערקלערט דעם צוועק פון אונזער רייזע, האט לארד גלענארוואן געזאגט צום פּראָפעסאר.

— ער וועט מיך ניט פארשטעהן, האט דער פּראָפעסאר געענטפערט. דערצעה־לען איהם דיא געשיכטע פון דיא בריעף, פון דער „בריטאַניא", וועט עס איהם פאָר־קומען וואונדערבאר. איך האב שוין פּראבירט לערנען מיט איהם געאָגראַפיע און איהם ערקלערען, וואס עס הייסט א גראַד און אז מיר דארפען פאהרען אויפ'ן 37טען גראַד. ער וויל אבער פון קיין גראדען ניט וויסען.

— פּראבירט דאך איהם דערצעהלען דיא געשיכטע פון דיא בריעף און אז מיר פאהרען זוכען א קאַפּיטאַן גראַנט, וועלכער האט געליטען שיפבּרוך אויפ'ן שטילען וועלט מעער ערגעץ ניט ווייט פון טשילי.

דער פּראָפעסאר האט געמוזט נאכגעבען. ער האט אנגעהויבען צו דערצעהלען דעם פּאטאגאָניער דעם צוועק פון זייער רייזע. זעהר אָפט האט איהם אויסגעפעהלט ווערטער און ער האט געמוזט געברויכען צייכענס. ענדליך איז ער געפאלען אויף א שכל. ער האט גענומען א שטעקעלע און האט אויסגעצייכענט אין זאמד א לאנדקאר־טע פון דער גאנצער געגענד, וואו זיי ווילען פאהרען און דיא שטעדט קארמען און

מענדאָזא און האט איהם ערקלערט, אז זייער וועג פיהרט ניט קיין קארמען, נים קיין מענדאָזא. ער האָט גערעדט און דערקלערט אזוי לאנג, ביז דער שוויס האט זיך אנגעהויבען פון איהם צו גיעסען.

דער פאטאגאניער האט אויסגעהערט אויפמערקזאם, האט זיך צוגעקוקט צו די צייכענס אין זאמד און האט זיך פערטראכט.

— פארשטעהט ער אייך? האט לארד גלענארוואן נעפרעגט דעם פראפעסאר, וועלכער האט געווישט פון זיך דעם שוויס.

— איך וויס אליין ניט, האט דער פראפעסאר געזאגט. מיט די ווילדע איז נאר אן אומגליק. זיי שווייגען. וואס קענט איהר טאהן מיט א מענשען, וועלכער שווייגט? איך רעד צוזעצטערהייד און ער קוקט אויף מיר און שווייגט.

עס איז ווירקליך געווען צום שטוינען. דער פאטאגאָניער איז געשטאנען ערנסט און פערטראכט און האט בעטראכט די לאנדקארטע, וועלכע דער פראפעסאר האט אויפגעצייכענט אין זאמד, גלייך וויא ער וואלט אויך געווען א פראפעסאר פון געאָ־גראפיע. ענדליך, האט זיך דער פראָפעסאָר ניט געקענט איינהאלטען און האט גע־פרעגט דעם ווילדען.

— אלזא, פערשטעהט איהר?

דער פאטאגאניער האט ניט געענטפערט. דער פראפעסאר האט זיך געוואלט איינ־בייגען און מאכען אנדערע צייכענס אין זאמד, ווען טהאלקאווע האט איהם אנגענומען ביי דער האנד און האט געזאגט רוהיג.

— איהר זוכט א געפאנגענעם?

— יא, האט געענטפערט דער פראפעסאר העכסט ערפרייט.

— און איהר זוכט איהם אויף דיעזע ליניע, צווישען דעם פונקט, וואו די זון געהט אויף און דעם פונקט, וואו זיא געהט אינטער?

די ווילדע האבען ניט קיין נאמען פאר מזרח און מעריב, אדער אָסט און וועסט. מזרח הייסט ביי זיי די זייט, פון וואנען די זון געהט אויף, און מעריב — די זייט, וואו זיא געהט אונטער.

— ריכטיג, ריכטיג, טהאלקאווע! דוא פערשטעהסט מיך.

— און אייער גאט האט אייך אויסגעזאגט דעם סעקרעט, וואו דער געפאנגענער געפינט זיך, דורך די כוואלעס פון'ם גרויסען וואסער (דאס מעער)?

— ריכטיג, ריכטיג, פריינד טהאלקאווע! האט אויסגעשריען דער פראפעסאר פול מיט פרייד.

— אייער גאט איז א שטארקער גאט האט דער ווילדער געזאגט ערנסט. ווען ער האט אייך אויסגעזאגט דעם סעקרעט, וועט ער אייך געוויס פיהרען אויפ'ן ריכטיגען וועג. לאמיר פאהרען אלזא אין דער זייט, וואו די זון געהט אויף.

דער פראפעסאר האט געטאנצט פאר פרייד. ער האט אויסגעלערנט א פאטא־גאָניער געאגראפיע! ער רעדט שוין אזוי גוט שפאניש, אז דער ווילדער פארשטעהט איהם! ער קען שוין מיט איהם רעדען! יעצט ערשט וועלען זיי זיין אים שטאנד צו זוכען קאפיטאן גראנט!

— א פראנצויזישער בויער וואלט מיך אייביג ניט פערשטאנען, האט ער גע־זאגט צו זיינע קאמעראדען. די פּאטאגאָניער זיינען קלוגע מענשען. עס וואלט זעהר לייכט געווען, מען זאל זיי ציוויליזירען. זעהט, וויא אונזער פריינד, טהאלקאווע, פער־שטעהט דיא לאנדקארטע, וואס איך האב איהם אויפגעצייכענט אויפ׳ן זאמד.

לארד גלענארוואן האט געבעטען דעם פּראפעסאר, ער זאל פרעגען דעם פּא־טאגאניער, פיעללייכט האט ער עפּעס געהערט פון איינעם, וועלכען זיינע לאנדסלייט האבען געפאנגען גענומען. דער פּראָפעסאר האט איהם געפרעגט. טהאלקאווע האט געטראכט איינינע מינוט און האט דאן געזאגט רוהיג און געלאסען.

— עס איז מעגליך, אז איך וויים עפּעס פון א זעלכען.

קוים האט דער פּראָפעסאָר איבערגעגעבען זיינע קאמעראדען, וואס דער פּאטאָ־גאָניער האט איהם געזאגט, האבען איהם אלע ארומגערינגעלט און האבען איהם אנגעהויבען צו פרעגען, וואס ער וויים פון קאפּיטאן גראנט? טהאלקאווע איז געשטא־נען גאנץ רוהיג און האט זיי בעטראכט. ער האט ניט אזוי גיך געענטפערט. דער ווילדער איילט זיך קיין מאל ניט. ער האט שטענדיג צייט.

— וואס וויסט דוא פון׳ם געפאנגענעם? האט ענדליך דער פּראָפעסאָר גע־פרעגט. דאס איז דאך דער גאנצער צוועק פון אונזער רייזע.

— ער איז פון ווייטע לענדער, האט דער פּאטאגאָניער געענטפערט.

— האסט דוא איהם געזעהן?

— ניין, איך האב נור געהערט פון איהם. און אינדיאנער האט מיר געזאגט, אז ער האט דאס הערץ פון אן אָקס.

דער פּראָפעסאָר איז אויפגעשפרונגען.

— דאס הייסט שעהן גערעדט! דאס איז א שעהנע שפּראכע! ער האט דאס הערץ פון אן אָקס! דאס הייסט, ער איז מוטהיג און טאפּפער, וויא אן אָקס. אזוי שטעהט עס אויך אין דער ביבעל (תנ״ך) בכור שור הדר לו. אזוי דריקען זיך אויס אלע נאטור פעלקער. זיי האבען א שעהנערע און רייכערע שפּראכע פון אונז, ציוויליזירטע אייראָפּעער.

— וויא זאגט מען אויף שפּאניש: דאס איז מיין פאָטער? האט ראבערט גע־פרעגט דעם פּראפעסאר.

— עס מיאָ פּאדרע (ער איז מיין פאָטער). האט איהם דער פּראפעסאר געזאגט.

— עס מיאָ פּאדרע! עס מיאָ פּאדרע! האט ראבערט געשריען און האט אנ־געכאפּט דעם ווילדען ביי דיא הענד. ער וואלט איהם געווען ארויפגעשפרונגען אויפ׳ן האלז, ווען ער זאל נור געווען קענען דערגרייכען.

אויפ׳ן רוהיגען און ערנסטען געזיכט פון׳ם ווילדען האט זיך געוויעזען א שמייכעל. דער פּאטאגאָניער איז געווען גערירהרט. ער האט גענומען דעם קליינעם ראָבערט אויף דיא הענד און האט איהם צוגעדריקט צום הארצען.

— טוֹא פּאדרע (דיין פאטער) טוֹא פּאדרע! האט ער געזאגט עטליכע מאָל.

ער האט ערשט פערשטאנען, וויא עס קומט, וואס מען האט מיטגענומען אזא

קינד אויף אזא לאנגע און געפעהרליכע רייזע. יעצט ערשט איז דער פראפעסאר צו איהם צוגעשטאנען און האט איהם פערשאָטען מיט פראגען.

— ווען האט ער געהערט פון'ם געפאנגענעם? ביי וועמען געפינט זיך דער געפאנגענער? וואס טהוט ער? וואס פאר אן ארבייט הייסט מען איהם טהאן? און נאך אזעלכע פראגען.

דער פאטאגאָניער האט לאנגזאם און רוהיג ערקלערט, אז ער וויים, אז אן אייראפעער איז געפאנגען און מען האלט איהם פאר א שקלאף ביי איינע פון די פעלקער, וועלכע האלטען זיך אויף צווישען די צוויא טייכען: קאלאראדא און ריאָ נעגראָ.ביידע טייכען זיינען אין פאטאגאָניען, אבער אביסעל ווייטער פון דעם וועג, אויף וועלכען זיי פאהרען. אויף די פראגע, ווער האט איהם געפאנגען? האט דער פאטאגאָניער געענטפערט:

— דער קאציק (קעניג) קאלפוקורו.

— וואס איז פאר א מענש דער קאציק קאלפוקורו? האט דער פראפעסאר ווייטער געפרעגט.

— דאס איז א מענש מיט צוויא צונגען און צוויא הערצער.

— פערשטעהט איהר, וואס אונזער פריינד טהאלקאווע מיינט? האט דער פראפעסאר געפרעגט זיינע קאמעראדען. ער מיינט, אז דער קאציק איז א פאלשער מענש. מיט איין צונג רעדט ער אזוי און מיט דער אנדערער צונג רעדט ער אנדערש. זיין הארץ איז אויך פאלש. מען טאר איהם ניט טרויען. לערנט אייך פון'ם פאטאגאָניער רעדען! דאס הייסט א שפראכע!

— קענען מיר איהם בעפרייען? האט דער פראפעסאר ווייטער געפרעגט.

— ווען ער געפינט זיך נאך ביים קאציק קאלפוקורו, קענט איהר איהם בעפרייען. איהר וועט איהם אבער מוזען געבען צוויא פעסעלעך פייער=וואסער (ראָם).

— וויא לאנג איז שוין, אז דוא האסט געהערט פון איהם?

— די זון האט שוין צוויא מאל געבראכט דעם זומער אויף די פאמפאס (צוויא יאהר) זייט איך האב פון איהם געהערט.

לארד גלענארוואן איז געווען גליקליך. זיינע רייזע איז ניט אומזיסט. ער האט ענדליך געגויע נאכריכטען פון קאפיטאן גראנט. עס איז גאנץ ריכטיג. מיט צוויא יאהר צוריק איז זיין שיף אונטערגעגאנגען. אלעס שטימט. יעצט האט ער איהם געשטעלט נאך אנאנדערע פראגע:

— דוא רעדסט נור פון איין געפאנגענעם, עס דארפען דאך אבער זיין דריי? קאפיטאן גראנט און צוויא מאטראזען.

— איך וויים ניט, האט טהאלקאווע געענטפערט.

— ווייסט דוא ניט, וואו דער קאציק געפינט זיך יעצט?

— איך וויים ניט.

דאס זיינען געווען די ערשטע נאכריכטען, וואס זיי האבען ערהאלטען פון קאפיטאן גראנט. מעהר האט זיי דער פאטאגאָניער ניט געקענט דערצעהלען. עס קען זעהר מעגליך זיין, אז די ווילדע האבען צושיידט דעם קאפיטאן גראנט פון זיינע

מאטראזען. זיי האבען פערקויפט דיא מאטראזען צו אנאנדער קאציק. אזוי וויא מען ווייס שוין אבער, וואו ער געפינט זיך און ביי וועמען, איז שוין ניט שווער איהם אויסצוזוכען.

— יעצט, מיינע פריינדע! האט לארד גלענארוואן געזאגט, אין וועג אריין! צום טייך קאלאראדא!

אלע האבען זיך אויפגעזעצט אויף זייערע פערד און זיינען מוטהיג ווייטער געפאהרען. יעצט איז שוין טהאלקאווע געווען דער פיהרער. קוים האט ער געוואוסט, וואוהין זיי פאהרען, האט ער שוין בעסער געוואוסט דעם וועג, אלס דער פראפעסאר פון זיינע ביכער און לאנדקארטען. אין צוויא טאג ארום זיינען זיי צוגעקומען צום טייך קאלאראדא.

דיא ערשטע זאך, וואס דער פראפעסאר האט געטאהן, ווען זיי זיינען צוגעקומען צום טייך, איז געווען — זיך באדען. אלס געלערנטער דארף ער זיך באדען אין דעם טייך קאלאראדא, אום ער זאל האבען וואס צו בעשרייבען פאר דער געאגראפישען געזעלשאפט.

ער האט געפונען, אז דאס וואסער פון'ם טייך איז רויטליך, וויל דער באדען איז פון א סארט רויטען לעהם. דער טייך הייסט דערפאר קאלאראדא, „געפארבט", וויל זיין וואסער ווייזט אויס, וויא צוגעפארבט. אנאנדערע מערקווירדיגקייט האט דער טייך, וועלכע די געלערנטע האבען נאך ביז אהער ניט געקענט ערקלערן — אלע טייכען, וואס נעהנטער זיי קומען צום מעער, וואוהין זיי פאלען אריין, האבען זיי אלץ מעהר וואסער און ווערן אלץ טיעפער און ברייטער. יעדער טייך הייבט זיך געוועהנליך אן קליין און ווערט אלע מאל גרעסער. דער קאלאראדא איז פונקט פערקעהרט. וואס נעהנטער ער קומט צום אטלאנטישען וועלט מעער, איז אין איהם אלץ ווייניגער וואסער. ער ווערט אלע מאל שמעלער און ווייניגער טיעף, — פאר וואס איז עס אזוי? וואס איז דיא אורזאכע דערפון? דאס האט דערוויל נאך קיינער ניט ערקלערט. זעלבסטפערשטענדליך, האט דער פראפעסאר געזוכט צו ערקלערן דיעזעס רעטעניש פון דער נאטור. ער האט עס דערצעהלט לארד גלענארוואן.

— נו, זעהט איהר, ליעבער פראפעסאר, אז אין זיד אמעריקא זיינען אויך דא אזעלכע מערקווירדיגע טייכען, וויא אייער יארדשאנגבא־טשו אין לאנד טהיבעט.

קיין בריקען זיינען אין יענער געגענד ניטא. אונזערע רייזענדע האבען געמוזט אריבערשווימען דעם טייך זיצענדיג אויף זייערע פערד. אויף דער אנדערער זייט פון'ם טייך קאלאראדא איז שוין גאר אנאנדערע געגענד. דא געפינט מען שוין ביימער און זעהר פיעל שטעהענדיגע טייכען (אזיערא'ס).

דעם 28טען נאוועמבער זיינען אונזערע רייזענדע צוגעקומען צו א שטעהענדיג וואסער, וואו זיי האבען בעשלאסען צו נעכטיגען. זיי וואלטען פערבראכט א גוטע און רוהיגע נאכט, ווען ניט א נייע פלאגע, פון וועלכע עס האט זיך זיי ביז אהער גאר ניט געחלומט — ווילדע הינט.

וויא עס ווייזט אויס, האבען דיא שפאניער, וועלכע האבען צוערשט ענטדעקט זיד־אמעריקא, אומיסטען אדער דורך א צופאל דארט איבערגעלאזען עטליכע הינט. אין פערלויף פון דער צייט — זייט הונדערטער יאהרען — האבען זיך דיא הינט שטארק פערמעהרט און זיינען געווארען ווילד. מען קען זיי יעצט אנטרעפען אין באנדען פון

עטליכע הונדערט מיט א מאל. זיי האבען צוואר מורא פאר א מענשען, ווען זיי זיינען אבער שטארק הונגעריג, זיינען זיי געפעהרליך. זיי פאלען אן אויף פערד און אָקסען, יאגען זיי אזוי לאנג, ביז זיי פאלען פאר מיעדיגקייט און צורייסען זיי. דיעזע פלאגע ווערט פון יאהר צו יאהר גרעסער און געפעהרליכער. דיא ארגענטינישע רעגיערונג איז זעהר בעזאגט וועגען דיעזע פלאגע. זיי געהן אפט אריבער דעם טייך קאָלאָראדא און פאלען אָן אויף דיא פערד און אָקסען, וועלבע פאסען זיך פריי אין דיא פאמפאס. מען זוכט אלע מעגליכע מיטעל, וויא זיי צו פערניכטען. עס איז אבער ניט אזוי לייכט, ווייל זיי פערמעהרען זיך זעהר שטארק.

דיא ווילדע הינט זיינען צוואר ניט אנגעפאלען אויף אונזערע רייזענדע. זיי האבען מורא געהאט פאר אזא מאכט, אבער א גאנצע נאכט האט מען געהערט זייער בילען און ברומען. טהאלקאווא האט געהאלטען וואך ביי דיא פערד.

17טעס קאפיטעל.

נייע זאָרגען.

עס זיינען ווידער פערגאנגען א פאר טאג, און וועלבע עס איז נאר ניט פאָר־געקומען. אונזערע רייזענדע זיינען געפאהרען אלץ ווייטער און ווייטער. דער פאטאַ־גאָניער האט זיי געוויעזען דעם וועג. דיא געגענד איז נאך אלץ געוועזען דיזעלבע. איבעראל האט מען בעגעגענט קליינע וועלדלעך און ניעדעריגע ביימלעך. אין ערטער פלעגט טהאלקאוו אראבגעהן פון זיין פערד או פלעגט אנהויבען צו קלאפען אין דיא ביימלעך מיט זיין ביקס. דער פראָפעסאָר האט איהם געפרעגט, וואס ער טהוט?

— כאַלינאס! האט דער פאטאגאניער געענטפערט.

אבער וואס הייסט כאַלינאס? דאס האט דער פראָפעסאר ניט געוואוסט. אזוי פיעל שפאניש האט ער נאך ניט פערשטאנען. ער האט אבער דאך זעהר געוואָלט וויסען, וואס כאַלינאס איז און ער האט געבעטען דעם פאטאגאָניער, ער זאל עס איהם ער־קלערען, אדער ער זאל איהם וויזען, וואס דאס איז. דער פאטאגאָניער האט זיי געהייסען ווארטען א וויילע. ער איז אריינגעגאנגען צווישען דיא ביימלעך און איז אין איינינע מינוט ארויסגעקומען. ער האט געהאלטען עפעס איינגעוויקעלט אין בלע־טער, וועלבעס ער האט געוויעזען דעם פראפעסאר.

דער פראפעסאר איז אָפגע׳שפרונגען פון איהם און האט מעהר ניט געוואלט קוקען. דאס איז געווען א שרעקליכער, אבשייליכער, שווארצער סקאָרפיאָן (אזא סאָרט ענדיש). זיין ביס איז געפעהרליך. דער שטארקסטער אָקס פאלט אין איינינע מינוט, ווען דער סקאָרפיאָן גיט איהם א ביס. יעצט האט דער פראפעסאר פערשטאנען, פאר וואס דער ווילדער האט געקלאפט מיט זיין ביקס אין דיא ביימלעך. ער האט גע׳וואוסט, וואו דיא סקארפיאנען האלטען זיך אויף און האט זיי געוואלט איבערשרעקען. זיי זאלען פערקריכען אין זייערע לעכער. זאנסט קענען זיי נאך בייסען דיא פערד. דער סקאָרפיאָן פאלט ניט אָן אויף א מע׳שען אדער אויף א בהמה. ער נערעהרט זיך פון ווערים, פליעגען, קעָ־פער (זשוקעס) און אנדערע אזעלבע קליינע זאכען. נור ווען מען רייצט איהם, ווען מען טרעט אויף איהם ארויף צופעליגער ווייזע, דאן איז ער געפעהרליך.

לאנגזאם זיינען יעצט געפאהרען אונזערע רייזענדע. אין אזא געגענד קען מען ניט לויפען. מען מוז פאהרען לאנגזאם און זיך אויף יעדען שריט אומקוקען. געגען צוויי אוהר נאך מיטאג זיינען זיי געקומען צו א גרויס שטיק פלאץ, אויף וועלבען עס האט זיך זיי פארגעשטעלט א שרעקליכעס, זאנדערבארעס בילד. דאס גאנצע שטיק פלאץ איז גע־ווען בעדעקט מיט ביינער פון קיה און אקסען. ווייסע, ריינע, אויסגעטריקענטע ביינער זיינען געלעגען אויפגעהויפט און צו ווארפען אויפ'ן גאנצען פלאץ אין א שרעקליכע אונ־ארדנונג. וויא דער פראפעסאר און לארד גלענארוואן האבען אויסגערעכענט, האבען דאס געדארפט זיין דיא ביינער פון איינינע הונדערט שטיק קיה און אָקסען. וויא קומען אבער דיא ביינער אהער? וויא קומט עס, וואס זיי ליעגען צונויפגעהויפט און צונויפגע־דרענגט אין אזא קליין אָרט? עס איז געווען דייטליך, אז דיעזע בהמות האט מען ניט געשלאכטעט צום עסען. זיי זיינען דא געפאלען אלע מיט א מאל.

דער פראפעסאר איז געווען איבערראשט, ערשטוינט און האט אויף קיין פאל ניט געקענט פערשטעהן דיעזעס רעטעניש ער האט זיך געווענדעט צום פאטאגאָניער און האט איהם געפרעגט, וואס דאס איז?

— פייער פון הימעל, האט טהאלקאווע געענטפערט.

— דאס קען ניט זיין! האט דער פראפעסאר אויסגעשריען.

— פייער פון הימעל, האט דער ווילדער געזאגט רוהיג.

— א בליץ האט געטראפען א העערדע (סטאַדאָ) בהמות און האט זיי מיט איין מאל אלעמען געטייטעט, האט דער פראפעסאר דערקלערט זיינע קאמעראדען, וואס טהאלקאווע מיינט מיט זיינע ווערטער: פייער פון הימעל.

— זאל א בליץ האבען מיט א מאל געטייטעט אזוי פיעל בהמות? האט דער מאיאר געפרעגט.

— טהאלקאווע זאגט אזוי, וואהרשיינליך איז עס אזוי. איך ווייס אויך, אז אין דיא פאמפאס קומען זעהר אפט פאר שרעקליכע שטורמווינדען מיט אונגעוועהנליכע דונערן און בליצען, האט דער פראפעסאר געענטפערט.

— אך! מיר זאלען וועניגסטענס ניט דארפען אויסהאלטען אזא שטורמווינד, האט טאָם אויגוסטין געזאגט. עס איז דאך שרעקליך צו לעבען אין אזא לאנד, וואו עס קומען פאר אזעלכע שרעקליכע בליצען.

געגען אבענד זיינען זיי אנגעקומען צו א „ראַנטשאָ“, א הויף פון אן ארגענטי־נישען פארמער. דאס איז געוועהנליך א גרויס שטיק פלאץ ארומגעצאַמט מיט שטי־קער האלץ. אין דער מיט שטעהט א שטוב, געבויט פון צווייגען פון ביימער און לעהם. צווישען דיא לעבער צווישען איין צווייג און דעם אנדערן איז אנגעלעגט לעהם, וועלכעס דיא זון טריקענט אויס און מאכט עס הארט וויא ציגעל.

ארום און ארום האט מען ניט געזעהן קיין מענשען און קיין טהיער. זיי זיינען צוגעקומען נעהנטער, זיינען אריינגעגאנגען אין שטוב— קיינער איז ניטא. דער איינגע־טהימער פון דער „ראַנטשאָ“ האט זיא אוועקגעווארפען.

— זאל עס אפט ניט זיין דער זעלבער איינגעטהימער (בעל הבית) פון דיא בהמות, וועלכע דער בליץ האט געטייטעט? האט דער פראפעסאר געפרעגט דעם פאטאגאניער.

איז עס נים מעגליך, אז נאך אזא אונגליק, ווען דער בליץ האט צערשטערט זיין גאנ־
צעס פערמעגען, האט ער אוועקגעווארפען זיין ראַנטשאָ און איז ערגעץ אוועקגעפאהרען
אין א שטאדט.

— קווין סאבאָ? Quien Sabo? (ווער וויים) האט דער פאטאגאניער געענטפערט.

דיא ווערטער „קווין סאבאָ“ זיינען ביים שפאניער אין גאנץ זיד אמעריקא א
תירוץ אויף אלע קשיות. ווען דער שפאניער וויל נים ענטפערן אויף א פראגע, וואס
מען שטעלט איהם, זאגט ער: קווין סאבאָ; ווען ער איז העכסט צופריעדען פון א זאך,
זאגט ער: קווין סאבאָ; ווען ער וויים עפעס נים און וויל נים, אז מען זאל וויסען, אז
ער פארשטעהט עס נים, זאגט ער ווידער: קווין סאבאָ. עס איז קיין ווארט אייגענט־
ליך, עס איז אן אויסדרוק, וועלכען דער שפאניער בענוצט ביי יעדע געלעגענהייט.
מען מוז לאנג וואינען אין ארגענטיניען אדער אין טשילי, מען זאל פערשטעהן, וואס
דער שפאניער מיינט מיט זיין: קווין סאבאָ.

אונזערע רייזענדע האבען בעשלאסען איבערצונעכטיגען אין דער לעדיגער און
פערלאסענער ראַנטשאָ. עס איז דאך א שטוב און קען דאך שיצען געגען רעגען. זיי
זיינען אריינגעגאנגען אין שטוב. אין איין ווינקעל איז נאך געווען אויסגעבעט א געלע־
גער פון פעל אקסען. אין אנאנדער ווינקעל איז נאך געשטאנען א טאפ און א
שפיעז צום בראטען. עס איז געווען דייטליך, אז דער אייגענטהימער האט אלעס אוועק־
געווארפען און איז אנטלאפען פון דיעזען ארט.

טהאלקאווע האט אריינגעפיהרט דיא פערד אין׳ם הויף און האט פערשטעלט
דיא טהיר מיט שטיקער האלץ. דער פראפעסאר האט עס נים געקענט פערשטעהן.
ביז אהער האט טהאלקאווע געלאזען דיא פערד פריי ארומגעהן און עסען דאס גראָז.
וויא קומט עס, וואס ער איז היינט אזוי פארזיכטיג? ער האט איהם געפרעגט פאר
וואס ער האט עס געטאהן?

— אין דיעזע געגענד זיינען דא זעהר פיעל קליינע פיקס, האט דער פאטאגאַ־
ניער דערקלערט. זיי קענען דיא פערד גאָר נים טאהן, זיי צוביסען אבער און צורייסען
דאס לעדערנע געשיר פון דיא פערד. זיי פרעסען לעדער. דיא פערד קענען זיך דער־
שרעקען און אנטלויפען, דערפאר האב איך זיי אויף היינטיגע נאכט פערשפאַרט.

זיי האבען איבערגענעכטיגט אין דער ראַנטשאָ גאנץ רוהיג. קיינער האט זיי ביי
נאכט נים געשטערט, קיינער האט זיי נים בעאונרוהיגט. זיי זיינען אויפגעשטאנען
גאנץ פריה און זיינען ווייטער געפאָהרען. יעצט האט זיך דיא געגענד אין גאנצען געענ־
דערט. ביז אהער איז דיא געגענד געווען בעדעקט מיט גראָז און מיט וועלדלעך, יעצט
אבער האבען זיך געוויעזען דערנער, קראַפעווע און אין ערטער גאנץ קליינע ביימעלעך
מיט שארפע שפיצען, וועלכע האבען געריסען דיא קליידער און דיא הויט פון יעדען,
וועלכער איז נים געווען גענוג פארזיכטיג און איז צוגעגאנגען צו נאהענט צו זיי. אין
ערטער איז גאר נים געוואקסען. דיא ערד איז געווען אויסגעטריקענט און פערברענט.

— איך בין צופריעדען, וואס דיא געגענד האט זיך געענדערט, האט טאָם אויי־
ריטשין געזאגט. ביז אהער זיינען מיר געפאהרען אין געגענדען, וואו מען האט נור

געזעהן גראז, גראז און .וויעדער גראז. עס ווערט לייגגווייליג, אבער גראז און וויעדער גראז. יעצט וועניגסטענס האבען מיר אלע מאל א נייעס.

— דוא האסט א גרויסען טעות, פריינד אויגוסטין, האט איהם דער פראפעסאר געענטפערט. וואו עס איז דא גראז, דארט נעהט רעגען און עס איז דא וואסער. אין דיזע געגענד אבער וואקסען נור אזעלכע גראזען, וועלכע קענען אויסהאלטען א לאנגע צייט אהן רעגען. אין אזא געגענד קענען מיר אוועקפאהרען דרייא־פיער טעג און ניט געפינען א טראפען וואסער. דאס איז א פערגניגען, אלטער פריינד?

זיי זיינען ווייטער געפאהרען אייניגע שטונדען. אין דער לופט האט זיך אנגעהויבען צו פיהלען א רויך. אונזערע רייזענדע האבען זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטען — מען האט אין ערגעץ ניט געזעהן קיין פייער. וואס ווייטער זיי זיינען געפאהרען, אלץ מעהר האבען זיי געפיהלט דעם רויך. ענדליך איז דער רויך געווארען אזוי שטארק, אז זיי האבען זיך ניט געקענט איינהאלטען און האבען געפרעגט דעם פראפעסאר: וואס זאל דאס בעדייטען? פון וואנען קומט דער רויך, ווען מיר זעהן קיינע פייער נים.

— עס איז איין מאל דא א שפריכווארט: „קיין רויך אהנע פייער", האט דער דער פראפעסאר געענטפערט. קוים פיהלען מיר א רויך, איז געוויס ערגעץ דא א פייער. דאס ברענען דיא פאמפאס. אין זיד אמעריקא, וואו דאס לאנד איז פלאך, קיין בערג זיינען ניטא און דיא לופט איז ריין, קען מען פיהלען דעם רויך אויף צעהנדלינער מיילען.

— וואס הייסט ביי אייך אויף צעהנדלינער מיילען? האט דער מאיאר געפרעגט. ביי אונז, איינפאכע מענשען, הייסט פינף־זעקס מייל אויך צעהנדלינער מיילען, ביי אייך, געלערנטע, ווייס איך נים, וואס דאס קען הייסען.

— מען האט אויסגעפונען, אז אין דיא פאמפאס קען מען פיהלען דאס רויך אויף אכציג מייל, האט דער פראפעסאר געענטפערט, עס איז דאהער קיין וואונדער נים, וואס מיר זעהן נים דאס פייער. עס איז זעהר ווייט פון אונז.

— אבער ווער האט עס אנגעצונדען דיא פאמפאס? האט דער קליינער ראבערט געפרעגט, און ווייא אזוי קענען דיא פאמפאס ברענען?

— האסט רעכט, מיין קינד! האט דער פראפעסאר אויסגערופען. דוא ווערסט א מאל קענען געאגראפיע. — דיא גראזען פון דיא פאמפאס ווערן שטארק אויסגעטריקענט פון דער היץ. זיי צינדען זיך לייכט אן. א מאל טרעפט א בליץ אין דיא טרוקענע גראזען און זיי צינדען זיך אן. אפט מאל צינדען זיי דיא ווילדע אונטער.

— צו וואס טהוען עס דיא אינדיאנער? האט ראבערט ווייטער געפרעגט.

— זיי זאגען, אז ווען דיא אלטע גראזען ווערן פערברענט, וואקסען דיא נייע גראזען בעסער און שנעלער. איך ווייס ניט, אויב זיי האבען רעכט. זיי גלויבען אבער שטארק אין דעם און קוים ווערט דאס גראז שטארק טרוקען, צינדען זיי עס אונטער. זיי האבען נאך אנאנדערן צוועק דערביי, א בעסרן און א ריכטיגערן. דאס פייער פערניכטעט די שלאנגען, דיא סקארפיאנען און אלע אנדערע שעדליכע אינזעקטען (שרצים)

— ווען עס ווערט אזא פייער, קענען דאך אנדערע טהיערע, זאגאר קיה און אקסען פערברענט ווערן?

— געוויס! אזעלכע פעלע קומען פאר. מייסטענס אבער היט מען זיי אפ: מען טרייבט זיי צו צו א טייך, אדער מען טרייבט זיי אריבער דעם טייך.

לארד גלענארוואן האט געוואוסט, וויא געפעהרליך עס איז א פייער אין דיא פאמפאס. קוים הייבט זיך אויף א ליי-טער ווינטעלע, פערברייטעט זיך דאס פייער מיט א שרעקליכע שנעלינקייט און עס קומט זעהר אפט פאר, אז רייזענדע ווערן פער-ברענט אין אזא פייער. ער האט זיך געווענדעט צו טהאלקאווע און האט איהם גע-פרעגט, וואס זיי זאלען יעצט טאהן?

— דאס פייער איז פון יענער זייט טייך, מיר האבען ניט וואס מורא צו האבען, האט דער פאטאגאניער געענטפערט.

מען איז ווייטער געפאהרען. דער טאג איז געווען זעהר הייס. דיא זון האט געברענט. מענשען און טהיערע האבען געקייכט פון דער היץ. וויא פיעל וואסער זיי האבען געהאט אין דיא לאגען, האבען זיי שוין אויסגעטרונקען. דאס ווארעמע וואסער אבער האט זייער דורשט ניט געשטילט. זיי האבען אנגעהויבען צו פיהלען א שרעקליכען ברענענדען דורשט. לאנגזאם, מיט גרויסער מיהע האבען זיי זיך געשלעפט א גאנ-צען טאג, ביז עס איז פינסטער געווארען און זיי האבען אויסגעזוכט אן ארט, וואו איבערצונעכטיגען.

דער פאטאגאניער האט זיי ניט אוועקגעגעבען דאס גאנצע וואסער, וואס ער האט געהאט. ער האט איבערגעלאזען וואסער צו קאכען מאטע. מעהר האט ער קיינעם ניט געוואלט געבען קיין וואסער.

זיי זיינען איבערגעשלאפען דיא נאכט זעהר אונרוהיג. יעדער האט געטרוימט פון טייכען און פון קוועלען מיט קאלטעס פרישעס וואסער. יעדער האט געבעטען: וואסער! גאנץ פריה האבען זיי זיך אויפגעכאפט. מען האט געמוזט ווי טער פאהרען.

— וואו וועלען מיר ענדליך קריעגען וואסער? האט דער פראפעסאר געפרעגט זייער וועגוויזער.

— ווען מיר וועלען פאהרען שנעל, וועלען מיר היינט פאר נאכט צו קומען צו א גרויס וואסער, האט דער ווילדער געענטפערט גלייכגילטיג.

מען איז ווייטער געפאהרען, אבער זעהר לאנגזאם. דיא פערד האבען זיך קוים געהאלטען אויף דיא פיס. זיי זיינען שרעקליך מיעד און האבען שרעקליך געליטען פון דורשט. א טרוקענער, הייסער ווינד האט געבלאזען און האט געמארטערט אונזערע ארימע רייזענדע. פלוצלונג האט טאָם אויגוסטין אויסגערופען:

— רייזענדע! עס קומען אונז ענטגעגען א פארטיע אינדיאנער!

אלע זיינען געבליעבען שטעהן. לארד גלענארוואן האט זיך דערפרעהט. עס קו-מען אינדיאנער, פיעללייכט וועט ער קענען ביי זיי עפעס געוואהר ווערן פון קאפיטאן גראנט. פיעללייכט וועלען זיי איהם פערקויפען וואסער. טהאלקאווע אבער האט דיא זאך אנדערש בעטראכט. זיי זיינען נור זיעבען מענשען. ווען דארט קומט אן א גרויס פארטיע פון עטליכע הונדערט אינדיאנער, קענען זיי אנפאלען אויף זיי און נעהמען זיי

נעפאנגען. אין דיא פאמפאס איז דא נור איין געזעץ — דיא ביקס. ווער עס איז שטארקער, דער נעהמט דעם שוואכען געפאנגען, בערויבט איהם, טייטעט איהם, ווען ער וויל. ער איז דאהער ארויסגעפאהרען אין פאראויס, זעהן, וויא גרויס דיא פארטיע אינדיאנער איז. ער איז באלד געקומען צוריק בערוהיגט. עס זיינען געווען ניט מעהר, וויא צעהן רייטער.

דיא אינדיאנער האבען אויך בעמערקט אונזערע רייזענדע און זיינען אויך געבליעבען שטעהן. זיי האבען זיך געהאלטען אן עצה וואס צו טאהן. לארד גלענארוואן האט געזעהן, אז זיי זיינען געבליעבען שטעהן און האט געוואלט צוגעהן צו זיי. פלוצלונג האבען זיי אויסגעדרעהט זייערע פערד און זיינען אנטלאפען פייל אויס'ן בויגען.

— דיא פיינלינגע! האט אויסגערופען דער פראפעסאר. זיי זיינען צעהן און זיינען אנטלאפען פאר אונז, זיעבען? ווער זיינען זיי? האט ער געפרעגט דעם פאטאגאניער.

— גואטשאס, האט דער פאטאגאניער געענטפערט.

— גואטשאס! האט אויסגערופען דער פראפעסאר, יעצט פערשטעה איך, פאר וואס זיי זיינען אנטלאפען. גואטשאס זיינען איינפאכע ארגענטינישע פארמערס, בויערן. זיי האבען געמיינט, אז מיר זיינען רויבער, ווייל מיר טראגען אלע ביקסען און זיינען פאר אונז אנטלאפען.

— אך, ניין! האט לארד גלענארוואן געזאגט. איך ווייס אויך, וואס גואטשאס זיינען. אלע גואטשאס זיינען רויבער און מערדער. דאס לעבען פון א מענשען האט ביים ארגענטינישען גואטשא אזוי פיעל ווערטה, וויא פיעל דאס לעבען פון א פליעג אויף דער וואנד. ער איז בערייט צו טייטען א מענשען פאר א קנעפעל, ווען עס גערפעלט איהם און מען וויל עס איהם ניט געבען.

דער פראפעסאר האט זיך אבער געהאלטען פעסט, אז דיא גואטשאס זיינען רוהיגע, שטילע און גוטע מענשען. ער האט זיך אנגעהויבען צו קריעגען מיט לארד גלענארוואן. דער מאיאר האט זיך ארייננעמישט. דער פראפעסאר האט זיך אנגעהויבען צו זידלען מיט'ן מאיאר. איינער האט אנגעהויבען צו זאגען דעם אנדערן גראבע ווערטער און עס וואלט געוויס געקומען צו א געשלעג, ווען טהאלקאווע זאל זיך ניט געווען ארייננמישען. ער איז געשטאנען ביז אהער גאנץ רוהיג און האט געקוקט, וויא זיי קריעגען זיך. ער האט זיי ניט פערשטאנען, ווייל זיי האבען גערעדט צווישען זיך ענגליש. ווען ער האט אבער דערזעהן, אז עס ווערט ערנסט און עס האלט שוין ביי שלאגען זיך, איז ער צוגעגאנגען, האט זיך געשטעלט צווישען דיא שטרייטענדע און האט געזאגט רוהיג און ערנסט, וויא זיין שטיינער איז געווען:

— דער נארד ווינד.

אנפאנגס האט קיינער ניט פערשטאנען, וואס ער מיינט; ווען ער האט אבער ויעדערהאלט עטליכע מאל: דער נארד ווינד! דער נארד ווינד! האט זיך דער פראפעסאר א חאפ געטאהן ביים קאפ.

— וואס פאר א שאנדע! דער ווילדער פאטאגאניער ליערנט נאר מיך געאגראר

פיע! איך האב פערגעסען, אז ווען דער נארד ווינד בלאָזט אין דיעזע געגענדען, ווירקט ער זעהר שטאַרק אויף דיא נערוועז פון דיא מענשען. זיי ווערן דאמאלס אויפגערעגט, גע־רייצט און בייז. איבער א נארישקייט קענען זיי דאמאלס טייטען א מענשען. אך! איך עזעלקאָפּ, פאר וואס האב איך עס פערגעסען?

לארד גלענארוואן האט זיך צו לאכט. נאך איהם האט אנגעהויבען צו לאכען דער מאַיאָר און אלע אנדערע האבען ארויסגעלאזען א געלעכטער. זיי האבען איינגע־זעהן, אז זיי האבען זיך געקריעגט איבער א נארישקייט, זייגען אומזיסט געווען אויפגע־רעגט, האבען אומזיסט געזידעלט איינער דעם אנדערן און האבען זיך אויפגעפיהרט, וויא קינדער. דער ווילדער ווייס גאנץ גוט, אז דער נארד ווינד ווירקט אויפ'ן מענשען און בעמיהט זיך צו שטעהן מיט'ן געזיכט אוועק פון'ם ווינד. אונזערע געלערנטע און ציוויליזירטע אייראָפּעער אבער זיינען געראדע געשטאנען מיט'ן געזיכט געגען ווינד און זיינען מיט יעדער מינוט געווארען אלץ מעהר אויפגערעגט. קוים האט זיי טהאלקאווע עס ערקלערט, האבען זיי זיך באלד אוועקגעקעהרט פון'ם ווינד, האבען זיך באלד בע־רוהיגט און האבען זיך צו לאכט.

אין אנאנדער צייט וואלט דער פראפעסאר געהאלטען א לאנגע רעדע איבער דיעזעס וואונדער פון דער נאטור אין יענע געגענדען. יעצט אבער ווען זיי זיינען שיער ניט אויסגעגאנגען פאר דורשט, האבען זיי זיך באלד אויפגעזעצט אויף זייערע פערד און זיינען ווייטער געפאהרען.

עס איז געווען שפּעט אין דער נאכט, ווען זיי זיינען צוגעקומען צום גרויסען טייך, פון וועלכען טהאלקאווע האט זיי דערצעהלט היינט אין דער פריה. זיי האבען זיך קוים, קוים דערשלעפּט. וויא גרויס איז דאהער געווען זייער פערצווייפלונג, ווען זיי האבען דערזעהן, אז דער טייך האט אויסגעטריקענט. — עס איז אין איהם ניטאָ קיין טראָפּען וואסער! דיא היץ איז געווען אין דער לעצטער צייט אזוי שטארק, אז דער טייך האט אויסגעטריקענט.

18טעס קאפיטעל.

וואַסער! גוואַלד, וואַסער!

דער טייך, צו וועלכען טהאלקאווע האט זיי צו געפיהרט, הייסט דאס זאלץ זעע (געזאלצענע אָזיערא) ווייל עס געפינט זיך אין איהר זעהר פיעל זאלץ. דאס וואסער קען מען ניט טרינקען. עס איז שטארק געזאלצען. פון ארגענטיניען קומט אהער יעהר־ליך הונדערטער מענשען אום צונויפצונעהמען דאס זאלץ. דאס אלעס האט טהאלקא־ווע געוואוסט. ער האט אבער אויך געוואוסט, אז אין דיעזע אָזיערא פאלען אריין פיעלע קליינע טייכלעך מיט פריש וואסער. אויף דיעזע טייכלעך האט ער געהאפט. ליידער, האט איהם זיין האפנונג בעטראגען. אלע טייכלעך זיינען געווען אויסגעטריקענט. נור אין ערטער האט מען געקענט געפינען א ביסעל שווארצע, שטינקענדע בלאטע.

זייער לאגע איז געווען א פערצווייפעלטע. זיי האבען פערגעסען דעם הונגער און זייער מיעדיגקייט; זיי האבען זאגאר פערגעסען דעם צוועק פון זייער רייזע. זיי האבען יעצט געהאט איין זאָרג, איין וואונש: וואסער! וואו נעהמט מען א גוטען, פרישען טרונק וואסער?

די פערד האבען זיך אניעדערגעלעגט און האבען גענאגעט דאס פערברענטע און פערדארטע גראז. די מענשען זיינען געפאלען פון די פיס און האבען געבעטען וואסער. טהאלקאווע האט נאך געהאט איין לאגעל וואסער, וועלכען ער האט ביז אהער אויסבעהאלטען פון זיינע קאמעראדען. ער האט פרובירט אויסטהיילען קליינע גלעזלעך וואסער, קיינער אבער האט עס ניט געקענט טרינקען. עס איז פערדארבען געווארען אין וועג און האט אנגעהויבען צו שטינקען.

ווען יעדער האט זיך אנידערגעזעצט אויף זיין ארט, האט דער פראפעסאר אוועקגערופען דעם פאטאגאניער אן א זייט און האט אנגעהויבען מיט איהם צו רעדען און צו טראכטען, וואס זאלען זיי יעצט טאהן. עס איז פערגאנגען א געוויסע צייט, ביז זיי האבען געפאסט א בעשלוס. דער פראפעסאר האט עס באלד איבערגעגעבען לארד גלענארוואן און זיינע קאמעראדען.

— מיר האבען קיין אנדערע עצה ניט, האט ער זיי געזאגט. מיר מוזען זיך צו־טהיילען אין צוויא פארטייען. די ערשטע פארטיע זאל בעשטעהן פון דיענינע פון אונז, ביי וועלכע די פערד דינען שוין אזוי מיעד, אז קוים וואס זיי שלעפען זיך. דיעזע פארטיע זאל אויפשטעהן מארגען אין דער פריה און זיך ווייטער שלעפען, וויא זיי וועלען קענען אויף דעם וועג, וואס טהאלקאווע וועט אייך ווייזען. די אנדערע פארטיע זאל בעשטעהן פון טהאלקאווע און נאך איינעם אדער נאך צוויא מיט די בעסטע פערד. זיי וועלען פאהרען צום טייך גואמיני, וועלכער געפינט זיך פינף און צוואנציג מייל פון דאנען. וועלען זיי געפינען וואסער אין טייך, וועלען זיי אנפילען די לאגלען און וועלען אניאגען די ערשטע פארטיע. זיי וועט עס לייכט זיין, וויל זייערע פערד וועלען זיך גוט אנטרינקען און אנעסען לעבען טייך.

— ווען מען וועט אבער אין טייך גואמיני אויך ניט געפינען קיין וואסער? האט מאם אויגוסטין געפרעגט. וואס וועלען מיר דאן טהאן?

— דאן וועלען מיר מוזען אראפפאהרען צו די בערג סיעררא וואנטאנא. דארט איז שטענדיג דא וואסער.

— וויא וויים איז אבער אהין?

— דאס איז א ווייטער וועג.

— גאנץ געוויס, מיר האבען אבער קיין אנדערע עצה ניט. דאס איז דערוויל דאס איינציגע מיטעל אונז צו רעטען.

— גוט! איך מיין, אז מיין פערד איז נאך גענוג שטארק אויסצוהאלטען די רייזע, האט מאם אויגוסטין געזאגט. איך וויל פאהרען מיט׳ן פאטאגאניער צום טייך גואמיני.

— נעהמט מיך אויך מיט, האט דער קליינער ראבערט געבעטען. איך וויל פאהרען מיט מיין פריינד, טהאלקאווע.

עס איז געבליעבען, אז לארד גלענארוואן, טהאלקאווע און ראבערט זאלען פאה־רען זוכען וואסער און די איבעריגע זאלען זיך ווייטער שלעפען, וויא זיי וועלען קענען אויף דעם וועג, וועלכען זיי זיינען ביז אהער געגאנגען.

— און מיך ווילט איהר נים מיטנעהמען? האט דער פּראפעסאר נעפרענט מיט א פארוואורף.

— ליעבער פּראפּעסאר, האט לארד גלענארוואן איהם געענטפערט. מיר קענען דאך נים לאזען אונזערע קאמעראדען אהן א וועג־ווייזער. ווען טהאלקאווע פאהרט מיט אונז, מוזט איהר בלייבען ביי דיא איבעריגע.

— אלזא, מוז איך בלייבען דא, האט דער פּראפעסאר געזאגט טרויעריג.

— אבער, פּראפּעסאר פּאגאנעל, האט דער מאיאר געזאגט, זייט נים צער־שטרייט און מאכט נים קיין פעהלער. איהר קענט דאך זיך פערגעסען און אונז פער־פיהרען קיין ירושלים.

— דאס וואלט געוועזען זעהר גלייך און עס וואלט געוועזען אייער שטראפע דערפאר, וואס איהר לאכט אזוי אָפט פון מיר.

ער האט זיך געווענדעט צו לארד גלענארוואן און האט איהם געפרעגט.

— וויא אזוי וועט איהר פאהרען מיט'ן פּאטאגאָניער, ווען איהר קענט זיך מיט איהם נים צונויפרעדען?

— איך האב שוין געחאפּט אייניגע שפּאנישע ווערטער, האט לארד גלענארוואן געענטפערט. איך האב נים מיט איהם פיעל וואס צו רעדען.

דעם אנדערן טאג אין דער פריה איז מען אויפגעשטאנען און מען האט עפּעס געגעסען. טהאלקאווע האט זיי אוועקגעגעבען דאס לעצטע ביסעל וואסער, וואס ער האט נאך געהאט. עס איז אויסגעקומען נור אייניגע לעפעל וואסער אויף א מענשען. מען האט זיך אויפגעזעצט אויף דיא פערד און מען איז ווייטער געפּאָהרען. איין פּארטיע אין איין זייט און דיא אנדערע פּארטיע אין דער אנדערער זייט.

לארד גלענארוואן מיט זיין פּארטיע זיינען יעצט געפאהרען אין א געגענד, וועלבער איז בעקאנט אונטערן נאמען „דעזערטיא דע לאס סאלינאס", דיא זאלץ וויסטע. דיא ערד פון דער גאנצער געגענד איז אזוי רייך מיט זאלץ, אז אין ערטער האט דאס זאלץ בעדעקט דיא ערד אויף גאנצע שטרעקען און האט אויסגעוויזען, וויא אייז, וועלבעס בעדעקט א טייך אים ווינטער. ווייטער צו דיא בערג אין דער געגענד, וועלבעס בעדעקט א טייך אים ווינטער. ווייטער צו דיא בערג אין דער געגענד, וועלבעס הייסט ווענטאנא, איז דאס לאנד רייך און פרוכטבאר. עס וואקסען דארט דיא טהייערסטע גראָזען און אלערליי זעלטענע ביימער. דארט געפינט מען דעם בוים קוועבראבע Quebracha איינעם פון דיא זעלטענסטע און וואונדערבארסטע ביימער אויף דער וועלט. זיין האלץ און זיין קאָרע (רינדע) ווערט בענוצט אין דער מעדיצין און עס ווערט פּער־קויפט אויף דער אונצע. עס איז פיעל טהייערער אלס דיא קארע פון'ם בוים, פון וועלבען מען מאכט דאס בעקאנטע מיטעל כ י נ י ן. אין יענער געגענד וואקסט ווידער דער מערקווירדיגער בוים אלגאראבאָ, אדער קאררּאבאָ. אויף איהם וואקסט א פרוכט, גרוים וויא אן עפּעל. פון דיעזען פרוכט מאכען דיא אינדיאנער א סאָרט ברויט, וועלבעס איז זעהר געשמאַק און זעהר געזונד.

דיא ארגענטינישע רעגיערונג האט שוין עטליבע מאל פּראָבירט צו קאלאניזירען דיעזע געגענד. עס איז איהר אבער נים געלונגען. יעדעס מאל, ווען קאלאניסטען האבען

זיך דארט בעזעצט, זיינען אויף זיי אנגעפאלען דיא ווילדע אינדיאנער, האבען זיי נע־טייט און האבען צורויבט זייער פערמעגען. דיא א־גענטינישע רעגיערונג איז ניט אים שטאנד צו האלטען דארט שטענדיג אן ארמעע, וויא דיא פעראייניגטע שטאאטען טהוען אויף זייערע גרענעצען מיט דיא ווילדע. זיא האט דאהער געמוזט אויפגעבען און איבערלאזען דאס לאנד דיא אינדיאנער.

אונזערע דריי רייזענדע זיינען מונטער געפאהרען ווייטער. טהאלקאוועס פערד איז געלאפען, גלייך וויא ער וואלט נאר קיין מאל ניט געליטען פון דורשט, דיא אנדע־רע צווייא זיינען איהם נאכגעגאנגען. טהאלקאווע איז געזעסען רוהיג אויף זיין פערד און האט פון צייט צו צייט געקוקט, וויא אזוי ראבערט פאהרט רייטענדיג.

-- וויא עס ווייזט אויס, איז טהאלקאווע מיט דיר צופריעדען, האט לארד גלע־נארוואן געזאגט צו ראבערטען. איך זעה אויך, אז מיט דער צייט וועסט דוא ווערן א גאנץ גוטער רייטער.

— מיין פאטער אבער וויל דאך, איך זאל ווערן א מאטראז? האט ראבערט געפרעגט.

— מען קען זיין ביידע, א גוטער מאטראז און א גוטער רייטער. איינס דאס אנדערן קען ניט שאדען.

— ארימער פאטער! האט פלוצלונג אויסגערופען ראבערט. וויא דאנקבאר וועט ער אייך זיין, ווען איהר וועט איהם רעטען און וועט איהם ברייגגען זיינע קינדער.

— ליעבסט דוא דיין פאטער אזוי שטארק? האט לארד גלענארוואן געפרעגט.

— יא, מילארד. ער שטעהט מיר פאר דיא אויגען. איך הער זיין שטימע. מער־ איז זעהר עהנליך צו איהם. זיא האט אין גאנצען זיין געזיכט, זיינע אויגען און זאגאר זיין שטימע. — יעדעס מאל, ווען ער פלעגט צוריק קומען פון זיינע רייזען, פלעגט ער מיר עפעס ברענגען. גוטער, ליעבער פאטער!

— מיר וועלען איהם געפינען, האט לארד גלענארוואן געזאגט. מיר וועלען איהם געפינען און איהם איבערגעבען זיינע קינדער, וועלכע ליעבען איהם אזוי שטארק. אונ־זער פריינד, טהאלקאווע, פיהרט אונז אויפ׳ן ריכטיגען וועג. מיר וועלען איהם געפינען, וועלען איהם בעפרייען און וועלען מיט פרייד צוקומען צו אונזער שיף, דיא „דונקאן".

דיא פערד זיינען געווארען אלע מאל שוואכער און זיינען געגאנגען לאנגזאמער. נעגען מיטאג זיינען זיי גאר צוגעשטאנען און האבען זיך ניט געקענט ריהרען פון׳ם ארט. מען האט געמוזט זיי לאזען זיך אויסרוהען א שטונדע. דיא היץ האט געברענט. דער דורשט האט זיי אנגעהויבען שרעקליך צו קוועלען. מען האט געמוזט שרייען אויף דיא פערד, זיי שלאגען, ביז זיי האבען זיך ווידער אויפגעהויבען פון זייער ארט. אזוי מיעד זיינען זיי געווען. טהאלקאוועס פערד איז נאך צוואר געווען שטארק און קרעפטיג גענוג אום ווייטער צו געהן. דיא אנדערע צווייא פערד אבער האבען זיך ניט געוואלט ריהרען. מיט שווערער מיה איז עס זיי געלונגען זיך ווייטער צו שלעפען.

נעגען צווייא אוהר האט טהאלקאוועס פערד פלוצלונג אויפגעהויבען דעם קאפ און האט אנגעהויבען צו שלינגען דיא לופט. ער האט געקנאקט מיט דער צונג און האט געדרעהט דעם קאפ אין אלע זייטען. דיא אנדערע צווייא פערד זיינען אויך מונטער

געווארען און האבען אנגעשטרענגט זייערע לעצטע קרעפטע אום ווייטער צו געהן. אין א שטונדע ארום האט זיך געוויזען א ווייסער פאס, וועלכער האט געשיינט און גע־גליצערט אין דער זון.

— וואסער! האט אויסגערופען לארד גלענארוואן.

— יא, וואסער, האט געזאגט טהאלקאווע רוהיג. דיא פערד האבען דערשמעקט מיט א שטונדע פריהער, דערפאר זיינען זיי אזוי געלאפען.

יעצט ערשט האבען דיא פערד אנגעהויבען צו לויפען, וויא דיא משוגעים. עס איז געווען אונמעגליך זיי איינצוהאלטען. זיי האבען זיך אריינגעווארפען אין וואסער ביז אין בויך און האבען אנגעהויבען צו טרינקען. דיא רייטער האבען זיך איינגעבויגען איבער זיי און האבען געשעפט דאס וואסער מיט דיא הענד.

— אך, וואס פאר א פערגניגען! האט ראבערט אויסגערופען. וויא געשמאק, וויא טהייער איז א גלאז וואסער, ווען מען ווערט פערברענט פון דורשט!

— טרינק פארזיכטיג, ראבערט, האט לארד גלענארוואן איהם געבעטען.

ליידער, האט ער אליין געגעבען זעהר א שלעכטען ביישפיעל. ער האט געטרונ־קען איין האנד פול נאך דער אנדערער און האט זיך ניט געקענט זאט אנטרינקען. טהאלקאווע האט געטרונקען לאנגזאם, אבער אן אן אויפהער. עס האט אויסגעוויזען, אז ער וויל זיך גאר ניט אויפהייבען.

— אבער פריינד טהאלקאווע, האט לארד גלענארוואן געזאגט, דוא וועסט דאך אויסטרינקען דעם גאנצען טייך, עס וועט פאר אונזערע קאמעראדען גאר ניט בלייבען.

ווען מען האט זיך גוט אנגעטרונקען, האט מען זיך בעראטהען, וואס צו טאהן. עס איז געבליעבען, אז טהאלקאווע זאל מיטנעהמען א פאר לאגלען וואסער און זאל לויפען אויפזוכען דיא איבעריגע. ער זאל זיי געבען, וויא פיעל וואסער ער וועט האבען און זאל זיי צופיהרען צום טייך. פאלס אבער זיי וועלען זיין זעהר מיעד און שוואך, זאל טהאלקאווע זיי ווייזען דעם וועג און זאל אליין צוריק קומען. לארד גלענארוואן און ראבערט קענען דאך ניט בלייבען אליין נעבטיגען אין אזא ווילדע געגענד.

טהאלקאווע איז באלד אוועקגעפאהרען. זיין פערד איז געווען דערפרישט פון'ם וואסער און איז געפלויגען, וויא א שטורמווינד. אין א פאר שטונדען ארום האט ער זיי דערגרייכט. זייער לאגע איז אבער געווען פערצווייפעלט. דיא פערד זיינען געלעגען אויף דער ערד, דיא פיס אויסגעשטרעקט, און האבען געקייכט. דיא מענשען איז אויך ניט געגאנגען בעסער. זיי האבען זיך ניט געקענט ריהרען.

— וואסער! איך ברענג וואסער! האט ער א געשריי געטאהן, ווען ער האט דערזעהן זייער לאגער.

אלע האבען זיך אויפגעהויבען, ניי בעלעבט. טהאלקאווע האט איינגעטהיילט דאס וואסער, וואס ער האט מיטגעבראכט אין גלייכע פארציאָנען און האט געגעבען יעדען מענשען איין פארציאָן און יעדען פערד צוויא פארציאָנען. ער האט זיי געוויזען דעם וועג צום טייך און איז אליין צוריקגעלאפען צו לארד גלענארוואן און ראבערט.

ער האט געזעהן מיט פערגניגען, אז זיי זיינען דערוויל ניט געזעסען ליידיג. זיי האבען אויסגעפונען א שטיקעל ארט, וועלכעס איז געווען פון דריי זייטען ארומגעצאמט מיט

צווייגען פון ביימער. וואהרשיינליך, האבען דיא אינדיאנער א מאל אויפגעשטעלט זייער לאגער און האבען אהער פארטריעבען זייערע פערד. דיעזען פלאץ האבען זיי זיך אויסגעקליעבען אלעם נאכטלאגער און האבען דארט געלאזען זייערע פערד. זיי אליין זיינען ארומגעגאנגען אויף דיא ברעגעס פון'ם טייך זוכען עפּעס עסען. זיי האבען אויך באלד געפונען. אין יענע געגענדען געפינען זיך געגוג פייגעל און אנדערע קליינע חיות. לארד גלענארוואן האט געשאסען א פעקארי. דאס איז א סארט ווילדער שוויין, וועלכער איז אבער ניט גרעסער פון א הונד. זיין פלייש איז זעהר געשמאק. דיא יענער בעטראכטען עס אלס דעליקאטעסע.

דאס פעקארי איז א זאנדערבארעס טהיער. ער איז בעריהמט דורך זיין דומהייט. עס אנטלויפט ניט פון'ם יעגער, זאנדערן פאלט אויף איהם אן. ער האט פוןביידע זייטען מויל צוויא שארפע און שפיציגע צעהנער, מיט וועלכע עס קען דורכבויערן א שטיק אייזען. ווען מען טרעפט אן איינעם אדער צוויא זיינען זיי ניט געפעהרליך און מען קען זיי זעהר לייכט טייטען. ווען מען טרעפט אבער א באנדע פון דרייסיג ביז פערציג שטיק, איז ד"ר יע ער אין דער גרעסטער געפאהר. זיי פאלען איהם אן און צושטעכען איהם מיט זייערע שארפע צעהנער. זיי פאלען אויף איהם אן אלע מיט א מאל פון אלע זייטען. ער איז ניט אים שטאנד זיך צו וועהרען געגען זיי. ער קען טייטען עטליכע פון זיי. דיא איבעריגע אנטלויפען ניט און פאלען ווייטער אן, ביז זיי טייטען דעם יע ער. דאס איינציגע מיטעל אין אזא פאל איז ארויפצוקלעטערן אויף א בוים. דיא פעקארי פערזאמלען זיך ארום בוים און קענען ניט פערשטעהן, וואוהין זייער פיינד איז פערשוואונדען געווארען. זיי שטעהן א ווילע און צוגעהן זיך.

ראבערט איז אויך ניט געזעסען ליידיג. ער האט געשאסען איינינע פייגעל און האט געחאפּט אן ארמאדיללא. דאס איז אויך איינע פון דיא זאנדערבארסטע טהיערע פון זיד אמעריקא. עס איז גרויס, וויא א קאץ. אנשטאט האר איז זיין קערפער בעדעקט מיט א פאנצער פון ביין. דער פאנצער איז צוזאמענגעשטעלט פון עטליכע ברייטע רייפען ארום זיין קערפער. ווען דיא ארמאדיללא זעהט, אז מען יאגט איהר נאך, פארקריעכט זיא אין א לאך אין דער ערד. זיא גראבט זיך איין מיט איהרע שארפע נעגעל אזוי שטארק אין דער ערד, אז צוויא פאר אקסען זיינען ניט אים שטאנד זיא ארויס צושלעפען פון איהר לאך. ווען זיא ליעגט אזוי פערגראבען אין איהר לאך, קען מען זיא לעבעדיגער הייט אויף קיין פאל ניט פאנגען. דיא ארגענטינישע יעגער אבער זיינען שוין גוט בעקאנט מיט דער ארמאדילא. קוים זעהט דער יעגער, אז דאס טהיער האט זיך פארגראבען אין דער ערד, שטעכט ער איהר אריין זיין לאנגעס מעסער אונטערן עק. דאן דער פאנצער הערט אויף. שיעסען קען מען זיא זעהר לייכט. דער פאנצער קען נים אויסהאלטען דיא קוגעל פון א ביקס.

ראבערט האט געט אפּען דיא ארמאדילא ביים וואסער און ער האט זיא זעהר לייכט געשאסען. זיי האבען שוין יעצט געהאט געגוג פראוויאנט. עס האט נור געפעהלט איינער, ווער עס זאל זיי קענען צובערייטען און קאכען. באלד איז דער איינער געקומען. דער פאטאגאניער איז באלד אנגעלאפען און איז געוועזען העכסט דערפרעהט צו זעהן, אז זיינע קאמעראדען האבען אנגעגרייט אזא גוטען סאפּער. ער האט זיך

באלד גענומען צו דער ארבייט. ער האט צולעגט א פרעהליך פייער און האט אנגעהויבען צו בראטען, וואס לארד גלענארוואן און ראבערט האבען אנגעגרייט.

— מיר מוזען אנגרייטען עסען פאר אונזערע קאמעראדען אויך, האט ער געזאגט. איך מיין, אז זיי וועלען אנקומען נאך ביי נאכט. איך האב זיי געלאזען ניט ווייט פון דאנען. ליידער, זיינען זייערע פערד אזוי מיעד און שוואך, אז זיי קענען זיך ניט ריהרען.

דער פאטאגאניער איז געווען א גוטער קאך. ער האט אבער געקאכט נאך דער פאטאגאנישער מאדע. אבגעשניטען א שטיק פלייש, עס אויפגעשטעקט אויף א הילצערנער שפיזז און עס אזוי געבראטען, ביז עס איז פ רטיג געווארען. דאן בעשאטען מיט זאלץ און געגעסען. אלע דרייא האבען געגעסען מיט'ן בעסטען אפעטיט. נאכ'ן עסען האט טהאלקאווע זיך נאך צוגעקוקט צו די פערד און אלע דריי האבען זיך איינגעוויקעלט אין זייערע דעקען און האבען זיך געלעגט שלאפען מיט די פיס צום פייער.

19טעס קאפיטעל.

דיא רויטע וועלף.

עס איז שוין געווען ניט פריה, ווען זיי האבען זיך געלעגט. דיא נאכט איז געווען א דונקעלע. דער מאנד האט ניט געשיינט. עס איז געווען סוף חודש. נור דיא שטערן האבען געשיינט און געפונקעלט, גלייך וויא זיי וואלטען געוואונקען צו דיא איינוואינער פון דער ערד, אז עס איז שוין צייט צו שלאפען און צו רוהען. און אלע האבען זיי געפאלגט. פיינעל טהיערע און מענשען, אלע זיינען געשלאפען, אלע האבען זיך אויסגערוהט און געזאמעלט קרעפטע אויף מארגעדיגען טאג. אונזערע רייזענדע זיינען געשלאפען. זייערע פערד האבען זיך אויך אניעדערגעלעגט אויפ'ן ווייכען גראז און האבען זיך אויסגערוהט פון זייער לאנגער און שווערער רייזע.

געגען האלבע נאכט האט זיך טהאלקאווע פלוצלונג אויפגעחאפט. זיין שארפער אויער האט דערהערט א זאנדערבארען גערויש. ער האט זיך אונרוהיג אומגעקוקט אין אלע זייטען.

וואס האט געקענט אזוי בעאונרוהיגען דעם פאטאגאניער, וועלכער איז געווען אזוי געוואינט צו דיא פאמפאס? האט זיך איהם אויסגעוויזען, אז א באנדע אינדיאנער וויל אויף זיי אנפאלען? אדער האט ער געהערט דאס ברומען פון א פומא? (זילבער לייב). ער איז באלד אויפגעשפרונגען און האט א קוק געטאהן אויפ'ן פייער. ער איז געווארען שטארק אונרוהיג, ווען ער האט דערזעהן, אז דאס פייער לעשט זיך אויס. ער האט שנעל צוגיפגעשארט, וואס ער האט נור געקענט קריגען, און האט עס ארויפגעווארפען אויפ'ן פייער. געהן ערגעץ ווייט זוכען האלץ אדער אנאנדער ברען מאטעריאל האט ער ניט געקענט. ער האט מורא געהאט איבערצולאזען זיינע שלאפענדיגע קאמעראדען אליין. ער האט דאהער צונויפגענומען טרוקען גראז, צווייגען פון ביימער, טרוקענע בלעטער און וואס ער האט נור געקענט קריגען, און האט עס ארויפגעווארפען אויפ'ן פייער. אליין האט ער זיך געזעצט ניט ווייט און האט געוואכט.

עס איז פערגאנגען א האלבע שטונדע, א שטונדע, טהאלקאווע איז אלץ געזע

סען אנגעשפארט דעם קאפ אויף דיא הענד און האט זיך צוגעהערט. איינער, וואס איז ניט געוואינט מיט דיא פאמפאס, וואלט גאר ניט געהערט און גאר ניט געזעהן און וואלט געגאנגען זיך לעגען שלאפען. טהאלקאווע אבער האט געפיהלט, אז עפעס איז נישט גלאט, אז עפעס וועט געשעהן. פּוצלונג האט טהאאוקא, דעם פאטאגא־ניערס פערד, אויפגעהויבען דעם קאפ און האט אנגעהויבען זיך צו ווארפען אין אלע זייטען. טהאלקאווע איז אויפגעשפרונגען.

— טהאאוקא פיהלט דעם פיינד! האט ער געזאגט צו זיך אליין.

ער האט אנגעהויבען זיך ארומצוקוקען אין אלע זייטען. אלעס איז געווען שטיל ארום, אבער ניט גאנץ רוהיג. זיינע קאצען אויגען האבען געזעהן, וויא עפעס ריהרט זיך, עפעס קריעכט, עפעס בעוועגט זיך צווישען דיא קליינע ביימלעך ארום. באלד האבען זיך געוויעזען פייערדיגע, ברענענדיגע פונקען ערגעץ ווייט; באלד זיינען דיעזע פונקען פערשוואונדען, באלד האבען זיי זיך וויעדער געוויעזען. באלד האבען זיך געוויע־זען ברענענדיגע ליכט ערגעץ ווייט. ווער עס איז אונבעקאנט מיט דיא פאמאס, וואלט געקענט מיינען, אז דאס זיינען לייכט קעפער, אזעלכע ווערים אדער זשוקעס, וועלכע לייכטען ביי נאכט. טהאלקאווע האט זיך ניט אפגענארט. ער האט געוואוסט מיט וואס פאר א פיינד ער האט צו קעמפפען.

ער האט שארף אנגעלאדען זיין לאנגע ביקס און האט זיך געשטעלט לעבען צוים, וויא א סאלדאט אויף דער וואך. ער האט ניט לאנג געווארט. באלד האט זיך געלאזט הערן א שרעקליכעס היילען און בילען פון הונדערטער מיילער. טהאלקאווע האט אויסגעשאסען. דאס בילען און דאס היילען איז געווארען נאך העכער, נאך שרעקליכער, נאך ערגער.

לארד גלענארוואן און ראבערט גראנט האבען זיך אויפגעחאפט דערשראקען און איבערראשט.

— וואס איז געשעהן? האט לארד גלענארוואן אויסגערופען. אינדיאנער זיינען ארוף אונז אנגעפאלען?

— ניין, האט טהאלקאווע געענטפערט. — אגוואראס.

— וואס איז אגוואראס? האט ראבערט געפרעגט.

— אגוואראס איז א רויטער וואלף פון דיא פאמפאס.

זיי האבען יעצט קיין צייט ניט געהאט פיעל צו רעדען. דאס היילען און דאס בילען איז מיט יעדער מינוט געווארען שרעקליכער. לארד גלענארוואן און ראבערט האבען געחאפט זייערע ביקסען און זייערע רעוואלווערס און האבען זיך געשטעלט לע־בען טהאלקאווע, וועלכער האט זיי געוויעזען אויף דיא פאמפאס, פון וואנען דיא רויטע וועלף זיינען אנגעקומען. ראבערט איז אפגעשפרונגען פון'ם צוים.

— דו האסט מורא פאר וועלף, מיין יונגער העלד? האט לארד גלענארוואן איהם געפרעגט.

— ניין, מילארד, לעבען אייך האב איך פאר קיינעם קיין מורא ניט, איך האב מיך דערשראקען פאר זייערע פייערינע אויגען. זיי ברענען וויא גליהענדע קוילען.

— די רויטע וועלף זיינען ניט געפעהרליך, האט לארד גלענארוואן איהם בערוהיגט.

וואלטען זיי ניט געווען אזוי פיעל, וואלט איך מיך אויף זיי גאר ניט אומגעקוקט.

— מיר האבען ניט וואס מורא צו האבען, האט ראבערט געענטפערט. מיר ויינען אלע גוט בעוואפענט. לאזען זיי נור צוקומען, מיר וועלען זיי אויפנעהמען אזוי ווארם, אז זיי וועלען אונז האבען צו געדענקען.

— געווים, מיין קינד.

לארד גלענארוואן האט נור געזאגט אזוי אום ראבערט'ן צו בערוהיגען. אין דער ווארהייט אבער האט איהם געקלאפט דאס הארץ. ער האט זעהר גוט געזעהן, אז דארט געפינען זיך עטליכע הונדערט וועלף. וואס קענען דרייא מענשען טאהן נעגען אזא - אכט?

מיר מוזען א ביסעל בעשרייבען דיא רויטע וועלף אום צו געבען אונזערע לעזער א בעגריף איבער דיעזעס טהיער. דער רויטער וואלף איז גרויס וויא א הונט. זיין קאפ איז זעהר עהנליך צו א פוקס. ער איז בעדעקט מיט רויטליכע האר פון צימרינג פארב. דער רוקען איז שווארץ. ער האלט זיך געוועהנליך אויף אין זומפיגע געגענדען, פאלט אן אויף חיות און פייגעל, וועלכע האלטען זיך אויף אין וואסער אדער לעבען וואסער און פרעסט זיי אויף. ער איז זעהר געשיקט און שטארק. אין א הייסע צייט, ווען דיא טייכען טריקענען אויס, איז ער געפעהרליך. ער האט ניט וואס צו עסען ביים וואסער און לויפט ארום איבער דיא פאמפאס. ער פערזאמעלט זיך אין גרויסע מאסען, פאלט אן אויף א גאנצע העערדע פון שאף און צורייסט זיי. דיא איינוואינער פון יענע געגענ־דען ציטערן פאר א גרויסע באנדע רויטע וועלף. זיי וואלטען בעסער געוואלט אנטרע־פען א וואסער טיגער אדער א יאגואר, איידער א באנדע פון דיא רויטע וועלף.

לארד גלענארוואן האט גוט פערשטאנען, אז זיי געפינען זיך אין דער גרעסטער געפאהר. דיא וועלף וועלען זיי ניט אפלאזען. עס וועט גאר ניט העלפען, וואס זיי ווע־לען טייטען דרייסיג אדער פערציג, דיא איבעריגע וועלען דאך אויף זיי אנפאלען און זיי צורייסען. זיי זיינען שטארק הונגעריג און ווילען זעהר עסען א שטיק מענשען פלייש אדער פערד'ס פלייש.

לאנגזאם און פארזיכטיג זיינען דיא וועלף צוגעקומען אימער נעהנטער און נעהנ־טער. זיי האבען געבילדעט א גרויסען קרייז ארום אונזערע דריי רייזענדע. דער קרייז אבער איז געווארען אימער קלענער, אימער ענגער, דיא געפאהר אימער גרעסער. דיא פערד זיינען געווארען זעהר אונרוהיג, האבען געגראבען דיא ערד מיט זייערע פיס און האבען זיך געריסען צו אנטלויפען. ווען זיי וואלטען ניט געווען צוגעבונדען, וואלטען זיי געווים אנטלאפען און דיא וועלף וואלטען זיי צוריסען.

יעצט האבען זיך אונזערע רייזענדע צוטהיילט אויף צווייא פארטיען. טהאלקאווע איז געשטאנען מיט זיין ביקס לעבען צוים און לארד גלענארוואן זיינען גע־שטאנען אין דער אפענער זייט אום דארט ניט צו צולאזען דיא וועלף, וועלכע זיינען שוין געווען גאנץ נאהענט. לארד גלענאנוואן און ראבערט האבען געוואלט שיעסען אויף דיא וועלף. טהאלקאווע האט זיי אנגעחאפט ביי דיא הענד.

— וואס הייסט דאס? האט לארד גלענארוואן געפרעגט.

— וואהרשיינליך מיינט אונזער פריינד, אז עס איז נאך פריה צו שיעסען. מיר מוזען ווארטען, ביז דיא וועלף וועלען צוקומען נעהנטער.

טהאלקאווע האט גאר ניט געזאגט. ער האט גענומען דאס בלעכענע שאכטעל, וואו זיי האבען געהאלטען זייער פולווער און האט עס געגעבען לארד גלענארוואן. — דאס שאכטעל איז געווען כמעט לעדיג. אונזערע פריינד האבען ביי טאג געשאסען און אלע זייטען אהן א רעכנונג און האבען אויסגענוצט דעם גאנצען פולווער.

— וואס איז? האט ראבערט געפרעגט אונרוהיג.

— מיר מוזען זיין זעהר קארג מיט אונזער קריעגס מאטעריאל, האט איהם דער לארד געענטפערט. מיר האבען היינט געשאסען אהן א רעכנונג און עס איז געבליעבען פולווער און קוגלען נור אויף צוואנציג מאל צו שיעסען.

ראבערט האט גאר ניט געענטפערט. ער האט אנגעהויבען צו פערשטעהן, אז זייער לאגע איז גאר ניט אזוי גוט און גאר ניט אזוי פרעהליך, וויא ער האט פריהער געמיינט. אין דיעזע מינוט האט טהאלקאווע אויסגעשאסען און האט געטייטעט א רויטען וואלף, וועלכער איז געווען צו א גרויסער עזות פנים און איז שוין געקראכען צו נאהענט צו זיי. דער קנאנק פון דער ביקס האט דיא רויטע וועלף אביסעל איבערגע־שראקען. זיי זיינען אפגעטרעטען אויף אייניגע ישרים. טהאלקאווע האט א ווינק געטאהן צו לארד גלענארוואן, ער זאל זיך שטעלען אויף זיין ארט. ער אליין האט צונויפגעשארט און צונויפגעקראצט א ביסעל טרוקען גראז און טרוקענע בלעטער און האט זיי אריינ־געווארפען אין פייער. דאס פייער האט אנגעהויבען צו ברענען העלער און האט בע־לייכטעט דיא געגענד מיט א רויטער פלאם. יעצט האט לארד גלענארוואן געקענט בעסער בעטראכטען זיינע פיינד. ער האט אונגערן א ציטער געטאהן. עס זיינען געוועזן אזוי פיעל, אז עס איז געווען אונמעגליך זיי צו צעהלען.

דאס פייער האט גערייצט דיא וועלף. זיי זיינען צוגעקומען נאך נעהנטער. איי־ניגע זיינען געקומען אזוי נאהענט, אז זיי האבען זיך פערברענט זייערע לאפעס אן פייער און זיינען צוריקגעשפרונגען מיט א שרעקליכען געהייל. פון צייט צו צייט, ווען זייא וועלף זיינען שוין צוגעקומען צו נאהענט, האט מען געמוזט אויף זיי שיעסען. מען האט זיי געמוזט א ביסעל אפשרעקען. אבצעהן ביז צוואנציג טויטע וועלף זיינען געליעגען אויסגעשטרעקט אויפ'ן גראז.

אייגענטליך, איז זייער לאגע ניט געווען אזוי שלעכט. זא לאנג דאס פייער האט געברענט און זיי האבען געהאט פולווער און קוגלען, האבען זיי געקענט אפהאלטען דיא וועלף. וואס וועלען זיי אבער טאהן, ווען דיעזע ביידע מיטעל זיך צו פערטהיידיגען וועלען זיך אויסלאזען? דאס פייער קען ניט לאנג ברענען. טהאלקאווע האט שוין אויס־געקראצט דאס לעצטע ביסעל גראז, דעם לעצטען צווייגעל און האט זיי אריינגעווארפען אין פייער אריין. פולווער און קוגלען האבען זיי זעהר וועניג. וואס וועט זיין ווען זיי וועלען אויסשיעסען דאס לעצטע ביסעל פולווער?

לארד גלענארוואן האט א קוק געטאהן צו ראבערט'ן און א פרעהליכער שמייכעל האט זיך געוויעזען אויף זיין בלייכעס געזיכט. ראבערט איז געשטאנען פעסט מיט זיין ביקס אין דער האנד און איז געווען יעדע מינוטע בערייט צו שיעסען אויף דיא וועלף,

ווי א העלד. עס האט איהם געפרעהט צו זעהן, וויא דיעזער יונגע צייגט אזוי פיעל מוטה. אין דער זעלבער צייט אבער האט עס איהם פערקלעמט ביים הארצען. — דיא לאגע איז געווען א פערצווייפעלטע.

— אין א שטונדע ארום, האט ער געזאגט צו זיך אליין, וועלען מיר ניט האבען, ניט קיין פייער, ניט קיין פולווער און ניט קיין קוגלען. וואס וועלען מיר דאמאלס טאהן? מיר מוזען דאך אויסטראכטען עפעס א מיטעל, וויא אזוי אונז צו רעטען. איך מוז איבעררעדען מיט'ן פאטאגאניער. ער איז דאך מעהר בעקאנט מיט דיא פאמפאס.

ער איז צוגעגאנגען צו טהאלקאווע'ן און האט מיט איהם גערעדט האלב שפאַ־ניש, האלב ענגליש און האלב דורך צייכענס. עס איז געווען קיינע לייכטע אויפגאבע פאר דיעזע צוויא מענשען צו ריידען. זיי האבען וועניג פערשטאנען איינער דעם אנ־דערן. עס איז פערגאנגען א שטארקע פערטעל שטונדע, איידער לארד גלענארוואן האט זיך צונויפגערעדט מיט'ן פאטאגאניער.

— וואס זאגט ער? האט ראבערט אלע מאל געפרעגט.

— ער זאגט, האט לארד גלענארוואן ענדליך געענטפערט, אז מיר מוזען טהאן אלעס מעגליכע און אויסהאלטען ביז אין דער פריה. דיא רויטע וועלף יאגען זיך נאך זייער רויב נור ביי נאכט. פארן טאג האבען זיי מורא. דאס איז א ווילדעס טהיער, וועלכעס האט ליעב דיא פינסטערניס, עס אנטלויפט פון דער ליכטיגקייט.

— אלזא, לאמיר זיך פערטהיידיגען ביז עס וועט ווערן טאג.

— יא, מיין קינד! לאמיר זיך פערטהיידיגען, מיט וואס מיר קענען. ווען עס וועט זיך אונז אויסלאזען פולווער און בליי, וועלען מיר זיך פערטהיידיגען מיט אונזערע מעסערס.

טהאלקאווע האט באלד געוויזען א ביישפיעל, וויא אזוי זיך צו פערטהיידיגען מיט א מעסער. ער האט זיך אנגעבויגען און האט מיט זיין גאנצער קראפט אראפגע־לאזען זיין לאנגעס, שארפעס מעסער אין דער גערדיכטער מאסע פון דיא וועלף. ווען ער האט זיך אויפגעהויבען, איז פון'ם מעסער גערונען בלוט. אבער אויך דיעזעס מיטעל האט וועניג געהאלפען. דאס היילען און בילען פון דיא וועלף איז געווארען יעדעס מאל ערגער און שרעקליכער. פארן קנאק פון דעם ביקס, פארן פייער און רויך פלעגען זיך דיא וועלף וועניגסטענס דערשרעקען, פארן מעסער אבער האבען זיי זיך זאגאר ניט דערשראקען און ווען איינער פון זיי איז געווארען פערוואונדערט, און האט אנגעהויבען צו היילען אין דער הויך, האט עס זיי נאך מעהר גערייצט.

נענען צוויא אוהר פארטאג האט דאס פייער אנגעהויבען פארלאשען צו ווערן. עס איז געווארען אימער פינסטערער און פינסטערער. לארד גלענארוואן האט אנגע־הויבען אויסצורייסען בלעטער פון זיין נאטיץ בוך און האט זיי געווארפען אין פייער. עס האט אויפגעפלאמט און ער האט זיך ארומגעקוקט: ראבערט איז געשטאנען גאנץ רוהיג אויף זיין ארט. ער האט נאך אלץ ניט פערשטאנען, וויא גרויס עס איז דיא גע־פאהר, אין וועלכע זיי געפינען זיך. לארד גלענארוואן אבער האט אלעס פערשטאנען און עס האט איהם פארקלעמט ביים הארצען. עס האט איהם געריסען דאס הערץ צו זעהן, אז דער קליינער ראבערט וועט באלד צוריסען ווערן אויף שטיקער פון דיא

בייזע גרימיגע וואלף. ער האט זיך דערמאָנט אן זיינע ליעבע, יונגע פרוי, וועלכע ווארט אויף איהם ערגעץ אין א פּאָרט אין ארגענטיניען, אן זיינע קאמעראדען, וועלכע געפינען זיך ניט וויט און זיינען אויך אין דער גרעסטער געפאהר. זיי קענען פערבלאנזשעט ווערן אין דיא פּאמפּאס און אויסשטארבען פון הונגער און פון דורשט.

ער איז צו געגאנגען צו ראבערט, האט איהם ארומגענומען און צוגעפּרעסט צו זיין ברוסט און הייסע ביטערע טרערן האבען זיך געגאסען טייכען וויים פון זיינע אויגען און זיינען געפאלען אויף ראבערטס בלאנדע לאקען.

— איך האב קיין מורא ניט פאר דיא וועלף! האט ראבערט געזאגט.

— האסט רעכט, מיין קינד! מיר האבען ניט וואס מורא צו האבען, באלד וועט ווער'ן טאג און דיא ווילדע בעסטיען וועלען זיך צו לויפען.

אין דיעזער מינוט זיינען צווייא וועלף אריבערגעשפּרונגען איבער'ן צוים גלייך צו דיא פערד. טהאלקאווע האט זיי געגעבען אזא שטארקען זעץ מיט זיין לאנגער שווערער ביקס, אז דיא ביינער פון זייערע קעפּ האבען אנגעהויבען צו קלינגען.

— בראוואָ, פריינד טהאלקאווע! האט ראבערט אויסגערופען. בראוואָ!

דאס פייער האט זיך אויסגעלאשען. עס איז געווארען פינסטער. טהאלקאווע האט צום לעצטען מאל אנגעלאדען זיין לאנגע ביקס. ער האט נאך אמאל אויסגעשאָסען און האט וויעדער געטייטעט א גרויסען וואלף. מעהר האט ער שיין קיין פולווער ניט געהאט. ער האט צוגעפגעלעגט זיינע שטארקע הענד אויף דער ברייטער ברוסט און איז געבליעבען שטעהן, וויא א סטאטוע פון בראָנז. — טראכט ער עפּעס? זוכט ער עפּעס א מיטעל זיך צו רעטען? לארד גלענארוואן האט ניט געוואגט איהם צו שטערן.

פלוצלונג האט דאס היילען און בילען פון דיא וועלף אין גאנצען אויפגעהערט. עס האט זיך אויסגעוויעזען, אז זיי צולויפען זיך. עס איז געווארען שטיל, שרעקליך שטיל.

— זיי צולויפען זיך! מיר זיינען גערעטעט! האט לארד גלענארוואן אויסגערופען.

טהאלקאווע האט טרויעריג א שאקעל געטאהן מיט'ן קאָפּ. ער האט בעסער געקענט דעם כאראקטער פון דיא רויטע וועלף. ער האט געוואוסט, אז זיי ווילען דא געברויכען א נייעם קונסטשטיק. ער האט נאך אליין ניט געוואוסט, וואס זיי ווילען טאהן. ער איז אבער געווען זיכער, אז זיי זיינען ניט אנטלאפען.

באלד האבען זיך אונזערע רייזענדע איבערצייגט, וואס פאר א געפעהרליכער פיינד דער רויטער וואלף איז. דיא גאנצע באנדע איז זיך צונויפגעקומען צום צוים. דער זעלבער צוים, וועלכער האט געשיצט אונזערע רייזענדע, האט געשיצט דיא וועלף, אז מען זאל זיי גאר ניט קענען טאהן. דורכ'ן צוים האט מען אויף זיי ניט געקענט שיעסען, דורכ'ן צוים קען מען זיי ניט שטעכען און ניט שלאגען מיט דיא ביקסען. זיי זיינען דאהער שטילערהייט צוגעקומען צום צוים און האבען איהם אנגעהויבען צו רייסען מיט זייערע שטארקע לאפּעס. באלד האבען זיי אוועקגעריסען עטליכע פלעקער און זיינען אריין גלייך צו דיא פערד. יעצט איז ערשט זייער לאגע געווארען שרעקליך, שוידערהאפט. דיא פערד האבען זיך אפּגעריסען פון זייערע שטריק, האבען געהירזשעט און געשלאגען מיט זייערע שטארקע פיס. לארד גלענארוואן האט ארומגענומען ראבערט'ן און האט געפּאכט ארום זיך מיט זיין לאנגען מעסער טהאלקאווע האט זיך

געוועהרט מיט זיין ביקס. עס זיינען אבער צוגעקומען אלע מאל פרישע באנדעס וועלף און האבען זיי אנגעגריפען.

פלוצלונג האט לארד גלענארוואן דערזעהן, אז טהאלקאווע האט אנגעחאפט זיין פערד.

— וואס איז דאס? האט ער געפרעגט. וויל ער אנטלויפען אויף זיין גוטעס, שנעלעס פערד און אונז דא איבערלאזען אליין?

— אך, ניין! דאס קען ניט זיין! האט ראבערט געזאגט.

ער האט רעכט געהאט. טהאלקאווע האט זיי געוואלט רעטען. ער האט זיך געשלאסען צו אפפערן זיין פערד. לארד גלענארוואן אבער האט איהם ניט פערשטא־ן ווען טהאאוקא, טהאלקאווע׳ס פערד, איז געווען פערטיג און טהאלקאווע איז גע־שטאנען לעבען איהם און האט נאך עפעס צורעכטגעמאכט אין זיין זאטעל, האט איהם לארד לענארוואן אנגעחאפט ביי דער האנד.

— דוא געהסט ערגעץ? האט ער איהם געפרעגט.

— יא! האט דער פאטאגאניער געענטפערט. טהאאוקא גוט פערד, וועלף אלע לויפען איהם נאך. ער געשווינד אנטלויפען. שנעלו שנעלו!

— הערסט דוא, ראבערט! ער וויל אפפערן זיך און זיין פערד פון אונזערט וועגען. ער וויל ארויסרייטען אויף זיין פערד. דיא וועלף וועלען איהם נאכלויפען און מיר וועלען זיין גערעטעט.

— פריינד טהאלקאווע! האט ראבערט אויסגערופען. פערלאז אונז ניט! בלייב מיט אונז.

— ער וועט אונז ניט לאזען דא אליין, האט לארד גלענארוואן איהם בערוהיגט.

— ניין, האט טהאלקאווע געזאגט. ווילדע טהיערע, דערשראקען, לויפען, טהאאוקא גוט פערד.

— אונזער פריינד, טהאלקאווע, האט רעכט. ער וויל, אז איך זאל געהן און ער וועט בלייבען מיט דיר, ראבערט.

ער האט אנגעחאפט טהאלקאווע׳ס פערד ביים צוים און האט אויסגערופען.

— לאז מיך, טהאלקאווע! איך וועל רייטען אויפ׳ן פערד. בלייב דוא דא און רעטע ראבערט׳ן!

— ניין! האט טהאלקאווע געענטפערט פעסט.

לארד גלענארוואן איז געווארען אויפגערעגט. ער האט אנגעהויבען צו רעדען און צונויפמיישען שפאניש מיט ענגליש, האט זיך געבייזערט, האט געבעטען, האט געדראהעט, ביז טהאלקאווע האט זיי אנגענומען ביידען ביי דיא הענד און האט זיי גע־וויזען אויף דיא פאמפאס. לארד גלענארוואן האט ענדליך אנגעהויבען צו פערשטעהן. יעצט זיינען דיא פאמפאס אין דיעזער זייט פריי. דיא וועלף שטעהן אלע ארום צוים. יעצט איז דיא צייט צו אנטלויפען. יעצט, ווען א פערד וועט ארויסלויפען און וועט מאכען א רעש מיט זיינע פיס, וועלען זיך אלע וועלף ארויפווארפען אויף איהם. דאן וויינען זיי גערעטעט

לארד גלענארוואן איז אבער גשווען אזוי אויפגערעגט, אז ער האט נור געוואלט זיך אויפזעצען אויף טהאלקאוע'ס פערד. אין דער צייט, ווען ער האט גערעדט און געטענה'ט מיט טהאלקאווען, איז ראָבערט ארויפגעשפּרונגען אויף טהאאוקא און איז ארויסגעלאפען אין דיא פּאַמפּאַס, וויא א פייל פון'ם בויגען.

— ראבערט, וואס האסט דוא געטאהן? האט לארד גלענארוואן אויסגערופען אויסער זיך.

זיינע ווערטער זיינען פערטויבט געווארען פון'ם שרעקליכען היילען און בילען פון דיא וועלף, ווען זיי האבען דערזעהן, אז א פערד מיט א רייטער איז אנטלאפען. וויא א שטורמווינד האבען זיי זיך אלע געווארפען אויף דיא שפור פון ראבערט מיט זיין פערד. טהאלקאווע און לארד גלענארוואן זיינען אויך ארויסגעלאפען אין דיא פּאַמפּאַס. עס איז אבער געווען פינסטער, עס איז שוין געווען פארטאג, און דיא פּאַמפּאַס זיינען געווען שטיל. נור פון דערווייטען האט מען געהערט דאס היילען און בילען פון דיא וועלף.

— טהאאוקא גוט פערד, ראָבערט גוט באָי, זיך רעטען, האט טהאלקאווע געואנט גאנץ רוהיג.

לארד גלענארוואן האט איהם געבעטען, זיי זאלען זיך אויפזעצען אויף דיא איבערינע צווייא פערד און זאלען איהם נאכרייטען. טהאלקאווע אבער האט געענטפערט:

— ווארטען טאָג.

מיט געוואלד האט ער איהם צוריקגעפיהרט אין לאגער. פון שלאפען איז שוין קיין רעדע ניט געווען. זיי זיינען געשטאנען איינער לעבען אנדערן און האבען גערעדט, וויא זיי האבען געקענט. טהאלקאווע האט זיך געגעבען אלע מעגליכע מיה צו ערקלערען לארד גלענארוואן, אז טהאאוקא וועט אויסהאלטען ביז טאָג, דיא וועלף וועלען איהם ניט דערגרייכען. ראבערט וועט זיך האלטען פעסט אין זאטעל און זיי וועלען אלע זיין גערעטעט.

— טאָמער פאלט ער אראָפּ פון'ם פערד? האט לאָרד גלענארוואן געזיפצעט.

— ער וועט ניט פאלען. ער איז א גוטער יונגע און קען זיצען אויף א פערד, האט איהם טהאלקאווע געטרייסט.

עס האט גאר ניט געהאָלפען. מען האט געמוזט ווארטען, ביז עס וועט טאָג ווערן. דיא צייט האט זיך געצויגען שרעקליך לאנגזאם. עס האט זיך איהם אויסגעוויעזען, אז עס וועט קיין מאל שוין ניט ווערן טאָג. ענדליך אום פיער אוהר האָט זיך געוויעזען א בלייכער שיין פון מזרח זייט. עס האט אנגעהויבען צו טאָגען.

— לאמיר פאהרען! האט לארד גלענארוואן געבעטען.

— ניין, לאמיר נאך ווארטען, ביז דיא זון וועט זיך ווייזען, האט טהאלקאווע געענטפערט.

לאנגזאם, זעהר לאנגזאם איז טאג געווארען. עס איז געווארען אימער העלער, אימער פרעהליכער, אימער לעבעדיגער אין דיא פּאַמפּאַס. באלד האט זיך געוויעזען דער ערשטער שטראהל פון דער זון.

— יעצט לאמיר פאהרען, האט טהאלקאווע געזאגט.

לארד גלענארוואן און טהאלקאווע האבען זיך נעזעצט אויף דיא צווייא איבעריגע פערד און זיינען געפאהרען. — וואוהין?

— צוערשט מוזען מיר פאהרען צו אונזערע קאמעראדען. איך האב גערעבענט, אז זיי וועלען נאך ביי נאכט אנקומען. זיי זיינען ניט אנגעקומען. וואהרשיינליך, זיינען זיי געוועזען אזוי מיעד, אז זיי האבען געמוזט ערגעץ נעכטיגען. מיר מוזען זיי אויפזוכען און זיך מיט זיי בעראטהען, וואס מיר זאלען ווייטער טאהן און וויא אזוי מיר זאלען זוכען ראבערט'ן.

זיי זיינען געפאהרען ווייטער און האבען קיין ווארט מעהר ניט גערעדט. לארד גלענארוואן האט זיך אלע מאל ארומגעקוקט. ער האט געזוכט מיט דיא אויגען און האט געציטערט ביי דעם געדאנק, אז ער קען טרעפען דעם צוריסענעם קערפער פון'ם אימגליקליכען ראבערט. טהאלקאווע איז געזעסען גאנץ רוהיג אויף זיין פערד. פון צייט צו צייט האט ער אנגעהויבען פייפען אויף א זאנדערבארע ארט. פלוצלונג האבען זיי דערהערט דאס פרעהליכע הירזען פון א פערד.

— אט זיינען זיי! האט לארד גלענארוואן אויסגערופען.

אין א מינוט ארום איז ראבערט געקומען צופליהען אויף טהאלקאווע'ס פערד. גלענארוואן איז צו איהם צוגעלאפען, האט איהם ארומגענומען און האט אויסגעשריען איין מאל נאכ'ן אנדערן.

— מיין ראבערט! מיין קינד! דוא לעבסט! דוא ביסט געזונד!

קוים האט איהם לארד גלענארוואן אפגעלאזען, האט איהם טהאלקאווע גענומען אויף דיא הענד און האט אויסגערופען אויף זיין ארט:

— דוא ביסט א גוטער, בראווער יונגע! דיינע שפארען האבען ניט געציטערט. אויף פאטאגאניש הייסט דאס, דוא האסט זיך ניט געשראקען.

יעצט האט טהאלקאווע אנגעהויבען צו גלעטען זיין פערד און צו רעדען צו איהם. עס האט אויסגעוויזען, אז דאס פערד פערשטעהט איהם. ביי יעדעס ווארט, פלעגט עס אנהייבען פרעהליך צו הירזען און צושאקלען מיט'ן קאפ.

— מיין ליעבער ראבערט. האט לארד גלענארוואן געזאגט מיט א פארוואורף, פאר וואס האסט דוא מיך ניט געלאזען רייטען אויף טהאאוקא' און אייך רעטען? איך בין דאך עלטער פון דיר און מיר האט געקומט דיא עהרע אייך צו רעטען.

— ליעבער פאטער! האט ראבערט געענטפערט. נור איך האב מיך געדארפט אויפאפפערן פון אייערט וועגען, ווייל איהר האט אוועקגעווארפען אייער היים, אייער גליק און אייער פערגניגען און פאהרט רעטען מיין פאטער.

20טעס קאפיטעל.

זאנדערבארע צייכענס.

ווען דיא ערשטע פרייד איבער דאס ווידערזעהען איז פאראיבער געגאנגען, האט מען זיך אנגעהויבען צו צוקוקען צו דער צווייטער פארטיע.

— מיר זיינען אלע געזונד און שטארק, האט דער פראפעסאר געזאגט, נור מיר שטארבען פאר דורשט. וואסער! מיר מוזען האבען וואסער זיך צו דערקוויקען.

מען האט זיך אויפגעזעצט אויף דיא פערד און מען איז צוריקגעפאהרען צום טייך

אויפ׳ן זעלבען ארט, וואו זיי האבען אין דיא פארינע נאכט אויסגעשטאנען אזוי פיעל געפאהרען. מען האט זיך געשלעפט זעהר לאנגזאם און ערשט געגען צעהן אוהר אין דער פריה זיינען זיי צוגעקומען צום טייך. יעצט ערשט האבען זיי דערזעהן, וויא גרויס דיא געפאהר איז געווען. ארום זייער לאגער זיינען געלעגען דיא טויטע וועלף. דיא מידע און דורשטיגע רייזענדע אבער האבען קיין צייט געהאט דא לאנג צו בעטראכטען. זיי האבען זיך ארייננעווארפען אין טייך און האבען געטרונקען, וויא פיעל זיי האבען אליין געוואלט.

ווען זיי האבען זיך גוט אנגעטרונקען, האט מען אנגעהויבען צו טראכטען וועגען א פריהשטיק. יעצט האט זיך טהאלקאווע דערמאנט, אז וואס עס איז זיי געבליעבען נעכטען פונ׳ם סאפער, האט ער אויפגעהאנגען אויף א בוים ניט וויים פונ׳ם לאגער. ער האט געוואוסט, אז דער בעסטער פלאץ צו בעהאלטען שפייז אין אזעלכע נעגנידען, איז עס אויפצוהענגען אויף א בוים. ער האט באלד געבראכט דרייא פערטעל פונ׳ם פעקארי, א שטיק פון דער ארמאדילא און אייניגע פייגעל, וועלכע ראבערט האט נעכטען געשאָסען.

אין אייניגע מינוטען האט געברענט א פרעהליכער פייער און דער פראָפעסאָר האָט געבראָטען שטיקער פלייש נאך דער פאריזער מאדע. ער איז געווען פעסט איבערציינט, אז ער איז א גוטער קאָך און אז יעדער פראנצויז קען קאָכען. צום גליק, זיינען אונזערע רייזענדע געווען אזוי הונגעריג, אז וואס מען האט זיי געגעבען, איז געווען גוט.

— עסט פאָרזיכטיג, האט לאָרד גלענארוואן געווארנט. דאס פלייש איז זעהר פעט און קען אייך שאדען.

— עסען פארזיכטיג? האט געלאכט דער פראָפעסאָר. קען מען עסען פאָרזיכטיג, ווען מען איז הונגעריג? ניין! מיר דארפען יעצט עסען ניט פאָרזיכטיג. מיר דארפען עסען, וויא פיעל מיר קענען, ווייל מיר האָבען געהונגערט מעהר, וויא פיעל מיר האבען געקענט.

אלע האבען איינגעשימט מיט׳ן פראָפעסאָר און האבען געגעסען, וויא פיעל זיי האבען נור געקענט און עס האט זיי גאָר ניט געשאדעט.

יעצט האט מען זיך געמוזט אויסרוהען א פאָר טאָג נאך אלע שוועריגקייטען און געפאהרען, וועלכע מען איז ביז אהער אויסגעשטאנען. לארד גלענארוואן האט צוואר געוואלט באלד אויפ׳ן אנדער׳ן טאָג ווייטער פאהרען, דער פראָפעסאר אבער און דער מאיאָר האבען איהם געבעטען, ער זאל זיי לאזען זיך אויסרוהען נאך א טאָג. ער האט געמוזט זיי נאכגעבען, ווייל דיא פערד זיינען געווען שטארק מיעד.

דעם דריטען טאָג אין דער פריה האט לאָרד גלענארוואן געגעבען דעם צייכען צור אברייזע. יעצט זיינען מענשען און טהיערע געווען פריש און מונטער און זיי האָבען פאָרטגעזעצט דיא רייזע לוסטיג ווייטער. אין דיא ערשטע צוויי טאָג האָט גאָר נישט געטראָפען. דעם 3טען דעצעמבער זיינען זיי צוגעקומען צו דער גרענעץ פון דער ארגענטינישען רעפובליק. פון קיין גרענעץ קען אין יענע גענענדען קיין רעדע ניט זיין. צווישען ארגענטיניען און טשילי איז קיין מאל קיין גרענעץ ניט געווען און קען ניט זיין. יעדעס

לאנד זאגט, אז דיא פאמפאס געהערט צו איהר. ביידע רעפובליקען בענוצען די. קיינער האט ניט קיין מאכט זיי אין גאנצען אפצונעהמען און ווען איינע זאל זיי שוין אפנעהמען, וואס קען זיא טאהן מיט אזעלכע גרויסע טויזענדער מיילען ווייטע סטעפעס? עס זיינען אבער דא פונקטען, וואו עס הייבט זיך ווירקליך אן ארגענטיניען, וואו זאגאר דיא רעגיערונג פון טשילי אנערקענט, אז דאס לאנד געהערט שוין ניט צו איהר. — צו אזא פונקט זיינען יעצט צוגעקומען אונזערע רייזענדע.

דא האט זיך אנגעהויבען דיא פראווינץ פון **בוענאָס איירעס**. דיא ארגענטינישע רעפובליק ווערט איינגעטהיילט אין דרייצעהן פראָווינציען. בוענאָס איירעס איז דיא גרעסטע פראָווינץ. זיא האט מעהר איינוואינער פון אלע איבעריגע צוועלף פראָווינציען און האט מעהר לאנד פון אלע איבעריגע צוועלף. דאָס לאנד איז זעהר פרוכטבאַר. עס קען דארט וואקסען אלערליי גראָזען, אלערליי תבואות, עס פעהלען נור הענד, וואס זאלען זיא בעארבייטען. וואו נעהמט מען אבער דיעזע הענד? דאס לאַנד איז ווילד, קיין וועגען זיינען ניטאָ, אהן דער לאַסאָ און דיא באָלאָס קען מען ניט ארויספאהרען א שריט. זעהר אָפט פאלען אָן דיא אינדיאַנער און דיא פאטאגאָניער אויף דיא נייע קאלאָניסטען, מען מוז זיך פערטהיידיגען מיט דער ביקס אין דער האַנד, אויף הילף פון דער רעגיערונג קען מען ניט האָפען. דיא ארגענטינישע רעגיערונג האָט זעהר א קליינע ארמעע. זיא קען ניט שיקען קיין סאָלדאַטען אין דיא פאמפאס צו פערטהיידיגען דיא קאָלאָניסטען. — דאס איז ארגענטיניען.

אין דיעזע געגענד האט טהאלקאווע גערעכענט צו געפינען דעם קאציק (קעניג) פון דיא אינדיאנער, וועלכער האט געהאלטען געפאַנגען אן אייראָפעער און וועלכען לארד גלענארוואן האט גערעכענט, אז דאס מוז זיין קאפיטאן גראנט. דער וועג האָט געפיהרט אויף א גרויסען טהאל בעדעקט מיט קליינע טייכלעך און מיט פיעלע גרויסע גריבער פול מיט וואסער. אין אייניגע ערטער איז דאס וואסער געוועזן געזאלצען, אין אנדערע איז דאס וואסער געוועזן גוט צום טרינקען. טויזענדער פויגעל זיינען ארומגעגאנגען און ארומגעפלויגען אין דער געגענד. אייניגע האבען זיך גאר ניט איבערגעשראָקען פאר אונזערע רייזענדע. דער פראָפעסאָר האט זיך ניט געקענט אפרייסען, ווען ער האט דערזעהן עטליכע פלאַמינגאָ׳ס. דאס איז א גאנץ גרויסער וואסער פויגעל מיט העל־רויטע פעדערן. דיא פלאַמינגאָ׳ס זיינען געשטאַנען אויסגעשטעלט, וויא סאלדאטען אין א לאַנגע רייהע און האבען גאנץ רוהיג געקוקט אויף אונזערע רייזענדע.

— איך וואלט וועלען זעהן, וויא א פלאַמינגאָ פליהט, האט דער פראָפעסאָר געזאָגט. דאס דארף זיין שעהן! זיינע רויטע פעדערן דארפען פלאמען, פלאַקערן און גלענצען אין דער זון. ווער וויל געהן מיט מיר צו דיא פלאַמינגאָ׳ס? דוא געהסט מיט מיר, ראבערט?

— געוויס, פראפעסאר! האט ראבערט געענטפערט. איך האב נאך קיין מאל קיין פלאַמינגאָ ניט געזעהן.

— און איהר, מאיאָר, וועט איהר אויך געהן מיט מיר?

— איהר זאלט נור ניט מאכען קיין פעהלער און זאלט אונז ניט וויזען אנשטאָט פלאַמינגאָ׳ס שווארצע האזען.

— אלזאָ, קומט!

אלע דריי זיינען צוגעגאַנגען נעהנטער צו דעם טייך, וואו די פלאַמינגאָ'ס זיינען געשטאַנען רוהיג און פערטראַכט, אזוי וויא די שטאָרכען (אַיסט) טהוען עס אין אייראָפּא. ווען זיי זיינען צוגעקומען גאַנץ נאָהענט, האָט דער פּראָפעסאָר אויסגע־שאָסען אום די פלאַמינגאָ'ס איבערצושרעקען. ער האָט געשאָסען נור מיט פּולווער. ער האָט ניט געוואָלט טייטען א פויגעל אָהן קיינע נוצען. די פלאַמינגאָ'ס האָבען זיך דערשראָקען און זיינען אוועקגעפלויגען מיט א געשריי.

— האָט איהר געזעהן די פלאַמינגאָ'ס פליעהען? האָט דער פּראָפעסאָר גע־פרעגט זיינע בעגלייטער.

— געוויס האָבען מיר געזעהן, האָבען זיינע בעגלייטער געענטפערט. מיר זיינען דאָך ניט בלינד.

— ווייזען זיי אויס, ווען זיי פליעהען, וויא פייגלען מיט פעדערען? האָט דער פּראָ־פּראָפעסאָר געפרעגט.

ניין! האָט געענטפערט דער מאַיאָר. זיי ווייזען אויס, וויא פלאַמינגאָס, וואָס פליעהען.

— וואָס זאָגסט דוא, ראָבערט? וויא ווייזען זיי אויס ווען זיי פליעהען?

— זיי ווייזען אויס, וויא אלע אנדערע פייגעל, ווען זיי פליעהען.

— זעהט איהר, אז דער גרעסטער גלערנטער קען א מאָל א טעות האָבען, האָט דער פּראָפעסאָר געזאָגט ערנסט. — ער האָט פערגעסען, וואו ער איז און האָט געמיינט, אז ער האַלט א פאָרלעזונג אין אוניווערזיטעט. — דער געלערנטער שאַטאָבריאַן שרייבט, אז ווען די פלאַמינגאָ'ס פליעהען, ווייזען זיי אויס, וויא געפעדערטע פייגלען. אזא גע־לערנטער זאָל מאַכען אזא פעהלער! ווען דוא וועסט שרייבען א ווערק איבער פלאַ־מינגאָ'ס, מיין ליעבער ראָבערט, זאָלסט דוא זיך היטען צו מאַכען אזעלכע פעהלער.

— אבער פּראָפעסאָר פּאַגאַנעל! האָט אויסגעשריען דער מאַיאָר. זעהט בעס־סער, וואו אונזערע קאַמעראַדען זיינען שוין. איבער אייער געלערנטען שאַטאָבריאַן האָבען מיר פערלאָרען אזוי פיעל צייט. אונזערע קאַמעראַדען זיינען שוין אויף א מייל ווייטער.

— לאָמיר פאָהרען שנעלער, פּראָפעסאָר! האָט ראָבערט געבעטען, לאָרד גלע־נאַרוואַן איז שוין אזוי ווייט.

— אבער שאַטאָבריאַן שרייבט דאָך —

— לאָזט מיך צו רוה מיט אייער שאַטאָבריאַן, האָט דער מאַיאָר געברומט, איך וויל ניט וויסען פון אייער שאַטאָבריאַן.

זיי האָבען געגעבען די פערד די שפּאָרען און האָבען באַלד אנגעיאָגט זייערע קאַמעראַדען. ווען זיי זיינען צוגעקומען נעהנטער, האָבען זיי דערזעהן, אז די גאַנצע פּאַרטיע שטעהט אויף איין אָרט און לאָרד גלענאַרוואַן רעדט עפּעס און טענה'ט מיט טהאַלקאַווען. זיי האָבען ניט רעכט פערשטאַנען איינער דעם אנדערן. טהאַלקאַווע האָט געקוקט ערגעץ ווייט, וויים קיין מזרח זייט. עס איז געווען דייטליך, אז ער איז עפּעס צוריישט. אז ער פ.רשטעהט עפּעס ניט.

— קומט נאר אהער, פראפעסאר, האט איהם לארד גלענארוואן צוגערופען. איך קען ניט פערשטעהן, וואס אונזער פריינד טהאלקאווע ווילל און וואס ער זאגט.

דער פראפעסאר האט אנגעהויבען צו רעדען מיט טהאלקאווען. אין איינינע מינוט ארום האט ער זיך געווענדעט צו לארד גלענארוואן און האט איהם ערקלערט, פאר וואס דער פאטאגאניער איז אזוי פערוואונדערט.

— אונזער פריינד טהאלקאווע קען ניט פערשטעהן, פארוואס ער געפינט ניט אין דיזע געגענד קיין שפור פון די אינדיאנער. ער איז געווען זיכער, אז ווען מיר וועלען קומען אהער, וועלען מיר געוויס זיי באגעגענען, אדער זעהן פון דער ווייטען דעם רויך פון זייער לאגער, אדער וועניגסטענס געפינען צייכענס, אז זיי זיינען דא ניט לאנג געווען. מען זעהט אבער גאר קיין שפור פון זיי. וואס זאל דאס הייסען?

— וויא קומט עס, וואס די אינדיאנער פלעגען קומען געראדע אהער? האט לארד גלענארוואן געפרעגט.

— דא איז דער ארגענטינישער מארק, דער יריד, האט דער פראפעסאר ערקלערט. אהער קומען זיך צונויף די ארגענטיניער און די אינדיאנער און קויפען און פערקויפען זייערע סחורות. די אינדיאנער ברענגען אהער פעל פון חיות, שטרויס פעדערן און אנדערע ארטיקלען פון די פאמפאס. די ארגענטיניער ברענגען פולווער, קוגלען און „פייער וואסער“, שנאפס. אין דיזע צייט, אום זומער, איז דא שטענדיג א יריד, דער גרעסטער מארק צווישען אלע פערשיעדענע אינדיאנער פעלקער און די קויפלייטע פון ארגענטיניען. יעצט אבער איז די געגענד גאנץ שטיל און מען זעהט ניט קיין שפור פון קיין מענשען. דאס וואונדערט אונזער פריינד טהאלקאווע.

— אלזא, וואס זאגט טהאלקאווע? וואס זאל זיין די אורזאכע, וואס יעצט איז דא קיינער ניטא?

— ער ווייס ניט. ער איז ערשטוינט און קען עס ניט פערשטעהן.

— וועלכע אינדיאנער האט ער דען דא געוואלט געפינען?

— די, וועלכע האבען ביי זיך א געפאנגענעם אייראפעער. דעם קאציק (קעניג) קאלפוקורו.

— אלזא, וואס טהוט מען? האט לארד גלענארוואן געזאגט אונרוהיג. ער קען דאך בעסער פון אונז דיזע געגענד, לאז ער אונז געבען אן עצה, וואס צו מאכען.

דער פראפעסאר האט ווייטער אנגעהויבען צו רעדען מיט'ן פאטאגאניער. אין איינינע מינוטען ארום האט ער געזאגט צו זיינע קאמעראדען:

— טהאלקאווע מיינט, אז מיר זאלען זיך יעצט נעהמען רעכטס, ביז מיר וועלען צוקומען צים ערשטען ארגענטינישען פארט (א סארט קרעפאסט) מיט'ן נאמען: פארט אינדעפענדענט. דארט וועלען מיר געוואהר ווערן די אורזאכע, פאר וואס מיר האבען דא קיינעם ניט געטראפען. עס איז אויך זעהר מעגליך, אז מיר וועלען דארט געוואהר ווערן, וואו דער קאציק קאלפוקורו האלט זיך יעצט אויף. מיר קענען דארט געוואהר ווערן, אויב אנדערע אינדיאנער האבען אייראפעאישע געפאנגענע.

— וויא ווייט איז פון דאנען דער פארט אינדעפענדענט? האט לארד גלענארוואן געפרעגט.

— אַ ערך פון זעכציג מייל.

— ווען קענען מיר אהין אנקומען, ווען מיר זאָלען גלייך פאָהרען אהין?

— איבערמאָרגען פאַרנאַכט.

דיעזע נאַכריכטען זיינען געווען זעהר אונאנגענעהם פאר לאָרד גלענארוואן. ער איז געווען זיכער, אז דא וועט ער שוין האבען אלע ־ייטיגע נאַכריכטען איבער קאפּיטאן גראַנט און פלוצלונג לאזט זיך אויס, אז מען געפינט ניט איין אינדיאנער, ניט א שפּור פון אן אינדיאנער אין דיעזער גענענד. עס האט אבער גאר ניט געהאָלפען. מען האט געמוזט טהאן, וויא טהאלקאווע האט געראטהען. ער האט געזעהן, אז ער פערליערט צייט אומזיסט, וואס האט ער אבער געקענט טהאן?

— אלזא, לאמיר פאהרען צום פאָרט אינדעפּענדענט! האט ער ענדליך געזאגט.

טהאלקאווא האט נעגעבען דעם צייכען און אונזערע רייזענדע זיינען געפאהרען, וואו ער האט זיי געוויעזען. דער וועג איז געווען גוט. עס האבען זיך געוויעזען בערגלעך. געגען אבענד זיינען זיי צוגעקומען צו א פארט, א קליינע פעסטונג, טאפּאלקוועם. דער פארט איז געווען לעדיג, אין איהם איז ניט געווען קיין מענש.

איך מוז דא געבען א קליינע ערקלערונג איבער דיעזע פארטס אדער פעסטונגען וועלכע זיינען צו־וואָרפען אויף א גרויסער שטרעקע אויף דער גרענעץ פון דער ארגענטינישען רעפּובליק און פּאַטאַגאָניען *). עס איז א מאל געווען א צייט, ווען דיא רעגיערינג פון ארגענטיניען האט זעהר געוואלט צוציעהען עמיגראַנטען און קאָלאָניזירען דיעזע גענענד. זיא האט בעצוינען עמיגראַנטען פון דייטשלאַנד, האט זיי געבראַכט אויף איהרע הוצאות און האט זיי געשענקט שטיקער לאַנד.

דיא דייטשע בויערן זיינען זעהר גוטע קאָלאָניסטען. זיי קענען מאַכען פון יעדעס לאַנד א גן־עדן. זייערע קאלאניען וואלט געוויס געבליהט און זיי וואָלטען געוויס רייך געוואָרען און זעהר פיעל נוצען געבראַכט דעם לאַנד. דאס אונגליק אבער איז געווען, וואס דיא ווילדע אינדיאַנער האבען ניט צוגעלאזען קיין קאלאניסטען. קוים האט א קאלאניע אנגעהויבען צו בליעהען, זיינען אויף איהר אנגעפאלען אינדיאַנער, האבען געטייטעט, וועמען זיי האבען געוואָלט, האבען געפאנגען, וועמען זיי האבען געקענט און האבען צורויבט דיא קאָלאָניע. דאס האט געצוואונגען דיא ארגענטינישע רעגיערונג, זיא זאל אויסבויען א גאנצע רייהע פון קליינע פעסטונגען אויף דער גרענעץ פון פּאַטאַגאָניען. אין יעדער פעסטונג האט זיך געפונען אן אפיציער מיט צעהן ביז פופציג סאָלדאַטען. קוים האבען זיך געוויעזען אינדאַינער, איז דער אפיציער מיט זיינע סאלדאטען זיי ענטגעגען געגאנגען און האבען זיי פערטריעבען.

באלד אבער האבען זיך אנגעהויבען אין ארגענטיניען אליין אונרוהען עס האבען זיך געבילדעט פּארט־יען, וועלכע האבען געפיהרט קריעג איינע מיט דער אנדערער

*) מיינע לעזער וועלען אויף מיר קיין פעראיבעל ניט האבען, וואס איך פערברייטער מיך אזוי איבער ארגענטיניען. איך טהו עס דערפאר, ווייל פיעלע טויזענדע פון אונזערע אונגליקליכע ברידער אין רוסלאנד און זאגאר אין אמעריקא עמיגרירען יעצט קיין ארגענטיניען. איך וויל זיי דאהער געבען א פאלשטענדיגען בעגריף איבער ארגענטיניען.

מען האט געדארפט דיא סאלדאטען און מען האט זיי צוריקגערופען פון דיא פעסטונגען. פיעלע פעסטונגען זיינען געבליעבען לעדיג. דיאווילדע האבען צערשטערט דיא נייע קאלאניען און דאס לאנד איז וויטער געבליעבען ניט קאלאנזירט.

יעצט, מיין איך, וועלען מיינע לעזער פערשטעהן, וואס עס הייסט, אז אונזערע רייזענדע האבען געפונען דיא פעסטונג לעדיג און קיין מענש איז אין איהר ניט געווען. זיי האבען איבערגענעכטיגט אין דער פעסטונג. טהאלקאווע האט זיך דאך געוואונדערט, וואס ער האט דא קיין שפור פון איין אינדיאנער ניט געפונען.

דעם אנדערן טאג האבען אונזערע רייזענדע דערזעהן דריי רייטער. דיא רייטער זיינען צוגעקומען גאנץ נאהענט, האבען זיי בעטראכט א פאר מינוט און זיינען אוועקגעלאפען פייל אויס׳ן בויגען. איידער לארר גלענארוואן האט זיך אומגעקוקט, זיינען זיי שוין געווען גאנץ ווייט.

— גאאוטשאס! האט געזאגט טהאלקאווע.

— אזוי! דאס זיינען גאאוטשאס? האט דער מאיאר געזאגט. נו, פראפעסאר, וויא געפעלען אייך דיא דריי קערלע, וועלכע זיינען נור וואס אנטלאפען געווארען? וויא וויזען זיי אויס?

— איך מיין, אז זיי וויזען אויס, וויא רויבער און באנדיטען.

— ניט נור זיי וויזען אויס, זיי זיינען טאקע רויבער און באנדיטען! האט דער מאיאר אויסגערופען.

— עס איז ריכטיג, האט דער פראפעסאר געזאגט. דאס זיינען רויבער.

אלע האבען געלאכט. זיי האבען זיך דערמאנט, אז מיט איינינע טעג צוריק האט זיך דער פראפעסאר שיער ניט געשלאגען מיט׳ן מאיאר דערפאר. ער האט אלץ געזאגט, אז דיא ארגענטיניער פארמער אדער גאאוטשאס זיינען גוטע מענשען. דער פראפעסאר אבער האט זיך געמאכט ניט וויסענדיג, וואס מען לאכט פון איהם. ער האט געמאכט א גאנץ אנדערע בעמערקונג.

— וואונדערבאר! האט ער געזאגט. מען האט מיר דערצעהלט, אז דיא ווילדע אראבער האבען גוטע אויגען. זייער בליק איז גוט און פריינדליך. זיי מעגען זיין דיא גרעסטע רויבער און דיא שרעקליכסטע מערדער, ליעגט אין זייער בליק עטוואס גוטעס, מענשליכעס, נור זייער מויל צייגט, אז זיי זיינען ווילד. ביי דיעזע גאאוטשאס אבער איז דער בליק ווילד, גרויזאם און אונמענשליך. זייערע אויגען זיינען, וויא דיא אויגען פון א ווילדע חיה.

דער מאיאר האט איהם אויסגעהערט גאנץ אויפמערקזאם. דיעזע בעמערקונג איז געווען זעהר ריכטיג און האט געוויעזען, אז פאגאנעל איז ווירקליך א גרויסער נעלערנטער און א גוטער מענשענקענער. ער האט זעהר ריכטיג אויפגעפאסט דעם כאראקטער פון דיא גאאוטשאס.

געגען אבענד זיינען זיי צוגעקומען צו א סארט דארף אדער לאגער פון אינדיאנער. עס איז אבער געווען לעדיג. קיין שפור פון א מענשען. טהאלקאווע האט זיך גוט אומגעסוקט און האט ערקלערט, אז דיא איינוואוינער זיינען שוין לאנג אוועק פון דאנען.

וואס נעהנטער זיי זיינען געקומען צו דער הויפטשטאדט פון ארגענטיניען, בוע־נאס־איירעס, אלץ לעבעדיגער און פרעהליכער איז געווארען די געגענד. זיי האבען בעגעגענט גרויסע „עסטאנסיאס", אדער פארמס. דיעזע פארמס זיינען אבער ניט, וויא אין אנדערע געגענדען אין אמעריקא, וואו מענשען בעשעפטיגען זיך מיט ערד־ארבייט, מיט אקערן און זייען. די ארגענטיניער עסטאנסיאס זיינען ערטער, וואו די פארמערס האלטען זייערע בהמות. טויזענדע קיה, אקסען, שעפסען און פערד זיינען ארומגעגאנגען פריי אין די פאמפאס און האבען זיך אליין אויסגעזוכט זייער עסען און טרינקען. די ערד איז אין ערטער בעדעקט מיט זאלץ. דאס ליעבען די בהמות. זיי ווערן דערפון פעט.

זיי זיינען צוגעקומען צו א „סאלאדערא", אן ארט, וואו מען טוידטעט די בהמות. א גרויסער פלאץ ווערט ארומגעצוימט מיט פלעקער און מיט צווייגען פון ביימער. מען פערטרייבט אהין די קיה, אקסען און שעפסען און מען קיילעט זיי הונ־דערטער וויים. עס פערקלעמט איינעם ביים הארצען, ווען ער געהט פאראיבער לעבען אזא ארט און זעהט, מיט וואס פאר א ווילדקייט די גלאטשאס טוידטען די בהמות. אמאל פלעגט מען שלאכטען די בהמות נור צו ליעב זייער פעל. דאס פלייש האט גאר קיין ווערטה ניט געהאט. מען פלעגט עס צוואר איינזאלצען און ברענגען קיין בוענאס איירעס, דער פרייז פון פלייש אין ארגענטיניען איז אבער אזוי ניעדעריג, אז עס פלעגט זיך ניט לוינען, עס צופיהרען אזוי וויים. ערשט גאר ניט לאנג האט אן ענגלענדער אויסגעפונען א מיטעל, וויא אזוי צו פערפריערען דאס פלייש. ער האט געמאכט א סארט אייז־באקס, וואו דורך געוויסע בעמישע מיטעל קען מען מאכען אזא קעלט, אז דאס פלייש ווערט אין איינעגע מינוטע פערפרארען. יעצט זיינען דא גאנצע שיפען, וועלכע זיינען אזוי איינגעריכטעט, אז מען לאדעט זיי אן מיט פריש פלייש, וועלכעס ווערט באלד פערפרארען. אויף דיעזע שיפען פיהרט מען מיליאנען פונט פלייש פון בוענאס איירעס קיין לאנדאן. דאס פלייש קומט אן אין לאנדאן אזוי פריש, גלייך וויא עס וואלט געוועזן נור וואס פון דער שחיטה.

דיעזע נייע ערפינדונג פון׳ם ענגלענדער האט אנגעמאכט א רעש אין ארגענטי־ניען און אין ענגלאנד. די ארגענטיניער גאאוטשאס ווערן רייך דערפון און די פריי־זען פון פלייש אין ענגלאנד זיינען שטארק געפאלען. באלד וועט ארגענטיניען פערזארגען גאנץ אייראפא מיט פריש פלייש. עס האט זיך געבילדעט א קאמפאניע מיט א גרוי־סען קאפיטאל, וועלכע בויט שיפען נאך דעם פלאן פון׳ם ענגלענדער און שיקט אויף זיי פלייש קיין אייראפא.

מהאלקאווע האט זיי ניט געלאזען זיך אפשטעלען ביי די עסטאנסיא׳ס און סאלאדעראס. ער האט געוואלט נאך אין דעמזעלבען טאג אנציהען קיין פארם אינדעפענדעט. ער האט זיי זאגאר ניט געלאזען זיך אפשטעלען, ווען זיי זיינען צוגע־קומען צו ריכטיגע פארמס. אונזערע רייזענדע האבען נור געקענט זעהן, אז די הייזער פון די פארמערס זיינען געבויט אויף א בערגעל. און זיינען ארומגערינגעלט פון א טיעפען גראבען, ווייל די פארמערס האבען מורא, אז די אינדיאנער זאלען אויף זיי ניט אנפאלען. פון א בארג קען מען ווייטער זעהן און מען קען בעסער שיעסען אויף די פיינד.

געגען אבענד זיינען זיי געקומען אין דער געגענד טאנדיל, וואו עס געפינט זיך דיא פעסטונג אינדעפענדענס. אין א שטונדע ארום זיינען זיי אנגעקומען אין שטעדטעל, אדער דערפעל טאנדיל, וועלכע ליעגט אין א טאהל אונטערן שוץ פון דער פעסטונג אינדעפענדענס, וועלכער שטעהט באלד אויפ'ן בארג.

21טעם קאפיטעל.

א פאלשע שפור.

דאס שטעדטעל אדער דער דערפעל טאנדיל איז א זעהר וויכטינער פונקט אין ארגענטיניען. עס איז א וויכטיגער האנדעלס פונקט. אהין קומען זיך צונויף אינדיאנער און ארגענטיניער און פיהרען א האנדעל צו זאמען. דער האנדעל איז געוועהנליך א טוישהאנדעל. דיא אינדיאנער ברענגען פעל פון חיות און אנדערע ארטיקעל און דיא ארגענטיניער גיבען זיי פולווער, קוגעלן, ביקסען, מעסערס, שעערן און אנדערע ארטיקעל. געלד ווערט וועניג געברויכט. דיא אינדיאנער ווילען נים נעהמען דאס ארגענטינישע פאפיער געלד. זיי זיינען נאך ניט אזוי וויט ציוויליזירט, זיי זאלען פערשטעהן דעם ווערטה פון פאפיער געלד. גאלד און זילבער איז אין ארגענטיניען דא זעהר וועניג.

וואונדערבאר! דיעזער וויכטינער פונקט אין ארגענטיניען איז בעוואינט אויסשליסליך פון פראנצויזען און איטאליענער. אין טאנדיל וואינט נים איין שפאניער. נור אין דער פעסטונג אינדעפענדענס, וועלכע שיצט טאנדיל, געפינען זיך ארגענטיניער. וויא עס ווייזט אויס, געפינען דיא ארגענטיניער, אז דיא פראנצויזען און איטאליענער זיינען צו פיעל געבילדעט פאר זיי.

אונזערע רייזענדע זיינען אנגעקומען קיין טאנדיל און זיינען צוגעפאהרען צו א גאסט הויז. עס איז געווען שפעט און מען האט זיך באלד געלעגט שלאפען, זעלבסט־פערשטענדליך, אויף דער ערד. עס קומען זעהר וועניג רייזענדע קיין טאנדיל און דאס איינציגע גאסט הויז אין שטעדטעל איז נאך נים איינגעריכטעט אויפצונעהמען געסט.

דעם אנדערן טאג גאנץ פריה איז לארד גלענארוואן, ראבערט, דער פראפעסאר און טהאלקאווע געגאנגען אין דער פעסטונג זיך נאכפרעגען אויפ'ן קאציק קאלפוקורו. ביי דעם טויער פון דער פעסטונג איז געשטאנען אן ארגענטינישער סאלדאט אויף דער וואך און האט געגענעצט. עס האט איהם זעהר וועניג געקימערט, וואס פרעמדע זיינען אנגעקומען. ער האט זיך אויף זיי גאר נים אומגעקוקט. אין הויף פון דער פעסטונג האט אן אפיציער געלערנט זיינע סאלדאטען מארשירען. דאס זיינען געווען מייםטענס יונגע לייט, כמעט קינדער, וועלכע האבען זיך געלערנט שיעסען און מארשירען. דייערע קליידער זיינען בעשטאנען פון א ברייט העמד מיט ווייסע און בלויע פאסען צוגעבונדען צום קערפער מיט א לעדערנעם גארטעל. קיין אונטער קליידער, אדער הויזען, האבען זיי נים געטראגען. עס איז נים אין דער מאדע.

דער פראפעסאר האט אויסגעפונען, אז דיא ארגענטינישע רעפובליק איז דיא איינציגע רעגירונג אויף דער וועלט, וועלכע וויל נים אויסגעבען קיין געלד אויף שעהנע מונדירען פאר איהרע סאלדאטען. דאס בענעהמען פונ'ם אפיציער געגען זיינע סאלדאטען איז געווען אזוי פריינדליך און ברידערליך, אז עס האט זיך אויסגעוויעזען, אז א

י׳ קאמאנדירט פופצעהן אנדערע באָ׳ים. קיינער פון דיא סאלדאטען איז ניט געשטאנען פארן אפיציער גלייך אויסגעשטרעקט, קיינער האט איהם ניט אפגעגעבען „דיא עהרע“. יעדער איז געגאנגען פריי, וואוהין ער האט אליין געוואלט און האט געטהאן, וואס ער האט געוואלט.

פאנאנעל האט זיך ניט געקענט אפרייסען פון דיזעס זעלטענע שוישפיעל. ער האט געזעהן, וויא מען לערנט סאלדאטען אין פראנקרייך, וויא דיא סאלדאטען שטעהן אויסגעשטעלט אין א גלייכער ליניע; וויא זיי געהן, שטעהן, הייבען דיא הענד און לאזען זיא אראפּ אויף בעפעהל. דא איז אלעם געווען אנדערש. דא איז געווען א פאמיליע, אדער קינדער פון איין פאמיליע, וועלכע האבען זיך גלאט געשפיעלט.

לארד גלענארוואן אבער איז ניט געקומען אהער קוקען, וויא מען לערנט אראוקאניזע סאלדאטען. ער האט מיט געוואלד אוועקגעשלעפּט דעם פּראפעסאר פון׳ם הויף. ער האט זיך געפרעגט צום קאמענדאנט. מען האט איהם געוויעזען אויף א קליין ניעדעריג שטיבעלע אין א זייט. דארט האט געוואינט דער קאמענדאנט. זיי זיינען אריינגעקומען צום קאמענדאנט. דאס איז געווען א מאן פון א יאהר פופציג, הויך און שטארק מיט אן אויסזעהן פון א דייטשען אדער פראנצויזישען פעלדוועבעל. ער האט אויפגענומען אונזערע רייזענדע פריינדליך און האט זיי געבעטען זיצען אויף א לאנגער, ווייסער, הילצערנער באנק, וועלכע איז געשטאנען לעבען אן איינפאכען ווייסען טיש. קיין שעהנערעס מעבעל איז אין שטוב ניט געווען.

טהאלקאווע איז געווען דער דאלמעטשער. ער האט ערקלערט דעם קאמענדאנט ווער אונזערע רייזענדע זיינען און דעם צוועק פון זייער רייזע. עס האט געדויערט א גערוימע צייט, ביז טהאלקאווע האט אלעם ערקלערט. אין דער גאנצער צייט וואס טהאלקאווע האט גערעדט, האט דער קאמענדאנט קיין אויג ניט אראפּגעלאזען פון׳ם פּראפעסאָר. פאגאנעל איז געווארען אונרוהיג. ער האט אויף קיין פאל ניט געקענט פערשטעהן, פאר וואס דער קאמענדאנט קוקט אזוי שטארק אויף איהם. פלוצלונג האט זיך דער קאמענדאנט אויפגעהויבען פון זיין ארט, איז צוגעגאנגען צום פּראפעסאר, האט איהם אנגענומען בייביידע הענד און האט איהם געזאגט הערצליך און פריינדליך אויף פראנצויזיש:

— ביסט דוא א פראנצויז?

— יא, איך בין א פראנצויז, האט דער פּראפעסאָר געענטפערט.

— בראווא! בראווא! האט אויסגערופען דער קאמענדאנט. איך בין אויך א פראנצויז און בין גליקליך צו זעהן א לאנדסמאן, וועלכער קומט ערשט פון מיין ליעבען, טהייערן פראנקרייך.

— איז ער אייערער א בעקאנטער? האט געפרעגט דער מאיאר, וועלכער האט ניט פערשטאנען קיין פראנצויזיש.

— געוויס! האט געענטפערט דער פּראפעסאר אביסעל שטאלץ. מיר, פראנצויזען, זיינען אלע בעקאנטע. מיר זיינען אלע פריינד, וואו מיר טרעפען זיך.

דער קאמענדאנט האט געהאלטען דעם פּראפעסארס הענד אזוי שטארק, אז פאגאנעל האט זיך קוים געקענט ארויסרייסען פון איהם. באלד האבען ביידע פראנ־

צוּיזען אנגעהויבען צו רעדען. דער קאמענדאנט האט דערצעהלט זיין לעבענסגעשיכטע. זיינע עלטערן זיינען געקומען קיין ארגענטיניען, ווען ער איז נאך געווען נאר א קינד. ווען ער איז עלטער געווארען, איז ער אריינגעטרעטען אין דער ארגענטי־נישער ארמעע. אין דיא פערשיעדענע ארגענטינישע בירגער קריעגע איז ער געווארען אפיציער און אין 1836 האט מען איהם געמאכט פאר קאמענדאנט אין פארט אינדע־פענדעס. ער האט באלד געהייראטהעט אן אינדיאנישעס מעדכען, וועלכע האט איהם אנגעהויבען צו שענקען אלע צוויי יאהר א צווילינג. ער האט יעצט צוועלף קינדער, אלע זיהן.

— זיי וועלען אלע זיין פארטרעפליכע סאלדאטען, האט דער פרעהליכער פראנ־צויז געענדיגט זיין לאנגע ערצעהלונג. איהר האט זיי געוויס געזעהן מארשירען, ווען איהר זייט אריינגעקומען אין פארט, מיין אינגסטער זוהן, פעפע, איז ערשט זיעבען יאהר אלט, ער איז שוין אבער א גוטער סאלדאט.

ער האט געוואלט אביסעל שטאלצירען מיט זיינע קינדער, בעזאנדערס מיטן אינגסטען.

— פעפע! פעפע! האט ער אנגעהויבען צו רופען.

באלד איז פעפע אריינגעקומען אין צימער. דאס איז געווען א האלב ווילדער אינדיאנער. דיא פארב פון זיין הויט איז געווען ברוין, וויא קופער, זיינע האר זיינען געווען לאנג און שווארץ. וויא עס ווייזט אויס, האט ער קיין מאל ניט געוואוסט, וואס א קאם איז און צו וואס מען בענוצט עס. זיך פערקעמען דיא האר איז ניט אין דער מאדע אין יענע געגענדען.

— פעפע! האט זיך דער קאמענדאנט געווענדעט צו זיין צוועלפטען זוהן, ווייז נור דיעזע העררען, אז דוא קענסט דעם מוסטער, וויא א גוטער ארגענטינישער סאלדאט.

פעפע האט גענומען א ביקס פון א ווינקעל און האט זיך געשטעלט גלייך פאר זיין פאטער. דער פאטער האט קאמאנדירט: רעכטס! לינקס! האנד אויף! האנד אב! און דער זוהן האט אלעס נאכגעטהאן, וויא א גוט געאיבטער סאלדאט.

לארד גלענארוואן איז געשטאנען, וויא אויף שפילקעס. ער האט געוואלט רעדען פון'ם צוועק פון זיין רייזע און עס האט איהם זעהר ווייניג געקימערט, וויאפיעל זיהן דער קאמענדאנט האט און אויב זיי זיינען שלעכטע סאלדאטען. ער האט אפאר מאל פראבירט רעדען, אבער ניט דער פראפעסאר, ניט דער קאמענדאנט האבען איהם געוואלט הערן. ווען צוויי פראנצויזען הייבען אן צו רעדען, ווען איהר זיי ניט צוטרייבען מיט באמבעס. זיי מהען זיך אויסרעדען. עס איז פערגאנגען א גאנצע שטונדע, איידער ביידע פראנצויזען האבען זיך אויסגערעדט, ריכטיגער געזאגט, זיי זיינען מיעד געווארען רעדענדיג. טהאלקאווע איז געשטאנען דיא גאנצע צייט און האט זיי בעטראכט, וויא דיא וואהנזיניגע. ענדליך, ווען זיי זיינען שטיל געבליעבען, האט ער געפרעגט דעם קאמענדאנט:

— וויא קומט עס, וואס מיר האבען אין ערגעץ ניט בעגעגענט קיין אינדיאנער? מיר זיינען געווען אויף דיא פלעצער, וואו זיי קומען זיך צונויף האנדלען מיט דיא אר־גענטיניער; מיר זיינען דורכגעפאהרען דיא גאנצע געגענד, וואו זיי האלטען זיך געוועהנליך

אויף און מיר האבען אין ערגעץ קיינעם ניט געטראפען. וויא קומט עס?

— זיי זיינען דא מעהר ניטא איבערן קריעג, האט דער קאמענדאנט געענטפערט.

— קריעג? וואס פאר א קריעג?

— צווישען ארגענטיניען און פאראגוואי איז יעצט אויסגעבראכען א קריעג.

— וואס געהט דאס אן דיא אינדיאנער. וואס צווישען ארגענטיניען און פאראגוואי איז א קריעג?

— דיא אינדיאנער בענוצען דעם קריעג אום צו רויבען. אייניגע האבען זיך פעראייניגט מיט'ן גענעראל פלארעס, דעם קאמאנדיר פון דער ארגענטינישען ארמעע. זיי פאלען אן אויף די דערפער און פארמס אין פאראגוואי און רויבען און מארדען דיא איינוואוינער. אנדערע זיינען צו געשטאנען צו דער ארמעע פון פאראגוואי און רויבען און מארדען דיא איינוואוינער פון בועגאס אייערעס.ביידע רעגיערונגען בעצאהלען זיי זעהר גוט פאר זייערע מערדערייען און רויבערייען.

— און וואו זיינען דיא קאציקען? האט טהאלקאווא ווייטער געפרעגט.

— דיא קאציקען זיינען געגאנגען מיט זייערע פעלקער אין קריעג.

ערשט יעצט האט זיך דער פראפעסאר דערמאנט, אז אין ארגענטיניען איז יעצט א קריעג איבער א פרעזידענט. דאס לאנד פארגוואי האט אויפגעשטעלט איהר פרעזידענט און בועגאס אייערעס האט איהר פרעזידענט. דיא אינדיאנער בענוצען אזא געלעגענהייט. זיי נארען אפ ביידע פארטעיען, פערדינגען זיך אלס שפיאנען, אלס סאלדאטען. זיי טהוען אבער גאר ניט, נור זיי רויבען, מארדען און מאכען געפאנגענע.

לארד גלענארוואן איז געווען פערצווייפעלט. דער גאנצער צוועק פון זיין רייזע איז יעצט פערניכטעט. זיי האבען אזוי פיעל געליטען, זיינען איבערגעשטאנען אזוי פיעל ליידען און צום סוף זיינען די אינדיאנער, וועלכע האלטען קאפיטאן גראנט געפאנגען ערגעץ אוועקגעגאנגען. — וואו? וויא קען מען זיי יעצט זוכען? קען מען זוכען דעם ווינט אין פעלד? — לארד גלענארוואן האט אראפגעלאזען טרויעריג דעם קאפ אויף דער ברוסט און האט זיך פערטראכט. ענדליך איז דער מאיאר געפאלען אויף א שכל.

— ווען דער קאמענדאנט פון דיעזער פעסטונג איז אזוי גוט בעקאנט מיט דיא אינדיאנער, האט ער געזאגט צו לארד גלענארוואן, דארף ער דאך וויסען, אויב דער קאציק קאלפוקורו האט געהאט א געפאנגענעם? זיין פרוי איז אן אינדיאנערין, צו איהר קומען געוויס איהרע לאנדסלייט און איהרע פערוואנדטע אויף וויזיטען. זיא ווייס געוויס פון אלעמען, וואס עס קומט פאר אין דיא פאמפאס.

לארד גלענארוואן האט געפרעגט דעם קאמענדאנט אויף פראנצויזיש, אויב ער ווייס ניט פון א געפאנגענעם אייראפעער ביים קאציק קאלפוקורו?

— געוויס, ווייס איך, האט דער קאמאנדאנט געענטפערט.

דיעזע ווערטער האבען אלעמען אויפגערעגט, אלע האבען זיך ארומגעשטעלט ארום קאמענדאנט, אלע זיינען געווען נייגעריג צו הערען פון איהם, וואס מיט דעם געפאנגענעם איז געשעהן.

— דערצעהלט אונז! דערצעהלט אונז אלעס, וואס איהר ווייסט פון'ם געפאנ-

גענעם! האבען זיך אלע אנגערופען מיט איין קויל. דאס איז דאך דער צוועק פון אונזער רייזע.

דער קאמענדאנט האט געטראכט איינינע מינוטען, דאן האט ער געזאגט.

— מיט איינינע יאהר צוריק האט דער קאציק קאלפוקורו געפאנגען גענומען עטליכע אייראפעער. איך ווייס דערפון, אבער איך האב זיי ניט געזעהן, ווייל די אינדיאנער קומען קיין מאל ניט מיט זייערע געפאנגענע צום פארט. זיי האבען מורא, אז מען זאל זיי דא ניט בעפרייען.

— ווען איז דאס געווען? האט לארד גלענארוואן געפרעגט.

— מיט עטליכע יאהר צוריק.

עס קען ניט זיין! האט לארד גלענארוואן אויסגערופען. עס איז ערשט צוויי יאהר זייט קאפיטאן גראנט האט געליטען שיפברוך אין דיעזער געגענד.

— ניין, מילארד, האט דער קאמענדאנט געענטפערט. עס איז שוין מעהר אלס דריי יאהר. עס איז געווען.... עס איז געווען....ווען פעפע איז אלט געווען א יאהר....

דער קאציק קאלפוקורו האט געהאט צוויי געפאנגענע. —

— דריי, מיינט איהר.

— ניין, צוויי.

— ענגלענדער? האט לארד גלענארוואן ווייטער געפרעגט.

— ווער זאגט אייך, אז זיי זיינען געווען ענגלענדער? האט זיך דער קאמענדאנט געבייזערט. — עס איז געווען א יין פראנצויז און א יין איטאליענער. דעם איטאליענער האבען די אינדיאנער געטויטעט און דער פראנצויז האט זיך געראטעוועט. אזוי האט מע מיר געזאגט.

— אה! יעצט פערשטעה איך אלעס! האט אויסגערופען דער פראפעסאר. יעצט האט זיך אלעס אויפגעקלערט. יעצט איז מיר אלעס דייטליך.

— וואס פערשטעהט איהר? האט לארד גלענארוואן געפרעגט. וואס איז אייך אזוי דייטליך?

— מיינע פריינד! האט געזאגט דער פראפעסאר ערנסט. עס טהוט מיר לייד, אייך צו זאגען א טרויעריגע וואהרהייט. מיר האבען א טעות געהאט. מיר זיינען נעגאנגען אויף א פאלשע שפור. קאפיטאן גראנט איז קיין מאל ניט געווען געפאנגען ביים קאציק קאלפוקורו. דאס איז גאר געווען א פראנצויז ביי איהם געפאנגען. איהר הערט דאך אלע, אז דאס איז געשעהן מיט פינף—זעקס יאהר צוריק. איך האב אויך געהערט פון דער געשיכטע. דאס איז געווען א פראנצויז מיט'ן נאמען גוסטאף גינאר, איך האב איהם געקענט. די אינדיאנער האבען איהם עטליכע יאהר ארומגעשלעפט מיט זיך, ביז עס איז איהם געלונגען צו אנטלויפען. פאר מיין אברייזע קיין קאלקוטא איז ער געקומען קיין פאריז. אלע צייטונגען זיינען געווען פול מיט איהם. מיר האבען געמאכט א גרויסען פעהלער. מיר זיינען נאכגעגאנגען די שפור פון'ם פראנצויזישען גינאר.

אלע האבען געשוויעגען. יעדער האט איינגעזעהן אז דער פראפעסאר האט רעכט, אז זיי האבען געמאכט א פעהלער אונגער, אבער דאך א פעהלער. עס איז

וואהר, אז טהאלקאווע האט זיי פערפיהרט. איז ער אבער שולדיג דארין ? קען מען איהם בעשולדיגען ? ער האט געזאגט, וואס ער האט געוואוסט. ער וויים ניט קיין אונטערשיעד פון א פראנצויז ביז אן ענגלענדער. ביידע זיינען ביי איהם אייראפּעער.

דער פּראָפעסאר האט יעצט ערקלערט טהאלקאוון דעם פעהלער, וואס ער האט בעגאנגען.

— האט איהר ניט געהערט פון געפאנגענע ענגלענדער ? האט דער פּראָפעסאר געפרעגט דעם קאמענדאנט.

— ניין ! האט דער קאמענדאנט געענטפערט. זייט יענע צוויי, דער פראנצויז און דער איטאליענער, זיינען געפאנגען געווען, האבען דיא אינדיאנער קיין אייראָפּעער ניט געפאנגען.

— ווייסט איהר עס פאר געוויס ? האט דער פּראָפעסאר ווייטער געפרעגט.

— איך וויים עס פאר געוויס. ביי אונז ווייס מען פון אלעמען, וואס עס קומט פאָר ביי דיא אינדיאנער.

— האט איהר ניט געהערט פון א שיף, וועלכע איז אונטערגעגאנגען ערגעץ לעבען פּאטאגאָניען ?

דער קאמענדאנט האט זיי דערצעהלט אלעס, וואס ער האט געוואוסט פון שיפען, וועלכע זיינען אין דיא לעצטע צוויי יאהר אונטערגעגאנגען אין יענע געגענדען. אבער די מאטראזען און דער שיפסקאפּיטאן האבען זיך גערעטעט און זיינען געפאהרען קיין בוענאס איירעס אדער קיין טשילי.

נאך דעם אלעמען, וואס דער קאמענדאנט האט דערצעהלט, האבען זיי געזעהן גאנץ דייטליך, אז זיי האבען דא מעהר ניט וואס צו טהאן. עס איז געווען אומזיסט זייער גאנצע רייזע, קאפּיטאן גראנט האט געליטען שיפברוך ניט אין פּאטאגאניען, זאָנדערן ערגעץ אנדערש. דער קליינער ראָבערט האט געוויינט, ווען מען האט איהם אלעס ערקלערט. לארד גלענארוואן איז געווען אין דער גרעסטער פערצווייפלונג. דער פּראפעסאר איז געווען טרויעריג און האט גערעדט צו זיך אליין. דער מאיאָר און טהאלקאווע זיינען געשטאנען, וויא שטיקער האלץ און האבען קיין וואָרט ניט גערעדט.

מען האט געמוזט ענדליך געהן צוריק אין גאסטהויז און טראַכטען, וואס מען זאל ווייטער טהאן. דער קאמענדאנט איז צוואר געווען זעהר העפליך און האט זיי איינגעלאדען אויף מיטאג. ער האט זיי געוואלט ווייזען, אז זיין פרוי, דיא אינדיאנערין, קען זעהר גוט קאָכען. אונזערע רייזענדע אבער זיינען געווען אזוי טרויעריג, אז זיי האבען זיך אפּגעזאגט פון דער עהרע צו עסען אן אינדיאנישען מיטאג. זיי האבען זיך געזעגענט מיטן קאמענדאנט, האבען איהם געדאַנקט, פאר דיא נאכריכטען, וואס זיי האבען פון איהם ערהאלטען און זיינען צוריק געגאנגען קיין טאנדיל אין גאסט־הויז, וואו זיי האבען געלאזען זייערע פערד.

ווען זיי זיינען אנגעקומען אין גאסט־הויז, האט דער פּראפעסאר געבעטען לארד גלענארוואן, ער זאל איהם געבען דיא בריעף, וואס ער האט געפונען אין פלאש. ער האט זיך אניעדער געזעצט אין דרויסען אונטער א בוים און האט זיי אנגעהויבען נאך א מאל צו לעזען און צו קלערן וואס אין דיא בריעף שטעהט. ער האט געטראַכט

געקלערט, קאָפּקרייצעניש דעם שטערן. ענדליך איז ער צוגעגאנגען צו לאָרד גלענארוואן און האט איהם געזאגט.

— קוים איז קאפיטאן גראנט ניטא אין דיא פאמפאס, איז ער ניטא אין אמעריקא.

— אבער דיא בריעף זאגען דאך דייטליך פאטאגאניען! האט לארד גלענארוואן אויסגערופען.

— מיר האבען דיא בריעף פאלש געלעזען. ער איז ניטא אין פאטאגאניען. ער האט געליטען שיפברוך אין אנאנדער געגענד. איך וועל עס אויסגעפינען. איך וועל אויסזוכען אלע לאנדקארטען פון דער וועלט, ביז איך וועל עס אויסגעפינען. ווען איך וועל עס ניט אויסגעפינען, זאל איך ניט הייסען זשאק פאגאנעל.

22טעם קאפיטעל.

דיא פערפלייצונג.

זיי האבען איבערגענעכטיגט אין טאנדיל. דיא נאכט האבען זיי פערבראכט זעהר טרויעריג. לארד גלענארוואן, ראָבערט און דער פּראָפעסאָר זיינען א גאנצע נאכט ניט געשלאָפען. דער פּראָפעסאר האט זאגאר פערגעסען צו בעטראכטען טאנדיל. ער איז געוועזען אזוי פערטיעפט אין זיינע געדאנקען און פאָרשונגען, אז ער האט פארגעסען אן זיין געאגראפיע.

אין דער פריה האט מען דאך געמוזט פאהרען. זיי זיינען דאך ניט געקומען בעזעצען זיך אין טאנדיל. לארד גלענארוואן האט געפרעגט טהאלקאווען, וויא ווייט זיי האבען נאך ביז אין פּאָרט סאן אַנטאָניא, וואו זיין שיף, דיא „דונקאן" ווארט אויף איהם. טהאלקאווע האט ערקלערט, אז ווען זיי וועלען ניט האבען קיין איבערשלאַג אויפ'ן וועג קענען זיי קומען קיין סאן אנטאָניא אין פיער טעג.

עס האט גאר ניט געהאלפען. מען האט געמוזט פאהרען. טהאלקאווע האט אנגעזאטעלט דיא פערד, האט געקויפט אביסעל פּראָוויאנט, איינינע זאכען, וואס האט זיי אויסגעפעהלט, און האט געגעבען א צייכען צום פאהרען.

טרויעריג איז מען ארויסגעפאהרען פון טאנדיל. טרויעריג איז מען געפאהרען ווייטער. קיינער האט ניט גערעדט קיין וואָרט. לארד גלענארוואן איז געוועזען אזוי ניעדערגעשלאגען, אז ער איז געזעסען אויף זיין פערד, וויא א לעהמענער גולם. ער האט זאגאר ניט געוואָלט קוקען צו ראָבערט'ן. עס האט איהם געריסען דאס הערץ, יעדעס מאל, ווען ער האט א קוק געטהאן אויף דאס אונגליקליכע קינד.

לאנגזאם זיינען זיי געפאהרען ווייטער. יעצט זיינען זיי געפאהרען אויף א זיכערן וועג, גלייך צום אטלאנטישען וועלט-מעער. דער טאג איז געוועזען זעהר הייס. זיי האבען אבער בעגעגענט אויפ'ן וועג פיעלע טייכען און טייכלעך מיט פרישעס, גוטעס וואסער. דיא געגענד האט זיך באלד געענדערט. זיי זיינען ארויסגעפאהרען פון דיא פאמפאס. זיי זיינען געפאהרען זעהר שנעל און זיינען דעם ערשטען טאג איינגעפאהרען איבער פערציג מייל. דעם אנדערן טאג האט זיך דאס וועטער אין גאנצען געענדערט. דער הימעל האט זיך בעדעקט מיט שווערע, שווארצע וואלקענס. א קאלטער ווינד האט אנגעהויבען צו וועהן פון'ם מעער. געגען מיטאג האט אנגעהויבען שטארק צו רעגענען.

זיי זיינען געפאהרען זעהר לאנגזאם. יעדער האט זיך געמוטט איינהילען אין זיין דעק. זיי האבען ניט געפונען קיין ארט, וואו זיך צו שיצען געגען רעגען. זיי האבען קיין אייסגעזוכט א בערגעל, וואו איבערצוגעכטיגען. אויפ'ן בערגעל איז דאך ניט געווע אזוי נאס און מען האט זיך געקענט לעגען אויף דער ערד איינגעהילט אין א דעק.

דעם דריטען טאג אין דער פריה האט דער רעגען אביסעל אויפגעהערט, דער וועג אבער איז געווארען זעהר שווער. אומעדום האבען זיי געטראפען טייכלעך און טיעפע גריבער מיט וואסער, וועלכע מען האט געמוזט גאנץ פארזיכטיג ארומפאהרען. וואס וויטער זיי זיינען געפאהרען, איז דיא געגענד געווארען אלץ זומפיגער און בעדעקט מיט וואסער. פון צייט צו צייט האט ווידער אנגעהויבען צו רעגענען. זיי זיינען געקומען אין ערטער, וואו דיא פערד זיינען אריינגעפאלען ביז אין בויך אין זומפ און מען האט זיי מיט שווערער מיה געמוזט ארויסשלעפען. דער וועג איז געווארען מיט יעדער מינוט נעפעהרליכער. ראבערט איז געראדע ארויסגעפאהרען אייניגע צעהנדליג שריט פאראויס. פלוצלונג האט ער זיך אומגעקעהרט און האט געשריען:

— הערר פראפעסאר! הערר פראפעסאר! דא וואקסען הערנער פון דער ערד!

— וואס רעדסט דוא, מיין קינד? איך געפין ניט אין דער געאגראפיע אן ארט, וואו עס וואקסען הערנער.

— איך וויים, וואס איך רעד, הערר פראפעסאר, האט ראבערט געענטפערט. דאס איז א זאנדערבארעס לאנד. דא וואקסען הערנער פון דער ערד, וויא ביי אונז אין ענגלאנד וואקסט ווייץ. איך וואלט א בעלן געוועזן צו ברענגען קיין ענגלאנד א פראבע פון דיעזע זאנדערבארע פרוכט.

— עפעס רעדט ער גאנץ ערנסט, האט דער מאיאר געזאגט. מען מוז זעהן, וואס דארט איז אזעלכעס.

— יא, יא, הערר מאיאר, איך האב אליין געזעהן א וואלד פון הערנער.

זיי זיינען צוגעקומען נעהנטער צו דעם ארט, וואו ראבערט האט זיי אנגעוויזען און האבען דערזעהן מיט שטוינען, אז פון דער ערד האבען ארויסגעשטעקט גרויסע, לאנגע הערנער פון קיה און אקסען. זיי זיינען געבליעבען שטעהן, וויא צוגעשמידט צו זייער ארט פאר שטוינען.

— נו? וואס זאגט איהר יעצט? הערר פראפעסאר? האט ראבערט געפרעגט. וואס איז דאס?

דער פראפעסאר האט ניט געוואוסט וואס צו ענטפערן. ער האט ניט פערשטאנען. ער האט זיך געווענדעט צו טהאלקאווע און האט איהם געפרעגט, וואס דאס איז?

— דיא הערנער שטעקען ארויס פון דער ערד, אבער דיא אקסען זיינען אונטען, האט טהאלקאווע געענטפערט רוהיג.

— וואס רעדט איהר? האט דער פראפעסאר אויסגערופען. דאס קען ניט זיין! איז עס מעגליך, אז א גאנצע העערדע אקסען זיינען פערזונקען געווארען אין זומפ! וויא קען דאס זיין? דיא בהמות זיינען דאך זעהר פארזיכטיג.

— דאס קען זעהר גוט זיין, האט טהאלקאווע געענטפערט רוהיג. עס איז אויף זיי אנגעפאלען א שרעק. זיי האבען זיך שטארק דערשראקען און זיינען אנטלאפען

געווארען. אין שרעק האבען זיי ניט בעמערקט דעם זומפ און זיינען אלע פערזונקען געווארען אין זומפ.

עס איז ווירקליך אזוי געוועזן. עטליכע הונדערט שטיק קיה און אָקסען האבען זיך רוהיג געפּאַסעט אין דער געגענד. פלוצלונג איז אויף זיי אנגעפאלען א יאַגואַר — אן ארגענטינישער טיגער — זיי זיינען אנטלאפען און איינער נאָכ'ן אנדערן זיינען אריינגעפאלען אין זומפ און זיינען פערזונקען געווארען. עס איז ניט געוועזן קיינער, ווער עס זאל זיי רעטען. מען האט נאך געפונען פערבלוטיגטע שטיקער פון דעם אָקס, וועלכען דער יאַגואַר האט צוריסען.

איינינע מינוטען זיינען זיי געשטאנען און האבען בעטראכט דיעזעס פעלד, וואו עס האבען געוואקסען הערנער. דיא סצענע איז געוועזן טרויעריג און הערצרייסענד ענדליך זיינען זיי ווייטער געפאהרען. עס איז ווידער פערגאנגען א שטונדע. טהאלקאוע איז פלוצלונג געווארען אונרוהיג. ער האט זיך אנגעהויבען ארומצוקוקען אין אלע זייטען. איז געבליעבען שטעהן און איז ווייטער געריטען. באלד איז ער אראפּגעפאהרען פון גלייכען וועג, איז אוועקגעלאפען עטליכע הונדערט שריט אין א זייט, האט זיך ארומגעקוקט, איז צוריקגעקומען און איז אוועקגעפאהרען אין דער אנדערער זייט. באלד איז ער וואר געבליעבען שטעהן, באלד איז ער געפאהרען צוריק. עס איז געוועזן דייטליך, אז ער האט פאר עפּעס מורא אדער ער זוכט עפּעס. דער פּראפעסאר האט עס ניט געקענט אויסהאלטען און האט איהם ענדליך געפרעגט, פאר וואס ער איז אזוי אונרוהיג?

— איך זעה, אז דיא געגענד איז דורך און דורך גענעצט מיט וואסער. זייט איך בין א פיהרער און וועגווייזער קומט עס מיר פאר צום ערשטען מאל. איך ווייס, אז דיעזע געגענד איז א טרוקענע. יעצט אבער זעה איך, אז אונזערע פערד געהן ביז אין דיא קנעכלעך אין וואסער.

— וואס זאל זיין דיא אורזאכע דערפון? האט דער פּראָפעסאָר געפרעגט.

— איך ווייס ניט. איך האב אויך געזוכט דיא אורזאכע.

— פיעללייכט איז אויבען אין דיא בערג געגאנגען זעהר פיעל רעגען, דיא טייכען האבען פערפלייצט דיא געגענד און מיר הייבען שוין דא אן צו פיהלען דיא שרעקליכע פערפלייצונג.

— דאס איז מעגליך.

דער פּראָפעסאָר האט איבערגעגעבען לארד גלענארוואן און דיא איבעריגע, פאר וואס טהאלקאווע איז אזוי אונרוהיג.

— פרעגט איהם, וואס זאלען מיר אלזא טהאן?

— רייטען שנעל! האט דער פּאטאגאניער געענטפערט קורץ און שארף, וויא זיין שטיינער איז געוועזן.

— אלזא, לאמיר רייטען שנעלער, האט לארד גלענארוואן געזאגט.

דאס איז אבער געוועזן לייכט צו זאגען, אבער זעהר שווער אויסצופיהרען. דיא פערד האבען נים געקענט לויפען אין א געגענד, וואס איז געוועזן בעדעקט מיט וואסער. דיא ערד איז געוועזן וויך און זיי זיינען אפט אריינגעקראכען ביז אין דיא קניע אין

בלאטע. זיי האבען זיך געמחט שלעפען לאנגזאם און פארדכטיג. עס איז נאך געוועזען א גליק, וואס דער רעגען האט אויפגעהערט. פון אין דער פריה אן האט עס ניט גערעגענט. נעגען צוויי אוהר נאכמיטאג אבער האט זיך דער הימעל ווידער בעדעקט מיט וואלקענס און עס האט אנגעהויבען צו גיעסען א שרעקליכער רעגען. עס האט געגאסען עמערוויים. אונזערע רייזענדע האבען זיך איינגעוויקעלט אין זייערע דעקען און זיינען דאך באלד דורכגענעצט געווארען ביז אין לייב.

זיי האבען זיך אזוי געשלעפט ווייטער, ביז זיי זיינען צוגעקומען צו אן ארים און איינגעפאלען שטיבעלע. עס איז געווען לעדיג. דער ווירטה איז ערגעץ אוועקגעפאהרען און האט זיא אוועקגעווארפען. עס איז געווען טרויעריג און שמוציג, וויא מען קען זיך נור דענקען. אין אנאנדערער צייט וואלט לארד גלענארוואן ליעבער גענעכטיגט אין דרויסען, אלס אין אזא שטיבעלע. היינט אבער אין א רעגען, איז דאס אויך גוט געווען. עס האט דאך אביסעל געשיצט געגען רעגען. מען האט פראבירט מאכען א פייער. דאס גראז אבער איז געווען נאס, אלעס איז געווען נאס. מיט גרויסער מיה איז עס זיי געלונגען צו מאכען א פייער, וועלכער האט מעהר גערייכערט אלס געברענט.

מיעד, צובראכען און טרויעריג האט מען געגעסען דעם סאפער. קיינער האט זאגאר קיין אפעטיט ניט געהאט צו עסען. דער פראפעסאר האט געוואלט שפאסען עס איז איהם אבער ניט געלונגען. קיינער האט ניט געוואלט לאכען.

— מיינע וויצען זיינען אויך פערנעצט געווארען, האט ער ענדליך געזאגט, ווען ער האט געזעהן אז קיינער לאכט ניט.

מען האט אפגעגעסען און יעדער האט זיך געזוכט א געלעגער, וואו זיך אוסצררוהען. דאס וועטער איז געווען שרעקליך. א שטארקער ווינד האט געוועהט. דאס ארימע שטיבעלע האט געציטערט און געקנאקט. עס האט זיך אויסגעוויעזען, אז אט אט פאלט זיא אום אויף אונזערע רייזענדע. דער רעגען האט נאך אלץ געגאסען אונזערע רייזענדע האבען זיך געקייקעלט אויפ'ן שמוציגען באדען. ענדליך זיינען זיי דאך אנטשלאפען געווארען.

דיא פערד האבען געליטען זעהר שטארק. זיי זיינען געשטאנען א גאנצע נאכט אין דרויסען אויפ'ן רעגען. אין דער פריה האט דער רעגען צוואר אויפגעהערט. אבער דיא גאנצע געגענד איז געווען בעדעקט מיט וואסער. אונזערע רייזענדע האבען זיך אויפגעחאפט און דערזעהן מיט שרעק, אז זיי געפינען זיך אויף א סארט אינזעל, ארום און ארום זיי איז וואסער. דער פראפעססאר האט אנגעהויבען צו קוקען אין זיינע לאנדקארטען און האט אויסגעפונען, אז זיי געפינען זיך צווישען צוויי גרויסע טייכען. וואהרשיינליך, האט ער זיך געטראכט, זיינעןביידע טייכען ארויס פון זייערע ברעגעס און האבען פערפלייצט דיא געגענד. ביידע טייכען האבען זיך פעראייניגט און האבען גערבילדעט א גאנצעס מעער.

ער האט פערשטאנען זייער לאגע. מען מוז אנטלויפען. מען מוז ערגעץ אויסזוכען א בערגעל, וואו זיך צו רעטען. מיט יעדער מינוטע וועט אנקומען אלץ מעהר וואסער. זייער שטיבעלע וועט פערטרונקען ווערן און זיי וועלען אומקומען. מען האט

באלד אנגעזאמעלט דיא פערד און מען איז אוועקגעפאהרען. זיי האבען געטריעבען דיא פערד, וויא זיי האבען נור געקענט.

אום צעהן אוהר איז טהאלקאוועס פערד געווארען זעהר אתרוחיג. עס האט נעשפרונגען, עס האט זיך געווארפען, עס איז געלאפען, עס איז געבליעבען שטעהן. — קורץ, מען האט געזעהן, דעם פערד איז עפעס געשעהן.

— וואס איז מיט דיין פערד, פריינד טהאלקאווע? האט דער פראפעסאר געפרעגט. האבען איהם אפט ניט דיא פיאווקעס (בלוטעגעל) צו ביסען?

— ניין.

— האט ער זיך עפעס דערשראקען?

— ניין.

— אלזא, וואס איז איהם?

— ער פיהלט א געפאהר.

— וואס פאר א געפאהר?

— איך ווייס ניט.

מען האט זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטען, דאכט זיך, עס איז ניטא קיין געפאהר. נור טהאלקאוועס שארפעס אויער האט געהערט רגעץ גאנץ ווייט א גערוויש. וויא דאס רוישען פון דיא וואסערן פון׳ם מעער, ווען דיא פלוט קומט אן. באלד האבען אלע דערהערט שרעקליכע געשרייען. פערד, קיה, אקסען, שעפסען און פיעלע קלענערע און גרעסערע חיות האבען געמעקעט, געהירזעט, געשריען, געברומט און געבילט. זיי זיינען אלע געלאפען אויסגעמישט און דערשראקען. זיי זיינען געלאפען, וואוהין זייערע פיס האבען זיי געטראגען, וואוהין זייערע אויגען האבען זיי געוויזען. עס איז געווארען א שרעקליכער רעש, הערצרייסענדער ליארם. עס האט פערקלעמט ביים הארצען צו זעהן, וויא דיעזע אלע טהיערע זיינען געווען דערשראקען, זיינען געלאפען, האבען געטרעטען איינער אויפ׳ן אנדערן און האבען אזוי טרויעריג געשריען און געבעטען, מען זאל זיי העלפען. אונזער רייזענדע האבען בעטראכט מיט שרעק דיעזע שוידערהאפטע סצענע.

— אנדא! אנדא! (שנעל! שנעל!) האט טהאלקאווע אויסגערופען אויסער זיך.

— וואס איז אזעלכעס? האט איהם דער פראפעסאר געפרעגט.

— דיא פערפלייצונג! האט טהאלקאווע געזאגט.

ערשט יעצט האבען אונזערע רייזענדע דערזעהן דיא שרעקליכע געפאהר, אין וועלכע זיי געפינען זיך פון דער ווייטענס האט זיך געוויעזען א הויכער בארג שוים, וועלכער האט זיך געקייקעלט מיט א שרעקליכער געשווינדיגקייט און האט אלעס מיט געריסען מיט זיך. עס איז אנגעקומען א שרעקליכעס וואסער פון דיא בערג. יעצט האבען זיי פערשטאנען, פאר וואס טהאלקאווע האט אזוי געשריען: אנדא! (שנעל!). אין איינינע מינוטען וועט דיא גאנצע געגענד זיין בעדעקט מיט וואסער. אין איינינע מינוטען ארום וועט דא זיין א גאנצעס מעער.

אונזערע רייזענדע האבען געגעבען זייערע פערד דיא שפארען. דיא פערד אליין האבען געפיהלט דיא געפאהר און זיינען געלאפען, וויא ווייט זיי האבען געקענט.

— אנדאַ! אנדאַ! האָט געשריען טהאלקאווע. לויפט שנעל! רעטעט אייך; מיר זיינען פערלאָרען.

זיי זיינען געלאָפען, וויא זיי האָבען געקענט. דיא געגענד איז אָבער אַלע מאָל געוואָרען אַלץ מעהר בעדעקט מיט וואַסער. דער שרעקליכער בארג וואַסער האָט גערוישט הינטער זיי אַלץ העכער, אַלץ דראָהענדער, אַלץ שרעקליכער. עס האָט גע־דויערט אונגעפעהר (אַן ערך) אַ פערטעל שטונדע. אונזערע רייזענדע האָבען נאָך אַלץ געקעמפפט און האָבען זיך נאָך אַלץ געוואָלט רעטען. באַלד אָבער זיינען דיא פערד צוגעשטאַנען. זיי זיינען געשטאַנען שוין ביזן בויך אין וואַסער. זיי האָבען מעהר שוין ניט געקענט לויפען. דאָס וואַסער איז געוואָרען אימער העכער.

— מיר זיינען פערלאָרען! האָט אויסגערופען דער מאַטראָז ווילסאָן. מיין פערד שווימט! ער קען שוין ניט געהן.

אַלע זיינען געוואָרען בלייך, וויא קאַלך. זיי האָבען דערזעהן, אַז זייערע פערד שווימען שוין אויך. — וויא לאַנג אָבער קענען זיי שווימען? וואָס וועט זיין, אַז דאָס וואַסער וועט אנקומען? דאַמאָלס וועלען דאָך דיא פערד ניט קענען שווימען. דאָס שטאַרקע וואַסער וועט זיי מיטרייסען מיט זיך. — זיי זיינען פערלאָרען. קיינע הילפע, קיינע רעטונג!

דאָס וואַסער איז ווירקליך געוואָרען אַלץ שטאַרקער און האָט געשלעפט דיא פערד מיט זיך, מיט אַן אונגעהייערער געשווינדקייט. יעדער האָט זיך אנגעהאַפט אַן דעם האַלז פון׳ם פערד און האָט געוואַרט דיא לעצטע מינוט. פּלוצלונג האָט דער מאַיאָר אויסגערופען:

— אַ בוים!

— אַ בוים? וואו איז אַ בוים? האָט לאָרד גלענאַרוואַן געפרעגט.

— אָן דאָרט זעה איך אַ גרויסען בוים, האָט טהאלקאווע געוויעזען מיט דער האַנד.

אַלע האָבען אויפגעהויבען דיא קעפּ און האָבען דערזעהן אַ גרויסען ניסענבוים מיט ברייטע צווייגען, וועלכער איז געשטאַנען וויא אַ ריזע הויך איבערן וואַסער. אַלע האָבען זיך יעצט געצויגען צום בוים. עס איז נאָך געווען אַ גליק, וואָס דער בוים איז געשטאַנען אַראָפּ וואַסער און דאָס וואַסער האָט זיי גערעדע געטראָגען צום בוים.

פּלוצלונג האָט טאָם אויגוסטינ׳ס פערד געגעבען אַ שרעקליכען געשריי, וויא דאָס געשריי פון אַ קינד, ווען עס טהוט איהם עפּעס שטאַרק וועה. אין אַ סעקונדע אַרום איז ער פערשוואונדען געוואָרען אונטערן וואַסער. טאָם האָט קוים צייט געהאָט אַרויסצושלעפּען זיינע פיס פון דיא קניע ריעמען. ער איז דערטרונקען געוואָרען.

— האַפּ דיך אָן ביי מיין זאַטעל, האָט איהם לאָרד גלענאַרוואַן געזאָגט.

— איך דאַנק אייך, מילאָרד. איך בין אַ מאַטראָז און קען גוט שווימען.

— ראָבערט, וויא אַזוי שווימט דיין פערד? האָט לאָרד גלענאַרוואַן געפרעגט בעזאָרגט.

— אַה! מיין פערד שווימט, וויא אַ פיש, האָט ראָבערט געענטפערט.

— אַך! רעטעט אייך! האָט אין דיעזע מינוטע אויסגעשריען דער מאַיאָר ניט מיט זיין קול.

עס איז שוין אבער געווען שפעט זיך צו רעטען. דער שרעקליכער בארג שוים, א כוואליע פון פערציג פוס די הויך און פון עטליכע מיליאן טאן וואסער, איז אין דיעזע מינוט אנגעקומען און האט פערשלונגען אונזערע רייזענדע, — עס איז פערגאנגען איין מינוט. נור איין מינוט, אבער א שרעקליכע, שוידערהאפטע מינוט. —

באלד האט זיך ארויסגעוויעזען א קאפ — טהאלקאווע מיט זיין פערד; באלד האבען זיך אנגעהויבען ארויסצו־ווייזען אנדערע קעפ; באלד זיינען אלע אונזערע רייזענ־דע ארויסגעשוואומען פון אויבען. זייערע פערד זיינען פערשוואונדען געווארען. דיא שרעקליכע כוואליע האט זיי אוועקגעשלעפט. דיא מענשען אבער האבען אלע געקענט שווימען און זיינען ארויפגעשוואומען. דאס וואסער האט זיי ארויפגעווארפען אויף'ן בוים.

— מוטה, פראפעסאר! האט לארד גלענארוואן אויסגערופען, ווען ער האט דער־זעהן, אז טהאלקאווע האט איהם אנגעהאפט ביים קראגען.

דער פראפעסאר איז געווען דער איינציגער וועלכער האט ניט געקענט שווימען. טהאלקאווע האט עס געוואוסט און האט זיך גענעבען אלע מעגליכע מיה איהם צו רעטען.

— אה, זארגט אייך ניט פאר מיר, האט דער פראפעסאר געענטפערט, איך בין זאגאר צופריעדען — בול!

אין דיעזע מינוט האט ער אנגענומען א פול מויל מיט שמוציגע וואסער און האט ניט געקענט ערקלערן, מיט וואס ער איז צופריעדען.

אין א מינוט ארום האבען זיך אלע געהאלטען ארום בוים. ראבערט איז ארויפ־געקלעטערט אויף איהם, וויא א פייגעלע. דיא מאטראזען זיינען איהם נאך געקלעטערט און האבען געהאלפען לארד גלענארוואן און דעם פראפעסאר ארויפקלעטערן.

דער בוים איז געשטאנען במעט אין גאנצען אין וואסער, נור זיינע אייבערשטע ברייטע און שטארקע צווייגען האבען ארויסגעשטעקט איבער דיא רוישענדע און שוי־מענדע וואסערן. אונזערע רייזענדע האבען זיך באלד אניעדערגעזעצט אפרוהען אויף זיינע ברייטע צווייגען. ווען איינער וואלט דאמאלס פערבייגעפאהרען און וואלט דער־זעהן דיעזען בוים, וואלט ער זיך געוויס געוואונדערט, וואס פאר א זאנדערבארע פריכטע עס וואקסען אויף איהם. לײדער, איז דאמאלס קיינער ניט דורכפאהרען. דיא גאנצע געגענד איז געווען בעדעקט מיט וואסער.

יעצט ערשט האבען אונזערע רייזע דע בעמערקט, אז אין דער צייט, וואס טהאל־קאווע האט זיך בעמיהט צו רעטען דעם פראפעסאר און איהם ארויפצוזעצען אויפ'ן בוים, איז זיין פערד, טהאאוקא אוועקגעשוואומען. ער האט געהירזעט און געבעטען הילף.

— פריינד טהאלקאווע, ווערסט דוא לאזען דיין פערד פערלארען געהן? האט איהם דער פראפעסאר געפרעגט.

— איך? מיין טהאאוקא? קיין מאל ניט.

ער איז אראפגעשפרונגען פון'ם בוים אין וואסער און איז נאכגעשוואומען זיין פערד. אין איינינע מינוטען האט ער איהם דער־רייכט. פערד און רייטער זיינען ערגעץ אוועקגעשוואומען און זיינען פערשוואונדען געווארען אין ד קען נעבעל. וואו זיינען זיי אהין געקומען? — ווער קען עס וויסען?

23טעס קאפיטעל.

צווישען הימעל און וואַסער

דער בוים, אויף וועלכען אונזערע רייזענדע האבען זיך אזוי זאנדערבאר גערעטעט, איז געווען עהנליך צו א ניסען בוים. דאס איז אבער ניט געווען קיין ניסען בוים, זאנדערן אן אָמבו Ombu, איינער פון דיא זעלטענסטע בוימער אין ארגענטיניען. מען טרעפט איהם אן שטענדיג אליין. ער וואקסט קיין מאל ניט מיט אנדערע בוימער צו זאמען. ער וואקסט אויס זעהר הויך און צו שפרייט זיך זעהר שטארק. זיינע גראבע שטארקע ווארצלען גראָבען זיך איין גאנץ טיעף אין דער ערד און ער האלט געוועהנליך אויס אלע שרעקליכע שטורמווינדען.

דער בוים אָמבו, אויף וועלכען אונזערע רייזענדע האבען זיך גערעטעט, איז געווען אן אלטער, שטארקער בוים מיט גרויסע ברייטע צווייגען. דאס איז געווען א גאנצער וואלד. ווען אונזערע רייזענדע זיינען ארויפגעקראכען אויף איהם, זיינען דארט געווען א גאנצע קאלאָניע פון הונדערטער פייגעל, וועלכע האבען זיך אויך גערעטעט אויף דיעזען בוים פון דער שרעקליכער פערפלייצונג. ראָבערט און דער מאטראָז ווילסאן זיינען ארויפגעקלעטערט אויף דיא העכסטע צווייגען אום צו בעטראכטען דאס לאנד ארום.

א שרעקליכעס בילד האט זיך זיי פארגעשטעלט. וויא וויט דאס אויג האט נור געקענט גרייכען, האט מען געזעהן נור הימעל און וואסער. בוימער, שטיקער האלץ, טוידטע קיה, אָקסען און אנדערע בהמות און חיות זיינען ארומגעשוואומען אין אלע זייטען. וויט, וויט אויפ'ן וואסער האט מען געזעהן א שווארצען פלעק. א מענש האט געקעמפפט מיט דיא שרעקליכע כוואליעס.

— טהאלקאווע! טהאלקאווע! האט ראָבערט אויסגערופען. ער וועט זיך רעטען! ער וועט רעטען זיין פערד, ער וועט אונז אלע רעטען!

אונטען זיינען דערוויל געזעסען לארד גלענאַרוואַן, דער פראָפעסאָר און דיא איבעריגע און האבען בעקלערט זייער לאגע. פרעהליך איז געווים קיינעם ניט געווען אויפ'ן הארצען. זיצען אויף א בוים, ווען ארום אייך רוישט און שוימט דאס וואסער, איז ניט גאנץ אנגענעהם.

— אלזא, וואס טהוט מען יעצט? האט לאָרד גלענארוואַן געזאָגט טרויעריג.

— וואס זאל מען טהא? האט דער פראָפעסאָר געלאַכט. מיר מוזען זיך מאַכען א נעסט.

— מאַכען א נעסט? האט ראָבערט געפרעגט.

— געווים! יעדער פון אונז וועט זיך מאַכען א נעסט און מיר וועלען ליבען, וויא דיא פויגעל אויף ביימער. עס וואלט געווים בעסער געווען, מיר זאלען יעצט קענען לעבען אין וואסער, וויא דיא פיש.

— דאס אלעס איז זעהר שעהן. ווער וועט אונז געבען עפּעס צו פּיקען? האט האט אויגוסטין געפרעגט.

— איך וועל אייך פערשאַפען, וואס צו פּיקען! האט אויסגערופען דער מאַיאָר.

אלע האבען א קוק געטהאן צו איהם און האבען דערזעהן, אז דער פּראקטישער מאיאָר האט צונויפגעבונדען אײנינע צווײגען צוזאמען און זיצט זיך גאנץ רוהיג, ווי אין א ראקין־טשער.

— אזוי, מאיאָר ריטשארדסאָן! איהר האט עס גאנץ בעקוועם. איהר האט שוין א שטוהל און שאָקעלט זיך גאנץ רוהיג אויפ'ן בוים.

— געווים! וויא באלד ניט דערטרונקען ווערן, מוז מען זעהן צו לעבען בעקוועם און צו האבען א ביסעל פערגניגען אין לעבען.

— איך האב אויך אזוי געטראכט, האט דער פּראָפעסאָר געזאָגט, אבער איך בין צערשטרייט און האב באלד פערגעסען, וואס איך האב אין זינען געהאט.

— אבער וואס וועט איהר אונז געבען צו עסען? האט לאָרד גלענארוואָן גע־פרעגט דעם מאיאָר.

דער מאיאָר האט ארויסגענומען א גרויסען זאק און האט זיי געוויזען.

— דאס האט מיר טהאלקאווע געלאזען א פּרעזענט, איידער ער איז פון אונז אוועקגעשוואומען. איך מיין, אז דא וועלען מיר האבען שפּייז אויף דריי טאג.

— איך מיין, אז דאס וואסער וועט אפּלויפען אין א טאָג. האט טאם אויגוס־טין געזאָגט.

— ווען ניט, וועלען מיר מוזען זוכען א מיטעל, וויא אוועקצופאהרען פון דאנען, האט דער פּראָפעסאָר געענטפערט.

— וויא באלד אזוי, דארפען מיר עפּעס נעהמען אין מויל אריין, האט דער מא־יאר אויסגערופען. היינטיגען טאָג וועלען מיר שוין געווים פערברענגען דא אויפ'ן בוים. מארגען וועלען מיר זעהן, וואס מיר האבען ווייטער צו טהאן.

— עס וואלט זעהר גלייך געווען עפּעס צו פּיקען, האט ווילסאָן געזאָגט. ליידער, זיינען מיר ניט, וויא דיא פייגעל. מיר קענען ניט פּיקען קיין רויע זאכען, מיר מוזען האבען פייער. וואו נעהמט מען יעצט פייער?

— מיר וועלען מאכען א פייער, האט דער פּראָפעסאָר געזאָגט.

— מיט וואס? וואו האט איהר האלץ?

— דער ליעבער בוים, וועלכער האט אונז גערעטעט, וועט שוין זיין אזוי גוט און וועט אונז געבען אביסעל האלץ.

— מיט וואס אבער וועט איהר מאכען פייער? מיר האבען קיין שוועבעליך ניט.

— מיר דארפען ניט קיין שוועבעלעך, האט דער פּראפעסאָר געזאָגט. גיט מיר נור אביסעל טרוקענע בלעטער, אדער טרוקענעם מאָאָס (מאָך) און איך וועל אייך שוין מאכען פייער. — ווער וועט געהן אין וואלד אריין ברענגען האלץ?

— איך! האט ראָבערט אויסגערופען.

און איידער דער פּראָפעסאָר האט זיך אומגעקוקט, איז ער שוין ארויפגעקלע־טערט גאנץ הויך אויפ'ן בוים און האט אנגעהויבען אפּצוברעכען פון איהם דיא דארע צווייגלעך. ווילסאָן האט געזוכט און האט געפונען אביסעל טרוקענעם מאָאָס (מאָך). אין אײנינע מינוטען ארום האבען זיי אניעדערגעלעגט אויף א ברייטען צווייג אין דעם ארט, וואו ער וואקסט ארויס פון'ם בוים דאס טרוקענע האלץ מיט'ן מאָאָס.

יעצט האט דער פראפעסאר אפגעשרויפט זיין טעלעסקאפ און האט ארויסגענומען פון איהם א גלעזעל. דאס איז געווען א פארמי־עפליכעס ברען־גלאז אזוי וויא דיא זון האט דאמאלס געשיינט גאנץ העל, האט דער פראפעסאר אנגעשטעלט זיין ברען־גלאז אויף דאס טרוקענע האלץ און אין א קורצע צייט האט זיך געוויעזען א רויך. דער פראפעסאר האט אנגעהויבען צו פאכען מיט זיין נאסען מאנטעל און דאס טרוקענע האלץ האט זיך באלד אנגעצונדען.

דיא ערשטע זאך, וואס מען האט געטהאן ביים פייער, איז געווען זיך אביסעל אויסצוטריקענען. יעדער האט אויפגעהאנגען זיין מאנטעל טריקענען. דאן האט מען אנגעהויבען צו זוכען, וואס עס געפינט זיך אין זאק. וואס טהאלקאווע האט זיי איבער־געלאזען. מען האט געפונען געטריקענט פלייש. וועלכעס מען האט באלד אפגעקאכט. פייער און וואסער איז געווען גענוג. ווען דער מיטאג איז געווען פערטיג, האט מען גאנץ רוהיג און בעקוועם אפגעגעסען און מען האט זיך געזעצט אפרוהען. פון לעגען זיך אפרוהען האט ניט געקענט זיין קיין רעדע. יעדער האט זיך צוגעבונדען צו א צווייג און האט געחאפט א שלאף.

— אונזער קיך און עסצימער איז אויפ'ן אונטערסטען שטאק, האט פאגאנעל געזאגט, אלס שלאף־צימער דארפען מיר אפנעהמען א העכערן שטאק. לאמיר זאגען, דעם צווייטען פלאר. דיא וואהנונג איז בעקוועם, דער רענט איז בילינ, דער לענדלארד ווייזט אויס צו זיין ניט קיין שלעכטער. מיר קענ'זי אפנעהמען אלע פלארען און לעבען, וויא דער פראנצויזישער קייסער. מיר זיינען דיא גאנץ זיכער, קיינער וועט ניט קומען אונז בעגנב'ענען.

— און אז מען וועט אויף אונז אנפאלען, קענען מיר זיך פערטהיידיגען, האט ווילסאן געזאגט. איך האב מיינע רעוואלווערס.

— איך האב מיינע אויך, האט ראבערט געזאגט.

— איך האב מיינע אויך, האבען זיך אנגערופען דיא מאטראזען.

— אבער וואו וועט איהר נעהמען פולווער?

— איך האב פולווער, האט געזאגט דער מאיאר און האט זיי געוויעזען א בלעכענע שאכטעל פול מיט פולווער.

— וואו האט איהר עס גענומען? האט גלענארוואן געפרעגט ערשטוינט.

— טהאלקאווע האט עס מיר געגעבען צוזאמען מיט'ן זאק פראוויאנט.

— גוטער, עדעלער טהאלקאווע! האט אויסגערופען לארד גלענארוואן. מען זאגט, אז דיא פאטאגאניער זיינען ווילד, אז זיי זיינען שלעכט, אז זיי זיינען פערדארבען. זעהט, וויא עדעל, וויא גראָסמוטהיג דיעזער ווילדער האט געגען אונז געהאנדעלט! און איהר, פראפעסאר, זאגט אויך, אז דיא ווילדע זיינען שלעכט און גרויזאם?

— יא, האט געענטפערט דער פראפעסאר, דיא ווילדע זיינען שלעכט, ווייסט איהר אבער, ווער עס איז שולדיג, וואס זיי זיינן שלעכט? — מיר ציוויליזירטע מענשען. מיר האבען זיי שלעכט געמאכט, מיר האבען זיי פערדארבען. מיר האבען זיי איבערגעגעבען אלע שלעכטע זיטען פון דער ציוויליזאציאָן. דיא גוטע זיטען האבען זיי ניט געקענט זיך אפלערנען. זיי זיינען נאך ניט ציוויליזירט דערצו. מיר האבען זיי אויסגעלערנט צו

טרינקען גייסטינע געטרענק; מיר האבען זיי געלערנט, אז געלט האט א ווערטה און אז דער מענש דארף לעבען נור צוליעב געלד. טהאלקאווע איז נאך וועניג ציוויליזירט, דערפאר איז ער נאך גוט און עדעל. ער איז נאך אונשולדיג, וויא דאס טהיער. מיר האבען געזעהן פעלע, ווען א הונד האט געאָפּפערט זיין לעבען אום צו רעטען זיין בעל־הבית. ער ווייס נאך ניט פון פאלשקייטען; ער ווייס נאך ניט צו רעדען מיט'ן מויל אזוי און אין הארצען צו טראגען א האס אויף יענעם. ער ווייס, אז ווען איינער געפעלט איהם, ווען ער האט איינעם ליעב, איז ער איהם טריי ביזן טויט. אזוי זיינען אלע ווילדע מענשען, איידער זיי בעקענען זיך מיט דער ציוויליזאציאָן.

— מיינע העררן! האט פּלוצלונג געזאגט טאם אויגוסטין, מיר האבען פערגעסען דאס ערשטע, דאס נאָטהווענדיגסטע. — מיר האבען פערגעסען צו געבען א נאמען אונזער נייע וואָינונג.

— ער האט פאלקאמען רעכט, האט לארד גלענארוואן געזאגט. וויא קען עס זיין א וואָינונג פון מענשען אהן א נאמען? מיר מוזען עס א נאמען געבען.

— איך שלאג פאר, אז מיר זאלען עס רופען „ליבערטי האלל“, האט דער פּראפעסאר געזאגט.

— ליבערטי האלל! ליבערטי האלל! האט מען געשריען פון אלע זייטען. דאס איז א גוטער נאמען. ליבערטי האלל הייסט, דיא האלל דער פרייהייט. מיר זיינען דא גאנץ פריי. מיר האבען דא ניט קיין קעניג, ניט קיין פירסט, מיר זיינען דא אלע פריי.

— אלזא, הייסט אונזער וואָינונג „ליבערטי האלל“, האט דער פּראָפעסאָר געזאגט. יעצט, מיינע העררן, ווען איהר מיר ערלויבען, איך זאל מיר ערגעץ געהן זוכען א פּלאַץ, וואו איך זאל קענען מאכען מיין אבסערוואטאריום. א פּונקט, פון וואנען איך זאל קענען איבערזעהן דיא גאנצע געגענד מיט מיין טעלעסקאָפּ (שפּעקטיוו) און זאל אייך קענען געבען נאכריכטען, וואס עס הערט זיך עפּעס אויף דער וועלט.

ער האט ניט געוואַרט, ביז מען וועט איהם ערלויבען. ער האט גענומען זיין טעלעסקאָפּ אויף דער פּלייצע, וויא ער פלעגט איהם שטענדיג טראגען און האט אנ־געהויבען צו קלעטערן פון איין צווייג אויפ'ן אנדערן אין דער הויך, אום ער זאל פון דער הויך קענען איבערזעהן דיא גאנצע געגענד.

— וויא ווייט זיינען מיר יעצט פון אטלאנטישען וועלט־מעער?! האט געפרעגט דער מאיאר פון ליבערטי האלל דעם פּראפעסאר אין אבסערוואטאריום.

— איך רעכען, אז מיר זיינען ניט מעהר וויא פיערציג ביז פופציג מייל ווייט פון'ם מעער, האט דער פּראפעסאר געענטפערט.

דער פּראפעסאר האט געקוקט אייניגע צייט אין אלע זייטען, ער האט אבער געזעהן נור וואסער. ענדליך איז ער אראָפּגעקראָכען פון זיין אבסערוואטאריום און אי־געקומען צו זיינע קאמעראדען אין ליבערטי האלל.

אזוי וויא עס איז נאך געווען צו פריה צו לעגען זיך שלאפען, זיינען אלע געזעסען ארום פייער און האבען זיך גאנץ רוהיג געפּלוידערט. גערעדט האט מען, וויא געוועהנליך, פון קאפּיטאן גראַנט. זיי האבען שוין יעצט איינגעזעהן, אז ער איז ניטא אין אמעריקא, אז אלע שוועריגקייטען און אלע געפאהרען, וועלכע זיי זיינען אויסגעשטאנען אין דער

ציים פון זייער רייזע אין זיד־אמעריקא, איז געווען אומזיסט. די זיינען נור געקומען צו דער איבערצייגונג, אז קאפיטאן גראנט איז ניטא אין אמעריקא. וואס טהוט מען אבער ווייטער? זיך אפזאגען? מעהר ניט זוכען?

— ניין! האט לארד גלענארוואן אויסגערופען. איך האב אנגעהויבען צו זוכען קאפיטאן גראנט און וועל מיך ניט אפזאגען, ביז איך וועל איהם געפינען. אין דיא בריעף, וואס מיר האבען געפונען שטעהט דייטליך, אז ער געפינט זיך אויפ'ן 37טען גראד, מוזען מיר אזוי לאנג פאהרען און זוכען אויפ'ן 37טען גראד, ביז מיר וועלען איהם געפינען.

— א שווערע און אומזיסטע ארבייט, האט געברומט דער מאיאר. מיר וועלען דאך מוזען מאכען א רייזע ארום דער וועלט.

— נו, וועלען מיר מאכען א רייזע ארום דער וועלט! האט דער פראפעסאר געזאגט. מיר וועלען פאהרען אזוי לאנג, ביז מיר וועלען איהם געפינען.

— בעדענקט אבער, אז אין דיא בריעף שטעהט אויסדריקליך פ א ט א ג א נ י ע ן! האט דער מאיאר ווייטער געפרעגט.

— דאס בעאונרוהיגט מיך טאקע, האט לארד גלענארוואן געזאגט גאנץ ערנסט. דאס איז יעצט דיא הויפט פראגע. זאלען מיר יעצט אוועקפאהרען אין גאנצען פון אמעריקא און זוכען איהם אין אנאנדער לאנד אויפ'ן 37טען גראד, אדער זאלען מיר יעצט פאהרען קיין בוענאס איירעס זיך ווענדען צום ענגלישען קאָנסול און צום פרעזידענט פון דער ארגענטינישען רעפובליק, זיי זאלען אויספרעגען אלע אינדיאנער קאציקען, פיעללייכט וויים דאך איינער פון זיי פון קאפיטאן גראנט, מיר קענען זיך נאך ניט פערלאזען אויף דעם קאמענדאנט פון פארט אינדעפענדענס אליין. עס איז דאך זעהר מעגליך, אז ניט אלע אינדיאנער קומען צו איהם אין פאָרט.

איינינע מינוטען האבען אלע געשוויגען. קיינער האט ניט געוואוסט וואס צו ענטפערן, אויף אזא וויכטיגע פראגע. ענדליך האט דער מאיאר געזאגט:

— איידער איך ענטפער אויף אזא וויכטיגע פראגע, וואלט איך זעהר געוואָלט וויסען וועלכע לענדער געפינען זיך אויפ'ן 37טען גראד פון דער וועלט?

— דאס קען איך ניט ענטפערן. דאס זאל אונזער פראפעסאר זאגען. יוען עס קומט צו געאגראפיע, מעג ער אונז ערקלערן.

— וואו איז ער אהין געקומען? פראפעסאר! פאגאנעל! וואו זייט איהר? דער פראפעסאר איז ערגעץ פעשוואונדען געוואָרען.

— אָט בין איך! האט מען געהערט א שטימע פון דיא גאנץ הויכע צווייגען פון'ם בוים.

— וואס איז מיט אייך? האט לארד גלענארוואן געפרעגט מיט פערדרוס. איהר זייט דאך שוין איינמאל אראפגעגאנגען פון אייער אבסערוואטאָריום. פאר וואס זייט איהר ווידער ארויפגעקראכען?

— איך האב פערגעסען צו קוקען אויף די בערג, פון וואנען דאס וואַסער קומט.

— סומט נור אהער אויף א מינוט.

— וואס דארפט איהר מיך?

— מיר ווילען אייך פרעגען, וועלבע לענדער געפינען זיך אויפ'ן 37סטען גראד פון דער וועלט ?

— פון אזא קלייניגקייט וועגען דארף איך ניט אראפגעהן. איך קען מיר זיצען רוהיג אין מיין אבסערוואטאריום און אייך ערקלערן.

— אלזא, זאגט !

— דער 37סטע גראד שניידעט דורך גאנץ זיד-אמעריקא

— און דאן ?

— דאן געהט ער אין אטלאנטישען וועלט מעער.

— איך פרעג אייך, וועלכע ל ע נ ד ע ר געפינען זיך אויפ'ן 37סטען גראד.

— איך מוז אייך אלעס ערקלערן, האט דער פראפעסאר געזאגט שטאלץ. ער געהט דורך דיא אינזעל ט ר י ס ט א ן־ד א נ ק ו נ י א.

— און ווייטער ?

— ווייטער געפינט זיך אויף איהם דיא אינזעל סען פיערר פון דער גרופע אינזלען אמסטערדאם אין אינדישען וועלט-מעער.

— און ווייטער ?

— ווייטער געפינט זיך אויף איהם א טהייל פון אויסטראליען, דאס גאנצע לאנד וויקטאריא.

— שוין ? געפינען זיך מעהר קיינע לענדער אויף איהם ?

— עס ליעגען נאך —

דער פראפעסאר האט פלוצלונג נעגעבען א געשריי ניט מיט זיין קול. אלע זיינען געווארען בלייך און האבען זיך אומגעקוקט.

— וואס איז שוין נייעס ? האט יעדער געפרעגט זיך אליין. איז שוין ווידער געשעהן אן אונגליק ? האט זיך דער פראפעסאר פערטראכט און איז אריינגעפאלען אין וואסער ? דיא צוויי מאטראזען, ווילסאן און מילרעד זיינען געלאפען איהם צוהילף. זיי זיינען געווען גוטע שווימערס און זיינען געווען געפאסט זיך אריינצו־ווארפען אין וואסער איהם צו רעטען.

אין דיעזע מינוט האבען זיי בעמערקט, וויא דער פראפעסאר פאלט פון איין צווייג צום אנדערן. ער חאפט זיך אן אן א צווייג, האלט איהם א פאר סעקונדען און לאזט זיך ווידער אראפ. דיא מאטראזען זיינען געווען אזוי דערשראקען, אז זיי האבען ניט געוואוסט וואס צו טהאן. פלוצלונג איז אויפגעשטאנען דער מאיאר און האט אנגעהאפט דעם פראפעסאר ביי ביידע הענד.

— שטעה ! וואוהין איז ?

— אה ! איך דאנק אייך, מאיאר ריטשארדסאן ! האט דער פראפעסאר געזאגט. איך האב געוואלט עפעס א קוק טהאן אויף מיין קליינע לאנדקארטע און האב פערגעסען, אז אונזער לענדלארד האט זיך זעהר ווייניג געזארגט אז דער פוסבאדען זאל זיין גלייך. איך האב מיך אויסגעגליטשט און וואלט געווען אראפגעפאלען, ווען איהר זאלט מיך ניט געווען אויפהאלטען. — איך דאנק אייך נאך א מאל !

— אבער וויא קומט עס, איהר זאלט אזוי גאנץ פערגעסען, וואו איהר זייט ?

נעדענקט איהר ניט דיא לאנדקארטע אויסוועניג? האט לארד גלענארוואן איהם גע־פרעגט. דיא וואסערן ארום אונז רוישען אזוי שטארק, אז זיי לאזען ניט פערגעסען, וואו מיר זיינען.

— איך האב אויסגעפונען, וואס פאר א גראבען פעהלער מיר האבען אלע געמאכט. דאס האט מיך אזוי איבערראַשט, אז איך האב פערגעסען, וואו איך בין.

— מיר האבען געמאכט א פעהלער, אדער איהר האט געמאכט א פעהלער? האט לארד גלענארוואן געפרעגט ערשטוינט.

— איהר, ליידי העלענא, דער מאיאר און איך. — אלע, מיר אלע האבען געמאכט א גראבען פעהלער. מיר מאכען איהם נאך יעצט.

— ערקלערט אונז דייטליכער, פראפעסאר, מיר פערשטעהען אייך ניט.

— מיר זוכען דעם קאפיטאן גראנט דארט, וואו ער איז גאר קיין מאל ניט געוועזן. מיר האבען פאלש געלעזען דיא בריעף. מיר האבען זיי ניט ריכטיג ערקלערט. יעצט ווייס איך אלעס, יעצט פערשטעה איך.

24טעס קאפיטעל.

דער פראפעסאר ערקלערט דיא בריעף.

אונזערע רייזענדע האבען אויסגעגלאצט דיא אויגען און בעטראכט דעם פראַ־פעסאָר. — איז ער אראָפּ פון זינען? האט ער ווייטער געמאכט איינעם פון זיינע פעהלער, ווען ער איז צערשטרייט? האט ער ווירקליך אויסגעפונען דעם וואהרען זינן פון דיא בריעף? — האט יעדער ביי זיך געטראכט. יעדער איז געוועזן נייגעריג צו הערן, וויא אזוי דער פראפעסאר וועט לעזען דיא בריעף, וויא אזוי ער וועט זיי ערקלערן און וואוהין ער וועט זיי הייסען פאהרען. קיינער אבער האט ניט געוואגט איהם צו פרעגען, ביז דער קליינער ראבערט איז צו איהם צוגעקראָכען, האט איהם אנגענומען ביי דיא הענד און האט איהם געזאגט:

— זאגט מיר, אלזא, ליעבער פראפעסאר, וואו געפינט זיך מיין פאטער?

— יא, יא, מיין קינד, איך וועל עס דיר באלד זאגען, האט דער פראפעסאר געענטפערט.

ער האט זיך צוגעשפארט צו א גראבען צווייג און האט אנגעהויבען צו ערקלערן.

— מיינע פריינדע, מיר האבען שלעכט ערקלערט דיא בריעף און זיינען געפאהרען אויף א פאלשע שפור.

— דאס ווייסען מיר שוין, איז איהם דער מאיאר אריינגעפאלען אין דיא רעד. זאגט אונז בעסער, וועלכע איז דיא ריכטיגע שפור, אויף וועלכער מיר זאלען זוכען דעם קאפיטאן גראנט.

— האט אביסעל געדולד, הערר מאיאר, איך וועל אייך באלד אלעס ערקלערן. ווען איך בין געזעסען אויפ'ן שפּיץ בוים אין מיין אבסערוואטאריום און לארד גלענארוואן האט מיך געפרעגט, וועלכע לענדער עס געפינען זיך אויפ'ן 37טען גראד, איז מיר איינגעפאַלען, וואס פאר א גרויסען פעהלער מיר האבען געמאכט. וויא א בליץ איז מיר דורכגעפלויגען פאר מיינע אויגען און האט בעלייכט אלע מיינע געדאנקען. דאס

ווארט „אויסטראל“ Austral וועלכעס געפינט זיך אין פראנצויזישען בריעף, מיינט ניט דיא זיד זייט (דרום זייט) פון דער וועלט, זאנדערן דאס לאנד „אויסטראליען“. — דאס ווארט איז ניט אין גאנצען, עס זיינען דערפון אפגעמעקט געווארען צוויי בוכשטאבען. אויסטראליען הייסט אויף פראנצויזיש Australie.

— איך פערשטעה עס ניט, האט דער מאיאר געזאגט. עפּעס געהט עס ניט מיר אין קאפּ אריין.

איך גלויב עס אויך ניט, האט לארד גלענארוואן געברומט. עס איז אונמעגליך.

אונמעגליך, זאגט איהר? האט דער פּראפעסאר אויסגערופען, איהר קענט ניט קיין פראנצויזיש! אויף פראנצויזיש געברויכט מען קיין מאל ניט דאס ווארט „אויסטראל“ צו בעצייכענען דיא זיד זייט פון דער וועלט. ווען מען שרייבט אויסטראל, מיינט מען נור דאס לאנד, אדער ריכטיגער געזאגט, דעם וועלטטהייל אויסטראליען.

— איך פערשטעה עס דאך ניט, האט לארד גלענארוואן ווייטער געזאגט. וויא איז דאס מעגליך, אז קאפּיטאן גראנט האט געליטען שיפברוך לעבען אויסטראליען, ווען אין בריעף שטעהט דייטליך „אינדיאנער“. דיא ווילדע מענשען פון אויסטראליען רופט מען ניט אינדיאנער, זאנדערן אויסטראליער? אין בריעף שטעהט דאך אבער פּארט אינדיאנער!

— איך האב דאך אייך געזאגט, מילארד, אז איהר פערשטעהט ניט גוט פראנצויזיש, האט דער פּראפעסאר געזאגט גאנץ רוהיג. איהר האט דא ווידער געמאכט א גראבען פעהלער. שטעהט דען אין דיא בריעף אינדיאנער? עס שטעהט „אינד“ Ind, האט איהר געמיינט אז דאס הייסט אינדיאנער; מען מיינט אבער גאר „אינדיזשען“ Indigenes, דאס הייסט, דיא ווילדע מענשען פון יענער געגענד. אויף ענגליש זאגט מען Aborigines, ווען מען וויל זאגען, דיא ערשטע, אלטע איינוואינער פון א לאנד, אויף פראנצויזיש זאגט מען אינדיזשען.

— בראווא, פּראפעסאר פּאגאנעל! האט אויסגערופען דער מאיאר. דאס הייסט קענען פראנצויזיש! דאס הייסט, ווייזען אן ענגלענדער, וויא אזוי צו לעזען פראנצויזישע בריעף.

לארד גלענארוואן האט גוט געקענט פראנצויזיש, ער האט אבער געמאכט דעם פעהלער, וויל יעדער מענש קען מאכען א פעהלער און ניט גאנץ ריכטיג פערשטעהן א ווארט.

— נו, מילארד? האט דער פּראפעסאר געזאגט פרעהליך, זייט איהר יעצט איינפערשטאנען מיט מיר? האב איך רעכט? האב איך בעסער ערקלערט דיא בריעף?

— איך וואלט מיט אייך געווען איינפערשטאנען, ווען איהר זאלט מיר ערקלען דאס ווארט „אגאניע“ וועלכעס מיר האבען ביז אהער געמיינט, אז עס מיינט פּאטאגאניע.

— דאס ווארט קען איך דערווייל נאך אליין ניט ערקלערן, עס איז אבער ניט וויכטיג. זיכער איז, אז קאפּיטאן גראנט האט געליטען שיפברוך לעבען אויסטראליען.

— דאס ווארט ווייזט אבער דאך אויף א לאנד, האט לארד גלענארוואן געזאגט און געשאקעלט מיטן קאפּ

ער האט נאך אלץ ניט אין גאנצען געגלויבט, אז ער, ליידי העלענא און אלע האבען אזוי שלעכט געלעזען דיא בריעף.

— ווארט! האט פלוצלונג אויסגערופען דער פראפעסאר. איך ווייס! איך פערשטעה!

אלע האבען איהם אנגעקוקט און האבען געפרעגט מיט דיא אויגען: וואס ווייס ער? וואס פערשטעהט ער?

— דאס ווארט „אגאָניע" מיינט גאר ניט קיין לאנד, האט דער פראפעסאר געזאגט רוהיגער. דאס ווארט אגאָניע הייסט דיא גרעסטע געפאהר. ווען א קראנקער האלט ביים שטארבען, ער איז אין דער גרעסטער געפאהר, (ער איז א גוסס) זאגט מען, ער איז שוין אין דער „אגאָניע". קאפיטאן גראנט שרייבט, אז ער געפינט זיך אין דער גרעסטער נויט, אין דער שרעקליכסטער געפאהר, אין „אגאָניע".

— בראוואָ! בראוואָ! האט וויעדער־אום אויסגערופען דער מאיאָר. דאס הייסט זיין א פראָפעסאָר! אזוי ערקלערן א וואָרט קען נור א פראָפעסאָר! שאדע, וואס איך בין שוין צו אלט; ווען איך בין אביסעל אינגער, וואלט איך אריינגעטרעטען צו א יד אין אוניווערזיטעט און וואלט מיך אנגעהויבען צו לערנען ביי אייך געאָגראפיע און שפראכען.

— אלזאָ, וויא אזוי ווערט איהר צוזאמען שטעלען דעם בריעף? האט לארד גלענארוואָן געפרעגט.

— גאנץ איינפאך:

„דעם 7טען יוני 1862 האט דיא שיף מיט דריי זעגעל בוימער „בריטאניא"
„פון גלאזגאָ געליטען שיפברוך לעבען אויסטראליען. דער קאפיטאן מיט צוויי
„מאטראָזען זיינען אין דער גרעסטער געפאהר (אגאָניע) זיי האבען זיך געראטעט,
„(אָדער געוואלט רעטען) אויף דאס לאנד, דיא ווילדע אבער האבען זיי געפאנגען
„אדער ווילען זיי פאנגען—דאס קען איך ניט וויסען. — זיי האבען אריינגעוואָרפען
„דיעזע פלאַש אין וואסער און בעטען הילף."

— עס איז גאנץ ריכטיג, האט דער מאיאָר געזאָגט, אנדערש קען מען דאָך דיא בריעף ניט ערקלערן.

— אלזאָ, איז קאפיטאן גראנט אין אויסטראליען, האט ענדליך געזאָגט לאָרד גלענארוואָן. מיר מוזען פאהרען קיין אויסטראליען איהם זוכען. — גוט! קיין אויסטראליען!

— קיין אויסטראליען! קיין אויסטראליען! האבען אלע אויסגערופען. לאָמיר פאהרען קיין אויסטראליען.

— איך דאנק אייך, פראָפעסאָר, האט לאָרד גלענארוואָן געזאָגט און האט געדריקט דעם פראָפעסאָר דיא האנד. גאָט אליין האט אייך צוגעשיקט צו מיר אויפן שיף. וואס וואלטען מיר יעצט געטהאן אהן אייך?

— איך ווייס ניט, אויב גאָט האט מיך צוגעשיקט אדער מיינע צערשטרייטהייט האט מיך געבראכט אויף אייער שיף. איך וויל דערפון מעהר ניט רעדען, האט דער פראָפעסאָר געזאָגט. איך ווייס נור איינס, אז מיר מוזען זעהן, וויא אם שנעלסטען צו קומען צום „דונקאן" און פאהרען קיין אויסטראליען דארט זוכען דעם קאפיטאן גראנט.

אלע זיינען געווארען פרעהליכער, אלע זיינען געוואָרען מונטערער, אלע זיינען געווארען לעבעדיגער. יעצט וועלען זיי וועניגסטענס ניט קומען גאנץ מיט לעדיגע הענד אויפ'ן „דונקאן". ליידי העלענא, מערי גראנט און דער קאַפּיטאַן פּאַרראַגוט וועלען ניט זיין פערצווייפעלט, ווען מען וועט זיי קומען זאגען, אז דיא גאנצע רייזע אין טשילי און ארגענטיניען איז געוועזן אומזיסט און מען וויים יעצט ניט וואס צו טהאן. יעדער האט געפיהלט, אז ער האט פאר זיך א געוויסען ציעל, א געוויסען צוועק. איין זאך האט זיי געקרענקט: וואס זיי זיינען דא געפאנגען אויפ'ן בוים און קענען ניט באלד פאהרען קיין אויסטראַליען.

אונטערדעסען איז געווארען נאכט און מען האט געדארפט זיך לעגען שלאפען. דאס צורעכט מאכען פון געלעגערס האט ניט לאנג געדויערט. יעדער האט זיך אויסגעקליעבען א צווייג, וואו ער זאל זיך קענען צושפּארען און האט זיך צוגעבונדען צום צווייג. דאס געלעגער איז געווים ניט געוועזן אזוי ווייך און ניט אזוי בעקוועם, וויא אין דער היים. גאנץ רוהיג איז אויך ניט געוועזן. דאס וואסער ארום האט גערוישט און געקאכט. מען איז אבער דאך א־ביסעל־געשלאפען דיא נאכט, יעדער וויא ער האט געקענט.

דעם אנדערן טאג איז מען אויפגעשטאנען גאנץ פריה. דיא לופט איז געוועזן ריין, דער הימעל בלוי, דיא זון איז ארויסגעגאנגען און האט בעלייכטעט דיא געגענד. גאנץ הויך איבער זייערע קעפּ האבען געזונגען און געפּיפּסט פייגעלעך, וועלכע האבען געהאט זייערע נעסטען אויפ'ן בוים. אלעס האט געלעבט, אלעס איז פרעהליך געוועזן און דאך האט דאס אויג געזעהן נור הימעל און וואַסער. איינער נאכ'ן אנדערן האבען זיך אונזערע רייזענדע אויפגעחאַפּט, יעדער האט געאיילט זיך אפצובינדען פון'ם צווייג, צו וועלכען ער האט זיך נעכטען ביי נאכט צוגעבונדען, און אויסשטרעקען זיינע פערגליווערטע גלידער. יעדער האט זיך אויפגעהויבען און האט ארויפגעקלעטערט אביסעל העכער אום צו זעהן, אויב דאס וואסער איז אַפּגעפאלען, אויב מען זעהט ניט ערגעץ א שטיקעל ערד זיך ארויסווייזען.

ליידער, איז דאס וואסער ניט אַפּגעפאַלען. זייער בוים האט זיי דייטליך געוויעזען, אז דאס וואסער שטעהט אלץ אויף איין שטאנד.

— דאס איז אויך גוט, האט דער פּראָפעסאָר געזאָגט. דאס ווייזט, אז דאס וואסער איז ניט צוגעקומען. קוים איז עס ניט צוגעקומען, מוז עס אָבפאַלען.

קיינער האט איהם ניט געענטפערט. יערער האט געזעהן, אז זייער לאגע איז ניט גאנץ פרעהליך. וויא לאנג קענען זיי דא אויסזיצען אויפ'ן בוים? באַלד וועט זיך אויסלאזען דאס ביסעל פּראָוויאַנט, וואס טהאלקאווע האט זיי איבערגעלאָזען. פון וואס וועלען זיי דאן לעבען? דיא פערפלייצונג קען דויערן זעהר לאנג; ווען עס וועט נאך לאנג רעגנען אין דיא בערג, קענען זיי דא בלייבען געפאנגען וואָכען לאנג. עס איז ניט אזוי אנגענעהם צו לעבען אויף א בוים, וויא דיא פייגעל. —

דיעזע און אנדערע טרויעריגע געדאנקען זיינען געקומען יעדען אין קאָפּ, ווען ער האט זיך אומגעקוקט און געזעהן, אז עס איז נאך זאגאר קיין צייכען ניטאָ, אז דאס וואסער זאל אָפּפאלען. דיא צייט איז פערגאנגען זעהר לאנגזאם. ענד־ייך איז געוואָרען אום צעהן אוהר און דער מאָגען האט געפאָדערט דאס זייניגע. מען האט געטוזט

זעעס נעהמען צו זיך, אדער וויא דער מאַיאָר האט געזאָגט, עפּעס פּיקען.

— מען מוז געהן זוכען עסען, האט דער פּראָפעסאָר געזאָגט. מיר מוזען היינט מאכען א באלל.

— וואוהין וועט איהר געהן זוכען? האט איהם לאָרד גלענארוואַן נעפרעגט.

— אין וואלד אריין. — האט איהר ניט געהערט, וויא דיא פייגעלעך זינגען און פּיפּסען איבער אונזערע קעפּ? זיי האבען דא זייערע נעסטער, און דיא נעסטער זיינען דא אייער. דיא פייגעלעך אליין קען מען אויך עסען פאר נויט. אונטער אונז איז וואַסער. וואו עס איז דא וואסער קען מען חאפּען פיש.

— יאָ, ליעבער פּראָפעסאָר! האט אויסגערופען ראָבערט. איך וועל ארויפקלעטערן אויף דיא גאנץ הויכע צווייגען און וועל זוכען דיא נעסטער פון דיא פייגעל. איך וועל מיטנעהמען מיינע רעוואָלווערס און וועל שיעסען דיא פויגעל.

— האסט רעכט, מיין קינד, איך וועל אויך געהן מיט דיר. איך בין א פראנצויז און יעדער פראנצויז איז א געבאָרענער יעגער.

— זעהט נור, איהר זאלט ניט זיין צערשטרייט, האט איהם דער מאַיאָר געוואָרנט. איהר קענט אייך דערמאנען אן אויסטראַליען און אראָפּפאלען, וויא איהר האט נעכטען געטהאן.

— און איך וויל ווערן א פישער, האט דער מאטראָז ווילסאן געזאָגט און וועל אייך פערזארגען מיט פיש.

— וויא אזוי וועסט דוא חאַפּען דיא פיש? האט איהם לאָרד גלענאַרוואַן געפרעגט.

— מיט מיין דעק. איך וועל מאכען פון איהר א נעץ און חאַפּען פיש.

— זיא וועט דאך אבער שווימען פון אויבען?

— איך וועל צו איהר צו בינדען פון אלע זייטען בלייענע קוגעלן, דיא קוגעלן פון מיין רעוואָלווער.

מען האט זיך באלד גענומען צו דער ארבייט. ווילסאן האט צוגעבונדען לאנגע ריעמענס צו אלע פיער זייטען פון זיין דעק, האט אין דערמיט און ביי דיא ברעגעס בעפעסטיגט בלייענע קוגעלן און האט זיא אראָפּגעלאָזען אין וואסער. אין אייניגע מינוטען ארום האט ער זיא ארויסגעצויגען און אה, פרייד!

אין דער דעק האבען זיך געוואָרפען און געצאַפּעלט עטליכע קליינע פישלעך. ער האט באלד אפּגעבראָכען א גאנץ דין צווייגעלע פון'ם בוים און האט אויפגעשטאָכען זיינע פיש. באלד האט ער ווידער אראָפּגעלאָזען זיין נעץ אין וואסער און האט ווידער געחאַפּט עטליכע פישלעך. אלע זיינען געווען העכסט ערפרייט איבער דעם גליקליכען פאנג; זאָגאר דער ערנסטער לאָרד גלענארוואַן האט זיך ניט געשעהמט צו זעצען זיך לעבען ווילסאַן און צו קוקען, וויא ער חאַפּט פיש.

אונטערדעסען איז ראָבערט מיט'ן פּראָפעסאָר געגאנגען זוכען אייער און שיעסען פייגעל אין דיא אויבערשטע צווייגען פון'ם בוים. מען האט אונטען געהערט זייער געלעכטער און דאס קנאקען פון זייערע רעוואָלווערס. אויפ'ן בוים זיינען ווירקליך געוועהן זעהר פיעלע נעסטער פון פיינעל און דיא פערפלייצונג ארום האט געצוואונגען דיא פיינעל צו בלייבען אויפ'ן בוים. זיי האבען ניט געהאט, וואו אוועקצופליעהען. אונזערע

יענער האבען ווירקליך געהאט א גליקליכע יאגד. דער פּראָפעסאָר האט אנגעקליבען פיעל אויער פון פייגעל, ראָבערט האט געשאָסען איינינע פייגעל. זיי זיינען אראָפּגע־גאנגען פון'ם בוים, אדער וויא ער האט אליין געזאָגט:

— מיר קומען פון'ם וואלד און האבען געבראכט א מיטאָג.

יעצט האט מען געמאכט ווירקליך א באלל. דער פּראָפעסאָר האט געבראטען די אויער און דיא פייגעל. ווילסאן האט געבראָטען פיש. האבען געמאכט א פּאָר טרעפליכען מיטאָג. אלע האבען גענעסען מיט'ן בעסטען אפּעטיט און האבען אויף א מינוט פערגעסען, וואו זיי זיינען. דער פּראָפעסאָר האט געשפּאַסט און האט דער־צעהלט דיא געשיכטע פון דער יאגד.

— איך בין געגאנגען אין וואלד גאנץ אליין, האט ער אנגעהויבען צו דערצעה־לען מיט א שפּאַסהאפטען טאָן. דער וואלד איז געדיכט און שרעקליך. אין ערטער זעהט מען זאָגאר ניט דיא זון. מיין גליק איז געווען, וואס אין וואלד זיינען ניטא קיין ווילדע חיות. עס טהוט מיר לייד, וואס איך האב ניט בעגעגענט א טיגער, אָדער א יאגואר. —

— אייך טהוט לייד, וואָס איהר האט ניט בעגעגענט א יאגואר? האט איהם לאָרד גלענארוואָן געפרעגט מיט א געלעכטער. איך מיין, אז ווען איהר וואלט בעגע־גענט אזא דזשענטעלמען אין וואלד, וואלט איהר שוין פערשפּארט צו לערנען געאגראַ־פיע מיט אייערע סטודענטען.

— עס איז ניט וואהר, האט דער פּראָפעסאָר געזאָגט ערנסט. דיא ווילדע חיות זיינען גאר ניט אזוי געפעהרליך, וויא איהר מיינט.

— אה, דאס גלויב איך אייך ניט, הערר פּראָפעסאָר! האט דער מאַיאָר געזאָגט. איהר וועט מיר ניט איינרעדען, אז דיא ווילדע טהיערע זיינען ניצליך, אז מען דאַרף זיי.

— מיר, געלערנטע, דארפען זיי האבען. מיר דארפען לערנען און זיי איינטהיילען אין קלאַסען.

— א שעהנע זאך! האט געלאכט דער מאַיאָר. איז דאס דער איינציגער נוצען פון דיא ווילדע חיות? זיינען זיי דא אויף דער וועלט נור צוליעב אייך, געלערנטע? — איך זאָג אייך, ווען איך זאל געוועזן לעבען אין דער צייט, ווען דער אלטער נח האט אריינגענומען אין זיין תיבה אלערליי ווילדע חיות, וואלט איך איהם אויף קיין פאל ניט דערלאָזען, ער זאָל אריינעהמען פּאָרלעך פון לייבען, טיגער, לעמפּערטען, יאגוארען און בערן. דיעזע אלע חיות זיינען ניט נור אוננוצלעך, זיי זיינען שעדליך.

— איהר וואלט געטהאן דאס גרעסטע אונרעכט, וואס עס קען נור זיין. איהר וואלט געטהאן אן אונרעכט געגען דער וויסענשאפט, איהר וואלט געטהאן אן אונרעכט געגען דער זאָאָלאָגיע (דיא וויסענשאפט איבער דיא חיות).

— איך וואלט אָבער געטהאן זעהר גערעכט געגען דיא מענשען. מיר וואָלטען לויז געוואָרען פון אלע געפעהרליכע חיות, האט דער מאַיאָר געזאָגט.

— אן אונגליק מיט א מענשען, וואס איז ניט קיין געלערנטער! האט דער פּראָ־פעסאָר זיך געבייזערט. מיר געפינען יעצט אין דער ערד ביינער פון חיות און בהמות, וועלכע האבען אמאל געלעבט און היינט זיינען זיי אויסגעשטארבען. וויא גליקליך

וואָלטען מיר געווען, ווען מיר זאלען יעצט האבען א לעבעדיגען מאסטאדאָן, א פּלעזיאָזוירוס, אן איכטיאָזוירוס! *)

— ניין! האט אויסגעשריען דער מאיאָר. מיר וואָלטען אלע געווען זעהר דאנקבאר דעם פאטער נח, ווען ער זאל געווען נעהמען אלע ווילדע חיות און זיי אריינוואַרפען אין וואסער אריין.

— אלע געלערנטע וואָלטען איהם פערשאָלטען דיא ביינער, ווען ער וואלט עס געטהאן, האט דער פּראָפּעסאר געזאגט.

אלע האבען געלאכט, וואס דיעזע צוויי קלוגע מענשען קריעגען זיך איבערן אלטען נח מיט זיין תיבה. און וואונדערבאר! דער מאיאָר, וועלכער איז געווען אזא רוהיגער, שטילער מענש, פלעגט ליעבען האבען צו שטרייטען און צו קריעגען זיך מיט'ן פּראָפעסאָר, וועלכער האט איהם אויף קיין פאל ניט געוואלט נאכגעבען. געוועהנליך פלעגט אין אזעלכע פעלע לאָרד גלענארוואן מאכען פריעדען צווישען דיא שטרייטענדע. אויך יעצט האט ער זיי געוואלט בערוהיגען און האט געזאגט:

— ליעבער פּראָפעסאר, ניט יעצט איז דיא צייט און ניט דא איז דאס אָרט צו בעהאנדלען דיא פראגע. אויב עס וואלט גלייבער געווען, אז אויף דער וועלט זאלען גאר קיין ווילדע חיות ניט זיין. איך בין זיכער, אז איהר האט גוט געוואוסט, ווען איהר זייט געגאנגען אויף אייער זאנדערבארע יאגד, אז איהר וועט דארט קיין ווילדע חיות ניט בעגעגענען.

— פאר וואס ניט? האט געפרעגט דער פּראָפעסאר צארניג.

— וואס רעדט איהר, פּראָפעסאר? האט זיך טאָם אויגוסטין אריינגעמישט. ויא קומען ווילדע חיות אויף א בוים?

— דאס איז זעהר מעגליך. דער אמעריקאנישע טיגער — דער יאגואר — קלעטערט זעהר גוט אויף ביימער. ער קריעכט ארויף אויף א בוים, בעהאלט זיך דארט און ווען א חיה אדער א בהמה האט דאס אונגליק פארביי צוגעהן דיעזען בוים, שפּרינגט ער אויף איהר ארויף און צורייסט זיא. פאר וואס איז ניט מעגליך, אז א יאגואר האט זיך גערעטעט פון דער פערפלייצונג גראדע אויף דעם בוים, וואו מיר געפינען זיך? פאר וואס איז ניט מעגליך, אז ער ליעגט נאך יעצט ערגעץ בעהאלטען צווישען דיא צווייגען?

— איהר האט אבער דאך קיין יאגואר ניט בעגעגענט? האט דער מאיאָר געפרעגט מיט א געלעכטער.

---

*) דיעזע אלע זאָנדערבארע חיות זיינען היינט ניטא אויף דער וועלט. זיי זיינען אויסגעשטאָרבען. מען געפינט נור צו מאל זייערע ביינער אין טיעפע קעלערן אין דער ערד אָדער אין דיא געגענדען, וועלכע ליעגען ארום אייז-מעער. ניט לאנג האט מען געפונען אין טיעף סיביר א גאַנצען מאַסטאַדאָן בעגראָבען אין אייז. ער איז נאך געווען זאָגאַר מיט האָר. אזוי וויא עס איז אבער אן אונגעהייער גרויסע חיה און אין סיביר זיינען נאך ניטא קיין גוטע וועגען, האט מען איהם געמוזט צו שניידען און נור דיא ביינער ברענגען אין מוזעאום פון פעטערבורג. אין דער שווייץ, אין ענגלאנד. און אין אמעריקא האט מען אויך געפונען גאנצע סקעלעטען, דיא ביינער פון חיות, וועלכע זיינען היינט אויף דער וועלט ניטא.

— וואס לאכט איהר אזוי, הערר מאיאר? האט דער פראפעסאר געפרעגט געררייצט. א יאגואר איז זעהר ווילד און בלוט דורשטיג. מיט א י י ן זעץ פון זיינע שטארקע לאפעס ברעכט ער איבער דעם רוקען פון א פערד. אזא דזשענטעלמען צו בעגעגענען אין וואלד איז גאר ניט אנגענעהם. ווען א יאגואר האט איין מאל פערזוכט מענשען פלייש, וויל ער קיין אנדערע זאך שוין ניט עסען. מענשענפלייש שמעקט איהם בעסער פון אלע אנדערע סארטען פלייש. פון מענשען האט ער זעהר ליעב אן אידיאנער, ווען ער האט ניט קיין אינדיאנער, איז ער צופריעדען מיט א נעגער; ווען ער האט ניט קיין נעגער, בעגניגענט ער זיך מיט א מולאט (א מולאט איז דאס קינד פון א נעגער און אן אינדיאנערין), ווען ער האט ניט קיין מולאט, מוז ער שוין נעהמען פאר ליעב א ווייסען מענשען.

— דאס פרעהט מיך, האט געזאגט דער מאיאר. וועניגסטענס, זיינען מיר ווייסע ערשט נומער פיער.

— ווייסט איהר, פאר וואס דאס איז? האט דער פראפעסאר געלאכט, ווייל אייער פלייש טויג ניט. עס האט קיין טעם ניט.

— אויב אזוי, בין איך שוין צופריעדען, וואס מיין פלייש טויג ניט און האט קיין שום טעם ניט. איך בין צופריעדען, וואס מיין פלייש שמעקט ניט דעם מיסטער יאגואר.

— אזוי? צופריעדען זייט איהר? שעהמען דארפט איהר זיך! — דער ווייסער מענש דענקט, אז ער איז דער הערשער פון דער וועלט, אז ער איז דער קאפ און דיא ציערונג פון אלע בעשעפענישען. מיסטער יאגואר אבער זאגט: ניין! דער אינדיא-נער און דער נעגער שמעקען מיר בעסער פון'ם ווייסען.

— מיין גוטער, ליעבער פראפעסאר, האט זיך ענדליך אנגערופען לארד גלענארוואן, אזוי וויא צווישען אונז זיינען ניטא, ניט קיין אינדיאנער, ניט קיין נעגער, ניט קיין מולאטען און מיר זיינען אלע געראדע ווייסע מענשען, בין איך העכסט צו-פריעדען, וואס אויף דיעזען בוים געפינט זיך קיין מיסטער יאגואר. אונזער לאגע איז אהן איהם אויך ניט גאנץ אנגענעהם.

— פאר וואס איז אונזער לאגע ניט אנגענעהם? האט דער פראפעסאר גע-פרעגט. וואס האט איהר זיך צובעקלאגען אויף אונזער איצטיגער לאגע?

— וויא? געפינט איהר עס אזוי אנגענעהם און בעקוועם צו ליעגען אויף דיעזע הארטע צווייגען צווישען הימעל און וואסער?

— איך ווייס ניט, וואס אונז פעהלט. מיר לעבען, וויא דיא פייגעל. מיר זינגען, מיר פליעהען. מיר עסען און טרינקען. וואס פעהלט אונז נאך? איך מיין, אז עס וואלט געוועזען זעהר גליך, אז אלע מענשען זאלען לעבען אויף בוימער?

— זיי האבען דאך אבער קיינע פליגעל, האט דער מאיאר געזאגט, וויא קענען זיי לעבען אויף ביימער?

— מיט דער צייט וועלען זיך דיא מענשען אויסלערנען פליהען, וויא דיא פייגעל, האט דער פראפעסאר געזאגט גאנץ ערנסט. ווען זיי וואלטען געלעבט אויף ביימער, וואלטען זיי שוין לאנג אויסגעפונען א מיטעל, וויא אזוי צו פליהען.

— ביז וואנען דיא מענשען וועלען קענען פליהען, האט לארד גלענארוואן געזאגט, וואלט איך בעסער געוואלט זיין יעצט אין א פארק, אין א שטוב אדער וועניגסטענס אויפ'ן "דונקאן,, אלס צו זיצען דא אויף דיא צווייגען פון'ם אמבו.

— מיר מוזען זיין צופריעדען, מיט וואס מיר האבען. ווען עס נעהט אונז גוט, זיינען מיר דאך צופריעדען, נעהט עס אבער ניט אזוי גוט, מוזען מיר זיין צופריעדען. איך בין זיכער, אז ראבערט איז צופריעדען מיט אונזער יעצטיגע לאגע.

— געוויס, פראפעסאר! איך בין זעהר צופריעדען, האט ראבערט געענטפערט.

— אין זיינע יאהרען איז עס קיין וואונדער ניט, וואס ער איז צופריעדען, האט לארד גלענארוואן געזאגט טרויעריג.

— פאר וואס נאך אין זיינע יאהרען? — אין מיינע יאהרען אויך, האט דער פראפעסאר אויסגעשריען. וואס וועניגער א מענש בעדארף, אלץ גליקליכער איז ער. דיא ווילדע מענשען זיינען גליקליך; זיי האבען קיינע וארגען, ווייל זיי האבען קיינע בעדירפניסע.

— בא, בא, בא! האט אויסגערופען דער מאיאר, וואוהין אונזער פראפעסאר איז פערקראכען! ער וויל אונז בעווייזען, אז רייכקייט טויג ניט און געלד דארף מען ניט. א הא!

— איך וועל אייך דערצעהלען א קליינע אראבישע געשיכטע, האט דער פראפעסאר געזאגט, וועלכע פאסט געראדע צו אונזער איצטיגע לאגע.

— אך, דערצעהלט, פראפעסאר! איך בעט אייך! האט אויסגערופען דער קליינער ראבערט.

— וואס ווילט איהר בעווייזען מיט אייער געשיכטע? האט דער אונרוהיגער מאיאר געפרעגט.

— וואס אלע געשיכטען בעווייזען, מיין מוטהיגער מאיאר.

— אויב אזוי, האט מען ניט וואס צו הערען, האט דער מאיאר געזאגט און האט א מאך געטהאן מיט דער האנד.

— אך, דערצעהלט, פראפעסאר! דערצעהלט!

— טהוט איהם צוליעב און דערצעהלט, האט ענדליך דער מאיאר געזאגט.

— א מאל איז געווען א גרויסער סולטאן מיט'ן נאמען הארון אל ראשיד. ער האט געהאט א זוהן, וועלכער איז מיט קיין זאך ניט צופריעדען געווען. ער איז געווען אונגליקליך. וואס מען האט איהם נעגעבען איז איהם ניט געפעלען און וואס מעהר ער האט געהאט, איז ער אלץ מעהר געווען אונצופריעדען. דער פאטער האט זיך זעהר געערגערט, וואס זיין זוהן איז אזוי אונגליקליך און מיט אלעמען אונצופריעדען. ער איז געגאנגען פרעגען א אלטען דערוויש — א גייסטליכען — וואס ער זאל טהאן.

— צופריעדענהייט איז זעהר א זעלטענע זאך אויף דיזער וועלט, האט געזאגט דער אלטער דערוויש. גליק איז א זעלטענעס פיינעלע. דאכט זיך, אט, אט האט מען עס שוין געחאפט. מען קוקט זיך אום — עס איז ניטא. איך ווייס נור פון איין מיטעל. וועלכעס קען העלפען, אז אייער זוהן זאל זיין צופריעדען און גליקליך.

— וואס איז דאס פאר א מיטעל? האט דער סולטאן געפרעגט.

— ער זאל אנטהאן און טראגען אויף זיך דאס העמד פון א צופריעדענעם מענשען. וועט ער אויך זיין צופריעדען.

דער סולטאן האט נעדאנקט דעם דערוויש און איז געגאנגען זוכען א צופריעדענעם מענשען, ער זאל ביי איהם אפקויפען זיין העמד. ער האט געזוכט אין דער הויפט שטאדט, ער האט געזוכט אין אנדערע גרויסע שטעדט; ער האט געזוכט אין דיא רייכע, פערגאָלדעטע פאלאצען; ער האט געזוכט אין דיא ארימע געצעלטען, אבער אין ערגעץ האט ער קיין צופריעדענעם מענשען ניט געפינען. צו וועמען מען איז געקומען און מען האט איהם נעפרעגט, אויב ער האט זיך ניט עפּעס צו בעקלאגען, אויב ער איז מיט אלעמען צופריעדען, האט יעדער געענטפערט, אז עפּעס פעהלט איהם, ער האט זיך אויף עפּעס צו בעקלאגען.

א לאנגע, לאנגע צייט האט מען געזוכט א העמד פון א צופריעדענעם מענשען און מען האט ניט געקענט געפינען. דער סולטאן איז געוועזן פערצווייפעלט. איין מאל איז ער געגאנגען שפּאציערען אויסער דער שטאדט און האט דערזעהן, וויא א יונגער בויער אקערט זיין פעלד און זינגט אזוי פרעהליך, אזוי לוסטיג, אז עס איז געוועזן א פערגניגען איהם צו הערען. — איך מיין, אז דיעזער בויער איז צופריעדען, האט דער סולטאן געזאגט און איז צו איהם צוגעגאנגען.

— וויא געהט עס דיר, גוטער פריינד? האט ער איהם געפרעגט.

— גאנץ גוט.

— ביסט דו צופריעדען מיט דיין שיקזאל?

— פאָלקאָמען צופריעדען.

— האסט דו זיך ניט עפּעס צו בעקלאגען?

— ניין, איך פערלאנג גאר ניט, איך האב מיך אויף גאר ניט צובעקלאגען.

— וואלסט דו געוואלט ווערן א סולטאן?

— ניין, איך בין צופריעדען, מיט דעם וואס איך בין.

— אלזא, פערקויף מיר דיין העמד.

— מיין העמד? איך האב ניט קיין העמד.

ער האט געוויעזען דעם סולטאן, אז ער געהט אהן א העמד.

25טעס קאפּיטעל.

צווישען פייער און וואַסער.

אלע האבען צונעהערט אויפמערקזאם דעם פּראפעסארס געשיכטע. צוואר האט זיא גאר ניט בעוויעזען, וויא אלע געשיכטען בעווייזען גאר נים. זיא האט אבער זעהר געפּאסט צו זייער איצטיגע לאגע. יעדער האט איינגעזעהן, אז ווען מען האט ניט קיין שעהנעם הויז און קיין ווייכעס בעט, מוז מען צופריעדען זיין מיט צווייגען פון א בוים.

אזוי האט מען גערעדט, געפּלוידערט און פערבראַכט דעם טאג. דאס וועטער איז געוועזן שעהן. עס איז געווארען זעהר הייס. זיי האבען אבער דיא היץ ניט שטארק געפיהלט. אין בוים אויפ'ן וואסער איז געוועזן קיהל. עס האט אנגעהויבען נאכט צו ווערן. מען האט זיך נעדארפט געהן לעגען שלאפען לארד גלענאַרוואַן, ראבערט און

דער פראָפעסאָר זיינען נאך אמאל ארויפגעקראָכען אויף דיא הויכע צווייגען פון'ם בוים, אום צו זעהן, אויב דאס וואסער איז ניט אָפּגעפאלען, אויב מען זעהט ניט ארויס קיין לאנד ערגעץ פון ווייטען.

ווען לאָרד גלענארוואַן האט בעטראכט דעם הימעל אין אָסטען (מזרח זייט) איז ער בלייך געוואָרען. א דיקער שווארצער וואָלקען האט זיך געשטעלט, וויא א וואנד און האט פערשטעלט דעם הימעל. ער איז געוואָרען אלע מאל שווארצער, אלע מאָל גרעסער אלע מאָל דראהענדער. אין א גאנץ קורצע צייט האט ער פערדעקט דעם האלבען הימעל. דיא לופט איז געוואָרען שטיל. קיין ווינטעלע האט געוועהט, קיין בלעטעלע האט זיך געריהרט. דער מענש האט געפיהלט, אז עפּעס פרעסט איהם, עפּעס דריקט איהם. עס איז איהם שווער אויפצוהויבען א האנד, עס איז איהם שווער צו ריהרען מיט א גליעד. דאס איז דיא עלעקטריציטעט אין דער לופט, וועלכע האט זיך אנגעזאמעלט און מח אויסברעכען.

— מיר וועלען האבען א שטורם, האט דער פראָפעסאָר געזאגט. עס וועט דונערן און בליצען.

— האסט דוא מורא פאר א דונער, ראָבערט? האט לאָרד גלענארוואַן געפרעגט.

— ניין, מילארד.

— אזוי האב איך דיך ליעב. מיר וועלען באלד האבען א שטאַרקען שטורם.

— וואס האַרט עס אונז? האט געלאכט דער פראָפעסאָר. מיר וועלען זיך זיצען גאנץ רוהיג אין אונזער נעסט.

— דער שטורם האַרט מיך ניט, האט לאָרד גלענארוואַן געזאָגט. מיך האַרט דער רעגען. מיר האבען זיך קוים אפּגעטריקענט און יעצט וועלען מיר ווידער נאס ווערן ביז צו דער הויט. — איהר מעגט אייך זאָגען, וואס איהר ווילט, מענשען קענען דאך ניט לעבען אויף ביימער, וויא פייגעל,

— ווען מען איז נור א פילאָזאָף, קען מען שוין לעבען גאנץ רוהיג אויף א בוים.

— וואס זאָגט איהר, פראָפעסאָר? וואס קען אייך העלפען אייער פילאָזאָפיע נעגען א שלאנגרעגען? קען אייך דיא פילאָזאָפיע בעשיצען, איהר זאלט ניט נאס ווערן?

— געוויס ניט, זיא קען אייך אבער געבען מוטה, אלעס איבער צוטראָגען.

לאָרד גלענארוואַן האט אמאך געטהאן מיט דער האנד.

— לאָז שוין זיין אזוי, וויא איהר זאגט. — לאָמיר בעסער אראָפּגעהן און זאגען אונזערע קאַמעראַדען, אז מיר וועלען באלד האבען א שטורם. לאָז זיך יעדער איינוויקלען אין זיין מאנטעל און אין זיין דעק. איהר, פראָפעסאָר, מעגט אייך איינוויקלען אין אייער פילאָזאָפיע, פיעללייכט וועט זיא אייך בעסער שיצען נעגען רעגען.

גלענארוואַן האט נאך אמאל בעטראכט דעם הימעל און דאס וואסער ארום. אלעס איז געווען דונקעל. דיא וואָלקען זיינען געוואָרען מיט יעדער מינוט שווארצער און שרעקליכער. זיי זיינען אראָפּגעגאנגען צו זייערע קאמעראַדען. אונטען איז געווען נאך דונקלער, נאך טרויעריגער. אונטען איז געווען פינסטער. פלוצלונג האבען זיך אנגעהויבען צו ווייזען העלע, ליכטיגע פינטלעד אויפ'ן וואסער. זיי זיינען געפלויגען.

געלאפען, זיך אויסגעמישט, זיך צו שפרייט און פארדעקט דיא גאנצע געגענד.

— וואס איז דאס? קענט איהר עס אונז ניט ערקלערן, פראפעסאר?

— געוויס! דאס זיינען אזעלכע לייכטענדע פליעגעלעך.

— דיעזע ליכטיגע, שעהנע, גלענצענדע פונקטען זיינען פליעגעלעך? האט ראַ־בערט געפרעגט פערוואונדערט.

— יא, מיין קינד, דאס זיינען אזעלכע פליעגען. פון צווי דריזען אין זייער ברוסט ווייזט זיך ארויס א העלער שיין. דיא דאַמען אין בועגאס איירעס האפען זיי און שטע־כען זיי אן אויפ'ן קאפּ, ווען זיי געהן אויף א באלל. זיי לייכטען שעהנער און העלער, אלס דיאמאנטען.

לאָרד גלענארוואן האט יעצט געזאגט אלעמען, אז עס וועט ביי נאכט זיין א שטארקער שטורם. יעדער זאל זיך גוט צובינדען צו זיין צווייג. דער שטורם וועט גע־ווים שטארק שאקלען דעם בוים און זיי קענען נאך אראפּפאלען. עס איז געווארען שפעט. יעדער האט זיך איינגעהילט אין זיין דעק און האט זיך צוגעבונדען שטארק צום בוים.

ליידער, האט קיינער ניט געקענט שלאפען. יעדער האט געפיהלט, אז עפּעס וועט פאַרקומען. עס איז א מערקווירדיגע זאך, אז יעדעס מאל, איידער עס קומט פאר א רעוואלוציאָן אין דער נאטור, פיהלט זיך דער מענש אזוי אונאנגענעהם, אזוי ניעדער־געשלאגען, אזוי שוואך, אזוי מוטהלאז, גלייך וויא ער וואלט אנערקענט, אז ער איז נור א שוואכע פליעג געגען דער גרויסער, מעכטיגער נאטור.

אום עלף אוהר האט מען דערהערט דעם ערשטען דונער. ער איז נאך געוועזען שוואך, ער איז נאך געוועזען גאנץ ווייט. לאָרד גלענארוואן האט זיך אויפגעהויבען פון זיין געלעגער און איז געגאנגען זעהן, וואס עס הערט זיך אויף דער וועלט. דער גאנצער הימעל איז געוועזען בעדעקט מיט שווארצע וואלקען. פון צייט צו צייט זיינען דיא וואל־קען פלוצלונג צוריסען געוואָרען. עס האט זיך געוויזען א העלער בליץ, וועלכער האט בעלייכטעט דאס וואסער אויף א סעקונדע און איז באלד פערשוואונדען געוואָרען.

— נו, וואס הערט זיך? האט דער פראָפעסאר געפרעגט פון זיין דעק ארויס.

— עס הייבט אן ערנסט צו ווערן, מיר וועלען האבען איינעם פון דיא שרעק־ליכסטע שטורמווינדען אין דיעזע געגענדען.

— דעסטא בעסער! האט דער פראָפעסאר געזאָגט. עס איז אונז לאנגווייליג. מוטער נאטור וויל אונז געבען א שטיק אויף איהר איינענעם טהעאטער. עס וועט אונז ניט קאסטען א סענט און מיר וועלען געווים זעהן א שעהנעם שטיק. אין א טהעאטער מאכט מען נאך דונערן מיט בליצען, דא וועלען מיר האבען עכטע, גוטע, אנ־שטענדיגע דונערן, בליצען, רעגען און אביסעל שטורמווינד אלס צוגאָב.

— א שעהן מין פערגניגען! האט געלאכט דער מאיאָר. דונערן, בליצען, רעגען און שטורמווינד! איך וואלט בעסער געוואלט זעהן אלע דיעזע שעהנע זאכען אין א טהעאטער אין לאָנדאָן.

— טאפּפערער, מוטהיגער מאיאָר! האט געזאָגט דער פראָפעסאר מיט א בייסענדען שפאָט. איך זאָג אייך, אז מיר וועלען האבען אזא שטורם, וועלכען איהר האט נאך אין אייער לעבען ניט געזעהן. מיר זיינען יעצט אין דער רעכטער צייט פון

דיא שטורמווינדען. אין 1793 האט א געלערנטער בייגעוואינט א שטורם אין בוענאס איירעס. אין דער צייט פון איין שטונדע האט עס זיעבען און דרייסיג מאל געדונערט. דער געלערנטער, מארטין דע מוססי, דערצעהלט פון א שטורם, ווען עס האט פינף און פופציג מינוט נאכאנאנד געדונערט.

— פינף און פופציג מינוט נאכאנאנד? אהן אויפהער? האט דער מאיאר געפרעגט

— אהן אן אויפהער. פינף און פופציג מינוט כסדר. — איין זאך בעאונרוהיגט מיך, האט דער פראפעסאר ווייטער געזאגט מיט אן ערנסטער מינע. ווען עס דונערט, טאר מען זיך ניט שטעלען אונטער א בוים, ווייל דער בוים ציהט צו זיך צו דעם דונער. וואס קענען מיר יעצט טהאן, ווען מיר מוזען זיך לעגען אין דערמיט פון׳ם בוים?

— אין אונזער לאגע ניט איהר אונז זעהר א גוטע האפנונג! האט געזאגט דער מאיאר.

— איך מיין אויך, אז ניט איצט איז דיא צייט צו ווארנען אונז, מיר זאלען זיך ניט שיצען אונטער א בוים, האט לארד גלענארוואן געזאגט.

— אלע צייטען זיינען גלייך, האט דער פראפעסאר געענטפערט. — אבער זעהט, עס הייבט זיך אן. —

א שרעקליכער דונער האט אונטערבראכען דיא רעדע פון׳ם פראפעסאר. עס האט זיך ווירקליך אנגעהויבען. איין דונער נאכ׳ן אנדערן האט פערטויבט דיא לופט, איין בליץ נאכ׳ן אנדערן האט צוריסען דעם הימעל און בעלייכטעט דיא גאנצע געגענד. לארד גלענארוואן מיט זיינע קאמעראדען האבען שטילערהייט בעטראכט דיא שרעקליכע רעוואלוציאן אין דער נאטור. עס האט אויסגעוויזען, אז אלעס ווערט צובראכען, אלעס ווערט צערשטערט, אלעס ווערט פערניכטעט. דיא גאנצע וועלט וויל אונטערגעהן. ביז אהער האט נאך ניט גערעגענט און דער ווינד איז נאך געווען שוואך. באלד האבען זיך דיא פענסטער פון הימעל געעפענט און עס האט אנגעהויבען צו גיעסען א שרעקליכער רעגען. מען מוז וואינען אין יענע געגענדען אום צו האבען א בעגריף, וואס דארט הייסט א רעגען. ניט טראפענס וואסער פאלען פון הימעל, זאנדערן גאנצע טייכען. דיא וואסערן פון דיא וואלקענס האבען זיך פעראייניגט מיט דיא וואסערן אויף דער ערד און האבען געבילדעט א שרעקליכען טייך, וועלכער האט זיך געגאסען פון אויבען אדער איז ארויפגעקומען פון אונטען.

דיא דונערן און בליצען האבען גאר ניט אויפגעהערט. פלוצלונג האט זיך געוויזען א פייערדיגע קוגעל, וויא א באמבע דיא גרויס, זיא האט זיך אייניגע סעקונדען ארומגעדרעהט, האט געפלאצט, וויא א באמבע און איז פערשוואונדען געווארען. מען האט געפיהלט א שטארקען גערוך פון שוועפעל, דאן איז אלעס געווארען שטיל.

דער בוים ברענט! האט טאם אויגוסטין אויסגעשריען ניט מיט זיין קול.

ער האט רעכט געהאט. דער בליץ האט אנגעצונדען דעם בוים. עס האט איהם גאר ניט געהאלפען, וואס ער איז געווען נאס. דער ווינט האט נאך אויפגעפאכט דאס פייער און עס איז געווארען אלע מאל גרעסער. אלע האבען זיך אויפגעהויבען פון דיירע געלעגערס און זיינען געלאפען אין דער זייט. וואו דער בוים האט נאך ניט גע־ברענט. דערווייל האט נור געברענט איין זייט פון׳ם בוים, דארט וואו דער בליץ האט

נעטראָפּען. מיט יעדער מינוט אבער האט זיך דאָס פייער פערברייטעט אימער ווייטער. דער רויך איז געוואָרען שטאַרקער און האט געדראָהט זיי צו דער שטיקען. דיא היץ איז געוואָרען אונערטרעגליך. — זיי זיינען פערלאָרען!

— אין וואסער אריין! האט לאָרד גלענארוואַן אויסגעשריען. איידער פערברענט צו ווערן, איז שוין בעססער דערטרונקען צו ווערן.

דער מאַטראָז ווילסאָן איז אריינגעשפרונגען אין וואסער. באלד אבער האט מען געהערט א שרעקליכער געשריי:

— העלפט! רעטעט!

און ער איז שנעל ארויפגעקלעטערט צוריק אויפ'ן בוים. ער האט געציטערט, וויא אין פיעבער.

— וואס איז געשעהן? האט מען איהם נעפרעגט.

— דיא אַליגאַטאָרס! אין וואסער זיינען דא זעהר פיעל אליגאטארס. זיי זיינען אויף מיר אנגעפאלען.

אונזערע לעזער ווייסען געוויס, אז דער אליגאטאר איז א סאָרט קראָקאָדיל. אין דיא טייכען פון זיד-אמעריקא, וויא אויך אין פלאָרידא, זיינען דא זעהר פיעל אליגא-טאָרס. זיי ליעגען גאנץ שטיל אין וואסער און ווארטען, ביז עס קומט צו א מענש אדער א בהמה טרינקען, דאן כאַפּען זיי איהם מיט זייערע גרויסע, שארפע צעהנער און פערשלינגען איהם.

ביים שיין פון'ם פייער האבען אונזערע רייזענדע דערזעהן מיט שרעק, אז ארום בוים שווימען א גאנצע באנדע פון גרויסע און קליינע אליגאטארס מיט אפענע מיילער און ווארטען נור דיא מינוט, איינער זאל אריינשפרינגען אין וואסער. יעצט איז דיא לאגע פון אונזערע רייזענדע געוואָרען שוידערהאפט שרעקליך. פון איין זייט ברענט דער בוים. דאס פייער ווערט אלע מאל גרעסער און קומט צו נעהנטער צו זיי — נאך איינינע מינוטען און זיי וועלען פערברענט ווערן. פון דער אנדערער זייט שווימען דיא אליגאטארס, דרעהן זיך, עפענען זייערע גרויסע, רויטע מיילער און קוקען אויף זיי מיט בלוטדורשטיגע אויגען. — זיי זיינען פערלאָרען! פערברענט ווערן אדער צוריסען ווערן פון דיא אליגאטארס.

דער שטורם האט אביסעל אויפגעהערט. ערגעץ ווייט האט זיך א שטיקעל וואלקען אנגעהויבען צו ריהרען. עס איז דער פון געוואָרען א סאָרט טריכ-טער (לייקע) און האט זיך אראפּגעלאָזען צום וואסער. פון'ם וואסער האט זיך אויפגעהויבען א זייל, וויא אין איבערגעקעהרטער טריכטער (לייקע). באלד האבען זיך ביידע טריכטער, דער וואלקען און דאס וואסער, פעראייניגט. עס איז פון זיי געוואָרען א הויכער זייל. אויבען און אונטען איז דיא זייל געווען שטארק ברייט, אין דערמיט איז זיא געווען דין. — זיא האט זיך אנגעהויבען צו דרעהן מיט א שרעקליכער געשווינדיגקייט און האט דערביי געמאכט א רעש, גלייך וויא מיליאָנען טאַנען וואסער וואלטען מיט אמאָל אראָפּגעפאלען פון א הויכען בארג אין א טיעפען טהאל. — דאס איז געווען א טאָרנאַדאָ, אויף דייטש הייסט עס „וואססערהאָזע", אויף רוסיש — „סמערטש".

דיא טאָרנאַדאָ׳ס קומען פאר אויפ׳ן וואסער און אויפ׳ן לאַנד. ווען א טאָרנאַדאָ קומט פאר אויפ׳ן לאַנד, לאָזט זיך אראפּ א שטיק וואָלקען אין געשטאַלט פון א טריכ־טער (לייקע) און פון דער ערד הייבט זיך אויף א טריכטער פון שטויב און עס ווערט פון זיי א זייל. ווען אזא טאָרנאַדאָ קומט צו צו א וואַלד, רייסט זיא אויס דיא שטאַרק־סטע ביימער מיט דיא וואָרצלען און שליידערט זיי אוועק אויף הונדערטע פוס פון׳ם אָרט, וואו זיי האבען געוואקסען; ווען זיא קומט צו צו א שטאָדט, מאַכט זיא אין דעם גרעסטען אומגליק. זיא צוברעכט און צוקוועטש הייזער, מויערן, דיא שטאַרקסטע גע־ביידען, אייזערנע זיילען און אייזערנע טויערן וויא דינע שפּענדליך און צו וואַרפט זיי אין אלע זייטען. אויפ׳ן מעער א טאָרנאַדאָ איז אויך זעהר געפעהרליך. וועה איז דער שיף, וועלכע בעגעגענט א טאָרנאַדאָ אויף איהר וועג! זיא איז פערלאָרען אהנע רעטונג. ערשט אין דער לעצטער צייט איז מען געוואָהר געוואָרען, אַז א שיף קען זיך רעטען פון א טאָרנאַדאָ, ווען זיא שיעסט אויס אויף דיא טאָרנאַדאָ מיט קאַנאָנען. אויפ׳ן לאַנד קען מען אויך צושלאָגען דיא טאָרנאַדאָ, ווען מען זאל אויף איהר שיעסען מיט קאַנאָנען. ליידער, נעהמט אָבער דיא טאָרנאַדאָ מיט אזא שנעלליגקייט און אויף אזעלכע קרומע וועגען, אַז עס איז זיך שווער פאָרצובערייטען זיא צו עמפּפאַנגען, וויא עס קומט איהר. אויפ׳ן מעער איז עס אַנדערש. אויפ׳ן מעער קען מען זעהן גאַנץ ווייט. יעדע שיף האט א קאַנאָנע בערייט אויפ׳ן דעק און אויף יעדער שיף נעהמט ארום בעשטענדיג א מאַטראָז אויף דער וואַך. ער מוז מעלדען דעם קאַפּיטאַן אלעס, וואס ער זעהט און דער קאַפּיטאַן ווייס שוין, וואס ער האט צו טהאָן.

אונזערע רייזענדע זיינען געוועזען אזוי דערשראָקען און אזוי פערצווייפעלט איבער זייער לאַגע, אַז זיי האבען ניט בעמערקט, וויא דיא טאָרנאַדאָ האט זיך געבילדעט; זיי האָבען ניט געזעהן, וואָס פאר א וועג זיא האט גענומען; זיי האבען נור געהערט א שרעקליכעם רוישען פון׳ם וואסער און האבען געמיינט, אַז עס זיינען ערגעץ אנגעקומען וואסערן פון דיא בערג. דיא טאָרנאַדאָ איז אונטערדעסען געפלויגען מיט א שרעקלי־כער, אונבעשרייבליכער שנעלליגקייט. מיט איהר גאַנצער קראַפט האט זיא זיך ארויפ־געוואָרפען אויף דעם בוים, וואו אונזערע רייזענדע האבען זיך געפונען אין אזא טאָדעס אַנגסט. דער בוים האט אנגעהויבען שרעקליך צו ציטערן, דאס פייער איז פערלאָשען געוואָרען. אונזערע רייזענדע האבען גאר ניט געוואוסט, וואס דאס איז. יעדער האט זיך אנגעחאַפּט אין דעם צווייג, לעבען וועלכען ער איז געשטאַנען. מען האט געהערט א גערויש און זשומען, וויא ברענענד האָלץ מאַכט, ווען מען גיסט דאַרויף אַרויף וואסער.

איין סעקונדע — דער בוים איז געשוואונדען. דיא טאָרנאַדאָ האט איהם ארויס־געריסען מיט אלע וואָרצלען, האט איהם אוועקגעוואָרפען זעהר ווייט און איז זיך אוועק־געגאַנגען ווייטער צערשטערן און פערניכטען אלעס, וואס זיא וועט אנטרעפען אויף איהר וועג. דיא אַלינאַטאָרס זיינען פערשוואונדען, וויא דורך א צויבער.

— וואו זייט איהר? האט לאָרד גלענאַרוואַן אויסגערופען, ווען דער ערשטער שרעק און דיא איבערראַשונג איז פאָראיבערגעגאַנגען.

— אט בין איך! אט בין איך! האט מען געענטפערט פון אלע זייטען.

— מיר זיינען אין וואסער? האט לאָרד גלענאַרוואַן ווייטער געפרעגט.

— יא, מיר זיינען אין וואסער, האט מען איהם געענטפערט.

— וואס איז דא געשעהן? וויא קומען מיר אין וואסער?

— מיר האבען איבערגעלעבט איינע פון דיא וואונדערבארסטע ערשיינונג פון דער נאטור, האט דער פראפעסאר געזאגט רוהיג. מיר האבען אויסגעהאלטען א טארנאדא!

ערשט יעצט האבען זיי זיך אנגעהויבען אומצוקוקען, וואו זיי זיינען; ערשט יעצט האבען זיי אנגעהויבען צו פערשטעהן, פאר וואס זיי שווימען. דיא טארנאדא האט ארויסגעריסען דעם בוים מיט זיינע ווארצלען. יעצט ערשט האבען זיי געזעהן, אז דער בוים שווימט זעהר שנעל.

— דיא טארנאדא איז געוועהנליך זעהר א שלעכטע ווירטהין, האט דער פראָ־פעסאר געזאגט. וואו זיא ניט זיך א ריהר, צוברעכט זיא און צערשטערט אלעס, וואס זיא קען נור קריעגען. אונז אבער האט זיא געראדע גערעטעט דאס לעבען. — זעהט איהר, אז עס איז גאר ניטא קיין שלעכטע זאך אויף דער וועלט? דיא שלעכטסטע זאך קען א מאל ברענגען דעם גרעסטען נוצען.

— איהר הייבט שוין ווייטער אן צו זאגען אונז מוסר? האט אויסגערופען דער מאיאר. איהר ווילט שוין ווייטער אונז בעווייזען, אז וואס שלעכט, איז גאר גוט?

— דיא טארנאדא האט עס אייך זעהר גוט בעוויזען. זיא האט אויסגעלאָשען דאס פייער פון'ם בוים און האט פערטריעבען דיא אליגאטארס. דארפט איהר נאך א בעסערן בעווייז?

26טעס קאפיטעל.

צוריק אויפ'ן דעק פון'ם „דונקאן".

דער בוים איז געשוואומען זעהר שנעל. וואוהין? דאס האבען אונזערע רייזענדע דערוייל ניט געקענט וויסען. עס איז געווען שטארק פינסטער, נור פון צייט צייט האט א פערשפעטיגטער בליץ בעלייכטעט דיא נעגענד ארום און האט געוויזען אונזערע רייזענדע, אז ארום און ארום זעהט מען נור הימעל און וואסער. דער שטורם האט נאכגעגעבען. דער רעגען האט אויפגעהערט. אין ערטער האבען זיך דיא וואלקען צוטהיילט און מען האט אנגעהויבען ארויסצוזעהן דיא שטערן.

עס האט אנגעהויבען צו טאגען. אין אסטען (מזרח זייט) האט זיך א דין פאסיקעל ליכט בעוויעזען. דער מאיאר האט זיך אנגעהויבען צו צו קוקען צום בוים און האט בעמערקט, צו זיין גרעסטער פרייד, אז זיינע ווארצלען פערהאלטען זיך אפט, א בעווייז, אז דאס וואסער איז דא ניט אזוי טיעף. ער האט עס דערצעהלט זיינע קאמעראדען. טאם אײַנוסטין האט אבגעבראכען א צווייג און האט איהם אריינגעשטעקט אין וואסער — ער האט דערגרייכט דעם גרונד. אין א האלבע שטונדע ארום האט זיך דער בוים אנגעשטויסען און איז געבליעבען ליעגען אויף אן ארט.

— לאנד! לאנד! האט אויסגערופען דער פראפעסאר. מיר זיינען צוגעקומען צו לאנד!

דאס וואסער האט צוגעטראגען דעם בוים צו א בערגעל און דער בוים איז

געבליעבען ליעגען. עס איז שוין געווען געגוג ליכטיג אום צו זעהן, אז זיי געפינען זיך ווירקליך לעבען לאנד. דער קליינער ראָבערט און דער מאַטראָז ווילסאָן זיינען געווען די ערשטע, וועלכע זיינען ארויסגעשפּרונגען אויף דער יבשה. קיין רייזענדער אין דער וועלט, וועלכער האט געמאכט א לאנגע רייזע אויפ'ן מעער, איז ניט געווען אזוי פרעה־ליך, ווען ער איז צונעקומען צו א לאנד, וויא אונזערע רייזענדע. פאר זיי האט געהייסען לאנד ניט זיך אָפּרוהען פון דער לאנגער רייזע, ניט לויז ווערן פון דער ענגער שיף – פאר זיי האט לאנד געהייסען רעטונג, לעבען.

— מיר זיינען גערעטעט! מיר זיינען אויף א פעסטעס לאנד! האבען ביידע אויסגערופען מיט א מאל.

אין דיעזע מינוט האט מען געהערט א שטארקען פייף. פון ערגעץ האט זיך ארויסגעוויעזען א דונקעלע געשטאלט — א רייטער אויף א פערד.

— טהאלקאווע! האבען אויסגערופען ראָבערט און ווילסאָן.

— טהאלקאווע! פריינד טהאלקאווע! האבען אלע אויסגערופען.

— אמיגאָס! (פריינד!) האט טהאלקאווע געענטפערט.

אין א מינוט ארום האט ער געהאלטען דעם קליינעם ראָבערט אין זיינע שטארקע ארימס און האט איהם צוגעפרעסט צו זיין ברייטער ברוסט. לארד גלענארוואן, דער פּראָפעסאר און אלע איבעריגע זיינען באלד אראָפּגעשפּרונגען פון'ם בוים, און האבען געדריקט דעם פּאטאגאָניער דיא הענד. ווער קען בעשרייבען זייער פרייד, ווען זיי האבען געפונען צוריק דעם ווילדען פּאטאגאניער? זיי האבען געטאנצט, געשפּרונגען, געלאכט און געוויינט. האבען איהם ארומגענומען, איהם געדריקט דיא הענד, גערעדט צו איהם און איהם בעטראכט. ער האט זיי דערצעהלט אין קורצע ווערטער, וואס מיט איהם איז געשעהן, זייט ער האט זיי פערלאזען. דאס וואסער האט איהם אוועקגעשלעפּט ביז צו דיעזען בארג, אויף וועלכען ער האט זיך גערעטעט. ער האט זיך דא געמאכט א געצעלט פון צווייגען פון ביימליך, האט געהאפּט אייניגע חיות און האט געטראכט, וויא אזוי ער זאל זיי רעטען. ליידער, איז איהם געווען אונמעגליך עפּעס צו טהאן פון זייערט וועגען. ער האט ניט געקענט פאהרען ארויף וואסער צו זיי.

יעצט האבען זיי איהם דערצעהלט, וואס מיט זיי האט פּאסירט. ווען אלע האבען אויסדערצעהלט, וויא אזוי זיי האבען פערבראכט דיא לעצטע צוויי טאג, האט זיי טהאלקאווע געפיהרט צו זיך אין געצעלט. דארט האט געברענט א פרעהליך פייער. ער האט באלד גענומען א גרויס שטיק פלייש און האט עס געלעגט בראטען. איידער עס איז פערטיג געוואָרען, האבען זיך אונזערע רייזע דע אניעדערגעזעצט ארום פייער און האבען זיך אביסעל אויסגעטריקענט. זיי זיינען אלע געווען נאס ביז צום לייב און נאכ'ן רעגען איז געווען רעכט קיהל.

ווען מען האט זיך אנגעווארמט און אויסגעטריקענט, האט מען זיך גענומען עסען דעם געבראטענס, וועלכען טהאלקאווע האט געמאכט נאכ'ן פּאטאגאנישען זשורנאל מיט אזא אפּעטיט, אז א פּאטאגאניער וואלט ניט געדארפט זיך שעהמען מיט איהם. ווען מען האט אָפּגעגעסען, האט דער פּראפעסאר דערצעהלט דעם פּאטאגאניער, אז זיי האבען אויסגעפונען, אז דער מענש, וואס זיי זוכען, געפינט זיך גאר ניט אין אמעריקא

ער געפינט זיך נאר אין אויסטראַליען און זיי האבען בעשלאָסען צו פאהרען קיין אויסטראַליען איהם זוכען.

וויא ווייט טהאלקאווע האט פערשטאנען, וואס דער פּראָפעסאר האט איהם דערקלערט, איז א פראַגע, וועלכע איך נעהם מיך ניט אונטער צו בעאַנטוואָרטען. טהאלקאווע האט געזעהן, אז אלע זיינען צופריעדען און ער איז געווען גאנץ גליקליך.

נאך אזא שרעקליכע נאכט האט מען זיך געמוזט אביסעל צולעגען שלאפען און זיך אויסרוהען. וויא טהאלקאווע האט זיי געזאגט, געפינען זיי זיך ניט מעהר, וויא פערציג מייל פון'ם פּאָרט סאַן אנטאָניא. ווען זיי געהן מיט דעם געוועהנליכען גאנג פון א מענשען צו פוס, דארפען זיי אנקומען קיין סאַן אנטאניא אין צוויי טאג.

אום איינס אוהר האט זיי טהאלקאווע אויפגעוועקט און זיי האבען זיך געלאזען אין וועג. קיין פערד האבען זיי ניט געהאט, מען האט געמוזט געהן צו פוס. נור דער קליינער ראָבערט האט זיך געזעצט אויף טהאלקאוועס פערד. ער האט עס צוואר ניט געוואָלט. ער האט זיך געשעהמט צו רייטען אין דער צייט, ווען לארד גלענארוואן געהט צו פוס. זיי זיינען געגאנגען זעהר לאנגזאם. געהן צו פוס אין יענער געגענד, וואו די ערד איז בעדעקט מיט דערנער און אין ערטער מיט שטיקער זאלץ, איז ניט אזוי לייכט. געגען אבענד האבען זיי אויסגעזוכט א בערגעל מיט עטליכע ביימלעך און האבען דאָרט איבערגענעכטיגט.

דעם אנדערן טאג זיינען זיי אויפגעשטאנען גאנץ פריה און זיינען ווייטער געגאנגען. וויא שווער עס איז געווען צו געהן, האט דאך יעדער אנגעשטרענגט אלע זיינע קרעפטע אום צו קומען וואס ניכער צום מעער, וואו עס געפינט זיך דער „דונקאַן", וואו זיי וועלען קענען זיך אויסרוהען פון זייער לאנגער און שווערער רייזע. אויפ'ן דריטען טאג האט זיי טהאלקאווע געזאגט, אז זיי זיינען אין גאנצען פופצעהן מייל ווייט פון'ם מעער. דאס האט זיי געגעבען פרישען מוטה ווייטער צו געהן. זיי זיינען אבער געווען שטאַרק מיעד און ערשט אום צוויי אוהר נאך מיטאג האבען זיי דערהערט דאס רוישען פון'ם אטלאנטישען וועלט מעער. דאס איז געווען פאר זיי א זיסע מוזיק. ענדליך, זיינען זיי צוריק אויף זייער שיף.

עס איז געווארען נאכט, ווען זיי זיינען צוגעקומען צום מעער. זיי האבען זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטען און האבען געזוכט דעם „דונקאַן", די לאַנטערנעס, וואס דארפען ברענען אויף איהם — זיי האבען איהם ניט געפונען. אויפ'ן מעער איז ניט געווען קיין שיף.

איך מוז דערביי ערקלערן. אז פּאָרט סאַן אנטאָניא איז א מאל געווען א שטעדטעל. די אינדיאנער אבער זיינען צוויי מאל אויף איהר אנגעפאלען און האבען די צערשטערט, יעצט איז נור געבליעבען פון איהר דער נאָמען. קיין מענש וואָינט דאָרט און קיין שיף קומט צו אהין. עס איז זעהר לייכט ערקלערליך, פאר וואס אונזערע רייזענדע זיינען געווען אזוי איבערראשט ווען זיי זיינען צוגעקומען צום מעער און האבען קיין שפור פון'ם „דונקאַן" ניט געפונען.

— יעצט איז פינסטער, האט טאם אויגוסטין געזאגט, מארגען אין דער פריה וועלען מיר געוויס דערזעהן דעם „דונקאַן". דער קלוגער און פאָרזיכטיגער קאפּיטאַן

פאַרראַגוט האָט געוויס ניט געוואָלט שטעהן גאַנץ נאָהענט ביים ברעג. ער האָט מורא געהאַט, אינדיאַנער זאָלען אויף איהם ניט אַנפאַלען. ער האָט געוויס פעראַנקערט זיין שיף א פאָר מייל ווייט אין מעער.

דענאָך האָט מען געפּראָבירט שרייען און רופען: קאַפּיטאַן פאַרראַגוט! קאַ־פּיטאַן פאַרראַגוט! אָבער קיינער האָט ניט געענטפערט. דאָס מעער האָט שרעקליך גערוישט. עס איז געווען אוממעגליך צו הערן זייער געשריי. עס האָט ניט געהאָלפען, מען האָט געמוזט אויסזוכען א בערגעל פון זאַמד, וועלכעס דיא חוואַליעס וואַרפען ארויס און מען האָט זיך דאָרט געלעגט שלאָפען.

דיא נאַכט איז געווען זעהר א קאַלטע. יעדער האָט זיך איינגעהילט אין זיין דעק און האָט זיך פערגראָבען אין זאַמד. אַלע זיינען געווען זעהר מיעד און זיינען באַלד אנגזשלאָפען געוואָרען, נור איין לאָרד גלענאַרוואַן האָט ניט געקענט שלאָפען. ער איז אַזוי נאָהענט פון זיין פרוי, פון זיין שיף, פון זיין היים און מוז שלאָפען דאַ אין זאַמד. ער איז געווען זיכער, אַז דיא „דונקאַן" איז שוין אָנגעקומען אַהער, ווייל זיי האָבען גע־רעכענט, אַז דיא רייזע וועט דויערן נור דרייסיג טאָג, צום סוף האָט זיא געדויערט צוויי און פערציג טאָג — מיט צוועלף טאָג מעהר. זיין שיף מוז שוין זיין דאַ. אַלזאָ, פאַר וואָס זעהט מען זיא ניט? קאַפּיטאַן פאַררא:וט איז א פאָרטרעפליכער שיפס־קאַפּיטאַן, אָבער.... ווער ווייס, וואָס עס קען זיך טרעפען אויפ'ן מעער? ווען זיי זיינען אויסגעשטאַנען אַזוי פיעל געפאַהרען אויף דער יבשה, אויף פעסטעס לאַנד, וויא קען מען וויסען, וואָס פאַר א געפאַהרען עס קענען פאָרקומען אויפ'ן אַטלאַנטישען וועלט־מעער?

מיט דיעזע טרויעריגע געדאַנקען איז לאָרד גלענאַרוואַן ארומגעגאַנגען א גאַנצע נאַכט. — וואָס מאַכט ליידי העלענאַ? וויא אַזוי האָט זיא איבערגעטראָגען דיא לאַנגע און שווערע רייזע?

ער איז ארומגעגאַנגען אויפ'ן ברעג און האָט אַלץ געקוקט אויפ'ן מעער, טאָמער וועט ער דערזעהן א ליכט, דיא לאַנטערנען פון דער שיף. פּלוצלונג האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַז ער זעהט ערגעץ א רויטעס ליכט, דאָס ליכט פון דעם רויטען לאַנ־טערנע פון פאָרנט פון'ם „דונקאַן", ער איז געוואָרען זעהר אונרוהיג און איז צוגעגאַנגען צום פּראָפעסאָר, וועלכער איז געשלאָפען גאַנץ רוהיג איינגעגראָבען אין זאַמד. ער האָט איהם אָנגעהויבען צו טרייסלען און צו שלעפּען.

— ווער איז דאָרט? האָט אויסגערופען דער פּראָפעסאָר בייז. פאַר וואָס לאָזט איהר מיך ניט שלאָפען?

— איך בין עס, הערר פּאַגאַנעל.

— ווער זייט איהר?

— גלענאַרוואַן. שטעהט אויף, פּראָפעסאָר, איך דאַרף אייער טעלעסקאָפּ.

— וואָס דאַרפט איהר מיין טעלעסקאָפּ? האָט געפרעגט דער פּראָפעסאָר פערשלאָפען.

— מיר שיינט, אַז איך זעה דעם „דונקאַן".

דער פּראָפעסאָר איז אויפגעשפּרונגען, גלייך וויא ער וואָלט געווען אויף שפּרינג־

פערערן (שפראַנזינעש), האט ארויסגענומען זײַן טעלעסקאָפּ און האט נעקוקט, וואוהין לארד גלענארוואן האט איהם געוויעזען.

— זעהט איהר ניט א גרינעם ליכט אדער א רויטעס ליכט? האט איהם לארד גלענארוואן געפרעגט. איהר ווייסט דאך געוויס, אז יעדע שיף צינדעט אן ביי נאכט פון פאָרנט א רויטע לאנטערנע און פון הינטען א גרינע.

— איך זעה גאר ניט, האט דער פראפעסער געענטפערט.

עס זיינען פערגאנגען נאך אייניגע מינוטען. לארד גלענארוואן האט איהם גע־הייסען קוקען אין אלע זייטען, דער פּראָפעסאר אבער האט גאר ניט געזעהן. ביי נאכט קען מען מיט׳ן טעלעסקאָפּ גאר ניט זעהן. ענדליך, האט איהם לארד גלענארוואן צוריק געפיהרט צו זיין געלעגער און האט איהם געלאזט שלאפען. ער אליין איז ארומגעגאנגען א גאנצע נאכט ארום ברעג און האט געקוקט אין דער פינסטערער נאכט. ער האט דייטליך געזעהן באלד דאס רויטע ליכט, באלד דאס גרינע.

לאנגזאם האט זיך דיא נאכט געצויגען. יעדער מינוטע האט זיך איהם אויס־געוויעזען א יאהר. פאר טאג איז אלעס פערשוואונדען. עס איז געוואָרען שטאַרק פינסטער און ער האט גאר ניט געקענט זעהן. דיא מיעדינקייט און דער שלאָף האבען איהם ענדליך איבערוועלטיגט (גובר געווען) ער האט זיך צוגעזעצט אויפ׳ן זאמד און איז באלד אנטשלאפען געווארען. וויא פיעל ער איז געשלאָפען, ווייס ער ניט. א געשריי פון אלע רייזענדע האט איהם אויפגעוועקט.

— דער „דונקאַן״! דער „דונקאַן״! האבען אלע געשריען מיט איין קול.

לארד גלענארוואן איז אויפגעשפרונגען און האט דערזעהן, וויא דער „דונקאַן״ וויעגט זיך גאנץ רוהיג ווייט, חייט אויף דיא בלויע וואַסערן פון׳ם אטלאנטישען וועלט־מעער. ער האט בעטראכט דעם ברעג און האט פערשטאנען, פאר וואס דער טיכטיגער קאפּיטאן פאררּאגוט שטעהט מיט זיין שיף אזוי ווייט. ביים ברעג איז ניט שטאַרק טיעף, דאס מעער רוישט און שוימט. ער האט מורא צו צו געהן צום ברעג, דיא שיף זאל ניט ארויף אויף א זאַנד באנק — אן אָרט וואו עס איז ניט טיעף און דיא שיף קען זיך איינגראבען אין זאמד. —

לארד גלענארוואן האט גענומען דעם פּראָפעסאָר׳ס טעלעסקאָפּ און האט גע־קוקט אויף זיין שיף. ער האט נעזעהן דייטליך אלעס, וואס עס טהוט זיך אויפ׳ן דעק פון׳ם שיף. ליידער, האט קאפּיטאן פאררּאגוט ניט בעמערקט, אז עס געפינען זיך מענשען ביים ברעג. יעצט איז ענטשטאנען א שוויערינקייט. וויא אזוי ניט מען צו וויסען אויפ׳ן שיף, אז זיי זיינען אנגעקומען? עס איז זעהר מעגליך, אז קאפּיטאן פּאַ־ראגוט׳ס טעלעסקאָפּ איז צו שוואך אום זיי צו בעמערקען. — דיעזע פראגע האט פערענטפערט טהאלקאווע. ער האט אויסגעשאָסען מיט זיין לאנגער ביקס גלייך אויפ׳ן „דונקאַן״. ליידער, איז דער „דונקאַן״ געוועזען אזוי ווייט, אז מען האט אויף איהם ניט געהערט דעם שוס. טהאלקאווע האט אויסגעשאָסען נאך א מאל און נאך א מאל. פּלוצלונג האט זיך אויפ׳ן „דונקאַן״ געוויעזען א ווייסער רויך און באלד האט מען געהערט א קנאַק פון א קאַנאָנע.

— זיי האבען אונז ענדליך בעמערקט! האט טאם אויגוסטין אויסגערופען. קאפיטאן פארראגוט גיט אונז א צייכען, אז ער קומט.

און ריכטיג, באלד האט זיך דער „דונקאן" אנגעהויבען צו ריהרען און צו קומען נעהנטער צום ברעג. לאנגזאם און פארזיכטיג איז ער צוגעקומען נעהנטער. מען האט איהם שוין יעצט דייטליך געזעהן, ער איז נאך געווען א פאר מייל ווייט פון'ם ברעג. ענדליך איז ער געבליעבען שטעהן. נעהנטער האט ער ניט געקענט קומען. מען האט אראפגעלאזען א באאט.

— ליידי העלענא וועט ניט קענען קומען צו אונז, האט טאם אויגוסטין געזאגט. דאס מעער איז זעהר אונרוהיג.

— קאפיטאן פארראגוט וועט אויך ניט קענען קומען, האט דער מאיאר געזאגט. ער טאר ניט אוועקגעהן פון דער שיף.

— אך, מיין שוועסטער! מיין מערי! האט ראבערט אויסגערופען. ווען איך האב פליגעל, וואלט איך יעצט ארויפגעפליגען אויפ'ן „דונקאן" צו מיין שוועסטער.

לאנגזאם און פארזיכטיג האבען דיא מאטראזען אין באאט אנגעהויבען צו רודערן צום ברעג. עס איז געווען קיין לייכטע ארבייט. ווער עס האט אמאל געזעהן, וויא שרעקליך דאס מעער רוישט און קאכט ביים ברעג, בעזאנדערס אין געוויסע ערטער, דער קען האבען א בעגריף, וויא שווער עס איז פאר א קליינעם באאט צו צוקומען צו אזא ברעג.

— ווען וועלען זיי שוין אנקומען? האט ראבערט יעדע מינוט געפרעגט.

— ווארט, מיין ליעבער, האט איהם דער מאיאר געענטפערט, אין צוויי שטונדען ארום וועלען מיר זיין אויפ'ן „דונקאן".

— צוויי שטונדען? דאס קען ניט זיין! דאס איז צופיעל!

— געדולד, ליעבער ראבערט, געדולד!

טהאלקאווע איז אונטערדעסען געשטאנען אנגעשפארט אויף זיין גרויסער בייס ערנסט און רוהיג און האט בעטראכט דיא סצענע, וואס דא קומט פאר. ער האט פיעלעס ניט פערשטאנען. ער האט ניט געוואוסט, אז לארד גלענארוואן האט אן אייגענע שיף.

לארד גלענארוואן איז צוגעגאנגען צו איהם, האט איהם גענומען ביי דער האנד, האט איהם געוויעזען אויף זיין שיף און איהם געזאגט:

— קום מיט אונז, פריינד!

דער פאטאגאניער האט א שאקעל געטהאן מיט'ן קאפ — ניין.

— קום, פריינד! לאמיר ווייטער רייזען צוזאמען, האט לארד גלענארוואן געבעטען.

— ניין! האט טהאלקאווע געענטפערט. דא איז מיין פערד טהאאוקא, דא זיינען דיא פאמפאס. טהאלקאווע געבארען אין דיא פאמפאס, מוז בלייבען אין פאמפאס.

לארד גלענארוואן האט איהם פערשטאנען. טהאלקאווע איז געבוירען און אויפגעוואקסען געווארען אין דיא פאמפאס. ער איז צוגעבונדען צו דיא פאמפאס. ער קען נים פערלאזען דיא ערטער, וואו ער האט צוגעבראכט זיינע יונגע יאהרען, וואו זיינע עלטערן שלאפען זייער אייביגען שלאף; וואו ער אליין האט געלעבט און געליעבט. —

לאָרד גלענאַרוואַן האט אַרויסגענומען א בייטעל געלד און האט עס דערלאַנגט דעם ווילדען אלס געשענק. טהאלקאַווע האט איהם צוריקגעגעבען דאס געלד און האט איהם געזאָגט:

— איז דאס פריינדשאַפט?

לאָרד גלענאַרוואַן האט זיך פערשעהמט. — אלזאָ, וואָס טהוט מען? וואס לאזט מען עפּעס איבער אַן אנדענק דעם גוטען טהאלקאווע? וואס ער האט געהאט, איז אלעס פערלאָרען געגאנגען אין דער פערפלייצונג. אויסער געלד האט ער ביי זיך גאר ניט. ער האט געטראכט איינינע מינוט. פּלוצלונג האט ער זיך דערמאַנט, אז ער האט ביי זיך א גאָלדענעם מעדאַליאָן מיט ליידי העלענאַ'ס פּאָרטרעט. ער האט ארויסגענומען דעם מעדאליאָן, האט איהם געעפענט און האט איהם דערלאַנגט דעם ווילדען.

— דאס איז מיין פרוי.

טהאלקאָווע האט בעטראַכט אייניגע סעקונדען דעם מעדאַליאָן און האט געזאָגט:

— שעהן, וויא דיא זון און ליעבליך, וויא דער מאנד.

יעצט זיינען אלע צוגעגאנגען אבשיעד נעהמען פון טהאלקאווע. אלע האבען איהם געדריקט דיא הענד. דער פּראָפעסאָר האט פון איהם ניט געוואָלט אפּטרעטען.

— ער איז דאך מיין לעהרער, ער האט מיט מיר געלערנט שפּאַניש, האט ער געזאָגט.

אונטערדעסען איז דאָס באָאָט צוגעקומען צום ברעג.

— וואס מאכט ליידי העלענא? וואס מאכט מיין שוועסטער? האבען לאָרד גלענאַרוואַן און ראָבערט גראַנט געפרעגט מיט אמאָל.

— זיי זיינען געזונד און מונטער, האבען דיא מאַטראָזען געענטפערט. — אָבער שנעל! דאס מעער ווערט אונרוהיגער. זעצט אייך אריין אין באָאָט און לאָמיר פאהרען צום „דונקאַן”.

מען האט געמוזט געהן צום באָאָט. טהאלקאווע האט זיי בעגלייט ביז צום וואסער. דא צום לעצטען מאל איז איהם דער פּראָפעסאָר ארויפגעפאלען אויף דער ברוסט און האט איהם א קוש געטהאָן.

— וועלען מיר זיך נאך אמאל זעהן, פריינד? האט ער איהם געזאגט.

— קוויען סאבא? (ווער וויים?) האט דער פּאַטאַגאָניער געענטפערט און האט געוויזען צום הימעל.

איינער נאָכ'ן אנדערן האבען זיי זיך אריינגעזעצט אין באָאָט. דיא מאַטראָזען האבען אנגעהויבען צו רודערן. טהאלקאווע איז נאך אלץ געשטאנען אויפ'ן ברעג. זיי האבען איהם נאך געגריסט מיט דיא הענד. דיא מאַטראָזען האבען גערודערט מיט זייער גאנצער קראפט, באלד האבען זיי שוין מעהר ניט געקענט זעהן דעם ווילדען. אימער נעהנטער איז צוגעקומען דאס באָאָט צום „דונקאַן”, וואו ליידי העלענא, מערי גראַנט און קאַפּיטאַן פּאַרראַגוט האבען זיי ערוואַרטעט.

דערמיט האט זיך געענדיגט זייער רייזע אין זיד־אמעריקא. דערמיט ענדיגט זיך דער ערשטער טהייל פון אונזער ערצעהלונג.

ענדע דעס ערשטען טהיילס.

צווייטער טהייל

אויסטראליען.

1טעס קאפיטעל.

דער נייער וועג.

מען קען זיך לייכט דענקען דיא פרייד פון אלעמען אויפ'ן דעק פון'ם דונקאן, ווען לארד גלענארוואן מיט זיין פארטיע זיינען געקומען צוריק. מען האט גערעדט, געפרעגט, דערצעהלט, זיך בעגריסט און זיך געדריקט דיא הענד. דער לעצטער מאט־ראז איז געקומען דריקען דיא הענד לארד גלענארוואן און דעם פראפעסאר. ערשט יעצט האבען זיי געפיהלט, וויא ליעב זיי האבען איינער דעם אנדערן, וויא אלע אויפ'ן „דונקאן" לעבען פריינדליך און ברידערליך.

לארד גלענארוואן האט געוואוסט, אז עס וועט מאכען זעהר א שלעכטען איינ־דרוק, ווען דיא מאטראזען וועלען דערצעהלען, אז זייער רייזע אין זיד־אמעריקא איז געוועזן גאר אומזיסט, און האט געוואלט פערהאפען דיא נעץ פאר דיא פיש. קוים איז ער נור ארויפגעקומען אויפ'ן דעק, האט ער געזאגט צו אלעמען:

— מיינע פריינד! זייט אונבעזארגט. צוואר האבען מיר ניט געפונען דעם קא־פיטאן גראנט אין זיד־אמעריקא, אבער מיר ווייסען שוין, וואו איהם צו זוכען; מיר ווייסען שוין, וואו מיר וועלען איהם געוויס געפינען.

דיעזע קורצע רעדע האט געווירקט אויף אלעמען און האט בעזאנדערס בערוהיגט מערי גראנט, וועלכע האט געפרעגט מיט דיא אויגען יעדען בעזונדער:

— נו? וואס הערט זיך? וואו איז מיין פאטער?

איהר האלז איז געוועזן, וויא צוגעבונדען. זיא האט ניט געקענט ארויסרעדען קיין ווארט. זיא האט נור געפרעגט מיט דיא אויגען. לארד גלענארוואן'ס רעד האבען זיא אביסעל בערוהיגט.

ווען דיא ערשטע פרייד איז פאראיבער, ווען אלע האבען זיך אביסעל בערוהיגט, האט לארד גלענארוואן דערצעהלט אין קורצע ווערטער אלעס, וואס האט מיט זיי פאסירט אויף דער רייזע און וויא אזוי דער פראפעסאר האט אויסגעפונען, אז זיי האבען פאלש ערקלערט דיא בריעף. זיי מוזען יעצט פאהרען קיין אויסטראליען. ער האט דערצעהלט, וויא ניצליך דער פראפעסאר איז געוועזן פאר זיי אויפ'ן וועג און וויא בראוו און מוטהיג ראבערט האט זיך אויפגעפיהרט. ראבערט איז רויט געווארען. ער האט זיך פארשעהמט, ווען לארד גלענארוואן האט איהם אזוי אויסגעלויבט און האט פערדעקט זיין געזיכט אין מערי'ס פארטוך.

— דוא האסט זיך ניט וואס צו שעהמען, מיין קינד, האט קאפיטאן פאררא'נוט איהם געזאגט. איך בין גליקליך צו הערן, אז דוא האסט זיך אויפגעפיהרט, וויא א מאן. דאס מאכט דיר עהרע.

— ווען מען האט אלעס אפגערעדט און אלעס דערצעהלט, האט מען אנגעהויבען צו דענקען אביסעל אן זיך. דיא ערשטע זאך איז געווען, זיך אביסעל ארומוואשען און אפשעערן. זייט זעקס און דרייסיג טאג איז מען געשלאפען אויף דער ערד און מען האט ניט געוואוסט פון קיין קעמעלע, פון קיין בערשטעל און פון קיין שטיקעל זייף. אלע זיינען געווען פערוואקסען, פערווילדעט און פערברענט פון דער זיד-אמעריקאנישען זון.

דער ערשטער איז געווען דער מאיאר. קוים האט ער אלעמען בעגריסט, איז ער באלד אריינגעגאנגען אין זיין קאיוטע, האט זיך ארומגעוואשען, אפגעשארען און אפּ־ראזירט. איידער מען האט זיך אומגעקוקט, איז ער ארויסגעקומען אנגעטהאן און פערפוצט, וויא א דזשענטעלמען. דער פראפעסאר האט גאר ניט געוואוסט, וואו ער איז אויף דער וועלט. ער איז ארומגעלאפען פון איין קאיוטע צו דער אנדערער, האט גערעדט מיט יעדען מאטראז האט איהם אויסגעפרעגט, אויב זיי האבען געהאט א גוטע רייזע, וואס זיי האבען געזעהן אויפ׳ן וועג, אויב זיי זיינען געשטאנען לאנג לעבען „פייערלאנד" און אויב דיא פייערלענדער האבען וויטער געהאט א גוטען טאג, וויא דאס ערשטע מאל, ווען זיי זיינען געפאהרען אהין. איהם האט אינטערעסירט צו וויסען, אויב זיי האבען געזעהן דיא ווילדע מענשען פון „פייערלאנד" און נאך אזעלכע זאכען.

ווען ער האט אויסגעפרעגט אלע מאטראזען, האט ער זיך אנגעטשעפעט אן דעם פראוויאנט מייסטער, אלבינעט, ער זאל איהם דערצעהלען, וואס ער האט געזעהן אויף דער רייזע. אלבינעט אבער האט זיך זעהר ווייניג אינטערעסירט מיט געאגראפיע און אנדערע וויסענשאפטען, ווען ער האט געזעהן, אז ער קען ניט לויז ווערן פון׳ם פראפעסאר מיט זיינע פראגען, האט ער איהם געזאגט:

— קומט בעסער אין עס צימער. דער פריהשטיק שטעהט שוין אויפ׳ן טיש.

— פריהשטיק? האט אויסגעשריען דער פראפעסאר. א גוטער, אייראפּעאישער פריהשטיק אויף א טיש מיט טעלער, לעפעל, גאפּלען און שיסעל?

אלבינעט האט איהם אנגעקוקט פערוואונדערט. ער האט זיך געפיהלט עפּעס בעליידיגט. וואס הייסט דאס? מיינט דער פראפעסאר, אז ער וועט גרייטען צום טיש און וועט ניט לעגען קיין לעפעל און קיין מעסער? דאס איז א שאנדע פאר איהם!

— וואס רעדט איהר, פראפעסאר? האט ער געזאגט מיט פערדרוס אין זיין שטימע. האב איך אייך שוין א מאל אויפגעגעבען עסען אהן לעפעל און אהן גאפּלען?

דער פראפעסאר האט איהם פערשטאנען און האט זיך געוואלט פאר איהם פערענטפערן.

— איך האב ניט געמיינט אייך צו בעליידיגען, מיסטער אלבינעט. האט ער איהם געזאגט. זייט א מאנאט האבען מיר געלעבט, וויא דיא ווילדע. מיר האבען ניט געגעסען אויף קיין טיש; מיר האבען ניט געוואוסט פון קיינע לעפעל, קיינע גאפּלען און קיינע מעסער. ווען מען האט אפגעגעסען, האט מען זיך אויסגעצויגען אויף דער ערד, אדער מען האט זיך צוגעבונדען צו דיא צווייגען פון א בוים. איהר קענט יעצט פערשטעהן, וואס פאר א פערגניגען עס איז צו עסען ווידער, וויא א מענש, אויף א טיש מיט א לעפעל, מיט א גאפּעל און מיט א מעסער.

ליידי העלענא איז געראָדע אין דיעזע מינוט צוגעקומען צו זיי און האט זיך אונטערגעהערט, וואס דער פּראָפּעסאָר האט געזאָגט.

— אַלזאָ, קומט, פּראָפּעסאָר. שנעל! האט זיא איהם געזאָגט, לאָמיר זעהן, אויב איהר וועט עסען מיט א גרעסערן אַפּעטיט אויף אייראָפּעאישען אַרט.

אַלע זיינען ווירקליך געוועזן זעהר הונגעריג און האבען געגעסען מיט'ן בעסטען אַפּעטיט. דער פּראָפּעסאָר איז געוועזן אזוי צערשטרייט — אזוי האט ער אַליין געזאָגט — אַז ער האט זיך געהייסען געבען פון יעדעס געריכט צו צוויי מאָל. ליידי העלענא האט געפרעגט, אויב דער פּראָפּעסאָר איז אויפ'ן וועג אויך געוועזן צערשטרייט און וואס פאַר א פעהלערן ער האט געמאַכט. לאָרד גלענאַרוואַן און דער מאַיאָר האבען אנגעקוקט איינער דעם אנדערן און האבען געשמייכעלט. דער פּראָפּעסאָר האט זיי פערשטאַנען און האט אַליין דערצעהלט, אַז ער האט געמאַכט א פעהלער און האט געלערנט פּאָרטוגעזיש אַנשטאַט שפּאַניש.

— דיעזען פעהלער אָבער בעדויערע איך ניט, האט ער געענדיגט זיין ערצעהלונג. איך בין זאָגאַר זעהר צופריעדען מיט איהם.

— וואס זייט איהר אזוי צופריעדען, מיין ליעבער פּראָפּעסאָר? האט דער מאַיאָר געפרעגט.

— אַנשטאַט איין שפּראַכע האָב איך אויסגעלערנט צוויי. קענען נאָך א שפּראַכע שאַדעט געוויס ניט. איך רעד יעצט זעהר גוט שפּאַניש און פּאָרטוגיזיש.

— אין דער צייט פון'ם פריהשטיק האט לאָרד גלענאַרוואַן בעמערקט, אַז דער קאַפּיטאַן פּאַרראַגוט איז זעהר אויפמערקזאַם געגען מערי גראַנט. ער האט געגעבען א ווינק ליידי העלענא און זיא האט א שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ. א צייכען, אַז ער האט גאַנץ ריכטיג בעמערקט.

— דערצעהלט מיר עפּעס פון אייער רייזע, האט לאָרד גלענאַרוואַן געזאָגט צום קאַפּיטאַן פּאַרראַגוט. האט איהר געהאַט א שטילע, רוהיגע רייזע? האט איהר ניט געהאַט קיין שטורם אויפ'ן וועג?

קאַפּיטאַן פּאַרראַגוט האט דערצעהלט, אַז גאַנץ רוהיג איז זייער רייזע ניט געוועזן. ווען זיי זיינען געקומען לעבען פייערלאַנד, האט זיך אויפגעהויבען א שרעקליכער שטורם, וועלכער האט געדויערט פיער און צוואַנציג שטונדען. דער „דונקאַן" איז א גוטע שיף און האט זעהר גוט אויסגעהאַלטען דעם שטורם. ליידי העלענא און מערי גראַנט האבען געצייגט מוטה און ענטשלאָסענהייט ענדליך זיינען זיי געקומען קיין פּאָרט סאַן־אַנטאָניא. זיי האבען דיא רייזענדע ניט געפונען. זיי האבען געמוזט וואַרטען, אזוי וויא מען האט אָפּגערעדט. דאס מעער איז אין דיעזער געגענד זעהר אונרוהיג. ער האט זעהר געוואָלט, אַז ליידי העלענא און מערי גראַנט זאָלען זיך אביסעל דורכשפּאַצירען אין אַרגענטיניען. עס איז אָבער אונמעגליך געוועזן, ווייל געהן צו פוס איז קיין גרויס פערגניגען און אויף וואס צו פאָהרען האבען זיי ניט געהאַט.

— עס פרעהט מיך זעהר צו הערן, אַז אונזער קאַפּיטאַן לויבט אזוי אייער מוטה און אייער אונערשראָקענהייט האט לאָרד גלענאַרוואַן געזאָגט צו מערי גראַנט. איך האָף, אַז איהר זייט ניט אונגליקליך אויף מיין שיף.

— איך אונגליקליך? האט אויסגערופען מערי און האט א קוק געטהאן אויף ליידי העלענא און אויפ'ן שעהנעם קאפיטאן. איך בין זעהר גליקליך.

— איך בין אויך גליקליך צו זיין אויף אייער שיף, האט זיך אפגערופען ראָבערט גראנט. איך דאנק אייך, קאפיטאן, וואָס איהר זייט געוועזען אזוי גוט און אזוי פריינדליך געגען מיין שוועסטער.

מערי איז רויט געוואָרען. ליידי העלענא האט געוואָלט ענדערן דעם געגענשטאנד פון זייער געשפרעך.

— יעצט דערצעהלט אונז עפּעס פון אייער רייזע, האט זיא געבעטען. איהר זייט געקומען אזוי אויסגעשמירט, אזוי פערווילדעט, אזוי הונגעריג. איהר האט געוויס געהאט א שווערע רייזע.

לאָרד גלענארוואַן האט אָנגעהויבען צו דערצעהלען אלעס, וואס מיט זיי האט פּאסירט, זייט זיי זיינען אוועקגעפאהרען פון'ם דונקאן, ביז זיי זיינען צוריקגעקומען. אלע האבען אויסגעהערט אויפמערקזאם. ליידי העלענא האט זעהר באנג געטהאן, וואָס זיא האט ניט געזעהן דעם פּאטאגאָניער טהאלקאווע. זיא האט איהם זעהר געוואָלט דאנקען דערפאר, וואס ער האט זיי אזוי גליקליך דורכגעפיהרט דורך גאנץ זיד־אמעריקא.

ווען לאָרד גלענארוואַן האט געענדיגט זיין ערצעהלונג, האט ער זיך געווענדעט צו אלעמען און האט זיי געזאָגט:

— וואָס איז געוועזען, איז פאָראיבער. מיר מוזען יעצט טראכטען וואס צו טהאן אין דיא צוקונפט. מיר מוזען יעצט פאסען א בעשלוס, וויא אזוי צו פאהרען קיין אויסטראַליען און דיא הויפּטזאכע צו וואס פאר א געגענד אין אויסטראַליען מיר זאלען פאהרען. אויסטראַליען איז א גרויס לאנד. עס איז א גאנצער וועלט טהייל.

דער פריהשטיק האט זיך געענדיגט. אלע זיינען אריינגעגאנגען אין גרויסען זאל אום צו האלטען א מיטינג און אפּצורעדען אלעס, וואס זיי זאלען ווייטער טהאן. דער פּראָפעסאָר האט באלד געבראַכט זיינע לאנדקארטען און האט זיי אויסגעלעגט אויפ'ן גרויסען טיש. לאָרד גלענארוואַן האט דערצעהלט אלעמען, וואָס זיי האבען ערפאהרען אין זידאמעריקא און וויא אזוי דער פּראָפעסאָר האט אויסגעפונען, אז זיי האבען פאלש ערקלערט דעם בריעף.

— מיר מוזען אלזא יעצט פאהרען קיין אויסטראַליען, האט לאָרד גלענארוואַן געענדיגט זיינע ערקלערונג.

— איך בין איינפערשטאַנדען צו פאהרען קיין אויסטראַליען, האט דער מאַיאָר געזאָגט, אבער איידער מיר פאהרען קיין אויסטראַליען, וואָלט איך געבעטען, מיר זאלען זיך גאנץ גוט איבערלעגען, וואס מיר טהוען.

— וואָס ווילט איהר זאָגען, מאַיאָר?

— איך וויל זאָגען, אז איך האב זעהר פיעל צוטרויען צו אונזער פּראָפעסאָר. איך ווייס, אז וויא ער האט ערקלערט דיא בריעף, איז געוויס ריכטיג. איך וויל אָבער דאך בעטען, איידער מיר פאָהרען ווייטער, זאלען מיר דאך נאך אמאל איבערקוקען דיא בריעף.

— איך ווייס ניט, צו וואס זאלען מיר נאך אמאל לעזען דיא בריעף, האט לארד גלענארוואן געזאגט.

— איך ווייס אבער יא, האט דער מאיאר געברומט. מיט פינף מאנאטע צוריק, ווען מיר האבען ארויסגענומען דיא בריעף פון דער פלאשע, האבען מיר זיי אלע גע־לעזען און געפונען, אז קאפיטאן גראנט האט געליטען שיפברוך אין פאטאגאניען. דער פראפעסאר אליין האט געלעזען דיא בריעף און האט ערקלערט, אז אנדערש קען עס ניט זיין. מען מוז פאהרען קיין פאטאגאניען. יעצט האבען מיר זיך איבערצייגט, אז קאפיטאן גראנט איז ניטא אין פאטאגאניען און מען מוז פאהרען קיין אויסטראליען.

— געוויס, מיר האבען א טעות געהאט, האט פאגאנעל אויסגערופען. יעדער מענש קען דאך מאכען א פעהלער.

— מאכען א פעהלער קען געוויס יעדער מענש, האט דער מאיאר געזאגט ווי־דער לאסען, מאכען אלע מאל פעהלער קען נור א נארר.

— הערט אייך אויף צו זידלען, מאיאר ריטשארדסאן, האט לארד גלענארוואן געזאגט שטרענג.

— איך זידעל מיך ניט. איך זאג נור, אז מיר זאלען ניט זיין קיין נאררען און ניט האנדלען, וויא קינדער. מיר האבען יעצט בעשלאסען צו פאהרען קיין אויסטראליען. מיר קימען קיין אויסטראליען, רייזען, זוכען, פארשען און פרעגען. פלוצלונג זיצט אונזער פראפעסאר אויף א בוים און עס פאלט איהם איין, אז קאפיטאן גראנט איז גאר ניט אין אויסטראליען, ער איז גאר ערגעץ אויף א אינזעל. דאמאלס וועלען מיר געוויס א פנים האבען, וויא דיא נאררען. דארום זאג איך, אז איידער מיר לאזען זיך פאהרען אין אזא וויטען און געפעהרליכען וועג, איז גלייכער פאר אונז זיך נאך אמאל גוט איבערצולעגען, וואוהין מיר זאלען פאהרען.

לארד גלענארוואן און דער פראפעסאר האבען אנגעקוקט איינער דעם אנדערן. זיי האבען איינגעזעהן, אז דער מאיאר האט רעכט.

— אלזא, וואס זאלען מיר טהאן? האט לארד גלענארוואן געפרעגט. וואס ראטה איהר אונז, ליעבער מאיאר?

— איך ראטה, אז איידער מיר פאהרען קיין אויסטראליען, זאלען מיר נאך אמאל איבערקוקען דיא בריעף און דיא לאנדקארטען. מיר וויסען, אז קאפיטאן גראנט געפינט זיך ערגעץ אויפ'ן 37טען גראד. לאמיר נאך אמאל איבערקוקען יעדעס לאנד, יעדע אינזעל און יעדע געגענד, וואס געפינט זיך אויפ'ן 37טען גראד און לאמיר יעדעס לאנד אדער יעדע אינזעל פערגלייכען מיט דיא בריעף. פיעללייכט וועלען מיר געפינען, אז אנאנדער לאנד פאסט בעסער צו דיא בריעף אלס אויסטראליען.

— דאס קענען מיר באלד טהאן, האט דער פראפעסאר געזאגט. דאס וועט ביי מיר גאר ניט דויערן.

ער האט באלד גענומען דיא לאנד־קארטע און האט זיא אויסגעשפרייט אויפ'ן טיש. אלע האבען זיך צוגעקוקט צו דער קארטע.

— זעהט, מיינע דאמען און הערען, האט אנגעהויבען דער פראפעסאר צו האלטען זיין רעדע. אט איז דער 37טע גראד. ער געהט דורך גאנץ זיד־אמעריקא און

קומט צו דיא אינזלען טריסטאן דאנקוניא. אין זיד־אמעריקא הייסען מיר שויך אן קאפּיטאן גראנט איז ניטאָ. לאָמיר יעצט זעהן, אויב ער געפינט זיך אויף דיא אינזלען טריסטאן דאנקוניא. פּאסען דיא בריעף צו דיעזע אינזלען?

— ניין, האט געזאָגט לאָרד גלענארוואן. דיעזע אינזלען געהערן צו ענגלאנד, אויף זיי געפינען זיך קיינע ווילדע מענשען. ווען קאפּיטאן גראנט זאל האבען געליטען שיפברוך לעבען דיעזע אינזלען, וואלט ער שוין לאנג געווען אין ענגלאנד. דיא ענגלישע פּאָסט־דאמפּפער קומען צוויי מאל אין יאָהר צו דיעזע אינזלען.

— לאָמיר געהן ווייטער, האט דער פּראָפעסאָר געזאָגט. קאפּיטאן גראנט געפינט זיך געוויס ניט אויף דיא אינזלען טריסטאן דאנקוניא. דער 37טע גראד געהט ווייטער אין אַפריקאַ אין דער געגענד פון קאפּשטאדט. דאָרט האט אויך געוויס דער קאפּיטאן גראנט ניט געליטען קיין שיפברוך. אין יענע געגענד געפינען זיך שטענדיג הונדערטער שיפען פון דער גאנצער וועלט און ווען אַ שיף וואלט דאָרט אונטערגעגאנגען, וואָלט עס געשטאנען אין אַלע צייטונגען.

אַלע האבען איינגעשטימט מיט'ן פּראָפעסאָר, ווייל אַלע האבען געזעהן, אז ער האט רעכט.

— לאָמיר ווייטער געהן, האט דער פּראָפעסאָר געזאָגט און האט געוויעזען אויף דער לאנד־קארטע. ווייטער געפינען זיך אויפ'ן 37טען גראד דיא אינזלען אמסטערדאם. לאָמיר זעהן, אויב עס פּאסען צו זיי דיא בריעף.

אַלע האבען געקוקט, געטראכט, געקלערט און האבען איינשטימיג בעשלאָסען, אז עס קען ניט זיין, אז קאפּיטאן גראנט זאל האבען געליטען שיפברוך אויף דיא אינזלען אמסטערדאם.

— אלזא, בלייבט אונז קיין אנדער לאנד איבעריג, אלס אויסטראליען, האט דער פּראָפעסאָר געזאָגט. דאָ זיינען דאָ ווילדע מענשען, דאָ געפינען זיך גרויסע שטרעקען לאנד, אויף וועלכע קיין אייראָפּעער האט נאָך זיין פוס ניט געשטעלט. דאָ קען אַ שיף אונטערגעהן און קיין פויגעל זאל דערפון ניט וויסען. דאָ געפינט זיך געוויס קאפּיטאן גראנט.

אַלע זיינען געווען פאלקאמען איבערציינט, אז קאפּיטאן גראנט געפינט זיך נור אין אויסטראליען, נור דער מאיאָר האט זיך ניט געוואָלט נאָכגעבען.

— וואס נאָך פאר אַ לענדער געפינען זיך אויפ'ן 37טען גראד? האט ער געפרעגט.

— ניי־זעעלאנד, האט דער פּראָפעסאָר געענטפערט. איך קען אבער ניט צו־לאָזען, אז קאפּיטאן גראנט געפינט זיך אין ניי־זעעלאנד, ווייל אין בריעף שטעהט דייטליך „קאנטינ", דאס הייסט קאָנטינענט, אַ וועלט טהייל, ניי־זעעלאנד אבער זיינען נור אינזלען, אבער ניט קיין וועלט טהייל.

— עס קען ניט זיין ניי־זעעלאנד, האט זיך אָפּגערופען קאפּיטאן פּאַרראַגוט. איך געפין ניט איין וואָרט, ניט איין צייכען אין דיא בריעף, וואס זאל פּאסען אויף ניי־זעעלאנד.

— וועלכע נאך לענדער געפינען זיך אויפ'ן 37טען גראד? האט ווייטער געפרעגט דער אינרוהיגער מאיאר.

— פון ניי־זעעלאנד ביז אמעריקא געפינט זיך נור א גאנץ קליינע, וויסטע און טרויעריגע אינזעל מיט'ן נאמען מאריא טהערעזא. קענט איהר אויסגעפינען עבעס א ווארט אין דיא בריעף, וואס זאל פאסען אויף דיא אינזעל מאריא טהערעזא?

— געוויס ניט, האט לארד גלענארוואן געזאגט.

— יעצט, מיינע פריינדע, האט דער פראפעסאר געזאגט, ווייסט איהר שוין וועלכע לענדער און וועלכע אינזלען עס געפינען זיך אויפ'ן 37טען גראד. יעצט לעזט נאך א מאל דיא בריעף און אורטהיילט אליין, וואוהין מיר זאלען יעצט פאהרען.

— מיר האבען גאר ניט וואס צו קלערן און וואס צו אורטהיילען, האט לארד גלענארוואן געזאגט, דער פראפעסאר האט רעכט. מיר דארפען פאהרען קיין אויסטראליען.

— געוויס, קיין אויסטראליען! האבען אלע אויסגערופען, גלייך וויא זיי וואלטען זיך אנגערעדט. קיין אויסטראליען!

— יעצט קאפיטאן, האב איך נאך א פראגע צו אייך, האט לארד גלענארוואן געזאגט. האבען מיר גענוג קוילען אויפ'ן „דונקאן“?

— דעוויל האב איך נאך גענוג קוילען. ווען מיר וועלען קומען קיין קאפ־שטאדט, וועל איך מיר פערשאפען א פרישען פארראטה (זאפאס).

— אלזא, געהט, מיין ליעבער קאפיטאן, און הייסט פאהרען קיין אויסטראליען.

— ניט גלייך קיין אויסטראליען, האט זיך אפגערופען דער אונרוהיגער מאיאר. אזוי וויא דיא אינזלען טריסטאן דאנקוניא און אמסטערדאם ליעגען אויף אונזער וועג, בעט איך, אז מיר זאלען זיך אפשטעלען ביי דיעזע אינזלען און זאלען דארט נאכפרעגע אויף קאפיטאן גראנט. מיר מוזען זיין זיכער אין אלע זייטען.

— איהר גלויבט מיר אלץ ניט? האט געפרעגט דער פראפעסאר מיט א פארוואורף.

— איך גלויב אייך שוין זעהר גוט, האט דער מאיאר געענטפערט, איך וויל אבער זיין זיכער. צוריקפאהרען איז זעהר אונאנגענעהם. איך וויל, אז מיר זאלען זיין אין אלע לענדער און אינזלען, וועלכע געפינען זיך אויפ'ן 37טען גראד.

— ליעבער קאפיטאן, הייסט פאהרען צו דיא אינזלען טריסטאן דאנקוניא, האט לארד גלענארוואן געזאגט צום קאפיטאן פאררא̇גוט.

דער מיט האט זיך געענדיגט דיא בעראטהונג. אונזערע רייזענדע זיינען געוועזן מיעד און האבען זיך געלעגט שלאפען. אין א האלבע שטונדע ארום איז דער „דונקאן“ געשוואומען אויף דיא בלויע וואסערן פון'ם אטלאנטישען וועלט־מעער. דער שטייערמאן האט געריכטעט דאס שיף קיין אויסטראליען.

2טעס קאפיטעל.

דיא אינזלען טריסטאן דא̇נקוניא.

מונטער און לוסטיג האט דער „דונקאן“ דורכגעשניטען דיא וועללען (חוואליע) פון'ם אטלאנטישען וועלט־מעער. דאס וועטער איז געוועזן שעהן. דער ווינד איז געוועזן א גוטער און האט געטריעבען דאס שיף אימער ווייטער און ווייטער.

— ווען מיר װעלען האבען אזא שעהנעס וועטער און אזא גוטען ווינד, וועלען מיר אין צעהן טאג ארום זיין אין טריסטאן דאנקוניא, האט קאפיטאן פאראגוט געזאגט דעם אנדערן טאג אין דער פריה צו לארד גלענארוואן.

אויפ'ן שיף איז יעצט געווען גאנץ פרעהליך. דער פראָפעסאָר האט אנגעהויבען צו שרייבען א גרויסעס בוך איבער זיין רייזע אין זיד אמעריקא. ער האט אנגעהויבען ארויסצושלעפען פון זיינע קעשינעס זיינע נאטיץ ביכער און האט אויפגעזוכט אלעס, וואס ער האט זיך אויפנאטירט אויפ'ן וועג. צוואר זיינען אלע זיינע פאפיערען פערנעצט געוואָרען אין גרויסען רעגען און ווען זיי זיינען געשוואומען אויפ'ן בוים, דער פראפעסאר אבער האט זיי אויסגעטריקענט און ער אליין האט געקענט לעזען אין זיי. ער האט שוין געוואוכט זיינע צייכענס און זיינע פינטעלעך. אנאנדערער וואָלט פון זיי קיין וואָרט ניט פערשטאנען.

ער האט קיינעם ניט געוואלט ווייזען, וואס ער האט געשריעבען. ליידי העלענא איז געווען דיא איינציגע פערזאָן אויפ'ן שיף, ועמען ער האט פארגעלעזען זיין בוך. זיא האט איהם זעהר געליבט, אבוואהל זיא האט ניט אלעס פערשטאנען. דער מאיאר פלעגט בענוצען יעדע געלעגענהייט אום צו שפאָכען פון'ם פראפעסאר.

— מיר פאהרען יעצט קיין אויסטראליען, פראפעסאר, האט ער איהם א מאל געזאגט. איהר דארפט זיך לער ען אויסטראַליש. זעהט, איהר זאלט ניט האבען ווידער א טעות און זאלט זיך ניט אויסלערנען כינעזיש אנשטאט אויסטראַליש.

— עס איז אלץ בעסער צו קענען מיט א שפראַכע מעהר, אלס נאר ניט צו קענען, האט איהם דער פראָפעסאר א שטאָך געטהאן.

לארד גלענארוואן האט געזעהן מיט פערגניגען, אז צווישען קאפיטאן פאראגוט און מערי גראַנט ווערט דיא פריינדשאפט אלע טאג גרעסער. זיי פלעגען אפט אוועקרעדען שטונדען לאנג, פלעגען צוזאמען שפאַציערען אויפ'ן דעק און מערי פלעגט זעהר אָפט זיך לערנען דרעהן דאס רעדעל — קירעווען דיא שיף.

— וואס וועט קאפיטאן גראַנט זאגען, ווען ער וועט געוואהר ווערן, אז זיין טאָכטער האט זיך פערליעבט אין אונזער שיפסקאפיטאן? האט ער א מאל געזאגט צו זיין פרוי.

— וואס זאל ער זאגען? האט ליידי העלענא געענטפערט. אונזער פאראגוט איז א טיכטיגער שיפס־קאפיטאן און א גאנץ עהרליכער און גוטער מאן דערצו. ער איז ווערטה צו הייראטהען קאפיטאן גראַנט'ס טאָכטער.

אונטערדעסען איז דיא שיף געגאנגען אלץ ווייטער. דעם 5טען טאג נאך דער אברייזע פון אמעריקא זיינען זיי געקומען צו אן אָרט, וואו דאס גאנצע מעער איז געווען בעדעקט מיט גראז און מיט בלעטער. עס האט זיך אויסגעוויעזען, אז דיא שיף גליטשט זיך אויף א גריענער וויעזע (לאָנקע, לוג). ליידי העלענא האט געזעהן צום ערשטען מאל דיעזעס וואונדער אויפ'ן מעער און האט געבעטען דעם פראפעסאר, ער זאל עס איהר ערקלערן.

— מיר זיינען יעצט אין סאראגאסום מעער, האט דער פראפעסאר ערקלערט. אין דיעזען אָרט וואקסען אויפ'ן באָדען פון'ם מעער זעהר פיעלע גראזען און בלומען.

מען מיינט, אז דא איז ניט טיעף. ווען מען מעסט אבער די טיעפקייט פון'ם מעער, זעהט מען מיט שטוינען, וויא הויך דיעזע גראזען זיינען. אייניגע זיינען ניט וועניגער, וויא פיער טויזענד פוס דיא לענג. דיעזע גראזען הייסען סארגום, דערפאר הייסט דאס מעער סארגאסום. ווען קאלומבוס איז צום ערשטען מאל געפאהרען ענטדעקען אמעריקא און איז געקומען אין דיעזעס מעער, האבען זיינע מאטראזען געמיינט, אז דא ענדיגט זיך שוין דיא וועלט און האבען ווייטער ניט געוואלט פאהרען. זיי האבען זיך געוואלט אומקעהרען אהיים און נור מיט שווערער מיה איז עס איהם געלונגען זיי איינצורעדען, אז זיי זאלען ווייטער פאהרען נאך עטליכע טעג.

קאלומבוס האט אליין ניט געוואוסט, וואס דיעזע גראזען זיינען. היינט וויסען מיר שוין, אז דאס איז א וואסער פפלאנצע, וועלכע ציעהט זיך צום ליכט, צו דער זון. מיר וויסען, פאר וואס זיא וואקסט נור אין דיעזער געגענד. דער באדען פון'ם מעער איז דא לעהמיג און זיא וואקסט נור אויף א לעהמיגער ערד. אין דיא באטאנישע גערטנער אין פאריז און אין לאנדאן האט מען פראבירט פלאנצען דיעזע מערקווירדיגע פפלאנצע. זיא וואקסט דארט זעהר גוט.

א גאנצען טאג איז דיא שיף געשוואומען אויף דיעזע מערקווירדיגע לאנקע (וויעזע) אלע זיינען געשטאנען אויפ'ן דעק און האבען געקוקט אויף דיא בלעטער און בלומען, וועלכע האבען ארויסגעשטעקט פון'ם וואסער.

— מיר פאהרען יעצט ווידער אויף דיא פאמפאס פון זיד־אמעריקא, האט דער פראפעסאר געשפאסט.

עס זיינען פערגאנגען נאך אייניגע טעג. דאס וועטער איז אלץ נאך געווען שעהן. אויפ'ן צעהנטען טאג אין דער פריה האט דער מאטראז, וועלכער איז געשטאנען אויף דער וואך, אויסגערופען: לאנד! לאנד!

אלע זיינען ארויסגעלאפען אויפ'ן דעק אנקוקען דאס נייע לאנד. שפעטער פון אלעמען איז ארויסגעקראכען א טעלעסקאפ און הינטער איהם האט זיך נאכגעשלעפט דער פראפעסאר. ער האט געקוקט אין אלע זייטען און האט גאר ניט געזעהן.

— וואו איז אייער לאנד? האט ער געפרעגט פערוואונדערט. איך זעה גאר ניט.

— קוקט נור אהין, אויף דיא וואלקען, וועט איהר זיא זעהן, האט איהם דער שיפס־קאפיטאן געענטפערט.

ער האט אויפגעשטעלט זיין טעלעסקאפ אין דער זייט, וואו דער קאפיטאן האט איהם געוויעזען.

— אה, יעצט זעה איך שוין — א שפיץ פון א בארג. זאל דאס זיין דיא אינזעל טריסטאן דאנקוניא?

— געוויס, פראפעסאר. איהר זעהט יעצט דעם פיק טריסטאן, דעם העכסטען בארג אויף דער אינזעל.

— ווען איך האב נאך ניט פערגעסען קיין געאגראפיע, האט דער פראפעסאר געזאגט, זיינען מיר יעצט זיעבעציג מייל ווייט פון דער אינזעל. דער פיק טריסטאן איז זיעבען טויזענד פוס דיא הויך און אויפ'ן מעער אין א שעהנעם וועטער קען מען איהם זעהן אויף זיעבעציג מייל דיא ווייט.

— איהר האט רעכט, פראָפעסאָר. עס איז אזוי, האט קאפּיטאן פאַרראגוט איהם געזאגט.

אין איינינע שטונדען ארום האבען זיך אנגעהויבען צו ווייזען דיא צוריסענע און צרוואָרפענע בערג און פעלזען פון דיעזע אינזלען. נאך שפּעטער האט מען געקענט דייטליך זעהן דיא דריי אינזלען, וועלכע הייסען צוזאמען טריסטאָן דאנקוניא. איין אינזעל הייסט „אינאַקסעסיבל": מען קען צו איהר ניט צוקומען. זיא בעשטעהט אין גאנצען פון גרויסע צרוואָרפענע און צובראָכענע שטיינער. מען קען צו איהר צוקומען אין גאנץ קליינע שיפעלעך (לאָדקעס). דיא אנדערע אינזעל הייסט „דהי נייטינגעל", נור דיא נאכטיגאל, ווייל מען הערט אויף איהר אפט זינגען דיא נאַכטיגאל (סאָלאָוויי) דיא דריטע אינזעל הייסט טריסטאָן. דיעזע קליינע גרופּע אינזלען ליעגט איינזאם און פערנאכלעסיגט אין וועלט-מעער. עס איז זעהר ווייט פון זיי צו דער ציוויליזירטער וועלט. עס איז ווייט פון אפריקא, ווייט פון אויסטראליען און ווייט פון אמעריקא.

נעגען מיטאָג איז דער דונקאן צוגעקומען צום פּאָרט און האט פעראנקערט זיין שיף לעבען דער הויפּטשטאָדט און צו גלייך דיא איינציגע שטאָדט אויף דיעזע אינזלען. דיא גאנצע שטאָדט בעשטעהט פון פופציג הייזער. זיא ליעגט אין א שעהנעם גרינעם טהאל, אין וועלכען עס פליעסט א קליינער, פרעהליכער טייך. דיא הייזער שטעהן אין צוויי רייהען, איינע נעגען דיא אנדערע און זיינען גאנץ ריין און שעהן, אבער זעהר איינפאך. אזוי וויא דיעזע אינזלען געהערן צו ענגלאַנד, שיקט דיא ענגלישע רעגיערונג פון קאפּ-לאנד אהין א בעאמטען — מען רופט איהם מיט'ן שטאָלצען נאָמען — גובערנאטאָר. אונטער זיין הערשאפט געפינען זיך דריי גרויסע אינזלען, פיעלע הויכע בערג, פיעלע טהאלען, נאך מעהר שטיינער און הונדערט און פופציג איינוואָינער שוין מיט פרויען און מיט קינדער.

ווען דער „דונקאן" איז אריינגעפאָהרען אין פּאָרט, איז דער גובערנאטאָר אליין אראָפּגעקומען צום ברעג עמפפאנגען דיא געסט. אן אייראָפּעאישע שיף איז דאָרט א זעלטענהייט. דיא ענגלישע פּאסט-שיפען קומען אהין נור דריי מאָל אין יאָהר. זיי ברענגען אלטע צייטונגען און איינינע בעפעהלע צום גובערנאטאָר. פון דער גרויסער און שווערער קונסט צו שרייבען בריעף און זיי נאך צו לעזען ווייס מען נאך דערוויל ניט אויף דיעזע אינזלען.

ליידי העלענא האט בעמערקט מיט שטוינען, אז דער גובערנאטאָר האט פערגעסען אנצוטהאן זיינע שיך. עס איז ניט אין דער מאָדע אויף טריסטאן דאנקוניא צו טראָגען שיך.

לארד גלענארוואן האט אנגעהויבען צו פרעגען דעם גובערנאטאר און זיינע אונטערטהאנען, אויב זיי האבען ניט געהערט פון א שיף „בריטאניא" מיט א קאפּיטאן גראנט, וועלכער האט געליטען שיפברוך אין דיעזע געגענדען. קיינער האט אבער ניט געהערט פון אזא שיף און קיינער האט קיין אויסקונפט ניט געקענט געבען.

— אויסער וואלפיש-פאנגער, דאס הייסט, שיפען, וועלכע פאהרען חאפּען וואלפיש און אנדערע טהיערע פון וועלכע מען מאכט פישאייל אדער פישטראָהן, קומען אהער זעהר זעלטען אייראפּעאישע שיפען, האט דער גובערנאטאר ערקלערט. זאפיעל

איך ווייס, איז נור אין 1821 אונטערגעגאנגען אן ענגלישע שיף „בלענדאן האלל“, אין 1845 האט א שטארקער שטורמווינד ארויסגעווארפען אויפ׳ן ברעג פון אונזער אינזעל צוויי האלענדישע שיפען. אין 1857 איז אונטערגעגאנגען ניט ווייט פון אונזער אינזעל אן אמעריקאנישע שיף מיט׳ן נאמען „פילאדעלפיא“. דאס איז אלעס, וואס איך ווייס איבער שיפען, וועלכע האבען געליטען שיפברוך לעבען אונזערע אינזלען.

לארד גלענארוואן האט געוואוסט, אז ער וועט דא קיינע אויסקונפט איבער קאפיטאן גראנט ניט קריעגען, ער האט נור צוליעב געטהאן דעם מאיאר. זיי וואלטען אייגענטליך געקענט באלד ווייטער פאהרען. דער פראפעסאר אבער האט זעהר געוואלט בעטראכטען דיעזע אינזלען. ליידי העלענא, וועלכע איז שוין מעהר אלס פינף מאנאטע נאך אנאנדער אלץ געווען נור אויפ׳ן מעער, האט אויך געוואלט זיך אביסעל דורך־שפאציערען אויפ׳ן לאנד. לארד גלענארוואן האט געמוזט נאכגעבען און האט ערלויבט, אז מען זאל דא פערברענגען א פאר טאג. דיא מאטראזען האט ער ערלויבט צו חאפען פיש און זעע־הינד, וועלכע געפינען זיך אין דיעזע וואסערן אין גרויסע מענגע.

אלע זיינען ארויס אויפ׳ן ברעג. יעדער האט זיך גענומען צו זיין בעשעפטיגונג. דער פראפעסאר און ראבערט גראנט זיינען געגאנגען פון הויז צו הויז, האבען גערעדט מיט דיא איינוואינער, האבען געשפאסט מיט דיא פרויען און זיך געשפיעלט מיט דיא קינדער.

דיא איינוואינער פון דיעזע זאנדערבארען קעניגרייך זיינען מייסטענס ענגלענדער אדער אמעריקאנער, וועלכע האבען געהייראטהעט נעגער פרויען. דיא מענער זיינען ברוין, דיא פרויען זיינען שווארץ ווויא קויל. דיא קינדער זיינען א געמישעכץ פון נעגערן און אייראפעער, ריכטיגער געזאגט, שטארק מיאוסע האלב־נעגער.

א גאנצען טאג זיינען אונזערע רייזענדע ארומגעגאנגען אויף דער אינזעל. געגען אבענד זיינען זיי זיך צונויפגעקומען אויפ׳ן שיף צום מיטאג. נאכן עסען האט לארד גלענארוואן געבעטען דעם פראפעסאר, ער זאל איהם דערצעהלען דיא געשיכטע פון דיעזע זאנדערבארע אינזלען. דער פראפעסאר האט איהם צוליעב געטהאן און האט דערצעהלט פאלגענדעס:

אין 1506 האט א פארטוגיעזישער שיפס־קאפיטאן ענטדעקט דיעזע אינזלען. ער האט געהייסען טריסטאן דאנקוניא. דער פאר הייסען יעצט דיא אינזלען טריסטאן דאנקוניא. ער האט עס געמעלדעט דעם קעניג פון פארטוגאל, וועלכער האט ארויסגעשיקט א שיף מיט געלערנטע, זיי זאלען זיי אויספארשען. דיא געלערנטע האבען פערבראכט זעקס מאנאטע אויף דיא אינזלען און האבען אויסגעפונען, אז זיי האבען גאר קיין ווערטה ניט. דאס מעער ארום רוישט, קאכט און זיעדעט. אפט קומען פאר שטורמווינדען, אז עס איז אונמעגליך צו צוקומען צום לאנד. דיא ערד אויף דיא אינזלען איז בעדעקט מיט רויטע שטיינער און טויג ניט צו בעארבייטען. מען האט אויפגעהערט פון דיעזע אינזלען צו רעדען און זיי זיינען באלד אין גאנצען פערגעסען געווארען.

אין 1811 האט אן אמעריקאנער מיט׳ן נאמען דשאנאטהאן, וועלכער האט ארומגעוואנדערט אין אפריקא זוכען גליק און האט עס, וויא געוועהנליך, ניט געפונען, זיך ענטשלאסען צו קאלאניזירען דיעזע אינזלען. ער האט געזוכט נאך מענשען, וועלכע

זאלען מיט איהם פאהרען, האט אבער קיינעם ניט געפונען אויסער א נעגער פרוי, וועלכע ער האט געהייראטהעט, און אלטען איטאליענער און א מולאט (דער זוהן פון א ווייסען פאטער און א שווארצע מוטער הייסט מולאט) מיט א פרוי, א נעגערין. דיעזע צוויי פאמיליען — דעם איטאליענער רעכען איך ניט, ווייל ער האט קיין פריי ניט געהאט — זיינען געקומען אויף דיא אינזלען און האבען זיך בעזעצט. דער אמעריקאנער איז געווען א גוטער פארמער. ער האט באלד אפגערייניגט א שטיק לאנד און האט זיא אנגעהויבען צו בעארבייטען. דאס לאנד האט זיך געצייגט אלס פארטרעפליך און דיא קליינע קאלאניע האט אנגעהויבען צו בליהען. אין מעער ארום איז דא זעהר פיעל פיש און זעעהינד. ווען דיא קאלאניסטען האבען ניט געארבייט אויפ'ן פעלד, האבען זיי געהאפט פיש און זעעהינד. דער אמעריקאנער דשאנאטהאן איז געווען גליקליך. ער האט געהערשט אויף זיין אינזעל גאנץ אליין. ער איז דארט געווען קייזער. זעלבסטפערשטענדליך, אז ער האט ניט געהאט קיין ארמעע, קיין פאליציי, קיינע קריעגסשיפען, קיינע קאנאנען און קיינע בעאמטע. ער האט עס אבער אויך ניט נעדארפט. זיינע אונטערטהאנען — נעצעהלטע פיער דערוואקסענע און צוויי קינדער — האבען אויסגעפאלגט אלע זיינע בעפעהלע.

דיא ענגלישע רעגיערונג אין קאפלאנד, אין אפריקא, האט דערשמעקט, אז דיא קליינע קאלאניע אויף דער אינזעל טריסטאן בליהט און עס געהט איהר זעהר גוט. זיא האט געשיקט א שיף און האט אנגעבאטען דעם אמעריקאנער, ער זאל זיך שטעלען אונטער ענגלישען שוץ. דער אמעריקאנער האט עס אנגענומען און האט אויפגעצויגען לעבען זיין וואינונג דיא ענגלישע פאהן. אין א קורצע צייט ארום איז דער אמעריקאנער דערטרונקען געווארען — אדער מען האט איהם דערטרונקען. — מיט איהם איז דיא קאלאניע פערשוואונדען געווארען. דיא איבעריגע קאלאניסטען האבען זיך קוים איינ= געבעטען אויף א שיף, מען זאל זיי צוריקברענגען קיין אפריקא.

אין 1816, ווען דיא ענגלענדער האבען געהאלטען נאפאלעאן I געפאנגען אויף דער אינזעל סאנקט העלענא, האבען זיי מורא געהאט, ער זאל ניט אנטלויפען און זיי האבען געשיקט מיליטער אויף אלע אינזלען ארום סאנקט העלענא. א באטאליאן סאל= דאטען איז געשטאנען אויף דער אינזעל טריסטאן דאנקוניא. דער באטאליאן איז בעשטאנען פון איין ראטע ענגלענדער און פיער ראטעס אפריקאנער סאלדאטען, נע- גערן. אין 1821, ווען נאפאלעאן I איז געשטארבען האט דיא ענגלישע רעגיערונג בעפוילען, אז דער באטאליאן סאלדאטען זאל פאהרען א היים, קיין קאפלאנד. דיא סאלדאטען זיינען געווען העכסט צופריעדען, וואס זיי פאהרען ענדליך אוועק פון אזא ווילדע און לאנגווייליגע אינזעל.

איין סאלדאט אבער מיט'ן נאמען וויליאם גלאז מיט זיין פרוי און צוויי נעגערן זיינען געבליעבען אויף דער אינזעל און האבען זיך דארט בעזעצט. מיט א פאר יאהר שפעטער איז ניט ווייט פון דער אינזעל אונטערגעגאנגען א גרויסע ענגלישע שיף מיט'ן נאמען בלענדאן האלל. צוויי מאטראזען און איין פאסאזשיר מיט זיין פרוי האבען זיך געראטעוועט אויף א פלאט (פלאס), וועלכע זיי האבען צוזאמען געשלאגען פון פעסער און ברעטער פון דער אונגליקליכער שיף. דער ווינד האט זיי פארשלאגען אויף דער

אינזעל טריסטאן. עס איז זיי נעפעלען דיא נעגענד און זיי האבען זיך דא בעזעצט. אין 1824 איז דיא קאלאניע בעשטאנען פון זעקס מענער און צוויי פרויען. אין 1829 זיינען שוין נעווען זיעבען מענער. זעקס פרויען און צעהן קינדער. אין 1835 זיינען שוין געווען אויף דער אינזעל פערציג מענשען. דיא מענער, וועלכע האבען קיין פרויען נעהאט, האבען נעבעטען דיא ענגלישע רעגיערונג אין קאפלאנד, זיא זאל זיי צושיקען פרויען. זיא האט זיי צוגעשיקט נעגער פרויען, וועלכע זיא האט נעקויפט אלס שקלאפען. אזוי וויא דער ענגלענדער האט פיינט צו טהאן עפעס אומזיסט, האט זיך דיא ענגלישע רעגיערונג נעהייסען בעצאהלען פאר דיעזע פרויען; נעלד אבער איז ניט אין דער מאדע אויף טריסטאן דאנקוניא. און דיא קאלאניסטען האבען נעמוזט בעצאהלען פאר זייערע פרויען מיט פעל פון זעהינד. יעצט, אין 1864, נעפינט זיך שוין אויף דער קאלאניע הונדערט און פופציג איינוואינער, דיא פרויען און קינדער אויך מיט נערעכענט.

— איך דאנק אייך, פראפעסאר, פאר אייער ערצעהלונג, האט לארד גלענאר־וואן נעזאגט. איהר האט מיר נענעבען א נוטע לעקציאן. איהר האט מיר נעוויעזען, וויא א פאלק ווערט נעבארען, וויא אזוי א פאלק ענטשטעהט, וויא אזוי א שפראכע בילדעט זיך. אין א הונדערט יאהר ארום וועלען מיר האבען א ניי פאלק און א נייע שפראכע. איך הער שוין יעצט, וויא זיי רעדען ענגליש, איטאליעניש און האטענטאטיש (דיא נעגערן פון יענער נעגענד נעהערן אלע צום פאלק מיט'ן נאמען „האטענטאטען“) דיא איינוואינער פון דיעזער אינזעל וועלען זיך פערמעהרן, וועלען בעזעצען אלע אינזלען ארום און וועלען אמאל קעמפפען פאר זייער פאטערלאנד. זיי וועלען אמאל שרייען: אונזערע עלטערן האבען בעארבייט דיעזעס לאנד, זיי האבען עס בענאסען מיט זייער שוויים און בענעצט מיט זייערע טרערין. דיעזעס לאנד נעהערט צו אונז! קיין פרעמדער טאר צו אונז ניט קומען! — וועלען זיי רעכט האבען?....

— איך האב נאך פערגעסען אייך צו דערצעהלען פון א ראבינזאן, וועלכער איז נעווען אויף דיעזער אינזעל, האט דער פראפעסאר פלוצלונג נעזאגט. אין 1793 איז א פראנצויזישע שיף פערביינעפאהרען דיעזע אינזעל און האט זיך אפגעשטעלט צו פער־זארגען זיך מיט פרישעס וואסער. א פראנצויזישער נעלערנטער מיט'ן נאמען דיפעטי, וועלכער איז נעראדע נעפאהרען אויף דער שיף, איז אראפגעגאנגען אויפ'ן לאנד אביסעל שפאציערען. ער האט זיך פערטראכט און איז אוועקגעגאנגען וויט צווישען דיא שטיינער. דיא שיף איז דערווייל אוועקגעפאהרען און ער איז נעבליעבען אליין אויף דער אינזעל. אכט מאנאטע האט ער פערבראכט אויף דער אינזעל איינער אליין. ער האט איבערגעליטען הונגער און נויט, ביז עס איז אנגעקומען אן ענגלישע שיף און האט איהם ארויפגענומען אויפ'ן דעק.

— דער נעלערנטער איז נעווים נעווען פון אייער פאמיליע, הערר פראפעסאר, האט דער מאיאר נעלאכט, איז ער אפט ניט נעווען אייער עלטער זיידע?

— דאס מאל ניט, איך וואלט מיך אבער ניט נעשעהמט, ווען ער וואלט עס א געווען. ער איז נ'ווען א גרויסער נעלערנטער, האט דער פראפעסאר נעענטפערט.

דעם אנדערן טאג איז לארד גלענארוואן, דער פראפעסאר און דער מאיאר ־עגאנגען אויף דיא יאגד זיי האבען צוואר ניט פיעל נעשאסען, דערפאר אבער האבען

זיי זעהר פיעל געזעהן. אויף דיא בערג האבען זיי געזעהן פיעלע ווילדע ציעגען. זיי האבען זיי ניט געקענט שיעסען, ווייל דיא ציעגען זיינען זעהר פלינק און אנטלויפען, ווען זיי הערען דעם ק ענסטען גערויש. פון ווילדע חיות געפינען זיך אויף דער אינזעל נור ווילדע קעץ. וויא עס ווייזט אויס, האט אמאל א שיף דא איבערגעלאזען א פאָר קעץ, וועלכע האבען זיך מיט דער צייט שטארק פערמעהרט און זיינען געווארען ווילד. זיי ווערן מיט יעדען טאג געפעהרליכער פאר דיא איינוואינער. זיי פאלען אן אויף דיא היהנער, גענז און ענטען פון דיא איינוואינער און, ווען זיי זיינען שטארק הונגעריג, פאלען זיי זאגאר אן אויף יונגע ציעגעלעך און צו רייסען זיי. דיא איינוואינער זיינען שוין יעצט געצוואונגען פון צייט צו צייט צו פעראנשטאלטען אן אלגעמיינע יאגד — מאכען אן אבלאווע — אויף דיא ווילדע קעץ.

אין דער צייט וואס לארד גלענארוואן מיט זיין פארטיע זיינען געגאנגען אויף דער יאגד, זיינען דיא מאטראזען געפאהרען חאפען פיש. זיי האבען אנגעחאפט אזוי פיעל, אז זיי האבען פערזארגט אויף אכט טאג דיא שיף מיט פיש.

אום 8 אוהר פארנאכט זיינען אלע געקומען צוריק אויפ'ן שיף. דעם אנדערן טאָג אין דער פריה איז דער „דונקאַן" אוועקגעפאהרען פון טריסטאן דאנקוניאָ.

3טעס קאפיטעל.

קאפשטאדט און הערר וויאַרדאָ.

וויא מען האט אפגערעדט, וואלטען זיי יעצט געדארפט פאהרען צו דער אינזעל אמסטערדאם. קאפיטאן פארראגוט אבער האט דערזעהן, אז זיי האבען ווענינ קוילען און ער האט זיך געזעהן גענייטיגט אראפצופאהרען פונ'ם וועג און צו צופאהרען קיין קאפשטאדט אין אפריקא אום זיך דארט צו פערזארגען מיט קוילען. אין זעקס טאג איז ער איינגעפאהרען פון דער אינזעל טריסטאן דאנקוניא ביז קאפשטאדט.

עס איז געוועזען פאר נאכט, ווען זיי האבען דערזעהן פון דער ווייטען דעם „טיש בערג". דער שיפס קאפיטאן האט גערופען דעם פראָפעסאר איהם ווייזען דיעזעס וואונדער פון דער נאטור — ניט ווייט פון דער שטאדט קאפשטאדט, אדער, וויא דיא ענגלענדער רופען זיא „קייפ־טאון", הייבט זיך אויף א הויכער בארג, ריכטיגער געזאָגט, א הויכער שטיין. פון אלע פיער זייטען זיינען דיא ווענט פונ'ם בארג גלייך און גלאַט, גלייך וויא מען וואלט זיי אפגעשניטען מיט א מעסער. נור אין איין ארט זיינען אויסנעהאקט טרעפ, אויף וועלכע מען קען ארויפגעהן אויפ'ן באַרג. ווען מען קומט ארויף אויבען, זעהט מען, אז דער שטיין איז ניט שפיציג, וויא יעדער באַרג איז געוועהנליך, זאנדערן גאנץ גלאַט, וויא א טיש. דער גאנצער בארג, אדער דער גאנצער שטיין, האט ווירקליך דיא געשטאַלט פון א פיער עקיגען טיש. דער פאר הייסט ער „טיש־בערג", אדער וויא דיא ענגלענדער רופען איהם „טייבל מאונטיין."

— דאס איז דאס איינציגע וואונדער, וואס מען האט צו זעהן אין קאפטשאָדט, האט דער פראָפעסאָר געזאָגט. דיא שטאדט אליין האט ניט מעהר, וויא דרייסיג טויזענד איינוואינער. זיא איז זעהר ריין און זעהר שעהן געבויט, אבער זעהר לאנגווייליג דאס לאנד האט א מאל געהערט צו דיא האלענדער. דיא איינוואינער זיינען

גרעסטען טהיילס האלענדער. אין 1815 האבען עס דיא ענגלענדער אפגענומען פון דיא האלענדער. זיי האבען געפיהרט קריעג מיט דיא האָטענטאָטען (דיא נעגערן) ארום און האבען ביי זיי צוגענומען זייער לאנד. יעצט געהערט דער גאנצער זידען פון אפריקא צו ענגלאנד.

— אלזא, ווילט איהר ניט אראפגעהן אנקוקען קאפשטאדט? האט איהם לאָרד גלענארוואן געפרעגט.

— וואס וועל איך דארט זעהן? דיא האלענדער זיינען א לאנגווייליגעס פאָלק. דיא גאנצע שטאָדט איז געבויט, וויא דיא קעסטעלעך פון א שאך ברעט. דאס איינ־ציגע גוטעס, וואס זיי האבען, איז דער קאנסטאנציא וויין. זיי זאגען אבער, אז ווער עס טרינקט איהם איין מאל, דער קען זיך שוין פון איהם ניט אפגעוואינען. איך וויל איהם ניט טרינקען און וויל צו איהם ניט געוואינט ווערן.

אלע זיינען געבליעבען אויפ'ן שיף, נור דער קאפיטאן איז געגאנגען אין שטאָדט אריין קויפען קוילען. עס האט ניט לאנג געדויערט און מען אנגעהויבען אנצולאָדען דיא שיף מיט קוילען.

דעם אנדערן טאג אין דערפריה זיינען זיי ווייטער געפאהרען צו דער אינזעל אמסטערדאם. פון קאפלאנד ביז צו דער אינזעל איז זעהר ווייט,—קנאפע דריי טויזענד מייל. יוען זיי זאלען גוט פאהרען און זאָלען קיין איבערשלאָג ניט האָבען, דארף דיא רייזע געדויערן צוועלף טעג. לארד גלענארוואן האט צוואר געוואלט פאהרען גלייך קיין אויסטראַליען. ער האט ניט געוואלט פערליערען אזוי פיעל צייט. דער מאיאר אבער איז בעשטאנען דארויף, אז זיי זאלען פאהרען צו דער אינזעל.

— וואס איז אייער מיינונג, פּראָפעסאר פאגאנעל? האט לארד גלענאריוואן געפרעגט.

— מיין מיינונג? איהר ווילט וויסען מיין מיינונג? נו, וועל איך אייך זאָגען — איך האב ליעב דאס מעער. דיא גרויסע וואסערן זיינען דער ריכטיגער וועג פון'ם מענש־ליכען גייסט און פון דער ציוויליזאציאן. עס איז א גליק, וואס אויף דער וועלט איז דאָ צווייא דריטעל וואסער און נור איין דריטעל לאנד. וואס וואלטען מיר געטאָהן, ווען אויף דער וועלט וואלט ניט געווען קיין מעער? מיר וואלטען איינער דעם אנדערן ניט געקענט. אין דיא סטעפען פון סיביר, אין דיא וויסטעניי פון מיטעל אפריקא, אין דיא פאמפאס פון זיד אמעריקא, אין דיא פּרעריען (אויך אזא סארט סטעפּעס) פון נארד אמעריקא וואינען פעלקער, וועלכע קענען איינער דעם אנדערן ניט. הונדערט מייל אויפ'ן לאנד איז פיעל שווערער דורכצופאָהרען, וויא צווייא טויזענד מייל אויפ'ן וואסער. איהר האט א גוטען ביישפיעל פון אונז אליין. פון טשילי קיין ארגענטיניען איז נור דרייצעהן הונדערט מייל. עס האט ביי אונז געדויערט צווייא און פערציג טאג זיי דורכ־צוגעהן. מיר זיינען איבערגעשטאנען אלע מעגליכע געפאהרען און האבען געליטען הונגער און נויט. פון קאפלאנד ביז צו דער אינזעל אמסטערדאם איז קנאפע דרייא טויזענד מייל. מיר וועלען זיי דורכפאָהרען איין צעהן־צוועלף טעג. מיר וועלען דיא צייט פער־ברייגגען גאנץ גוט אויף אונזער שיף, וועלען האבען פיעל פערגניגען פון דער רייזע און

וועלען דערביי געוואהר ווערן, אויב קאפּיטאן גראַנט האט דאָרט ניט געליטען קיין שיפבּרוך. פאר וואס זאָלען מיר אַקאָ ניט פאהרען צו דער אינזעל אַמסטערדאַם?

דער פּראָפעסאָר האט גערעדט מיט אזא פייער און מיט אזא איבערצייגונג, אז אַלע האָבען געמוזט איינשטימען, אז דאס מעער איז זעהר א גוטע זאַך.

— דער פּראָפעסאָר האט רעכט, האט דער מאַיאָר געזאָגט. ווען א וואַסער געפינט זיך צווישען צוויא פעלקער זיינען זיי ברידער; ווען א וואַלד געפינט זיך צווישען צוויא פעלקער, זיינען זיי פרעמדע. ענגלאַנד און אויסטראַליען איז איין לאַנד, רוסס־לאנד און כינא זיינען צוויא לענדער. און דענאָך איז פון לאָנדאָן קיין מעלבורן, אין אויסטראַליען, צעהן מאָל אזוי ווייט, וויא פון פּעטערבּורג קיין פּעקין דיא הויפּשטאָדט פון כינא.

דאס וועטער איז געווען שעהן און די רייזע איז ווירקליך געווען זעהר אַנגענעהם. דאס מעער אַליין איז געווען צופריעדען צו טראָגען אונזערע רייזענדע אויף זיינע גלאַטע וועלעען (כוואַליעס). אין דיא גאַנצע צעהן טעג איז עס געווען גאַנץ רוהיג און שטיל. דער „דונקאַן" האט זיך גענליצט שנעל אויפ'ן גלאַטען שפּיעגעל. דעם 15טען יאַנואַר האָבען זיי דערזעהן, וויא א באַרג קריעכט ארויס פון דער טיפעניש פון'ם וועלט מעער. דאס איז געווען דיא אינזעל אַמסטערדאַם.

— מיר זיינען יעצט נור פופציג מייל פון דער אינזעל, האט דער פּראָפעסאָר געזאָגט. פיעל נייעס האָבען מיר דאָרט ניט צו זעהן. עס איז זעהר עהנליך צו דער אינזעל טריסטאַן דאַנקוניא.

— מיט וואס זיינען ביידע אינזלען עהנליך? האט ליידי העלענא געפרעגט.

— מיט ראָבינזאָנס. אויף דער אינזעל אַמסטערדאַם זיינען אויך פיעלע מענשען פערשלאָגען געוואָרען און האָבען צוגעבראַכט אויף איהר יאהרען לאַנג גאַנץ אַליין, וויא עס שטעהט בעשריעבען אין דער געשיכטע פון ראָבינזאָן קרוזאָע, וועלבע איהר האָט געוויס געלעזען.

— אַלזאָ, איז דיא געשיכטע פון ראָבינזאָן קרוזאָע ניט אויסגעטראַכט? האט ליידי העלענא געפרעגט. עס האט זיך טאַקע געטראָפען?

— אויסגעטראַכט? האט געלאַכט דער פּראָפעסאָר. עס איז כמעט ניטאָ איין אינזעל אויף דער וועלט, וועלכע האט ניט געהאט איהר ראָבינזאָן קרוזאָע.

— פּראָפעסאָר, איך וויל אייך שטעלען א פראַגע, האט מערי גראַנט געזאָגט.

— זאָגאר צעהן פראַגען, איך וועל אייך ענטפערען מיט פערגניגען.

— וואָלט איהר מורא געהאַט צו בלייבען אויף אן אינזעל גאַנץ אַליין?

— איך? האט געלאַכט דער פּראָפעסאָר. איך זאָל מורא האָבען? —

— באַלד וועט ער זאָגען, אז ער וואָלט געווען העכסט צופריעדען צו בלייבען אַליין אויף אן אינזעל, האט געשפּאַסט דער מאַיאָר.

— צופריעדען אָדער ניט צופריעדען, דאס ווייס איך ניט, האט דער פּראָפעסאָר געזאָגט. איך וואָלט מיך אָבער ניט געזאָרגט און זעהר ווייניג געקימערט. איך וואָלט געחאַפּט פיש און געפאַנגען פייגעל. איך וואָלט געוואוינט אין א הייל אום ווינטער און אויף א בוים אום זומער. איך וואָלט מיר געבויט א מאַגאַזין, וואו איך וואָלט אום

זמער אנגעגרייט עסען אויפ'ן ווינטער. — קורץ, איך וואלט קאָלאָניזירט מיין אינזעל.

— גאנץ אליין?

— גאנץ אליין. איבעריגענס, וואלט איך מיר אויסגעזוכט א חיה'לע אדער א פויגעל, וועלכען איך וואלט צוגעוואינט צו מיר און וואלט איהם צוגעוואינט צו קומען צו מיר, צו רעדען מיט מיר און צו עסען מיט מיר. ווען איך וואלט געהאט נאך א מענשען צו מיר, וואלט איך שוין גאר געווען אויפ'ן זיבעטען הימעל. צווייא מענשען אליין אויף אן אינזעל קענען גליקליך לעבען. א שטייגער איך און דער מאַיאָר —

— איך דאנק אייך, האט דער מאַיאָר געזאגט. מיר געפעלט אזא גליק זעהר ווענינ. איך האב בעסער ליעב צו זיין אין א טהעאטער אין לאנדאן.

— ליעבער פראפעסאר, האט ליידי העלענא געזאגט, איהר האט א גרויסען טעות. איהר שטעלט אייך פאָר, אז אליין זיין אויף אן אינזעל איז אנגענעהם. דאס קען נים זיין. דער מענש איז געבאָרען צו לעבען מיט אנדערע מענשען, ער קען ניט זיין אליין. אנדערע מענשען מוזען איהם העלפען. ניט יעדער מענש קען זיין א ראָבינ־זאָן קרוזאָע און ראָבינזאָן קרוזאָע אליין איז אויך ניט געווען אזוי גליקליך, וויא איהר מיינט. זיין איינער אליין אויף אן אינזעל איז זעהר טרויעריג. אזא מענשען האט מען געוויס ניט וואס מקנא צו זיין.

דער פראפעסאר האט געשוויעגען. ער האט איינגעזעהן, אז ליידי העלענא האט דאך רעכט, אין דער מינוט איז דער „דונקאן" צוגעקומען צו דער אינזעל אמסטערדאם. דאס זיינען אייגענטליך צווייא אינזלען, וועלכע זיינען נור פינף און דרייסיג מייל ווייט איינע פון דער אנדערער. איינע איז גרעסער און הייסט אמסטערדאם, דיא אנדערע איז קלענער און הייסט סען פאָל.

אויף דער אינזעל ס ע ן פ אָ ל וואינט קיינער נים. דיא גאנצע אינזעל שטעלט פאָר א שפיציגען באַרג. דיא אינזעל אמסטערדאם אָבער איז בעוואינט מיט עטליכע מענשען, וועלכע בעשעפטיגען זיך מיט פישפאנג. דיא גאנצע אינזעל געהערט צו א רייכען קויפמאַן, וועלכער שיקט אהין ארויס אין געוויסע צייטען פון'ם יאהר מענשען צו חאפען א סאָרט פיש, קאד, אויף רוסיש טריאָסקא, וועלכע געפינט זיך דארט אין גרויסע מאסען. דיא פיש ווערן געזאלצען, געטריקענט און גערייכערט אויף דער אינזעל.

אין דער צייט, ווען דער „דונקאָן" איז אנגעקומען אויף דער אינזעל, איז דיא גאנצע בעפעלקערונג פון דער אינזעל בעשטאנען פון דרייא מענשען: א פראנצויז, מיט'ן נאמען וויארדאָ און צווייא נעגער. דיא צייט פון דעם פישפאנג איז דאמאלס שוין גע־ווען פאָראיבער און דיעזע דרייא מענשען זיינען געווען דיא וועכטער פון דיא הייזער און דיא אנשטאלטען צו זאלצען, טריקענען און רייכערן פון דיא פיש. דער אייגענטהי־מער — בעל הבית — פון דער אינזעל האט זיי געצאהלט א מאנאטליכע געהאלט, זיי זאלען דארט וואינען.

דער פראָפעסאָר איז געווען העכסט צופריעדען, וואס ער האט געטראָפען א לאנדסמאן. דער אלטער וויארדאָ איז געווען גליקליך, וואס א שיף איז צוגעקומען צו זיין קעניגרייך, ווייל עס פערגעהן א מאל מאנאטע, און וועלכע ער זעהט נים קיין

לעבעדינגען מענשען אויסער זיינע צווייא אונטערטאהנען. ער האט דערצעהלט דעם פראָ־פעסאר, אז דער פישפאנג טראָגט איין אכציג ביז הונדערט טויזענד פראנקס א יאהר ריינעם פראָפיט. אין דער צייט פון'ם פישפאנג איז גאנץ פרעהליך אויף דער אינזעל. דיא פישער פאהרען ארויס אויף זייערע שיפלעך גאנץ פריה און קומען צוריק פאר נאכט מיט דיא געפאנגענע פיש. צוואנציג ביז דרייסיג מענשען זיינען בעשעפטיגט מיט'ן צו־שניידען, רייניגען און זאלצען דיא פיש. דאמאלס ווערט דיא אינזעל לעבעדיג און פרעה־ליך. דאס דויערט אבער ניט מעהר ויא צווייא מאנאטע אין יאהר. דיא איבעריגע צעהן מאנאטע פון'ם יאהר פערברענגט ער אויף דער אינזעל גאנץ אליין. זעלטען קומט צו א שיף צו דער אינזעל.

לארד גלענארוואן האט איהם געפרעגט, אויב ער וויים ניט פון אן ענגלישעם שיף „בריטאניא" און א קאפיטאן גראנט, וועלכער האט געליטען שיפברוך אין דיעזע געגענדען. וויארדא האט איהם געענטפערט, אז זייט צעהן יאהר, וועלכע ער געדענקט, איז קיין שיף ניט אונטערגעגאנגען לעבען דער אינזעל.

זיי וואלטען געקענט באלד אוועקפאהרען. זיי האבען שוין דאָ מעהר ניט געהאט וואס צו טהאָן. דער פראָפעסאר אבער האט זיך ניט געקענט אויסרייסען פון זיין לאנדסמאן. ער האט געבעטען לארד גלענארוואן, זיי זאָלען זיך א ביסעל דורכשפא־צירען אויף דער אינזעל.

— מיר וועלען מיט אייך שפאצירען, האט ליידי העלענא געזאָגט, אבער נור מיט דער בעדינגונג, איהר זאלט אונז דערצעהלען דיא געשיכטע פון דיא ראָבינזאָנס פון דיעזער אינזעל.

דער געלערנטער פראָפעסאָר איז געוועזן העכסט צופריעדען, וואס ער האט גע־האט א געלעגענהייט צו רעדען, ער האט באלד אָנגעהויבען צו דערצעהלען:

— אין 1827 איז אן ענגלישע שיף „פאלמירא" פארבייגעפאהרען דיעזע אינזעל. דער קאפיטאן האט דערזעהען א רויך אויפ'ן ברעג, אזוי וויא אויף דער אינזעל האט דאמאלס קיין מענש ניט געוואינט, איז געוועזן דעם קאפיטאן א וואונדער, פון וואנען דער רויך קומט. ער איז צוגעפאהרען נעהנטער און האט דערזעהן, אז צווייא מענשענגעשטאלטען שטעהן אויפ'ן ברעג, מאכען מיט דיא הענד און בעטען הילף. ער האט געהייסען אראָפ־לאָזען א באָאָט, האט זיך אריינגעזעצט אין באָאט מיט א פאָר מאטראָזען און איז צוגעקומען צו דער אינזעל. ער האט געפונען צווייא געשטאלטען, וועלכע עס איז גע־ווען שווער צו דערקענען, אז דאס זיינען מענשען. זיי זיינען געוועזן פערוואקסען און פער־ווילדערט. זייערע לאנגע האר, זייערע ווילדע בערד, זייערע פארשווארצטע און פאר־ברענטע געזיכטער, דיא שמוציגע שטיקלעך קליידער, וועלכע האבען בעדעקט נור א טהייל פון זייער קערפער — אלעס אין זיי האט געהאט דאס אויסזעהן פון ווילדע חיות, ניט פון מענשען. ער האט זיי ארויפגענומען צו זיך אויפ'ן שיף, האט זיי געהייסען ארומ־וואשען און זיך אנטאהן, האט זיי געגעבען עסען און טרינקען און זיי האבען איהם דערצעהלט זייער לעבענסגעשיכטע.

זיי זיינען שאָטלענדער. מיט צווייא יאהר צוריק זיינען זיי ארויסגעפאהרען אלס מאטראזען אויף אן ענגלישער שיף, וועלכע איז געפאָהרען תאפען וואלל פיש אין דיעזע

געגענד. דער קאפּיטאַן פון זייער שיף האט זיי איבערגעלאָזען אויף דער אינזעל, אז זיי זאלען זיך דא אויסבויען אן ארט מאַגאזין, וואו ער זאל קענען צונויפזאמלען אלעס. וואס ער וועט פאנגען. זייט דיעזע צייט האבען זיי מעהר ניט געזעהן ניט דעם קאַפּיטאַן, ניט דיא שיף. וואהרשיינליך איז דיא שיף אונטערגעגאנגען און אלע זיינען דערטרונקען געווארען. אנדערש קען מען ניט ערקלערן, פאר וואס מען האט אן זיי אזוי פערגעסען.

זיי האבען מיט זיך געהאט פּראָוויאַנט אויף א מאנאט און זיינען אין דער ערשטער צייט געווען זאָגאר צופריעדען, וואס דער קאַפּיטאַן האט גערעדע זיי אויסגעוועהלט צו בלייבען אויף דער אינזעל. עס איז פערגאנגען דער מאנאט, דער פּראָוויאַנט האט זיך אויסגעלאזען און קיינער איז ניט געקומען. זיי האבען אנגעהויבען צו ליידען הונגער. זיי האָבען מיט זיך ניט מיטגענומען ניט קיין נעצען, ניט קיין אנגעל צו חאַפּען פיש, ניט קיין ביקסען, ניט קיין פּולווער מיט וואס צו שיעסען פייגעל אדער אנדערע חיות, וועלכע געפינען זיך אויף דער אינזעל. זיי האבען געמוזט ארומגעהן ארום ברעג און אויפקלויבען דיא טויטע פיש און דיא אויסטערן, וואס דאס מעער ווארפט ארויס. דאס איז געווען זייער איינציגע שפּייז. ווען דאס מעער איז געווען אונרוהיג און האט ארויסגעווארפען פיעל טויטע פיש און אויסטערן, האבען זיי נאך געקענט זיך זאט אָנעסען; ווען דאס מעער איז אבער געווען שטיל און רוהיג, האבען זיי געהאט זעהר ווייניג וואס צו עסען.

דאס טהייערסטע איז ביי זיי געווען דאס פייערגעצייג — א שטיקעל שטאהל און א שטיק צונטער (היפקע). מיט'ן פייערגעצייג האבען זיי געקענט מאכען פייער און ווענינגסטענס אפּבראטען דיא פיש, וואס דאס מעער האט זיי ארויסגעווארפען. אזוי זיינען פערגאנגען איין מאנאט נאכ'ן אנדערן. זיי האבען געליטען שרעקליך. זייערע קלדייער האבען זיך צוריסען. פון זייערע העמדער האבען זיי אויסגעפלאכטען א קליינע נעץ, מיט וועלכע זיי פלעגען חאַפּען נור גאנץ קליינע פישעלעך ביים ברעג פון'ם מעער. איין מאל איז זיי געראטען צו חאַפּען א גרויסען פויגעל, וועלכער איז געווען קראנק אדער פערוואונדעט און האט ניט געקענט אנטלויפען. זיי האבען איהם אפּגעבראָטען און פערשלונגען מיט'ן גרעסטען אפּעטיט.

אזוי האבען זיי פערבראכט אכצעהן מאנאטע אויף דער אינזעל. מיט איינינע מאנאטע צוריק האבען זיי געזעהן א שיף פארביי פאהרען. זיי האבען געמאכט א פייער אין דער האָפנונג, אז דיא שיף וועט בעמערקען דעם רויך. זיי האבען זיך געשטעלט אויפ'ן ברעג, האבען געשריען, גערופען, געמאכט צייכענס, דיא שיף אבער האט זיי ניט בעמערקט אדער ניט געוואָלט שיקען קיין באָאט זיי צו הילף. זיי זיינען געווען פערצווייפעלט און האבען זיך ענטשלאסען צו שטארבען פאר הונגער. דרייא טאָג האָבען זיי אויסגעהאלטען זייער בעשלוס. אויפ'ן פיערטען טאָג האט דאס מעער, וויא אויף צו להכעיס, ארויסגעווארפען זעהר פיעל אויסטערן. זיי האבען זיך ניט געקענט איינהאלטען און האבען אנגעהויבען וויעדער צו עסען.

— דאס איז דיא טרויעריגע געשיכטע פון דיא ערשטע צווייא ראָבינזאָנס אויף דער אינזעל אמסטערדאם, האט דער פּראָפעסאר געענדיגט זיין ערצעהלונג.

— זיינען דען נאך געווען ראבינזאָנס אויף דיזער אינזעל? האט ליידי העלענא געפרעגט.

— אויף קיין אינזעל אין דער וועלט זיינען ניט געווען אזוי פיעל ראָבינזאָנס, וויא אויף דער אינזעל אַמסטערדאַם, האט דער פּראָפעסאר געענטפערט.

— דערצעהלט אונז נאך עפּעס פון א ראָבינזאָן, האט מערי גראַנט געבעטען.

איהר האט זעהר אינטערעסירט דיא געשיכטע פון מענשען, וועלכע זיינען פער־װאָרפען געוואָרען אויף אן אונבעוואוינטע אינזעל. זיא האט זיך דערמאנט אן איהר פאטער, וועלכער געפינט זיך יעצט פיעללייכט אויך איינער אליין אויף א וויסטע אינזעל.

— דיא געשיכטע פון׳ם אנדערן ראבינזאָן, וועלכע איך וויים, האָט דער פּראָ־פעסאָר געזאָגט, א׳ז זעהר עהנליך צו דער ערשטער, וועלכע איך האב אייך נור וואָס דערצעהלט. זיא איז אבער טרויעריגער אין אנדערע פּונקטען.

אין 1831 איז אונטערגעגאנגען א שיף ערגעץ אין דיזע געגענד. דער קאַפּיטאַן, א פראנצויז מיט׳ן נאמ׳ן פּעראָן און איין פראנצויזישער און צוויי ענגלישע מאטראָ־זען האבען זיך גערעטעט אויף א באָאָט. אין איינע טעג ארום האט זיי דער ווינד געבראכט צו דער אינזעל אַמסטערדאַם. זיי זיינען ארויסגעגאנגען אויף דער אינזעל און האבען אין דער ערשטער צייט געלעבט רוהיג און פריינדליך צוזאמען. פּלוצלונג אבער האבען זיך דיא צווייא פראנצויזען צוקריעגט מיט דיא צווייא ענגלענדער. עס איז גע־װאָרען צווישען זיי אזא פיינדשאפט, אז זיי האבען זיך געמחט צוטהיילען אויף צווייא פּארטייען, דיא ענגלענדער האבען זיך אויפגעהאלטען אויף איין זייט פון דער אינזעל און דיא פראנצויזען אויף דער אנדערער זייט. יעצט זיינען זייערע ליידען געוואָרען דאָ־פּעלט. זיי האבען זיך ניט געטאָרט וויזען איינער פארן אנדערן, ווייל עס וואָלט זיך באלד אנגעהויבען א געשלעג און איינער וואָלט דעם אנדערן געשטאָכען. ווען זיי וואָל־טען זיך געהאלטען צוזאמען, וואלטען זיי צוזאמען געגאנגען אויף דער יאגד, צוזאמען געכאַפּט פיש און צוזאמען געוואוינט. יעצט האט יעדער בעזונדער געמוזט פיהרען א ווירטהשאפט. קיינער האט ניט געטארט קומען צום אנדערן אין לאנד. עס איז נאך געווען א גליק, וואס זיי האבען ניט געהאט מיט זיך קיין ביקסען און קיין פּיסטאָלע־טען. זיי וואלטען געוויס געווען געטייטעט איינער דעם אנדערן.

אין ליידען, אין נויט, אין דעם שרעקליכסטען עלענד און אין פיינד־שאפט האבען זיי אזוי פערבראכט אכט מאנאטע, ביז עס איז ענדליך אנגעקומען אן ענגלישע שיף און האט אויפגענומען דיא צוויי ענגלענדער. דיא פראנצויזען האבען ניט געוואלט פאהרען מיט זייערע פיינד און זיינען בעסער געבליעבען אויף דער אינזעל אליין. זיי האבען נור געבעטען דעם שיפס־קאפּיטאן, ער זאל מעלדען דער פראנצויזישער רעגיע־רונג, אז אויף דער אינזעל אמסטערדאם געפינען זיך צוויי פראנצויזען, וועלכע האבען געליטען שיפברוך. דער קאפּיטאן האט זיי צוגעזאגט און האט געהאלטען זיין ווארט. דיא פראנצויזישע רעגיערונג האט געשיקט א שיף זיי אפּנעהמען.

— אלזא, קען דאך א מענש לעבען אויף אן איינזאמער אינזעל? האט מערי גראנט געפרעגט.

— געוויס, ליעבע מערי, קען א מענש לעבען אויף אן איינזאמער אינזעל. בע־

ואנדערס לייכט איז עס פאר א מענשען, וועלכער איז געוואינט מיט'ן מעער. אזא מענש קען קיין מאל נים שטארבען פאר הונגער. דאס מעער גיעט איהם שטענדיג פערזארגען מיט שפייז.

אונזער רייזענדע האבען יעצט אביסעל ארומשפאציערט אויף דער אינזעל. עס איז אבער דארט נים געווען פיעל וואס צו זעהן. אויף דער אינזעל וואקסען נור ווענינ גראזען און קליינע ביימעלעך (בוש), ווייטער גאר נים. דיא איינציגע מערקווירדיגקייט אויף דער אינזעל איז איינינע הייסע קוועלען. דאס וואסער איז דארט אזוי הייס, אז ווען מען לעגט אריין א פיש, ווערט ער אין איינינע מינוטען אפגעקאכט. ווען עס זאל נים זיין אזוי ווייט פון יעדעם לאנד, וואלטען דיעזע קוועלען געווען פארטרעפליכע ווארמבעדער. יעצט בענוצט זיי קיינער נים. דער אלטער וויארדא האט זיי דערצעהלט, אז ער האט אמאל פראבירט קאכען אין דיעזעם הייסע וואסער. דאס עסען קומט אבער ארויס ביטער און געזאלצען און מען קען עס נים עסען.

זיי האבען פערבראכט נור איינינע שטונדען אויף דער אינזעל, האבען אבשיעד גענומען פון דיא דריי מענשען, וועלכע געפינען זיך דארט און זיינען אוועקגעפאהרען, יעצט שוין גלייך קיין אויסטראליען.

4טעס קאפיטעל.

דער פראפעסאר און דער מאיאר וועטען זיך.

לוסטיג און מונטער איז דער „דונקאן" געשוואומען אין דיא שטילע, בלויע וואסערן פונ'ם אינדישען וועלט מעער. דאס וועטער איז געווען שעהן, דאס מעער רוהיג. אונזערע רייזענדע פלעגען איבערזיצען גאנצע טעג אויפ'ן דעק און רעדען.

— אין דיעזע וואסערן איז געפאהרען מיין פאטער מיט זיין שיף, איידער זיא איז אונטערגעגאנגען, האט זיך אמאל אפגערופען ראבערט גראנט מיט א זיפץ. ער איז אויך געזעסען מיט זיינע מאטראזען אויפ'ן דעק פון זיין שיף און האט מיט זיי גערעדט פריינדליך און פרעהליך, וויא מיר רעדען יעצט. וואו איז ער יעצט? וואס טהוט ער יעצט? —

— זיי רוהיג, מיין קינד, מיר וועלען איהם געפינען, האט איהם דער פראפעסאר געטרייסט. מיר פאהרען איהם זוכען און מיר וועלען איהם געוויס געפינען.

דיעזעס געשפרעך האט אלעמען אויפגערעגט. אלע האבען וויעדער אנגעהויבען צו דענקען פון דעם צוועק פון זייער רייזע.

— איך וויל אייך עפעס פרעגען, פראפעסאר, האט זיך פלוצלונג אפגערופען ליידי העלענא. איהר ערקלערט, אז קאפיטאן גראנט האט געליטען שיפברוך ערגעץ לעבען אויסטראליען. אין דער צייטונג וואס מיר האבען געפינען מיר, אז דעם 30טען מאי 1862 איז קאפיטאן גראנט ארויסגעפאהרען פון טשילי. דעם 7טען יוני האט ער געליטען שיפברוך ערגעץ לעבען אויסטראליען. איז דאס מעגליך, אז אין אכט טעג זאל א שיף קענען איינפאהרען אזא שטרעקע? מיר פאהרען דאך שוין מעהר אלס א מאנאט און זיינען נאך נים אין אויסטראליען?

דער פראפעסאר האט זיך פערטראכט. ער האט נים געוואוסט וואס צו ענט־ [...]ערן אויף אזא ריכטיגע פראגע. לארד גלענארוואן האט אויך איינגעזעהן, אז זיין פריי־

האט פאלקאמען רעכט. ער האט זיך אויף קיין פאל ניט געקענט ערקלערן, וויא אזוי ער האט געמאכט אזא פערזעהן. עס זיינען פערגאנגען איינינע מינוט אין טיעפעס שווייגען. קיינער האט ניט געקענט פעראנטווארטען דיעזע וויכטיגע פראגע. פלוצלונג האט זיך דער פראפעסאר אויפגעחאפט, וויא פון שלאף און האט אנגעהויבען צו רופען:

— קאפיטאן פאררא‌גוט! קאפיטאן פאררא‌גוט!

אלע האבען איהם אנגעקוקט מיט שטוינען. וואס וויל ער האבען פון קאפיטאן פאררא‌גוט? דער קאפיטאן איז באלד צוגעקומען און האט געפרעגט, וואס ער דארף איהם?

— קען א גוטע שיף איינפאהרען פון טשילי קיין אויסטראליען אין א מאנאט? האט דער פראפעסאר געפרעגט.

— א גוטע שיף, ווען זיא האט גוטע ווינטען, קען זעהר לייכט איינפאהרען פון טשילי קיין אויסטראליען אין א מאנאט.

— דאן ווייס איך שוין, האט געזאגט דער פראפעסאר רוהיג.

— וואס ווייסט איהר? ערקלערט אונז אויך, האט לידי העלענא געבעטען.

— אין בריעף שטעהט דער 7טע יוני, האט דער פראפעסאר געזאגט, מיר מוזען אבער לעזען דעם 27טען יוני. דיא 2 איז אפגעמעקט געווארען.

— בראווא, פראפעסאר פאגאנעל! האט אויסגערופען דער מאיאר.

— ער האט ווירקליך רעכט, האט לארד גלענארוואן געזאגט. דאס קען זעהר זיין. קאפיטאן גראנט האט געהאט א גוטע רייזע און איז אין 30 טאג איינגעפאהרען פון טשילי קיין אויסטראליען. אלזא, דיעזען פונקט ווייסען מיר שוין. יעצט דארפען מיר נאך וויסען, אין וועלכער זייט פון אויסטראליען האט קאפיטאן גראנט געקענט ליידען שיפברוך?

— דאס איז זעהר לייכט צו זאגען, האט דער פראפעסאר געענטפערט. אין דער זיד זייט און אין דער אָסט זייט (מזרח זייט) איז אויסטראליען בעזעצט מיט ענגלענדער. ווען קאפיטאן גראנט וואלט דארט געליטען שיפברוך, וואלט ער שוין לאנג געוועזען אין דער היים. ער האט געוויס געליטען שיפברוך אין דער וועסט זייט (מעריב) דארט איז אויסטראליען נאך ניט בעפעלקערט, דארט געפינען זיך נאך ווילדע מענשען און דארט ערגעץ איז ער יעצט געפאנגען ביי דיא ווילדע מענשען.

— איז אויסטראליען א גרויס לאנד? האט ראָבערט גראנט פלוצלונג געפרעגט.

— אויסטראליען, מיין קינד, איז אזוי גרויס, וויא פיער פינפטעל פון גאנץ איי־ראפא. עס איז נור מיט איין פינפטעל קלענער פון אייראפא.

— אזוי, ווייסט איהר עס גענוי? האט געלאכט דער מאיאר.

— געוויס, ווייסען מיר גענוי, וויא גרויס אויסטראליען איז, האט דער פראפעסאר געזאגט.

— פון וואנען ווייסט איהר עס אזוי גענוי?

— ווייל פון 1606, ווען מען האט צום ערשטען מאל ענטדעקט אויסטראליען, ביז יעצט האבען מעהר אלס פופציג רייזענדע אויסגעפארשט דאס לאנד און האבען דיא גענוי אויסגעמאסטען און בעשריעבען.

— פופצינ רייזענדע? האט ווידער געשפאסט דער מאיאר, טאמער נייַן און פערצינ? לאזט מיר נאך איינעם.

— איך זאג אייך פופצינ, האט זיך געבייזערט דער פראפעסאר, און וועל אייך ניט נאך לאזען ניט א האלבען. איך וועל אייך נאך געבען א הכרעה און וועל זאגען פינף און פופצינ.

— און קענט איהר אויסרעכענען אלע פופצינ רייזענדע? האט דער מאיאר נעד פרעגט מיט געלעכטער.

— געוויס! האט געזאגט דער פראפעסאר שטאלץ.

— נו, דאס גלויב איך ניט. פופצינ נעמען פון רייזענדע נערענקען אויסענווענינ איז אביסעל צופיעל.

— ווייסט איהר וואס, מאיאר? לאמיר זיך וועטען. איך וועל איינשטעלען מיין טעלעסקאפ און איהר שטעלט איין אייער ווינטשעסטער ביקס.

— עס געהט! האט אויסגערופען דער מאיאר און האט איהם געגעבען דיא האנד.

— אבגעמאכט! האט געזאגט דער פראפעסאר. געהט און ברענגט אייער ביקס. איהר האט פערשפיעלט. איך וועל אייך נור טהאן א געפעלינקייט און וועל זיא אייך לייען, ווען איהר וועט דארפען נעהן אויף דער יאגד.

— ווען איהר זייט אזוי העפליך, האט דער מאיאר געענטפערט, וועל איך אייך לייען אייער טעלעסקאפ, ווען איהר וועט איהם דארפען.

— איך וועל ניט דארפען לייען ביי אייך מיין טעלעסקאפ, ווייל איהר האט געוויס פערשפיעלט. איך הייב באלד אן צו צעהלען. ראבערט וועט אלעס אויפנאָ־טירען. ער וועט זיין אונזער בוכהאלטער.

ראָבערט האט גענומען א שטיקעל קרייד און א ברעטעל. דער פראָפעסאָר האט זיך אויסגעהוסט און האט אנגעהויבען צו רעדען, גלייך וויא ער וואלט געשטאנען אין אוניווערזיטעט פאר זיינע סטודענטען.

— מיט צוויי הונדערט אכט און פופצינ יאהר צוריק האט קיינער ניט געוואוסט, אויב עס געפינט זיך א לאנד אויסטראליען. מען האט נור גערעדט, אז אין דעם גרויסען אינדישען וועלט מעער געפינט זיך ערגעץ א גרויס אינזעל אדער א גרויס לאנד. אין 1606 האט א שפאנישער שיפס־קאפיטאן מיט׳ן נאמען קוויראָס ענטדעקט א לאנד, וועלכע ער האט א נאמען געגעבען אויסטראליא. מען וויים ניט, אויב ער האט ענטדעקט אויסטראליען אדער אנאנדער לאנד אבער איך גיב צו, אז דאס איז געווען אויסטראליען. פערשרייב א י י נ ס, ראָבערט.

ראָבערט האט פערשריעבען. ק ו ו י ר א ס.

— אין דעמזעלבען יאהר האט אנאנדער שיפס־קאפיטאן ענטדעקט דאס זעלבע לאנד אבער פון אנאנדער זייט. ער האט עס קיין נאמען ניט געגעבען, ווייל ער האט עס ניט אויסגעפארשט.

דער פראפעסאָר האט אזוי אנגעהויבען אויסצורעכענען אלע שיפס־קאפיטאנען, וועלכע האבען ענטדעקט און בעשריעבען אויסטראליען. ער האט גערעכענט און ראָ־בערט האט פערשריעבען. פלוצלונג איז ער געבליעבען שטעהן.

— נו, וואו האלסט דוא שוין? האט ער געפרעגט.

— פינף און צוואנציג, האט ראָבערט געענטפערט.

— מיין ליעבער מאיאָר, האט דער פּראָפעסאָר געזאגט, א האלבע ביקס האב איך שוין געוואונען. ביז אהער האב איך אויסגערעכענט נור שיפס־קאפּיטאנען, וועלכע האבען ענטדעקט און געפאהרען ארום אויסטראליען. יעצט וויל איך אנהויבען צו רעכענען דיא רייזענדע, וועלכע האבען בערייזט דאס לאנד.

און ער האט אנגעהויבען צו רעכענען דיא נעמען פון דיא רייזענדע. לאָרד גלענארוואן, ליידי העלענא און זאגאר דער מאיאָר האבען געשטוינט, וויא אזוי א מענש קען אזוי פיעל געדענקען.

איך וואלט איבערגעגעבען מיינע לעזער אלע נעמען, וועלכע דער פּראָפעסאָר האט אויסגערעכענט. איך האב אבער מורא, אז זיי וועלען זיך לאנגווייליען, ווען איך וועל אנהויבען צו רעכענען: אין דעם און דעם יאהר האט דער און דער געמאכט אזא און אזא רייזע; אין דעם און דעם יאהר האט אנאנדערער געמאכט אנאנדערע רייזע דאס איז אביסעל לאנגווייליג. איך וויל דאהער איבערהיפּען אלע דיעזע איינצעלנהייטען.

— איך בעוואונדער אייך, פּראָפעסאָר, האט ליידי העלענא געזאגט. וויא קען עס א מענש אזוי פיעל אנגעדענקען אויסוועניג? וויא קען מען זיך אנגעדענקען אזוי פיעל פערשיעדענע נעמען?

— איך האב געלערנט, ליידי העלענא, האט דער פּראָפעסאָר געזאגט ערנסט איך האב געלערנט און איינשטודירט אלע דיעזע נעמען.

ער האט ווייטער גערעכענט.

— וויא פיעל האבען מיר שוין, ראָבערט?

— דריי און פופציג, האט ראָבערט געענטפערט.

— אלזא, האבען מיר שוין דריי און פופציג, האט דער פּראָפעסאָר געזאגט. איך האב נאך ניט גערעכענט דעם בעריהמט'ן רייזענדען פעראָן, דעם געלערנטען קוואָי, דעם געשיקטען געלסאָן, דעם טיכטיגען האָרפּער, דעם —

— לאז שוין זיין גענוג! האט לאָרד גלענארוואן געלאכט.

— ניין! האט דער פּראָפעסאָר אויסגערופען. איך האב געזאגט, אז איך וועל איהם געבען א נוטע מאָס מיט א גרויסע הכרעה און איך מוז האלטען מיין וואָרט.

ער האט אנגעהויבען ווייטער צו צעהלען. אין 1829 האט דער רייזענדער בענעט געמאכט א רייזע פון פינף הונדערט מייל און האט ענטדעקט א טייך. שפּעטער האבען דיא רייזענדע בוגענוויל, פיצראָי, סטאָקס און וויקהאם געמאכט נייע ענדעקונגען.

— גענוג! גענוג! איך וויל שוין מעהר ניט הערען! האט דער מאיאָר געבעטען.

— ניין! איהר מוזט הערן, האט דער פּראָפעסאָר געזאגט און האט ווייטער אנגעהויבען אויסצורעכענען נעמען פון רייזענדע און געלערנטע, וועלכע האבען בערייזט און בעשריעבען אויסטראליען.

— האט מיטלייד מיט אונז! האט געבעטען ליידי העלענא און האט זיך גע־האלטען ביי דיא זייטען.

זיא האט נאך קיין מאל אזוי פיעל ניט געלאכט, וויא היינט. דער מאיאָר איז

נעשטאנען, וויא איינער, וואס איז פערזארטהיילט צום טוידט און הערט, וויא מען לעזט איהם פאר זיין טאדעס אורטהייל. דער פראפעסאָר דאגעגען איז געשטאנען, וויא א שטרענגער ריכטער און האט נעלעזען און דערצעהלט, וואס יעדער רייזענדער האט אויפגעטהאן.

— לאז שוין אמאל נעהמען אן ענדע, האט ענדליך געבעטען לארד גלענארוואן.

דער ארימער מאיאר איז בעזיעגט. ער אליין איז מודה, אז איהר האט געוואונען.

— אזוי? ער בעקענט שוין, אז ער איז בעזיעגט? — נו, לאז ער מיר געבען זיין ביקס, אזוי וויא מיר האבען אפגערעדט.

— דיא ביקס געהערט צו אייך, האט דער מאיאר געזאגט טרויעריג. איהר האט זיא גאנץ עהרליך געוואונען. מיט אייער גוטעס געדעכטניס וואלט איהר געקענט געווינען נים נור איין ביקס, יאנדערן א גאנצען ארסענאל.

— איך ביןווירקליך גוט בעקאנט מיט אויסטראליען, האט דער פראפעסאָר געזאגט. אויסטראליען האט מיך שטענדיג אינטערעסירט מעהר פון אלע אנדערע וועלט טהיילע. —

— וואס האט איהר אזעלכעס געפונען אין אויסטראליען, וואס האט האט אייך אזוי אינטערעסירט? האט ליידי העלענא געפרעגט.

— אויסטראליען איז א וואונדער לאנד, האט דער פראָפעסאָר געענטפערט. אויסטראליען איז א רעטעניש פאר אלע געלערנטע. פיעלע זאכען אין אויסטראליען זיינען אונז אונפערשטענדליך און מיר וועלען זיי קיין מאל נים ערקלערן.

— איז עס מעגליך, אז דיא גרעסטע געלערנטע קענען נים ערקלערן פיעלע זאכען פון אויסטראליען? האט ליידי העלענא געפרעגט. איך קען עס גאר נים גלויבען, אז דיא געלערנטע און פילאזאפען ···ליא אזוי לייכט איינביינען דעם קאפ און זאגען: דאס ווייסען מיר נים, דאס פערשטע··ן ··ר נים.

— ליידער, מוזען מיר איינבייגען דעם קאפ און זאגען, אז מיר פערשטעהן נים, פאר וואס אין אויסטראליען זיינען דיא ביימער אנדערש, האט דער פראָפעסאָר געענטפערט. אין דער גאנצער וועלט, ווען עס קומט ווינטער, פאלען פון דיא ביימער אראפ דיא בלעטער, אין אויסטראליען, ווען עס קומט ווינטער, פאלט פון דיא ביימער אראפ דיא רינדע (קאָרע). אין דער גאנצער וועלט האבען דיא פריכטע זייערע קערנער אינעווייניג, וויא, צום ביישפיעל, קירשען, פלוימען, עפעל, בירנען — אלע האבען פון דרויסען פלייש און פון אינעווייניג, דיא קערנער; אין אויסטראליען האבען דיא פריכטע זייערע קערנער פון דרויסען. — זעלבסטפערשטענדליך, אז איך רעד נור פון דיא עכט אויסטראלישע פריכטע, נים פון דיא, וועלכע מען האט געבראכט פון אייראפא און מען האט זיי געפלאנצט אין אויסטראליען. — אין דער גאנצער וועלט האבען דיא ביימער א שטאם — א קלאָץ אהן צווייגען — וועלכער איז גלאט און דיא צווייגען הייבען זיך אן ערשט צוויי — דריי פוס פון דער ערד; אין אויסטראליען זיינען דא ביימער, ביי וועלכע דיא צווייגען ליעגען ביי דער ערד און העכער פון דיא צווייגען הייבט זיך אן א שטאם — א קלאָץ — וועלכער איז זעהר הויך און האט אויבען נים א יין צוויינ. אין דער גאנצער וועלט האבען דיא ביימער בלעטער, וועלכע ליעגען פלאטשיג און דאדורך

מאכען זיי א שאטען. אין אויסטראליען שטעהן דיא בלעטער מיט זייער קאנט און גיבען ניט קיין פיצעל שאטען.—

— איהר רעדט אלץ פון ביימער, האט ליידי העלענא געזאגט, דאס איז נאך ניט קיין בעוויז. זיינען דען דיא טהיערע אין אויסטראליען אויך א רעטעניש?

— געוויס! האט אויסגערופען דער פּראָפעסאָר. דיא טהיערע פון אויסטראליען שטעלען פאר דאס שווערסטע רעטעניש, וועלכע דיא געלערנטע קענען זיך אויף קיין פאל ניט ערקלערן. שטעלט אייך פאר אזא סארט טהיער, עס געהט אויף פיער פיס, איז בעוואקסען מיט האר, וויא א חיה, דערביי לעבט עס אין וואסער, האט א שנאַבעל, וויא א פויגעל און לעגט אייער, וויא א פויגעל. דיא אייער אבער מוז זיא פריהער אריינלעגען אין א בייטעל, וועלכע זיא האט אונטערן בויך און זיי ארומטראגען א געוויסע צייט, ביז עס קריעכען פון זיי ארויס קליינע חיה'עלעך. איך רעד פון'ם פלאַטיפוס, אדער וויא דיא געלערנטע רופען עס Ornithorynchus Paradoxus קען דען זיין אין דער וועלט א גרעסערעס און שווערערעס רעטעניש? — וואס איז דאס? א פויגעל, א פיש, אדער א חיה?

דיא איינציגע עכטע חיה, וועלכע געפינט זיך נור אין אויסטראליען — דיא קענגורו — איז אויך א רעטעניש: זיא האט פיער פיס און געהט נור אויף צוויי. דיא פעדערשטע צוויי קורצע פיסלעך דיענען איהר נאר אלס הענד. — דאס איז נאך ניט אלעס. אין דער גאנצער וועלט זיינען דיא פויגעל בעדעקט מיט פעדערן, אין אויסטראַליען זיינען דיא צוויי גרעסטע פויגעל — דיא עמו און דער קאזואר — בעדעקט מיט האר, וויא דיא חיות.

— איך האב מיר קיין מאל ניט פארגעשטעלט, אז אין אויסטראליען געפינען זיך אזעלכע וואונדער, האט ליידי העלענא געזאגי

— דאס איז נאך ניט אלעס, האט דער „ אָפעסאָר אויסגערופען.—ער איז שוין ווידער געווארען פּראָפעסאָר און האט זאגאר פערגעסען, אז ער רעדט צו א ליידי. — ווייסט איהר דען פון דעם זאנדערבארען טהיער, וועלכע דיא ווילדע אויסטראליער רופען טיא פיא?

ליידי העלענא האט פערצווינגען מיט דיא אקסלען. זיא האט קיין מאל ניט געהערט פון אזא חיה.

— נו, זעהט איהר שוין, אז איהר ווייסט ניט? — שטעלט אייך פאר א חיה, וועלכע האט ניט קיין קאפּ, ניט קיין הענד, ניט קיין פיס, ניט קיין מויל, ניט קיין אויגען, ניט קיין אויערן און דאך איז עס איינע פון דיא געפעהרליכסטע טהיערע אויף דער וועלט.

ליידי העלענא, לאָרד גלענארוואן און אלע איבעריגע האבען צוגעהערט דעם פּראפעסאָר מיט שטוינען. זיי האבען ווירקליך נאך קיין מאל ניט געהערט פון אזא וואונדער.

— וויא אזוי קען זיין געפעהרליך א חיה, וועלכע האט ניט קיין אויגען, ניט קיין מויל, ניט קיין הענד, ניט קיין פיס? האט דער מאיאר געפרעגט.

— אייער ביקס האט איהר שוין פערשפּיעלט, האט דער פּראָפעסאָר געזאגט. פּראבירט וועטען נאך עפּעס און איהר וועט נעוויס ווידער פערשפּיעלען.

— איך וויל מיך שוין מיט אייך ניט וועטען, פּראָפעסאָר האט דער מאַיאָר נעברומט. דערצעהלט מיר בעסער פון אייער ווילדע חיה.

— נו, גוט, איך וועל אייך דערצעהלען. דיא טיא פּיא איז גרויס, וויא א קליינע קאץ. איהרע האר זיינען גרוי און גאנץ עהנליך צו דער רינדע (קאָרע) פון א בוים. זיא האלט זיך אויף אויף ביימער. אויפ'ן בויך האט זיא דריי רייהען זויגער (סאָקערס), אזוי וויא א בלוטאיגעל (א פּיאווקע). ווען זיא דערשפּירט, אז א חיה אדער א מענש געהט דורך אונטערן בוים, אויף וועלכען זיא ליעגט צונויפגעקארטשט, ווארפט זיא זיך אראפּ אויף איהם און הייבט אן אויסצוזויגען זיין בלוט מיט איהרע דריי רייהען מיילער, זויגער (סאקערס), ביז זיא זויגט אויס זיין בלוט אין גאנצען. דער שטארק־סטער מענש איז ניט אים שטאנד זיא אפּצורייסען, ווען זיא וויקעלט זיך ארום זיין האלז, וויא א האלזבאנד און זויגט איהם אויס. דיא ווילדע אויסטראליער קענען זעהר גוט דיעזע זאנדערבארע בעשעפּעניש און היטען זיך ארונטערצוגעהן אונטער דיא ביי־מער, אויף וועלכע דיא טיא פּיא האלט זיך אויף און דענאך פאלען זיי אפּט צום אפּפער צו דיעזער געפעהרליכער חיה.

— אלזא, געפינען זיך אין אויסטראליען פיעלע ווילדע טהיערע? האט מערי גראנט געפרעגט אונרוהיג.

זיא האט זיך דערמאנט אן איהר פּאטער און איז אונרוהיג געווארען.

— ניין, אין אויסטראליען געפינען זיך נאר קליינע ווילדע טהיערע. אין אויסטרא־ליען איז נימא און קיין מאל ניט געוועזען קיין בער, ניט קיין וואלף, ניט קיין לייב, ניט קיין טיגער, ניט איינע פון דיא געפעהרליכע חיות, וועלכע געפינען זיך אין אייראָ־פּא, אזיא, אפריקא און אמעריקא.

— איהר האט רעכט, פּראָפעסאָר, האט ליידי העלענא געזאגט, אויסטראליען איז ווירקליך א וואונדער לאנד.

— איך וואלט אייך נאך דערצעהלט פיעלע וואונדער זאכען פון אויסטראליע האט דער פּראָפעסאָר געענטפערט. מיר פאהרען אבער דאך קיין אויסטראליען, וועט איהר זיי זעהן מיט אייערע איינענע אויגען.

5טעם קאפּיטעל.

א שטורם אויפ'ן אינדישען וועלט־מעער.

דיא צייט איז פערגאנגען זעהר אנגענעהם אין אלערליי געשפּרעכע. וויא קאפּי־טאן פאררא נוט האט ערקלערט, זיינען זיי שוין געוועזען ניט ווייט, וויא פינף טאג רייזע ווייט פון אויסטראליען, ריכטיגער געזאגט, פון דעם פּונקט, וואו דער פּראָפעסאָר האט גערעכענט צו זוכען קאפּיטאן גראנט.

דאס וועטער איז געוועזען דיא גאנצע צייט זעהר שעהן. נור איין זאך איז געוועזען דעם קאפּיטאן אונאנגענעהם — עס איז ניט געוועזען קיין ווינד. ער האט גערעכענט, אז ער וועט האבען ווינטען אויפ'ן וועג און וועט קענען אויסשפּרייטען דיא זעגעל פון דער

שיף. דערמיט וועט ער איינשפּאָרען קוילען. צום סוף האט זיך אויסגעלאזט, אז ער האט דיא זעגעל ניט געקענט בענוצען און האט דיא גאנצע צייט געמוזט הייצען אין קעסעל און טרייבען דיא שיף מיט דאמפף. דאס האט איהם זעהר בעאונרוהיגט. ווייל ער האט מורא געהאט, עס זאל איהם ניט פעהלען קיין קוילען. ער האט דאריבער גערעדט מיט לארד גלענארוואן.

— נו, וואס איז? האט לארד גלענארוואן געזאגט, איך מיין, אז עס איז פיעל גלייכער גאר ניט צו האבען קיין ווינד, אלס צו האבען א ווינד, וועלכער בלאזט אייך ענטגעגען. דאמאלס וואלט דאך געדארפט אוועקגעהן נאך מעהר קוילען.

— נאך ניט דאס בעאונרוהיגט מיך, האט דער קאפּיטאן געזאגט. ווען עס פערגעהט א גערוימע צייט און עס איז קיין ווינד ניטא, איז דאס א זיכערער בעוויז אז דאס וועטער וועט זיך ענדערן. מיר וועלען האבען א שטורם.

— נו, וואס האט איהר אזוי מורא פאר א שטורם, מיין ליעבער פארראגוט? איהר זייט דאך אן אלטער קאפּיטאן און זייט שוין געוואינט צו אזעלכע זאכען.

ביי דיעזע ווערטער האט לארד גלענארוואן בעטראכט דעם הימעל. דיא זון האט געשיינט העל און פרעהליך. אויפ'ן גאנצען הימעל האט מען ניט געזעהן קיין ברעקעל וואלקען. דאס מעער איז געוועזען שטיל און גלאט, וויא א שפּיעגעל. עס איז ניט געוועזען קיין צייכען, אז דאס וועטער זאל זיך ענדערן.

— איך זעה גאר ניט איין, אז דאס וועטער זאל זיך באלד ענדערן, האט ער געזאגט צום קאפּיטאן.

— איך זעה אבער יא, האט דער קאפּיטאן געענטפערט. ניט נור א קוק אויפ'ן באראָמעטער, וועט איהר זעהן, וויא דאס קוועקזילבער איז אראפּגעפאלען. דאס איז א זיכערער בעוויז, אז דאס וועטער וועט זיך ענדערן. קוקט ניט דארויף, וואס דער הימעל איז קלאר און דיא זון שיינט אזוי העל. מיר געפינען זיך יעצט אין א געגענד, וואו דיא שטורמווינדען זיינען שרעקליך. עס קומען זיך צונויף צוויי ווינטען. א קאלטער ווינד פון'ם זיד פּאל און א ווארעמער ווינד פון'ם עקוואטאָר. דער קאמפף צווישען ביידען ווערט א שרעקליכער. איך האב שוין אמאל אויסגעהאלטען אזא שטורם און וויים, וויא שטארק ער איז.

— איך מיין אבער, אז דער „דונקאַן“ איז שטארק גענוג און וועט קענען לייכט אויסהאלטען אזא שטורם.

— דער „דונקאַן“ איז א גוטע שיף און איך וועל געוויס טאהן אלעס מעגליכע אום דעם שטורם אויסצוהאלטען, האט דער קאפּיטאן געזאָגט. איך האב עס אייך נור בעמערקט, אום איהר זאָלט וויסען, וויא אזוי צו בערוהיגען דיא דאמען, ווען דער שטורם וועט אנקומען.

ער האט מעהר ניט גערעדט. א גאנצען טאג איז ער געשטאנען אויף זיין בריקעל, האט אויסגעטהיילט בעפעהלע צו דיא מאטראזען, האט יעדעס מאל געקוקט אויפ'ן הימעל און איז זעהר אָפט ארונטערגעגאנגען אין דער אבטהיילונג, וואו דיא מאשינעריע געפינט זיך. דארט האט ער איינינע מינוטען גערעדט מיטן מאשיניסט, האט איהם געהייסען גוט איבערקוקען יעדע שרויבע, יעדעס רעדעלע און יעדע פּיסטאָנע.

דאן איז ער ווידער ארויפגעגאנגען אויף זיין בריקעל, האט ווידער בעטראכט דעם הימעל און האט ווידער געהייסען דיא מאטראָזען טהאן עפּעס.

אזוי איז פערגאנגען דער טאָג. דער הימעל איז נאך אלץ געווען לויטער. דאָס מעער — רוהיג און גלאַט, וויא א שפּיגעל. אלע זיינען געזעסען אויפ'ן דעק, האבען גערעדט און זיך גאנץ אנגענעהם אונטערהאלטען. נור דער קאפּיטאַן איז געווען ערנסט און איז ניט אָפּגעטרעטען פונ'ם רעדעל. אום צעהן אוהר זיינען אלע געגאנגען שלאָפען. דיא דעק פונ'ם שיף איז געבליעבען לעדיג, נור טאָם אויגוסטין איז געשטאנען אויף דער וואַך פון הינטען און דער מאטראז ווילסאן איז געשטאנען לעבען קאפּיטאַן ביים רודער.

אום עלף אוהר איז דער הימעל אין דער זיד זייט עטוואס דונקעל געוואָרען. דער קאפּיטאַן האט געהייסען צונויפרופען אלע מאַטראָזען און האט יעדען אנגעוויעזען אן אָרט, וואו ער זאָל שטעהן און וואָס ער זאָל טאָהן. אין איינינע מינוטען זיינען אלע זעגעל געווען פערוויקעלט און פעסט צוגעבונדען צו דיא מאסט ביימער. דער דעק פון דער שיף איז געווארען לעדיג, אפּגעראַמט, אפּגעקעהרט, אלע טהיערען פערשלאָסען, אלע פענסטער פערמאַכט, אלע לעכער פערשטעלט און פערשטאָפּט. דאס אלעס איז געטאהן געווארען שטיל און רוהיג, אז דיא פּאַסאַזשירען, וועלכע זיינען געשלאָפען אין זייערע קאיוטען, האבען גאָר נישט געהערט און זיינען זיך געשלאָפען גאנץ רוהיג.

אונטער דעסען איז דער הימעל געוואָרען אלץ דונקלער און שווארצער. שווערע, שווארצע וואלקען, זיינען ארויפגעקומען פון זידען (דרום) און האָבען זיך אויפגעשטעלט, וויא הויכע בערג. צו ערשט ווייט, ווייט אין זידען, באַלד אבער זיינען זיי געקומען נעהנטער און נעהנטער און האבען פערדעקט דיא העלע פונקעלנדע שטערן. עס איז געווארען שטאָק פינסטער, אז איינער האט דעם אנדערן ניט געקענט זעהן אויף דרייא שריט דיא ווייט.

ווען דיא גרויסע אוהר אין זאל האָט אויסגעשלאָגען צוועלף, האט זיך אויפגע־הויבען א ווינד. עס האט אויסגעוויעזען, אז ער האט נור געווארט אויף דער סעקונדע, דיא אוהר זאל אפּצעהלען איהרע צוועלף שלעגע. באלד האט ער אנגעהויבען צו הייל‏ען און צו פייפען אין דיא שטריק און אין דיא זעגעל ביימער. דאס מעער האט איהם געענטפערט מיט א בייזעס, פערביסענעם רוישען. דיא פּאַסאַזשירען האבען זיך אויפ־געהאפּט פון זייער שלאָף. לארד גלענארוואן, דער מאַיאָר און דער פּראָפעסאָר זיינען ארויפגעלאָפען אויפ'ן דעק.

— האט דער שטורם שוין אויסגעבראָכען? האָט לאָרד גלענאַרוואן רוהיג גע־פרעגט דעם קאפּיטאַן.

— נאך ניט, האָט דער קאפּיטאַן געענטפערט. דאס איז ערשט א פאָררעדע, דאס דראמאַ וועט ערשט קומען. — געהט אין אייערע קאַיוטען, איהר קענט מיר גאר ניט העלפען און שטערט נור דיא מאַטראָזען.

ער איז נאך אימער געשטאנען ביים רעדעל מיט'ן געזיכט געגען ווינד, פעסט ענטשלאָסען צו קעמפּפען ביז צולעצט. לארד גלענארוואַן האט זיך צוגעקוקט צום הימעל און צום מעער און האט זיך באַלד איבערצייגט, אז דער קאפּיטאַן האָט רעכט געהאט. מוטער נאַטור בערייט זיך פאר צו געבען איינע פון איהרע גראָסאַרטיגע, אבער

שרעקליכע, שווידערהאַפטע, אפט זעהר טרויעריגע, פאַרשטעלונגען. דאס מעער האט נעקראַכט און גערוישט און דאך זיינען זיינע וועללען (כוואַליעס) נאך ניט געווען גאנץ הויך. זיי זיינען נאך צום דעק ניט צוגעקומען. דער ווינד האט נאך אלץ געוועהט אין דער לופט און איז נאך ניט צוגעקומען צום מעער. ער האט נאך קיין צייט ניט געהאט אויפצוהויבען גאנצע בערג וואסער און שליידערן זיי אויף דער שיף.

צום גליק, זיינען דאמאלס געווען דיא קורצסטע נעכט. עס איז געווען ענדע יאנואר, ווען אין אויסטראַליען איז זומער און דיא נעכט זיינען גאנץ קורץ. אום איינס אוהר האט שוין אנגעהויבען צו טאָגען. אין דער אָסט זייט (מזרח זייט) איז ליכטיג געוואָרען. דער יונגער טאָג איז אנגעקומען און האט געוויעזען דעם מוטהיגען קאַפּיטאַן זיינע בייזע נעפעהרליכע פיינד — דעם ווינד און דאס מעער.

אין דיעזע צייט האט ליידי העלענא און מערי גראנט עס געוואגט ארויסצוגעהן אויפ׳ן דעק. ווילסאָן האט עס געמעלדעט דעם קאַפּיטאַן.

— געהט צוריק אין אייערע קאיוטען, האט האלב געבעטען, האלב בעפאָהלען דער קאַפּיטאַן. דאס מעער ווערט מיט יעדער מינוט אונרוהיגער, באַלד וועט עס אנ־הויבען צו שליידערן גאנצע בערג מיט וואסער אויף דער שיף.

ליידי העלענא איז געווען א מוטהיגע פרוי. זיא האט געוואגט צו צוגעהן נעהנ־טער צום קאַפּיטאַן און איהם צו פרעגען.

— איז דאָ א געפאַהר?

— ניין, האט דער קאַפּיטאַן געענטפערט האסטיג. עס איז קיינע געפאַהר פאַ־ראַנען, איך בעט אייך אָבער נאָך אמאל, געהט אין אייערע קאיוטען. איהר דאַרפט יעצט ניט בלייבען אויפ׳ן דעק.

זיי האבען איהם געמוזט פאָלגען. דער שטורם איז געוואָרען פון מינוט צו מינוט שטאַרקער און גרימינער. ער האט איינגעבויגען דיא הויכע, שטאַלצע זעגעלבייִמער, ער האט געריסען פון זיי דיא זעגעל און דיא שטריק; ער האט פּראָבירט צו שליידערן דיא שיף פון איין ארט אויפ׳ן אנדערן. אזוי וויא אלעס האט איהם ניט געהאָלפען און דער „דונקאַן" איז נאך אימער געגאנגען זיין וועג, האט ער אנגענומען גאנצע טייכען וואסער און האָט זיי אויסגעגאָסען אויף איהם. לאָרד גלענאַרוואַן, דער מאַיאָר און דער פּראָפעסאָר זיינען געשטאַנען פערשטעלט אונטער א דעכעל לעבען לאָרד גלע־נאַרוואַנ׳ס קאיוטע און האבען שטילערהייט צו געזעהן דעם שווערן קאמפף פון׳ם מענ־שען געגען דיא נאַטור. זיי האבען בעוואונדערט ־ דיא רוהע און דיא קאלטבלוטיגקייט פון קאַפּיטאַן פאַרראַגוט, וועלכער איז געשטאַנען ביים רעדעל ערנסט און שטרענג, גלייך וויא עס וואָלט גאר ניט געווען, און האט אויסגעטהיילט זיינע בעפעהלע.

— אפּבינדען דעם קליינעם זעגעל פון פאָרנט! — שטאַרקער צובינדען דיא רעע (א שטאַנג אין דער מיט פון׳ם זעגעל בוים)! האט געקלונגען זיין שטימע קרעפּ־טיג און דייטליך העכער פון׳ם שטורם.

פלוצלונג האט מען דערהערט א זאנדערבארעס קאַכען און זידען, וויא פון א דאַמפּף מאשין, וואס לאָזט ארויס דעם דאַמפּף. דאס פייפעלע פון׳ם מאשין האט אנגעהויבען צו פייפען אלאַרם (טרעוואָגא). דאס רעדעל האט זיך אויסגעריסען פון׳ם

קאפּיטאַנס האנד, האט זיך אנגעהויבען שטארק צו דרעהן און האט א זעץ געטאָהן דעם מאטראז ווילסאָן, וועלבער איז דיא גאַנצע צייט געשטאַנען לעבען קאפּיטאַן. פּלוצלונג איז דאס רעדעל געבליעבען שטעהן. עס האט זיך מעהר ניט געוואָלט דרעהן. קאפּיטאַן פּאַרראגוט האט א ציטער געטאהן.

— וואס איז נייעס? האט ער אויסגעשריען ניט מיט זיין קול.

— דיא שיף ליעגט אויף איין זייט און קען זיך ניט איבערקעהרען! האט א מאַטראָז אויסגערופען אין דער זעלבער צייט.

— דיא מאשין! קומט צו דער מאַשין! האט מען געהערט א געשריי פון מאַשינען צימער.

קאפּיטאַן פּאַרראגוט איז געלאָפען, ווי א וואהנזיניגער אין דער אבטהיילונג פון דער מאַשינעריע. דאס גאנצע צימער איז געוועו פול מיט דאַמפּף. דיא פּיסטאָנעס האבען זיך ניט גערירט אין זייערע צילינדערס. דער מאַשיניסט האט מורא געהאט דער קעסעל זאל ניט פּלאַצען און האט אויפגעעפענט אלע ערהרען, דער דאמפּף זאָל ארויס.

— וואס איז געשעהן? האט דער קאפּיטאַן אויסגערופען ניט מיט זיין קול.

— דיא שרויבע פון דער שיף האט זיך איינגעבויגען אדער האט זיך פאַרפּלאָנטערט און פאַרטשעפּעט אן עפּעס א שטאַרקע זאַך. זיא קען זיך ניט ריהרען. דיא פּיסטאָנעס קענען זיך ניט אויפהויבען. איך האב געמוזט ארויסלאָזען דעם דאמפּף פון אלע רעהרען.

קאפּיטאַן פּאַרראגוט האט ניט געענטפערט. יעצט איז ניט געוועזן די צייט צו ריידען, נור צו זעהן, וואס עס איז געשעהן מיט דער שרויבע. יעצט מוז מען זעהן אוועקצוואַרפען דיא מאַשינעריע אין גאַנצען און זיך ווייטער פערלאזען אויף דיא זעגעל. יעצט מוזען דיא זעגעל אויסהעלפען.

ער איז ארויף צוריק אויפ'ן דעק און האט געוואלט הייסען דיא מאַטראזען אויסשפּרייטען א זעגעל.

— וואס איז געשעהן? האט איהם לארד גלענאַרוואַן געפרעגט.

דער קאפּיטאַן האט איהם דערצעהלט אין קורצע ווערטער, אז דיא שרויבע, וועלכע טרייבט דיא גאַנצע שיף, איז עפּעס ניט אין ארדנונג.

— יעצט, מילארד, בעט איך אייך נאך אמאל, געהט אייך אין אייער קאַיוטע.

— איך וויל אבער בלייבען, קאפּיטאַן. איך קען אייך פיעללייכט עפּעס העלפען.

— ניין, מילארד, יעצט בין איך דער איינציגער קאמאַנדיר פון דער שיף און איך הייס אייך, איהר זאלט אריינגעהן אין אייער קאַיוטע. איך וויל זיין גאנץ אליין מיט מיינע מענשען. — געהט אין אייער קאַיוטע!

לארד גלענאַרוואַן האט פערשטאַנען, אז דיא געפאהר מוז שוין זיין גענוג גרויס, ווען דער קאפּיטאַן ערלויבט זיך מיט איהם צו רעדען אזוי שאַרף. ער האט געוואלט ווייזען א ביישפּיעל, אז מען מוז פאלגען דעם שיפסקאפּיטאַן און איז באלד אריינגעגאַנגען אין זיין קאַיוטע, וואו דיא דאמען זיינען געזעסען אונרוהיג און ערנסט. דיא שיף האט געציטערט, געקרעכצט און געוואָרפען זיך פון איין זייט אויף דער אנדערער, ווי א

א קראנקער אין טיפוס פיעבער. ליידי העלענא און מערי גראנט האבען זיך געמוחט פעסט אנהאלטען אן עפעס, זיי זאלען ניט אומפאלען.

— אונזער קאפיטאן איז א בראווער מענש, האט לארד גלענארוואן געזאגט צו די דאמען. ער קעמפפט מוטהיג געגען דעם שטורם און ער וועט איהם געווים בע־זיעגען.

דער קאפיטאן פארראגוט האט ווירקליך געקעמפפט מוטהיג געגען דעם שטורם. ער האט געדרעהט און געקירעוועט די שיף אין אלע זייטען, וויא א גוטער רייטער דרעהט און קירעוועט זיין פערד אין אן ענגער גאס פול מיט מענשען און מיט וועגען. ער האט זיא געשטעלט מיט דער ברייטער זייט געגען די רוישענדע און שוימענדע וועללען; ער האט אויפגעצווינגען די זעגעל, ווען די שיף האט זיך געפונען צווישען צוויי גרויסע וועללען און האט זיי אראפגעלאזען, ווען א גרויסע וועללע, וויא א בארג די הויך, האט אויפגעהויבען די שיף אויף איהר ברייטען רוקען און האט זיא ארויס־געשטעלט געגען דער גאנצען קראפט פון'ם ווינד.

דער שטורם איז געווארען אימער שטארקער און שטארקער. געגען אכט אוהר אין דער פריה, ווען דער קאפיטאן האט געהייסען אויפציעהען דעם גרויסען זעגעל אום די שיף צו שטעלען מיט דער זייט געגען ווינד, האט דער שטורם אנגעחאפט דעם גרויסען זעגעל און האט איהם אוועקגעשליידערט ערגעץ גאנץ וויים. דער זעגעלבוים איז געבליעבען נאקעט. יעצט האבען די ערצירנטע וועללען (כוואליעס) אנגעחאפט די שיף און האבען זיא געווארפען אהין א אהער, וויא קינדער שליידערן איינער צום אנדערן א באלל. דער קאפיטאן האט ניט געהאט קיין מיטעל זיא ארויסצורייסען פון זיי. די דאמפף מאשינע האט ניט געווירקט, די זעגעל האט דער שטורם ביי איהם אוועקגערויבט.

קאפיטאן פארראגוט האט זיך ניט אונטערגעגעבען. ער האט געהאט אנאנדער זעגעל אין פארראט. די פראגע איז נור געווען, וויא אזוי הענגט מען איהם אויף אין אזא שרעקליכען שטורם? דער קאפיטאן מיט אלע מאטראזען האבען געארבייט אהן אן אויפהער, זיינען יעדע מינוט געווען אין געפאהר, דער ווינד זאל זיי ניט אראפרייסען פון'ם זעגעלבוים און זאל זיי ארייןווארפען אין שוימענדען מעער. קיינער פון זיי איז ניט אפגעטרעטען פון זעגעלבוים, קיינער פון זיי האט דעם גאנצען טאג קיין ביסען ניט גענומען אין מויל, קיינער פון זיי האט ניט געקוקט אויף די שרעקליכע געפאהר, אין וועלכע זיי געפינען זיך. יעדער האט איינגעשטעלט זיין לעבען אום דעם נייעם זעגעל אויפצוהענגען. — דאס איז זייער איינציגע רעטונג. קוים האבען זיי א זעגעל וועט זיי דער ווינד ערגעץ אוועקטראגען.

ערשט געגען דריי אוהר נאך מיטאג איז עס זיי געלונגען אויפצוהענגען דעם נייען זעגעל. יעצט זיינען זיי גערעטעט. יעצט האבען זיי וועניגסטענס א מיטעל, וויא אזוי צו קירעווען די שיף. די מאטראזען זיינען פרעהליכער געווארען. קאפיטאן פארראגוט אבער איז געווארען נאך ערנסטער און נאך טרויעריגער. ער האט געזעהן מיר שרעקען, אז דער ווינד טרייבט די שיף מיט א שרעקליכער שנעלינקייט. וואוהין אבער? — ער האט געזעהן אז ער טרייבט זיא ניט אין דער זייט, וואוהין זיי פאהרען.

ער האט געוואוסט, אז דאס מעער לעבען אויסטראליען איז פול מיט שטיינער און מיט ריפען. עס איז בעקאנט דער בעריהמטער ריף, וועלכער איז צוועלף הונדערט מייל דיא לענג און ציהט זיך אין דער גאנצער לענג פון'ם זידען אויסטראליענס.

מיינע לעזער ווייסען פיעללייכט ניט, וואס עס הייסט א ריף. איך וויל עס ערקלערן. יעדער פון אייך האט געוויס געזעהן א שוואם — גובקא אויף רוסיש, ספאנדזש אויף ענגליש. — דער שוואם איז וואס הויז פון גאנץ קליינע טהיערע. אזוי וויא עס זיינען דא ווייכע שוואמען, אזוי זיינען דא גאנץ הארטע, וויא שטיינער. דיעזע הארטע שוואמען זיינען אויך ניט מעהר, וויא דיא הייזער פון גאנץ קליינע חיה'לעך, וועלכע הייסען פאָליפען. זיי גרינדען א קאלאניע ערגעץ אויפ'ן באדען פון'ם מעער, בויען זיך אויס א שטיינערנעם פאלאץ און וואָינען דארט, ביז זיי שטארבען. זייערע קינדער בויען שוין איין עטאַזש העכער. זיי קענען ניט וואינען צוזאמען מיט דיא עלטערן, עס ווערט זיי צו ענג און זיי בויען זיך א צווייטען שטאק. אזוי וויא זיי פערמעהרען זיך זעהר שטארק, מוז מען באלד בויען א דריטען שטאק, א פערטען א פינפטען. זיי בויען אזוי לאנג, ביז זיי דערגרייכען דיא אבערפלעכע פון'ם מעער און זייער פאלאץ שטעקט ארויס פון'ם וואסער. זעלבסטפערשטענדליך, אז ניט אזוי גיך טהוט זיך, וויא עס רעדט זיך. עס פארגעהן הונדערטער יאהרען, ביז זייער געביידע שטעקט ארויס פון'ם וואסער. אזוי וויא אבער דיעזע פאליפען לעבען אין א געזעלשאפט פון מיליאָנען און ביליאנען צוזאמען און יעדער ארבייט פלייסיג פאר זיך, בילדען זיי מיט דער צייט גאנצע אינזלען, גאנצע בערג אין מעער. עס זיינען דא גאנצע גרויסע לענדער, וועלכע האבען צו פערדאנקען זייער עקסיסטענץ דיעזע קליינע פאָליפען, וועלכע מען קען זעהן נור דורך א מיקראָסקאָפ.

ארום אויסטראליען האבען דיעזע פאליפען אמאל געלעבט און געבויט. זיי האבען אויסגעבויט א לאנגע וואנד פון צוועלף הונדערט מייל דיא לענג און פון א האלבע מייל ביז א מייל דיא גרעב אין מעער לעבען דיא זיד זייט פון אויסטראליען. פון איין זייט איז דאס זעהר גוט, ווייל צווישען דיעזער וואנד — ריף, וויא דיא געלערנטע רופען עס — און דעם ברעג איז דאס מעער רוהיג און דיא שיפען, וועלכע שטעהן אין דיא פארטען פון אויסטראליען, זיינען זיכער און האבען קיין מורא ניט פאר קיין שטורם. דער ריף, אדער דיא וואנד האלט אפ דיא וועללען און שיצט דיא שיפען. דאס איז געוויס זעהר גוט. דיא פארטען פון אויסטראליען זיינען דיא זיכערסטע פארטען אויף דער גאנצער וועלט.

וויא אזוי אבער קומט מען צו צו אזא פאָרט? וויא אזוי קען א שיף אריבערגעהן דיעזע זאנדערבארע וואנד? וויא אזוי קען א שיף גאר צו קומען קיין אויסטראליען? אויך דאפיר האט מען געזארגט. — ווער? דאס מעער? דיא פאָליפען? אדער אנאנדערער? — דאס ווייסען מיר ניט. מיר ווייסען נור, אז אין דיעזער וואנד זיינען אויסגעבראָכען טהירען און טויערן, גרעסערע און קלענערע. אייניגע זיינען נור אזוי גרויס, אז נור איין איינציגע שיף קען דורך זיי דורכפאהרען, אנדערע אבער זיינען אזוי ברייט, אז עס קען דורך זיי דורכפאהרען א גאנצע פלאטע.

ווען דאָס מעער איז רוהיג, קען מען דיעזע טהירען און טויערן ליכט דערקענען; ווען עס איז אָבער אונרוהיג, מוז די שיף, וועלכע קומט צו קיין אויסטראַליען, נעהמען א פּילאָט, א וועגוויייזער, וועלכער זאָל זי אריינפיהרען אין פּאָרט. לעבען אַלע גרויסע שטעדט פאָהרען ארום שיפלאך מיט פּילאָטען, מענשען, וועלכע קענען זעהר גוט דאָס מעער אין יענע געגענד און פיהרען אריין די פרעמדע שיפען אין רוהיגען, זיכערן פּאָרט.

יעצט וועלען מיינע לעזער פערשטעהן, פאר וואָס קאַפּיטאַן פּארראגוט איז געווען אזוי אונרוהיג. דער ווינד האָט געטריעבען די שיף מיט א שרעקליכער שנעליגקייט. ער קען זי דאָך ארויפטרייבען אויף א ריף אָדער אויף א שטיין און זי צו ברעכען אויף שטיקלאך. ער האָט געהאַט נור איין מיטעל צו רעטען אַלעמען אויפ'ן דעק. עס איז אָבער געווען א גרויסער ריקס און אַלנפאלס האָט ער דערביי געמוזט אָפּפערן די שיף. אזא ריסק האָט ער ניט געוואָלט נעהמען אויף זיך אליין. ער איז אראָפּגעגאנגען אין דער קאַיוטע, איבעררעדען מיט לאָרד גלענאַרוואַן.

ער האָט איהם אַלעס דערצעהלט פריי און אָפענהערציג, ווי אן עכטער מאַטראָז, וועלכער קוקט די געפאהר שטאָלץ אין די אויגען.

— מיר איז געבליבען נור איין מיטעל, איך זאָל פיהרען די שיף גלייך צום ברעג. די קליינע באָאָטע מוזען שטעהן אָנגעגרייט. יעצט איז דאָס וואסער הויך איבער די ריפע און שטיינער, וועט די שיף איבער זיי אריבערשווימען, וועט זי דער ווינד ארויסוואַרפען אויפ'ן לאנד. זי קען צוברעכען ווערן, אָדער זיך אָנשלאָגען אָן א שטיין, מוזען אַלע זאַבאַלד, אין דער מינוט, אראָפּשפרינגען אין די באָאָטע און יעדער זאָל זיך רעטען, ווי ער וועט קענען.

— ווען איהר קענט ניט אַנדערש, האָט לאָרד גלענאַרוואַן געזאָגט רוהיג און ענטשלאָסען, דאן טהוט, ווי איהר פערשטעהט.

— אָבער ליידי העלענא? מיס גראַנט? האָט קאַפּיטאַן פּארראגוט געזאָגט. זיי מוזען זיי פאָרבערייטעט. זיי מוזען וויסען וואָס צו טהאָן אין דער לעצטער מינוט.

— איך וועל זיי אַלעס ערקלערען, אָבער ניט יעצט, — אין דער לעצטער מינוט. איהר וועט מיר זאָגען, ווען די גרעסטע געפאהר וועט זיין.

— איך וועל אייך געבען צו וויסען דורך מיין פייפעלע. ווען איך וועל פייפען דריי מאָל אונטערבראָכען און דערשראָקען, זאָלט איהר וויסען, אז דאָס איז די אייסערסטע געפאהר.

מעהר האָבעןביידע מענער ניט גערעדט. דער קאַפּיטאַן איז געגאנגען צוריק צו זיין רעדעל. לאָרד גלענאַרוואַן האָט זיך אומגעקעהרט אין זיין קאַיוטע, וואו די דאַמען זיינען געזעסען מיט'ן מאַיאָר און מיט'ן פּראָפעסאָר. אַלע האָבען געפיהלט, אז די געפאהר איז גרויס. יעדער אָבער האָט זיך געשטאַרקט און האָט געוואָלט ווייזען, אז ער איז מוטהיג און האָט פאר דער געפאהר קיין מורא ניט. דער פּראָפעסאָר האָט ערקלעהרט, פון וואַנען עס נעהמען זיך שטורמווינדען און פאר וואָס גראָדע אין דיעזער געגענד זיינען זיי אזוי שטאַרק. דער מאַיאָר האָט זיך געמאַכט, אז ער הערט איהם אויס זעהר אויפמערקזאַם. אין דער װאָרהייט אָבער, זיינען איהם די ערקלעה

רונגען פּול׳ס פּראָפּעסאָר אין איין אויער אריין און פון אנדערן ארויס.

נעגען זעקס אוהר פאַר נאַכט האָט דער שטורמווינד עטוואָס נאָכגעלאָזען די וואָלקען האָבען זיך צוריסען און די זונן האָט אויף איינינע אויגענבליקע בעלייכטעט די געגענד ארום.

— לאַנד! האָט א געשריי געטהאָן דער מאַטראָז אויף דער וואַך.

— לאַנד האָבען זיך אָפּגערופען אַלע איבעריגע.

זיי האָבען דערזעהן גאָר ניט וויט ניט מעהר ווי א זעקס־אכט מייל פון זיי, א ניעדעריגען זאמדיגען ברעג. דאָס איז געוועזן אויסטראַליען — ווי קומט מען אָבער צו צו איהם? דער שטורם האָט צוואַר עטוואָס נאָכגעלאסען, דאָס מעער אָבער האָט נאָך געקאָכט און געזאָטען, ווי אין א קעסעל. ניט וויט פון׳ם לאַנד, וואו עס האָבען זיך געפונען ריפען, שטיינער און זאנדבענק, וועלכע האָבען אָפּגעהאַלטען זיינע שרעקליכע, גרימיגע וועללען (כוואַליעס) האָט ער גערוישט און געברומט, ווי א גערייצטער לייב. עס האָבען זיך אויפגע־הויבען בערג מיט וואַסער אויף פופציג פוס די הויך און האָבען זיך א וואַרף געטהאָן אויפ׳ן ברעג מיט א רויש און א ליאַרם, אז מען האָט געקענט פער־טויבט ווערען.

— דאָ מוזען זיין זאנדבענק, האָט טאָם אויגוסטין געזאָגט צום קאַפּי־טאַן, אנדערש קען איך מיך ניט ערקלערן, פאַר וואָס די וועללען געהן דאָ אזוי הויך.

— זאנדבענק אָדער ריפען, האָט דער קאַפּיטאַן געענטפערט טרויעריג. עפּעס האַלט זיי אָפּ. זיי שפּרינגען צוריק און הייבען זיך אויף אזוי הויך. — ליידער, קענען מיר יעצט גאָר ניט העלפען. די שיף מוז לויפען איהר וועג. ווען זי אַריבערלויפען איבער דיעזען געפעהרליכען אָרט, זיינען מיר גערעטעט, ווען ניט, ווייסט דו שוין, וואָס מיר האָבען אָפּגערעדט.

אונטערדעסען איז די שיף געלאָפען אַלץ נעהענטער און נעהנטער צום לאַנד. גאַנצע בערג מיט ווייסען שוים האָבען זיך ארויפגעוואָרפען אויף איהר פון אַלע זייטען, די ריפען אָדער די זאַנדבענק זיינען שוין געוועזן גאַנץ נאָ־הענט. יעצט איז געקומען די לעצטע מינוט, וועלכע זאָל ענטשיידען זייער שיקזאַל.

— אַלע ארויס אויפ׳ן דעק! האָט קאָמאַנדירט פּאַרראַגוט און האָט אָנ־געהויבען צו פייפען.

אַלע פּאַסאַזשירען זיינען ארויפגעקומען אויפ׳ן דעק. לאָרד גלענארוואַן איז צוגעקומען צום קאַפּיטאַן.

— פּאַרראַגוט, האָט ער איהם געזאָגט אין דער העכסטער אויפרעגונג. איך וועל טהאָן אַלעס מעגליכע איך זאָל רעטען מיין פרוי אָדער דערטרונקען ווערן מיט איהר צוזאַמען. אייך לאָז איך איבער מערי גראַנט. זאָרגט איהר זיך פאַר איהר.

— יאָ, יאָ, האָט געזאָגט דער קאַפּיטאַן.

ער האָט ניט געקענט ווייטער רעדען. טרעהרען האָבען איהם געוואָרגען. ער איז אָבער געוועזן א מאַטראָז, א מאַן, וועלכער איז געוואוינט צו געפאַה־רען, אזא מענש וויינט ניט.

דאס וואסער איז געוועזן האַרט נענג איבער דיא ריפּען, אז דיא שיף וואָלט געקענט גאנץ רוהיג זיי אריבערשווימען, ווען דאס מעער זאל זיין רוהיג. יעצט אבער האט מען דייטליך געזעהן, אז ווען דיא כוואַליעס פאלען אראָפּ, שטעקען ארויס שטיינער פון'ם וואסער. ווען דיא שיף וועט אנקומען גראַדע אין דער צייט, ווען דיא כוואַליעס לויפען צום ברעג, מוז זיא צושלאַגען ווערן אויף שטיקלעך.

— בוימאייל: פּיש אייל! אייל! האט פּלוצלונג אנגעהויבען צו שרייען דער פּראָפעסאָר, וויא א וואהנזיניגער.

אלע האבען איהם אנגעקוקט מיט שטוינען. קיינער האט ניט געוואוסט, וואָס ער מיינט. אייניגע מאטראָזען האבען גערעכענט, אז ער איז אראָפּ פון זינען. נור איין קאַפּיטאַן פארראגוט האט איהם פערשטאַנען און האט באלד געהייסען דיא מאטראָזען ארויסברענגען עטליכע פּעסלעך אייל, וועלכע ער האט מיטגענומען צו שמירען דיא מאַשינען און זיי אריינגיסען אין מעער. דיא מאטראזען האבען באַלד אויסגעפיהרט זיין בעפעהל. לארד גלענארוואן, ליידי העלענא און אלע איבעריגע זיינען געשטאַנען, וויא פערשטיינערט און האבען געזעהן מיט שטוינען, וואס דיא מענשען טהוען.

און, אה, וואונדער! וואו מען האט אויסגעגאסען א פּעסעלע אייל, איז דאס מעער געבליעבען רוהיג און שטיל, וויא דאס וואסער אין א שיסעל. ערשט יעצט האט זיך לארד גלענארוואן דערמאָנט, אז ער האט שוין א מאל דעריבער געלעזען. ווען מען גיעסט ארויף אייל אויף דיא רוישענדע וועלען פון'ם מעער, בערוהיגט עס זיך באַלד. ערשט יעצט האט ער פערשטאנען, פאר וואס דער פּראפעסאר האט אזוי פּלוצלונג אויסגעשריען אויסער זיך: אייל! בוימאייל! שמאלץ! — דאס איז זייער רעטונג. ער האט צוואר זעהר גוט געוואוסט, אז דאס מיטעל העלפט נור אויף א קורצע צייט. דאס אייל צושפּרייט זיך און דאס מעער רוישט, שוימט און רייסט זיך דערנאך נאך שטאַרקער, נאך שרעקליכער, נאך געוואלטיגער. דערווייל אבער איז עס א הילף. קוים וועט דיא שיף אריבערשווימען דיא שטיינער איז זיא שוין גערעטעט.

— גיעסט דיא פּעסלעך אייל! האט קאמאנדירט דער קאַפּיטאַן.

דיא מאטראזען האבען יעצט איינגעזעהן, אז זייער רעטונג הענגט אָפּ פון דיא פּעסלעך אייל, וועלכע זיי האבען און האבען געאַרבייט מיט מוטה, מיט פלייס און מיט קראפט. זיי האבען צוהאקט דיא פּעסלעך און אויסגעגאסען דאס אייל אין מעער. עס האט זיך געבילדעט א רוהיגער שטילער פּאס וואסער, וואוהין דער קאַפּיטאַן האט באלד אריינגעפיהרט דיא שיף. —

זיי זיינען גערעטעט! גליקליך גערעטעט! דיא שיף איז אריבערגעשוואומען דיא שטיינער! דאס מעער האט באלד ווידער אנגעהויבען צו רוישען און צו קאָכען. דיא וועלען זיינען נאכגעלאפען דיא שיף, גלייך וויא זיי האבען געוואָלט זיא צוריקשלעפּען, עס איז שוין אבער געווען צו שפּעט. דער קאַפּיטאַן האט באלד אויסגעפונען אן אָרט, וואו זיא איז שוין געווען גאנץ זיכער.

9טעס קאפיטעל.

ביי א נאסט פריינד.

די ערשטע זאך, וואס דער קאפיטאן האט יעצט געטהאן, איז געווען צו פער־אנקערן די שיף. ער האט אויסגעזוכט א זיכערן אָרט, וואו די שיף איז געווען בע־ווארינט און האט זיא דארט פעראנקערט. יעצט איז לארד גלענארוואן צו איהם צו־געגאנגען און האט איהם אנגענומען ביי דער האנד.

— איך דאנק אייך, פאררעגוט. איהר האט אונז גערעטעט דאס לעבען. איהר האט עס אזוי איינגעארדענט, אז ניט ליידי העלענא, ניט מערי, ניט ראָבערט גראנט, ניט זאגאר דער פּראָפעסאר האבען ניט געוואוסט, אין וואס פאר א געפאהר זיי גע־פינען זיך. איהר האט זיי פערשפּאָרט אן איבעריגען שרעק.

— פיר ווענינ, האט קאפיטאן פאררעגוט געענטפערט.

ער האט ניט געקענט מעהר רעדען. ער איז געווען מיעד און ערשעפּפט. דיט צוויי טאג האט ער ניט געגעסען און ניט געשלאָפען. קוים איז די שיף געווען זיכער, האט ער זיא אונטערזוכט. אויב זיא איז אונטען גאנץ און עס געהט ניט אריין קיין וואסער. ער האט אויסגעפונען, אז די שיף איז בעשעדיגט נור פון אויבען. קיין וואַ־סער געהט ניט אריין. ער האט איבערגעלאָזען א מאַטראָז אויף דער וואך און אליין איז ער געגאנגען זיך צולעגען.

אלע איבעריגע אויף דער שיף זיינען אויך געווען זעהר מיעד און האבען זיך באלד געלעגט שלאָפען.

די נאכט איז פאראיבער גאנץ רוהיג. דער שטורם האט אין גאנצען אויפגע־הערט. דעם אנדערן טאג אין דער פריה האט די זון בעלייכטעט א רוהיגעס, שטילעס מעער. גאנץ פריה זיינען שוין אלע געווען אויפ'ן דעק און האבען בעטראכט דאס שעהנע בליהענדע לאנד, וועלכעס איז געלעגען פאר זיי.

יעצט האט לארד גלענארוואן בערופען א מיטינג, זיך צו בעראטהען, וואס זיי זאלען יעצט טהאָן. די ערשטע פראגע איז געווען. וואו געפינען זיי זיך? אין וואס פאר א טהייל פון אויסטראַליען האט זיי דער שטורם פערוואָרפען? — דיעזע פראגע איז געווען ניט שווער צו בעאנטווארטען. דער קאפיטאן און דער פּראָפעסאָר האבען ארויסגענומען זייערע אסטראָנאָמישע אינסטרומענטען און האבען באלד אויסגערעכענט פינקטליך, וואו זיי געפינען זיך.

זיי האבען אויסגעפונען, אז זיי זיינען גאר ניט ווייט פון דער שטאָדט מעלבורן, די גרעסטע שטאָדט אין אויסטראַליען. זיי געפינען זיך לעבען דער קענגורו אינזעל, איינע פון די גרעסטע אינזלען, וועלבע געהערן צו אויסטראַליען. ווען דיעזע ערשטע פראגע איז פערענטפערט געוואָרען, איז געווען זעהר לייכט צו פערענטפערן די צווייטע פראגע: וואס זאל מען יעצט טהאָן? — אויף דיעזע פראגע האט דער קאפיטאן גע־ענטפערט:

— מיר געפינען זיך אין גאנצען צוויי הונדערט מייל פון מעלבורן. מיר מוזען צופאהרען קיין מעלבורן. דארט וועט מען קענען רעפּארירען דעם „דונקאַן." אויפ'ן וועג

וועלען מיר יערעס מאָל ארויספאָהרען אויף אונזער באָאָטע אויפ'ן ברעג און וועלען פרעגען, אויב קיינער האָט ניט געהערט פון א שיף „בריטאַניא", וועל־כע איז אונטערגעגאַנגען ערגעץ אין דיעזע געגענדען און פון איהר קאַפּיטאַן מיט'ן נאָמען גראַנט.

ווען מען האָט אַלעס אָפּגערעדט, האָט דער קאַפּיטאַן געהייסען צורעכט מאַכען די זעגעל און פאָהרען לאַנגזאַם קיין מעלבורן.

אום צוועלף אוהר איז אַלעס געווען פערטיג און דער „דונקאַן" האָט זיך געגליטשט אויף די גלאַטע וואַסערן פון'ם מעער לעבען אויסטראַליען. פון צייט צו צייט האָט מען אראָפּגעלאָזען די באָאָטע און לאָרד גלענאַרוואַן, דער פּראָפעסאָר און ראָבערט גראַנט זיינען ארויסגעגאַנגען אויפ'ן ברעג זוכען און פרעגען וועמען, פיעללייכט ווייס מען עפּעס פון קאַפּיטאַן גראַנט. ליידער, איז זעהר מיה געווען אומזיסט. אויסטראַליען איז נאָך זעהר שוואַך בעפעל־קערט. עס האָט אין גאַנצען קנאַפּע דריי מיליאָן איינוואוינער, אין דער צייט ווען דאָרט איז דאָ פּלאַץ גענוג פאַר צוויי הונדערט מיליאָן איינוואוינער. די בעפעלקערונג דרענגט זיך ארום די גרויסע שטעדט, אָדער וויט אין לאַנד, וואו עס זיינען דאָ גרויסע שטרעקען לאַנד פאַר זייערע שאָף און רינדער. ביי די ברעגעס פון מעער אָבער וואוינט קיינער ניט. אונזערע רייזענדע האָבען זיך ארומגעקוקט אין אַלע זייטען און האָבען ניט געפונען קיין שפּור פון א לעבעדיגען מענשען.

זיי האָבען דאָך ניט פערצווייפעלט און האָבען בעשלאָסען ווייטער צו זוכען. אזוי איז פערגאַנגען דער ערשטער טאָג פון זייער זוכען און פאָרשען אין אויסטראַליען. דיעזע געגענד איז ניט געווען בעקאַנט דעם קאַפּיטאַן פּארראַנוט. ער האָט געוואוסט די וועגען צו די גרויסע שטעדט אין אויסט־ראַליען און נור די וועגען, אויף וועלכע די שיפען פאָהרען. מיט א בעשעדיג־טער שיף און נאָך אין גאַנץ אונבעקאַנטע וואַסערן מוז מען זיין זעהר פאָר־זיכטיג.

דעם אַנדערן טאָג אין דער פריה זיינען זיי צוגעקומען צו אַן אָרט, וואו עס האָבען זיך געוויזען בערג פון דערווייטען. לאָרד גלענאַרוואַן האָט געהיי־סען אראָפּלאָזען די באָאָטע. ער מיט'ן פּראָפעסאָר, מיט ראָבערט גראַנט זיי־נען ווידער ארויס אויפ'ן ברעג. ראָבערט גראַנט איז ארויפגעקלעטערט אויף א שטיין אום צו בעטראַכטען די געגענד ארום. דאָס מאָל האָט זיך געפונען א שפּור פון מענשען. אין ערטער האָט מען געזעהן אויסגעהאַקטע ביימער — א צייכען, אז ערגעץ ניט וויט זיינען דאָ מענשען.

— א מיהל! האָט ראָבערט אויסגערופען. איך זעה א מיהל!

לאָרד גלענאַרוואַן און דער פּראָפעסאָר האָבען זיך צוגעקוקט אין דער געגענד, וואו ראָבערט האָט זיי געוויזען און זיי האָבען ווירקליך דערזעהן די פלינעל פון א ווינדמיהל.

— לאָמיר צוגעהן צו דער מיהל האָט לאָרד גלענאַרוואַן געזאָגט. דאָרט וועלען מיר געפינען מענשען, ביי וועלכע מיר וועלען קענען עפּעס פרעגען.

זיי האָבען זיך געלאָזט געהן אין דער געגענד, וואו די מיהל איז געווען. וואָס ווייטער זיי זיינען געגאַנגען, אַלעס שעהנער און רייכער איז געוואָרען די געגענד. זיי זיינען צוגעקומען צו גוט בעארבייטעטע פעלדער, צו וועלכער

פון אפעלסינען (אָרענדזשעס) און לימענעס. באַלד האָבען זיי דערזעהן אַ גאַנצע העערדע פון קיה און אָקסען זיך רוהיג פּאַסען אויף אַ וויעזע (לאָנקע) באַלד האָבען זיי דערהערט דאָס בילען פון הינט. דאָס האָט געקלונגען ווי אַ טהייערע מוזיק אין זייערע אויערן. ווען מען איז אויף דער יבשה אַ לאַנגע צייט, איז דאָס בילען פון אַ הונט זעהר אונאַנגענעהם. ווען מען איז אָבער מאָנאַטען לאַנג אויפ׳ן מעער און מען געהט אַרויס אויף דער יבשה, איז יעדע שטימע, זאָגאַר דאָס בילען פון אַ הונט אַנגענעהם.

דאָס בילען איז געוואָרען שטאַרקער און באַלד האָבען זיך געוויזען דריי פּייערינגע הינט, וועלכע זיינען געלאָפען גלייך אויף אונזערע רייזענדע. זיי וואָלטען זיי געווים צוריסען, ווען עס זאָל זיך ניט געוועזען ווייזען אין דער־זעלבער מינוט אַ שטאַרקער מאַן פון אַ יאָהר עטליכע און פערציג, וועלכער האָט אָנגעשריען אויף די הינט און האָט זיי אָוועקגעטריבען: באַלד האָבען זיך געוויזען פיער קינדער פון זיעבען ביז פופצעהן יאָהר אַלט און אַ הויכע שטאַרקע פרוי.

עס איז געוועזען דייטליך, אַז דאָס איז אַ פּאַמיליע קאָלאָניסטען, וועלכע זיינען געוועזען געצוואונגען אויס אירגענד וועלכע אורזאַכע צו פערלאָזען זייער פאָטערלאַנד און זוכען זיך אַ היים אין דעם ווייטען, ווילדען אויסטראַליען. ווי עס האָט אויסגעוויזען, זיינען זיי געוועזען צופריעדען מיט זייער נייעם היים, מיט זייער נייעם פאָטערלאַנד.

איידער לאָרד גלענאַרוואַן מיט זיין פּאַרטיע האָבען צייט געהאַט צו ער־קלעהרען, ווער זיי זיינען און וואָס זיי ווילען, האָט דער מאַן זיי געזאָגט:

— פרעמדע! זייט ווילקאָמען אין הויז פון פּעדרי מעק מור!

—אַזוי! האָט אויסגערופען לאָרד גלענאַרוואַן, זייט איהר אַן אירלענדער?

— איך בין אַמאָל געוועזען אַן אירלענדער, האָט דער קאָלאָניסט געענט־פערט, היינט אָבער בין איך אַן אויסטראַליער.—קומט, דזשענטעלמען, קומט אין מיין הויז! איך פרעג ניט, ווער איהר זייט. יעדער פרעמדער איז וויל־קאָמען.

ער האָט זיי אַריינגעפיהרט צו זיך אין הויז און האָט זיי געבעטען זיצען אויף די איינפאַכע, אָבער ריינע הילצערנע בענק לעבען אַ ריינעם ווייסען, הילצערנעם טיש.

— אַך, איך וואָלט געוועזען גליקלאַך מיין שוועסטער זאָל דאָ זיין! האָט אויסגערופען ראָבערט. עס איז אַ פערגעניגען צו זיצען לעבען אַ טיש נאָך אַזאַ לאַנגער און שווערער רייזע!

דער ווירטה האָט עס דערהערט און האָט געפרעגט:

— אַלזאָ, האָט איהר דאַמען מיט אייך?

— געווים! האָט געענטפערט ראָבערט. ליידי העלענאַ און מיין שוועס־טער זיינען געבליבען אויף דער שיף.

— געהט, ברענגט זיי, האָט דער ווירטה געבעטען. מיינע יונגען וועלען געהן מיט אייך און וועלען אייך ווייזען דעם נאָהענטסטען וועג. איידער איך וועל אָנגרייטען אַ פריהשטיק, וועט איהר זיין צוריק.

ראָבערט און דער עלטערער זוהן פון׳ם ווירטה זיינען באַלד אַרויסגעלאָ־פען און אין אַ גאַנץ קורצער צייט זיינען זיי צוריקגעקומען מיט ליידי העלע־נאַ און מערי גראַנט. די ווירטהין האָט זיי גענומען די האַנד און האָט זיי געזאָגט:

— זיים ווילקאָמען אין מיין הויז!

אויפ'ן טיש איז שוין געשטאַנען אַנגעגרייט אַ גוטער פריהשטיק פון קאַלטעס פלייש און פערשיעדענע פריכטע: וויינטרויבען, אפעלסינען, פרישע און מארינירטע אָליווען און אנדערע אויסטראַלישע פריכטע. דער ווירטה האט געבעטען זיינע געסט, זיך זעצען צום טיש און עסען, וואס גאָט האט איהם געגעבען.

ביים עסען האט ער זיי דערצעהלט זיין געשיכטע, דיא געשיכטע פון יעדער עמיגראַנט, וועלכער איז געצוואונגען צו פערלאָזען דאס לאנד, וואו ער איז געבאָרען געוואָרען, און זוכען זיך א נייעס פאָטערלאנד.

„עס איז איינע אַלטע געשיכטע, דאך בלייבט זיא אימער ניי", זאגט א דייטשער דיכטער. עס איז געווען אן אלטע געשיכטע פון יעדער עמיגראַנט, א געשיכטע פון נויט, ליידען און עלענד. ער איז געקומען קיין מעלבורן, וואו ער האט זיך געזוכט ארבייט. ער, זיין פרוי און דיא עלטערע קינדער האבען געארבייט שווער און ביטער, ביז זיי האבען זיך צונויפגעלעגט אביסעל געלד און האבען זיך געקויפט א שטיקעל לאנד.

אין אויסטראַליען האט דיא ענגלישע רעגיערונג איינגעטהיילט דאס גאנצע לאנד אין לאטס פון אכציג אקר לאנד א לאט. זיא פערקויפט דיעזע לאטס זעהר ביליג — פון איין דאלאר ביז דריי דאלאר אן אַקר. — פאר עמיגראַנטען מאכט מען אין איינע ערטער נאך אנדערע, זעהר לייכטע בעדינגונגען. מען גיט זיי דאס לאנד אויף אבצאָה־לונגען. דער עמיגראנט דארף נור איינצאָהלען 30 — 40 פראָצענט, דאס איבעריגע צאהלט ער אפּ יעהרליך. יעדער עמיגראנט האט דאס רעכט צו קויפען ניט מעהר, וויא צעהן אזעלכע לאטס.

ווער עס איז נור פעהיג צו בעארבייטען דיא ערד און איז פלייסיג דערצו, דער קען אין א קורצע צייט מאכען א שעהנעס, רוהיגעס און אנשטענדיגעס לעבען.

מעק מור האט זיי דערצעהלט, וויא ער האט צוערשט געקויפט נור איין לאט לאנד; וויא ער מיט זיין פרוי מיט זיינע קינדער האבען עס בעארבייט, פארזייעט און געפלאנצט פרוכט ביימער און וויינטרויבען. געוויס, איז זיי אין דער ערשטער צייט גע־ווען זעהר שווער. זיי האבען אבער אויסגעהאלטען און האבען שוין יעצט פינף לאטס ערד און מוזען שוין דינגען ארבייטער צו בעארבייטען אזא גרויסע פארם. דער ארימער אירלענדישער בויער, וועלכער האט געארבייט אין אירלאנד שווער און ביטער און האט קוים געהאט ברויט צו עסען, איז אין איניגע יאהר געוואָרען אן אויסטראַלישער פארמער און האט שוין פיער הונדערט אקר לאנד, וועלכעס האט שוין יעצט א גרויסען ווערטה, וויל ער האט עס שוין בעארבייט. ער האט שוין פינף הונדערט שטיק קיה, אקסען און שעפסען. אין צעהן יאהר ארום איז ער א רייכער מאן, פריי און ניט אבהענגיג פון קיינעם — א קייסער אויף זיין לאנד.

ווען דער אירלענדער האט געענדיגט זיין געשיכטע, האט לארד גלענארוואן איהם דערצעהלט אין קורצע ווערטער דעם צוועק פון זייער רייזע און האט איהם גע־פרעגט, אויב ער האט ניט געהערט פון א שיף, וועלכע איז אונטערגעגאנגען ניט ווייט פון דיעזע געגענדען? פון א קאפּיטאן מיט'ן נאמען גראַנט?

דער אירלענדער האט פערצווינגען מיט דיא אקסלען. ער האט ניט געהערט און ווייס ניט פון קיין שיף, וועלכעס איז אונטערגעגאנגען און פון קיין קאפּיטאן.

— מיינע העררען, האט ער זיי געזאגט, עס טהוט מיר לייד אייך צו זאגען, אז אייער מיה איז געווען אומזיסט. דא ארום דיעזע געגענדען איז קיין שיף ניט אונ־טערגעגאנגען שוין זייט צעהן יאהר, זייט איך וואוין דא. איך, מיין פרוי, מיינע קינדער געהן טעגליך צום מעער. מיר האבען ניט געזעהן און ניט געהערט פון קיין קאפּיטאן גראנט. עס וואינעאין דער געגענד נאך פארמערס; ווי וואלט איינער פון זיי עפּעס ניט געהערט פון א שיף, וועלכע איז דא אונטערגעגאנגען?

לארד גלענארוואן און זיין פּארטיע זיינען געבליעבען זיצען, וויא דיא דערשלאָ־גענע. דיא איינפאכע ווערטער פון׳ם עהרליכען אירלענדער האבען געמאכט אויף זיי א טיעפען איינדרוק.

— אלזא, אבערמאלס אומזיסט געפאָהרען? אומזיסט איבערגעטראָגען אזא שווערע רייזע, אזא שרעקליכען שטורם? — אומזיסט דיא מיה, אומזיסט זייער זוכען און פאָרשען?

אויף מערי גראַנט׳ס אויגען האבען זיך געוויעזען טרערין. ליידי העלענא האט אראפּגעלאזען דעם קאָפּ און האט זיך פערטראַכט. לארד גלענארוואן און דער פּראָ־פעסאָר האבען זיך אנגעקוקט איינער דעם אנדערן מיט טרויער און פערצווייפלונג.

פּלוצלונג האט מען געהערט א פעסטע, גראָבע שטימע פון׳ם אנדערן עק טיש אויסרופען:

— גרויסער גאָט! ווען קאפּיטאָן גראנט לעבט נאך, איז ער געוויס דאָ ערגעץ אין דיעזער געגענד פון אויסטראַליען!

אלע האבען זיך אויפגעהויבען פון זייערע זיצע, גלייך וויא עס וואלט זיי געטראָפען אן עלעקטרישער שלאג.

7טעם קאפּיטעל.

אַ מאַטראָז פון דער „בריטאַניאַ.“

לארד גלענארוואן איז געווען דער ערשטער, וועלכער איז געקומען צו זיך.

— ווער האט עס גערעדט אזוי? האט ער געפרעגט האסטיג.

— איך האב עס געזאָגט, האט זיך אנגערופען איינער פון דיא ארבייטער וועלכער איז געזעסען ביים עק פון׳ם טיש.

— דוא, אייערטאן? האט דער ווירטה געפרעגט מיט שטוינען.

— איך, אייערטאן, האט געענטפערט דער מאן, איך בין געווען א מאטראָז אויף דער „בריטאַניאַ.“

— מען קען זיך לייכט פאָרשטעלען, וואס פאר אן איינדרוק דיא לעצטע ווער־טער האבען געמאכט אויף אלעמען. איבערראשט, ערשטוינט, ענטציקט, דערפרעהט און דערשראָקען זיינען אלע געבליעבען שטעהן אויף זייערע ערטער. מערי גראנט איז שיער ניט געפאלען אין אהנמאכט, ליידי העלענא האט געוויינט, ראבערט גראנט האָט געשפּרונגען פאר פרייד. נור דער פּראפעסאר איז געבליעבען רוהיג און האט בעטראַכט דעם געוועזענעם מאטראז פון דער „בריטאניא.“

דאָס איז געווען אַ מאַן פון אַ יאָהר עטליכע און פערציג מים אַ שוואַר־צער באָרד און אַ ווילדעס געזיכט, וועלכעס איז דעם פּראָפעסאָר ניט שטאַרק געפעלען. ער האָט געוואוסט, אַז עס קומט אָפט פאָר, אַז דער מענש, וועלכער ווייזט אויס פון׳ם ערשטען בליק שלעכט און ווילד, קען דאָך זיין אַ גאַנץ גוטער מענש. אין דיעזען מענשען אָבער זיינען איהם ניט געפעלען די אויגען. דער אויסדרוק פון אייערטאַנ׳ס אויגען איז געווען אַ בייזער און ווילדער, ווי פון אַ ווילדע חיה. דער פּראָפעסאָר האָט איהם געוואָלט נעהנעטער בעטראַכ־טען, אין דיעזע מינוט אָבער איז צו איהם צוגעקומען לאָרד גלענאַרוואַן.

— מיר מוזען שיקען רופען אונזער קאַפּיטאַן און דעם מאַיאָר, האָט ער איהם געזאָגט. דער צופאַל האָט אונז צוזאַמענגעבראַכט מיט אַ מענשען, פון וועלכען מיר וועלען אַלעס געוואָהר ווערן. איך וויל, אַז מיר זאָלען אַלע זיין דערביי, ווען ער וועט אונז דערצעהלען די געשיכטע פון קאַפּיטאַן גראַנט.

אין אַ קורצע צייט אַרום איז קאַפּיטאַן פּאַרראַגוט און מאַיאָר ריטשאַרד־סאָן געקומען צולויפען פערסאָפּעט און נייגעריג צו הערען נאַכריכטען פון קאַפּיטאַן גראַנט. ווען אַלע זיינען געווען פערזאַמעלט, האָט זיך לאָרד גלע־נאַרוואַן געזעצט לעבען דעם מאַטראָז און האָט איהם אָנגעהויבען אויסצו־פרעגען:

— אַלזאָ, איהר זייט אַ מאַטראָז פון דער „בריטאַניא".

— יעס, סער, איך בין געווען דער שטייערמאַן פון דער „בריטאַניא" האָט אייערטאַן געענטפערט.

— און איהר האָט זיך געראַטעט צוזאַמען מיט קאַפּיטאַן גראַנט, ווען די „בריטאַניא" איז אונטערגעגאַנגען?

— ניין, מיין העַרר. אַ גרויסע וועללע האָט מיך אַראָפּגעשווענקט פון׳ם דעק פון דער „בריטאַניא", איידער זי איז אונטערגעגאַנגען.

— אַלזאָ, זייט איהר ניט איינער פון די צוויי מאַטראָזען, וועלכע האָבען זיך געראַטעט מיט׳ן קאַפּיטאַן?

— ניין, איך ווייס ניט, אויב דער קאַפּיטאַן האָט זיך געראַטעט, אָדער ער איז דערטרונקען געוואָרען. איך האָב געפונען אין וואַסער אַ שטיק האָלץ, האָב מיך אָן איהם אָנגעכאַפּט און דער שטורם האָט מיך אַרויסגעוואָרפען אויפ׳ן ברעג. איך האָב גערעכענט, אַז איך בין דער איינציגער מענש פון דער „בריטאַניא", וועלכער איז געבליבען לעבען.

— אַלזאָ, ווייסט איהר גאָר ניט פון קאַפּיטאַן גראַנט?

איך ווייס גאָר ניט.

— איהר האָט דאָך פריהער געזאָגט, אַז קאַפּיטאַן גראַנט לעבעט און געפינט זיך ערגעץ אין דיעזער געגענד?

— איהר האָט מיך ניט ריכטיג פערשטאַנען. איך האָב געזאָגט, אויב ער האָט זיך געראַטעט און לעבט, מוז ער זיך געפינען דאָ ערגעץ.

— וואו איז די שיף אונטערגעגאַנגען? האָט קאַפּיטאַן פּאַרראַגוט גע־פרעגט.

—לעבען אויסטראַליען. ניט ווייט פון דיעזער געגענד. איך קען ניט זאָגען

נענוי, וואו עס איז געווען, אָבער איך האָב געזעהן דעם ברעג פון אויסטראַליען, איידער די כוואַליע האָט מיך אַראָפּגעשווענקט פון'ם דעק פון דער „בריטאַניא". דער שטורם האָט מיך אַרויסגעוואָרפען אויפ'ן ברעג. איך בין געבליבען ליגען אין אַהנאָמכט און קען ניט געדענקען, וויפיעל צייט איך בי'ן אַזוי געלעגען. ווען איך בין געקומען צו זיך, האָב איך קיין שפּור פון דער „בריטאַניא" ניט געזעהן.

— ווען איז דאָס געשעהן? האָט ווייטער נעפרעגט קאַפּיטאַן פּאַרראַגוס.

— דעם 27טען יוני, 1862.

— גאַנץ ריכטיג! האָט אויסגערופען לאָרד גלענאַרוואַן. עס שטימט, מיט די בריעף! עס שטימט, ווי דער פּראָפעסאָר האָט ער ערקלעהרט.

— געוויס, האָט געזאָגט דער פּראָפעסאָר, אַזאַ דאָקומענט איז ניט לייכט צו לעזען. מען מוז זיך אנשטויסען, פון איין וואָרט מוז מען פערשטעהן צעהן.

לאָרד גלענאַרוואַן, מערי און ראָבערט גראַנט, ליידי העלענא און דער מאַיאָר זיינען געשטאַנען אַרום דעם מאַטראָז איירטאַן און האָבען איהם געדריקט די הענד. זיי האָבען ניט געוואוסט, וואָס צו טהאָן מיט איהם פאַר פרייד.

— יעצט, ווען מיר האָבען שוין זיכערע נאַכריכטען פון קאַפּיטאַן גראַנט, האָט דער פּראָפעסאָר געזאָגט, קענען מיר זיכער זיין, אַז מיר וועלען איהם אויסזוכען און וועלען איהם רעטען.

קיינעם איז ניט איינגעפאַלען צו צווייפלען, אויב איירטאַן זאָגט די וואַהרהייט. פילייכט איז ער גאָר ניט קיין מאַטראָז פון דער „בריטאַניא". פילייכט ווייס ער נור פון דער „בריטאַניא" פון צייטונגען, אָדער פילייכט האָט ער אַ געהיימען צוועק דערביי. דער איינציגער מענש, וועמען איירטאַן איז ניט געפעלען, איז געווען דער פּראָפעסאָר. זיין פערדאַכט (חשד) איז אָבער אויך באַלד פערשוואונדען, ווען ער האָט געהערט, ווי איירטאַן דערצעהלט מערי און ראָבערט גראַנט, אַז ער קען זיי, ער האָט זיי געזען אין ליווערפּול. איין מאָל איז ראָבערט געקומען אויף זיין פאָטער'ס שיף און איז אַרויפגעקלעטערט אַזוי הויך אויף אַ זעגעל בוים, אַז אַ מאַטראָז האָט געמוזט נאָכקלעטערן און איהם אַראָפּנעהמען.

— דאָס איז ריכטיג! האָט ראָבערט אויסגערופען. איך געדענק עס. איך בין אַרויפגעקלעטערט אַזוי הויך, אַז איך האָב ניט געקענט אַראָפּגעהן. איך האָב אָנגעהויבען צו שרייען און אַ מאַטראָז האָט מיך אַראָפּגענומען.

איירטאַן האָט דערצעהלט נאָך אייניגע זאַכען, וואָס האָבען זיך געטראָפען אויף דער „בריטאַניא", פון וועלכע קיינער האָט ניט געוואוסט, אויסער ראָבערט און מערי גראַנט. אַלע זיינען געווען פעסט איבערצייגט, אַז וואָס איירטאַן זאָגט, איז די ריינע וואַרהייט.

— וואָס איז געשעהן מיט אייך, ווען דאָס מעער האָט אייך אַרויסגעוואָרפען אויפ'ן ברעג? האָט דער פּראָפעסאָר געפרעגט.

—דאָס מעער האָט מיך אַרויסגעוואָרפען אויפ'ן ברעג מיט אַזאַ קראַפט, אַז איך בין געפאַלען אין אָנמאַכט, האָט איירטאַן דערצעהלט. ווי לאַנג איך בין אַזוי געלעגען אויפן ברעג ווייס איך ניט, ווען איך בין געקומען צו זיך און האָב

געעפענט דיא אויגען, האב איך דערזעהן, אז ארום מיר שטעהן ווילדע מענשען. זיי האבען מיך אוועקגעשלעפט ווייט אין וואלד אין זייערען א דארף. דארט האבען זיי מיך געהאלטען געפאנגען און האבען מיך געצוואונגען צו טהאן דיא שווערסטע ארבייטען. צוויא לאנגע שווערע, ביטערע יאהר האב איך ביי זיי צוגעבראכט. יעדער מינוט האב איך געזוכט א געלעגענהייט צו אנטלויפען. ענדליך איז עס מיר געלונגען. דיא ווילדע מענשען זיינען אנגעפאלען אויף א פארטיע רייזענדע ענגלענדער און האבען זיי בערויבט. צווישען דיא געראובטע זאכען איז געוועזן א פעסעל ראם. זיי האבען זיך אלע אנגע־שיכורט און האבען מיך ניט גוט פערשפארט אין מיין קעמעריל. איך האב אויסגע־בראכען דיא טהיר און בין אנטלאפען געווארען. איך האב ארומגעבלאנזעט אין דיא וועלדער, האב געגעסען גראז און ווארצלען פון פערשיעדענע פלאנצען. איך בין געגאנ־גען איבער פעלדער, וועלדער, בערג, טאהלען און וואסערן, ביז איך בין ענדליך געקר מען אויף דער פארם פון גוטען און ערעלען מעק מור, וועלכער האט מיך אויפגענומען אלס ארבייטער.

דער מאיאר האט אויסגעהערט זיין ערצעהלונג זעהר אויפמערקזאם. ווען ער האט געענדיגט, האט ער איהם פלוצלונג א פרעג געטהאן:

— איהר זייט געוועזן דער שטייערמאן פון דער „בריטאניא“, —

— געוויס! האט אייערטאן געענטפערט.

דער טאן פון'ם מאיארס שטימע איז איהם ניט געפעלען. ער האט פערשטאנען, אז דער מאיאר גלויבט איהם עפעס ניט.

— איך האב מיינע פאפיערען מיט מיר, האט ער געזאגט. איך פלעג זיי שטענ־דיג ארומטראגען ביי זיך און האב זיי נאך יעצט. איהר וועט זיך באלד איבערצייגען, אז איך בין געוועזן דער שטייערמאן אויף דער „בריטאניא“.

ער האט ניט געווארט אויף קיין ענטפער און איז ארויסגעגאנגען ברענגען זיינע פאפיערען.

— איך קען זאגען, אז ער איז אן עהרליכער מענש, האט זיך אפגערופען דער פארמער. ער ארבייט ביי מיר זייט צוויי מאנאטע און איך בין מיט איהם זעהר צופרי־דען. ער איז עהרליך, פלייסיג און מען מעג זיך אויף איהם פערלאזען.

באלד איז אייערטאן אריינגעקומען און האט געוויזען א קאנטראקט, וועלכען קאפיטאן גראנט האט מיט איהם געמאכט אין ליווערפול. מערי האט דערקענט איהר פאטערס האנדשריפט. יעצט זיינען שוין אלע געוועזן פעסט איבערצייגט, אז א גליקלי־כער צופאל האט זיי צונויפגעפיהרט מיט דיזען מענשען, וועלכער וועט זיי געוויס פארהעלפען צו דערגרייכען זייער צוועק — צונעפינען קאפיטאן גראנט.

— יעצט, מיינע פריינד, האט לארד גלענארוואן געזאגט, דארפען מיר זיך בעד־ראטהען, וואס מיר זאלען ווייטער טהאן, איך בעט אייך אייערטאן, איהר זאלט ביי־וואינען אונזערע בעראטהונג און זאלט אונז זאגען אייער מיינונג, וועלכע איז יעצט פאר אונז זעהר וויכטיג.

— איך דאנק אייך זעהר פאר אייער צוטרויען, האט אייערטאן געענטפערט. איך בין ווירקליך בעקאנט מיט דיזע געגענד און קען מיך צוזיפרעדען מיט דיא ווילדע

מענשען. ווען איך וועל נור קענען אייך ניצליך זיין, וועל איך עס טהאָן מיטן גרעסטען פערגניגען.

— געוויס, קענט איהר אונז ניצליך זיין, האט לארד גלענארוואן געזאגט, — יעצט איז דיא פראגע: וואו זאל זיך יעצט געפינען קאפּיטאן גראנט? — וואס איז אייער מיינונג, אייערטאן?

— אזוי וויא דיא בריעף זאגען דייטליך, אז דער קאפּיטאן האט זיך געראטעט, האט אייערטאן געענטפער, מוזען מיר אננעהמען, אז מיט איהם האט זיך געטראָפען דאס זעלבע, וואס עס האט זיך מיט מיר געטראָפען: ער איז אריינגעפאלען צו דיא ווילדע אין דיא הענד און זיי האלטען איהם געפאנגען, אזוי וויא זיי האבען מיך גע־האלטען געפאנגען.

— אזוי וויא איך האב דערקלערט דיא בריעף! האט אויסגערופען דער פּראָ־פעסאָר. יעצט פערשטעה איך. ווען דיא ווילדע האבען איהם געפאנגען, איז ער געוועזן אויפ'ן 37טען גראד. דיא פראגע איז נור, וואו קען ער זיין יעצט?

— דאס איז ניט אזוי לייכט צו זאגען, האט אייערטאן געענטפערט. דיא ווילדע אין אויסטראליען ציעהען זיך אלע מאל צוריק אלעס ווייטער און טיעפער אין לאנד. וויא ווייט דיא ענגלישע מאכט גרייכט, זיינען קיין ווילדע ניטאָ.

— אונזער אויפגאבע ווערט מיט יעדער מינוט שווערער, האט לארד גלענאר־וואן געזאגט טרויעריג. וויא אזוי קען מען אפּזוכען א מענשען אין א געגענד, וואו קיינער איז נאך ניט געוועזן? וואו קענען מיר איהם יעצט זוכען?

קיינער האט ניט געענטפערט, קיינער האט אויף דיעזע פראגע ניט געקענט ענטפערן. אלע האבען געשוויעגען.

— וואס איז אייער מיינונג, אייערטאן? האט ליידי העלענא געפרעגט. וואס וואלט איהר געטהאָן אין אזא פאל?

— איך וואלט מיך אויפגעזעצט אויף מיין שיף, האט אייערטאן געענטפערט און וואָלט געפאָהרען אין דעם ארט, וואו דיא „בריטאניא" איז אונטערגעגאנגען. דארט וואלט איך געזעהן, וואס איך האב ווייטער צו טהאָן. איך קען יעצט ניט זאגען, אויב יענע געגענד איז שוין יעצט בעוואינט. ווען זי איז נאך ניט בעוואינט, געפינען זיך דארט נאך ווילדע מענשען, ביי וועלכע מען קען געוואהר ווערן, וואו עס געפינען זיך געפאנגענע ווייסע מענשען.

— מיר קענען אבער ניט פאהרען אויפ'ן „דונקאן", האט לארד גלענארוואן גע־זאגט, ווייל ער איז בעשעדיגט און מען מוז איהם אויסבעסערן.

— אזוי? אייער שיף איז בעשעדיגט? האט אייערטאן געפרעגט האסטיג. איז זיא שטארק בעשעדיגט?

— ניט אזוי שטארק, האט קאפּיטאן פארראגוט געענטפערט, מען מוז זיא אבער אויסבעסערן. דיא שרויבע איז פערדרעהט און דיא זעגעלביימער זיינען בעשע־דיגט. אלענפאלס מוז מען זיא אוועקפיהרען קיין מעלבורן אויף א דאק, מען זאָל זיא דארט רעפּארירען.

אלזא, מוז דיא שיף געהן קיין מעלבורן און איהר מוזט געהן צו פוס אדער

פאָהרען אויף פערד ביז דער כיכמע מופאלד, ועלכע נעפינם זיך אויפ'ן 37טען גראד און וואו די „בריטאַניא" איז אונטערגעגאַנגען, האָט דער פראָ־פעסאָר געזאָגט. מיר זיינען דורכגעפאָהרען גאַנץ זיד אַמעריקאַ אויף פערד און מיר וועלען יעצט דורכפאָהרען אויסטראַליען.

— אָבער די שיף? האָט אייערטאַן ווידער געפרעגט און זיינע אויגען האָבען אָנגעהויבען צו פינקלען.

אַלע זיינען געווען אַזוי בעשעפטיגט מיט זייערע געדאַנקען, אַז קיינער האָט ניט בעמערקט, אַז אייערטאַן אינטערעסירט זיך עפּעס צופיעל מיט דער שיף.

— די שיף קען קומען צו אונז, אָדער מיר וועלען קומען צו דער שיף. האָט דער פּראָפעסאָר געזאָגט. מיר וועלען עס מאַכען אַזוי, ווי מיר האָבען געטהאָן אין זיד אַמעריקאַ: מיר וועלען אָפּרעדען מיט'ן קאַפּיטאַן, וואו ער זאָל אויף אונז וואַרטען. וועלען מיר געפינען קאַפּיטאַן גראַנט שנעל, וועלען מיר קומען צו איהם קיין מעלבורן, וועלען מיר ניט קומען קיין מעלבורן, לאָ־מיר זאָגען, אין אַ מאָנאַט, אָדער אין זעקס וואָכען, זאָל דער קאַפּיטאַן פאָהרען מיט דער שיף אין דעם און דעם פּאָרט און זאָל אויף אונז וואַרטען.

— דער פּראָפעסאָר האָט רעכט, האָט דער מאַיאָר געזאָגט. די פראַגע איז נור, אויב עס איז לייכט צו פאָהרען אין אויסטראַליען אַזוי, ווי אויף די פּאַמפּאַס פון זיד אַמעריקאַ?

— אין אויסטראַליען איז אַזוי לייכט צו פאָהרען, האָט אייערטאָן גע־זאָגט, אַז זעָגאַר פרויען קענען מאַכען אַ וויטע רייזע. מען שפּאַנט איין פינף פּאָאָר אָקסען אין אַ גרויסען אויסטראַלישען וואָגען און מען פאָהרט גאַנץ רוהיג און זיכער.

לײדי העלענא און מערי גראַנט זיינען געוואָרען אויפמערקזאַם. אַלזאָ, קענען זיי אויך מיטפאָהרען? דאָס איז זיי געווען זעהר אַנגענעהם. זיי האָ־בען זיך דערמאָנט, וואָס זיי האָבען אויסגעליטען, ווען די שיף איז געשטאַנען אין פּאָרט אַנטאָניאָ און זיי האָבען אויסגעקוקט מיט טויזענד אויגען אויף די רייזענדע.

— אייערטאַן! האָט לײדי העלענא אויסגערופען, זייט איהר זיכער, אַז פרויען קענען פאָהרען איבער אויכטראַליען?

— געווים, לײדי, בין איך זיכער. מיר האָבען צו מאַכען אַ רייזע פון פיער הונדערט מייל. ווען מיר זאָלען מאַכען זאָגאַר נור צוואַנציג מייל אַ טאָג, קענען מיר מאַכען די גאַנצע רייזע אין 20—25 טאָג. דאָס איז זעהר לייכט און זעהר בעקוועם.

— זיינען אין אויסטראַליען ניטאָ קיין ווילדע טהיערע? האָט לײדי העלענע געפרעגט.

— ניין, לײדי, אין אויסטראַליען זיינען קיינע ווילדע טהיערע ניטאָ.

— אָבער די ווילדע מענשען? האָט זי ווייטער געפרעגט.

— ווען מען איז בעוואָפענט, האָט מען ניט וואָס מורא צו האָבען פאַר די ווילדע מענשען. זיי ציטערן פאַר אַ ביקס און פאַלען אַן נור אויף מענ־שען, וועלכע האָבען מיט זיך קיין געוועהר.

— מען זאָגט אָבער, אַז אין די ווילדע געגענדען פון אויסטראַ

נען זיך אַפּט אַנטלאָפענע שטרעפלינגע (קאָטאָרזשניקעס), וועלכע זיינען פיעל געפעהרליכער אַלס די ווילדע מענשען.

— אין זידען אויסטראַליען געפינען זיך קיינע אַנטלאָפענע שטרעפלינגע, האָט אייערטאָן געענטפערט. אהער שיקט מען קיין שטרעפלינגע און זיי קר־מען אהער קיין מאָל נים.

— אַלזאָ, מיין איך, אַז מיר מוזען זיך פאַרבערייטען צו דער רייזע, האָט לאָרד גלענאַרוואַן געזאָגט.

— און איך פאָהר מיט דיר? ערוואַרד! האָט ליידי העלענא געפרעגט.

8טעם קאַפּיטעל.

פאַרבערייטונגען צו דער רייזע.

לאָרד גלענאַרוואַן האָט באַלד געהייסען מאַכען אַלע פאַרבערייטונגען צו דער רייזע. אַזוי ווי אייערטאָן איז אַ וויכטיגע פּערזאָן, וועלכער קען זיי זעהר פיעל נוצען ברענגען אויף דער רייזע, האָט לאָרד גלענאַרוואַן געפרעגט דעם ווירטה, אויב ער וועט זיי אָפּלאָזען זיין אַרבייטער. דער אירלענדער האָט געענטפערט, אַז עס טהוט איהם צוואַר זעהר לייד זיך צו שיידען מיט אַזאַ גוטען און פלייסיגען אַרבייטער, ווי אייערטאָן, אַזוי ווי אָבער מען פאָהרט בעפרייען אַ געפאַנגענעם ענגלענדער, איז ער בערייט צו טאָן אַלעס מעגליכע.

— אַלזאָ, אייערטאָן, ווילט איהר מיט אונז פאָהרען און דיענען אונז אַלס וועגווייזער? האָט איהם לאָרד גלענאַרוואַן געפרעגט.

אייערטאָן האָט ניט באַלד געענטפערט. ער האָט זיך איבערלעגט אייניגע מינוטען. ענדליך, האָט ער געענטפערט.

— יאָ, איך געה מיט אייך. איך קען אייך ניט פערשפּרעכען, אַז איך וועל געפינען מיין קאַפּיטאַן, איך וועל אייך אָבער פיהרען צו דעם אָרט, וואו די „בריטאַניאַ" איז אונטערגעגאַנגען און וואו דאָס מעער האָט מיך ארויסגעוואָרפען.

— דאָס דאַרפען מיר.

— איך האָב צו אייך אַ פראַגע מילאָרד, האָט אייערטאָן פּלוצלונג געזאָגט.

— פרעגט, איך וועל אייך געוויס ענטפערן.

— וואו וועט זיך געפינען אייער שיף?

— דערווייל וועט דער „דונקען" בלייבען אין מעלבורן, ביז איך וועל איהם שיקען אַ בעפעהל, וואוהין ער זאָל צוקומען.

— גו, און דער קאַפּיטאַן פון אייער שיף? וואו וועט ער זיך געפינען?

— ער וועט בלייבען אין מעלבורן מיט'ן „דונקאַן".

— אַלזאָ, געה איך מיט אייך, האָט אייערטאָן געענטפערט, און וועל טהאָן אַלעס מעגליכע אום אייך ניצליך צו זיין.

אַלע זיינען געוועזען העכסט צופריעדען וואָס אייערטאָן געהט מיט זיי. לאָרד ... וואָן האָט איהם באַלד געהייסען קויפען אַלעסס, וואָס ער וועט גי... ...יג פאַר די רייזע און אַלעס פאַרבערייטען אויף די רייזע. ער ... אויסטראַליען ניט בעקאַנט און פערלאָזט זיך אין גאַנצען אויף

יעצט האבען זיך אלע אומגעקעהרט אויפ'ן שיף. זיי האבען געוואלט מיטנעהמען פיעלע זאכען פון דער שיף און לארד גלענארוואן האט נאך געהאט פיעלעס צו אר דער נען און צו בעזארגען. אויפ'ן וועג האט קאפיטאן פארראגוט זיך צו איהם געווענדעט און איהם געזאגט:

— מילארד, איך וויל אויך געהן מיט אייך. איך קען אייך זיין זעהר ניצליך אויפ'ן וועג.

לארד גלענארוואן האט אנפאנגס ניט געוואלט איבערלאזען זיין שיף אחן א קאפיטאן. פארראגוט אבער האט אזוי לאנג גערעדט און אזוי פיעל געבעטען, אז לארד גלענארוואן האט געמוזט נאכגעבען.

— אויף וועמען וועט איהר איבערלאזען דעם „דונקאן"? האט ער געפרעגט.

— טאם אויגוסטין איז א גוטער מאטראז. מען קען זיך אויף איהם פערלאזען.

עס איז געבליעבען, אז טאם אויגוסטין זאל פיהרען דעם „דונקאן" קיין מעלבורן, מען זאל איהם דארט רעפארירען און קאפיטאן פארראגוט זאל פאהרען מיט זיי.

דעם אנדערן טאג אין דער פריה האבען דיא מאטראזען ארויסגעטראגען פון'ם „דונקאן" אלע זאכען, וועלכע לארד גלענארוואן האט געוואלט מיטנעהמען, און האבען זיי געבראכט אין מעק מורים הויז. דער פארמער און זיין פאמיליע האבען ווידער עמפפאנגען אונזערע רייזענדע גאסטפריינדליך און האבען זיך געגעבען אלע מיה, אז אלעס זאל באלד פערטיג ווערן צו דער רייזע.

עס איז געבליעבען, אז דיא דאמען זאלען פאהרען אין א וואגען איינגעשפאנט מיט אקסען און דיא מענער זאלען פאהרען אויף פערד. אלעס האט מען געקויפט ביים פארמער. לארד גלענארוואן האט זיך גערעכענט פאר זיין פפליכט, ער זאל איינלאדען דעם פארמער און אייערטאן צו זיך אויפ'ן שיף און זאל זיי דארט אויפנעהמען אויף אייראפעאישען ארט. דער איינפאבער אירלענדער, וועלבער האט שטענדיג געלעבט אין עלענד און נויט, איז געוועזן איבערראשט, ווען ער האט דערזעהן, וויא שעהן און וויא רייך דער „דונקאן" איז געוועזן איינגעריכטעט. לארד גלענארוואן האט איהם מיט זיין פאמיליע אויסגעפיהרט אין אלע קאיוטען און האט איהם אלעס אויסגעוויעזען. אייערטאן איז אויך געגאנגען אומעדום. ער האט אבער געקוקט נור אויף דיא זעגעל־בוימער, דיא זעגעל און דיא שטריק־לייטער.

— איהר האט א שעהנעס שיף, האט ער געזאגט. איז זיא שטארק אויך?

— אהו מיין „דונקאן" איז א פארטרעפליכעס שיף, האט געזאגט לארד גלענ־ארוואן. איך קען מיט איהר שטאלץ זיין.

— איהר מעגט מיט אזא שיף שטאלץ זיין, האט אייערטאן געזאגט. אויף אזא שיף דארף זיין א פערגניגען צו זיין א מאטראז.

— איהר קענט אייך פערשאפען דיעזעס פערגניגען, אייערטאן, איהר קענט אריינטרעטען צו מיר אויפ'ן שיף אלס מאטראז. איך נעהם אייך אויף פו[illegible]יז, איהר בעקומט פון היינט אן אייער געהאלט אלס מאטראז.

— איך וועל מיך איבערלעגען, מילארד. ווען מיר וועלען צוריק קו[illegible] ער רייזע, וועל איך געוויס אריינטרעטען צו אייך.

אלבינעם האט געמעלדעט, אז דער מיטאג איז פערטיג, לארד גלענארוואן האט איינגעלאדען זיינע געסט צום מיטאג.

— וויא געפעלט אייך דיעזער אייערטאן? האט דער פראפעסאר געפרעגט דעם מאיאר ריטשארדסאן.

— ער איז צו קלוג, האט דער מאיאר געענטפערט קורץ.

ביים מיטאג האט אייערטאן זיך צורעדט איבער אויסטראליען; און האט פלוצלונג א פרעגע געטהאן לארד גלענארוואן: וויא פיעל מאטראזען ער וויל מיט זיך מיטנעהמען. לארד גלענארוואן האט איהם געענטפערט, אז ער וויל מיטנעהמען נור צוויי מאטראזען.

— דאס איז ווייניג, האט אייערטאן געזאגט. איהר דארפט מיטנעהמען מעהר מענשען מיט זיך.

— אלזא, דענקט איהר, אז דיא רייזע איז ניט גאנץ זיכער?

— ניין, מילארד. דיא רייזע איז זיכער. איך ראטה אייך נור מיטצונעהמען מעהר מענשען, ווייל אויף אזא רייזע איז פרעהליכער, ווען עס זיינען דא מעהר מענשען.

— איך קען ניט מיטנעהמען מעהר אלס צוויי מאטראזען. זיי מוזען בלייבען אויפ'ן שיף, זיא פיהרען קיין מעלבורן און זעהן זיא דארט רעפארירען.

אייערטאן האט געשוויגען. ער האט איינגעזעהן, אז לארד גלענארוואן האט רעכט.

עס איז געווארען שפעט. מען האט נאך גערעדט פון דיא פארבערייטונגען צו דער רייזע און מען האט אפגערעדט, אז מארגען גאנץ פריה זאל מען ארויספאהרען. עס איז געווארען אבענד. אלע האבען זיך צולעגט שלאפען. נור דער פראפעסאר איז ניט געשלאפען. ער האט אנגעגרייט און צורעכטגעמאכט זיינע אינסטרומענטען און זיין טעלעסקאפ.

גאנץ פריה איז מען אויפגעשטאנען, אלע זיינען געווען פערטיג צו דער רייזע. אלע זיינען געווען בערייט. דער פראפעסאר האט בעטראכט דעם אויסטראלישען וואגען. דאס איז געווען א גרויסער קאסטען אויף צוויי גרויסע און שווערע רעדער. דיא רעדער זיינען אויך געווען ניט, וויא ערגעץ אנדערש, זיי זיינען געווען פון איין שטיק האלץ. א רונדער שטיק פון א קלאץ אפגעזעגט, אין דער מיט אויסגעהאקט א לאך פארן אקס.

— בראווא אויסטראליא! האט ער אויסגערופען. דאס הייסט א וואגען! ניין, דאס איז ניט קיין וואגען, דאס איז א מאשין צום פאהרען. דיא מאדע האט אויסגעטראכט דער עלטער זיידע נח. ער האט נאך דיעזע מאדע געמאכט זיין תיבה. דאס איז דאך א גאנץ הויז.

— הערר פראפעסאר, האט ליידי העלענא געלאכט, איך וועל האבען דאס פערגניגען אייך צו עמפפאנגען אין מיין זאל.

— האט איהר שוין בעשטימט, אין וועלכען טאג איהר וועט אויפנעהמען געסט?

— מיינע פריינד נעהם איך אויף צו יעדער צייט.

אין דיעזער מינוט האט אייערטאן געגעבען א צייכען, מען זאל זיך אויפזעצען

די מענער האָבען זיך אויפגעזעצט אויף זייערע פערד. די דאַמען האָבען זיך אריינגעזעצט אין קאַסטען. אייערטאָן איז געווען דער אַנטרייבער. מען איז אוועקגעפאָהרען.

9טעם קאַפּיטעל.

דאָס לאַנד פון וואונדער.

אויסטראַליען איז ווירקליך אַ וואונדער לאַנד. דאָס ערשטע וואָס איבערראַשט דעם פרעמדען, איז דאָס קלימאַט. ווען ביי אונז איז ווינטער, איז אין אויסטראַליען זומער. איינער קומט צו פאָהרען אין דעצעמבער אָדער אין יאַנואַר. ער וויים, אַז ביי איהם אין דער היים איז אין קריסמאַס אָדער נייאָהר געוועהנליך קאַלט. שנעע בעדעקען די גאַסען און דער פראָסט מאָהלט אוים אויף'ן פענסטער זיינע אייז בלומען. ווי איבערראַשט ווערט ער, ווען ער הערט, אַז קריסמאַס איז געווען אַ שרעקליך הייסער טאָג און אין ניי יאָהר איז די היץ געווען אַזוי שטאַרק, אַז אייז איז טהייער געוואָרען.

פאַרקעהרט, ווען איינער קומט אין יוני אָדער יולי און האָפט צו טרעפען בליהענדע פעלדער און גרינע וועלדער, ווערט ער ערשטוינט צו געפינען אַ נאַקעטע ערד און אין אייניגע ערטער שנעע און אייז.

ווען מען וואוינט שוין אַ לענגערע צייט אין אויסטראַליען, ווערט מען געוואוינט צום קלימאַט, אין דער ערשטער צייט אָבער איז דאָס זעהר איבערראַשענד. אָבער ניט נור דאָס קלימאַט אליין, די גאַנצע נאַטור: די בוימער, די גראָזען, די בלומען, די פייגעל און די טהיערע זיינען אין אויסטראַליען גאַנץ אַנדערש, ווי אין אַנדערע לענדער. — איך וויל דאָ אָנווייזען נור אויף איין זאַך. אין דער גאַנצער וועלט זיינען ערד קוילען, אָדער שטיין קוילען שוואַרץ, אין אויסטראַליען זיינען די ערד קוילען וויים, ווי קרייד. ווי געלערנט דער פרעמדער זאָל ניט זיין, מוז עס איהם דאָך איבערראַשען, ווען ער זעהט צום ערשטען מאָל ווייסע קוילען.

מען קען זיך לייכט פאָרשטעלען, אַז דעם ערשטען טאָג פון זייער רייזע האָט דער פּראָפעסאָר ניט אויפגעהערט צו רעדען און צו דערצעהלען איבער אויסטראַליען. איהם האָט אינטערעסירט יעדעס גרעזעלע, יעדעס ביימעלע, יעדעס פייגעלע, יעדעס ווערימעל. זעהר אָפט האָט ער אוועקגעוואָרפען די פּאַרטיע און איז זיך אוועקגעריטען אין וואַלד זוכען עפּעס אַ נייעס. צום גליק, זיינען די אויסטראַלישע וועלדער ניט אַזוי געדיכט, ווי די אַמערקאַנישע. די וועלדער אין אויסטראַליען בעשטעהן מייסטען טהייל פון אייקליפּטום בוימער **Eucalyptus globul** דאָס איז אַ גאַנץ הויכער און גלאַטער בוים, ביי וועלכען די צווייגען הויבען זיך אָן גאַנץ הויך. זיינע בלעטער זיינען לאַנגע, ווי שווערדען, און שטעהען ניט אין דעם ברייט, זאָנדערן מיט אַ זייט. זיי פאַרשטעלען ניט די זונן, מאַכען ניט קיין שאָטען, ווי בלעטער פון אַנדערע בוימער. אין אַ אויסטראַלישען וואַלד קען מען דורכקוקען אויף אַ גאַנץ גרויסע שטרעקע. ווען לאָרד גלענאַרוואַן פלעגט דערזעהן, אַז דער פּראָפעסאָר זוימט זיך, פלעגט ער איהם שיקען זוכען.

דעם ערשטען טאָג האָט ניט בעזאָנדערס פּאַסירט. אום דריי אוהר זיי־

נען זיי געקומען אין אַן אָרט, וואו עס זיינען געווען זעהר פיעל מאָסיקטאָס (קאָמאַרעס) וועלכע האָבען זעהר שטאַרק געפּלאַגט מענשען און טהיערע. דער פּראָפעסאָר האָט ארויסגענומען אַ פלאַש אַמאָניא און האָט געהייסען בע־שמירען די ערטער, וואו די מאָסקיטאָס האָבען געביסען. דאַדורך איז דער ווייטאָג און דאָס ברענען באַלד פערשוואונדען געוואָרען.

— אויסער די מאָסקיטאָס, זעה איך נאָך ניט די וואונדער פון אויסטראַ־ליען, האָט דער מאַיאָר געזאָגט.

— וואַרט אַביסעל, מיין ליעבער מאַיאָר, האָט איהם דער פּראָפעסאָר געענטפערט. איהר וועט נאָך זעהן, וואָס פאַר אַ וואונדערלאַנד דאָס איז.

געגען אַבענד זיינען זיי אָנגעקומען צו אַ סטיישאָן, (אַ סטאַציאָן) און זיי האָבען בעשלאָסען דאָרט צו נעכטיגען.

אַ סטאַציאָן, אָדער אַ סטיישאָן אין אויסטראַליען הייסט אַן אָרט, וואו עס האָט זיך בעזעצט אַזאַ קאָלאָניכט, וועלכער בעשעפטיגט זיך נור מיט פיהצוכט (רועה צאן ובקר) אַזאַ קאָלאָניסט האָט זעהר אָפט עטליכע טוי־זענד שטיק קיה, אָקסען און שאָף. ער מאַכט קעז און פּוטער, שלאַכטעט די בהמות און מאַכט פון זיי שמאַלץ. איין מאָל אָדער צוויי מאָל אין יאָהר פיהרט ער אַוועק זיינע פּראָדוקטען אין שטאָדט אריין פערקויפען און זיך איינקויפען די נייטיגע זאַכען, וואָס ער בעדאַרף אין זיין סטיישאָן.

אַ מערקווירדיגע זיטע (מנהג) איז איינגעפיהרט אויף די סטיישאָנס אין אויסטראַליען. דער טיש שטעהט אַ גאַנצען טאָג געדעקט און עס שטעהט אויפ'ן טיש מילך, קעז, בוטער, פלייש און אמאָל ברויט אויך. יעדער פרעמדער איז ווילקאָמען. ער קומט אריין און זעצט זיך צום טיש עסען. קומט אריין דער ווירטה און דערזעהט דעם פרעמדען, דערלאַנגט ער איהם נאָך דאָס שעהנסטע און דאָס בעסטע, וואָס ער האָט. קומט ער ניט אריין, עסט דער פרעמדער, ווי פיעל ער וויל און לאָזט איבער אַ צייכען, אַז ער איז דאָ געווען. אַ גרינע צווייג, אַ בלום, אָדער אַ פרוכט דיענט אַלס צייכען, אַז אַ פרעמדער איז דאָ געווען, האָט געגעסען און דאַנקט דעם ווירטה פאַר זיין גאַסט־פריינדשאַפט.

אונזערע רייזענדע זיינען געקומען פאַר נאַכט, ווען דער ווירטה, זיין פאַמיליע און זיינע ארבייטער זיינען אַלע געווען אין דער היים. מען האָט זיי אויפגענומען זעהר פריינדליך. מען האָט זיך געזעצט צום טיש און מען האָט געגעסען מיט אַפּעטיט, וואָס דער ווירטה האָט אויפגעגעבען.

— אין וואָס פאַר אַ טהייל פון אויסטראַליען זיינען מיר יעצט? האָט לאָרד גלענאַרוואַן געפרעגט דעם פּראָפעסאָר.

— גאַנץ אויסטראַליען איז איינגעטהיילט אין זעקס גרויסע לענדער אָדער פּראָווינצען, האָט דער פּראָפעסאָר ערקלעהרט: ניו סאַוטה וועלז מיט דער הויפּט שטאָדט ס י ד נ י י; קווינסלאַנד מיט דער הויפּט שטאָדט ב ר י ז ב י י ן; וויקטאָריא מיט דער הויפּט שטאָדט מ ע ל ב ו ר ן; סאַוטה אויסטראַליא מיט דער הויפּט שטאָדט א ד ע ל א י ד יא; וועסט אויסטראַליא מיט דער הויפּט שטאָט פּערטה און נאָט אויסטראַליא, וועלכע האָט נאָך קיין הויפּט שטאָדט ניט, ווייל זי איז נאָך אַזוי וועניג בעפעלקערט

בעפעלקערט, אז עס איז נאך ניטא ניט איין שטאדט, וועלכע מען זאל קענען רופען דיא הויפט שטאדט.

פערגעסט ניט, אז דיעזע אלע זעקס לענדער ליעגען ביים מעער. אין דער מיט אויסטראליען ליעגט נאך א גרויס שטיק לאנד, א גאנצע וועלט, וועלכעס איז נאך יעניג בעקאנט. ווענינ אויסגעפארשט און נאך גאנץ אונבעוואינט.

מיר געפינען זיך יעצט אין לאנד וויקטאריא, האט דער פראפעסאר געענדיגט זיין רעדע. ריכטיגער געזאגט, מיר זיינען נור וואס ארויסגעקומען פון לאנד וויקטאריא.

— מיר שיינט, אז וויקטאריא איז ערשט ניט לאנג בעזעצט געווארען, האט ליידי העלענא געזאגט.

— געוויס! האט אויסגערופען דער פראפעסאר. דיענסטאג דעם 7טען יוני 1835 —

— א פערטעל נאך זיעבען אין דער פריה, האט געלאכט דער מאיאר.

ער פלעגט שטענדיג לאכען דערפון, וואס דער פראפעסאר האט ליעב געהאט צו דערצעהלען אלעס אזוי פונקטליך: אין וואס פאר א יאהר און אין וואס פאר א טאג עס האט געטראפען.

— ניט גאנץ ריכטיג, מאיאר! האט דער פראפעסאר אויסגערופען. עס איז געווען צעהן אוהר אין דער פריה, ווען צוויי מענשען, מיטן נאמען באטמאן און פאלקנער, האבען אנגעהויבען צו בויען א שטאדט לעבען מעער, וועלכע זייא האבען א נאמען געגעבען פארט פיליפ. שפעטער האט מען זיא א נאמען געגעבען מעלבורן און ויא איז געווארען דיא הויפטשטאדט פון א גאנצע פראווינץ, וועלכע אין 1851 האט מען א נאמען געגעבען וויקטאריא.

— אזוי שנעל איז זיא געוואקסען? האט ליידי העלענא געפרעגט. אין דרייסיג יאהר איז זיא געווארען דיא גרעסטע שטאדט אין גאנץ אויסטראליען?

— זעהט איהר, מיליידי, וויא שטעדט וואקסען, מענשען ווערן רייך און לעבען גליקליך, ווען מען לאזט זיי טר צורוה; ווען מען לערנט זיי ניט, מוסטערט זיי ניט, ווייזט זיי ניט און פיהרט זיי ניט. אין 1835 האבען צוויי מענשען אנגעהויבען צו בויען דיא שטאדט, אין 1836 האט דיא שטאדט שוין געהאט צוויי הונדערט פיער און פערציג איינוואינער. היינט, אין 1864 האט מעלבורן מעהר אלס הונדערט פופציג טויזענד איינוואינער. אין דעם גאנצען לאנד וויקטאריא געפינט זיך יעצט מעהר אלס א האלבע מיליאן איינוואינער.

אין 1835 איז אין דעם גאנצען לאנד ניט געווען ניט איין וויינשטאק, היינט געפינט זיך אין וויקטאריא 7 מיליאן וויינשטעקע, וועלכע גיעבען ארויס יעהרליך 121 טויזענד גאלאן וויין. 103 טויזענד פערד און מעהר אלס 75 טויזענד קיה און אקסען פאשען זיך אויף דיא פרייע פעלדער.

— און וויא פיעל שוויינע זיינען דא אין וויקטאריא? האט געפרעגט דער מאיאר.

— 79 טויזענד 625, האט דער פראפעסאר געענטפערט.

— און וויא פיעל שעפסען געפינען זיך אין וויקטאריא?

— 7 מיליאן, 115 טויזענד 943, האט דער פראפעסאר געלעזען וויא פון א בוך.

— האט איהר גערעכענט דעם שעפס, וועלכען מיר עסען יעצט? האט דער פאיאר געפרעגט

איהם האט פערדראסען, וואס דער פראפעסאר ווייס אזוי גענוי דיא צאהל פון יעדער זאך.

— דעם שעפס האב איך ניט געקענט רעכענען, ווייל איהר האט שוין מעהרער וויא העלפט אויפגעפרעסען, האט דער פראפעסאר געענטפערט בייז.

— בראווא, פראפעסאר פאגאנעל! האט ליידי העלענא אויסגערופען מיט א געלעכטער. ווייזט איהם, דעם אלטען סאלדאט, אז איהר קענט בעסער פון איהם געאגראפיע. לאז ער וויסען, וויא אזוי צו קריגען זיך מיט א פראפעסאר. ווען ער גלויבט אייך ניט, זאל ער געהן און צעהלען.

— דאס איז מיין פראפעסיאן, האט דער פראפעסאר געזאגט ערנסט. דארויף האב איך שטודירט. דארויף האב איך געלערנט. איך מוז וויסען אלע ציפערן און דיא צאהל פון יעדע זאך. — איך זאג אייך נאך א מאל. מיר וועלען האבען אן אנגענעהמע רייזע און וועלען זעהן פיעלע וואונדער זאכען.

— מיר זיינען שוין אין אויסטראליען דעם פיערטען טאג און איך האב נאך איין וואונדער ניט געזעהן, האט זיך דער מאיאר גערייצט מיט'ן פראפעסאר.

— ווארט, אונגעדולדיגער מענש! האט זיך דער פראפעסאר געבייזערט. מיר האבען דאך ערשט ארויפגעטרעטען מיט א פוס אין אויסטראליען. מיר זיינען ערשט ביים ברעג פון אויסטראליען, ביים גרענעץ פון אויסטראליען. מיר וועלען זיך נאך אנ־זעהן אזוי פיעל וואונדער, אז איהר וועט ניט וויסען, וועלכעס איז גרעסער.

— איהר האט אונז שוין דערצעהלט פון איינינע וואונדער, האט ליידי העלענא געזאגט. וועלכעס איז, נאך אייער מיינונג, דאס גרעסטע וואונדער פון אויסטראליען?

— דאס גרעסטע וואונדער פון אויסטראליען, איז אויסטראליען אליין, האט דער פראפעסאר געענטפערט.

— וואס מיינט איהר דערמיט? איך פערשטעה אייך ניט.

— איך פערשטעה עס אליין אויך ניט, האט דער פראפעסאר געענטפערט. אין אויסטראליען זיינען קיין מאל ניט געוועזען קיין ווילדע טהיערע. דער מענש אין אויסטראליען ווערט גוט און פריינדליך. דיא גרעסטע פערברעכער, ווען זיי קומען קיין אויסטראליען, ווערן זיי בעסער, שטילער און פריינדליכער.

ליידי העלענא האט איהם אנגעקוקט מיט בעוואונדערונג. זיא האט עס געהערט צום ערשטען מאל, אז אין אויסטראליען געשעהן אזעלכע וואונדער.

— וויא קענט איהר עס ערקלערן, פראפעסאר?

— איך קען עס ליידער ניט ערקלערן. איך ווייס נור, אז דיא ביענען אין אויס־טראליען האבען ניט קיין גיפט און בייסען ניט. מען האט געבראכט ביענען פון איי־ראפא, ווייל דיא ווילדע אויסטראלישע בינען גיבען זעהר ווענינ האניג. דיא אייראָ־פעאישע בינען זיינען זעהר גוט געראטהען. זיי האבען זיך שטארק פערמעהרט און גיבען זעהר פיעל האניג. זיי האבען אבער אויך פערלארען זייער גיפט און בייסען ניט. — קוקט אייך צו צו דיא אָקסען און צו דיא פערד אין אויסטראליען און איהר וועט זעהן,

אז זיי זיינען שטילער, רוהיגער און ניט אזוי ווילד, ווי אין אנאנדער לאנד.
— נאך מעהר, אייזען אויף דער לופט ווערט דא ניט פעררזאסט. די טרוקענע, געזונדע, שטארקע לופט אין אויסטראליען מאכט יעדער זאך וויים און ריין. מעטאלען, ליינוואנד און דער כאראקטער פון מענשען און טהיערע ווערען וויים ריין אין אויסטראליען.

— דאס איז ווירקליך א וואונדער, האט לידי העלענא געזאגט. דאס איז ווירקליך דאס גרעסטע וואונדער אין אויסטראליען.

דעם אנדערן טאג זיינען זיי ווייטער געפאהרען און עס האט זיי גאר ניט פאסירט. אויף דער נאכט זיינען זיי צוגעפאהרען צו א וואלד און האבען בעשלאסען דארט צו נעכטיגען. עס איז געוועזן ווארם און שעהן. מען האט אויסגעשפאנט די אקסען און זיי געלאזען זיך פאסען אין גראז. מען איז געזעסען און גערעדט ביז שפעט אין דער נאכט. פלוצלונג האבען זיי דערהערט, אז מען לאכט ערגעץ איבער זייערע קעפ. אלע האבען זיך דערשראקען: ווער זאל עס לאכען פון זיי?

— אט האט איהר א וואונדער פון אויסטראליען, האט געזאגט דער פראפעסאר רוהיג: דאס איז דער לאך פויגעל. ער האט געוויס א נעסט אין א בוים איבער אונזערע קעפ.

יעצט האבען זיך אלע צוגעהערט. דאס איז געוועזן ווירקליך א גאנץ בעזאנדערעס לאכען. עס האט זיך אויסגעוויעזען, אז מען קיצעלט איינעם זעהר שטארק און ער מוז לאכען. באלד אבער האט זיי איבערראשט עפעס אנדערש. מען האט דערהערט ערגעץ ווייט אין וואלד דאס קלינגען פון א גלאק.

— זאל זיין דא ערגעץ א קירכע דא אין וואלד? האט דער מאיאר געפרעגט.

— ניין, מיין ליעבער מאיאר, דאס קלינגט דער גלאקען פויגעל. דא האט איהר א צווייטע וואונדער פון אויסטראליען. א פויגעל קלינגט פונקט, ווי דער גלאק פון א קירכע. אבער ווארט! דאס איז ערשט אן אנפאנג, איהר וועט נאך זעהען גרעסערע וואונדער.

די נאכט איז פערגאנגען רוהיג. מען איז געשלאפען אין דרויסען אויף דער פרייער לופט. די ריינע, פרישע און געזונדע לופט האט אלעמען דערקוויקט. מען איז אויפגעשטאנען אין דער פריה פריש און מונטער.

10טעם קאפיטעל.

א ס י ב ה.

מונטער און פרעהליך איז געגאנגען די רייזע ווייטער דעם אנדערן טאג, דעם צווייטען פעברואר. דער טאג איז געוועזן זעהר א הייסער. די זון האט געברענט. זיי זיינען צוואר געפאהרען אין א וואלד, די אייקאליפטוס ביימער אבער מאכען קיין שאטען ניט. געגען מיטאג איז לארד גלענארוואן געווארען זעהר דורשטיג. ווי אויף צו להכעיס, איז אין דער גאנצער געגענד ניט געוועזן קיין טייך, קיין ברונען, קיין אזיערא (זעע). לידי העלענא איז אויך געווארען דורשטיג און האט געזאגט שטילערהייט:

— אך, וואו נעהמט מען אביסעל וואסער?

זיי האבען צוואר געהאט מיט זיך וויין. ער איז אבער געווארען ווארם און מיט ווארעמען וויין קען מען דעם דורשט ניט שטילען.

— איך וועל אייך שאפן וואסער, האט דער פראפעסאר געזאגט.

— וואו וועט איהר נעהמען וואסער אין דיעזער טרוקענער, פערברענ־טער געגענד? האט ליידי העלענא געפרעגט פערוואונדערט.

— איך וועל אייך שוין שאפן, האט דער פראפעסאר געענטפערט און איז אוועקגעגאנגען אין וואלד.

עס איז פערגאנגען א גערוימע צייט און מען האט דעם פראפעסאר ניט געהערט און ניט געזעהען. פלוצלונג האט מען געהערט שרייען:

— ליידי העלענא! לארד גלענארוואן! וואסער! איך האב וואסער!

מען האט געמיינט, אז ער האט ערגעץ אויסגעפונען א ברונען אדער א קוואל און אלע זיינען געלאפען צו דעם ארט, וואו דער פראפעסאר איז גע־שטאנען. ווי גרויס איז געווען זייער ערשטוינונג, ווען זיי זיינען צוגעקומען און האבען ניט געזעהן, ניט קיין ברונען, ניט קיין קוואל, ניט קיין טראפען וואסער. דער פראפעסאר איז געשטאנען לעבען א זאנדערבארען בוים, וועל־כער איז אונטען געווען גאנץ דיק, אויבען אבער פון די הויך פון א מענשען, איז ער געווארען אלץ שמעלער און שמעלער. דער בוים האט אויסגעזעהן, ווי א גרויסע פלאש. ער איז נאך געווען אזוי עהנליך צו א פלאש, ווייל ער איז אונטען געווען גאנץ גלאט, נור אויבען האט ער געהאט א קרוין פון בלעטער.

— וואו איז אייער וואסער? האט ליידי העלענא געפרעגט. — איהר האט אונז אפגענארט, פראפעסאר!

דער פראפעסאר האט גאר ניט געענטפערט. ער האט ארויסגענומען פון בוים א שטיק קארע (רינדע) גרויס ווי א גלאז און האט געוויזען ליידי הע־לענא. דער בוים איז אינעווייניג געווען פול מיט וואסער. ליידי העלענא האט אנגעשעפט א גלאז און האט עס אויסגעטרונקען מיט פערגניגען. דאס וואסער איז געווען קלאר, קאלט און געשמאק. לארד גלענארוואן און דער מאיאר הא־בען אויך פערזוכט דאס וואסער און זיי האבען זיך גאר דערקוויקט.

— וואס איז דאס, פראפעסאר? האט ליידי העלענא געפרעגט, ווען אלע האבען זיך אנגעטרונקען. — פון וואנען האט איהר געוואוסט, אז אין דיעזען בוים איז דא א קוואל וואסער?

— ווייל איך האב געלערענט געאגראפיע, מיליידי, האט דער פראפע־סאר געענטפערט שטאלץ. מיינט ניט, אז אין דיעזען בוים איז דא א קוואל.

— דאס איז אזא סארט בוים. ער הייסט דער פלאשענבוים Bottle tree. און איז איינער פון די וואונדער פון אויסטראליען. ער זויגט אויס דאס וואסער פון דער ערד, און זאמעלט עס אן אין דערמיט, וואו ער איז אויסגעהוילט. אין אזא בוים קען מען אמאל געפינען צוואנציג גאלאן וואסער.

די ווילדע פון אויסטראליען ווייסען, ווי צו שעטצען דיעזען בוים. ער איז ביי זיי „טאבו,״ הייליג. מען טאר ניט גראבען ערד ארום איהם. מען טאר ניט קלעטערען אויף איהם. מען טאר קיין בלעטעלע פון איהם ניט אפרייסען. נור, ווען מען איז דורשטיג, שניידעט מען אויס א שטיקעל פון זיין גראבער קארע (רינדע) מען טרינקט

זיך אן און מען לעגט ווידער צו דאס שטיקעל קארע אויף איהר ארט. דיא ו
באלד פערוואקסען.

— בראוואָ, פּראָפעסאָר! בראוואָ! האט דער מאיאָר אויסגערופען. יעצט גלויב
איך אייך, אז אויסטראַליען איז א וואונדער לאַנד.

דערפרישט מיט׳ן קאַלטען, פרישען וואסער פון׳ם פלאַשענבוים, זיינען אונזערע
רייזענדע ווייטער געפאהרען. געגען פיער אוהר נאך מיטאג האט ראָבערט גראנט
אנגעטראָפען אזעלטזאַמעס טהיער. ער האט זיך דערשראָקען. אזא ווילדע זאך האט
ער נאך קיין מאל ניט געזעהן. דער גאנצער קערפּער איז געווען בעדעקט מיט נאָדלען,
אָדער שפּיזעלעך. עס האט געהאט גאנץ קליינע פיסעלעך און א שנאָבעל פון א פויי
געל. פון׳ם שנאָבעל האט ארויסגעשטעקט א דינע לאַנגע צונג. ראָבערט האט אנגע-
הויבען צו שרייען און צו רופען, ווען ער האט דערזעהן דיעזעס ווילדע, משונה׳דיגע
בעשעפעניש. לאָרד גלענאַרוואַן, דער פּראָפעסאָר און דער מאיאָר זיינען באלד צוגע-
לאָפען צו איהם. ווען לאָרד גלענאַרוואַן האט דערזעהן דאס טהיער, איז ער אפּגע-
שפּרונגען מיט שרעק.

— שרעקט אייך ניט, מילאָרד! האט דער פּראָפעסאָר געזאָגט, דאס איז א
עכידנא. עס טהוט גאָר ניט. עס ערנעהרט זיך פון אמייזען (מוראַשקעס). ווען
עס בעגעגענט א הויפען פון אמייזען, שטעקט עס אריין זיין לאַנגע קלעבעדיגע צונג
צווישען דיא אמייזען, וועלכע קלעפּען זיך אהן אן צונג. דאס איז זיין איינציגע שפּייז.
ווייטער טהוט עס קיינעם קיין שלעכטס ניט.

— עס איז אבער שרעקליך צו קוקען דאַרויף! האט לאָרד גלענאַרוואַן אויס-
גערופען.

— מילאָרד! האט דער פּראָפעסאָר געזאָגט ערנסט. אין דער נאַטור איז ניטא
קיין שרעקליכע, קיין אבשייליכע און קיין מיאוסע בעשעפעניש. אלעס, וואס איז דאָ
אויף דער וועלט, איז שעהן און גוט. יעדעס האט זיין פּלאַץ און טהוט גוט זיין פּפליכט.
:אר דער מענש איז שלעכט, ער איז דער ערגסטער פון אלע בעשעפענישען.

ווען זיי זיינען אזוי געשמאָכען און גערעדט, האט קאַפּיטאַן פאַרראַגוט דערזעהן
ערגעץ וויט א הויכען זייל פון רויך. ער האט עס געוויעזען דעם פּראָפעסאָר און לאָרד
גלענאַרוואַן. דא אבער האט שוין דער פּראָפעסאָר אויך גאָר ניט געקענט ערקלערען.
ער האט ניט געוואוסט, וואס דאס איז. דאס האט אייערטאָן ערקלערט.

— דאס טרייבט מען א העערדע (סטאַדאָ) קיה, אָקסען און שעפּסען, האט ער
געזאָגט. עס מוז דאַרט זיין עטליכע טויזענד שטיק. זיי געהן אויפ׳ן אויסגעטריקענטען
באָדען און מאַכען אן א שטויב. פון דער ווייטען ווייזט זיך עס אויס, אז עס איז א
רויך

ער איז געווען בעסער בעקאַנט מיט אויסטראַליען, אלס דער געלערנטער פּאגאַ-
נעל. אזא זאך האט ער שוין בעסער ערקלערט פון׳ם פּראָפעסאָר.

עס איז פערגאַנגען א פערטיל שטונדע און מען האט דערהערט א ברומען, מע-
קען און בלעקען, אז עס איז געווען פערטויבט צו ווערן. דיא בהמות זיינען געקומען נע-
העגטער, דער שטויב איז געוואָרען גרעסער. עס איז געוואָרען פינסטער. פּלוצלונג איז

ס פון'ם וואלקען שטויב א רייטער אויף א פערד. דאס איז געווען דער הויפט פיהרער פון דיזער פיער פיסיגער ארמעע. לארד גלענארוואן איז איהם ענטגעגען געריטען און האט איהם בעגריסט.

דער מאן האט איהם אויפגענומען גאנץ פריינדליך און האט איהם דערצעהלט, אז דיא גאנצע העערדע געהערט צו איהם און נאך צוויי שותפים. זיי האבען דא מעהר אלס צוועלף טויזענד שטיק בהמות. זיי האבען זיי געקויפט אין דיא אסט פראווינצען, וואו דיא בהמות זיינען זעהר ביליג און טרייבען זיי קיין מעלבורן, וואו זיי האפען צו מאכען א גוטעס געשעפט. עס שטעהט צו פערדיענען ביז 8 דאלאר אויף יעדען אָקס און צעהן שיללינג אויף יעדען שעפס. אבער איידער מען ברענגט אזא ארמעע אויפ'ן ארט, וויא פיעל שוויערינקייטען, וויא פיעל הארטע און שווערע ארבייט קאָסט עס!

— מיר פערדיענען מאקע זעהר גוט, האט דער פיהרער געזאגט, אבער מיר פערדיענען עס זעהר עהרליך. מיר ארבייטען שווער און ביטער אויף דעם געלד, וואס מיר פערדיענען. דריי מאנאטע האט געדויערט דיא רייזע אהין, אין פארטלאנדביי, וואו מיר האבען געקויפט דיא בהמות. פיער מאנאטע דארף דויערן דיא רייזע צוריק. איך האב מיט מיר דרייסיג מענשען און 20 הינט. אזא ארמעע פון מעהר אלס צוועלף טויזענד שטיק, איז זעהר שווער צו רעגירען. מען מוז אויף זיי שטענדיג אכטונג געבען, זיי זאלען זיך ניט צו לויפען.

ער האט געוויזען אונזערע רייזענדע דיא ארדנונג, אין וועלכער ער האלט זיין ארמעע. צו ערשט געהן דיא אָקסען, איינגעטהיילט אין רעגימענטער און באטאליאָנען. דאן קומען דיא קיה. שפעטער קומען דיא שעפסען. דיא אָקסען זיינען זעהר שטאָלץ. זיי ווילען ניט עסען דאס גראָז, אויף וועלכער דיא שעפסען זיינען געגאנגען. מען מוז זיי לאזען געהן אין פאראוים. זיי זיינען מיוחסים.

וואונדערבאר איז דאס. מען דארף זיי קיין וועג ניט וויזען. זיי געפינען אליין דעם וועג. זיי זוכען זיך אויס דיא ערטער, וואו עס וואקסט גוטעס גראָז און עס איז דאָ גענוג וואסער צום טרינקען. געפעלט זיי אן אָרט און זיי בלייבען שטעהן, מוז מען זיך אפשטעלען. עס העלפט ניט קיין בייטש, עס העלפען ניט דיא הינט. מען מוז זיך אפשטעלען, ביז זיי עסען זיך גוט אָן און רוהען זיך אויס, דאן געהן זיי ווייטער.

ווען מען געהט אויף פעלדער, איז עס נאך גאנץ גוט. דיא ארמעע האלט זיך אין ארדנונג. קוים קומט מען אבער אין א וואלד, דאן הערט דיא ארדנונג אויף. קיה, אָקסען, שעפסען און פערד מישען זיך אויס און מען מוז קוקען מיט צעהן אויגען, זיי זאלען זיך ניט צולויפען אדער אייניגע זאלען ניט פערפאלען ווערן.

גוט איז נאך, ווען עס איז שעהנעס וועטער. קוים אבער געהט א רעגען און עס הייבט אן צו דונערן און צו בליצען, דערשרעקען זיך דיא בהמות און הויבען אָן צו לויפען וויא וואהנזיניגע. דאן האט מען א שווערע, הארטע ארבייט זיי צוזאמען צו האלטען.

נאך ערגער איז, ווען מען קומט צו א טייך און מען דארף איהם אריבערגעהן. דאן האט מען צרות איפ'ן פוד. אמאל ווילען דיא אָקסען ניט געהן איבערן וואסער.

מען מעג זיי דער'הרג'ענען, זיי ווילען נים. אמאל געהען די אָקסען אריב און די שעפסען ווילען נים געהן. מען מוז שלעפּען. זיי צולויפען זיך.

לאָרד גלענאַרוואָן איז געווען העכסט צופריעדען, וואס ער האָט בענגענט די אָקסען טרייבער. ער האָט זיך אביסעל בעקענט מיט אויסטראַליען. ער האָט אבשיעד גענומען פון'ם אָקסען־טרייבער, האָט איהם געוואונשען גליק און איז ווייטער געפאָהרען.

געגען אָבענד זיינען זיי געקומען צו א גרויסען טייך מיט'ן נאָמען ווימערא. איבער'ן טייך איז נים געווען קיין בריק, קיין פּאָראָם, קיין פערדי. מען האָט געמוזט אריבערפאָהרען דעם טייך. אזוי ווי מען האָט אָבער נים געקענט וויסען, ווי טיעף דער טייך איז, האָט מען בעשלאָסען, מען זאָל איבערנעכטיגען אויפ'ן אָרט און מאָרגען פריה זאָל מען אויסזוכען אַן אָרט, וואו דער טייך איז נים טיעף, און מען זאָל איהם אריבערפאָהרען — די מענער אויף זייערע פערד און די דאַמען אין זייער וואָגען.

אין דער פריה איז אייערטאָן געגאַנגען זוכען אַן אָרט, וואו דאס וואסער איז ניט טיעף. ער האָט אויך באַלד געפונען אַזאַ אָרט. לאָרד גלענאַרוואָן האָט געפרעגט אייערטאָן, אויב עס איז ניטאָ קיין געפאַהר, אויב עס וואָלט נים גלייכער געווען, אז די דאַמען זאָלען זיך זעצען אויף די פערד?

— אָה, ניין! די דאַמען מעגען רוהיג זיצען אין וואָגען. עס איז קיין געפאַהר ניטאָ.

מען איז אריינגעפאָהרען אין טייך. די מענער זיינען געפאָהרען פון ביידע זייטען פון'ם וואָגען. אין דער מיט טייך זיינען די אָקסען אריינגעקראָכען אין א לאָך, דער וואָגען האָט זיך אָנגעבויגען. די דאַמען זיינען שיעור ניט ארויסגעפאַלען. אייערטאָן איז באַלד אריינגעשפּרונגען אין וואסער און האָט זיך בעמיהט אויסצוגלייכען דעם וואָגען. עס איז איהם צוואר געלונגען, אבער עס האָט עפּעס א שטאַרקען קנאַק געטהאָן. — עפּעס האָט זיך צובראָכען. קאַפּיטאַן פאַרראַגוט און דער מאַיאָר האָבען געהאָלפען אייערטאָנען אויסצוגלייכען דעם וואָגען. מען איז ענדליך אריבערגעפאָהרען דעם טייך.

ווען מען איז געקומען פון דער אַנדערער זייט טייך, האָט מען ערשט דערזעהן, וואס עס האָט אזוי געקנאַקט. אַן אַקס האָט זיך צובראָכען, דער סוואָרען — א גראָב שטיק אייזען, וועלכעס האַלט די אַקס — האָט זיך איינגעבויגען. — מען קען ווייטער ניט פאָהרען.

וואס טהוט מען יעצט? וואו נעהמט מען א שמיד, ער זאָל צורעכט מאַכען די אַקס? — אייערטאָן האָט געזאָגט, אז ער וועט געהן ברענגען א שמיד.

— אבער ווי לאַנג וועט עס דויערן? האָט לאָרד גלענאַרוואָן געפרעגט. ווי פיעל צייט דאַרף עס נעהמען, ביז איהר וועט קומען צוריק מיט א שמיד?

— פופצעהן ביז אַכצעהן שטונדען, האָט אייערטאָן געענטפערט.

— אַלזאָ, געהט און קומט באַלד צוריק. מיר וועלען זיך דערווייל אויסרוהען.

אייערטאָן האָט גענומען א פערד, האָט זיך אויפגעזעצט אויף איהם און איז אוועקגעפאָהרען.

11טעם קאפיטעל.

אן אונגליק אדער א פערברעכען.

דעם מאיאר איז ניט געפעלען, וואס אייערטאן איז פון זיי אוועקגעפאהרען. איהם איז ניט געפעלען, וואס אייערטאן האט אלעמען פערזיכערט, אז דאס וואסער אין טייך איז ניט טיעף און פלוצלונג אין דער מיט טייך האט זיך ארויסגעוויעזען, אז דאס וואסער איז טיעף. איהם איז ניט געפעלען, וואס די אקס האט זיך פלוצלונג אויף אזא זאנדערבארער ארט צובראכען. ער האט אבער קיינעם ניט געזאגט, אז איהם געפעלט ניט אייערטאן.

לארד גלענארוואן איז נור געווען אונגעדולדיג. ער האט געוואלט, אז אייערטאן זאל באלד קומען צוריק. מען זאל צורעכט מאכען דעם וואגען און מען זאל ווייטער פאהרען.

אבער אזוי ווי אייערטאן האט געזאגט, אזוי איז געווען. דעם אנדערן טאג איז ער צוריקגעקומען און האט געבראכט מיט זיך א שמיעד. דער שמיעד האט צוואר אויסגעוויעזען עפעס זאנדערבאר. ער האט אויסגעוויעזען זעהר ווילד און איז געווען שטארק פערוואקסען און פערווילדערט. דער פראפעסאר האט א ציטער געטהאן, ווען ער האט איהם דערזעהן. דער מאיאר האט אויף איהם ניט געקענט קוקען. אבער ווער געהט עס אן, ווי דער שמיעד זעהט אויס? מען דארף זיין ארבייט, ווייטער גאר ניט.

ער האט זיך באלד גענומען צו דער ארבייט און מען האט געזעהן, אז ער פערשטעהט זיין ארבייט. דער מאיאר האט געזעהן, אז דער ארים פון'ם שמיעד איז געווען, ווי איינגעקארבט, אדער איינגעשניטען. עס איז איהם געווען א וואונדער, ווי קומט צו א געוועהנליכען שמיעד אזא זאנדערבארע וואונד. דאס קען נור קומען פון טראגען א לאנגע צייט א שווערע קייט אויפ'ן ארים. ער האט געפרעגט דעם שמיעד, וואס דאס איז און פון וואנען דאס קומט. דער שמיעד אבער האט איהם ניט געענטפערט און האט ווייטער געארבייט. דער שמיעד האט פיינט געהאט צו רעדען.

עס האט געדויערט א פאאר שטונדען און דער וואגען איז געווען פערטיג. לארד גלענארוואן האט בעצאהלט דעם שמיעד זעהר עהרליך. דער שמיעד האט זאגאר ניט געדאנקט און איז זיך אוועקגעגאנגען.

קוים איז דער וואגען געווען פערטיג, האט מען זיך ווייטער געלאזען אין וועג. מען איז געפאהרען א גאנצען טאג אהן יעדע שטערונג. דעם אנדערן טאג איז מען געקומען צו א שטעדטעל מיט'ן נאמען קאריסברוק. אייערטאן האט געראטהען, מען זאל ניט אריינפאהרען אין שטעדטעל.

— עס וועט פערנעהמען צופיעל צייט, האט ער געזאגט. ווען מען פאהרט אריין אין שטעדטעל, מוז מען פארפאהרען אין א האטעל. עס ווילט זיך אויסרוהען אויף א בעט. מען וויל אנקוקען דאס שטעדטעל. אזוי פערליערט מען צייט.

לארד גלענארוואן איז געווען מיט איהם איינפערשטאנדען. דער פראפעסאר אבער האט בשום אופן ניט געוואלט צוגעבען, ווייל ער איז געווען נייגעריג. ער האט געוואלט זעהן דאס שטעדטעל. עס איז געבליעבען,

אז דער פּראָפעסאר זאל ארייגפאהרען קיין קאריסברוק און דיא גאנצע פּארטיע זאל פּאָהרען לאנגזאם ווייטער.

דער פּראפעסאר האט מיט זיך גענומען דעם קליינעם ראבערט גראנט און איז אריינגעפאהרען אין שטעדטעל. ער איז אבער באלד צוריקגעקומען. עס איז דארט ניט געווען וואס צו זעהן. אין שטעדטעל האט זיך צוואר זעהר געראשט. ניט ווייט פוּ׳ם שטעדטעל איז געווען א פעלד, וואו מען האט געגראָבען גאָלד. יעדער אין שטעדטעל איז געווען שטארק בעשעפטיגט. מען האט געקויפט און פערקויפט. קיינער האט זיך ניט אומגעקוקט אויפ׳ן פּראפעסאר מיט זיין בעגלייטער. זיי האבען דאהער באלד אָנגעיאָגט דיא גאנצע פּארטיע און זיינען מיט זיי ווייטער געפּאָהרען.

איינינע הונדערט מייל פון קאריסברוק געפינט זיך א בערגינע געגענד מיט׳ן נאמען מאונט אלכסנדר. דארט האט מען געפונען זעהר פיעל גאלד. טויזענדער מענשען האבען זיך געצווינגען אהין צו גראבען גאלד. דיא רעגיערונג האט בעשלאסען צו בויען איין אייזענבאהן פון קאריסברוק ביז מאונאט אלכסנדר. א גרויסער טהייל פון דיעזער באהן איז שוין געווען פערטיג און מען איז שוין געפאהרען אויף איהר.

אונזערע רייזענדע האבען געדארפט אריבערפאהרען דיעזע אייזענבאהן ליניע. זיי האבען געמוזט זאגאר אנלעגען אביסעל וועג אום זיא אריבערצופאהרען, ווייל דיעזער וועג פיהרט איבער א בריק איבערן גרויסען טייך, מורריי. דאס איז דיא איינציגע בריק אין יענע געגענד.

ווען זיי זיינען צוגעקומען אויף א מייל דיא ווייט פון דער בריק, האבען זיי געהערט א שרעקליכעס פייפען פון לאקאמאטיווען, מענשען זיינען געלאפען פון אלע זייטען, האבען געשריען, געוויינט און געבראכען דיא הענד. לארד גלענארוואָן מיט זיינע מענשען האבען פערשטאנען, אז דא איז געשעהן עפּעס אונגעוועהנליכעס. זיי האבען געגעבען זייערע פערד דיא שפּארען און זיינען צוגעלאפען צו דער בריק.

א שרעקליכע, שוידערהאפטע סצענע האט זיך זיי פאָרגעשטעלט. דיא בריק איז אין דערמיט געווען צו בראכען. צעהן וואַגאָנעס מיט׳ן לאקאמאטיוו זיינען געלעגען אין וואסער. דער עלפטער איז געבליעבען הענגען אין דער לופט. דער גאנצער טייך איז געווען פול מיט שטיקער וואַגאָנעס, באַגאַזש און צווישען זיי זיינען געשוואומען פערבלוטיגטע גליעדער פון מענשען. דיא צעהן וואַגאָנעס זיינען געווען פול מיט פּאַסאַזשירען. דיא בריק האט זיך איינגעבראכען פונקט אין דערמיט טייך.

וויאפיעל מענשען זיינען אומגעקומען? וויאפיעל פּאסאזשירען זיינען דאמאלס געווען אין דיא וואַגאָנעס?

דאס האט קיינער ניט געקענט וויסען. — דיא פּאַסאַזשירען פוּ׳ם עלפטען וואַגאָן זיינען צוערשט געבליעבען זיצען, וויא פערשטיינערט פאר שרעק. דאן האבען זיי זיך אנגעהויבען צו רייסען צו דער טהיר פוּ׳ם וואַגאָן, עס איז געווארען א געדרענג און א געשלעג, אז איינינע פּאסאזשירען זיינען דערביי ערהרגעט געווארען. זייערע טויטע קערפּער זיינען געלעגען צו־ווארפען ארום דעם אייזינגען, איבערגעבליעבענעם וואַגאָן.

לארד גלענארוואָן, דער פּראָפעסאָר, דער מאַיאָר און דער קאַפּיטאַן פּאַרראַנט

האבען געציטערט, ווען זיי האבען דערזעהן דיא שרעקליכע סצענע. דאס אומגליק איז געוויס געשעהן מיט א פאר שטונדען צוריק, ווייל מען האט שוין דערפון געוואוסט אין דער געגענד ארום און פון אלע זייטען זיינען אנגעקומען מענשען זעהן, פרעגען, העלפען און רעטען.

— דיא בריק איז געוועזן שלעכט געבויט, זיא האט ניט געקענט אויסהאלטען דיא שווערע משא פון'ם צוג און האט זיך איינגעבראכען, האט געזאגט איינער.

— ניין, האט זיך אפגערופען אנאנדערער, מען האט דיא בריק ניט צוגעשלאסען. דער צוג איז אנגעקומען און איז אריינגעפאלען אין וואסער.

לארד גלענארוואן מיט זיין פארטיע האבען זיך אומיסטען צוגעהערט, וואס מען רעדט וועגען דיזעס שרעקליכע אומגליק.

דיא בריק איז ווירקליך געוועזן א צוג בריק. זיא פלעגט זיך עפענען אום דורכצולאזען שיפען און, ווען דיא שיפען פלעגען דורכגעהן, פלעגט זיא זיך ווידער פערמאכען.

באלד איז אנגעקומען דער גובערנאטאר פון דער פראווינץ מיט'ן פראקוראר, מיט דאקטוירים, מיט אמבולאנס וועגען, מיט א גאנצע ארמעע פון מענשען און פאליסלייט אום צו העלפען דיא פערוואונדעטע און אויסצופארשען, וויא אזוי דאס אומגליק איז געשעהן און ווער עס איז שולדיג.

לארד גלענארוואן האט זיך פארגעשטעלט פארן גובערנאטאר און פארן שעף פון דער פאליציי.

— וואס פאר א שרעקליכעס אומגליק! האט געזאגט לארד גלענארוואן צום גובערנאטאר. וויא אזוי איז מען אזוי אונפארזיכטיג? וויא אזוי האלט מען ניט גענוג מענשען, אז מען זאל אפהיטען צו פערשליעסען דיא בריק יעדעס מאל, ווען דיא שיפען געהן דורך? וויא אזוי שטעלט מען ניט א גוטע וואך אפצוהיטען אזא בריק?

— אן אומגליק איז עס געוויס, האט דער גובערנאטאר געזאגט. ליידער, איז עס נאך ערגער אלס אן אומגליק — עס איז א פערברעכען!

לארד גלענארוואן האט איהם אנגעקוקט מיט שטוינען.

— איך פערשטעה אייך ניט, מיין הערר, האט ער איהם געזאגט. וואס הייסט, עס איז א פאר ברעכען?

— אונזערע פארשונגען און אונטערזוכונג האט ארויסגעוויעזען, אז מען האט אומיסטען געעפענט דיא בריק. דיא וואכען קענען ניט שולדיג זיין, ווייל מען האט זיי געפונען טוידט. אויפ'ן לעצטען איבערגעבליעבענעם וואגאן זיינען אנגעפאלען רויבער און האבען געראובט, וואס זיי האבען געקענט. אנפאנגס האט מען געמיינט, אז דיא פאסאזשירען פון לעצטען וואגאן זיינען פאר שרעק געלאפען צו דער טהיר, האבען זיך געדרענגט און דאדורך זיינען פיעלע דערהרגעט געווארען. מיר האבען זיך אבער איבערציינט, אז רויבער זיינען אויף זיי אנגעפאלען און האבען זיי געטוידטעט.

— ווער זאלען זיין דיא שענדליכע רויבער, וועלכע זאלען זיין אזוי אונמענשליך און בעגעהן אזא שרעקליכעס פערברעכען? האט לארד גלענארוואן געפרעגט.

— עס זיינען דא מענשען, וועלכע קומען קיין אויסטראליען אויף דיא שיפען פון דער קעניגין אהן א שיפס־קארטע, האט דער גובערנאטאר געענטפערט.

— די פערשיקסטע, די קאטארזשניקעס! האט אויסגערופען דער פראָ־
פעסאָר.
זשניקעס? האָט לאָרד גלענאַרוואָן געפרעגט.
— אָבער אין דער פּראָווינץ וויקטאָריא זיינען דאָך ניטאָ קיין קאטאָר־
— זיי קומען פון אַנאַנדער פּראָווינץ, האָט דער גוּבערנאַטאָר־גענענט־
פערט. בעזאָנדערס געפעהרליך זיינען די פרישע, — די, וואס זיינען ערשט אָנגעקומען. זיי אַנטלויפען זעהר אָפט, לויפען ארום אין די וועלדער און מאַכען אמאָל גאַנצע געגענדען ניט זיכער.

אונטערדעסען איז אָנגעקומען דער וואָגען מיט ליידי העלענאַ, מערי גראַנט און מיט אלבינעט. לאָרד גלענאַרוואָן האָט געוואָלט פערהיטען, אַז די דאַמען זאָלען ניט זעהן די שרעקליכע, שוידערהאַפטע סצענע. ער האָט גע־הייסען פאָהרען ווייטער. און האָט דערצעהלט ליידי העלענאַ, אַז עס האָט פּאַסירט איין אייזענבאַהן אונגליק. ער האָט איהר אָבער ניט דערצעהלט, ניט ווי גרויס דאס אונגליק איז, ניט ווער עס איז שולדיג אין דעם אונגליק. ער האָט געהייסען שנעל פאָהרען ווייטער.

מען איז אָוועקגעפאָהרען אַ פּאָאַר מייל און מען איז צוגעקומען צו אַ קליינעם וועלדעל. ליידי העלענאַ האט געבעטען, מען זאָל זיך אָפּשטעלען. דאס וועלדעל איז ווירקליך געווען אַ וואונדער, וועלכעס איז ווערטה געווען, מען זאָל עס בעטראַכטען. עס איז געווען בעדעקט מיט די זעלטענסטע און שעהנסטע בלומען, מיט די זעלטענסטע און שעהנסטע ביימער אין ביימע־לעך. עס איז געווען ווירקליך אַ גן־עדן. אלעס האָט געבליהט און געשמעקט, אַז עס האָט זיך ניט געוואָלט אָוועקגעהן פון דאָרט. נאָך וואונדערבארער איז געווען די אָרדנונג. די ביימער און די בלומען זיינען געשטאַנען אין בייטען. צווישען די בייטען זיינען געווען וועגעלאך, ווי אין׳ם בעסטען פּאַרק אין לאָנדאָן אָדער אין ניו־יאָרק. אויף די בייטען האָבען זיך געוויעזען בערגלעך, אויף וועלכע עס האָבען געוואַקסען די שעהנסטע בלומען.

— דאס איז ניט קיין ווילדער וואלד, האָט ליידי העלענאַ געזאָגט. דאס האָבען מענשען געמאַכט. עס קען דאָך ניט זיין, אַז די בלומען און ביימער זאָלען וואַקסען אין אַזאַ אָרדנונג. און דאָך איז דאָס ניט קיין פּאַרק. ווער וועט דאָס געהן שפּאַצירען אין אַזאַ ווילדע געגענד?

— איהר האָט רעכט, מיליידי, דאס האָבען מענשען געמאַכט, האָט דער פּראָפעסאָר געזאָגט. ווייסט איהר, וואו מיר זיינען? — מיר זיינען אויף אַ בעערדיגונגס פּלאַץ פון די ווילדע אויסטראַליער. דאָ ליעגען די ביינער פון זייערע עלטערן. זיי היטען זיי אָפּ, פלאַנצען ביימער און בלומען אויף זייערע קברים און קומען פון צייט צו צייט זיי בעזוכען. ווער ווייס, אויף וויפיעל דורות מיר טרעטען מיט די פיס? — עס איז נאָך אַ וואונדער, וואָס עס גע־פינט זיך אין אַזאַ גוטע אָרדנונג, וואס רייזענדע און קאָלאָניסטען האָבען עס נאָך ניט צערשטערט, פערניכטעט און אָפּגעווישט.

פּלוצלונג האָט מען געהערט אַ געשריי: „סטאָפּ!״ אלע זיינען צוגעלאָ־פען זעהן, וואס דאָרט איז. דער פּראָפעסאָר און ליידי העלענאַ זיינען געווען די ערשטע, וועלכע זיינען צוגעקומען צו דעם אָרט, וואו לאָרד גלענאַרוואָן און דער מאַיאָר איז געשטאַנען.

אויפ׳ן גראָז אונטער אַ גרינעם בוים איז געשלאָפען אַ קינד, אַ אינגעל

פון א יאָהר אכט. ער איז געווען אַנגעטהאָן איינראָפּעאיש, אבער זיינע שוואַר־צע הענטליך און זיינע שווארצע, גלייכע האָר האָבען דייטליך געזאָגט, אז ער איז א ווילדער. ליידי העלענא האָט איהם בעטראַכט עטליכע מינוט. זי האָט נאָך קיין ווילדען אויסטראַליער ניט געזעהן. דאס קינד איז געשלאָפען אזוי שטיל און אזוי נעשמאַק, אז עס האָט ניט געהערט, אז מענשען שטעהען ארום איהם.

— אָרימעס קינד! האָט אויסגערופען ליידי העלענא. ער האָט זיך גע־ווים פערבלאָנזעט אין וואַלד און ווייס ניט, ווי אזוי צו געהן אהיים.

— ניין, האָט געזאָגט דער פּראָפעסאָר. איך מיין, אז ער איז אומיסטען געקומען אהער בעזוכען דעם קבר פון זיינע עלטערן. ער איז מיעד געוואָרען און האָט זיך צוגעלעגט. באַלד וועט ער אויפשטעהן און זיך געהן אהיים.

— אַך! איך וואָלט זעהר געוואָלט מיט איהם רעדען, האָט ראָבערט גע־זאָגט. איך האָב נאָך קיין מאָל ניט גערעדט מיט קיין ווילדען אויסטראַליער. ווי דענקט איהר, הערר פּראָפעסאָר? רעדט ער ענגליש?

אין דיעזע מינוט האָט זיך דאָס קינד איבערגעקעהרט מיט'ן רוקען ארויף. אלע האָבען געזעהן מיט שטוינען, אז אויף זיין פּלייצע איז צוגע־קלעפּט א צעטעל, אויף וועלכען עס איז אָנגעשריעבען מיט גרויסע, דייטליכע בוכשטאַבען:

„טאַלינע

„מען זאָל איהם שיקען קיין עטושקאַ און איבערגעבען דזשעפיר סמיטה פון דער אייזענבאַהן. בעצאָהלט."

— דאס הייסט עכט אויסטראַליש! האָט אויסגערופען דער פּראָפעסאָר. זיי שיקען איבער א קינד, גלייך, ווי עס וואָלט געווען א קעסטעל אָדער א רענצעל. מען קלעפּט איהם צו א צעטעל אויף דער פּלייצע, מאַכט פון איהם א נומער און — מאַרש! איך האָב געהערט דערפון נאָך אין פּאַריז, איך האָב עס אָבער ניט געוואָלט גלויבען.

— אָרימעס קינד! האָט ליידי העלענא געזאָגט. מעגליך, אז ער איז אויך געפאָהרען מיט'ן צוג, וועלכער איז פערונגליקט געוואָרען? מעגליך, אז זיינע עלטערן זיינען דער'הרג'ט געוואָרען, ווען די בריק האָט זיך איינ־געבראָכען?

— ניין, איך גלויב עס ניט, האָט דער מאַיאָר געזאָגט. ווען ער זאָל געווען פאָהרען מיט זיינע עלטערן, וואָלט מען איהם ניט געווען צוגעקלעפּט א צעטעל צו דער פּלייצע.

— ער כאַפּט זיך אויף! האָט ראָבערט אויסגערופען. ער שטעהט אויף!

און ווירקליך, דאס קינד האָט געעפענט די אויגען, האָט דערזעהן די מענשען, וועלכע זיינען געשטאַנען ארום איהם און האָט זיך דערשראָקען.

— רעדסטו ענגליש? האָט איהם ליידי העלענא געפרעגט.

— איך רעד ענגליש, האָט דאס קינד געענטפערט.

— ווי הייסט דו, באָי?

— איך היים טאַלינע.

— פון וואַנען קומסט דו?

— איך פאָהר פון מעלבורן.

— ביסט דוא געפאהרען אויף דעמזעלבען צוג, וועלכען עס האט זיך געטראפען דאס אונגליק?

— יא, איך בין אויך געפאהרען אויף דעמזעלבען צוג. איך בין געזעסען אין לעצטען וואגאן און בין באלד ארויסגעשפרונגען דורך א פענסטער.

— אלזא, וואוהין געהסט דוא יעצט?

— צו מיין פאטער און מוטער אין לאבלאן.

— וואו איז ערגעץ לאבלאן? האט לארד גלענארוואן געפרעגט דעם פראפעסאר.

דער פראפעסאר האט ניט געוואוסט, וואס צו ענטפערן. דאס קינד האט אנגערופען דעם ארט, וואו זיינע עלטערן וואינען אויף אויסטראליש.

דיא קורצע ערצעהלונג פון דעם קינד פון א ווילדען אויסטראליער האט אלעמען אזוי אינטערעסירט, אז אלע האבען זיך ארומגעזעצט ארום איהם און האבען איהם אנגעהויבען צו פערשיטען מיט פראגען. בעזאנדערס פעראינטערעסירט איז געווען ראבערט גראנט. דער קליינער ווילדער האט איהם גערופען ברודער. עס איז געבליעבען, מען זאל דארט נעכטיגען. מען האט אויסגעשפאנט דיא אקסען, אפגעזאטעלט דיא פערד און אלבינעט האט באלד געמאכט א מיטאג. דער קליינער ווילדער איז געווען הונגעריג און ראבערט גראנט האט איהם יעדעס מאל אונטערגערוקט דאס בעסטע, וואס ער האט נור געקענט קריעגען.

טאלינע האט דערצעהלט, וויא אזוי ער איז געקומען קיין מעלבורן. זיינע עלטערן און זיין פאלק וואינען אין א וואלד, וועלכער הייסט לאבלאן. זיי גענעהרען זיך פון דער יאגד און פון פיש, וועלבע זיי פאנגען אין טייך מורריי. דערביי מאכען זיי אייניגע זאכען פון האלץ, וויא הילצערנע שיסעל, לעפעל, מולטערס און אנדערע זאכען. דיעזע ארטיקעל פיהרען זיי קיין מעלבורן פערקויפען.

איין מאל איז צו זיי געקומען אן ענגלישער מיסיאנער, האט זיי געבראכט אייניגע זאכען פון דער שטאדט און האט זיי געבעטען, זיי זאלען איהם געבען זייערע קינדער. ער וועט מיט זיי לערנען. זיינע עלטערן זיינען געווען זעהר ארים און זיינען געווען צופריעדען לויז צו ווערן פון אן איבעריגען עסער. זיי האבען איהם אוועקגעשיקט מיטן מיסיאנער קיין מעלבורן. פינף יאהר האט טאלינע פערבראכט אין מעלבורן. ער האט זיך דארט אויסגעלערנט ענגליש שרייבען, לעזען און רעדען. מען האט איהם צוגעזאגט, אז מען וועט איהם נאך לערנען. ער האט אבער זעהר שטארק געבענקט א היים. ער האט געוואלט זעהן זיינע עלטערן. דער מיסיאנער האט איהם צוליעב געטהאן און האט איהם געשיקט א היים אויף א קורצע צייט.

— ווערסט דוא נאך צוריק פאהרען קיין מעלבורן? האט איהם ליידי העלענא געפרעגט.

— געוויס! איך וויל נור זעהן מיינע עלטערן און דיא קינדער פון מיין פאלק. איך וויל זיי זאגען, אז דיא ווייסע מענשען זיינען גוט און האבען ליעב זייערע שווארצע ברידער. ווער עס וועט וועלען, דער וועט פאהרען מיט מיר קיין מעלבורן.

— און יואס ווילסט דוא ווערן, ווען דוא וועסט גרויס ווערן? האט ראבערט געפרעגט.

— איך וויל ווערן א מיסיאנער. איך וועל ארומפאהרען צווישען מיינע שווארצע ברידער און וועל זיי לערנען אלעס, וואס דיא ווייסע מענשען קענען.

דיא איינפאכע ווערטער פון'ם קליינעם ווילדען אויסטראליער האבען געמאכט אויף אלעמען א טיעפען איינדרוק. זיי האבען יעצט פערשטאַנען, אז ער מוז זיין עלטער, וויא ער ווייזט אויס. מען האט איהם געפרעגט, וויא אלט ער איז. ער האט אבער אויף דיעזע פראגע ניט געקענט ענטפערן.

— איך ווייס ניט, וויא אלט איך בין, האט ער געזאגט. מיר, אויסטראליער, צעהלען ניט דיא יאהרען, וועלכע מיר האבען געלעבט.

מעהר פון אלעמען האט זיך אינטערעסירט אין דעם ווילדען דער פראפעסאָר. וואו קען ער האבען נאך אזא געלעגענהייט צו רעדען מיט א קינד פון א ווילדען מענשען? — ער האט זיך צוגערוקט צו איהם, האט איהם א גלעט געטאהן איבערן קאפ און האט איהם אנגעהויבען צו פרעגען.

— זאג מיר, מיין קינד, וואס האסט דוא געלערנט אין מעלבורן?

— איך האב געלערנט דיא ביבעל (תנ"ך), אריטהמעטיק (רעכענען) און געאָגראַפיע, האט טאלינע געענטפערט.

ביים ווארט „געאָגראַפיע" איז דער פראָפעסאר אויפגעשפרונגען. — געאָגראַפיע איז דאך זיין וויסענשאפט!

— קענסט דוא גוט געאָגראַפיע? האט ער איהם געפרעגט.

— אה, יא! איך בין געוועזן דער ערשטער שילער פון געאָגראַפיע, האט דער ווילדער געענטפערט. מען האט מיר געגעבען א פרייז (נאַגראַדאַ) פאר געאָגראַפיע.

מיט דיעזע ווערטער האט ער ארויסגענומען פון'ם בוזעם א בוך מיט א רויטען בונד און מיט א גאלדענעם שניט און האט איהם געוויעזען דעם פראפעסאָר.

דער פראפעסאָר איז געווען אויסער זיך פאר פרייד. — א ווילדער מענש קען געאָגראַפיע! ער האט ארומגענומען דעם קליינעם ווילדען און האט איהם געקושט אויף ביידע באַקען. דער ווילדער האט ניט געקענט פערשטעהן, וואס איז אזוי דיא שמחה מיט דעם ווייסען מענשען, ווען ער האט איהם דערצעהלט, אז ער איז געווען א גוטער שילער אין געאָגראַפיע. ער האט איהם אנגעקוקט ערשטוינט און דערשראָקען. ליידי העלענא האט איהם ערקלערט, אז דיעזער ווייסער מענש איז א פראפעסאָר פון געאָגראפיע.

— א פראפעסאר פון געאָגראַפיע? האט אויסגערופען דער ווילדער און האט זיך צו געקוקט צום פראפעסאָר מיט אַ בעזאָנדערער אַכטונג.

דיא ווילדע מענשען האבען זעהר ליעב געאָגראַפיע. דאס איז זייער ליעבלינג וויסענשאפט. זיי זיינען זעהר נייגיעריג צו וויסען, וואס עס טהוט זיך אויף דער וועלט. קיין זאַך אינטערעסירט זיי ניט אזוי שטארק, אלס ווען מען דערצעהלט זיי, אז אויף דער וועלט זיינען נאך דאָ אנדערע לענדער און אנדערע מענשען.

— פראָפעסאָר! האָט געזאָגט דער מאַיאָר, פּרובירט זיך פערהערן מיט דעם קליינעם געאָגראַף. לאָמיר זעהן, ווער פון אייך ביידען קען בעסער געאָגראַ־פיע. — איך האָב מורא, אז איהר זאלט אונז ניט פערשעהמען.

אלע האָבען געלאַכט, עס איז זיי געפעלען דעם מאַיאָרס אידעע. א פּראָ־פעסאָר פון געאָגראַפיע פון דער פּאַריזער אוניווערזיטעט זאָל זיך פערהערן מיט א ווילדען פון אויסטראַליען אין געאָגראַפיע.

— נו, גוט! האָט געלאַכט דער פּראָפעסאָר. לאָמיר זיך אביסעל פערהערן. ,אָג נור, טאַלינע, וויא הייסען דיא פינף טיילען פון דער וועלט?

דער קליינער ווילדער איז אויפגעשטאַנען, האָט זיך געשטעלט פאַרן פּראָ־פעסאָר און האָט געענטפערט.

דיא פינף טהיילען פון דער וועלט הייסען: אויסטראַליען, אזיען, אפריקא, אמעריקא און אייראָפּא.

— גאַנץ ריכטיג. — וואו זיינען מיר יעצט?

— מיר זיינען אין אויסטראַליען, וועלכעס געהערט צו דער ענגלישער קעניגין.

— וועלכע אינזלען געפינען זיך אַרום אויסטראַליען און צו וועמען געהערן זיי?

— אַרום אויסטראַליען געפינען זיך דיא אינזלען: נייזעעלאַנד, טאַסמאַניא און פיעלע אַנדערע. אלע געהערען צו דער ענגלישער קעניגין.

— געפינען זיך ניט אַרום אויסטראַליען אינזלען, וועלכע געהערן צו אַנ־דער לאַנד?

— ניין, האָט געענטפערט דער ווילדער. אלע אינזלען און אלע לענדער געהערן צו דער ענגלישער קעניגין.

— מיר דאַכט אז פיעלע אינזלען געהערן צו פראַנקרייך, האָט דער פּראָ־פעסאָר געזאָגט.

— ניין, האָט דער ווילדער געענטפערט. אלעס געהערט צו דער ענגלישער קעניגין.

דער פּראָפעסאָר איז געווען ערשטוינט. וויא איז דאָס מעגליך, אז מען זאָל לערנען מיט קינדער אזוי פאַלש אזא וויסענשאַפט וויא געאָגראַפיע?

— נו, לאָמיר געהן ווייטער. דערצעהל מיר עפּעס פון אזיען.

— אזיען איז א גרויס לאַנד, האָט דער ווילדער געזאָגט. דיא הויפּט־שטאָדט פון אזיען איז קאַלקוטא. זיא געהערט צו דער ענגלישער קעניגין. עס זיינען דאָ אין אזיען נאָך גרויסע שטעדט: באָמביי, מאַדראַס, סינגאַפּאָר, אדען, מאַלאַקא.— אלע געהערן דער ענגלישער קעניגין.

— גוט, מיין קינד! האָט געזאָגט דער פּראָפעסאָר און האָט זיך געביסען דיא ליפּען. כינא איז אויף דער וועלט ניטאָ, סיביר געהערט ניט צו רוסלאַנד, סינגאַפּאָר און טאָנקין געהערן ניט צו פראַנקרייך. — אלעס, אלעס געהערט צו דער ענגלישער קעניגין.

— נעווים! האט געענטפערט דער גוטער שילער פון געאָגראַפיע.

— נו, דערצעהלט מיר עפּעס פון אפריקא.

— אפריקא געהערט אין גאנצען צו דער ענגלישער קעניגין, האט דער גוטער שילער געענטפערט. דיא הויפט שטאדט פון אפריקא הייסט קייפטאון.

— גוט! האט דער פּראָפעסאר געלאַכט פאר צרות. עגיפטען, אַלזשיר, מאראקקא און דיא פארטוגעזישע לענדער זיינען אויף דער וועלט ניטא. — נו, לאמיר עפּעס הערן פון אמעריקא.

— אמעריקא איז איינגעטהיילט אין צוויי טהייל: נאָרד אמעריקא און זיד אמעריקא. נאָרד אמעריקא געהערט צו דער ענגלישער קעניגין. איהר געהערט קאנאדא און דיא פעראייניגטע שטאאטען. אין דיא פעראייניגטע שטאאטען האט דיא ענגלישע קעניגין איינגעזעצט א פרעזידענט מיט, נאמען אברהם לינקאלן.

— גרויסארטיג! בראַוואָ! האט אויסגערופען דער פּראָפעסאר. אברהם לינקאלן איז נור א בעאַמטער פון דער ענגלישער קעניגין. — נו, דו האסט רעכט, טאלינע! דוא ביסט ווערט א מעדאַל פאר דיין געאָגראַפיע! — יעצט דערצעהל מיר עפּעס פון אייראפא. צו וועמען געהערט אייראפא?

— צו דער ענגלישער קעניגין, האט טאלינע געענטפערט.

ער האט ניט פערשטאַנען, אז דער פּראָפעסאָר לאכט פון איהם. ער האט געזאגט נור, וואס מען האט איהם געלערנט.

— דאס קען איך שוין ניט פערשטעהן, מיין ליעבער טאלינע, האט דער פּראָפעסאר געזאגט. גאַנץ אייראפא געהערט צו דער ענגלישער קעניגין? — וואו איז רוסלאַנד, דייטשלאנד, פראנקרייך, עסטרייך, שפאַניען, איטאַליען א. ז. וו.?

— דאס זיינען אלע קליינע לענדער, וועלכע געפינען זיך אונטערן שוץ פון דער ענגלישער קעניגין, האט טאלינע געענטפערט.

— אזוי? — נו, דערצעהל מיר עפּעס פון רוסלאנד. וויא אזוי הייסט דיא הייפטשטאדט פון רוסלאנד?

— מאסקווא, האט דער קליינער געענטפערט. דארט זיצט א גובערנאטאר פון דער ענגלישער קעניגין. ער הייסט אלעקסאנדער ראָמאַנאָוו.

דא האט זיך שוין דער פּראָפעסאָר ניט געקענט איינהאלטען. ער האט זיך געהאלטען ביי דיא זייטען פאר געלעכטער. דאס קינד האט איהם אנגעקיקט פערוואונדערט. ער האט נעביך ניט פערשטאַנען, וואס איז דא אזעלכעס צום לאַכען.

— זעהט איהר, פּראָפעסאָר, האט דער מאיאר געשפּאַסט, איך האב אייך געזאגט, אז טאלינע קען געאָגראַפיע בעסער פון אייך.

— איהר האט רעכט, מאיאר. אט אזוי לערנט מען געאגראַפיע אין דיא ענגלישע קאלאָניען! אלעס, אלעס, דיא גאנצע וועלט געהערט דער ענגלישער קעניגין. מען דערצעהלט דיא קליינע קינדער אזוי פיעל פון דער ענגלישער קעניגין, אז זיי מיינען, אז דיא ענגלישע קעניגין איז א גאָט, צו וועלכער עס געהערט דיא גאַנצע וועלט. — זאג נור, טאלינע, געהערט דער מאנד אויך צו דער ענגלישער קעניגין?

— געווים, געהערט דער מאנר צו דער ענגלישער קעניגין, האט טאלינע געענטפערט.

דער פראפעסאר האט זיך געמוזט אויפהויבען און אוועקגעהן זיך אויסלאַכען. לארד גלענארוואן אבער האט אנגעהויבען צו זוכען צווישען זיינע ביכער און האט אויסגעפונען אן אלטע געאָגראפיע. ער האט זיא געגעבען דעם קליינעם ווילדען.

— לעז דיעזעס בוך, טאלינע, האט ער איהם געזאגט. פון דיעזעס בוך וועסט דוא בעסער קענען געאגראפיע אלס פון דיא ביכער, וועלכע דיא מיסיאנערן האבען דיך געלערנט. דיין געאגראפיע איז ניט גאנץ ריכטיג. דיא גאַנצע וועלט געהערט נאך ניט צו ענגלאנד. עס זיינען נאך דא אנדערע לענדער און אנדערע קעניגע.

דער קליינער יונגע האט גענומען דאס בוך, האט עס אנגעהויבען צו לעזען און האט עס אוועקגעלעגט.

— עס איז ניט ריכטיג, האט ער געזאגט. דיא מיסיאנערן האבען מיך אנדערש געלערנט. דיא מיסיאנערן זיינען גוטע מענשען, זיי פערשטעהען בעסער אלס דיעזעס בוך.

ער האט עס דאך צוגענומען און האט עס אריינגעלעגט אין בוזים.

עס איז געווארען שפעט און מען האט זיך געלעגט שלאפען. ראבערט גראנט האט געוואלט שלאפען מיט זיין נייען פריינד, טאלינע. זיי האבען זיך געלעגט צוזאמען און מען האט זיי ביידען צוגעדעקט מיט א דעק.

אום זעקס אוהר אין דער פריה איז מען אויפגעשטאַנען. מען האט זיך אומגעקוקט. — טאלינע איז פערשוואונדען. מען איז געווען פערוואונדערט, וואו ער האט געקענט אהין קומען. מען האט איהם געזוכט, מען האט אבער פון איהם קיין שפור ניט געפונען. נור ווען ליידי העלענא האט זיך אויפגעכאפט, האט זיא געפונען אויף איהר געלעגער א קראַנץ פון דיא זעלטענסטע בלומען. דער פראפעסאָר האט געפונען אויף זיין געלעגער דאס בוך איבער געאָגראפיע, וועלכעס לארד גלענארוואן האט נעכטען געגעבען דעם ווילדען.

12טעם קאפיטעל.

אַ וואָרנונג.

עס זיינען ווידער פערגאנגען א פאר טאג, אין וועלכע עס איז גאר נישט פארגעקומען. נאכ'ן רעכנונג פון'ם פראפעסאר האבען זיי שוין געמאכט האַלב וועג. זיי דארפען שוין זיין ניט ווייט פון דעם ארט, וואו דיא בריטאניא איז אונטער געגאנגען. דאָ דארפען זיי שוין בעגעגנען ווילדע, ביי וועלכע זיי וועלען קענען פרעגען, אויב זיי האבען עפעס ניט געהערט פון קאפיטאן גראנט.

אין זייער ארט צו רייזען האבען זיי געמאכט א קליינע ענדערונג. זייט עס האט זיך געטראפען דאס אונגליק אויפ'ן אייזענבאהן און לארד גלענארוואן האט געהערט, אז דאס האבען געטאהן אנטלאפענע ארעסטאנטען, איז מען געווארען פארזיכטיגער. יעדער פון דער פארטיע האט געטראגען מיט זיך א שארף

געלאָדענע ביקס. מען האט זיך געהאלטען פעסטער צוזאַמען. מען האט קיינעם ניט געלאזען אוועקגעהן פון דער פאַרטיע. זאָגאַר דעם פראָפעסאָר האט מען ניט געלאזען שפּאַציערען אין דיא וועלדער, וויא ער פלעגט טהאן ביז אהער. לאָרד גלענארוואן, דער מאיאר און דער קאפיטאן פאררואגוט האבען ניט אפגעטרעטען פון'ם וואגען, וואו דיא דאַמען זיינען געזעסען.

ניט נור אונזערע רייזענדע זיינען געווארען פאָרזיכטיג, זייט עס האט זיך געטראָפען דאס באהנאונגליק, אלע קאלאָניסטען און פּארמער זיינען געווארען פאָרזיכטיג. מען האט אנגעהויבען צו פערמאַכען דיא טהירען ביי נאַכט און ארויסצולאָזען דיא הינט. מען האט אנגעהויבען צו האלטען א וואַך ביי נאַכט. זאָגאַר דיא פאסט איז פון דאמאָלס אָן געגאנגען מיט בעגלייטונג פון סאָלדאטען.

אונזערע רייזענדע זיינען געווען זעהר צופריעדען, ווען זיי האבען דערזעהן פון דער ווייטען א לאַנגע רייהע הייזער.

— דאס איז סיימור, דאס לעצטע שטעדטעל אין דער פראווינץ וויקטאָריאַ, האט דער פראָפעסאָר געזאגט. פון דיעזעס שטעדטעל ביז טופאלד וועלען מיר שוין ניט טרעפען קיין וואוינונג פון ציוויליזירטע מענשען. מיר פאהרען יעצט אריין אין דיא ווילדעסטע געגענד פון אויסטראליען.

— אלזאָ, לאמיר אריינפאהרען קיין סיימור און לאמיר זיך דארט אויסרוהען א טאג, האט לארד גלענארוואן געזאגט.

קיינער איז ניט געווען דאגעגען. ווען מען רייזט עטליכע טעג אין א ווילדע געגענד און מען שלאָפט עטליכע נעכט אונטערן פרייען הימעל, איז זעהר אנגענעהם צו פערברייגנען א נאַכט אין א שטוב און צו שלאָפען אויף א בעט, וויא א מענש.

מען איז אריינגעפאהרען קיין סיימור און מען איז פערפאהרען אין א האָטעל. לארד גלענארוואן האט געהייסען מאכען א גוטען סאפער. מען האט זיך געזעצט ביים גרויסען טיש פון'ם האָטעל און מען האט פערבראַכט אן אבענד, וויא מענשען. אין האטעל זיינען געווען אלערליי צייטונגען. דער פראָפעסאָר און לארד גלענארוואן האבען זיך געחאַפּט לעזען דיא צייטונגען, א פערגניגען, וועלכעס זיי האבען שוין לאנג ניט געהאַט. אלע צייטונגען זיינען געווען פול מיט בעשרייבונגען פון'ם אייזענבאַהן אונגליק.

— זעהט נור, פראָפעסאָר, האט פלוצלונג לאָרד גלענארוואן געזאגט. מען וויים שוין, ווער עס האט בעגאנגען דאס שרעקליכע פערברעכען. לעזט נור דיעזע צייטונג.

— האט מען זיי ארעסטירט? האט אייערטאן האַסטיג א פרעג געטאהן.

ניט לאָרד גלענארוואן, ניט דער פראָפעסאָר האבען בעמערקט אז אייערטאן געפינט זיך לעבען זיי.

— מען האט זיי נאך ניט ארעסטירט, האט דער מאיאר געענטפער גלייכגילטיג.

קיינער, אויסער דעם מאיאר האט ניט בעמערקט, מיט וואס פאר א מינע

אייערטאן האט געפרעגט, אויב מען האט דיא פערברעכער שוין ארעסטירט.

— לעזט נור, מילארד, וואס שטעהט דארט אין אייער ציימונג, האט דער פראפעסאר געבעטען.

אלע זיינען געווען פעראינטערעסירט צו וויסען, ווער דיא פערברעכער זיינען און האבען זיך ארומגעשטעלט ארום לארד גלענארוואן. ער האט אנגעהויבען צו לעזען.

פון׳ם גובערנאטאר פון וויקטאריא.

„דעם 2טען פעברואר האט זיך געטראפען א שרעקליכעם אונגליק אויף דער קעמדען בריק מיט׳ן צוג פון מעלבורן קיין סענדהורסט״.

„דיא אונטערזוכונג, האט אויסגעפונען, אז דאס האבען געטאהן אנטלאפענע „שטרעפלינגע (קאטארזשניקעס). זיי זיינען ערשט ניט לאנג אנטלאפען פון דעם „געפענגנים פון נארפאלק. זיי זיינען 29 מענשען. זייער אנפיהרער איז א גע- „וויסער בען דשאנס, א געפעהרליכער מערדער און רויבער, וועלכער איז „אנטלאפען פון א געפענגנים אין ענגלאנד.״

„דער גובערנאטאר בעט יעדען, ווער עס וויים פון דיעזער באנדע, זאל עס „באלד מעלדען. דער גובערנאטאר ווארנט אלע קאלאניסטען, פארמער און ריי- „זענדע, זיי זאלען זיין זעהר פארזיכטיג און ניט ארויסגעהן אהן וואפען. דיא רע- „גיערונג וועט געווים טאהן אלעס מעגליכע אום דיא רויבער און מערדער אויפ- „צוזוכען און זיי צו ברענגען אונטער שלאס און ריגעל.״

ווען לארד גלענארוואן האט געענדיגט לעזען, האט זיך ליידי העלענא גע- ווענדעט צום פראפעסאר און האט איהם געזאגט:

— נו, וואס זאגט איהר יעצט, הערר פראפעסאר? אין אויסטראליען זיינען אויך דא רויבער און מערדער. איהר האט דאך געזאגט, אז אויסטראליען מאכט דעם מענשען גוט, מילד און עדעל.

— אבער, ליידי העלענא, איהר פערגעסט, אז דיעזע רויבער און מערדער זיינען ערשט ניט לאנג אנגעקומען. דאס קלימאט פון אויסטראליען האט נאך אויף זיי ניט געקענט ווירקען. מען מוז זיין אין אויסטראליען עטליכע יאהר, אום מען זאל פיהלען דיא ווירקונג פון׳ם קלימאט פון אויסטראליען.

— מיינע הערען, האט געזאגט לארד גלענארוואן. דיעזע נאכריכט איז זעהר וויכטיג פאר אונז. דיא וועגען זיינען יעצט ניט זיכער. א רויבער באנדע פון 29 מאן געפינט זיך ערגעץ אין דיעזעם געגענד.— וואס זאלען מיר יעצט טהאן? זאלען מיר פאהרען ווייטער, אדער זאלען מיר זיך אומקעהרען און פאהרען קיין מעלבורן. דארט וועלען מיר פאהרען מיט׳ן דונקאן.— ער איז שוין געווים רע- פארירט.

— ווען מיר זאלען ניט האבען דיא דאמען מיט זיך, האט קאפיטאן מאר- ראנגוס געזאגט, וואלט איך געזאגט, אז מיר זאלען ווייטער פאהרען.

— וואס זאגט איהר, ריטשארדסאן? האט לארד גלענארוואן געפרעגט דעם טאיאר.

— איך זאג, אז מיר זאלען פרעגען אונזער וועג ווייזער, אייערטאן. ער איז בעסער בעקאנט מיט אויסטראַליען פון אונז און קען אונז געבען א בעסערן ראטה.

אלע האבען א קוק געטאהן אויף אייערטאן. לארד גלענארוואן האט איהם געבעטען, ער זאל זאגען זיין מיינונג.

— מיר זיינען יעצט שוין ווייט פון דער אייזענבאַהן ליניע, האט ער געזאגט דיא צייט, וואס מיר וועלען פערברייגגען צו־צוקומען צו א באַהן סטאַציאָן, איז גלייכער, אז מיר זאלען פערברענגען ווייטער צו פאהרען. איך גלויב נאך ניט, אז דיא געפאַהר איז אזוי גרויס. מיר זיינען אַכט שטאַרקע מענשען, גוט בעוואָפענט און גוט פערזאָרגט מיט אלעם נייטיגען. דיא רויבער וועלען מורא האבען אויף אזא מאַכט אנצופאַלען.

— אייערטאן האט רעכט, האט זיך אפגערופען דער פראפעסאר. אומקעה־רען זיך צוריק הייסט פערליערן פיעל צייט. עס איז א שאַנדע פאר אונז, מיר זאלען מורא האבען פאר רויבער. מיר זיינען דאך ניט קיין קינדער.

אלע זיינען געווען איינשטימיג מיט'ן פראפעסאָר, אז מען זאל ווייטער פאָה־רען. עס איז אזוי געבליעבען. ווען מען האט געוואלט זיך צוגעהן, יעדער אין זיין צימער, האט אייערטאן זיך געווענדעט צו לארד גלענארוואן.

— וואלט ניט גלייך געווען, אז מען זאל שיקען א בריעף אדער זאָגאַר א טעלעגראַמע צום קאפיטאן פון'ם „דונקאן", אז אויב דאס שיף איז שוין רעפארירט, זאל ער באלד פאהרען אונז ענטגעגען צו דער טופאלד בוכטע.

— ניין, עס איז ניט גלייך, האט קאפיטאן פארראגוט געענטפערט פאר לארד גלענארוואן. מיר קענען ניט וויסען, וואס עס קען פאָרקומען. עס איז זעהר מעג־ליך, אז מיר וועלען מוזען זיך אומקעהרען קיין מעלבורן. וואס וועלען מיר דאַמאלס טהאן, ווען דאס שיף איז ניטא אין מעלבורן? אין דער מיט מעער קען מען קיין בריעף און קיין טעלעגראמע ניט שיקען.

— עס איז מיר אזוי אויך רעכט, האט אייערטאן געענטפערט און האט מעהר דערפון ניט גערעדט.

דעם אנדערן טאג אין דער פריה איז מען ווייטער געפאהרען. יעצט זיינען זיי שוין געפאהרען אין ווילדען אויסטראַליען, אין א געגענד, וועלכע דיא ענגלישע רעגיערונג רופט: „רעזערוויישין פאָר דהי בלעקס." א געגענד, וועלכע מען האט אפגעגעבען דיא שווארצע, דיא ווילדע אויסטראַליער.

ארימע מענשען! דיא ענגלענדער האבען זיי פעריאָגט, פערטריעבען און פערדרענגט פון דיא לענדער וואו זיי זיינען געבארען געווארען און וואו זיי הא־בען ביז אהער געלעבט אזוי רוהיג, אזוי שטיל און אזוי פריעדליך. וואס פאר א מיטעל דיא ענגלענדער האבען געברויכט אום זיי צו פערטרייבען, קען מען זיך לייכט פארשטעלען, ווען מען בעדענקט, אז אין קאפלאנד, אין אפריקא, זיינען געוועזן מעהר אלס דריי מיליאָן האָטענטאָטען, איידער דיא ענגלענדער האבען אפגענומען. יעצט זיינען מעהר ניטא אלס הונדערט טויזענד האָטענטאָטען. אין

אמעריקא זיינען געווען מעהר אלס צעהן מיליאן ווילדע, איידער דיא ענגלענדער האבען אפגענומען נארד אמעריקא. יעצט געפינט זיך א האלבע מיליאן ווילדע.

ווען עס קומט צו זייערע אינטערעסען, ווייסען דיא ענגלענדער ניט פון מענשליכקייט, ניט פון מיטלייד, ניט פון בארמהערציגקייט. מענשענלעבען האט ביי זיי קיין ווערטה ניט. טויטען א ווילדען האט ביים ענגלענדער אזא בעדייטונג, וויא טויטען א פליעג אויף דער וואנד. זיי האבען אויסגעהרגעט גאנצע דערפער פון דיא ווילדע, גאנצע פעלקער זיינען פערשוואונדען. אויף דער גרויסער און רייכער אינזעל טאסמאניא איז יעצט ניטא ניט איין ווילדער. אין 1862 איז געשטארבען דער לעצטער פון זיי — א פרוי פון עטליכע און אכציג יאהר. זיא איז געווען דיא איינציגע, וואס איז געבליעבען פון א גאנץ פאלק.

דיעזע ענגלענדער, וועלכע זיינען אזוי פרום, אז זיי פערקויפען ניט אום זונטאג א גלאז ביער, הרגענען אוים קאלט בלוטיג א גאנץ דארף און שוינען ניט קיין פרויען, ניט קיין קינדער, ניט קיין אלטע און ניט קיין קראנקע!

פערדאמטע ציוויליזאציאן, ווען טויטען א מענשען איז קיין זינד ניט און פערקויפען א גלאז ביער אום זונטאג איז א שרעקליכער פערברעכען!

ערשט שפעט, ערשט גאר ניט לאנג זיינען אויפגעשטאנען עדעלע מענשען, וועלכע האבען אויפגעהויבען זייער שטימע געגען אזא אונמענשליכקייט. זיי האבען ארויסגעגעבען גאנצע ביכער דאריבער, האבען געמאכט געוואלדען אין דיא צייטונגען און האבען אנגעמאכט אזא רעש, אז דיא ענגלישע רעגיערונג איז געווען געצוואונגען אפצוגעבען דיא ווילדע א בעזונדערע געגענד.

אין דיעזע געגענד זיינען יעצט אריינגעפאהרען אונזערע רייזענדע. דער פראפעסאר איז געווען בייז און אויפגערעגט, וואס זיי האבען ביז אהער נאך קיין ווילדען ניט בעגעגנט.

— מיט פופציג יאהר צוריק, האט ער געזאגט, וואלטען מיר אין דיעזער געגענד אנגעטראפען גאנצע דערפער, גאנצע פעלקער, גאנצע שטעמע (שבטים) פון ווילדע מענשען און יעצט פאהרען מיר שוין א גאנצען טאג און בעגעגענען קיין איינציגען ווילדען. דאס איז דיא ענגלישע ציוויליזאציאן! אין איינעגע יאהר ארום וועט זיך אין אויסטראליען ניט געפינען ניט איין אויסטראליער.

לארד גלענארוואן און דעם מאיאר האט עס געווים פערדראסען, וואס דער פראפעסאר פערדאמט אזוי דיא ענגלישע ציוויליזאציאן. זיי האבען איהם אבער גאר ניט געענטפערט. זיי האבען געוואוסט, אז ער האט רעכט. זיי האבען געלעזען זעהר פיעל איבער דיא גרויזאמקייט און דיא אונמענשליכקייט, וועלכע דיא ענגלענדער האבען בעגאנגען געגען דיא ווילדע. וויא ווייט דיעזע גרויזאמקייט איז געגאנגען, קען מען זעהן פון א בעפעהל פונ'ם גובערנאטאר פון וויקטאריא, אין וועלכע עס געפינט זיך פאלגענדע שטעלע:

„ווער עס וועט אפשניידען דיא נאז אדער דיא אויערן פון א ווילדען מענשען, דער וועט בעצאהלען שטראף הונדערט פונט סטערלינג און דריי מאנאטע געפענגניס"!!!

דער פראפעסאר האט עס געוויזען לארד גלענארוואן אין אן אפיציעלער צייטונג.

מען איז געפאהרען דעם גאנצען טאג אין א וואלד פון הויכע שטארקע אייקאליפטוס ביימער. געגען פינף אוהר פארנאכט האט ראבערט גראנט פלוצלונג אויסגעשריען:

— א מאנקי! אן אף! אט דארט אויפ'ן בוים זעה איך אן אף!

אלע האבען זיך צוגעקוקט און האבען דערזעהן, וויא א מין שווארצע חיה קלעטערט אויפ'ן בוים פון איין צווייג צום אנדערן מיט אן אונגעוועהנליכער שנעליגקייט און געשיקליכקייט. באלד איז דער אף אראפגעקלעטערט פון'ם בוים, האט אנגעהויבען צו שפּרינגען און זיך איבערצוקעהרען, גלייך וויא ער האט געוואלט געבען א פארשטעלונג. אלע האבען געקוקט מיט שטוינען אויף דיעזע זאנדערבארע בעשעפעניש.

— וואס איז דאס פאר א מין חיה? האט דער מאיאר געפרעגט.

— דאס איז קיין חיה, האט דער פראפעסאר געענטפערט. דאס איז א מענש. דאס איז א ווילדער אויסטראליער. — זעהט, וויא אזוי ער איז ארויפגעקלעטערט אויפ'ן בוים. ער האט איהם איינגעקארבט, געמאכט איינשניטע, וואו צו שטעלען דיא פיס.

איידער זיי האבען זיך אומגעקוקט, איז דער אויסטראליער פערשוואונדען. באלד האט מען דערהערט פון דערווייטען א זאנדערבארען געשריי: קו — איה! קו — איה! — אונזערע רייזענדע זיינען נאכגעגאנגען נאכן געשריי און זיינען באלד צוגעקומען צו א דארף פון ווילדע אויסטראליער.

דאס גאנצע דארף איז בעשטאנען פון צעהן—צוועלף שטיבלעך, אדער געצעלטען, ווייל זיי זיינען געוועזן געמאכט פון דער קארע (רינדע) פון אייקאליפטוס בוימער. דאס שטיבעלע אדער געצעלט איז בעשטאנען פון צוויי גרויסע שטיקער קארע, וועלכע זיינען געוועזן אויפגעשטעלט, וויא א דאך — אזוי Δ. דיא געצעלטען אדער דיא שטיקער קארע זיינען געשטאנען אויף דער הוילער ערד. קיין זאך איז נים געוועזן אונטערגעבעט. אזא געצעלט קען נור שיצען פון א שטארקען רעגען, נים מעהר. דיא ווילדע אליין האבען אויסגעוויזען ארים, דערשלאגען, הונגעריג און דורשטיג. זייער שווארצער, פערשמירטער קערפער איז קוים געוועזן בעדעקט מיט פעל פון דער קענגורו. ווען זיי האבען דערזעהן אונזערע רייזענדע, האבען זיי זיך דערשראקען און האבען געוואלט אנטלויפען. אייערטאן אבער האט זיי געזאגט א פאר ווערטער און זיי האבען זיך בערוהיגט און זיינען געבליעבען שטעהן אויף זייערע ערטער.

ערשט יעצט האט דער פראפעסאר צייט געהאט זיי צו בעטראכטען. זיי זיינען געוועזן ניעדעריג און קליין געוואקסען. דיא פארב פון זייער הויט איז געוועזן דונקעל און זעהר עהנליך צו אלטעם לעדער. זייערע געזיכטער זיינען געוועזן צושניטען און צוריסען. דאס מויל איז זעהר בריים. דיא נאז פלאטשיג. דיא ביי-

נער פֿון דיא באַקען שטעקען ארוים. פֿונ׳ם מויל שטעקען ארוים צוויי גרויסע צעהנער, וויא ביי א ווילדען שווייז.

— ראבערט האט רעכט, האט זיך אפגערופֿען דער מאיאר. דאס זיינען אַפֿען, מאַנקים, דאָס זיינען ניט קיין מענשען.

— מאיאָר, האט איהם ליידי העלענא געזאגט, וואלט איהר איינגעשטימט מיט דיעזע מענשען, וועלכע פערפֿאלגען דיעזע אונגליקליכע און טויטען זיי, וויא ווילדע חיות? — זיי זיינען דאך מענשען! מענשען וויא מיר.

— ניין, דאס זיינען ניט קיין מענשען. העכסטענס זיינען זיי א מיטעלדינג צווישען א מענשען און אן אַף.

ער האט ניט געוואלט ענטפֿערן אויף ליידי העלענא׳ס הויפטפֿראַגע. ער איז אויך געווען אן ענגלענדער און וואלט זיך אויך ניט געשעהמט צו שיעסען עטליכע פֿון דיעזע ווילדע מענשען.

ליידי העלענא און מערי גראנט האבען געוואלט ווייזען דעם מאיאר, אז דאס זיינען מענשען מיט פֿערשטאַנד און מיט א געפֿיהל, גלייך וויא מיר. זיי זיי- נען ארויסגעגאנגען פֿונ׳ם וואגען און האבען געגעבען דיא ווילדע ברויט און אנ- דערע שפייז, וואס זיי האבען געהאט מיט זיך. דיא ווילדע האבען אלעס פֿער- שלונגען מיט׳ן גרעסטען אפעטיט. זיי זיינען געווען הונגעריג. וויא עס האט אויס- געוויעזען, האבען דיא ווילדע בעטראכט ליידי העלענא אלס א גאט. זיי זיינען געפֿאַלען פֿאר איהר אויף דיא קניע און האבען עפעס געזאגט אויף זייער שפּראַך. וועלכע קיינער האט ניט פֿערשטאנען.

ביי דיא ווילדע אין אויסטראַליען איז איינגעווארצעלט דער גלויבען, אז אלע מענשען זיינען שווארץ ביים לעבען. נאכ׳ן טויט אבער ווערן זיי ווייס. זיי קענען אבער נור זעלטען קומען צו דיא מענשען. ווען זיי קומען אבער אמאָל ברענגען זיי מיט זיך אלעס גוטעס.

בעזאנדערעס מיטליידען האבען ערוועקט אין ליידי העלענא׳ס הארץ דיא פֿרויען פֿון דיא ווילדע. זיי זיינען ווירקליך דיא אומגליקליכסטע בעשעפֿענישען אויף דער וועלט. דער מאַן גנבעט געוועהנליך זיין פֿרוי אדער ער פֿאַלט אויף איהר אן אין וואַלד, גיט איהר עטליכע קלעפּ מיט א גרויסען שטעקען און שלעפט איהר אוועק מיט זיך אין זיין געצעלט. דארט מוז זיא פֿאר איהם ארבייטען. זיא מוז פֿערזארגען דיא פֿאמיליע מיט עסען. ווען דער מאן קומט אהיים און געפֿינט ניט וואס צו עסען, שלאגט ער דיא פֿרוי אזוי לאנג, ביז זיא פֿערשאפֿט איהם עפעס צו עסען. זיא חאַפּט איידעקסען (יאַשטשערקעס), שלענג און מייז און גיט איהר מאן און איהרע קינדער צו עסען. דער ווילדער אויסטראַליער עסט אלעס, וואס ער קען קריעגען: שפּינען, פֿליעגען, פֿרעש, ווערים און אלעס, וואס מען קען נור אריינלעגען אין מאַגען אריין.

דיא פֿרוי מוז פֿערזארגען דאס געצעלט. זיא ברענגט דיא קאָרע (רינדע) צו מאַכען דאס געצעלט. זיא מאכט פֿייער, זיא מאכט דאס געפעס: הילצערנע שיסלען און נאך איינינע איינפֿאַכע זאכען, וואס זאגאר א ווילדער מוז האבען.

זיא טאָר ניט עסען פֿארן מאַן. וואס עס בלייבט איבער פֿון איהם און פֿון דיא קינדער, דאס עסט זיא. איהר וואַרפֿט מען צו דיא ביינער און אלעס, וואס דער מאַן וויל שוין ניט עסען.

קוים האט ליידי העלענא זיי געוויזען, אז זיא גיט זיי עסען, האבען זיך אלע ארומגעשטעלט ארום איהר, האבען אויסגעשטרעקט דיא הענד און האבען געשריען:

— נאָקי! נאָקי! (גיב מיר, גיב מיר).

ליידי העלענא האט געמוזט צו געהן צום וואגען. דיא ווילדע זיינען איהר נאכגעגאנגען, האבען זיך ארומגעשטעלט ארום וואגען און האבען אריינגעשטעקט זייערע לאנגע, דאַרע הענד אין וואגען. מיכטער אלבינעט האט אנגעהויבען צו שרייען, ווען ער האט דערזעהן, אז זיי גנבענען ביי איהם ארויס, וואס זיי קענען נור קריעגען. מען האט געמוזט אלעס פֿערשליעסען און פֿערמאכען.

דיא ווילדע מענשען האבען קיין בעגריעף פֿון פריוואַט אייגענטהום. גנבענען איז ביי זיי קיין שאַנדע קוים קענען זיי נור נעהמען ביי יענעם, נעהמען זיי, וואס זיי ווילען. ליידי העלענא האט זיך אבער ניט געקענט איינהאלטען און האט זיי צוטהיילט עסען. דיא ווילדע האבען זיך ארויפֿגעווארפֿען, וויא הונגעריגע וועלף אויף דעם עסען, וואס מען האט זיי געגעבען.

מערי גראנט האט געוויינט שטילערהייט.— ביי אזעלכע ווילדע געפֿינט זיך איהר פֿאטער געפֿאַנגען. אך! וויאַפֿיעל ליידען טראגט ער איבער ביי אזעלכע מענשען! זיא האט זיך געווענדעט צו אייערטאן און האט איהם געפֿרעגט:

— אייערטאן, זייט איהר אויך געוועזן געפֿאַנגען ביי אזעלכע ארימע, אונגליקליכע ווילדע?

— געוויס, האט אייערטאן געענטפֿערט, דיא ווילדע אין אויסטראַליען זיינען אלע עהנליך. דיעזע ווילדע אבער, וועלכע איהר זעהט יעצט, זיינען ווירקליך זעהר ארים און זעהר אונגליקליך. ווייטער אין לאנד געפֿינען זיך גאנצע פעלקער פון ווילדע, וועלכע לעבען פֿיעל בעסער. זיי געפֿינען זיך אונטער דער הערשאפֿט פֿון מעכטיגע פֿירסטען.

— אבער וואס מאכען זיי מיט א געפֿאַנגענעם אייראָפעער? האט קאפיטאן פֿארראגוט געפֿרעגט.

— דער אייראפעער טהוט, וואס איך האב געטהאן, האט אייערטאן געענטפֿערט. ער געהט מיט זיי אויף דער יאַגד, העלפֿט זיי חאַפען פֿיש, בויעט זייערע הייזער, געהט מיט זיי אין קריעג. ווען דער אייראפעער איז א קלוגער און א טיכטיגער מענש, קען ער מיט דער צייט ווערן א הויפטלינג, אן אנפיהרער ביי זיי.

פלוצלונג האט מען דערהערט א שרעקליכעס געשריי. דיא ווילדע האבען ארויסגעלאזען שרעקליכע קולות, האבען געטאנצט, געשפרונגען, געליאַרעמט און ארומגעלאָפֿען וויא דיא וואהנזיניגע.

— וואס שרייען זיי אזוי? וואס ווילען זיי? האט לארד גלענאַרוואַן געפֿרעגט אייערטאנען.

— וויא עס ווייזט מיר אויס, ווילען זיי געבען אייך צו עהרען א פֿאָר־שטעלונג.

— א פֿאָרשטעלונג? האט לארד גלענארוואן געפֿרעגט פֿערוואונדערט. וואס פֿאר א פֿאָרשטעלונג?

— זיי ווילען מאכען א מאַנעוור, ווייזען אייך, וויא אזוי זיי פֿיהרען קריעג.

קוים האט ער געענדיגט, האבען דיא ווילדע ווירקליך אנגעהויבען צו מאַ־כען א מאַנעוור. זיי האבען זיך צוטהיילט אין צוויי פּארטיעען און זיינען אנגע־פֿאלען איינער אויפֿ'ן אנדערן, גלייך וויא זיי וואלטען געפֿיהרט קריעג איינער מיט'ן אנדערן.

זייערע וואַפֿען בעשטעהען פֿון א לאַנגגען שטעקען מיט א דיקען קאפּ. אין'ם קאפּ פֿון'ם שטעקען זיינען דאָ שאַרפֿע שפּיצען. דאס איז זעהר א געפֿעהרליכע וואַפֿע. דיא וואונדערבארסטע וואַפֿע אויף דער וועלט אבער איז דער בומעראַנג. ביז אויף היינטיגען טאג האט נאך קיין רייזענדער און קיין געלערנטער ניט גע־קענט ערקלערן, וויא אזוי דער בומעראַנג ווירקט.

דער בומעראַנג איז א געוועהנליך שטיקע'ל האלץ, עטוואס קרום אין דער מיט, וויא א שטעקען, וועלכער איז אין דער לופֿט אביסעל אויסגעקרימט. דער ווילדער גיט איהם א ווארף, דאכט זיך גאַנץ געפֿערליך, וויא יעדער מענש ווארפֿט א שטעקען. דער בומעראַנג פֿליעהט לאַנגזאם, הייבט זיך אויף פֿון דער ערד, טרעפֿט דיא חיה, וואס דער ווילדער וויל טויטען, צוברעכט איהר דיא ביינער, פֿאלט אראָפּ, הויבט זיך אויף ווייטער און טרעפֿט אנאנדער חיה. אזוי פֿאלט ער אראָפּ, הויבט זיך אויף און צו ברעכט אלעס, וואס ער טרעפֿט, ביז ער בלייבט ליעגען. רייזענדע האבען געזעהן, וויא א ווילדער האט אויסגעשאָסען מיט'ן בו־מעראַנג אויף צוואנציג — דרייסיג פֿייגעל, וועלכע זיינען געזעסען אויף א בוים. איינינגע זיינען געזעסען אויף דיא ניעדעריגע צווייגען, אנדערע זיינען געזעסען אויף דיא העכערע צווייגען. דער בומעראַנג האט געטראָפֿען אין דיא ניעדעריגע צווייגען, האט יעדען פֿויגעל צוברעכען דיא פֿיסלעך אדער דאס קעפּעל, דאַן האט ער זיך אויפֿגעהויבען צו דיא העכערע צווייגען, האט דארט אנגעהויבען צו ברע־כען דיא ביינער פֿון דיא פֿויגעל און איז ערשט דאַן אראָפּגעפֿאַלען, ווען אלע פֿויגעל זיינען אראפּגעפֿאלען טויט צו דער ערד.

עס זיינען דאָ ווילדע, וועלכע זיינען אזוי געשיקט מיט'ן בומעראַנג, אז זיי שליידערן איהם אויף א חיה אדער א פֿויגעל. דער בומעראַנג לויפֿט, טויטעט דיא חיה קומט צוריק און לעגט זיך פֿאר דיא פֿיס פֿון'ם מענשען, וועלכער האט איהם געשיקט, גלייך וויא ער וואלט געהאט פֿערשטאַנד און וואלט געוואוסט, וואס ער טהוט.

דער בומעראַנג פֿליהט גאַנץ שטיל. ער מאכט קיין ליאַרם ניט, ווען ער פֿליהט. ער זומט נור — ז ז ז.. וויא א ביען זומט, ווען זיא פֿליהט. וואו ער טרעפֿט אבער, דארט צוברעכט ער דעם שטאַרקסטען ביין. אין א סעקונדע קען ער צו־ברעכען דעם קאפּ פֿון א מענשען אדער פֿון אן אָקס.

וואס איז דער בומעראַנג? וויא אזוי ווירקט ער? מיט וואס פאַר א קראַפֿט ווירקט ער? — דאס האט נאך דערווייל קיינער ניט ערקלערט. קיין אייראָפּעער קען ניט געברויכען דעם בומעראנג. עס האבען זיך געפֿונען רייזענדע, וועלכע האבען מאנאַטע לאנג זיך געלערנט געברויכען דעם בומעראַנג. — זיי האבען זיך ניט אויסגעלערנט. פֿרעגט דעם ווילדען, וויא אזוי געברויכט ער דעם בומעראַנג און וואס טהוט ער, ווען ער שליידערט איהם און ער וועט אייך ווייזען, וואס ער טהוט און וועט אייך ענטפֿערן:

— אט אזוי געברויך איך איהם.

אין קיין לאנד אין דער וועלט ווייס מען ניט פֿון'ם בומעראנג. עס זיינען דא ווילדע מענשען אין אזיען, אין אפֿריקא, אין אמעריקא, אויף פיעלע אינזלען. קיינער פֿון זיי ווייס אבער ניט פֿון'ם בומעראַנג, אויסער דיא ווילדע אין אויסטראַליען.

קוים ווערט דער ווילדער אויסטראַליער צעהן יאהר אַלט, געהט ער אוועק אין וואַלד, זוכט אויס א בוים פֿון זעהר האַרט האָלץ און ברעכט זיך אפּ א צווייג צו מאכען פֿון איהם א בומעראַנג. דאס האלץ מוז זיין גאנץ טרוקען. מען מוז וויסען, וויא אזוי עס צו בייגען. עס מוז זיין גאנץ גלאַט. עס טאר ניט האבען קייז שפעלטעלע, קיין קנאָטען (סוק). ווען דער יונגער ווילדער האט אויסגעפֿונען אזא צווייג און האט פֿון איהם געמאכט א בומעראַנג, הויבט ער זיך אָן צו לערנען איהם בענוצען. אין איינינע מאנאטע איז דער קורס געענדיגט און דער יונגער ווילדער געברויכט דעם בומעראַנג, וויא אן אלטער.

מען קען זיך לייכט דענקען, וויא דער פראָפֿעסאָר איז געווען אונגעדולדיג צו זעהן, וויא אזוי דער בומעראַנג ווירקט. דיא ווילדע אבער האבען געמאכט נור א מאַנעוור, א פֿאַלשען קריעג. זיי האבען ניט געברויכט דעם בומעראַנג. דאס איז זעהר א געפֿעהרליכע וואַפֿע, וועלכע טויטעט פֿאַר געוויס.

דער מאַנעוור האט געדויערט אן ערך פֿון א פֿיערטעל שטונדע. מענער, פֿרויען און זאַגאַר קינדער האבען טהייל גענומען אין דער פֿאַלשער שלאַכט. מע' האט זיך געשלאָגען, געריסען, געביסען און דערביי געשריען מיט אזעלכע ווילדע קולות, אז ליידי העלענא און מערי גראַנט האבען זיך געמוזט פֿערשטעלען דיא אויערן. פלוצלונג זיינען אלע געבליעבען שטיל. דיא וואַפֿען זיינען ארויסגעפֿאַלען פֿון זייערע הענד און אלע זיינען געבליעבען שטעהן, וויא פֿערשטיינערט.

— וואס זאל דאס זיין? האט לארד גלענארוואן געפֿרעגט.

קיינער האט איהם ניט געענטפֿערט. באלד אבער האט זיך אלעס דערקלערט. דיא ווילדע האבען דערזעהן א לאנגע רייהע פֿון פאפאגייען פֿליעהען אין דער הויך.

יעצט האט איינער פֿון דיא ווילדע גענומען א שטעקען און האט איהם אזוי גלייכגילטיג א ווארף געטהאן. דער שטעקען האט זיך אויפֿגעהויבען איינינע פֿוס אין דער הויך, איז אראָפּגעפֿאלען, האט זיך ווייטער אויפֿגעהויבען העכער און האט בעריהרט א צווייג. קוים האט ער בעריהרט דעם צווייג, האט ער בעקומען

מעהר קראַפֿט און איז געפֿלויגען נאָך העכער, ביז ער איז צוגעקומען צו דיא פּאפּאגייעס. דא האט זיך אנגעהויבען א קנאקען און קראכען. דיא פאפאגייעס זיינען אראפגעפֿאַלען צו דער ערד איינער נאָך דעם אנדערן. ווען דער שטעקען האט געענדיגט זיין ווערק פֿון טויט און ביינערברעכען, איז ער אראפגעפֿאַלען פֿאר דיא פֿיס פֿון'ם ווילדען, וועלכער האט איהם א ווארף געטהאן. דער פּראָפֿע-סאָר איז צו געלאָפֿען צום ווילדען און האט א חאַפּ געטהאן דעם שטעקען.

— אט דאס איז דער בעריהמטער בומעראנג! האט ער אויסגערופֿען מיט פֿרייד. איך האב אזוי פֿיעל געלעזען פֿון איהם, אז איך האב שטענדיג געבענקט איך זאל איהם זעהען.

ער האט איהם אלעמען געוויעזען. עס איז אבער ניט געווען וואס צו זעהן. עס איז געווען א גאַנץ געוועהנליכער שטעקען, נור אביסעל אויסגעקרימט אין דער מיט.

— נו, ערקלערט, פראָפֿעסאר, וויא אזוי ווירקט דער בומעראַנג? האט דער מאיאר געפֿרעגט.

— מיין ליעבער מאיאר, עס זיינען נאָך דא פֿיעל זאכען אויף דער וועלט, וואס מיר פֿערשטעהן ניט. דער בומעראנג איז אויך איינע פֿון דיעזע זאַכען.

— נו, מאיאר ריטשארדסאָן, האט ליידי העלענא געזאגט. זיא פֿלעגט זיך שטענדיג אננעהמען פֿאַרן פראָפֿעסאָר. — איהר זאגט, אז דיא אויסטראַליער זיי-נען מאַנקים, אַפֿען. קענען אַפֿען געברויכען אזא געפֿעהרליכע וואַפֿע?

— איך האב ניט געזאגט, אז דיא ווילדע אויסטראליער זיינען אַפֿען, האט דער מאיאר געענטפֿערט. איך האב געזאגט, אז דיא אפֿען זיינען ווילדע אויסט-ראליער.

— א שפּאַס איז קיינע אנטוואָרט, האט ליידי העלענא געזאגט ערנסט.

— נו, וועל איך אייך ענטפֿערן ערנסט. דיא נעגער זאגען, אז דיא אַפֿען זיינען אויך מענשען, נור געשיקטער און פֿעהיגער פֿון זיי. זיי האבען רעכט. איך זעה ניט דעם אונטערשיעד צווישען דעם נעגער און דעם אַפֿען.

עס איז שפּעט געווארען און לארד גלענארוואן האט ניט געוואלט פֿערליערן קיין צייט. ער האט געהייסען איינשפּאַנען דיא אָקסען און ווייטער פֿאהרען. ער האט געוואוסט, אז ביי דיעזע ווילדע וועט ער קיין אויסקונפֿט ניט קענען קריגען איבער קאפּיטאן גראנט. זיי וואינען נאָך צו נאהענט צו דיא ציוויליזירטע מענשען און וויסען ניט, וואס עס קומט פֿאָר טיעפֿער אין לאנד.

13טעס קאפּיטעל.

ווייטערע צופֿעלע.

דעם אנדערן טאג זיינען זיי א גאַנצען טאג געפֿאהרען און עס האט זיי גאר ניט פּאַסירט. זיי האבען בעגעגענט אויף'ן וועג פֿיעלע קענגורו'ס, דיא איינציגע ווילדע חיות פֿון אויסטראליען.

דיא קענגורו איז א זאנדערבארעס טהיער. דאס איז אויך איינע פֿון דיא

וואונדער פון אויסטראַליען. דיא קענגורו איז א פיער פיסיגעס טהיער. דיא פע־דערשטע פים זיינען גאַנץ קורץ. דיא הינטערשטע זיינען לאנג און זעהר שטאַרק. געוועהנליך זיצט זיא אויף דיא הינטערשטע פים. לאנגזאַם געהן קען זיא ניט. דערפאר לויפט זיא אזוי געשווינד, אז מען קען זיא ניט דעריאַגען מיט'ן בעסטען פערד. דיא קענגורו עסט גראָז, בלעטער פון בוימער און פריכטע. זיא האט מורא פאר א מענשען און אנטלויפט פון איהם. ווען מען יאָגט זיא אבער שטארק און זיא האט ניט וואו צו אנטלויפען, שטעלט זיא זיך לעבען א בוים און פערטהיי־דיגט זיך מיט איהרע שארפע נעגעל און מיט דיא הינטערשטע פים. מיט א זעץ מיט דיא הינטערשטע פים קען זיא טויטען דעם שטארקסטען הונד. עס איז גע־פעהרליך דאמאלס צו־צוקומען צו איהר נאהענט.

דאס וואונדערבאַרסטע אין דער קונגורו איז דיא אַרט, וויא זיא האט איהרע קינדער. ווען דיא יונגע קענגורוס ווערן געבוירען, זיינען זיי אזוי שוואַך און אזוי וויייך, אז יעדער קליינינקייט וואלט זיי צוקוועטשט. דיא מוטער האט אונטערן בויך א גרויסען בייטעל, א דאפעלע הויט. אין דיעזען בייטעל לעגט זיא אריין איהרע קינדער און געהט מיט זיי ארום, ביז זיי ווערן עלטער און קרעפטיגער, אז זיי קענען זיך שוין אליין געפינען זייער נאהרונג. עס איז זעהר אינטערעסאַנט צו זעהן, וויא א קענגורו שטעהט און עסט און פון אונטער איהר בויך שטעקען איהרע קינדער ארויס זייערע קעפלעך.

דיא קענגורו זיינען זעהר שעדליך פאר דיא קאלאניסטען. זיי בעפאַלען אפט אויף א פערזייטע פעלד מיט ווייץ, קאָרן אדער אנדערע פריכטע און פרע־סען אויף אין איין נאַכט דאס גאנצע פעלד. דיא קאלאָניסטען פערפאלגען זיי און טויטען זיי הונדערטער וויים. דער פראפעסאָר האט דערצעהלט פון א קאלאָניסט, וועלכער האט אין איין יאהר געטויטעט אַכט טויזענד שטיק קענגורו'ס.

דיא ווילדע אויסטראַליער עסען דאס פלייש פון דער קענגורו. דיא איירא־פעער געפינען, אז דאס פלייש איז האַרט און ניט געשמאַק. דיא פעל פון דער קענגורו וואלט געווען זעהר גוט אויף שוכווארג און אנדערע זאכען. עס זיינען אבער דאָ אין אויסטראַליען אזוי פיעל פעל פון אָקסען און פערד, וועלכע קאָסטען אזוי ביליג, אז קיינער וויל זיך ניט נעהמען דיא מיה אויסצוארבייטען דיא פעל פון דיא קענגורוס.

דער פראפעסאָר האט צוואַר געוואלט זיך נאכיאָגען נאך א פאר קענגורוס און זיי שיעסען. לארד גלענארוואן אבער האט איהם ניט געלאָזען.

— צו וואס טויטען א לעבעדיגע זאַך אהן א שום נוצען? האט ער געזאגט.

אויפ'ן דריטען טאג זיינען זיי צוגעקומען צו א בערג קעטע — א רייהע פון בערג — וועלכע מען האט געמוזט אריבער פאהרען. יעצט האט זיך אנגעהויבען שוויעריגקייטען.

דיא בערג זיינען צוואַר געווען ניט שטאַרק הויך, עס זיינען אבער ניט גע־ווען קיין אויסגעפאהרענע וועגען. אין איינינע ערטער זיינען דיא בערג געווען בעוואקסען מיט ניעדעריגע בוימעלעך — „בוש,“ וויא מען רופט עס אין אויסטרא־

ליען. מען האט געמוזט זיך מאכען א וועג מיט דער האַק אין דער האַנד. דיא אַקסען האבען קוים געשלעפט דעם שווערען וואגען. ער איז יעדעס מאל אונטער געשפרונגען און האט געקראכט און געקרעכצט. אין איינינע ערטער איז דער וועג געווען בעדעקט מיט שטיינער. אין אנדערע ערטער האבען זיי אנגעטראָפען זומפען און בלאטעס, וועלכע מען האט געמוזט ארומפאהרען.

— וויא הייסען דיעזע בערג און וויא הויך זיינען זיי? האט לארד גלענאר־וואן געפרעגט דעם פראָפעסאר.

— זיי הייסען דיא אלפען. זיי זיינען אבער ניט אזוי הויך, וויא דיא אלפען אין אייראפא, האט דער פראָפעסאר געענטפערט. אין אויסטראַליען זיינען דאָ בערג, זיי זיינען אבער אלע ניעדעריג. זיי זיינען נור שפיעלכעלעך, אבער קיינע בערג.

— זעהט, פראָפעסאר, מאכט ניט קיין טעות, וויא איהר זייט געוואינט, האט דער מאיאר געלאַכט. דאס הייסט א שפיעלכעל, אז מיר פלאגען זיך שוין צוויי טאג און זיינען נאך ניט אריבערגעפאהרען דעם בארג.

— זייט איך בין אין אויסטראַליען, האב איך נאך קיין פעהלער ניט גע־מאכט, האט דער פראָפעסאר געזאגט שטאָלץ. אויסטראַליען ווירקט אויף מיר. איך ווער א פאלקאָמענער מענש.

— אך, פראפעסאר! האט ליידי העלענא אויסגערופען. איך וואלט זעהר געוואלט, איהר זאלט ווייטער מאכען עפעס א פעהלער. — עס פאסט אייך אזוי, ווען איהר מאכט א פעהלער.

וויא זיי האבען אזוי גערעדט, האט איינער פון דיא מאַטראָזען אויסגערופען:

— א גאַסטהויז! א קרעטשמע!

אלע האבען זיך אומגעקוקט און האבען ווירקליך דערזעהן א שטוב אין דיעזער ווילדער געגענד.

— שעהנע געשעפטען קען מאכען א גאסטהויז אין אזא ווילדע געגענד! האט אויסגערופען דער פראָפעסאר, איך קען מיר שוין פארשטעלען, וויא פיעל געסט ער קען האבען א טאג!

— וואס קימערט אונז, וואס פאר א געשעפטען דער ווירטה פון'ם גאַסט־הויז מאכט? האט לארד גלענארוואן געזאגט. איך בין העכסט צופריעדען, וואס מיר האבען דא געטראָפען א גאַסטהויז. דער ווירטה וועט אונז וועניגסטענס זא־גען, וויא אזוי מיר זאלען אריבערפאהרען דיא בערג. מעגליך, אז ער וועט אונז קענען געבען אויסקונפט, וואו עס געפינען זיך דיא הויפטלינגע פון דיא ווילדע. מיר זאלען קענען עפעס ערפאהרען איבער קאפיטאן גראנט.

זיי זיינען אריין אין גאסטהויז. דער ווירטה איז געווען איינער אליין. וויא עס האט אויסגעוויזען האט ער געהאלטען דאס גאַסטהויז נור פאר זיך. אין שטוב איז ניט געווען ניט קיין פרוי, ניט קיין קינד, ניט נאך א מענש. דעם מאיאר איז עס זעהר ניט געפעלען. וויא איז עס א מענש איינער אליין אין אַזא ווילדער גע־גענד? דער ווירטה אליין איז איהם אויך ניט געפעלען. ער האט אויסגעוויזען

זעהר גראָב, שלעכט און ווילד. ער האט צוואר געענטפערט אויף אלע פראַגען, וואס לארד גלענארוואן האט איהם געשטעלט. ער האט זיי אבער אזוי געענטפערט, אז נור אייערטאן האט פערשטאַנען, וואס ער מיינט. ער האט אנגערופען נעמען פון געגענדען, פון וועלכע זאָגאַר דער פראָפעסאר האט ניט געוואוסט. אייערטאן אבער האט געזאגט, אז ער וויס פון זיי און וועט פאהרען, וויא דער ווירטה האט איהם אנגעוויעזען.

ווען זיי האבען אלעס אויסגעפרעגט און האבען שוין געוואלט אוועקגעהן, האט דער מאיאר בעמערקט אויף דער וואַנד א געדרוקטע אנצייגע. דאס איז געוועו אן אנצייגע פון׳ם גובערנאטאר פון דער שטאדט פערטה, אז 29 שטרעפלינגע (קאָטאָרזשניקעס) זיינען אנטלאפען פון געפענגנים. עס האט זיי פערהאלפען צו אנטלויפען א בעריהמטער מערדער פון ענגלאַנד מיט׳ן נאמען בען דשאנס. דיא רעגיערונג זאגט צו הונדערט פונט סטערלינג דעם מענשען, וועלכער וועט מעלדען, וואו בען דשאנס געפינט זיך.

— דאס איז צו ווייניג פאר אזא געפעהרליכען מערדער, האט דער מאיאר געזאגט. וואס איז הונדערט פונט? — זיי וואלטען געמעגט צוזאגען טויזענד פונט!

— ער איז קיין הונדערט פונט אויך ניט ווערטה, האט אייערטאן געענטפערט.

— איך וואלט דעם ווירטה פון דיעזען גאסטהויז אויך ניט צופיעל געטרויט, האט דער פראָפעסאר געזאגט.

— איך אויך ניט, האט אייערטאן געענטפערט.

מען איז וויטער געפאהרען אויף דעם וועג, וואס דער ווירטה פון׳ם גאסטהויז האט אנגעוויעזען. דער וועג איז אבער געוועזען אזוי שלעכט און אזוי שווער, אז דיא דאַמען האבען געמוזט ארויסגעהן פון׳ם וואגען און געהן צופוס. מען האט געמוזט צושפאַנען דיא פערד צו די אקסען. זיי אליין האבען קיין כח ניט געהאט צו שלעפען דעם וואגען.

פלוצלונג איז דאס פערד, אויף וועלכען דער מאטראז מילרעד איז געריטען, אניעדער געפאַלען. מען איז צו איהם צוגעגאנגען און פראבירט איהם אויפצוהויבען. ער איז אבער געוועזען טויט. — וואס זאל זיין דיא אורזאכע, וואס דאס פערד האט אזוי פלוצלונג קרעפירט? — מען האט געפרעגט אייערטאן. ער האט פערצויגען דיא אקסלען,— ער וויס ניט.

— נעהם מיין פערד, האט לארד גלענארוואן געזאגט צום מאטראז. איך וועל פאהרען מיט ליידי העלענא אין וואגען, ביז מיר וועלען צוקומען ערגעץ, וואו איך וועל קענען קויפען אנדערע פערד.

דער מאטראז מילרעד האט איהם געפאָלגט און אונזערע רייזענדע זיינען וויטער געפאהרען. מיט שווערער מיה און זעהר לאנגזאם האבען זיי זיך ארויפגעשלעפט אויפ׳ן באַרג. דא האבען זיי גענעכטיגט. דאס פאהרען אראָפּ באַרג אין אזא ווילדע געגענד איז נאך שווערער און געפעהרליכער, וויא דאס פאהרען באַרג ארויף.

דיא נאכט איז פערגאנגען רוהיג. עס איז נור געווען זעהר קאלט. וויא ניעדעריג דיא בערג זיינען אין אויסטראַליען, איז דאך קאלט אויף דיא בערג, בע־זאָנדערס ביי נאַכט. מען האט געמוזט ארויסנעהמען דיא ווארעמע דעקען און זיך איינהילען.

דעם אנדערן טאג איז מען אראפגעפאהרען פון דיא בערג. דאס אראָפ־פאהרען איז ווירקליך געווען זעהר שווער. דער וואגען האט זיך אזוי צוטרייסעלט אראפפאָהרענדיג, אז ער האט זיך קוים, קוים געהאלטען. זיצען אין וואגען איז געווען אונמעגליך. מען האט געמוזט געהן צופוס. דיא שיך האבען זיך צוריסען אן דיא שאַרפע שטיינער און אן דיא דערנער.

מיעד, מאַט און צובראכען איז מען ענדליך אנגעקומען אין אן ארט, וואו מען האט זיך ענטשלאסען צו נעכטיגען. קוים האט מען אויסגעשפאנט דיא אָק־סען און אפגעזאָטעלט דיא פערד, האט זיך אייערטאן געווענדעט צו לארד גלע־נארוואן און האט איהם געזאגט:

— יעצט זיינען מיר שוין גאר ניט ווייט פון'ם מעער. דאס הייסט פון דעם ארט, וואו דיא „בריטאַניא" איז אונטערגעגאנגען און קאפיטאַן גראנט האט זיך גערעטעט. אייניגע מייל פון דאנען געפינט זיך נאך א פאסט־סטאַציאן. עס וואלט דאהער זעהר גלייך געווען, אז איהר זאלט שיקען צוויי מענשען מיט א בריעף אויף דער פאָסט, אז דער „דונקאן" זאל באלד קומען אהער. ווען מיר וועלען גע־פינען דעם קאפיטאן גראנט, וועלען מיר שוין האבען אונזער שיף ביי דער האנד און וועלען קענען פאהרען, וואוהין מיר וועלען דארפען.

דער פראפעסאר איז געווען אין גאנצען איינפערשטאנדען מיט אייערטאן. לארד גלענארוואן איז אויך געווען דער מיינונג, ער זאל שיקען צוויי מענשען מיט א בריעף אויף דער פאסט־סטאַציאן, וואס אייערטאן האט געזאגט. אז דער „דונ־קאן זאל באלד קומען. דער מאיאר אבער איז געווען דאגעגען.

— דיא געגענד איז ניט זיכער, האט ער געזאגט. מיר זיינען נור אַכט מענ־שען. וויא קענען מיר אוועקשיקען צוויי מענשען, אז מיר זאלען בלייבען נור זעקס? — אויסער דעם זיינען דיא מענשען ניט בעקאנט מיט דער געגענד. זיי וועלען ערגעץ פערבלאָנזעט ווערען און שטארבען אויפ'ן וועג פאר הונגער. —וויע־דער אוועקשיקען אייערטאן מיט'ן בריעף, קען מען אויך ניט. ער ווייס דאך בע־סער דעם וועג און ווען מען וועט בעגעגענען ווילדע, קען ער דאך זיך עפעס מיט זיי צונויף רעדען. — לאמיר בעסער פאהרען ווייטער, וויא מיר זיינען געפאהרען ביז אהער, לאמיר ניט מאכען קיין ענדערונג. ווען מיר וועלען דארפען האבען דעם דונקאן, וועלען מיר זעהען וואס צו טהאן.

קאפיטאן פארראגוט איז אויך געווען דער מיינונג, אז עס איז גלייכער ווייּ־טער צו פאהרען. פון טופאָלד בוכטע וועלען זיי לייכטער קענען שיקען א בריעף קיין מעלבורן. לעבען יענע בוכטע געהען אפט דורך שיפען, בעזאנדערס דיא פאסט דאמפפער פון בינא און נייזעעלאַנד.

עס איז געבליעבען, אז מען זאל קיינעם ניט שיקען און מען זאל מארגען

ווייטער פאהרען. אייערטאן האט פערביסען מיט דיא ליפען און האט גאר ניט געענטפערט. מען האט זיין מיינונג ניט אנגענומען, איז ער אזוי אויך צופריעדען. דער מאיאר האט גוט בעמערקט, אז אייערטאן איז זעהר ניט צופריעדען, וואס מען האט זיין מיינונג ניט אנגענומען. אויף דער גאנצער רייזע האט דער מאיאר ניט אראפגעלאזען קיין אויג פון אייערטאן. ער האט אבער קיינעם ניט געזאגט, אז דער מענש געפעלט איהם ניט.

דעם אנדערן טאג אין דער פריה איז מען ווייטער געפאהרען. דיא געגענד איז געווען זעהר א שעהנע. וויא ווייט דאס אויג האט נור געגרייכט, האט מען געזעהען גרינע וועלדער און פעלדער בעדעקט מיט בלומען. דיא רייזע וואלט געווען העכסט אנגענעהם, ווען עס זאל ניט געווען שטארק היים.

געגען מיטאג איז מען געקומען אין א וואלד פון פערנבוימער (פאפאראטניק אויף רוסיש) דאס איז איינער פון דיא זעלטענסטע בוימער, וועלכע מען טרעפט נור אין אויסטראליען, — א נאטירליכער רעגענשירם אדער זאנענשירם. דיא פערנבוימער זיינען אייגענטליך נור הויכע גראזען. אין אויסטראליען אבער וואקסען זיי אזוי הויך און האבען אזעלכע ברייטע בלעטער, אז זיי בילדען ווירקליך גוטע זאנען=שירמע.

דער פראפעסאר איז געווען אויסער זיך פאר פרייד. ער האט גערעדט און ערקלערט דיא נאטור פון דיא פערנבוימער. אלע האבען איהם אויסגעהערט מיט פערגניגען. פלוצלונג — באץ! דער פראפעסאר איז אראפגעפאלען פון זיין פערד און האט זיך צעהן מאל איבערגעקעהרט. דאס פערד איז געפאלען אונטער איהם.

אלע זיינען געבליעבען ערשטוינט. מען איז צוגעלאפען און מען האט אויפגעהויבען דעם פראפעסאר. דאס גראז איז געווען ווייך און עס האט איהם גאר ניט געשאדעט. מען איז צוגעקומען צו זיין פערד — עס איז טויט.

— דאס איז זאנדערבאר! האט אויסגערופען קאפיטאן פאררגוט. שוין דאס צווייטע פערד פאלט אזוי פלוצלונג. וואס זאל דאס הייסען?

— דאס איז קיין צופאל, האט געברומט דער מאיאר. דא איז עפעס.

לארד גלענארוואן איז געווארען זעהר אונרוהיג. ער האט גערעכענט, אז אן עפידעמיע (א קראנקהייט) איז אנגעפאלען אויף זיינע פערד. וואס וועט ער טהאן, ווען אלע זיינע פערד וועלען קרעפירען איינער נאכ'ן אנדערן?

עס האט אבער גאר ניט געהאלפען. מען האט געמוזט ווייטער פאהרען. איינער פון דיא מאטראזען האט געגעבען דעם פראפעסאר זיין פערד און אליין איז ער געגאנגען צו=פוס. מען איז אוועקגעפאהרען נאך א פאר שטונדען. פלוצלונג איז ווידער געפאלען א פערד און איז געבליעבען טויט אויפ'ן ארט, גלייך ווי דער בליץ האט איהם געטראפען. מיט א שטונדע שפעטער איז אן אקס געפאלען און געבליעבען טויט אויפ'ן ארט.

דיא לאגע פון אונזערע רייזענדע איז געווארען זעהר א קריטישע. אין גאנצען איז זיי יעצט געבליעבען נור פיער פערד און דריי אקסען. — וואס טהוט מען יעצט? דיא מענער קענען געהן צו=פוס. וואס וועלען אבער טהאן דיא דאמען?

זיי האבען נאך הונדערט און צוואַנציג מייל ביז צום מעער. וויא וועלען דיא ראַ־
מען געהן אזא שטרעקע צו־פוס?

לארד גלענארוואן און דער מאיאר האבען זיך יעצט צוגעקוקט צו דיא אי־
בעריגע פערד און אָקסען. זיי זיינען געווען פאלקאמען געזונד. קיין צייכען פון
א קראַנקהייט, קיין שפור פון אן עפידעמיע האט מען ניט געקענט בעמערקען
אין זיי.

— מיר מוזען וויטער פאהרען, האט לארד גלענארוואן געזאגט, זא לאַנג
מיר האבען נאך אויף וואס צו פאהרען.

מען איז וויטער געפאהרען; ווער עס האט ניט געהאט קיין פערד, דער איז
געגאנגען צו־פוס. ווען איינער איז מיעד געווארען, האט ער זיך ארייגגעזעצט אין
וואגען אפרוהען.

דער אנדערער טאג איז פערגאנגען רוהיג. עס האט קיין זאַך ניט פאַסירט.
אויפ'ן דריטען טאג איז מען געפאהרען וויטער. פאר נאכט איז מען צוגעקומען
צו א וואַלד און אייערטאן איז אריינגעפאהרען גלייך אין וואלד אריין. ער איי
אוועקגעפאהרען עטליכע הונדערט שריט אן, האט א געשריי געטהאן:

— סטאָפ!

— וואס איז געשעהן? האבען געפרעגט דער מאיאר און דער קאפיטאַן
מיט אמאָל.

— דער וואגען איז אַריין אין א זומפ איבער דיא רעדער, האט אייערטאן
געענטפערט.

ער האט געשלאגען דיא אקסען און האט זיך געגעבען אלע מיה ארויסצו־
קריכען פון זומפ. עס האט אבער ניט געהאלפען.

— מיר מוזען דא נעכטיגען, האט ענדליך דער מאיאר געזאגט.

— איך מיין אויך אזוי, האט אייערטאן געענטפערט. אין דער פריה וועלען
מיר זעהן, וויא אזוי ארויסצושלעפען דעם וואגען פון'ם זומפ.

עס איז געבליעבען, מען זאל דארט נעכטיגען. אייערטאן האט זיך געגעבען
אלע מעגליכע מיהע און האט ארויסגעשלעפט דיא אָקסען פון זומפ. באלד האט
מען געמאכט אלע פארבערייטונגען פארן נאכטלאגער. עס איז געווען היים און
דריקענד. מען האט געקענט ערווארטען, אז ביי נאכט וועט געהן א רעגען און
מען האט זיך געמוזט פארבערייטען אויף דעם פאַל, ווען עס וועט געהן א רעגען.
מען האט אויפגעשלאגען געצעלטען אונטער גרויסע בוימער.

אלע זיינען געווען מיעד פון דער לאנגער רייזע און פון דער היץ. מען האט
שנעל אפגעגעסען סאפער און מען האט זיך געלעגט שלאפען. איינער פון דיא
מאטראָזען האט געהאלטען דיא וואך. זייט דאס אַייזענבאהן אונגליק האט זיך
געטראפען, פלעגט שטענדיג איינער האלטען דיא וואַך ביי נאַכט.

געגען עלף אוהר האט זיך דער מאיאר אויפגעכאפט. ער האט עפעס ניט
געקענט שלאפען. ער איז ארוים פון געצעלט און איז אביסעל ארומגעגאנגען אין
וואלד. פלוצלונג האט ער דערזעהן א זאַנדערבאַרען שיין. א שוואכע, בלויע

ליכטיגקייט האט געפונקעלט ערגעץ פון דערווייטען. דיא ליכטיגקייט איז געווען, וויא ווען מען צינדעט אן פאספאר. — וואס זאל דאס זיין?

ער האט שטילערהייט אויפגעוועקט דעם פראפעסאר, האט איהם ארויסגעפיהרט פונ'ם געצעלט און האט איהם געוויעזען דיא זאנדערבארע ליכטיגקייט. דער פראפעסאר איז צוגעקומען צו דעם ארט, וואו עס האט זיך געלייכט, האט עס בעטראכט און האט איהם געזאגט:

— דאס איז אויך איינע פון דיא וואונדער פון אויסטראליען. דאס זיינען שוועמלעך, גאנץ געוועהנליכע שוועמלעך. זיי ענטהאלטען אין זיך פאספאר און לייכטען אין א פינסטערע נאכט. אין אנדערע ערטער קען מען אויך זעהן דאס זעלבע וואונדער, אבער ניט אויף שוועמלעך. — פארפוילטעס האלץ לייכט אין דער פינסטער. אפגעשיילטע קארטאפעל, ווען זיי שטעהן א פאר טאג, לייכטען זיי אין דער פינסטער.

ער האט איהם צוגעפיהרט צו א בוים, אונטער וועלכען עס האבען געוואקסען דיא לייכטענדע שוועמלעך און האט איהם געוויעזען, וויא זיי לייכטען. ער איז געווען מיעד און איז צוריק געגאנגען שלאפען. דער מאיאר איז מיט איהם אויך צוריקגעגאנגען, ער האט אבער ניט געקענט שלאפען און איז ווידער ארוים-געגאנגען אביסעל שפאצירען. ער איז נאך אמאל צוגעגאנגען צו דיא לייכטענדע שוועמלעך. זייט ער איז בעקאנט געווארען מיט'ן פראפעסאר, האט ער זיך אנגעהויבען צו אינטערעסירען פאר נאטור וויסענשאפט.

פלוצלונג איז ער געבליעבען שטעהן און האט א ציטער געטהאן. עס האט זיך איהם אויסגעוויעזען, אז עס שטעהען מענשען ניט ווייט פון דיא לייכטענדע שוועמלעך.— וואס זאל דאס זיין? זאל זיך איהם האבען נור אויסגעוויעזען? זאל ער זיך האבען אפגענארט? — דיא מענשען זיינען געשטאנען א וויילע, האבען זיך איינגעבויגען צו דער ערד, גלייך וויא זיי וואלטען עפעס געזוכט, און זיינען פערשוואונדען געווארען. באלד האבען זיי זיך ווידער געוויעזען, האבען זיך וויטער איינגעבויגען, האבען געטאפט דיא ערד און זיינען וויטער פערשוואונדען געווארען.

— וואס זאל דאס זיין? האט דער מאיאר געזאגט צו זיך אליין. דאס זיינען מענשען. איך נארר מיך ניט אפ. אבער וואס טהוען זיי? וויא קומען זיי אהער? וואס דארפען זיי? — איך מוז עס וויסען. ווען דאס זיינען מענשען, וועלען זיי דאך געוויס עפעס רעדען. איך מוז הערן, וואס זיי רעדען.

ער האט זיך אניעדער געלעגט אין טיעפען גראז און האט זיך געקייקעלט, וויא א שלאנג, גאנץ שטיל, אז קיינער זאל איהם ניט הערן, ביז ער האט זיך צוגעקייקעלט צו דעם ארט, וואו עס האט זיך איהם אויסגעוויעזען, אז ער זעהט מענשען. ער איז דארט אוועקגעלעגען א גוטע ווייל און האט זיך געוואלט קייקלען צוריק. פלוצלונג האט אנגעהויבען צו גיעסען א רעגען. ער האט זיך אויפגעהויבען און איז צוגעלאפען צו זיין געצעלט.

14טעם קאפּיטעל.

א נייעם אונגליק.

דער רעגען האט געדויערט א גאנצע נאכט. ער האט געגאָסען אזוי שטארק, אז אלע האבען געמוזט זוכען שוץ אין וואגען. פֿון שלאפֿען איז שוין קיין רעדע ניט געווען. אלע זיינען געזעסען און האבען גערעדט. דער פּראָפֿעסאר האט דערצעהלט פֿון דיא לייכטענדע שוועמלעך און האט ערקלערט, פארוואס זיי לייכטען. אלע האבען גערעדט, נור דער מאיאר איז געזעסען אין א ווינקעלע פֿערטראכט און האט קיין ווארט ניט גערעדט.

ענדליך איז דיא לאנגע, טרויעריגע נאכט פֿערגאנגען. דער רעגען האט אויפֿגעהערט, דער הימעל אבער איז נאך אלץ געווען בעדעקט מיט וואלקענס. אויף דער ערד זיינען געווען גרויסע טייכען מיט שמוציגעם וואסער. עס איז געווען זעהר אונאנגענעהם צו געהן אויף דער נאַסער, בלאטיגער ערד.— עס העלפֿט אבער ניט. מען מוז ווייטער פֿאהרען. וואס וועט מען דא אויסשטעהן אין דער בלאָטע?

לארד גלענארוואן, דער קאפּיטאן און דער פּראָפֿעסאר האבען בעטראַכט דעם וואגען. פֿון'ם רעגען איז דיא ערד געווארען נאך ווייכער און דער וואגען איז אריין נאך טיעפֿער אין זומפּ. זיי האבען אויסגעפֿונען, אז מען וועט מוזען איינשפּאַנען אלע פֿערד און אלע אָקסען און אלע מענשען וועלען נאך אויך מוזען העלפֿען, אום דעם שווערן וואגען ארויסצושלעפען פֿון'ם זומפּ.

— דא העלפֿט גאר ניט, האט קאפּיטאן פֿארראגוט געזאגט. מיר מוזען טהאן אלעס מעגליכע, אום דעם וואגען ארויסצושלעפֿען. וואס וועלען מיר דא שטעהן?

— געוויס, מוזען מיר זעהן, וויא צום גיכסטען ארויס פֿון דאַנען, האט אייערטאן געענטפערט.

מען האט זיך באלד גענומען צו דער ארבייט. מען האט געוואלט אויסהאַקען צוויי שטארקע שטאנגען און זיי ארונטערלעגען אונטערן וואגען. צו דיעזע שטאנגען זאל מען צושפּאַנען דיא פֿערד און דיא אָקסען און אויף אזא ארט זאל מען ארויסשלעפּען דעם וואגען פֿון זומפּ.

מען איז געגאנגען אויסהאַקען א פּאר יונגע בוימער. יעצט ערשט האבען זיי בעמערקט, אין וואס פֿאר א וואונדערבאַרען וואלד זיי זיינען. אין גאנצען וואַלד האט מען ניט געזעהען ניט איין גרינעם בלעטעלע. דיא בוימער זיינען אלע געווען פֿערדאַרט, דיא קאָרע (רינדע) פֿון זיי האט זיך אפּגעשיילט און איז אראפּגעפֿאלען. דאס האלץ האט זיך ארויסגעזעהען, עס איז אבער געווען שוואַרץ. דיא לופֿט און דאס וועטער האבען עס געמאכט דונקעל, וויא אלטעס האָלץ זעהט אויס. דיא צווייגען פֿון דיא בוימער זיינען צוואַר געווען געדיכט און האבען אויסגעוויעזען, וויא א נעץ. זיי זיינען אבער אלע געווען פֿערדאַרט. מען האט געפֿרעגט דעם פּראָפֿעסאר, וואס דאס איז.

— אין אויסטראַליען קומט עס אפֿט פֿאָר, האט ער געענטפֿערט. אויף א

גאנצען וואלד פאלט אן א מין קראנקהייט, א מין סארט עפּידעמיע, און אלע בוימער שטארבען אוים מיט אמאל. זיי ווערן פלוצלונג פֿערדארט, זייערע בלעטער ווערן פֿערוועלקט, דיא רינדע (קאָרע) שיילט זיך אפּ און דיא בוימער בלייבען שטעהן, וויא דיא ביינער פֿון טויטע. — ביז אהער האט מען נאך ניט אויסגעפֿונען דיא אורזאכע פֿון דיעזער קראנקהייט. מען האט זיא ניט געקענט אויסגעפֿינען, ווייל קיין געלערנטער אייראפּעער האט נאך ניט ביינעוואינט אזא פֿאַל. ווען דער געלערנטער קומט אין אזאַ וואַלד, געפֿינט ער אלעס טויט, אלעס פֿערדארבען, אלעס פֿוילט שוין. נו, וואס קען ער וויסען? ווען ער זאל קענען קומען פונקט אין דער צייט, וואס דיא ביימער הויבען אן אויסצושטארבען, וואלט ער געקענט אויסגעפֿינען דיא אורזאַכע רערפֿון.

וויא זיי זיינען געשטאַנען און האבען אזוי גערעדט, איז געקומען אייערטאַן און האט דערצעהלט, אז ער קען ניט געפֿינען דיא אָקסען און דיא פֿערד. אלע ויינען זיך צוגאַנגען איהם העלפֿען זוכען. מען האט געזוכט אומעדום.— זיי זיינען פערפֿאַלען געווארען. פלוצלונג האט מען געהערט דעם מאיארס שטימע.

— קומט נור אהער, אלע!

מען איז נאכגעגאנגען נאכ'ן קול און מען איז צוגעקומען צו א קליין טייכעל, ביים ברעג פֿון'ם טייכעל זיינען געלעגען דיא אָקסען און דיא פערד — טויט. נור איין פֿערד און איין אקס זיינען געבליעבען לעבען און האבען רוהיג געפֿרעסען דאס גראז.

מיר האבען פֿערגעסען צו דערצעהלען, אז ווען אייערטאן האט געבראכט דעם שמיד, ער זאל צורעכט מאַכען דיא צובראָכענע אַקס, האט ער אין דערזעלבער צייט צוגעשלאגען א הויפּאַייזען (פּאָדקאָווע) צו לארד גלענארוואנס פֿערד. גראַדע דיעזעס פֿערד איז געבליעבען לעבען. דאס האט אבער בעמערקט נור דער מאיאר, ווייטער קיינער ניט.

לארד גלענארוואן, דער קאפּיטאַן און דער פראפֿעסאָר זיינען געשטאנען און האבען מיט פֿערצווייפלונג געקוקט אויף דיא טויטע פֿערד און אקסען.

וואס וועלען זיי יעצט טהאן אהן פֿערד, אהן אָקסען אין אזא וויסטע און שרעקליכע געגענד?

— עס איז פֿערפֿאַלען, האט ענדליך לארד גלענערוואן געזאגט. מיר מוזען זעהן זוכען א מיטעל, וויא אזוי ארויסצוקומען פֿון דיעזע געגענד. — אייערטאן! נעהמט דאס פֿערד מיט'ן אקס און קומט מיט זיי צום וואגען.

— ווען דער וואגען זאל ניט ליעגען אין זומפּ, האט קאפּיטאן פֿארראגוט געזאגט, וואלטען מיר זיך שוין לאנגזאַם געשלעפּט, ביז מיר וואלטען ערגעץ צוגעקומען צו א וואינונג פֿון ציוויליזירטע מענשען. — מיר מוזען אלזא, אנווענדען אלע אונזערע קרעפֿטע אום דעם וואגען ארויסצושלעפּען.— צו דער ארבייט!

אייערטאן האט גענומען דעם איינציגען אקס און דאס איינציגע פֿערד, וואס איז זיי געבליבען און האט זיי צוגעפֿיהרט צום וואגען, וואו דער מאיאר און דיא דאַמען זיינען געזעסען. לארד גלענארוואן האט זיי דערצעהלט פֿון'ם נייעם אונ-

גליק, וואס עס האט זיי געטראפֿען. זיי האבען יעצט ניט מעהר, וויא איין אָקס און איין פֿערד.

— שאַדע! אייערטאן, וואס איהר האט ניט געלאזען אייער שמיעד אנשלאַגען הופאייזען (פאַדקאָוועס) אויף אלע פֿערד, האט דער מאיאר אויסגערופֿען.

— וואס וואלט דאַן געווען? האט אייערטאן געפֿרעגט גלייכגילטיג.

— וואלטען זיי אלע לעבען געבליעבען. איך זעה, אז נור דאס פֿערד איז געבליעבען לעבען, אויף וועלכעס אייער שמיעד האט צוגעשלאגען דיא הויפֿאייזען.

— דאס איז ווירקליך זאָנדערבאַר, האט קאפיטאן פֿארראגוט געזאגט.

— עס איז גאר ניט זאנדערבאַר, האט אייערטאן געענטפֿערט. — עס איז בלויז א צופֿאַל.

דער מאיאר האט זיך געביסען דיא ליפען. ער האט עפעס געוואלט זאגען. ער האט זיך אבער צוריק געהאלטען. און איז געגאנגען בעטראַכטען דעם וואגען. אייערטאן איז אויך אוועקגעגאנגען אויסזוכען שטאַנגען.

— דער מאיאר האט עפעס געוואלט זאגען. ער האט זיך אבער איינגעהאלטען, האט ליידי העלענא געזאגט צום קאפיטאן. — ווייסט איהר אפֿט ניט, וואס ער האט געוואלט זאגען?

— איך ווייס ניט, האט דער קאפיטאן געענטפֿערט. איך בין אבער זיכער, אז דער מאיאר ווייס פֿון עפעס און וויל עס ניט אויסזאגען.

— מיר שיינט, אז דער מאיאר האט וועניג צוטרויען צו אייערטאַן, האט לארד גלענארוואן געזאגט. ער איז איהם עפעס חושד, איך ווייס ניט וואס.

— זאל ער איהם חושד זיין, אז ער האט געטויטעט דיא אָקסען און דיא פֿערד? האט דער פראפעסאר געזאגט. עס איז דאך א וואונדער, וויא דיא פֿערד זיינען געפֿאַלען איינער נאכ'ן אנדערן. דאס איז ווירקליך קיין צופֿאַל. דיא פֿערד האט מען פֿערגיפֿטעט.

— אה, גלויבט עס ניט, פראפֿעסאר! האט ליידי העלענא אויסגערופֿען. אין דער גאנצער צייט פֿון אונזער רייזע האט זיך אייערטאן געוויעזען אלס א טרייער און צופֿערלעסיגער מענש.

— דער מאיאר וועט אבער ניט זאגען עפעס אומזיסט, האט קאפיטאן פֿאַרראגוט ארויסגעזאגט. עפעס מוז דאך זיין. עס איז דייטליך געננג, אז דער מאיאר טרויט איהם ניט.

— פֿיעללייכט איז ער איהם חושד, אז ער איז פֿון איין באַנדע מיט דיא אנטלאָפֿענע קאַטאָרזשניקעס? האט דער פראפֿעסאר זיך ארויסגעכאַפּט.

— וואס פֿאר אן אנטלאפֿענע קאַטאָרזשניקעס? האט ליידי העלענא און מערי גראנט געפֿרעגט.

דער פראפֿעסאר האט איינגעזעהן, אז ער האט געמאכט א שרעקליכען פֿעהלער. לארד גלענארוואן האט זיך געגעבען אלע מעגליכע מיה, אז דיא דאַמען זאלען ניט וויסען, אז אין יענער געגענד געפינט זיך יעצט א באַנדע פֿון

אנטלאָפּענע שטרעפּלינגע. פּלוצלונג חאַפּט ער זיך ארויס און זאָגט זיי אויס א זאַך, וועלכע מען האָט זיי אויף קיין פאַל ניט געוואָלט זאָגען. ער האָט עס דאָ־הער געוואָלט צוריק חאַפּען.

— איך מיין ניט דיא אנטלאָפּענע שטרעפּלינגע, האָט ער געזאָגט. אין אויסטראַליען זיינען גאר ניטא קיין אנטלאָפּענע שטרעפּלינגע. אלע שלעכטע מענשען ווערן גוט, ווען זיי קומען קיין אויסטראַליען.

עס איז שוין אבער געווען צו שפּעט. ליידי העלענא האָט אלעס פערשטאַ־נען. זיא האָט נור געוואָלט, אז מערי גראַנט זאָל ניט וויסען, וואס דא קומט פאָר.

— קום, מערי, האָט זיא איהר געזאָגט. לאָמיר זעהן מאַכען א פריהשטיק פאַר דיא מענער. מיסעס אליבנעט אליין וועט ניט זיין אימשטאַנד צו מאַכען אזוי שנעל דעם פריהשטיק.

מיט דיעזע ווערטער האָט זיא אנגענומען מערי גראַנט ביי דער האַנד און האָט זיא אוועקגעפיהרט.

— וואס האָב איך געטהאָן ? האָט געזאָגט דער פּראָפעסאָר, ווען ער איז געבליעבען אליין מיט לאָרד גלענארוואַן. איך בין ווערט, אז מען זאָל מיך אויפ־הענגען.

— אויפהענגען איז צו א האַרטע שטראַפע פאַר אזא קליינעם פערברעכען, האָט לאָרד גלענארוואַן געזאָגט מיט א געלעכטער. א גרויסען פעהלער האָט איהר דאָך בעגאַנגען און מיר וועלען אייך שוין אמאָל בעשטראָ[פ]ען.

זיי זיינען יעצט געגאַנגען זעהן, וואס עס הערט זיך מיט'ן וואָגען. אייער־טאָן, דער מאַיאָר און דיא מאַטראָזען האָבען זיך געגעבען דיא גרעסטע מיה ארויסצושלעפּען דעם וואָגען פון'ם זומפּ. עס איז אבער אלעס געווען אומזיסט. דער שווערער וואָגען איז פערזונקען אזוי טיעף אין זומפּ, אז עס איז ניט געווען קיין שום מעגליכקייט איהם ארויסצושלעפּען. דיא שטאַנגען האָבען זיך אויסגע־בויגען, דיא מענשען האָבען זיך אפּגעמאַטערט און דער וואָגען האָט זיך דאָך ניט גערירט פון'ם אָרט. אייערטאָן האָט נור וואס געוואָלט געהן זוכען שטאַר־קערע שטאַנגען, ווען לאָרד גלענארוואַן האָט איהם ארויפגעלעגט דיא האַנד אויף דער פּלייצע.

— לאָז זיין, אייערטאָן, האָט ער איהם געזאָגט. מיר מוזען שוינען אונזער איינציגעס פערד און אונזער איינציגען אָקס. מעגליך, אז עס וועט אונז אויסקומען צו מאַכען וועיטער דיא רייזע צופוס, וועלען מיר זיי דאַרפען האָבען, זיי זאָלען שלעפּען אונזער פּראָוויאַנט.

— אָלל רייט ! האָט אייערטאָן געענטפערט און האָט אויסגעשפּאַנט דיא בהמות.

— מיינע הערען, האָט זיך לאָרד גלענארוואַן געווענדעט צו אלעמען. קומט אין לאַגער און לאָמיר זיך בעראַטהען, וואס מיר זאָלען ווייטער טהאָן.

מען איז געגאַנגען אין לאַגער, וואו אלבינעט האָט דערוויל אנגעגרייט א גוטען פריהשטיק, און מען האָט זיך געזעצט עסען. נאָכ'ן עסען האָט לאָרד

גלענאַרוואָן אויפגעפאָדערט יעדען, ער זאל זאגען זיין מיינונג. צוערשט מוז דער פראָפעסאָר אויסרעכענען, וואו מיר געפינען זיך יעצט.

דער פראָפעסאָר האט זיך באַלד גענומען צו דער ארבייט. אזוי וויא דיא זון איז ארויס, איז איהם געווען זעהר לייכט אויסצורעכענען מיט זיינע אינסטרו-מענטען, וואו זיי געפינען זיך יעצט. ער האט באלד אויסגעפונען, אז זיי געפינען זיך פינף און זיעבעציג מייל ווייט פון דער בוכטע טופאָלד, דער ארט, וואו דיא „בריטאַניא" איז אונטערגעגאנגען, וויא אייערטאַן האט געזאגט.

— און וויא ווייט זיינען מיר פון מעלבורן?

— פון מעלבורן זיינען מיר דריי הונדערט מייל דיא ווייט. דאס איז אבער נור, ווען מיר זאלען געהן אויף א גאנץ גלייכער ליניע, וויא מיינע לאנדקאַרטען ווייזען. אזוי וויא דאס איז אבער אונמעגליך, מוזען מיר רעכענען, אז ביז אין דער בוכטע טופאלד האבען מיר הונדערט פינף און צוואַנציג מייל און קיין מעלבורן מעהר אלס פיער הונדערט מייל.

— אלזא, קענען מיר ניט דענקען, אז מיר זאלען געהן קיין מעלבורן. עס איז צו ווייט. מיר מוזען געהן צו דער בוכטע טופאלד און פערלאזען זיך אויפ'ן צופאַל. מעגליך, אז מיר וועלען טרעפען אויפ'ן וועג א פאַרם, וואו מיר וועלען קענען קויפען פערד און אָקסען. מעגליך, אז מיר וועלען אנטרעפען א שיף אין דער בוכטע, וועלכעס וועט אונז מיטנעהמען קיין מעלבורן.

ליידי העלענא, מערי גראַנט און מיסעס אלבינעט האבען געזאגט, אז זיי קענען געהן צופוס. זיי וועלען געווים מאכען צעהן מייל א טאג. לארד גלענאר-וואן האט א קוק געטהאן אויף זיין פרוי מיט ליעבע און פרייד.

— דוא ביסט געבארען צו זיין א רייזענדע, האט ער איהר געזאגט. איך ווייס, אז דוא ביסט א מוטהיגע פרוי און וועסט געהן צופוס, וויא א מאַן. סער סעמועל בעקער דארף ניט זיין אזוי שטאלץ, וואס זיין פרוי איז מיט איהם דורכ-געגאנגען צופוס גאנץ אפריקא. דוא וואלסט עס אויך געטהאן.

ער האט זיך יעצט געווענדעט צום פראָפעסאָר.

— איך מוז נאך א מאל אנקומען צו אייך, פראָפעסאָר פאַגאַנעל, האט ער איהם געזאגט. ווייסט איהר ניט דאָ ערגעץ פון א שטעדטעל, אדער א דאָרף, וואו מיר זאלען קענען קריעגען פערד און אָקסען?

דער פראָפעסאָר האט געטראַכט א פאר מינוט.

געוויס, ווייס איך! האט ער פלוצלונג אויסגערופען. פינף און דרייסיג מייל פאר דער בוכטע טופאָלד געפינט זיך א פאַרט מיט'ן נאמען „עדען". דאס איז צוואַר נאך א גאנץ קליין שטעדטעל, ווייל זיא איז ערשט ניט לאנג געבויט געוואָרען. אין אויסטראַליען אבער וואקסען דיא שטעדט זעהר שנעל און איך מיין, אז אין „עדען" דארף זיך יעצט שוין געפינען א פאר טויזענד איינוואוינער. מיר וועלען צוואַר אנלענגען וועג, ווען מיר זאלען יעצט געהן קיין „עדען", מיר וועלען אבער זעהר פיעל געווינען, ווייל אין עדען קענען מיר קויפען אלעס נעטהיגע און פאָהרען שנעלער צו דער בוכטע טופאלד.

— וואלט דען ניט גלייכער געווען, אז מען זאל בעסער שיקען א מענשען קיין עדען, ער זאל פון דארט שיקען א טעלעגראמע צום קאמאַנדיר פון׳ם „דונ־קאן, אז ער זאל באלד קומען אין דער בוכטע טופאלד? האט אייערטאן געזאגט. דאמאלס וועלען מיר דאך אלעס פערשפארען.

— וואס זאגט איהר, פאררגוט? האט לארד גלענארוואן געפרעגט דעם קאפיטאן. — דאס איז אייער פאך. איך וויל מיך ניט מישען אין אייערע גע־שעפטען.

— איך מיין, אז מיר וועלען נאך שטענדיג האבען צייט צו שיקען נאכ׳ן „דונקאן", האט פאררגוט געענטפערט. מיר האבען זיך ניט צו אײלען און אפ־רייסען מענשען פון אונזער קליינער פארטיע.

— דער קאפיטאן האט רעכט, האט דער פראפעסאר געזאגט. מיר קענען אין פיער — פינף טאג קומען קיין עדען. דארט וועלען מיר זיך איבערלעגען, וואס מיר זאלען ווייטער טהאן.

— אין פיער — פינף טאג וועט איהר זיין אין עד׳ען? האט געפרעגט איי־ערטאן מיט א שמייכעל. — זאגט, אין צוואנציג — דרייסיג טאג. איהר זייט טאקע א פראפעסאר פון געאגראפיע, איהר מיינט אבער, אז אין אויסטראַליען איז אזוי לייכט צו פאהרען, וויא איהר פאהרט ארום מיט דער האנד אויף אייער לאנד־קאַרטע. פראבירט נור פאהרען, וועט איהר זעהען, וואס פאר א שוועריגקייטען עס וועלען זיך אייך פארשטעלען.

— צוואנציג — דרייסיג טאג? האט לארד גלענארוואן געפרעגט פערוואונ־דערט. וויא איז דאס מעגליך? לויט וויא דער פראפעסאר האט אויסגערעכענט, איז קיין עדען פיעל נעהענטער, וויא צו דער בוכטע טופאלד. עס איז אהין ניט מעהר, וויא זעכציג מייל. דארף א רייזע פון זעכציג מייל געדויערן צוואנציג ביז דרייסיג טאג? דאס קען ניט זיין, אייערטאן!

— איהר קענט ניט דיא געגענד, מילארד, האט אייערטאן געענטפערט מיט א פעסטער שטימע. דאס איז איינע פון דיא ווילדעסטע געגענדען אין אויסטראַ־ליען. קיין וועג, קיין שטעג, קיין שפור פון מענשען איז אין דער גאנצער געגענד ניטא. איבעראל זעהט מען נור ניעדעריגע בוימעלעך, „בוש", וועלכע זיינען אזוי געדיכט, אז מיר וועלען מוזען אויסהאקען אונז א וועג מיט א האַק אין דיא הענד. עס געפינען זיך דארט ווילדע טייכען, ביי וועלכע מיר וועלען מוזען פערברענגען איינינגע טעג, איידער מיר וועלען זיי אריבערגעהן. דאס אלעס טהוט זיך ניט אזוי שנעל. איך בין זיכער, אז אין דרייסיג טעג וועלען מיר ניט אנקומען קיין עדען.

אייערטאן האט גערעדט אזוי פעסט און אזוי זיכער, אז דער פראפעסאר האט געמוזט שווייגען. ער האט געקענט דיא געגענד נור פון ביכער. דאס איז דאך אבער ניט גענוג.

— גוט! האט קאפיטאן פאררגוט געזאגט. איך גיעב צו, אז מיר וועלען האבען שוועריגקייטען, וועניגסטענס וועלען מיר זיין אין א שטאדט צווישען

ציוויליזירטע מענשען און מיר וועלען קענען געפינען מיטעל, וויא אזוי פארטצו־ וועצען אונזער רייזע.

— מיינע העררען, האט זיך אפגערופען אייערטאן, איהר קענט גאר ניט אייער לאגע. איהר ווייסט ניט, וואו מיר געפינען זיך און וואס פאר א שוויעריג־ קייטען מיר האבען יעצט איבערצושטעהן. געהט נור א פאר מייל ווייטער, וועט איהר זעהן, וואס פאר א גרויסער טייך פארשטעלט אונז דעם וועג.

אלע האבען אנגעקוקט דעם פראפעסאר. ער האט דאך אויסגערעכענט פינקטליך, וואו זיי געפינען זיך.

— איהר מיינט געווים דעם טייך „סנאָאי ריווער״? האט דער פראפעסאר געפרעגט אייערטאנען.

— דעם מיין איך טאקע.

— דער איז דאך אבער גאר ניט אזוי ברייט און אזוי טיעף, וויא איהר זאגט?

— געהט נור, גרויסער פראפעסאר, און גיט א קוק אויף אייער קליינעם טייך, וועט איהר שוין זעהן, אויב מיר קענען איהם אזוי לייכט אריבערגעהן. ער איז ווירקליך א קליינער טייך אים ווינטער, יעצט אבער האט עס זעהר שטארק גע־ רעגענט אין דיא בערג און דער קליינער טייך איז געווארען אזוי אנגעשוואלען, אז איך זעה ניט קיין מעגליכקייט, וויא אזוי איהם אריבערצוגעהן.

— נו, וועלען מיר מאכען א באָאט, האט זיך אפגערופען דער קליינער ראָ־ בערט. מיר דארפען נור אויסהאַקען א דיקען בוים און איהם אויסהוילען, וועלען מיר שוין האבען א באָאט.

— בראַוואָ, ראבערט! האט אויסגערופען דער פראפעסאר. דוא ווערסט א מענש, אן עכטער רייזענדער, וועלכער קען זיך אויסהעלפען אין יעדע פערלע־ גענהייט.

— איך מיין, אז ראבערט האט רעכט, האט געזאגט דער קאפיטאן פאר־ ראגוט. זעלבסטפערשטענדליך, ער רעדט, וויא א קינד, אז מען זאל אויסהוילען א בוים. דאס טויג ניט. איך מיין אבער, אז מיר זאלען צונויפבינדען עטליכע בוימער צוזאַמען און מאכען א פלאָט (פלאס). אויף אזא פלאָט קענען מיר ארי־ בערשווימען דיא טייך.

— וואס זאגט איהר, אייערטאן? האט לארד גלענארוואַן געפרעגט. מיר קענען מאכען א פלאט און אריבערשווימען דעם טייך.

— מיינע הערען, האט אייערטאן געזאגט, איהר רעדט אלע, וויא אונזער פראפעסאר. איהר רעדט פון ביכער, איהר האט געלעזען, אז מען קען מאכען א פלאָט און איהר ווילט מאכען א פלאט. — געהט נור און זעהט דעם טייך. ער רוישט און קאכט, וויא אין א קעסעל. ער וועט צורייסען אייער פלאט אויף שטיק־ לעך. איהר ווייסט גאר ניט, וויא געפעהרליך דער טייך איז יעצט.

— אלזא, גיט עפעס אן עצה, האט לארד גלענערוואן געזאגט. מיר האבען

זיך אויף אייך פערטרויט. איהר זייט אונזער פיהרער. זאגט אונז, וואס מיר יעצט טהאן?

איירטאן האט געטראַכט א פאר מינוט, דאן האט ער געענטפערט.

— מיינע העררען, מיר געפינען זיך אלע אין איין לאגע. וואס איך טהו, איז צום וואהל און בעסטען פון אונז אלעמען. ווען איהר מיר הייסען פאהרען, וועל איך געוויס פאהרען, וואוהין איהר וועט הייסען און וועל געוויס טהאן אלעס, וואס איך וועל געפינען, אז עס קען אונז אלעמען נוצען.

— דאס איז נאך אלץ קיין ענטפער ניט, איירטאן, האט לארד גלענארוואן געזאגט. איהר זייט מעהר בעקאנט מיט אויסטראליען פון אונז. גיט אונז אן עצה, וואס מיר זאלען טהאן. מאכט עפעס א פלאַן, וויא אזוי מיר זאלען ארויסקריכען פון דאנען.

— אויב מיר קענען ערוואַרטען פון ערגעץ הילף, האט איירטאן ענדליך געזאגט, איז עס נור פון'ם „דונקאן." איינער פון אונז מוז געהן, וואוהין איך האב געזאגט, און טעלעגראפירען צו טאם אויגוסטין, ער זאל באלד קומען מיט'ן דונקאן צו דער בוכטע טופאָלד. ער קען שיקען זיינע מאטראזען מיט דיא שיפלעך צום טייך אונז אריבער נעהמען. ער קען אונז ברענגען פראוויאַנט. ער קען אונז ברענגען פערד. — דער „דונקאן" איז אונזער איינציגער רעטונג. — מיר מוזען בלייבען דא אויפ'ן ארט, ביז דער „דונקאן" וועט אנקומען. מעגליך, אז אונטערדעסען וועט דאס וואסער אין טייך אפפאַלען און מיר וועלען קענען אריבערגעהן דעם טייך אויף א פלאַט. דאַן וועלען מיר צוקומען צופוס צו דער בוכטע טופאָלד. אלענ־פאַלס מוזען מיר האבען דעם „דונקאן" אין דער בוכטע טופאָלד.

— מיינע פריינד, האט זיך לארד גלענארוואן געווענדעט צו אלעמען. איהר האט געהערט דיא מיינונג פון אונזער וועגווייזער. זאגט, וואס זאלען מיר טהאן? וויא געפינט איהר זיין מיינונג?

זייט עס האט זיך אנגעהויבען דיא בעראַטהונג, האט דער מאיאר קיין ווארט ניט געזאגט. ער פלעגט שטענדיג ליעב האבען צו זאגען זיין מיינונג, ווען עס פלעגט קומען צו א בעראטהונג. דאס מאל אבער איז ער געווען שטום, וויא א פיש. ליידי העלענא האט עס זעהר גוט בעמערקט און זיא האט זיך דאהער צו איהם געווענדעט.

— וואס שווייגט איהר עפעס, מאיאר? — זאגט אונז אייער מיינונג. איהר זייט דאך א פראַקטישער מענש און האט שוין אנגעזעהן א וועלט. — זאגט, וואס זאללען מיר טהאן?

— ווען איהר פרעגט מיך מיין מיינונג, מוז איך אייך זאגען, אז איירטאן האט רעכט. זיין מיינונג איז דיא ריכטיגסטע. איך בין מיט איהם פאלקאמען איינ־פערשטאנדען.

אלע זיינען געווען ערשטוינט, ווען דער מאיאר האט דאס ארויסגערעדט. ביז אהער, ווען איירטאן פלעגט עפעס זאגען, פלעגט דער מאיאר שטענדיג זיין דא־געגען. יעצט איז ער פאלקאמען איינפערשטאַנדען מיט זיין מיינונג! איירטאן

אליין איז געווען איבערראַשט און האט האסטיג געוואָרפֿען א בליק אויפֿ'ן מאיאר.

דער פראָפֿעסאר, ליידי העלענא און דיא מאַטראָזען האבען אויך געפֿונען, אז עס איז גלייכער צו בלייבען אויפֿ'ן ארט און וואַרטען, אז דער „דונקאַן“ זאל קומען צו דער בוכטע טופאלד.

— וואס זאגט איהר, פֿארראגוט? האט לארד גלענארוואן זיך געווענדעט צו זיין קאפיטאן. אלע געפֿינען, אז מיר זאלען ליעבער בלייבען דאָ, ביז דער דונקאַן וועט קומען אונז צו הילף. — וואס זאגט איהר?

לארד גלענארוואן האט זעהר געשעצט דעם קאפיטאן. ער האט איהם שוין אויספראָבירט און האט אויסגעפֿונען, אז אין אזא פֿאַל פֿערשטעהט ער דאך מעהר פֿון אלעמען.

— איך פֿערשטעה דיא מענשען ניט, האט קאפיטאן פֿארראגוט געענטפֿערט מיט פערדרוס. דער טייך „סנאָאי ריווער“ האט זיך צוגאָסען. ער איז אזוי טיעף און אזוי ברייט, אז מיר קענען איהם ניט אריבערגעהן און מיר מוזען בלייבען דאָ, וואַרטען, ביז ער וועט אפּפֿאַלען, אדער ביז דער „דונקאַן“ וועט אונז שיקען הילף. וויא באלד אז מיר קענען ניט אריבערגעהן דעם טייך, וויא אזוי קענען מיר שי־קען א מענשען, ער זאל איבערגעבען א בריעף אדער א טעלעגראַמע צו טאם אויגוסטין אויפֿ'ן „דונקאַן“?

— דער מענש, וואס מען וועט שיקען, דאַרף ניט אריבערגעהן דעם טייך, האט אייערטאן געענטפֿערט. ער וועט געהן צוריק אויף דעם וועג, וואס מיר זיי־נען געקומען, און וועט אין דער ערשטער שטאדט איבערגעבען זיין טעלעגראַמע.

— אליין, צופֿוס אין אזא ווילדער געגענד? האט דער קאפיטאן ווייטער געפֿרעגט. וויא קען מען לאָזען געהן א מענשען נאר אליין, און נאך צופֿוס אין אזא געגענד?

— ער וועט פֿאהרען רייטענדיג, האט אייערטאן געענטפֿערט. מיר האָבען נאך איין פֿערד, וועלכעס איז פֿאלקאמען געזונד. ווען דער מענש זאל פֿאהרען קיין מעלבורן, קען ער אויף אזא געזונדעס און גוטעס פֿערד אין זעקס טאג אנ־קומען קיין מעלבורן, זיך אויפֿזעצען אויפֿ'ן „דונקאַן“ און אין אכט — צעהן טאג איז דער „דונקאַן“ דאַ אונז צו הילף.

— געוויס אזוי, האט דער מאיאר געזאגט. אייערטאן האט ווידער רעכט.

קאפיטאן פֿארראגוט האט א קוק געטהאן אויפֿ'ן מאיאר און האט פֿערצויגען מיט דיא אַקסלען. ער האט איהם ניט פֿערשטאַנען. דער מאיאר איז אזא קלוגער מענש און האט קיין פיצעל צוטרויען ניט צו אייערטאן. פלוצלונג זאל ער איהם אזוי נאכגעבען אין אלעמען, וואס ער זאגט? דאס האט דער עהרליכער און גוטער פֿארראגוט ניט געקענט פֿערשטעהן. — ער האט דאהער געשוויעגען.

— יעצט, מיינע פֿריינדע, האט לארד גלענארוואן ווייטער געזאגט, — יעצט, אז מיר האבען שוין בעשלאסען, אז מיר זאלען דאָ וואַרטען, ביז דער „דונקאַן“ וועט קומען אונז צו הילף, בלייבט אונז נאך איבער צו בעשליעסען, ווער זאל זיין אונזער באָטע (משולח) צו טאם אויגוסטין, אז ער זאל קומען מיט'ן „דונקאַן“

אהער? איך זעה, אז אייערטאן האט רעכט. עס איז גלייכער, אז מיר זאלען שיקען א מענשען קיין מעלבורן צו טאם אויגוסטין, ער זאל באלד קומען. דער מענש וועט צוריק קומען אויף׳ן „דונקאן.“ ער וועט ווייזען דיא מאטראזען, וואו מיר געפינען זיך.

דער פראפעסאר, ראבערט, דיא מאטראזען ווילסאן און מילרעד און קאפיטאן פארראגוט — יעדער האט געזאגט, אז ער וויל פאהרען קיין מעלבורן צו טאם אויגוסטין. ווען אלע זיינען שטיל געבליעבען, האט זיך אייערטאן געווענדעט צו לארד גלענארוואן.

— דאס בעסטע וועט זיין, איך אליין זאל פאהרען קיין מעלבורן. איך קען דיא וועגען. איך קען מיך צונויפרעדען מיט דיא ווילדע, ווען איך וועל זיי אנטרעפען אויף׳ן וועג. איך בין א גוטער רייטער. אין אכט טאג בין איך צוריק מיט׳ן „דונקאן.“

אלע האבען איינגעזעהן, אז אייערטאן איז דאך דער איינציגער מענש, וועלכער פאסט פאר אזא רייזע, און האבען געשוויעגען.

— איהר האט רעכט, אייערטאן, האט לארד גלענארוואן געזאגט. איהר זייט א גוטער און פעהיגער מענש. איהר וועט געוויס האלטען ווארט און וועט אונז ניט לאזען פערשמאכטען אין דיעזער ווילדער געגענד.

— וויא וועלען מיר אבער דא בלייבען אליין? האט קאפיטאן פארראגוט געפרעגט. ווען אייערטאן וואלט דא געבליעבען, וואלטען מיר דערווייל געקענט געהן זוכען ווילדע פעלקער און פרעגען ביי זיי, אויב זיי ווייסען עפעס ניט פון דער „בריטאניא“, אדער פון קאפיטאן גראנט. ווען אייערטאן געהט אבער אוועק, וועלען מיר דיא גאנצע צייט, וואס ער וועט דא ניט זיין, מוזען זיצען לעדיג.

— וואס רעדט איהר אזוי פיעל, קאפיטאן? האט זיך פלוצלונג דער מאיאר געבייזערט. מיר וועלען ווארטען, ביז אייערטאן וועט צוריק קומען. אהן איהם קענען מיר גאר ניט טהאן. ער איז אונזער פיהרער, אונזער וועגווייזער און ער וועט אלעם אויסגעפינען און אלעם איינארדנען, וויא צום בעסטען פאר אונז אלע

קאפיטאן פארראגוט האט געקוקט אויף׳ן מאיאר מיט שרעק און מיט שטוינען. — וואס איז מיט איהם? איז ער ניט אראפ פון זינען? דא איז עפעס ניט גלאט.

— אלזא, אייערטאן, האט לארד גלענארוואן געזאגט, אום צו מאכען אן ענדע צו אלע שטרייטיגקייטען,— אלזא, אייערטאן, מאכט אייך פערטיג אויף דיא רייזע, וועל איך אנשרייבען א בריעף צו טאם אויגוסטין, אז ער זאל אייך אויפנעהמען אויף׳ן „דונקאן“ און זאל באלד מיט אייך פאהרען צו דער בוכטע טופאלד.

אויף אייערטאנס געזיכט האט זיך געוויעזען א שטראהל פון פרייד און א זאנדערבארער שמייכעל האט זיך געקרייזעלט איבער זיינע ליפען. ער האט אנגעבויגען דעם קאפ, אז קיינער זאל עס ניט זעהן. דאך האט עס קאפיטאן פאר-

ראגוט בעמערקט און אין זיין הארץ האט זיך אויפגעוועקט א שרעקליכער פער־דאכט נעגען אייערטאן.

לארד גלענארוואן האט זיך געהייסען ברענגען שרייבגעצייג און א קליין צונויפגעלעגטען טישעלע. ער האט זיך געזעצט שרייבען א בריעף צו טאם אוי־גוסטין, אז ער זאל פאלגען, וואס אייערטאן וועט איהם הייסען. אייערטאן איז אוועקגעגאנגען זיך פערטיג מאכען צו דער רייזע. — דער מאיאר האט זיך אניע־דערגעשטעלט לעבען לארד גלענארוואן און האט געקוקט, וויא ער שרייבט דעם בריעף. ווען לארד גלענארוואן האט געהאלטען ביים ענדיגען שרייבען, האט דער מאיאר פלוצלונג צו איהם געזאגט:

— עדוארד, איהר שרייבט ניט ריכטיג דעם נאמען אייערטאן.

— איך פערשטעה אייך ניט, מאיאר, האט לארד גלענארוואן געענטפערט. וויא דען זאל איך שרייבען? איך שרייב אייערטאן, וויא מען דארף איהם שרייבען אויף ענגליש.

— ניין, עדוארד, אויף ענגליש הייסט ער ניט אייערטאן, זאנדערן — ב ע ן ד ש א נ ס!

15טעס קאפיטעל.

אראפגעריסען דיא מאסקע.

וויא א דאנערשלאג פון פרייען, וואלקענלאזען הימעל, אזוי האט געטראפען דעם מאיארס ענטדעקונג אלעמען. איינינע אויגענבליקע זיינען אלע געבליעבען שטעהן, וויא פערשטיינערט. באלד אבער האבען זיך אלע געחאפט צו זייערע ביקסען. דער נאמען בען דשאנס האט אויף אלעמען געמאכט א שרעקליכע ווירקונג.

— לאמיר איהם בינדען! האט אויסגערופען דער פראפעסאר.

אין דיעזע מינוט האט געקנאקט א שאס און לארד גלענארוואן האט זיך אנגעחאפט ביי דער האנד. פון דערווייטענס האט מען געהערט שיעסען.

— צום וואגען! צום וואגען! האט געשריען קאפיטאן פארראגוט און האט ליידי העלענא און מערי גראנט אוועקגעשלעפט מיט געוואלד צום וואגען.

דער פראפעסאר, דער מאיאר, דיא מאטראזען און זאגאר אלבינעט האבען זיך ארומגעשטעלט ארום וואגען מיט זייערע שארף געלאדענע ביקסען.

לארד גלענארוואן איז געוועזן לייכט פערוואונדעט אין א האנד. ער האט זיך צוגעבונדען דיא וואונד מיט זיין טאשען טוך און האט אויך גענומען א ביקס. אלע זיינען געוועזן בערייט זיך צו פערטהיידיגען ביז צום לעצטען טראפען בלוט. אבער וואונדערבאר! אייערטאן איז פערשוואונדען און אלעס איז געווארען שטיל. מען הערט קיינעם ניט און מען זעהט קיינעם ניט.

דער מאיאר און קאפיטאן פארראגוט האבען זיך איינגעשטעלט און זיינען צוגעגאנגען ביז אין דעם ארט, פון וואנען מען האט פריהער געהערט שיעסען. ווי האבען אבער דארט קיינעם ניט געפונען. נור אויף דער נאסער ערד האט מען

דערקענט צייכענס פֿון מענשליכעס פֿיס. עס איז געווען דייטליך, אז דארטען זיי-נען נור וואס געווען מענשען. מען האט געפֿונען אויסגעשאָסענע פיסטאָנעס און אנדערע צייכענס, אז דיא מענשען, וועלכע זיינען דארטען געווען, האבען גע-שאָסען.

זיי זיינען צוריקגעגאנגען צום וואגען און קאפיטאן פֿארראגוט האט געמעל-דעט, אז זיי האבען קיינעם ניט געפֿונען.

— און דאס עבען בעאונרוהיגט מיך, האט דער מאיאר געזאגט. עס איז פֿיעל בעסער צו בעגעגענען א טיגער אויפֿ'ן פֿרייען פֿעלד, אלס א שלאַנג פֿער-באָרגען אין טיפֿפֿען גראָז. — לאמיר ווייטער זוכען.

זיי האבען ווייטער געזוכט אין אלע זייטען און האבען ווידער קיינעם ניט געפֿונען. בען דשאנס מיט זיין באַנדע זיינען פֿערשוואונדען. אונזערע רייזענדע האבען פֿערשטאַנען, אז זיי מוזען זיין ערגעץ ניט וויט און זיי טראכטען עפעס א פלאַן, וויא אויף זיי אנצופֿאלען. אלזא, מוז מען טראַכטען, וויא זיך צו פֿער-טהיידינען.

זייער איינציגע פֿעסטונג איז יעצט געבליעבען דער וואגען. זיינע גראבע ווענט קענען וועניגסטענס שיצען געגען א קוגעל. עס איז געבליעבען, אז מען זאל זעהן בעוואָרנען דעם וואגען. — מען זאל איהם ארומשטעלען מיט קלעצער און מיט בוימער. מאכען ארום איהם אן ארט צוים פֿון שטיקער האָלץ.

ליידי העלענא האט קוים איינגעבעטען איהר מאן, ער זאל איהר ערלויבען צו פֿערבינדען זיין וואונד. ער האט אבער דאך געמוזט נאכגעבען איהר בעטען. זיא האט אויפֿגעשניטען זיין ארבעל און האט ארומגעוואַשען דיא וואונד. צום גליק, איז דיא קוגעל דורכגעלאָפֿען דורכן פֿלייש פֿון דער האנד און האט דעם ביין ניט גערידהרט. אזוי וויא זיי האבען געהאט מיט זיך אייניגע מעדיצינישע מיטעל, האט זיא צוגעלעגט א פֿלאַסטער צו דער וואונד און האט זיא פֿערבונדען. זיא האט געבעטען, אז ער זאל טראַגען דיא האנד אויף א באַנד. לארד גלענאר-וואן אבער האט דערפֿון ניט געוואלט וויסען.

יעצט האט מען זיך גענומען צו דער ארבייט — שיצען דעם וואגען. אין א קורצע צייט האט זיך ארום וואגען געבילדעט א וואנד פֿון קלעצער און שטיקער האָלץ, אז מען איז געווען זיכער, אז דער וואגען קען זיי דערוויל שיצען פֿון א קוגעל. ווען זייער פֿעסטונג איז פֿערטיג געווארען, האט מען אויסגעשטעלט וואַ-כען און דיא איבעריגע זיינען אריינגעגאנגען אין וואגען זיך אפרוהען. לארד גלענארוואן האט געפֿרעגט דעם מאיאר, פֿון וואנען ער איז געוואהר געווארען, אז אייערטאן איז דער אנפֿיהרער פֿון דער באַנדע אנטלאָפֿענע קאַטאָרזשניקעס און ער הייסט גאר בען דשאנס?

דער מאיאר האט צו ערשט דערצעהלט ליידי העלענא און מערי גראנט דיא געשיכטע פֿון דער באַנדע און אז זיי זיינען עס שולדיג געווען אין דעם באַהן אונגליק לעבען קעמדען.

— זייט איך האב איהם דערזעהן צום ערשטען מאָל, האט דער מאיאר

געזאגט, איז ער מיר ניט געפֿעלען. איך האב דעם מענשען פֿיינד געהאט, איך האב אליין ניט געוואוסט פֿאר וואס און איך האב מיך ענטשלאָסען, איך זאל פֿון איהם קיין אויג ניט אראפּלאזען. ווען איהר האט געגעסען, ווען איהר האט געטרונקען, ווען איהר האט גערעדט און האט גאר פֿערגעסען אן איהם, האב איך בעאבאַכטעט אלע זיינע מינעס, אלע זיינע בעוועגונגען, יעדען אויסדרוק פֿון זיין געזיכט און יעדע בעוועגונג פֿון זיינע ליפּען, ביז וואַנען מיר זיינען געקומען צום טייך ווימעררא, האב איך גאר ניט בעמערקט. ווען עס האט זיך צובראָכען דיא אַקס און ער האט געבראַכט א שמיעד, האב איך צום ערשטען מאָל בעמערקט, וויא ער מיט׳ן שמיעד האבען זיך געמאכט צייכענס. איך האב ווייטער בעמערקט, אז ער וויל זעהר ניט אריינפֿאהרען אין א שטאדט. איך האב געזעהן, וויא ער בעהאלט זיך, ווען ער קומט אין א שטאדט. דיא הויפּט זאַכע אבער, וואס מיר איז ניט געפֿעלען אין איהם, איז געווען, וואס ער האט אזוי אָפֿט און אזוי האַרטנעקיג פֿערלאנגט, אז דער „דונקאן" זאל אונבעדינגט קומען אין דער בוכטע-טופֿאָלד.

איך האב פֿערשטאַנען, אז דאָ איז עפּעס, אז דאס איז ניט אומזיסט, אז ער האט-דערביי א געוויסען ציעל; איך האב אבער אויף קיין פֿאַל ניט געקענט וויסען, וואס ער מיינט, ביז דער צופֿאַל האט מיר אלעס ענטדעקט. פֿאָריגע נאכט האב איך ניט געקענט שלאָפֿען. איך בין ארומגעגאנגען אין וואַלד און האב דערזעהן ביים שוואַכען שיין פֿון לייכטענדע שוועמליך, אז עפּעס ריהרט זיך אין וואַלד. איך האב מיך געלעגט אין גראָז און האב מיך געקייקעלט, וויא א שלאַנג, ביז איך בין צוגעקראָכען צו דעם אָרט, וואו עס האט זיך מיר אויסגעוויזען, אז מענשען דרעהן זיך. איך האב געהערט פֿאלגענדעס געשפּרעך.

— דוא ווייסט דאך שוין, וועלכע בהמות מען דארף פֿערגיפֿטען, האט איין שטימע געזאגט. בען דשאָנס האט דאך אונז געגעבען דעם צייכען. מען דארף לאזען נור דאס פֿערד, וועלכעס האט דעם צייכען.

— האסט דוא נאך גענוג בעלאַדאָנאַ? האט אנאנדערע שטימע געפֿרעגט.

בעלאדאנא איז א מין גראָז, איינע פֿון דיא שרעקליכסטע גיפֿטען אין דער וועלט. דיא בהמות קענען עס און פֿרעסען עס ניט. ווען מען מישט עס אבער אויס מיט אנדערע גראָזען, פֿרעסען זיי עס אויף און ווערן פֿערגיפֿטעט.

— איך האב נאך גענוג אום צו פֿערגיפֿטען טויזענד פֿערד, האט דיא ערשטע שטימע געענטפֿערט. — ער איז געשייט אונזער בען דשאנס. ער ווייס, וואס ער האט צו טאהן. — ווען עס זאל איהם נאך געראָטהען צו בעקומען דאס שיף, דאַן וואלטען מיר ערשט געמאכט א גליק!

— דוא מעגסט זיך אויף איהם פֿערלאזען, האט דער אנדערער געענטפֿערט. ער וועט שוין פֿערפֿיהרען ערגעץ דעם נאַרישען לאָרד און וועט שוין ביי איהם אויסנאַרען זיין שיף. ער האט א גוטען קאפּ, אונזער בען דשאָנס, אדער וויא ער רופֿט זיך יעצט אייערטאָן. ער האט שוין גוט אויסגעטראכט דיא געשיכטע פֿון דער שיף, וועלכע איז אונטערגעגאנגען דא ערגעץ ניט ווייט. דיא נאַררען קוקען

איהם אין מויל און גלויבען, וואס ער זאגט זיי. לאז ער נור אויסנאַרען ביי איהם א בריעף צום קאפיטאן פֿון זיין שיף, מיר וועלען שוין וויסען, וואס מיר האבען צו טהאן מיט איהם.

איך האב שוין גענוג געהערט. מיין הארץ האט אין מיר געציטערט, ווען איך האב געהערט, וויא דיא רויבער רעדען אזוי גלייכגילטיג, וויא אזוי זיי וועלען ביי אונז אויסנארען דיא שיף. איך בין צוריקגעקראכען צו מיין געלעגער. איהר קענט אייך שוין פֿארשטעלען, אויב איך בין דיא גאנצע נאכט געשלאָפֿען און וויא אזוי איך האב צוגעבראכט דיא נאכט. איך האב געוואלט דאנקען דעם פּראָפֿעסאר, דערפֿאַר וואס ער האט אונז ערקלערט, אז אויסטראליען מאכט דיא שלעכטע מענשען בעסער.

אלע האבען אויסגעהערט דעם מאיאָרס געשיכטע זעהר אויפֿמערקזאם. ווען ער האט געענדיגט, האבען אלע געשוויעגען. קיינער האט ניט געוואוסט וואס צו זאגען און וואס צו טהאן. ענדליך האט לארד גלענאַרוואַן געזאָגט:

— איך וואָלט עס קיין מאל ניט געגלויבט, אז אייערטאַן האט אונז אומיסטען פֿערפֿיהרט אהער אום אונז צו בערויבען און אונז צו טוידטען.

— לײדער, איז עס אבער אזוי, האט דער מאיאָר געזאגט. זייט מיר זיינען אריבערגעגאנגען דעם טייך ווימערא, איז זיין באַנדע אונז נאכגעגאנגען טריט ביי טריט און מען האט נור געווארט אויף דיא געלעגענהייט אויסצונארען ביי אונז דעם „דונקאַן“. זיי וואלטען אונז שוין לאנג געקענט אלע אויסהרגענען. זיי דארפֿען אבער זעהר נעטהיג דאס שיף. ווען זיי וואלטען געהאט דאס שיף אין דיא הענד, וואלטען זיי שוין מיט אונז געמאכט אן ענדע.

— אלזאָ, איז דער טויגעניכטס גאר קיין מאל ניט געוועזען קיין מאטראז אויף דער „בריטאַניא?“ האט ליידי העלענאַ געפֿרעגט. וויא קומען אבער צו איהם דיא דאָקומענטען פֿון דעם מאטראז אייערטאַן?

— דאס קען איך דערווייל ניט וויסען בעשטימט, האט דער מאיאָר געענטפֿערט. מיר ווייזט אוים, אז ער איז ווירקליך געוועזען אויף דער „בריטאַניא“. ער האט אונז געגעבען אזוי פֿיעל בעווייזע, אז ער קען דיא „בריטאניא“, אז איך בין זיכער, אז ער איז געוועזען אויף דער „בריטאניא“.— וויא עס ווייזט אוים, איז זיין ווירקליכער נאמען אייערטאַן. בען דשאנס רופֿט ער זיך צווישען דיא רויבער.— דאס אלעס האט פֿאר אונז קיין ווערטה ניט. זיכער איז נור, אז בען דשאנס איז אייערטאַן און אייערטאַן איז בען דשאנס. ער איז דער קאפיטאן פֿון אַ באנדע רויבער און מערדער.

קיינער האט ניט געהאט געגען דיא ערקלערונג פֿון'ם מאיאָר. דיא וואהרהייט איז געוועזען זעהר ביטער און אין זעהר איצטיגער לאגע — זעהר טרויעריג.

— וויא באלד אז ער איז ווירקליך א מאטראָז פֿון דער „בריטאַניא“, האט לאָרד גלענארוואָן געזאגט, און ער געפֿינט זיך אין אויסטראַליען, וייא קומט עס אלזא, וואס דיא פאליציי שרייבט, אז ער איז גאר אנטלאָפֿען פון אַ געפֿענגניס

אין ענגלאנד? מיר האבען דאך געלעזען אין דער וואַרנונג פון׳ם גובערנאטאָר, אז בען דשאנס איז גאר אַ בעוואוסטער מערדער?

— וואס וויים דיא פּאָליציי מיט׳ן גובערנאטאָר? האט דער מאיאָר אויסגערופען מיט פערדרוס. ווייסען זיי דען, אז בען דשאנס און אייערטאן איז איין פערזאן? — מען האט זיי געשריעבען, אז פון לאָנדאן איז אנטלאפען א געפעהרליכער פערברעכער, מיינען זיי, אז דיעזער פערברעכער איז יעצט אין אויסטראַליען. — אלענפאלס, זיינען נאך דא פיעלע זאכען אין דיעזער געשיכטע, וועלכע מיר קענען נאך ניט ערקלערן.

— אבער וואס האט ער געטהאן אויף דער פאַרם פון׳ם אירלענדער? האט ליידי העלענא געפרעגט. זאל ער זיך געוועזען פערדינגען אלס ארבייטער אום צו בערויבען דעם גוטען פאַרמער?

— דאס איז זיכער, האט דער מאַיאָר געזאָגט. ער האט געווים געוואלט בערויבען דעם פאַרמער, ווען מיר זיינען אנגעקומען און ער האט געפונען אַ בעסערע געלעגענהייט צו בערויבען אונז און צו צונעהמען ביי אונז אונזער שיף, וועלכעס ער דארף האבען צו זיינע צוועקע. ביז וואנען מיר זיינען געקומען צום טייך ווימערא האט ער ניט געהאט קיין געלעגענהייט צוזאמען צו קומען מיט זיינע קאמעראַדען און אפצורעדען מיט זיי, אז זיי זאלען ביסלעכוויים פערגיפטען אונזערע פערד און אונזערע אָקסען. ער האט אומיסטען אריינגעפיהרט אונזער וואגען אין זומפ.

יעצט האט זיך יעדער אנגעהויבען עפעס צו דערמאנען איבער אייערטאן און האט אנגעהויבען צו פערשטעהן, פאַר וואס ער האט דאמאלס געטהאן אזוי און אזוי. אלע זיינען געוועזען אזוי טרויעריג און אזוי איבערראשט. אז קיינער האט ניט בעמערקט, וויא מערי גראנט זיצט אין אַ ווינקעלע און וויינט שטילערהייט. קאפיטאן פאַררַאגוט איז געוועזען דער ערשטער, וואס האט עס בעמערקט.

— וואָס וויינט איהר, מערי? האט ער געפרעגט.

— אך, מיין פאָטער! ער איז געוועזען ביי אזא רויבער אין דיא הענד! —

מעהר האט זיא ניט געקנט זאָגען. יעדער אבער האט זיא פערשטאנען. יעדער האט געוואוסט, אז דיא ענטדעקונג פון אייערטאנס כאַראַקטער האט אויף דאס אונגליקליכע מעדכען דאָפּעל געווירקט. — זיא האט יעצט איינגעזעהן, אז אייערטאנס געשיכטע פון׳ם אונטערגאנג פון׳ם דער „בריטאניא“ איז א ליגען. איהר פאָטער איז גאר ניט געוועזען אין אויסטראַליען.

יעצט ערשט האט דער מאיאָר דערצעהלט, וויא ער אליין האט געהערט פון דיא רויבער, אז דיא „בריטאניא“ איז גאר קיין מאל ניט געוועזען אין דער בוכטע טופאָלד, אז אייערטאן האט אלעם אויסגעטראכט.

דער פראָפעסאָר איז אויך געוועזען אויסער זיך.

— אך, דיעזע בריעף! מען קען אראפ פונע׳ם זינען איבער דיעזע בריעף! האט ער אויסגערופען איין מאל נאכ׳ן אנדערן. וויאפיעל מיר האבען זיך שוין אנגעליטען איבער דיעזע בריעף.

עס איז פערגאנגען אייניגע צייט, אין וועלכע קיינער האט ניט געוואוסט, וויא צו טרייסטען דיא אָרימע צוויי קינדער. מען האט שוין פערגעסען אן זייער איינענע טרויעריגע לאגע. מען האט פערגעסען, אז זיי געפינען זיך אין דער גרעסטער געפאהר, אַז דיא רויבער קענען נאך צוריק קומען און אנפאלען אויף זיי.

ענדליך, האט זיך לאָרד גלענארוואָן אויפגעהויבען און איז ארויסגעגאנגען פונ'ם וואגען זעהן, וואס הערט זיך עפעס אין וואלד. ליידי העלענא האט איהם צוואר ניט געוואלט לאזען געהן. ער האט אבער ניט געהערט.

דיא מאַטראָזען ווילסאָן און מילרעד זיינען געשטאנען אויף דער וואַך. אין וואַלד איז אלעס געווען שטיל און רוהיג. פיינעל זיינען געפלויגען רוהיג, קליינע טהיערע האבען געזוכט עסען אין גראָז. אלעס האט געוויזען, אז אין וואַלד ארום זיינען יעצט קיין מענשען ניטאָ. לאָרד גלענאַרוואָן האט זיי געפרעגט.

— האט איהר ניט געהערט עפעס א געשריי, טריט פון א מענשען אדער אזוי עטוואס פערדעכטיגעס?

— אלעס איז געווען שטיל און רוהיג, האבען דיא מאטראָזען געענטפערט. מיר האבען זייט צוויי שטונדען קיין צייכען פון דיא רויבער ניט געזעהן און ניט געהערט. וויא עס ווייזט אויס, זיינען זיי וויים פון אונז.

— איך מיין, אז היינט אין דער פריה איז דא ניט געווען דיא גאנצע באַנדע, האט ווילסאן געזאגט. זיי האבען מורא געהאט אויף אונז אנצופאַלען, ווייל זיי זיינען געווען ווייניג. — איך האב מורא, אז זיי וועלען אפוואַרטען ביז נאַכט, ווען זיי וועלען זיך אלע פערזאַמלען, דאן וועלען זיי אלע מיט אמאָל אויף אונז אנפאַלען. מיר מוזען זיין זעהר פאָרזיכטיג. — אך! מיר זאלען קענען אריבערגעהן דעם טייך, וואלטען מיר וועניגסטענס זיכער געווען פון זיי!

— פאר וואס זאלען מיר ניט מאכען א פלאָס (פלאָט) און אריבער שווימען דעם טייך? האט מילרעד געפרעגט. — מיר האבען גענוג האָלץ, ביז נאַכט וואָלטען מיר געקענט זיין פון יענער זייט.

— ניין, ווילסאן, מיר קענען עס ניט טהאן. דער סנאָאי ריווער איז יעצט אזוי אנגעשוואָלען, אז עס איז גאר קיין מעגליכקייט ניטא איהם אריבערצוגעהן.

אין דיעזע מינוט זיינען צוגעקומען צו זיי דער קאפיטאַן און דער מאיאָר. קוים איז לארד גלענארוואן ארויסגעגאנגען צום וואגען, זיינען זיי אויך ארויסגעגאנגען דורכקוקען דיא געגענד און זוכען א מיטעל, וויא אזוי ארויס צו קומען פון דיעזער לאגע. זייביידע זיינען געווען דיא איינציגע, וועלכע האבען ריכטיג פערשטאַנען אין וואס פאר א געפאהר זיי געפינען זיך יעצט. זיי האבען גוט געוואוסט, אז אייערטאן וועט ניט שווייגען, ער וועט געוויס צוריק קומען. ער וועט געוויס שוין עפעס אויסקלערן א טייפעלישען פלאן, אויף זיי אנצופאַלען. ער מוז האבען א שיף. דאס איז זיכער.

זיי זיינען דאהער ארומגעגאנגען אין וואַלד זעהן, וואס דארט הערט זיך און אויב עס איז ניטא עפעס א מיטעל אוועקצופאהרען פון דאַנען. אייערטאן האט זיי פערפיהרט אין א בלאָטע, אז זיי קענען זיך ניט ריהרען ניט אהין, ניט צוריק.

— דעם טייך קענען מיר ניט אריבערגעהן, האט קאפיטאן פאר אגוס גע־זאגט צו לארד גלענערוואן, דא בלייבען קענען מיר אבער אויך ניט. מיר מוזען עפעס טהאן.

— וואס זאלען מיר אבער טהאן? האט לארד גלענארוואן געפרעגט.

— דאס, וואס מיר האבען געוואלט טהאן, איידער מיר זיינען געוואהר גע־ווארען, ווער אייערטאן איז.

— וואס מיינט איהר דערמיט, פאררארגוט?

— איך מיין, אז אזוי וויא מיר קענען יעצט ניט געהן צו דער בוכטע טו־פאלד, מוזען מיר זיך אומקעהרען קיין מעלבורן. — מיר האבען נאך איין פערד גיט עס מיר, איך וועל פאהרען קיין מעלבורן און וועל ברענגען מיט מיר פערד און מענשען, זיי זאלען אונז ארויסשלעפען פון דיעזער נעץ, אין וועלכער מיר ליעגען געפאנגען, וויא דיא פייגעל.

— דאס איז דאך אבער זעהר א געפעהרליכע רייזע, האט לארד גלענארוואן געזאגט טרויעריג. וויא קענט איהר זיך איינשטעלען צו פאהרען אליין קיין מעל־בורן? איך רעד שוין ניט דערפון, וואס איהר קענט ניט דעם וועג. דערצו קען מען זיך שוין אן עצה געבען מיט א קאמפאס. אייערטאן מיט זיין באנדע וועלען דאך אבער אויף אייך אנפאלען אויפ'ן וועג און וועלען אייך טויטען. — איך קען עס ניט ערלויבען, פאררארגוט.

— איך וויים, איך קען זעהר גוט דיא געפאהרען פון אזא רייזע, האט פאר־ראגוט געענטפערט. איך וויים אבער אויך, אז מיר קענען דא ניט בלייבען. איך קען דיא געפאהר, אין וועלכער מיר געפינען זיך דא, אין דיעזער וויסטער גע־גענד גאנץ אליין. — אייערטאן האט געזאגט, אז אין אכט טאג ארום וועט ער קומען. איך קען אייך צו־זאגען, אז אין זעקס טאג ארום וועל איך זיין צוריק.

לארד גלענארוואן האט זיך פערטראכט א פאר מינוט. אונטערדעסען איז דער פראפעסאר אויך צוגעקומען און האט אויסגעהערט, וואס מען רעדט דא.

— איך בין אויך דער מיינונג, אז איינער פון אונז מוז פאהרען קיין מעל־בורן, האט דער פראפעסאר געזאגט, איך וויל אבער ניט, אז קאפיטאן פאררארגוט זאל מאכען דיעזע געפעהרליכע רייזע, ער איז דער קאפיטאן פון'ם „דונקאן", אהן איהם קענען מיר אין ערגעץ ניט פאהרען. — ער טאר ניט איינשטעלען זיין לעבען. — איך וועל בעסער פאהרען קיין מעלבורן. איך בין איין מענש אליין, עס וועט ניט זיין קיין אומגליק, ווען עס וועט זיין מיט א פראפעסאר וועניגער אויף דער וועלט.

— ניין, האט געזאגט דער מאיאר. — פאר וואס זאלט איהר גערארע אונ־טערנעהמען דיעזע רייזע? — איך וועל בעסער פאהרען קיין מעלבורן. איך קען בעסער רייטען פון אייך, איך בין שוין אמאל געריטען פארן וואגען פון איהרע קעניגליכער מאיעסטעט, דיא קעניגין וויקטאריא.

— פאר וואס זאל איינער פון אונז ניט רייטען קיין מעלבורן? האבען

געפֿרעגט דיא מאטראָזען ווילסאן און מילרעד. מיר זיינען געוואינט צו געפּאהרען איופֿן מעער. מיר האבען ניט וואס צו פֿערליערן. — איינער פֿון אונז וועט פֿאהרען.

לארד גלענארוואן האט געטראכט איניגע מינוט. ער האט ניט געוואוסט וואס צו טהאן. עס האט איהם זעהר געפֿרעהט וואס יעדער פֿון זיינע קאמעראדען וויל ריסקירען מיט זיין לעבען אום אלעמען צו רעטען. עס איז איהם אבער זעהר שווער געווען צו שיידען זיך מיט איינעם פֿון זיי. יעדער פֿון זיי איז געווען ביי איהם טהייער.

— מיינע פֿריינד, האט ער ענדליך געזאגט, איך זעה דאך, אז איינער פֿון אונז מוז רייטען קיין מעלבורן. — לאמיר ווארפֿען גורל, ווער עס זאל רייטען. — פּראָפֿעסאָר! שרייבט אויף אלע אונזערע נעמען אויף שטיקלעך פּאַפּיער. מיר וועלען אריינווארפֿען דיא צעטעלעך אין אַ הוט, וועמעס נאמען עס וועט ארויס, דער וועט רייטען קיין מעלבורן.

— זאָל איך אייער נאמען אויך אויפֿשרייבען? האט דער פּראָפֿעסאר געפֿרעגט ערשטוינט. ניין, מילארד! איהר מוזט דא בלייבען. איהר זייט דאך אונזער אנפֿיהרער, אונזער קאפּ. אויסער דעם זייט איהר פֿערוואונדעט. איהר קענט ניט ריהרען מיט אייער רעכטער האנד.

— מיר זיינען אלע גלייך, האט לארד גלענארוואן געזאגט, צווישען אונז איז ניטא קיין עלטערער און קיין אינגערער. ווען עס האנדעלט זיך וועגען אַ געפֿאהר, בין איך ניט בעסער פֿון יעדען פֿון אייך. — שרייבט אויף מיין נאמען, פּראָפֿעסאָר! איך וועל זיין גליקליך, ווען דער גורל וועט פֿאלען אויף מיר.

דער מאיאר, דער קאפּיטאן און דער פּראָפֿעסאָר זיינען אלע געווען דאגע־ גען. זיי האבען איהם געבעטען, אז זיין נאמען זאל מען ניט אריינווארפֿען אין הוט. עס האט זיי אבער גאר ניט געהאלפֿען. לארד גלענארוואן איז בעשטאנען דארויף, אז ער זאל ציהען דעם גורל גלייך מיט אלעמען.

מען האט געמוזט איהם נאכגעבען, עס האט גאר ניט געהאלפֿען. דער פּראָפֿעסאר האט געמוזט אויפֿשרייבען דיא נעמען פֿון אלעמען און זיי אריינוואר־ פֿען אין אַ הוט. מען האט צוגערופֿען ראבערט גראנט, ער זאל ארויסציעהען דעם גורל.

אלע זיינען געשטאנען שטיל, ווען ראָבערט האט זיך פֿארבערייטעט ארויס־ צושלעפען דאס גרויסע געווינס. יעדען האט געקלאפּט דאס הערץ. יעדער האט געוואלט, אז זיין נאמען זאל ארויס.

ראָבערט גראנט האט פֿערקאשערט זיינע ארבעל און האט ענדליך ארויס־ געשלעפּט אַ צעטעלע. — יוג מילרעד.

— הורראה! האט אויסגערופֿען דער מוטהיגער מאַטראָז. איך האב געוואו־ נען! דאס שיקזאל האט ענטשיעדען, איך זאל רייטען קיין מעלבורן און ברענגען הילף און רעטונג פֿאר אונז אלעמען.

ער האט געטאנצט פֿאר פֿרייד, וואס דער גורל איז געפֿאלען אויף איהם. לארד גלענארוואן האט איהם געדריקט דיא האנד.

— איך וויל קיין מינוט ניט פערליערען, האט ער געזאגט צו לארד גלע־נארוואן, שרייבט מיר אַן א בריעף צו טאָם אויגוסטין, איך וועל דערווייל מיך פֿערטיג מאכען אין וועג אריין.

דיא וואַך האט זיך יעצט געביטען. דער מאיאר און דער קאפיטאן זיינען געבליעבען אויף דער וואַך שטעהן און אלע איבעריגע זיינען געגאנגען צום וואגען.

לארד גלענארוואן האט דערצעהלט זיין פֿרוי פֿון זייער בעשלוס און אז דער גורל איז געפֿאלען, אז דער מאטראז מילרעד זאל רייטען קיין מעלבורן. ליידי העלענא האט געזאגט דעם מאטראז איינינע פֿריינדליכע ווערטער, וועלכע האבען איהם ערפֿילט מיט פֿרייד און שטאלץ.

וואונדערבאַר! קיינער אלס ליידי העלענא איז ניט געפֿאַלען אויף אזא וויכ־טיגע, פּראַקטישע פֿראַגע, וואס געהער זיך זעהר ווענינ אַן מיט א פֿרוי.

זיי האבען נור איין פֿערד. דיעזעס פֿערד אבער איז געצייכענט, אויף איי־נעם פֿון זיינע הוף אייזען; איז דאָ א צייכען, וועלכען דער שמיעד, איינער פֿון אייערטאנם באַנדע האט געמאכט. ווען דער מאטראָז מילרעד וועט פֿאהרען אויף דיעזעס פֿערד, וועט אייערטאן מיט זיין באנדע זעהר לייכט דערקענען זיין שפור, וועט איהם נאכיאגען און וועט איהם טויטען און צו נעהמען ביי איהם דעם בריעף צו טאם אויגוסטין.

ליידי העלענא האט געשטעלט דיעזע פֿראַגע. דער פּראָפֿעסאָר האט זיא אנגעקוקט מיט בעוואונדערונג. ער האט זיך ניט געקענט איינהאלטען און האט אויסגערופֿען:

— בראַוואָ, ליידי העלענא! בראַוואָ! איהר מעגט זיין א מיניסטער! איהר בערעכענט יעדע קלייניגקייט.

— מען קען אראָפּנעהמען דעם הופֿאייזען (פּאָדקאָווא) פֿון איינעם פֿון דיא געפֿאלענע פֿערד און איהם צו שמיעדען צום פֿערד, האט מילרעד געזאגט.

— קענען קען מען עס געוויס, האט ווילסאן געענטפֿערט, ווער וועט עס אבער טהאן? מיר זיינען דאָך מאטראָזען און קענען ניט דאס עדעלע האנדווערק פֿון א שמיד. — גלייכער אזוי, וויא איך האב אמאל געלעזען אין א רייזע בעשריי־בונג, וויא דיא ווילדע אינדיאנער אין אמעריקא טהוען. — זיי וויקלען ארום דיא פֿים פֿון׳ם פֿערד מיט טיכער, אדער מיט שטיקער לעדער, אז ער לאזט גאר קיין שפור ניט איבער. דאס איז פֿיעל גלייכער. דאס פֿערד מאכט ניט קיין ליאַרם, ווען ער לויפֿט שנעל אויף א טרוקענעם, הארטען וועג און פֿון׳ם שפור (סליעד) וואס עס לאזט איבער אין דער ווייכער ערד, קען מען קיין מאל ניט וויסען, אויב דאס איז געוועזן א פֿערד אדער אנאנדער מין חיה.

— איך מוז מיך שעהמען, האט אויסגערופֿען דער פּראָפֿעסאָר. ווילסאן קען שוין בעסער געאגראפֿיע פֿון מיר. — ער האט פֿאלקאמען רעכט. ווען מען זאל אפּשינדען דיא פֿעל פֿון דיא געפֿאַלענע בהמות און נאָסערהייט עס ארומבינדען

ארום דעם פֿערד׳ס פֿיס, וועט עס באלד פֿערטריקענט ווערן און אונזער איינציגעס פֿערד וועט האבען דיא בעסטע שיך אין דער וועלט.

עס איז געבליעבען, מען זאל אזוי טהאן. ווילסאן, וועלכער איז געוועזען דער ערפֿינדער פֿון דיעזער אידעע, איז געגאנגען זיא אויספֿיהרען. דאס האט אבער געדויערט לענגער, וויא מען האט גערעכענט. ער איז געוועזען אַ מאַטראָז, אבער ניט קיין בוטשער, דאס האנדווערק פֿון אפשינדען א פֿעל איז ניט געוועזען זיין פֿאַך.

אונטערדעסען האט אלבינעט פֿערטיג געמאכט דעם מיטאג. ער האט עפּעס ארויסגענומען פֿון דיא זאכען, וואס זיי האבען געקויפֿט אין דער לעצטער שטאָדט, וואו זיי האבען איבערגענעכטיגט. דער ארטיקעל איז געוועזען איינגע־וויקעלט אין א צייטונג. אלבינעט האט ארויסגענומען דיא זאך און האט אוועק־געווארפֿען דיא צייטונג. דער פּראפעסאָר האט זיא אויפֿגעהויבען. ער האט שוין אזוי לאנג ניט געלעזען קיין צייטונג, אז אן אלטע צייטונג איז פֿאר איהם אויך געוועזען א סחורה.

דיא צייטונג האט געהייסען: „דיא ניי זעעלאנד טיימס״.

— אַ לאַנד! אַ לאַנד! האט דער פּראָפֿעסאר אנגעהויבען צו ברומען און צו שלאגען זיך אין שטערן. ער האט געחאפּט דיא צייטונג און איז ארומגעלאפֿען מיט איהר, וויא אַ וואהנזיניגער. אלבינעט האט גאנץ ערנסט געמיינט, אז דער פּראָפֿעסאָר איז אראפּ פֿון זינען. ליידי העלענא און לארד גלענארוואָן האבען פֿערשטאַנען, אז איהם איז געווים איינגעפֿאלען עפּעס א נייער געדאנק, א נייע אידעע. זיי האבען איהם דאהער צו רוה געלאזען.

פלוצלונג האט דער פּראָפֿעסאר זיך געהייסען געבען דיא בריעף, וואס מען האט געפֿונען אין דער פֿלאש. ליידי העלענא האט איהם געגעבען דיא בריעף. ער האט זיי גענומען, איז מיט זיי אוועקגעגאנגען און האט זיך געזעצט אונטער אַ בוים. קיינער האט איהם ניט געשטערט, קיינער האט מיט איהם ניט גערעדט.

דער מאטראָז ווילסאן איז ענדליך פֿערטיג געווארען מיט זיין ארבייט. מילרעד איז שוין לאנג פֿערטיג געווארען אויף דער רייזע און איז צוגעגאנגען צו לארד גלענארוואן בעטען איהם דעם בריעף צו טאם אויגוסטין. לארד גלענאר־וואנ׳ס האנד האט איהם זעהר וועה געטהאן. ער האט פּראבירט שרייבען און האט געמוזט אוועקלעגען דיא פֿעדער.

— פּראָפֿעסאָר! פּאגאנעל! קומט, ענדיגט דעם בריעף, איך קען ניט שרייבען, האט ער גערופֿען.

— האָ! — גוט! איך בין באלד פֿערטיג — האט דער פּראָפֿעסאָר געענט־פֿערט. — אַ לאַנד! אַ לאַנד!

— אבער קומט שוין אהער! עס ווערט שפּעט, מילרעד מוז פֿאהרען. איך קען ניט ענדיגען דעם בריעף.

דער פּראָפֿעסאר האט זיך ענדליך אויפֿגעהויבען און איז צוגעגאנגען צום וואגען. אויף א קעסטעל איז געלעגען דאס ביינגעלע פּאפּיער, אויף וועלכען לארד גלענארוואן האט אנגעהויבען צו שרייבען זיין בריעף.

— שרייבט פראָפעסאָר, האט לארד גלענארוואן געזאגט.
„און טאם אויגוסטין, דער ערשטער אָפיציער אויפ'ן „דונקאן". נאך עמפּפאנג
„פון דיעזען בריעף, זאלט איהר באַלד ארויספאהרען פון מעלבורן און זאלט
„פאהרען לעבען ברעג פון אויסטראליען אויפ'ן 37טען גראַד" —
— יא, אויפ'ן 37טען גראד, אַ לאנד! אַ לאנד! האט פלוצלונג אויסגערופען
דער פראָפעסאָר, האט אוועקגעווארפען דיא פעדער און איז אוועקגעלאָפען צו
זיין בוים.
— וואס איז מיט איהם? האבען דיא מאטראזען געפרעגט ערשטוינט. —
עפעס איז מיט איהם! אונזער גוטער פראָפעסאָר זאל פלוצלונג אוועקווארפען
דיא פעדער און ניט װעלען שרייבען? — וואס הייסט דאס?
דער מאיאר און קאַפּיטאן פארראגוט האבען געזעהן דיא גאנצע סצענע
און זיינען אויך צוגעקומען זעהן, וואס דא איז.
— געהט שוין ענדיגט דעם בריעף, פראָפעסאָר! האט ליידי העלענא
געבעטען.
— יא, יא! איהר האט רעכט, האט דער פראָפעסאָר געענטפערט און איז
צוגעגאנגען ענדיגען דעם בריעף.
ער האט איהם געענדיגט און לארד גלענארוואן האט איהם אונטערגע־
שריעבען מיט דער קראנקער האנד. דער פראָפעסאָר איז צוריקגעגאנגען צו זיין
בוים, ער האט נאך אלץ געהאלטען דיא צייטונג מיט דיא בריעף אין דיא הענד,
האט גערעדט צו זיך אליין:
— אַ לאַנד! אַ לאַנד! אַ לאַנד! און האט זיך ווייטער פערטיעפט אין זיינע
געדאנקען.
וואס מען האט איהם געפרעגט, וואס מען האט צו איהם גערעדט, האט
גאר ניט געהאלפען. ער האט קיינעם ניט געענטפערט און מען האט געמוזט
איהם לאזען צו רוה.

16טעס קאפיטעל.

פיער שרעקליכע טעג.

עס איז געווארען שפעט. דיא זון איז שוין אונטערגעגאנגען, ווען מילרעד
האט ערשט געקענט אוועקפאהרען.
זייט עס איז געווארען פינסטער, האט זיך דער פראָפעסאָר אין גאנצען
פערענדערט. ער איז געווארען וויעדער דערזעלבער מענש, וואס פריהער, האט
ווייטער גערעדט מיט אלעמען, האט ווייטער געשפאסט און איז וויעדער געווארען
מונטער. נור ווען מען האט איהם געפרעגט, וואס איז ער היינט געווען אזוי צו
טראגען? האט ער ניט געענטפערט. ווען ער פלעגט אוועקגעהן פון דיא איבעריגע,
האט מען געקענט הערען, וויא ער זאגט צו זיך אליין:
— זיי וועלען מיר ניט גלויבען, ווען איך וועל זיי ערקלערען. איבער דעם,
צו וואס וועט עס נוצען? — עס איז שוין צו שפעט.

עס איז געווארען פינסטערער און פינסטערער. דער הימעל האט זיך בע־דעקט מיט שווערע, בלייענע וואלקען. עס איז געווען דייטליך, אז עס וועט געהן ביי נאכט א שטארקער רעגען. אונזערע רייזענדע האבען געמוזט זיין פארזיכטיג און האלטען א שטרענגע וואך. זיי האבען איבערגעקוקט זייער געוועהר. זיי הא־בען געהאט זיעבען קאראבינען (קורצע ביקסען) און אכט זעקס־רעהריגע רעוואל־ווערס. פולווער און קוילען האבען זיי געהאט גענוג. דער וואגען איז געווען א גוטע פעסטונג, בעזאנדערס יעצט, ווען זיי האבען איהם ארומגעשטעלט מיט קלעצער און מיט שטיקער האלץ. דערווייל האבען זיי נאך געהאט גענוג לעבענס־מיטעל. זיי קענען אלזא רוהיג אויסהאלטען עטליכע טעג, ווען דיא רויבער זא־לען זיי וועלען בעלאגערן. ווען מילרעד זאל נור קומען שנעל קיין מעלבורן, וועט דער „דונקאן" אין עטליכע טעג ארום צו קומען צו דער בוכטע טופאלד און דיא מאטראזען וועלען קענען קומען זיי צו הילף.

אזוי האבען זיי זיך איבערלעגט און איבעררעכענט. ווען אלעס איז געווען געארדענט, האט מען זיך געזעצט עסען סאפער. מען האט שנעל אפגעגעסען און מילרעד האט גענומען אבשיעד פון אלעמען. דער פראפעסאר האט איהם גע־לערנט, וויא אזוי ער זאל פאהרען און וועלכער וועג איז דער נאהענסטער. דער מאיאר האט איהם געגעבען א רעוואלווער, וועלכען ער אליין האט אנגעלאדען. ליידי העלענא האט איהם אליין מיטגעגעבען פראוויאנט אויפן וועג.

אלע האבען איהם געדריקט דיא הענד, אלע האבען איהם געווינשען גליק אויף דער רייזע. דיא נאכט איז אונטערדעסען געווארען פינסטערער. עס האט אנגעהויבען צו בלאזען א שטארקער ווינד. עס איז געווען דייטליך, אז באלד וועט אנהייבען צו גיעסען א רעגען. מען האט ווירקליך געדארפט האבען א העלדען מוטה צו לאזען זיך אין אזא נאכט אין אזא אונזיכערן און געפעהרליכען וועג. מילרעד אבער איז געווען גאנץ רוהיג און פעסט ענטשלאסען ניט צו פערליערן קיין מינוט און גלייך צו פאהרען.

— דאס שלעכטע וועטער איז נאך בעסער פאר מיר, האט ער געזאגט. דער רעגען וועט צו טרייבען דיא רויבער. איך וועל דערווייל אוועקפאהרען ווייט, אז זיי וועלען ניט קענען מיך אניאגען.

ער האט גענומען אבשיעד פון אלעמען און איז באלד פערשוואונדען אין וואלד. עס איז געווען שטארק פינסטער און מען האט ניט געקענט זעהן, אויב ער איז שוין ווייט פון זייער לאגער, אדער נאך ניט.

נאך זיין אוועקפאהרען זיינען אלע אריינגעגאנגען אין וואגען. דער ווינד איז געווארען אלץ שטארקער און שטארקער, ער האט אנגעהויבען צו ברעכען דיא אלטע, פערדארטע ביימער מיט א שרעקליכען ליארם און עס האבען אנגעהויבען צו פאלען דיא ערשטע טראפען פון א געדיכטען שלאגס־רעגען.

דער קאפיטאן פאררעגוט און דער מאיאר האבען זיך אונטערגענומען צו שטעהן אויף דער וואך. זיי האבען ניט געקוקט אויפן רעגען און אויפן שטורם. זיי האבען ניט געוואוסט, אז פון דער וואך הענגט אפ דאס לעבען פון זייער גאנ־

צער פּאַרטיע. זיי האבען זיך אומגעקוקט אין אלע זייטען, האבען אויפגעריסען ריא אויגען צו זעהן, וואס עס טהוט זיך אין וואלד.

זיי האבען אבער גאר ניט געזעהן. צו הערן איז געוועזן זעהר שווער אין א צייט, ווען דער ווינד רוישט אזוי שרעקליך צווישען דיא דארע ביימער.

לארד גלענארוואן, דער פּראָפעסאר, ווילסאן און דיא דאמען זיינען געזעסען אין וואגען. זיי האבען איהם איבערגעצאַמט מיט א פאַרהאנג אויף צוויי טהייל. איין טהייל איז געוועזן א סאלון און שלאף צימער פאר דיא מענער און דער אנדערער טהייל איז געוועזן — פאר דיא דאמען. פון שלאפען האט קיינער ניט געראכט. אין אזא נאכט און אין אזא פעסטונג שלאפט זיך ניט.

פון צייט צו צייט האט דער ווינד אויפגעהערט איינינע מינוט, אום שפּעטער אנצוהויבען צו בלאזען מיט מעהר קראַפט און מיט מעהר כעס.

אין איינע פון דיזע שטילע מינוטען האט דער שאַרפער אויער פון קאפּיטאן פאַרראַגוט דערהערט א זאָנדערבארען פייף.

— האט איהר עפּעס געהערט מאיאָר? האט ער געפרעגט זיין קאמעראַד.

— יא, האט דער מאיאָר געענטפערט. איך ווייס נור ניט, אויב א מענש, אדער א ווילדע חיה האט עס געמאכט.

— אזוי פייפט נור א מענש, האָט דער קאפּיטאן געזאגט.

ביידע האבען זיך צוגעהערט. באלד האבען זיי געהערט נאך אמאל דאס זאָנדערבארע פייפען. עס האט זיך זיי אויסגעוויזען, אז זיי האבען געהערט א שאָס פון א רעוואלווער. זיי זיינען אבער ניט געוועזן זיכער, אויב דאס איז געוועזן א שאָס, ווייל אין דער זעלבער מינוט האט דער ווינד ווידער אנגעהויבען שרעקליך צו רוישען און צו ליאַרמען.

זיי האבען געוואלט רעדען עפּעס, עס איז אבער געוועזן אונמעגליך. דער ווינד האט גערוישט צו שטאַרק. זיי האבען געמוזט צוגעהן צום וואגען. דארט זיינען זיי ווענינגסטענס אביסעל פערשטעלט פון'ם ווינד.

לארד גלענארוואן האט אויך געהערט דאס זאנדערבאַרע פייפען, איהם האט זיך אויך אויסגעוויזען, אז ער האט געהערט שיעסען. ער האט ארויסגעשטעקט דעם קאפּ פון'ם וואגען און האט דערזעהן דעם קאפּיטאַן מיט'ן מאיאָר.

— האט איהר געהערט? האט ער זיי געפרעגט.

— יא, מיר האבען געהערט, האבען זיי געענטפערט.

— פון וועלכער זייט איז עס געוועזן?

— דארט, פון יענער זייט, האט דער קאפּיטאַן געענטפערט און האט געוויזען אויף דיא זייט, וואו דער מאטראָז מילרעד איז ערשט ניט לאנג אוועקגעפאָהרען.

— קענט איהר ניט וויסען, וויא ווייט עס האט געקענט זיין?

— נאך מיין רעכנונג, האט עס געדאַרפט זיין דריי—פיער מייל פון דאַנען.

— קומט! האט געזאגט לארד גלענארוואן און האט געחאַפּט זיין קאַראַבין.

— ניין! האט געזאגט דער מאיאָר. איך מיין, אז מען וויל אונז פערנארען

פֿון׳ם וואגען. אייערטאן האט אומיסטען געשאסען, מיר זאלען לויפֿען אהין. דערווייל וועט ער אנפֿאַלען אויפֿ׳ן וואגען. איך קען שוין דיעזע קונסטשטיק. מיר פלעגען עס אפֿט טהאן, ווען מיר האבען געפֿיהרט קריעג אין אפֿריקא מיט דיא ווילדע. מיר פֿלעגען זיי אפֿט אזוי אפּנאַרען און אנפֿאַלען אויף זייער לאַגער.

— פֿיעללייכט אבער זיינען זיי אנגעפֿאלען אויף אונזער גוטען און מוטהיגען מילרעד? האט לארד גלענארוואן אויסגערופֿען.

— נו, וועלען מיר מארגען זעהן, האט דער מאיאָר נעענטפֿערט קאַלט בלוטיג.

דער מאיאָר האט זעהר געוואלט געהן זעהן, וואס דארט איז געשעהן. ער האט אבער אויף קיין פֿאַל ניט געוואלט, אז לארד גלענארוואן זאל אהין געהן.

— איהר טאָרט ניט פֿערלאָזען דעם לאַגער, האט קאפיטאן פֿארראגוט געזאגט. — לאזט מיך, איך וועל אליין געהן זעהן, וואס דארט איז.

— איהר וועט עס ניט טהאן! האט געזאגט דער מאיאר מיט אזא שאַרפֿען טאָן, גלייך וויא ער וואלט קאמאַנדירט זיינע סאלדאטען. — וואס ווילט איהר, אז מען זאל אונז איינעם נאכ׳ן אנדערן אויסהרגענען און דערנאך זאל מען אנפֿאַלען אויף דעם פֿערוואונדעטען גלענארוואן און אויף דיא שוואַכע פֿרויען? ווען מילרעד איז געפֿאַלען פֿון זייערע הענד, איז עס געווים א גרויסעס אונגליק פֿיר אונז. דערפֿאר אבער איז עס געווען א גורל. ווען דער גורל זאל געווען פֿאַלען אויף מיר, וואלט איך יעצט געלעגען טויט. וואצו אבער זאלען מיר אליין ארויסרופֿען דאס אונגליק? וואצו זאלען מיר עס וויעדערהאָלען?

דער מאיאָר האט געהאט פֿאלקאמען רעכט. ווען בען דשאנס מיט זיין באַנדע געפינען זיך ניט ווייט און לויערן אויף זיי, וועלען זיי געווים ניט שווייגען און וועלען זיי אויך טויטען. ער האט מיט זיך א באַנדע פֿון עטליכע און צוואַנציג מענשען און זיי זיינען נור דריי. — וואס קענען דריי מענשען מאכען געגען אזא באַנדע און נאך אין אזא פֿינסטערע נאַכט? — דא אין וואגען און לעבען וואגען זיינען זיי וועניגסטענס זיכער. זיי קענען זיך פֿערטהיידיגען. זיי קענען שיעסען אויף דיא רויבער פֿון׳ם וואגען און דיא רויבער קענען זיי ניט טרעפֿען. אויפ׳ן פֿרייען פֿעלד אבער וועלען זיי דיא רויבער געווים אויסהרגענען איינעם נאכ׳ן אנדערן.

דער מאיאָר האט דורכגעמאכט עטליכע קריעג מיט דיא ווילדע אין אפֿריקאַ און האט זעהר גוט געוואוסט, וואס עס הייסט פֿיהרען אַ קריעג מיט ווילדע מענשען. ער האט גוט איבערעכענט, אז זיי זיינען יעצט זעהר ווייניג און קיינער טאָר ניט ריסקירען זיין לעבען.

לאָרד גלענאַרוואָן אבער האט איהם ניט געוואלט הערן. ער איז ארויסגעשפרונגען פֿון וואגען מיט׳ן קאַראַבין אויף דיא פּלייצעס און איז ארומגעגאנגען ארום וואגען. ער האט זיך געריסען געהן זעהן, וואס דארט איז געשעהן. ער האט ניט געקענט איבערטראגען דעם געדאנק, אז איינער פֿון זיינע מענשען ליעגט

ערגעץ פערוואונדעט, פערבלוטיגט אין ווילדען וואלד און קיינער קומט איהם ניט צו הילף. — דער מאיאָר איז געווען פערצווייפעלט.

— וואס ווילט איהר טהאן, גלענארוואן? האט ער איהם ענדליך געזאגט און האט איהם אנגעחאפט ביים ראק. פערגעסט ניט, אז איהר לאזט דא איבער אייער פרוי, מערי גראַנט און נאך אַ פרוי אליין אין דער גרעסטער געפאַהר. — ווען איהר געהט, וועלען מיר אלע מיטגעהן מיט אייך און דיא פרויען וועלען בלייבען אליין. — בערעכענט, אז מיר ווייסען זאגאַר ניט וואוהין צו געהן. איך רעד שוין ניט פון'ם רעגען, עס איז אבער שרעקליך פינסטער און מיר קענען ארומבלאנזען אַ גאנצע נאכט. — בלייבט דא, גלענארוואן, געהט ניט!

אין דיעזע מינוטע, וויא אן אנטוואָרט אויפ'ן מאַיאָרס ווערטער, האט מען געהערט א שרעקליכען געשריי פון אַ מענשען, וועלכען מען טוידטעט. דאס איז געווען אַ פערצווייפלונגס געשריי; ווער עס האט איהם געהערט, איז איהם פערקיהלט געווארען דאס בלוט אין דיא אדערן.

— הערט! הערט! האט אויסגעשריען לארד גלענארוואן און האט זיך אויסגעריסען פון'ם מאיאָר'ס הענד.

אין דיעזע מינוט האט מען ווידער געהערט אַ שאָס און גאנץ נאהענט האט איינער געקרעכצט און געשריען:

— העלפט! רעטעט!

יעצט האט זיך שוין קיינער ניט געקענט איינהאלטען. דער מאיאַר, דער קאפיטאַן און לארד גלענארוואָן זיינען געלאפען, וויא דיא וואהנזיניגע, זיי האבען אליין ניט געוואוסט וואוהין.

זיי זיינען אוועקגעלאפען נור איניגע הונדערט שריט, ווען זיי האבען געהערט אַ קרעכץ פון אַ מענשען, וועלכער האַלט ביים שטאַרבען. זיי זיינען נאכגעגאנגען נאכ'ן קול און האבען געפונען אַ מענשליכע געשטאלט צווישען דיא ביימלעך.

דאס איז ווירקליך געווען דער מאטראָז מילרעד — פערוואונדעט, האלב טוידט. זיי האבען זיך געווארפען צו איהם און האבען איהם אויפגעהויבען — זייערע הענד זיינען געווארען פול מיט רויטעס, וואַרעמעס בלוט.

דער רעגען האט געגאסען, וויא פון עמערס. דער ווינד האט גערוישט און געהיילט, אז עס איז געווען אונמעגליך צו הערן, וואס דער אנדערער רעדט. שטילערהייט האבען זיי אויפגעהויבען דעם פערוואונדעטען מאטראז, שטילערהייט האבען זיי איהם געטראגען צוריק צום וואגען — צו זייער איינציגער פעסטונג.

מען קען זיך לייכט פארשטעלען, וואס פאַר אַ שרעקליכען איינדרוק עס האט געמאכט אויף אלעמען, ווען מען האט געבראכט דעם פערוואונדעטען מילרעד צום וואגען. דער פראָפעסאָר און דיא דאמען זיינען באַלד ארויסגעשפרונגען פון וואגען. ליידי העלענא האט אפגעטרעטען איהר בעט. מערי און ראבערט האבען געוויינט שטילערהייט.

מען האט אריינגעלעגט דעם האלב טוידטען מילערד אין וואגען און דער

מאיאָר איז געוואָרען אַ דאָקטאָר. ער האט זיך געגעט אנגעזעהן אין זיין לעבען און איז געווען אַ שטיקעל קענער אויף וואונדען. דיא ערשטע זאך, וואס ער האט געטהאן, איז געווען אראפצונעהמען פון׳ם פערוואונדעטען זיין העמד, וועלכעס איז געווען דורכגענעצט פון רעגען און בלוט. —

יעצט האט ער בעטראכט דיא וואונד. עס איז געווען אַ שטאך מיט אַ מעסער אין דער רעכטער זייט.

דער מאיאָר האט זיא אפגעוואַשען און פערבונדען, וויא ער האט געקענט. ער איז ניט געווען קיין גרויסער דאָקטאָר, ער זאל קענען זאָגען בעשטימט, אויב דיא וואונד איז טוידטליך. דער פערוואונדעטער אבער איז געווען אזוי בלייך און אזוי שוואך, אז זאגאַר ניט קיין דאקטאר האט געקענט זעהן אז ער איז שווער פערוואונדעט. ער איז געלעגען בעוואוסטלאז און האט ניט געקענט רעדען. דער מאיאָר האט זיך געגעבען אלע מעגליכע מיה איינצוהאלטען דאס בלוט פון דער וואונד. ליידי העלענא האט איהם אריינגעגאסען אין מויל איניגע טראָפען קאָניאַק.

אלע זיינען געשטאנען ארום איהם טרויעריג און פערטראכט. קיינער האט ניט געוואגט ארויסצורעדען אַ וואָרט. עס איז פערגאנגען אַ האלבע שטונדע. דער פערוואונדעטער מאטראָז האט ענדליך געעפענט דיא אויגען און זיינע ליפען האָבען זיך אנגעהויבען צו ריהרען. דער מאיאָר האט זיך אנגעבויגען צו איהם און האט געהערט, וויא ער רעדט מיט אַ געבראָכענער שטימע:

— דער בריעף — בען דשאנס — דער בריעף. —

דער מאיאָר האט זיי געזאגט, וואס ער האט געהערט. קיינער אבער האט ניט פערשטאנען, וואס ער מיינט מיט דיעזע ווערטער. זיי האבען גוט געוואוסט, אז אייערטאן אדער בען דשאנס לויערט אויף זיי; זיי האבען פערשטאנען, אז בען דשאנס וויל געוויס ניט, אז ער זאל זיי קומען צו הילף, אבער וואס געהער זיך דאס אן מיט׳ן בריעף?

לאָרד גלענארוואָן האט אנגעהויבען צו זוכען ביי מילרעד אין דיא קעשי־נעס. — דער בריעף איז פערשוואונדען! — וויא זאל מען זיך דאס ערקלערן? — וואו איז אהין געקומען דער בריעף? —

לאנגזאם, טרויעריג און זעהר לאנג האבען זיך געשלעפּט דיא שטונדען פון דיעזער שרעקליכער נאכט. עס האט אויסגעוויזען, אז עס וועט שוין גאר קיין מאל ניט ווערן טאג. מילרעד איז געלעגען אויסגעשטרעקט, האלב טוידט. יעדע מינוטע האט מען ערווארטעט: אט, אט שטארבט ער! ליידי העלענא און מערי גראנט זיינען ניט אפגעטרעטען פון איהם. זיי האבען געטהאן אלעס מעג־ליכע אום צו ערלייכטערן זיינע ליידען. וואס האבען זיי אבער געקענט טהאן אין ווילדען וואלד, אהן אַ גוטען דאקטאָר? — באלד האבען זיך געוויזען אלע צייכענס פון וואונד פיעבער.

ענדליך איז דאך געווארען טאג. דער רעגען האט אויפגעהערט. דער הימעל אבער איז נאך אלץ געווען בעדעקט מיט שווערע, גרויע וואלקען. אין וואלד זיינען געלעגען צערוואָרפען אפגעבראכענע צווייגען. דיא ערד איז געווען נאס.

גרויסע טייכען זיינען געשטאנען ארום וואגען. עס איז געווען שווער ארומצוגעהן אין וואלד זעהן, אויב מען וועט ניט געפינען עפעס אַ שפור פון דיא רויבער.

דער מאיאָר און דער קאפיטאן האבען זיך דאך ניט געקענט איינהאלטען. ווי זיינען ארויסגעגאנגען זוכען אויף דעם ארט, וואו זיי האבען געפונען ביי נאַכט דעם פערוואונדעטען מילרעד. זיי האבען נאך געפונען שפורען פון בלוט, וועלכע האבען זיי געפיהרט ביז צו דעם ארט, וואו דיא באַנדע איז אנגעפאלען אויפ'ן מאטראָז. צוויי טויטע קערפער זיינען געלעגען אויף דעם ארט. איינעם האבען זיי דערקענט. דאס איז געווען דער שמיעד, וועלכער האט צו רעכט געמאכט דיא אַקס פון'ם וואגען, ווען זיי זיינען אריבערגעגאנגען דעם טייך ווימעררא. א קוגעל אין קאפ האט געמאכט אן ענדע פון זיין רויבער־לעבען. — מילרעד האט גע־קעמפפט און האט בענוצט זיין רעוואלווער. ווען זיי האבען געהערט ביי נאַכט שיסען, האט עס מילרעד געשאסען.

זיי האבען שוין מעהר ניט געזוכט. זיי זיינען צוריק געגאנגען צום וואגען איבער רעדען, וואס מען זאל ווייטער טהאן. ווען זיי האבען דערצעהלט לארד גלענארוואן, וואס זיי האבען געפונען, האט ער זיי געזאגט:

— יעצט קענען מיר מעהר ניט דענקען, צו שיקען אנאנדערן קיין מעלבורן. מען בעוואַכט אונז שטאַרק.

— דאָ בלייבען קענען מיר אויך ניט, האט דער קאפיטאן געזאגט. — יעצט וועל איך געהן און זעהן מיך דורכשלאגען קיין מעלבורן. פיעללייכט וועט עס מיר געלינגען.

— ניין, פאַרראַגוט, איך וועל אייך ניט לאזען געהן. — אויסער דעם וויא וועט איהר געהן? מיר האבען דאך ניט איין פערד זאגאַר.

דאס האט דער קאפיטאן ווירקליך פערגעסען. — וואו איז אהינגעקומען מילרעד'ס פערד? האבען עס דיא רויבער אויך געטויטעט, אדער עס לויפט ארום ערגעץ אין וואַלד? דאריבער האט נאך קיינער ניט נאכגעדאכט.

— ניין, ניין, פאַרראַגוט! האט לארד גלענארוואן ווייטער געזאגט, מיר האבען נעכטען בעגאנגען א פעהלער, וואס מיר האבען ריסקירט מיט א מענ־שענס לעבען. מיר טארען נאך א מאל ניט מאכען דעמזעלבען פעהלער. לאמיר זיך האלטען צוזאמען, ביז עס וועט אונז אננעקומען פון ערגעץ הילף. מעגליך, אז דער טייך וועט באלד אפפאַלען און מיר וועלען געהן צופוס צו דער בוכטע טופאלד, דאָרט וועלען מיר טרעפען א שיף.

— איך מיין אויך אזוי, האט דער פראפעסאָר געזאגט. דאס איז דער איינ־ציגער וועג צו אונזער רעטונג. מיר מוזען וואַרטען. דערוויל זיינען מיר דאָ זיכער. מעגליך, אז דער טייך וועט באלד אפפאַלען, מיר וועלען קענען איהם אריבער־געהן און מיר וועלען צוקומען ערגעץ צו א וואוינונג פון מענשען.

אזוי וויא זיי זיינען אזוי געשטאַנען און גערעדט לעבען א בוים ניט ווייט פון'ם וואגען, איז דער קליינער ראבערט ארויסגעשפרונגען מיט א שמחה:

— עס איז איהם בעסער, מילארד! — עס איז איהם בעסער!

— ווערמען איז בעסער? האט דער פראפעסאר געפרעגט.

— מילרעד'ן געהט עס בעסער! האט ראבערט אויסגערופען.

אלע זיינען צוגעגאנגען צום וואגען זעהן, וואס מילרעד מאַכט.

— עס איז ווירקליך איינגעטרעטען א קריזיס, האט ליידי העלענא געזאגט. דאס פיעבער האט נאכגעלאזען און ער האט געעפענט דיא אויגען. — ער רופט דיך, עדוואַרד, ער וויל מיט דיר רעדען.

לארד גלענארוואן איז אריינגעגאנגען אין וואגען. דער מאיאר איז שוין לאנג געזעסען לעבען קראנקען און האט געלעגט קאלט וואסער צו דער וואונד. — מילרעד איז געלעגען בלייך, אבער רוהיג. ווען ער האט דערזעהן לארד גלענארוואן, האט זיך געוויעזען א שמייכעל אויף זיינע בלייכע ליפען.

— וויא געהט עס דיר, מיין אונגליקליכער פריינד? האט לארד גלענארוואן געפרעגט מיט א בעוועגטער שטימע.

— בעסער, האט מילרעד געענטפערט גאנץ שטיל, אבער דייטליך גענוג.

— ביסט דוא אים שטאנד אונז צו דערצעהלען, וויא אזוי דיא רויבער זיינען דיך בעפאַלען.

— יא, — איך האב אייך אומיסטען — געשיקט — רופען.—

— וויא מיינט איהר, מאיאר, וועט עס איהם ניט שאַדען, ווען ער וועט דערצעהלען? האט לארד גלענארוואן געפרעגט. — עס זיינען דא וואונדען, ווען דער קראנקער טאר קיין וואָרט ניט רעדען.

— איך מיין, אז עס וועט איהם ניט שאדען. — ער אטהעמט פריי, דאס איז א בעוויז, אז דיא לונגען זיינען ניט אנגעריהרט. נור ביי אזעלכע וואונדען, ווען דיא לונגען זיינען אנגעריהרט, טאָר דער קראנקער ניט רעדען. דיא לונגען ארבייטען, ווען דער מענש רעדט און דיא וואונד קען זיך ניט פערהיילען.

— אלזא, דערצעהל, וויא אזוי ביסט דוא געקומען צו דיעזע וואונדען? האט לארד גלענארוואן זיך געווענדעט צו מילרעד.

— איך בין ארויסגעפאהרען פון דאַנען — האט אנגעהויבען צו דערצעהלען מילרעד מיט א שוואַכער, אבער דייטליכער שטימע. — און בין אוועקגעפאהרען אן ערך פון צוויי מייל. — פלוצלונג זיינען אין דער פינסטער אויף מיר אנגעפאַלען עטליכע מענשען. — איך ווייס ניט וויא פיעל. — מיר דאכט, אז עס זיינען געוועזען פינף מענשען. — צוויי האבען אנגעחאַפט דאס פערד ביים צוים. — איך האב מיך ניט דערשראָקען, האב ארויסגעחאַפט דעם רעוואלווער און האב אנגעהויבען צו שיעסען.

ער האט זיך אפגערוהט איינינע מינוטען. עס איז איהם געוועזען שווער צו רעדען.

— איך ווייס ניט, אויב איך האב ווערמען געטראפען, האט ער ווייטער דערצעהלט, — פלוצלונג האב איך געפיהלט א שטאַרקען זעץ איבער דיא הענד און א שטאָך אין זייט. — איך בין אראפגעפאַלען פון'ם פערד און בין געלעגען וויא טויט. — איך האב אבער געהערט אלעס, וואס האט זיך געטהאן ארום מיר

איך האב געפיהלט, וויא מען האט מיך בעזוכט. איך האב געהערט, וואס מען האט גערעדט. — איך האב מיך אומיסטען ניט גערירט. — לאזען זיי מיינען, אז איך בין טויט, האב איך מיר געטראַכט. איך האב געהערט, וויא איינער האט ענדליך געזאגט:

— אט איז ער! איך האב איהם! איך האב דעם בריעף!

— גיב מיר דעם בריעף, האט אייערטאן געזאגט. — יעצט איז דער „דונקאן" אונזערער!

— זיין שטימע האב איך באלד דערקענט. — איך האב פערגעסען מיינע וואונדען און האב שוין געוואלט מיך אויפהויבען. עס איז מיר אבער געוועזען אונמעגליך.

— יעצט, קינדער, האט אייערטאן ווייטער געזאגט, געהט און חאַפּט דאס פערד. — אין צוויי טאג בין איך אין מעלבורן. אין זעקס טאג ארום קום איך אן מיט'ן „דונקאן" אין דער בוכטע טופאלד. איהר זאלטווארטען אויף מיר לעבען דער בוכטע.

דער לארד מיט זיינע מענשען שטעקען דערווייל אין דיא זומפּען לעבען טייך סנאַאי ריווער. — לאזען זיי זיך דארט אויסרוהען.

— וויא זאלען מיר אבער אריבערגעהן דעם סנאַאי ריווער? האט איינער פון דער באנדע געפרעגט.

אייערטאן האט געלאַכט.

— ניט ווייט פון דאנען, נור איינינע מייל ארויף וואסער איז דא א בריק איבערן סנאַאי ריווער. ער הייסט קעמפבעל ברידש. — איהר וועט אריבערגעהן איבערן קעמפבעל ברידש און וועט צוקומען צו דער בוכטע טופאלד. דארט וועט איהר אויף מיר ווארטען. — איך וועל געוויס קומען מיט'ן שיף אין א גאנץ קורצע צייט. קוים וועל איך צוקומען ניט ווייט פון ברעג, וועל איך אראפּשיקען באָאָטע (לאדקעס) מען זאל אייך ארויפנעהמען. — מיט אזא גוטעם שיף, וויא דער „דונקאן", וועלען מיר זיין דיא העררשער פון'ם גאנצען אינדישען אָצעאַן. — ווער ווער וועט עס קענען נעגען אונז בעשטעהן?

— עס זיינען דאך אבער דא מאטראזען אויפ'ן „דונקאן"? האט א שטימע געפרעגט.

— עס זיינען מעהר ניטא, וויא צוועלף מאטראזען, האט אייערטאן געענטפערט. — מיר וועלען זיי איינשפּאַרען אין זייערע קאיוטען. — ווער עס וועט וועלען צושטעהן צו אונז, דעם וועלען מיר לאזען לעבען; ווער עס וועט ניט וועלען, דעם וועלען מיר טויטען.

אין דיעזע מינוט האט מען צוגעבראכט מיין פערד. אייערטאן האט זיך אויפגעזעצט אויף איהם און איז אוועקגעפאהרען. זיין באַנדע איז זיך צוגאנגען. אויף מיר האבען זיי זיך ניט אומגעקוקט: זיי האבען גערעכענט, אז איך בין טויט. — ווען עס איז געווארען שטיל, האב איך מיך אנגעהויבען צו קייקלען אויף

דער ערד, ביז איך בין געפאַלען אין אהנמאכט. — וואס ווייטער איז געשעהן, ווייס איך ניט.

לאנגזאם און מיט שווערער מיה האט מילרעד געענדיגט זיין ערצעהלונג. אלע זיינען געבליעבען זיצען, וויא פערשטיינערט. קיינער האט ניט געוואַגט ארויסצורעדען אווארט. דיא וואהרהייט, וועלכע זיי זיינען יעצט געווארען, איז געוועזען אזוי שרעקליך און האט זיי אזוי איבערראַשט, אז זיי האבען אין דער ערשטער מינוט גאר ניט געוואוסט, וואס צו טהאן און וואס צו זאגען. לארד גלענארוואן איז געוועזען דער ערשטער, וועלכער איז געקומען צו זיך.

— ווערויבער! האט ער אויסגערופען. — פיראַטען! — זיי וועלען רויבען מיין „דונקאַן“ און ווערען זעערויבער! — טויטען מיינע גוטע, עהרליכע מאַטראָזען און צונעהמען מיין שיף! — מיר טאָרען עס ניט דערלאזען!

— געוויס! האט געזאגט דער פראפעסאר, מיר מוזען קומען פריהער פאר זיי צו דער בוכטע טופאָלד. דאן וועלען מיר פערניכטען אין גאַנצען זייער פלאַן. מיט דעם „דונקאַן“ וועט קומען נור איין אייערטאן אליין; ווען טאם אויגוסטין מיט זיינע מאַטראזען וועלען געוואהר ווערען, ווער ער איז, וועלען זיי איהם בינדע, און וועלען קומען אונז צו הילף.

— אבער וויא אזוי וועלען מיר אריבערגעהן דעם טייך? האט לארד גלענארוואן אויסגערופען.

— אויף דעמזעלבען וועג, וואס דיא רויבער וועלען איהם אריבערגעהן, האט דער מאיאר געענטפערט. זיי האבען אונז געוויעזען א וועג — דיא קעמפבעל בריק.

— וואס טהוט מען אבער מיט'ן קראנקען מילרעד? האט ליידי העלענא געפרעגט.

— מיר וועלען איהם טראגען אויף דיא פלייצעס, האט דער מאיאר געענטפערט. וואס פלעגען מיר טהאן מיט פערוואונדעטע סאלדאטען? מיר פלעגען מאכען א באַהרע (נאסילקא) פון צווייגען, זיי ארויפלעגען און זיי טראגען אין לאזארעט.

זייער פלאן איז אייגענטליך געוועזען ניט גאנץ ריכטיג. עס איז וואַהר, אז מען קען דארט אריבערגעהן דעם טייך. וואס וועלען זיי אבער טהאן, ווען זיי וועלען בעגעגענען דיא גאנצע באנדע רויבער? — וועלען דען זיעבען מענשען קענען בעשטעהן געגען עטליכע און צוואַנציג? — דאס האבען זיי ניט בערעכענט. זאגאר דער ערפאהרענער מאיאר האט עס ניט איבעררעכענט. מילרעד'ס ערצעהלונג האט געמאכט אויף זיי אזא טיעפען איינדרוק, אז זיי זיינען דאמאלס ניט געוועזען אים שטאַנד אלעס צו איבערלעגען. נור איין קאפיטאן מאַרראגוט איז געבליעבען רוהיג און קאלטבליטיג. ער האט אלעס איבעררעכענט, וויא א קאפיטאן דארף איבעררעכענען, ווען ער זעהט, אז זיין שיף איז אין געפאַהר. ער האט אבער געזעהן, אז אלע זיינען זעהר איבערראשט און האט זיי ניט געוואלט זאגען, וויא פאַלש זייער פלאַן איז.

— אייער פלאן איז געווים ריכטיג, האט ער געזאגט. איך מיין אבער, אז איידער מיר לאזען זיך אין וועג אריין, איז גלייכער, אז מיר זאלען פריהער געהן זעהן, אויב מען קען דארט אריבערגעהן דעם טייך. איך נעהם מיך אונטער צו געהן אהין זעהן, וואס דארט איז. עס איז דאך ניט ווייט, אין א פאר שטונדען בין איך צוריק.

— איך געה מיט אייך, האט דער פּראָפעסאר געזאגט. מיר וועלען זיין זעהר פארזיכטיג. מיר וועלען געהן גלייך מיט'ן טייך און וועלען זעהן, אויב די רויבער האבען זיך ניט בעהאלטען ערגעץ.

קיינער איז ניט געווען דאגעגען. אלע האבען איינגעזעהן, אז עס איז גליי־כער פריהער אויסצופאָרשען דעם וועג. זיי האבען ניט געמאכט קיין גרויסע פאָר־בערייטונגען און זיינען באלד אוועקגעגאנגען. זיי האבען זיך בעמיהט צו האלטען זיך אין שאטען פון די בוימער, אז מען זאל זיי ניט בעמערקען.

דער וועג איז אבער געווען שווערער, וויא זיי האבען געמיינט. אין ערטער האבען זיי געמוזט געהן ביז אין דיא קניע אין וואסער; אין אנדערע ערטער זיי־נען דיא גראָזען געווען אזוי הויך און דער „בוש" (קליינע ביימלעך) אזוי געדיכט אז זיי האבען זיך געמוזט אויסהאקען א וועג מיט א האַק אדער מיט אַ שאַרף מעסער.

אונטערדעסען איז לארד גלענארוואן מיט דיא איבעריגע געבליעבען אין וואלד אליין און האבען פערבראַכט זעהר א טרויעריגען טאג. זיי האבען גערע־כענט, אז דער קאפיטאן מיט'ן פּראָפעסאר וועלען קומען צוריק אין א פאר שטונ־דען ארום, אבער איין שטונדע נאך דער אנדערער זיינען פערגאנגען און זיי זיי־נען ניט געקומען. — עס איז געווארען נאכט — און זיי זיינען נאך ניט צוריק געקומען. לארד גלענארוואן, דער מאיאר און אלע איבעריגע זיינען געווארען זעהר אונרוהיג.

— וואס טהוט מען יעצט? האט געזיפצט לארד גלענארוואן און האט גע־בראכען דיא הענד. — פאר וואס האבען מיר זיי געלאזען געהן? — מיר האבען געדארפט געהן אלע צוזאַמען. — איינציגווייס וועלען דיא רויבער אויף אונז אנ־פאלען און טויטען איינעם נאכ'ן אנדערן.

ערשט גאנץ שפעט אין דער נאכט האט ווילסאן, וועלכער איז געשטאַנען אויף דער וואַך, געמעלדעט, אז דער קאפיטאן מיט'ן פּראָפעסאר געהען. אלע זיינען ארויסגעגאנגען פון'ם וואגען און זיינען זיי ענטגעגען געלאָפען.

מיעד, מאט, צובראכען און הונגעריג איז דער קאפיטאן מיט'ן פּראָפעסאר געקומען צוריק פון זייער רייזע. דער וועג איז געווען שרעקליך שווער. זייערע שטיוועל האבען געפּלאַצט, זייערע קליידער האבען זיך צוריסען אן דיא דערנער און דיא שטעכענדיגע בוימלעך און גראזען.

מען האט זיי אריינגענומען אין וואגען און זיי געגעבען עסען און טרינקען.

— נו? האט געפרעגט לארד גלענארוואן, ווען זיי האבען זיך אביסעל אפּ־

גערוהט. — וואס הערט זיך מיט דער בריק? האט איהר געפונען דיא בריק? קען מען אויף איהר אריבערגעהן?

— מיר האבען געפונען דיא בריק, האט פאררעטער געענטפערט. זיא איז געווען געמאכט פון געפלאכטענע באמבוק (טראָסטענע) שטעקענס. — דיא רויבער זיינען אריבערגעגאנגען, אבער — ער האט ניט געענדיגט, וואס ער האט געוואלט זאגען.

— אבער? האט לארד גלענארוואן געפרעגט אונגעדולדיג.

— ווען זיי זיינען אריבערגעגאנגען, האבען זיי זיא פערברענט, האט דער פראפעסאָר געזאגט.

17טעם קאפיטעל.

הילפלאז און האפנונגסלאז.

דיא [illegible], אז דיא קעמפבעל בריק איז פערברענט געווארען פון דיא רויבער, האט אויף אלעמען געמאכט א שרעקליכען איינדרוק. אלע זיינען געבליעבען זיצען, וויא פערשטיינערט. עס זיינען פערגאַנגען איניגע מינוטען, אין וועלכע אלע האבען געשוויגען. באלד אבער האט זיך לארד גלענארוואן אויפגעכאַפט וויא פון שלאף.

— פריינדע! האט ער אויסגערופען. יעצט איז ניט דיא צייט צו טראכטען און טרויעריג צו זיין. יעצט איז דיא צייט, ווען מיר מוזען עפעס טהאן! — יעצט איז נאכט, איהר זייט מיעד און מוזט זיך אויסרוהען. מארגען פריה, מוזען מיר זוכען מיטעל אריבערצוגעהן דעם סנאָאי ריווער. עס מעג זיין, וואס עס וויל זיך! מיר מוזען קומען צו דער בוכטע טופאָלד פריהער פאר בען דשאָס באַנדע! איך וועל ניט דערלאזען, אז מיין „דונקאן" און מיינע גוטע, עהרליכע מאטראָזען זאָלען אריינפאַלען אין דיא הענד פון דיא רויבער.

וואונדערבאַר איז דער מענש! וואס גרעסער דיא געפאהר איז, אלץ מעהר ערוואכט אין איהם דער מוטה! עס זיינען דא פעלע, ווען דער שוואכסטער צייגט אין א געפאהר אזוי פיעל מוטה און אזוי פיעל קוראַזש, אז מען שטוינט אויף איהם קוקענדיג. אין אנאנדערער צייט איז דער זעלבער מענש שטיל און רוהיג, וויא א טויב.

דער פראפעסאר, ליידי העלענא און זאגאר מערי גראנט האבען יעצט מיט איין שטימע געפאָדערט, אַז גאנץ פריה זאל מען זעהן צוגעהן ערגעץ, וואו עס איז, נור דא ניט צו בלייבען.

מיט דיעזען פעסטען בעשלוס האט מען זיך געלעגט שלאפען. דער מאיאָר, לארד גלענארוואן און ווילסאן האבען געהאלטען דיא וואך. — דיא נאכט איז פאראיבער רוהיג און שטיל. גאנץ פריה איז לארד גלענארוואן מיטן קאפיטאַן פאררעטער געגאנגען צום טייך זוכען ערגעץ א וועג, וואו אריבער צוגעהן.

דער טייך האט געשוימט, גערוישט, געברויזט און געקאכט. עס איז גאר קיין מעגליכקייט ניט געווען איהם אריבער צוגעהן. לארד גלענארוואן איז

געשטאַנען די: הענד פאַרלעגט אויף דער ברוסט און האָט געקוקט אויף ריינע שמוציגע וועללען (כוואַליעס). זיין געזיכט האָט אויסגעדריקט דיא גרעסטע פער צווייפלונג.

— ווייסט אידר וואס? האָט פלוצלונג קאַפּיטאַן פאַרראַגוט געזאָגט. איך וועל אריבער שווימען דעם טייך און וועל געהן צו דער בוכטע טופאַלד ווארענען אונזערע מאטראָזען.

— ניין, ניין! האָט לאָרד גלענאַרוואַן געענטפערט. איך וועל עס ניט דער־לאזען! לאמיר בעסער ווארטען. לאמיר בעסער זוכען אנאנדער וועג.

זיי זיינען געשטאַנען נאָך אַ קורצע צייט און זיינען צוריקגעגאַנגען אין לאגער. ליידי העלענא און דער מאיאָר האָבען באַלד דערקענט אן זיי, אז זיי האָבען קיינע גוטע נאַכריכטען. דערצו האָט זיא געמוזט ארומגעהן ארום קראַנ־קען מילרעד. ער איז שוין געוועזען פיעל בעסער: דאס בלוט האָט אויפגעהערט צו רינען פון זיין וואונד. קיין פיעבער האָט ער שוין מעהר ניט געהאַט, ער איז אָבער נאָך געוועזען זעהר שוואַך. דער מאיאר האָט גאַנץ ריכטיג בעמערקט, אז ווען מען זאָל איהם לאזען צו רוה, וואָלט ער אין איניגע טעג געווארען געזונד.

זיי האָבען זיך איבערלעגט איניגע מינוט און עס איז ביי זיי געבליעבען, אז מען זאָל ווארטען נאָך אַ טאָג צוליעב איהם. מעגליך, עס וועט איהם עפּעס בעסער ווערן און מען וועט איהם ניט דאַרפען טראָגען אויף דיא הענד.

אונטערדעסען זיינען זיי ניט געזעסען לעדיג. זיי זיינען ארומגעגאַנגען זוכען, פּיעללייכט וועלען זיי געפינען אן ארט, וואו זיי וועלען דאָך קענען אריבער געהן.—ליידער, איז דער טייך געוועזען אומעדום זעהר טיעף און ברייט. ענדליך האָט דער קאַפּיטאַן פּראָבירט מאַכען אַ באָאָט פון דיא רינדע (קארע) פון דיא אייקאַליפּטוס ביימער, וויא דיא ווילדע מאַכען זייערע קאַנאָעס (לאדקעס). ווילסאָן האָט איהם געהאָלפען און אין אַ קורצע צייט איז דאָס באָאָט פערטיג געוועזען. זיי האָבען עס צוגעשלעפּט צום טייך, האָבען עס אראָפּגעלאָזען און האָבען זיך אריינגעזעצט אין איהם. ביים ברעג איז עס נאָך געגאַנגען רוהיג, אין דערמיט טייך אָבער האָט זיך עס איבערגעקעהרט און ביידע זיינען אריינגעפאַלען אין וואַסער. עס איז נאָך געוועזען זייער גליק, וואָס ביידע האָבען געקענט גוט שווימען. מיט שווערער מיה איז עס זיי געלונגען ארויסצושווימען פון'ם רוישענדען טייך.

יעצט האָבען זיי איינגעזעהן, אז עס איז גאָר קיין מעגליכקייט ניטאָ ארי־בער צוגעהן דעם סנאַאי ריווער. — וואָס טהוט מען? עס איז אונמעגליך צו קומען צו דער בוכטע טופאַלד און ווארענען דיא מאַטראָזען פון'ם דונקאַן. מעגליך, אַז אייערטאָן איז שוין אנגעקומען קיין מעלבורן און האָט שוין דעם „דונקאַן" אין זיינע הענד? — אָבער וואס טהוט מען? — דא ליעגט א מאַן קראַנק, פערוואונדעט, וועלכער האָט ריסקירט מיט זיין לעבען פאַר אַלעמען. קען מען איהם איבער לאזען אין ווילדען וואלד? קען מען איהם רידהרען פון ארט, ווען זיין לעבען הענגט אָפּ פון רוהע און ליעגען אויף א י י ן ארט? — פון דער אנדערער זייט ריישט און קאָכט א טייך. וועלכע מען קען אויף קיין פאַל ניט אריבערגעהן.

איז פֿערגאַנגען איין טאָג נאָכ׳ן אַנדערן. פֿינף טאָג זיינען שוין פֿאַר א ג״ע, ווייט מילרעד איז פֿערוואונדעט געוואָרען און נאָך האָבען זיי קיינע האָפּנונג זיך אַרויסצופֿיהרען פֿון דעם זומפּ, אין וועלכען אייערטאַן האָט זיי פֿערפֿיהרט. לאָרד גלענאַרוואַן איז געווען אַזוי פֿערצווייפֿעלט, אַז ווען דער פּראָפֿעסאָר איז אויפֿין זעקסטען טאָג אין דערפֿריה געקומען מיט דער פֿרעהליכער נאַכריכט, אַז דער טייך הויבט אָן אַפּצופֿאַלען, האָט ער איהם געענטפֿערט:

— וואָס האָב איך דערפֿון? מיין שוף איז שוין אין דיא הענד פֿון דיא רויבער. — יעצט איז שוין צו שפּעט!

— אַלענפֿאַלס, קענען מיר דאָך דאָ ניט בלייבען, האָט דער פּראָפֿעסאָר ווייטער געזאָגט. מיר מוזען דאָך זעהן צו קומען ערגעץ אין א שטאָדט פֿון ציוויליזירטע מענשען.

— ווען מיר האָבען שוין געוואַרט אַזוי פֿיעל, מוזען מיר וואַרטען נאָך א טאָג אָדער צוויי. מעגליך, אַז דער טייך וועט אין גאַנצען אַפּפֿאַלען און מיר וועלען קענען צוקומען צו דער בוכטע טוּפֿאָלד.

— וועלען מיר דאַן קענען רעטען מיינע אונגליקליכע מאַטראָזען? האָט געפֿרעגט לאָרד גלענאַרוואַן מיט טרערין אין דיא אויגען.

— הערט נור מיך אויס, האָט קאַפּיטאַן פֿאַררעגוט געזאָגט. איך קען גוט טאָם אויגוסטין. ער וועט געווים אויספֿיהרען אייער בעפֿעהל פּינקטליך. דאָס איז געווים. עס איז אָבער א פֿראַגע, אויב דער „דונקאַן“ איז שוין אים שטאַנד אַרויסצופֿאָהרען. עס איז דאָך זעהר מעגליך, אַז דיא רעפּאַראַטור איז נאָך ניט געווען פֿערטיג. מעגליך, אַז ער האָט געמוזט פֿערצעגערן נאָך א פּאָר טאָג. טאָם אויגוסטין איז א פֿאָרזיכטיגער מאַטראָז. ער האָט זיך ניט געריכט, אַז עס וועט אַזוי גיך אַנקומען א בעפֿעהל, ער זאָל ווייטער פֿאָהרען.

— ער האָט פֿאָלקאָמען רעכט, האָט זיך דער פּראָפֿעסאָר אַריינגעמישט. קוים וועלען מיר אַריבערגעהן דעם סנאָאי ריווער, האָבען מיר אין גאַנצען פֿינף און דרייסיג מייל קיין דיליגעט. א שטאָדט פֿון א פּאָר טויזענד איינוואוינער מיט א פּאָסט, מיט א טעלעגראַף. מיר וועלען קענען טעלעגראַפֿירען. מעגליך, אַז אונזער טעלעגראַמע וועט אַנקומען אין דער רעכטער צייט.

— אַלזאָ, לאָמיר פֿאָהרען! האָט לאָרד גלענאַרוואַן געזאָגט מיט פֿערצווייפֿלונג אין זיין שטימע.

מען האָט זיך גענומען צו דער אַרבייט — בויען א באָאָט אַריבערצופֿאָהרען דעם סנאָאי ריווער. דיא ערפֿאָהרונג האָט זיי געלערנט, אַז דיא רינדע פֿון בוימער איז צו לייכט פֿאַר אַזא שנעלען טייך. זיי האָבען אָנגעהויבען אויסצוהאַקען בוימער אום צו מאַכען א פֿלאָס (פּלאַט). דיא אַרבייט איז ניט געווען לייכט, בעזאָנדערס פֿאַר מענשען, וועלכע זיינען ניט געוואוינט אַרומצוגעהן מיט דער האַק זיי האָבען געאַרבייט א גאַנצען טאָג זעהר שווער און ערשט דעם אַנדערן טאָג איז דער פֿלאָס פֿערטיג געוואָרען.

דער טייך איז אונמערדעסען אַפּגעפֿאַלען. ער איז געוואָרען פֿיעל שמעלער.

ער האט נאך אבער אלץ זעהר שטאַרק געפּלאסען. קאפּיטאן פּארראגוט האט אבער דאך גערעכענט, אז ער און ווילסאן וועלען זיין אים שטאַנד אריבערצופּיהרען דעם פלאָס.

געגען מיטאג איז דער פלאָס פערטיג געווארען און זיי האבען אנגעהויבען ארויפצוטראגען אויף איהם איניגע זאַכען און פּראוויאנט אויף א פּאר טאג. אלע זאכען האבען זיי ניט געקענט מיטנעהמען מיט זיך. עס וועט זיין צו־שווער, דער פלאס וועט ניט קענען אויסהאלטען. עס איז ביי זיי געבליעבען, זיי זאלען איבערלאזען אלע שווערע זאַכען אין וואגען און זאלען מיטנעהמען נור דאס נעטהיגסטע.

געגען איינס אוהר איז אלעס פערטיג געוועזן און אונזערע רייזענדע זיינען ארויפגעגאנגען אויפ'ן פלאָס. קאפּיטאן פּארראגוט האט גענומען דעם רודער אין דער האנד, ווילסאן האט געהאלטען א לאנגען דראַנג, וועלכער האט איהם געדיענט איינצוהאלטען דעם פלאס אויף איין ארט.

ניט ווייט פון'ם ברעג, וואו דאס וואסער איז געוועזן רוהיגער, איז עס געגאנגען גאנץ גוט; ווען זיי זיינען געקומען אבער אין דער מיט טייך, וואו דאס וואסער האט געקאָכט און איז געפּלאסען מיט אן אונגעהייערער שנעליגקייט, האט פּארראגוטס רודער און ווילסאנ'ס דראנג גאר ניט געהאלפען. עס האט אנגעהויבען צו דרעהן דעם פלאס מיט אזא שנעליגקייט, אז אלעמען האט זיך פערדרעהט דער קאפּ. ווילסאן און פּארראגוט האבען זיך געגעבען אלע מעגליכע מיה איינצוהאלטען דעם פלאס, אדער וועניגסטענס צו ריכטען איהם אין איין זייט — צו א ברעג. עס האט אבער גאר ניט געהאלפען! — דער טייך האט געטראגען דעם פלאָס, וואוהין ער האט געוואלט. און האט איהם ענדליך א וואָרף געטהאן מיט אזא קראַפט צום אנדערן ברעג, אז דיא קלעצער, פון וועלכע דער פלאָס איז געווען צוזאמענגעבונדען, האבען זיך צונומען און אלעס, וואס איז געווען אויף איהם, איז אריינגעפאלען אין וואסער.

צום גליק, איז דארט דאס וואסער ניט געווען טיעף. דער מאיאר האט געחאַפּט דעם קראנקען מילרעד, לארד גלענארוואן און קאפּיטאן פּארראגוט האבען גענומען דיא פרויען און האבען זיי ארויסגעטראגען אויפ'ן אנדערן ברעג. — עס האט קיינעם ניט געשאַדעט, אויסער וואס זיי האבען זיך אזוי פלוצלונג און אזוי אונגערן אפגעבאָדען אין קאלטעם וואסער.

דאס ערגסטע אבער איז געווען, וואס זייער פראוויאנט און זייער געוועהר, דיא קאַראַבינען מיט'ן פולווער, מיט דיא קוגעלן, און זייערע קליידער — אלעס איז אריינגעפאלען אין וואסער. עס איז זיי געבליעבען נור דעם מאיאר'ס קאַראַבין, וויל ער האט זיא געטראגען אויף דיא פלייצעס.

יעצט ערשט איז זייער לאגע געווען א קריטישע. א קליין הייפעלע מענשען מיט פרויען און קינדער און א קראנקען נאך דערצו אין א וויסטער געגענד, אהן א וועג, אהן א שטעג, אהן לעבענס־מיטעל, אהן קליידער, אלע זיינען נאַס אויסגעדרעהן — און דיא נאהענסטע שטאדט איז ווייט פינף און דרייסיג מייל, ווען מען זאל געהן מיט א גלייכען וועג. אין ווילדען וואלד אבער, וואו עס איז זעהר

שווער צו געהן און מען קען ניט געהן גלייך, וועלען זיי מוזען געהן איבער פופ־ציג מייל.

דער קראנקער מילרעד האט געזעהן, אז ער איז א גרויסע הינדערניס פאר אלעמען און האט געבעטען, אז מען זאל איהם לאזען דא אליין. ער האט קיין מורא ניט. קיין ווילדע טהיערע זיינען אין אויסטראליען ניטא; פאר רויבער האט ער אויך ניט, וואס מורא צו האבען, וואס וועלען זיי ביי איהם נעהמען?

לארד גלענארוואן אבער האט עס אויף קיין פאל ניט געוואלט צוגעבען.

— ניין! האט ער געזאגט וואס מיט אונז וועט געשעהן, מוזען מיר זיך האלטען צוזאמען. איך וועל קיינעם ניט לאזען אליין. — אלענפאלס האבען מיר שוין פיעל צייט פערלארען, נאך א פאר טאג וועט שוין גאר ניט אויסמאכען. — מיר וועלען מאכען א טראגבאהרע (נאסילקא) און וועלען דיך טראגען.

עס האט ניט געהאלפען קיין רעדען, עס האט ניט געהאלפען קיין בעטען. מען האט באלד אויסגעבראכען צוויי יונגע בוימער און מען האט זיי אויסגעפלאכ־טען מיט צווייגען, אויף דיא צווייגען האט מען אויסגעבעט בלעטער און פרישעס גראז און מען האט דארויף ארויפגעלעגט דעם קראנקען מילרעד.

לארד גלענארוואן איז געווען דער ערשטער, וועלכער האט געוואלט טרא־גען זיין קראנקען מאטראז. ער האט גענומען דיא נאסילקע פון איין זייט, ווילסאן פון דער אנדערער זייט, און מען האט זיך געלאזט אין וועג אריין. ווען זיי זיינען מיעד געווארען, האבען אנדערע צוויי גענומען טראגען.

לאנגזאם, טרויעריג, מיט פערצווייפלונג אין הערצען האט זיך דיא קליינע קאראוואנע געשלעפט אין ווילדען וואלד. עס איז געווען הערצרייסענד זיי אנצו־קוקען, וויא זיי האבען זיך געשלעפט אין דער היץ. דעם גאנצען טאג ביז אבענד זיינען זיי איינגעגאנגען קוים פינף ענגלישע מיילען. זיי האבען שוין פערגעסען אן קאפיטאן גראנט, זיי האבען פערגעסען, פון וואנען זיי קומען; זיי האבען פער־געסען, וואוהין זיי געהן; זיי האבען פערגעסען, ווער זיי זיינען; זיי האבען פערגע־סען צו טראכטען.

עס איז געווארען נאכט. אלע זיינען געווען שרעקליך מיעד. וואס צו עסען איז ניט געווען. זייער גאנצער פראוויאנט איז אונטערגעגאנגען אין סנאוי ריווער. מען האט זיך באלד געלעגט שלאפען. גאנץ פריה האט מען זיך אויפגעחאפט. דער הונגער האט זיך געלאזט פיהלען. מען האט געמוזט זוכען עפעס עסען. זיי וואלטען געשאסען פייגעל, זיי האבען אבער געהאט נור איין קאראבין און זעהר ווענינ פולווער און קוגעלן.

צום גליק, האט ראבערט גראנט אויסגעפונען א נעסט פון א גרויסען פוי־געל מיט עטליכע אייער. אלבינעט האט געפונען איינינע ווארצלען, וואס מען קען זיי עסען. מען האט אויפגעשלאגען פייער און מען האט אפגעקאכט, וואס מען האט געקענט. דאס איז געווען זייער ערשטער פריהשטיק.

נאכ'ן פריהשטיק איז מען ווייטער געגאנגען. דער וועג איז געווען זעהר שווער. מען איז דורכגעגאנגען דורך א וואלד מיט ניעדעריגע בוימלעך, וועלכע

האבען געהאט זעהר שאַרפֿע שפּיצען. דיא קליידער זיינען צוריסען געווארען, פֿון דיא שאַרפֿע שפּיצען, זעהר אָפֿט האבען זיי געשטאָכען דאס לייב ביז אין בלוט אלע האבען עס איבערגעטראָגען, וויא דיא העלדען. זאָגאַר דיא דאַמען האבען זיך ניט בעקלאגט און זיינען מוטהיג געגאנגען ווייטער. לייזי העלענא האט זאָגאַר געוואלט העלפֿען טראגען דעם קראנקען מילרעד. דאס האבען אבער דיא מענער אויף קיין פֿאַל ניט געוואלט דערלאזען.

געגען מיטאג האט מען זיך געמוזט אפּרוהען. עס איז געוועזען שטארק הייס און אלע זיינען געוועזען זעהר הונגעריג. דער מאַיאָר איז געגאנגען אויף דער יאַגד און האט געשאָסען א קאַנינכען (קראָליק). מען האט איהם באלד אפּגעבראטען און איהם צוטהיילט אלעמען גלייך. וויא ווענינ איין קאנינכען איז געוועזען פֿאר אזוי פֿיעל מענשען, האבען זיי זיך דאך געפֿיהלט געשטאַרקט. זיי האבען דאך געגעסען פֿלייש.

מיר מוזען יעצט זאגען א פאר ווערטער איבער דיא קאנינכען אין אויסטראליען.

ווען מען האט ענטדעקט אויסטראַליען, זיינען דאָרט קיין קאנינכען (קראָליקעס) ניט געוועזען. א קאפּיטאן פֿון א שיף האט מיטגעבראַכט איינינע מיט זיך און האט זיי אוועקגעשענקט א בעקאנטען פֿארמער. אזוי וויא עס איז געוועזען א זעלטענהייט, האט זיי דער פֿאַרמער געלאזען פֿריי ארומלויפֿען אויף זיינע פֿעלדער און האט זיי ניט אויפגעגעסען.

דיא קאנינכען פֿערמעהרען זיך זעהר שטארק. קיין ווילדע חיות, וועלכע זאלען זיי פֿערניכטען זיינען אין אויסטראליען ניטא. דיא קאנינכען האבען זיך אין א קורצע צייט אזוי פיעל פֿערמעהרט, אז זיי זיינען זיך צולאָפֿען איבער גאנץ אויסטראַליען.

דיא קאנינכען נעהרען זיך פֿון גראָז. אויף דיא גרויסע, צעהנער מיילען ווייטע פֿעלדער מיט אלערליי גראזען האבען זיי געהאט גענוג צו פֿרעסען. זיי האבען פֿערשטאַנען, אז דער מענש איז זייער פֿיינד און זיינען אנטלאפֿען אלץ ווייטער און ווייטער.

אין דער היינטיגער צייט זיינען דיא קאנינכען דיא פלאַגע פֿון אויסטראַליען. זיי האבען זיך אזוי פיעל פֿערמעהרט, אז זיי פאלען אן אויף א פֿעלד מיט גרינע תבואה און פֿרעסען זיא אפ אין איין נאַכט, אז עס בלייבט ניט קיין שפור, אז דארט האט אמאל עפּעס געוואקסען. מען האט שוין געקלערט און געטראַכט, וויא אזוי לויז צו ווערן פֿון דיעזער פלאַגע. שיעסען זיי האט גאר קיין זינן ניט. וויא פֿיעל קען עס א מענש אויסשיעסען א טאָג? אויסער דעם זיינען זיי זעהר פֿלינק און עס איז זיי ניט אזוי לייכט צו טרעפֿען. מען האט פראבירט זיי פערגיפֿטען, זיינען אבער זייערע טויטע קערפער געבליעבען ליעגען אין דיא לעכער (זייערע נארעס) און מען האט מורא געהאט, זיי זאלען ניט פֿערפעסטען דיא לופֿט.

אלע מיטעל, וואס מען האט פראָבירט געגען זיי, האבען ביז אהער ניט געהאלפֿען. דיא ענגלישע רעגיערונג אין אויסטראליען האט אויסגעזעצט א פרעמיע

פֿון פֿינף טויזענד פֿונט סטערלינג, ווען איינער וועט אויסגעפֿינען א מיטעל, וויא אזוי לויז צו ווערן פֿון דיא קאנינכען.

ווען אונזערע רייזענדע וואלטען זיך געפֿונען ניט אין אזא ווילדע געגענד, וואלטען זיי געקענט האבען הונדערטער קאנינכען, וועלכע זיי וואלטען געקענט חאפען מיט דיא הענד. דיא קאנינכען האלטען זיך אויף נור אין דיא ערטער, וואו זיי האבען ווייכעס, זאפטיגעס גראָז צו פֿרעסען. בעזאנדערס לעבען דיא פֿאַרמס. זיי האבען זעהר ליעב יונגען מאַאיס (קוקורוז). אין דער געגענד אבער, וואו אונזערע רייזענדע זיינען יעצט געוועזען, איז געוועזען זעהר וועניג גראז. עס איז געוועזען דורך א צופֿאל, וואס עטליכע האבען פֿערבלאנזעט אהער.

דער טאג איז פֿאראיבער רוהיג. זא לאנג זיי זיינען געגאנגען אין וואלד, האבען זיי געהאט גענוג וואסער צו טרינקען און צומאל האבען זיי געפֿונען אייניגע בעערען (יאגאָדעס).

דעם אנדערן טאג זיינען זיי ארויס פֿון'ם וואלד און האבען געדארפֿט דורכגעהן א גרויס פֿעלד פֿון עטליכע מייל בעוואַקסען מיט שטעקען גראָז. דאס איז אן עכט אויסטראַלישעס גראָז, פֿון וועלכער מען מאכט בעזימער און בערשט. פֿון דער ערד שטעקען ארויס לאנגע, האַרטע שפיעזלעך מיט דינע צווייגלעך, אהן בלעטער. ווען זיי וואקסען געדיכט אויף אן ארט, איז זעהר שווער אזא ארט דורכצוגעהן. מען מוז זיך אויסהאַקען א וועג מיט א האַק אדער מיט א שאַרפֿעם מעסער, אדער וויא דיא ווילדע טהוען: זיי צינדען אן אזא פֿעלד און עס ברענט אפּ.

דא ערשט האבען זיך אנגעהויבען זייערע ליידען. זיי האבען געמוזט אויסהאַקען א וועג מיט א האַק אין דער האנד. דיא היץ איז געוועזען שטארק, קיין בוים איז ניט געוועזען, וואו זיך אפצורוהען אין זיין שאַטען. עסען איז ניט געוועזען וואס. דאס ערגסטע אבער — עס איז ניט געוועזען וואס צו טרינקען, מיט וואס צו בענעצען דיא פֿערברענטע ליפען. — דעם דורשט איז שווערער איבערצוטראגען, וויא דעם הונגער.

געגען מיטאג זיינען אלע געוועזען אזוי מיעד, אז זיי האבען געמוזט בלייבען שטעהן זיך אפרוהען. עס איז געוועזען צום שטוינען, וויא ליידי העלענא און מערי גראַנט האבען איבערגעטראָגען דעם הונגער און דעם דורשט. זיי האבען ניט געזאגט קיין ווארט, זיי האבען זיך ניט בעקלאגט; זיי האבען זאגאר איינגעפּלייסט מוטה דיא מענער. דער איינציגער, ווער עס האט פֿערשטאַנען, וויא שווער זיי האבען געליטען, איז געוועזען דער פראפֿעסאָר.

ווען מען איז געבליעבען שטעהן, איז ער אוועקגעגאנגען זוכען עפעס שפייז אדער א טרונק. ער האט געפֿונען א בלום Cephalotes. דיעזע בלומע ציהט צו צו זיך פֿייכטיגקייט פֿון דער לופֿט. ווען מען רייסט אן פֿיעלע פֿון זיי און מען טרייסעלט זיי אויס אין א גלאז אדער אויף דער האנד, קען מען אנזאמלען אביסעל וואסער. עס האבען דארט געוואַקסען פֿיעלע פֿון דיעזע בלומען. דער פראפֿעסאָר האט געוויעזען זיינע קאמעראַדען, וויא אזוי אויסצוטרייסלען דאס וואסער פֿון דיעזע בלומען.

אויך שפייז האט דער פראָפעסאר אויסגעזוכט,—א שווערע, הארטע, זעהר ניט געשמאַקע שפייז, אין דער נויט אבער האט מען דערמיט געקענט שטילען דעם הונגער. דאס איז געווען א סאָרט ווילדע לינזען. מעגליך, אז דאס זיינען דיא ערשטע אָריכטע, פון וואנען דיא לינזען שטאַמען אפ. דיא ווילדע מענשען אין אויסטראַליען קענען דיעזע לינזען און, ווען זיי האבען קיין אנדערע שפייז, קלייבען זיי צונויף דיעזע לינזען, צוקלאַפען זיי צווישען צוויי שטיינער און מאכען דיין פון א סאָרט מעהל.

אונזערע רייזענדע זיינען געווען אזוי הונגעריג, אז זיי האבען געקליבען דיא לינזען און האבען זיי געשלונגען רויהערהייט. אזוי וויא מען האט ניט געקענט וויסען, אויב מען וועט מארגען האבען עטוואס אנדערש צו עסען און דער פראָפעסאר האט אויסגעפונען א גאנץ שטיק פעלד פון דיעזע לינזען, האט יעדער אנגעזאמעלט, וויא פיעל ער האט געקענט און האט זיי געהאלטען פערבונדען אין זיין טאשען טוך.

דער טאג איז אזוי פערגאנגען. מען איז ענדליך ארויסגעקומען פון׳ם פעלד מיט׳ן שטעקען גראז און מען איז ווידער געקומען אין א וואלד. דארט האט מען בעשלאָסען צו נעכטיגען. אין וואַלד האט מען וועניגסטענס געהאַט וואַסער. אין יענער געגענד אין אויסטראַליען רעגענט עס געננג. אויפ׳ן פרייען פעלד אבער ווערט דאס וואסער באלד אויסגעטריקענט פון דער גרויסער היץ. אין וואלד איז דאס וואסער פערשטעלט פון דיא ביימער און עס ווערט ניט אזוי גיך אויסגעטריקענט. — אין אויסטראַליען, וויא אין דער גאנצער וועלט גילט דאס אייבינע געזעץ פון דער נאַטור, אז דארט, וואו עס זיינען דא פיעלע וועלדער, דארט איז דער קלימאט פייכט און עס געפינען זיך טייכען און זעען (אזיעראָ׳ס) אין דיא סטעפען אין רוסלאנד, אין דיא פרעריען אין נאָרד אמעריקא, אין דיא פאמפאַס פון זיד אמעריקא קען מען אמאל אוועקפאַהרען גאנצע טעג און ניט געפינען א טראָפען וואַסער.

דאס איז א וואהרהייט, וועלכע דיא מענשען האבען ערשט ניט לאנג אויסגעלערנט. זיי זיינען ערשט ניט לאנג געוואהר געווארען, אז פיעלע געגענדען ליידען פון מאנגעל אין רעגען נור דערפאַר, וואס מען האט אויסגעהאקט דיא וועלדער. דיא פייכטיגקייט האט זיך ניט, וואו אויפצוהאלטען און אלעס, וואס מען פערזעעט, ווערט פערברענט און פערדאַרט.

יעצט ערשט האט מען זיך אומגעקוקט אין רוסלאַנד און אין אמעריקא, אז מען האט זעהר שלעכט געווירטהשאפט מיט דיא וועלדער. מען האט זיי צופיעל אויסגעהאַקט, צופיעל אויסגעברענט. אין רוסלאנד וויל מען ארויסגעבען אן אוקאַז, ווען מען זאל האקען דיא וועלדער און וויאפיע מען זאל אויסהאַקען. אין אמעריקא זוכט מען שוין אויך צו פערביעטען דאס אויסברענען פון גאנצע וועלדער.

יעצט האבען אונזערע רייזענדע שוין געהאט גענוג וואסער. לינזען האבען זיי מיט זיך מיטגעבראכט. אלבינעט און ווילסאן האבען אויסגעזוכט צוויי גרויסע שטיינער, האבען ארויפגעלעגט דיא לינזען אויף איין שטיין און האבען געריעבען

מיטן אנדערן. עס איז דערפון געווארען א סארט מעהל, ריכטיגער געזאגט, א סארט גרויפען, וועלכע אלבינעט האט געוואלט אפבאקען פאר ליידי העלענא ווענינגסטענס. געקאכטערהייט, אדער געבאקענערהייט איז עס געווים געשמאקער.

ווילסאן איז געגאנגען צונויפקלייבען דארע צווייגען אין וואלד. אלבינעט האט צונויפגעקליעבען טרוקענע בלעטער און אויפגעשלאגען פייער מיט א פייער געצייג. דיא טרוקענע בלעטער און גראזען האבען אנגעהויבען צו ברענען. עס האט נור געפעהלט דאס האלץ. באלד איז צוגעקומען ווילסאן מיט גאנץ דינע, דארע צווייגען פון בוימער. ער האט זיי ארויפגעווארפען אויפ'ן פייער — זיי ברע־נען נים. מען האט צונויפגעקליעבען נאך טרוקענע בלעטער און גראזען און מען האט זיי ארויפגעווארפען אויפ'ן פייער. זיי האבען אויפגעפלאמט און פערברענט געווארען. דיא צווייגען אבער האבען אלץ נים געברענט. — וואס איז דאס? פאר וואס ברענען נים דיא דארע צווייגען?

מען האט זיך געווענדעט צום פראפעסאר, ער זאל ערקלערן דיעזעס וואונדער.

— מיינע פריינד, האט דער פראפעסאר געזאגט מיט א שמייכעל, ווען ער האט בעטראכט דיא צווייגען, איהר האט וויטער געטראפען אויף איינע פון דיא וואונדער פון אויסטראליען. דיעזעס האלץ ברענט נים. עס האט אין זיך אזא סארט זאלץ, וועלכעס לאזט נים צו דאס פייער צו זיך. דיעזעס האלץ איז זעהר זעלטען. ווען עס זאל וואקסען מעהר און עס זאלען זיין דערפון גאנצע וועלדער, וואלט עס געווען דאס בעסטע מאטעריאל צו בויען דערפון הייזער. דיא פייער־פערזיכערונגס געזעלשאפטען וואלטען דאן נים געקענט עקסיסטירען. עס וואלטען אבער אויך נים געווען קיין שווינדלער, וועלכע אסעקורירען זייערע הייזער אום זיי באלד אונטערצוצינדען.

מען האט זיך געמוזט בעגעהן אהן פייער דיעזען אבענד. ווען מען האט זיך געלעגט שלאפען, האט מען געהערט איבערן קאפ א שרעקליכעס געלעכטער, גלייך וויא איינער לאכט און שפאטעט פון זייערע ליידען. זיי האבען שוין אבער געוואוסט, וואס דאס איז. אויף א בוים נים ווייט פון זייער לאגער איז געווען א נעסט פון'ם לאך־פויגעל. דער פויגעל האט גערופען זיינע קאמעראדען מיט זיין געוועהנליכער שטימע, וועלכע איז זעהר עהנליך צו א מענשליכען געלעכטער.

אלע זיינען אבער געווען אזוי מיעד און אזוי צובראכען, אז זיי זיינען באלד אנטשלאפען געווארען. ביי נאכט האט עס אנגעהויבען צו רעגענען. אלע זיינען נאס געווארען. עס איז נים געווען וואו זיך צו בעהאלטען. זיי האבען שוין נים געקענט שלאפען, האבען זיך צונויפגעזעצט נאהענט איינער לעבען אנדערן און האבען געווארט, עס זאל שוין ווערן טאג.

ענדליך איז ליכטיג געווארען. דער רעגען האט אויפגעהערט, עס האט אבער געבלאזען א קאלטער ווינד. אלע האבען אנגעהויבען צו ציטערן אין זייערע נאסע קליידער

— לאמיר געהן שנעל, וועלען מיר זיך דערווארעמען, האט דער פראפעסאר געזאגט און האט געוויעזען, וויא שנעל ער וועט געהן.

צום גליק, האט זיך מילרעד געפיהלט פיעל בעסער און האט ערקלערט, אז ער פיהלט זיך שטארק גענוג אום צו געהן מיט א שטעקען. מען האט באלד אויסגעזוכט פאר איהם א שטארקען שטעקען און מען האט זיך געלאזען אין וועג.

מען איז אוועקגעגאנגען א קורצע שטרעקע, דיא זון איז אויפגעגאנגען און האט בעלייכטעט דיא דעכער פון דער שטאדט דיליגעט.

ווער קען בעשרייבען זייער פרייד, ווען זיי האבען דערזעהן, אז ענדליך זיינען זיי ניט ווייט פון מענשען, פון ציוויליזירטע מענשען!

ראבערט גראנט, ווילסאן און מילרעד האבען געטאנצט פאר פרייד. ליידי העלענא און מערי גראנט זיינען געווען איינגעהאלטענער, אויף זייערע געזיכטער אבער האט זיך אויסגעמאלט זייער פרייד. דער פראפעסאר איז געבליעבען גלייכגילטיג. ער איז געווען צופריעדען צו עסען לינזען און צו שטודירען דיא וואונדער פון אויסטראליען. לארד גלענארוואן און דער מאיאר זיינען געווען ערנסט און פערטראכט. זיי האבען ערשט אנגעהויבען צו בערעכענען, אין וואס פאר א לאגע זיי געפינען זיך און וואס איז געווארען פון׳ם „דונקאן.“

דאס שטעדטעל איז געווען ניט ווייט. באלד זיינען זיי אנגעקומען אין שטעדטעל מיעד, מאט, הונגעריג, דורשטיג, צובראכען, דיא קליידער צוריסען, דיא שיך צופלאצט און אפגעשונדען. — א בילד פון ליידען און נויט!

זיי האבען זיך קוים פערשלעפט אין א האטעל, וואו זיי האבען אנגענומען צימער, האבען זיך געהייסען געבען עסען און טרינקען, און האבען זיך געהייסען ברענגען קליידער.

קוים האט לארד גלענארוואן געהאט נייע קליידער, איז ער געגאנגען צום בירגמייסטער (סיטי מאיאר) פון׳ם שטעדטעל און האט איהם דערצעהלט זיין טרויעריגע געשיכטע. דער סיטי מאיאר האט איהם צוגעזאגט צו טהאן פאר איהם אלעס, וואס ער וועט נור קענען.

מען האט באלד טעלעגראפירט קיין מעלבורן צו טאם אויגוסטין, אז ער זאל זיך ניט דערוועגען ארויסצופאהרען.

דאס איז אבער נאך ווייניג געווען. לארד גלענארוואן האט באלד געקויפט א קארעטע מיט פערד און קוים האט ער זיך אפגערוהט א פאר שטונדען, איז ער מיט זיין פארטיע געפאהרען צו דער בוכטע טופאלד.

דער סיטי מאיאר האט איהם אזוי פיעל געהאלפען, אז ער האט געשיקט מיט איהם עטליכע מענשען מיט געוועהר. אין פאל זיי וועלען דארט טרעפען דיא רויבער, זאלען זיי זיך קענען פערטהיידיגען און ווען מעגליך, זיי ארעסטירען.

נעגען צוויי אוהר איז אלעס געווען פערטיג צו דער אבריזע. צוויי קארעטעס זיינען געשטאנען פאר דער טהיר. ארום דיא קארעטעס זיינען געפאהרען עטליכע רייטער מיט לאנגע ביקסען אויף דיא פלייצעס.

מען איז ארויסגעפאהרען. לארד גלענארוואן האט געהייסען דיא קוטשער, זיי זאלען ניט שוינען דיא פערד. מען איז געפאהרען שנעל, וויא נור מעגליך.

מען איז געפאהרען א גאנצע נאכט. דעם אנדערן טאג אין דער פריה האט

מען דערהערט דאס רוישען פֿון דיא וועלען (חוואַליעס) פֿון'ם אינדישען וועלט־מעער. — זיי זיינען געווען נים ווייט פֿון דער בוכטע טופֿאָלד.

שנעלער זיינען געלאפֿען דיא פֿערד, שנעלער האבען געקלאפט דיא הערצער פֿון אונזערע רייזענדע. — באלד, באלד זיינען זיי שוין אויף דעם אָרט, וואוהין זיי האבען אזוי לאנג געשטרעבט.

ענדליך, איז מען געקומען צו דער בוכטע. — אלעס איז שטיל, רוהיג — טויט. קיין מענש, קיין שיף, קיין באָאט איז נים געווען צו זעהן. הימעל, ערד און וואַסער! דאס גרויסע, גרענצענלאזע וועלט־מעער!

אלע האבען געשוויגען. קיינער האט נים געוואלט שטעלען דיא פֿראַגע:

— איז טאם אויגוסטין שוין דא געווען מיט'ן „דונקאן"? — איז בען דשאַנס באנדע שוין אויפֿ'ן „דונקאן"? איז נאך דא א האָפֿנונג צו בעקומען דעם „דונקאן"?

דיא אויסזיכט איז געווען א שרעקליכע. — נור איין האָפֿנונג איז זיי נאך געבליעבען. עס איז געווען צוואר זעהר א שוואכע האָפֿנונג. אבער ווער עס טרענקט זיך, האַפּט זיך אן אן א שטרוי — דאס וועטער איז געווען שלעכט אין דער לעצטער צייט, דאס מעער איז געווען זעהר שטירמיש. מעגליך, אז טאם אויגוסטין האט נים געקענט צופֿאהרען צו דער בוכטע טופֿאָלד און איז געפֿאהרען זוכען ערגעץ א בעסערן און זיכערערען פארט?

לארד גלענארוואן האט איבערגערעדט מיט דיא מענשען, וועלכע זיינען געקומען מיט איהם פֿון'ם שטעדטעל דילינעט, און האט זיי געפֿרעגט, וואו עס געפֿינט זיך ערגעץ אין דיעזער געגענד א זיכערער פארט, וואו שיפֿען קענען צוקומען.

— אין שטעדטעל עדען איז דער פּאָרט זיכער, האבען איהם דיא מענשען געזאגט.

— אלזא, לאמיר פֿאהרען קיין עדען! האט לארד גלענארוואן אויסגערופֿען.

מען האט זיך אריינגעזעצט אין דיא קארעטעס און מען איז געפֿאהרען קיין עדען. פֿון דער בוכטע טופֿאָלד קיין עדען איז נים ווייט, אין גאנצען פֿינף—זעקס מייל. אין א קורצער צייט איז מען געקומען קיין עדען און מען איז געבליעבען שטעהן לעבען לייכט־טהורם דאָרט, וואו ביי נאכט ברענט א גרויסער לאָמפּ אום צו ווייזען דיא שיפֿען דעם וועג צום פּאָרט. ביים לייכט־טהורם זיינען געשטאַנען פֿיעלע גרעסערע און קלענערע שיפֿען, צוגעבונדען צו זייערע דאָקס. לארד גלענארוואן מיט זיין פארטיע איז באלד געלאָפֿען אויפֿ'ן דאק זעהן, אויב דער „דונקאן" איז דארט ניטא.

ליידער, איז קיין שפור פֿון'ם „דונקאן" דארט נים געווען. ער איז נעגאַנגען אין צאל־אמט פֿרעגען, אויב עס איז נים אנגעקומען אזא און אזא שיף?

— זייט אכט טאג איז קיין נייע שיף נים אנגעקומען קיין עדען, האט דער צאלבעאמטער געענטפֿערט, דער „דונקאן" איז דארט קיין מאל נים געווען.

מען קען זיך פֿארשטעלען זייער פֿערצווייפֿלונג און זייער אנגסט, ווען זיי האבען דערהערט דיעזע טרויעריגע נאכריכטען.

— מעגליך, אז דער „דונקאן" איז נאך אלץ אין מעלבורן. האט לארד גלענארוואן געזאגט. איך האב אויף מיין טעלעגראמע פון דיליגעט נאך קיינע אנטוואָרט ערהאלטען. איך מוז שיקען נאך א טעלעגראמע פון דאנען.

קאפיטאן פארראגוט האט טרויעריג געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. ער האט זעהר גוט געקענט טאם אויגוסטין און האט געוואוסט, אז דער מאן איז זעהר פינקטליך. קוים האט איהם אייערטאן געבראכט לארד גלענארוואן'ס בריעף, איז ער געוויס באלד ארויסגעפאהרען.

— איך מוז אלעס וויסען, האט לארד גלענארוואן געזאגט. עס איז פיעל בעסער אלעס צו וויסען, זאגאר דאס ערגסטע, אלס צו זיין אין צווייפעל.

ער האט געהייסען פערפאהרען אין דעם איינציגען האטעל אין שטעדטעל און אין א פיערטעל שטונדע ארום האט ער טעלעגראפירט צום קאפיטאן פון'ם פאָרט פון מעלבורן און איהם געפרעגט, אויב דאס שיף „דונקאן" געפינט זיך נאך אין מעלבורן. ווען ניט, זאל ער איהם טעלעגראפירען, ווען זיא איז ארויס־געפאהרען.

אום צוויי אוהר איז אנגעקומען פאלגענדע טעלעגראמע פון מעלבורן.

„ערען

לארד גלענארוואן

„דאס שיף „דונקאן" איז דעם 28טען פעברואר ארויסגעפאהרען. מען וויים ניט, וואוהין".

אנדערסאן, קאפיטאן פון'ם פארט"

דיא טעלעגראמע איז ארויסגעפאלען פון לארד גלענארוואן'ס הענד. ער איז געפאלען אין אהנמאכט.

זיין שעהנעס שיף, דער „דונקאן", איז יעצט א שיף פון זעע רויבער! יעצט איז עס שוין געוויס. טאם אויגוסטין און אלע מאטראזען זיינען טויט.

אזוי טרויעריג האט זיך געענדיגט זייער רייזע אין אויסטראליען. זיי זיינען געפאהרען מיט א גוטער אבזיכט, זוכען דעם אונגליקליכען קאפיטאן גראנט; זיי האבען אויסגעליטען אזוי פיעל אין דיא פאמפאס פון זיד־אמעריקא, אין דיא וואסערן פון ארגענטיניען, אין דיא וועלדער פון אויסטראליען און יעצט — יעצט איז זייער שיף געווארען א רויבער שיף און זייערע קאמעראדען זיינען געטייטעט פון רויבער.

איז עס ניט טרויעריג, אז דיא בעסטע זאך, דאס עדעלסטע, אונטערנעהמען, דאס עהרליכסטע שטרעבען ווערט צערשטערט, פערניכטעט, פערדאָרבען פון שלעכטע מענשען?

— ניין! דאס קען ניט זיי און דאס וועט ניט זיין! האט אויסגערופען דער פראפעסאר. — דאס שלעכטע מוז אונטערגעהן און דאס גוטע מוז זיעגען!

ענדע דעם צווייטען טהייל.

דריטער טהייל.

דיא אינזלען ניי זעעלאנד.

1טעס קאפיטעל.

בייזער שיפס־קאפיטאן.

דיא סהיים, אז דער „דונקאן" איז יעצט אין דיא הענד פון דיא רויבער, האט געמאכט אויף יעדען אזא שרעקליכע ווירקונג, אז דעם גאנצען טאג האט איינער מיטן אנדערן ניט גערעדט. יעדער איז געזעסען אין זיין צימער און האט געטראכט וואס צו טהאן און וויא אזוי צו העלפען דיא אונגליקליכע מאטראזען פון'ם „דונקאן", ווען זיי לעבען נאך.

פון'ם קאפיטאן גראנט האט מען שוין גאר פערגעסען. וואס קען מען יעצט טהאן פון זיינעט וועגען? וויא קען מען איהם יעצט פאהרען זוכען? קיינער, אויסער לארד גלענארוואן, האט נאך ניט געוואוסט פון אנאנדערער זעהר טרויעריגער וואהרהייט. — זיי האבען קיין געלד מעהר ניט געהאט.

לארד גלענארוואן האט ריכטיג אויסגערעכענט, וויא פיעל געלד ער זאל מיטנעהמען מיט זיך קיין אויסטראליען. דאס איבעריגע, זיין האלבעס פערמעגען אין באאר געלד, האט ער געלאזען אין זיין קאסא קאסטען אויפ'ן „דונקאן". עס איז איהם געבליעבען אין גאנצען עטליכע הונדערט פונט סטערלינג.

מערי און ראבערט גראנט האבען געליטען מעהר פון אלעמען. זיי האבען יעצט פערלארען יעדע האפנונג צו געפינען זייער פאטער. מערי גראנט איז אבער געוועזען אזוי עדעל, אז זיא האט בעגראבען איהר שמערץ טיעף אין איהר ברוסט און האט אנגעהויבען צו טרייסטען לײדי העלענא.

דעם אנדערען טאג אין דערפריה זיינען זיך אלע צונויפגעקומען צום פריהשטיק. אנפאנגס זיינען אלע געזעסען שטיל. מערי גראנט איז געוועזען דיא ערשטע צו זאגען:

— לארד גלענארוואן און לײדי העלענא! איהר האט געטהאן אלעס, וואס עדעלע און גראסמוטהיגע מענשען קענען טהאן. אלעס איז געגען אונז. איהר זייט שוין מיעד און צו בראכען. פאהרט א היים! פאהרט זיך אפרוהען אין אייער שלאס מאלקאלם.

— זיא האט רעכט, האט קאפיטאן פארראגוט געזאגט. איהר האט געטהאן מעהר, וויא פיעל א מענש קען טהאן. איהר דארפט זיך שוין אפרוהען. יעצט וועל איך געהן זוכען דעם קאפיטאן גראנט. איהר דארפט מיך שוין ניט. — איך וועל געהן און וועל איהם אזוי לאנג זוכען, ביז איך וועל איהם געפינען, אדער איך וועל ערגעץ פערפאלען ווערן.

לארד גלענארוואן, ליידי העלענא און דער מאיאר האבען געשוויעגען. זיי האבען זיך נאך אליין ניט ענטשלאָסען, וואס זיי זאלען יעצט טהאן. זיי האבען געפיהלט, אז זיי זיינען זעהר מיעד און צובראכען און נאך דעם הארטען שלאג, וואס אייערטאן האט זיי געגעבען, זיינען זיי געווען, וויא בעטויבט, וויא וואהנזיניג.

— איך געה מיט אייך! האט אויסגערופען דער פראפעסאר. איך האב שוין פערגעסען אן מיין רייזע קיין אינדיען, איך וויל שוין ליעבער רייזען אין אנדערע לענדער.

— דאס ערשטע מוזען מיר פאהרען קיין מעלבורן, האט לארד גלענארוואן ענדליך געזאגט. איך וועל בעטען דעם גובערנאטאר, ער זאל מיר העלפען אפנעהמען מיין שיף, מיין „דונקאַן“, פון דיא רויבער. דיא רעגיערונג מוז מיר העלפען. זיא מוז בעפרייען דאס מעער פון אזעלכע געפעהרליכע רויבער. — אין מעלבורן וועלען מיר זיך איבערלעגען, וואס מיר זאלען ווייטער טהאן.

עס איז געבליעבען, אז היינטיגען טאג זאלען זיי זיך נאך אויסרוהען און מארגען זאלען זיי זוכען א שיף, וועלכעס געהט קיין מעלבורן.

דעם אנדערן טאג גאנץ פריה איז דער קאפיטאן פארראגוט געגאנגען זוכען א שיף. ער איז געווען זיכער, אז ער וועט זעהר לייכט געפינען אזא שיף. וויא גרויס איז דאהער געווען זיינע איבערראַשונג, ווען ער האט אין גאנצען פארט פון עדען ניט געפונען קיין שיף קיין מעלבורן.

— וואס זאל דאס הייסען? האט ער געפרעגט דעם קאמענדאנט פון'ם פארט. וויא קומט עס, וואס עדען האט קיינע פערבינדונג ניט מיט מעלבורן, ניט מיט סידניי, ניט מיט קיין אנדערער גרויסער שטאדט אין אויסטראליען?

— דאס איז גאנץ איינפאַך, האט איהם דער קאמענדאנט ערקלערט. פון עדען קיין אקלענד, דיא הויפט שטאדט פון דיא אינזלען ניי זעעלאנד, איז פיעל נעהענטער, אלס קיין מעלבורן. מיר בציעהען אלעס, וואס מיר דארפען, פון אקלענד. — צו אונז קומען נור אן אין געוויסע צייטען דיא ענגלישע פאסט-דאמפפער, וועלכע פיהרען דיא פאסט פון כינא, יאפאָן, ניי זעעלאנד און אויסטראַליען קיין ענגלאנד. זיי ברענגען אונז דיא פאסט, נעהמען ביי אונז דיא פאסט און פאהרען זיך אוועק.

אין דריי וואכען אַרום דארף אנקומען אזא פאסט-דאמפפער. דאמאָלס וועט איהר קענען פאהרען, וואוהין איהר וועט וועלען.

דיעזע נאכריכט איז געווען א דאנערשלאג פאר אלעמען.ווארטען דאָ, אין דיעזען קליינעם שטעדטעל גאנצע דריי וואכען! דאס איז אונמעגליך.

אבער וואס טהוט מען? — מען קען קויפען פערד און וועגען און פאהרען קיין מעלבורן מיט דער יבשה. דאס וועט אבער אויך דויערן זעהר לאנג און זיי האבען זיך שוין גענוג אנגעליטען אויף זייער רייזע אין אויסטראליען. אויסער דעם דארף עס קאסטען זעהר טהייער און לארד גלענארוואן האט שוין ניט געהאט אזוי פיעל געלד. ער האט עס צוואר קיינעם ניט געזאגט. ער האט נור ערקלערט, אז ער וויל שוין מעהר ניט רייזען אויף פערד איבער אויסטראליען.

— ווייטס איהר וואס? האט זיך אפגערופען דער פראָפעסאר, לאמיר פאָהרען קיין אקלענד, דיא הויפט שטאדט פון ניי זעעלאַנד. דארט קריעגט מען בעשטענדיג שיפען, וואוהין מען וויל. — אויסער דעם ליעגט דיא שטאדט אקלענד אויך אויפ'ן 37טען גראַד פון דער וועלט. מעגליך, אז מיר וועלען אין איין וועג עפעס געוואהר ווערן פון קאפיטאן גראַנט.

דער פראָפעסאר האט גערעדט אזוי לאנג און האט אלעמען ערקלערט מיט אזוי פיעל בעווייזע, אז מען האט געמוזט צו־געבען, אז ער האט רעכט. אין דער וואהרהייט אבער איז איהם דאס רייזען אזוי געפעלען, אז ער האט געוואלט בעזוכען דיא בעריהמטע אינזלען פון ניי זעעלאַנד. — א נייע וועלט, וועלכע איז נאך װעניג בעקאנט אין איירָאפא. ער האט געהאט װעניג האפנונג צו געפינען דארט דעם קאפיטאן גראנט, ריכטיגער געזאגט, ער האט שוין פערלארען יעדע האָפנונג איהם צו געפינען. אין איהם האט זיך אויפגעהאפט דער פראָפעסאר פון געאגראַפיע. ער האט געוואלט אויסשטודירען דיעזע געגענדען, פון וועלכע מען האט געשריעבען אזוי פיעל און מען קען זיי אזוי וועניג.

קאפיטאן פארראגוט האט געפונען, אז דער פראָפעסאר האט רעכט. עס איז זעהר מעגליך, אז דיא „בריטאניא“ איז אונטערגעגאנגען ערגעץ ניט וויט פון אקלענד. עס איז אויך אין זידען (דרום זייט) און עס ליעגט אויפ'ן 37טען גראַד. קוים האט מען שוין געמאכט אזא לאנגע רייזע אין זיד אמעריקא און אין אויסטראליען, פאר וואס זאל מען ניט פראָבירען זוכען איהם אין ניי זעעלאַנד?

לארד גלענארוואן איז דיעזער פלאן אויך געפעלען. ער האט נאך געהאט אנאנדערע אורזאַכע דערביי, וועלכע ער האט קיינעם ניט געזאגט. דער גובערנאטאָר פון אקלענד און פון גאנץ ניי זעעלאַנד איז געוועזען זיינער א גוטער בעקאנטער. זיי האבען געלערנטביידע אין איין שולע. ביי איהם וועט ער קענען אויסבאָרגען עטליכע טויזענד פונט שטערלינג אויף דער רייזע. ער וועט איהם העלפען זוכען זיין „דונקאן“. ער איז זיינער א יוגענד פריינד און וועט געוויס טהאן פאר איהם אלעס, וואס ער וועט נור קענען.

דער מאיאר האט גאר געשוויעגען. איהם איז געוועזען אלץ איינס. פאהרען קיין ניי זעעלאנד, קיין כינא, קיין טהיבעט, וואוהין מען וויל, נור ארויספאהרען פון אויסטראליען, וואו זיי האבען אזוי פיעל געליטען.

עס איז געבליעבען, אז מען זאל געהן זוכען א שיף. וועט מען ניט געפינען קיין פאסט שיף, זאל מען אפדינגען א קליינע שיף אויף דיא גאנצע רייזע, וועלכע דארף געדויערן ניט מעהר, וויא פינף — זעקס טעג.

קאפיטאן פארראגוט איז באַלד געגאנגען זוכען אזא שיף. קיין פאסט שיף איז גראַדע ניט געוועזען דאמאלס אין עדען און ער האט געמוזט זוכען א זעגעל שיף.

אין פארט איז דאמאָלס געלעגען א זעגעל שיף מיט'ן נאמען „מאַקאַריאַ“, וועלכעס פלעגט ארומפאהרען צווישען דער בוכטע טופאלד און ניי זעעלאנד. פארראגוט האט זיך אנטשלאסען צו דינגען דיעזעס שיף.

ער האט עס אבער נים געוואלט שהאן אליין אהן לארד גלענארוואן. פאר איהם איז יעדעס שיף גוט, פאר לארד גלענארוואן אבער, פאר ליידי העלענא מוז מען האבען אנאנדער שיף.

ער איז דאהער געגאנגען אין האטעל רופען לארד גלענארוואן, ער זאל געהן אנקוקען דאס שיף און זאל זיך אויס גלייכען מיטן קאפיטאן איבער דיא רייזעקאסטען.

דער פראפעסאר און דער מאיאר האבען געזאגט, אז זיי ווילען מיטגעהן אנקוקען דאס נייע שיף. לארד גלענארוואן האט ניט געהאט וואס איינצו-ווענדען, און אלע זיינען געגאנגען צום פארט.

דאס שיף איז געלעגען ווייט פון ברעג און זיי האבען געמוזט נעהמען א באאט און צופאהרען צו איהר. פון׳ם שיף איז אראפגעשפרונגען א שטריק לייטער, אויף וועלכען זיי זיינען ארויפגעגאנגען און האבען געבעטען דעם ערשטען מאט ראז, וועלכען זיי האבען בעגעגענט, ער זאל זיי שיקען דעם שיפס קאפיטאן, זיי דארפען איהם האבען זעהר נעטהיג.

אין איינגע מינוטען ארום איז ארויסגעקראכען פון א קאיוטע א ניעדעריגער, אבער שטארקער מאן מיט א רויטעס געזיכט, מיט אן איינגעפאלענער אדער צובראכענער נאז, מיט גראבע ליפען און פון א ווילדעס, פערנאכלעסיגטעס אויסזעהן. עס איז געווען דייטליך, אז זיי האבען פאר זיך א גראבען ווילדען מענשען. לארד גלענארוואן און דעם פראפעסאר איז ער זעהר ניט געפעלען. זיי האבען זיך אבער איבערלעגט, אז זיי דארפען מיט איהם זיין צוזאמען נור א גאנץ קורצע צייט, מאכט דאך ניט אויס, ווער ער איז און וואס ער איז.

— ועמען דארפט איהר? האט דער מאן געפרעגט גראב.

— מיר ווילען רעדען מיטן קאפיטאן פון דער „מאקאריא", האט לארד גלענארוואן געענטפערט.

— איך בין דער קאפיטאן, האט דער מאן געזאגט בייז. — וואס דארפט איהר?

— געהט דיא „מאקאריא" קיין אקלענד? האט לארד גלענארוואן ווייטער געפרעגט.

— זיא געהט קיין אקלענד. — וואס נאך דארפט איהר?

— זיא איז א פראכט שיף, וואס פאר א סחורות פיהרט זיא קיין אקלענד?

— יעדער זאך, וואס מען קען קויפען און פארקויפען. — וואס נאך דארפט איהר?

— ווען פאהרט זיא ארויס פון דאנען?

— מארגען. — וואס נאך דארפט איהר?

— וועט איהר אויפנעהמען פאסאזשירען קיין אקלענד?

— איך מוז וויסען, וואס פאר א פאסאזשירען דאס זיינען, איך מוז זיי זעהן, האט זיך דער קאפיטאן געבייזערט. איך מוז וויסען, אויב זיי וועלען צופריעדען זיין מיטן עסען אויף דער „מאקאריא".

— זיי וועלען זיך מיטברענגען פראוויאנט און וועלען זיך אליין קאכען עסען, האט לארד גלענארוואן געזאגט.

— וואס נאך דארפט איהר? האט דער קאפיטאן געפרעגט.

— דאס איז אלעס.

— וויאפיעל פאסאזשירען זיינען זיי?

— ניין, זיעבען מענער און צוויי דאמען.

— איך האב נים קיינע קאיוטען פאר זיי.

— מיר וועלען שוין אויסגעפינען א פלאץ פאר דיא דאמען.

— וואס נאך דארפט איהר?

— אלזא, ווילט איהר אונז אויפנעהמען? האט פארראגוט געפרעגט.

— מיר וועלען זעהן, האט דער קאפיטאן געענטפערט בייז.

ער האט זיך אביסעל דורכשפאצירט אויפ'ן דעק פון זיין שיף, האט עס בעטראכט איינינע מינוט און האט זיך פלוצלונג געווענדעט צו זיינע געסט.

— וואס וועט איהר מיר געבען?

— וויא פיעל פערלאנגט איהר?

— פופציג פונט סטערלינג.

פארראגוט האט געפרעגט מיט דיא אויגען לארד גלענארוואן, אויב ער ווילינט איין. לארד גלענארוואן האט א שאקעל געטהאן מיט'ן קאפ, אז ער איז איינפערשטאנען.

— גוט! מיר וועלען אייך געבען פופציג פונט, האט פארראגוט געזאגט.

— דאס איז נור פאר דער שיף.

— נור פאר דער שיף.

— פאר עסען וועט איהר צאהלען עקסטרא.

— וועלען מיר צאהלען עקסטרא.

— אפגעמאכט! האט געזאגט דער שיפסקאפיטאן און האט אויסגעשטרעקט דיא האנד.

— איך מוז האבען האנד-געלד, האט ער ווייטער געזאגט גראב.

לארד גלענארוואן האט גענומען א פעקעל געלד און האט עס דערלאנגט פארראגוט. דער נייער שיפסקאפיטאן איז איהם אזוי נים געפעלען, אז ער האט נים געוואלט מיט איהם פיעל רעדען. פארראגוט האט גענומען פינף און צוואנציג פונט סטערלינג און האט זיי אפגעצעהלט דעם שיפס קאפיטאן.

— נאט אייך דערווייל פינף און צוואנציג פונט, העלפט געלד פאר דיא רייזע, דיא אנדערע העלפט וועלען מיר אייך געבען, איידער מיר וועלען אוועק פאהרען.

דער שיפס-קאפיטאן האט אריינגעלעגט דאס געלד אין קעשענע און האט נים גערעדט קיין ווארט. אונזערע רייזענדע האבען איהם בעטראכט מיט שטוינען.

— ווען פאהרען מיר? האט פארראגוט געפרעגט.

— מארגען גאנץ פריה מוזען אלע זיין אויפ'ן דעק. פונקט זעקס אוהר וועל איך ארויספאהרען, איהר מעגט יא קומען און ניט קומען.

— מיר וועלען קומען פינקטליך.

לארד גלענארוואן מיט זיין פארטיע זיינען באלד אראפגעגאנגען פון'ם שיף. דער שיפס־קאפיטאן האט זיי זאגאר ניט געגריסט. ער האט זיך אויף זיי ניט אומגעקוקט, גלייך ווי זיי וואלטען גאר אויף דער וועלט ניט געוועזן.

— וואס איז דאס פאר א ווילדער מענש? האט דער פראפעסאר י־ פרעגט, ווען זיי זיינען ארויס אויפ'ן ברעג.

— דאס איז אן עכטער בער, אדער א זעע־וואלף, האט פארראגוט געזאגט.

— ווי עס ווייזט מיר אויס, האט דיעזער וואלף אמאל געהאנדעלט מיט מענשענפלייש, האט דער מאיאר געזאגט.

ער האט געמיינט, אז ער האט געהאנדעלט מיט נעגער־שקלאפען. ער האט זיי געפיהרט פון אפריקא קיין אמעריקא.

— וואס געהט עס אונז אן, וואס ער איז, אדער וואס ער איז געוועזן? האט לארד גלענארוואן געזאגט. אויפ'ן וועג וועלען מיר איהם זעהר ווייניג זעהן און נאך וועניגער האבען מיט איהם צו טהאן; ווען מיר וועלען קומען קיין אקלענד, וועלען מיר פון איהם לויז ווערען אויף אייביג. — לאז ער זיין, וואס ער וויל זיך.

מען איז געקומען אין האטעל און מען האט דערצעהלט דיא דאמען, אז זיי האבען שוין געדונגען א שיף קיין אקלענד. ליידי העלענא און מערי גראנט זיינען געוועזן זעהר צופריעדען, וואס זיי האבען שוין א שיף און וועלען שוין פאהרען.

לארד גלענארוואן האט זיי ערקלערט, אז דיא „מאקאריא" איז ניט אזוי גוט איינגעריכטעט, וויא דער „דונקאן". זיי וועלען אויף דער „מאקאריא" ניט האבען אלע בעקוועמליכקייטען, וואס זיי האבען געהאט אויפ'ן „דונקאן".

— אליך וועט זיין בעקוועמער, וויא אין וואגען, וועלכער איז געבליעבען שטעקען אין זומפ לעבען סנאאי ריווער, האט ליידי העלענא געענטפערט. נאכדעם וואס מיר האבען דארט אויסגעשטאנען, איז שוין אויף יעדעס שיף בעקוועם.

יעצט האט מען אנגעהויבען זיך פארצובערייטען צו דער רייזע. אלבינעט איז געגאנגען איינקויפען פראוויאנט. דער מאיאר איז געגאנגען קויפען געוועהר און אמוניציאן: פולווער און קוגעלן. איהם איז דער בייזער קאפיטאן שטארק ניט געפעלען און ער האט געוואלט, אז זיי זאלען זיין גוט בעוואפענט און זיך קענען וועהרען, אין פאל דער בייזער קאפיטאן וועט ווערן צופיעל בייז.

דער פראפעסאר איז ארומגעלאפען א גאנצען טאג זוכען א גוטע לאנד־קארטע פון ניי זעעלאנד. וויא קען ער פאהרען אין א נייעם לאנד און ניט האבען קיין לאנדקארטע מיט זיך? — דאס איז אבער געוועזן קיין לייכטע ארבייט. אין א קליין פערוואָרפענע שטעדטעל, וויא עדען איז, קען מען ניט אזוי לייכט געפינען א לאנדקארטע. דיא איינוואינער אינטערעסירען זיך פיעל מעהר מיט זייערע פארמס, אלס מיט לאנדקארטען.

דער פראפעסאר האט אבער דאך געפונען, וואס ער האט געזוכט. ער האט

געטראפען, וואו צו זוכען — ביים לעהרער פון דער איינציגער שולע, וואס איז געווען אין שטעדטעל.

ליידי העלענא און מערי גראַנט זיינען געגאנגען אין דיא מאגאזינען קויפען אייניגע קליידער. זיי האבען געוואוסט, אז אקלענד איז א גרויסע שטאדט און מען מוז קומען אהין אנשטענדיג אנגעטהאן.

מילרעד האט זיך געפיהלט זעהר גוט. אלס עכטער מאטראָז, האט ער גע-גלויבט, אז דיא לופט פון׳ם מעער וועט איהם אין גאַנצען אויסהיילען. ער האט נאך געפיהלט שמערצען פון דער וואונד, ער האט שוין אבער געקענט ארומגעהן אין צימער אהן א שטעקען.

לארד גלענארוואן האט געשיקט דעם מאַטראָז ווילסאן אויף דער „מאקאַריאַ״, ער זאל דארט מאכען א פלאַץ פאר דיא דאַמען. ווען ער איז געקומען אויף דער „מאקאריאַ״ און האט עס געזאגט דעם שיפס־קאפיטאן, האט ער פערצויגען דיא אקסלען און האט געלאזען ווילסאן טהאן, וואס ער וויל. ער האט מיט ווילסאן ניט גערעדט, האט איהם ניט געפרעגט, ווער ער איז און וויא ער הייסט. עס האט איהם קיין זאַך ניט געקימערט. ער איז געשטאַנען גאנץ רוהיג און האט אכטונג געגעבען, וויא מען האט אנגעלאדען דאס שיף מיט פעל. וואס געהט איהם אָן, וואס יענער טהוט? — פאר דיא פעל נעהמט ער געלד, פאר דיא פאַסאַזשירען נעהמט ער געלד. עס האַרט איהם ניט, וואס דיא פעל מאכען דארט אונטען אין שיפסרוים, עס קימערט איהם ניט, וואס דיא פאַסאַזשירען מאכען אויבען אויפ׳ן דעק.

אזוי וויא לארד גלענארוואן און פאררעגוט האבען ניט געהאט וואס צו טהאן, האבען זיי בעשלאסען, זיי זאלען נעהמען פערד און צו רייטען צו דער בוכטע טופאלד, זעהן, פיעלייכט וועלען זיי דאך געפינען עפעס א שפור פון דער „בריטאניא״, אדער פון׳ם „דונקאן״.

לארד גלענארוואן איז נאך אלץ געווען פעסט איבערצייגט, אז אייערטאן איז געווים איינער פון דיא מאַטראָזען פון דער „בריטאניא״, זיין ערצעהלונג אי־בער דעם אונטערגאנג פון דער „בריטאניא״ ניט ווייט פון דער בוכטע טופאלד איז ריכטיג. — אלזא, וועט מען פיעלייכט קענען דאך עפעס געוואהר ווערן איבער קאפיטאן גראנט.

קאפיטאן פאררעגוט האט געראַטהען, אז זיי זאלען פריהער צוגעהן צום קאמענדאַנט פון׳ם פאָרט איהם פרעגען, ווער איז דער שיפס־קאפיטאן פון דער „מאקאַריאַ״ און אויב מען קען זיך אויף איהם פערלאָזען.

דער קאמענדאנט פון׳ם פארט עדען האט זיי געגעבען פאָלגענדע אויסקונפט:

— דער שיפס־קאפיטאַן פון דער „מאַקאַריאַ״ הייסט וויליאם האלוואוד, אדער, וויא מען רופט איהם געוועהנליך, בילי האלוואוד. ער פאהרט בעשטענדיג פון עדען קיין אקלענד, פיהרט איבער וואארען פון איין ארט צום אנדערן און איז זעהר גוט בעקאנט מיט׳ן מעער אין יענע געגענדען. — ווער ער איז און וואס ער איז אמאל געווען קען ער ניט זאגען.

דאס איז געווען אלעס, וואס זיי האבען ערפאהרען איבערן שיפס-קאפּיטאַן אדער סקיפּער, וויא מען רופט איהם אין יענע געגענדען, פון דער „מאַקאַריאַ" ווי זיינען דערמיט צופריעדען געווען. פאר זיי איז געווען גענוג צו וויסען, אז בילי האלוואוד קען דעם וועג קיין אקלענד.

יעצט זיינען זיי געריטען צו דער בוכטע טופאלד. עס איז אין גאנצען פינף מייל פון ערען צו דער בוכטע. אויף פרישע, שטארקע פערד פאהרט מען איין אזא שטרעקע אין א שטונדע. דיא רייזע איז געווען זעהר א טרויעריגע. דיא גע־גענד איז געווען איינזאם, אויפ'ן גאנצען וועג האבען זיי ניט איין מענשען ניט בעגעגענט. דאס מעער האט גערוישט און געקאָכט, זיינע בייזע, צאָרניגע וועללען (כוואַליעס) האבען זיך אנגעשלאגען אן דיא שטיינער פון'ם ברעג און זיינען צוריק געלאפען בעדעקט מיט שוים.

זיי זיינען באלד צוגעקומען צו דער בוכטע טופאלד. — עס איז דארט ניט געווען קיינער. קיין מענש, קיין טהיער, קיין שפור פון שיפען, קיין שפור פון'ם „דונקאן" אדער פון דער „בריטאניא".

— אייערטאן מיט זיין באנדע איז דאך דא געווים געווען, האט לארד גלענ־ארוואן געזאגט צו זיין בעגלייטער. טאם אויגוסטין איז ניט דער מענש, וועלכער זאל זיך אזוי לייכט אונטערגעבען. ער האט געווים געקעמפפט ביז צום לעצטען טראפען בלוט, איידער ער האט איבערגעגעבען דעם „דונקאן". ווען ער האט געקעמפפט, האט דאך געמוזט בלייבען עפּעס א שפור, עפּעס א צייכען, אז מענ־שען זיינען דא געווען.

זיי האבען זיך צוטהיילט, לארד גלענארוואן איז געפאהרען אין איין זייט און פאררראגוט — אין דער אנדערער זייט. ביידע האבען עטוואס געפונען.

פאררראגוט האט געפונען דעם ארט, וואו אייערטאנס באנדע האט אויפגע־שלאגען איהר לאגער. אונטער א גרויסען בוים איז געווען שפורען פון מענשען. עס איז נאך געלעגען דאס אַש און פערברענטע שטיקליך האלץ אויף דעם ארט, וואו זיי האבען געקאָכט אדער געבראטען זייער עסען.

לארד גלענארוואן האט געפונען נאך א בעסערע שפור. — אויף איינעם פון דיא קליינע בוימלאך מיט שאַרפע דערנער איז געהאנגען א שטיק פון אַ ראָק פון א שטרעפלינג. עס איז געווען פון געלער פאַרב און האט געהאט אויף זיך דעם סטעמפעל פון'ם געפענגניס פון דער שטאדט פערטה.

ער האט זיך אומגעקעהרט און צוגערופען דעם קאפּיטאן פאררראגוט.

— זעהט איהר, פאררראגוט, זיי זיינען דא געווען, דיא רויבער. וואס מאכען אונזערע קאמעראדען אויפ'ן „דונקאן"?

— וויא עס ווייזט אויס, האט זיי אייערטאן גאר ניט אראפגעלאזען פון'ם שיף. ער איז געבליעבען שטעהן דא ערגעץ ניט ווייט און האט זיי ארויפגענומען אויפ'ן שיף מיט דיא באָאטע.

— דיא רויבער! האט אויסגעשריען לארד גלענארוואן. דיא מערדער! —

ווי האבען געטייטעט מיינע גוטע מאטראזען ! — מיר מוזען עס וועניגסטענס מעלדען.

זיי ויינען ארומגעריטען דיא בוכטע נאך איינינע צייט און זיינען ענדליך צוריקגעפאהרען קיין עדען.

לארד גלענארוואן האט געהאלטען פאר נאטהווענדיג, ער זאל מעלדען דער פאליציי פון׳ם שטעדטעל, ווער עס האט ביי איהם צוגענומען זיין שיף און וויא אזוי מען האט עס צוגענומען. ווען מען איז דערפון געוואהר געווארען אין שטעדטעל, אזבען דשאנם מיט זיין באנדע האבען ענדליך פערלאזען אויסטראליען און געפינען זיך ערגעץ אויפן מעער, איז אין גאנצען שטעדטעל געווארען א שמחה. אלע האבען זיך געפרעהט, וואס זיי זיינען בעפרייעט געווארען פון אזא געפעהרליכע באנדע רויבער.

מען האט צוגעזאגט לארד גלענארוואן, אז מען וועט טהאן אלעס מעגליכע נאכצויאגען דיא רויבער און ביי זיי אוועקנעהמען דעם „דונקאן". מען האט טעלעגראפירט קיין מעלבורן, קיין סידניי און קיין אדעלאאידא צו דיא גובער־נאטארען און מען האט זיי געבעטען הילף. מיט איינעם ווארט, מען האט געטהאן אלעס, וואס א פאליציי קען טהאן, — צוזאגען, שרייבען און זוכען.

ווען דאס איז אויך געווען געענדיגט, איז מען צוריקגעגאנגען אין האטעל. דיא פארבערייטונגען זיינען פערטיג געווען, יעדער האט געטהאן, וואס ער האט נעדארפט. אלעס איז געווען פערטיג צו דער רייזע מארגען גאנץ פריה.

דער אבענד איז פערגאנגען זעהר טרויעריג. יעדער האט זיך דערמאנט, וואס ער האט אויסגעליטען אין דיעזען שעהנעם לאנד אויסטראליען. יעדער האט געוואוסט, אז עס איז איינע פון דיא בעסטע, רייכסטע און גליקליכסטע לענדער. נור פאר זיי איז עס געווארען אזוי טרויעריג; זיי אליין האבען געליטען אין לאנד, וואו טויזענדע אונגליקליכע עמיגראנטען געפינען א גליקליכעם היים. לאזט אריין א שלאנג אין גן־עדן וועט זיא איהם פערגיפטען און דער בעסטער מענש וועט מוזען אנטלויפען.

מען האט זיך געזעצט צום טהעע. אלע זיינען געזעסען שטיל און האבען שטילערהייט געטרונקען זייער טהעע. נור דער פראפעסאר איז געווען אונרוהיג. ער איז ארומגעגאנגען אין צימער, האט געמאכט מיט דיא הענד און האט געברומט פאר זיך ווערטער, וועלכע קיינער האט ניט פערשטאנען.

קאפיטאן פארראגוט האט בעמערקט, אז זייט דער פראפעסאר האט געפונען דיא צייטונג, ווען זיי זיינען געלעגען אין זומפ לעבען סנאאי ריווער, איז ער אלץ פערטראכט און ברומט אלץ פאר זיך דיא ווערטער: א לאנד! א לאנד! ער האט שוין עטליכע מאל געפרעגט, וואס ער מיינט דער מיט, דער פראפעסאר אבער האט זיך אלץ אויסגעדרעהט און האט איהם קיין ריכטיגע אנטווארט ניט געגעבען.

דיעזען אבענד איז דער פראפעסאר געווען אזוי אויפגערעגט און אזוי אונ־רוהיג, אז קאפיטאן פארראגוט האט זיך ענטשלאסען, ווען זיי וועלען געהן זיך

לעגען שלאפֿען, זאל ער איהם נאכגעהן אויף זיין צימער און זאל איהם ניט אפ־לאזען, ביז ער וועט איהם ערקלערן, וואס עס איז מיט איהם.

ער האט אזוי געטהאן. קוים איז יעדער זיך צוגאנגען אין זיין צימער, האט ער אנגעקלאפּט ביי איהם.

— פּראפעסאר פאגאנעל, האט ער איהם געזאגט, ווען ער איז אריינגעקומען און געזעהן, וויא דער פּראפעסאר געהט ארום אין זיין צימער פערטראכט. — מיר זיינען דאך אלטע גוטע פריינד, זאגט מיר, וואס זייט איהר היינט אזוי אויפגערעגט?

דער פּראפעסאר איז געבליעבען שטעהן, האט איהם בעטראכט איינינע מי־נוט און האט געענטפערט גאנץ רוהיג:

— ווער האט עס אייך געזאגט, אז איך בין אויפגערעגט? איך בין גאנץ רוהיג.

— פריינד פאגאנעל! האט פאררגוט געזאגט מיט א ביטענדער שטימע, איך זעה, אז איהר האט עפּעס א געהיימניס; איך זעה, אז עפּעס ווארגט אייך, שטיקט אייך — זאגט מיר, וואס דאס איז. פערטרויט מיר אלס פריינד.

— וואס קען איך טהאן? — מיינע געדאנקען לאזען מיך ניט רוהען. מיינע געפיהלע זיינען שטארקער פון מיר.

— וואס פאר א געפיהלע?

— איך פרעה מיך און איך בין פערצווייפעלט.

— זיך פרעהן און זיין פערצווייפעלט אין איין צייט איז עטוואס זאנדערבאר.

— און דאך איז עס וואהר. איך פרעה מיך, וואס מיר פאהרען קיין ניי זעעלאנד. עס איז א נייעס לאנד, א מערקווירדיגעס לאנד, א וואונדער לאנד, וועל־כעס איך האב אויך שוין לאנג געוואלט בערייזען. איך בין אבער פערצווייפעלט, וואס —

קאפּיטאן פאררגוט האט געמיינט, אז ער איז פערצווייפעלט, וואס ער האט פערלארען יעדע האפנונג צו געפינען דעם קאפּיטאן גראנט.

— האט איהר שוין פערלארען יעדע האפנונג? האט ער איהם געפרעגט.

— פערליערען יעדע האפנונג? איך? — פאגאנעל! — ניין, פריינד! דאס טהוט פאגאנעל ניט!

— זא לאנג איך אטהעם, האף איך. דאס איז אן אלטעס לא־טיינישעס שפּריכווארט. דאס איז מיין מאטא, מיין לעבענס רעגעל. — איך לעב נאך, איך אטהעם נאך — און איך האף נאך Spiro, Spero!

2טעס קאפּיטעל.

אויף דער רייזע. דער פּראפעסאר דערצעהלט, וויא אזוי מען האט ענדעקט דיא אינזלען ניי זעעלאנד.

דעם אנדערן טאג גאנץ פריה זיינען אלע אונזערע רייזענדע געגאנגען צום פּארט, האבען גענומען א באאט און האבען צוגערודערט צו דער „מאקאריא“. מען האט זיי אראפגעווארפען א שטריק־לייטער און מען האט זיי געהייסען ארויפ־

געהן. — קיין גוט מאָרגען, קיינע בעגריסונג, קיין העפליכעס וואָרט האָט מען פון׳ם סקיפער, בילי האלוואוד, ניט געהערט. ער האָט זיך אַזוי ווייניג אומ־געקוקט אויף זיינע פּאסאזשירען, ווי ער האָט זיך ניט אומגעקוקט אויף די פעל, וועלכע ער האָט נעכטען אויפגעלאָדען אויף זיין שיף.

לאָרד גלענערוואן האָט גערעכענט, אַז ער וועט וועניגסטענס זיין אַזוי העפליך געגען די דאַמען, אַז ער וועט זיי אָנביעטען זיין קאיוטע. בילי האל־וואוד איז געווען אַזוי העפליך געגען די דאַמען, ווי געגען די מענער. — ער האָט זיי זאָגאר ניט אָנגעקוקט.

ווילסאָן האָט עורעכט געמאַכט אין אַ ווינקעל אויפ׳ן דעק אַן ארט גע־צעלט און ליידי העלענא האָט זיך בעמיהט דאָרט איינצואָרדנען.

פּונקט זעקס אוהר האָט בילי האלוואוד געהייסען ארויפציעהן דעם אַנ־קער און אויפלאָזען די זעגעל. אויף דער „מאקאריא״ זיינען געווען נור פינף מאַטראָזען. זיי האָבען געטהאָן זייער אַרבייט לאַנגזאם און נאכלעסיג. וויל־סאָן האָט געוואָלט זיי העלפען. ער האָט בעסער פון זיי פערשטאַנען די ארבייט פון אַ מאַטראָז.

— רוהיג בלייבען! האָט קאמאנדירט בילי האלוואוד. אין קיין פרעמ־דע געשעפטען זיך מישען!

ער האָט פיינט געהאַט, אַז מען זאָל איהם העלפען אָדער איהם ווייזען. ער פערשטעהט אַליין זיין ארבייט. ווילסאָן איז צוריקגעגאנגען צו די איבע־ריגע און האָט זיך געזעצט לעבען זיי.

קאַפּיטאַן פאררראגוט האָט אויך געזעהן, אַז די מאַטראָזען פון דער „מאקאריא״ פערשטעהן זעהר ווייניג, ווי אַזוי צו רעגיערען אַ שיף. ער האָט געשמייכעלט, ווען ער האָט געזעהן, ווי אַזוי זיי האָבען צולאָזט די זעגעל, אַזוי לאַנגזאם, שווער און אונגעשיקט האָבען זיי זיך געריהרט.

ענדליך איז זיי דאָך געלונגען אויפצוציעהען די זעגעל און ארויסצו־פיהרען די „מאקארריא״ פון פּאָרט. קאַפּיטאַן פארראגוט האָט ערשט איינ־געזעהן, ווי לאַנגזאם די „מאקאריא״ האָט זיך געשלעפּט. דער ווינד איז געווען אין דער זייט, וואוהין זיי האָבען געדאַרפט, אַלע זעגעל זיינע זיינען געווען אויסגעשפּאַנט און דאָך האָט זי זיך קוים געריהרט.

אָך! ווען מען זאָל איהם צולאָזען צום רודער! ווי אַנדערש וואָלט דאַן די „מאקאריא״ געטאַנצט! ער האָט אָבער מורא געהאַט אַרויסצורעדען אַ וואָרט. דער סקיפער האָט זיך געבייזערט און געשאָלטען, ווי דער טייפעל אַליין.

לאַנגזאם האָט זיך די „מאקאריא״ געגליטשט אויף די ניט גאַנץ רוהיגע וואסערן פון׳ם אינדישען וועלט־מעער. די גרינע ברעגעס פון אויסטראַליען האָבען אָנגעהויבען ביסלעך־ווייס צו פערשווינדען, מען האָט נאָך קוים געזעהן פון דער ווייטען די בערג בעדעקט מיט אַ בלויער גאַזע.

געגען אבענד האָט זיך דער הימעל בעדעקט מיט וואָלקענס און עס האָט אָנגעהויבען צו רעגענען. אונזערע פּאַסאזשירען האָבען געמוזט אַראָפּגעהן אין קיך, קיין אַנדערער ארט זיך צו שיצען פון׳ם רעגען איז ניט געווען. אין דעם

געצעלט, וואס ווילסאן האט געמאכט אויפ'ן דעק, איז געווען ווייניג פלאץ פאר זיי אלעמען. זיי האבען דארט געמוזט האלטען זייערע זאכען.

צום גליק, איז דאס עס־צימער לעבען דער קיך געווען גערוימיג גענוג און ריין גענוג פאר די "מאקאריאַ". א קליינעס, דונקעלעס לעמפעל איז געהאַנגען אויף א קייט און האט פערשפרייט אזוי פיעל ליכטיגקייט, אז זיי האבען ווייניגסטענס געקענט זעהן איינער דעם אנדערן.

אין דיזען עס־צימער זיינען זיי יעצט געזעסען אלע און האבען געשוויגען. יעדער איז געווען פערטיעפט אין זיינע געדאנקען, יעדער האט געפיהלט דעם אונטערשיעד צווישען "דונקאן" און דער "מאקאריאַ". בעזאנדערס טרויעריג איז געזעסען לארד גלענארוואן.

דער פראפעסאר איז זיך פערקראכען אין א ווינקעל און האט געברומט פאר זיך. דער מאיאָר איז געזעסען, וויא א פערשטיינערטער, האט זיך ניט געריהרט און האט קייןווארט ניט געזאגט.

קאפיטאן פארראגוט און דער קליינער ראבערט זיינען פון צייט צו צייט ארויפגעגאנגען אויפ'ן דעק זעהן, וויא אזוי דאס וועטער איז און אין איין וועג זיך צו קוקען צו זייערע זאַכען.

וואס האט געברומט דער פראפיסאר? פאר וואס איז ער געווען אזוי אויפ־גערעגט און אזוי צוטראגען? ער האט זיך דערמאָנט אן זייער גאנצער רייזע, פון טשילי, איבער די קארדאליערן, איבער די פאמפאס פון ארגענטיניען, איבער אלע אינזלען, ביז אויסטראליען. ער האט ווידערהאלט יעדעס ווארט פון די בריעף, וואס מען האט געפונען אין פלאַש.

— זאל עס ווירקליך זיין ניי זעעלאנד? האט ער געטראכט. זאל עס מעג־ליך זיין, אז קאפיטאן גראנט האט געליטען שיפברוך לעבען די אינזלען פון ניי זעעלאָנד? — פאר וואס ניט? אלעס איז מעגליך. ניי זעעלאנד ליעגט אויך אויפ'ן 37טען גראַד. — אבער אין די בריעף שטעהט דאך דאס ווארט "קאנטיניי"... עס מיינט געוויס, קאָנטינענט, א לאנד — ניי זעעלאנד זיינען דאך אבער נור אינזלען?

אזוי האט דער פראפעסאר געטראכט אין דערהויך און האט געברומט פאר זיך אין דער צייט, וואס אלע זיינען געזעסען טרויעריג און פערטראכט.

וואס ברומט איהר דארט, פראפעסאר? האט ענדליך קאפיטאן פארראגוט געפרעגט. — קומט בעסער און דערצעהלט אונז עפעס איבער ניי זעעלאנד אדער איבער די אנדערע אינזלען, וועלכע ליעגען צו־ווארפען אין מעער ארום. — אין דרויסען גיעסט עס עמערוויים, מיר האבען אלענפאַלס ניט, וואו צו שלאפען, דער־צעהלט עפעס.

— יא, דערצעהלט עפעס, האט ליידי העלענא געבעטען לאמיר אויך עפעס וויסען פון ניי זעעלאנד.

קוים האט ליידי העלענא זיך אויסגעדריקט, אז זיא וויל עפעס וויסען איבער ניי זעעלאנד, האט זיך דער פראפעסאר באלד אויפגעהויבען פון זיין ווינקעל, און

צוגעגאנגען צום גרויסען טיש, ארום וועלכען אלע זיינען געזעסען, האט זיך אניעדערגעזעצט און האט אנגעהויבען צו דערצעהלען.

— דעם 13טען דעצעמבער 1642 איז דער האלענדישער שיפס-קאפיטאן טאַסמאַן, וועלכער האט ענטדעקט דאס גרויסע אינזעל „טאַסמאַניא", צום ערשטען מאל צו געקומען מיט זיין שיף צו אונבעקאנטע גרויסע אינזלען, וועלכע הייסען היינט ניי זעעלאנד. ער איז ארומגעפאהרען דיא אינזלען עטליכע טאג, ביז ער האט ענטדעקט דעם קאנאל, וועלכער צוטהיילטביידע גרויסע אינזלען.

ער האט געשיקט עטליכע מאטראזען אויפ'ס לאנד. אין א פאר שטונדען ארום זיינען זיי צוריק געקומען מיט א גאנצע באַנדע ווילדע, וועלכע האבען בעווינט דיעזע אינזלען. דיא ווילדע זיינען געווען פון מיטעל וואוקס, שטארק געבויט, פון ברוינער אדער געלער פארב, מיט לאנגע שווארצע האר און אויפ'ן קאפ האבען זיי געטראָגען איינגעשטעקט א ווייסען פעדער. זיי האבען גערעדט און געשריען, אבער קיינער האט זיי ניט פערשטאנען.

טאסמאַן האט זיי געשענקט אייניגע קלייניגקייטען: גלעקלעך, קנעפלעך און אנדערע גלענצענדע זאכען. זיי האבען איהם געגעבען פיש און אייניגע פריכטע. — דיא ערשטע צוזאמענקונפט צווישען דיא ווילדע און דיא אייראפעער איז געווען א גאנץ פריינדליכע. דעם אנדערן טאג אבער, ווען דיא מאטראָזען האבען וויעדער געוואלט אויסשטייגען אויפ'ן לאנד, זיינען דיא ווילדע אויף זיי אנגעפאלען. זעקס מאטראָזען האבען זיי געטויטעט און פיער זיינען קוים צוגעשוואומען צום שיף. דיא געטייטעטע מאטראזען האבען דיא ווילדע אויפגעפרעסען פאר טאסמאַנ'ס אויגען.

טאסמאן האט אויסגעשאָסען א פאר מאל פון דיא קאנאָנען אויף זיין שיף, דיא ווילדע זיינען זיך צולאפען. ער האט שוין אבער מורא געהאט ארויסצוגעהן אויף דאס לאנד. ער איז נאך ארומגעפאהרען עטליכע טעג ארום דיא אינזלען און האט זיי א נאמען געגעבען שטאאטען לאנד, ווייל האללאנד האט דאמאָלס געהייסען דיא שטאאטען.

טאַסמאן האט ניט געוואוסט, אז דאס זיינען אינזלען. ער האט געמיינט, אז ער האט ענטדעקט א נייעם וועלט טהייל. מיט דיעזער מיינונג איז ער געקומען אהיים.

עס זיינען פערגאנגען הונדערט יאהר און קיינער איז ניט געפאהרען קיין ניי זעעלאנד. מען האט גאר אן זיי פערגעסען.

אין 1752 איז א פראנצויזישער קאפיטאן מיט'ן נאמען סורוויל געקומען צו דיעזע אינזלען. דיא ווילדע האבען איהם אויפגענומען זעהר פריינדליך, האבען איהם איינגעלאדען צו זיך אין זייער דאָרף און האבען איהם זעהר גוט בעווירטהעט. עס זיינען פערגאנגען עטליכע טעג. סורוויל איז געווען זיכער, אז ער האט צו טהאן מיט שטילע רוהיגע מענשען.

איין מאל האט דער הויפטלינג פון'ם דארף זיי וויעדער איינגעלאדען צו זיך. סורוויל האט ניט געקענט געהן און האט געשיקט זיין ערשטען אפיציער. מאַריאָן,

מיט עטליכע מאַטראָזען. זיי זיינען נים צוריק געקומען. סורוויל איז געוואָרען אונרוהיג און איז געגאַנגען מיט עטליכע בעוואָפענטע מאַטראָזען זעהן, וואו זיין ערשטער אָפיציער געפינט זיך.

ער האט געפונען דאס דאָרף לעדיג, קיין מענש איז ניט געווען אין דיא הייזער. ער האט אנגעהויבען צו זוכען אין הויז פון'ם הויפטלינג און האט געפונען דיא פערבלוטיגטע קליידער פון זיין ערשטען אָפיציער. מען האט ווייטער געזוכט און מען האט געפונען גענוג בעווייזע, אז דיא ווילדע האבען אויפגעגעסען דיא מאַטראָזען און דעם ערשטען אָפיציער.

סורוויל האט געהייסען פערברענען דאס דאָרף און שיעסען אין וואַלד אריין. אויב ער האט וועמען געטראָפען, קען מען ניט זאגען. גיכער, האט ער קיינעם ניט געטראָפען. ווען ער איז געווען בערייט אוועקצופאָהרען און זיין שיף האט שוין אנגעהויבען אוועק צו רודערן פון ברעג, האט זיך געוויעזען א באַנדע ווילדע אויף א בערגעל און זייער הויפטלינג האט געשריען אין דער הויך:

— קואַ — נואַ מאַטע מאריאַן! קואַ — נואַ האט אויפגעגעסען מאַריאַן.

קואַ — נואַ האט געהייסען דער הויפטלינג.

בעמערקענסווערטה איז דער אבערגלויבען פון דיא ווילדע פון יענער געגענד. זיי האבען געזעהן, אז דיא מאַטראָזען געהן אין איינפאַכע קליידער, דיא אָפיציערן אבער טראָגען שעהנערע קליידער און געוויסע צייכענס, עפּאָלעטען אויף דיא פלייצעס, און זיי האבען געזוכט אויפצופרעסען דיא אָפיציערן. זיי האָבען געגלויבט, אז ווען זיי עסען אויף אן אָפיציער, ווערן זיי אויך אן אָפיציער.

דיעזער אבערגלויבען האט געקאָסט דאס לעבען פיעלע אָפיציערן און עדעל לייטע, וועלכע האבען אין יענער צייט בעזוכט יענע געגענדען.

ווען דער פראַנצויזישער קאַפּיטאַן, דער בעריהמטער רייזענדער, דומאַן דאָרוויל, האט בעזוכט דיעזע אינזלען, איז אויף זיין שיף געווען א רייכער פראַנצויזישער גראַף. דומאַן דאָרוויל מיט זיינע אָפיציערן מיט'ן גראַף זיינען געגאַנגען מאכען א בעזוך א הויפטלינג פון דיא ווילדע. ער האט זיי אויפגענומען זעהר פריינדליך און האט אויסגעפרעגט, ווער און וואס יעדער איז. ווען ער איז געקומען צום גראַף, האט איהם רומאַן דאָרוויל ערקלערט, וויא ווייט ער האט געקענט, וואס עס הייסט א גראַף.

דעם ווילדען איז עס שטאַרק געפעלען און ער האט זעהר געוואלט ווערן א גראַף. אבער וויא אזוי ווערט מען א גראַף? — דאס איז אויך ניט אזוי שווער. מען דאַרף חאַפּען דעם גראַף איהם טויטען און איהם אויפעסען, ווערט מען א גראַף. — איך ווייס ניט, אויב אין אנדערע לענדער ווערט מען א גראַף אויך אויף דער זעלבער ארט אדער אויף אנאנדער אַרט, אין ניי זעעלאנד איז עס דאמאָלס געווען אין דער מאָדע.

דער ווילדער הויפטלינג האט אנגעהויבען צו זוכען אלע מעגליכע מיטעל צו פערנאַרען דעם גראַף ערגעץ אין א וואלד אדער אין א שטיבעל ווייט פון'ם

דארף. ער האט איהם געוואלט אוועקשענקען זיין פֿרוי און זיינע צוויי טעכטער, ער זאל נור געהן מיט איהם.

צום גליק [illegible]ערן גראף, איז מען שוין דאמאלס געווען בעסער בעקאנט מיטן כאראקטער פֿון דיא ווילדע.

דער גראף און דער שיפֿס-קאפּיטאן האבען זעהר גוט געזעהן, וויא דיא אויגען פֿון׳ם ווילדען גליהען, ווען ער דערזעהט דעם גראף און זיי האבען געוואוסט, וואס דאס בעדייטעט.

זיי זיינען געווען עטליכע מאל ביי איהם צו גאסט, אבער יעדעס מאל זיינען זיי געווען בעוואפֿענט פֿון קאפּ ביז אין דיא פֿיס און האבען איהם יעדעס מאל געוויזען, אז מיט זייערע ביקסען און פיסטאלעטען טאר מען ניט שפּאסען.

אזוי זיינען זיי אוועקגעפֿאהרען און דער הויפּטלינג פֿון דיא ווילדע איז טאקע ניט געווארען קיין גראף.

אין 1469 האט דער בעריהמטער רייזענדער, קאפּיטאן דשיימס קוק בעזוכט דיעזע אינזלען. ער האט געוואלט זיך בעפֿריינדען מיט דיא ווילדע און האט ארויסגעשיקט עטליכע גוט בעוואפֿענטע מאטראזען אויף דאס לאנד מיט א בע-פֿעהל צו חאפּען איינינע פֿון דיא ווילדע. עס איז זיי געלונגען צו חאפּען צוויי ווילדע, וועלכע זיי האבען באלד געבראכט אויפֿ׳ן שיף.

קוק האט זיי געהאלטען עטליכע טעג, האט זיי געגעבען עסען און טרינקען און האט זיי נאך געשענקט פֿיעלע אייראפּעאישע ארטיקעל. דאן האט ער זיי אפּגעלאזען אין דער האפֿנונג, אז זיי וועלען דערצעהלען זייערע לאנדס לייט, אז דיא ווייסע מענשען זיינען גוט און פֿרום.

ער האט זיך אבער אפּגענארט אין זיין האפֿנונג. דיא צוויי ווילדע, וועלכע זיינען געווען ביי איהם אויפֿ׳ן שיף, האבען דערצעהלט זייערע לאנדס לייט, אז אויפֿ׳ן שיף זיינען דא זעהר ווייניג מענשען און זעהר פֿיעל גוטע זאכען. מען דארף אלזא אנפֿאלען אויפֿ׳ן שיף און עס בערויבען. דעם קאפּיטאן מיט דיא מאטראזען דארף מען אויפֿעסען.

אין א פּאר טאג ארום זיינען זיך צונויפֿגעקומען עטליכע הונדערט ווילדע און זיינען אנגעפֿאלען אויף קאפּיטאן קוק׳ס שיף מיט אזא שטורם, אז קוק איז געווען געצוואונגען צו פֿייערן פֿון זיינע קאנאנען און מיט אלע זיינע ביקסען. ער האט געטייטעט זעהר פֿיעל פֿון דיא ווילדע, דיא איבעריגע זיינען זיך צולאפֿען.

קוק איז דאן אוועקגעפֿאהרען פֿון דיעזער געגענד און איז צוגעקומען צו אנאנדער ארט אויף דיעזעלבע אינזלען. ער איז שוין געווען פֿארזיכטיגער און האט קיינעם פֿון דיא ווילדע ניט צוגעלאזען צו זיין שיף. ער און איינינע געלערנטע זיינען ארויס אויף דיא אינזעל און האבען זיא בעזוכט. זיי האבען געזאמעלט נייע סארטען גראזען, נייע סארטען פֿריכטע און מינעראלען.

זיי האבען אויך בעזוכט א פֿעסטונג פֿון דיא ווילדע. — אויף א הויכען בארג איז א שטיק פּלאץ געווען ארומגעצאמט מיט שטארקע פּלעקער גאנץ געדיכט ארייגעשלאגען אין דער ערד איינער לעבען אנדערן.

דיא ווילדע האבען דאמאָלס נאך ניט געוואוסט פֿון קיין אייזען. העק און מעסער פלעגען זיי מאכען פֿון שאַרפֿע שטיינער. זייערע שפיזען זיינען געווען געמאכט פֿון דיא צייהנער פֿון׳ם האַי פֿיש און פון אנדערע פיש.

דריי מאל האט דער בעריהמטער רייזענדער, קאפיטאן קוק, בעזוכט דיא אינזלען פֿון ניי זעעלאנד. ער איז געווען דער ערשטער, וועלכער האט זיי בע-שריעבען, אז זיי בעשטעהן פֿון צוויי גרויסע און פֿיעלע קליינע אינזלען. ער איז געווען דער ערשטער, וועלכער האט געצייכענט דיא לאנד-קארטע פֿון ניי זעעלאנד. זיין לאנד-קארטע איז אויך דיא בעסטע און ריכטיגסטע.

אין 1800 איז צוגעקומען צו דיא אינזלען ניי זעעלאנד א קויפֿמאנשיף מיט׳ן נאמען „ארגא", דער שיפֿס-קאפיטאן באַדען איז בעקאנט געווארען מיט א הויפט-לינג, ראנ-גי-הו, וועלכער האט געהאט א נעפֿען מיט׳ן נאמען דואַ-טאַראַ. דיעזער יונגער מאן איז געווען זעהר וויסענס בעגעריג. ער האט געזעהן, אז דיא ווייסע מענשען זיינען פֿיעל געשיקטער און פֿעהיגער פֿון זיינע לאנדס לייט און האט געוואלט זיך אויסלערנען זייערע קענטניסע.

ער האט געבעטען דעם שיפֿס-קאפיטאן באַדען, ער זאל איהם מיטנעהמען אין דיא לענדער פֿון דיא ווייסע מענשען. פֿאר זיינע רייזע קאסטען האט ער איהם אנגעבראַכט אזוי פֿיעל פֿריכטע און פראוויאנט, אז עס איז גענוג געווען פֿאר אלע מענשען אויפֿ׳ן שיף פֿון ניי זעעלאנד ביז ענגלאַנד.

זא לאנג דיא שיף איז געשטאנען ניט ווייט פֿון ניי זעעלאנד, האט דער קאפיטאן בעהאנדעלט זיין ווילדען פֿאַסאַזשיר זעהר גוט. קוים אבער איז מען גע-קומען אין דער מיט מעער, האט ער איהם אנגעהויבען צו בעהאנדלען אלס שקלאַף. ער האט איהם געהייסען טהאן דיא שווערסטע ארבייטען, האט איהם געשלאגען פֿאר יעדע קלייניגקייט און וואלט איהם געוויס געווען דערהרגעט, ווען דער גייסטליכער פֿון׳ם שיף זאל זיך ניט געווען אננעהמען פֿאר׳ן אונגליקליכען ווילדען.

ווען מען איז געקומען קיין לאנדאן, איז דער אונגליקליכער דואַ — טאַראַ געווען האלב טויט פֿון הונגער און שלעג, וועלכע ער האט בעקומען אויפֿ׳ן וועג. דער גייסטליכער האט געזעהן, אז מען זאל איהם אויפֿנעהמען אין א האספיטאל און מען זאל איהם אויסהיילען. ער האט איהם פֿאָרגעשטעלט דעם ענגלישען קעניג מיט׳ן הויף. — דואַ-טאראַ האט פֿערבראכט דריי יאהר אין לאנדאן. ער האט זיך אויסגעלערנט ענגליש און איינִיגע אייראפעאישע קענטניסע.

ענדליך, האט ער אנגעהויבען צו בעטען, מען זאל איהם שיקען אהיים. דער קעניג און דער הויף האבען איהם געשענקט פֿיעלע פרעזענטען און האבען געהייסען איהם מיטגעבען אייראפעאישע פראדוקטען, ווייץ, קארן, גערשטען און אנדערע פֿריכטע, ער זאל זיי פֿארזעען אין דערהיים. — אויפֿ׳ן וועג האט דער שיפֿס-קאַפיטאן ביי איהם אלעס צוגענומען און האט איהם פֿערקויפֿט פֿאר א קנעכט.

פֿיערצעהן יאהר, פֿון 1800 ביז 1814 האט זיך דער אונגליקליכער דואַ-טאַראַ

ארומגעוואַלגערט אויף אלע מעערע, ביז ער האט ענדליך איינגעבעטען א שיפס־קאפיטאן, ער זאל איהם ברענגען אהיים.

וואס פאר א בעגריף ער האט געהאט פון דיא ווייסע מענשען, פון זייער ציוויליזאציאן און פון זייער מענשענפריינדליכקייט, קען מען זיך שוין לייכט פאַרשטעלען. מען וואלט געקענט אנשרייבען א גאנצעס בוך איבער דיא רייזען און ליידען פון'ם אונגליקליכען דואַ־טאַראַ. ער האט אבער זעהר פיעל געלערנט אויף זיינע רייזען און, ווען ער איז געקומען אהיים, האט ער געוואלט איינארדענען זיין לאנד אויף אייראפעאישער אַרט. — ליידער, איז ער באלד געשטארבען. דאס איינציגע, וואס ער האט אויסגעלערנט זיינע לאנדס לייט, איז געווען דער געברויך פון פייער וואפען.

זייט ער איז געקומען אהיים און האט זיי ערקלערט, וויא אזוי צו געברויכען א ביקס, פלעגען דיא ווילדע בעטען פון יעדער שיף, וועלכעס פלעגט צו קומען צו זיי, מען זאל זיי געבען אדער פערקויפען ביקסען, פולווער און קוגעלן.

פון 1814 האט דיא ענגלישע רעגיערונג זיך אנגעהויבען צו צוקוקען צו דיא אינזלען ניי זעעלאנד. דיא ערשטע זאַך, וואס זיא האט געטהאן, איז געווען, וואס זיא האט אנגעהויבען צו שיקען אהין מיסיאָנערן.

דער ערשטער מיסיאָנער איז געווען דער גייסטליכער מארסדאן, דערזעלבער, וועלכער האט מיטלייד געהאט מיט דעם אונגליקליכען דואַ־טאַראַ. ער האט אפגעקויפט פון דיא ווילדע א גרויס שטיק לאנד פאר צוועלף העק. דיא ווילדע האבען איהם נאך געהאָלפען בויען א הויז אלץ פאר דעמזעלבען פרייז.

פון דאמאלס אן זיינען צוגעקומען נאך מיסיאנערן און האבען זיך בעזעצט אין אנדערע געגענדען פון דיא אינזלען. אזוי וויא דאס לאנד איז זעהר גוט און זעהר פרוכטבאַר, האבען דיא מיסיאָנערן באלד צוגעצויגען עמיגראנטען און עס האט זיך אנגעהויבען דיא ערשטע קאלאָניעס פון אייראפעער אין ניי זעעלאנד.

דיא ערשטע קאלאניסטען האבען אבער זעהר פיעל געליטען פון דיא ווילדע פעלקער, וועלכע האבען בעוואינט יענע געגענדען. דיא ווילדע פלעגען בעשטענדיג פיהרען קריעג צווישען זיך און פלעגען אפט ארייגשלעפען דיא אייראפעער אין זייערע קריעג.

מען מוז זאגען דיא וואהרהייט, דיא ערשטע קאלאניסטען זיינען ניט געווען גאנץ גוט און פרום. זיי האבען אפט בעליידיגט דיא ווילדע און צוגענומען זייער לאנד אדער דיא פריכטע פון זייערע פעלדער.

דיא ווילדע פון ניי זעעלאנד זיינען ניט גלייך צו דיא ווילדע פון אויסטראַליען. זיי זיינען קלוג, קריעגעריש, טאפּפער, מוטהיג און האבען זיך פערטהיידיגט ביז צום אייסערסטען. זיי האבען ניט געוואלט דערלאָזען, אז פרעמדע זאלען צונעהמען זייער לאנד. זיי האבען געקעמפפט פאר זייער פאטער לאנד. צווישען זיי און דיא אייראפעער זיינען פארגעקומען שרעקליכע, בלוטיגע קריעג. ענדליך, אין 1842 האט עס ענגלאנד אין גאנצען אפגענומען און האט איבערגעלאזען דעם לעצטען פירסט פון דיא ווילדע א קליין שטיקעל לאנד, וואו ער מיינט, אז ער

איז א קעניג, אין דער וואהרהייט אבער האט ער קיין מאכט ניט צו טהאן דיא קלענסטע זאך ביי זיך אין דערהיים.

8טעס קאפיטעל.

דיא רייזע. דעם פּראפעסאָרס וויטערע ערצעהלונגען.

דיא ערצעהלונגען פון׳ם פראפעסאר איבער ניי זעעלאנד האבען אלעמען פעראינטערעסירט. עס איז געוואָרען שפעט. דער רעגען האט נאך אלץ ניט אויפ־געהערט. יעדער איז אנטשלאפען געוואָרען, וואו ער איז געזעסען.

דעם אנדערן טאג האט דער רעגען אויפגעהערט און אונזערע רייזענדע האבען וועניגסטענס געקענט זיצען אויפ׳ן דעק פון׳ם שיף. דעם שיפס-קאפיטאַן האט מען זעלטען געזעהן. ער האט פיינט געהאט זיך צו בעשעפטיגען מיט זיין שיף. זיינע מאטראזען האבען געטהאן, וואס זיי האבען געוואלט, דאס הייסט, זיי האבען גאר ניט געטהאן. זיי האבען געלאזען געהן דיא „מאקאריאַ״, וואוהין זיא האט אליין געוואלט.

קאפיטאן פאַרראגוט האט זיך געריסען ביי דיא האָר, ווען ער האט געזעהן, וויא נאכלעסיג און וויא שלעכט דיא „מאקאריא״ פיהרט זיך. ער האט געזאגט שטילערהייט צו ווילסאן און מילרעד, זיי זאלען זיך צוקוקען גאנץ גוט, וויא דיא שיף געהט. קוים וועט ער אויסגעפינען, אז עס איז דא א געפאַהר, וועט ער אליין נעהמען פיהרען דיא שיף.

אזוי זיינען פערגאנגען דריי טאג און דיא „מאקאריא״ האט נאך ניט גע־מאכט א דריטעל וועג. פאַרראגוט האט אויפגעזוכט דעם שיפס-קאפיטאן און האט איהם געזאגט, אז ווען מען זאל ריכטיג רעגירן דיא „מאקאַריאַ״, וואלט זיא גע־פאהרען פיעל שנעלער.

בילי האלוואוד האט איהם אזוי אפגעזידעלט און אזוי אנגעשאָלטען, אז דער גוטער מאַן האט שוין מורא געהאט ארויסצורעדען א וואָרט. עס האט איהם אבער טיעף געקרענקט. ער האט איבערגערעדט מיט׳ן פראפעסאר און מיט׳ן מאיאָר און האט זיך מיט זיי בעראַטהען, וואס ער זאל טהאן.

— איך מיין, אז מיר דארפען איהם ניט הערן, האט דער מאיאר געזאגט. קוים פערשטעהט איהר, אז בילי האלוואוד קען דיא „מאקאַריאַ״ ניט רעגיערן, דארפט איהר איהם ניט הערן, נעהמען דעם רודער אין דיא הענד און פיהרען דאס שיף, וויא איהר פערשטעהט. — מיר שיינט, אז ער איז שטענדיג שיכור. ווען מיר וועלען קומען קיין אקלענד, מעג ער טהאן מיט זיין שיף, וואס ער וויל, זא לאנג אבער מיר זיינען אויפ׳ן וועג, דארפען מיר זארגען פאר זיך.

— איך וועל עס מוזען טהאן, האט פאַרראגוט געזאגט. דאס שלעכטע איז אבער, וואס מיר איז דאס מעער אין דיזע געגענדען וועניג בעקאנט. איך בין דאָ קיין מאל ניט געוועזן. איך קען נור דעם הויפט וועג פון מעלבורן קיין כינא. דאס מעער ארום ניי זעעלאנד אבער איז מיר ניט בעקאנט.

— האט ער רען ניט קיין מעער קארטע? האט דער פראפעסאר געפרעגט. דאס מוז דאך זיין אויף יעדען שיף.

— בילי האלוואוד ווייס ניט פון קיין מעער קארטע, האט פארראגוט געענטפערט. מעגליך, אז ווען ער זאל זאגאר האבען אזא קארטע, וואלט ער ניט געקענט זיא לעזען. — ער דארף אויך קיין קארטע ניט. ער איז דא אין דערהיים און קען דאס מעער. מיר אבער וועט עס זיין זעהר שווער צו פיהרען דיא „מאקאריא" אין דיזע געגענדען.

— וויא עס ווייזט אויס, מיינט בילי האלוואוד, אז זיין שיף קען שוין אליין דעם וועג. דערפאר זארגט ער זיך פאר איהר ניט, האט דער פראפעסאר געלאכט.

— איהר שפאסט, פראפעסאר, ביי מיר אבער איז עס קיין שפאס. וואס וועלען מיר טהאן, ווען דיא „מאקאריא" וועט ערגעץ פערקריעכען צווישען שטיינער, ווען בילי וועט זיין שכור? — איך ווייס זעהר גוט, אז דאס מעער לעבען ניי זעעלאנד איז זעהר אונרוהיג. עס געפינען זיך דא זעהר פיעל שטיינער אונטערן וואסער. אין ערטער זיינען דא זאנד־בענק, — ערטער, וואו דאס מעער איז ניט טיעף און דאס שיף קען זיך פערגראבען אין זאמד.

— אלזא, וואס וועלען מיר טהאן אין אזא פאל? האט דער מאיאר געפרעגט.

— מיר וועלען מוזען נעהמען דיא באאטע פון דער „מאקאריא" און אויף זיי זיך צושלאגען ערגעץ צו א ברעג.

— ווייסט איהר אבער, אז אין ניי זעעלאנד זיינען נאך דא פיעל ווילדע און מיר קענען ארייַנפאלען זעהר אין שלעכטע הענד? האט דער פראפעסאר געפרעגט.

— איך ווייס עס, האט פארראגוט געזאגט טרויעריג.

— מיינט איהר דיא פעלקער, וועלכע הייסען מאארי? האט דער מאיאר געפרעגט.

— איך מיין דיא מאארי, האט דער פראפעסאר געענטפערט. איך ווייס, אז זיי האבען נאך יעצט שטארק ליעב מענשענפלייש און ווען עס טרעפט זיי א גליק צו חאפען עטליכע ווייסע שטילערהייט, אז דיא ענגלישע רעגיערונג זאל דערפון ניט געוואהר ווערן, שעהמען זיי זיך ניט און פרעסען זיי אויף.

— עס קען זיך נאך פערגלוסטען איינעם פון דיא מאארי צו ווערן א פראפעסאר פון געאגראפיע, האט דער מאיאר געלאכט.

— אן ענגלישער מאיאר איז א גרעסערע עהרע, האט דער פראפעסאר געענטפערט.

— וויא באלד אזוי, האבען מיר גאר ניט וואס צו טראכטען פון'ם קאפיטאן גראנט, האט פארראגוט געזאגט טרויעריג.

— מיר קענען געפינען א שפור פון דער „בריטאניא" ביי דיא ברעגעס פון ניי זעעלאנד, האט דער פראפעסאר ערקלערט. דיא ברעגעס זיינען מייסטענס בעזעצט מיט אייראפעאישע קאלאניסטען. דיא מאארי געפינען זיך טיעף אין לאנד. איך בין געפאהרען מיט פערגניגען איבער דיא פאמפאס פון זיד אמעריקא און איבער דיא וועלדער פון אויסטראליען. איך וועל מיך אבער ניט איינשטעלען צו

פאהרען אין דיא וועלדער פון ניי זעעלאנד אהן א בעגלייטונג פון סאלדאטען.

ער האט אנגעהויבען צו דערצעהלען, וויא פיעל שיפען האבען שוין געלי-טען, ווען זיי זיינען צוגעקומען קיין ניי זעעלאנד.

ערשט ניט לאנג, אין 1815, איז אן ענגלישע שיף מיט'ן נאמען „בראדהערס" פערשלאגען געווארען קיין ניי זעעלאנד. דער שיפס-קאפיטאן טאמפסאן האט גע-דארפט עפעס רעפארירען אין זיין שיף. ער איז ארויס אויפ'ן ברעג און האט אנ-געהויבען אויסצוהאקען ביימער. דיא ווילדע זיינען געוואהר געווארען, זיינען צו-געקומען און האבען זיך געוויעזען זעהר פריינדליך. זיי האבען זאגאר געהאלפען שלעפען דיא קלעצער צום ברעג און האבען זיי געבראכט פיש און פריכטע. דיא מאטראזען זיינען שוין געווען אזוי זיכער און אזוי פערגלויבט אין דיא ווילדע, אז זיי האבען ניט מיטגענומען וויערע וואפען.

איין טאג, ווען פיערצעהן מאטראזען האבען געארבייט אונטער דער אויפ-זיכט פון אן אפיציער, זיינען אויף זיי אנגעפאלען עטליכע הונדערט ווילדע, הא-בען זיי געטויטעט און האבען זיי אוועקגעשלעפט צו זיך אין דארף אריין, ריכטי-גער געזאגט, צו זיך אין דער פעסטונג, פאה, אויף זייער שפראכע.

דער קאפיטאן פון'ם שיף האט דערהערט דיא געשרייען פון זיינע אונגליק-ליכע מאטראזען און איז געלאפען מיט זיינע איבעריגע מענשען זיי העלפען. עס איז אבער שוין געווען צו שפעט. איידער זיי האבען זיך גערירט, זיינען דיא ווילדע שוין געווען ביי זיך אין פאה.

דער קאפיטאן האט בעלאגערט דעם דארף א גאנצען טאג. זיינע ביקסען האבען גאר ניט געהאלפען. זיי האבען ניט געקענט דורכדרינגען דיא גראבע קלעצער פון'ם פאה. ער האט זיך ענטשלאסען צו ברענגען א קאנאנע פון'ם שיף איידער מען האט זיא געבראכט, איז געווארען נאכט. ביי נאכט האט ער גאר ניט געקענט טהאן מיט דער קאנאנע. גאנץ פריה האט ער געפונען דיא שטארקע טויערן פון'ם פאה אפען. אין פאה איז ניט געווען קיין לעבעדיגער מענש. — דיא ווילדע זיינען אנטלאפען דורך א געהיימען גאנג.

ווען זיי זיינען אריינגעקומען אין פאה, האט זיך זיי פארגעשטעלט א שרע-קענס סצענע, וועלכע איז אונמעגליך צו בעשרייבען מיט ווערטער.

דאס זיינען דיא ווערטער, וועלכע דער שיפס-קאפיטאן האט אליין אנגעג-שריעבען אין זיין טאגע בוך:

איך האב ניט קיין ווערטער צו בעשרייבען דיא סצענע, וועלכע אונזערע אויגען האבען געזעהן אין פאה. קעפ, הענד, פיס, געדערים און לונגען פון מענשען, פון אונזערע קאמעראדען, זיינען געלעגען צו-ווארפען אויפ'ן זאמד. הינד זיינען געשטאנען און האבען זיי גאנץ רוהיג געפרעסען. אין איין שטוב האבען מיר גע-פונען דיא לאפעטע פון א מענשליכען קערפער אנגעשטעקט אויף א הילצערנעם שפיז. אין אנאנדער שטוב האבען מיר געפונען לעהמענע טעפ, אין וועלכע דיא ווילדע האבען געקאכט דאס פלייש פון אונזערע קאמעראדען."

אין 1829 האט דאס זעלבע פאסירט מיט דעם ענגלישען שיף האוועס. וועלבעס

איז געפאהרען פון אויסטראַליען און האט געליטען פון א שרעקליכען שטורם, וועלכער האט צובראכען איהר גרויסען זעגעלבוים. דער שיפס-קאפיטאן איז ארויס-געפאהרען אויפ'ן ברעג אויסהאַקען א בוים פאר'ן זעגעל. דער הויפטלינג ענאַראַאַ פון'ם דארף וואַיקאַטאָ איז אויף איהם אנגעפאַלען, האט געטייטעט עטליכע מאַט-ראָזען און האט זיי אויפגעפרעסען פאר די אויגען פון די איבעריגע, וועלכע האבען געמוזט אנטלויפען מיט'ן שיף.

דער פראפעסאר האט נאך דערצעהלט פיעלע טרויעריגע געשיכטען פון מאָרד און מענשענפרעסעריי, וואס די ווילדע פון ניי זעעלאנד האבען בעגאנגען. מיר ווילען ניט אויפרעגען אונזערע לעזער מיט דיעזע בלוטיגע געשיכטען. עס איז גענוג, וואס מיר האבען שוין אנגעשריעבען.

פאררהאגוט און דער מאַיאָר האבען זיך פערטראַכט. עס איז ריכטיג, אז די ענגלישע רעגיערונג וואַכט יעצט און דערלאזט ניט מעהר די ווילדע אנפאַלען אויף שיפען. דאס איז אבער אלץ אין די געגענדען, וואו עס זיינען שוין דא גוט איינגעארדענטע קאלאָניען. אין דער מיט פון די אינזלען, בעזאָנדערס אבער אין דער זיד זייט (דרום זייט) זיינען נאך דא ערטער, וואו קיין אייראפעאישער פוס איז נאך ניט געטרעטען, וואו די ווילדע הערשען נאך, וויא זיי ווילען. וואס טהוט מען, ווען עס הויבט זיך אויף א שטורם ווינד און פערשלאגט די „מאַקאַריאַ" אין אזא געגענד?

4טעס קאפיטעל.

די „מאקאריאַ" נעהמט אונטער.

לאנגזאם, זעהר לאנגזאַם האט זיך די „מאקאריאַ" געקייקעלט אויף די אונרוהיגע וואַסערן פון וועלט מעער. שוין זעקס טאג זיינען פערגאנגען, זייט זיי זיינען ארויסגעפאהרען פון עדען און נאך האט מען קיין לאַנד ניט געזעהען.

עס איז נאך געווען א גליק, וואס דער שיפס-קאפיטאַן בילי האלוואוד האט זיך ניט געקימערט, וויא די „מאקאריאַ" געהט. איהרע זעגעל-ביימער זיינען גע-ווען אזוי אַלט און אזוי פערפוילט, אז ווען מען זאל געווען אויפציעהען אלע זע-געל און עס זאל געווען אנקומען א שטארקער ווינד, וואלט ער געווים געווען צובראכען די זעגעלבוימער און צוריסען די זעגעל. מעגליך, ער וואלט זאגאַר איבערגעקעהרט די גאנצע „מאקאַריאַ".

דאס וועטער איז געווען מייסטענס זעהר שלעכט. דער רעגען האט גאר ניט געוואלט אויפהערען. ליידי העלענא, מערי און ראבערט גראנט, דער פראפע-סאר און לארד גלענארוואן האבען געמוזט זיצען אונטען אין קיך, וואו עס איז ניט געווען גאנץ ריין און ניט גאנץ אנגענעהם. לארד גלענארוואן האט געליטען מעהר פון אלעמען. ער האט ניט געקענט לאנג בלייבען אונטען. ער איז יעדע מינוט געלאָפען אויפ'ן דעק זעהן, פיעללייכט זעהט מען שוין לאנד.

פאררהאגוט פלעגט שטענדיג איהם נאכגעהן. צום אונגליק האבען זיי פער-לאָזען זייערע פעלד גלעטשער (אַזאַ סאָרט ספּעקטער) ווען זיי זיינען אריבערגע.

פֿאַהרען דעם סנאָאי ריווער. עס איז די צהאַר געבליעבען נאָך דעם פּראָפֿעסאָר'ס טעלעסקאָפּ. ער האָט איהם בעשטענדיג געטראָגען אויף די פּלייצעס און האָט איהם ניט פֿערלאָרען. אויפֿשטעלען א טעלעסקאָפּ אבער און איהם איינאָרדענען, צופּאַסען צו די אויגען, איז א גאַנצע ארביים.

אויפֿ'ן זיעבענטען טאָג נאָך זייער ארויספֿאהרען פֿון עדען איז לאָרד גלענאַרוואַן מיט'ן קאַפּיטאַן פֿאַררעגוט ווידער געשטאַנען אויפֿ'ן דעק און האָבען געקוקט אויפֿ'ן וואסער.

— איך קען עס גאר ניט פֿערשטעהן, פֿאַרוואָס מיר זעהן נאָך קיין לאַנד ניט, האָט פֿאַררעגוט געזאָגט. מיר שיינט, אז איך האָב נאָך נעכטען ביי נאַכט געזעהן דאָס ליכט פֿון'ם לייכט טהורעם פֿון אַקלענד.

— איך זוך ניט דאָס לאַנד, האָט לאָרד גלענאַרוואַן געענטפֿערט טרויעריג. וואס איז מיר דער אונטערשיעד אויב איך וועל קומען מיט א טאָג פֿריהער אדער מיט א טאָג שפּעטער קיין אַקלענד? — איך זוך עטוואס אנדערש. — איך זוך דעם „דונקאַן". עפּעס זאָגט מיר דאָס הערץ, אז ער איז דא ערגעץ אין דיעזע געגענדען. איך בין ניט אבערגלויביש, איך פֿיהל אבער, אז מיין שיף איז ערגעץ ניט ווייט.

— איך וואָלט יעצט אויף קיין פֿאַל ניט געוואָלט בעגעגענען דעם „דונקאַן", האָט פֿאַררעגוט געזאָגט.

— פֿאַרוואס איז?

— איהר פֿרעגט נאָך! וואס קענען מיר עטליכע טהאָן געגען אזא באַנדע, וויא אייערטאַנ'ס? אונזער „מאַקאַריא" איז אזוי שוואַך און אזוי אומגעלומפּערט, אז מיר וואָלטען זאָגאַר ניט געקענט אַנטלויפֿען פֿון זיי.

— אַנטלויפֿען? האָט אויסגערופֿען לאָרד גלענאַרוואַן. איך וואָלט ניט אַנטלאָפֿען.

— וואס דען וואָלט איהר געטהאָן? זיך שטעלען שלאָגען מיט זיי? — איך מיין, אז אונזער בילי האַלוואָוד וואָלט אונז פֿערקויפֿט פֿאַר עטליכע פֿונט שטער־לינג. אייערטאַן וואָלט געווים געגעבען פֿאַר אונז עטליכע פֿונט. עס זאָל זיך ניט געפֿינען קיינער, ווער עס זאָל זוכען דעם „דונקאַן".

— איהר האָט רעכט, פֿאַררעגוט. מאַנכע מאָל ווער איך אזוי פֿערצווייפֿעלט, אז איך וואָלט שוין געוואָלט זיין אין דערהיים, אין מיין שלאָס מאַלקאָלם און שווערן, איך זאָל אין ערגעץ ניט פֿאַהרען. איינינגע מאָל ווערט מיר דאָס לעבען איבערדריסיג. נאָך דעם, וואס מיר האָבען איבערגעליטען אין אויסטראַליען, דאַרפֿען מיר טרעפֿען אויף אזא שיף, אויף וועלכע מיר זיינען קיין מינוט ניט זי־כער, אז זיא זאָל ניט צושלאָגען ווערן אָן א שטיין אדער זאָל פֿערזינקען ערגעץ אויף א זאַנד באַנק.

— זייט רוהיג, לאָרד גלענאַרוואַן, האָט פֿאַררעגוט געזאָגט מיט א פֿעסטער שטימע. בילי האַלוואָוד איז שטענדיג שיכור, זיינע מאַטראָזען זיינען ניט פֿעהיג. איך האָלט אבער מיינע אויגען אָפֿען. קוים וועל איך זעהן, אז די „מאַקאַריא" נעדאַרף ניט, וואו עס דאַרף צו זיין, וועל איך זיא אומדרעהען צוריק אין מעער. איך

גיב גוט אכטונג. געגען א געפאהר אויפ'ן מעער קען איך זיא שוין אפהיטען, געגען „דונקאן“ אבער בין איך, ליידער, ניט אים שטאנד זיא צו פערטהיידיגען.

זיי האבען נאך גערעדט איינעגע צייט און האבען געמוזט ארונטערגעהן. עס האט ווידער אנגעהויבען צו רעגענען. נאך פאראגוטס רעכנונג האבען זיי שוין געדארפט זיין גאר ניט ווייט פון אקלענד.

דער טאג איז פערגאנגען, עס איז געווארען נאכט. א שטארקער ווינד האט זיך אויפגעהויבען, דאס מעער איז געווארען אונרוהיג. דער הימעל האט זיך פערדעקט און האט זיך אנגעטהאן אין א דונקעל גרויען מאנטעל, גלייך וויא ער האט אויך געוואלט זיך שיצען פאר דאס שלעכטע וועטער.

וויא נאכלעסיג און בעטרונקען בילי האלוואוד איז געוועזן, איז ער דאך געוועזן א שיפס־קאפיטאן און האט פערשטאנען, אז דיא נאכט וועט זיין זעהר אונרוהיג. ער איז ארויסגעקראכען פון זיין קאיוטע, האט זיך אויסגעווישט דיא אויגען, האט אנגעהויבען צו שאקלען מיט זיין רויטען קאפ און האט אנגעהויבען צו שילטען און צו זידלען זיינע מאטראזען. ווען ער האט אויסגעשאטען דעם גאנצען פאראטה (זאפאס) פון זידלערייען און שימפפערייען, האט ער אנגעהויבען צו בעטראכטען דיא זעגעל און דיא זעגעלבוימער. — ווען דיא אינספעקציאן האט זיך געענדיגט, האט ער אנגעהויבען אויסצוטהיילען זיינע בעפעהלע. דערביי האט ער נאך אויסגעזוכט זעלטענע קללות און נייע שימפווערטער, וועלכע ער האט געוואוסט איינצופלעכטען אין זיינע בעפעהלע אזוי געשיקט, אז אויסער זיינע מאטראזען האט קיינער ניט געקענט וויסען, וועלכעס ווארט איז א בעפעהל און וועלכעס ווארט איז א קללה.

קאפיטאן פאראגוט האט זיך גוט צוגעקוקט און צוגעהערט צו אלעמען, וואס בילי האלוואוד האט געטהאן און האט געפונען, אז ער פערשטעהט דאך זיין פאך. זיינע בעפעהלע זיינען געוועזן גאנץ פראקטיש און האבען געצייגט, אז ער איז ווירקליך א גוטער מאטראז און ווייס, וויא צו רעגיערן א שיף.

דער ווינד איז געווארען אלע מאל שטארקער, דאס מעער אונרוהיגער. דיא „מאקאריא“ האט אנגעהויבען צו טאנצען אויף דיא גרייצטע וועללען (כוואליעס). בילי האלוואוד האט גענומען דעם רודער אין דער האנד. ליידער, איז דיא „מא־קאריא“ געוועזן אזא שווערעס, אלטעס און אומגעלומפערטעס שיף, אז זיא האט ניט געוואלט אדער ניט געקענט פאלגען דעם רודער.

— איז דא עפעס א געפאהר? האט פלוצלונג לארד גלענארוואן געפרעגט.

ער איז ניט געוועזן קיין געלערנטער מאטראז, ער האט אבער אזוי פיעל ארומגערייזט אויפ'ן מעער, אז ער האט שוין פיעלעס פערשטאנען, וויא אזוי מען דארף רעגיערן מיט א שיף אין דער צייט פון א שטורם.

— וואלט עס געוועזן אנאנדער שיף, האט פאראגוט געענטפערט, וואלט איך געזאגט גאנץ בעשטימט, אז עס איז קיין געפאהר. אויף דער „מאקאריא“ וויים איך ניט וואס צו זאגען. אזא סארט שיף האב איך קיין מאל ניט קא־מאנדירט.

אימער אונרוהיגער איז געווארען דאס מעער. בערג מיט וואסער האבען זיך געקייקעלט אויפ'ן דעק פון דער „מאקאריא“ און האבען אפגעוואשען און אפגעשווייגקט אלעס, וואס זיי האבען געטראפען. דאס איז נאך אלץ קיין געפאהר ניט געווען. עס וואלט געקענט ווערן געפעהרליך, ווען בילי האלוואוד און זיינע מאטראזען וואלטען פארגעסען צו פערמאכען א טהיר אין רוים פון דער „מאקאריא“, דאן וואלט געווען א געפאהר, אז דאס וואסער זאל ניט איינדרינגען אין שיף און מאכען זיא נאך שווערער. — בילי האלוואוד איז אבער געווען א גוטער מאטראז און האט פערמאכט אלע טהירען און אלע עפענונגען.

פון דעמסטוועגען איז פאררא גוט און ווילסאן ניט אפגעטרעטען פון'ם דעק. זיי האבען זיך צוגעהערט צו יעדען גערויש און האבען זיך צוגעקוקט צו יעדע בעוועגונג פון דער „מאקאריא“.

אום האלב נאך עלף האט פאררא גוט געהערט א זאנדערבארעס רוישען און קאכען. זיין שארפעס אויער האט באלד דערהערט, אז דאס איז קיין געוועהנליכעס רוישען פון דיא וועלען.

— מיר זיינען ניט וויים פון א ריף, האט ער געזאגט צו ווילסאן.

(אין דעם טהייל „אויסטראליען“ האבען מיר שוין בעשריעבען, וואס א ריף איז).

— יא, האט ווילסאן געענטפערט, דיא וועלען שלאגען זיך אן אן א הארטע זאך. עס איז גאר ניט וויים.

— מיר זיינען ניט מעהר, וויא א פאר מייל וויים פון לאנד, האט ווילסאן געזאגט.

פאררא גוט איז יעצט צוגעגאנגען צו דער פארענטשע פון'ם שיף, האט זיך אריבערגעבויגען און האט געזאגט.

— ווילסאן, גיב מיר דאס בליי!

איך מוז דא ערקלערן מיינע לעזער, וואס דאס בליי איז און צו וואס ער ווערט בענוצט.

עס איז א גאנץ געוועהנליך שטיקעל בליי צוגעבונדען צו א לאנגע און שטארקע שנור. דיא שנור איז אויסגעמאסטען און אויף יעדע פינף פוס איז געמאכט א קנופ. ווען דיא שנור האט 20 קניפ, הייסט עס, אז זיא האלט הונדערט פוס דיא לענג.

ווען מען וויל וויסען, וויא טיעף דאס מעער איז אין אן ארט, ווארפט מען אריין דיא שנור מיט'ן בליי אין וואסער און מען זעהט, וויא פיעל קניפ עס געפינען זיך אונטערן וואסער. זאגאר ביי נאכט, אין דער גרעסטער פינסטערניס, קען מען וויסען, וויא טיעף דאס מעער איז. דער מאטראז, וועלכער ווארפט אריין דאס בליי, דארף נור צעהלען, וויא פיעל קניפ ער האט אפגעוויקעלט.

קאפיטאן פאררא גוט האט זיך געהייסען געבען דאס בליי אום צו וויסען, וויא טיעף דאס מעער איז דארט, וואו דיא „מאקאריא“ געפינט זיך יעצט.

ווילסאן האט לאנגזאם אראפגעלאזען דיא שנור. ביים צווייטען קנופ איז דאס בליי געבליעבען שטעהן.

— צעהן פוס דיא טיעף, האט ווילסאן געזאגט.

פאררײַגוט איז צוגעלאפען צו בילי האלוואוד און האט אויסגערופען:

— קאפיטאן! דאס שיף איז נאהענט לעבען דיא ריפפען!

בילי האלוואוד האט ניט געענטפערט. פאררײַגוט האט איינגעזעהן, אז ער מוז אליין עפעס טהאן. ער איז צוגעלאפען צום רודער און האט אנגעהויבען אויסצודרעהן דאס שיף צוריק צום מעער. ווילסאן האט אוועקגעשטויסען דעם מאטראז, וועלכער האט געוואלט צוניפציעהען דיא זעגעל און האט צולאזט דיא זעגעל אין דער זייט, וואו דער ווינד האט געבלאזען, אז דאס שיף זאל אוועקגעהן פון׳ם לאנד.

בילי האלוואוד איז געווען איבערראשט און האט גאר ניט געוואוסט וואס צו טהאן. ער האט ערשט יעצט איינגעזעהן, אז אין דער פינסטער האט ער געמאכט עפעס א פעהלער. ער האט פערלאָרען דעם וועג אדער דער שטארקער ווינד האט צוגעטריעבען דיא „מאקאַריאַ" צום לאנד. נאך זיין רעכנונג האבען זיי געדארפט זיין דרייסיג—פיערציג מייל ווייט פון אקלענד, אין דער וואהרהייט אבער זיינען זיי געווען פיער—פינף מייל ווייט פון ניי זעעלאנד, אבער גאנץ ווייט פון אקלענד.

דא האט זיך ארויסגעוויעזען דער גרויסער אונטערשיעד צווישען א געלערנטען מענשען, וועלכער ווייס, וואס ער טהוט און פערשטעהט, וואס ער טהוט און פון א מענשען, וועלכער האט ניט געלערנט און טהוט דיא זאַך, נור וויל ער איז געוואינט עס צו טהאן אויף א געוויסער אַרט. בילי האלוואוד האט געוואוסט דעם וועג קיין אקלענד. קוים אבער האט איהם דער ווינד אראפגעטריעבען פון׳ם וועג, האט ער זיך שוין קיין עצה ניט געקענט געבען. ער איז געווען פערצווייפעלט און האט געוואלט לאזען דאס שיף געהן, וואוהין דער ווינד וועט זיא טרייבען.

קאפיטאן פאררײַגוט דאגעגען האט זעהר גוט פערשטאנען, אז ווען מען לאזט דיא „מאקאריא" געהן איהר וועג, וועט זיא זיך צושלאגען אן דיא ריפפען. ער האט זיך דאהער בעמיהט זיא צו טרייבען צוריק אין מעער, וואו דאס וואסער איז טיעף. ווען עס וועט איהם געלינגען זיא צו ברענגען צוריק אין טיעפען וואַסער און זיך צו האלטען דאָרט ביז טאג, זיינען זיי גערעטעט. ביי טאג וועט בילי האלוואוד פיעללייכט געפינען דעם וועג; ביי טאג וועט פאררײַגוט אליין זעהן, וויא צו פיהרען דאס שיף. ביי טאג ענדליך קענען זיי בעגעגענען א שיף, וועלכעס וועט זיי ארויספיהרען אויפ׳ן ריכטיגען וועג.

עס איז איהם געלונגען אוועקצוקעהרען דיא „מאקאַריאַ" פון דיא ריפפ׳ס, וועלכע זיינען געווען פון פארנט. פאררײַגוט האט געזעהן א בארג מיט שוים פאר זיך. ער האט געמיינט, ער האט שוין גערעטעט דיא „מאַקאַריא", באלד אבער האט ער דערהערט א שרעקליכעס רוישען און זיעדען הינטער דער שיף. — ער

האט נאך ניט געוואוסט, אז די „מאקאריא" איז פערקראכען אין א לאגונע — א גרויס שטיק מעער, ארום און ארום זיינען ריפּפּ'ס. — ער האט פראבירט אויסדרעהן דאס שיף אין אנאנדער זייט — דערזועלבער רעש און דערזועלבער בארג מיט שוים! — ער האט פראבירט זיא קירעווען אין א דריטער זייט — ווידער דאס זעלבע!

יעצט איז געקומען די שרעקליכסטע מינוט. פֿארראגוט האט אנגעהויבען צו פערשטעהן זיין לאגע.

ער האט באלד געהייסען ווילסאן און מילרעד צו דרעהן דעם רודער אין אנאנדער זייט. ער אליין האט זיך גענומען אויפציעהען די זעגעל אין דער האפנונג, אז דער שטארקער ווינד וועט אריבערטראָגען די „מאקאַריאַ" איבער די ריפּפען. עס האט געווירקט. דער ווינד האט ווירקליך אויפגעהויבען דאס שיף און האט זיא א שליידער געטהאן אויף א ריף, זיא איז אבער דאָרט געבליעבען, וויא צוגעשמידט. דער פֿארנט פֿון דער „מאקאַריאַ" איז געשטאנען אויפ'ן ריף. דער הינטער טהייל איז געבליעבען אין די רוישענדע וועלען.

די „מאַקאַריא" האט זיך געגעבען אזא שטאַרקען זעץ אן דעם ריף, אז די גלעזער פֿון די לאַמפּען זיינען צובראכען געווארען און אלע פּאַסאַזשירען זיינען אומגעפֿאַלען. ווען דער ערשטער שרעק איז פֿאראיבער, זיינען אלע ארויסגעלאפֿען אויפ'ן דעק זעהן, וואס איז געשעהן. פֿארראגוט האט זיי בערוהיגט, אז עס איז גאר נישט. זיי מעגען צוריקגעהן. ער האט געוואוסט, אז די „מאקאריא" זיצט פֿעסט און וועט זיך שוין ניט ריהרען פֿון איהר ארט.

— זאגט מיר די וואהרהייט, פֿארראגוט, האט לארד גלענארוואן געבעטען. אין וואס פֿאר א לאגע געפֿינען מיר זיך?

— דערווייל שטעהט די „מאקאריא" אויף איין ארט, האט פֿארראגוט געענטפֿערט. וואס שפעטער וועט זיין, ווייס איך נים. מעגליך, אז דאס מעער וועט אונז פֿערשלינגען. מיר האבען נאך אבער צייט דאריבער נאכצודענקען.

— עס איז יעצט נאך צוועלף, האט לארד גלענארוואן ווייטער געזאגט, וועלען מיר אויסהאלטען ביז טאג?

— איך ווייס ניט, איך האף אבער, אז דאס שיף וועט אויסהאלטען.

— וואלט ניט גלייך געווען, מיר זאלען אראפלאזען די באָטע?

— יעצט איז עס אונמעגליך. דאס מעער רוישט און קאכט. דרויסען איז שטארק פֿינסטער. וואס וועט אונז העלפֿען, ווען מיר זאלען אראפלאזען די באָטע? — מיר קענען יעצט גאר ניט מאכען. מיר מוזען וואַרטען, ביז עס וועט ווערן טאג.

אונטערדעסען איז בילי האלוואוד ארומגעלאפֿען אויפ'ן דעק, וויא א וואַהנ־ויניגער. זיינע מאטראזען אבער האבען גאנץ רוהיג ארויסגעקייקעלט א פֿעסעלע ברענדי און האבען אנגעהויבען צו טרינקען. זיי האבען גוט פֿערשטאנען, אז ביז טאג האבען זיי גאר ניט וואס צו טהאן. אלזא, דארף מען טרינקען.

קאפּיטאן פֿארראגוט אבער איז עס גאר **ניט געפֿעלען. ער האט מורא**

געהאט, זיי זאלען זיך שטארק אנשכורן און זאלען אנהויבען זיך צו שלאגען אדער צו בעאונרוהיגען דיא דאַמען. ער האט זיך געווענדעט צום שיפּס־קאַפּיטאַן און האט איהם געבעטען, ער זאל ניט דערלאזען זיינע מאַטראזען אזוי פּיעל טרינקען. בילי האלוואוד אבער האט איהם ניט געהערט. ער איז געווען אויסער זיך, איז ארומגעלאפּען וויא א וואהנזיניגער, און האט געשריען:

— איך בין פערלארען! איך בין רואינירט! דיא „מאַקאַריא" איז אונטער־געגאנגען! מיין גאנצע שיפּס־לאַדונג איז פערלארען!

פאַרראַגוט האט געזעהן, אז ער וועט מיט איהם גאר ניט מאַכען. ער האט געהייסען זיינע קאַמעראַדען, זיי זאלען אנלאדען זייער געוועהר און זאלען זיין פאַרבערייטעט אויף יעדען פאַל.

— איך וועל דערשיעסען יעדען, ווער עס וועט וואַגען צו צוגעהן צו דיא דאַמען, האט דער מאַיאָר געזאגט. מיט דיעזע הינט דאַרף מען קיין מיטלייד ניט האבען.

וויא עס ווייזט אויס, האבען דיא מאַטראזען פערשטאנען, אז זיי האבען פאר זיך ענטשלאָסענע מענשען, וועלכע וועלען זיי ניט דערלאָזען מאַכען א גע־שלעג. זיי האבען צוואר פראבירט נעהמען איינינע זאכען, וועלכע האבען געהערט צו דיא פּאַסאַזשירען; ווען זיי האבען אבער געזעהן, וויא דער מאַיאָר האט זיך געציעלט מיט זיין ביקס, זיינען זיי אנטלאפען אין זייערע קאַיוטען און האבען זיך מעהר ניט געוויעזען.

יעצט איז פאַרראַגוט געווען דער איינציגער בעל הבית אויפ'ן שיף. ער האט אויסגעשטעלט וואַכען און איז אליין ארומגעגאנגען און האט בעטראַכט דאס מעער פון אלע זייטען.

ער האט געהייסען דיא דאַמען זיך לעגען שלאפען, ווייל מאָרגען וועלען זיי געוויס האבען א שווערע ארבייט. לארד גלענארוואן האט געהאלטען דיא וואַך פארן געצעלט, וואו דיא דאַמען זיינען געשלאפען.

דאס שיף האט זיך ניט גערירט. דער ווינד האט נאכגעלאזען, נור דאס מעער האט גערוישט און געשוימט. אזוי זיינען פערגאנגען עטליכע שווערע, לאנגע און באַנגע שטונדען.

ענדליך, אום פיער אוהר האט זיך געוויעזען דער ערשטער שיין פון'ם יונ־גען טאג. דער הימעל איז נאך געווען בעדעקט מיט וואלקען און אין דער לופט האט געשוועבט א דיקער נעבעל. — מען האט נאך גאר ניט געקענט זעהן. לאנג־זאם, זעהר לאנגזאם איז דאס מאל טאג געווארען. — באלד אבער האט פאַרראַגוט אנגעהויבען צו זעהן און צו דערקענען, וואו זיי זיינען. פון דיא בלויע וואַסערן האבען זיך אויפגעהויבען הויכע, שווארצע, שפּיציגע ריפען. עס איז געווארען העלער און מען האט דערזעהן ערגעץ ווייט, זיעבען—אַכט מייל ווייט, ניעדריגע בערגלעך. — דאס איז ניי זעעלאַנד.

קיינער פון אונזערע רייזענדע, אויסער דיא דאַמען, איז א גאנצע נאכט ניט

געשלאָפען. יעדער איז געשטאַנען אויפ'ן דעק און האט געזוכט מיט דיא אויגען דאס לאנד.

— וואו איז בילי האלוואוד? האט לארד גלענארוואן געפרעגט. ער ווייס נעווים, וואס פאר א געגענד מיר זעהן דארט. ער איז דאך גוט בעקאנט מיט דיעזער געגענד.

אלע האבען זיך אומגעקוקט.—בילי האלוואוד איז ניט געווען אויפ'ן דעק.

— וואו זיינען דיא מאטראָזען? האט לארד גלענארוואן ווייטער געפרעגט.

קיינער פון דיא מאַטראָזען איז ניט געווען אויפ'ן דעק.

— זיי ליעגען אלע שכור, האט געזאגט דער מאיאר.

— מען מוז זיי אויפוועקען, האט לארד גלענארוואן געזאגט. מיר מוזען זעהן צו פאהרען צום לאנד און מיר דארפען זיי ניט איבערלאָזען דאָ אַליין.

ווילסאן איז אראָפגעגאנגען אין דיא קאיוטען אויפוועקען דעם שיפס-קאפי־טאַן מיט זיינע מאטראזען. — אין דיא קאַיוטען איז קיינער ניט געווען. ער איז געגאַנגען אין קיך — דיא קיך איז לעדיג. ער איז אַראָפגעגאַנגען אונטען אין רוים, וואו דער פראָוויאַנט איז געלעגען. — ניטא קיינער. ער איז ארויפגעגאַנגען און האט עס געמעלדעט זיינע קאַמעראַדען.

— וואס זאל דאס הייסען? האט לאָרד גלענארוואן אויסגערופען פערוואונ־דערט.

— זאלען זיי האבען אריינגעשפרונגען אין וואַסער? האט דער פראפעסאָר געפרעגט.

— אלעס איז מעגליך, האט פאַרראגוט געזאָגט ערנסט.

ער איז געוואָרען זעהר אונרוהיג, ווען ער איז געוואָהר געוואָרען, אז ניט דער שיפס-קאפיטאן, ניט דיא מאַטראָזען זיינען ניטאָ אויפ'ן שיף.

— איך וועל אויף זיי ניט וואַרטען, האט ער געזאָגט. קומט, ווילסאָן און מילרעד, לאָמיר אַראָפלאָזען דיא באָטע.

זיי זיינען צוגעגאַנגען צו דעם אָרט, וואו דיא באָטע פלעגען הענגען, און האָבען געפונען דאָס אָרט לעדיג. — דיא באָטע זיינען פערשוואונדען.

פטעם קאפיטעל.

וואס טהוט מען?

עס איז געווען דייטליך, אז בילי האלוואוד מיט זיינע מאטראָזען האבען אראָפגעלאָזען דיא באָטע און זיינען אנטלאָפען אויף זיי. דורך דיא פינסטערקייט פון דער נאַכט און דורך דאס רוישען פון'ם מעער האבען אונזערע רייזענדע ניט גע־הערט און ניט געזעהן, ווען און וויא אזוי זיי האבען עס געטהאָן.

— דער שורקע! האט אויסגערופען דער מאיאָר. — א שיפס-קאפיטאן דארף זיין דער לעצטער צו פערלאזען זיין שיף, ווען זיא איז אין געפאהר און ער איז געווען דער ערשטער.

— דעסטאָ בעסער! האט פאַרראגוט געזאגט. — זיי וואלטען אונז קיין נוצען ניט געבראַכט און וואלטען אונז נור געשאַדעט.

— אלענפאלס דארפען מיר זיי ניט, האט לארד גלענארוואן זיך אפגערופען· מיר האבען אונזער אייגענעם קאפיטאן און אונזערע אייגענע מאטראזען. זאגט, וואס מיר זאלען טהאן, פארראגוט! מיר וועלען אייך אלע פאלגען.

לארד גלענארוואן, דער פראפעסאר, דער מאיאר און דיא צוויי מאטראזען האבען זיך ארומגעשטעלט ארום קאפיטאן פארראגוט און האבען געווארט, ער זאל זיי זאגען, וואס זיי זאלען טהאן. קאפיטאן פארראגוט איז ארומגעגאנגען אויפ'ן שיף פון איין עק ביז צום אנדערן, האט בעטראכט דאס מעער ארום, האט גענומען ביים פראפעסאר זיין טעלעסקאפ און האט זיך צוגעקוקט צום לאנד און האט ענדליך געזאגט:

— עס זיינען דא צוויי וועגען, וויא אזוי אונז צו רעטען. דער ערשטער וועג איז, מיר זאלען ארויסווארפען פון דער „מאקאריא" אלע שווערע זאכען: דיא פעל, דעם פראוויאנט, אלערליי אייזענס און אנדערע שווערע זאכען. זיא וועט דאן ווערן פיעל לייכטער, וועט שווימען העכער און, ווען דאס מעער וועט צוקומען אין דער צייט פון דער פלוט, וועט זיא אריבערשווימען דיא ריפען. יעצט איז דיא עבביע. דאס מעער איז אפגעפאלען, דערפאר שטעקען דיא ריפען ארויס פון'ם וואסער און דיא „מאקאריא" קען זיך ניט ריהרען. ווען עס זאל אונז גע-ראטהען אויסצולעדינגען דיא „מאקאריא", איידער דיא פלוט וועט אנקומען, זיינען מיר גערעטעט.

דער אנדערער וועג איז, מיר זאלען צוברעכען דעם דעק פון דער „מאקא-ריא", מאכען פון דיא ברעטער און קלעצער א פלאט (פלאס) און אויף איהם צו שווימען צום ברעג. דאס לאנד איז ניט ווייט, אין א קורצע צייט וועלען מיר צו שווימען צום לאנד.

— אויב עס איז נור דא א מעגליכקייט אויפצוהויבען דיא „מאקאריא", האט לארד גלענארוואן געזאגט, איז געוויס גלייכער מיר זאלען זיא אויפהויבען און אויף איהר צופאהרען צום ברעג.

— געוויס איז אזוי גלייכער, האט זיך אפגערופען דער פראפעסאר. מיר וועלען וועניגסטענס צוקומען צום ברעג אויף א שיף און וועלען קענען ווייטער פאהרען, ווען מיר וועלען ניט טרעפען קיין מענשען אויפ'ן ברעג. — איך וואלט זעהר ניט געוואלט ארויסגעהן אין אן אונבעוואוינטער געגענד אין ניי זעעלאנד. איך האב ניט פיעל צוטרויען צו ניי זעעלאנד.

— דער פראפעסאר האט פאלקאמען רעכט, האט פארראגוט ווייטער גע-זאגט. — מיר ווייזט אויס, אז בילי האלוואוד איז אראפגעקראכען פון וועג און איז פערפאהרען זעהר ווייט פון אקלענד. עס איז זעהר מעגליך, אז מיר געפינען זיך יעצט אין דער ווילדעסטער געגענד פון ניי זעעלאנד אין מיר וועלען מוזען פאהרען עטליכע טעג צוריק, ביז מיר וועלען צוקומען צו א געגענד, וואו עס וואינען ציוויליזירטע מענשען.

— פיעללייכט איז אבער דיא „מאקאריא" בעשעדיגט? האט לידי העלענא

נעפֿרענט. זיא האט זיך זעהר שטארק אנגעשטויסען אן דיא שטיינער און האט געקענט בעקומען א לאָך. ווען מיר וועלען זיא אויפֿהויבען, וועט דאס וואסער אריין אין איהר.

— דאס איז אלעס מעגליך, איך קען עס אבער ניט וויסען. מיר וועלען שפּעטער זעהן, וואס מיר זאלען ווייטער טהאן. אין פֿאַל, אז דיא מאקאריא איז בעשעדיגט און מיר וועלען ניט קענען זיא רעפּארירען, וועלען מיר מוזען מאכען א פּלאַן.

— אלזא, מיין איך, אז מיר זאלען צוערשט זעהן, אויב דיא „מאַקאַריאַ“ איז ניט בעשעדיגט, האט דער מאיאר געזאגט. דאן וועלען מיר וויסען, וואס מיר האבען צו טהאן.

אלע זיינען אראפּגעגאנגען אונטען אין רוים פֿון׳ם שיף, וואו עס זיינען געלעגען דיא באַלען פֿעל. מען האט געמוזט ארויסוואַרפֿען עטליכע באַלען, איידער מען האט געקענט צוקומען צום באדען זעהן, אויב עס איז ניטא קיין וואסער אינעווייניג. אום ארויסצו־וואַרפֿען דיא פֿעל האט מען געמוזט צובינדען א לאנגע שטריק אויף א רעדעל צו איינעם פון דיא זעגעלבוימער. איין עק פֿון׳ם שטריק האט מען אראפּגעלאזען אין רוים און צו איהם צוגעבונדען דעם באַלען.

מען האט געארבייט זעהר שווער צוויי שטונדען נאך אנאנדער, בּיז מען איז געווען אים שטאַנד צו וויסען, אויב דיא „מאקאַריא“ איז ניט בעשעדיגט. מען האט אויסגעפונען, אז אין איינינע ערטער האבען זיך דיא ברעטער צורוקט. אין שיף איז געווען צוויי פֿוס דיא טיעף וואַסער. דיא פּאָמפּעס פֿון דעם שיף אבער זיינען נאך געווען גאנץ גוט און עס איז געווען גאנץ לייכט אויסצופּומפּען דאס וואַסער. דאס איז אבער אויך קיין לייכטע ארבייט. מען מוז דערבּיי ארבייטען שווער איינינע שטונדען. דערפֿאר אבער וועט דיא „מאקאַריאַ“ ווערן נאך לייכטער.

ווען פֿארראגוט האט אלעס בעטראכט און אלעס בעקלערט, האט ער גע־הייסען דעם מאטראָז ווילסאן, ער זאל זיך אראפּלאזען אין מעער זעהן, אין וואס דיא „מאקאריא“ איז געבליעבען שטעקען: אויף שטיינער אדער אויף א זאנד באנק. דאס איז געווען זעהר א וויכטיגע פֿראַגע. עס קומט אמאָל פֿאָר, אז א שיף קריעכט אריין צווישען צוויי שטיינער און בלייבט דארט שטעקען אזוי פֿעסט, אז מען קען זיא שוין ניט ארויסשלעפּען, מען מוז זיא דאן דארט איבערלאזען.

ווילסאן האט אויסגעפֿונען, אז דאָס שיף שטעקט אין א זאנד באנק. דיא שאַרפֿע זייט פֿון פֿארנט האט זיך זעהר טיעף פֿערגראָבען אין זאַמד. דער איבער־ריגער טהייל פֿון איהר, איז געשוואומען אין וואַסער. דאס מעער איז דאָרט נור פֿינף פֿוס טיעף. דער רודער איז גאנץ און מען קען איהם געברויכען.

— וויא ווייט איך פֿערשטעה, האט פֿארראגוט געזאגט, איז עס מעגליך אויפֿצוהויבען דיא „מאקאַריאַ“ און צו צו־שווימען אויף איהר צו א לאנד. מיר מוזען אבער אלע ארבייטען פֿלייסיג איינינע שטונדען אום עס צו דערגרייכען. מיר האבען אזוי פֿיעל ארבייט און אזוי וועניג הענד, אז מיר וועלען היינט ניט

פערטיג ווערען. דיא פלוט *) דיא צייט, ווען דאס מעער קומט צו — ועט איינ־טרעטען אום איינס אוהר, ביז דאמאלס וועלען מיר געוויס ניט פֿערטיג ווערן; איך האף אבער, אז ווען דיא פֿלוט וועט אנקומען צום צווייטען מאל, וועלען מיר זיין אים שטאַנד אויפֿצוהויבען דיא „מאקאַריאַ“. — לאמיר עפעס פֿריהשטיקען און דאַן — אלע צור ארבייט.

אלבערט האט שנעל געמאכט א לייכטען פֿריהשטיק און מען האט שנעל אפגעגעסען.

— יעצט צו דער ארבייט! האט קאפיטאן פארראגוט קאמאנדירט. איך וועל יעצט זיין זעהר שטרענג און פֿאדערן, אז יעדער זאל טהאן, וואס ער קען.

דאס ערשטע האט ער געהייסען אויסשפרייטען דיא זעגעל. דער פראפֿעסאר, דער מאיאָר און ראבערט גראַנט האבען זיך גענומען צו דיעזער ארבייט. מילרעד האט זיי געוויעזען, וויא אזוי זיי זאלען עס טהאן. דיא נייע מאטראזען זיינען נאך געווען זעהר אונגעשיקט. זיי האבען אבער דאך געטהאן זייער ארבייט. ראבערט גראַנט האט זיך זאגאר אויסגעצייכענט. ער האט געקלעטערט אויף דיא זעגעל־בוימער, וויא א קאַץ.

דיא צווייטע און וויכטיגסטע ארבייט איז געווען אריינצו־וואַרפֿען אן אַנקער ערגעץ ווייטער פֿון׳ם שיף. ווען דיא פֿלוט וועט אנקומען, וועט מען מיט הילף פֿון שטריק קענען שלעפען דאס שיף צו דעם ארט, וואו דער אַנקער ליעגט פֿער־גראָבען אין דער ערד. ווען מען האט א באָאָט, לאזט מען אריין דעם אנקער אין באָאָט און מען פֿיהרט איהם צו צו דעם ארט, וואו מען דארף איהם אריינלאזען אין וואסער. אהן א באָאָט אבער איז עס זעהר שווער.

לארד גלענאַרוואן איז צוואר ניט געווען קיין מאטראָז, ער האט אבער אזוי פֿיעל פֿערשטאַנען, אז אהן אן אנקער ווייט פֿון׳ם שיף איז אונמעגליך ארויסצו־שלעפען א שיף, ווען זיא זעצט זיך אויף א זאנד באנק. ער האט געפֿרעגט קאַ־פיטאַן פֿארראגוט, וואס ער דענקט צו טהאן אין אזא פֿאל.

— מיר מוזען עפעס מאכען, אז מיר זאלען קענען צופֿיהרען דעם אנקער וואוהין מיר דארפֿען. מיר האבען אויפֿ׳ן שיף לעדיגע פֿעסער. מיר וועלען אראָפּ־לאָזען אין וואסער עטליכע לעדיגע פֿעסער. אויף זיי וועלען מיר לעגען א בריק פֿון ברעטער, וועלכע מיר וועלען אויסברעכען פֿון דער „מאקאַריאַ“. אויף דיעזער ארט וועלען מיר האבען א סארט באָאָט, אויף וועלכען מיר וועלען קענען צופֿיה־רען דעם אנקער, וואוהין מיר דארפֿען.

— אלזא, שנעל! לאמיר טהאן אלעס, וואס מיר קענען נור טהאן אום זיך אויסצוהעלפֿען פֿון דיעזער לאגע.

יעדער פֿון אונז ווייס, אז א לעדיג פֿאַס שווימט זעהר גוט אויפֿ׳ן וואסער

*) אין אלע גרויסע מעערן און אצעאַנען זעהן מיר אלע זעקס שטונדען פּאַלּעונגע מעערקווירדיגע ערשיינונג. דאס מעער הויבט אָן צו צו־קומען צום ברעג, פערגיעסט א גרויסען טהייל פון׳ם ברעג און דאַן הויבט עס אָן אפצופאַלען. דאס צוקומען געדויערט זעקס שטונדען און הייסט דיא „פלוט“. דאס אפפאלען געדויערט אויך זעקס שטונדען און הייסט דיא „עבבע“.

און קען נים אזוי לייכט אונטערגעהן; יעדער פון אונז האט געוויס אמאל פראָ־בירט אראפקוועטשען אין וואַסער א לעדיגעס גלאז אדער א לעדיגע פלאַש און האט זיך איבערצייגט, אז ווען די פלאש איז גוט פערקאָרקט, קען זיא אויף קיין פאל נים אונטערגעהן. די לופט אין דער פלאַש דערלאזט זיא נים אונ־טערגעהן.

קאפיטאן פאררענגוט האט געהייסען פערשפונדעווען אלע לעדיגע פעסער און פעסלעך, וועלכע האבען זיך געפונען אויפ'ן שיף, און זיי אראפלאזען אין וואַסער. אום זיי זאלען נים אוועקשווימען, האט מען זיי דערווייל צוגעבונדען מיט שטריק. ווען דיעזע ארביים איז געווען פערטיג, האט מען אנגעהויבען אראפצו־לאָזען אויף די פעסער — ברעטער, קלעצער, שטיקער האלץ און אלעס, וואס מען האט נור געקענט געפינען אויפ'ן שיף. ווילסאן און דער מאיאָר זיינען גע־ווארען צימערלייטע (קארפענטערס, סטאָליערס) זיי האבען צוגעשלאָגען די ברע־טער צו די פעסער. צום גליק, איז אויף דער „מאקאַריאַ" געווען גענוג נעגעל. באלד איז אויף די פעסער געווארען אן ארט ביהנע אדער סטענד, אויף וועלכען מען האט געקענט אראפלאָזען דעם אנקער און עטליכע מענשען האבען געקענט שטעהן גאנץ בעקוועם.

אזוי וויא די זון האט געשיינט, האט פאררענגוט געפונען פאר נעטהיג אויסצורעכענען, וואו זיי געפינען זיך און וויא וויים זיי זיינען פון דער שטאדט אקלענד. ווען מען האט די נעטהיגע אינסטרומענטען, איז עס זעהר לייכט. ווען די זון שיינט און מען האט אלע אינסטרומענטען, קען מען אין יעדען ארט, אין דער מיט מעער, אין דער מיט פעלד — קורץ, וואו מען איז — אויסרעכענען פינקטליך, וויא וויים מען איז פון דיעזער און דיעזער שטאדט, לאמיר זאגען: לאנדאן, פאריז, ניו יאָרק, אדער אין דער לאגע, וואס אונזערע רייזענדע האבען זיך געפונען — מעלבורן און אקלענד.

בילי האלוואוד האט אבער דיעזע רעכנונגען נים געקענט אדער נים גע־דארפט. ער איז געווען א בעל עגלה, וועלכער האט גוט געקענט זיין וועג פון עדען קיין אקלענד. ער האט נים געדארפט קיין אינסטרומענטען, קיין לאַנד־קארטען און קיין מעער קארטען. — אלזא, וואס טהוט מען אהן אינסטרומענטען?

דא האט דער פראפעסאר אויסגעהאָלפען. ער האט אנגעהויבען צו זוכען אין זיינע טיעפע קעשענעס און האט ווירקליך געפונען איינעגע אַסטראנאָמישע אינסטרומענטען פון דער פיינסטער פאַריזער ארביים. אנאנדערער וואלט נאך מיט דיעזע אינסטרומענטען אויך נים געקענט אויסרעכענען, וואו זיי זיינען, נור א גרויסער געלערנטער, א פראפעסאר פון געאָגראַפיע, וויא פאגאנעל, איז געווען אים שטאנד אויסצורעכענען, אז זיי געפינען זיך פופצעהן געאָגראפישע מיילען וויים פון אקלענד.

— פופצעהן מייל! האט לארד געלנארוואן אויסגערופען, דאס איז נים וויים! דאס איז גאנץ נאהענט!

— עס וואלט געווען נאהענט, ווען מיר זאלען פאהרען אויף א שיף

חעלכעס מען קען רעגיערען און פאהרען מיט איהר גלייך, האט דער פראפעסאר געזאגט. אויפ'ס לאנד, ווען מען דארף געהן דורך דיא געדיכטע וועלדער פון ניי זעעלאנד, דארף עס פערנעהמען הונדערט מייל אדער מעהר. — מען קען דאך ניט וויסען, וואס פאר א הינדערניסע מען קען טרעפען אויפ'ן וועג.

— אלזא, בלייבט אונז טאקע נור אויפצוהויבען דיא „מאקאריא“ און אויף איהר פאהרען קיין אקלענד, האט לארד גלענארוואן געזאגט טרויעריג.

ער איז געוועזן זעהר טרויעריג, ווען ער האט געזעהן, אז ארויסצושלעפען דיא „מאקאריא“ איז זעהר א שווערע זאך. מען דארף האבען מעהר הענד און איינינע מאשינען.

אלע האבען זיך ווידער גענומען צו דער ארבייט און האבען געארבייט פלייסיג ביז זעקס אוהר פאר נאכט. יעצט האבען זיי זיך אפגערוהט און געווארט אויף דער פלוט פון איינס אוהר ביי נאכט.

אלע זיינען געוועזן מיעד און הונגעריג. אלבינעט האט געמאכט א גוטען מיטאג און אלע האבען געגעסען מיט'ן גרעסטען אפעטיט.

נאכ'ן עסען האט קאפיטאן פארראגוט נאך אמאל איבערגעזעהן אלע פארבערייטונגען. ער האט יעצט געהייסען נעהמען אלע שווערע זאכען פון דער פארדער זייט פון דער „מאקאריא“ און טראגען זיי אויף דיא הינטערע זייט. אזוי וויא דיא פארדערע זייט איז געבליעבען שטעקען אין זאמד, האט ער זעהר ריכטיג אויסגערעכענט, אז ווען מען וועט אנלעגען א שווערע משא אויף דער הינטערער זייט, וועט דאס אראפוועגען און וועט אויפהויבען דיא פארדערע זייט.

דאס איז געוועזן א נייע אידעע פון קאפיטאן פארראגוט און ער האט זיא באלד געהייסען אויספיהרען. אלע האבען ווידער געארבייט זעהר שווער ביז צוועלף אוהר ביי נאכט.

יעצט זיינען אבער אלע געוועזן אזוי מיעד, אז מען האט שוין פון קיינעם ניט געקענט פארדערן נאך אן ארבייט. וויא קלוג און איבערלעגט קאפיטאן פארראגוט איז געוועזן, האט ער דאך פערגעסען צו בערעכענען, אז א מענש מוז זיך אויסרוהען, אז ער קען ניט ארבייטען, וויא א מאשין אהן אן אויפהער. — יעצט, ווען דיא פלוט איז אנגעקומען און מען האט געדארפט האבען אלע הענד צו דער ארבייט, איז קיינער ניט געוועזן אים שטאנד עפעס צו טהאן.

— מיר מוזען ווארטען ביז מארגען, האט ער ענדליך געזאגט צו לארד גלענארוואן. קיינער איז ניט אים שטאנד עפעס צו טהאן. אלע זיינען שרעקליך מיעד. — איך האב נאך אנאנדערע אורזאכע צו ווארטען ביז מארגען. — ביי נאכט אין דער פינסטער איז זעהר שווער צו טהאן אזא ארבייט און לאמיר שוין זאגען, אז עס וועט אונז געלינגען אויפצוהויבען דיא „מאקאריא“ און זיא ארויסצושלעפען פונ'ם זאמד, וואס וועל איך דאן טהאן אין דער פינסטער? איך קען מיך ניט אונטערנעהמען צו פיהרען אזא שיף אין אזא געפעהרליכע געגענד. ארום און ארום זיינען דא שטיינער און ריפפען. איך קען זיא ארויסשלעפען פונ'ם זאמד און זיא ארויספיהרען אויף א ריף.

מען האט געמוזט צוגעבען, אז ער האט רעכט. מען מוז ווארטען ביז מאָר־גען, ביז דיא פלוט פון צוועלף אוהר ביי טאג וועט אנקומען.

דיא נאַכט איז פערגאנגען רוהיג. אלע האבען געשלאָפען און זיך אויסגע־רוהט. זיי זיינען דא צוואר געווען זיכער, פון דעסטוועגען האט פאררראגוט געהיי־סען האלטען א וואַך. ער אליין איז געווען דער ערשטער, וועלכער איז געשטאַנען אויף דער וואַך ביז צוויי אוהר.

עס איז טאג געווארען. אלע זיינען אויפגעשטאַנען דע־פרישט און קרעפטיג צו נעהמען זיך אויפ'ס ניי צו דער ארבייט. דערווייל אבער האט מען נאך ניט נעהאט וואס צו טהאן. קאפיטאן פאררראגוט איז נור ארומגעגאַנגען און האט אלעס איבערגעזעהן נאך אמאָל. ענדליך איז געקומען דיא וויכטיגסטע מינוט. עס איז געווארען צוועלף אוהר. דאס מעער איז צוגעקומען. אלע האבען געשוויגען און געווארט, אז קאפיטאַן פאררראגוט זאל הייסען זיך נעהמען צו דער ארבייט.

עס האט זיך אויפגעהויבען א גוטער ווינד, מען האט אויפגעצויגען אלע זעגעל, דער ווינד האט זיי אויסגעשפאנט און האט געריסען דאס שיף. — זיא האט זיך אבער ניט געריהרט פון'ם ארט.

— צו דער מאַשין! אלע מיט א מאָל! האט קאפיטאַן פאררראגוט קאמאנ־דירט.

דיא מאַשין איז געווען אן איינפאַכער ראַד מיט א וואַל. ארום וואַל איז געווען ארומגעוויקעלט א שטריק. דאס ענדע פון'ם שטריק איז געווען צוגעבונדען צום אנקער, וועלכען זיי האבען נעכטען אריינגעווארפען אין וואַסער ווייט פון דער „מאקאַריאַ". ווען מען האט געדרעהט דעם ראַד מיט'ן וואַל, האט זיך דער שטריק ארומגעוויקעלט ארום וואַל און האט געשלעפט דאס שיף צום אנקער.

אלע מיט א מאָל! האט קאמאַנדירט פאררראגוט.

אלע, זאָגאַר ליידי העלענא און מערי גראנט, האבען זיך גענומען דרעהן דעם ראד מיט זייער גאנצער קראפט. דער שטריק האט זיך אויסגעצויגען, דער אנקער האט געהאלטען פעסט. — דיא „מאקאַריא" האט זיך דאך ניט געריהרט פון'ם ארט.

זיי האבען אנגעווענדעט אלע זייערע קרעפטע, דער שוויים האט זיך געגאָ־סען פון זיי, דיא „מאקאַריאַ" האט געקרעכצט און געקנאקט — זיא האט זיך אבער דאך ניט געריהרט פון'ם ארט.

זייער מיה איז געווען אומזיסט, זייער ארבייט פערלארען! דיא „מאקאַריאַ" איז צו פעסט געזעסען אין זאַמד, עס איז ניט פאַר זייערע קרעפטע זיא ארויסצו־שלעפען.

6טעס קאַפיטעל.

מענשענפרעסער.

יעצט האבען זיך אלע איבערצייגט, אז עס איז גאר קיין מעגליכקייט ניטאָ ארויסצושלעפען דיא „מאקאַריאַ". אלזא, דער ערשטער וועג איז אפגעשניטען, מען מוז זיך נעהמען צום צווייטען. ווארטען, טאמער וועט אנקומען א שיף זיי

זי הילף, האט קיינער ניט געוואלט. — מען מוז מאכען א פלאָס און צוקומען צום לאנד.

עס איז געווען איינס אוהר, ווען מען האט זיך גענומען מאכען דעם פלאָס (פלאט). אלע האבען געארבייט.

אלע לעדיגע פעסער, וואס האבען זיך געפונען אויף דער „מאַקאַריאַ", האט מען אראפגעלאזען אין וואַסער. מען האט אויסגעבראָכען און צוהאַקט אלע ווענט לעך פון דער „מאקאַריאַ" און דיא ברעטער האט מען ארויפגעלעגט אויף דיא פעסער און מען האט זיי בעפעסטיגט מיט נעגעל.

נאך קאפיטאן פארראגוט'ס רעכנונג האט דער פלאָס געדארפט זיין גענוג גרויס, אז אלע פאסאַזשירען זאלען האבען גענוג פלאץ און עס זאל נאך בלייבען אן אָרט פאר פראוויאַנט, געוועהר און דיא נעטהיגע אינסטרומענטען, וועלכע מען האט געקענט נעהמען פון דער „מאקאַריאַ", וויא העק, זעגען, ברעכאייזענס (לאָמען) און דער גלייכען.

דאס מעער איז ניט דער סנאָאי ריווער. פאהרען אויפ'ן מעער אויף א פלאָס, בעזאנדערס אויף אזא אונרוהיגעס מעער, וועלכעס איז פול מיט ריפפען און מיט זאנד בענק, איז ניט אזוי לייכט. מען מוז זיך גוט פארבערייטען. קאפיטאן פאר־ראגוט האט געטהאן אלעס, וואס ער האט נור געקענט צומאכען דעם פלאָס שטארק און זיכער.

מען האט ווידער געארבייט א גאַנצען טאג זעהר פלייסיג און ערשט גענגען אכט אוהר אבענדס איז מען פערטיג געווארען. עס איז געווארען פינסטער און מען האט געמוזט אוועקלעגען דיא ארבייט.

ארויספאהרען ביי נאכט אין דער פינסטער אויף א פלאס האט פארראגוט איין קיין פאַל ניט געוואלט. עס איז געבליעבען, אז מען זאל זיך אויסרוהען דיא נאכט און מארגען אין דער פריה זאל מען ארויספאהרען. נאכ'ן אבענד עסען, האבען זיך דיא דאמען געלעגט שלאפען. אויפ'ן דעק זיינען געבליעבען קאפיטאַן פארראגוט, דער פראפעסאר, דער מאיאָר און ראבערט גראנט. ער איז ניט געווען מיעד און האט זיך ניט געוואלט לעגען שלאפען.

— זאגט מיר נור, פארראגוט, קענען מיר ניט פאהרען אויף אונזער פלאָס גלייך קיין אקלענד און ניט ארויסגעהן אויפ'ן ברעג פון דיעזער אונבעקאנטער געגענד? האט דער פראפעסאר געפרעגט.

— עס איז אונמעגליך, האט פארראגוט געענטפערט. — א פלאָס איז זעהר שווער צו קירעווען. אויף א פלאס איז גוט צו פאהרען נור אויף א טייך, וואו דאס וואסער פליעסט אין א געוויסע ריכטונג.

— און אויף א באָאָט וואלטען מיר יא געקענט פאהרען קיין אקלענד?

— געוויס! אויף א באָאָט מיט א גוטען זעגעל וואלטען מיר געקענט פאהרען ביי טאג און זיך פעראנקערן ביי נאכט.

— אלזא, וויא אזוי איז בילי האלוואוד מיט זיינע מאטראזען ארויסגעפאהרען אויף א באָאָט ביי נאכט? האט דער פראפעסאר ווייטער געפרעגט.

— זיי זיינען געווען בעטרונקען, ווען זיי זיינען ארויסגעפאהרען. איך בין זיכער, אז זיי זיינען ערגעץ אומגעקומען אין דער פינסטער.

— אך, דיא טייפעל! האט דער פראפעסאר אויסגערופען מיט פערדרוס. — פארוואס זיינען זיי אנטלאפען פון אונז?

— וואס הארט עס אייך? האט זיך דער מאיאר אריינגעמישט. מיר וועלען צוקומען צום ברעג אויף אונזער פלאס.

— דאס עבען האב איך ניט געוואלט און וויל עס ניט.

— איך פערשטעה אייך ניט, פראפעסאר! האט דער מאיאר אויסגערופען. מיר זיינען דורכגעפאהרען גאנץ זיד אמעריקא און א גרויסען טהייל פון אויסטראַליען און איהר האט קיין מורא ניט געהאט. יעצט, אז מיר וועלען דארפען געהן צוואַנציג מייל אין ניי זעעלאנד, האט איהר פלוצלונג אזוי מורא? — דאס האב איך פון אייך ניט ערווארטעט, פראפעסאר!

— ליעבער פריינד, איהר זייט אונגערעכט געגען מיר, האט דער פראפעסאר געענטפערט ערנסט. איך אליין האב געראטהען, אז מיר זאלען דורכרייזען זיד אמעריקא און אויסטראַליען. איך וואלט יעצט מיט פערגניגען דורכגעגאנגען צרפום הונדערטער מיילען אין יעדעם אנדערע לאנד אלס אין ניי זעעלאנד. דאס איז א שרעקליכעס לאנד. דא האט מען וואס מורא צו האבען. ניי זעעלאנד איז אן אבשייליכעס לאנד.

— איך ווייס ניט, וואס האט מען מורא צו האבען אין ניי זעעלאנד מעהר, ויא אין אנאנדער לאנד? האט לארד גלענארוואן געפרעגט.

ער איז נור וואס צוגעקומען צו זיי און האט געהערט, וויא דער פראפעסאָר ציטערט אזוי פאר ניי זעעלאנד.

— מען האט מורא צו האבען פאר דיא ווילדע, האט דער פראפעסאר געענטפערט.

— פאר דיא ווילדע? האט געזאגט לארד גלענארוואן. — איך מיין, אז מען האט ניט וואס מורא צו האבען פאר זיי. ערשטענס, וועלען מיר זיך ניט לאזען טיעף אין לאנד, מיר וועלען געהן מיט'ן ברעג. — צווייטענס, זיינען מיר דאך גוט בעוואפענט. זיעבען מענשען מיט שארף געלאַדענע ביקסען קענען פערטרייבען א גאַנצע ארמעע פון ווילדע מענשען. מיר האבען שוין געזעהן אזעלכע ביישפילע.

דער פראפעסאר האט געשאָקעלט מיט'ן קאפ זעהר טרויעריג.

— איהר קענט ניט פערגלייכען דיא ווילדע פון ניי זעעלאנד מיט אנדערע ווילדע מענשען אין אפריקא און אין אויסטראַליען, האט ער געזאגט. דיא מאַארי זיינען שטארקע מענשען. דאס איז א שטארקעס פאלק, וועלכעס מען קען ניט אזוי לייכט בייקומען. זיי שטעלען זיך געגען דיא ענגלענדער, קעמפפען מיט זיי און שלאגען זיי זעהר אפט. ווען זיי קענען נור קריעגען א ווייסען מענשען, פרעסען זיי איהם אויף.

— מענשענפרעסער! האט אויסגערופען דער קליינער ראָבערט. — זיי פרעסען אויף מענשען! — אך!

— שרעק זיך נים, מיין קינד! האט לארד גלענארוואן איהם בערוהיגט. עס איז נאך ניט אזוי, וויא אונזער פראפעסאר זאגט. ער קען אמאל זאגען א ליגען אויך.

— ניין, האט דער פראפעסאר געזאגט, איך זאג ניט קיין ליגען. — ראבערט האט שוין ניט איין מאל געוויזען, אז ער האט מוטה, וויא א מאן. — פארוואס זאל איך פון איהם פערלייקענען דיא וואהרהייט? — לאז ער וויסען, אין וואס פאר א לאנד מיר קומען יעצט. — דיאווילדע מענשען אין ניי זעעלאנד זיינען זעהר גרויזאם און בלוטדורשטיג. זיי פרעסען אויף יעדען מענשען, וועלכען זיי קענען נור קריעגען, ער מעג זיין א ווייסער, א שווארצער אדער א ברוינער. זיי זיינען וואהרע מענשען יעגער. זיי יאגען זיך נאך מענשען, וויא דיא אייראפעער יאגען זיך נאך ווילדע טהיערע. — אין אייראפא ווען מען פיהרט קריעג, בעגראבט מען דיא טויטע, אין ניי זעעלאנד פרעסט מען זיי אויף.

ער וואלט אוועקגערעדט נאך א גאנצע שטונדע איבער מענשענפרעסעריי, ווען דער מאיאר זאל איהם ניט געווען אונטערברעכען.

— פאגאנעל! האט ער אויסגערופען. — מיינט איהר, אז איהר האלט א פארטראג פאר אייערע סטודענטען אין אוניווערזיטעט איבער מענשענפרעסעריי? איהר פערגעסט געוויס, וואו מיר זיינען.

— מיר זיינען ניט ווייט פון ניי זעעלאנד, האט דער פראפעסאר געענטפערט, דאס איז דאס לאנד, וואו עס עקסיסטירט נאך מענשענפרעסעריי און איך וויל זעהר ניט, אז א ווילדער ניי זעעלענדער זאל מיך אויפפרעסען.

— פארוואס זאל מען ניט זעהן, אז אלע ניי זעעלענדער זאלען ווערן קריסטען און זאלען אויפהערן צו עסען מענשען? האט דער קליינער ראבערט געפרעגט. — מיר האבען דאך געזעהן אין אויסטראליען, וויא דער קליינער טאלינע האט געלערנט ביי דיא מיסיאנערן און איז געווען ציוויליזירט. פארוואס זאל מען ניט שיקען קיין מיסיאנערן קיין ניי זעעלאנד, זיי זאלען בילדען דיא ווילדע און זיי לערנען, אז זיי זאלען מעהר ניט עסען קיין מענשען?

— דוא האסט פאלקאמען רעכט, ליעבער ראבערט, האט דער פראפעסאר געזאגט. דיא ענגלישע רעגיערונג האט עס פראבירט און האט געשיקט מיסיאנערן קיין ניי זעעלאנד. ליידער, זיינען דיא מאארי אזוי ווילד, אז זיי האבען אויפגעפרעסען דיא מיסיאנערן. ערשט ניט לאנג, מיט א פאר יאהר צוריק האבען דיא מאארי געטויטעט דעם בעריהמטען מיסיאנער, פאלקער, מיט אן אונגעהייערער גרויזאמקייט און האבען איהם אויפגעפרעסען עפענטליך אין איינעם פון זייערע פייער טעג. דאס איז געשעהן גאר ניט ווייט פון אקלענד, אונטער דער נאז פון דער ענגלישער ארמעע. — דיא ענגלישע רעגיערונג טהוט אלעס מעגליכע אום צו לערנען און אויסצובילדען דיא מאארי. עס העלפט אבער ניט. דיא מאארי זיינען אזעלכע מענשענפרעסער, אז מען קען זיי אזוי גיך ניט אפגעוועהנען דערפון. עס וועלען פערגעהן הונדערטער יאהרען, ביז זיי וועלען ווערן ציוויליזירטע מענשען. זיי פרעסען דיא מענשען ניט נור, ווען זיי זיינען הונגעריג, זיי פרעסען

מענשענפלייש בעסער, אלס דאס פלייש פון טהיערע. זיי הייסען אויסצוקלייבען דיא בעסטע און געשמאַקסטע שטיקער פון'ם מענשליכען קערפער. זיי האבען בעזאנדערס ליעב דאס פלייש פון פרויען און קינדער, ווייל דאס פלייש איז ווייכער און זאפטיגער.

— איך מיין, אז דיא אלע געשיכטען פון דיא מאַארי זיינען ניט וואהר, האט פלוצלונג דער מאיאר געזאגט. — מעגליך, אז עס מאכט זיך א מאל, אז זיי פרעסען אויף א מענשען, ווען זיי האבען ניט עפעס אנדערש צו עסען. איך גלויב ניט, אז זיי פרעסען מענשענפלייש צום פערגניגען.

דער מאיאָר האט שטענדיג ליעב געהאט איבערצושפאַרען דעם פראפעסאָר.

— מיר האבען דאך אבער דיא ערצעהלונגען פון בעריהמטע רייזענדע און מיסיאנערן, וועלכע מען מעג גלויבען, האט דער פראפעסאָר געזאגט און האט אנגעהויבען אויסצורעכענען א לאנגע ליסטע פון מענשען, וועלכע האבען אליין געזעהן, ויא דיא מאַארי פרעסען מענשען. — דיא נאַטור פון דיא מאַארי איז זעהר בלוטדורשטיג און גרויזאַם. ווען א הויפטלינג שטאַרבט, טויטעט מען עטליכע מענשען און מען בעגראבט זיי מיט איהם, זיי זאלען איהם דיענען אויף יענער וועלט. ביי יע״ער פרעהליכער, אדער טרויעריגער געלעגענהייט ברענגט מען מענשענאפפער.

— וויא עס ווייזט אויס, פארדערט זייער גלויבען, אז זיי זאלען פרעסען מענשענפלייש, האט פארראַגוט געזאגט. זייער רעליגיאַן איז אזא בלוטיגע. וויא באלד אזוי, וועט זיך זייער כאראקטער ענדערן, ווען זיי וועלען אננעהמען א נייעם גלויבען.

— פריינד פארראגוט, איהר האט בעריהרט א פראַגע, וועלכע דיא וויסענשאפט האט ביז אהער נאך ניט ערקלערט. דיא פראגע איז: פון וואנען נעהמט זיך עס, וואס איינינע ווילדע פעלקער זיינען מענשענפרעסער? — איז עס געווען דער הונגער, וועלכער האט זיי געצוואונגען צו עסען מענשענפלייש, אדער איז עס געווען אבערגלויבען? — געוויס איז אבער, אז עס זיינען דא אויף דער וועלט מענשענפרעסער. — עס איז א טרויעריגע געווישהייט, אבער דאך א געווישהייט.

איינינע ערקלערן עס אזוי. דיא ווילדע מענשען זיינען גרויסע פרעסער. זייער אפעטיט איז אן אונגעוועהנליכער. עס האט זיך אמאל געמאכט א הונגער. פיעלע זיינען געשטארבען פון הונגער. דיא, וואס זיינען געבליעבען לעבען, האבען זיי אויפגעפרעסען. קוים האבען זיי פערזוכט מענשענפלייש און עס איז זיי געפעלען, האבען זיי אנגעהויבען צו זוכען מענשענפלייש. עס איז א בעקאנטע זאַך, אז דער יונגער טיגער יאגט נאך חיות און בהמות און ווייכט אויס דעם מענשען. קוים אבער האט ער איינמאל פערזוכט מענשענפלייש, הויבט ער אן זיך נאכצויאַגען נאך מענשען און עסט דאס פלייש פון בהמות נור, ווען ער איז שטארק הונגעריג.

דיא מאַארי בעטראכטען דיא מענשענפרעסעריי אלס א גאנץ געוועהנליכע און נאטירליכע זאך. איינינע מיסיאנערן האבען זיי געזאגט, אז עס איז א שאנדע

ט עסען מענשענפֿלייש און האבען זיי געוואלט איינרעדען, זיי זאלען עס ווייטער ניט טהאן. דיא מאַרי האבען געענטפֿערט:

— פֿיש עסען אנדערע פֿיש, הינט עסען מענשען, מענשען עסען הינט, פֿאר וואס זאלען מענשען ניט עסען איינער דעם אנדערן?

אין זייער גלויבען געפֿינט זיך אן ערצעהלונג פֿון א גאט, וועלכער האט אויפֿגעפֿרעסען אנאנדער גאט. ווען א גאט האט עס געטהאן, פֿארוואס זאלען עס מענשען ניט טהאן?

— וואונדערבאַר! האט פלוצלונג אויסגערופֿען דער פראָפֿעסאר. ווען מיר לעזען דיא וועלט געשיכטע געפֿינען מיר, אז אלע יעצט-געבילדעטע פֿעלקער זיי־נען אמאל געוועזן מענשענפֿרעסער.

— דיא שאטלענדער אויך? האט אויסגעשריען דער מאיאָר.

ער איז געוועזן א שאטלענדער און עס האט איהם זעהר ניט געשמעקט צו הערן, אז זיינע אור-אור עלטערן זיינען געוועזן מענשענפֿרעסער.

— דיא שאטלענדער אויך, העררמאיאָר, האט דער פראָפֿעסאר געענט־פֿערט שטאָלץ.

— דאס קען ניט זיין! האט זיך דער מאיאָר געבייזערט.

— לעזט נור דאס בוך פֿון׳ם הייליגען דזשעראם, דעם ערשטען קריסטליכען גייסטליכען אין שאטלאנד, וועט איהר זעהן, וואס פֿאר א פֿיינע מענשען אייערע אור-אור עלטערן זיינען געוועזן, האט דער פראָפֿעסאר געזאגט גאנץ רוהיג. עס זאל אייך ניט פֿערדריסען, מיין ליעבער מאיאָר. זיי פֿלעגען אויך אריינכאַפּען א פֿרעמדען און איהם אויפֿפֿרעסען. — איך וועל אייך דערצעהלען נאך עטוואס שעהנערעס. ערשט ניט לאנג, מיט א פאר הונדערט יאהר צוריק, ווען עליזאַבעטהא איז געוועזן קעניגין אין ענגלאנד, האט זיך אין שאטלאנד אויפֿגעהאלטען א רויבער מיט׳ן נאמען סויני בין, וועלכער פֿלעגט אויפֿעסען דיא מענשען, וועלכע ער פֿלעגט טויטען און בערויבען. ענדליך האט מען איהם געכאַפּט און אויפֿגעהאנגען.

— מעגליך, ער האט עס געטהאן פֿון הונגער! האט זיך דער מאיאר פֿער־טהיידיגט.

— הונגער אדער ניט. געוויס איז, אז דיא שאטלענדער האבען אמאל גע־געסען מענשענפֿלייש, האט געזאָגט דער פראָפֿעסאר מיט א שמייכעל.

דער מאיאָר האט געוואלט פֿערווישען דאס געשפרעך. ער האט דאהער געפֿרעגט:

— עסען דיא מאַרי זייער מענשענפֿלייש רויערהייט אדער זיי קאָכען עס?

— צו וואס דארפֿט איהר עס אזוי נעטהיג וויסען?

— איך וואלט זעהר ניט געוואלט, אז זיי זאלען מיך עסען רויערהייט, האט דער מאיאר געשפאסט.

— פֿאר וואס איז?

— ווען זיי עסען דאס מענשענפֿלייש רויערהייט, קענען זיי דאך עסען, ווען דער מענש לעבט נאך.

— איך זעה, מיין ליעבער מאיאר, אז איהר קענט ניט דיא מאָארי. זיי זיי־נען גרויסע איבערקלויבער. זיי עסען קיין מאל ניט קיין רוי פלייש. זיי קאָכען עס אדער רייכערן עס. — אלענפאלס, איז עס זעהר אונאנגענעהם.

— פון דעם אלעמען, וואס איהר האט דא געהערט און דערצעהלט, האט קאפיטאן פאררא גוט געזאגט, ווייס איך נור איין זאך — אז מיר דארפען זעהן ניט אריינצופאלען צו זיי אין די הענד. — איך בין אבער פעסט איבערצייגט אז די ציווי־ליזאציאָן האט זיי שוין אויך בעריהרט און זיי זיינען שוין ניט אזעלכע מענשען־פרעסער, וויא זיי זיינען אמאל געוועזן. זיי וואינען נאהענט לעבען דיא ענגלענדער און זעהען דאך, וויא געבילדעטע מענשען לעבען. זיי ווילען זיך אפלערנען פון דיא געבילדעטע און ווילען ווערן שטיל און גוט.

דער פראפעסאר האט געשמייכעלט מיט זיין גוטען מילדען און פריינדליכען שמייכעל.

— דער ווילדער, וועלכער האט איין מאל געגעסען מענשענפלייש, דעם קען מען שוין ניט אזוי לייכט אפגעוועהנען דערפון, האט ער געזאגט ערנסט. דא העלפט ניט קיין ציוויליזאציאָן, קיין בילדונג און קיין אויפקלערונג.

— איך הער עס שוין פון אייך צום צווייטען מאל, האט זיך דער מאיאר אפגערופען, איהר זאגט אבער נור אזוי. איהר האט ניט קיין בעווייזע, אז עס איז אזוי. — פאַקטען, הערר פראפעסאָר! — גיט אונז פאַקטען!

— איהר ווילט פאַקטען? — גוט! איך וועל זיי אייך געבען, האט דער פראָ־פעסאר געזאגט ערנסט.

דעם ערשטען פאקט געפינען מיר אין דיא אַקטען פון בראַזיליען.

א פארטוגיזישער מיסיאָנער האט געלעבט א לאנגע צייט צווישען דיא ווילדע ביים אמאַזאָנען טייך. ער האט זיך בעמיהט צו מאכען פון זיי קריסטען און האט געמיינט, אז עס איז איהם געלונגען. דיא ווילדע זיינען געוואינט געווארען מיט איהם און פלעגען קומען אין דער קליינער קירכע, וועלכע ער האט אויסגעבויט הערן, וויא ער בעט גאט.

עס איז וואהר, אז אין דער ערשטער צייט פלעגט ער זיי געבען פרעזענטען: מעשינע קנעפלעך, גלעקעלעך, שפיגעלעך און אנדערע קליינינקייטען. ווען דיא פרעזענטען האבען זיך אויסגעלאזען — ער האט שוין מעהר ניט געהאט, וואס צו געבען — פלעגען זיי קומען אזוי אהן פרעזענטען. דער מיסיאָנער האט געשריי־בען קיין ריאָ־דע־זשאנייראָ, אז דיא ווילדע אינדיאנער פון יענער געגענד זיינען אלע געווארען פרומע קריסטען.

איין מאל האט מען איהם גערופען צו אן אלטער פרוי, וועלכע איז געווען קראנק און האט געהאלטען ביים שטארבען. דיא ווילדע האבען איהם געהאלטען פאר א גרויסען דאקטאר. ער איז געקומען, האט בעטראַכט דיא קראנקע און האט געזעהן, אז זיא האלט ביים שטאַרבען. אלס גייסטליכער האט ער אנגעהויבען צו רעדען פון גאט, פון יענער וועלט און נאך פון אזעלכע פרומע זאַכען.

— צו וואס דערצעהלט איהר מיר פֿון טויט? האט דיא אלטע פֿרוי געפֿרעגט. גיט מיר בעסער א מיטעל, איך זאל געזונד ווערן.

דער מיסיאנער האט ארויסגענומען א פֿלעשעלע מיט טראָפּען און האט איהר געוואלט געבען.

— אך ניין האט דיא קראנקע געזאגט, אייער מיטעל איז גוט פֿאר ווייסע מענשען. מיר גיט אנאנדער מיטעל.

— וואס זאל איך אייך געבען? איך ווייס ניט פֿון קיין אנדערע מיטעל, האט דער מיסיאנער געענטפֿערט.

— גיט מיר א געבראָטענע האנד פֿון א קינד, האט דיא אלטע געבעטען. דאס וועט מיר געוויס העלפֿען. דיא יונגע ביינדעלעך זיינען אזוי געשמאַק און אזוי זאַפֿטיג, אז קוים וועל איך זיי אויסזויגען, וועל איך באלד געזונד ווערן.

— שרעקליך! שוידערהאפט! האט ראבערט גראנט אויסגערופֿען. — איך קען עס מיר גאר ניט פֿארשטעלען, אז מענשענפֿלייש זאל זיין אזוי געשמאַק.

— וואַרט, מיין יונגע! האט דער פראָפֿעסאר געזאגט. איך וועל דיר באלד נאך עפעס דערצעהלען, וועלכעס וועט פֿערענטפֿערן דיין פֿראגע.

א מיסיאנער אין אפֿריקא האט גערעדט מיט'ן קעניג פֿון א פֿאלק פֿון מענשענפֿרעסער און האט איהם געגעבען צו פֿערשטעהן, אז עסען מענשענפֿלייש איז שענדליך און אבשייליך. ערשטענס, האט עס גאט פֿערבאָטען. צווייטענס, איז עס דאך עקעלהאַפֿט און אזוי ניט געשמאַק.

— וואס דו זאגסט, אז מען טאר עס ניט עסען, ווייל גאט הייסט ניט האט דער ווילדער געענטפֿערט, דאס ווייס איך ניט. דו ביסט א פֿרומער מאַן דו רעדסט מיט גאט, האט ער עס דיר פֿערבאָטען. מיר האט ער עס ניט געזאגט. — וואס דו זאגסט אבער, אז מענשענפֿלייש איז אבשייליך, עקעלהאַפֿט און ניט געשמאַק, מוז איך דיר זאגען, אז דו ווייסט ניט. — דו זאלסט נור איין מאל פראבירען עסען א שטיקעל מענשענפֿלייש, וואלסט דו געלעקט דיא פֿינגער און וואלסט עס שוין שטענדיג געגעסען.

7טעם קאַפּיטעל.

א שרעקליכעס לאנד.

פראָפֿעסאר פאגאַנעל האט געוויס רעכט געהאט. ער האט געקענט געאָגראַפֿיע בעסער פֿון אלעמען און האט זעהר גוט געוואוסט, אז דיא ניי זעעלענדער זיינען זעהר ווילד און שרעקליכע מענשענפֿרעסער. — עס איז געווים געווען זעהר געפֿעהרליך ארויסצוגעהן אויף אזא ווילדעס לאנד.

וואס האט עס אבער געהאלפֿען? — זיי האבען דאך ניט געקענט בלייבען אויף דער „מאקאַריאַ“. קאפיטאן פֿארראגוט האט גוט איבערגעקלערט און איבערגערעכענט, אז דיא „מאקאַריאַ“ קען ניט לאנג אויסהאלטען. לאז זיך נור אויפהויבען א שטארקער ווינד, וועט ער צורייסען דיא „מאקאריא“ אויף שטיקער.

— מיר האבען פֿאר אונז צוויי געפֿאהרען, האט ער געזאגט. איין געפֿאהר

אז די „מאקאריא" וועט אונטערגעהן, — איז זיכער. די אנדערע געפאהר, אז מיר זאלען טרעפען ווילדע נייע וועלענדער און זיי וועלען אויף אונז אנפאלען, איז נאך א צווייפעל. — מיר מוזען אלזא אנטלויפען פון דער זיכערער געפאהר און האפען, אז מיר וועלען זיך רעטען פון דער אונזיכערער.

— ווען דענקט איהר, אז מיר זאלען ארויספאהרען? האט לארד גלענארוואן געפרעגט.

— מארגען אום צעהן אוהר, ווען די פלוט וועט זיך אנהויבען, האט פארראגוט געענטפערט. — די פלוט וועט אונז שנעלער ברענגען צום לאנד.

עס איז געווארען שפעט און מען איז זיך צוגאנגען שלאפען.

דעם אנדערן טאג אין דערפריה האט קאפיטאן פארראגוט געמאכט די לעצטע פארבערייטונגען צור אבריייזע. ער האט געהייסען אראפנעהמען אלע זאַכען, וואס קענען זיי צו ניץ קומען און זיי ארויפלעגען אויפ'ן פלאָס. בילי האל־וואוד האט געהאט אויף זיין שיף א גרויסען פאָררעטה (זאַפּאַס) פון מעהל און צוויבאַק. דאס מוז מען מיטנעהמען. אין א רייזע מוז מען שטענדיג מיטנעהמען מעהר ברויט, וויא פיעל מען דארף.

אן אנקער האט מען אויך געמוזט מיטנעהמען, מען קען ניט וויסען, אין וואס פאר א וואַסער מען וועט קומען. מעגליך, מען וועט אנטרעפען אויף א טייך אין מעער און מען וועט מוזען פעראנקערען דעם פלאס.

אום צעהן אוהר האט איהם לארד גלענארוואן געפרעגט, אויב אלעס איז פערטיג צו דער אברייזע.

— פערטיג, האט פארראגוט געענטפערט.

— אלזא, אין וועג אריין!

— אלע אויפ'ן פלאָס! האט פארראגוט קאמאנדירט.

ליידי העלענא און מערי גראנט זיינען אראפ אויפ[illegible] אויף א שטריק־לייטער. די אנדערע זיינען אראפגעשפרונגען אדער זיך אראפגעלאזען אויף שטריק. זאגאַר דער ערנסטער פראפעסאר האט פראבירט זיך אראפלאזען אויף א שטריק.

מען האט האט אויפגעצויגען די זעגעל און דער פלאָס האט אנגעהויבען צו שווימען צום לאנד. אין א באָאָט מיט גוטע רודער וואלט מען אין דריי שטונ־דען געקענט זיין אויפ'ן ברעג. א פלאָס אבער איז ניט אזוי לייכט צו קירעווען און צו רעגיערן, וויא א באָאָט. זיי האבען געמוזט זיך לאזען פיהרען פון'ם ווינד און פון דער פלוט. — די איינציגע זאך, וואס פארראגוט האט מורא געהאט, איז געווען, דער ווינד זאל ניט אויפהערן. ווען דער ווינד הערט אויף, די פלוט נעהמט פאראיבער און עס קומט אן די עבבע צייט. ווען דאס מעער ציהט זיך זיך צוריק פון זיינע ברעגעס, דאן קען עס מיטשלעפען דעם פלאס מיט זיך צוריק אין מעער.

ער האט אויסגערעכענט, אז אים דריי אוהר וועט ער צוקומען צום לאנד, אדער ער וועט מוזען אראפלאזען דעם אנקער און ווארטען אויף די צווייטע פלוט

דאס װעטער איז געװען שעהן און דער װינד האט זיי געטריעבען צום לאנד. אום צװעלף אוהר האט דער פראפֿעסאר בעמערקט, אז אלע שטיינער זיי־ען פֿערשװאונדען. דיא פֿלוט האט זיי בעדעקט. ער האט עס געװיעזען ליידי העלענא.

— איהר זעהט שלעכט, פראפֿעסאר, האט ליידי העלענא געזאגט. דארט שטעקט ארױס איין שטיין פֿון'ם װאסער.

מיט דיעזע װערטער האט זיא איהם געװיעזען אויף איין ארט, װאו א שװאר־צער שטיין האט ארױסגעשטעקט פֿון'ם װאסער.

— איך מוז דארויף אויפֿמערקזאם מאכען דעם קאפיטאן, האט דער פראפֿעסאר געזאגט.

דאס איז אבער גאר ניט נעטהיג געװען. קאפיטאן פֿארראגוט האט אלעס געזעהן און האט שוין געהייסען זיינע מאטראזען, זיי זאלען אויסמיידען דיעזען שטיין.

עס איז פֿערגאנגען נאך א האלבע שטונדע און מען האט נאך אלעס געזעהן דעם שװארצען שטיין ארױסשטעקען פֿון'ם װאסער. דאס האט פֿארראגוט אויף קיין פֿאַל ניט געקענט פֿערשטעהן. נאך זיין רעכנונג, האבען זיי שוין געדארפֿט זיין אזוי װייט פֿון'ם שטיין, אז זיי זאלען איהם מעהר ניט זעהן. — װיא קומט עס, װאס זיי זעהן איהם נאך אלץ?

ער האט גענומען ביים פראפֿעסאר זיין טעלעסקאפּ און האט אנגעהויבען צו בעטראכטען דעם שװארצען שטיין.

— דאס איז קיין שטיין! האט ער אויסגערופֿען. דארט שװימט עפּעס! — איך זעה דייטליך, װיא דיא װעללען װארפֿען עס פֿון איין אָרט צום אנדערן. — װאס זאל עס זיין?

ער האט זיך בעסער צוגעקוקט צו דער זאַך, װאס איז דארט געשװאומען.

— דארט שװימט א באָאט, האט ער געזאגט. — ער איז איבערגעקעהרט און ליעגט מיט'ן באדען ארויף.

— זאל עס אפּט ניט זיין דאס באָאט פֿון דער „מאקאריא״? האט לארד גלענארװאן געפֿרעגט.

— עס איז זעהר מעגליך, האט פֿארראגוט געענטפֿערט. פֿון װאנען דען זאל קומען אהער א באָאט?

— אבער װאו זיינען דיא מענשען? האט ליידי העלענא געפֿרעגט. װאו איז בילי האלװאוד מיט זיינע מאטראזען?

— עס איז דייטליך, אז זיי זיינען אלע אומגעקומען, האט פֿארראגוט גע־זאגט, װיא צו זיך אליין. — זיי זיינען ארױסגעפֿאהרען אין א פֿינסטערע נאכט צװישען דיעזע שטיינער און ריפֿפֿען און זיינען נאך געװען שטארק בעטרונקען. עס איז גאר קיין װאונדער ניט, װאס דאס באָאט האט זיך איבערגעקעהרט און זיי זיינען אלע דערטרונקען געװארען.

— ארימע מענשען! האט מערי גראנט געזיפֿצט.

אונטערדרעסען האט דיא פּלוט געבראכט דאס באָאָט אלץ נעהנטער און נעהנטער צו זייער פּלאס. אלע האבען געשוויעגען און האבען געקוקט, וויא דאס באָאָט שווימט צו צו זייער פּלאָס.

— איך מיין, אז דאס באָאָט קען אונז צו ניץ קומען, האט לארד גלע־נארוואן געזאגט.

— געוויס! האט קאפּיטאן פּאררּאגוט געענטפערט. איך וועל עס געוויס אויפפאנגען.

ער האט געהייסען דיא מאטראָזען קירעווען דעם פּלאָס אהין, וואו דאס באָאָט איז געשוואומען. עס איז פּערגאנגען א גערוימע צייט, ביז דאס באָאָט איז געווען אזוי נאהענט, אז מען האט געקענט פּערווארפען דארויף א שטריק און עס ארויסשלעפען אויפ'ן פּלאָס.

דער מאטראז ווילסאן האט עס ארויסגעשלעפט און בעטראכט פון אלע זייטען.

— לעדיג? האט פּאררּאגוט געפרעגט.

— עס איז לעדיג און אלע נעהט האבען זיך צו נומען. עס קען אונז ניט ניצען. — עס האט פאר אונז גאר קיין ווערטה ניט.

— קען מען עס שוין גאר ניט אויסבעסערן? האט דער מאיאר געפרעגט.

קאפּיטאן פּאררּאגוט האט יעצט אליין בעטראכט דאס באָאָט פון אלע זייטען און האט פּערצויגען דיא אקסלען.

— מען קען פון איהם גאר ניט מאכען, האט ער געזאגט טרויעריג. עס טויג נור צום פּערברענען.

— שאַדע! האט געזאגט דער פּראפּעסאר. מיר וואלטען געקענט פאהרען גלייך קיין אקלענד אויף דיעזען באָאָט און וואלטען ניט געדארפט ארויסגעהן אין דיעזע וויסטע געגענד.

— עס העלפט ניט, פּראפּעסאר! מיר מוזען זיך פערלאזען אויף אונזער פּלאָס און צופאהרען צום לאנד. איך קען אייך נור אזוי פּיעל זאגען, אז אין אזאַ אונרוהיגען מעער זיינען מיר פּיעל זיכערער אויפ'ן פּלאָס, וויא אויף אזא שוואכעס באָאָט. — מיר האבען נור פּערלאָרען אומזיסטע צייט אויפ'ן אויפפאנגען עס.

ער האט זיך געווענדעט צו זיינע מאטראָזען און האט זיי געהייסען רודערן צום לאנד. צום אונגליק, האט אין דיעזע מינוט דער ווינד אין גאנצען אויפגע־הערט, דיא זעגעל זיינען אראפּגעפאַלען און דער פּלאס איז געבליעבען שטעהן. פּארוואס פּאררּאגוט האט מורא געהאט, דאס איז געשעהן. יעצט וועט באלד אנקומען דיא עבבע און וועט זיי שלעפּען צוריק אין מעער.

— אראפּלאזען דעם אנקער! האט ער קאמאַנדירט.

ווילסאן האט אראפּגעלאזען דעם אנקער. ער איז אראפּגעפאַלען אין פּינף פוס וואַסער דיא טיעף. מילרעד האט צונויפגענומען דיא זעגעל. אלע האבען זיך פּארבערייטעט אויף איינינע שטונדען רוהע.

עס איז נור געווען א הארץ ווייטאג צו זעהן, אז מען איז גאר ניט [illegible]

און א לאנד; מען קען, דאכט זיך, עס דערגרייכען מיט דער האנד און דאך מוז מען בלייבען אויפ'ן וואסער און ווארטען. קאפיטאן פארראגוט האט זעהר גוט געוואוסט, אז דאס ווארטען הייסט ביז מארגען אין דערפריה. דיא פלוט, ווען דאס מעער גיסט זיך אוים אויפ'ן לאנד, איז פאראיבער. יעצט ציהען זיך דיא וואסערן צוריק אין מעער. דיא עבבע געדויערט זעקס שטונדען. עס וועט ווערן נאכט. ביי נאכט וועט זיך ווידער אנהויבען דיא פלוט. ביי נאכט אבער האט ער ניט געוואלט פאהרען אויף א פלאס אין אן אונבעקאנטע געגענד. אלזא, וועט מען מר־וען ווארטען ביז מארגען אין דערפריה אום צעהן אוהר.

לארד גלענארוואן האט אלץ געקוקט אויף דאס לאנד און איז געווען זעהר טרויעריג. איהם האט זיך אויסגעוויעזען, אז דיא וועללען (כוואליעס) שלאגען צום לאנד.

— ליעבער פארראגוט, האט ער געזאגט, פארוואס זאלען מיר בלייבען שטעהן? זעהט, וויא דיא וועללען לויפען צום ברעג. זיי וועלען ברענגען אונזער פלאס צום לאנד.

— דאס איז איינע פון דיא זעלטענסטע ערשיינונגען אויפ'ן מעער, האט קאפיטאן פארראגוט ערקלערט. ניט נור איהר, לארד גלענערוואן, זאנדערן זאגאר געאיבטע מאטראזען נארען זיך אמאל אפ. עס ווייזט זיך אוים, אז דיא כוואליעס פון'ם מעער לויפען צום לאנד, אין דער וואהרהייט אבער שטעהן זיי אויף איין ארט. פרואבירט, ווארפט אריין א שטיקעל האלץ אין וואסער און איהר וועט זעהן, אז דאס שטיקעל האלץ וועט שווימען אויף איין ארט. — און דאך איז עס וואהר, דאס וואסער בעוועגט זיך. עס שטעהט אבער דאך אויף איין ארט. — דאס איז א וואונדער! וועט איהר זאגען. — געוויס! דאס מעער האט מעהר וואונדער אין זיך, וויא דאס לאנד. מיר קענען דאס מעער פיעל ווייניגער אלס דאס לאנד. עס זיינען נאך דא פיעל רעטענישען אין מעער, וועלכע דער מענשליכער פערשטאנד איז דערווייל נאך ניט אים שטאנד צו לעזען.

מיר מוזען בלייבען שטעהן אויף איין ארט און האבען געדולד.

— און א מיטאג אויך! האט דער מאיאר אויסגערופען. — צו דער געדולד מוז מען האבען א דינער.

אלע האבען איינגעשטימט מיט'ן מאיאר, אז א מיטאג איז יעצט גאנץ נעטהיג. אלבינעט האט אויפגעגעבען אויפ'ן טיש, וואס ער האט געהאט — טרו־קענע שפייזען. פון קאכען אויפ'ן פלאס האט ניט געקענט זיין קיין רעדע. ער האט זיך אביסעל געשעהמט, וואס ער קען יעצט ניט געבען קיין בעסערן מיטאג, אלע אבער זיינען צופריעדען געוועזן, מיט וואס מען האט זיי געגעבען. דיא ארבייט און דיא אויפרעגונג פון היינטיגען טאג האט זיי געמאכט א פארטרעפליכען אפעטיט.

באלד האט מען אנגעהויבען צו פיהלען דיא ווירקונג פון דער עבבע. דאס וואסער האט זיך יעצט געריסען פון לאנד אין מעער אריין. יעדע מינוט איז אנ־געקומען א שטארקע וועללע (כוואליע) און האט א שטויס געטהאן דעם פלאס

דיא קייט פֿון'ם אנקער האט זיך איינגעצויגען אזוי שטארק, אז פֿאררּאגוט האט מורא געהאט, עס זאל זיך ניט איבעררייסען, אדער דיא קראַפֿט פֿון'ם וואַסער זאל ניט אוועקשלעפען דעם פלאט מיט'ן אנקער. — ער און דיא צוויי מאטראָזען האבען שטענדיג געמוזט שטעהן לעבען אנקער און מיט לאנגע דראנגעס אין דיא הענד שטויסען דעם פֿלאָם צוריק און אבשוועכען דיא קראַפֿט פֿון דער עבבע.

אזוי איז פֿערגאנגען דער טאג. דיא זון, וויא א גרויסע פֿייעריגע קוגעל, האט זיך אראפגעלאזען אין ברייטען און טיעפֿען וועלט מעער. עס איז געווארען דונקלער און דונקלער. דיא לאגע פֿון אונזערע רייזענדע איז געווען זעהר טרויעריג. עס איז געווארען פֿינסטער. ארום און ארום רוישט דאס מעער. א קליין הייפעלע מענשען זיצען אויף עטליכע ברעטער צוגעשלאָגען צו פֿעסער. אייניגע האבען זיך צוגעשפּאַרט און האבען געחאַפּט א דרימעל. אנדערע האבען דיא גאנצע נאכט קיין אויג ניט צוגעמאכט. אזוי האבען זיך געצויגען דיא שווערע, לאנגע שטונדען פֿון דיעזער שרעקליכער נאכט.

ווען עס האט אנגעהויבען צו טאָגען, זיינען אלע געווען זעהר מיעד און אָפגעמאַטערט. דענאך האט מען זיך ווייטער געמוזט נעהמען צו דער ארבייט. יעצט איז דיא צייט, אין וועלכע זיי וועלען קענען צוקומען צום לאַנד. קוים האט זיך אנגעהויבען דיא פֿלוט, האט פֿאררּאגוט געהייסען ארויפֿציעהען דעם אנקער. אלע הענד האבען אנגעהויבען צו ציעהען דיא קייט. דער אנקער האט זיך אבער ניט גערידהרט. זיינע ציינער זיינען פֿערקראָכען אזוי טיעף אין זאמד, אז נור א מאַשין וואלט געקענט איהם ארויסשלעפען. זיי האבען אבער קיין מאשין ניט געהאט און זיינען ניט געווען גענוג שטאַרק אום איהם אויפֿצוהויבען.

פֿאררּאגוט האט איינגעזעהן, אז ער וועט גאר ניט מאכען און האט זיך ענטשלאסען איבערצושניידען דיא שטריק, מיט וועלכע דיא קייט פֿון'ם אנקער איז געווען צוגעבונדען. ער האט געוואוסט, אז ער פֿערליערט ניט נור דעם אנקער, זאָנדערן יעדע האפֿנונג צו פֿערוויילען לענגער אויפֿ'ן וואַסער. אהן אן אנקער אויפֿ'ן מעער קען מען לאנג ניט פֿאהרען. ער האט זיך אבער ניט געקענט העלפֿען.

מען האט איבערגעלאָזען דעם אַנקער אין זיין בעט פֿון שטיינער און זאַמד און מען האט אויסגעשפרייט דיא זעגעל. עס האט זיך אויפֿגעהויבען א שטיל ווינטעלע און האט געטריעבען זייער פֿלאס זעהר לאנגזאַם צום ברעג.

אום צעהן אוהר האט דער ווינד אין גאנצען אויפֿגעהערט און נור דיא פֿלוט אליין האט געשלעפט זייער זאָנדערבאַרעס שיף צום לאנד. אום צוועלף אוהר האט דיא פֿלוט אויפֿגעהערט. זיי זיינען געווען אין גאנצען פֿופציג פֿוס פֿון'ם ברעג. אין דיעזע מינוט האט זיך דער פֿלאס אן עפּעס אנגעשלאגען און איז געבליעבען שטעהן. פֿאררּאגוט און ווילסאן זיינען אריינגעשפרונגען אין וואַסער. עס איז נעווען ניט מעהר, וויא דריי פֿוס דיא טיעף.

יעצט האט שוין גאר ניט געהאלפֿען. מען האט געמוזט געהן אין וואַסער און איבערטראגען אלעס אויפֿ'ן ברעג. צו ערשט האט מען אריבערגעטראגען איי- זיינע זאבען. לארד גלענארוואן און דער מאיאר האבען זיך געשטעלט אלס וואכען

לעבען דיא זאכען. דאן האט מען איבערגעטראגען דיא דאמען. שפעטער האט מען איבערגעטראגען אלעס, וואס עס האט זיך געפונען אויפ'ן פלאס.

דאס האט פערנומען זעהר פיעל צייט. ערשט געגען דריי אוהר זיינען אלע מיט'ן פראוויאנט, מיט זייערע זאכען געווען אין ניי זעעלאנד.

8טעס קאפיטעל.

דער קריעג מיט דיא מאָרי.

דאס לאנד, אויף וועלכען זיי האבען זיך יעצט געפונען, איז געווען איינזאַם און טרויעריג. איבעראל האט מען געזעהן בערגלעך און גרויסע שטיינער צוזארפען. טיעפער אין לאנד האט מען געזעהן געדיכטע וועלדער.

ווען אלעס איז געווען אויפ'ן לאנד, האט לארד גלענארוואן געוואלט, אז מען זאל זיך באלד לאזען אין וועג אריין. פאררגאנגוט אבער האט געזאגט, אז עס איז יעצט אונמעגליך. ער האט געזעהן, וויא דער הימעל האט זיך ביסלעכווייס בעדעקט מיט וואלקענס און עס וועט באלד ווערן א שטורם. ער איז געווען א מבין אויף אזעלכע זאכען.

— לאמיר בעסער זוכען אן ארט, וואו מיר זאלען קענען זיך שיצען פארן רעגען, האט ער געזאגט. מיר איז דיא געגענד ניט בעקאנט. איך ווייס ניט, וויא לאנג א רעגען קען דויערן אין דיעזער געגענד.

ווילסאן איז געגאנגען זוכען אזא ארט. ער האט עס אויך באלד געפונען. אין אזא געגענד איז זעהר לייכט אויסצוגעפינען א גרויסען שטיין, אונטער וועלבען מען קען זיך שיצען. — ער האט אויסגעפונען א מין הייל אונטער א שטיין. מען האט נור געדארפט אביסעל אויסגראָבען און אויסרייניגען דיא שטיינער. דאס איז באלד געשעהן.

מען האט אנגעהויבען איבערצוטראגען אלע זאכען אין דער הייל. באלד האט זיך אויסגעוויעזען, אז פאררגאנגוט האט רעכט געהאט. דער הימעל האט זיך אין גאנצען בעדעקט מיט וואלקען. עס האט זיך אויפגעהויבען א שטארקער ווינד און עס האט אנגעהויבען צו גיעסען א רעגען. לארד גלענארוואן איז יעצט געווען צופריעדען, וואס זיי האבען זיך ניט געלאזען אין וועג אריין אין אזא וועטער. וואס וואלטען זיי געטהאן, ווען דער רעגען פערהאפט זיי אין וועג? דאָ וועניגסטענס זיינען זיי געשיצט.

זיי האבען גערעכענט, אז דער רעגען וועט באלד איבערגעהן. זיי וועלען דאָ איבערנעכטיגען און מארגען פריה וועלען זיי קענען געהן מיט'ן ברעג קיין אקלענד, אבער שטונדען זיינען פערגאנגען און דער רעגען האט ניט אויפגעהערט. ווילסאן און מילרעד זיינען געגאנגען אין וואלד, האבען אנגעקליעבען טרוקענע צווייגען און האבען פראבירט צו לעגען א פייער אין זייער הייל. עס איז צוואָר געווען זעהר אונאנגענעהם. דער רויך האט זיי געשטיקט, דערפאר אבער איז געווען וואַרם.

עס איז שוין דאמאלס געווען ענדע זומער אין יענע געגענדען און ביי נאכט

איז שוין געווען גוט קאלט, בעזאָנדערס ווען דער ווינד האט געבלאָזען פֿון זידען.

אין אונזערע געגענדען, דאס הייסט, אין דיא געגענדען, וועלכע ליעגען אין צפֿון זייט פֿון דער וועלט, איז דער זיד ווינד א ווארעמער ווינד. ער ברענגט שטענדיג מיט זיך היץ און שעהנעס וועטער. דער נאָרד ווינד דאגעגען איז שטענדיג א קאלטער ווינד. ער ברענגט מיט זיך קעלט און רעגען. — אין יענע לענדער, אין דיא געגענדען, וועלכע ליעגען אין דער זיד זייט פֿון דער וועלט, איז פונקט פֿערקעהרט. דער נארד ווינד איז ביי זיי דער וואַרעמער ווינד. ער ברענגט זיי היץ און שעהנעס וועטער. דער זיד ווינד איז דער קאלטער ווינד. ער ברענגט זיי קעלט, רעגען און שנעע.

פֿארוואס דאס איז, וועל איך ערקלערן ביי אנאנדער געלעגענהייט. איך קען דאך ניט לאזען לארד גלענארוואן אין רעגען און אין קעלט און נעהמען זיך אייך ערקלערן דיא געאגראפֿיע?

עס האט געבלאזען א קאלטער זיד ווינד און אונזערע רייזענדע איז געווען רעכט קאלט. ביים ארויסגעהען אויפֿין ברעג האט נאך יעדער פֿערנעצט זיינע קליידער און עס איז זיי געווען נאַס און קאלט. זיי האבען שוין דאהער געמוזט ליידען דעם רויך אום נור זיך אנצו־וואַרעמען און אפּצוטריקענען זייערע קליידער.

עס איז געווארען נאכט. דער רעגען האט נאך אלץ ניט אויפֿגעהערט. אלע זיינען געזעסען לעבען פֿייער און האבען זיך געווארמט. א לאנגע צייט האט מען געשוויעגען. ענדליך האט מען אנגעהויבען צו רעדען איבער ניי זעעלאנד. דער פּראָפֿעסאר האט אנגעהויבען צו דערצעהלען, וויא אזוי דיא ענגלענדער האבען אפּגענומען ניי זעעלאנד.

— זייט מען האט ענדעקט ניי זעעלאנד אין 1642, האט דער פּראָפֿעסאָר אנגעהויבען צו דערצעהלען, זיינען פֿיעלע שיפֿפֿען פֿון אייראפא צוגעקומען קיין ניי זעעלאנד. עס זיינען געווען פֿראנצויזישע, שפּאַנישע, פארטוגיזישע, האלענדישע און פֿיעלע אנדערע. קיינעם אבער איז ניט אייגגעפֿאלען, ער זאל אפּנעהמען דיעזע אינזלען. יעדער שיפֿס־קאפּיטאן, וועלכער האט בעזוכט דיעזע אינזלען, האט דערצעהלט, אז דיא מאָארי זיינען זעהר ווילד און דאס לאנד איז ארים. עס איז דאהער ניט ווערטה, מען זאל עס אפּנעהמען. ענגלאנד אבער האט אַן אנדער מעטאדע אפּצונעהמען לענדער. זיא שיקט ניט קיין שיפֿפֿען, זיא שיקט ניט קיין ארמעען — זיא שיקט מיסיאנערן.

דיא מיסיאנערן, וועלכע האבען געהאלפֿען ענגלאנד אפּנעהמען גאַנץ אפריקא, האבען אין ניי זעעלאנד געווירקט אזוי ווייט, אז זיי האבען איינגערעדט איינינע הויפטלינגע פֿון דיא מאָארי, זיי זאלען שרייבען א בריעף צו דער קעניגין וויקטאָריאַ פֿון ענגלאנד און זאל איהר בעטען, זיא זאלען זיי בעשיצען. דאס איז געווען אין 1840.

עס האבען זיך פֿערזאמעלט זעהר פֿיעל הויפטלינגע אום זיך צו בעראטהען, אויב זיי זאלען שרייבען דיעזען בריעף, ריכטיגער געזאגט, אויב זיי זאלען איהם אונטערשרייבען. דעם בריעף האט אנגעשריעבען א מיסיאנער, דיא הויפטלינגע

האבען נור געדארפט איהם אונטערשרייבען, אדער מאכען א צייכען פאר וייער אונטערשריפט. דאמאָלס האט נאך קיינער פון זיי ניט געקענט שרייבען.

עס האט זיך אנגעהויבען א דעבאַטע. איינינע האבען ניט געוואלט אונטער־שרייבען אזא בריעף. דער מיסיאָנער אבער האט זיי אזוי איינגערעדט, אז זיי האבען איהם דאך אונטערשריעבען. איינער פון זיי, א גאנץ קלוגער מענש, האט געמאכט זיין צייכען אויפ'ן בריעף און האט דערביי געזאגט מיט פערדרוס:

— יעצט האבען מיר פערלאָרען אונזער פרייהייט און אונזער לאנד. דיא פרעמדע מיט דיא גלאַטע צונגען און מיט דיא דונער וואפען — אזוי רופען זיי ביקסען — וועלען קומען און וועלען ביי אונז אלעס צונעהמען. מיר וועלען ווערן וייערע שקלאפען.

ליידער, האבען זיי זיך באלד איבערצייגט, אז ער האט פאלקאָמען רעכט. אין איינינע צייט ארום איז אנגעקומען אן ענגלישע קריעגס שיף מיט סאָלדאטען און מיט קאַנאָנען. דער קאפּיטאן פונ'ם שיף, מיט'ן נאמען האבסאן, האט צו־נויפגערופען אלע הויפטלינגע און האט זיי ערקלערט, אז דיא קעניגין וויקטאָריאַ האט געשיקט סאָלדאטען זיי צו שיצען, אבער פון היינט אָן געהערט וייער לאנד צו דער קעניגין וויקטאָריאַ.

פיעלע קלוגע הויפטלינגע האבען זיך בערעכענט, אז דער שוץ פון דער קעניגין וויקטאָריאַ דארף קאָסטען צו טהייער און האבען ערקלערט, אז זיי ווילען ניט, מען זאל זיי בעשיצען און ווילען ניט אוועקגעבען וייער לאנד. זיי האבען זיך געשטעלט געגען קאפיטאן האבסאן און האבען איהם געוואלט פערטריבען פון ניי זעעלאַנד. דער קלוגער ענגלענדער אבער האט געוואוסט, וויא אזוי צו געווי־נען איינינע פון זיי דורך פרעזענטען, אנדערע האט ער געדראהעט, אז ער וועט זיי שיעסען. אלע האבען ענדליך געמוזט נאכגעבען און אונטערצייכענען א פאַ־פיער, אז וייער לאנד געהערט יעצט צו דער קעניגין פון ענגלאנד. —

— אלזאָ, דארפען זיי דאך יעצט זיין שטיל און רוהיג? האט ליידי העלענא געפרעגט. וואס האבען מיר אלזאָ מורא צו האבען פאר זיי?

— איהר קענט ניט דיא מאַארי, האט דער פראפעסאר געענטפערט. דאס איז א שטאַרקעס און מוטהיגעס פאלק. זיי האבען אין דער ערשטער צייט נאכ־געגעבען. באלד אבער האבען זיי זיך איבערלעגט און האבען זיך געשטעלט געגען דיא ענגלענדער. זיי האבען מוטהיג געקעמפפט פאר יעדען פוס לאנד. זיי האבען זיך ניט געלאזט. זיי קעמפפען נאך יעצט און לאָזען זיך ניט. — דאס איז א מערקווירדיג פאלק. זיי זיינען איינגעטהיילט אין שטעמע (שבטים) וויא דיא אידען זיינען אמאל געווען איינגעטהיילט. איין שטאַם מיט'ן אנדערן פיהרט ביל־אָפט קריעג, קוים אבער קומט א פרעמדער פיינד, פעראייניגען זיי זיך און בילדען א שרעקליכע ארמעע. בעזאָנדערס מוטהיג און קריעגעריש איז א שטאַם אויף דער נאָרד אינזעל מיט'ן נאמען וואַיקאַטאָס. זיי האבען א הויפטלינג, וועל־כער הייסט אן ענגלישען נאמען, וויליאַם טאמפסאָן. ער איז אבער אן עכטער

ווילדער, וועלכער איז געווען איינינע יאהר אין לאנדאן און האט דארט געלערנט דיא קריעגס-קונסט פון דיא ענגלענדער. ער האט זיי שוין נים איינמאל געשלאגען און האט געוויעזען, אויף וואס א מאארי איז פעהיג.

— איך פערשטעה אייך ניט, פראפעסאר, האט ליידי העלענא געזאגט. איך האב אויך געלערנט געאגראפיע און וויים, אז דיא ענגלענדער האבען געגרינדעט קאלאניען און גרויסע שטעדט אין ניי זעעלאנד. זא פיעל איך וויים, האבען דיא ענגלענדער בעזעצט אלע פונקטען אין ניי זעעלאנד.

— געוויס! האט דער פראפעסאר געענטפערט. איך לייקען נים, אז דיא ענגלענדער האבען איינגעטהיילט ניי זעעלאנד אין 9 גרויסע פראווינצען: אקלענד, טאראנאקי, וועלינגטאן און האוקס-ביי אויף דער נארד אינזעל און נעלסאן, מארל-בארא, קאנטערבורי, אטאגא און סויטה-לענד אויף דער זיד אינזעל. איך וויים, אז אין 1868 זיינען אין ניי זעעלאנד שוין געווען 184 טויזענד 364 איראפעאישע איינוואינער. איך וויים, אז אין ניי זעעלאנד זיינען שוין דא גרויסע שטעדט מיט שולען, מיט באנקען, מיט בריקען, מיט האספיטעלער, מיט צייטונגען און מיט אלע נייע פערבעסערונגען פון דער ענגלישען ציוויליזאציאן. איך קען אייך אויס-רעכנען, וויא פיעל איינוואינער עס געפינען זיך אין יעדער שטאדט. איך קען אייך נאך ווייטער זאגען, אז אין היינטיגעס יאהר, אין 1865 האט מען פעראנ-שטאלטעט א גרויסע אויסשטעלונג, א וועלט אויסשטעלונג אין דער שטאדט אק-לענד — און דאך פיהרען דיא מאארי בעשטענדיג קריעג מיט דיא ענגלענדער.

— וואס רעדט איהר, פראפעסאר? האט ליידי העלענא געפרעגט. וויא איז דאס מעגליך צו מאכען א וועלט אויסשטעלונג אין דער צייט, וואס מען פיהרט קריעג מיט דיא איינוואינער פון׳ם לאנד? — דאס קען ניט זיין!

— דיא ענגלענדער קימערן זיך זעהר וועניג וועגען קריעג, האט דער פרא-פעסאר געענטפערט רוהיג. דער קריעג געהט זיך זיין וועג און דיא אויסשטעלונג געהט זיך איהר וועג. אין איין זייט שלאגט מען זיך און אין דער אנדערער זייט שטעלט מען אוים דיא פראדוקטען פון דער גאנצער וועלט. ביי דיא ענגלענדער איז דאס קיין נייעס ניט. זיי מאכען אייזענבאהנען אונטערן פייער פון דיא מאארי. ווען מען האט געבויט דיא דרורי אייזענבאהן און דיא מירי — מירי אייזענבאהן, זיינען דיא ארבייטער געגאנגען בעוואפענט מיט ביקסען, האבען געלעגט דיא רעלסען און האבען געשאסען אויף דיא מאארים. — דיא ענגלענדער זיינען שוין דערצו געוואהנט און עס הארט זיי ניט. אין דער מיט פון׳ם קריעג מאכט מען אן אויסשטעלונג. איינם מיט׳ן אנדערן געהער זיך ניט אן.

— אלזא, וואס הערט זיך עפעס פון׳ם קריעג? האט פאראגוט געפרעגט.

— מיינע פריינדע, האט דער פראפעסער געענטפערט, מיר זיינען שוין זעהר לאנג פון אייראפא. איך וויים ניט, וואס אין ניי זעעלאנד איז פארגעקומען אין דער צייט פון אונזער רייזע. איך קען אייך נור דערצעהלען, וואס עס איז געשעהן איידער מיר זיינען ארויסגעפאהרען פון אייראפא.

— ווען האט זיך אנגעהויבען דער קריעג? האט מערי גראנט געפרעגט.

— ווים דיא ענגלענדער האבען אפגענומען ניי זעעלאנד האט דער קריעג נים אויפגעהערט. קוים האבען דיא מאָרי געזעהן, אז עס קומען אן קאלאָניסטען פון אייראפא און בעזעצען זיך אויף זייער לאנד, האבען זיי אנגעהויבען צו פיהרען קריעג מיט דיא קאלאניסטען. עס האט זיך אנגעהויבען א קריעג פאר זייער אונאבהענגיגקייט, וועלכער דויערט נאך ביז אויף היינטיגען טאג.

וויא ווילד דיא מאָרים זיינען, האבען זיי דאך פערשטאַנען זיך צו פעראייניגען און צו בילדען א מין לאנד־ליגע. דער צוועק פון דיזער ליגע איז, אז קיינער פון זיי זאל נים פערקויפען קיין לאנד צו דיא פרעמדע. אין דעם בריעף, וואס דיא קעניגין וויקטאָריאַ האט זיי געשריעבען אין 1840, האט זיא אויסדריקליך געזאגט, אז זיא וועט זייער לאנד ביי זיי ניט צונעהמען. דיא ענגלענדער האבען עס אויך געהאלטען, אבער נור לפנים, נור צום שיין. זיי פלעגען פערנאַרען א ווילדען הויפטלינג, פלעגען איהם אנשיכורן און פלעגען איהם הייסען מאכען א צייכען אויף א בויגען פאפיער. דער ווילדער פלעגט שיכורערהייט מאכען דעם צייכען און נים וויסען, וואס פאר א זינן דאס פאפיער האט. — דעם אנדערן טאג פלעגט מען ביי איהם צו נעהמען דאס לאנד און ווייזען איהם א פערקויפס שיין. ער אליין האט עס פערקויפט און האט אונטערגעשריעבען דעם קאָנטראַקט.

דיא לאנד־ליגע האט עס געוואלט פערהיטען און האט ערקלערט, אז אזעלכע קאנטראַקטען האבען קיין ווערטה נים. יעדער פערקויפס קאָנטראקט מוז זיין אונטערשריעבען פון עטליכע הויפטלינגע. זיא האט אויך געוואוסט, וויא אזוי זיך צו שיצען און וויא אזוי זיך צו פערטהיידיגען.

אין 1860 האט דיא ענגלישע רעגיערונג אפגעקויפט פון א ווילדען זעקס הונדערט אַקער לאנד נים ווייט פון דער שטאדט ניו־פלימוטה אין דער פראָווינץ טאַראַנאַקי. ווען דיא ענגלישע בעאמטע — סורווייער, פעלדמעסטער — זיינען געקומען אפמעסטען דאס לאנד, האט דער הויפטלינג קינגי פראטעסטירט און ערקלערט, אז דער פערקויפס קאָנטראקט איז נים גילטיג, ווייל קיינער פון דיא ווילדע טאר קיין לאנד נים פערקויפען צו דיא ווייסע מענשען.

דיא רעגיערונג האט געשיקט סאלדאטען און האט געוואלט אפנעהמען דאס לאנד מיט געוואַלד. דער הויפטלינג קינגי האט צונויפגערופען זיינע קריעגער און האט אויסגעבויט א בעפעסטיגטען לאַגער אויף דיא זעקס הונדערט אַקער לאנד, וועלכע דיא רעגיערונג האט געקויפט. אזוי האט זיך אנגעהויבען דער שרעקליכער קריעג, וועלכער דויערט נאך ביז היינט.

איהר זייט אלע ענגלענדער, האט דער פראפעסאָר ווייטער געזאגט מיט א שמייכעל, און עס וועט אייך געוויס פערדריעסען, ווען איך וועל אייך זאגען, אז נים שטענדיג האבען דיא ענגלענדער געזיעגט. עס זיינען פאָרגעקומען פעלע וואו דיא ווילדע האבען זיי אזוי געשלאָגען, אז זיי האבען זיך געשעהמט אויסצוזאגען. דיא ווילדע האבען גאנצע באטאליאנען ענגלישע סאלדאטען געפאנגען גענומען.

וויא פיעל זיינען דען דא ווילדע · אין ניי זעעלאנד? האט ליידי העלענא געפרעגט.

— אמאל זיינען זיי געוועזען א צאהלרייכעס פאלק, האט דער פראפעסאר געענטפערט. ווען דער קאפיטאן קוק איז צום ערשטען מאל געקומען קיין ניי זעעלאנד, האט ער געפונען פיעלע גרויסע דערפער. ער האט ניט געקענט זאגען גענוי, וויא פיעל איינוואינער זיינען דאמאלס געוועזען, ער האט נור אונגעפעהר בערעכענט, אז זיי האבען געדארפט זיין אן ערך פון א האלבע מיליאן. אין 1845 האט דיא ענגלישע רעגיערונג געמאכט א צענזוס, אדער פאלקסצעהלונג און האט איבערגעצעהלט נור צוויי הונדערט טויזענד. מיר ווייסען פאר געוויס, אז דיא ווילדע האבען יעצט אן ארמעע פון דרייסיג טויזענד מאן. פאר אזעלכע אינזלען איז דאס א שטארקע ארמעע.

— קען דען ענגלאנד ניט שיקען א שטארקערע ארמעע אהין און בעזיעגען דיא ווילדע? האט ראבערט גראנט געפרעגט.

— דוא האסט געוויס רעכט, מיין קינד, האט דער פראפעסאר געענטפערט. דוא ווייסט אבער ניט, אז ענגלאנד האט זעהר פיעל לענדער און זעהר וועניג סאלדאטען. ענגלאנד פיהרט בעשטענדיג קריעג, אמאל אין איינע פון איהרע לענדער און קאלאניען און אמאל אין דיא אנדערע. ענגלאנד קען ניט אוועק שיקען א גרויסע ארמעע מיט אמאל. אויסער דעם איז ניט אזוי לייכט צו פיהרען א קריעג מיט דיא מאארי. זיי פיהרען ניט א קריעג, וויא אין איירא‌פא, וואו צוויי ארמעען קומען זיך צונויף, שלאגען זיך און ווער עס שלאגט בעסער, דער געווינט. — דיא ווילדע פיהרען אן אנדער ארט קריעג. זיי צוטהיילען זיך אויף קליינע באנדען, לויערן אויפ'ן פיינד און ווען זיי געפינען, אז ער איז שוואכער פון זיי, פאלען זיי אויף איהם אן.

בעזאנדערס אויסגעצייכענט האט זיך איין הויפטלינג פון דיא מאארי מיט'ן נאמען וויליאם טהאמפסאן. ער איז געוועזען אין ענגלאנד און האט אנגענומען אן ענגלישען נאמען. ער איז ווירקליך א טיכטיגער גענעראל און דיא ענגלענדער האבען פאר איהם מורא.

איין מאל האט דער ענגלישער גענעראל קאמעראן ארומגערינגעלט איהם מיט זיין ווילדע ארמעע אין זיינע א פעסטונג. דיא מאארי זיינען מעהר ניט געוועזען, וויא טויזענד מאן. ענגלענדער זיינען געוועזען מעהר אלס דריי טויזענד. דער ענגלישער גענעראל איז געוועזען זיכער, אז ער האט איהם שוין אין דיא הענד און ער האט שוין געזיעגט. קוים וועט ער נעהמען געפאנגען וויליאם טהאמפסאן, וועט זיך שוין ענדיגען דער קריעג.

דעם אנדערן טאג האט ער געפונען דיא טויערן פון דער פעסטונג אפען — דיא מאארי זיינען פערשוואונדען. זיי זיינען ביי נאכט ארויסגעגאנגען דורך א געהיימען וועג אונטער דער ערד.

גענעראל קאמעראן איז [illegible] געלונגען שפעטער אפצונעהמען דאס גאנצע

לאנד פֿון דיא וואַיקאַטאָ'ס, ער האט אבער איין מאָאָרי דאָרט ניט געפֿונען. אלע זיינען אנטלאָפֿען ווייטער, טיפֿער אין לאַנד.

— אלזא, האט זיך דאך דער קריעג שוין געענדיגט? האט קאפיטאן מאַר־ראנוט געפֿרעגט.

— דאס קען איך אייך ניט זאגען, האט דער פראָפֿעסאר געענטפֿערט. ווען איך בין אַרויסגעפֿאָהרען פֿון פּאַריז, האב איך געלעזען דיא לעצטע נאכריכטען, אז אייניגע שטעמע (שבטים) האבען זיך אונטערגעגעבען און דיא ענגלישע רע־גיערונג האט זיי גענאָמען דריי פֿערטעל פֿון זייער לאַנד. — איין פֿערטעל האט זיך זיך צוגענומען. ווען מיר זיינען געווען אין אויסטראַליען, האב איך געלעזען אין א צייטונג, אז וויללִיאַם טהאָמפּסאָן וויל זיך אויך אונטערגעבען. מען קען אבער ניט גלויבען דיא ענגלישע צייטונגען אין אזא פֿאַל. מיר האבען דאך שוין געהערט, וויא אזוי מען לערנט געאָגראַפֿיע אין אויסטראַליען. מיר וויסען דאך שוין, אז דיא קעניגין וויקטאָריאַ האט איינגעזעצט אין אמעריקא א פרעזידענט מיט'ן נאמען אברהם לינקאָלן און אין פעטערבורג האט זיא א גובערנאטאָר מיט'ן נאמען לאָרד אלעקסאנדער דער צווייטער. — וויא קען מען גלויבען אזעלכע צייטונגען?

— פֿון וואנען ווייסט איהר אבער אייערע נאכריכטען, גרויסער פראָפֿעסאָר? האט געפֿרעגט דער מאַיאָר מיט שפּאָט.

— פֿון'ם פֿראַנצויזישען קאנסול אין אקלענד, האט דער פראָפֿעסאָר געענט־פֿערט רוהיג.

— אלזאָ, וויא דענקט איהר פראָפֿעסאר? האט לארד גלענארוואן געפֿרעגט. געדויערט נאך דער קריעג צווישען דיא ענגלענדער און דיא מאָאָרי?

— איך קען ניט זאגען פֿאר געוויס. איך מיין אבער, אז ער געדויערט נאך.

— געפֿינען מיר זיך ערגעץ ניט וויט פֿון'ם אָרט, וואו דער קריעג ווערט געפֿיהרט.

— צום אונגליק, האט אונז דיא „מאקאַריאַ" פֿערפֿיהרט גראַדע אין דער געגענד, וואו עס געפֿינען זיך דיא אַרמעען פֿון דיא מאָאָרי. ווען מיר זאלען גע־ווען צוקומען מיט אייניגע מייל ווייטער קיין זידען (דרום זייט) וואלטען מיר גע־זעהן, וויא דער פֿלאַג פֿון דיא מאָאָרי וועהט הויך אין דער לופֿט.

— וויא עס ווייזט אוים, מוזען מיר זעהן צו געהן קיין נאָרדען, האט לארד גלענארוואן געזאגט. אין נאָרדען האבען דיא ענגלענדער שוין אפגערייניגט דאס לאנד פֿון דיא מאָאָרי.

— געוויס, מיר מוזען זעהן, וויא אַם שנעלסטען אויסצוזוייכען דיא מאָאָרי. ווען ניט דער רעגען, וואלט איך ניט געוואלט בלייבען אין דיעזער געגענד קיין האַלבע שטונדע.

— מעגליך, אז מיר וועלען אנטרעפֿען אן אבטהיילונג פֿון דער ענגלישער ארמעע, האט לארד גלענארוואן געזאגט. דאַן וועלען מיר [illegible]

— אלעס איז מעגליך, האט דער פּראָפעסאָר געענטפערט. איך ווינש עס געהזים.

אונטערדעסען איז געווארען שפעט. דער רעגען האט נאך אלץ געגאסען. עס איז געבליעבען, אז מען זאל אויסשטעלען א שטרענגע וואַך. צוויי מענשען זאלען שטענדיג ארומגעהן ארום זייער לאַגער. דיא איבעריגע זאלען זיך לעגען שלאָפען.

9טעס קאַפּיטעל.

אויף דער רייזע קיין אקלענד.

דיא נאַכט איז פאַראיבער רוהיג און שטיל. פאַרטאָג האט דער רעגען אויפגעהערט. קוים איז ליכטיג געווארען אין דרויסען, זיינען אונזערע רייזענדע שוין אלע אויפגעשטאַנען און האבען זיך פאַרבעריייטעט אין וועג אריין. מען האט האט פערפּאַקט דיא זאַכען, וואס מען האט מיטגעבראַכט פון דער „מאקאַריאַ" אין קליינע פעקלעך און יעדער האט גענומען א פעקעל. זאָגאר ראבערט גראנט האט געמוזט טראגען א פעקעל אויף דיא פּלייצעס.

דער פּראָפעסאָר האט אויסגעשפּרייט דיא לאַנד קאַרטע, וועלכע ער האט געבראַכט מיט זיך אין אויסטראליען און האט אנגעהויבען צו רעכענען, וויא ווייט זיי זיינען פון אקלענד. ער האט אויסגערעכענט, אז זיי זיינען אכציג ענגלישע מייל ווייט פון אקלענד. ווען זיי זאלען געהן צו צעהן מייל א טאג, קענען זיי אין אכט טאג אנקומען קיין אקלענד. ער האט ווייטער אויסגערעכענט, אז זיי זאלען געהן מיט'ן ברעג נור פופציג מייל, דאַן וועלען זיי קומען צו א טייך. ווען זיי געהן אריבער דעם טייך אין דעם אָרט, וואס ער האט אנגעוויזען, קענען זיי איינשפּארען א שטיק וועג.

— איך וועל אייך שוין ווייזען דעם וועג, האט ער געזאגט און האט צונויפגעקייקעלט זיין לאַנד קאַרטע.

ער האט גענומען אויף דיא פּלייצעס דאס פעקעל, וועלכעס מען האט אנגעגרייט פון זיינעטוועגען און דיא קליינע פּאַרטיע האט זיך געלאזט אין וועג אריין.

דער וועג איז געווען רעכט אנגענעהם. מען איז געגאַנגען ביים ברעג פון מעער און מען האט אפט געזעהן פערשיעדענע פיש און מעער טהיערע, וועלכע האבען זיך לוסטיג געשפּיעלט ביים ברעג. זיי האבען זיך ניט דערשראָקען, ווען אונזערע רייזענדע זיינען צוגעקומען צו זיי, א בעוויז, אז מענשען קומען אהין וועהר זעלטען.

דער פּראָפעסאָר און ראבערט גראנט פלעגען זיך אפּשטעלען בעטראַכטען דיעזע טהיערע. קאַפּיטאַן פאַרראַגוט האט זיי געוואַרנט און געבעטען, אז זיי זאַלען בעסער געהן וואס אַם שנעלסטען, עס האט אבער גאר ניט געהאָלפען. קוים האט זיך געוויזען א פיש אדער א זעע הונד Seal האבען זיי זיך געמוזט אפּשטעלען און זיי בעטראַכטען.

איין מאל האבען זיי דערזעהן עטליכע זעע לעווען, אדער זעע עלעפאַנטען — אויך א סאָרט זעע הינד, אבער גאנץ גרויס און זעהט אויס אביסעל אנדערש, וויא א זעע הונד — דא האט שוין ניט געהאלפען קיין רעדען און קיין בעטען. דער פראָפעסאר און ראבערט גראנט האבען זיך אניעדער געזעצט אויף א שטיין און האבען רוהיג בעטראַכט דיא זעע לעווען.

— זעהט נור, פראָפעסאָר, זיי עסען שטיינער! האט ראבערט גראנט אויס־גערופען.

עס איזווירקליך אזוי געווען. איינינע פון דיא זעע לעווען זיינען ארויסגע־קראָכען אויפ׳ן ברעג, האבען אויסגעזוכט גלאַטע, קיילעכדיגע שטיינער און האַ־בען זיי איינגעשלונגען. ראבערט גראנט איז געווען אויסער זיך. ער האט זיך אויף קיין פאַל ניט געקענט ערקלערן, וויא אזוי א לעבעדיגע זאַך קען עסען שטיינער.

— עס איז אזוי, מיין קינד, האט דער פראָפעסאר ערקלערט.. זיי עסען אבער ניט דיא שטיינער, זיי פערשלינגען זיי נור.

— דאס פערשטעה איך ניט, פראָפעסאר, האט ראבערט זיך געוואונדערט. וואס הייסט, זיי פערשלינגען דיא שטיינער און עסען זיי ניט?

— דיא זעע לעווען נעהרען זיך פון פיש, האט דער פראָפעסאר דערקלערט. זיי זוכען אויס זייער שפייז גאנץ טיעף אין מעער. אום זיי זאלען זיך קענען שנע־לער אראפלאזען אין מעער, שלינגען זיי איין שטיינער, זייער קערפער זאל ווערן שווערער. ווייסט דוא דען ניט, אז מען לאַדעט אמאָל אן א שיף מיט זאַמד? — פאַרוואס טהוט מען עס? דאס שיף מוז האבען איהר באַללאַסט, א שווערע מאַסע, וועלכע זאל זיא האלטען פעסט אין וואַסער. דיא זעע לעווען טהוען דאס זעלבע. זיי לאדען זיך אן מיט א באללאַסט. ווען זיי וועלען אנחאַפען גענוג פיש אויף מיטאג, וועלען זיי ארויסשווימען אויפ׳ן לאנד און וועלען אויסשפייען דיא שטיינער.

מיט פיעל מיה, האט לארד גלענארוואן אפגעריסען דעם פראָפעסאָר פון דיעזער סצענע.

אום צוועלף אוהר האט מען זיך אפגעשטעלט צו עסען מיטאג און זיך אביסעל אויסצורוהען. דער מאַטראָז מילרעד האט אנגעזאַמעלט ביים ברעג אויסטערן און אלבינעט האט געמאכט פון זיי א פאַרטרעפליכען מיטאג. אום איינס אוהר האט לארד גלענארוואן געהייסען ווייטער געהן. מען איז געגאנגען ביז פינף אוהר. יעצט האבען זיי געמוזט אוועקגעהן פון׳ם ברעג. א גרויסער באַרג מיט אונגעהייערע שטיינער האט זיך אריינגעלאָזען גלייך אין מעער. מען האט געמוזט ארומגעהן דעם באַרג.

עס איז געבליעבען, זיי זאלען דא נעכטיגען און מארגען אין דער פריה ארומגעהן דעם באַרג. מען האט ווידער אויסגעשטעלט וואַכען. קיין פייער האַ־בען זיי ניט געוואלט מאכען. דיא ווילדע קענען נאך דערזעהן פון דערווייטען דעם רויך און אויף זיי אנפאַלען.

דיא נאַכט איז פאַראיבער גאַנץ שטיל און רוהיג. ווען אונזערע רייזענדע זיינען אויפגעשטאַנען אין דערפריה פריש און געקרעפטיגט, האבען זיי זיך גע־רעכענט אזוי ווייט זיכער, אז דער פראָפעסאָר האט געזאגט:

— ווען מיר וועלען נאך היינטיגען טאג ניט.טרעפען דיא מאַאָרי, קענען מיר זיך רעכענען פאר גערעטעט. וויא עס ווייזט אוים, זיינען זיי ניטא אין דיעזער געגענד.

מען האט זיך געלאָזט ווייטער אין וועג. דאס מאל זיינען זיי געגאנגען דורך קליינע בוימלעך — בוש. דער וועג איז שוין געווען פיעל שווערער. דענאך זיינען אלע געגאנגען מוטהיג און מונטער. דער פראָפעסאָר האט זיך יעצט צוגע־קוקט צו יעדעם ביימעלע און צו יעדען פויגעל. ער האט געוואוסט, אז אין ניי זעעלאַנד זיינען דאָ וואונדערבאַרע פויגעל. ער האט זיך געפרעהט, וויא א קליין קינד, ווען ער האט דערזעהן א „ט ו א י“ און האט אויסגערופען איין מאל נאכ'ן אנדערן

— ט ו א י! ט ו א י!

— וואס איז מיט אייך, פראָפעסאָר? האט דער מאַיאָר געפרעגט. וואס שרייט איהר אזוי?

— דער ט ו א י איז א זאָנדערבאַרער פויגעל, האט דער פראָפעסאָר ער־קלערט. אין ווינטער ווערט ער אזוי פעט, אז ער קען זיך ניט ריהרען. ער רייסט אליין אויף זיין ברוסט מיט זיין שנאָבעל, אום דאס פעט זאל ארויסרינען. דאס מאכט איהם לייכטער. — דאס איז געוויס זאָנדערבאַר.

— זאָנדערבאר? האט דער מאַיאָר געלאַכט. עס איז גאר ניט זאָנדערבאַר

— עס איז א ליגען!

דער פראָפעסאר האט זיך געפיהלט בעליידיגט און האט געוואלט לויפען אין וואַלד, שיעסען א ט ו א י און ווייזען דעם מאַיאָר דיא צייכענס, וואס דער פויגעל האט אויף דער ברוסט. לארד גלענערוואן האט איהם מיט געוואַלט צוריק געהאלטען.

דערפאר האט איהם גאט בעשערט אן אנדערע איבערראַשונג, מיט וועלכע ער איז געווען זעהר צופריעדען. ראבערט פלעגט ארומשפרינגען, וויא א יונגער האָז און פלעגט זוכען צווישען דיא בוימלעך. באלד האט מען דערהערט זיין געשריי.

— פראָפעסאָר! קומט נור אהער, פראָפעסאָר!

דער פראָפעסאָר איז באלד צוגעלאָפען צו דעם אָרט, וואו ראבערט איז געשטאנען, און האט דערזעהן א פויגעל, וועלכער האט איהםווירקליך איבער־ראַשט. — דאס איז געווען דער פויגעל, וועלכען דיא ניי זעעלענדער רופען „קיווי“. איינע פון דיא זעלטענסטע בעשעפענישען אין דער וועלט. ער איז א פויגעל, ווייל ער געהט אויף צוויי פים. ער האט אבער קיינע פליעגעל און קיין עק, וויא א פויגעל. זיין קערפער איז בעדעקט מיט ווייסע פעדערן. זיי זיינען אבער אזוי דין און אזוי פיין, אז זיי זיינען עהנליך צו האר. דיעזער פויגעל איז אזוי זעלטען, אז

פֿיעלע זאָלאָגישע מוזעען וואלטען געצאהלט צעהנער טויזענדער דאלאר פֿאר אזאַ פֿאָר פֿויגעל. זיים דיא ווייסע מענשען זיינען צוגעקומען צו ניי זעעלאַנד איז ער געווארען נאך זעלטענער. עס איז איהם זעהר לייכט צו פֿאַנגען, ווייל ער קען ניט פֿליהען און ווער עס דערזעהט איהם, דער טויטעט איהם.

דאס איז איינער פֿון דיא סאָרטען פֿויגעל, וועלכע שטאַרבען אויס. אין א קורצע צייט וועט ניט בלייבען פֿון זיי ניט איינער.

דער פּראָפֿעסאר האט זיך נאכגעיאָגט נאך איינעם פֿון דיעזע פֿויגעל און האט איהם געחאַפּט. ער האט איהם באלד געבונדען דיא פֿיס און האט איהם געטראָגען מיט זיך. ער האט זיך שוין פֿאָרגעשטעלט, אז דיא פּאַריזער געאָגראַפֿישע געזעלשאַפֿט וועט איהם געבען איהר גרויסע גאָלדענע מעדאַלע, ווען ער וועט קומען קיין פּאַריז און וועט איהר שענקען א לעבעדיגען „ק י ו ו י.“ —

דער טאג איז פֿאָראיבער. עס איז שוין געווען באַלד נאַכט. מען האט זיך געדאַרפֿט זוכען א נאַכט לאגער.

— איך האָף, אז נור נאך היינטיגע נאַכט וועלען מיר מוזען נעכטיגען אין וואַלד, האט קאפּיטאן פֿארראגוט געזאגט. מיר זיינען איינגעגאנגען אין דיא צוויי טאג אן ערך פֿון דרייסיג מייל. מיר דארפֿען שוין באלד אנקומען אין א געגענד, וואו עס וואינען ענגלישע קאלאָניסטען.

— מיר דאַכט, אז איהר האט אונז געזאגט, אז דאָ ערגעץ געפֿינט זיך א דאָרף? האט לארד גלענארוואן געפֿרעגט דעם פּראָפֿעסאָר.

— אין דער לאַנדקאַרטע, וועלכע איך האב געבראכט פֿון אויסטראַליען, איז פֿערצייכענט, אז דאָ לעבען טייך, געפֿינט זיך א דאָרף פֿון דיא מאַאָרי, האט דער פּראָפֿעסאָר געענטפֿערט.

— אלזאָ, לאמיר בעסער צוגעהן נאך אביסעל און צוקומען צום דאָרף, האט לארד גלענארוואן געזאגט. איך האב מיטלייד מיט דיא דאַמען. זיי דאַרפֿען זיך אויסרוהען.

— וואס רעדט איהר, מילארד? דאס איז דאך א דאָרף פֿון ווילדע מענשען, פֿון דיא מאַאָרי?

— מיר זיינען דאך ניט ווייט פֿון אקלענד. דיא מאַאָרי, וועלכע וואינען דאָ, זיינען שוין געווים ציוויליזירט און מיר האבען פֿאר זיי ניט וואס מורא צו האבען.

— ניין, מילארד! האט דער פּראָפֿעסאָר געזאגט ערנסט. דאָרט, וואו עס געפֿינען זיך דיא מאַאָרי, דארט וויל איך ניט זיין. איך ווייס ניט, וואס עס הערט זיך וועגען דעם קריעג, איך ווייס ניט, אויב דיא מאַאָרי פֿון דיעזען דאָרף האבען זיך אונטערגעגעבען אדער נאך ניט. — איך וועל בעסער שלאָפֿען צעהן נעכט אין וואַלד, איידער איין נאַכט אונטער איין דאַך מיט א ציוויליזירטען מאַאָרי.— לאָמיר בעסער נעכטיגען דיעזע נאַכט אין דרויסען. מארגען וועלען מיר אנקומען צו אן ענגליש דאָרף — דרורי, דארט וועלען מיר שוין שלאָפֿען וויא מענשען.

אלע האבען געשטימט מיט'ן פּראָפֿעסאָר. זיי האבען אלע זעהר מורא געהאט

פאר דיא מאַרי. עס איז געבליעבען, זיי זאלען נאך געהן אביסעל, ביז זיי וועלען צוקומען צו אן אָרט, וואו צוויי טייכען גיעסען זיך צונויף. דארט וועלען זיי איבערנעכטיגען. גאנץ פריה וועלען זיי אריבערגעהן דעם טייך וואַי פאַ. דאן זיינען זיי שוין צווישען דיא ענגלישע קאלאָניען און זיי וועלען געפינען מיטעל, וויא צו קומען קיין אקלענד.

עס איז ניט געווען פיעל וואס צו עסען. זיי האבען מורא געהאט צו מאכען א פייער. מען האט אפגעגעסען, וואס מען האט געהאט, און מען האט זיך געלעגט שלאפען.

10טעס קאפיטעל.

ביי דיא ווילדע מענשען.

דיא נאַכט איז געווען רוהיג און שטיל. געגען צוויי אוהר פאר טאַג האט ווילסאן און פאַרראגוט, וועלכע זיינען געשטאַנען ביז אהער אויף דער וואַך, אויפגעוועקט דעם פראפעסאר און אלבינעט. זיי זאלען זיך שטעלען אויף דער וואַך. זיי האבען גענומען זייערע ביקסען און האבען זיך געשטעלט פאַרן לאַגער. דער פראפעסאר האט זיך באַלד פערטיעפט אין זיינע געדאַנקען איבער דיא געאָגראַפיע פון ניי זעעלאנד. אלבינעט איז געווים געווען א גוטער פראוויאַנט מייסטער, אבער זעהר א שלעכטער סאלדאט און האט זעהר ווענינ פערשטאַנען דיא עדעלע קונסט צו שטעהן אויף דער וואַך.

זיי האבען ניט געוואוסט, פון וואַנען עס איז געקומען; זיי האבען ניט געקענט ערקלערן, וויא אזוי עס איז געשעהן. פלוצלונג, וויא דורך א צויבער זיינען זיי געלעגען געבונדען. אין דער זעלבער צייט האבען אנדערע הענד געבונדען לארד גלענארוואן, קאפיטאן פאַרראגוט און אלע איבעריגע. — פון שרייען, רעדען, בעטען, דראהען האט ניט געקענט זיין קיין רעדע. אייזענשטאַרקע הענד האבען געבונדען יעדען בעזונדער, האבען איהם אוועקגעשלעפט צום וואַסער און אריינגעוואָרפען אין א גרויסעם באָאַט אדער וויא עס הייסט אויף דער שפראַכע פון דיא ווילדע, קאַנאָע.

עס איז אלעס געטהאַן געווארען אזוי שנעל און אזוי געשיקט, אז איידער אונזערע רייזענדע האבען זיך אומגעקוקט, זיינען זיי אלע געלעגען געבונדען גאַנץ נאָהענט איינער לעבען אנדערן אויפ'ן באדען פון דעם קאַנאָע. אין דער ערשטער צייט זיינען זיי געווען אזוי איבערראַשט און אזוי דערשראָקען, אז קיינער פון זיי האט קיין ווארט ניט געקענט ארויסרעדען. צו ביסלעכווייס אבער זיינען זיי געקומען צו זיך און האבען זיך אנגעהויבען אומצוקוקען, וואו זיי זיינען.

עס איז טאג געווארען און זיי האבען געקענט זעהן, וואו זיי געפינען זיך און אין וואס פאר א געזעלשאַפט זיי געפינען זיך. ערשט יעצט האבען זיי געזעהן, אז זיי געפינען זיך אין דיא הענד פון דיא מאַארי. אין דער מיט פון דער קאַנאָע איז געשטאַנען א הויכער שטאַרקער מאַן און האט קאָמאַנדירט דיא אנדערע, וועלכע האבען געררודערט. — דאס איז געווען א הויפטלינג, דער קאפיטאַן פון דיא מאַארי.

ער איז געווען טאַטואירט. — אויף זיין געזיכט זיינען געווען אויסגעשניטען
געוויסע פאַסען און צייכענס, וויא מען זעהט אמאָל אויף דיא הענד פון מאַטראָזען.

דיא ווילדע אין אנדערע לענדער לאזען זיך טאַטואירען פון שעהנהייט
וועגען. זיי געפינען, אז א טאַטואירטער קערפער איז שעהנער, אלס איין ניט
טאַטואירטער. ביי דיא מאָארי אבער איז עס אן עהרע. אין ציוויליזירטע לענדער
טראָגען דיא אפיציערען געוויסע צייכענס, וואס ווייזען, ווער זיי זיינען, וויא עפּא-
לעטען, שטערנס אויפ'ן קראַגען און דערגלייכען. דיא ווילדע אין ניי זעעלאַנד
מאכען דיעזע צייכענס אויפ'ן שטערן און אויפ'ן געזיכט. וואס פאר א העכערן
ראַנג (טשין) דער מאָארי האט, אלץ מעהר צייכענס האט ער אויף זיין געזיכט.

דאס טאַטואירען קומט אן ניט אזוי לייכט. עס איז ווידר א שמערצליכע
אפעראַציאן. נאכ'ן טאַטואירען ליעגט דער שטאַרקסטער מענש קראַנק א טאג
אדער צוויי. אין דיא לענדער, וואו מען קען שוין דעם געברויך פון אייזען, בע-
נוצט מען צום טאַטואירען א שאַרפען אייזערנעם אינסטרומענט. אין דיא לענ-
דער, וואו מען וויים נאך ניט דעם געברויך פון אייזען, בעדיענט מען זיך מיט א
שאַרפען שטיין אדער מיט אינסטרומענטען פון ביינער פון חיות. מען מאַכט לע-
בעלעך אין קערפער און, ווען דאס בלוט געהט נאך, בעשמיערט מען זיי מיט'ן
גרינעם זאַפט פון געוויסע גראָזען און דיא לעכעלעך אדער דיא איינשניטע בליי-
בען אויף אייביג געפאַרבט מיט א גרינער, בלויער אדער רויטער פאַרב.

דער הויפטלינג פון דיא מאָארי, וועלכער האט קאָמאַנדירט דאס קאַנאָע,
אין וועלכע אונזערע רייזענדע זיינען געלעגען געבונדען, האט געהאט פינף ברייטע
רויטע פאַסען איינגעקאַרבט אין זיין שטערן, א בעווייז, אז ער איז א גרויסער מאַן.

ווען לארד גלענאַרוואן איז געקומען צו זיך, האט ער געזאגט שטילערהייט
צו זיינע קאמעראַדען, אז זיי זאלען זיך פערהאַלטען רוהיג און קאַלט־בליטיג.
דיא ווילדע מענשען זיינען נאַטור קינדער. זיי זיינען, וויא דיא ווילדע טהיערע.
שטעהט מען רוהיג און מען קוקט זיי גלייך אין דיא אויגען, דערשרעקען זיי זיך
און בעקומען רעספעקט פאר זייער געגנער. הויבט מען אבער אָן צו אנטלויפען
אדער וויזט מען זיי נור א צייכען, אז מען האט מורא, ווערן זיי מוטהיג, יאָגען
זיך נאך און בעהאַנדלען זייער געגנער זעהר שלעכט.

אלע האבען געפאלגט זיין ראַטה. זיי האבען זאָגאַר אנגעהויבען צו שפּאַ-
סען מיט דיא ווילדע און זיי אויסגעפרעגט, ווער זיי זיינען און וויא זיי הייסען.
דיא ווילדע האבען געקענט עטליכע ווערטער ענגליש און האבען געוואלט אר-
בערשרעקען דיא ווייסע מענשען.

— ווייסט איהר, אין וועמעס הענד איהר געפינט זיך? האט איין מאָארי
זיי געזאגט — איהר זייט געפאַנגען ביים הויפטלינג קאַאי־קומו!

קיינער האט ניט פערשטאַנען, וואס דאס הייסט. נור דער פּראָפעסאָר,
וועלכער איז געווען גוט בעקאַנט מיט דער געשיכטע פון'ם קריעג צווישען דיא
ענגלענדער און דיא מאָארי, האט געוואוסט, ווער קאַאי־קומו איז. ער האט עס
ערקלערט לארד גלענאַרוואן אויף פראנצויזיש.

קאַאי-קומו איז דער ליעטענאַנט פֿון'ם גענעראל וויליאַם טאמפסאן. זיין נאמען ווייזט, וואס ער איז. קאַאי-קומו הייסט: איך עס דיא ביינער פֿון מיינע פֿיינד. ער איז איינער פֿון דיא שרעקליכסטע און ווילדעסטע אנפֿיהרער פֿון דיא מאַאָרי. ער האַסט דיא ענגלענדער און ווען ער קריעגט נור איינעם, פֿרעסט ער איהם באלד אויף מיט דיא ביינער.

דיעזע נאכריכט איז ניט געווען אזוי פֿרעהליך. עס וואלט זיי געווארען נאך סעהר ניט פֿרעהליך, ווען זיי וואלטען געוואהר געווארען דיא גאנצע וואהרהייט.

עס איז ניט לאנג פֿאָרגעקומען א שלאַכט צווישען דיא ענגלענדער און דיא מאַאָרי. דיא ענגלענדער האבען געזיעגט און האבען גענומען זעהר פֿיעל מאַאָרי געפֿאנגען. דעם גענעראַל קאַאי-קומו איז עס געלונגען צו אנטלויפֿען מיט אַ טהייל פֿון זיינע קריעגער. ער איז יעצט געגאנגען ווייט אין לאנד צונויפֿצונעהמען אלע איבעריגע שטעמע (שבטים) און מיט זיי אנפֿאַלען מיט אמאָל אויף דיא ענגלענדער. זיי האבען אויפֿגעשלאָגען זייער לאגער אין דיא בוימלעך (בוש) ניט ווייט פֿון'ם אָרט, וואו לארד גלענארוואן מיט זיין פארטיע האבען גענעכטיגט. דיא מאַאָרי האבען געזעהן, וויא דיא רייזענדע זיינען געקומען מיעד און האבען זיך געמאַכט א נאכט לאגער. זיי זיינען געווען זעהר פֿאָרזיכטיג, האבען קיין ליאַרם ניט געמאַכט און ערשט פֿארטאָג האבען זיי ארומגערינגעלט אונזערע רייזענדע און האבען זיי אויסגעבונדען איינציגוויים, וויא דיא שעפסען.

דערפֿון אבער האבען אונזערע רייזענדע דערווייל גיט געוואוסט. זיי האַבען זיך געמאכט הארץ און האבען געוויזען דיא ווילדע, אז זיי הערן זיי ניט און קימערן זיך גאר ניט, וואס זיי זיינען געפֿאַנגען. לארד גלענארוואן האט גע-פֿאַסט מוטה און האט געפֿרעגט דעם הויפטלינג קאַאי-קומו:

— וואוהין פֿאהרען מיר, קאפיטאַן?

קאַאי-קומו האט אויף איהם געוואָרפֿען א קאַלטען בליק און האט ניט גע-ענטפֿערט.

— וואס ווילסט דוא טהאן מיט אונז, קאפיטאן? האט לארד גלענארוואן ווייטער געפֿרעגט גאנץ רוהיג.

א בליץ פֿון האַס און צאָרן האט געפֿונקעלט אין קאַאי-קומו'ס אויגען.

— דיא ענגלענדער האבען אונזערע געפֿאַנגענע. ווען איהר האט עפּעס א ווערטה און אייער פֿאלק וועט וועלען אויסבייטען אייך פֿאר אונזערע געפֿאַנגענע, וועלען מיר אייך אויסבייטען; ווען איהר האט פֿאר זיי קיין ווערטה ניט און זיי וועלען ניט וועלען אייך אויסבייטען, וועלען מיר אייך אויפֿעסען.

דאס איז געווען א גאַנץ קלאָרע און דייטליכע אנטווארט. לארד גלענאַר-וואן האט געזעהן, אז דער מאַאָרי הויפטלינג רעדט ענגליש. אלזאָ, מוז מען רע-דען מיט זיינע קאמעראַדען אנאנדערע שפראַכע. ער האט אנגעהויבען צו רעדען מיט זיי פֿראנצויזיש.

— דיא אַנטווארט פֿון'ם ווילדען גיט מיר האָפֿנונג, האט ער געזאגט. וויא איך פֿערשטעה, געפֿינט זיך א גרויסער מאן פֿון דיא מאַאָרי געפֿאנגען ביי דיא

ענגלענדער. זיי ווילען איהם אויסלעזען. ווען מיין פריינד, דער גובערנאטאר פון אקלענר, וועט נור געוואהר ווערן, אז איך בין געפאנגען ביי די מאָרי, וועט ער געוויס טהאן אלעס מעגליכע אום מיך צו בעפרייען. מיר האבען אלזאָ נאך האפנונג זיך צו רעטען.

דער פראָפעסאָר האט זיך באלד אין גאַנצען בערוהיגט און האט געבעטען דעם הויפטלינג, ער זאל איהם אפבינדען די הענד און איהם ערלויבען צו בע־טראַכטען זיין לאנדקאַרטע. ער האט געוואלט זעהן, וואוהין מען פיהרט זיי.

קאַאי־קומו האט זיך ערשט צוגעקוקט צום פראָפעסאָרס געזיכט מיט זיינע גרויסע בלויע ברילען און האט א שמייכעל געטהאן. דאס געזיכט איז איהם אויסגעקומען זעהר קאָמיש. ער האט ניט געוואוסט, וואס א לאנדקאַרטע איז און איז געווען נייגיעריג צו זעהן, וואס דער ווייסער מענש וועט טהאן, ווען ער וועט איהם אפבינדען די הענד. ער האט געהייסען איינעם פון זיינע קריעגער, ער זאל איהם אפבינדען די הענד, דערפאר אבער זאל ער איהם נאך פעסטער צו־בינדען די פיס צום קאַנאָע.

דער פראָפעסאר האט גאַנץ רוהיג צושפּרייט זיין לאנדקארטע און האט בעטראכט, וויא דער טייך וואַיקאַטאָ, אויף וועלכען זיי זיינען יעצט געפאָהרען, דרעהט זיך, וויא א שלאנג, צווישען זיינע הויכע ברעגעס. דער וואַיקאַטאָ איז דער גרעסטער טייך אויף דער נארד אינזעל פון ניי זעעלאנד. ער איז היילינ ביי די מאָרי. קיין אייראפּעער האט איהם נאך ניט אויסגעפאָרשט אין גאנצען. די מאָרי לאזען קיינעם ניט צו צום אויבערשטען טהייל פון איהם, וואו ער הייבט זיך אן.

קאַאי־קומו האט נייגיעריג צוגעקוקט, וויא דער פראפעסאר בעטראכט די לאנדקארטע. ער האט פערשטאנען, אז דאס איז ניט קיין געוועהנליכער מענש און האט אנגעהויבען צו האבען פאר איהם רעספּעקט. מעגליך, אז ער האט איינ־געזעהן, אז דער דארער לייב פאַגאַנעלס איז ניט אזוי געשמאַק און דער געברא־טענס, וואס ער וועט מאכען פון איהם, וועט ניט טויגען. אלענפאלס האט ער געפונען, אז דיעזען מענשען דארף מען בעהאנדלען א ביסעל בעסער, וויא די אנדערע.

— וויא שנעל געהט אונזער קאַנאָע? האט דער פראפעסאר געפרעגט קאַ־פּיטאן פאררגוט אויף פראנצייזיש.

— זא וויים איך קען אויסרעכענען, געהט עס אן ערך פון דריי מייל אין א שטונדע, האט פאררגוט געענטפערט. אבער צו וואס פרעגט איהר עס?

— איך האב געהערט, וויא די ווילדע האבען עטליכע מאל ארויסגעזאגט דאס ווארט „טאַאופאָ“. דאָס איז דער נאמען פון א גרויסען זעע (אָזיערא) טיעף אין לאנד. מיר ווייזט אויס, אז מען פיהרט אונז אהין. נאך מיין רעכנונג וועלען מיר ערשט אין פיער טאג ארום אנקומען קיין „טאַאופאָ“.

— וואס ווערט דערפון, וואס מיר ווייסען, אין וויפיעל טעג מיר וועלען אנקומען אהין, האט דער מאיאר געזאגט בייז. וואו זיינען בעסער די ענגלענדער?

— ווי עס וויזט אויס, האט זיך דער קריעג אויסגעבריייטערט ביז מאַאופאַ. דארט ערגעץ שטעהן געווים די ענגלישע רעגימענטער און מען פיהרט אונז אהין אום אונז אויסצובייטען אויף די געפאַנגענע מאַאָרי.

— הלואי זאלט איהר אמת זאגען! האט לידי העלענא זיך אפגערופען.

לארד גלענארוואן האט געזעהן, אז קאַאי-קומו לאזט פון זיי קיין אויג ניט אראפ. ער האט דאהער געגעבען א צייכען, אז מען זאל שווייגען. ער האט גע־וואוסט, אז די ווילדע מענשען זיינען גרויסע מימיקער. זיי פערשטעהן אלעס אויפ׳ן ווינק. זיי קענען לעזען יעדען אויסדרוק פון׳ם געזיכט, יעדע בעוועגונג פון די אויגען און יעדע מינע, וואס דער מענש מאכט.

אלע האבען געקוקט אויף ביידע זייטען פון׳ם טייך. זיי זיינען פאַרבייגע־פאהרען איינציגע דערפער פון די מאַאָרי. די דערפער אבער זיינען געווען לע־דיג. די איינוואוינער זיינען אנטלאפען. איבעראל האט מען געקענט זעהן די שפורען פון׳ם שרעקליכען קריעג. הייזער זיינען געווען פערברענט און צערשטערט. פעלדער—צוטראטען און פערניכטעט. איבעראל איז געווען שטיל און רוהיג. נור איינציגע פייגעל האבען זיך געוויזען אויף די ביימער. נור זיי זיינען געווען צופריעדען מיט׳ן קריעג. פאר ז׳י איז יעצט געווען אלעס פריי.

אום צוועלף אוהר האט קאַאי-קומו געהייסען בלייבען שטעהן לעבען א ברעג. עס איז געווען מיטאג צייט. די געפאַנגענע האט ער געהייסען געבען זייער פראוויאנט. מען האט זיי אפגעבונדען די הענד און מען האט זיי געלאזען עסען זייער מיטאג. די מאַאָרי האבען געגעסען זייערע אייגענע שפייזען. זיי האבען ניט אנגעריהרט דאס עסען פון די אייראפעער.

נאכ׳ן עסען האט מען זיך א ביסעל אויסגערוהט און דאן איז מען ווייטער געפאהרען. געגען אבענד איז מען געבליעבען שטעהן. קאַאי-קומו האט געהייסען זיינע געפאַנגענע ארויסגעהן. מען האט זיי אפגעבונדען די פיס, דערפאַר אבער האט מען זיי געבונדען די הענד. די דאמען האט מען געלאזען גאנץ פריי. מען האט געמאכט א לאגער אויף די נאכט. א שטארקע וואך איז ארומגעגאנ־גען די גאנצע נאכט און האט זיי אפגעהיט.

לארד גלענארוואן און קאפיטאן פאַרראגוט האבען צוואר געמאַכט פלענער, וויא צו אנטלויפען, עס איז אבער געווען ניט אזוי לייכט צו אנטלויפען פון קאַאי־קומו׳ס הענד. דער פראפעסאר האט ערקלערט, אז עס לוינט גאר ניט צו אנטלוי־פען. די געגענד איז זיי ניט בעקאנט. די מאַאָרי זיינען געשיקט און וועלען זיי אויסכאַפּען איינציג ווייס. עס איז גלייכער צו ווארטען. די ענגלישע רעגיערונג וועט זיי געווים אויסלעזען. בעזאנדערס, ווען קאַאי-קומו האט זיי אליין געזאגט, אז ווען זיי האבען נור א ווערטה ביי די ענגלענדער, וועט ער זיי אויסבייטען געגען די געפאַנגענע פון די מאַאָרי.

דעם אנדערן טאג האט מען זיי אויפגעוועקט גאנץ פריה און מען האט זיי געהייסען ארייננגעהן אין קאַנאָע. מען איז געפאהרען זעהר שנעל. קאַאי-קומו האט זיך געאיילט.

אום צעהן אוהר איז איינגעקומען די ענטגעגען אנאנדער קאַנאָע, אויף וועלגע עס זיינען געזעסען צעהן מאַאָרי. דאָס זיינען געווים געווען גרויסע מענער, ווייל זיי האבען זיך געגריסט נור מיט קאַאי-קומו. יעצט זיינען ביידע קאַנאָעס געפאהרען צוזאַמען. עס איז געווען דייטליך, אז דיא קריעגער פון דער צווייטער קאַנאָע קומען ערשט פון אַ שלאכט מיט דיא ענגלענדער. זייערע קליידער זיינען געווען צוריסען, זייערע געזיכטער און זייערע הענד זיינען געווען שווארץ פון פולווער און ביי אייניגע איז גערונען בלוט פון דיא וואונדען, וועלכע זיי האבען בעקומען אין דער שלאכט.

זיי זיינען געזעסען אין זייער קאַנאָע בייז און שטילשוויינענד. אויף דיא אייראפעער האבען זיי זיך גאר ניט אומגעקוקט. וויא עס ווייזט אויס האבען דיא ענגלענדער געזיעגט און דיא מאַאָרי זיינען זיך צולאָפען איבער פעלדער און וועלדער און האבען צוריסען זייערע קליידער אין דעם „בוש“.

געגען מיטאג האבען זיך אנגעהויבען צו ווייזען הויכע בערג. דער טייך איז יעצט געווען איינגעשלאסען צווישען הויכע ברעגעס, איז געווען אין דיעזען ארט זעהר טיעף און איז געפלאסען זעהר שנעל. דיא קרעפטיגע הענד פון דיא מאַאָרי האבען געארבייט זעהר שווער אום צו פיהרען דעם קאַנאָע ארויף וואַסער.

געגען אבענד איז מען ווידער געבליעבען שטעהן אויף נאַכטלעגער. עס איז פון ערגעץ אנגעקומען א הויפטלינג, וועלכער האט געהאט דעם זעלבען ראַנג (טשין) וואס קאַאי-קומו. ביידע הויפטלינגע האבען זיך געגריסט נאך דער נייעסטער ניי זעעלענדישער מאדע. אונזערע רייזענדע האבען געוואוסט, אז צוויי בעקאנטע מענשען בעגעגענען זיך, גיט איינער דעם אנדערן דיא האנד. דאס איז דיא אייראפעאישע מאדע. אין ניי זעעלאנד אבער, ווען צוויי מאַאָרי בעגעגענען זיך, רייבען זיי זייערע נעזער איינער אן דעם אנדערן. דאס איז דער גרעסטער אויסדרוק פון העפליכקייט.

אונזערע רייזענדע האבען עס צוגעזעהן גלייכגילטיג. עס איז זיי יעצט ניט געלעגען אין זינען זיך צוצוקוקען צו דיא מאדעס אין ניי זעעלאנד, ראבערט גראנט אבער האט זיך ניט געקענט איינהאלטען און האט אנגעהויבען צו לאַכען.

— וואס לאכסט דוא ראבערט? האט איהם דער פראפעסאר געפרעגט מיט א פארוואורף. איז דען ניט דיא נאז אזא עדעלעס גליעד פון'ם מענשליכען קערפער וויא דיא האנד?

דיעזע נאכט האט מען זיי נאָך שטרענגער בעוואכט, וויא דיא פאריגע נאכט. דער פראפעסאר האט דערפון געדרונגען, אז דיא ענגלענדער האבען גענומען נאך מעהר מאַאָרי'ס געפאנגען און מען היט זיי אפּ אום זיי צו פערבייטען געגען דיא געפאנגענע מאַאָרי'ס. אלזא, קען מען האפען, אז מען וועט זיי באלד בעפרייען.

דעם אנדערן טאג האט מען זיי ווייטער אריינגעטריעבען אין קאַנאָע און מען איז ווייטער געפאהרען. דאס מאל איז דיא רייזע געווען לעבעדיגער. אלע מאל זיינען צוגעקומען נייע מאַאָרי'ס אין זייערע קאַנאָעס. עס איז

נעוועז רייטליך, אז זיי זיינען אויך אנטלאפען פאר דיא ענגלענדער. אפט האט מען זיי געהערט זינגען א ליעד. דער פראפעסאר האט ערקלערט, אז זיי זינגען זייער פ י ה ע, א פאטריאטישעס ליעד, וויא אין אייראפא דיא מארסאליעזע. מיט דיעזעס ליעד פיירן זיי אויף דיא קריעגער און בעגייסטערן זיי אין קאמפף געגען דיא אייראפעער. נאך יעדער פערז פון׳ם ליעד שלאגען זיי זיך אין הארצען, אז עס קלינגט וויא א פויק.

געגען פיער אוהר פאר נאכט זיינען זיי דורכגעפאהרען איינע פון דיא זעל־טענסטע געגענדען ניט נור אין ניי זעעלאנד, זאנדערן אין דער גאנצער וועלט. פוןביידע זייטען טייך האבען געשפריצט פאנטאנען פון הייסע וואסער אדער הייסען דאמפף. אייניגע ברונען זיינען, דאכט זיך, געוועזען גאנץ רוהיג, קוים אבער האט מען אין זיי אריינגעווארפען א שטיינדעל, האבען זיי אנגעהויבען צו שפרי־צען מיט הייסעס וואסער אדער מיט הייסע בלאטע. אזעלכע ברונען הייסען „גייזער“ און געפינען זיך נור נאך אין איין ארט אין דער וועלט און צוואר אויף דער אינזעל א י ס ל א נ ד, וועלכעס געהערט צו דענעמארק. אין איסלאנד אבער זיינען דא נור עטליכע „גייזער“, דא, אין ניי זעעלאנד פארנעהמען זיי א גאנצע שטרעקע לאנד פון שעהנע עטליכע מייל. — לאז נור איינער אריינשטעקען א שטעקען אין דער ערד און עס וועט באלד ארויסשפריצען הייסע וואסער אדער דאמפף.

אין דער לופט האט מען געהערט א שטארקען גערוך פון שוועפל. דיא מאארי האט דיעזער גערוך גאר ניט געהארט, אונזערע רייזענדע אבער האבען שרעקליך געליטען. זיי זיינען שיער ניט דערשטיקט געווארען פון דעם שווערן גערוך.

וויא שווער דער גערוך איז געוועזען, האט דער פראפעסאר ניט געקענט אראפלאזען קיין אויג פון דיעזער ווילדער, אבער זאנדערבארער סצענע. אין הונ־דערטער ערטער זיינען ארויס פון דער ערד זיילען מיט וואסער אדער מיט דאמפף. דיא ערד אין ביידע זייטען פון׳ם טייך איז געוועזען רויט, א בעווייז, אז אין דער ערד איז דא פיעל אייזען.

אין דעמזעלבען ארט איז דא א וואסער־פאל. דאס גאנצע וואסער פון׳ם טייך וואיקאטא פאלט אראפ פון שטיינער עטליכע פוס דיא הויך. דער פראפע־סאר האט זיך אומגעקוקט אין אלע זייטען. ער האט גערעכענט, אז דיא מאארי וועלען ארויסגעהן אויפ׳ן ברעג און וועלען איבערטראגען דיא קאנאעס ביז אי־בערן וואסער־פאל. — וויא קען מען אבער געהן אויפ׳ן ברעג, וואו דיא ערד איז אזוי הייס?

וויא גרויס איז דאהער געוועזען זיינע איבעררא שונג, ווען ער האט געזעהן, אז דיא מאארי פאהרען גלייך אין וואסער־פאל! דער טייך האט גערוישט און נעקאכט אין דיעזען ארט, א זייל פון ווייסען שוים איז געשטאנען אין דעם ארט, וואו דאס וואסער איז אראפגעפאלען פון דיא שטיינער. דיא מאארי האבען זיך ניט דערשראקען און האבען געפיהרט זייער קאנאע גלייך אין זייל פון שוים.

— וויא פיעל קראפט, וויא פיעל געשיקטליכקייט מוז א מענש האבען אום דורכצופיהרען א באָט מיט מענשען דורך אזא געפעהרליכען אָרט! האט דער פראפעסאָר זיך אפגערופען. — רעספעקט פאר דיא מאַאָרי!

אלע איבעריגע האבען געשוויעגען, נור ראבערט גראנט האט זיך ניט גע־קענט איינהאלטען און האט געפרעגט דעם פראפעסאר, וויא הייסט דיעזע וואונ־דערבאַרע געגענד?

— מיר האבען געזעהן נור א גאנץ קליינעם טהייל פון דיעזער געגענד, האט דער פראפעסאָר געענטפערט. — דארט ווייטער געפינט זיך א גרויסער זעע (אָזיעראָ) מיט'ן נאמען ראָטאָרואַ. ארום און ארום דיעזען זעע געפינען זיך דיעזע וואונדערבאַרע „גייזער" און נאטירליכע שפרינגברונען. עס פליעסען אריין אין דיעזען זעע גאנצע טייכען פון זיעדענדעס וואסער. דיא געגענד איז נאך ניט גע־נוג אויסגעפאָרשט, ווייל דיא מאַאָרי לאזען אהער ניט צו קיין אייראָפעער. וויא עס ווייזט אויס, איז דיעזע געגענד ביי זיי הייליג, אזוי וויא דיא געגענד ארום דער שטאדט באַקו, אין רוסלאַנד, איז אמאל געוועזן הייליג ביי דיא פערזער. אין דער געגענד ארום באַקו געפינען זיך גרובען מיט פעטראָלעאום (קעראָסין) ווען מען פלעגט אביסעל גראָבען אין דער ערד און צו לעגען א ברענענדיג ליכט, פלעגט זיך דער קעראָסין אנצינדען. דיא פערזער האבען אמאל געדיענט צום פייער און האבען געמיינט, אז אין יענער געגענד וואָינט זייער גאָט. דיא מאַאָרי גלויבען אויך, אז אין דיעזער געגענד וואינט א גאט און האלטען דיעזע געגענד פאר הייליג.

דיא רייזע איז יעצט געגאנגען שנעלער. דיא מאַאָרי האבען גערודערט מיט קראפט און מיט מעהר מוטה. זיי האבען געפיהלט, אז זיי זיינען שוין ניט ווייט פון דערהיים. דענאך האבען אונזערע רייזענדע געמוזט צוברענגען נאך א נאַכט אין דרויסען. ערשט דעם אנדערן טאג אין דערפריה איז זייער קאַנאָע צוגעקומען צו א גרויסען זעע (אָזיעראָ).

— דאס איז דער זעע טאַאופאָ, האט דער פראפעסאָר געזאָגט און האט זיך צוגעקוקט צו זיין לאַנדקאַרטע. דא איז דאס הויפט קוואַרטיר פון דיא מאַאָרי.

און ווירקליך, באלד זיינען אנגעקומען הונדערטער קאַנאָעס בעזעצט מיט מענשען און האבען געגריסט קאַאי־קומו. ווען מען איז צוגעקומען צום לאַנד, האבען אונזערע רייזענדע דערזעהן, וויא אויף אן אלטעס הויז האט געוועהט הויך אין דער לופט א רויטער פלאַג מיט א שווארצען שטערן אין דער מיט. — דאס איז געוועזן דער פלאַג פון דיא מאַאָרי.

11טעס קאפיטעל.

דיא געפאַנגענע.

דער טאַאופאָ זעע איז איינער פון דיא וואונדערבאַרסטע ערשיינונגען אין דער נאַטור. ער איז 25 מייל דיא לענג און 20 מייל דיא ברייט. וויא טיעף ער איז, קען מען ניט וויסען. וויא פיעל מאל מען האט איהם געמאָסטען, האט מען

קיין מאל ניט געקענט דערגרייכען דעם גרונד. ארום איהם געפינען זיך היכע בערג, וועלכע זיינען בעדעקט מיט וועלדער. צווישען דיא בערג געפינען זיך טיעפע טהאלען, אין וועלכע דיא ערד און דאס וואסער קאָכען און זידען, ווי אין א קעסעל. אין ערטער גיעסען זיך אריין גאנצע טייכען פון הייסעם וואסער אדער הייסע שוועפעל אין זעע טאַאופאָ. אין דיעזע ערטער שטעהט איבערן זעע א וואָלקען פון דאמפף.

ניט ווייט פון זעע געפינט זיך א פייער שפייענדיגער באַרג, דער וואול־קאַן טאָנגאַרירא. ער רוהט קיין מאל ניט. טאג און נאַכט ווארפט ער פון זיך פייער און רויך. ביי נאַכט בעלייכטעט ער דעם גאַנצען זעע מיט זיינע רויטע פלאַמען. דיא איינוואינער האבען אן אומזיסטיגע בעלייכטונג. עס געפינען זיך נאך בערג אין יענער געגענד.

וואלט דער פראָפעסאר געוועזען אויפגעלעגט, וואלט ער געקענט דערצעהלען פיעלע שעהנע מעשות פון יענער געגענד. ער וואלט געקענט דערצעהלען דיא געשיכטען, וועלכע דיא מאַאָרי דערצעהלען פון דיעזע בערג. מיר ווילען דאָ ברענגען איין געשיכטע אום צו ווייזען דעם כאַראַקטער און דיא פאַנטאַזיע פון דיא מאַאָרי.

אמאל זיינען דיא צוויי בערג, דער וואולקאַן טאָנגאַרירא און דער באַרג טאַראַנאַקי, געוועזען גוטע פריינד און האבען געוואינט צוזאמען רוהיג און פריעד־ליך. זיי האבען זיך אבער צוקריעגט איבער א פרוי, וועלכע זיי האבעןביידע געליעבט. דער טאָנגאַרירא איז א היץ קאפ — ער שפייט בעשטענדיג מיט פייער. ער איז געווארען בייז און האט אנגעהויבען צו ווארפען שטיקער פייער אויף זיין פריינד. טאַראַנאַקי איז א שטילער באַרג. ער איז אנטלאָפען פון איהם ביז צום ברעג פון'ם מעער. פון דאַמאָלס אָן וואינט ער אליין און וויל זיך ניט איבערבע־טען מיט'ן בייזען טאָנגאַרירא.

דער פראָפעסאָר וואלט געקענט דערצעהלען נאך פיעלע אזעלכע געשיכטען און פאָלקסערצעהלונגען פון דיא מאַאָרי, ער איז אבער יעצט געוועזען ניט אויפ־געלעגט צו דערצעהלען געשיכטען און זיינע קאמעראַדען איז ניט געוועזען דער קאפ דאביי צו הערן געשיכטען פון דיא מאַאָרי. זיי האבען זיך ארומגעקוקט טרויעריג אין אלע זייטען; זיי האבען געקוקט צו דיא בערג, פיעללייכט וועט פון דארט ערגעץ קומען זייער הילף.

דער פראָפעסאָר האט געזעהן אויף זיין לאנדקאַרטע, אז אויף א באַרג, אין דעם אָרט, וואו דער טייך פאַלט אריין אין זעע טאַאופאָ, דארף זיין א הויז און א קירכע פון דיא ענגלישע מיסיאָנערן. ער האט יעצט געזוכט מיט דיא אויגען דיעזעס הויז און דיעזע קירכע. ער האט אבער קיין שפור פון זיי ניט געפונען. דער קריעג האט צערשטערט דאס הויז און פערברענט דיא קירכע. וואו זיינען אהינגעקומען דיא מיסיאָנערן? — ווער קען עס וויסען? ווער וועט זיי זאגען?

קאַאי־קומו האט זיי ניט געלאזען לאנג טראַכטען. ער האט עפעס גערעדט מיט דיא מענשען, וואס זיינען איהם עגטגעגען געקומען און האט געהייסען זיינע

מאַטראָזען פֿאהרען ווייטער אין זעע טאַאופּאָ. זיי זיינען געפֿאהרען געגען א שטונדע אין זעע און זיינען געקומען צו א קליינער בוכטע. דארט איז זיין קאַנאָע געבליעבען שטעהן און דיא געפֿאַנגענע זיינען ארויסגעגאנגען אויפֿ'ן ברעג.

זיי זיינען געווען יעצט אין א גרויס פֿעלד, וועלכעס איז געווען בעוואַקסען מיט א וואונדערבארעס גראָז. דיא ווילדע רופֿען עס „האַראַקעקע“, די געלערנטע רופֿען עס „פֿאָרמיום“. פֿון דיעזעס גראָז מאכען דיא מאַאָרי פֿלאקס, פֿון וועלכען זיי שפּינען פֿעדים און פֿלעכטען זיך אוים קליידער. פֿון וועבען און א וועבשטוהל וויסען זיי נאך ניט — זיי פֿלעכטען אוים זייערע קליידער פֿון גאנץ גראבע פֿעדים, וויא ביי אונז דינע שטריקלעך, פֿון'ם פֿלאַקס, וועלכעס זיי מאכען פֿון'ם פֿארמיום.

פֿון דיא בלומען פֿון'ם „פֿארמיום“ מאכען דיא מאַאָרי זעהר א גוטען האָניג. פֿון דיא וואָרצלען ציעהן זיי ארויס א סאָרט וואַקס. דיא בלעטער, ווען זיי זיינען פֿריש, ניצען זיי אלס פּאַפּיער. מען שרייבט אויף זיי מיט א שאַרפֿען ביין אדער מיט א נאָל; ווען זיי זיינען טרוקען, מאַכט מען פֿון זיי פֿלאָקס, שטריק און נעצען צו חאַפּען פֿיש.

דאס איז איינע פֿון דיא זעלטענסטע גראָזען אין דער וועלט. אין ניי זעעלאנד וואַקסט עס ווילד און בעדעקט גאנצע שטרעקען פֿון הונדערטער מייל.

אונזערע רייזענדע האט מען יעצט געפֿיהרט דורך א פֿעלד פֿון „פֿארמיום“ אין אנאנדער צייט וואלט דער פּראָפֿעסאר און ראבערט גראנט זיך געווען צוגעקוקט צו דיעזעס זאנדערבאַרעס גראָז, יעצט אבער איז עס געווען אונמעגליך שטארקע מאָאָריס האבען זיי ארומגערינגעלט און זיי גוט בעוואַכט. מען האט זיי ניט געלאָזען בלייבען שטעהן אויף איין מינוט. ענדליך האט מען זיי צוגעפֿיהרט צו קאַאי-קומום פֿעסטונג אדער „פּאַה“.

דיא פֿעסטונג איז געשטאַנען אויף א בערגעל. אונטען ארום בערגעל איז געווען א צוים פֿון שטאַרקע שפּיציגע קלעצער אריינגעשלאגען אין דער ערד. העכער אויבען איז געווען א צוים פֿון געפֿלאָכטענע דינע שטעקעלעך, פֿון וועלכע מען מאכט ביי אונז קערב. ארום זיי איז געווען אנגעשאָטען א גאנצע וואַנד פֿון ערד. אין דיעזער וואַנד זיינען געווען געמאכט לעכער, פֿון וועלכע מען האט געקענט שיעסען אויפֿ'ן פֿיינד. ווען דער פֿיינד האט געשאָסען, זיינען זיינע קוגעלן אריין אין דער ערדענער וואנד און האבען ניט געשאדעט.

אין דער פֿעסטונג איז געשטאַנען קאַאי-קומו'ם הויז און פֿערציג ביז פֿופֿציג אנדערע הייזער. דאס איז א פֿעסטונג ביי דיא מאַאָרי. אין דער צייט פֿון קריעג בעהאלטען זיך דיא איינוואוינער אין דער פֿעסטונג.

ווען מען האט צו געפֿיהרט אונזערע רייזענדע צו דער פֿעסטונג און זיי האבען זיך ארומגעקוקט, האבען זיי אונגערן א ציטער געטהאן. אויפֿ'ן שפּיץ פֿון יעדען קלאָץ אין צוים האט געשטעקט דער קאפּ פֿון א מענשען. איינינע זיינען געווען שוין לאנג טויט. עס זיינען געבליעבען פֿון זיי נור דיא ביינער. אנדערע אבער זיינען געווען נאך פֿריש און בעדעקט מיט פֿלייש

— וויא פֿיעל קעפּ פֿון ענגלענדער טריקענען זיך דאָ אויף דיעזע קלעצער? האט יעדער פֿון אונזערע רייזענדע ביי זיך געטראַכט.

דער אנבליק איז געווען א שרעקליכער, אבשייליכער און אונערטרעגליכער. ליידי העלענא און מערי גראנט האבען עס ניט געקענט זעהן. זיי האבען אראפּגעלאזען דיא אויגען צו דער ערד. דער פּראָפֿעסאָר האט זיך צוגעקוקט צו דיא קעפּ און האט געזעהן, אז אלע, זאָגאר דיא גאנץ פֿרישע, זיינען אהן אויגען. דיא אויגען זיינען ארויסגענומען. ער האט געוואוסט, אז דיא מאַאָרי האלטען עס פֿאר הייליג אויפֿצועסען דיא אויגען פֿון זייערע פֿיינד אדער פֿון זייערע געפֿאַנגענע.

זאַנדערבאַר! זא לאנג דער פּראָפֿעסאָר האט נור געהערט פֿון דיא מאַאָרי, האט ער פֿאר זיי געציטערט; יעצט אבער, ווען ער איז געווען אין זייערע הענד, איז ער געווארען גלייכגילטיג און האט געקוקט אויף דיא אויסגעדאַנגענע קעפּ, גלייך וויא זיי וואָלטען געווען שטיינער. ער האט געלעזען זעהר פֿיעל איבער דיא מאַאָרי און זייערע זיטען (מנהגים) און האט זיך יעצט געוואלט איבערציינגען, אויב דיא בעשרייבונגען, וואס ער האט געלעזען, זיינען ריכטיג.

ער האט געוואוסט, אז ווען דיא מאַאָרי נעהמען געפֿאַנגען א גרויסען מאַן און עסען איהם אויף, רייכערן זיי זיין קאפּ, ביז ער ווערט הארט, וויא א שטיין, און ברוין, וויא א וואורשט. דאַן שטעקען זיי איהם אן אויף א שפּיז אין דער הויך אלס צייכען פֿון זייער זיעג. ער האט געפֿונען עטליכע אזעלכע קעפּ אויפֿגעשטעקט אין קאַאי-קומוס פֿעסטונג.

ווען מען האט אריינגעפֿיהרט אונזערע געפֿאנגענע איגעוועניג אין פֿעסטונג האבען זיי ארומגערינגעלט א גרויסע מענגע פֿרויען און קינדער, וועלכע האבען געשריען, געשאָלטען און זיי געשימפּפֿט און געזידעלט. זיי האבן געשימפּפֿט אויף זייער שפּראַך, וועלכע אונזערע רייזענדע האבן ניט פֿערשטאַנען, פֿון צייט צו צייט אבער פֿלעגען זיי ארויסזאגען א פאר ענגלישע ווערטער, פֿון וועלכע ביי אונזער ע רייזענדע איז פֿערקיהלט געווארען דאס בלוט אין דיא אדערן. — זיי האבען געוויעזען אויף ליידי העלענא, מערי גראַנט און ראבערט גראנט, אז זיי זאל מען באלד אויפֿעסען.

זיי האבען זיך אבער ניט בעגניגט דער מיט אליין און האבען אנגעהויבען צו צו-קומען נעהענטער צו זיי, צו שלאגען זיי, צו רייסען זייערע קליידער און צו בעטאַפּען זיי, אויב זיי זיינען פֿעט. לארד גלענארוואן האט ענדליך ניט געקענט אויסהאלטען, וואס מען בעליידיגט דיא דאמען. ער האט זיך געווענדעט צו קאַאי-קומו און האט איהם געזאָגט:

— נעהם זיי אוועק פֿון דאַנען!

קאַאי-קומו האט אויף איהם געווארפֿען א בייזען בליק און האט קיין ווארט ניט געענטפֿערט. ער האט א מאַך געטהאן מיט'ן האנד און דיא מענגע פֿרויען און קינדער האבען אפּגעטרעטען פֿון דיא געפֿאַנגענע. באלד האבען אנגעהויבען זיך צונויפֿצוקומען עלטערע מענשען צו קאַאי-קומו. אלע זיינען געווען ביי-

פינסטער און טרויעריג. עס איז געווען דייטליך, אז דיא מאַאָרי האבען פערלאָרען דעם קריעג, אז מען האט זיי געשלאגען אומעדום און פערטריעבען פון אלע זייערע פעסטונגען. מעגליך, אז זיי זיינען זיך יעצט צונויפגעקומען האלטען א קריעגסראַטה און בעשליעסען, וואס זיי זאלען ווייטער טהאן.

אלע האבען זיך געווענדעט צו קאַאי־קומו און האבען איהם עפּעס געפרעגט. ווען קאַאי־קומו האט געענטפערט, האבען פיעלע זיך אנגעהויבען צו רייסען בייא דיא האָר און צו שניידען זייערע האלב נאַקעטע לייבער מיט שאַרפע שטיינער אדער מיט ביינער פון מענשען און טהיערע, ביז דאס בלוט האט זיך געגאָסען פון זיי טייכען ווייס.

דער ווילדער קען אנדערש ניט אויסדריקען זיינע ליידען אלס דורך געוויסע צייכענס. ער רייסט זיך דיא האָר, ער שניידעט זיך דאס לייב, ער לעגט זיך ארויף אַש אויפ׳ן קאפ און פיהרט זיך אויף, וויא א וואהנזיניגער.

שפּעטער זיינען אונזערע רייזענדע געוואהר געווארען, אז פון צוויי הונדערט און פופציג קריעגער, וועלכע זיינען ארויסגעגאנגען מיט קאַאי־קומו פון זיין פּאַה אין קריעג אריין, זיינען נור פופציג געקומען צוריק. דיא איבעריגע זיינען ענטווערער געפאַלען אין קריעג אדער דיא ענגלענדער האבען זיי געפאַנגען. דאס איז געווען דיא אורזאַכע, וואס קאַאי־קומו האט בעהאנדעלט אזוי גוט אונזערע רייזענדע. ער האט געהאָפט, ער זאל פאר זיי קריעגען פיעלע פון זיינע קריעגער, וועלכע זיינען געווען געפאַנגען ביי דיא ענגלענדער.

דער אויסדרוק פון טרויער פון דיא מאַאָרי איז געווארען אלע מאל גרעסער און פערצווייפעלטער, וואס ווייטער קאַאי־קומו האט גערעדט און דערצעהלט. ביי דיא מאַאָרי זיינען דיא ביינער פון זייערע עלטערן הייליג. דאס פלייש איז גאר נישט, מען מעג עס זאגאַר אויפעסען, דיא ביינער אבער זיינען הייליג. דיא ביינער פון יעדער פאמיליע מוזען ליעגען צוזאַמען אין איער פאמיליע בעגרעבנים פלאַץ. ווען עס שטארבט ביי זיי איינער, רייניגט מען אפ דאס פלייש פון׳ם קערפער און מען שטעלט צונויף דיא ביינער. מען קראצט זיי אפ, מען פאלירט זיי, מען לאקירט זיי אפ און מען שטעלט זיי אויף אין א ניעדעריגעם הויז, וועלכעם הייסט ביי זיי „אודופאַ“, אדער דאס ע ה ר ע ן ה ו י ז. ארום דיעזעס הויז שטעלט מען אויף הילצערנע סטאַטועס פון דיא פערשטאָרבענע. זיי זיינען אזעלכע געשיקטע שניצער, אז איינינע הילצערנע בילדער זיינען זעהר עהנליך צו דעם פערשטאָרבענעם.

ווען איינער איז געשטאָרבען ערגעץ ווייט און מען קען זיינע ביינער ניט ברענגען צו דעם „אודופאַ“, איז עס א גרויס אונגליק פאר דער פאמיליע פון׳ם טויטען. זיין פלאץ אין דעם „אודופא“ וועט בלייבען לעדיג. קיין גרעסערעס אונגליק קען שוין ניט זיין.

מען קען זיך יעצט פארשטעלען, וויא גרויס עס איז געווען זייער טרויער, ווען זיי האבען געהערט פון קאַאי־קומו, אז זייערע פעטער, זייערע ברידער אדער זייערע זיהן זיינען געפאַלען ערגעץ גאַנץ ווייט, אין דעם לאנד, וואו דיא ענגלענדער

הערשען. דארטען װעלען זיי דיא הינד צורייסען און זיי װעלען בלייבען ליעגען אין דיא װעלדער און אין דיא פֿעלדער.

וואס מעהר קאַאי־קומו האט דערצעהלט, אלץ העכער האבען דיא פֿרויען און דיא קינדער געוויינט און זיך געריסען. זיי זיינען ווירקליך געווען וואהנזיניג און האבען זיך יעדעס מאל צוגעלאָזען צו אונזערע רייזענדע.

קאאי־קומו אליין האט אנגעהויבען מורא צו האבען, אז דיא ווילדע מענגע זאל ניט צורייסען זיינע געפֿאַנגענע אויף שטיקער, אזוי ווילד זיינען זיי געווארען, בעזאנדערס דיא פֿרויען און דיא עלטערע קינדער. ער האט זיי דאהער גענומען און האט זיי אוועקגעפֿיהרט אויף א העכער אָרט אין זיין פּאַה. דיעזער אָרט איז געווען הייליג. דארט פֿלעגען זיי אפּהאלטען דיא צערעמאָניען פֿון זייער רעלי־גיאן. אהין האבען דיא פֿרויען און דיא קינדער ניט געטאָרט קומען.

דאס איז געווען א בערגעל, אויף וועלכען עס איז געשטאַנען א שטוב מיט א גאנץ הויכען דאַך, — זייער טעמפּעל, אדער בעט הויז, אדער וויא דיא מאַאָרי רופֿען עס „וואַרעאַטואַ“. דארט וואינען זייערע פּריעסטער. דארט לערנען זיי דעם פֿאלק, אז עס זיינען דאָ דריי געטער: א פֿאטער, א זוהן און א הייליגער פֿויגעל. דיעזע דריי געטער זיינען אבער איינס, ווייל דער פֿאטער מיט׳ן זוהן לעבען צו־פֿריעדען און קריעגען זיך קיין מאל ניט. וואס יעדער טהוט, איז דער אנדערער מסכים. אלזאָ, זיינען זיי איינס.

פֿון וואַנען עס האט זיך גענומען צו דיעזע ווילדע א רעליגיאָן, וועלכע איז זעהר עהנליך צו דער קריסטליכער, האט דיא וויסענשאַפֿט ביז אהער נאך ניט געקענט אויסגעפֿינען. ניט נור ביי דיא מאַאָרי, זאנדערן ביי פֿיעלע אנדערע ווילדע פֿעלקער געפינען מיר אזא אין דרייען געפֿלאכטענעם גאט. ביי איינינע איז דיא פֿאמיליע אין גאנצען: א פֿאטער, א מוטער און א זוהן. ביי אנדערע פֿעהלט דיא מוטער און עס איז דא א פֿאטער, א זוהן און א טאָכטער. ווידער ביי אנדערע איז דאָ א פֿאטער מיט צוויי זיהן, אן עלטערער און א אינגערער. דאן אבער איז דער עלטערער א גרויסער מיוחס. ער איז דער בכור און טהוט, וואס ער וויל. זאגאַר דער פֿאטער האט פֿאר איהם מורא.

יעצט וועניגסטענס זיינען אונזערע רייזענדע געווען זיכער. מען האט זיי אפגעבונדען דיא הענד און מען האט זיי געלאזען אליין אין טעמפעל. קיין בענק, קיין טישען און קיין מעבעל איז אין טעמפעל ניט געווען. עס זיינען נור געשטאַ־נען עטליכע פֿיגורען אויסגעשניצט פֿון האָלץ. דיא פֿיגורען האבען אויסגעוויזען זעהר ווילד און שרעקליך. אויף דער ערד זיינען געלעגען מאַטען (ראַנאָזשעס) פֿון שטריק און פֿון דינע צווייגען פֿון ביימער.

אונזערע רייזענדע זיינען געווען זעהר מיעד און האבען זיך געזעצט אויף דיא מאַטען. ליידי העלענא און מערי גראַנט זיינען אומגעפֿאלען. זיי האבען זיך היינט אזוי פֿיעל אנגעזעהן און אזוי פֿיעל אנגעהערט, אז זיי זיינען געווען ער־שעפֿט און האבען ניט געקענט איינשטעהן אויף דיא פֿיס. לאָרד גלענערוואן האט ארומגענומען זיין פרוי און האט איהר געזאגט:

— פֿערליער ניט דעם מוטה, ליבע העלענא! גאָט וועט אונז העלפֿען!

נור איין ראבערט גראנט האט דעם מוטה ניט פֿערלארען. ער איז נאך געוועזען זעהר יונג און האט נאך ניט פֿערשטאנען דיא געפֿאהר, אין וועלכע זיי זיינען געוועזען. קוים האבען זיך אלע אניעדער געזעצט אויף דער ערד, איז ער ארויפֿגעקלעטערט, וויא א קאַץ, אויף איינעם פֿון דיא מאַאָרי געטער און האט ארייגעשטעקט דיא קאָפּ אין א לאָך אין דער וואַנד, א סאָרט פֿענסטער אין טעמפעל. מיט זיינע יונגע, שאַרפֿע אויגען האט ער איבערגעקוקט דעם גאַנצען „פּאַה“.

— זיי שטעהן אלע ארום קאַאי־קומו, האט ער געזאגט. — זיי ווארפֿען דיא הענד אין דער הויך — זיי רעדען — זיי שרייען. — קאַאי־קומו מאכט מיט דיא הענד — ער וויל רעדען צו זיי. — מען לאזט איהם ניט. —

איינינע מינוטען האט ראבערט געשוויגען. דאן האט ער וויעדער אנגע־הויבען.

— קאַאי־קומו רעדט — אלע הערן איהם צו אויפֿמערקזאַם — מיר דאכט, אז זיי זיינען רוהיגער געווארען — זיי שרייען ניט — זיי מאכען ניט מיט דיא הענד — ער ווייזט אויף אונז. —

— וויא עס ווייזט אויס, האט קאַאי־קומו א בעזאָנדערעס אינטערעס אונז צו פֿערטהיידיגען, האט פּארראגוט געזאגט. זיינע קריעגער ווילען אונז אויפֿעסען, ער אבער דערלאזט עס ניט. דיא פֿראַגע איז נור, אויב עס וועט איהם געלינגען דורכצוזעצען זיין ווילען. דאן זיינען מיר גערעטעט. דאַן זיינען מיר זיכער.

— זיי האבען איהם אויסגעהערט, האט ראבערט ווייטער געמעלדעט. — איינינע געהן אוועק — אנדערע שטעהן נאך ארום איהם. — אלע צוגעהן זיך — איינינע געהן אוועק פֿון דאַנען. — קאַאי־קומו איז געבליעבען נור מיט זיינע קריע־גער, וועלכע זיינען געפֿאהרען מיט אונז אויף דעם קאַנאָע. — איינער געהט אהער צו אונז. —

— קום אראפּ שנעל! האט לארד גלענערוואַן געזאגט.

ער האט זיך געוואלט אויפֿהויבען און געהן העלפֿען ראבערט גראנט אראפּ־שפּרינגען פֿון דעם הילצערנעם גאָט, אויף וועלכען ער איז געשטאַנען אויף דער וואַך. אין דיעזע מינוט האט איהם ליידי העלענא אנגענומען ביי דער האַנד.

— עדווארד! האט זיא איהם געזאגט מיט א ביטענדער שטימע. — עדוואַרד! ניט איך, ניט מערי גראנט דארף ניט פֿאלען אין דיא הענד פֿון דיעזע ווילדע מענשען לעבעדיגערהייט.

מיט דיעזע ווערטער האט זיא איהם דערלאַנגט א געלאדענעם רעוואלווער, וועלכען זיא האט געטראגען בעהאלטען ערגעץ אין איהרע קליידער.

לארד גלענארוואן האט זיא אנגעקוקט מיט שטוינען. וואו האט זיא גענו־מען א רעוואלווער?

— א רעוואלווער? האט ער אויסגערופֿען. וואו האסט דוא גענומען א רע־וואלווער? — וואס קענען מיר מאכען מיט איין רעוואלווער? —

— דעם רעוואלווער האב איך געטראגען ביי מיר, זייט איך בין געוואהר געווארען, אז אייערטאן איז א רויבער, האט ליידי העלענא געענטפערט. — איך גיב דיר דעם רעוואלווער ניט פאר דיא מאָארי, זאָנדערן — פאר מיך און מערי גראנט! —

לארד גלענארוואן האט בעהאלטען דעם רעוואלווער ביי זיך אויף דער ברוסט. אין דיעזע מינוט האט זיך אויפגעהויבען דיא מאַטע (ראַגאָזשע), וועלכע האט געדיענט אלס טהיר פון'ם טעמפעל, און איינער פון דיא מאָארי קריעגער איז ארייגעקומען. ער האט א ווינק געטהאן צו דיא געפאַנגענע, זיי זאלען געהן מיט איהם. זיי זיינען איהם נאכגעגאנגען און ער האט זיי געפיהרט דורך דעם גאנצען „פאַה" אין א גרוים הויז. דארט האט קאַאי-קומו געוואינט.

קאַאי-קומו איז יעצט געזעסען אין דער מיט פון זיין הויז אויף א קלאָץ. ארום איהם זיינען געשטאַנען זיינע קריעגער. דער מאַן, וואס האט זיי געבראַכט, איז געוועזען אן אנגעזעהנער מענש צווישען דיא מאָארי. ער איז געשטאַנען לעבען קאַאי-קומו און האט זיך מיט איהם יעדעס מאל בעראַטהען. שפּעטער זיינען זיי געוואהר געווארען, אז דיעזער מאַן הייסט קאַראַ-טעטע, דאס הייסט, א מענש, וואס ווייס ניט פון מיטלייד. ער איז געוועזען א הויפטלינג גלייך מיט קאַאי-קומו און דערצו נאך א בעריהמטער קריעגער. ער האט אויך געהאט פינף צייכענס אויפ'ן שטערן, אדער דעם ראַנג (משין) פון א גענעראל.

קאַאי-קומו אליין איז געזעסען ערנסט, אין זיינע אויגען אבער האט מען געקענט לעזען א שרעקליכען האַס צו דיא ווייסע מענשען.

— איהר זייט ענגלענדער? האט קאַאי-קומו געפרעגט, ווען דיא געפאַנגענע זיינען געשטאַנען פאר איהם אויסגעשטעלט אין א האלב קרייז.

— מיר זיינען ענגלענדער, האט לארד גלענארוואן געענטפערט מיט א פעסטער שטימע.

ער האט גערעכענט, אז פאר ענגלענדער וועלען דיא מאָארי רעספּעקט האבען.

— זיינען אייערע קאמעראדען אויך ענגלענדער? האט קאַאי-קומו ווייטער געפרעגט.

— מיר זיינען אלע ענגלענדער, האט לארד גלענארוואן געענטפערט. — מיר האבען געליטען שיפּברוך ניט ווייט פון ניי זעעלאנד. מיר זיינען רייזענדע און האבען אין קריעג קיין אנטהייל ניט גענומען.

— דאס געהט אונז ניט אָן, האט קאַראַ-טעטע געענטפערט ווילד. — יעדער ענגלענדער איז אונזער פיינד. אייער פאלק איז אנגעפאלען אויף אונזער אינזעל, אייער פאלק האט ביי אונז אוועקגערויבט אונזער לאנד; אייער פאלק האט ביי אונז צוגענומען אונזערע פעלדער און האט צערשטערט אונזערע דערפער!

קאַראַ-טעטע האט גערעדט מיט אזא האַס און מיט אזא צאָרן, אז דער שוים האט איהם געשפריצט פון'ם מויל.

— ווען מיין פאלק האט עס געטהאן, איז עס אונגערעכט, האט לארד

גלענאַרוואַן געענטפֿערט. — מיינט ניט, אַז איך זאג עס, ווייל איך בין יעצט ביי אייך אין דיא הענד. איך זאג עס, ווייל עס איז אַזוי. איך זאג עס, ווייל ניט דאָס גאַנצע פֿאָלק האָט עס געטהאָן, נור איניגע.

— הער נור, וואָס איך וועל דיר זאָגען, האָט זיך יעצט אָפּגערופֿען קאַאי־קומו. דער טאָהאָנגאָ, דער הויפּט פּריעסטער פֿון אונזער גאָט, איז געפֿאַנגען ביי אייערע ברידער. אונזער גאָט האָט געהייסען, אַז מיר זאָלען איהם אויסלעזען. — איך אַליין וואָלט גיבער געוואָלט אַרויסרייסען אייער הערץ, אויפֿעסען אייערע לייבער און אויפֿשטעקען אייערע קעפּ אויף דיא שפּיצען פֿון מיין פּאַה. גואַי־אַטואַ (דער נאָמען פֿון זייער גאָט) אָבער האָט אַנדערש געהייסען.

קאַאי־קומו, וועלכער איז ביז אָהער געווען גאַנץ רוהיג, האָט ביי דיא לעצטע ווערטער אָנגעהויבען צו ציטערן און האָט געקריצט מיט דיא צעהנער פֿאַר פֿערדרוס, וואָס ער קען זיי ניט אויפֿעסען. ער האָט זיך אָבער באַלד בערוהיגט און האָט געזאָגט:

— וויא דענקסט דוא, וועלען דיא ענגלענדער איינוויליגען דיך אויסצובייטען פֿאַר אונזער טאָהאָנגאָ?

לאָרד גלענאַרוואַן האָט געקוקט קאַאי־קומו גלייך אין דיא אויגען און האָט ניט אַזוי גיך געענטפֿערט. ער האָט געוואוסט, אַז דיא מאָאָרי זיינען זעהר קלוג און מען דאַרף וויסען, וויא אַזוי מיט זיי צו רעדען.

— איך ווייס ניט, האָט ער ענדליך געענטפֿערט.

— רעד דייטליך! האָט קאַאי־קומו געזאָגט שאַרף. איז דיין לעבען אַזוי פֿיעל ווערטה ביי דיין פֿאָלק, אַז זיי וועלען איינוויליגען דיך צו פֿערבייטען פֿאַר אונזער טאָהאָנגאָ?

— ניין, האָט לאָרד גלענאַרוואַן געענטפֿערט רוהיג. — איך בין קיין הויפּטלינג אין מיין פֿאָלק, איך בין קיין פּריעסטער און קיין גרויסער מאַן.

פּאַגאַנעל און פֿאַרראַגוט זיינען געווען העכסט איבעראַשט צו הערען אַזאַ אַנטוואָרט פֿון לאָרד גלענאַרוואַן.

קאַאי־קומו אַליין איז אויך געווען איבעראַשט. געוועהנליך זוכט יעדער מענש אין אַזאַ פֿאַל זיך פֿאַרצושטעלען גרעסער, וויא ער איז און ניט קלענער. וויא קומט עס, וואָס לאָרד גלענאַרוואַן מאַכט זיך אַזוי קליין?

— אַלזאָ, מיינסט דוא, אַז דיין פֿאָלק וועט דיך ניט וועלען אויסבייטען פֿאַר אונזער טאָהאָנגאָ? האָט קאַאי־קומו געפֿרעגט און האָט איהם געקוקט גלייך אין דיא אויגען.

— מיך אַליין? — געוויס ניט! האָט לאָרד גלענאַרוואַן געענטפֿערט רוהיג. אונז אַלע וועלען זיי פֿיעללייכט אויסבייטען פֿאַר אַזאַ גרויסען מאַן, וויא אייער פּריעסטער.

— ביי אונז איז דאָ אַ געזעץ — אַ קאָפּ פֿאַר אַ קאָפּ, האָט קאַאי־קומו גע־ענטפֿערט שטרענג.

— פּראָביר פֿאָרלעגען, אַז מען זאָל אויסבייטען דיעזע פֿרויען פֿאַר אייער

טאַהאַנגאַ, האט לארד גלענארוואן געזאגט און האט געוויזען אויף לידי העלענא און מערי גראנט. מעגליך, אז דיא ענגלענדער וועלען איינוויליגען.

לידי העלענא האט איהם געוואלט צוריק האלטען. ער האט איהר אבער ניט געהערט און האט ווייטער געזאגט:

— דיעזע צוויי פרויען זיינען זעהר אנגעזעהן ביי דיא ענגלענדער. זיי שטאַמען אפּ פון א גרויסער פאַמיליע און האבען א גרויסען ווערטה ביי מיין פאלק.

קאַאי־קומו האט איהם דורכגעשטאכען מיט זיין שאַרפען בליק. אויף זיין ווילדעס געזיכט האט זיך געוויזען א זאָנדערבאַרער שמייכעל.

— פערפלוכטער ענגלענדער! האט ער געזאגט בייז. מיינסט דוא, אז דוא וועסט אפּנאַרען מיט פאַלשע ווערטער און מיט ליגענס דעם הויפטלינג פון דיא מאַארי, קאַאי־קומו? מיינסט דוא, אז איך ווייס ניט, ווער דיעזע פרויען זיינען?

ער האט געוויזען מיט'ן פינגער אויף לידי העלענא.

— איז דאס ניט דיין פרוי?

— ניין! דאס איז מיין פרוי! האט קאַראַ־טעטע געזאגט.

ער איז צוגעגאנגען צו לידי העלענא און האט איהר ארויפגעלעגט זיין שטאַרקע האנד אויף דער פלייצע. לידי העלענא איז געווארען בלייך און האט אנגעהויבען צו ציטערן.

— עדוואַרד! איז געוועזן דאס איינציגע ווארט, וואס זיא האט געקענט ארויסזאגען.

לארד גלענארוואן האט אריינגעלעגט דיא האנד אין קעשינע, האט ארויסגענומען דעם רעוואלווער, וואס לידי העלענא האט איהם געגעבען און האט אויסגעשאָסען. קאַראַ־טעטע איז געפאלען טויט צו זיינע פיס. ער האט איהם געטראָפען גלייך אין הארצען.

דער קנאַק פון'ם רעוואלווער האט איבעררראשט אלע קריעגער און אלע איינוואינער פון'ם פאַה. פון אלע זייטען זיינען זיך יעצט צונויפגעקומען דיא מאַארי, זייערע פרויען און זייערע קינדער. ווען זיי האבען דערזעהן, אז קאַראַ־טעטע ליעגט טויט אויף דער ערד, האבען זיי זיך אלע געוואלט ארויפווארפען אויף דיא ענגלענדער און זיי צורייסען אויף שטיקער. קאַאי־קומו האט געמאכט מיט דיא הענד. ער האט געוואלט אפּטרייבען זיינע לאנדס לייט. עס האט איהם אבער ניט געהאלפען. קיינער האט איהם ניט געהערט. פלוצלונג האט ער א געשריי געטהאן:

— טאַבו! טאַבו! — הייליג! הייליג!

דאס ווארט טאַבו האט געווירקט, וויא א צויבער. דיא ווילדע האבען אפּגעטרעטען פון דיא ענגלענדער און זיינען געשטאַנען פון דער ווייטענס.

אין איינינע מינוטען ארום האט קאַאי־קומו געהייסען זיי אוועקפיהרען צוריק אין טעמפעל פון זיין גאט. ראבערט גראנט און דער פראָפעסאָר זיינען פערשוואונדען געווארען.

12טעם קאַפּיטעל.

די בעערדיגונג פון א הויפּטלינג.

קאַאי־קומו איז געוועזען ניט נור א הויפּטלינג, ער איז געוועזען א פּריעסטער אויך. ביי דיא ווילדע קומט עס אפט פאָר, אז א בעריהמטער קריעגער ווערט א פּריעסטער. אלס פּריעסטער, גייסטליכער, האט ער געהאט דאס רעכט ארויפצולעגען א טאַבו.

דאס טאַבו איז א וואונדערבאַרעס ווארט ביי אלע ווילדע פעלקער אויף דיא אינזלען פון יענעם מעער. טאַבו הייסט אייגענטליך היילינ. עס איז אבער אויך, וויא ביי אידען פלעגט אמאָל זיין א חרם. צו א זאַך, אויף וועלכער דער פּריעסטער האט ארויסגעזאגט דאס ווארט טאַבו, טאר מען זיך ניט צו ריהרען. אמאָל הייסט דער פּריעסטער א מענשען זיין טאַבו אויף עטליכע טעג. אין דיעזע טעג זיצט ער אין א בעזונדער צימער. קיינער טאר צו דיעזען צימער ניט צוגעהן. קיינער טאָר מיט איהם ניט רעדען, קיינער טאָר איהם קיין עסען ניט געבען. ער אליין מעג עסען נור געוויסע שפּייזען, ניט אלע. אמאָל מעג ער עסען אלע שפּייזען, ער טאָר זיי אבער ניט אנריהרען מיט זיינע הענד. ווען ער איז רייך און האט דיענער אדער קנעכט, לעגען איהם דיא קנעכט דאס עסען אין מויל אריין. איז ער אבער ארים, מוז ער עסען מיט'ן מויל, וויא א ווילדעס טהיער.

דאס „טאַבו“ איז א געפעהרליכע וואַפע אין דיא הענד פון דיא הויפּטלינגע און פּריעסטער. קוים זאגט ארויס א פּריעסטער אדער א הויפּטלינג דאס וואָרט טאַבו אויף א זאַך, טאר מען עס שוין ניט אנריהרען. עס איז היילינ. דארויף ליעגט א סארט חרם. ביי דיא מאָארי, וויא ביי אלע האלב ציוויליזירטע פעלקער, זיינען דיא צערעמאָניען און געזעצע פון דער רעליגיאָן אזוי אויסגעמישט מיט זייער טעגליכעם לעבען, אז אלעס, וואס זיי טהוען, געהער זיך אן מיט דער רעליגיאָן.

קאַאי־קומו האט געזעהן, אז זיינע לאַנדס לייטע זיינען זעהר אויפגערעגט און ער וועט ניט קענען רעטען זיינע געפאנגענע. מען וועט זיי צורייסען. ער האט ארויסגעזאגט דאס שרעקליכע ווארט „טאַבו“. אלע זיינען פון זיי אפּגעטרעטען. מען האט זיי שוין ניט געטארט אנריהרען.

לארד גלענארוואן האט זעהר גוט פערשטאַנען, אז דאס „טאַבו“ איז נור טעמפּאָרער — אויף א געוויסע צייט — און אז זיי זיינען יעצט פערלאָרען. ווען דיא ענגלענדער וועלען ניט קומען זיי רעטען, זיינען זיי האפנונגסלאז פערלאָרען. ער האט געוואוסט, אז ער האט געטויטעט א הויפּטלינג, און אנגעזעהנעם מענשען פון דיא מאָארי. זיי קענען ניט פערשווייגען זיין טויט. זיי וועלען זיך נוקם זיין פאר איהם.

מען קען זיך לייכט דענקען, וואס פאר א שרעקליכע נאכט זיי האבען פערבראכט. זיי האבען זיך אומגעקוקט און האבען דערזעהן מיט שרעקען, אז ראָבערט גראנט און דער פּראפעסאר זיינען ניטא מיט זיי.

— דיא מאָארי האבען זיי געוויס אויפגעגעסען. האט דער מאיאר געזאגט

שטילערהייט. זיי זיינען געווען דיא ערשטע אפּפער פון דיעזע ווילדע מענשען.

קאפּיטאן פאררארגוט איז געווען פערצווייפעלט. ער האט ניט געקענט זעהן, וויא מערי גראנט ליידעט, וואס איהר ברודער איז ניטא. זיא האט צוואר ניט געוויינט, ניט געקלאגט, זאגאר ניט גערעדט. זיא איז געזעסען אין א ווינקעלע — א בילד פון טרויער און פערצווייפלונג. עס איז געווארען פינסטער אין טעמ־פעל. קיין ליכט האט מען זיי ניט געגעבען. זיי זיינען זיך צונויפגעקראכען נאָ־הענט איינער צום אנדערן און זיינען געזעסען דיא גאנצע נאכט שטילערהייט. לארד גלענארוואן האט געהאלטען ליידי העלענא׳ס האנד און האט געטראכט, וויא אזוי זאל ער זיא רעטען אדער זיא טויטען, זיא זאל ניט אריינפאלען לעבע־דיגערהייט צו דיא ווילדע אין דיא הענד.

דאס איז געווען דיא שרעקליכסטע נאכט, וואס זיי האבען צוגעבראכט, זייט זיי זיינען ארויסגעפאהרען פון אייראפּא.

לאנגזאם און טרויעריג האבען זיך געשלעפּט דיא לאַנגע, שרעקליכע שטונ־דען פון דיעזער נאכט. ענדליך איז טאג געווארען. אונזערע געפאנגענע האבען אנגעהויבען זיך ארומצוקוקען, וואו זיי זיינען. ווילסאן איז ארויפגעקלעטערט אויף א הילצערנעם גאט און האט ארויסגעקוקט פון דעמזעלבען פענסטער,־ פון וועלכען ראבערט גראנט האט נעכטען ארויסגעקוקט. — דער „פּאה“ איז געווען לעדיג. מען האט ניט געזעהן קיין לעבעדיגען מענשען. נור ארום זייער געפענגניס זיינען געגאנגען צעהן ווילדע קריעגער, בעוואפענט פון קאפּ ביז אין דיא פיס.

ער האט עס דערצעהלט זיינע קאמעראדען. זיי האבען ניט געקענט פער־שטעהן, פארוואס מען זעהט קיין לעבעדיגען מענשען אין גאנצען „פּאה“.

— מעגליך, אז קאַאי־קומו איז אייך דאנקבאַר, וואס איהר האט געטויטעט קארא־טעטע, האט דער מאיאר געזאגט צו לארד גלענארוואן. ער וויל זיין דער איינציגער הויפּטלינג אין זיין „פּאה“. קארא־טעטע האט איהם געשטערט און האט איהם ניט געלאָזען טהאן, וואס ער האט געוואלט. א בעווייז, אז ער איז צופריעדען איז, וואס אין „פּאה“ איז יעצט אזוי שטיל, אזוי רוהיג.

איין שטונדע נאך דער אנדערער איז פערגאנגען. אין פּאה איז אלעס גע־ווען שטיל און רוהיג. אונזערע געפאנגענע האבען אנגעהויבען צו האפען, אז מען וועט זיי דאך בעפרייען, אדער אויסבייטען פאַרן טאַהאָנגאַ, דעם גרעסטען פריעסטער פון דיא מאַארי.

וואלט דער פּראפעסער געווען מיט זיי, וואלט ער זיי ערקלערט דיא אור־זאכע, וואס אין פּאה איז אזוי שטיל. ער האט געוואוסט אלע זיטען (מנהגים) און אויפפיהרונגען פון דיא מאַארי. זיי גלויבען, אז דריי טאג נאכ׳ן טויט שוועבט דיא זעעלע ארום דעם טויטען. זיא וויל אריינגעהן אין טויטען קערפּער און איהם לעבעדיג מאכען, ערשט נאכ׳ן דריטען טאג, איבערצייגט זיא זיך, אז זיא האט דא מעהר ניט וואס צו טהאן. עס איז דאהער ביי זיי איינגעפיהרט, אז דער טוי־טער בלייבט ליעגען גאנצע דריי מעת לעת, איידער מען בעערדיגט איהם. אין דיעזע דריי טאג רירען זיי דעם טויטען ניט אן און רייסען זיך ניט האר אויס

ווי האבען מורא, אז דיא זעלע זאל זיך ניט דערשרעקען און אנטלויפען. אלע הייזער פון דארף, וואו דער טויטער געפינט זיך בלייבען פערמאכט דיא גאנצע דריי טאג, קיינער ווייזט זיך ניט אויף דער גאס.

קארא-טעטע איז געווען א גרויסער מאן צווישען זיינע לאנדס לייט און מען האט פינקטליך בעאבאכטעט אלע צערעמאניען און אלע געברויכע (מנהגים) פון דיא מאארי.

דאס איז געווען דיא אורזאכע, וואס ווילסאן האט קיין לעבעדיגען מענשען ניט געזעהן אין „פאה“. זיי האבען ניט געקענט פערשטעהן, וואס דאס האט צו בעדייטען.

אזוי זיינען פערגאנגען אכט און פערציג שטונדען. ווען דיא אכט און פערציג שטונדען זיינען פערלאפען, האבען זיך אלע טהירען געעפענט און עס האבען זיך אנגעהויבען צונויפצוקומען פון אלע זייטען מענער, פרויען און קינדער. אלע זיינען געווען טרויעריג, אבער רוהיג.

קאאי-קומו איז ארויסגעקומען פון זיין הויז און האט זיך געשטעלט אויף א בערגעל אין דערמיט פון'ם פאה. אלע האבען זיך פערזאמעלט ארום איהם. דיא מענער זיינען געשטאנען נאהענט לעבען איהם. דיא פרויען און דיא קינדער זיינען געשטאנען פון דער ווייטען. — אלע האבען געשוויגען. ענדליך האט קאאי-קומו געגעבען א צייכען. איינער פון זיינע קריעגער איז ארוים פון'ם קרייז און איז געגאנגען צום טעמפעל, וואו דיא געפאנגענע זיינען געזעסען.

ווילסאן איז אראפגעשפרונגען פון זיין גאט און האט געזאגט:

— מען קומט אונז רופען. — וואוהין וועט מען אונז יעצט פיהרען? —

באלד האט זיך דיא מאטע (ראגאזשע) פון דער טהיר אויפגעהויבען, א שטארקער מאארי איז אריינגעקומען און האט זיי א ווינק געטהאן, זיי זאלען איהם נאכגעהן. ער האט זיי צוגעפיהרט צו קאאי-קומו מיט זיינע קריעגער. אלע האבען אפגעטרעטען אויף עטליכע שריט, ווען זיי זיינען צוגעקומען. מען האט מורא געהאט אנצורירען א טאבו.

— דוא האסט געטויטעט קארא-טעטע? האט קאאי-קומו געפרעגט.

— איך האב עס געטהאן! האט לארד גלענארוואן געענטפערט רוהיג.

— מארגען פריה, ווען דיא זון וועט אויפגעהן, וועסט דוא שטארבען, האט קאאי-קומו אויסגעשפראכען זיין אורטהייל.

— איך אליין? האט לארד גלענארוואן געפרעגט.

קאאי-קומו האט אויף איהם געווארפען א ווילדען בליק.

— ווען אונזער טאהאנגא וואלט ניט געווען אין דיא הענד פון דיין פאלק — אין דיעזער מינוט האבען זיך דיא מאארי אנגעהויבען צו ריהרען. אלע האבען זיך געווענדעט צום איינגאנג פון'ם „פאה“. אונזערע רייזענדע האבען זיך ניט געקענט איינהאלטען און האבען אויך א קוק געטהאן, וואס דארט איז געשעהן.

אין טויער פון'ם „פאה“ איז אריינגעלאפען א קריעגער. ער איז געווען פערשוויצט און האט קוים געאטהעמט. אזוי שטארק איז ער געלאפען. ווען קאאי-

קומו האט איהם דערזעהן, האט ער איהם געפרעגט אויף ענגליש, דיא געפאנגענע זאלען פערשטעהן:

— קומסט דוא פון׳ם לאגער פון דיא ענגלענדער?

— יא, האט דער מאן געענטפערט.

— האסט דוא געזעהן דעם געפאנגענעם, אונזער טאהאנגא?

— איך האב איהם געזעהן.

— לעבעדיגערהייט?

— ניין, טויטערהייט, דיא ענגלענדער האבען איהם געשאסען.

— מארגען פריה, ווען דיא זון וועט אויפגעהן, וועט איהר אלע שטארבען, האט קאאי־קומו ארויסגעזאגט זיין אורטהייל.

מעהר האט ער צו זיי ניט גערעדט. זיי זיינען פעראורטהיילט צום טויט. יעצט איז שוין פאר זיי קיין האפנונג מעהר ניטא. זיי האבען זיך געשטארקט און האבען ניט געוואלט ווייזען דיא מאארי, אז זיי האבען מורא פארן טויט. זיי האבען געוואוסט, אז קוים זעהן דיא ווילדע, אז א מענש האט מורא פארן טויט, זוכען זיי איהם צו מארטערן און צו פערלענגערן זיינע ליידען. עס איז ביי זיי א פערגנינגען צו זעהן, וויא יענער קנייטשט זיך און דרעהט זיך אין זיין טויטשרעק.

דאס מאל האט מען זיי ניט צוריקגעפיהרט אין טעמפעל. קאאי־קומו האט געהייסען זיך פארבערייטען צו דער צערעמאניע פון דער בעערדיגונג פון קארא־טעטע. ער האט געוואלט, אז דיא ענגלענדער זאלען זעהן דיעזע בלוטיגע צערעמאניע. מען האט זיי צוגעפיהרט צו א בארג ביים אייסערן ענדע פון׳ם „פאה“. דארט איז געלעגען דער טויטער קערפער קארא־טעטעס אויף מאטען (ראגאזשעס). אין זיין קאפ זיינען געווען אנגעשטעקט אלערליי פעדערן און ארום קאפ איז געווען א קראנץ פון פרישע בלעטער. דער גאנצער קערפער איז געווען איינגעריבען מיט אייל און איז נאך געווען גאנץ פריש. דאס אייל האט איהם אפגעהיט, ער זאל ניט פערדארבען ווערן.

דיא צערעמאניע האט זיך אנגעהויבען. פריינד, פערוואנדטע און בעקאנטע זיינען זיך צונויפגעקומען און האבען אנגעהויבען צו שרייען, צו וויינען און צו קלאגען. דיא פערוואנדטע האבען זיך געשלאגען אין קאפ אריין און האבען זיך געריעסען דאס געזיכט ביז אין בלוט. דער קאנצערט איז געווארען א שרעקליבער. עס האט געשווידערט דיא ענגלענדער איהם צו הערן.

דאס איז געווען ערשט דער אנפאנג פון דיא צערעמאניען. קארא־טעטע איז געווען א גרויסער מאן. מען מוז איהם מיטגעבען אויף יענער וועלט אלע זאכען, מיט וועלכע ער איז געווען געוואוינט אויף דער וועלט. ער מוז האבען מיט זיך זיין פרוי, זיינע דיענער, זיינע וואפען און אלע זאכען, וועלכע זיינען ביי איהם געווען טהייער אויף דער וועלט.

צום ערשטען איז געקומען אויף דיעזער בלוטיגער סצענע קארא־טעטעס פרוי. איהרע האר זיינען געווען צו־וואָרפען, איהר געזיכט איז געווען צוריסען און צובלוטיגט. זיא האט געשריען, געוויינט און געקרעבצט מיט אן אונמענש־

ליכע שטימע. זיא האט געלויבט דעם טויטען, האט געשריען, אז זיא וויל ניט לעבען און איז ענדליך געפֿאלען לעבען איהם און האט זיך אנגעהויבען צו שלאָ־גען דעם קאפּ אן דער ערד.

קאַאי־קומו איז יעצט צוגעגאנגען נעהנטער צו איהר. אין דער האנד האט ער געהאלטען א קיילע, א קיילעכדיג שטיק האלץ מיט א קורצעם הענטעל. ווען זיא האט אויפֿגעהויבען דעם קאפּ, האט ער איהר א זעץ געטהאן מיט זיין גאנצער קראַפֿט אין קאפּ אריין פֿון הינטען. — זיא איז געבליעבען ליעגען טויט לעבען איהר מאַן.

שרעקליכע געשרייען און געוויינען האבען זיך יעצט אנגעהויבען. מען האט גענומען דעם טויטען קערפּער פֿון קאַרא־טעטעס פֿרוי און מען האט איהם אניע־דערגעלעגט לעבען איהר מאַן.

דאס איז געווען דער ערשטער אַקט פֿון דיזער בלוטיגער דראמא. דאן זיינען געקומען זעקס קארא־טעטעס דיענער. זיי האבען אויך גֿעדארפֿט בעגלייטען זייער הערר אויף יענער וועלט. זיי זיינען געגאנגען רוהיג צום טויט. זיי זיי־נען זאגאַר ניט געווען געבונדען, אבוואהל זיי האבען זעהר גוט געוואוסט, וואס עס ערוואַרטעט זיי.

מען האט מיט זיי קיין פֿיעל צערעמאָניען ניט געמאכט. קוים זיינען זיי געקומען צו דעם ארט, וואו קאַרא־טעטעס קערפּער איז געלעגען, זיינען צו זיי צוגעגאנגען זעקס קריעגער און האבען זיי געטויטעט מיט א זעץ אין קאפּ מיט דער קיילע. זיי זיינען באלד געפֿאַלען אין א טייך פֿון בלוט. דער זעץ אין קאפּ אריין איז געווען אזוי שטאַרק, אז ביי איינינע האט ארויסגעשפריצט דאס געהירן פֿון קאפּ.

יעצט האט זיך אנגעהויבען דיא שרעקליכע סצענע פֿון מענשענפֿרעסעריי. דיא קערפּער פֿון קאַרא־טעטע מיט זיין פֿרוי זיינען טאַבו, זיי טאר מען ניט אנ־ריהרען. דיא קערפּער אבער פֿון דיא קנעכט זיינען ניט טאַבו. זיי מעג מען עסען. — קוים האט זיך דער צווייטער אקט פֿון דער צערעמאָניע געענדיגט, זיי־נען אלע: מענער, פֿרויען און קינדער ארויפֿגעפֿאלען אויף דיא קערפּער פֿון דיא זעקס דיענער, האבען זיי צוריסען אויף שטיקלעך און האבען זיי אנגעהויבען צו פֿרעסען. איינינע האבען זיי געגעסען רויערהייט, אנדערע האבען זיך געשטעלט קאָכען אדער בראטען דאס פֿלייש פֿון דיא נור וואס געטויטעטע מענשען. מען האט זיך געקריעגט, מען האט זיך געריסען, מען האט זיך געשלאגען איבער א שטיקעל פֿלייש, איבער א ביינדיל, איבער א טראָפּען בלוט.

גלענארוואן און זיינע קאמעראדען זיינען קוים געשטאנען אויף דיא פֿיס. זיי האבען געציטערט ביים אנזעהען פֿון אזא שוידערהאַפֿטע סצענע. ער האט זיך בעמיהט צו פֿערשטעלען ליידי העלענא, זיא זאל עס וועניגסטענס ניט זעהן. עס האט אבער גאר ניט געהאלפֿען, באלד האט מען געהערט אין גאנצען פֿאה דעם גערוך פֿון געבראטענע פֿלייש. קאַאי־קומו האט געוואוסט, וויא אזוי צו מאַרטערן מענשען. **ער האט אויסגעטען געהייסען זיי האלטען דאָ, אז זיי זאלען צו זעהן דיא**

גאנצע צערעמאָניע. זיי האבען יעצט געוואוסט, וואס פאר א טויט עס ערווארטעט זיי מארגען אין דער פריה.

באלד האט זיך אנגעהויבען דאס טויטענמאהלצייט. מען האט געבראכט הילצערנע פלעשער און לעהמענע קריגע מיט א שטארקעם געטרענק, וועלכע דיא מאָארי דיסטילירען פון א סארט פעפער. מען האט אנגעהויבען צו טרינקען און בערוישט צו ווערן. ווען אלע זיינען געווארען שרעקליך שיכור, האט זיך אנגעהויבען דער טויטענטאַנץ, א סאָרט ווילדער, אונמענשליכער טאַנץ. אלע האבען געשריען, געליארמט, געשפרונגען און זיך אויפגעפיהרט, וויא דיא וואהנזיניגע.

— וואס טהוט מען, ווען דיזע ווילדע וועלען שיכורערהייט פערגעסען אן דעם טאבו און וועלען באלד וועלען פראבירען דאס פלייש פון אייראפעער? האט זיך יעדער פון דיא געפאנגענע געטראַכט.

קאַאי־קומו אבער איז ניט געווען שיכור. ער האט צוואר געטרונקען, אבער מיט א מאס און האט געוואוסט, וויא אזוי איינצוהאלטען זיינע לאנדסלייט. ווען ער האט געזעהן, אז זייער ווילדקייט האט דערגרייכט דיא העכסטע שטופע, האט ער געגעבען א צייכען, אז מען דארף אנהויבען דיא בעערדיגונגס צערעמאָניע.

מען האט געבונדען קאַראַ־טעטע און זיין פרוי דיא הענד און דיא פיס און זיי ארויפגעלעגט אויפ'ן בויך. דאַן האט מען זיי ארומגעוויקעלט מיט מאַטען, ארומגעבונדען די מאַטען מיט שטריק, מען האט זיי ארויפגעלעגט אויף טראגע־באהרען (נאסילקעס) און מען האט זיי געטראגען אין זייער „אודופאַ“, בעערדיגונגס פלאַץ. דארט האט מען זייערע קערפער ארייגעלעגט אין דער ערד, אבער נור ביז דאס פלייש וועט פערפוילט ווערען. דאן וועט מען דיא ביינער ארויס־נעמען, זיי אפלאקירען און זיי אויפשטעלען אין א ווינקעל. אזוי איז דער מנהג ביי דיא מאָארי.

אזוי וויא קאַראַ־טעטע איז געווען א גרויסער מאן, האט ער געהאט א בע־זונדערע „אודופאַ“, אן אָרט פאמיליען בעערדיגונגס פלאַץ. דיזער „אודופאַ“ איז געווען אויף א באַרג אויסער דעם פאַה. פון'ם פאַה ביז צום „אודופאַ“ איז געווען אונגעפעהר א מייל ווייט.

דיא געפאנגענע זיינען געבליעבען אין פאַה אונטער א שטאַרקער וואַך. זיי האבען אבער געקענט זעהן אלעס. זיי האבען געזעהן, וויא דיא גאנצע באַנדע איז נאכגעגאַנגען נאך דיא צוויי לייכען, וויא זיי זיינען לאנגזאם ארויפגעגאנגען אויפ'ן בארג, דארט זיינען זיי געבליעבען שטעהן ארום א שטיבעל אדער א צוים פון פלעקער. ווייטער האבען זיי ניט געקענט זעהן. עס איז געווען צו ווייט. עס האט געדויערט א גרויסע צייט, איידער דיא ווילדע האבען געענדיגט דיא צע־רעמאָניע פון דער בעערדיגונג.

לאנגזאם זיינען אלע אראפגעגאנגען פון בארג. פון איצט אן איז דער באַרג טאבו. קיינער טאַר זיך צו איהם ניט צו ריהרען. דיא געפאַנגענע האבען געזעהן, וויא דיא מאָארי האבען ארומגעלעגט קלעצער און שטיקער האלץ ארום באַרג.

ווי האבען ניט געוואוסט, אז דאס איז א צייכען: ביז אהער מעג מען געהן, ווייטער ניט.

לאנגזאם זיינען זיי צוריקגעגאנגען אין פאה. דיא זון האט אנגעהויבען אונטערצוגעהן, ווען זיי זיינען אנגעקומען. קאַי־קומו האט באלד געשיקט א קריע־גער, ער זאל דיא געפאַנגענע צוריק פיהרען אין זייער געפענגניס.

13טעס קאפיטעל.

דורך א וואונדער גערעטעט.

טרויעריג, דיא קעפ אראפגעלאזען, מיעד און צובראָכען זיינען דיא געפאַנגענע געזעסען אין זייער געפענגניס. דאס איז זייער לעצטע נאַכט. מארגען גאַנץ פריה וועט מען זיי טויטען און אויפעסען.

— לאמיר עפעס עסען, האט לארד גלענארוואן געזאגט. מיר מוזען זאַמלען קרעפטע אויף מארגען. מיר מוזען ווייזען דיעזע ווילדע, אז אייראפעער האבען קיין מורא ניט פאר'ן טויט.

זיי האבען שנעל עפעס אפגעגעסען, וואס זיי האבען געהאט און האבען זיך ווידער פערטראכט. זיי זיינען געווים געווען זעהר מוטהיג און האבען זיך געשטאַרקט, וויא וויט זיי האבען געקענט, זיי זיינען אבער דאך געווען מענשען און האבען זיך יעדע מינוט דערמאָנט, וואס עס ערווארטעט זיי מארגען אין דערפריה.

אלע זיינען געווען שרעקליך מיעד פון דיא סצענען, וואס זיי האבען זיך אנגעזעהן א גאנצען טאג. ליידי העלענא און מערי גראַנט זיינען באלד אנטשלאָפען געווארען. ווען לארד גלענארוואן האט געזעהן, אז זיי שלאפען, האט ער זיך געווענדעט צום מאיאָר און צום קאפיטאן פארראגוט:

— מיינע טהייערע פריינד, אונזער לעבען איז ביי גאט אין דער האַנד. ווען ער האט בעשטימט, אז מיר זאלען שטאַרבען אויף אזא אַרט, וויים ער געווים, וואס ער טהוט. איך וויל מיך ניט בעקלאגען, איך וויל שטאַרבען, וויא א מאַן. דאס ערגסטע איז, וואס דיעזער טויט הייסט ניט שטאַרבען אליין, דאס הייסט מארטערן, בעליידיגען, פערלאכען, פערשפאָטען. איך וויים, וויא גרויזאם דיא מאַארי זיינען. מיר, מענער, וועלען אלעס איבערטראגען, עס זיינען אבער דא צווישען אונז פרויען. מיר טארען ניט דערלאָזען, אז מען זאל זיי בעליידיגען פאר'ן טויט. מיר מוזען טראכטען א מיטעל, אז זיי זאלען שטארבען פון אונזער האנד און זאלען ניט זעהן, וואס דיא ווילדע וועלען טהאן מיט אונז.

— איך האב שוין דאס מיטעל, האט פארראגוט געזאגט און האט ארויס־גענומען א לאנגען מעסער.

— וואו האט איהר גענומען דיעזעס מעסער? האט דער מאיאָר געפרעגט.

— ווען דיא מאַארי זיינען היינט געווען שיכור, האב איך געגנבעט ביי איינעם פון זיי דאס מעסער.

— אלזא, שווערט מיר, אז ווער עס וועט בלייבען לענגער לעבען, דער זאל טויטען דיא פרויען, האט לארד גלענארוואן געזאגט.

— איך וועל געווים שווערן, האט דער מאיאר געענטפערט. מיר דארפען עס אבער טהאן נור אין דער לעצטער מינוט, ווען יעדע האפנונג וועט פערשווינדען. איך גיב נאך ניט אויף דיא האפנונג זיך צו רעטען פון דאנען. איך ווייס ניט וויא אזוי, אבער איך האף נאך.

— געווים, מיינע פריינדע! האט לארד גלענארוואן געזאגט. איך גיב נאך אויך דיא האפנונג ניט אויף. וואלטען דיא פרויען ניט געווען מיט אונז, וואלט איך געראטהען, אז מיר זאלען יעצט אלע ארויסגעהן, אנפאלען אויף אונזער וואך און קעמפפען, ביז מיר וועלען אנטלויפען אדער מען וועט אונז אלע טויטען. מיט דיא פרויען אבער קענען מיר עס ניט טהאן. זיי וועט מען באלד חאפען און מען וועט זיי מארטערן.

קאפיטאן פאררא‌גוט האט אין דיעזע מינוט אויפגעהויבען דיא מאטע און האט אנגעהויבען צו צעהלען, וויא פיעל ווערכטער עס היטען זיי. ער האט איבערגעצעהלט פינף און צוואנציג. זיי האבען צולעגט א גרויס פייער אין דער מיט פון'ם פאה און זיינען געזעסען לעבען פייער, זיי האבען אבער ניט אראפגעלאזען קיין אויג פון'ם טעמפעל, וואו אונזערע געפאנגענע זיינען געוועזן. זיי האבען געהיט נור דעם פראנט פון'ם טעמפעל. דיא הינטערסטע וואנד האבען זיי ניט געדארפט היטען. דער טעמפעל איז געשטאנען אויף א בארג. מען האט געקענט צוקומען צו איהם נור פון פארנט. דיא הינטערסטע וואנד איז געשטאנען אויף א הויכען שטיין, צו וועלכען מען האט ניט געקענט צוקומען אהן א לייטער, אזוי הויך איז געווען דער שטיין. דיא ווענט פון'ם טעמפעל זיינען געווען שטארק גענוג, מען האט זיי ניט געקענט דורכברעכען אהן א האק.

לארד גלענארוואן און קאפיטאן פאררא‌גוט האבען אלעם פראבירט. זיי האבען בעטאפט דיא ווענד, זיי זיינען ארויפגעקלעטערט אויף דיא געטער ביז צום דאך און האבען ארומגעקוקט דיא גאנצע געגענד ארום — עס איז אונמעגליך צו אנטלויפען.

עס איז געווארען שפעט. דיא נאכט איז געווען פינסטער און קיהל. דער הימעל האט זיך בעדעקט מיט וואלקענס און עס האט אנגעהויבען צו בלאזען א שטארקער ווינד. פון שלאפען האט קיינע רעדע ניט געקענט זיין. אין אזא לאגע שלאפט זיך ניט.

ארום צוויי אוהר פאר טאג האט דער מאיאר דערהערט, וויא מען קראצט דיא הינטערסטע וואנד פון'ם טעמפעל. אנפאנגס האט ער געמיינט, אז עס טהוט עס א קאץ אדער א מויז, באלד אבער האט ער זיך איבערצייגט, אז דאס מוז זיין עפעס אנדערש. ער האט צוגעלעגט דעם אויער צו דעם ארט, וואו מען האט געקראצט אדער געגראבען דיא ערד — עס איז געראדע אויסגעקומען לעבען איהם — און ער האט געהערט דייטליך, אז מען גראבט דיא ערד זעהר פארזיכטיג. ער איז צוגעקראכען צו לארד גלענארוואן און דעם קאפיטאן און האט זיי געזאגט:

— הערט איך נור דא צו דער וואנד.

זיי האבען זיך צוגעזעהען — מען גראבט אונטער דיא האנד.

— דאס גראבט געווים א חיה, האט פאררארגוט געזאגט.

— ווער ווייס? פיעללייכט איז עס א מענש? האט לארד גלענארוואן זיך אנגערופען.

— איך מוז עס אויסגעפינען, ווער עס איז, האט דער מאיאָר אויסגערופען.

ער איז צוגעקומען צו דעם ארט, וואו מען האט געגראָבען און האט אנגעהויבען צו גראבען פון זיין זייט. באלד האט פאררארגוט אויך אנגעהויבען צו גראבען מיט זיין מעסער. ווילסאן, מילרעד און אלבינעט האבען געגראבען מיט זייערע פינגער און לארד גלענארוואן איז ארויפגעקלעטערט אויף א גאט זעהן, אויב דיא מאַאָרי, וועלכע בעוואכען זיי, האבען עפעס ניט בעמערקט.

דיא מאַאָרי זיינען געזעסען רוהיג ארום פייער פאר דעם טהיר פון'ם טעמפעל. זיי האבען גאר ניט בעמערקט. דיא געפאַנגענע האבען ווייטער געגראבען. זיי האבען זיך באלד איבערציינגט, אז דארט גראבט ניט קיין חיה, זאנדערן א מענש. קוים האט דער מענש בעמערקט, אז מען העלפט איהם פון אינעווייניג, האט ער אנגעהויבען צו גראבען נאך פלייסיגער און נאך שנעלער.

ווער זאל זיין דער מענש? — צו וואס פאר א צוועק גראבט ער אונטער דעם טעמפעל? — דאס האבען זיי זיך ניט געקענט ערקלערן, אבער וואס איז זיי דער אונטערשיעד? ערגער, וויא עס איז, קען שוין ניט זיין.

דיא ערד איז דארט געווען ווייך און מען האט זיא געגראָבען זעהר לייכט באלד איז געווארען א לאָך, אין וועלכער מען האט געקענט אריינשטעקען א האנד. דער מאיאר האט ארויסגעשטעקט זיין האנד. א קליינע, ווייכע האנד האט זיא אנגענומען און א קוועטש געטהאן.

— דאס טהוט אן אייראפעער, האט ער געזאגט, א קינד אדער א פרוי. איך האב אנגעריהרט א קליינע האנד.

— זאל עס זיין ראבערט? האט לארד גלענערוואן געפרעגט שטילערהייט.

קוים האט מערי גראנט דערהערט דעם נאמען ראבערט, איז זיא צוגעגאנגען צום ארט, וואו מען האט געגראבען און האט געזאגט:

— מיין ליעבער, טהייערער ברודער, דוא ביסט עס?

— יא, איך בין עס, מיין ליעבע, טהייערע שוועסטער, האט ראבערט גראַנט געענטפערט. איך בין געקומען אייך צו רעטען. זייט פארזיכטיג. רעדט ניט, העלפט מיר, ארבייט! גראבט ווייטער!

מען קען זיך דענקען, מיט וואס פאר א פרייד אלע האבען יעצט אנגעהויבען צו גראָבען דיא ערד.

— זעהט, וואס דיא ווילדע טהוען ארום פייער, האט ראבערט געזאגט.

ווילסאן איז באלד ארויפגעקלעטערט אויף א גאט, האט זיך ארומגעקוקט און האט געמעלדעט:

— זיי זיינען מיעד געווארען און האבען זיך געלעגט שלאפען. נור פיער [illegible] זיי זיינען נאַך. זיי קוקען אויף דער טהיר פון'ם טעמפעל

אין א מינוט שפעטער איז דער לאָך אין דער וואנד געווארען אזוי גרויס, אז ראבערט גראנט איז אריינגעקראכען אין טעמפעל. זיין שוועסטער האט איהם ארומגענומען, ליידי העלענא האט איהם ארומגענומען און געקושט.

— איך האב געמיינט, אז דיא ווילדע האבען דיך שוין לאנג אויפגעגעסען, האט זיא איהם געזאגט. וויא אזוי ביסט דוא פערשוואונדען געווארען?

— איך ווייס אליין ניט. ווען קארא-טעטע איז געפאלען טויט און עס איז געווארען א ליארם און א געשריי, בין איך מיר שטילערהייט ארויסגעגאנגען פון'ם פאַה. איך האב מיך ארומגעדרעהט ארום פאַה דיא גאנצע צייט און האב אלץ געזוכט מיטעל, וויא אזוי אייך צו רעטען. — איך האב געפונען אין וואַלד א שטיבעלע, וואו עס איז קיינער ניט געווען. וואהרשיינליך, געפינען זיך דיא איינוואינער אין פאַה. דארט האב איך גענעכטיגט, דארט האב איך געפונען, וואס צו עסען און דארט האב איך געפונען דיעזען שטריק און א מעסער. פון דארט האב איך היינט געזעהן דיא גאַנצע צערעמאָניע פון דער בעערדיגונג און איך בין געקומען אייך רעטען. — יעצט איז ניט דיא צייט אלעם צו דערצעהלען.

— איז פאגאנעל אונטען? האט לארד גלענארוואן געפרעגט.

— דער פראפעסאר? האט ראבערט אויסגערופען פערוואונדערט

— יא, דער פראפעסאָר. ער ווארט געווים אויף אונז, האט פארראגוט געזאָגט.

— איך ווייס ניט, וואו ער איז, האט ראבערט געענטפערט. — איז ער דען ניט מיט אייך?

— ניין, ראבערט. ער איז פערשוואונדען אין איין צייט מיט דיר. — זייט איהר ניט צוזאַמען אנטלאָפען?

— לאמיר געהן! האט דער מאיאר זיי אונטערבראָכען. — וואו דער פראפעסאר איז, ווייסען מיר ניט. ער איז אבער געווים ניט אין אזא שלעכטע לאַגע, וויא מיר. — דיא צייט איז טהייער. לאמיר זיך אנהויבען צו רעטען.

דיא צייט איז ווירקליך געווען טהייער. עס איז שוין געווען אום דריי אוהר פאר טאג. מען האט ארומגעבונדען דעם שטריק, וואס ראבערט האט געבראכט ארום א גאט און מען האט זיך אנגעהויבען אראָפצולאזען. דער ערשטער האט זיך אראפגעלאזען ראבערט, ווייל ער האט שוין געוואוסט דעם וועג, וויא אזוי ארויסצוגעהן, ווען מען קומט אראפ אונטען.

— ווען איך וועל דריי מאל ציהען דעם שטריק, זאלט איהר וויסען, אז איך בין שוין אונטען, האט ער זיי געזאגט.

פארראגוט האט פראבירט דעם שטריק, אויב ער איז שטאַרק גענוג.

— ער קען אויסהאלטען צוויי מענשען, האט ער געזאגט. אלזא, לאמיר זיך אראפלאזען פארוויים. צו ערשט לארד גלענארוואן און ליידי העלענא, דאן וועט קומען מערי גראנט און דער מאיאר, דאן אלבינעט און מילרעד, איך און ווילסאן וועלען זיין דיא לעצטע. מיר זיינען מאטראזען און קענען זיך זעהר לייכט אראפלאזען אויף א שטריק.

באלד האט ראבערט געגעבען זיין צייכען. לארד גלענארוואן און ליידי

העלענא זיינען לאנגזאם ארויסגעקראכען פון'ם טעמפעל. דיא האפנונג זיך צו רעטען פון אזא שרעקליכען טויט האט אלעמען געגעבען מוטה אויסצוהאלטען און זיך אראפצולאזען פון אזא שרעקליכע הויך. אין אנאנדער צייט וואלט לײדי העלענא געוויס מורא געהאט זיך אראפצולאזען אויף א שטריק. יעצט איז אבער קיין צייט ניט געווען צו רעדען און צו טראַכטען. זיי האבען געוואוסט, אז מען מוז זיין פארזיכטיג און מען מוז שווייגען. מען טאר קיין ווארט ניט רעדען.

איינער נאכ'ן אנדערן האבען זיי זיך אראפגעלאזען אויפ'ן שטריק. ראבערט האט אויפגענומען אונטען זיינע קאמעראַדען. קוים איז ווער פון זיי אראפגעקומען, האט ער איהם ארומגענומען און צוגעפרעסט צום הארצען. וויא שנעל זיי האבען אלעס געטהאן, האט עס דאך פערנומען א האלבע שטונדע, ביז אלע זיינען געווען אונטען. אויפ'ן הימעל האט זיך געוויעזען דער ערשטער שיין פון'ם יונגען טאג, ווען אלע זיינען געווען אונטען.

יעצט האט זיי ראבערט געפיהרט צווישען דיא בוימער אין דיא בערג. אין וואלד איז נאך געווען פינסטער און זיי האבען געמוזט געהן לאנגזאם. זיי האבען ניט געטארט לויפען, עס זאל ניט מאכען קיין רעש. זייערע וועכטער זאלען ניט דערהערן. דער וועג איז געווען זעהר שמאָל און פול מיט שטיינער און מיט דערנער.

עס איז פערגאַנגען א שטונדע און צוויי. אין אסטען איז געווארען ליכטיג. זיי זיינען געגאנגען אהן א וועג און אהן א שטעג. זיי האבען נור געזעהן, אז זיי געהן ארויף א באַרג. ראבערט האט ריכטיג בערעכענט, אז ארויף א בארג איז שווערער נאכצויאָגען, וויא אויף א גלייכען ארט. ער האט זיי דאהער געפיהרט אויף א באַרג.

פלוצלונג האבען זיי דערהערט שרעקליכע געשרייען פון'ם פאַה. דיא וועכטער, וועלכע האבען זיי געהיט, האבען זיך אומגעקוקט און דערזעהן, אז דיא פייגעל זיינען ארויסגעפלויגען און דער שטייג איז לעדיג. — יעצט האט זיך אנגעהויבען דיא שרעקליכע צייט פאר דיא אנטלאפענע. מען וועט זיי געוויס נאכיאָגען. וועלען זיי זיין אים שטאַנד זיך ערגעץ אויסצובעהאלטען? — וואו זאלען זיי זיך אויסבעהאלטען? — דיא ווילדע זיינען גרויסע קינסטלער אויסצוגעפינען דיא שפורען פון מענשען, בעזאנדערס פון אייראפעער.

עס איז אבער קיין צייט ניט געווען לאנג צו טראכטען. דיא זון האט זיך ארויסגעוויעזען און אונזערע רייזענדע האבען דערזעהן, וויא פון'ם פאַה האבען זיך ארויסגעשאָטען עטליכע הונדערט ווילדע און האבען זיך צולאזען אין אלע זייטען. — באלד האבען זיי דערהערט נאך שרעקליכערע געשרייען. — דיא מאַארי האבען זיי דערזעהן און זיינען זיי נאכגעלאפען אויף א נעהנטערן וועג.

אין דער נויט איז זיי געבליעבען נור איין וועג זיך צו רעטען: זיי זאלען דערגרייכען דעם שפיץ פון'ם בארג און זיך אראפלאזען אויף דער אנדערער זייט, צום וואסער. מעגליך, אז זיי וועלען דארט געפינען א קאַנאָע און וועלען זיך רעטען אויפ'ן וואסער

14טעס קאפיטעל.

טאַבו! טאַבו!

דער באַרג, אויף וועלכען זיי זיינען יעצט געווען, איז ניט געווען שטאַרק הויך. זיי זיינען שוין געווען ניט ווייט פון'ם שפיץ. ווען זיי וועלען אנקומען אויף'ן העכסטען פונקט פון'ם בארג, וועלען זיי זיך ארומקוקען און וועלען זעהן, וואוהין צו געהן און וויא אזוי זיך צו רעטען. — יעצט מוז מען געהן שנעל.

— מוטה, מיינע פריינד! האט לארד גלענארוואן געזוכט זיי אויפצומונטערן, זיי זאלען געהן שנעלער. — גאט וועט אונז ניט פערלאָזען!

דאס איז געווען גאנץ איבעריג. יעדער האט אנגעשטרענגט זיינע לעצטע קרעפטע צו לויפען, ריכטיגער געזאגט, צו אנטלויפען. דיא ווילדע געשרייען פון דיא מאַאָרי האבען זיי געגעבען מוטה גענוג. דענאך איז פערגאנגען א גערוימע צייט, איידער זיי האבען דערגרייכט דעם העכסטען פונקט פון'ם באַרג. דא האבען זיי געמוזט בלייבען שטעהן א מינוט. ערשטענס, זיינען אלע געווען פערסאָפעט און אויסער אטהעם. צווייטענס, האבען זיי געמוזט זיך אומקוקען וואוהין צו געהן.

זיי האבען זיך אומגעקוקט. צום וואסער איז געווען ווייט. פון איין זייט בערג איז געווען א ווילדער וואלד, פון דער אנדערער זייט זיינען געווען טיעפע טהאָלען פול מיט שטיינער און מיט גריבער.

— לאמיר אראפגעהן אין דיא טהאלען, האט לארד גלענארווען געזאגט. דארט וועלען מיר זיך גיכער קענען אויסבעהאלטען.

אלע האבען אנגעהויבען אראפצוגעהן.

— בלייבט שטעהן! האט פלוצלונג קאמאַנדירט דער מאיאָר. — זעהט, וואס דארט טהוט זיך!

אלע זיינען געבליעבען שטעהן און האבען זיך אומגעקוקט. א זאָנדערבאַרעס בילד, וועלכעס זיי האבען זיך אויף קיין פאַל ניט געקענט ערקלערן, האט זיך זיי פארגעשטעלט. — דיא מאַאָרי זיינען געשטאנען אונטען לעבען באַרג, האבען געשריען, געליאַרמט, געבילט, וויא דיא הינד, געברומט, וויא דיא ווילדע טהיערע, געקריצט מיט דיא ציינער, געמאכט מיט דיא הענד — זיי וואלטען, דאכט זיך, געקענט זעהר לייכט זיי אניאָגען. זיי זיינען אבער געשטאנען אויף איין ארט, וויא צו געשמידט. קיינער האט ניט געוואגט צו מאכען א שריט ווייטער. זאגאַר זייערע הינט האבען זיך ניט גערידהרט פון'ם ארט.

— וואס זאל דאס הייסען? — וואס פאַר א געהיימע מאכט האלט זיי איין און לאזט זיי ניט ארויפגעהן אויפ'ן בארג? — וויא קומט עס, וואס זיי שטעהן אויף איין ארט און ריהרען זיך ניט?

ליידי העלענא האט געשטעלט דיעזע פראגען, קיינער אבער האט איהר ניט געענטפערט. פארראגט האט זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטען און האט פלוצלונג אויסגערופען:

— טאַבו! טאַבו! — אט איז קאַראַ־טעטעס גראַב! אט איז זיין אודופאַ!

יעצט האבען אלע דערזעהן, אז זיי געפינען זיך גאר ניט ווייט פון דעם אָרט, וואו זיי האבען געסטערן געזעהן, וויא דיא מאַאָרי האבען בעערדיגט זייער הויפטלינג קאַראַ־טעטע מיט זיין פרוי. זיי זיינען צופעליגער ווייזע געקומען אויף דעם באַרג, וועלכען קאַאי־קומו אליין האט ערשט געסטערן ערקלערט אלס טאַבו. דאס איז אלזאָ דיא אורזאַכע, וואס דיא ווילדע זיינען געבליעבען שטעהן. זיי טאַרען אויפ'ן באַרג ניט ארויפגעהן.

— אלזאָ, זיינען מיר דערוויילע זיכער, האט לארד גלענארוואן געזאגט. לאָז מיר צוגעהן צו דער אודופאַ. יענער אָרט איז געוויס טאַבו.

איבער קאַראַ־טעטעס גראַב איז געוועזן אויסגעבויט א שטוב נאך דער לעצטער מאַאָרי מאָדע. ארום דער שטוב איז געוועזן א צוים פון פלעקער, פריש געפארבט מיט א רויטער פאַרב. עס האט אויסגעוויזען, וויא דאס הויז פון א בויער אין רוסלאנד. לארד גלענארוואן און זיינע קאמעראדען זיינען צוגעגאנגען צום גראָב. דער צוים איז ניט געוועזן פערמאַכט. לארד גלענארוואן איז געוועזן דער ערשטער, וועלכער איז אריינגעגאנגען אין צוים. ער איז צוגעגאנגען צו דער אודופאַ און האט אויפגעהויבען דיא מאַטע (ראגאָזשע), וועלכע האט פערהאַנגען דיא טהיר. פלוצלונג איז ער אפגעשפרונגען, וויא אן אפגעבריהטער.

— א ווילדער! א מאַאָרי! האט ער אויסגערופען מיט שרעק.

— אין גראַב געפינט זיך א ווילדער? האט דער מאיאָר געפרעגט פערוואונדערט. — דאס קען ניט זיין! קומט! איך וועל געהן מיט אייך!

לארד גלענארוואן, דער מאיאר, פאררצגוט און ראבערט זיינען אריינגעגאַנגען אין דער אודופאַ. דארט איז ווירקליך געזעסען א ווילדער אנגעטהאן אין מאַאָרי קליידער. אין דער אודופאַ איז געוועזן פינסטער און זיי האבען ניט געקענט זעהן זיין געזיכט. דער ווילדער איז געזעסען און; האט זיך גאנץ רוהיג געגעסען זיין פריהשטיק. לארד גלענארוואן האט געוואלט צו איהם רעדען. פלוצלונג האט זיך דער ווילדער אויפגעהויבען און האט געזאגט גאנץ פריינדליך:

— ביטע, ביטע, לארד גלענארוואן! דער פריהשטיק שטעהט שוין אויפ'ן טיש.

— פראָפעסאָר! פאגאַנעל! איהר זייט עס? האבען יעצט אלע אויסגעשריען מיט איין קול.

דער פראָפעסאר איז יעצט ארויסגעגאנגען פון דער אודופאַ. אלע האבען איהם ארומגערינגעלט, אלע האבען איהם בעוואונדערט. ער איז געוועזן אנגעטהאן, וויא א ווילדער און האט אויסגעוויזען, וויא אן עכטער מאַאָרי, נור זיינע גרויסע, בלויע ברילען האבען געוויזען, אז ער איז נאך אן אייראפעער. מען האט איהם פערשאָטען מיט פראַגען. — וואו איז ער געוועזן? וויא אזוי איז ער פערשוואונדען פון'ם פאַה? וואו זיינען זיינע אייראפעאישע קליידער? וויא קומט ער אויף דיעזען באַרג?

לארד גלענארוואן האט געמאכט אן ענדע צו אלע דיעזע פראגען.

— מיינע פריינדע, האט ער געזאגט, יעצט איז ניט דיא צייט צו בעפריעדיגען אייער נייגיערדע. פערגעסט ניט, אז מיר זיינען ארומגערינגעלט פון דיא ווילדע.

— דיא ווילדע? האט געלאכט דער פראפעסאר, איך הער זיי ניט! איך לאך פון זיי!

ער איז ארויסגעגאנגען פון דער אודופא, האט אויפגעהויבען דיא הענד, האט זיך געווענדעט צו דיא מאארי און האט געשריען אין דער הויך:

— רייסט אייך! שרייט! בילט! — איהר וועט דאך צו אונז ניט קומען. — איהר טארט אהער ניט קומען!

— פארוואס איז, פראפעסאר? האט ליידי העלענא געפרעגט.

— מאדאם, האט פאגאנעל געזאגט מיט אן עכט פראנצויזישער העפליכקייט. מאדאם, אין דיא אלטע צייטען איז געווען א געזעץ, אז ווען א פערברעכער איז אריינגעלאפען אין א קירכע, אדער אין א טעמפעל פון א גאט, האט איהם קיינער ניט געטארט אנריהרען. אין גריעכענלאנד איז א מאל א גרויסער פערברעכער, וועלכען מען האט געוואלט טויטען, אריינגעלאפען אין א טעמפעל פון א גאט און האט זיך געשטעלט אונטערן שוץ פון'ם גאט. — מען האט איהם גאר ניט געקענט טהאן. עס האט זיך אבער געפונען א קלוגע פרוי, זיא האט גענומען א גרויסען שטיין און האט איהם אניידערגעלעגט פאר דער טהיר פון'ם טעמפעל. דאס פאלק האט איהר פערשטאנען. מען האט באלד אנגעהויבען צו טראגען שטיינער פון אלע זייטען און מען האט פערמויערט דעם טעמפעל.

ביי דיא ווילדע מאארי איז דא א טאבו, וועלכעס איז הייליגער אלס דיא טעמפעל אין דיא אלטע צייטען. א טעמפעל האט מען געקענט פערמויערן, צו א טאבו טאר מען זיך ניט צוריהרען. מיר זיינען געשיצט. מיר זיינען דא זיכער.

— נור אויף א קורצע צייט, האט לארד גלענארוואן געזאגט טרויעריג. מיר האבען דאך ניט וואס צו עסען דא אויפ'ן בארג.

— דיא מאארי האבען אנגעגרייט פאר קארא-טעטע און זיינע בעגלייטער פראוויאנט אויף א פאר וואכען, האט דער פראפעסאר געענטפערט. מיר וועלען עס אויסבארגען ביי איהם. איך האב שוין פראבירט פערזוכען פון דיא עסענס, וואס מען האט דא איבערגעלאזען פאר איהם. עס שמעקט גאנץ גוט.

— וואס וועט אבער דאס ענדע זיין? האט לארד גלענארוואן ווייטער געזאגט. וויא לאנג קענען מיר דא אויסהאלטען?

— ביז וואנען מיר וועלען אנטלויפען, האט דער פראפעסאר געענטפערט גאנץ רוהיג.

— וויא אזוי וועלען מיר אנטלויפען?

— איך ווייס ניט. איך בין אבער זיכער, אז מיר וועלען אנטלויפען, האט דער פראפעסאר געזאגט. — יעצט קומט, רוהט אייך אפ און עסט עפעס. איהר זייט געוויס הונגעריג.

אלע זיינען געווען זעהר מיעד און זעהר הונגעריג. דער פראפעסאר האט

זיך פֿארשטעלט פֿאר א בעל הבית און האט זיי בעווירטהעט. ער האט ארויסגע־שלעפּט פֿון דער אודופּא א מאַטע (ראגאושע) האט זיא אויסגעשפּרייט אויף דער ערד און האט אניעדערגעלעגט אויף איהר דיא שפּייזען, וועלכע זיינען געווען אין דער אודופּא. קאַרטאָפֿעל, רייז, ווארצלען פֿון פֿעשיעדענע גראַזען און נאך אזעל־כע זאכען.

ווען מען האט אפּגעגעסען און זיך אביסעל אפּגערוהט, האט מען ווידער אנגעהויבען אויסצופֿרעגען דעם פּראפֿעסאָר, וויא אזוי עס האט מיט איהם פּאַסירט דיא גאנצע צייט, וואס ער איז ניט געווען מיט זיי צוזאַמען. דער פּראפֿעסאר אבער האט געענטפֿערט זעהר אונגערן אויף אזעלכע פֿראגען. ער פּלעגט שטענ־דיג אזוי ליעב האבען צו רעדען און צו דערצעהלען. יעצט איז שווער געווען ארויסצוציהען ביי איהם א ווארט.

— דער פּראפֿעסאר איז געווארען גאר אנאנדער מענש, האט דער מאַיאָר געזאגט שטילערהייט. ער וויל ניט רעדען, ער וויל ניט דערצעהלען. — וואס איז מיט איהם?

ענדליך, ווען ליידי העלענא און לארד גלענארוואן האבען איהם אנגעהוי־בען אויסצופֿרעגען, האט מען דאן פֿון איהם קוים געקענט ארויסציהען פֿאָלגענדע געשיכטע:

אין דעם רעש, וואס איז געווארען, ווען לארד גלענארוואן האט אויסגע־שאָסען אויף קאַרא־טעטע, איז ער זיך שטילערהייט ארויסגעגאנגען פֿון׳ם פּאַה. ער איז געגאנגען אהן א וועג און אהן א שטעג און איז אנגעקומען אין א לאַגער פֿון מאַאָרי. דיעזע מאַאָרי האבען ניט געהערט צו קאַאי־קומו, זאנדערן צו אנ־אנדער שטאַם (שבט). דער הויפּטלינג פֿון דיעזע מאַאָרי האט אויפגענומען דעם פּראפֿעסאָר זעהר פֿריינדליך. עס איז איהם געפֿעלען דעם פּראפֿעסאָר׳ס ברילען און דער טעלעסקאָפּ. ער האט פּראָבירט קוקען דורך דיא ברילען, האט אבער גאר ניט געזעהן אויף זיי און האט זיי איהם אפּגעגעבען צוריק. דעם טעלעסקאָפּ אבער האט ער ציגענומען, ווייל דער פּראפֿעסאר האט איהם געוויזען, אז מען קען זעהן דורך איהם זעהר וויים.

— דער טעלעסקאָפּ האט מיך גערעטעט, האט דער פּראפֿעסאָר געזאגט. דער ווילדער הויפּטלינג האט ניט געוואוסט, וויא אזוי איהם אויפצושטעלען און אויפצושרויפֿען. יעדעס מאל, ווען ער האט געוואלט קוקען אויף איהם, האט ער געמוזט בעטען, איך זאל איהם אויפשטעלען. דאס איז דעם ווילדען אזוי געפֿע־לען, אז ער האט מיך צוגעבונדען צו זיך מיט א לאנגען שטריק. איך זאל שטענ־דיג זיין לעבען איהם. איך האב געמוזט עסען מיט איהם און שלאפֿען מיט איהם. אזא פֿריינדשאפֿט איז מיר אבער ניט געפֿעלען.

— האט מען אייך וועניגסטענס גוט בעהאנדעלט? האט ליידי העלענא געפֿרעגט.

— יא און ניין, האט דער פּראפֿעסאָר געענטפֿערט.

ער האט אבער ניט געוואלט אויסזאגען, וויא אזוי מען האט איהם בעהאנ־

רעלס. וואס מען האט איהם געפרעגט און וואס מען האט געצווינגען ביי איהם ווערטער, וויא אזוי מען האט איהם בעהאנדעלט, עס האט גאר נים געהאָלפען. ער האט נים געוואלט זאגען, וואס מען האט מיט איהם געטהאן.

— דיא צו גרויסע פריינדשאפט פון מיין ווילדען פריינד, וועלכער האט אזוי שטארק ליעב בעקומען מיין טעלעסקאָפּ, איז מיר אזוי שטארק נים געפעלען, אז נעכטען ביי נאכט האב איך געפונען א מעסער און ווען ער איז געשלאָפען, האב איך איבערגעשניטען דעם שטריק, מיט וועלכען איך בין געווען צוגעבונדען צו איהם, און בין אנטלאָפען. מיין ווילדער פריינד האט געזעהן דורך מיין טע-לעסקאָפּ, וויא מען האט בעערדיגט קאָרא-טעטע. איך האב געמוזט אויפשטעלען פאר איהם דעם טעלעסקאפ, דערפאר האט ער מיר אויך געלאזט קוקען. דערביי האט ער מיר ערקלערט, אז דער בארג איז יעצט טאַבו, ביז וואנען פון קאָרא-טעטעס קערפער וועלען בלייבען נור דיא ביינער.

איך האב איהם גערדאנקט פאר דיעזע מיטטהיילונג און ווען עס איז מיר געלונגען איבערצושניידען דעם שטריק, בין איך גלייך אנטלאָפען אויפ'ן בארג, וועלכער איז טאַבו.

דאס איז געווען אלעס, וואס מען האט געקענט ארויסציהען פון איהם. לארד גלענארוואן האט געזעהן, אז ער בעהאלט עפּעס, אז ער וויל נים אלעס דערצעהלען, אז ער ווארגט זיך מיט עפּעס. ער איז אבער געווען צו ערדעל אום איהם צו צווינגען, ער זאל איהם אלעס דערצעהלען.

ווען מען האט זיך אביסעל אויסגערוהט און דער פראָפעסאָר האט שוין אלעס דערצעהלט, האט מען אנגעהויבען צו טראכטען, וואס מען זאל ווייטער טהאן. מען איז ארויסגעגאנגען פון'ם צוים און מען האט זיך אומגעקוקט.

דיא ווילדע זיינען נאך אלץ געשטאַנען לעבען באַרג. יעדעס מאל זיינען צוגעקומען נייע באַנדען. זיי האבען געבראכט ביקסען און האבען פּראָבירט שיעסען אויף דיא ענגלענדער. זייערע קוגלען אבער האבען נים געקענט טרעפען; ארויף א באַרג איז נים לייכט צו שיעסען.

— זיי בעוואַכען אונז גוט, דיא טייפעל! האט דער מאיאָר אויסגערופען. זיי לאזען פון אונז קיין אויג נים אראפּ.

— זיי ווילען אונז אויסהונגערן, האט דער פראָפעסאר ערקלערט. דיא וויל-דע מענשען האבען אן אייזערנע געדולד. זיי קענען אוועקווארטען וואכען לאַנג אויף זייער בייטע. בלייבען דא לאנג קענען מיר נים. מיר מוזען אנטלויפען. —

— אום צו אנטלויפען, דארף מען פריהער וויסען, וואוהין צו אנטלויפען, האט פאררראגוט זיך אפגערופען.

— איהר האט פאלקאמען רעכט, האט איהם דער פראָפעסאר געזאגט. מיר זיינען דערוויילע זיכער. לאמיר געהן ארומקוקען דעם באַרג און דיא געגענד ארום. פון'ם שפּיץ באַרג קען מען איבערזעהן א לאנגע שטרעקע לאנד ארום און ארום. פיעללייכט וועלען מיר אויסגעפינען עפּעס א וועג, אויף וועלכען מיר ווע-לען קענען אנטלויפען ביי נאכט.

זיי האבען אנגעהויבען ארומצוגעהן דעם בארג פון אלע זייטען. ליידער, האט זיך זיי פארגעשטעלט זעהר ווייניג האפנונג זיך צו רעטען.

אזוי וויא זיי זיינען אזוי ארומגעגאנגען אויפ'ן בארג, האבען זיי בעמערקט, אז דער בארג ציטערט. ער בעוועגט זיך עפעס. זיי זיינען אלע געוועזען צו שטארק בעשעפטיגט מיט זייערע געדאנקען איבער זייער לאגע אום דארויף אכט צו געבען. זיי זיינען דאך ערשט ניט לאנג דורכגעפאהרען א געגענד, וואו עס האט געזאטען און געקאכט איבעראל און האבען זיך אנגעזעהן גענוג וואונדערליכע ערשיינונגען.

דער פראפעסאר אבער האט עס אנדערש בעטראכט. ער האט עס בעטראכט, וויא א געלערנטער. ער האט זיך צוגעקוקט צום בארג פון אלע זייטען, האט בעטראכט דיא בערג ארום און האט גאר פערגעסען, וואו ער איז. ער האט אנגעהויבען צו לערנען מיט זיינע קאמעראדען געאגראפיע.

— מיינע העררען, האט ער אנגעהויבען מיט א טאן פון א פראפעסאר, וועלכער האלט א פארלעזונג אין אוניווערזיטעט. — מיינע העררען, ווייסט איהר וואו מיר געפינען זיך? — אויף א צוקונפטיגען וואולקאן — פייערשפייענדיגען בארג — זעהט איהר, וויא דער בארג ציטערט אלע מאל? — ווייסט איהר, פאר וואס דאס איז? אונטערן בארג איז דא א הייל. אין הייל זיעדעט דאס וואסער. עס האט זיך אנגעזאמעלט זעהר פיעל דאמפף, וועלכער וויל ארויס. ער וועט זיך אמאל אויסברעכען א וועג און פון דיעזען בארג וועט אמאל ארויסשפריצען א גרויסער זייל דאמפף און פייער. —

דער מאיאר האט זיך ניט געקענט איינהאלטען. זיי זיינען אלע אין דער גרעסטער געפאהר און ער וויל גאר מיט זיי לערנען געאגראפיע!

— הערר פאגאנעל, האט ער איהם געזאגט מיט א ביטערן געלעכטער, מיר דארפען יעצט טראכטען, וויא אזוי צו אנטלויפען פון דיא מאארי. לאזט אונז צו רוה מיט אייער געאגראפיע און מיט אייערע פייערשפייענדיגע בערג.

געהט, ווען איהר ווילט ניט הערן! האט זיך דער פראפעסאר געבייזערט.

— ווייסט איהר, וואס פאר א קראפט אזא וואולקאן האט? — מיליאנען — ביליאנען פערדע קראפט!

— אבער צו וואס דערצעהלט איהר עס אונז, פראפעסאר? האט זיך פארראגוט אפגערופען. ווען מיר זאלען קענען בענוצען דיעזע מיליאנען פערדע קראפט, וואלט געווים געוועזען זעהר גוט. אונזער „דונקאן" האט געהאט נור אכציג פערדע קראפט און ער וואלט אונז פיעל מעהר גענוצט אלס דיעזע מיליאנען — ביליאנען פערדע קראפט.

דאס ווארט „דונקאן" האט זיך ארויסגעכאפט ביים גוטען פארראגוט. ער האט דערמיט גאר ניט געמיינט. לארד גלענארוואן אבער האט א ציטער געטהאן, ווען ער האט עס דערהערט. ליידי העלענא, וועלכע איז געשטאנען ניט ווייט און האט געזעהן, וויא ער האט א ציטער געטהאן, איז באלד צוגעלאפען צו איהם און האט איהם געפרעגט:

— װאס איז, עדװארד? װײטער שלעכטע אױסזיכטען? װײטער געפאהרען?

— נײן, העלענא, האט ער געענטפערט רוהיג. קײנע געפאהר. דיא װילדע װעלען צו אונז ניט קומען, ביז מיר װעלען געפינען מיטעל, װיא צו אנטלױפען.

— לאמיר בעסער געהן אין אונזער שלאָס צוריק, האט פלוצלונגע געזאגט דער פראפעסאר גאנץ פרעהליך, גלײך װיא ער װאלט געװען ערגעץ אין פאריז. קײנער קען ניט צוקומען צו אונזער פעסטונג, צו אונזער שלאָס. מיר קענען דאָרט לעבען, װיא דיא קיסרים.

ער האט געגעבען לײדי העלענא דיא האנד און האט זיא געפיהרט מיט גרױס צערעמאָניע צוריק אין דער אודופא.

װען דיא װילדע, װעלכע זײנען נאך אלץ געשטאַנען אונטערן בארג, האָבען דערזעהן, אז דיא ענגלענדער געהן װיעדער ארײן אין זײער הײליגטהום, האבען זײ װיעדער אנגעהױבען צו שרײען און צו שיעסען. דער פראפעסאר אבער האט זיך ניט אומגעקוקט אויף זײ.

— לאמיר זעהן, װאס פאר א ירושה מיסטער קאַרא־טעטע האט אונז גע־לאזען, האט ער געשפאַסט. לאמיר ארױסנעהמען אלעס פון דער אודופא און עס גוט בעטראַכטען.

זײ זײנען ארײנגעגאנגען אין דער אודופא און האבען אנגעהױבען ארױס־צונעהמען אלע זאכען, װאס זײ האבען דארט געפונען. צװישען דיא זאַכען זײנען געװען א פאר ביקסען, שארף געלאָדען. א האָרן מיט פולװער, א בײטעל מיט קוגעלן. דאס האט מען מיטגעגעבען קאַרא־טעטע, פיעללײכט װעט ער װעלען געהן אויף דער יאַגד דארט אויף יענער װעלט, זאל ער האבען אלעס פערטיג. דאן איז דארט געװען צװײ שפיזען, א האַק און נאך אנדערע װאפען, װעלכע דיא מאָארי בענוצען.

— קוקט נור אן! האט אױסגערופען דער פראפעסאָר. דאס איז דאך א גאנצער אַרסענאַל! — נו, מיר דארפען האבען דיזע װאַפען נעטהיגער אלס דער טױטער. װאס טױגען איהם װאַפען אויף יענער װעלט? זײ זײנען פעררירקט, דיא מאַאָרי! געבען װאפען א טױטען! אונז װעלען זײ צוניץ קומען.

— בעטראַכט נור דיא ביקסען, האט דער מאיאָר געזאגט. זײ האבען אויף זיך אן ענגלישע מארקע.

— געװיס, איז עס אן אונרעכט צו פערקױפען ביקסען צו דיא װילדע. זײ בענוצען זײ דערנאך געגען דיא פערקױפער.

— יעצט איז ניט דיא צײט צו בעהאנדלען אזעלכע פראגען, האט זײ דער פראפעסאָר אונטערבראכען. דיא ביקסען װעלען אונז יעצט זעהר צוניץ קומען. נאך נעטהיגער האבען מיר דאס עסען און דאס װאסער, װעלכע מען האט אנ־געגרײט פארן גרױסען הױפטלינג קאַרא־טעטע.

זײ האבען איבערגעקוקט דעם גאנצען פראװיאַנט און האבען געפונען, אז עס קען פאר זײ גענוג זײן אויף צעהן־פופצעהן טאג, װען זײ זאלען לעבען עקאָ־נאמיש. אזױ װיא אין דעם פראװיאנט האבען זיך געפונען עטליכע קערב מיט

קארטאָפּעל און מיט זיסע באַטאַטען (סווים פּאָטייטעס) האָט אַלבינעט מורא געהאַט, אַז זיי זאָלען ניט פֿערדאַרבען ווערן. ער האָט געוואוסט, אַז קארטאָפּעל איז גוט צו פֿערגראַבען אין דער ערד. זיי ווערן דאַן ניט פֿערדאַרבען.

ער האָט גענומען קאַראַ-טעטעס האַק, האָט אויסגעזוכט אַן אָרט, וועלכען ער האָט געפֿונען פּאַר פּאַסענד צו פֿערגראַבען די קארטאָפּעל און האָט אנגעהויבען צו גראַבען אַ גרוב. אָנפֿאַנגס איז די אַרבייט געגאַנגען זעהר גוט. ער איז אָבער געקומען צו אַ שטיין און האָט איהם געוואָלט אויסהאַקען. מיט פֿיעלער מיה איז עס איהם ענדליך געלונגען. קוים אָבער האָט ער אויפֿגעהויבען דעם שטיין, האָט אַרויסגעשפּריצט אַ זייל הייסער דאַמפּף (פּאַרע, סטים) זועקס פֿוס די הויך, אַז דער אָרימער אַלבינעט האָט זיך אָפּגעבריהט און איז אָפּגעשפּרונגען מיט שרעק.

— פֿערמאַכט שנעל דעם דאַמפּף! האָט דער מאַיאָר געשריען און האָט געוואָלט אַריינוואַרפֿען דעם שטיין צוריק אין זיין לאָך.

— וואַרט, מיין ליעבער מאַיאָר! האָט איהם דער פּראָפֿעסאָר געזאָגט און האָט איהם אָנגעכאַפּט ביי דער האַנד. — איילט אייך ניט, לאָמיך אויך זעהן, וואָס דאָ איז.

ער האָט אָנגעהויבען צו בעטראַכטען דעם דאַמפּף, וועלכער האָט נאָך אַלץ אַרויסגעשפּריצט פֿון דער ערד.

— האָט איהר זיך שטאַרק אָפּגעבריהט? האָט דער מאַיאָר געפֿרעגט דעם דערשראָקענעם אַלבינעט.

— ניין, עס איז גאָר נישט. איך האָב מיך נור דערשראָקען, איך האָב ניט ערוואַרטעט —

— צו געפֿינען דאָ פֿייער, האָט דער פּראָפֿעסאָר געלאַכט. — דיעזער באַרג איז ווירקליך אַ וואונדער באַרג. ער האָט אונז געגעבען עסען אומזיסט. יעצט גיט ער אונז דאַמפּף אומזיסט. — ווייסט איהר וואָס? לאָמיר דאָ גרינדען אַ קאָלאָניע און לאָמיר זיך דאָ בעזעצען.

— אַ שעהן אָרט האָט איהר געפֿונען פּאַר אַ קאָלאָניע! האָט דער מאַיאָר געזאָגט בייז. מיר זיינען דאָך ניט זיכער, אַז עס זאָל ניט אויסברעכען דאָס פֿייער פֿון אונטער דער ערד און מיר זאָלען ניט אַלע פֿערברענט ווערן.

— ליעבער מאַיאָר, האָט דער פּראָפֿעסאָר איהם געענטפֿערט. דער באַרג איז גיט נעכטען געבאָרען געוואָרען. ווען ער האָט ביז אַהער אויסגעהאַלטען, וועט ער שוין ווייטער אויסהאַלטען. ווענינגסטענס, וועט ער אויסהאַלטען, ביז וואַנען מיר וועלען אוועקגעהן פֿון איהם.

— הערט דאָך אויף צו שפּאַסען, פּראָפֿעסאָר, האָט ליידי העלענאַ געבעטען. דענקט בעסער, וויא אַזוי מיר זאָלען פֿון דאַנען אַנטלויפֿען.

— איך בין ניט דאַגעגען, האָט דער פּראָפֿעסאָר געזאָגט. לאָמיר בערופֿען אַ ספּעציאַל מיטינג און לאָמיר זיך בעראַטהען, וויא אַזוי איבערצולאָזען אונזערע

טהייערע פריינד, דיא מאַרי, וועלכע ווארטען נעביך אויף אונז טיט זעהר פיעל אונגעדולד.

אלע האבען זיך אניעדערגעזעצט אויף א מאַטע און מען האט געעפענט דעם מיטינג. דער ערשטער האט גערעדט לארד גלענארוואן.

— איך מיין, אז מיר זאלען ניט ווארטען, ביז עס וועט זיך אונז אויסלאָזען דער פראוויאנט און דער הונגער וועט אונז צווינגען אראפצוגעהן פון בארג. איך מיין, אז היינט ביי נאכט שוין זאלען מיר אראפגעהן און זעהן דורכברעכען דיא ליניע פון אונזערע וועכטער.

— פארטרעפליך! האט אויסגערופען דער פראפעסאר, ווען דיא מאַרי וועלען נור ערלויבען, אז מיר זאלען דורכברעכען זייערע ליניען.

— זיי וועלען זיך געווים שטעלען געגען אונז, האט פאררארגוט געזאגט טרויעריג. איך זעה ניט איין, וויא אזוי מיר וועלען קענען דורכברעכען זייערע ליניען.

— מיר האבען אבער גענוג מיטעל, זיי צו צווינגען, אז זיי זאלען אונז דורכלאזען, האט דער פראפעסאר געזאגט.

— איך זעה ניט, וואס פאר א מיטעל מיר האבען.

— איך זעה אבער יא, האט דער פראפעסאָר געזאגט. איהר ווייסט גאר ניט, וואס פאר א קראפט מיר האבען יעצט אין אונזערע הענד.

מען האט איהם געבעטען, ער זאל ערקלערן, וואס ער מיינט דערמיט. ער האט אבער אויף קיין פאל ניט געוואלט זאגען, וואס פאר א קראפט ער האט.

— איהר וועט שוין זעהען, ווען עס וועט נעטהיג זיין, איז געווען אלעס, וואס מען האט געקענט פון איהם ארויסקריגען.

עס האט גאר ניט געהאלפען. מען האט געמוזט ווארטען ביז ביי נאכט. רערוויל איז געבליעבען, אז מען זאל זיך אויסרוהען א גאנצען טאג, ווייל ביי נאכט וועט מען געווים האבען א שווערע ארבייט.

דער טאג איז פערגאנגען רוהיג. עס איז געווארען נאכט. דיא ווילדע האבען זיך ניט גערוהרט פון זייער אָרט. אייניגע זיינען אוועקגעגאנגען אין פאַה, רערפאר זיינען געקומען אנדערע. קוים איז פינסטער געווארען, האבען זיי צו־לעגט פייערן ארום בארג און האבען זיך געוואַרמט. ארום און ארום בארג האט געברענט א ליניע פון פייערן און האבען בעלייכטעט דעם בארג מיט זייערע רויטע פלאמען. נור דער העכסטער פונקט פון׳ם בארג, דארט, וואו אונזערע רייזענדע זיינען געוועז, איז געבליעבען אין דער פינסטער.

אויפ׳ן בארג איז געווען רעכט קאלט. אונזערע רייזענדע האבען ווייטער געמוזט זיך בענוצען מיט קארא־טעטע׳ס ערבשאַפט (ירושה). זיי האבען ארויס־גענומען אלע מאטען (ראגאָזשעס) פון זיין אודופא און האבען זיך ארומגעוויקעלט.

נעבען האלבע נאכט האט לארד גלענארוואן געזאגט, אז עס איז צייט צו געהן.

— עס איז אומזיסט, האט דער פּראָפעסאָר געוואָרנט. זיי היטען אונז זעהר שטאַרק. מיר וועלען ניט קענען דורכברעכען זייערע ליניעס.

— אַלזאָ, וואָס דען זאָלען מיר טהאָן? האָט לאָרד גלענאַרוואַן געפּרעגט.

— וואַרטען, האָט דער פּראָפעסאָר געענטפערט.

לאָרד גלענאַרוואַן אָבער האָט ניט געוואָלט וואַרטען. ער האָט געוואָלט פּראָבירען, אויב עס איז ניט מעגליך זיך אַרויסצוגנבענען שטילערהייט פון זייער געפענגניס.

— איך וועל פּראָבירען אַראָפּגעהן פון'ם באַרג, האָט דער מאַיאָר געזאָגט קומט פּאַראַגווט, איהר געהט מיט מיר?

זיי האָבען גענומען קאַראַ-בינערס ביקסען אויף דיא פּלייצעס, האָבען אויס-געזוכט אַן אָרט, וואו דיא פייערן זייען געווען ווייט איינער פון'ם אַנדערן, און האָבען אָנגעהויבען זיך אַראָפּצולאָזען פון'ם באַרג. קוים זיינען זיי אָוועקגעגאַנגען עטליכע שריט — טראַך! האָבען אויסגעשאָסען אויף זיי עטליכע ביקסען מיט אַמאָל.

זיי האָבען געמוזט לויפען צוריק. דיא קוגעלן זיינען געפאַלען גאָר ניט ווייט פון זיי.

— עס איז אונמעגליך זיך אַרויסצוגנבענען, האָט דער מאַיאָר געזאָגט. עס איז אַ זיכערער טויט. וואָלטען מיר וועניגסטענס געהאַט גענוג געוועהר, וואָלטען מיר אַלע מיט אַמאָל געשאָסען אויף זיי און ווייטער געגאַנגען. שיעסען פון אַ באַרג אַראָפּ איז פיעל לייכטער, אַלס שיעסען אויף אַ באַרג.

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז דיעזע ווילדע בעסטיען וועלען אונז ניט דורכלאָזען, האָט דער פּראָפעסאָר געלאַכט.

— אַלזאָ, וואָס איז אייער פּלאַן, געלערנטער פּראָפעסאָר? האָט זיך דער מאַיאָר געבייזערט.

— מיט געוואַלד קענען מיר גאָר ניט מאַכען, האָט דער פּראָפעסאָר גע-ענטפערט. מיר מוזען געברויכען אַן אַנדער מיטעל.

— וואָס איז אָבער אייער מיטעל?

— וואַרטען ביז מאָרגען.

— ווייטער וואַרטען?

— נור ביז מאָרגען.

15טעס קאַפּיטעל.

דער גלויבען איז דאָס בעסטע מיטעל.

דיא נאַכט איז פאַרביבער רוהיג. דיא ווילדע האָבען געהאַלטען אַ שטרענגע וואַך, זיי האָבען זיך אָבער ניט גערירט פון זייער אָרט. עס איז געקומען טאָג. אונזערע רייזענדע האָבען זיך אויפגעכאַפּט, האָבען זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטען. — דיא מאַאָרי שטעהען רוהיג אויף זייערע ערטער. אַלע האָבען זיך אַרום-געשטעלט אַרום פּראָפעסאָר, זיי זאָלען שוין אַמאָל הערען, וואָס פאַר אַ פּלאַן ער האָט אויסגעפונען זיך צו רעטען.

— מיינע פֿריינדע, האט ער ענדליך געזאגט, מיין פלאן איז דערפֿאר שוין נוט. אז ווען ער וועט זאָגאַר ניט געלינגען, וועט ער אונז געוויס ניט שאַדען. ערגער וויא יעצט, וועט אונז ניט זיין. איך האף אבער, אז ער וועט יא געלינגען. ער מוז געלינגען!

— זאגט אונז שוין אמאָל, וואס איז אייער פלאן! האט דער אונגעדולדיגער מאיאָר אויסגערופֿען.

— רוהיג! האט קאמאַנדירט דער פראָפֿעסאר. ער האט געמיינט, אז ער רעדט מיט זיינע סטודענטען. מיינע פֿריינדע! דיא ווילדע קענען צו אונז ניט צו קומען דערפֿאר, וואס דיעזער באַרג איז טאַבו. ער איז ביי זיי הייליג. זיי קוקען אויף אונז, וויא אויף אפיקורסים, וועלכע האבען פֿעראונרייניגט זייער הייליגען באַרג. אזעלכע רשעים דארף גאט אליין שטראָפֿען.

אלע האבען איהם אנגעקוקט פֿערוואונדערט. קיינער האט ניט פֿערשטאַנען, וואס ער מיינט דערמיט און צו וואס ער זאגט עס.

— וויא ווּאלט געווען, האט דער פראָפֿעסאר ווייטער געזאגט, ווען קאַאי־קומו מיט זיינע לאנדסלייט זאלען מיינען, אז זייער גאט האט אונז בעשטראָפֿט און מיר זיינען שוין אלע טויט? וואלט ער מיט זיינע וואַכען אוועקגעגאנגען צוריק אין זיין פּאַה?

— געוויס! האט לארד גלענארוואן אויסגערופֿען. ווען ער וועט מיינען, אז מיר זיינען טויט, האט ער דאך מעהר ניט וואס צו היטען.

— אבער וויא אזוי וועט ער מיינען, אז מיר זיינען טויט? האט ליידי העלענא געפֿרעגט.

— ווייסט איהר ניט, וויא אזוי גאט האט בעשטראָפֿט קרחן מיט זיין געמיינדע? האט דער פראָפֿעסאר געפֿרעגט. וואס קומט איינעם, וועלכער שטעלט זיך אונטער צו פֿעראונרייניגען א הייליגטהום? — ער מוז שטארבען אין פֿייער און דאמפף. אזוי שטראָפֿט גאט.

אלע האבען איהם אנגעקוקט. זיי האבען איהם דאך ניט פֿערשטאַנען.

— דאס פֿייער, מיינע פֿריינד, געפֿינט זיך אין בארג אונטער אונזערע פיס. לאמיר עס ארויסלאזען. קאַאי־קומו און זיינע פֿרומע מענשענפֿרעסער וועלען מיינען, אז זיין גאט האט אונז געשטראָפֿט. זיי וועלען זיך פֿרעהן און וועלען אוועקגעהן פֿון'ם באַרג. דערווייל וועלען מיר קענען אראפגעהן פֿון דער אנדערער זייט.

יעצט האבען שוין אלע פֿערשטאַנען זיין פלאַן.

— אלזא, זאלען מיר גראבען דיא ערד, ביז עס וועט ארויסשפריצען א גרויסער וייל דאַמפף און פֿייער? האט פֿארראגוט געפֿרעגט. — מיט אנדערע ווערטער געזאגט, מיר זאלען מאכען א פֿייערשפייענדיגען באַרג?

— פֿארוואס ניט? האט דער פראָפֿעסאָר געענטפֿערט. איהר האט דאך אליין געזעהן נעכטען, ווען אלבינעט האט געגראבען דיא ערד, אז עס האט ארויסגעשפריצט דאמפף. ווען מיר האבען געוואלט, האבען מיר פֿערלענגט דעם

לאך מיט שטיינער און פֿערהאלטען דעם דאמפף. — לאמיר יעצט אפנארען דעם גוטען און עדעלען קאאי־קומו. ער איז גאנץ פֿרום, וויא איהר האט אליין געזעהן. ער וועט מיינען, אז גאט אליין שטראפֿט אונז און וועט זיך אוועקגעהן אין זיין פֿאה, דאן זיינען מיר פֿריי.

— א פֿארטרעפֿליכע אידעע, פראפֿעסאר! האט דער מאיאר אויסגערופֿען דאס קען טאקע אויסטראכטען נור א קאפ פֿון א פראפֿעסאר.

— מיין פלאן איז אזוי. מיר זאלען אויסגראבען אין דער ערד עטליכע לע־כער. דער דאמפף זאל שפריצען פֿון אלע זייטען. מיר אליין וועלען זיך בעהאל־טען אין קארא־טעטעס אודופא. מיר וועלען דארטען בלייבען א טאג, צוויי טאג, אדער דריי טאג און וועלען זיך ניט ווייזען. דיא ווילדע וועלען זיין איבערציינגט, אז מיר זיינען פֿערברענט געווארען. דאן וועלען זיי זיך אין גאנצען אוועקגעהן. ווען מיר וועלען זעהן, אז מען בעוואכט אונז ניט מעהר, וועלען מיר אין א פֿינ־סטערע נאכט אראפגעהן פֿון בארג און געהן צום מעער. איך וויים שוין דעם וועג און וועל איהם אייך ווייזען.

— דער פלאן איז געוויס גוט, האט לארד גלענארוואן געזאגט. איך האב נור מורא, אז דיא ווילדע וועלען זיך ניט לאזען אזוי לייכט אפנארען.

— איך האב דאך אייך געזאגט, אז מיין פלאן איז אזוי פֿיעל גוט, וואס מיר האבען גאר ניט צו פֿערליערן דערביי.

— אלזא, ווען דענקט איהר אויסצופֿיהרען דיזען פלאן? האט ליידי הע־לענא געפֿרעגט.

— היינט ביי נאכט.

— פֿארוואס האט איהר עס נעכטען ביי נאכט ניט געטהאן?

— איך האב געמוזט בעסער אויסשטודירען דעם בארג, האט דער פראפֿע־סאר געענטפֿערט פֿערשעהמט.

— איהר האט רעכט, פראפֿעסאר, האט דער מאיאר געזאגט. לאמיר זיי מאכען א וואונדער, פֿון וועלכען זיי וועלען האבען צו דערצעהלען יאהרען לאנג. ווען קאאי־קומו זאל נור קענען שרייבען, וואלט ער געוויס אנגעשריעבען א גאנ־צעם בוך, וויא אזוי דיא שלעכטע ווייסע מענשען האבען אמאל פֿעראונרייניגט א הייליגטהום. גאט איז ברוגז געווארען, דיא ערד האט זיך געעפֿענט. עס זיינען ארויס פֿייער און פֿלאמען און האבען זיי פֿערניכטעט דיא רשעים.

דעם פראפֿעסארס פלאן איז געוויס געווען זעהר גוט. דיא איינציגע שוויע־ריגקייט איז נור געווען, וויא אזוי איהם אויסצופֿיהרען. מען טאר זיך דאך ניט שפיעלען מיט פֿייער. — וואס וועלען זיי טהאן, ווען דיא לעכער, וואס זיי וועלען אויסגראבען, וועלען ארויסלאזען אזוי פֿיעל דאמפף און פֿייער, אז זיי וועלען זיך טאקע ניט האבען וואו צו בעהאלטען? דער גאנצער בארג קען ארויפֿשפרינגען אין דער לופֿט. מיט דיא ווילדע קרעפֿטע פֿון דער נאטור מוז מען זיין זעהר פֿארזיכטיג.

דער פראָפּעסאָר האָט עס זעהר גוט געוואוסט. ער האָט אויסגעפּונען א מיטעל, וויא אזוי צו גראבען דיא ערד און וויא אזוי מען זאָל צו יעדער צייט קענען איינהאלטען דעם דאמפּף.

— מיר מוזען עס טהאָן ביי נאכט, דיא ווילדע זאָלען ניט זעהן, וואָס מיר טהוען, האָט ער געזאגט. מיר מוזען אבער אלעס פאַרבערייטען ביי טאָג.

ער האָט געהייסען אנגרייטען פּיעלע גרויסע שטיינער אויף דיא ערטער, וועלכע ער האָט אנגעוויזען. דאן האָט ער געהייסען מאכען אלעס פּערטיג צו דער רייזע. קוים וועט דער פלאַן געלינגען, זאָלען זיי באלד אין דער אנדערער נאכט אוועקגעהן פון דאַנען.

דעם גאנצען טאָג האָט מען געמאכט פאַרבערייטונגען. געגען זעקס אוהר פאַר נאכט האָט אלבינעט געמאכט א מיטאָג. מען האָט געמוזט זיך אנעסען אום צו האבען קרעפטע צו ארבייטען ביי נאכט. נאכ'ן עסען האָט מען זיך צוגע-לעגט אפּרוהען.

עס איז געוואָרען נאכט. דער הימעל האָט זיך בעדעקט מיט וואָלקען. עס האָט אנגעהויבען צו דונערן.

— מוטער נאַטור וויל אונז אביסעל העלפען, האָט דער פראָפּעסאָר גע-זאגט. עס שאַדעט ניט, עס זאָל אביסעל דונערן און בליצען. דיא ווילדע האבען געוועהנליך מורא פאַר אזעלכע זאַכען. זיי זאגען, אז גאָט רעדט דורכ'ן דונער. ווען עס וועט שטאַרק בליצען, וועלען זיי געוויס זיין זיכער, אז גאָט אליין איז געקומען אונז בעשטראָפען.

אום אַכט אוהר איז געוואָרען שטאַרק פינסטער. דיא ווילדע האבען צוואַר יעדער צולעגט פייערן, עס האָט אבער אנגעהויבען צו רעגענען און זיי האבען געהאַט פיעל מיה אויפצוהאלטען זייערע פייערן.

— יעצט איז דיא צייט, האָט דער פראָפּעסאָר געזאגט. אלע צו דער ארבייט!

אלע האבען זיך גענומען צו דער ארבייט. מען האָט אנגעהויבען צו גראַ-בען גריבער אויף צעהן שריט דיא ווייט איינע פון דער אנדערער. דער פראָפּע-סאָר האָט געוואָלט מאכען, אז עס זאָל זיך ווייזען א גאַנצער גארטעל פון רויך און דאַמפּף. ער האָט ווייטער ריכטיג בערעכענט, אז דיא גריבער דאַרפען זיין ווייט פון דער אודופאַ. דיא ווילדע זאָלען זעהן, אז דיא אודופאַ איז גאַנץ, ווייל קוים וועלען זיי דיא אודופאַ ניט זעהן, וועט דער באַרג שוין ניט זיין טאַבו און זיי וועלען מעגען ארויפגעהן אויף איהם.

ער האָט אויסגעקליעבען דעם ריכטיגען אָרט און מען האָט זיך געשטעלט גראבען. זאָ לאַנג מען האָט געגראבען ערד, איז גאָר ניט געוועזן. קוים איז מען אבער צוגעקומען צו א שטיין, האָט מען געמוזט רופען דעם פראָפּעסאָר, ער זאָל בערעכענען, וויא אַזוי מען זאָל דעם שטיין אויפהויבען און אויב מען זאָל איהם גאָר אויפהויבען. דיא ארבייט איז געגאנגען פאָרטרעפליך. אין איינינע ערטער האבען שוין געשפּריצט פאָנטאַנען פון דאַמפּף. דאָס איז אבער געווען וועניג פאַרן

פראָפעסאָר. ענדליך האט ער אליין געבראכען אין אן אָרט און איז צוגעקומען צו א גרויסען שטיין.

— דאָ איז דער אָרט, האט ער געזאגט. וויא אזוי הייבט מען אבער אויף אזא גרויסען שטיין?

ער האט געהייסען ארויסשלעפען פלעקער פון צום ארום דער אודופא און בענוצען דיזע פלעקער אלס א ליוועער (העבעל). עס איז פערגאנגען א גע־רוימע צייט, ביז עס איז זיי געלונגען ארויסצונעהמען דעם גרויסען און שווערן שטיין. אבער, אה, וואונדער! קוים האבען זיי אויפגעהויבען דעם שטיין, האט דער גאנצער בארג אנגעהויבען צו ציטערן, א זייל פון רויך און פייער האט זיך געוויזען און עס האט אנגעהויבען צו שפריצען זידענדע וואסער.

דער פראָפעסאָר און אלע איבעריגע האבען געמוזט אנטלויפען זיך בע־האלטען אין קארא־טעטעם אודופא.

באלד האט זיך געלאזט הערען א שווערער, שטינקענדער, ערשטיקענדער שוועפעלגערוך. דאס זיעדענדע וואסער געמישט מיט שוועפעל האט זיך אנגע־הויבען אראפצוגיעסען פון׳ם בארג גלייך אין דעם לאגער פון דיא ווילדע. מיט שרעקען און שטוינען זיינען דיא ווילדע אויפגעשפרונגען פון זייערע ערטער. זיי האבען גאר ניט געוואוסט, וואס דאס איז און פון וואנען דאס קומט. זיי האבען גוט געקענט דעם בארג, אז ער איז א גוטער, רוהיגער, שטילער און גאנץ אנ־שטענדיגער בארג. פלוצלונג מאכט ער אזעלכע סקאנדאלען.

זיי האבען א קוק געטהאן אויפ׳ן בארג און האבען דערזעהן מיט שרעקען א זייל פון פייער געהט ארויס פון׳ם שפיץ בארג.

— טאבו! טאבו! טאבו! האבען זיי געשריען אהן אן אויפהער.

זיי זיינען געפאלען אויף דיא קניע און האבען אנגעהויבען צו בעטען צום זייל פייער.

אבער פאר וואס דער פראָפעסאָר האט מורא געהאט, דאס איז געשעהן. עס איז שוין טאקע געווען קיין שפיעלכעל. עס האט זיך געעפענט א ווירקליכער, פייערשפייענדיגער בארג. דער דאמפף פון דיא קליינע גריבער האט באלד אויפ־געהערט, אבער דארט, וואו דער פראָפעסאָר האט ארויסגענומען דעם גרויסען שטיין, האט זיך געבילדעט אן עכטער וואולקאן. ער האט געווארפען מיט שטיי־נער. צום גליק אבער, פאלען דיא שטיינער פון א וואולקאן צוריק אויף דעם אָרט, פון וואנען עס האט זיי ארויסגעווארפען.

רייזענדע געהן אויפ׳ן עטנא און העקלא (2 פייערשפייענדיגע בערג) גאנץ נאהענט צום קראטער, אדער דער לאך, פון וואנען דאס פייער קומט ארויס. זיי ווייסען, אז זיי האבען ניט וואס מורא צו האבען. דיא איינציגע זאך, פאר וואס מען האט וואס מורא צו האבען פון א וואולקאן, איז דיא לאווא. דאס איז א טייך פון צושמאלצענע מעטאלען און שטיינער, וועלכער פליעסט ארויס פון א וואולקאן. דיא לאווא איז ווירקליך געפעהרליך. דיא לאווא האט שוין פערגאסען נים איין שטאדט און האט שוין אומגעבראכט גענוג מענשען לעבען.

פֿון דעם וואולקאַן, וואס דער פּראפעסאָר האט יעצט געמאכט אזוי געשיקט, האט זיך אויך ארויסגעגאָסען א טייך לאַוואַ, אבער ניט אין דער זייט, וואו דיא אודופא איז געווען. אונזערע רייזענדע זיינען דאהער געווען זיכער, אבוואהל עס איז זיי געווען אביסעל צו וואַרם.

דיא נאכט איז פֿערגאנגען זעהר אונרוהיג. דער פֿייערשפייענדיגער באַרג האט זיך צושפּיעלט ניט אויף געלעכטער. א טייך פֿון לאַוואַ האט זיך געגאָסען פֿון איהם און האט פֿערגאסען א שטיק פֿון דער געגענד אונטערן באַרג. דיא ווילדע זיינען געווען אויסער זיך. זיי האבען געליאַרמט, געשריען, געבעטען זייער גאָט און געמאכט זייערע ווילדע צערעמאָניען.

ווען עס איז טאג געווארען, איז געקומען קאַאי־קומו מיט זיינע קריעגער, האבען זיך אניעדערגעשטעלט אונטען לעבען באַרג, האבען געמאכט מיט דיא הענד, געשריען, געליאַרמט, געפֿאלען אויף דיא קניע און געבעטען.

אונזערע רייזענדע האבען אלעס געזעהן. זיי זיינען געווען געשיצט הינטער דעם צוים. זיי האבען געזעהן אלעס און דיא ווילדע האבען זיי ניט געקענט זעהן.

— אייער פּלאן, פּראפֿעסאָר, איז געלונגען, האט פֿאַרראגוט געזאגט. דאס איז געווען א גוטער איינפֿאַל! — זעהט, וויא קאַאי־קומו מאכט מיט דיא הענד. ער ווייזט אויף קאַראַ־טעטעס גראב. ער איז פֿעסט איבערציינגט, אז גאט האט אונז געשטראָפֿט דערפֿאר, וואס מיר זיינען ארויפֿגעגאנגען אויף א באַרג, וועלכער איז טאַבו. — זעהט, בעטראַכט דיעזע ווילדע! זיי זיינען דערשראקען. זיי ציטערן. זיי אנטלויפֿען. — קאַאי־קומו אליין אנטלויפֿט אויך. ער האט מורא פֿאר זיין גאָט. — בראַוואָ, פּראפֿעסאר! מיר וואלט עס קיין מאל ניט איינגעפֿאַלען, אז איך זאל אפּנאררען דיא ווילדע.

— וואס ווילט איהר, פֿאַרראגוט? האט דער פּראפֿעסאר געענטפֿערט ערנסט. אזוי זיינען שוין דיא מענשען, זיי מעגען זיין ווילדע, אדער ציוויליזירטע. רעדט מיט זיי, וויא מיט מענשען, ערקלערט זיי, לערנט מיט זיי, בעווייזט זיי עפּעס מיט אלע וואפֿען פֿון'ם געזונדען מענשענפֿערשטאַנד און פֿון דער וויסענשאַפֿט. — זיי וועלען אייך ניט הערן און וועלען אייך פֿערוואַרפֿען מיט שטיינער. — נאַררט זיי אפּ, פֿערפֿיהרט זיי, ווייזט זיי א קונסטשטיק פֿון א טאַשענשפּיעלער און זיי וועלען אייך טראָגען אויף דיא הענד. אַן אלטעס, לאטיינישעס שפּריכווארט זאגט: Mundus vult decipi דיא וועלט וויל, אז מען זאל זיא אפּנאַררען. זיי בעטען זיך, אז מען זאל זיי בעשווינדלען און בעטריעגען. —

— זיי געהן אוועק! זיי אנטלויפֿען! האט לארד גלענארוואן אויסגערופֿען. גאט זיי דאַנק! מיר זיינען גערעטעט! זיי מיינען, אז מיר זיינען טויט, אז דאס פֿייער האט אונז פֿערניכטעט. א גאַנצען טאג מוזען מיר נאך איבערוואַרטען דאָ. קוים וועט נור פֿינסטער ווערן, וועלען מיר שטילערהייט אראפּגעהן פֿון דער אנדערער זייט באַרג און וועלען געהן צום מעער.

אלע האבען זיך געפֿרייט. דיא האָפֿנונג האט זיי בעלעבט און האט זיי נעגעבען מוטה. צוואר האבען זיי זעהר גוט געוואוסט, אז זיי זיינען נאך ניט

ויכער, אז זיי געפינען זיך אין א געגענד, וועלכע איז זייער וועניג בעקאַנט. נאָר דער פראָפעסאר קען דיעזע געגענד נאך זעהר וועניג. עס איז שוין אבער גענוג, וואס קאַאי־קומו האלט זיי פאר טויט און וועט זיי ניט נאכיאָגען. פאר די אנדערע ווילדע האבען זיי קיין מורא ניט געהאט.

צום גליק, האט דער פראָפעסאר געהאט מיט זיך זיין לאַנדקאַרטע פון אויסטראַליען. די ווילדע האבען עס ביי איהם ניט צוגענומען. זיי האבען זיא צוואַר בעטראַכט, האבען אבער ניט געקענט פערשטעהן, צו וואס אזא מין פאַפיער מיט פאַסיקלעך און רינגעלעך קען ניצען. זיי האבען זיא איהם אפגעגעבען צוריק. מיט דער לאַנדקאַרטע אין די הענד, קען מען זיך דאך גיכער צושלאָגען צו א פארט אדער צו אן ענגלישער פאזיציאָן. דער פראָפעסאר האט א גאנצען טאג שטודירט זיין לאנדקארטע און האט אויסגעפונען א וועג, וויא אזוי זיי זאָלען געהן.

דער טאג איז פערגאנגען אין שטודירען די לאנדקאַרטע און פארבערייטונגען צו דער רייזע. א גאַנצען טאג האט מען ניט געזעהן ניט איין ווילדען, ניט לעבען בּאַרג, ניט אין דער געגענד ארום. געגען אַכט אוהר אבענד זיינען אלע געווען פערטיג צו דער רייזע. לארד גלענארוואן האט אייגעארדענט זיין קליינע ארמעע. ווילסאן און מילרעד זיינען געגאנגען פאראויס און האבען געקוקט און זיך צוגעהערט אין אלע זייטען. ער, די דאַמען און דער פראפעסאָר זיינען געגאנגען אין דער מיט. דער מאיאָר, פאררארגוט און ראבערט האבען געשלאסען דעם צוג. יעדער איז געווען בעוואַפענט, מיט וואס ער האט געקענט צונעהמען ביי קאַראַ־טעטע.

דער פראפעסאָר איז געווען פרעהליך און האט געשפאַסט. לארד גלענארוואן און די איבעריגע זיינען געווען זעהר ערנסט. זיי האבען געוואוסט, אז די ווילדע זיינען זעהר שלוי (חיטרע) און וועלען אזוי גיך ניט אפטרעטען. עס האט זיך אבער ארויסגעוויעזען, אז דער פראפעסאר האט רעכט געהאט. זיי זיינען אראפגעגאנגען גאנץ רוהיג פון'ם בארג. קיינער האט זיי ניט געשטערט, קיינער האט זיי ניט בעאונרוהיגט. די ווילדע זיינען צוריקגעגאנגען אין זייער פאַה און האבען שוין מעהר ניט געדענקט פון די ענגלענדער.

לאנגזאַם און פאָרזיכטיג זיינען זיי אראָפּ פון'ם באַרג און זיינען אריינגעגאנגען אין נעכסטען וואלד.

16טעם קאפיטעל.

צוריק אויפ'ן „דונקאַן".

די נאכט איז געווען א פינסטערע און דאס געהן אין וואלד איז געווען זעהר שווער. אונזערע רייזענדע אבער האבען ניט געקענט בלייבען שטעהן. זיי האבען געמוזט אנטלויפען פון דיעזער געגענד און פון דיעזע געפעהרליכע מענשענפרעסער. דער פראפעסאָר האט זיך אונטערגענומען צו ווייזען זיי דעם וועג און ער איז געגאנגען גלייך צום מעער.

ער האט נאך ביי טאג אויסשטודירט זיין לאנדקאַרטע און דעם נאָענטסטן וועג צום מעער, אבער פון דער אנדערער זייט, פון וואנען זיי זיינען געקומען. פון דער אנדערער זייט איז געווען פיעל נעהנטער צום מעער. אויסער דעם האט ער געהאפט דארט צו טרעפען ענגלישע קאלאניסטען אדער ענגלישע סאלדאטען.

אלע זיינען געגאנגען מוטהיג. א גאנצע נאכט האבען זיי זיך ניט אפגערוהט אויף קיין מינוט. ערשט אום אכט אוהר אין דער פריה האבען זיי אויסגעזוכט אן ארט, וועלכער איז פערשטעלט מיט הויכע ביימער, וואו זיי האבען זיך אביסעל אפגערוהט. דיא דאמען זיינען געווען שרעקליך מיעד און אלע זיינען געווארען הונגעריג פון דער לאנגער רייזע צופוס אין ווילדען לאנד.

מען האט ארויסגענומען דעם פראוויאַנט, וואס זיי האבען מיטגעבראַכט מיט זיך פון קאראַ-טעטעס גראב און מען האט זיך געזעצט עסען. דאס מאל האט מען אלעס געמוזט עסען רויערהייט. זיי האבען מורא געהאט צו מאבען א פייער. אלע זיינען אבער געווען אזוי הונגעריג, אז זיי האבען געגעסען, וואס עס איז געווען.

נאכן עסען האט מען זיך אפגערוהט איינינע שטונדען און מען האט זיך ווייטער געלאזט אין וועג אריין. זיי זיינען געגאנגען ביז שפעט אין דער נאכט. דעם אנדערן טאג האבען זיי געהאט זעהר א שווערע רייזע. זיי זיינען ווייטער אנגעקומען אין א געגענד, וואו דיא ערד האט געקאָכט און געזאטען אונטער זייערע פיס. הונדערטער גייזערס האבען געשפריצט מיט דאמפף און מיט שוועפעל פון אלע זייטען. אין ערטער זיינען גאנצע שטיקער לאנד געווען בעדעקט מיט שוועפעל און מיט זאַלץ.

טויזענדער יאהרען לאנג האט זיך דער שוועפעל דא אנגעזאמעלט. קיינער בעריהרט איהם, קיינער נעהמט איהם ניט, קיינער ניצט איהם ניט אויס. קיין אייראפעער איז נאך אין יענער געגענד ניט געווען. מען האט זיא געזעהן פון דערווייטען, אבער מען האט זיא נאך ניט אויסגעפארשט.

אונזערע רייזענדע האבען דיעזע געגענד ניט געקענט דורכגעהן. זיי האבען געמוזט מאכען אן אומוועג, אנלעגען א גרויס שטיק וועג און ארומגעהן דיעזע געגענד פון פייער און שוועפעל. זיי האבען פערלארען איבעריגע דריי טעג רייזע. עס האט אבער גאר ניט געהאלפען. מען האט געמוזט ווייטער געהן.

אזוי זיינען פערגאנגען פינף טאג, אין וועלכע עס איז גאר ניט פארגעקומען. אונזערע רייזענדע האבען אנגעהויבען מיעד צו ווערן. דעם ערשטען טאג זיינען זיי איינגעגאנגען צוועלף מייל. — אזוי האט דער פראפעסאר בערעכענט — דעם פינפטען טאג זיינען זיי קוים איינגעגאנגען פינף מייל.

צום גליק, זיינען זיי יעצט געווען אין א געגענד, וואו עס האבען זיך נעפונען פיינעל. דער מאיאר און ווילסאן האבען געשאסען איינינע פייגעל און אלבינעט האט זיי געבראטען. יעצט האבען זיי שוין קיין מורא ניט געהאט צו מאַכען א פייער. זיי זיינען שוין געווען גאנץ ווייט פון קאַאי-טומס פעסטונג אדער באַה.

וואָר עס האָט געמאכט א לאנגע רייזע צופוס און האט געגעסען נור גראָז אדער קארטאפעל, דער וועט פערשטעהן, מיט וואס פאר אן אפעטיט אלע האָבען איינגעשלונגען דיא עטליכע פייגעל, וועלכע דער מאיאָר האט געשאָסען. דער מענש איז שוין אזוי געוואינט צו פלייש. אז ער איז ווירקליך געווארען א ווילדע חיה. ער קען שוין נים לעבען אהן פלייש.

נאכ'ן פראפעסארס רעכנונג האבען זיי געדארפט דורכגעהן הונדערט מייל ביז צום מעער, ווען זיי וואלטען געגאנגען אויף א גלייכען וועג. דאס איז אבער געווען אונמעגליך אין אזא ווילדע געגענד. אנשטאט הונדערט מייל האבען זיי געמוזט געהן צוויי הונדערט מייל.

שוין צעהן טאג זיינען פערגאנגען, זייט זיי זיינען אנטלאָפען פון'ם הייליגען בארג און זיי האבען נאך קיינעם נים בעגעגענט. זיי זיינען אלץ געגאנגען אין א ווילדען וואַלד פון אלטע און הויכע בוימער. זיי זיינען געווארען אזוי מיעד, אז זיי פלעגען איינגעהן נור דריי מייל א טאג. ענדליך זיינען זיי געווארען אזוי מיעד, אז זיי האבען זיך געמוזט אויסרוהען צוויי טאג נאך אנאנדער.

דער פראפעסאר האט אויסגערעכענט, אז ווען זיי זאלען יעצט געהן שנעל און מוטהיג, וועלען זיי אין צוויי טאג צוקומען צום מעער. יעצט אבער געפינען זיי זיך אין א געגענד, וואו מען קען שוין בעגעגענען ווילדע. אלזא, מוז מען זיין פארזיכטיג.

יעצט האט זיך פאר זיי אנגעהויבען שוויעריגקייטען. מען האט געמוזט געהן אין דיא גאנץ געדיכטע ערטער פון'ם וואלד. מען האט זיך געמוזט אויסשניידען א וועג אין דיא ניעדעריגע ביימלעך „בוש" און הויכע גראזען. מען האט מורא געהאט צו געהן אויף איינינע אויסגעטרעטענע וועגלעך, וואס מען האט אנגעטראפען, טאמער וועט מען בעגעגענען דיא ווילדע.

דיא לעצטע צוויי טעג זיינען געווען דיא שווערסטע און דיא שרעקליכסטע פון דער גאנצער רייזע. דעם דריט'ן טאג אין דער פריה האבען זיי ענדליך דערזעהן דאס מעער. זיי האבען געטאַנצט פאר פרייד, ווען זיי האבען איהם דערזעהן, גלייך וויא מען דערזעהט אן אלטען בעקאַנטען, דעם בעסטען פריינד. זיי האבען זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטען, זיי האבען אויסגעגלאצט דיא אויגען, טאמער וועלען זיי עפעס זעהן.

אין דיעזע מינוט האבען זיי דערהערט א שרעקליכעס געשריי. פון דערווייטען איז אנגעקומען א באנדע ווילדע מאאָרי מיט א געשריי, מיט א ליאַרם, זייערע וואַפען האבען זיי געהאלטען הויך אין דיא הענד און האבען געדראהעט אונזערע רייזענדע, וועלכע זיינען געבליעבען שטעהן, וויא פערשטיינערט פאר שרעק און פערצווייפלונג.

לארד גלענארוואן איז באלד געקומען צו זיך.

— לאמיר זיך שטעלען געגען זיי! לאמיר קעמפפען, מיט וואס מיר קענען! האט ער געזאגט. לאמיר פערקויפען טהייער אינזער לעבען.

ראָבערט גראנט איז אונטערדעסען ארופגעלאפען צום מעער. ער האט נים

געזעהן דיא באַנדרעווילדע. ער איז געגאַנגען זוכען מושעלן און אויסטערן און האט געטראָפען א קאַנאָע מיט זעקס רודערס בעהאלטען צווישען איינינע קליי־נע בוימלעך.

— א באָאָט! איך האב געפונען א באָאָט! האט ער געשריען. קומט אהער, אט איז א באָאָט.

אין א מינוט זיינען אלע אראפגעשפרונגען פון׳ם הויכען בארג און זיינען צוגעלאָפען צו דעם ארט, וואו דיא קאַנאָע איז געלעגען צוגעבונדען צו א בוים. עס איז געווען דייטליך, אז דיא קאַנאָע האט געהערט צו דער באנדע ווילדע, וועלכע האבען זיי יעצט פערפאלגט.

אלע האבען זיך אריינגעזעצט אין קאַנאָע. פאררארגוט, ווילסאן, מילרעד און דער מאיאָר האבען גענומען דיא רודער אין דיא הענד און אין עטליכע מי־נוט איז דיא קאַנאָע שוין געווען א פיערטעל מייל ווייט אין מעער. דיא ווילדע זיינען צוגעקומען צום ברעג, האבען געשריען, געליאַרמט, אבער גאר ניט גע־קענט העלפען. פארראגוט האט גערעכענט, אז ער איז שוין זיכער און האט גע־וואלט אנהויבען צו רודערן צוריק. ער האט מורא געהאט זיך צו לאזען ווייט אין מעער אויף אזא שוואכעם שיפעל, וויא א קאַנאָע.

— אָט קומען אנדערע קאַנאָעס! האט דער פראָפעסאָר פלוצלונג אויסגע־רופען. מען וויל אונז נאכיאָגען.

אלע האבען זיך אומגעקוקט און דערזעהן, וויא פון אנאנדער ארט זיינען ארויסגעשוואומען דריי קאַנאָעס מיט מאַאָרי. זיי האבען גערודערט מיט אלע קרעפטען און האבען זיך בעמיהט צו דערגרייכען דיא קאַנאָע מיט אונזערע רייזענדע. ערשט יעצט האבען זיי איינגעזעהן, אז זיי האבען געטראָפען א גאַנצע ארמעע פון דיא מאַאָרי.

— אין מעער! אין מעער! ווייטער, ווייטער! האט פאררארגוט קאמאנדירט. בעסער דערטרונקען צו ווערן אין מעער אלס אריינצופאַלען אין דיא הענד פון דיעזע מענשענפרעסער.

זייער איינציגע רעטונג איז געווען צו אנטלויפען צו ווייט אין מעער. אלע האבען גערודערט מיט אלע זייערע קרעפטע. זיי האבען יעצט געקעמפפט פאר זייער לעבען. וואלטען זיי ניט געווען אזוי מיעד פון דער לאנגער רייזע, וואלטען זיי זעהר לייכט געקענט אנטלויפען פון זייערע פערפאלגער. זיי זיינען אבער גע־ווען זעהר מיעד און פון מינוט צו מינוט האבען זיי גערודערט שוואכער און שוואכער. צווישען זיי און דיא קאַנאָעס פון דיא מאַאָרי איז שוין מעהר ניט גע־ווען, וויא א שטרעקע פון צוויי מייל. דיא שטאַרקע און אויסגערוהטע מאַאָרי האבען גערודערט מיט אלע זייערע קרעפטע. זיי האבען געוואלט ארומרינגלען אונזערע רייזענדע פון דריי זייטען. מען האט געזעהן, וויא זיי הויבען אויף זייערע ביקסען און ציעלען אויף דיא ענגלענדער.

לארד גלענארוואן האט זיך אויפגעשטעלט און האט געקוקט אין אלע זיי־טען. ער האט געהאפט צו דערזעהן ערגעץ א שיף. איינינע מינוטען האט ער

געקוקט און זיין געזיכט האט אויסגעדריקט טרויער און פערצווייפלונג. פלוצלונג האט ער אויסגערופען:

א שיף! א שיף! רודערט, מיינע פריינדע! איך זעה פון דערווייטען א שיף.

יעצט האבען זיך אלע גענומען צו דיא רודער. זאָגאַר דער פראפעסאָר האט געחאַפּט א רודער און האט געהאָלפען, וויא וויית ער האט געקענט. ער איז צוואַר געווען זעהר א שלעכטער מאַטראָז, ער האט אבער דאך געהאָלפען.

דאס שיף איז געקומען אלע מאל נעהנטער און נעהנטער. מען האט יעצט געקענט דייטליך זעהן דעם שוואַרצען רויך פון זיין קוימען. לארד גלענאַרוואָן איז נאך אלץ געשטאַנען און האט ניט אראפגעלאזען קיין אויג פון׳ם שיף. פלוצ-לונג איז ער געוואָרען בלייך, וויא קאַלך, האט אנגעהויבען צו ציטערן און איז שיער ניט ארויסגעפאַלען פון דער קאַנאָע. אלע האבען זיך דערשראָקען, זיי האַ-בען ניט געוואוסט, וואס דאס איז. איין ווארט האט זיי אלעם דערקלערט.

— דער „דונקאַן"! האט אויסגעשריען לארד גלענאַרוואָן. דער „דונקאַן" מיט דיא אנטלאָפענע מערדער קומען אונז ענטגעגען.

קאַפּיטאַן פאַרראַגוט איז אויפגעשפרונגען, גלייך וויא א שלאַנג וואלט איהם א ביס געטהאָן. ער האט זיך גוט צוגעקוקט צום שיף און האט דערקענט זיין „דונקאַן".

— יאָ, דאס איז דער „דונקאַן", האט ער געזאָגט טרויעריג. פון אלע זייטען זעהן מיר פאַר אונז דעם טויט. פון הינטען פערפאָלגען אונז דיא מענשענפרעסער, דיא מאַאָרי און פון פאָרנט קומען אן רויבער און מערדער!

זייער קאַנאָע איז אונטערדעסען געבליעבען שטעהן. זיי האבען ניט גע-וואוסט וואס צו טהאָן און וואוהין צו רודערן. פלוצלונג האט געקראַכט א שאָס. איינער פון דיא ווילדע האט אויסגעשאָסען. דיא קוגעל האט געטראָפען זייער קאַנאָע. אונגערן האבען זיי ווייטער אנגעהויבען צו רודערן. זיי האבען צוואַר אליין ניט געוואוסט וואוהין, זיי האבען אבער געמוזט אנטלויפען פון דער זייט, פון וואַנען מען האט געשאָסען. דיא ווילדע האבען יעצט אנגעשטרענגט אלע זייערע קרעפטע און איין שאָס נאָכ׳ן אנדערן האט געשטערט דיא שטילע רוהע פון׳ם וועלט מעער.

דער „דונקאַן" איז אבער אויך ניט געשטאַנען שטיל. דער קאָמאַנדיר פון׳ם דונקאַן האט דערזעהן, אז דריי קאַנאָעס יאָגען זיך נאך איינער. באלד איז געפלויגען דיא קוגעל פון א קאַנאָנע איבער דיא קעפּ פון לארד גלענאַרוואָן מיט זיינע מענשען און איז אריינגעפאַלען צווישען דיא דריי קאַנאָעס פון דיא ווילדע. יעצט איז דיא קאַנאָע פון לארד גלענאַרוואָן געבליעבען שטעהן צווישען דונקאַן און דיא קאַנאָעס פון דיא ווילדע. אלע האבען אוועקגעוואָרפען דיא רודער און האבען זיך גענומען צו דיא וואַפען, וואס זיי האבען געהאט. דער מאַיאָר און ווילכאַן האבען געחאַפּט זייערע ביקסען. פאַרראַגוט און מילרעד האבען גענומען דיא צוויי שפיעזען. אלע האבען זיך פאַרבערייטעט צום לעצטען קאמפף — צום טויט.

פלוצלונג האט ראבערט גראנט אויסגעשריען:

— טאָם אויגוסטין! איך זעה אויפ׳ן „דונקאַן״ טאָם אויגוסטין! — ער האט אונז דערקענט! — ער מאַכט צו אונז מיט׳ן הוט!

די קאַנאָנע אויפ׳ן „דונקאַן״ האט ווידער אויסגעשאָסען. די קוגעל האט געטראָפען איינע פון די דריי קאַנאָעס מיט די מאַאָרי און האט זיא צושניטען אויף צווייען. די ווילדע זיינען אלע אריינגעפאַלען אין וואַסער מיט א שרעקליכען, אונמענשליכען געשריי.

— הורראַה! האבען געשריען די מאַטראָזען אויפ׳ן „דונקאַן“.

די איבעריגע צוויי קאַנאָעס מיט די ווילדע זיינען אנטלאָפען, וויא ווייט זיי האבען געקענט. זיי האבען זאגאַר ניט געוואלט רעטען זייערע קאמעראדען פון דער דריטער קאַנאָע.

יעצט האט קאפיטאן פאררגוט אויך דערקענט זיין גוטען, געטרייען אפּיציער, טאָם אויגוסטין.

— שנעלער, טאָם! האט ער געשריען פול פרייד. — רעטע אונז!

אין אייניגע מינוטען ארום זיינען אונזערע רייזענדע געווען אויפ׳ן דעק פון׳ם „דונקאַן“. וויא אזוי זיי זיינען געקומען אהין, האבען זיי אליין ניט געקענט זאגען. אלעס איז געשעהן אזוי שנעל, וויא אין א טרוים. שטארקע הענד האבען זיי אנגענומען און האבען זיי ארויפגעטראָגען איינעם נאכ׳ן אנדערן אויפ׳ן דעק פון׳ם דונקאַן.

מען האט זיי ארומגענומען, מען האט געוויינט, מען האט געטאַנצט פאַר פרייד. אונזערע רייזענדע זיינען ווידער געווען צווישען זייערע פריינד, זייערע בעקאַנטע, די אלטע, עהרליכע און געטרייע מאַטראָזען פון׳ם „דונקאַן“.

17טעם קאפּיטעל.

וויא אזוי דער „דונקאַן“ איז געקומען אהער.

אייניגע מינוטען האט קיינער אויפ׳ן „דונקאַן“ ניט געוואוסט, וואס עס טהוט זיך מיט איהם פאַר פרייד, וואס זיי האבען ווידער געפונען לארד גלענארוואַן מיט זיינע קאמעראדען. זיי האבען געוויינט, וויא די קליינע קינדער, געטאַנצט, געשפּרונגען און זיך ארומגענומען. זאגאַר דער ערנסטער מאַיאָר האט זיך ניט געקענט איינהאלטען און האט געגאָסען מיט טרערן, וויא א קליין קינד. דער איינציגער מענש, וועלכער איז געבליעבען רוהיג, איז געווען דער פּראָפעסאָר. ער איז געווים געווען פול מיט פרייד, וואס ער געפינט זיך ענדליך ווידער אויפ׳ן „דונקאַן“, ער האט זיך אבער ניט אויפגעפיהרט, וויא א וואהנזיניגער. ער האט באלד אויסגעזוכט אן אלטען, קליינעם טעלעסקאָפּ, וועלכען לארד גלענאַרוואן פלעגט אמאל בענוצען, און האט זיך געשטעלט קוקען אויפ׳ן מעער, אויב די ווילדע זיינען שוין אנטלאָפען און וואס זיי טהוען אויפ׳ן [illegible]

די ערשטע איבערראַשונג איז ענדליך פאַראיבער. טאָם [illegible] און זיינע מאַטראָזען האבען זיך אנגעהויבען צו צו־קוקען צו לארד גלענארוואן מיט

זיינע קאמעראדען און האבען דערזעהן מיט שרעק, וויא זיי ווייזען אויס. זייערע קליידער זיינען צוריסען, צופיצעלט, פעדים זיינען געהאנגען פון ליידי העלענא'ס און מערי גראנט'ס אונטער רעק; זייערע שיך האבען זיך קוים געהאלטען אויף דיא פיס, עס האבען ארויסגעשטעקט דיא נאקעטע פינגער. זיי אליין זיינען געוועזען אויסגעדארט און אפגעמאגערט, אז מען האט געקענט איבערצעהלען יעדעסביינדעל. זייערע געזיכטער זיינען געוועזען פערברענט, צוריסען, צוביסען פון מאסקיטאס און פערשוואלען. — ס'איז געוועזען א שרעק זיי אנצוקוקען.

ווען זיי האבען זיך צוגעקוקט צום פראפעסאר, האבען זיי אונגערן אנגעהויבען צו לאכען. ער איז געוועזען אנגעטהאן, וויא א מאארי, זאגאר די האר אויף זיין קאפ איז געוועזען פערבונדען אויבען אין א בינטעל, וויא דיא מאארי טראגען זייערע האר. ווען ניט זיינע גרויסע בלויע ברילען, וואלטען זיי איהם גאר ניט דערקענט.

דאס ערשטע, דאס נעטהיגסטע פאר זיי אלע איז געוועזען — עסען, פריהשטיקען. מיסיס אלבינעט איז געוועזען דיא גליקליכסטע פון אלעמען. זיא האט צוריק געפונען איהר מאן, וועלכען זיא האט ניט געזעהן, זייט זיי זיינען געקומען קיין אויסטראליען. זיא האט באלד געמאכט א גרויסארטיגען פריהשטיק און האט אלעמען געבעטען צום טיש.

וויא גליקליך לארד גלענארוואן איז געוועזען, וואס ער האט געפונען זיין שיף מיט זיינע מאטראזען, וויא נייגיעריג ער איז געוועזען צו וויסען, וויא אזוי דער „דונקאן" קומט אהער און וויא אזוי געפינען זיך זיינע מאטראזען אויף'ן דונקאן, — איז דאך דער הונגער געוועזען שטארקער פון זיין נייגיערדע. ער איז צו ערשט געגאנגען אין זיין עס-צימער עסען א פריהשטיק, וויא א ציוויליזירטער מענש.

קוים אבער האט ער עטוואס געשטילט דעם הונגער, האט ער אנגעהויבען צו פרעגען טאם אויגוסטין:

— וויא קומט ער אהער? פאר וואס איז ער געפאהרען קיין ניי זעעלאנד? וואו איז בען דשאנס מיט זיין באנדע? וויא אזוי האט ער זיך גערעטעט פון זיי?

טאם אויגוסטין איז געוועזען א גוטער, אבער אן איינפאכער מענש. אויף אזוי פיעל פראגען מיט איין מאל האט ער ניט געקענט אנטווארטען.

— פרעגט מיך איין זאך, מילארד, וועל איך אייך אנטווארטען, האט ער געזאגט. אזוי פיעל פראגען קען איך ניט גערענקען.

— וואו איז בען דשאנס מיט זיין באנדע אנטלאפענע מערדער? האט לארד גלענארוואן געפרעגט.

טאם אויגוסטין האט אויסגעגלאצט א פאר אויגען און האט געקוקט אויף לארד גלענארוואן מיט שטוינען.

— ווער איז בען דשאנס? פון וועלכער באנדע מערדער רעדט איהר, מילארד? האט ער געפרעגט.

— בען דשאנס, וועלכער איז אנגעפאלען אויפ'ן „דונקאן" מיט א באנדע מערדער, האט לארד גלענארוואן ערקלערט.

— איך קען ניט קיין בען דשאנס, האט טאם אויגוסטין געענטפערט. איך האב איהם קיין מאל ניט געזעהן און ווייס פון איהם ניט.

— קיין מאל ניט געזעהן? האט לארד גלענארוואן יעצט געפרעגט ערשטוינט. — איהר ווייסט גאר ניט פון קיין בען דשאנס?

— ניין, מילארד.

— אלזא, וויא קומט איהר קיין ניי זעעלאנד? דארפט איהר דאך יעצט זיין אין מעלבורן?

— איך האב ערהאלטען פון אייך א בעפעהל, איך זאל פאהרען מיט׳ן דונקאן קיין ניי זעעלאנד, האט טאם אויגוסטין געענטפערט גאנץ רוהיג.

— איהר האט ערהאלטען פון מיר א בעפעהל צו פאהרען קיין ניי זעעלאנד? האט לארד גלענארוואן איבערגעפרעגט.

— געוויס, מילארד. איך האב ערהאלטען פון אייך א בריעף פון׳ם 28טען פעברואר, אז איך זאל פאהרען אין דיא אסט זייט פון ניי זעעלאנד.

— א בריעף! האט לארד גלענארוואן אויסגערופען. אלזא, האט איהר ערהאלטען מיין בריעף?

אלע אנוועזענדע האבען אניעדערגעלעגט זייערע לעפעל און זייערע גאפעל און האבען זיך צוגערוקט צו טאם אויגוסטין. יעדער איז געווארען נייגיעריג צו וויסען, וויא אזוי עס איז צוגעגאנגען מיט׳ן בריעף. — לארד גלענארוואן איז געווען אזוי איבעררא‌שט, אז ער האט עטליכע מינוט געשוויעגען. ענדליך איז ער געקומען צו זיך און האט געזאגט:

— וויא איך זעה, פערשטעהן מיר ניט איינער דעם אנדערן. לאמיר זיך ערקלערן. לאמיר זיך פערשטעהן. — איהר האט ערהאלטען פון מיר א בריעף?

— געוויס האב איך ערהאלטען פון אייך א בריעף, האט טאם אויגוסטין געענטפערט.

— וואו האט איהר ערהאלטען מיין בריעף?

— אין מעלבורן.

— זייט איהר זיכער, אז דאס איז געוועזן מיין בריעף?

— דער בריעף איז געווען געשריעבען פון אנאנדערן, איהר האט איהם אבער אונטערגעשריעבען.

— ריכטיג, האט לארד גלענארוואן געזאגט. דיעזען בריעף האט אייך געבראכט איינער מיט׳ן נאמען בען דשאנס. ער איז אן אנטלאפענער שטרעפלינג.

— ניין, ניט בען דשאנס האט מיר געבראכט דעם בריעף. עס האט איהם מיר געבראכט א מאטראז פון דער „בריטאניא" מיט׳ן נאמען אייערטאן.

— בען דשאנס און אייערטאן איז אלץ איינס, האט לארד גלענארוואן ערקלערט. — וואס איז געשטאנען אין בריעף?

— אין בריעף איז געשטאנען, אז קוים וועל איך איהם ערהאלטען, זאל איך באלד ארויספאהרען אין דיא אסט זייט פון ניי זעעלאנד.

— פון אויסטראַליען מיינט איהר, טאַם! האט לארד גלענארוואן אויסגע־רופען. צו דער בוכטע טופאלד!

— אויסטראַליען? — דיא בוכטע טופאלט? האט טאם אויגוסטין געפרעגט און האט געקוקט אויף לארד גלענאַרוואן מיט שטוינען.

— ניין, מילארד! האט ער ענדליך געזאגט ענטשלאסען. איהר האט מיר געהייסען פאהרען קיין ניי זעעלאנד.

— וואס רעדט איהר, טאם? מען האט אייך געהייסען פאהרען צו דער בוכטע טופאלד! האבען אלע אנגעהויבען צו שרייען מיט איין קול.

טאם אויגוסטין האט זיך אומגעקוקט. זיינען זיי וואהנזיניג? אדער בין איך אראפ פון זינען? האט ער געטראַכט. אדער וועלען זיי מיך מאכען פאר פער־ריקט? — וואס הייסט עס?

— זייט רוהיג, טאם! האט ליידי העלענא געזאגט. איהר האט געהאט א טעות, אבער דיעזער טעות האט אונז אלע גערעטעט.

ליידי העלענא האט צוואַר גערעדט זעהר פריינדליך, טאם אויגוסטין האט עס דאך פערדראסען. וואס הייסט מאכען א טעות? וויא טאַר א קאמאַנדיר פון א שיף מאכען אזא טעות?

— ניין, ליידי העלענא! האט ער אויסגערופען. איך האב קיין טעות ניט געהאט. איך האב גוט געלעזען דעם בריעף. אייערטאן האט איהם אויך געלע־זען. ער האט מיר געזאגט צוואַר, אז אין בריעף איז א טעות, עס דארף שטעהן: „צו דער בוכטע טופאלד" — איך האב איהם אבער ניט געפאלגט, ווייל אין בריעף שטעהט דייטליך, איך זאל פאהרען קיין ניי זעעלאנד.

— אייערטאן? האט לארד גלענארוואן איבערגעפרעגט. אייערטאן האט געזאגט? —

— אז איהר האט א טעות געהאט. איהר האט געוואלט, איך זאל פאהרען צו דער בוכטע טופאלד. ער האט מיר געוואלט איינרעדען, איך זאל אהין פאה־רען. איך האב עס אבער ניט געקענט טהאן, ווייל אייער בריעף איז געווען גאַנץ דייטליך געשריעבען.

— האט איהר נאך דעם בריעף? האט דער מאַיאר געפרעגט. ווייזט איהם, לאמיר נור זעהן, וואס דארט שטעהט.

— איך וועל איהם אייך באלד ברענגען, האט טאם אויגוסטין געזאגט און איז אוועקגעלאפען ברענגען דעם בריעף.

אלע זיינען געבליעבען זיצען שטיל. קיינער האט זיך ניט געקענט ער־קלערען, וואס דא איז פארגעקומען מיט דעם בריעף.

— הערר פראפעסאָר! האט זיך דער מאַיאָר פלוצלונג געווענדעט צום פראפעסאר. — מיר דאכט, אז איהר האט דאמאלס געשריעבען דעם בריעף. האט איהר אונז ניט עפעס אפגעטהאן? — איך מיין, זייט איהר אפט דאמאַלס ניט געווען צערשטרייט?

— וואס רעדט איהר? האט זיך דער פראפעסאר געבייזערט. זיים מיר

ויינען געקומען קיין אויסטראליען, האב איך איין פעהלער ניט געמאכט.

אונטערדעסען איז טאם אויגוסטין געקומען צוריק מיט'ן בריעף. ער האט איהם דערלאנגט לארד גלענארוואן מיט דיא ווערטער:

— לעזען זיא אליין, מילארד. איהר וועט זעהן, אז טאם אויגוסטין מאכט קיין פעהלער ניט.

לארד גלענארוואן האט דערקענט דעם בריעף. ער איז דאמאלס געווען פערוואונדעט און האט ניט געקענט שרייבען. ער האט געבעטען דעם פראפעסאר, ער זאל אנשרייבען דעם בריעף. — ער האט געלעזען אין דער הויך:

„אן טאם אויגוסטין, דעם ערשטען אפיציער פון'ם דונקאן.

„נאך עמפפאנג פון דיעזען בריעף, זאלט איהר באלד ארויספאהרען פון מעלבורן און זאלט פאהרען לעבען ברעג פון ניי זעעלאנד אויפ'ן 37טען גראד“.

— ניי זעעלאנד! האט דער פראפעסאר אויסגערופען און איז אויפגעשפרונגען פון זיין שטוהל. — ווייזט מיר נור דעם בריעף!

לארד גלענארוואן האט איהם געגעבען דעם בריעף. דער פראפעסאר האט אויסגעווישט דיא ברילען, האט זיך אויסגעריעבען דיא אויגען, האט געקוקט אויפ'ן בריעף, האט איהם איבערגעקעהרט און איבערגעדרעהט. — עס שטעהט פארט נ י י ז ע ע ל א נ ד. ער אליין האט אנגעשריעבען אנשטאט צו דער בוכטע טופאלד — צום ברעג פון ניי זעעלאנד.

אין דיעזע מינוט האט ער געפיהלט, וויא א שווערע האנד האט זיך ארויפגעלעגט אויף זיין פלייצע און האט איהם א קוועטש געטהאן. ער האט זיך אומגעקוקט. — דער מאיאר איז געשטאנען הינטער איהם.

— איך דאנק אייך, הערר פראפעסאר, האט דער מאיאר געזאגט מיט א געלעכטער, און מיר אלע דאנקען אייך, וואס איהר האט געשיקט דעם „דונקאן“ קיין ניי זעעלאנד. וואס וואלטען מיר געטהאן, ווען איהר וואלט איהם געשיקט קיין כינא?

דיעזער שפאס האט געטראפען דעם ארימען פראפעסאר, וויא מיט א האק אין קאפ אריין. אלע האבען ארויסגעלאזען א שרעקליכעס געלעכטער. דער פראפעסאר איז געווארען רויט, וויא פייער. ער איז ארומגעלאפען, וויא א וואהנזיניגער, האט זיך געריסען דיא האר פון'ם קאפ און האט אלץ גערעדט צו זיך אליין: ניי זעעלאנד, ניי זעעלאנד! פלוצלונג איז ער ארויסגעלאפען אויפ'ן דעק. ער איז ארומגעגאנגען צו טראגען און בייז אויף זיך אליין, וואס ער האט געמאכט אזא ראבען פעהלער. ער איז געווען זיכער, אז דיא רייזע האט איהם אויסגעהיילט פון זיין צערשטרייטקייט, ער מאכט שוין קיין פעהלער ניט. פלוצלונג ווערט ער געוואהר, אז ער האט געמאכט אזא גראבען, אזא מיאוסען פעהלער!

ער איז ארומגעגאנגען איינינע מינוטען אויפ'ן דעק אהן א צוועק און אהן א ציעל, ביז ער האט זיך פערפלאנטערט אין א בונט מיט שטריק, וועלכע זיינען געלעגען ערגעץ אין א ווינקעל, און איז אומגעפאלען. ער האט זיך געוואלט אויפהייבען, האט ניט געקענט און האט אנגעהויבען צו רייסען און צו צישען

דיא שטריק. פלוצלונג — טראַך! דיא קאַנאָנע האט אויסגעשאָסען.

דער פּראָפֿעסאָר האט אונגערן אנגעהאַפּט דעם שטריק, וועלכער איז געווען צוגעבונדען צום פּיסטאָן פֿון דער קאַנאָנע. דיא קאַנאָנע איז געווען געלאַדען. טאָם אויגוסטין האט ויא געהייסען אנלאַדען, ווייל ער האט גערעכענט, אז ער וועט דארפֿען נאך אמאל שיעסען אויף דיא מאַאָרי. אין דער ערשטער איבעראַשונג, וואס זיי האבען ווידער געפֿונען לארד גלענאַרוואַן מיט זיינע קאַמעראַדען, האט מען פֿערגעסען אן דער קאַנאָנע, מען האט ניט ארויסגענומען דיא פּיסטאָנע. יעצט האט עס דער פּראָפֿעסאָר גאַנץ צופֿעליגער ווייזע א ציה געטאָן און דיא קאַנאָנע האט אויסגעשאָסען.

אין דעם עס־צימער האבען אלע געהערט דעם שאָס, האבען זיך דערשראָקען און זיינען ארויסגעלאָפֿען זעהן, וואס עס איז שוין ווייטער עפּעס געשעהן. מען האט זיך אומגעקוקט אין אלע זייטען. עס איז קיינער ניטא. דאס וואסער איז גאַנץ רוהיג.

— ווער האט אויסגעשאָסען? האט מען געשריען פֿון אלע זייטען.

— וואו איז דער פּראָפֿעסאָר? וואו איז פּאַגאַנעל?

קיינער האט ניט געענטפֿערט. לארד גלענאַרוואַן האט גאר ניט געקענט פֿערשטעהן, וואס דאָ טהוט זיך.

— אט איז דער פּראָפֿעסאָר! האט אויסגערופֿען איינער פֿון דיא מאַטראָזען.

מען איז צוגעלאָפֿען צו איהם. ער איז געלעגען פֿערוויקעלט און פֿערדרעהט מיט דיא שטריק. אין דער האַנד האט ער געהאַלטען פֿעסט דעם שטריק פֿון דער קאַנאָנע. אלע זיינען צו איהם צוגעלאָפֿען. מען האט איהם אויסגעפּלאָנטערט און אויפֿגעוויקעלט. ער איז געווען בעוואוסטלאז. ער איז געווען פֿערטיפֿט אין זיינע געדאַנקען און האט זיך שטאַרק דערשראָקען, ווען דיא קאַנאָנע האט אזוי פּלוצלונג אויסגעשאָסען.

דער מאַיאָר איז געווען א שטיקעל דאָקטאָר. ער האט געדיענט אין דער ארמעע און האט געזעהן, וויא דיא דאָקטוירים בעהאַנדלען דיא פֿערוואונדעטע. ער איז באלד צוגעלאָפֿען צום פּראָפֿעסאָר און האט איהם געוואָלט אויסטהאָן דיא קליידער און זעהן, אויב ער איז ניט פֿערוואונדעט. קוים אבער האט ער צוגעלעגט דיא האַנד צו זיינע קליידער, איז דער פּראָפֿעסאָר אויפֿגעשפּרונגען מיט א געשריי:

— איך וויל ניט! איך דארף ניט! און האט זיך נאך פֿעסטער איינגעוויקעלט אין זיין מאַאָרי מאַנטעל.

— אבער, פּאַגאַנעל! האט דער מאַיאָר אויסגערופֿען. לאזט מיך זעהן, פֿיעללייכט זייט איהר פֿערוואונדעט.

— איך בין ניט פֿערוואונדעט.

— אבער לאזט מיך זעהן, האט דער מאַיאָר געבעטען.

— איהר האט ניט וואס צו זעהן.

וואס דער מאַיאָר האט איהם געבעטען, ער זאל איהם ווייזען זיין לייב, דיא

הענד, דיא פּיס, פּיעללייכט איז ער עפּעס פערוואונדעט, — עס האט גאר ניט געהאלפען. דער פּראפעסאר האט ניט געוואלט ווייזען זיינע הענד און זיינע פיס.

ווען דיא מאטראזען האבען זיך ענדליך איבערצייגט, אז עס איז גאר נישט, אז דער פּראפעסאר האט ווידער געמאכט איינעם פון זיינע פעהלער, האבען זיי זיך ווידער צולאכט. זאגאר דער ערנסטער לארד גלענארוואן האט זיך ניט געקענט איינהאלטען און האט אנגעהויבען צו לאכען.

— איך ווייס ניט, וואס מיט אונזער פּראפעסאר איז, האט דער מאיאר געזאגט. מיר דאכט, אז ער שעהמט זיך צו ווייזען זיינע הענד און זיינע פיס.

לארד גלענארוואן האט גענומען דעם פּראפעסאר און האט איהם אראפּגעפיהרט אין עס־צימער. ער האט איהם געגעבען א שטארקע גלאז ויין און דער פּראפעסאר האט זיך באלד ווידער ברוהיגט. ליידי העלענא איז צוגעגאנגען צו איהם און האט איהם געגעבען איהר האנד.

— איך דאנק אייך, פּראפעסאר פאר אייער פעהלער! האט זיא איהם געזאגט. פאר אזא פעהלער, וואס פיהרט צום גוטען און האט אונז אלעמען געראטעט, האט איהר זיך ניט וואס צו שעהמען.

דער פּראפעסאר האט נעדריקט ליידי העלענא דיא האנד. זיא איז דאך דיא איינציגע, וועלכע האט פון איהם ניט געלאכט.

הערט נור, פּראפעסאר, האט זיך לארד גלענארוואן יעצט צו איהם געווענדעט. — איך בין אייך אויך זעהר דאנקבאר פאר אייער פעהלער. איהר האט דערמיט געראטעט דעם „דונקאן" פון דיא רויבער און האט אונז יעצט געראטעט פון דיא מאארי. איך וויל אבער דאך וויסען, וויא אזוי קען עס א מענש מאכען אזא פעהלער. איך געדענק זעהר גוט, אז איך האב אייך דיקטירט דעם בריעף און האב אייך געהייסען שרייבען: צו דער בוכטע טופאלד. וויא קומט עס, וואס איהר האט אנגעשריעבען צו דער אסט זייט פון ניי זעעלאנד? דא מוז דאך עפּעס זיין? וואס האט איהר דען דאמאלס געטראכט, וואס איהר האט אנגעשריעבען ניי זעעלאנד? —

דער פּראפעסאר האט געטראכט א פּאר מינוט, דאן האט ער געזאגט:

— איך בין דאמאלס געווען בעשעפטיגט מיט א נייעם געדאנק, וועלכער מיר איז איינגעפאלען. איך האב אויסגעפונען, אז —

אין דיעזע מינוט האט ער א קוק געטהאן אויף דאבערט און מערי גראנט און איז געבליעבען שטיל.

— אז וואס? האט לארד גלענארוואן געפרעגט.

— פרעגט ניט, מילארד! איך בין א צערשטרייטער מענש, איך בין א פערריקטער. איך מאך פעהלער איבער פעהלער. וואס איז אייך דער אונטערשיעד, וואס איך האב דאמאלס געטראכט.

לארד גלענארוואן האט נאך פּראבירט איהם עפּעס צו פרעגען. ער האט אבער פון איהם קיין ווארט ניט געקענט ארויסציהען. עס האט גאר ניט געהאלפען. מען האט איהם געמוזט צורוה לאזען.

וען אלעס איז ווידער געווארען רוהיג און אלע זיינען ווידער געזעסען ארום טיש, וויא פריהער, האט זיך לארד גלענארוואן ווייטער געווענדעט צו טאם אויגוסטין.

— איך זעה יעצט, אז איהר האט געהאט פאלקאמען רעכט, וואס איהר זייט געפאהרען קיין ניי זעעלאנד, האט ער איהם געזאגט. איהר האט געהאט א בעפעהל פון מיר. האט עס אייך אבער גאר ניט געוואונדערט, וויא עס קומט, אז איך זאל אייך גאר פלוצלונג הייסען פאהרען קיין ניי זעעלאנד?

— עס האט מיך געוויס געוואונדערט. איך בין געוועזען העכסט איבערראשט צו זעהן פון אייך אזא בעפעהל. וואס האב איך אבער געקענט מאכען? איך האב געמוזט אויספאלגען אייער בעפעהל.

ער האט זיך געווענדעט צו קאפיטאן פארראגוט און האט איהם געפרעגט

— וואס וואלט איהר געטהאן, קאפיטאן, אויף מיין שטעלע?

— איך וואלט געפאהרען, וואוהין מען הייסט מיר, האט פארראגוט געענטפערט.

— אבער דענאך, וואס האט איהר געטראכט פון אזא זאנדערבארען בעפעהל? האט לארד גלענארוואן ווייטער געפרעגט.

— איך האב געטראכט, אז איהר האט ערגעץ ערהאלטען זיכערע נאכריכטען פון קאפיטאן גראנט און איהר ווילט, אז דער „דונקאן“ זאל זיין פריהער פאר אייך אין ניי זעעלאנד. — איין זאך נור האט מיך שטארק בעאונרוהיגט. —

— וואס איז אזעלכעס?

— דער מאטראז פון דער „בריטאניא“, דער אייערטאן, האט מיר אלץ געוואלט איינרעדען, אז איהר דארפט ניט פאהרען קיין ניי זעעלאנד, זאנדערן צו דער בוכטע טופאלד.

— אייערטאן? — יא, וואו איז ער יעצט?

— אויפ'ן דונקאן, האט טאם אויגוסטין געענטפערט.

— אייערטאן געפינט זיך אויפ'ן „דונקאן“? האבען אלע אויסגערופען מיט איין קול. — וואו איז ער? — פאר וואס זעהט מען איהם ניט?

— איהר קענט איהם ניט זעהען, ווייל ער איז ארעסטירט אונטען אין טריום.

— פאר וואס איז ער ארעסטירט?

אלע האבען זיך ווידער ארומגעשטעלט ארום טאם אויגוסטין. יעדער איז געוועזען נייגיעריג צו וויסען, פאר וואס דער אלטער טאם אויגוסטין האט ארעסטירט אייערטאנען.

— פאר וואס איך האב איהם ארעסטירט? פרעגט איהר. — דערפאר וואס ער האט מיר געמאכט זעהר פיעל אונאנגעהמליכקייטען. ווען ער איז געוואהר געווארען, אז דער „דונקאן“ פאהרט קיין ניי זעעלאנד, איז ער געווארען ווילד און האט מיך געוואלט שלאגען. ער האט זיך ארויסגעגנבעט ביי נאכט, איז צוגעגאנגען

צום רעדעל און האט אויסגערעדט דעם „רונקאַן“ צו דער בוכטע מאָלד אָנ-שטאט צו ניי זעעלאנד. איך האב געמוזט האלטען א דאָפּעלע וואַך, ער זאל ערגעץ ניט פערפיהרען מיין שיף. ענדליך, ווען ער האט געזעהן, אז ער קען מיט מיר גאר ניט מאכען, האט ער אנגעהויבען אנצורעדען דיא מאטראָזען, זיי אלען מיך ארייננווארפען אין וואסער און זאלען זיך צונעהמען דעם „דונקאַן“. איך האב מיך איבערצייגט, אז ער איז א געפעהרליכער מענש און האב געמוזט הייסען איהם בינדען און ארייננווארפען אונטען אין טריום. דארט ליעגט ער יעצט און ארום איהם געהט א וואַך בעשטענדיג.

— האט ער ניט פראבירט צו אנטלויפען? האט דער מאיאר געפרעגט.

— ער האט געוויס פראבירט. איך האב איהם אבער גוט בעוואכט.

— איהר האט זעהר גלייך געטהאן, טאם אויגוסטין, האט לארד גלענאר-וואן געזאגט און האט געדריקט דעם אלטען מאטראז דיא האנד.

— ברענגט איהם ארויף! לאמיר איהם זעהן! האט מען געשריען פון אלע זייטען.

— איך וויל איהם ניט זעהן, האט ליידי העלענא געזאגט. איך הויב אָן צו ציטערן, ווען איך דערמאָן מיך, וויא אזוי דיעזער רויבער און מערדער האט אונז פערפיהרט און פערראַטהען. איך בין געוועזען צוגעריידען, וואס איך האב שוין אן איהם פערגעסען. צו וואס זאל איך איהם זעהן נאך אמאל?

— ניין, העלענא, האט לארד גלענארוואן געבעטען, געה ניט אוועק, בלייב דא. לאז אייערטאן זעהן דיא מענשען, וועלכע ער האט געוואלט אומברענגען. לאז ער אונז קוקען גלייך אין דיא אויגען, דער מערדער!

ליידי העלענא האט געמוזט בלייבען. מען האט ארויסגעבראכט שטוהלען אויפ'ן דעק. אלע האבען זיך אניעדערגעזעצט אין א האלב קרייז און לארד גלע-נארוואן האט געהייסען ארויפברענגען אייערטאנען.

אייניגע געזונדע מאטראָזען זיינען אראפגעגאנגען אין טריום ארויפברענגען דעם ארעסטאַנט.

18טעם קאַפּיטעל.

אייערטאן אלס ארעסטאנט.

אין אייניגע מינוטען ארום איז אייערטאן ארויפגעגאנגען אויפ'ן דעק. זיינע הענד זיינען געווען געבונדען אויפ'ן רוקען, אויף דיא פיס האט ער געטראגען שווערע קייטען. זיינע האָר זיינען געוועזען פערפלאנטערט און פערנאכלעסיגט און זיין געזיכט איז געוועזען נאך ווילדער, וויא פריהער. ער האט געווארפען א בייזען, פינסטערן בליק אויף אלע פערזאמעלטע און איז געבליעבען שטעהן פאר לארד גלענארוואן.

— אזוי, אייערטאן? האט לארד גלענארוואן איהם געזאגט. — אזוי זעהן מיר זיך וויעדער אויף דעמזעלבען דונקאַן, וועלכען דוא האסט געוואלט ביי מיר צונעהמען און מאכען פון איהם א פיראטען שיף. ווערן זעע רויבער? — איך

ווייס אייגענטליך ניט, וויא אזוי איך זאל דיך רופען: אייערטאָן אדער בען דשאנס?

אייערטאנס ליפען האבען אנגעהויבען צו ציטערן. ער איז רויט געווארען און האט געקריצט מיט דיא ציינער. — עס איז איהם ניט געראטהען. ער איז אריינגעפאלען אין דער נעץ, וועלכע ער האט אנגעגרייט פאר לארד גלענארוואן. יעצט איז ער א געפאַנגענער און מען וועט איהם געוויס באלד אריינווארפען אין וואסער אדער אויפהענגען אויף א זעגעלבוים.

לארד גלענארוואן האט ערווארטעט, אז אייערטאן זאל עפעס ענטפערן, עפעס זאגען. אייערטאן אבער האט איהם געקוקט גלייך אין דיא אויגען און האט געשוויעגען.

— רעד דאך עפעס, אייערטאן! האט לארד גלענארוואן געזאגט. ערקלער אונז וועניגסטענס, וואס האסט דוא געוואלט טהאן מיט אונז?

אייערטאן האט געטראכט אייניגע מינוטען. אויף זיין שטערן האבען זיך געוויעזען טיעפע קנייטשען און א קאַלטער שווייס האט איהם בעגאָסען.

— איך האב גאר ניט וואס צו זאגען, האט ער זיך ענדליך אפגערופען. איך בין געווען א נארר, וואס איך האב מיך געלאזען פאַנגען, וויא א מויז אין א שטייגעל. — יעצט טהוט מיט מיר, וואס איהר ווילט.

מעהר האט ער ניט גערעדט. ער האט זיך אוועקגעקעהרט פון זיי און האט גאנץ רוהיג געקוקט אויף דאס מעער, גלייך וויא מען מיינט גאר ניט איהם. — לארד גלענארוואן האט אבער געהאט א געוויסען ציעל, וואס ער האט געוואלט אויספרעגען אייערטאָנען.

עס איז געווען דייטליך, אז ער איז געווען א מאַטראָז אויף דער „בריטאַניא". דאס האט מען ניט געקענט אפלייקענען. ער ווייס געוויס, וואו דיא „בריטאַניא" איז אונטערגעגאנגען און וואס עס איז געווארען פון קאפיטאן גראַנט. לארד גלענארוואן האט דאהער זיך ענטשלאסען, ער זאל זיך בעצווינגען און רעדען מיט אייערטאנען פריינדליך און גוטיג, פיעללייכט וועט ער פון איהם דאך ארויסציהען זיין געהיימניס וועגען קאפיטאן גראנט. לארד גלענארוואן איז ווייטער געווען פאלשטענדיג איבערציינט, אז דיא „בריטאַניא" איז אונטערגעגאנגען ערגעץ אין דיעזע געגענדען. עס האט איהם שוין געקאָסט אזוי פיעל מיה צו זוכען קאפיטאן גראנט, אז ער האט ניט געוואלט ארויסלאזען דיא לעצטע געלעגענהייט געוואהר צו ווערן, וואס עס איז מיט איהם געשעהן. לעבט ער נאך, וועט ער איהם נאך זוכען. איז ער טויט, וועט ער פאהרען אהיים.

— אייערטאן! האט איהם לארד גלענערוואן גערופען. — אייערטאן, איך מיין, אז דוא וועסט ניט זיין אזוי שלעכט, דוא זאלסט מיר ניט ענטפערן אויף אייניגע פראגען, וועלכע איך וויל דיר שטעלען. — זאג מיר, איך בעט דיך, וויא הייסט דוא: אייערטאן אדער בען דשאַנס?

אייערטאן האט אלץ געקוקט אויפ'ן מעער און האט קיין ווארט ניט גע-ענטפערט.

אין לארד גלענארוואן'ס אויגען האט זיך אנגעצונדען א פייער. ער האט זיך אבער איינגעהאלטען און האט ווידער געפרעגט:

— אייערטאן, זאג מיר ווייניגסטענס, וויא אזוי ביסט דוא אוועקגעגאנגען פון דער „בריטאניא" און וויא אזוי קומסט דוא קיין אויסטראליען?

אייערטאן האט ניט געענטפערט און האט ווידער געקוקט אויפ'ן מעער.

— הער נור, אייערטאן, עס איז פאר דיר בעסער, דוא זאלסט רעדען און מיר אלעם דערצעהלען, האט לארד גלענארוואן ווייטער געזאגט. וואס מעהר דוא וועסט רעדען און מיר ענטפערן אויף מיינע פראגען, איז אלץ בעסער פאר דיר. דוא זעהסט דאך, אז דוא ביסט יעצט אין מיינע הענד און איך קען טהאן מיט דיר, וואס איך וויל. איך פרעג דיך דאהער צום לעצטען מאל, ווילסט דוא מיר ענטפערן?

אייערטאן האט זיך אומגעקעהרט מיט'ן געזיכט צו לארד גלענארוואן און האט איהם געקוקט גלייך אין דיא אויגען.

— איך האב אייך ניט וואס צו ענטפערן. איהר זייט ניט קיין ריכטער און האט קיינע בעווייזע געגען מיך. איהר קענט מיך טויטען, ווייל איהר האט מיך אין אייער מאכט. איהר קענט מיך אבער ניט פערארורטהיילען, איהר האט קיינע בעווייזע.

— איך מיין, אז איך קען שוין געפינען בעווייזע געגען דיר, האט לארד גלענארוואן געזאגט מיט א שמייכעל.

ניין, מילארד! איהר האט א גרויסען טעות. איך קען וועטען מיט אייך, אז דער שטרענגסטער ריכטער אין לאנדאן וועט ניט וויסען, וואס צו טהאן מיט מיר. — ווער קען עס וויסען, פאר וואס איך בין געקומען קיין אויסטראליען, ווען דער קאפיטען גראנט איז ניטא? ווער קען עס בעווייזען, אז איך בין עס דער בען דשאנס, וועלכען דיא פאליציי אין אויסטראליען זוכט אזוי שטארק? ווער קען עס בעווייזען, אז איך האב געוואלט צונעהמען ביי אייך דעם „דונקאן" און איהם איבערגעבען צו דיא אנטלאפענע שטרעפלינגע? — אלעס, וואס איהר האט ביז אהער, איז נור א פערדאכט (א חשד) — איהר האט ניט קיינע בעווייזע. — זא לאנג איהר קענט ניט בעווייזען, אז איך בין א רויבער און א מערדער, וויא איהר רופט מיך, בין איך נאך אלץ אייערטאן, דער ערשטער מאטראז פון דער „בריטאניא".

וואס מעהר ער האט גערעדט, איז ער געווארען אלץ לעבעדיגער און מוטהיגער. אלע זיינען געווארען אויפמערקזאם, אלע האבען געהאפט, אז זיי וועלען פון איהם דאך עפעס געוואהר ווערן איבער קאפיטאן גראנט.

— דוא האסט א גרויסען טעות, אייערטאן, וואס דוא רעדסט צו מיר, וויא צו א ריכטער. איך בין קיין ריכטער. איך וויל דיך ניט פערארורטהיילען. דער צופאל האט דיך געווארפען מיר אויפ'ן וועג. איך וויל וויסען, צו וועלכען צוועק דער צופאל האט עס געטהאן. — דוא ווייסט גאנץ גוט דעם צוועק פון מיין רייזע, דוא ווייסט, וויא פיעל מיה עס האט מיך געקאסט און וויא פיעל געפאהרען איך

בין אויסגעשטאַנען. איך ווייס, אז דו קענסט מיט איין ווארט מיר ווייזען דעם ציעל פון מיין לאנגער און שווערער רייזע. — דאס איז דאס איינציגע, וואס איך וויל דיך פרעגען. ווילסט דו מיר ענטפערן?

אייערטאן האט געשאָקעלט מיט'ן קאפ, גלייך וויא ער האט געוואלט זאָגען: דאס פערשטעה איך גאנץ גוט. איך וויל דיר אבער ניט זאגען.

— ווילסט דו מיר זאגען, וואו קאפיטאן גראנט איז יעצט?

— ניין, איך וויל אייך ניט זאגען.

— ווילסט דו מיר ניט זאגען, וואו די „בריטאַניא" איז אונטערגעגאנגען?

— ניין, מילארד, איך וויל אייך ניט זאגען.

לארד גלענארוואן איז געווארען טרויעריג. פאר איהם שטעהט א מענש, וועלכער קען מיט איין ווארט איהם ברענגען צום ציעל פון זיין רייזע — און דער מאן שווייגט.

— אייערטאן! האט ער אנגעהויבען מיט א ביטענדער שטימע. — אייערטאן, ווען דו ווילסט מיר ניט זאגען, וואו קאפיטאן גראנט געפינט זיך יעצט, זאג עס זיינע קינדער, ראבערט און מערי, דו זעהסט דאך, וויא טרויעריג די ארימע קינדער זיינען. האב מיטלייד מיט זיי!

אייערטאנ'ס געזיכט איז געווארען פינסטער. ער האט פערביסען מיט די ליפען, גלייך וויא ער האט גאר ניט געוואלט רעדען.

— איך קען ניט זאגען, האט ער געשטאַמעלט, קוים וואס מען האט געהערט.

ער האט נאך אמאָל געטראַכט א פאר מינוט, האט א ציטער געטהאן מיט'ן גאנצען קערפער און האט געזאגט גאנץ הויך.

— הענגט מיך, טהוט מיט מיר, וואס איהר ווילט! איך וועל ניט זאגען!

— הענגען? האט אויסגערופען לארד גלענארוואן. איך בין קיין הענקער. אין דעם ערשטען פארט, וואס מיר וועלען אנקומען, וועל איך דיך איבערגעבען דער ענגלישער פאליציי און וועל זאגען אלעס, וואס איך ווייס פון דיר. די פאליציי וועט מעגען טהאן מיט דיר, וואס זיא וועט וועלען.

— דאס פערלאנג איך טאקע פון אייך, האט אייערטאן געזאגט.

מעהר האט מען פון איהם ניט געקענט ארויסציהען קיין איינציגעס ווארט. לארד גלענארוואן האט ענדליך געהייסען, מען זאל איהם צוריקפיהרען אין זיין געפענגניס.

יעצט האט לארד גלענארוואן צונויפגערופען זיינע פריינד און האט אנגעהויבען צו בעראטהען זיך מיט זיי, וואס זיי זאלען ווייטער טהאן.

— צו ערשט מוז איך וויסען, וויא פיעל קוילען האבען מיר נאך אויפ'ן „דונקאַן", האט קאפיטאן פאררענגוט געזאגט. דאס איז די ערשטע פראגע אויפ'ן מעער.

אויף דיעזע פראגע האט טאם אויגוסטין געקענט ענטפערן.

— מיר האבען נאך קוילען אויף צוויי וואכען, האט ער געזאגט.

— אלזא, קענען מיר נאך פאהרען ענטוועדער קיין מעלבורן אדער קיין טשילי. מיר זיינען יעצט ניט ווייט פון ביידע.

— וואס וועט ווערען פון אונזער ארומפאהרען? האט זיך אפגערופען דער מאיאר. מיר האבען שוין באלד ארומגערייזט דיא גאנצע וועלט אויפ'ן 37טען גראד און מיר האבען ניט געפונען, וואס מיר זוכען. מיר זיינען אויסגעשטאנען דיא גרעסטע געפאהרען. — אלעס איז געוועזען אומזיסט. — לאמיר פאהרען אהיים!

— לאז קאפיטאן פארראגוט אויסגעפינען דעם נאהענסטען וועג און לאמיר פאהרען אהיים.

— מיר האבען נאך איינינע הונדערט מייל נור ארומצופאהרען דיא וועלט, האט זיך דער פראפעסאר אריינגעמישט, לאמיר שוין אפפאהרען דיא פאר הונדערט מייל, וועלען מיר וועניגסטענס קענען זאגען, אז מיר האבען געמאכט א רייזע ארום דער וועלט.

— דער פראפעסאר האט רעכט. מיר קענען פאהרען קיין טשילי אין זיד אמעריקא. מיר וועלען דערמיט ניט אנלעגען פיעל וועג און עס וועט הייסען, אז אויפ'ן 37טען גראד זיינען מיר ארומגעפאהרען דיא גאנצע ערד.

קיינער איז ניט געוועזען דאגעגען. זיי זיינען צוואר געפאהרען וועגען א גאנץ אנדערן צוועק, אזוי וויא אבער זיי האבען זייער צוועק ניט דערגרייכט, שאדעט דאך ניט, מען זאל פאהרען נאך א פאר הונדערט מייל, אום יעדער זאל דער נאך קענען זאגען: איך האב געמאכט א רייזע ארום דער וועלט.

קאפיטאן פארראגוט האט באלד געהייסען אויסדרעהן דעם „דונקאן“ אויפ'ן וועג קיין טשילי. אלע זיינען געווארען טרויעריג און האבען אראפגעלאזען דיא קעפ. — פאהרען אהיים האט געוויס יעדער געוואלט, אבער מיט קאפיטאן גראנט, ניט אליין.

דיא מאטראזען האבען אויסגעפיהרט דעם בעפעהל פון זייער קאפיטאן. דער „דונקאן“ איז געשוואומען גאנץ לוסטיג אויף דיא שטילע וואסערן פונ'ם שטילען וועלט מעער. באלד זיינען דיא בערג פון ניי זעעלאנד פערשוואונדען און דער „דונקאן“ מיט זיינע רייזענדע איז ווידער געווען אליין אויפ'ן וועלט מעער.

דעם ערשטען טאג האט מען קיינעם ניט געזעהן אויפ'ן דעק. אלע זיינען געווען זעהר מיעד און יעדער איז געשלאפען אין זיין קאיוטע. דעם אנדערן טאג אבער, דעם דריטען, ווען אלע האבען זיך שוין אויסגערוהט און איבער געטהאן האט מען ערשט געזעהן, וויא אומעטיג און וויא טרויעריג אלע זיינען. — ווען זיי זיינען געפאהרען קיין אויסטראליען פלעגט ליידי העלענא, דער מאיאר און דער פראפעסאר גאנצע טעג איבערזיצען אויפ'ן דעק, רעדען, פלוידערן, לאכען, שפאסען. יעצט זיינען אלע געווען שטיל, גלייך וויא זיי וואלטען געווען ברוגז איינער אויפ'ן אנדערן.

זאגאר דער פרעהליכער פראפעסאר איז געווען שטיל און רוהיג. מען פלעגט אהיים וועלטען זעהן אויפ'ן דעק און ווען ער פלעגט זיך שוין יא אמאל ווייזען.

פלעגט עס זיין נור אויף א קורצע צייט. ער פלעגט שטילערהייט בעגריסען ליידי העלענא און פלעגט באלד אנטלויפען אין זיין קאיוטע. דער מאיאר איז שטענדיג געווען א שווייגער. ער האט יעצט נאך מעהר געשוויעגען.

יעדער האט געפיהלט, אז ער האט געמאכט א לאנגע און שווערע רייזע, האט געליטען הונגער און דורשט, איז געווען אין דיא גרעסטע געפאהרען און וואס איז געווארען דערפון? — גאר נישט!

עס איז דא א מענש אויפ'ן שיף, וועלכער וואלט געקענט עפעס זאגען, וועלכער ווייס פונ'ם צוועק פון זייער רייזע און וועלכער וואלט זיי געקענט פיה־רען צו זייער ציעל. — ער שווייגט אבער. ער וויל ניט זאגען. — ער איז שטום!

דיא קלוגע ליידי העלענא האט עס אלעס געזעהן. זיא האט גוט בעמערקט, וויא איהר מאן איז טרויעריג און אונמוטהיג, וואס אלע זיינע בעמיהונגען זיינען געווען אומזיסט. זיא האט זעהר גוט פערשטאנען, אז אייערטאן ווייס, וואו קא־פיטאן גראנט געפינט זיך. ער וויל עס אבער ניט זאגען. זיא האט דאהער בע־שלאסען, זיא זאל רעדען מיט אייערטאנען, זיא זאל פראבירען פון איהם ארויס־קריעגען זיין געהיימניס. זיא האט גאנץ ריכטיג בערעכענט, אז דער ווילדעסטער מענש מוז נאכגעבען דיא ביטען פון א שעהנער און קלוגער פרוי. זיא האט דא־הער געבעטען לארד גלענארוואן, ער זאל איהר ערלויבען, זיא זאל אויספרעגען אייערטאנען. איהם נעהמען אויפ'ן דאפראס, וויא מען זאגט אין רוסלאנד.

לארד גלענארוואן האט עס איהר ערלויבט.

דעם אנדערן טאג האט ער געהייסען, אז מען זאל ברענגען אייערטאנען אין איהר צימער. ליידי העלענא האט פערלאנגט, אז ווען זיא וועט רעדען מיט אייערטאנען, זאל זיך קיינער ניט געפינען אין דער קאיוטע אויסער זיא און מערי גראנט. זיא האט ריכטיג בערעכענט, אז דאס יונגע מעדכען וועט איהם אנהויבען צו בעטען און צו וויינען פאר איהם, וועט זיא דאך ריהרען דאס הערץ פון דיעזען ווילדען און פערדארבענעם מענשען.

ליידי העלענא און מערי גראנט האבען פערבראכט מיט אייערטאנען צוויי שטונדען. וואס זיי האבען גערעדט מיט איהם און וואס ער האט זיי געענטפערט האט קיינער ניט געוואוסט. זיי האבען ניט געוואלט זאגען און קיינער האט זיי מעהר ניט געפרעגט.

ווען דיא צוויי שטונדען האבען זיך געענדיגט און ליידי העלענא האט אנ־געקלונגען, אז דיא מאטראזען זאלען קומען נעהמען אייערטאנען און איהם פיה־רען צוריק אין זיין געפענגניס, האבען דיא מאטראזען דערזעהן, אז ליידי הע־לענא איז זעהר טרויעריג. זיי האבען פערשטאנען, אז ער האט איהר אויך גאר נישט געוואלט זאגען. דאס האט זיי זעהר פערדראסען. ווען זיי האבען ארויס־געפיהרט אייערטאנען אויפ'ן פארדעק, האבען זיי אנגעהויבען איהם צו דראהען. זיי האבען זאגאר געוואלט איהם שלאגען. לארד גלענארוואן און דער קאפיטאן האבען זיך געמוזט אריינמישען און אפהאלטען דיא מאטראזען, זיי זאלען איהם ניט שלאגען.

ליידי העלענא איז ניט געווען אזא פרוי, זיא זאל זיך אזוי גיך אפזאגען פון איהר פלאן. זיא האט זיך איינמאל אונטערגענומען אריסצוציהען ביי אייער-טאָן זיין געהיימנים און זיא האט עס געוואלט דורכזעצען

דעם אנדערן טאג איז זיא גאנץ אליין געגאנגען אין דער קאיוטע, וואו אייערטאן איז געזעסען ארעסטירט. זיא האט מיט איהם פערבראכט א לאנגע צייט. ווען זיא איז ארויסגעגאנגען פון איהם, האט זיא לארד גלענארוואן גע-פרעגט:

— האט ער דיר עפעס געזאגט?

— ניין, ער האט מיר גאר נישט געזאגט.

— אלזא, איז אלעס פערלארען? מען קען פון איהם גאר ניט ארויס-קריגען?

— איך האב אויף איהם אזוי פיעל געווירקט, אז ער וויל דיך זעהן, אבער דיך אליין, קיין אנדערן. נור מיט דיר וויל ער רעדען.

— אלזא, איז עס דיר דאך געלונגען צו ריהרען דיעזען שטיינערנעם מענ-שען? האט לארד גלענארוואן אויסגערופען מיט פרייד.

— איך מיין, אז עס איז מיר ענדליך דאך געלונגען, האט ליידי העלענא געענטפערט רוהיג.

— האסט דוא איהם עפעס צוגעזאגט, ווען ער וועט אויסזאגען אלעס, וואס ער ווייס?

— איך האב איהם צוגעזאגט, אז מיר וועלען טהאן אלעס מעגליכע אום צו ערלייכטערן זיין שטראפע, ווען ער וועט אויפריכטיג זיך מודה זיין און אלעס דערצעהלען.

— זאל איך איהם הייסען ברענגען צו מיר, אדער זאל איך אראפגעהן צו איהם?

— דוא מעגסט הייסען איהם ברענגען צו דיר, אבער קיין מענש טאר ניט זיין דערביי. ער וויל רעדען נור מיט דיר אליין.

לארד גלענארוואן איז געגאנגען אין זיין קאיוטע און האט באלד געהייסען ברענגען אייערטאנען צו זיך.

19טעס קאפיטעל.

אייערטאן זאגט אלעס אויס.

מען האט באלד געבראכט אייערטאנען אין לארד גלענארוואנס קאיוטע. אלע זיינען ארויסגעגאנגען. לארד גלענארוואן איז געבליעבען מיט איהם אליין.

— אייערטאן, דוא האסט געוואלט רעדען מיט מיר? האט ער איהם גע-פרעגט.

— יא, מילארד.

— ווילסט דוא אז קיינער זאל ניט זיין דערביי, ווען מיר וועלען רעדען?

— איך וויל עס, אבער עס וועט מיך ניט הארען, ווען דער מאיאר און דער פראפעסאר — נור זיי ביידע — זאלען אויך זיין דערביי.

— אלזא, זאל איך זיי רופֿען?

— יא, מילארד.

אייערטאן האט יעצט געערדט גאנץ רוהיג און געפֿאסט. לארד גלענארוואן האט באלד געשיקט רופֿען דעם מאיאָר און דעם פּראפֿעסאר. זיי זיינען באלד געקומען און האבען זיך געזעצט לעבען לארד גלענארוואן.

— יעצט, אייערטאן, זאג, וואס דוא האסט אונז צו זאגען. מיר וועלען דיך אויסהערן.

אייערטאן האט געטראכט איינינע מינוט, גלייך וויא ער וואלט זיך עפּעס איבערלעגט, און האט דאן געזאגט.

— עס איז איינגעפֿיהרט אין דער וועלט, אז ווען צוויי מענשען שליעסען אפּ א קאנטראַקט, זאלען זיי עס טהאן פֿאר עדות. איך האב געבעטען, אז דער מאיאָר און דער פּראפֿעסאר זאלען זיין, ווען איך וועל מיט אייך רעדען, ווייל איך וויל, אז זיי זאלען זיין דיא עדות. איך וויל מיט אייך מאכען א געשעפֿט.

לארד גלענארוואן האט זיך אביסעל פֿערטראַכט. עס איז איהם פֿארגעקומען רעכט זאנדערבאר, אז ער זאל מאכען א געשעפֿט מיט אייערטאנען און זאל מיט איהם אפּשליעסען א קאנטראַקט פֿאר עדות. ער האט אבער זעהר געוואלט וויסען עפּעס איבער קאפּיטאן גראנט און האט געמוזט נאכגעבען.

— וואס פֿאר א געשעפֿט ווילסט דוא מיט מיר מאכען? האט ער געפֿרעגט.

— איהר ווילט פֿון מיר ערהאלטען געוויסע נאכריכטען, וועלכע זיינען אייך ניצליך, האט אייערטאן געענטפֿערט גאנץ רוהיג, — איך וויל פֿון אייך ערהאלטען געוויסע בעדינגונגען, וועלכע ויינען פֿאר מיר ניצליך. איך האב סחורה, איהר האט געלד. אלזא קענען מיר מאכען א געשעפֿט. ווילט איהר דארויף איינגעהן?

— וואס פֿאר א נאכריכטען האט איהר? האט דער פּראפֿעסאר אויסגערופֿען.

— ניין, פּאגאנעל, האט לארד גלענארוואן געזאגט, ניט דאס וויל איך פֿרעגען. איך וויל איהם פֿרעגען, וואס פֿאר א בעדינגונגען ער פֿערלאנגט פֿון מיר?

אייערטאן האט זיך פֿערנייגט, אלס א צייכען, אז לארד גלענארוואן האט איהם פֿערשטאנען.

— איך וועל אייך באלד ערקלערן מיינע בעדינגונגען, האט ער געזאגט.— האט איהר זיך ענטשלאסען מיך איבערצוגעבען אין דיא הענד פֿון דער ענגלישער פּאליציי?

— געוויס! וואס דען זאל איך טהאן מיט דיר?

— איך זאג ניט, אז איהר זייט אונגערעכט. איך פֿרעג נור, אויב איהר וועט זיך ענטשליעסען מיך ארויסצולאזען פֿריי?

לארד גלענארוואן האט ניט געוואוסט וואס צו ענטפֿערן אויף דיעזע זאנדערבארע פֿראגע. עס איז געוועזען דייטליך, אז אייערטאן וויל זאגען אלעס, ווען מען וועט איהם אפּלאזען. — וואס טהוט מען אלזא? אפּלאזען אזא מערדער און אזא רויבער, ער זאל ווייטער אומגליקליך מאכען מענשען, האט לארד גלענארוואן איך ניט געוואלט. אבער קאפּיטאן גראנט? דער צוועק פֿון זיין רייזע?

— איך קען דיך ניט אפלאזען, אייערטאן! האט לארד גלענארוואן שרעקליך געענטפערט.

— איך פערלאנג עס אויך ניט פון אייך, האט אייערטאן געענטפערט שטאלץ.

— אלזא, וואס דען פערלאנגסט דוא?

— קען מען דען ניט אויסגעפינען א מיטעלוועג? — איך זאל ניט הענגען אויף דער תליה און איהר זאלט מיך דאך ניט אפלאזען?

— דאס פערשטעה איך שוין ניט, אייערטאן, האט לארד גלענארוואן געזאגט. ערקלער מיר דייטליכער.

— איך מיין, אז מיר קענען מאכען אזא געשעפט. איך וועל אייך זאגען אלעס, וואס איך וויים און איהר וועט מיך ארפלאזען אויף איינע פון די קליינע אינזלען אין שטילען וועלט מעער. איהר וועט מיר געבען אלע נייטיגע זאכען אויף א קורצע צייט. איך וועל דארט לעבען, וויא איך וועל קענען. — מעגליך, אז איך וועל דארט בעסער ווערן. —

דיעזער פארשלאג האט אביסעל איבעררא̈שט לארד גלענארוואן. ער האט געקוקט צום מאיאר און צום פראפעסאר, ער האט געפרעגט מיט די אויגען וייער ראטה.

אזוי זיינען פערגאנגען איינינע מינוט. ענדליך האט ער געזאגט:

— ועסט דוא מיר אבער אלעס זאגען איבער קאפיטאן גראנט?

— יא, מילארד, איך וועל אייך זאגען אלעס, וואס איך וויים פון קאפיטאן גראנט און די „בריטאניא“.

— דיא פולע וואהרהייט?

— אלעס וואס איך וויים.

— מיט וואס וועל איך אבער זיין גאראנטירט, אז דוא וועסט מיר אויסזאגען דיא גאנצע וואהרהייט?

— איך פערשטעה זעהר גוט, אז עס איז אייך ניט לייכט צו גלויבען א פערברעכער. איהר ווילט האבען א גאראנטיע. — וואס פאר א גאראנטיע אבער קען איך אייך געבען? איך האב דאך גאר נישט. ענטוועדער איהר מוזט מיר גלויבען אויפ'ן ווארט, אדער מיר קענען קיין געשעפט ניט מאכען.

לארד גלענארוואן האט געטראכט א פאר אויגענבליקע און האט ענדליך געזאגט:

— גוט, אייערטאן! איך גלויב דיר אויפ'ן ווארט.

— איהר מעגט מיר גלויבען, מילארד. איהר קענט דאך מיך האבען שטענדיג אין דיא הענד. איהר קענט דאך נעהמען אייער ווארט צוריק, ווען איהר וועט געוואהר ווערן, אז איך האב אייך אפגענארט.

— וויא קען איך עס?

— גאנץ איינפאך. איהר וועט דאך וויסען, אויף וואס פאר אן אינזעל איהר וועט מיך לאזען. קיים איהר וועט זיך איבערצייגען, אז איך האב אייך אפגענארט,

קענט אידר קומען, מיך נעהמען פון אינזעל און מיך איבערגעבען אין די הענד פון דער ענגלישער פאליציי.

עס איז געווען דייטליך, אז איירטאן מיינט עס גאנץ ערנסט. לארד גלענארוואן און זיינע פריינד האבען יעצט געזעהן, אז זיי האבען פאר זיך א גאנץ קלוגען מענשען, וועלכער האט זיך אלעס גוט איבערלעגט און ווייס, וואס צו ענטפערן און וויא אזוי צו ענטפערן אויף יעדע פראגע. ער האט זעהר געוואלט, אז מען זאל צו איהם האבען עפעס מעהר צו טרויען.

— מיינע הערען, האט ער ווייטער געזאגט, איך וויל אייך איבערציינען, אז איך מיין ניט קיין חכמות. איך וויל שפיעלען מיט אייך מיט אפענע קארטען. איך וויל אייך ניט אפנארען און מיין אייך ניט אפצונארען. איך וויל אייך געבען א בעוויז, אז איך מיין עס גאנץ ערנסט מיט אייך.

— וואס איז דער בעוויז?

— איך האב נאך ניט אייער ווארט, אז איהר וועט מיך אפלאזען אויף אן אינזעל, און דענאך זאג איך אייך שוין, אז איך ווייס זעהר ווייניג איבער קאפיטאן גראנט.

— זעהר ווייניג? האט אויסגערופען לארד גלענארוואן.

— יא, זעהר ווייניג, האט איירטאן געזאגט. איך קען אייך נור דערצעהלען, וואס מיט מיר האט פאסירט. איך קען אייך נור זאגען, וויא איך בין אוועקגעגאנגען פון דער „בריטאניא". איך קען אייך ניט פערזיכערן, אז פון מיינע רעד וועט איהר אויסגעפינען, וואו קאפיטאן גראנט געפינט זיך יעצט.

לארד גלענארוואן און זיינע פריינד זיינען געווארען זעהר טרויעריג. אלזא, קען מען פון איהם אויך גאר ניט וויסען! איז זייער מיה אויך דא אומזיסט. — זיי האבען געהאפט און ערווארטעט, אז דא וועלען זיי שוין אלעס געוואהר ווערען און פלוצלונג זאגט איירטאן אליין, אז ער ווייס זעהר ווייניג. דענאך זיינען זיי געווען צופריעדען, וואס איירטאן האט גערעדט אזוי פריי און אזוי אפענהערציג.

— איך זאג אייך פאראויס, אז דאס געשעפט, וואס איך מאך מיט אייך, איז פאר מיר מעהר קאנוועניערענד, וויא פאר אייך, האט איירטאן ווייטער געזאגט.

— עס מאכט ניט אויס, האט לארד גלענארוואן געענטפערט. איך נעהם אן אייער פארשלאג. דאס געשעפט איז געמאכט. איך גיב אייך מיין ווארט, אז איך וועל אייך אראפלאזען אויף איינע פון די ניט בעוואינטע אינזלען אויפ'ן שטילען וועלט מעער.

— גוט! אפגעמאכט! האט איירטאן געזאגט קאלטבלוטיג.

ער איז דערביי געבליעבען אזוי רוהיג, גלייך וויא ניט איהם מיינט מען עס. גלייך וויא ער וואלט געמאכט א געשעפט ניט פון זיינעט וועגען, זאנדערן פון אנאנדערנס וועגען. לארד גלענארוואן מיט זיינע פריינד האבען געמוזט צוגעבען, אז איירטאן איז א זאנדערבארער מענש. ער איז קיין געוועהנליכער מערדער און רויבער. עפעס איז מיט איהם.

— יעצט, מיינע העררען, פרעגט מיך, איך וועל אייך אנטווארטען, דאס זיך אייערטאן געוועגדעט צו זיי.

— מיר האבען דיך ניט וואס צו פרעגען, האט לארד גלענארוואן געזאגט. דערצעהל אונז אלעס, וואס דוא ווייסט פון דער „בריטאניא" און פון קאפיטאן גראנט.

— מיינע העררען, האט אייערטאן אנגעהויבען זיין ערצעהלונג, — איך בין ווירקליך טאמאס אייערטאן, אן אפיציער פון דער „בריטאניא". דעם 12טען מערץ 1861 בין איך ארויסגעפאהרען מיט קאפיטאן גראנט פון גלאזגא. פיער־צעהן מאנאטע נאך אנאנדער זיינען מיר ארומגעפאהרען אויפ'ן שטילען מעער. קאפיטאן גראנט האט געזוכט אן אינזעל, וואו ער זאל זיך קענען בעזעצען און גרינדען א קאלאָניע פון שאטלענדער. ער איז א זאנדערבארער מענש. ער איז אים שטאַנד אויסצופיהרען גרויסע פלאנען און שווערע אונטערנעהמונגען. ער וואגט זעהר פיעל. ער איז זעהר הארטנעקיג (א גרויסער עקשן). איך בין אפט ניט געוועזען איינפערשטאַנדען מיט זיינע מיינונגען. צווישען אונז זיינען אפט פאר־געקומען שטרייטיגקייטען. ער האט אן אייזערנעם כאראקטער און וויל זיך פאר קיינעם ניט בויגען. איך בין אויך געוועזען זעהר הארטנעקיג און האב מיך ניט געוואלט אונטערגעבען. צווישען אונז זיינען פארגעקומען אונאנגעהמליכקייטען און קריעגערייען.

איך האב ענדליך געוואלט צוציהען אלע מאטראזען צו מיר. איך האב גע־וואלט צונעהמען ביי איהם זיין שיף און אליין ווערן קאפיטאן. אויב איך האב רעכט געטהאן אדער ניט, איז אנאנדער פראגע. איך רעד יעצט ניט דערפון. איך האב געוואלט אנמאכען א רעוואלוציאן אויף זיין שיף. קאפיטאן גראנט איז דער־פון געוואהר געווארען, ער האט מיך ארעסטירט און דעם 8טען אפריל 1862 האט ער מיך ארויסגעזעצט אין אויסטראַליען.

— דעם 8טען אפריל 1862? האט דער מאיאָר איבערגעפרעגט. אלזא, איז דאס געוועזען נאך איידער ער איז געוועזען אין טשילי? דיא לעצטע נאכריכטען, וואס מיר האבען פון איהם זיינען פון 7טען יוני 1862.

— אזוי איז עס, האט אייערטאן געענטפערט רוהיג. איך האב אייך צוואָר געזאגט, אז איך בין געוועזען מיט איהם אין טשילי, ווען איהר האט מיך צום ערשטען מאל בעגעגענט אויף דער פאַרם פון'ם אירלענדער מאָאָר אין אויסטראַ־ליען. דאס אבער איז געוועזען א ליעגען. איך בין עס פון אייך געוואהר געווארען. איך האב מיך צוגעהערט, וואס איהר האט דערצעהלט.

יעצט האבען אלע איינגעזעהן, אז אייערטאן מיינט עס גאנץ ערנסט און דערצעהלט אלעס, וואס ער וויים.

— דערצעהל ווייטער, אייערטאן, האט לארד גלענארוואן געזאגט.

— קאפיטאן גראנט האט מיך ארויסגעזעצט אין אויסטראַליען און איז זיך אוועקגעפאהרען. איך בין געוועזען אליין אין א וויסטער געגענד. דאס ביסעל

פּראוויאַנט, וואס ער האט מיר געגעבען, האט זיך באַלד אויסגעלאזען. איך האב געלעבט, וויא א ווילדעס טהיער אין דיא וועלדער פֿון אויסטראַליען.

איין מאל האב איך געטראָפֿען אין וואלד א באַנדע אנטלאָפֿענע ארעסטאַנטען. זיי האבען מיך אויפגענומען און אין א קורצע צייט בין איך געווארען זייער אנפֿיהרער, זייער קאפּיטאן, אונטערן נאמען בען דשאנס. איהר וועט מיר ערלויבען, איך זאל אייך ניט דערצעהלען, וואס איך מיט מיין באנדע האבען געטהאן. עס האט פֿאר אייך קיין אינטערעס ניט.

צוויי מאנאטע, איידער איהר זייט געקומען קיין אויסטראליען, בין איך ארייננעטרעטען אלס ארבייטער צום אירלענדער, וואו איהר האט מיך געטראָפֿען. מיין הויפּטצוועק איז געווען, איך זאל קריעגען א שיף און זאל מיט איהר אוועקפֿאהרען מיט מיין באנדע. דיא פֿארם פֿון אירלענדער ליעגט גאנץ נאהענט לעבען מעער. דער צופֿאל קען אהין צוברענגען א שיף. — ער האט אייך צוגעבראכט מיט׳ן „דונקאן". איהר זייט געזעסען ביים אירלענדער און האט אליין אלעס דערצעהלט. איך האב עס אויסגעהערט און׳האב מיך בענוצט דערמיט. איך האב געזעהן, אז אזא שיף, וויא דער „דונקאן", איז שווער צו קריעגען און איך האב מיך ענטשלאסען צו צונעהמען ביי אייך דעם „דונקאן". ער איז אבער געווען בעשעדיגט, מען האט איהם געדארפֿט רעפּארירען. איך האב אייך געראטהען, איהר זאלט איהם שיקען קיין מעלבורן, מען זאל איהם דארט אויסבעסערן.

דערווייל האב איך אייך ארומגעפֿיהרט אין אויסטראַליען. צום אונגליק, האט מיין באנדע בעגאנגען אן נוצלאָזעס פֿערברעכען, וואס זיא האט צונומען דיא בריק ביי קעמדען ברידש און דער צוג איז אריין אין וואסער. ווּאלט איך ניט געווען ביי אייך, וואלט איך עס ניט דערלאזען.

איך האב אייך געפֿיהרט אלץ ווייטער און ווייטער. איך האב פֿערגי[illegible]טעט אייערע פֿערד און אייערע אָקסען. איך האב אריינגעפֿיהרט אייער וואגאן אין א זומפּ לעבען סנאָאי ריווער. — אבער צו וואס דערצעהל איך עס אייך? איהר ווייסט עס אליין. איהר ווייסט אלעס, וואס איז שפּעטער געשעהן. איהר ווייסט, אז ווען דער פּראפֿעסאר זאל ניט געווען מאכען אזא גראבען פֿעהלער, וואלט איך יעצט געווען דער הערר פֿון׳ם „דונקאַן", ניט איהר.

דאס, מיינע הערען, איז אין קורצע ווערטער מיין געשיכטע. איך וויים, אז זיא קען אייך ווּעניג ניצען אום צו געפֿינען קאפּיטאן גראנט. איך האב דאך אייך פֿריהער געזאגט, אז ביי דעם געשעפֿט, וואס מיר מאכען, וועל איך מעהר געווינען פון אייך.

אייערטאן האט צונויפֿגעלעגט דיא הענד אויף דער ברוסט און האט געשוויעגען. לארד גלענארוואן און זיינע קאמעראדען האבען אויך געשוויעגען. אייערטאן האט זיי שוין אלעס דערצעהלט. וויא עס ווייזט אוים, האט ער געזאגט דיא וואהרהייט. — וואס האבען זיי אבער דערפֿון? וועגען קאפּיטאן גראנט האט ער זיי געזאגט זעהר וועניג. ער האט זיי פֿריהער געזאגט, אז ער וויים זעהר וועניג, וויא אזוי דיא בריטאניא איז אונטערגעגאנגען.

דער מאיאר איז געווען דער ערשטער, וועלכער איז געקומען צו זיך און האט איהם געפרעגט:

— ביסט דוא זיכער, אייערטאן, אז דעם 8טען אפריל האט דיך קאפיטאן גראנט ארויסגעזעצט אין אויסטראליען?

— געוויס, בין איך זיכער.

— ווייסט דוא ניט, וואס פאר א פלאנען קאפיטאן גראנט האט דאמאלט געמאכט? ווייסט דוא ניט, וואו ער האט געוואלט גרינדען א קאלאניע?

— אויף געוויס ווייס איך עס ניט. איך קען אייך נור זאגען, וואס איך האב געהערט פון איהם און וואס איך מיין, אז ער האט געוואלט טהאן.

— זאג אונז, אייערטאן, האט לארד גלענארוואן געבעטען. זאג אונז אלעס, וואס דוא ווייסט פון איהם. — א ווארט, אווינק קען אונז פיהרען צום ציעל.

— איך קען אייך נור זאגען, אז קאפיטאן גראנט האט גערעכענט צו בעזוכען ניי זעעלאנד. דעם 8טען אפריל האט ער מיך ארויסגעזעצט אין אויסטראליען. דעם 7טען יוני איז ער געווען אין קאלאאַ אין טשילי. עס איז זעהר מעגליך, אז פון דארט איז ער געפאהרען קיין ניי זעעלאנד.

— איך מיין אויך אזוי! האט דער פראפעסאר אויסגערופען.

— אבער אין דיא בריעף, וועלכע מיר האבען געפונען אין פלאש איז ניטא איין ווארט, וועלכעס זאל ווייזען, אז ער איז געפאהרען קיין ניי זעעלאנד, האט לארד גלענארוואן געזאגט פערטראכט.

— לײדער, דאס ווייס איך ניט און קען אייך גאר ניט זאגען, האט זיך אייערטאן אפגערופען.

אלע האבען ווידער געשוויגען איינינע מינוט.

— אלזא, אייערטאן, דוא האסט געהאלטען ווארט און האסט אונז דערצעהלט אלעס, וואס דוא ווייסט פון קאפיטאן גראנט. איך וועל אויך האלטען מיין ווארט און וועל דיך אראפלאזען ערגעץ אויף אן אינזעל אין שטילען אצעאן.

— זאג מיר, אויף וואס פאר אן אינזעל ווילסט דוא, איך זאל דיך אראפלאזען?

— וואס מאכט עס מיר אויס? האט אייערטאן געענטפערט. יעדע אינזעל איז גוט פאר מיר.

— געה יעצט צוריק אין דיין קאיוטע, האט לארד גלענארוואן געזאגט. מיר וועלען שוין דא אויסגעפינען אן אינזעל, וואו מיר זאלען דיך אראפלאזען.

ער האט אנגעקלונגען. עס זיינען אריינגעקומען צוויי מאטראזען און האבען אוועקגעפיהרט אייערטאנען אין זיין קאיוטע.

— ער וואלט געקענט זיין א גוטער און ניצליכער מענש, דיעזער פערברעכער! האט אויסגערופען דער מאיאר, ווען מען האט אייערטאנען ארויסגעפיהרט.

— יא, האט לארד גלענארוואן מיטגעשטימט. ער איז א פעהיגער און א זיכטיגער מענש. פון איהם וואלט געקענט ווערן א בעריהמטער רייזענדער, א

גרויסער ענטדעקער פון נייע געגענדען. — לײדער, האט ער פערווענדעט זיינע פעהיגקייטען אויף שלעכטעס און בייזעס.

— וואס ווערט אבער דערפון? האט דער מאיאר ווייטער געפרעגט. מיר וויסען נאך אלץ גאר ניט איבערן קאפיטאן גראנט.

— עס איז אומזיסט, האט לארד גלענארוואן געזאגט טרויעריג. מיר קענען איהם ניט געפינען. עס טהוט מיר הערצליך לייד פאר זיינע קינדער. ווער קען זיי זאגען, וואו זייער פאטער איז?

— איך קען זיי זאגען! האט דער פראפעסאר אויסגערופען איך ווייס עס.

אלע האבען זיך אומגעקוקט צו איהם. דיא גאנצע צייט, וואס מען האט גערעדט מיט אייערטאנען, האט ער זיך צוגעהערט זעהר אויפמערקזאם און האט געשוויגען. עס איז געווען דייטליך, אז ער קלערט עפעס.

— איהר, פראפעסאר? איהר ווייסט, וואו קאפיטאן גראנט איז און שווייגט? האט לארד גלענארוואן אויסגערופען.

— איך ווייס אזוי פיעל, וויא פיעל מען קען וויסען —

— פון וואס?

— פון דיא בריעף, וועלכע מען האט געפונען אין דער פלאש.

— דאן ווייסט איהר גאר נישט, האט דער מאיאר געזאגט און האט פער-צויגען מיט דיא אקסלען.

— הערט מיך אוים פריהער, דערנאך וועט איהר מעגען פערציהען מיט דיא אקסלען און לאכען פון מיר, האט דער פראפעסאר געזאגט. — איך האב עס ביז אהער ניט געוואלט זאגען, ווייל איהר וואלט מיר ניט געגלויבט. אויסער דעם זיינען מיר שטענדיג געווען אין אזא לאגע, אז עס איז געווען נוצלאז צו רעדען. היינט אבער קען איך עס זאגען, ווייל אייערטאן האט אויך ארויסגעזאגט דיע-זעלבע מיינונג. —

— אז קאפיטאן גראנט האט געליטען שיפברוך לעבען ניי זעעלאנד?

— יא, מיינע העררען. יעצט האב איך דיא געלעגענהייט אייך צו ערקלערן, וויא אזוי איך האב געמאכט דעם מיאוס'ען פעהלער, וועלכער האט אונז אלע גערעטעט דאס לעבען. דאמאלס ווען איהר האט מיך געפרעגט, האב איך אייך ניט געקענט ענטפערן, ווייל איך האב דערזעהן קאפיטאן גראנט'ס קינדער. פאר זיי האב איך ניט געקענט רעדען. — יעצט אבער קען איך אייך אלעס ערקלערן.

ווען מיר זיינען געלעגען אין זומפ ניט ווייט פון סנאאי ריווער, האב איך געפונען א צייטונג, וועלכע ווערט ארויסגעגעבען אין ניי זעעלאנד. מיר איז באלד איינגעפאלען אין קאפ, אז דאס ווארט א ל א נ ד, וועלכעס שטעהט אין קאפיטאן גראנט'ס בריעף, מיינט ניי זעעלאנד. דיא ענגלענדער שרייבען עס Zealand, דיא צוויי בוכשטאבען Ze זיינען אפגעווישט געווארען. עס איז געבליע-בען דאס ווארט a land.

ווען לארד גלענארוואן האט מיך געבעטען שרייבען דעם בריעף, בין איך געווען אזוי בעשעפטיגט מיט דיעזען געדאנק, אז איך האב שטענדיג וויעדער-

האלט „א ל א נ ד, א ל א נ ד ו" איך האב ניט געהערט, וואס לארד גלענארוואן ריקטירט מיר. איך בין שוין דאמאלס געווען איבערצייגט, אז קאפיטאן גראנט געפינט זיך אין ניי זעעלאנד.

— עס קען זיין, האט לארד גלענארוואן געזאגט פערטראכט.

— ניט עס קען זיין. עס איז אזוי! האט דער פראפעסאר אויסגערופען. פערגעסט ניט, אז דאס ווארט a land געפינט זיך נור אין ענגלישען בריעף. אויף דיעזען בריעף האב איך מיך ביז דאמאלס ניט אוסגעקוקט. ערשטענס, ווייל איך בין אַ פראנצויז און יעדער מענש, ער מעג זיין וויא געלערנט, פערשטעהט דאך בעסער זיין מוטער שפראכע, אלס יעדע אנדערע. צווייטענס, איז דער פראנצויזישער בריעף דייטליכער פון דיא איבעריגע. אלעס, וואס מיר האבען ביז אהער אויסגעפונען, איז געווען נור פון'ם פראנצויזישען בריעף. דער דייטשער האט אונז נור געהאלפען אויסצוגעפינען דעם ריכטיגען דאַטום.

— אבער, ליעבער, גוטער פראפעסאר! האט דער מאיאר אויסגערופען. איהר אליין האט דאך פריהער אנדערש ערקלערט דעם פראנצויזישען בריעף?

— וואס מען ווערט עלטער, ווערט מען קליגער, הערר מאיאר! האט דער פראפאסאר געענטפערט ערנסט. — איך פערשטעה נאך יעצט אויך ניט פיעלע ווערטער אין דעם פראנצויזישען בריעף, איך האב אבער דאך שוין א פאלשטענדיגע ערקלערונג פון'ם בריעף.

— לאמיר הערן, האט לארד גלענארוואן זיך אפגערופען. לעזט אונז פאַר דעם בריעף נאך אייער נייער ערקלערונג.

דער פראפעסאר האט ארויסגענומען אן אנגעשריעבענעם בייגעלע פאַפיער און האט אנגעפאנגען צו לעזען:

„דעם 27טען יוני 1862 איז דיא שיף „בריטאניא" מיט דריי מאסטען, וועלכע איז געפאהרען פון גלאזגא, אונטערגעגאנגען נאך לאנגעליידען אדער „אַגאָניע" (דאס ווארט פערשטעה איך נאך אלץ ניט.) אין דעם זידליכען וועלט מעער לעבען ניי זעעלאנד. צוויי מאטראזען און דער קאפיטאן זיינען ארויס אויפ'ס לאנד. זיי געפינען זיך אין דער גרעסטער נויט. זיי האבען ארייגעווארפען אין וואסער דיעזען דאקומענט אויפ'ן 37טען גראַד. — — — קומט זיי העלפען, ווען ניט, זיינען זיי פערלארען."

— דאס איז אלעס, וואס איך קען אייך זאגען איבערן בריעף, האט דער פראפעסאר ווייטער געזאגט, איך מיין, אז דאס מאל האב איך געטראפען.

אלע האבען געשוויגען. עס איז זעהר מעגליך, אז דער פראפעסאר האט דאס מאל ווירקליך געטראפען דעם וואהרען זינן פון'ם בריעף. זיי האבען זיך שוין אבער אזוי פיעל מאל אפגענאַרט, אז זיי האבען שוין אליין ניט געוואוסט, וואס זיי זאלען גלויבען און וואס זיי זאלען ניט גלויבען. דאס ערשטע מאל האבען זיי געמיינט, אז דיא „בריטאניא" איז אונטערגעגאנגען ניט ווייט פון פאַטאַגאָניען. אלע זיינען געווען פעסט איבערצייגט, אז זיי האבען ריכטיג געטראפען דעם זינן פון'ם בריעף. דערנאך האט זיך אויסגעוויזען, אז עס איז פאלש. דאַן

האבען זיי גערעכענט, אז דיא „בריטאניא" איז אונטערגעגאנגען לעבען אויסט־ראליען. אויך דיעזע מיינונג האט זיך דערנאך אויסגעוויעזען אלס ניט ריכטיג. וויא קען מען יעצט זאגען, אז דיא ערקלערונג פון׳ם פראפעסאר איז שוין ריכטיג? עס זיינען פערגאנגען איינינע מינוט אין טיעפען שווייגען.

— זאגט מיר, הערר פראפעסאר, האט ענדליך לארד גלענארוואן געפרעגט, פארוואס האט איהר געהאלטען דיעזע ערקלערונג ביי אייך אלס געהיימניס אזא לאנגע צייט? — וויא עס ווייזט אויס, זיינען שוין באלד צוויי מאנאטע פאראיבער זייט איהר האט אזוי ערקלערט אייער בריעף.

— אוים צוויי אורזאכען, האט דער פראפעסאר געענטפערט. ערשטענס, האב איך ניט געוואלט אייך אויפרעגען מיט נייע האפנונגען. עס איז זעהר א שלעכטע זאך, ווען יעדעס מאל קומט ארוים א נייע האפנונג און זיא צוקריעכט זיך אין רויך. — צווייטענס, האט דער צופאל געוואלט, אז מיר זאלען פאהרען קיין ניי זעעלאנד. איך האב גערעכענט, אז מיר וועלען־קומען קיין אקלענד, דיא הויפט שטאדט פון ניי זעעלאנד, דארט וועלען מיר אלעס געוואהר ווערן. ליידער, האט זיך עס אנדערש אויסגעלאזען. איך דארף אייך ניט דערצעהלען, וויא אזוי מיר האבען פערבראכט אונזער צייט אין ניי זעעלאנד.

— ווארום האט איהר אבער געשוויעגען, זייט מיר זיינען צוריקגעקומען אויפ׳ן „דונקאן"?

— צו וואס זאל איך געווען רעדען? וואס וואלט געווארען פון מיין רעדען? מיר האבען שוין געהאט א גוטע געלעגענהייט זיך צו בעקענען מיט ניי זעעלאנד און מיט דיא דזשענטעל לייט, דיא מאארי. מיר וויסען שוין גאנץ גוט, וואס מען קען ערווארטען פון א דזשענטעלמען, וויא קאאי־קומו און קארא־טעטע.

— אלזא, מיינט איהר? —

— אלזא, מיין איך, אז העכסטענס קענען מיר געפינען אין ניי זעעלאנד א שפור פון דער „בריטאניא". מעגליך, אז מיר וועלען קענען אויסגעפינען איי־ניגע זאכען, וועלכע האבען געהערט צו קאפיטאן גראנט. איהם אליין אבער מיט זיינע מאטראזען וועלען מיר שוין ניט געפינען.

שטילער און שטילער האט דער פראפעסאר ארויסגעזאגט דיא לעצטע ווערטער. לארד גלענארוואן איז געווארען טרויעריג. דער מאיאר איז שטענדיג געווען זעהר ערנסט. זיי האבען יעצט זיך איבערצייגט, אז זייער מיה איז ווירק־ליך געווען אומזיסט. — קאפיטאן גראנט איז אומגעקומען אין ניי זעעלאנד. — דיא מאארי האבען איהם אויפגעפרעסען.

— מיינע פריינד! האט ענדליך געזאגט לארד גלענארוואן, קיינער פון אייך זאל ניט זאגען קיין ווארט פון אלעמען, וואס מיר האבען דא גערעדט. — וואצו זאלען מיר בעטריבען דיא ארימע קינדער? — לאזען זיי זיך טרייסטען מיט דער האפנונג, אז זייער פאטער לעבט נאך.

20טעם קאפיטעל.

א געשריי ביי נאכט.

לארד גלענארוואן און זיינע פריינד זיינען ארויפגעגאנגען אויפ'ן דעק און האבען דערצעהלט אלעמען אין קורצע ווערטער, וואס זיי האבען ערפאהרען פון אייערטאן. קאפיטאן פארראגוט און זיינע מאטראזען זיינען געווארען זעהר טרויעריג איבער דיעזע נאכריכט. יעדער האט געהאפט, אז פון אייערטאנען וועט מען שוין אלעס וויסען, אבער אויך דיעזע האפנונג האט זיי אפגענארט.

דער „דונקאן" איז אונטערדעסען געגאנגען זיין וועג. דאס וועטער איז געווען שעהן און ווארם. אלע האבען פערבראכט די טעג און די נעכט אויפ'ן דעק.

קאפיטאן פארראגוט און דער פראפעסאר האבען גענומען זייערע לאנדקארטען און מעער-קארטען און האבען אנגעהויבען צו זוכען אן אינזעל, וואו מען זאל אייערטאנען אראפלאזען. עס זיינען געווען זעהר פיעלע אינזלען אויף זייער וועג. די פראגע אבער איז געווען, מען זאל אויסזוכען אזא אינזעל, וועלכע איז ווייט פון יעדעס לאנד און וואו עס קומען זעהר זעלטען שיפען. זיי האבען געוואלט, אז אזא געפעהרליכער פערברעכער זאל מעהר ניט שאדען קיינעם.

דאס איז געווען א שווערע אויפגאבע. אין היינטיגער צייט, ווען טויזענדע שיפען פאהרען ארום אויף אלע מעערן, איז ניט אזוי לייכט אויסצוגעפינען אזא אינזעל, צו וועלכער קיין שיף זאל ניט צו קומען.

ענדליך האט דער פראפעסאר דאך אויסגעפונען א קליין אינזעל מיט'ן נאמען „מאריא טהערעזא". דיעזע אינזעל האט געהאט אלע מעלות, וואס זיי האבען געדארפט. זיא איז 3,500 מייל ווייט פון אמעריקא, 1,500 מייל ווייט פון ניי זעעלאנד. אייניגע הונדערט מייל פון דיעזער אינזעל געפינט זיך צוואר א גאנצע גרופע קליינע אינזלען. זיי זיינען אבער אויך ניט בעוואינט.

מען האט גערופען לארד גלענארוואן און דעם מאיאר און מען האט איהם געוויעזען די אינזעל, אויף וועלכער, מען וויל אראפלאזען אייערטאנען.

— קומען אהין שיפען אמאל?

— ניין, האט קאפיטאן פארראגוט געענטפערט. דיעזע אינזעל ליעגט אזוי ווייט פון יעדער וועג, אז קיין שיף האט דארט ניט וואס צו טהאן, אויסער ווען א שטורמווינד זאל זיא אהין פערווארפען.

— אלזא, לאמיר עס מעלדען אייערטאנען, האט לארד גלענארוואן געזאגט. איך האב איהם געגעבען מיין ווארט און איך וויל ניט זיין גרויזאם און שלעכט געגען איהם.

מען האט עס געזאגט אייערטאנען און ער האט געענטפערט, אז ער איז דערמיט צופריעדען. ער קען צוואר דיעזע אינזעל ניט. ער ווייס אבער, אז דאס קלימאט דארף דארט זיין ווארים און ער וועט דארט קענען לעבען.

קאפיטאן פֿארראגוט האט באלד געהייסען שריבען דעם מארשרוט פֿונ׳ם דונקאַן און פֿאהרען צו דער אינזעל מאריא טהערעזאַ.

עס זיינען פֿערגאנגען צוויי טאג, און וועלכע עס האט גאר נישט פּאַסירט. דאס מעער איז געוועזן רוהיג און דער „דונקאַן״ איז געפֿאהרען זעהר שנעל. אויפֿ׳ן דריטען טאג פֿאר נאכט האט דער מאטראז, וואס שטעהט אויף דער וואַך אויסגערופען:

— לאנד רעכטס!

אלע זיינען ארויסגעלאפֿען אויפֿ׳ן דעק און האבען געקוקט אויף דאס לאנד. דאס איז געוועזן דיא אינזעל „מאריא טהערעזאַ״, א לענגליך־פלאַכעס שטיק לאנד, אהן הויכע בערג און אהן גרויסע שטיינער. זיא האט אויסגעזעהן, וויא א גרויסער וואל־פֿיש, וועלכער ליעגט זיך אויפֿ׳ן וואסער און רוהט זיך אפ נאך א זאַטען מיטאג. וויא נאהענט דיא אינזעל האט זיך אויסגעוויזען, איז נאך געוועזן ביז צו איהר מעהר אלס פֿופֿציג מייל.

דיא זון איז אונטערגעגאנגען. קאפּיטאן פֿארראגוט האט ערקלערט, אז דאס מעער איז איהם אין דיעזער געגענד ניט בעקאנט און ער האט מורא צו צופֿאהרען ביי נאכט צו אן אונבעקאנטער אינזעל. עס איז געבליעבען, אז ערשט מאָרגען אין דער פֿריה זאל ער זעהן, אויב מען קען צופֿאהרען נאהענט צו דער מאריא טהערעזאַ און ווען מען קען ניט, וועלען זיי אראפּשיקען אייערטאנען אויף א באָאָט.

אזוי וויא דאס וועטער איז געוועזן זעהר שעהן, האט ליידי העלענא געהייסען געבען דאס נאַכט עסען אויפֿ׳ן דעק. עס איז געווארען פֿינסטערער און פֿינסטערער. אלע זיינען געזעסען אויפֿ׳ן דעק, האבען געגעסען און גערעדט פֿון פֿערשיעדענע זאכען. פּלוצלונג האט א מאטראז דערזעהן א רויך אויף דער „מאריא טהערעזא״. ער האט עס געוויעזען לארד גלענארוואן און קאפּיטאן פֿארראגוט. ביידע האבען גענומען זייערע טעלעסקאפּען און האבען געקוקט אויפֿ׳ן רויך, פֿון וועלכען עס האט זיך באלד געוויעזען א פֿייער.

— זאל עס זיין א וואולקאן, פּראָפֿעסאָר? האט לארד גלענארוואן געפֿרעגט.

— איך ווייס ניט, וואס דאס איז, האט דער פּראָפֿעסאר געענטפֿערט. דיא אינזעל מאריא טהערעזא איז נאך ניט אויסגעפֿארשט. קיין לאנד און קיין געאָגראַפֿישע געזעלשאַפֿט האט ניט געוואלט געבען א שיף, מען זאל זיא אויספֿארשען. זיא איז זעהר קליין און קיינער וויל ניט אויסגעבען קיין געלד זיא אויסצופֿארשען. מעגליך, אז אויף איהר געפֿינט זיך א פֿייערשפּייענדיגער באַרג.

— קענט איהר אונז עפּעס ניט זאגען איבער דיא אינזעל „מאריא טהערעזא״? האט לארד גלענארוואן געפֿרעגט דעם קאפּיטאן פֿארראגוט. — איך מיין, ווייסט איהר ניט, וויא אזוי מען קומט צו צו איהר?

— ליידער, ווייס איך ניט, האט פארראגוט געענטפֿערט. ווען דער פּראָפֿעסאר ווייס ניט און קען אייך ניט זאגען, אויב דארט איז דא א וואולקאן, ווייס איך שוין געוויס ניט.

— האלטען מיר נים געקענט יעצט צופאהרען אויף א באָאָט צו איהר?

— ניין, מילארד, איך האב מורא צו ריסקירען, ביי נאכט צופאהרען צו אן אינזעל, וועלכע איך קען נים.

אום ניין אוהר זיינען נאך אלע געשטאנען אויפ'ן דעק און האבען קיין אויג נים אראפגעלאזען פון דער אינזעל. עס האט זיך ווידער געוויזען א רויך און א פייער.

— וויא עס ווייזט אויס, איז ווירקליך דא א פייערשפייענדער בארג אויף דער אינזעל, האט דער פראפעסאר געזאגט. — זעהט, וויא דאס פייער שטעהט אלץ אויף איין ארט.

— ווען עס זאל זיין א וואולקאן, האט זיך דער מאיאר אפגערופען, וואלט מען געדארפט הערען א רעש, וויא א דונער. איך קען נים קיין געאגראפיע און וויים דאך, אז יעדער וואולקאן מוז דונערן.

— עס מאכט זיך א מאָל, אז א וואולקאן מאכט נור אן אילומינאַציאָן און ליארמט נים, האט דער פראפעסאר געשפאסט. דיא פייערשפייענדיגע בערג האבען זייערע קאפריזען, וויא דיא מענשען. — זעהט נור, וואס פאר א קאפריזען אונזער נייער וואולקאן האט. דאס פייער שטעהט נים אויף איין ארט.

— זעהט! נאך א פייער! שוין גאר אויפ'ן ברעג! האט קאפיטאן פאררא-גוט אויסגערופען. — זעהט נור! עס בעוועגט זיך! עס ברענט אויף אן אנדער ארט. דער וואולקאן האט זאנדערבארע קאפריזען.

אלע האבען זיך צוגעקוקט. עס האט זיך ווירקליך געוויזען נאך א פייער און נאך א פייער. אט האט עס זיך אויסגעלאשען און אט האט עס ווידער אנ-געהויבען צו פלאקערן.

— פיעללייכט וואינען מענשען אויף דיזער אינזעל? האט לארד גלענאר-וואן געפרעגט דעם פראפעסאר.

— איך וויים, אז אויף „מאריא טהערעזא“ וואינען קיין מענשען נים, האט דער פראפעסאר געענטפערט. עס איז אבער מעגליך, אז איינינע ווילדע זיינען אהין פערשלאגען געווארען און האבען זיך דא בעזעצט.

— אלזא, קענען מיר נים אראפלאזען אייערטאנגען אויף דיזע אינזעל. דיא ווילדע וועלען איהם נאך אויפפרעסען.

— געוויס, ווען דיא אינזעל איז בעוואינט פון ווילדע מענשען, קענען מיר אייערטאנגען נים לאזען ביי זיי, האט דער מאיאר געזאגט. ווען זיי זיינען שטילע, רוהיגע מענשען, וועט זיי אייערטאן פערדארבען. זיינען זיי שלעכטע, וועלען זיי איהם אויפעסען.

— דאן וועלען מיר מוזען זוכען אנאנדער אינזעל, וואו איהם אראפצולאָזען. האט לארד גלענארוואן ווייטער געזאגט. דער פראפעסאר וועט זיך שוין מוזען נעהמען דיא מיה און זוכען אין זיינע לאנדקארטען.

— מיינע העררען, האט קאפיטאן פאררא-גוט ענדליך געזאגט. יעצט איז

נאכט. מיר קענען יעצט גאר ניט וויסען. מארגען אין דער פריה, ווען דיא זון וועט אויפגעהן, וועלען מיר אלעס זעהן און אלעס וויסען.

מען האט נאך גערעדט איינינע צייט און מען האט זיך געוואלט צו געהן.

— האט איהר געהייסען פעראנקערן דעם „דונקאַן"? האט פלוצלונג לארד גלענארוואן געפרעגט.

— עס איז ניט נעטהיג, האט פארראגוט ערקלערט. איך האב איהם געלא־זען געהן זעהר לאנגזאם. ביז אין דערפריה וועלען מיר זיין גאנץ נאהענט לעבען דער אינזעל און מיר וועלען קענען זעהן פון'ם דעק, וואס עס טהוט זיך אויפ'ן ברעג. איך מוז אייך זאגען, אז דיעזע אינזעל קומט מיר פאַר זאָנדערבאַר. דיא פייערן, וואס מיר האבען געזעהן, זיינען ניט פון א פייערשפייענדיגען באַרג. עפעס איז אויף דער אינזעל.

אלע זיינען זיך צוגאנגען אין זייערע קאיוטען זיך לעגען שלאפען, אום זיי זאלען קענען אויפשטעהן גאנץ פריה און בעטראכטען דיא זאָנדערבאַרע אינזעל. קאפיטאן פאררראגוט האט היינט געשטעלט א דאפעלטע וואך. אין אן אונבע־קאנטער געגענד מוז מען זיין פארזיכטיג. איין מאטראז איז געשטאנען ביים רע־דעל און האט געקירעוועט דאס שיף. פון הינטען אויפ'ן דעק איז געגאנגען א מאטראז הין און צוריק אלס וואַך.

קיינער האט ניט בעמערקט, אז מערי און ראבערט גראנט זיינען ניט גע־גאנגען שלאפען. זיי זיינען געבליעבען אויפ'ן דעק. זיי זיינען געשטאַנען פון פארנט און האבען געקוקט אין דער פינסטערער נאכט אויף דיא פייערן אויפ'ן אינזעל.

דאס וועטער איז געווען שעהן. דיא נאכט איז געווען א פינסטערע. דער מאנד האט ניט געשיינט, נור דיא שטערן האבען געגלענצט און געפונקעלט שטיל און רוהיג, וויא זייער שטייגער איז.

ביידע קינדער האבען זיך פערטראכט. זיי זיינען געווען זעהר אונרוהיג, וואס אין דער לעצטער צייט האט מען שוין גאר אויפגעהערט צו רעדען פון זייער פאטער. ניט ליידי העלענא, ניט לארד גלענארוואן, ניט דער פראפעסאר האבען איהם ניט דערמאנט און האבען מעהר פון איהם ניט גערעדט. — וואס זאל דאס זיין? האבען זיי זיך געטראכט. וויא קומט עס, וואס אלע שווייגען און רעדען פון איהם ניט? — וואס האט אייערטאן דערצעהלט? — פארוואס זאגט מען אונז ניט, וואס ער האט דערצעהלט? — ביז אהער פלעגט ליידי העלענא אונז אלעס דערצעהלען, זיא פלעגט אונז טרייסטען און איינפלייסען מוטה. יעצט שווייגט זיא אויך. וואס זאל דאס הייסען?

דאס זיינען געווען דיא טרויעריגע געדאנקען, וועלכע האבען בעשעפטיגט דיא ארימע קינדער.

— מערי, זיי ניט פערצווייפעלט, האט ראבערט געבעטען. פערליער ניט דיא האפנונג. לאמיר זיין שטארק און מוטהיג. ביז אהער האסט דוא געארביים

פאר מיר, יעצט וועל איך ארבייטען פאר דיר. איך בין שוין א שטארקער יונג און קען שוין ארבייטען.

— איך בין ניט פערצווייפעלט, ראבערט, האט מערי געענטפערט. איך האב מיין האפנונג ניט פערלארען.

— מערי, איך וויל דיר עפעס זאגען, אבער עס זאל דיר ניט פערדריעסען.

— פארוואס זאל עס מיר פערדריעסען, ראבערט? ווערסט דוא מיר דען זאגאן אזעלכעס, וואס זאל מיר פערדריעסען?

— ניין, מערי! געווים ניט. — ווייסט דוא וואס מערי? איך וויל ווערן א מאטראז.

— וואס רעדסט דוא, ראבערט? דוא ווילסט מיך לאזען אליין?

— וואס זאל איך טהאן, שוועסטער? איך וויל ווערן א מאטראז, וויא אונזער פאטער און וויא קאפיטאן פארראגוט. יא, ליעבע שוועסטער! קאפיטאן פארראגוט האט מיר געזאגט, אז איך וועל מיט דער צייט ווערן א גוטער מאט-ראז. ווען איך וועל זיין א גוטער מאטראז, וועט ער מיט מיר פאהרען זוכען אונ-זער פאטער. — נו, יעצט ווערסט דוא מיר שוין ערלויבען צו ווערן א מאטראז? — איך וועל דאן וויסען נור איין זאך — צו זוכען אונזער פאטער.

מערי האט ארומגענומען איהר ברודער און האט אנגעהויבען צו וויינען.

— ליעבע שוועסטער! האט ראבערט אויסגערופען. איך ווייס ניט, וואס אונזערע פריינד דענקען פון אונזער פאטער. איך בין זיכער, אז ער לעבט, אז ער געפינט זיך ערגעץ אויף אן אינזעל און קען זיך ניט העלפען. איך מוז ווערן א מאטראז און איהם פאהרען זוכען.

— וואס זאגט קאפיטאן פארראגוט? האט זיא געפרעגט. מיינט ער אויך, אז אונזער פאטער לעבט נאך?

— יא, שוועסטער. ער האפט נאך אויך. ער האט מיר צוגעזאגט, ער זאל פאהרען מיט מיר צוזאמען.

— און וואו וועל איך בלייבען? האט מערי געפרעגט טרויעריג. וויא וועל איך קענען לעבען איינע אליין?

— דוא ווערסט ניט זיין אליין. דוא ווערסט בלייבען ביי ליידי העלענא. זיא וויל, אז דוא זאלסט בלייבען ביי איהר אין איהר שלאס.

— וואס רעדסט דוא, ראבערט? דיעזע גוטע און עדעלע מענשען האבען אזוי פיעל געטהאן פון אונזערטוועגען, אז איך קען מיר שוין גאר ניט ערלויבען אנצונעהמען פון זיי נאך א געפעליגקייט.

— ליעבע שוועסטער, זיי זיינען אזוי גוט און אזוי עדעל, אז זיי וועלען דיך מעהר ניט אפלאזען אליין. ווערסט דוא דען קענען אפזאגען, ווען ליידי הע-לענא וועט דיך בעטען, אז דוא זאלסט בלייבען ביי איהר? איך ווייס, אז זיא וועט דיך בעטען. זיא האט דיך ליעב, וויא איהר אייגען קינד און זיא וויל, אז דוא זאלסט בלייבען ביי איהר.

ביידע קינדער האבען זיך ווידער ארומגענומען און האבען געשוויגען.

יעדער איז געווען פערטיג אין זייער געדאנקען. זיי האבען אליין ניט בע-מערקט, וויא זיי זיינען צוגעגאנגען צו דער פארנטשע פון׳ם שיף פון פארנט לעבען רעדעל און האבען זיך דארט געשטעלט.ביידע האבען געקוקט אין דער פינסטערער נאכט.

אויפ׳ן אינזעל האבען נאך אלץ געברענט דיא פייער. דער „דונקאן“ איז זיך לאנגזאם געגאנגען אימער נעהנטער צו דער אינזעל. דאס מעער איז געווען רוהיג, וויא א שפיעגעל. עס האט זיך אויסגעוויזען, אז דיא וועללען (כוואליעס) זיינען דאס מאל אויך אנטשלאפען געווארען.

פלוצלונג האבען ביידע קינדער עפעס דערהערט.

— קומט! קומט אהער! זיינען געווען דיא ווערטער, וואס זיי האבען גע-הערט, אדער עס האט זיך זיי אויסגעוויזען, אז זיי האבען געהערט.

ביידע האבען א ציטער געטהאן און זיינען אויפגעשפרונגען.

— מערי, האסט דוא געהערט? האט ראבערט געפרעגט.

— ראבערט, האסט דוא געהערט? האט מערי געפרעגט.

זיי האבען זיך ווידער אנגעבויגען איבער דיא אייזערנע גראטעס פון׳ם „דונקאן“ און האבען ווידער געקוקט אין דיא פינסטערע נאכט. זיי האבען אבער גאר ניט געזעהן. אלעס איז געווען פערדעקט מיט׳ן שווארצען שאטען פון דער נאכט.

— ראבערט! האט מערי אויסגערופען. — איך האב געמיינט — עס האט זיך מיר אויסגעוויזען — איך האב געטראכט, אז —

— קומט! קומט אהער! האט מען ווידער גערופען.

— מיין פאטער! האט ראבערט א געשריי געטהאן. דאס רופט אונז אונזער פאטער!

דיא שוואכע מערי האט עס ניט געקענט אויסהאלטען. זיא איז געפאלען אין אהנמאכט אויפ׳ן דעק.

— רעטעט! מיין שוועסטער! האט ראבערט געשריען. רעטעט! הילפע! זיא איז אין אהנמאכט!

עס איז געווארען א ליארם. דער מאטראז, וואס איז געשטאנען ביים רע-דעל, איז געלאפען אויפהויבען מערי גראנט. דער אנדרער, וואס איז געגאנגען אויף דער וואך, איז געלאפען אין דער קאיוטע אויפוועקען ליידי העלענא און לארד גלענארוואן.

באלד זיינען ארויפגעלאפען אויפ׳ן דעק לארד גלענארוואן, ליידי העלענא, דער פראפעסאר, דער מאיאר און קאפיטאן פאררא‍גוט. זיי זיינען צוגעלאפען צו דיא קינדער און האבען געפרעגט, וואס איז געשעהן.

— מיין פאטער איז דארט און מיין שוועסטער שטארבט! האט ראבערט גראנט געשריען און געבראכען דיא הענד.

אלע זיינען געבליעבען שטעהן ערשטוינט און פערוואונדערט. קיינער האט ניט פערשטאנען, וואס דא איז געשעהן. ליידי העלענא האט גענומען מינטערן

מערי גראנט. לארד גלענערוואן האט נאך א מאל איבערגעפרעגט, וואס איז דארט אזעלכעס געשעהן?

— מיין פאטער איז דארט אויף דער אינזעל, האט ראבערט געזאגט. איך האב געהערט זיין שטימע. מערי האט אויך געהערט, וויא ער האט אונז גערופען.

ליידי העלענא איז ענדליך געלונגען אפצומינטערן מערי גראנט. זיא האט געעפענט דיא אויגען, האט זיך ווילד אומגעקוקט און האט אויסגערופען:

— יא, מיין פאטער איז דארט אויף דער אינזעל, איך האב אליין געהערט, וויא ער האט מיך גערופען.

זיא האט עס געזאגט און איז ווידער געפאלען אין אהנמאכט. מען האט זיא געמוזט אריינטראגען אין קאַיוטע און זיא אנידערלעגען אויף א בעט. ראבערט איז געבליעבען אויפ'ן דעק. ער האט אלץ געקוקט אויף דער אינזעל און האט אלץ ווידערהאלט:

— דארט איז מיין פאטער! ער האט אונז גערופען.

דיא נאכט איז נאך אלץ געווען פינסטער, אז מען האט גאר נישט געקענט זעהן. צו ביסלעכוויים האבען זיך אלע בערוהיגט און לארד גלענארוואן האט אנגעהויבען אויסצופרעגען ראבערט'ן:

— דוא זאגסט, אז דוא האסט געהערט דיין פאטערס שטימע?

— יא, מילארד, דארט פון'ם וואסער האט זיך געלאזט הערן זיין שטימע: קומט! קומט צו מיר!

— געדענקסט דוא דען דיין פאטערס שטימע? האסט דוא זיא דען געקענט דערקענען?

— יא מילארד. איך האב זיא דערקענט. מיין שוועסטער האט זיא אויך געהערט און האט זיא אויך דערקענט. מיר האבען זיך ניט אפגענארט. מיר האבען דייטליך געהערט זיין שטימע. — אך, מילארד! הייסט אראפלאזען א באָאט, לאמיר פאהרען צו אונזער פאטער.

לארד גלענערוואן האט צוגערופען דעם מאטראז, וואס איז געשטאנען אויף דער וואַך און האט איהם געפרעגט.

— האסט דוא עפעס געהערט א שטימע?

— ניין, איך האב גאר ניט געהערט.

ער האט געפרעגט דעם מאטראז, וועלכער איז געשטאנען ביים רעדעל, אויב ער האט עפעס געהערט?

— איך האב אויך גאר ניט געהערט, האט דער אנדער מאטראז געענטפערט.

— יא, ווען עס זאל זיין זייער פאטער, וואלטען זיי שוין געהערט, האט ראבערט אויסגערופען. דארט איז אבער מיין פאטער, דערפאר האב איך נור געהערט.

— וואס זאל דאס הייסען? האט לארד גלענארוואן געפרעגט. וויא אזוי קען מען עס ערקלערן? — אלעס איז געווען שטיל, קיינער האט גאר ניט

געהערט קיין שום שטימע, נור זיי ביידע האבען געהערט, וויא זייער פאטער רופט זיי?

— מעגליך, אז עס האט זיך זיי אויסגעוויזען, האט דער פּראָפעסאר ערקלערט. זיי זיינען ארומגעגאנגען פערטראכט און האבען געטראכט פון זייער פאטער, האט זיך זיי אויסגעוויזען, אז זיי הערן זיין שטימע.

ער האט אנגעהויבען צו ערקלערן, וויא אזוי עס מאכט זיך אמאל, אז דער מענש דענקט אין דער הויך. אין טרוים הערן מיר דייטליך געשרייען און דאך זיינען דיזע געשרייען נור אין אונזער קאפּ, אין אונזער געהירן.

לארד גלענארוואן איז צוגעגאנגען צום רעדעל, האט זיך געשטעלט אויפ'ן לעצטען ברעט פון'ם שיף און האט געשריען אין דער הויך:

— קאפּיטאן גראנט! קאפּיטאן גראנט!

קיינער האט ניט געענטפערט. זאגאר דיא פייערן אויף דער אינזעל זיינען פערשוואונדען. עס האט גאר ניט געהאלפען. מען האט געמוזט ווארטען ביז אין דערפריה. מען האט בערוהיגט ראבערט'ן, וויא מען האט געקענט. מערי גראנט האט זיך אויך בערוהיגט. פון שלאפען דיזע נאכט האט שוין קיין רעדע ניט געקענט זיין. אלע זיינען געזעסען אין זאל און האבען געווארט אויפ'ן טאג.

אום 5 אוהר אין דערפריה, ווען דיא ערשטע שטראהלען פון ליכטיגקייט האבען זיך געוויזען, זיינען שוין אלע ווידער געשטאנען אויפ'ן דעק. עס איז נאך געווען גענוג פינסטער און מען האט נאך גאר ניט געקענט זעהן אויף דער אינזעל. קאפּיטאן פאררא[?]וט האט בערעכענט, אז זיי דארפען יעצט זיין א מייל דיא ווייט פון דער אינזעל „מאריא טהערעזא“.

ער האט געמוזט יעצט פיהרען דעם דונקאן זעהר פארזיכטיג. לעבען אן אינזעל קענען זיך געפינען שטיינער אונטערן וואסער. אזוי איז פערגאנגען א שטונדע. דער הימעל איז געווארען אימער העלער און העלער. אין אסטען (מזרח זייט) האט זיך געוויזען א רויטער פאס.

פלוצלונג האט ראבערט ארויסגעלאזען א שרעקליכען געשריי און האט געוויזען אויף דיא אינזעל. זיינע יונגע און שארפע אויגען האבען דערזעהן, וויא אויפ'ן ברעג שטעהן דריי מענשען און מאכען מיט דיא הענד. איינער פון זיי האט געהאלטען א פלאג און האט מיט איהר געפאכט.

אלע האבען זיך צוגעקוקט, וואוהין ראבערט האט געוויזען מיט דיא פינגער. קאפּיטאן פאררא[?]וט האט געחאפּט זיין ספעקטיוו און האט א קוק געטהאן.

— עס איז דיא ענגלישע פאהן! האט ער אויסגערופען.

— ריכטיג! ריכטיג! האט געזאגט דער פּראָפעסאר, וועלכער האט דערווייל צורעכט געמאכט זיין טעלעסקאפּ.

— מילארד! האט געשריען ראבערט און האט געציטערט פאר אויפרעגונג, הייסט ארא[?]לאזען א באאט. אדער איך שפּרינג אריין אין וואסער און וועל שווימען

צום אינזעל. — מילארד! איך בעט אייך! איך בעשווער אייך! איך וויל זיין דער ערשטער ארויפצוגעהן אויפ'ן אינזעל!

אלע האבען געשוויעגען. אלע זיינען געווען גערידהרט און אויפגערעגט. יעדער האט יעצט איינגעזעהן, אז דיא קינדער האבען רעכט געהאט, אז זיי האבען ווירקליך געהערט זייער פאטער'ס שטימע.

אלזא, געפינט זיך קאפּיטאן גראנט דא, אויף דיעזע קליינע אינזעל אין שטילען וועלט מעער! זיא ליעגט צוואר אויפ'ן 37טען גראד, אבער — זיי האבען זיך שוין אזוי פיעל מאל אפגענארט, זייערע האפנונגען און אויסזיכטען האבען זיי שוין אזוי פיעל מאל בעטראגען, אז זיי האבען שוין יעצט קיין זאך ניט געגלויבט.

לארד גלענארוואן האט געטראכט איינינע מינוט.

— לאזט אראפּ א באָאט! האט ער פלוצלונג א געשריי געטהאן.

אין א מינוט איז געשוואומען דאס באָאט פון „דונקאן" אין וואסער. ראבערט איז געווען דער ערשטער זיך אראפצולאזען אין באָאט. נאך איהם האט זיך אראפגעלאזען קאפּיטאן פארראגוט. ער האט געטראגען אויף דיא הענד מערי גראנט. נאך איהם האבען זיך אראפגעלאזען לארד גלענארוואן, דער מאיאָר, דער פראפעסאר און זעקס שטארקע מאטראזען.

דיא מאטראזען זיינען אויך געווען זעהר אויפגערעגט. זיי האבען גערודערט מיט אזא קראפט, אז אין איינינע מינוט זיינען זיי צוגעקומען צום ברעג.

— מיין פאטער! האט מערי גראנט אויסגערופען. ליעבער פאטער!

אלע האבען זיך צוגעקוקט און האבען דערזעהן אויפ'ן ברעג שטעהן א מאן, וועלכער האט געמאכט מיט דיא הענד, גלייך וויא ער וואלט גערופען. לעבען איהם זיינען געשטאַנען נאך צוויי מענער.

דיא קינדער האבען זיך ניט אפגענאַרט. דאס איז ווירקליך געווען זייער פאטער! — דאס איז געווען קאפּיטאן גראנט!

קאפּיטאן גראנט האט געהערט זיין טאָכטערס געשריי. ער האט נאך א מאַל אויסגעשטרעקט דיא הענד און איז געפאַלען אין אהנמאַכט, ווען זיינע קינדער זיינען צוגעלאפען צו איהם.

21טעס קאפּיטעל.

קאפּיטאן גראנט'ס געשיכטע.

פאר פרייד שטארבט מען ניט, זאגט אן אלטעס שפריכווארט. דער מענש איז דאס שוואכסטע פון אלע טהיערע און דאך קען ער איבערטראגען מעהר פון אלעמען. דיא פרייד.פון'ם פאטער און זיינע קינדער, וואס זיי האבען זיך וויעדער געפונען, איז געווען אזוי גרויס, אז אלע דריי זיינען געפאלען אין אהנמאכט. דאס האט אבער געדויערט ניט לאנג. מען האט זיי באלד אויפגעמינטערט.

פאטער און קינדער האבען זיך וויעדער געהאלטען ארומגענומען, גלייך וויא זיי וואלטען געווען צוזאמענגעוואקסען. זיי האבען געקענט ארויסזאגען מיר

איינציגע ווערטער. לארד גלענארוואן און זיינע בעגלייטער זיינען געווען אזוי גערירט פון דיעזער סצענע, אז זיי זיינען געשטאנען, וויא פערשטיינערט, און העלע, ליכטיגע טרערן פון פרייד און גליק האבען זיך געגאסען פון זייערע אויגען.

— ווער זיינען דיעזע מענשען? האט ענדליך קאפיטאן גראנט קוים ארויס-גערעדט.

ראבערט האט איהם דערצעהלט אין קורצע ווערטער, אז זיי זיינען גע-פאהרען איהם זוכען, וויל זיי האבען געפונען זיינע בריעף אין א פלאש. ער איז נאך ניט געווען אים שטאנד צו דערצעהלען זייער גאנצע רייזע.

— וואס שטעהן מיר דא? האט לארד גלענארוואן אויסגערופען. לאמיר פאהרען אויפ'ן „דונקאן", דארט וועלען מיר צייט האבען צו רעדען און צו ער-צעהלען.

דער מאיאר, קאפיטאן פאררוגוט און דער פראפעסאר האבען גענומען קאפיטאן גראנט מיט זיינע קינדער און האבען זיי אריינגעזעצט אין באָאָט. זיי און לארד גלענארוואן זיינען נאך געשפרונגען און אין איינינע מינוטען ארום זיינען אלע געווען אויפ'ן „דונקאן".

ווער קען בעשרייבען דיא פרייד פון ליידי העלענא און פון אלע מאטרא-זען, ווען זיי האבען דערזעהן דעם קאפיטאן גראנט מיט זיינע קינדער אויפ'ן דעק. דיא אלטע מאטראזען האבען געוויינט, וויא קינדער.

קוים איז קאפיטאן גראנט ארויפגעקומען אויפ'ן דעק פון'ם „דונקאן", איז ער געפאלען אויף דיא קניע. האט א קוש געטהאן דיא ברעטער פון'ם דעק און האט אויסגעשפרייט דיא הענד צום הימעל. איהם האט אויסגעוויזען, אז דער דעק פון'ם „דונקאן" איז דיא ערד פון זיין פאטערלאנד, פון זיין ליעבען שאט-לאנד. דאן האט ער זיך געווענדעט צו לארד גלענארוואן און צו ליידי העלענא און האט זיי געדאנקט אין קורצע, אפגעבראכענע ווערטער פאר זייער גראסמוטה און פריינדשאפט. טרערין האבען איהם געווארגען. ער האט ניט געקענט פיעל רעדען.

ער האט זיך דאן געווענדעט צו יעדען פון דיא מאטראזען, האט יעדען געדריקט דיא האנד און יעדען געדאנקט פאר זיין גראסמוטה. ער האט נאך ניט געוואוסט זייער גאנצע געשיכטע, ער האט אבער פערשטאנען, אז זיי האבען זעהר פיעל געליטען, איידער זיי האבען איהם געפונען.

ראבערט גראנט האט יעצט בעקאנט געמאכט זיין פאטער מיט זיינע פריינד. ער האט איהם פארגעשטעלט יעדען מאטראז בעזונדער און האט דערצעהלט, וויא גוט און וויא פריינדליך זיי זיינען געווען געגען איהם. ווען ער איז געקומען צו ליידי העלענא, איז ער געפאלען אויף דיא קניע און האט א קוש געטהאן דעם זוים פון איהר קלייד.

— פאטער! האט ער אויסגערופען, דיעזע פרוי איז א הייליגע! איהר אליין האבען מיר צו פערדאנקען, וואס מיר האבען דיך ענדליך געפונען.

יעצט האט מערי אנגעהויבען צו דערצעהלען איהר פאטער, וויא ליידי העלענא האט געליטען פון זייערט וועגען, וועלכע געפאהרען זיא איז אויסגע־שטאנען און וויא זיא האט איהר שטענדיג געטרייסט און איהר געגעבען האפנונ־גען, אז זיי וועלען דאך געפינען זייער פאטער.

דיעזע ריהרענדע סצענע וואלט געדויערט שטונדען לאנג, ווען ליידי הע־לענא זאל זיא ניט געוועזען אונטערברעכען.

— איהר פערגעסט, קינדער, אז עס איז צייט צו פריהשטיקען, האט זיא געזאגט און האט אלעמען איינגעלאדען צו זיך אין זאל אויף א פריהשטיק.

מיסיס אלבינעט האט געמאכט דעם בעסטען פריהשטיק, וואס זיא האט נור געקענט. לארד גלענארוואן האט געהייסען ארויסגעבען דיא בעסטע שאמ־פאניער ויינען, וועלכע ער האט אומיסטען אנגעגרייט פאר דעם פאל, ווען ער וועט געפינען קאפיטאן גראנט. זיי זיינען געלעגען פערפאקט אין קעסטלעך און מען האט זיי ביז אהער ניט אנגעריהרט.

פרעהליך, לוסטיג און פערגניגט איז פערגאנגען דער פריהשטיק. יעדער האט גערעדט, יעדער האט דערצעהלט פון זייער רייזע אין זיד אמעריקא, אין אויסטראליען און אין ניי זעעלאנד. ליידי העלענא האט אויסגעלויבט ראבערט גראנט און האט געזאגט זיין פאטער, אז ער האט זיי שוין אפגעצאהלט דאפעלט פאר זייער מיה און זייערע ליידען. זיא האט דערצעהלט, וויא ער האט זיי צוויי מאל געראטעוועט דאס לעבען.

ווען מען האט אפגערעדט פון ראבערטען, האט מען אנגעהויבען צו רעדען פון מערי. ליידי העלענא האט שטילערהייט דערצעהלט קאפיטאן גראנט, אז קאפיטאן פאראגוט איז אין יאהר פערליעבט און ער האט שוין מיט איהר גע־רעדט, אז ער וויל זיא הייראטהען.

קאפיטאן גראנט האט צוגערופען זיין טאכטער, האט זיא צוגעפרעסט צו זיין ברוסט און האט איהר געזאגט, אז ער איז העכסט גליקליך, וואס זיא האט אויסגעפונען אזא גוטען מענשען, וויא קאפיטאן פאראגוט. דאן האט ער צוגע־רופען קאפיטאן פאראגוט און האט פעראייניגט זיין האנד מיט מעריס.

— זייט גליקליך, מיינע קינדער! זיינען געוועזען דיא איינציגע ווערטער, וואס ער האט זיי געקענט זאגען.

מען האט זיך ניט אומגעקוקט, וויא דער טאג איז פערגאנגען. אלע זיינען געוועזען פרעהליך, אלע זיינען געוועזען גליקליך. בעזאנדערס אינטערעסאנט איז געוועזען דיא סצענע, ווען ראבערט האט פארגעשטעלט פאר זיין פאטער דעם פראפעסאר פאגאנעל. קאפיטאן גראנט האט אמאל געהערט פון'ם בעריהמטען פראנצויזישען געלערנטען. ער האט געלעזען איינינע פון זיינע ווערקע. ער האט איהם אבער ניט געקענט.

דער מאיאר איז צוגעקומען און האט אנגעהויבען אויסצולויבען דעם פרא־פעסאר מיט זיינע פעהלער, וואס ער האט שטענדיג געמאכט. קאפיטאן גראנט איז געוועזען אן ערנסטער מענש. ער האט ניט געלאכט פון'ם פראפעסאר. ער האט

געזאגט, אז אין אלע זיינע פעהלער זעהט ער א ווינק פון א העכערע מאכט, וועלכע האט געפיהרט אלעם צום גוטען.

דער פראפעסאר האט זיך ניט געשעהמט מיט זיינע פעהלער.

— אזוי בין איך שוין, האט ער געזאגט. איך וועל שוין בעסער ניט ווערן. מיר איז שוין בעשערט צו מאכען פעהלער אויף דער וועלט. איך ווינש, אז אלע פעהלער, וואס איך וועל אמאל מאכען, זאלען אזוי פיהרען צום גוטען, וויא דיא פעהלער, וואס איך האב געמאכט, זייט איך בין געקומען אויפ'ן „דונקאן".

קאפיטאן גראנט האט אבער געפאסט צום פראפעסאר. קוים האבען זיי זיך בעקענט, זיינען זיי געווארען דיא בעסטע פריינד, גלייך וויא זיי וואלטען אויפגעוואקסען צוזאמען. זיי האבען זיך פערשטאנען אויפ'ן ווינק.

ביז שפעט אין דער נאכט איז מען געזעסען אויפ'ן דעק און מען האט גערעדט און דערצעהלט איינער דעם אנדערן פון זייערע רייזען. ווען עס איז שוין געווארען שפעט און מען האט זיך גענדארפט צוגעהן שלאפען, האט לארד גלענארוואן דערצעהלט דעם קאפיטאן גראנט דיא געשיכטע פון אייערטאנען. ביי דיזען נאמען איז קאפיטאן גראנט געווארען ערנסט. א פינסטערער וואלקען האט בעדעקט זיין געזיכט.

— וואס ער האט אייך דערצעהלט, אז איך האב איהם ארויסגעזעצט אין אויסטראליען, איז ריכטיג, האט ער געזאגט שטילערהייט.

מעהר האט ער ניט געוואלט רעדען פון אייערטאנען. עס איז געווען דייטליך, אז ער ווייס פון איהם פיעל מעהר, ער האט אבער ניט געוואלט רעדען פון איהם. צווישען דיזע צוויי מענשען איז עפעס געווען א געהיימניס, וועלכעביידע האבען ניט געוואלט אויסזאגען.

קאפיטאן גראנט האט געבעטען לארד גלענארוואן, ער זאל צונויפרופען אלעמען. לארד גלענארוואן האט א ווינק געטהאן צו א מאטראז, וועלכער האט אנגעהויבען צו קלינגען מיט'ן גרויסען גלאק פון'ם „דונקאן". אלע זיינען זיך צונויפגעקומען.

— מיינע הערדען, האט קאפיטאן גראנט געזאגט, איהר האט מיר שוין דערצעהלט אלעם פון אייער רייזע. איך האב אייך נאך גאר ניט דערצעהלט. איך לאד איין אלעמען מארגען צו מיר אויף מיין אינזעל אויף מיטאג. איך וועל אייך ווייזען מיין קעניגרייך, דעם ארט, וואו איך האב פערבראכט צוויי מיט א האלב יאהר. — מארגען אין דער פריה וועלען מיר אלע פאהרען אהין.

דער פראפעסאר האט געטאנצט פאר פרייד. ער וועט יעצט האבען דיא געלעגענהייט אויסצופארשען דיא אינזעל „מאריא טהערעזא", וועלכע איז נאך אזוי וועניג בעקאנט.

מערי און ראבערט גראנט זיינען אויך געווען זעהר צו פריעדען צו זעהן דיא וואינונג פון זייער פאטער אויף אזא איינזאמער אינזעל, וויא דיא „מאריא טהערעזא".

ערשט יעצט האט זיך קאפיטאן גראנט אומגעקוקט, אז מען האט פערגעסען

מיטצונעהמען אויפ׳ן „דונקאַן״ זיינע צוויי מאטראזען, וועלכע האבען זיך גערי־טעט מיט איהם פון דער „בריטאניא״ און וועלכע האבען געטהיילט מיט איהם פרייד און לייד. דאס האט איהם זעהר געקרענקט. דאס איז געווען אן אונרעכט. ליידער איז שוין יעצט געווען צו שפעט צו נעהמען זיי אויפ׳ן „דונקאן״.

— זיי שלאפען שוין געוויס, האט ער געזאגט. אויף דער אינזעל איז פי־סטער.

— איך בין זיכער, אז עס הארט זיי ניט, האט דער מאַיאר געזאגט. זיי ווייסען געוויס, אז מען וועט זיי ניט איבערלאזען אויפ׳ן אינזעל.

עס איז געווען נאך איינס אוהר, ווען אלע זיינען זיך צוגאנגען אין זייערע קאַיוטען שלאפען. גאנץ פריה זיינען שוין אלע געווען אויפ׳ן דעק. יעדער איז געווען נייגיעריג צו זעהן, וואס עס טהוט זיך אויף דער מאריא טהערעזא.

געגען אכט אוהר האט לארד גלענארוואן געהייסען אראפלאזען א באָט. אלע האבען זיך אריינגעזעצט און זיינען געפאהרען צו קאפיטאן גראנט׳ס הויפט קוואַרטיר. אויפ׳ן „דונקאן״ זיינען געבליעבען נור איינעגע מאטראָזען צו האל־טען דיא וואַך. אין איניגע מינוט איז מען געווען אויף דער אינזעל.

קאפיטאן גראנט׳ס קעניגרייך איז ניט געווען גרויס. אין איניגע שטונדען האט מען געקענט דורכגעהן דיא גאנצע אינזעל אין דער ברייט. אין א טאג האט מען זיא געקענט דורכגעהן אין דער לענג. דאס איז געווען א גרויסער שטיין, וועלכער האט ארויסגעשטעקט פון׳ם מעער. עס האבען זיך געפונען אויף איהר קליינע בערגלעך, בעדעקט מיט אַ ניט גאנץ דיקען פאַך ערד. אונטען, ווען מען האט געגראבען א פוס דיא טיעף, איז מען געקומען צו א הארטען שטיין, וועל־כער הייסט באַזאַלט.

איינינע שיפען זיינען אין געוויסע צייטען צוגעקומען צו דיזער אינזעל און האבען איבערגעלאזען ציעגען און שווינע. דיא שיפען, וועלכע פאהרען צו האַפען וואַלפישען טהוען עס זעהר אפט. זיי טהוען עס ניט פאר פרומקייט און ניט פאר גוטסקייט, זיי טהוען עס צוליעב זייער אייגענעם נוצען. א וואַלפיש פאנגער פערברענגט א מאל מאנאטען לאנג אויפ׳ן מעער. עס לאזט זיך איהם אוים פראוויאנט. ער קומט דאן צו צו אזא אינזעל און חאפט דיא ציעגען און דיא שווינע, וועלכע ער האט איבערגעלאזען מיט עטליכע יאהר צוריק. ער האט דאמאלס פערזעעט און קומט יעצט רייסען דיא פריכטע פון זיין גארטען.

אין א ווארעמער געגענד, וואו עס איז דא גענוג גראז און וואסער, פער־מעהרען זיך דיא ציעגען און דיא שווינע זעהר שטארק און זעהר שנעל.

קאפיטאן גראנט האט צוגעפיהרט זיינע געסט צו זיין הויז און האט זיי געבעטען זיצען אויף איינפאַכע הילצערנע בענק, וועלכע ער האט אליין געמאכט אונטער דעם שאטען פון הויכע ביימער. ער האט באלד געבראכט געברייטערטע פלייש און מילך פון זיינע ציעגען, איינינע איינפאכע פריכטע און רייגעם, קאל־טעם וואסער. דאס איז געווען אלעס, מיט וואס ער האט געקענט אויפגעהאלטען זיינע געסט.

דער פראָפעסאר איז געווען ענטציקט. וויא פיעל מאל האט ער געטרוימט צו לעבען אליין אויף א אינזעל, וויא ראָבינזאן קרוזע! ער זעהט יעצט, אז עס איז מעגליך, אז מענשען קענען זיך זעהר גוט איינארדענען אויף אן איינזאַמער אינזעל.

— עס וועט איהם זיין דא גאנץ גוט, דעם טויגעניכטס, דעם אייערטאן! האט ער אויסגערופען. איך בענײדע איהם. דאס איז גאר קיין שטראָפע ניט! אויף אזא אינזעל איז זעהר גוט צו וואינען. דיעזע קליינע אינזעל איז דאך א פאראַדיז (גן עדן).

— עס איז ווירקליך א פאַראַדיז פאר אייניגע מענשען, וועלכע האבען געליטען שיפבּרוך און דאס אונגליק האט זיי פערווארפען אויף דיעזע אינזעל, האט קאַפּיטאן גראנט געענטפערט. איך בעדויער נור, וואס עס איז אזוי קליין, עס האט ניט קיין טייך אין דער מיט און עס האט קיין גוטען פארט.

— וואס וואלט דען געווען, ווען עס זאל זיין גרעסער? האט דער פראָפעסאר געפרעגט.

— איך וואלט דא געגרינדעט א קאָלאָניע פון מיינע לאנדס־לייט.

— אזוי, קאפּיטאן גראנט? האט לארד גלענארוואן זיך ארייינגעמישט. איהר האלט זיך נאך אלץ אן אייער פלאן צו גרינדען א קאלאָניע פון דיא אונטערטהאנען פון איהרער קעניגליכער מאיעסטעט, דיא קעניגין וויקטאריא. זיא וועט בייז זיין אויף אייך, וואס איהר וועט ביי איהר צונעהמען איהרע אונטערטהאנען.

— וואס זאל איך טהאן? האט קאפּיטאן גראנט געענטפערט ערנסט. איך קען מיין פאטערלאַנד. איך ווייס, אז אין שאטלאַנד זיינען דא טויזענדער פאמיליען, וועלכע ליידען הונגער און נויט. דאס לאנד איז ארים, עס קומען צו אלע מאל מעהר מענשען. מען מוז זוכען פאר זיי אנאנדער געגענד.

„דיא וועלט איז גרויס און רייך אַן לעבען איז דיא נאטור“ זינגט א דייטשער דיכטער. עס איז נאך דא גענוג פלאַץ אויף דער וועלט פאר אלע מענשען. צו־וואס זאלען זיי ליעגען צונויפגעדרענגט און צונויפגעשפארט, וויא היהנער אין א שטייג און ליידען הונגער און נויט, ווען עס איז דא אזוי פיעל גוטע, הרוכטבארע לענדער, וואו זיי קענען לעבען גליקליך?

— איהר האט רעכט, קאפּיטאן, האט ליידי העלענא געזאגט. דאס איז ווירקליך א גוטער פלאן, א גרויסאַרטיגער פלאן. אין ענגלאנד זיינען שוין דא צו פיעל מענשען. יעדער וויל עסען, יעדער וויל לעבען. עס הויבט זיך אן א שרעקליכער קאמפף. דער שטארקער שלאגט זיך נאך דורך. דער שוואכער מוז אונטערגעהן אין נויט און עלענד. אויף דיעזער אינזעל אבער —

— ניין, מאדאם, האט איהר קאפּיטאן גראנט אונטערבראכען. דיעזע אינזעל איז צו קליין. דא קענען מיר בעזעצען נור אייניגע פאמיליען. — מיר מוזען האבען א גרויס אינזעל, וואו טויזענדער פאמיליען זאלען זיך קענען בעזעצען מיט א מאָל. אזא ביישפיעל שטעלט אונז פאר אמעריקא, וואו יעדער, וואס איז געקומען, האט געהאט גענוג פלאַץ. וועלבסטפערשטענדליך, אז איך רעד פון

אמעריקא פון אמאל, אין דיא ערשטע צייטען נאך דער ענטדעקונג, נים פון דער איצטיגען אמעריקא, וואו מען פערקויפט שוין לאנד אויפ'ן לאט.

— מיר האבען נאך צייט, קאפיטאן גראנט, האט לארד גלענארוואן געזאגט. דיא צוקונפט איז אונזערע. איך וועל נאך פאהרען מיט אייך זוכען אזא אינזעל. איך האף, אז מיר וועלען עס געפינען.

— קאפיטאן גראנט! האט פלוצלונג אויסגערופען דער פראפעסאר. איהר האט דאך אונז צוגעזאגט צו דערצעהלען, וויא אזוי דיא „בריטאניא" איז אונטערגעגאנגען און וויא אזוי איהר האט פערבראכט צוויי מיט א האלב יאהר אויף דיעזער אינזעל.

— יא, קאפיטאן, האט איהם דער מאיאר אונטערשטיצט. איך בין אויך נייגיעריג צו הערן, וויא אזוי עס האט מיט אייך פאסירט.

— יא, פאטער! האט ראבערט געבעטען, דערצעהל אונז אלעס. מיר האבען דיינע בריעף ניט געקענט פערשטעהן און מיר ווילען וויסען, וואס דוא האסט געמיינט מיט זיי.

— מיט פערגניגען, מיינע פריינד! האט קאפיטאן גראנט געזאגט. איך וועל אייך אלעס דערצעהלען מיט'ן גרעסטען פערגניגען.

אלע האבען זיך געזעצט אין א קרייז ארום איהם און ער האט אנגעהויבען צו דערצעהלען זיין געשיכטע.

— מיין געשיכטע, איז זעהר איינפאך. עס איז דיא געשיכטע פון אלע ראבינזאנ'ס, וועלכע האבען געהאט דאס אונגליק צו בלייבען אליין אויף אן אינזעל און צו וויסען, אז זיי האבען זיך אויף קיינעם ניט צו פערלאזען.

דעם 7טען יוני 1862 בין איך ארויסגעפאהרען פון קאללאא אין טשילי. דאס וועטער איז געווען שעהן און דיא „בריטאניא" איז געגאנגען גאנץ שנעל. איך בין געפאהרען אין זידליכען וועלט מעער, וואו עס געפינען זיך זעהר פיעל אינזלען, אין דער האפנונג, אז איך וועל דארט אויסגעפינען א גרויס אינזעל, וועלכע זאל פאסען פאר א קאלאניע.

דעם 20טען יוני האט זיך אויפגעהויבען א שרעקליכער שטורמווינד, וועלכער האט געדויערט זעקס טאג נאך אנאנד. דאס מעער האט ארומגעווארפען מיין „בריטאניא", וויא א שאלעכץ פון א נוס. איך האב געקעמפפט, וויא ווייט איך האב געקענט, דער שטורם אבער האט אראפגעריסען דעם זעגעלבוים און מיט איהם דריי פון מיינע בעסטע מאטראזען. איך אליין און דיא איבעריגע זיינען שוין געווען אזוי שוואך פון דער לאנגער און שווערער ארבייט, אז מיר האבען זיך ניט געקענט ריהרען.

מיר האבען זיך געמוזט אונטערגעבען. מיר האבען געמוזט לאזען געהן דיא „בריטאניא", וואוהין דער ווינד וועט זיא טרייבען.

אין דער נאכט פון'ם 26טען אויפ'ן 27טען יוני האט דער שטורם זיא ארויפגעווארפען אויף דיא שטיינער ניט ווייט פון דער אינזעל מאריא טהערעזא. דער שטורם האט א שליידער געטהאן דיא „בריטאניא" מיט אזא מאכט, אז מיר זיינען

אלע ארייננעפאלען אין מעער. אלע זיינען דערטרונקען געווארען, נור איך מיט צוויי מאטראזען האבען אונז אנגעהאפט אן א שטיק האלץ און זיינען צוגעשוואומען, ריכטיגער געזאגט, דער ווינד האט אונז צוגעטריעבען צו דער אינזעל.

ביז אין טאג זיינען מיר געלעגען מיעד און מאַט אויפ'ן ברעג. ווען עס איז טאג געווארען האבען מיר זיך אנגעהויבען ארומצוקוקען, וואו מיר זיינען אין דער וועלט. מיר האבען געזעהן, וויא דיא „בריטאניא" זיצט פעסט אויף א שטיין ניט ווייט און דיא וועללען (כוואַליעס) שלאגען זיא פון אלע זייטען. איך האב געוואוסט, אז זיא וועט עס לאנג ניט אויסהאלטען. דיא וועללען (כוואליעס) וועלען זיא צו שלאגען אויף שטיקער.

איך מיט מיינע צוויי אונגליקס קאמעראדען האבען באלד אויסגעזוכט קלעצער און שטיקער האלץ, וועלכע דאס מעער האט צוגעשלאגען צום ברעג, מיר האבען זיי צונויפגעבונדען מיט שטריק, וועלכע מיר האבען געמאכט פון אונזערע קליידער און מיר האבען געמאכט אן ארט פלאט (פלאָס). אויף דיעזען פלאט זיינען מיר צוגעשוואומען צו דער „בריטאניא" און האבען פון איהר אראָפגענומען, וואס מיר האבען געקענט: אינסטרומענטען, פראוויאנט, זאַאמען (זריעה) פון ביימער און גראזען, קליידער, פולווער, קוילען און אלעס, וואס מיר האבען נור געקענט.

צוואנציג מאל זיינען מיר געפאהרען צו דער „בריטאניא" און יעדעס מאל האבען מיר געבראכט אויף דער אינזעל א פלאס מיט זאכען.

ענדליך האבען דיא וועללען צושלאגען דיא „בריטאניא" אויף שטיקלעך. מיר זיינען ארומגעפאהרען אויף אונזער פלאס און האבען אויפגעפישט דיא ברעטער און דיא באלקענס פון דער „בריטאניא".

אונזער ערשטע ארבייט איז געוועזן זיך צו מאכען א הויז, אן ארט, וואו מיר זאלען קענען שיצען זיך און אונזערע זאכען פון רעגען און ווינד. פון דיא ברעטער און באלקענס פון דער „בריטאניא" האבען מיר אויפגעשטעלט א געצעלט. מיר האבען עס געררופען א הויז.

ווען אונזערע זאכען זיינען געווען זיכער, האבען מיר אנגעהויבען אויסצופארשען דיא אינזעל. זיא איז דאמאלס געווען זעהר טרויעריג. אין ערטער זיינען געווען וועלדלעך, אין אנדערע ערטער זיינען גרויסע שטרעקען געווען בעדעקט מיט ווילדע גראזען און מיט ווילדע בלומען — זאכען, וואס מען קען ניט געברויכען אלס שפייז. אונזער גליק איז געווען, וואס אויף דער אינזעל זיינען געווען פיעלע ווילדע ציעגען און אין מעער ארום געפינען זיך זעהר פיעל פיש און אנדערע מעער טהיערע.

מיר זיינען אונגערן געווארען יעגערס און פישערס. — וואס דען האבען מיר געקענט טהאן?

ווען מיר האבען זיך אביסעל צוגעוואינט צו אונזער נייער היימאטה, זיינען מיר געווארען פארמערס. מיר האבען אנגעהויבען צו בעארבייטען דיא ערד. מיר

האבען געארבייט זעהר שווער, האבען צוגראבען גרויסע שטרעקען לאנד און האבען פּערזועט דיא זאאמען (זריעה), וועלכע מיר האבען גערעטעט פֿון דער „בריטאניא": קארטאפֿעל, ארבים, באָהנען און אנדערע גארטען פֿריכטע. מיר האבען געחאפּט איינינע יונגע ציעגען און האבען זיי באלד צוגעוואינט צו זיך. אין א קורצע צייט האבען מיר געהאט מילך און בוטער.

מיר האבען שפּעטער אויסגעבויט א הויז פֿון דיא ברעטער פֿון דער „בריטאניא" און פֿון איינינע ביימער, וועלכע מיר האבען אויסגעהאקט.

אויף דער אינזעל איזווארם, קיין ווינטער איז ניטא, דערפֿאר אבער איז דא דיא רעגענצייט. דריי מאנאטע נאך אנאנד רעגענט עס אונאויפֿהערליך. אונזער הויז האט אונז געשיצט פֿון'ם רעגען. מיר פֿלעגען דא איבערזיצען דורך דיא נעכט און רעדען און מאכען פּלאַנען, וויא אזוי צו גרינדען א קאלאניע פֿאר מיינע לאנדס לייט.

איינינע מאל האב איך מיך ענטשלאסען צו בויען א באאט און צו פֿאהרען אהיים. ווען איך האב מיך אבער בערעכענט, אז דאס נאהענסטע לאנד פֿון מיין אינזעל איז וויים 1500 מייל פֿון איהר, האב איך מיך געמוזט אפּזאגען פֿון מיין פּלאן. א באָאט קען אזא לאנגע רייזע ניט אויסהאלטען. איך האב געמוזט בלייבען אויף מיין אינזעל און ווארטען, עס זאל מיר קומען הילף פֿון ערגעץ אנדערש.

אין דער צייט, וואס איך בין געווען אויף דער אינזעל זיינען נור דריי מאל פֿאראיבער געפֿאהרען שיפֿען. איך און מיינע מאטראזען האבען געמאכט צייכענס, געריפֿען, געשריען, געמאכט פֿייער און אויסגעטראכט אלע מעגליכע מיטעל, מען זאל אונז בעמערקען. — מען האט אונז אבער ניט בעמערקט. דיא שיפֿען זיינען געוועזן צו וויים פֿון אונז.

וואס מיר האבען געפֿיהלט יעדעס מאל, ווען מיר האבען דערזעהן, אז דאס שיף פֿאהרט אוועק און האט אונז ניט דערזעהן, קען איך אייך ניט איבערגעבען. מיר שיינט, אז קיין ערגערע ליידען קען שוין גאר אויף דער וועלט ניט זיין.

איהר קענט אייך לייכט פֿארשטעלען, וויא אויפֿגערעגט איך בין געווען נעכטען אין דער פֿריה, ווען איך האב דערזעהן פֿון דער וויטענס דעם רויך פֿון'ם „דונקאן". איך בין גראדע געשטאנען אויף א בערגעל און האב איהם דער ערשטער דערזעהן. עס איז אבער נאך געווען אזוי וויים, אז איהר וואלט געוויס ניט בעמערקט מיינע צייכענס. — וואס טהוט מען?

א גאנצען טאג זיינען מיר ארומגעלאפֿען, וויא דיא וואהנזיניגע. מיר זעהן א שיף, אונז דאכט זיך, אז זיא געהט אין אונזער זייט, אבער ווער וויים, אויב זיא וועט צוקומען צו דער אינזעל? — וואס האט זיא צו טהאן אויף דער אינזעל? צו וועלכען צוועק זאל זיא צוקומען צו דער אינזעל?

מיר האבען צולעגט פֿייערן. איך האב צו לעגט א פֿייער אויפֿן בערגעל, וואו איך האב אייך צו ערשט דערזעהן, מיינע מאטראזען האבען צו לעגט א פֿייער אין אנאנדער ארט. מיר האבען געזעהן, אז דער „דונקאן" געהט זעהר לאנגזאם. מיר האבען אבער דאך ניט געוואוסט, אויב איהר געהט צו אונז. — פֿרייהייט,

רעטונג איז געווען פאַר אונזערע אויגען און מיר האבען ווי דאך ניט געקענט דערגרייכען!

עס איז געווארען שפעט ביי נאכט. איהר האט ניט געענטפערט אויף אונזערע צייכענס. איך בין געווען פערצווייפעלט. א שיף איז אזוי נאהענט און בעמערקט מיך דאך ניט. שפעט ביי נאכט האב איך מיך אויסגעטהאן און בין אריינגעשפרונגען אין וואסער. איך בין א גוטער שווימער און האב געהאפט, איך זאל צו שווימען צום „דונקאַן“. איך בין שוין געווען גאר ניט ווייט. פלוצלונג האט דער „דונקאן“ אנגעהויבען צו געהן צוריק. אין דער גרעסטער פערצווייפלונג האב איך אנגעהויבען צו שרייען:

— קומט! קומט צו מיר!

אבער קיינער, אויסער מיינע קינדער, האט ניט געהערט מיין געשריי. איך האב שוין קיין קראפט ניט געהאט ווייטער צו שווימען. מיעד, מאַט און צובראכען בין איך געשוואומען צוריק. האלב טויט פאר מיעדיגקייט האבען מיך מיינע מאטראזען ארויסגעשלעפט פון וואסער. איך בין איבערגעלעגען דיא נאכט אין דער גרעסטער אויפרעגונג. איך בין ניט געשלאפען, איך האב מיך אבער ניט געקענט ריהרען. אין דער פריה בין איך ווידער אויפגעשטאנען און האב גענומען דעם אלטען ענגלישען פלאג אין דיא הענד. איך בין ארויפגעקראכען אויפ'ן בערגעל און האב געפאכט מיט'ן פלאג. איהר האט עס אבער אויך ניט געזעהן.

ענדליך האבען מיר דערזעהן, אז איהר לאזט אראפ א באָאָט. — מיר זיינען געראטעוועט! — ענדליך קומען דאך צו אונז מענשען. ענדליך וועלען מיר דאך אויסגעלעזט ווערן פון אונזער געפענגניס.

וויא גוט עס איז אונז געווען אויף דער אינזעל, זיינען מיר דאך געווען געפאנגען, ווייט פון גאט און פון מענשען. דער מענש מוז לעבען צווישען מענשען. זיין אליין איז דיא גרעסטע פלאגע, וואס עס קען נור געבען אויף דער וועלט.

מיר זיינען אראפגעלאפען צום ברעג אייך ענטגעגען. איך האב אויסגעשטרעקט דיא הענד צו בעגריסען מענשען און דיא ערשטע זיינען געווען — מיינע קינדער. נאך אזא אויפרעגונג, נאך אזא פרייד איז קיין וואונדער ניט, וואס איך בין געפאלען אין אהנמאכט.

דאס איז געווען דיא גאנצע געשיכטע פון קאפיטאן גראנט. ראבערט און מערי האבען ארומגענומען זייער פאטער און האבען איהם געקושט.

מען האט ווייטער גערעדט פון פערשיעדענע זאכען. יעדער האט געוואלט זעהן, וואו קאפיטאן גראנט האט געוואינט און בעטראכטען דאס לאנד, וואס ער האט בעארבייטעט. מען האט געוואוסט, אז אויף דער „בריטאניא“ זיינען ניט געווען קיין אינסטרומענטען, מיט וואס צו בעארבייטען דיא ערד. קאפיטאן גראנט און זיינע מאטראזען האבען געמוזט גראבען דיא ערד מיט געוועהנליכע אינסטרומענטען: א האַק און א שפאַטען (לאפעטע) דאס איז ניט אזוי לייכט.

קאפיטאן גראנט האט זיי ארומגעפיהרט אין זיין קעניגרייך און האט זיי

אויסגעוויעזען, וואס ער האט געמאכט פון דיעזער פערוואָרפענער און וויסטער אינזעל. ער האט געפלאַנצט ביימער און זיי האבען זיך זעהר גוט אנגענומען. זיי זיינען נאך יעצט געווען יונג. און ער האט פון זיי אפגעריסען דיא בליטהע (צווייג). ער האט געוואוסט, אז ווען מען לאזט ניט בליהען א יונג ביימעלע, וואקסט עס בעסער און ברענגט דער נאך מעהר פריכטע.

דיא גאנצע צייט, וואס קאפיטאן גראנט האט דערצעהלט זיין געשיכטע, האט זיך דער פראָפעסאר ניט אפגערופען א ווארט. ליידי העלענא און דער מאיאר האבען עס ניט געקענט פערשטעהן, וויא קומט עס, וואס דער פראָפעסאר, וועלכער האט שטענדיג ליעב צו רעדען און צו דערצעהלען, זאל אזוי לאנג שווייגען.

ער איז געווען פערטראכט. זיינע געדאנקען זיינען געווען מיט עפעס בעשעפטיגט. — ער האט געטראכט און געקלערט, וויא עס קומט, וואס אין דיא בריעף פון קאפיטאן גראנט, וועלכע זיי האבען געפונען אין פלאַש, איז ניטא קיין ווינק, אז ער געפינט זיך אויף דער אינזעל מאריא טהערעזא.

ענדליך האט ער זיך דאך ניט געקענט איינהאלטען. ער האט אנגענומען קאפיטאן גראנט ביי דער האנד און האט איהם געפרעגט:

— קאפיטאן גראנט, קענט איהר מיר ניט ערקלערן, וואס האט איהר איי-גענטליך אנגעשריעבען אין אייערע בריעף? — מיר האבען זיך געבראכען דעם קאפ איבער זיי, האבען געמאכט אן אומזיסטע רייזע אין זיד אמעריקא, אויסט-ראליען און ניי זעעלאנד, זיינען אויסגעשטאנען אלערליי געפאַהרען — און ביז יעצט בין איך ניט אים שטאַנד צו ערקלערן אייערע בריעף.

אלע זיינען געווארען נייגיעריג צו הערן ענדליך דיא ריכטיגע ערקלערונג פון דיא בריעף. אין דער גאנצער צייט פון זייער רייזע האט יעדער בעזונדער געזוכט אן ערקלערונג און קיינער האט ניט געפונען. יעצט האט יעדער געוואלט וויסען דאס רעטעניש.

— געדענקט איהר, וואס איהר האט געשריעבען אין אייערע בריעף? האט לארד גלענארוואן געפרעגט.

— איך געדענק זעהר גוט, האט קאפיטאן גראנט געענטפערט. — איך האב מיך גוט איבערלעגט, וואס איך זאל שרייבען און האב עס געשריעבען ניט איין מאל. מיר האבען געקענט רעטען פון דער „בריטאניא“ נור צעהן פלעשער. אין פינף פלעשער האב איך אריינגעלעגט בריעף, האב זיי פערקאָרקט, וויא איך האב געקענט און האב זיי אריינגעוואָרפען אין מעער.

— אלזא, קענט איהר אונז זאגען, וואס אין דיא בריעף איז געשטאנען?

— איך קען עס אייך זאגען, ווייל איך געדענק יעדעס ווארט. איך האב אבער געשריעבען מיינע בריעף אין פערשיעדענע שפראַכען. —

— איז דען אין יעדער שפראכע געשטאנען עטוואס אנדערש?

— אין אלע בריעף איז געשטאנען דאסזעלבע, נור יעדער בריעף איז גע-ווען געשריעבען אין אנאנדער שפראבע.

— אלזא, זאגט אונז, וואס האט איהר געשריעבען אין אייער פראנצויזישען בריעף, האט דער פראפעסאר געבעטען. — איך אינטערעסיר מיך זעהר צו וויסען וואס עס איז געשטאנען אין פראנצויזישען בריעף אויס פערשיעדענע אורזאכען. ערשטענס, בין איך א פראנצויז. פראנצויזיש איז מיין מוטער שפראכע. איך פערשטעה זיא דאך בעסער פון אלע אנדערע שפראכען. צווייטענס, איז דאס וואסער פון'ם מעער געווען אזוי העפליך געגען דיא פראנצויזישע שפראכע, אז דער פראנצויזישער בריעף איז געווען דייטליכער פון אלעמען. אין דייטשען בריעף איז גאר ניט געשטאנען. דאס מעער האט אויך פיינט דיא דייטשען. וואהרשיינליך, איז דא וואס פיינט צו האבען. — דריטענס, וויל דער פראנצויזישער בריעף האט אונז אייגענטליך ארומגעפיהרט ארום דער וועלט.

— גוט! האט קאפיטאן גראנט געזאגט. איך וועל אייך איבערזאגען ווארט פאר ווארט, וואס איך האב געשריעבען אין מיין פראנצויזישען בריעף.

„דעם 27טען יוני 1862 איז דיא שיף מיט דריי זעגעלבוימער מיט'ן נאמען „בריטאניא“, אונטערגעגאנגען אין זידליכען וועלט מעער, פופצעהן הונדערט מייל ווייט פון פ א ט א ג א נ י ע ן. קאפיטאן גראנט און צוויי מאטראזען האבען זיך געראטעוועט אויף דער אינזעל טאבאר. זיי געפינען זיך אין דער נויט און האבען אריינגעווארפען דיעזע דאקומענטען אין וואסער. אויפ'ן 37טען גראד דיא ברייט און 153 גראד דיא לענג פון דער ערד. — קומט זיי העלפען, ווען ניט, ויינען זיי פערלארען.“

ווען דער פראפעסאר האט דערהערט, וויא קאפיטאן גראנט לעזט: אויף דער אינזעל טאבאר, איז ער אויפגעשפרונגען, וויא א וואהנזיניגער.

— וואס הייסט דאס? האט ער אויסגערופען. איהר האט געשריעבען, אז איהר האט זיך געראטעוועט אויף דער אינזעל טאבאר, איהר האט זיך דאך געראטעוועט אויף דער אינזעל מאריא טהערעזא?

— איהר האט פאלקאמען רעכט, פראפעסאר פאגאנעל, האט קאפיטאן גראנט געענטפערט. אויף דיא דייטשע און ענגלישע לאנדקארטען הייסט דיעזע אינזעל מאריא טהערעזא נאך דער עסטרייכישער קייזערין מאריא טהערעזא. אויף דיא פראנצויזישע לאנדקארטען אבער הייסט זיא „טאבאר“. פראנקרייך איז געווען מיט עסטרייך אין קריעג און דיא פראנצויזען האבען ניט געוואלט א נאמען געבען דיא אינזעל נאך אן עסטרייכישער קייזערין.

איך האב געשריעבען אין פראנצויזישען בריעף דעם פראנצויזישען נאמען „טאבאר“ און אין דעם ענגלישען און דייטשען בריעף האב איך געשריעבען מאריא טהערעזא.

אין דיעזע מינוט האט זיך א שווערע האנד אניעדערגעלעגט אויפ'ן פראפעסארס פלייצע און א פעטע באס שטימע האט געזאגט:

— א שעהנער פראפעסאר! ער איז אליין א פראנצויז און א פראפעסאר פון געאגראפיע אין פאריזער אוניווערזיטעט און ווייס ניט, אז דיעזע אינזעל הייסט אויף פראנצויזיש טאבאר! — הא! הא! הא!

דאס איז געווען דער מאיאר. ער האט שטענדיג בענוצט יעדע געלעגענהייט צו רייצען זיך מיטן פראפעסאר. ער האט זיך יעצט געהאלטען ביי דיא זייטען פאר געלעכטער. דיא אנדערע האבען נור געשפייעלט.

דער פראפעסאר אליין איז אויך געווען זעהר איבערראשט, ווען ער האט איינגעזעהן, וואס פאר א גראבען פעהלער ער האט דא געמאכט. אין פראנצויזישען בריעף איז געשטאנען דייטליך דאסווארט abor. ער האט געדארפט זיך דערמאנען, אז עס איז דא אן אינזעל Tabor. ער האט אבער ביז אהער אלץ ערקלערט, אז דאס ווארט abor מיינט aborder — ארויסגעהן אויפ'ן לאנד. — ער האט פערגעסען, אז אויפ'ן „דונקאן" זיינען געווען נור ענגלישע לאנדקארטען, וואו דיעזע אינזעל הייסט מאריא טהערעזא. יעדעס מאל, ווען לארד גלענארוואן און דיא אנדערע האבען זיך בעראטהען מיט איהם, פלעגען זיי זוכען און קוקען אין דיא ענגלישע לאנדקארטען. דאדורך האט ער אין גאנצען פערגעסען, אז אויף פראנצויזיש הייסט דיא אינזעל אנדערש.

— ניין! האט ער ארויסגערופען פערצווייפעלט. איך האב ניט געטארט מאכען אזא פעהלער!

ער איז ארומגעלאפען, וויא א וואהנזיניגער און האט זיך געריסען דיא האר פונ'ם קאפ.

— איך האב ניט געטאר־ט פערגעסען, אז עס זיינען דא פיעלע אינזלען, וואס האבען צו צוויי און צו דריי נאמען! איך, א פראפעסאר פון געאגראפיע האב עס געדארפט וויסען! — עס איז א שאנדע פאר מיר. איך וועל מיך שעהמען צו ווייזען אין פאריז!

ער האט זיך ווירקליך געשעהמט אויפצוהויבען דיא אויגען.

— בערוהיגט איך, פראפעסאר! האט ליידי העלענא געבעטען. א מענש קען דאך א מאל מאכען א פעהלער. וואס איז אזעלכעס? א מענש קען פערגעסען!

— ניין, מאדאם! האט דער פראפעסאר אויסגעשריען. איך בין ניט קיין פראפעסאר. איך בין אן עזעל! —

— און זאגאר ניט קיין געלערנטער עזעל, האט דער מאיאר צוגעלעגט א ווארט אום איהם אביסעל צו טרייסטען.

לארד גלענארוואן האט אנגענומען דעם מאיאר ביי דער האנד און האט איהם געגעבען א צייכען, ער זאל שווייגען. ער האט מיטלייד געהאט מיט'ן ארימען פראפעסאר, וועלכען עס האט אזוי געקרענקט, וואס ער האט פערגעסען אזא קלייניגקייט.

— יעצט, פערשטעהן מיר ערשט דיא בריעף, האט ער געזאגט אום צו רעדען פון עפעס אנדערש. ליידי העלענא האט ווירקליך דערראטהען, אז דאס ווארט agonie מיינט מען [illegible]. דער פראפעסאר האט [illegible] ערקלערט דאס ווארט .ind, אז מען מיינט ניט אינדיאנער, נאנדערן indigence [illegible], עלענד. מען

האט אלעס ערקלערט, אלעס פערשטאנען און דאך האט מען ניט געקענט וויסען, וואו דיא „בריטאניא“ האט געליטען שיפברוך.

אזוי זיינען מיר שוין מענשען. מיר מיינען, אז מיר קענען אלעס, אז מיר פערשטעהן און ווייסען; ווען עס קומט צו עפעס וויכטיגעס, זעהן מיר, אז מיר ווייסען גאר נישט.

מען האט נאך גערעדט פון פערשיעדענע זאכען, ביז צוויי אוהר נאכמיטאג, ווען לארד גלענארוואן האט ערקלערט, אז עס איז צייט צו פאהרען צוריק אויפ'ן „דונקאן“.

— איך מיין, אז מיר קענען נאך היינט אנהויבען אונזער רייזע אהיים, האט ער געזאגט. וואס וועלען מיר דא אויסזיצען?

אלע האבען זיך אויפגעהויבען. קאפיטאן גראנט און זיינע מאטראזען האבען געמאכט אן ארדנונג אין זייער הויז. דיא מאטראזען האבען געוואלט מיטנעהמען אייניגע זאכען פון דער אינזעל. קאפיטאן גראנט אבער האט זיי ניט דערלאזען.

— איהר פערגעסט, אז מיר לאזען איבער א מענשען אויף דער אינזעל. אויב ער איז שולדיג אדער אונשולדיג, איז אנאנדערע פראגע. ער איז אבער א מענש, לאז ער האבען אלע אינסטרומענטען און אלע זאכען, וועלכע זיינען אונז אזוי צוניץ געקומען.

באלד האבען זיך אלע ווידער אריינגעזעצט אין באאט און זיינען געפאהרען צום „דונקאן“. קאפיטאן גראנט האט אלץ געקוקט אויף דיא אינזעל. ער האט פון איהר אבשיעד גענומען. אין דער לעצטער מינוט, ווען ער האט געפיהלט, אז ער פאהרט שוין פון איהר אוועק אויף אייביג, האט עס איהם פארקלעמט ביים הארצען.

מען דערצעהלט, אז ארעסטאנטען, וועלכע זיצען אוועק יאהרענלאנג אין א געפענגניס, פיהלען זיך זעהר שלעכט, ווען מען לאזט זיי ארויס. עטליכע טאג נאך דעם געהען זיי ארום זייער געפענגניס, גלייך וויא עס וואלט זיי באנק געטהאן אוועקצוגעהן פון דארט.

קוים איז מען אנגעקומען אויפ'ן „דונקאן“, האט לארד גלענארוואן געהייסען ארויפברענגען אייערטאנען. ווען מען האט איהם ארויפגעבראכט פון זיין קאיוטע, איז ער גערארע אויסגעקומען אנגעזיכט נעגען אנגעזיכט מיט קאפיטאן גראנט.

— איך בין עס, אייערטאן! האט קאפיטאן גראנט גשאנט רוהיג.

— איך זעה, אז איהר זייט עס, קאפיטאן, האט אייערטאן געענטפערט קאלטבלוטיג, וויא מען רעדט צו אן אלטען בעקאנטען. — יא, עס טהוט מיר ניט לייד, וואס איך זעה אייך ווידער פריש און געזונד.

— וויא עס ווייזט אויס, האב איך געמאכט א פעהלער, וואס איך האב דיך אבגעזעצט אויף אן אונבעוואוינטען ברעג אין אויסטראליען, האט קאפיטאן גראנט ווייטער געזאגט.

— עס ווייזט אויס אזוי, האט אייערטאן געענטפערט אין דעמזעלבען טאָן.
— איך לאז דיר איבער מיין הויז און מיין גארטען אויף דיעזער אינזעל. איך האף, אז דא וועסט דוא צייט האבען צו דענקען, אז דוא האסט געפיהרט א שלעכטעס און ווילדעס לעבען.
— געוויס, וועל איך צייט האבען.
יעצט איז צוגעקומען לארד גלענארוואן. ער האט זיך געווענדעט צו אייערטאנען און האט איהם געפרעגט:
— ווילסט דוא נאך אלץ בלייבען אליין אויף אן אינזעל?
— יא, מילארד.
— ווילסט דוא בלייבען אויף דער אינזעל מאריא טהערעזא?
יא, מילארד.
— אלזא, הער מיך אויס, אייערטאן, האט לארד גלענארוואן געזאגט ערנסט און שטרענג. — דוא בלייבסט דא גאנץ אליין, ווייט פון מענשען, ווייט פון יעדער פערבינדונג מיט מענשען. דוא קענסט ניט האָפען, אז עס וועט געשעהן א וואונדער, עס וועט צוקומען א שיף און וועט דיך ארויסנעהמען. — מיין אבער ניט, אז דוא ביסט דא פערלארען און פערגעסען. — דוא ביסט עס ווערטה, איך קען אבער ניט אנדערש. איך וויים, וואו דוא ביסט און קען ניט פערגעסען אן דיר. — ביי דער ערשטער געלעגענהייט וועל איך דיך בעזוכען. מעגליך, אז איך וועל דיך אמאָל צוריקנעהמען קיין ענגלאנד. זאלסט לעבען, וויא אלע מענשען. — מעגליך, אז איך וועל אמאל ארויסשיקען אהער עטליכע פאמיליען. —
— איך דאנק אייך, מילארד! האט אייערטאן געענטפערט.
דאס זיינען געווען דיא לעצטע ווערטער, וואס לארד גלענארוואן און אייערטאן האבען גערעדט מיט אנאנדער.
דאס באָאָט איז געשטאנען בערייט איהם אויפצונעהמען. לארד גלענארוואן האט געהייסען איהם ארופפיהרען אין באָאָט. מען האט פון איהם אראפגענומען דיא קייטען און מען האט איהם געהייסען זיך ארפלאזען אין באָאָט. לארד גלענארוואן האט ווייטער געהייסען איהם ארפלאזען אין באָאָט איינינע קעסטליך מיט עסענוואַרג, מיט קליידער, מיט פולווער און קוילען און זאגאר איינינע ביכער. ער האט געוואלט, אז אייערטאן זאל פיהרען אויף זיין אינזעל א ניצליכעס לעבען.
אלע האבען זיך פערזאמעלט אויפ'ן דעק זעהן, וויא אייערטאן וועט אוועקפאהרען אויף זיין אינזעל. אלע זיינען געווען גערירט. וויא שלעכט אייערטאן איז געווען, האבען זיי דאך יעצט געפיהלט מיטלייד מיט איהם. — בלייבען איין מענש אליין אויף איין אונבעוואוינטע אינזעל, איז דאך ניט גאנץ אנגענעהם.
בעזאנדערס אויפגערעגט זיינען געווען דיא דאמען. ליידי העלענא האט זיך ניט געקענט איינהאלטען.
— מוז עס זיין, עדווארד? האט זיא געפרעגט איהר מאן. — מוזט דוא איבערלאזען דיעזען אונגליקליכען דא?

— ליידער, מח איך עס טהאן, העלענא, האט לארד גלענארוואן געענט־פערט טרויעריג. קאפיטאן גראנט האט איהם ארויסגעזעצט אין אויסטראליען, ווא האסט געזעהן, וואס ער האט דארט געטהאן.

קאפיטאן פארראגוט און פיער מאטראזען זיינען געשטאנען אין באָאט לעבען אייערטאנען. דיא מאטראזען האבען זיך אניעדערגעזעצט און האבען גע־נומען זייערע רודער אין דיא הענד. דאס באָאט האט זיך גערירהט פון'ם אָרט. אייערטאן איז דיא גאנצע צייט געשטאַנען. ווען דאס באָאט האט אנגעהויבען צו געהן, האט ער אראפגענומען זיין הוט און האט זיך פערנייגט. אלע אויפ'ן שיף האבען אראפגענומען זייערע היטע און האבען איהם געווינקען דעם לעצ־טען אדיע.

קוים איז דאס באָאט צוגעקומען צום ברעג פון דער אינזעל, איז אייערטאן ארויפגעשפרונגען אויף דיא אינזעל. דיא מאטראזען האבען ארויסגעטראגען דיא קאַסטענס מיט פראוויאַנט און מיט קליידער און האבען זיי ארויסגעשטעלט אויפ'ן ברעג. קיינער האט ניט גערעדט א ווארט.

דאס באָאט איז באלד צוריק געפאהרען צום „דונקאן".

אויפ'ן דעק פון'ם „דונקאן" זיינען אלע געשטאנען און האבען געקוקט אויף דיא אינזעל. זיי האבען געזעהן, וויא אייערטאן איז ארויסגעשפרונגען אויף דיא אינזעל; וויא ער איז ארויפגעקלעטערט אויף א הויכען שטיין, האט זיך אניע־דערגעשטעלט גלייך, וויא א מארמאָר זייל, האט פערלעגט דיא הענד אויפ'ן הארצען און האט געקוקט אויף דעם „דונקאַן".

קוים איז קאפיטאַן פארראגוט ארויפגעקומען אויפ'ן דעק, האט ער געפרעגט לארד גלענערוואן.

— זאל איך הייסען פאהרען?

— געוויס! האט לארד גלענארוואן געענטפערט האַסטיג.

ער איז געווען זעהר אויפגערעגט. עס האט איהם וועה געטהאן, וואס ער האט געמוזט לאזען א מענשען גאנץ אליין אויף א אינזעל.

— פארווערטס! האט קאמאנדירט קאפיטאן פארראגוט.

דער קוימען פון'ם „דונקאן" האט אנגעהויבען ארויסצולאזען א געדיכטען שווארצען רויך. דיא שרויבע האט אנגעהויבען צו שניידען דיא וואסערן פון'ם וועלט מעער. שנעלער און שנעלער האט זיך דער „דונקאַן" געגליטשט אויף דיא וואסערן, אין א קורצע צייט ארום איז דיא אינזעל מאריא טהערעזא אדער טאַ־באָר פערשוואונדען און אונזערע רייזענדע האבען ווידער געזעהן פאר זיך נור הימעל און וואסער.

22טעס קאפיטעל.

דעם פראפעסאר'ס לעצטער פעהלער.

דאס וועטער איז געווען שעהן און וואַרם. אלע זיינען געווען אויפ'ן דעק. לארד גלענארוואן האט זיך בעראטהען מיט קאפיטאן גראנט, אויף וואס פאר א וועג זיי זאלען פאהרען אהיים.

— ווען מיר פאהרען יעצט קיין אמעריקא, ווע̇לען מיר מאכען א רייזע ארום דער וועלט, האט ער געזאגט. ווען מיר פאהרען אבער צוריק איבער אויסטראַליען, וועט אונז פעהלען עטליכע הונדערט מייל צו א רייזע ארום דיא וועלט. — זאגט אייער מיינונג, קאפּיטאן גראנט. אייך צו ליעב וועל איך פאהרען מעהר עטליכע הונדערט מייל.

— ניין, מילארד, האט קאפּיטאן גראנט געענטפערט. מיר צו ליעב דארפט איהר ניט פאהרען ניט א האלבע מייל מעהר, וויא עס איז נעטהיג. דא האנדעלט זיך ניט וועגען מיר. איך בין גליקליך, וואס איך האב מיינע קינדער און בין בערייט צו פאהרען זאגאר צום זיד פאל. — יעצט, ווען איהר האט דערגרייכט דעם צוועק פון אייער רייזע, האנדעלט זיך עס, איהר זאלט ווירקליך מאכען א רייזע ארום דער וועלט.

— צו וועלכען צוועק זאלען מיר עס יעצט טהאן? האט לארד גלענארוואן געפרעגט.

— א רייזע ארום דיא וועלט איז וויכטיג פאר יעדען, האט קאפּיטאן גראנט געענטפערט. — א רייזע ארום דיא וועלט איז וויכטיג פארן געלערנטען, ווייל אויף אזא רייזע האט ער דיא געלעגענהייט צו פערגלייכען, וואס ער האט געלערנט און געלעזען אין ביכער מיט דעם, וואס ער זעהט מיט דיא אויגען. וויא גוט א בוך זאל אונז ניט ערקלערן א זאַך, מיר פערשטעהן עס דאך בעסער, ווען מיר זעהן עס מיט דיא אויגען. ווער עס האט ניט דורכגעלעבט א שטורם אויפ'ן מעער און האט אליין ניט געקעמפפט מיט דיא וועללען (כוואַליעס), דער וועט איהם קיין מאָל ניט פערשטעהן. — דער געלערנטער לערנט ערשט אויף דער רייזע אלעס, וואס ער האט געלעזען אין דיא ביכער.

דיא גרעסטע געלערנטע, וויא הומבאלדט, דארווין, באנפלאן, האקסליי און אנדערע, האבען געמאכט לאנגע רייזען און האבען אנגעשריעבען זייערע בעריהמטע ווערקע ערשט, ווען זיי זיינען צוריק געקומען פון זייערע רייזען. —

א רייזע ארום דיא וועלט איז וויכטיג פארן קויפמאן. אויף דער רייזע לערנט ער, פון וואַנען זיינע וואַארע קומען, וואו זיי ווערן געמאכט, וויא אזוי זיי ווערן געמאכט, וויא אזוי זיי ווערן פערפאַקט, וויא אזוי זיי ווערן פערשיקט און וויא אזוי זיי ווערן געברויכט.

א רייזע ארום דער וועלט איז וויכטיג פארן לאנדסמאן, פארן פארמער און פארן בויער. פון אזא רייזע לערנט ער, אז עס געפינען זיך אויף דער וועלט אנדערע גראזען, אנדערע פריכטע און אנדערע ווארצלען, וועלכע דער מענש קען געברויכען.

דער קאפע בוים האט אמאל — ערשט מיט א פאר הונדערט יאהר צוריק — געוואקסען נור אין אראביען. קיינער האט פון איהם ניט געוואוסט, קיינער האט קיין קאַפע ניט געברויכט — עס איז געווען א זעלטענהייט. א רייזענדער האט מיטגעבראכט עטליכע קערנער קאפע און האט זיי פראבירט פלאנצען אין זיד אמעריקא, אין בראזיליען און אין אנדערע געגענדען. היינט זיינען עטליכע מיליאָ-

דער אקער לאנד בעדעקט מיט קאפע פלאנטאציאנען, וועלכע גיעבען מיליאָנען מענשען מיטעל צו לעבען און צו עקסיסטירען.

דער כינא בוים איז אמאָל געוואקסען נור אין גאנץ ווילדע וועלדער פון פערן און עקוואדאר. היינט האט מען איהם געפלאנצט אין אינדיען, אויף דער אינזעל יאַוואַ און אויף דער אינזעל ציילאָן.

איך וואלט אייך געקענט ברענגען א מאַסע אזעלכע ביישפיעלע, איך מיין אבער, אז איהר ווייסט פון זיי, מילארד, און איך דארף אייך ניט דערצעהלען.

א רייזע ארום דער וועלט איז וויכטיג פאר יעדען, זאגאר פארן ארימסטען ארבייטער. ווען ער איז ניט אים שטאנד צו מאכען א רייזע ארום דיא וועלט, זאל ער וועניגסטענס לעזען א ר י י ז ע ארום דיא וועלט. דאס וועט איהם פער-שאפען פערגניגען און ערהאָלונג נאך זיין ארבייט. ער וועט זיך בעקענען מיט אנדערע מענשען, אנדערע פעלקער, אנדערע לענדער, אנדערע זיטען (מנהגים) און אנדערע אויפפיהרונגען.

דער איינפאַכסטער מענש, דער וואס האט זאגאר גאר ניט געלערנט, הייבט אן צו פערשטעהן פיעלע זאכען, פון וועלכע ער האט ביז אהער קיין בע-גריף ניט געהאט; ער הייבט זיך אן צו קוקען צו זיין אייגענעם לעבען, צו זיינע געוואהנהייטען, צו דיא זאכען, וואס ער גלויבט אדער גלויבט ניט, און הויבט אן צו פערשטעהן, פון וואנען זיי שטאַמען, פון וואנען מיר האבען זיי איבערגע-גענומען.

זייט מיר האבען זיך בעקענט מיט דיא ווילדע מענשען אין אפריקא, אמע-ריקא און אויסטראַליען, האבען מיר בעקומען א גאנץ אנדערן בעגריף פון דער וועלט און גאנץ אנדערע אידעען איבער דעם מענשען.

דיא וועלט איז א גרויסעס, גרויסעס בוך מיט טויזענדער בלעטער. קלאָר און דייטליך איז דיא שריפט, יעדער בוכשטאַב איז אזוי גרויס, אז א בלינדער קען איהם אנטאַפּען. מען מוז אבער לעזען דיזע בלעטער. ווען מען לעזט אי-בער איין בלעטעל, מוז מען עס איבערקעהרען און לעזען דאס אנדערע בלעטעל.

וואס קען וויסען דער מענש, וועלכער האט איבערגעלעזען נור איין איינ-ציג בלעטעל? וואס קען קענען דער מענש, וועלכער איז קיין מאל ניט ארויס-געפאהרען פון דיא ענגע גאסען פון זיין שטאדט?

איך ווייס, מילארד, אז איהר האט זעהר פיעל געלערנט אויף אייער רייזע; מיינע קינדער האבען מיר דערצעהלט, וואו איהר זייט אויסגעווען און וואס איהר האט אויסגעליטען — און דאך זייט איהר דאך אלץ געפאהרען נור אויף איין ליניע, אויפ'ן 37טען גראד! (פאַראַלעל) פערגעסט ניט, אז דיא וועלט איז איינ-געטהיילט אין 90 גראַדען אדער פאַראַלעלען. — ענדיגט וועניגסטענס דיזען איינציגען גראַד, פאהרט וויטער, ווייסט, אז איהר האט געמאכט א ר י י ז ע ארום דיא וועלט!

קאפיטאן גראנט האט געענדיגט זיין רעדע און האט געשוויגען. לארד גלענארוואן האט זיך אויף פערטראכט. איניגע מינוטען האבען אלע געשוויגען.

— נו, און וואס זאגט איהר, פראפעסאר? האט לארד גלענארוואן פלוצלונג געפרעגט.

— איך? האט דער פראפעסאר אויסגערופען — הייסט אויסדרעהן דעם „דונקאן“, מיר זאלען יעצט מאכען א רייזע ארום דער וועלט אויפ׳ן 38טען גראד, אויפ׳ן 39טען גראד, אויף וואס פאר א גראד איהר ווילט, און איך וועל אייך דאנקען. — זייט איך האב פערזוכט דיא געזונטע, ריינע פרישע לופט פון דיא וועלדער אין אויסטראליען און פון דיא פאמפאס אין זיד אמעריקא, ווייס איך ניט, וויא אזוי איך וועל יעצט קענען לעבען אין א שטויביגער, שמוציגער און פעררויכערטער גרויסער שטאדט פון אונזער ציוויליזירטען אייראפא. ערשט יעצט, זייט מיר האבען געמאכט אונזער רייזע, הייב איך אן צו פערשטעהן, וואס פאר א נוצען דאס רייזען ברענגט. איך וואלט יעצט געטהאן נור איין זאך — איך וואלט נור גערייזט.

איך פערשטעה ערשט יעצט, וויא אזוי דיא געלערנטע: דוד ליווינגסטאן, בארטה, פאגעל, יונקער און פיעלע אנדערע האבען געקענט פערברענגען זייער גאנצעם לעבען אין רייזען אין דיא ווילדעסטע געגענדען פון אפריקא: איך פיהל יעצט, וואס עס האט געצויגען דיא ענגלישע רייזענדע ראסס, פעררי, מעק קלינטאק, מעק קלעלאן, סער דזשאן פראנקלין און דיא רוסישע רייזענדע מיקלוכא — מאק-לאי און פזשעבילסקי צו פערברענגען יאהרען לאנג צווישען דיא ווילדעסטע פעלקער אין דיא ווייטעסטע און אונבעקאנטעסטע געגענדען פון דער וועלט. —

דער פראפעסאר וואלט געוועזען אוועקגערעדט שטונדען לאנג פון אלע בע-ריהמטע רייזענדע פון דער וועלט, ווען לארד גלענארוואן זאל איהם ניט געווען אונטערברעכען.

— אלזא, אזוי בלייבט עס! מיר פאהרען קיין טשילי און ענדיגען אונזערע רייזע ארום דער וועלט.

דאס וועטער איז געוועזען שעהן און ווארים. אלע זיינען געוועזען פרעהליך און צופריעדען אויפ׳ן דעק פון׳ם „דונקאן“. אין פינף טאג ארום זיינען זיי אנגע-קומען קיין טאלקאהואנא, דער זעלבער פארט אין טשילי, פון וואנען לארד גלע-נארוואן מיט זיין פארטיע זיינען מיט אכט מאנאט צוריק ארויסגעפאהרען אויף מויל עזלען זוכען קאפיטאן גראנט אין דיא פאמפאס פון זיד אמעריקא.

אין טאלקאהואנא האבען זיי געמוזט שטעהן עטליכע טעג. זיי האבען גע-מוזט זיך אנגרייטען קוילען און פראוויאנט אויף דער רייזע אהיים.

מיט גאנץ אנדערע געפיהלע זיינען זיי יעצט אראפגעגאנגען פון׳ם „דונקאן“ און זיינען געגאנגען אין שטאדט אריין איינקויפען פערשיעדענע ארטיקעל. מיט אכט מאנאטע צוריק זיינען זיי געוועזען אין דער זעלבער שטאדט. דאמאלס הא-בען זיי אויך געקויפט פראוויאנט און נעטהיגע ארטיקעל. דאמאלס אבער הא-בען זיי זיך געלאזען אין א לאנגע רייזע. דאמאלס האבען זיי ניט געוואוסט, וואוהין זיי רייזען און אויב זיי וועלען דערגרייכען דעם צוועק פון זייער רייזע.— יעצט זיינען זיי געפאהרען אהיים. זיי האבען געפונען, וואס זיי האבען געזוכט!

דריא עטליכע טעג, וואס זיי האבען פערבראכט אין טאלקאהואנא זיינען געווען פייערטעג. דער ענגלישער קאנסול איז געקומען זיי בעזוכען. זיי האבען איהם דערצעהלט פיעלעס, וואס האט מיט זיי פאסירט אויף דער רייזע און ער האט עס באלד טעלעגראפירט קיין לאנדאן.

ווען זיי האבען איינגעקויפט אלעס נעטהיגע, זיינען זיי ווידער געפאהרען אויפין זעלבען וועג, וואס זיי זיינען שוין איינמאל געפאהרען — ארום זיד אמעריקא. זיי זיינען יעצט צום צווייטען מאל פארביי געפאהרען פאטאגאניען און דיא פייערלאנד׳ס אינזלען.

דער פראפעסאר האט זעהר געוואלט אראפגעהן און פערברענגען עטליכע טעג אויף פייערלאנד. ליידי העלענא אבער האט שוין געוואלט זיין אין דערהיים און האט איהם ניט געלאזען.

באלד זיינען זיי פארביי געפאהרען ארגענטיניען און איהר הויפט שטאדט, בועאנאס אייערעס. זיי האבען זיך אבער דארט אויך ניט אפגעשטעלט.

ווייטער און ווייטער איז געשוואומען דער „דונקאן" אויף דיא גרינע, קלארע וואסערן פון׳ם אטלאנטישען וועלט מעער. דיא רייזע איז געווען זעהר א גליקליכע.

איין זאך האט דער מאיאר ניט געקענט פערשטעהן. ווען ער האט זיך צוגעקוקט צום פראפעסאר, האט ער געזעהן, אז ער געהט שטענדיג פערבונדען דעם האלז. מען איז פאראיבער געפאהרען דעם עקוואטאר — דיא הייסעסטע געגענד אין דער וועלט. דיא היץ אויפין „דונקאן" איז געווען אזוי שטארק, אז אלע זיינען געגאנגען אין הויזען העמדער. דיא מאטראזען האבען זיך געמוזט אפגיעסען צוויי — דריי מאל אין טאג מיט וואסער. דיא ברעטער פון׳ם „דונקאן" זיינען געווען הייס. דיא נעגעל און דיא אייזענס האבען געברענט. — דער פראפעסאר איז שטענדיג געגאנגען פערבונדען דעם האלז און אזוי פערוויקעלט, אז מען האט זיין קערפער ניט געקענט ארויסזעהן.

דער מאיאר האט געזעהן, אז דאס איז ניט אומזיסט. ער האט פראבירט אלע מעגליכע קונסט שטיקע, אז דער פראפעסאר זאל זיך אפוויקלען. — עס האט ניט געהאלפען.

איין טאג, ווען דיא היץ איז געווען שרעקליך, אז עס איז געווען אונמעגליך איינצושטעהן אויפין דעק, האט דער מאיאר דערזעהן, וויא דער פראפעסאר לויפט דורך דעם דעק צום וואסער בעהאלטער. ער איז אבער געווען פערדעקט און פערוויקעלט, וויא געוועהנליך.

— נו! האט דער מאיאר געזאגט צו ליידי העלענא. מיר דאכט, אז אונזער פראפעסאר האט ווידער געמאכט א פעהלער. ער איז אזוי צערשטרייט, אז ער מיינט, ער איז יעצט אין סיביר אדער אויפין אייז מעער. — מיר דאכט, אז ער פיהלט גאר ניט דיא היץ.

— לאזט איהם צו רוה, דעם ארימען פראפעסאר! האט ליידי העלענא

געבעטען. איך וואלט יעצט פיעל צופריעדענער געווען מיט א שטיקעל אייז אין ריעזער ברענענדער היץ, אלס מיט אלע זאכען, וואס מיר האבען.

— דער פראפעסאר וועט אונז מאכען אייז, האט דער מאיאר געענטפערט. ער האט באלד אנגעהויבען צו שרייען:

— פראפעסאר! פאגאנעל! וואו זייט איהר? קומט נור אהער!

דער פראפעסאר איז ארויסגעקומען פון׳ם רעזערוואואר. ער האט זיך דארט אפגעגאסען מיט וואסער.

— נו, וואס ווילט איהר, מאיאר?

— אייז, פראפעסאר! — מאכט אונז אייז! מיר האבען אלעס אנגעגרייט אויף דער רייזע, נור אייז האבען מיר ניט געקענט אנגרייטען, ווייל אין טאל־קאהואנא איז קיין אייז ניט געווען.

— איהר זייט אזוי אויך קאלט, איהר דארפט ניט קיין אייז, האט דער פראפעסאר געשפאסט.

— איך בין קאלט און גאה אין א הוילען העמד, איהר אבער מיינט, אז איהר זייט יעצט אין יאקוטסק אדער אין בעריאזאוו. איהר געהט אזוי פערוויקעלט און פערהילעט, גלייך וויא עס וואלט געווען יעצט ווינטער.

ליידי העלענא האט זיך געוויעזען אין דער טהיר פון איהר קאיוטע.

— הערט איהם ניט, פראפעסאר, האט זיא געשפאסט. ער וויים ניט, וואס ער רעדט. ווען עס איז אבער מעגליך, מאכט אונז אביסעל אייז. איך האב גע־הערט, אז מען מאכט היינט קינסטליכעס אייז אין פאריז.

— געוויס, געוויס! האט דער פראפעסאר געענטפערט. ווען קאפיטאן פאררגוט איז געווען אזוי פארזיכטיג און האט מיט זיך מיטגענומען א קאנ־דענסאטאר (אזא מאשין) וועל איך אייך באלד מאכען אייז.

קאפיטאן פאררגוט האט געהאט מיט זיך אזא מאשין. אין דער קליינער אפטהעק, וואס לארד גלענארוואן האט מיטגענומען אויף דער רייזע, זיינען געווען דיא נעטהיגע מאטעריאלען צו מאכען אייז.

דער פראפעסאר האט זיך באלד גענומען צו דער ארבייט. אין א קורצע צייט ארום האט ער ארויסגענומען פון׳ם קאנדענסאטאר גרויסע שטיקער, ריינעם, קלארען אייז.

— נו? וואס זאגט איהר יעצט, ריטשארדסאן? האט ליידי העלענא געפרעגט דעם מאיאר. וועט איהר נאך לאכען פון׳ם פראפעסאר?

— געוויס! איך בין זיכער, אז דאס אנדערע מאל, ווען ער וועט וועלען מאכען אייז, וועט ער ארויסנעהמען פון׳ם קאנדענסאטאר הייסע קוילען.

באלד זיינען זיי אריבערגעפאהרען דעם עקוואטאר און דיא לופט איז גע־ווארען קיהלער. יעצט זיינען זיי שוין געווען אין געגענדען, וואו מען טרעפט ועהר אפט שיפען, וועלכע געהן קיין אמעריקא און פון אמעריקא. זיי האבען געפיהלט, אז זיי זיינען שוין וויעדער אין א ציוויליזירטע וועלט, צווישען ציווי־

ליזירטע מענשען. זיי האבען אפּט בעגעגענט בעקאנטע שיפען און האבען זיי געגריסט.

ענדליך דעם 10טען מאי האבען זיי דערזעהן פון וויטען דיא בערג פון זייער היים — פון שאָטלאנד. דעם 11טען מאי זיינען זיי אריינגעפאהרען אין טייך קלאַיד און דער „דונקאַן״ האט באלד אראפּגעלאזען דעם אנקער.

אויפ'ן דאק האבען זיך פערזאמעלט א גרויסע מענגע מענשען צו בעגריסען אונזערע רייזענדע, וועלכע קומען ערשט פון אזא זאנדערבאַרע רייזע ארום דער וועלט.

דער ענגלישער קאנסול אין טשילי האט שוין פריהער טעלעגראפירט קיין ענגלאנד, אז לארד גלענארוואן האט ענדליך געפונען דעם קאפּיטאן גראנט. דיעזע נאכריכט האבען באלד אלע צייטונגען צוטראגען איבער גאנץ ענגלאנד, שאָטלאַנד און אירלאנד. פיעלע שיפען, וועלכע האבען בעגעגענט דעם „דונקאַן״ אויפ'ן וועג און זיינען אנגעקומען פריהער פאר איהם, האבען דערצעהלט, אז ער דארף באלד אנקומען. אלע האבען אויף איהם געוואַרט מיט אונגעדולד און ווען ער איז אנגעקומען אין'ם פארט פון גלאזגא, האט זיך פערזאמעלט אויפ'ן ברעג אן אונגעהייערע מענגע מענשען.

קוים האט קאפּיטאן פאררהגוט געהייסען ארויסווארפען דאס בריקעל פאר זיינע פאסאזשירען, איז געווארען א געשריי און א ליאַרם.

— הורראה! האט מען געשריען.

טאַשענטיכער האבען זיך בעוועגט אין דיא הענד פון דאמען, דיא הערען האבען געגריסט מיט זייערע היטע. יעדער האט געוואלט זעהן לארד גלענארוואן און איהם בעגריסען. פיעלע אלטע מאטראזען און שיפס קאפּיטאנע האבען געוואלט זעהן קאפּיטאן גראנט.

לארד גלענארוואן האט אבער ניט געוואלט קיין עהרע. קוים האט ער דערזעהן דיא מענגע, האט ער ארויסגעשיקט א מאַטראז, ער זאל איהם ברענגען קארעטעס.

דעם 11טען מאי אום 2 אוהר נאך מיטאג זיינען זיי אלע ענדליך צוריק געקומען אין זייער אלטען שלאס מאלקאלם. דא איז אויך געשטאנען א גרויסע מענגע מענשען, אבער מייסטענס פריינדע און בעקאנטע.

לארד גלענארוואן, ליידי העלענא און דער מאיאר האבען אלעמען געגריסט זעהר פריינדליך.

מען האט זיך אויסגערוהט עטליכע טעג. דאן האט מען זיך אנגעהויבען איינצוארדענען.

קאפּיטאן פאררהגוט האט געהייראטהעט מערי גראנט. דיא האכצייט איז געווען אין שלאס מאלקאלם. אלע פריינדע און בעקאנטע זיינען געווען איינגעלאַדען אויף דער האכצייט.

דער מאַיאר האט געוואלט פרעהליך מאכען דיא געסט און האט אנגע-

הויבען צו דערצעהלען פֿון'ם פּראָפֿעסאָר פּאגאנעל און דיא פּעהלער, וואס ער האט געמאכט.

דיא ענגלענדער זיינען א מערקווירדיגעס פֿאלק. זיי זיינען אליין זאנדער־לינגע (אונגעוועהנליכע מענשען) און האבען זעהר ליעב א זאנדערלינג. קוים זיינען זיי געוואהר געווארען, אז דער פּראָפֿעסאָר איז אזא זאנדערבאַרער מענש, האט זיך דיא טהיר פֿון'ם שלאָס מאלקאלם ניט פֿערמאכט.

דיא גרעסטע מענער פֿון ענגלאנד זיינען געקומען איהם זעהן און מיט איהם רעדען. דיא צייטונגס שרייבע'ר האבען איהם גאר ניט געלאזט לעבען. אלע צייטונגען זיינען געווען פֿול מיט דערצעהלונגען און בעשרייבונגען פֿון לארד גלענארוואן'ס רייזע ארום דער וועלט און פֿון דיא פֿעהלער, וואס דער פּראָפֿעסאָר פּאגאַנעל האט געמאכט אויף דער רייזע.

דיא ענגלישע דאמען האבען זיך בעזאנדערס אויסגעצייכענט. דיא גרעסטע דאמען פֿון ענגלאנד זיינען געקומען צופֿאהרען זעהן דעם בעריהמטען פּראָפֿעסאָר, רעדען מיט איהם, פּלוידערן און זיך אונטערהאלטען מיט איהם. זאָגאַר דיא קעניגין וויקטאָריאַ האט געוואלט זעהן א מענשען, וועלכער איז אזוי געלערנט און קען מאכען אזעלכע פֿעהלער.

דיא געאָגראַפֿישע געזעלשאַפֿט פֿון ענגלאנד האט איהם געבעטען, ער זאל ווערן איהרער א מיטגליעד און זאל איהר געבען א גענויען בעריכט איבער זיין רייזע ארום דער וועלט.

אין דערזעלבער צייט אבער האט דיא קייזערליכע געאגראַפֿישע געזעל־שאַפֿט פֿון פּאַריז געפֿאָדערט, אז דער פּראָפֿעסאָר פּאגאנעל, וועלכער איז גע־ווען איהר סעקרעטער, זאל איהר געבען זיין בעריכט איבער זיין בעריהמטע רייזע ארום דער וועלט.

דער פּראָפֿעסאָר האט ניט געוואוסט וואס צו טהאן. זיין א מיטגליעד פֿון דער ענגלישען קעניגליכען געאגראַפֿישען געזעלשאַפֿט איז זעהר א גרויסע עהרע, וועלכע פֿיעלע געלערנטע וואלטען זיך געווינשען צו האבען. ניט יעדער אבער קען צוקומען צו אזא עהרע.

פֿון דער אנדערער זייט אבער האט ער ניט געקענט אפּזאגען דיא פֿראַנ־צויזישע קייזערליכע געאגראַפֿישע געזעלשאַפֿט. זיא האט דאך איהם אייגענטליך געשיקט קיין אזיען. ער, דורך זיינע פֿעהלער, האט געמאכט דיא רייזע ארום דער וועלט.

אלזא, וואס טהוט מען?

דער פּראָפֿעסאָר איז געווען פֿערצווייפֿעלט. ער האט זיך קיין עצה ניט געקענט געבען. דערצו נאך האט מען איהם ניט געלאזען פֿיעל טראכטען. קוים האט זיך אנגעהויבען דער טאג, האבען זיך אנגעהויבען וויזיטען און בעזוכע. ווייט מען האט איהם פֿארגעשטעלט פֿאר דער קעניגין וויקטאָריאַ און דיא קעניגין האט איהם געגעבען א גאלדענע מעדאַלע דער פֿאר, וואס ער האט געמעטעט איהרע אונטערטהאנען, האט מען איהם שוין גאר ניט געלאזט רוהען.

צווישען דיא דאַמען, וועלכע האבען אנגעהויבען צו קומען אפט אין שלאָס מאלקאלם, איז געווען דעם מאיאָר'ס א קוזינע מיט'ן נאמען מיס אראבעללא. זיא איז געווען ניט גאנץ יונג, אבער נאך זעהר שעהן און וויא אלע רייכע ענגלענדערינען, אביסעל „עקסצענטריש“. אויף אונזער שפראַכע הייסט עס א זאַנרערלינג (טשודאַטשקאַ).

זיא איז געווען זעהר רייך, איהרע עלטערן האבען איהר איבערגעלאזען א פערמעגען פון 50 טויזענד פונט שטערלינג.

אנפאַנגס איז זיא געקומען אלס גאַסט זעהן דעם מאיאָר און לארד גלענארוואן און זיי בעגריסען נאך אזא לאנגע רייזע. דער מאיאר האט זיא בעקאנט געמאכט מיט'ן פראפעסאר און האט איהר דערצעהלט, דעם פראפעסאר אין דיא אויגען, וואָס פאר א פעהלער ער האט געמאכט און וויא אזוי ער איז צערשטרייט.

מיס אראבעללא האט געפונען, אז האבען פאר א מאַן א צערשטרייטען פראפעסאר איז פיעללייכט גלייכער, אלס האבען פאר א מאן א שטאלצען און ניט צערשטרייטען ענגלישען באראָן. — איהר איז געפעלען דער פראפעסאר מיט זיינע פעהלער און זיא האט זיך אין איהם פערליעבט.

דער פראפעסאר האט געפונען, אז מיס אראבעללא איז זעהר שעהן און האט ליעב געאגראפיע. זיא וואלט אויך שטענדיג גערייזט אויף דער וועלט אום זיך צו בעקענען מיט נייע פעלקער און מיט נייע געגענדען. אזא פרוי וואלט עפאס פאר א פראפעסאר פון געאגראפיע. ער איז אבער געווען שיכטערן און האט עס קיינעם ניט געזאגט.

זייט איהר ערשטען בעזוך אין שלאס מאלקאלם, האט מיס אראבעללא געפונען, אז ביי לארד גלענארוואן און ליידי העלענא איז זעהר אנגענעהם צו פערברענגען דיא צייט און זיא האט אנגעהויבען צו ווערן אן אפטער גאסט אין שלאס.

זיא פלעגט זעהר אפט ארומגעהן שפאַציערן מיט'ן פראפעסאָר שטונדען לאנג איבער בערג און טאהלען. זיי פלעגען אמאל גאנצע טעג אוועקזיצען ביים מעער און רעדען פון געאגראפיע און פון רייזען אין וויטע לענדער.

לארד גלענארוואן און ליידי העלענא האבען זיך וועניג אומגעקוקט אויף דיא צו אָפטע בעזוכע פון מיס אראבעללא. עס איז ביי זיי קיין וואונדער ניט געווען, וואס א יונגע פרוי אינטערעסירט זיך אזוי צו שטודירען געאגראפיע. אין ענגלאנד און אין אמעריקא טרעפט מען זעהר אפט יונגע פרויען, וועלכע לערנען וויסענשאפטען, וואס פאסען זעהר וועניג פאר א פרוי.

מען טרעפט א מאָל מיידלעך, וועלכע לערנען זיך אסטראָנאָמיע און שטעהן אוועק גאנצע נעכט אין אבסערוואטאָריום לעבען טעלעסקאפ, דורך וועלכען זיי שטודירען דיא שטערן. איינינע פרויען האבען זיך זאגאָר אויסגעצייכענט אין דער אסטראנאמיע. זיי האבען ענטדעקט נייע שטערן.

מאיאר ריטשאַרדסאָן איז אבער געווען אַן איינפאַכער מענש. ער האָט געהאַט גערעכענט, אז זיין קוזינע מיס אַראַבעללאַ האָט ווייניגער ליעב דיא געאָגראַפּיע אַלס דעם פּראָפעסאָר פון דער געאָגראַפּיע און ער האָט זיך ענשלאָסען צו פערייניגען דיעזע צוויי מענשען, וועלכע האָבען ביידע אַזוי שטאַרק ליעב געאָגראַפּיע, מיט א גאָלדענעם הייראַטהס רינג, אין א קירכע פאַר א גייסטליכען.

ער האָט פיינר געהאַט פיעל צערעמאָניען. ער איז איין מאָל גלייך אַריינגעגאַנגען צום פּראָפעסאָר און האָט איהם געפרעגט:

— פּראָפעסאָר פאַגאַנעל, ווילט איהר נאָך מאַכען א פעהלער?

דער פּראָפעסאָר האָט איהם אָנגעקוקט ערשטוינט. ער האָט ניט פערשטאַנען וואָס ער מיינט.

— וואָס מיינט איהר, מאיאר ריטשאַרדסאָן? האָט ער איהם געפרעגט.

— איך מיין גאָר ניט, האָט דער מאיאר געענטפערט. איהר זייט געבוירען געוואָרען צו מאַכען פעהלער. איהר מוזט זיי מאַכען. — מאַכט שוין דעם לעצטען גרעסטען פעהלער, וואָס אַזאַ געלערנטער, וויא איהר, קען מאַכען.

— וואָס פאַר א לעצטען פעהלער זאָל איך מאַכען? האָט דער פּראָפעסאָר געפרעגט ערשטוינט.

— הייראַטהעט! האָט דער מאיאר געענטפערט.

דער פּראָפעסאָר איז געווען, וויא צו מישט. ער האָט ניט געוואוסט, וואָס צו ענטפערן.

— וואָס שווייגט איהר, פּראָפעסאָר? האָט דער מאיאר ווייטער געפרעגט.

— געפעלט אייך ניט מיס אַראַבעללאַ?

— אך! זיא געפעלט מיר זעהר, האָט דער פּראָפעסאָר געענטפערט. זיא איז שעהן און קלוג. — זיא איז זאָגאַר צו שעהן. איך וואָלט בעסער געוואָלט, זיא זאָל ניט זיין אַזוי שעהן. — איך וואָלט צופריעדען געווען, זיא זאָל האָבען עפּעס א חסרון.

— וו, זייט רוהיג, פּראָפעסאָר! זיא האָט געוויס גענוג חסרונות. — האָט איהר שוין אמאָל געזעהן א פרוי אָהן חסרונות? — לאָמיר דערפון ניט רעדען. ווען איהר וועט הייראַטהען, וועט איהר שוין אויסגעפינען איהרע חסרונות. —

— אַלזאָ, פּראָפעסאָר, אָפּגעמאַכט! איהר הייראַטהעט מיס אַראַבעללאַ.

— איך קען ניט. — איך וואַג עס ניט. —

— וואָס איז אייך אַזעלכעס, מיין געלערנטער פריינד? האָט זיך דער מאיאר אַביסעל געבייזערט. — קומט, זאָגט מיר, וואָס איז דיא אורזאַכע, פאַר וואָס איהר טראַכט אַזוי לאַנג. איהר ליעבט איינער דעם אַנדערן. דאָס איז גענוג! — הייראַטהעט!

— פערשטעהט איהר, מאיאר, האָט דער פּראָפעסאָר געשטאַמעלט. — איך קען ניט — איך —

דער מאיאר איז געווען אַן ענערגישער מענש. ווען ער האָט זיך צוגעזעצט צו איינעם, האָט מען פון איהם ניט געקענט אַזוי גיך לויז ווערן. ער האָט זיך

אנגעזעצט אזוי שטארק אויפ׳ן פראפעסאר, אז דער ארימער פאגאנעל האט איהם ענדליך געמוזט אויסזאגען זיין סעקרעט.

— עס טהוט מיר לייד אייך צו זאגען, אז איך האב אויף מיין לייב צייבענס, אן וועלכע יעדע פאליציי וועט מיך זעהר לייכט דערקענען.

יעצט האט דער מאיאר אויסגעגלאצט א פאר אויגען. ער האט איהם ניט פערשטאַנען.

— וואס האט איהר מורא פאר א פאליציי? האט ער געפרעגט. איך בין זיכער, אז אין אייער צערשטרייטהייט האט איהר ניט געגנבעט א שטיק אויסטראליען אדער א שטיק ניי זעעלאנד.

— דאס געוויס ניט, האט דער פראפעסאר געענטפערט. — אבער....

— וואס אבער? זאגט, וואס איהר האט צו זאגען! האט דער מאיאר אויסגערופען. מיר זיינען דאך אלטע גוטע פריינד, צווישען אונז דארף קיין סעקרעט ניט זיין.

— וועט איהר מיר שווערן, אז איהר וועט קיינעם ניט אויסזאגען?

— שווערן וועל איך ניט, איך וועל אבער דאך קיינעם ניט זאגען.

דער פראפעסאר האט זיך אפגעבינדען דעם האלז און האט אפגעקנעפעלט זיין העמד.

דער מאיאר האט דערזעהן א זאָנדערבאַרעם בילד. — אויפ׳ן פראפעסארס ברוסט איז געווען אויסגעשטאָכען מיט רויטע פאַרב א גרויסער פויגעל, וועלכער האט געביסען דעם פראפעסאר׳ס הארץ מיט׳ן שנאָבעל און דיא פליגעל האט ער אויסגעשפרייט ביז אויפ׳ן האלז. דער גאנצער פויגעל איז געווען פון רויטער פאַרב, נור דיא אויגען און דער שנאבעל זיינען געווען געמאכט מיט בלויער פאַרב.

דער מאיאָר איז אנפאנגס געווען איבערראַשט. דאן האט ער אנגעהויבען צו לאַכען.

— וויא קומט דאס צו אייך, פראפעסאר? האט ער געפרעגט.

— אין דיא דריי טעג, וואס איך בין געווען געפאַנגען ביי דעם הויפטלינג פון דיא מאַארי, האט דער פראפעסאר דערצעהלט, האט זיך דיעזער ווילדער פירסט אזוי פערליעבט אין מיר, אז ער האט מיך געוואלט צייכענען, איך זאל ניט אנטלויפען. ער האט מיך געבונדען און האט מיך טאַטואירט מיט זיינע אייגענע פירסטליכע הענד.

איך שעהם מיך יעצט צו ווייזען ערגעץ מיט א נאַקעטען האלז. עס איז נאך ווייניג, וואס מען לאכט פון מיר דערפאַר, וואס איך בין אזוי צערשטרייט, זאל מען נאך לאַכען, וואס איך בין טאַטואירט? — דאס, מיין פריינד, איז דיא אורזאַכע, פאר וואס איך קען ניט הייראטהען מיס אראבעללא.

דער מאיאר האט געטראכט איינינע מינוט. פלוצלונג האט ער אנגעכאפט דעם פראפעסאר ביי דער האנד און האט איהם געזאגט:

— נו, פריינד! דאס איז נאך קיין פעהלער ניט. פערקעהרט, ווען מען וועט

דערפֿון געוואהר ווערן, וועט מען אייך נאך מעהר שעצען און אכטען. איהר וועט זיין דער איינציגער פּראָפֿעסאר אויף דער וועלט, וועלכער איז טאַטואירט.

— זייט איהר זיכער, אז דאס וועט ניט זיין קיין חסרון ביי מיס אראבעללא? האט דער פּראָפֿעסאר געפֿרעגט שטילערהייט.

— אזוי זיכער, וויא איך בין זיכער, אז היינט איז טאג.

מיט דיעזע ווערטער איז דער מאיאר ארויסגעגאנגען.

דעם אנדערן טאג האט ער איינגעלאַדען דעם פּראָפֿעסאר צו זיך. מיס אראבעללא איז אויך געווען איינגעלאַדען ביים מאיאַר.

אין צוויי וואכען ארום האט דער פּראָפֿעסאר געהייראטהעט מיס אראבעללא אין דער קירכע פֿון סלאָם מאלקאלם.

דיא קירכע איז געווען פֿערציערט גראַטארטיג. עס זיינען זיך צונויפֿגעקומען זעהר פֿיעל געסט פֿון גאנץ ענגלאנד. דער פּראָפֿעסאר איז געווען אנגעטהאן זעהר רייך, אבער א גרויסער ווייסער קראַגען האט איהם פֿערשטעלט דעם גאַנצען האַלז. — דאס איז געווען דער לעצטער פֿעהלער, וואס ער האט געמאכט.

דער פּראָפֿעסאר האט זיך בעזעצט אין שאטלאנד. מען האט איהם געשריעבען פֿון פּאריז און געבעטען, ער זאל צוריק קומען קיין פֿראנקרייך, ער האט אבער ניט געוואלט. ער האט מורא געהאט, אז מען זאל ניט געוואהר ווערן, אז ער איז טאַטואירט און דיא פֿראנצויזישע צייטונגען, וועלכע זיינען גרויסע בריות צו מאכען קאריקאַטורען, זאלען איהם ניט פֿארשטעללען, וויא ער מאכט פֿעהלער און דיא ווילדע טאַטואירען איהם.

דער מאיאר האט ניט געהאלטען קיין ווארט. ער האט אויסגעזאגט דעם פּראָפֿעסארס געהיימנים. ער האט עס איבערגעגעבען אלס געהיימנים נור לארד גלענארוואן און ליידי העלענא. באלד אבער זיינען דערפֿון געוואהר געווארען קאפּיטאַן פֿאררגוט און זיינע יונגע פֿרוי.

ראבערט גראנט איז ארייננעטרעטען אין א שולע פֿון מאטראזען און זעע לייט. ער לערנט זעהר גוט און זיין פֿאטער האפֿט, אז ער וועט ווערן מיט דער צייט א גרויסער געלערנטער און א גוטער שיפֿס-קאַפּיטאַן.

קאפּיטאַן גראנט איז נאך אלץ בעשעפֿטיגט מיט זיין אידעע צו געפֿינען ערגעץ א גרויס אינזעל, וואו ער זאל קענען גרינדען א קאלאָניע פֿאר שאטלענדער.

אזוי וויא ער האט פֿערלארען מיט דער „בריטאַניא" זיין גאנצעס פֿערמעגען, וויל ער זיך צונויפֿלעגען געלד און קויפֿען אנאנדער שיף. ער איז דאהער ארייננעטרעטען אלס שיפֿס-קאפּיטאַן אויף איינע פֿון דיא גרויסע שיפֿען, וועלכע געהן פֿון גלאזגא קיין ניו יארק און נעהמט א גרויס געהאלט.

לארד גלענארוואן האט געוואלט איהם לייען געלד, ער זאל זין קויפֿען א שיף. קאפּיטאַן גראנט האט עס אבער ניט געוואלט אננעהמען.

— איך מוז אלענפֿאלס וואַרטען, ביז ראבערט וועט אונטערוואקסען, האט ער געזאגט. איך וויל יעצט ניט פֿאהרען אליין. איך וויל, מיין זוהן זאל פֿאהרען

מיט מיר און מיר העלפען. אלזא, מוז איך ווארטען אייניגע יאהר. דערווייל קען איך מיר צונויפלעגען געלד אויף א שיף.

זיין שוויגער זוהן, קאפיטאן פארראגוט, האט איהם געוואלט געבען זיין געלד. ער האט עס אבער אויך ניט געוואלט אננעהמען.

— איהר זייט יונגע לייט, מיינע קינדער, איהר דארפט האבען דאס געלד פאר זיך. איך האב אנגעהויבען צו פיהרען מיין וועלט אלס ארימער מאטראז, האב מיר דערנאך דערווארבען א גרויס פערמעגען. שפעטער האב איך פערלאָרען מיין פערמעגען. — איך וועל מיר ווידער אמאל ערווערבען א פערמעגען.

איידער קאפיטאן גראנט איז אוועקגעפאהרען דאס ערשטע מאל אויף זיין שיף קיין ניו יארק, האט לארד גלענארוואן איינגעלאדען צו זיך אלע זיינע קאמעראדען, וועלכע האבען געמאכט מיט איהם דיא רייזע ארום דער וועלט און האט פון זייערט וועגען געמאכט א מיטאג. זאגאר דיא מאטראזען פון'ם „דונקאן" זיינען געוועזען איינגעלאדען אויפ'ן מיטאג.

ווען מען האט אפגעגעסען, האט לארד גלענארוואן גענומען א באָקאל שאַמפאניער און האט געזאגט:

— איך טרינק אויף דיא געזונדהייט פון אלע מיינע פריינד און בעגלייטער אויף מיין רייזע ארום דיא וועלט! איך האף, אז ווען איך זאל וועלען מאכען נאך א ווייטע רייזע, וועלען מיך דיזעלבע פריינד ווידער בעגלייטען און וועלען ווידער אויסהאלטען מיט מיר אלע שוועריגקייטען פון אזא רייזע.

אלע האבען אויפגעהויבען זייערע גלעזער און האבען אויסגערופען:

— יא, מיר וועלען פאהרען מיט אייך ביז צום עק וועלט!

— וועט איהר איבערלאזען אין דער היים אייער פרוי? האט דער מאיאָר געפרעגט דעם פראפעסאר.

— איך וועל אויך מיט איהם פאהרען, האט מיסיס פאגאנעל געענטפערט פאר איהר מאן.

ווען עס איז שטיל געווארען, האט זיך לארד גלענארוואן געווענדעט צו זיינע פריינד און קאמעראדען.

— מיינע פריינד! איך האב אייך געשטעלט דיזע פראגע ניט אויס נייגיערדע, ניט אום צו פראבירען, אויב איהר ווילט זיך נאך אמאל אונטערווארפען געפאַהרען און ריזקירען מיט אייער לעבען — ניין! דיזע פראגע איז פאר מיר זעהר וויכטיג, ווייל איך דענק ווירקליך אין א קורצער צייט צו מאכען א רייזע צוזאמען מיט קאפיטאן גראנט און זוכען אן אינזעל, וואו מען זאל קענען גרינדען א קאלאניע.

איהר זעהט, מיינע פריינד, אז אין ענגלאנד ווערט דאס לעבען אלע מאל שווערער, אונזערע ארמענהייזער זיינען פול געפאקט מיט ארימע לייט, אונזערע שפיטעלער זיינען שוין צו ענג פאר אונזערע ארימע קראנקע; אין אונזערע וויי־זען הייזער איז שוין ניטא קיין פלאץ פאר דיא קינדער, וועלכע דיא עלטערן

מוזען ארויסווארפען אויף דער גאַס, ווייל זיי זיינען ניט אים שטאַנד ווי ש רערציעהן.

דאס אלטע ענגלאנד איז צו קליין פאר איהר בעפעלקערונג.

וואס וועט זיין דאס ענדע, ווען מיר וועלען ניט אויסזוכען א נייע געגענד, וואוהין אראפצוציהען דיא צו-גרויסע מאסע מענשען. ערגעץ אין א נייע געגענד? מיר מוזען גרינדען ערגעץ א נייע קאלאניע. עס איז נאך דא גענוג פלאַץ אויף דער ערד, וואו מענשען קענען לעבען גליקליך. מען מוז עס נור אויסזוכען.

לאמיר זיך נור אביסעל אויסרוהען פון אונזער איצטיגער רייזע, לאמיר זיך נור גוט פארבערייטען צו דער נייער רייזע. ווען אלעס וועט פערטיג זיין, וועל איך אייך מעלדען.

זייט איהר איינפערשטאַנען מיט מיר? וועט איהר אלע פאהרען מיט מיר?

— אלע! אלע! האבען אלע אנוועזענדע געענטפערט.

— איך דאנק אייך, מיינע פריינד! האט לארד גלענארוואן געזאגט. — לאָמיר זיך שוין אנהויבען פארצובערייטען.

איהר, פראפעסאר, הויבט אן צו זוכען אין אייערע לאנדקאַרטען א געגענד, וואס זאל פאסען אם בעסטען פאר א קאלאניע.

איהר, קאפיטאן פארראגוט, זעהט אויסצובעסערן דעם „דונקאַן“ און בויען א נייע שיף פאר דיא רייזע.

איך וועל פערזארגען אלעס, וואס געהער זיך אן מיט געלד זאכען.

— הורראַה! פאר דיא נייע קאלאניע! הורראַה! פאר דיא נייע רייזע! האבען אלע געשריען מיט איין קול.

מען איז געזעסען ביז שפעט אין דער נאכט און מען האט אפגערעדט אלעס נעטהיגע פאר דיא נייע רייזע.

דעם אנדערן טאג איז קאפיטאן גראנט אוועקגעפאהרען קיין ניו יארק.

דער פראפעסאר האט געמוזט צוליעב טהאן זיין יונגע פרוי און ווערן א מיטגליעד פון דער ענגלישער געאָגראפישער געזעלשאפט.

מען האט איהם פארגעשלאָגען, ער זאל ווערן פראפעסאר אין אקספארד, דיא עלטסטע און בעסטע ענגלישע אוניווערזיטעט. ער האט עס אבער ניט געוואלט אננעהמען, ווייל ער האט געוואלט מאכען א פלאן פאר דיא נייע רייזע.

(ענדע)

לעצטעס קאפּיטעל.
אַנשטאָט א פאָררעדע.

דיא געלבע פראַגע. דיא געלע פּעסט. — The yellow pest.

דאס בוך, וואס איהר האט נור וואס געענדיגט, מיינע לעזער, האב איך איבערארבייט נאך זשול ווערנ'ס א ווערק. איך האב עס ניט נור איבערזעצט, איך האב עס אין גאנצען איבערארבייט און צוגעפּאסט צו היינטיגער צייט און בעזאנדערס פאר דאס אידישע פאלק.

זשול ווערן האט אין זיין ווערק נור בעשריעבען דיא גענענדען, אין וועלכע לארד גלענארוואן מיט זיינע קאמעראדען האבען געררייזט. איך האב אויפמערקזאם געמאכט מיינע לעזער אויף אנאנדערע פראגע — אויף דיא קאָלאָניזאציאָנס פראגע, וועלכע איז אזוי וויכטיג פאר יעדעס פאלק, בעזאנדערס אבער פאר אונז אידען.

דיא קאָלאָניזאציאָנס פראגע בעשטעהט אין פאלגענדעם:

מיט יעדען יאהר קומען צו אלץ מעהר מענשען. עס ווערן מעהר מענשען געבאהרען, וויא עס שטארבען אויס. לאמיר זיך פאָרשטעלען א לאנד פון א מיליאָן איינוואינער. ווען יעדעס יאהר זאל צוקומען איין מענש אויף הונדערט אדער איינס פּראצענט, דארף אין הונדערט יאהר ארום דאס זעלבע לאנד האבען צוויי מיליאן מענשען.

לאמיר אננעהמען דעם ערגסטען פאל, אז יעדעס יאהר קומט צו איין מענש אויף צוויי הונדערט, אדער נור א האלבס פּראצענט, דארף דאס זעלבע לאנד אין צוויי הונדערט יאהר ארום האבען צוויי מיליאָן מענשען, אדער דאפּעלט אזוי פיעל איינוואינער, וויא עס האט געהאט מיט צוויי הונדערט יאהר צוריק.

זא לאנג אין דעם לאנד, וואס מיר האבען גענומען אלס ביישפּיעל, איז געווען נור א מיליאָן איינוואינער, איז פאר אלעמען געווען גענוג פּלאץ. עס איז געווען גענוג לאנד צו בעארבייטען און, וויאפיעל ברויט דאס לאנד האט פּראדוצירט, איז געווען גענוג פאר אלעמען.

יעצט אבער, ווען עס זיינען דא אין לאנד צוויי מיליאן אדער דריי מיליאן איינוואינער, ווערט דאס לאנד צו ענג פאר דיא איינוואינער. זיי האבען זיך שוין ניט, וואו צו ריהרען. דאס לאנד איז ניט אים שטאנד ארויסצוגעבען אזוי פיעל ברויט, אז עס זאל זיין גענוג פאר אלעמען. מען מוז קויפען ברויט (תבואה) פון אנדערע לענדער. דאס געקויפטע ברויט קאסט טהייער. מען מוז בעצאהלען פראכט און אין איינגע לענדער זאגאר צאל (פּאָשלינע).

דאס נעטהיגסטע פארן מענש — ברויט — ווערט טהייער. דאס פאלק איז ניט אים שטאנד עס צו קויפען. עס איז ארים. עס לעבט אין נויט און ליידעט הונגער.

א שלאגענדעס ביישפּיעל אין דיעזער בעציעהונג שטעלט אונז פאר כ י נ א.

כינא איז שטענדיג געווען אן אבגעשלאסענעס לאנד. דיא כינעזען זיינען א זאנדערבארעס פאלק. זיי האבען אנדערע זיטען (מנהגים) און אנאנדער ארט צו לעבען. זיי פעראייניגען זיך ניט מיט אנדערע פעלקער און האלטען זיך פעסט אן זייער לאַנד, כינא, וועלכעס זיי רופען דאס הימעלישע לאנד. כינא איז א גאנץ אלטעס, גוט איינגעאָרדענטעס קייזערטהום.

כינא איז דאס גרעסטע קייזערטהום אין דער וועלט. עס האט מעהר מענשען פון אלע לענדער אין דער וועלט. כינא האט פיער הונדערט מיליאן איינוואינער! דאס איז ניט קיין קלייניגקייט. דאס צווייטע לאנד אין דער וועלט נאך כינא איז רוסלאנד. עס האט ניט מעהר, וויא הונדערט מיט צוואנציג מיליאָן איינוואינער.

ביז 1854 איז זעלטען א כינעזער ארויסגעפאהרען פון כינא. קויפלייטע פלעגען

א מאל מאבען רייזען אויף אייניגע מאנאטע און פלעגען באלד צוריקקומען א היים.

דיא בעפעלקערונג איז געוואקסען מיט יעדעס יאהר. דאס לאנד איז ניט גרע־סער געווארען. עס איז זאגאר קלענער געווארען, ווייל רוסלאנד האט צוגענומען א שטיק לאנד, דאס אמור לאנד (אמורסקי קראי). עס איז געווארען אין בינא אזוי ענג, אז דיא איינוואוינער האבען זיך ניט, וואו אהינצוטהאן.

עס איז געקומען אזוי ווייט, אז מענשען מוזען וואינען אויפ'ן וואסער. זיי בויען אויס א פלאס (פלאט) אויפ'ן וואסער, אויף א טייך אדער אויף א זעע (אזערא) און אויף דעם פלאס שטעלען זיי אויף א הויז אדער א געצעלט. אייניגע, רייכערע, ברענ־גען אויפ'ן פלאס ערד און מאכען זיך א קליינעם גארטען. דיא ערד אבער מוזען זיי גנב'נען, ווייל דיא ערד איז אין בינא זעהר טהייער און מען קען אזוי גיך ניט קריגען קיין ערד.

אין דיא גרויסע שטעדט פון בינא, וויא פעקינג, האנ־קאנג, קאנטאן, אמאי און פוטשטעפו ווארפט זיך דעם פרעמדען אין דיא אויגען א זאנדערבארעס בילד. — לעבען דער שטאדט אויף דער ערד געפינט זיך א צווייטע שטאדט אויפ'ן וואסער. אין ער־טער איז דיא שטאדט אויפ'ן וואסער אזוי גרויס, וויא דיא שטאדט לעבען וואסער. אין אייניגע ערטער איז דיא שטאדט אויפ'ן וואסער זאגאר גרעסער אלס דיא שטאדט לעבען וואסער.

אבער וואס פאר א שטאדט איז עס? וואס פאר א מענשען לעבען דארט? — דאס לאזט זיך ניט בעשרייבען. מען מוז זיין אין בינא און עס זעהן מיט דיא אויגען אום צו האבען א בעגריעף פון אזא שטאדט אויפ'ן וואסער. עס איז אונמעגליך צו בעשרייבען דיא נויט און דיא ארימקייט פון דיא איינוואוינער פון דיזע וואסער שטעדט.

עס איז געקומען אזוי ווייט, אז עלטערן פערקויפען זייערע קינדער פאר א קליי־ניגקייט. פאר א פראנק קען מען קויפען א דריי—פיער יעהריגעס מעדעל אדער איינגעל. קלענערע קינדער קען מען קריגען אומזיסט. ווען עס געפינען זיך ניט קיינע קייפער, טייטען דיא עלטערן זייערע קינדער. (אין בינא איז עס ערלויבט. עס מוז זיין ערלויבט, ווייל זיי האבען ניט פון וואנען זיי צו דערנעהרען.)

דער הונגער צווינגט דעם בינעזען צו טהאן אלע מעגליכע ארבייטען פאר דעם קלענסטען פרייז, וואס מען קען זיך נור דענקען. דער הונגער האט אזוי ווייט געבראכט, אז פאר א בינעזען איז גענוג א הייפעלע רייז אויף א גאנצען טאג.

דער בינעזער עסט זאבען, פון וועלבע דער אייראפעער אדער דער אמעריקאנער וואלט געבראכען מיט דער גרינגער גאל, ווען ער זאל נור א קוק טהאן אויף זיי.

מען קען זיך לייכט פארשטעלען, וואס פאר א פערברעכען דער בינעזער בעגעהט אום צו שטילען דעם הונגער. אין קיין לאנד אין דער וועלט זיינען ניטא אזוי פיעל פערברעכער, וויא פיעל אין בינא.

דיא שטראפען פאר פערברעכען אין בינא זיינען שרעקליך בארבאריש. עס איז דא, צום ביישפיעל, א שטראפע, אז מען פיהרט ארום דעם פערברעכער אין טויזענד שטעדט און אין יעדער שטאדט שניידעט מען פון איהם אפ א שטיק. — וואס קען שוין זיין ווילדער און גרויזאמער פון אזא שטראפע?

און דענאך זיינען דא אין בינא מעהר פערברעכער, וויא אין יעדעס אנדערע לאנד. — דאס לעבען ביים בינעזען האט גאר קיין ווערטה ניט. וואס פאר א ווערטה קען האבען א לעבען פון הונגער נויט און עלענד?

רייזענדע, וועלבע האבען געזעהן, וויא מען טייטעט פערברעכער אין בינא, זיינען געוועזען ערשטוינט און איבערראשט צו זעהן, וויא רוהיג, קאלטבלוטיג און גלייבגילטיג דער פערברעכער געהט אליין צו צום הענקער (תליין) און שטרעקט אויס דעם קאפ, מען זאל איהם אפהאקען. דער טויט איז איהם ליעבער, וויא דאס לעבען.

ערשט ניט לאנג, אין 1860 האבען דיא כינעזען זיך ארומגעקוקט, אז מען מוז זוכען א קאנאל, דורך וועלכען מען זאל א ביסעל אפציעהען דיא צו גרויסע מאסע איינוואינער אדער, ריכטיגער געזאגט, בעפעלקערונג.

עס האט זיך אנגעהויבען אן עמיגראציאן. אבער וואוהין?—דאס נאהענסטע לאנד און דאס בעסטע לאנד איז אמעריקא.

אין אמעריקא איז דא גענוג לאנד. אין אמעריקא דארף מען האבען „הענד" און פאר גוטע „הענד" צאהלט מען א גוטען פרייז. — אין אמעריקא זיינען אלע גלייך — אמעריקא איז א פריי לאנד.—אלזא, זאל אמעריקא זיין דאס לאנד, וואוהין כינא זאל ארויסשיקען דעם איבערפלוס, דיא צו גרויסע מאסע פון זיינע בעפעלקערונג.

וואו נעהמט מען אבער געלד צו פאהרען קיין אמעריקא? דיא רייזע פון כינא קיין אמעריקא קאסט זעהר טהייער. אויף דעם ביליגסטען שיף קאסט דיא רייזע פון כינא נאך אמעריקא 60 ביז 70 דאלאר. וויא אזוי קען אן ארימער כינעזער, וועלכער האט ניט פון וואנען א טאג איבערצוקומען, אונטערנעהמען אזא טהייערע רייזע? און ווען מען קומט שוין קיין אמעריקא, מוז מען דאך עפעס האבען פון וואנען צו לעבען, ביז מען קריעגט א בעשעפטיגונג?

דארויף האבען זיך באלד געפונען בעלי טובות, וועלכע האבען זיך געזארגט פאר דיא קינדער פון'ם הימעלישען קייזערטהום. עס האבען זיך געבילדעט געזעל־שאפטען, קאמפאניעס, פון רייכע קויפלייטע און ספעקולאנטען, וועלכע האבען זיך צונויפגעלעגט געלד און האבען אנגעהויבען צו שיקען כינעזען קיין אמעריקא אויף זייער רעכנונג.

זעלבסטפערשטענדליך, אז דיעזע קאמפאניעס האבען עס ניט געטהאן פון גאטסוועגען. זיי האבען געמאכט א געשעפט. דער כינעזע, וואס האט געוואלט פאה־רען קיין אמעריקא, האט געמוזט אונטערשרייבען א קאנטראקט, אז ער איז שולדיג דער קאמפאני פינף ביז זעקס הונדערט דאלאר, וועלכע ער מוז בעצאהלען פון'ם געלד, וואס ער וועט פערדיענען אין אמעריקא.

עס האבען זיך געפונען זעהר פיעל כינעזען, וואס האבען אונטערגעשריעבען אזעלכע קאנטראקטען. זיי האבען געמוזט האלטען דעם קאנטראקט, ווייל ווען זיי זיינען געקומען קיין אמעריקא, האט זיי עמפפאנגען אן אגענט פון דער קאמפאני. ער האט זיי געגעבען עסען דיא ערשטע צייט און האט געזוכט פון זייערט וועגען ארבייט, ריכטיגער געזאגט, ער האט זיי פערדונגען צו פארמערס אדער צו פאבריקאנטען אויף עטליכע יאהר און האט אפגענומען זיין געלד.*)

---

*) איך וויל אומיסטען פערשטעלען מיינע לעזער א קאפיע פון אזא סארט קאנטראקט, אום זיי זאלען האבען א בעגריף, וויא אזוי מען מאכט אין כינא געשעפטען.

„א קאנטראקט צווישען יאי קוואנג פון טונג טשי און אה הא פון דערזעלבער שטאדט."

„אה הא בעט הערן יאי קוואנג, ער זאל איהם אויסבארגען 630 דאלאר אויף עסען, „קליידער און רייזע קאסטען פון טונג טשי ביז סאן פראנציסקא. פאר דיעזע סומע פער־„פפענדעט (גיט א משכון) אה הא זיין קערפער צו יאי קוואנג אויף פיער יאהר."

„אלעס, וואס אה הא וועט פערדיענען אין דער צייט פון פיער יאהר, זאל געהערן צו יאי „קוואנג. נאך דיא פיער יאהר מעג אה הא טהאן, וואס ער וויל. וויא פיעל ער וועט פער־„דיענען, געהערט צו איהם אליין.

„ווען אה הא וועט אנטלויפען, מעג יאי קוואנג נאך יאגען און איהם חאפען, וואו ער „וועט איהם טרעפען. אה הא האט דאן צו בעצאהלען פאר אלע אויסגאבען, וואס יאי קוואנג „וועט מאכען אום איהם צו געפינען.

„ווען אה הא וועט קראנק ווערן און וועט קרענקען מעהר אלס צעהן טעג, דארף ער

מען האט אבער דאך מורא געהאט, פיעללייכט אנטלויפט דער כינעזע, ווען ער קומט קיין אמעריקא, עס איז דאך א פריי לאנד, האט מען געבילדעט א געזעלשאפט פון שפיאנען און שפיר הינט אין אמעריקא, וועלכע האבען גוט אכטונג געגעבען אויף יעדען נייעם עמיגראנט. מען האט איהם גוט אפגעהיט און קוים איז ער אנטלאפען, האט מען איהם נאכגעיאגט און געבראכט צוריק צום פארמער, צו וועלכען דער אגענט האט איהם פערדונגען.

אז דיעזע קאמפאניעס האבען געמאכט גוטע געשעפטען, בעווייזט דער פאקט, אז אין 1860 זיינען געוועזען נור 2 אזעלכע קאמפאניעס, היינט זיינען שוין דא מעהר אלס 10 און אלע זיינען אונגעהייער רייך.

ווען דיא ערשטע פארטיע כינעזען איז געקומען קיין סאן פראנציסקא, האבען זיי דיא אמעריקאנער אויפגענומען, וויא מען נעהמט אויף אנדערע עמיגראנטען אין אמעריקא. פיעלע פארמערס, האטעלס און פאבריקאנטען זיינען זאגאר געוועזען זעהר צופריעדען. זיי האבען בעקומען ביליגע „הענד". אין קאליפארניען האט מען דאמאלס געדארפט האבען הענד און מען האט געצאהלט זעהר הויכע פרייזען פאר ארבייט.

באלד אבער האבען דיא אמעריקאנער איינגעזעהן, וואס פאר אן אונגליק דיא כינעזען זיינען פארן לאנד. עס האט אנגעהויבען אנצוקומען איין פארטיע כינעזען נאך דער אנדערער. אין 1875 זיינען געוועזען מעהר אלס הונדערט טויזענד כינעזען אין קאליפארניען אליין.

דיעזע כינעזען האבען דעם לאנד קיין נוצען נים געבראכט. דער כינעזע בראכט זעהר ווייניג. דיא קליידער, וואס ער ברענגט מיט פון כינא, זיינען פאר איהם גענוג אויף צעהן יאהר. ער טרינקט נים, ער וויים נים פון פערגניגען. ער געהט אין ערגעץ נים און פאהרט אין ערגעץ נים. דער ווייסער ארבייטער מוז אויסגעבען דאס געלד, וואס ער פערדיענט. ער מוז האבען קליידער פאר זיך, פאר זיין פרוי און פאר זיינע קינדער. ער טרינקט ביער, שנאפס און אנדערע געטרענקע. ער פערגינט זיך אמאל צו געהן אין א טהעאטער, אין א מוזעאום; ווען ער האט געלד, פערגינט ער זיך צו קויפען אן אוהר, מעבעל און אנדערע לוקסוס ארטיקעל. קורץ, ער נים אויס דאס געלד, וואס ער פערדיענט.

דער כינעזער אבער קען אין דיא ערשטע פיער — פינף יאהר, ווען ער קומט קיין אמעריקא, נים אויסגעבען א סענט. וויאפיעל ער פערדיענט, נעהמט צו דיא קאמפאני, וואס האט איהם געבראכט, און שיקט עס אוועק קיין כינא. — ער שלעפט ארויס דאס געלד פון'ם לאנד.

דער כינעזער, אדער דער געלער ארבייטער (מען רופט זיי דיא געלע, ווייל דיא פארב פון זייער געזיכט איז ברוין געל) קומט אליין; ער האט נים קיין פרוי, נים קיין קינד מיט זיך. ווען ער לעגט זיך צונויף עטליכע הונדערט טהאלער, אנטלויפט ער היים, קיין כינא.

ביי דיא כינעזען איז נאך דא אן אבערגלויבען, אז ווער עס איז נים בעגראבען אין „הייליגען לאנד", אין כינא, דער האט נים קיין יענע וועלט. זיי שליעסען דאהער א קאנטראקט, אז נאכ'ן טוידט זאל מען זייערע לייבען צוריקשיקען קיין כינא. צו

„פאר יעדע צעהן טעג, וואס ער וועט קראנק זיין, אפדיענען א מאנאט מעהר פון דיא גענאנטע פיער יאהר.

דיעזער קאנטראקט איז הייליג. אה הא האט איהם אליין גענומען אין דיא הענד.

געמאכט אין טונג טשי דעם 12טען יאהר, דעם 9טען מאנאט, דעם 14טען טאג."

(אויף אונזער שפראכע הייסט עס 5טען אקטאבער 1873)

דיעזער קאנטראקט איז פארגעשטעלט געווארען אין וואשינגטאן אין 1876 און פערלעזען געווארען אין אפענער פערזאמלונג.

א. טאנענבוים.

דיעזעם צוועק האבען זיך געבילדעט אנדערע געזעלשאפטען אין כינא, וועלכע זיינען אויך רייך געווארען.

דיא אמעריקאנער האבען אנגעהויבען איינצוזעהן, אז דיא כינעזישע עמיגרא־ציאן איז אן אונגליק פאר אמעריקא. כינא קען זעהר לייכט אריינשיקען עטליכע מיליאן פון איהרע „געלע" קינדער, וועלכע וועלען מיט דער צייט אפנעהמען אמעריקא. זיי וועלען פערדרענגען דעם ווייסען ארבייטער און דעם ווייסען קויפמאן.

אזוי האט זיך אנגעהויבען דיא געלע פראגע, אדער, וויא דיא אמעריקאנער האבען זיא זעהר וויציג גערופען The yellow pest, דיא געלבע פעסט. אמעריקא האט נור וואס געלעזט דיא שווארצע פראגע, דיא פראגע וועגען דיא נעגער און יעצט האט זיך זיי פארגעשטעלט דיא שרעקליכע געלע פראגע.

דיא פראגע איז געווען אזוי: דיא כינעזען ברענגען נור שאדען. אלזא, דארף מען זיי ניט אריינלאזען. אבער דיא געזעצע פון דיא פעראייניגטע שטאאטען זאגען דאך, אז יעדער פרעמדער, וועלכער איז ניט קיין פערברעכער, מעג קומען קיין אמע־ריקא און ווערן א בירגער. — אלזא, וואס טהוט מען? מענשליכקייט און גערעכטיג־קייט פאָדערן, אז מען זאל אויפנעהמען יעדען עהרליכען עמיגראנט. וואס טהוט מען אבער, ווען מען ווייסט, אז דער עמיגראנט ברענגט נור שאדען?

אין 1876 האבען דיא איינוואוינער פון סאן פראנציסקא בערופען א גרויסע מאסענפערזאמלונג אום צו בעהאנדלען דיעזע וויכטיגע פראגע. זיי האבען בעשלאסען, אז מען זאל דיעזע פראגע פארשטעלען דעם קאנגרעס אין וואשינגטאן.

דער קאנגרעס האט ארויסגעשיקט א קאָמיטע פון געלערנטע און פראקטישע מענשען, זיי זאלען אונטערזוכען און אויספאָרשען דיא געלע פראגע. דאס קאָמיטע האט אריינגעבראכט זעהר א טרויעריגען בעריכט. אין דיעזען בעריכט געפינט זיך דער קאנטראקט, וועלכען איך האב פאָרהער געבראכט.

דער קאָנגרעס איז געווען געצוואונגען צו בעשרענקען דיא כינעזישע עמיגרא־ציאן. ער האט געמאכט א געזעץ, אז נור דער כינעזער מעג קומען קיין אמעריקא, וועלכער קומט אויף זיינע אייגענע קאָסטען. ער דארף צאהלען 50 דאלאר קאפּשטייער ווען ער קומט קיין אמעריקא און נאך אנדערע בעשרענקונגען.

וויא עס ווייזט אויס, האט דאס נאך אויך ניט געהאלפען, ווייל ערשט היינ־טיגעס יאהר, 1892, האט דער קאנגרעס געמוזט מאכען נאך בעשרענקונגען. יעדער כינעזע מוז ברענגען מיט זיך זיין פאטאגראפיע מיט'ן זיעגעל פון'ם אמעריקאנער קאנסול אין כינא.

דיא געלבע פראגע איז וויכטיג ניט נור פאר אמעריקא אליין.

ווען דיא כינעזען האבען דערזעהן, אז מען מאכט זיי שוועריגקייטען אין אמע־ריקא, האבען זיי זיך א ווארף געטהאן אויף אויסטראליען און האבען שיער ניט פער־פלייצט אויסטראליען, ווען דיא ענגלישע רעגירונג זאל זיי ניט געווען אויפהאלטען און בעשרענקען.

זיי האבען זיך א לאז געטהאן קיין קאנאדא, מעקסיקא, פערו, טשילי און דיא אנדערע רעפובליקען אין זיד אמעריקא. איבעראל אבער איז מען פון דיעזען סארט עמיגראנטען זעהר ניט צופריעדען. מען זוכט זיי איבעראל צו פערדרענגען און צו פערטרייבען.

אין פיעלע ערטער איז עס געקומען צו שלעגערייען און צו מערדערייען.

זיי זיינען פערהאסט ניט אזוי פיעל פאר זייערע בעשעפטיגונגען און פאר זייער ארט צו לעבען אלס פאר זייער פערדארבענעם כאראקטער.

וואו זיי קומען, עפענען זיי שפיעל הייזער — געמבלינג דענס — און אנדערע אונמאראלישע הייזער. קיין שווערע ארבייט טהוען זיי ניט. זיי קענען ניט זיין קיין

שניידער, קיין שוה מאַכער, קיין שמיעדען, קיין מאהלער און קיינע ארבייטען ביי מאשינען. זיי קענען זאגאר ניט ניצען ביי פארמער, ווייל זיי זיינען ניט בעקאנט מיט דער ארט פון בעארבייטען דיא ערד, וועלכע ווערט געברויכט אין אמעריקא.*)

זיי זיינען נור גוטע גערטנער און קענען זעהר גוט בעארבייטען פרוכט ביימער און גארטען פריכטע. אין דיעזע ארבייטען זיינען זיי גרויסע קינסטלער. דערפאַר אבער האבען זיי זעהר אַ שלעכטען מאָראַלישען כאַראַקטער.

זיי רויכערן אָפּיום. דאס איז אַ גיפט, וועלכער ווירקט לאנגזאם, טייטעט אבער דעם מענשען קערפּערליך און גייסטיג. ווער עס ווערט געוואינט צו דיעזען גיפט, דער פערליערט אלע פעהיגקייטען צו דענקען און צו טראַכטען. ער ווערט קינדיש. דיא כינעזען האבען איינגעפיהרט דיעזעס גיפט אין אמעריקא.

מען קען נאך היינט אפט לעזען אין דיא צייטונגען, אז דיא פּאליציי האט אויסגעפונען א נעסט פון אפּיום רויכער, מענער און פרויען.

דיא נעלע פראגע איז נאך ניט געלעזט אין אנדערע לענדער. ריכטיגער געזאגט, זיא הייבט זיך דארט ערשט אן. זא צום ביישפּיעל, אין רוסלאנד און דייטשלאַנד.

זייט א געוויסע צייט האבען דיא כינעזען אנגעהויבען צו עמיגרירען קיין רוסלאנד. זיי זיינען יעצט פארזיכטיגער געווארען און עמיגרירען ניט מיט א מאל, מאסען ווייס, זאנדערן אין גאנץ קליינע פּארטיען. מען טרעפט שוין כינעזען אין אדעסא, קיעוו, כאַרקאָוו, מאסקווא און פּעטערבורג. דיא רוסישע רעגיערונג איז צופיעל בעשעפטיגט מיט דיא ניהיליסטען און מיט דיא אידען און קוקט זיך נאך דערווייל ניט אום אויף דיא כינעזען. זיא וועט עס אבער באלד דערפיהלען.

מען טרעפט שוין כינעזען אין בערלין, דרעזדען, לייפּציג או שטוטגארד. עס איז געווען זאגאר א צייט, ווען מען האט גערעדט אין דייטשען פּארלאַמענט, אז מען זאל אנהייבען ארייננצופיהרען כינעזען, ווייל דיא דייטשען האבען אנגעהויבען שטארק צו עמיגרירען קיין אמעריקא און דיא דייטשע פּאבריקאנטען האבען מורא געהאַט, זיי זאלען ניט בלייבען אהן „הענד“, ריכטיגער געזאגט, אהן ביליגע „הענד“.

אין דייטשלאנד אבער געפינען זיך גענוג קלוגע און געלערנטע מענשען, וועלכע קענען זעהר גוט דיא געלע פראַגע און זיי האבען עס ניט דערלאזען. דיא דייטשע רעגיערונג קוקט דערווייל נאך גלייכגילטיג אויף דיא כינעזישע עמיגראַציאָן.

כינא אבער מוז דאך לויז ווערן פון איהרע צו גרויסע בעפעלקערונג. דיא כינעזען געפינען אלערליי מיטעל זיך ארייננצושמוגלען אין פרעמדע לענדער. וואס וועט זיין דאס ענדע?

ווער קען זיין אזוי קלוג צו לעזען דיא געלע פראגע?

איך האב ערקלערט מיינע לעזער דיא געלע פראגע אויס צוויי אורזאכען. ערשטענס, מיר וואינען אין אמעריקא און דארפען בעקאנט זיין מיט אַ פראַגע, וועלכע איז פאר יעדען אמעריקאנער פון דער גרעסטער וויכטיגקייט. צווייטענס, ווייל עס איז דער שלאַגענדסטע ביישפּיעל, וויא נויטווענדיג דיא עמיגראַציאָן ווערט פאר יעדעס פאלק און וויא קאַפּיטאן גראנט האט געהאַט פּאָלקאָמען רעכט, וואס ער איז ארומגעפאהרען אויף אלע מעערע זוכען א אינזעל אדער א לאנד, וואו ער זאל קענען גרינדען א קאָלאָניע פאַר שאַטלענדער.

ענגלאנד, דייטשלאנד און פראַנקרייך האבען שוין לאנג איינגעזעהן, אז אין זייערע לענדער זיינען שוין דא צופיעל מענשען. זיי האבען געוואוסט, אז עס איז דא אן אמעריקא, וואוהין זיי קענען עמיגרירען. דער, וואס פאהרט אבער ארויס קיין אמע=

*) איינער פון דיא מיטגליעדער פון קאמיטע, וועלכעס דיא אמעריקאַנער רעגיערונג האָט געשיקט קיין קאַליפאָרניען אויספאָרשען דיא געלע פראַגע, סענאַטאָר לעסלער, רעכענט ארום 68 מלאכות, האַנדווערק, מיט וועלכע דיא כינעזען בעשעפטיגען זיך ניט.

ריקא, דער וויל שוין מעהר ניט וויסען פון קיין קייזער און קיין הערשער. ער טהוט נאך ערגער: ער שלעפט נאך ארויס זיינע פריינד און בעקאנטע, — יונגע, קרעפטיגע מענשען, פון וועלכע דאס לאנד קען האבען נוצען.

דאס טויג ניט דיא הערשער און רעגיערער. מען מוז זוכען א מיטעל, מען זאל לויז ווערן פון דער צו גרויסער בעפעלקערונג און מען זאל זיי דאך האלטען אין דיא הענד. — אלזא, וואס טהוט מען?

מען האט אויסגעפונען, אז דאס בעסטע איז צו גרינדען קאלאניען אין פרעמדע לענדער. ענגלאנד ישיקט זיינע צו גרויסע בעפעלקערונג קיין אויסטראליען און קאנאדא. פראנקרייך האט אפגענומען דאס לאנד אלזשיר אין אפריקא און זוכט אלע מעגליכע מיטעל צו ציעהען אהין מענשען פון פראנקרייך.

דייטשלאנד נעהמט יעצט אפ לענדער אין אסט אפריקא און וויל דארט גרינ־דען קאלאניען.

וואס טהוען אבער דיא הערשער פאר זייערע קאלאניען? — גאר נישט. ווען דער עמיגראנט קימט צופאהרען אין ווייטען לאנד, אין אפריקא אדער אויסטראליען, אויף זיין אייגענע רעכנונג, גיט איהם דיא רעגיערונג דיא מעגליכקייט צו קויפען ביי איהר לאנד אויף אפצאהלונגען. דאס איז אלעס. זיא מאכט דאביי א געשעפט, פון וועלכען זיא האט א דאפעלן נוצען: זיא נעהמט געלד פארן לאנד און האט נאך אן אונ־טערטהאן, וועלכער דארף זיין א סאלדאט און צאהלען שטייער.

קאפיטאן גראנט׳ס אידעע איז געווען א גאנץ אנדערע. ער האט געוואלט אויסזוכען ערגעץ א פריי לאנד, צונויפנעהמען עטליכע הונדערט פאמיליען פון זיינע לאנדסלייט און ארויספיהרען זיי אין דאס נייע לאנד. דארט זאלען אלע ארבייטען און אלע זאלען גלייך האבען אן אנטהייל אין דער פראדוקציאן פון זייערע ארבייט.

ער האט געוואלט בעפרייען זיינע לאנדסלייט פון דיא שלעכטע זייטען פון דער היינטיגער ציוויליזאציאן. מענשען וואינען אין גרויסע שטעדט געענגט און געדרענקט צונויפגעפאקט, וויא הערינג אין א פאס. זיי ווערן פערדארבען קערפערליך און גייסטיג.

פון דער ענגער, שלעכטער לופט בעקומען זיי אלערליי קראנקהייטען, וויא סקראפעל (זאלאטוכא), דיא ענגלישע קראנקהייט (שוואכע ביינער) און דיא געפעהר־ליכסטע פון אלע קראנקהייטען — דיא שווינדזוכט.

מאראליש ווערן דיא קינדער פערדארבען, ווייל זיי זעהן אלע שלעכטע זאכען פון זייערע עלטערן אדער פון פרעמדע און לערנען זיך אפ פון זיי. מיר זעהן אין ניו יארק, אין לאנדאן און אלע גרויסע שטעדט, אז עס קומען אפט פאר קינדער פון 8 — 10 יאהר, וועלכע זיינען טויט שיכור, גנבנען, רויבען און מארדען זאגאר.

אזא פאל איז ניט לאנג פארגעקומען אין בריסעל פאר א געשווארענעם געריכט דריי יונגען פון 10 ביז 13 יאהר און א מעדכען פון 12 יאהר האבען געוואינט צוזאמען. דאס מעדכען איז געוועזן דיא ווירטהין און דיא פרוי פון אלע דריי. זיי האבען געוואינט ערגעץ אין א קעלער און האבען געלעבט פון בעטלען און גנבענען.

איינמאל, ווען דיא געשעפטען זיינען געגאנגען שלעכט און מען איז געווען הונ־געריג, האבען זיי אויסגעפונען, אז אין אן איינזאמער וואינונג געפינט זיך אן אלטע פרוי. זיי האבען געמיינט, אז זיא האט געלד. זיי האבען אויסגעבראכען א פענסטער און האבען ערמארדעט דיא אלטע פרוי.

קינדער זיינען, וויא פלומען אין א קארב. ווען מען רייסט זיי נור אפ פון׳ם בוים זיינען זיי ריין, שעהן און בעדעקט מיט אן אנגענעהמען בלויען האוך. קוים הייבט מען זיי אן ארומצופיהרען, רייבען זיי זיך איינער אן דעם אנדערן, פערליערען דעם בלויען האוך פון אונשולד און ווען נור איינע פון זיי איז פויל אדער [illegible] ווערן זיי אלע פערפוילט און פערדארבען.

דאס האט קאפיטאן גראנט געוואָלט פערהיטען. ער האט געוואלט גרינדען א נייע געזעלשאפט אויף א גאנץ נייעם פונדאמענט. — א געזעלשאפט פון גלייכע מענשען, א געזעלשאפט פון קלוגע מענשען, וועלכע זאלען זיך פעראייניגען און צוזאמען קעמפפען געגען דיא נאטור און געגען אלע שוויעריגקייטען אין לעבען.

וויכטיגער פאר אלעמען איז דיא קאָלאָניזאציאָנס פראגע פאר אונז אידען, בעזאָנדערס פאר דיא רוסישע אידען.

רוסלאנד איז געפאלען אויף א גוטען שכל, וויא אזוי לויז צו ווערן פון דיא אידען. — זיא וויל מאכען פאר זיי א קינסטליכעס כינא. זיא טרייבט זיי צונויף אין געוויסע גובערניעס און אין גרויסע שטעדט, וואו זיי ווערן אזוי געדרענגט און אזוי געענגט, אז זיי מוזען אויפפרעסען איינער דעם אנדערן, וויא דיא העכט, וועלכע מען פערשפארט אין א קליינעם טייך.

פאר דיא רוסישע אידען איז יעצט דיא קאָלאָניזאציאָן נאטהווענדיגער, וויא פאר יעדעם אנדערע פאלק. וואוהין אבער עמיגרירען? דאס איז דיא פראגע.

איך האב אומיסטען בעשריעבען אויסטראליען און דאס לעבען פון דיא קאָלאָניסטען דארטען פיעל מעהר און דייטליכער, וויא זשול ווערן האט עס געטהאן, ווייל נאך מיינער מיינונג איז אויסטראליען פיעל בעסער און פאסענדער פאר א קאָלאָניע אלס ארגענטיניען.

דיא לופט אין אויסטראליען איז זעהר געזונד. דאס קלימאט איזווארם. אלע לעבענסמיטעל זיינען ביליג און ווער עס וויל נור ארבייטען, קען דארט זעהר לייכט געפינען א בעשעפטיגונג.

איך וויל ניט רעדען איבער באראן הירש'ס פלאנען, ווייל איך ווייס זיי ניט און פערשטעה זיי ניט. איך ראטה אבער יעדען, ווער עס איז געצוואונגען צו עמיגרירען פון רוסלאנד ניבער צו פאהרען קיין אויסטראליען אלס קיין ארגענטיניען.

געוויס, וואלט פיעל בעסער געווען, אז דיא עמיגראציאן זאל זיין בעסער איינגעארדערט, ניט אז יעדער זאל פאהרען, וואוהין ער קען, וואוהין זיינע רייזע קאסטען ערלויבען איהם.

דער פלאץ ערלויבט מיר ניט צו ערקלערן אויספיהרליכער קאפיטאן גראנט'ס פלאן. איך האף אבער, אז מיינע לעזער וועלען מיר געבען דיא געלעגענהייט זיך אויסצורעדען אין אן אנדער ווערק, וועלכע איך וועל זיי באלד געבען.

איך האף, אז מיר וועלען זיך נאך א מאל בעגעגענען מיט לארד גלענארוואן, מיט מאיאר און מיט'ן פראפעסאר פאגאנעל. זיי זיינען אלע זעהר גוטע מענשען און מיט גוטע מענשען איז זעהר גוט זיך צו בעגעגענען.

עס איז זעהר מעגליך, אז זיי וועלען דאן הייסען אנאנדער נאמען, ווייל דיא העלדען פון ראמאנען און ערצעהלונגען האבען זעהר ליעב צו ענדערן זייערע נעמען. איך אבער וועל מיך ניט ענדערן און וועל שטענדיג בלייבען אייער פריינד

א. טאנענבוים.